STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05609

DI SHPETE YORSHIM

Shmuel Izban

*Permanent preservation of this book was made possible
by Cheryl Eisberg Moin
in honor of
her daughters, Erica Fara Moin & Hayley Donna Moin*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל איזבאן

די שפּעטע יורשים

ראָמאַן

פאַרלאַג „יידיש"
עקוואַדאָר 637
בוענאָס איירעס, 1955.

SAMUEL ISBAN

DI SHPETE YORSHIM

(THE HEIRS WHO ARRIVED LATE)

LOS HEREDEROS TARDIOS

NOVELA

EDITORIAL "IDISCH"
Ecuador 637
BUENOS AIRES

סאַראַ'ן

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine
Copyright by:
Samuel Isban (New York)

ביז איצט דערשינענע ביכער פון שמואל איזבאַן:

מאַסן (ראָמאַן)

נאָכן שטורעם (דערציילונגען)

קווער 1914—1918 (ראָמאַן)

אויף רושטאָוואַניעס (דערציילונגען)

צווישן הונדערט טויערן (דערציילונגען)

בבית הדין (דערציילונגען, העברעיש)

„אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימים (די געשיכטע פון די מעפּילים־שיפן)

פאַמיליע קאַרפּ (ארץ־ישראל־ראָמאַן, 2 בענדער)

אנשי בית קרפ (ראָמאַן, דערשיינט אין העברעיש)

די שטאָט פון צאָרן (ניו־יאָרקער דערציילונגען)

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

— 1 —

נאָכן שווערן מיטאָג האָט איסר יאַגאָדע, דער שדכן פון נאָרפאָלק־סטריט — אַ מאַנסביל פון וואָג און מאָס — אַראָפּגעשלונגען דאָס דריטע קאַפּסול קעגן האַרץ־ברענעניש און אָנגעטאַפּט דעם אייגענעם דופק. ער האָט אויסגעזופּט אַ האַלב גלאָז מינעראַל־וואַסער ווי אַ ביטערן געטראַנק, און אויף די שפּיץ פינגער געמומען זיך טראָגן איבערן שמאָלן אַלקער.

פון ערגערניש איז אַלץ אויף אים געווען אומבאַקוועם. די ווייכע שטעק־שיך האָבן געריבן די הינער־אויגן. דער רויטער סאַמעטענער שטוב־כאַלאַט האָט אָנ־געהייצט דאָס לייב. די אונטערוועש האָט געביסן די הויט און אין מאָגן האָט געדריקט גלייך ווי די קאַפּסולן, וואָס ער נעמט דריי מאָל אַ טאָג, וואָלטן געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.

אינמיטן די שטילע תרעומות איז איסר יאַגאָדע געקומען צום אויספיר, אַז שדכנות האָט נישט ביי אים קיין גוטע מערכה. די קאָכלעפל פון די נייע קאָנגרע־גיישאָנס האָבן פאַרכאַפּט די גאַס. די כלי־קודש ווערן אויסגעריסן. מען האַלט נאָר אין ריזיקירן. דאָס לעבן איז אַ ביזנעס, וואָס דעקט נישט די הוצאות. נאָך גוט וואָס ס׳ציט מיך צו קהלשער אַרבעט, — האָט ער זיך אַליין באַרויִקט — אויב נישט חיי־שעה, וועט מינדעסטנס בלייבן חיי־עולם...

ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ פּיר־עקיקן, אָפּגעריבענעם וואַנט־שפּיגל, וואָס איז געהאָנגען איבער דער קאָמאָדע. זיין אייגן אָפּבילד איז אים נישט גע־פעלן געוואָרן. דאָס פעטע, מילכיקע פּנים, אָן אַ טראָפּן קאָליר, איז געוואָרן צעיוירן דורך די לעצטע פינף יאָר, די פּלאַטשיקע נאָזלעכער זענען צעשפּרייט. די נאָכהענגענדיקע גאָמבע פעלדלט זיך ווי אַ דריי־גאָרנדיקע טרעפּ. אין די פאַרלאָפענע אויגן שווימט אַרום אַ מוטנעקייט. אויפן קין זעט מען קוים עטלעכע שפּראָץ־האָר, ווי ביי אַ סריס, און דאָך שמט ער אויף נאָרפאָלק־סטריט אַלס אַ ווילדער ווייבערניק.

ער האָט געמאַכט עטלעכע שפּרייזן צום פענצטער און אינמיטן וועג באַ־טראַכט די מעשענע און קופּערנע חפצים אין דעם פאַרגלאָזטן שענקל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים קיילעכדיקן וואַנט־זייגער און אַ הויכן געניץ געטון. דער שוואַרצער ווייזער, ווי אַ פייל, איז געשטאַנען אויפן אָפּגעריבענעם ציפער דריי. ער האָט געכאַפּט אַ קוק דורך די שויבן אויף דעם בלוילעכן שניי, וואָס איז

געלעגן איבער די דעכער אַנטקעגן. דער פּראָסט פון שפּעט־דעצעמבער האָט געפּלאַצט. די קאַרגע זון־שטראַלן, וואָס האָבן דורכן טאָג געשמאָלצן די שניי־דעקעס, זענען אויסגעגאַנגען אויף די קאַרניזן פון די הייזער. ס׳ווערט שפּעט!

— האָט איסר יאַגאָדע אויסגעפּירט — דער מעת־לעת דרייט זיך ווי אַ קאַרוסעלע... די שעהן רינען אויס מיטן ליכט פון טאָג. ס׳איז שוין באַלד צייט זיך איבערצוטאָן און זיך גרייטן צום צדקה־באַנקעט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן. אויב כ׳וועל זיך נישט איילן, וועל איך נאָך פאַרשפּעטיקן היי־יאָר די הינער־סעודה. און דאָ ליגט אויף מיין קאָרק אַן עול. כ׳מוז שלום מאַכן צווישן אַ שווער מיט אַן איידעם. כ׳האָב פאַרשדכנט אַ גר צו אַ פּליכטלינג־מיידל, אָבער דעם טאַטן פון דער כלה שטייט נישט אָן דער שידוך!

דורך דער קיך־טיר איז מיט האַסטיקע טריט אַריינגעקומען דאָס ווייב, רייטשל, אַן אויסגעבעטע, אַן אויסגעכאַליעטע אין אַ פּאָר גאָלדלעך־שוואַרצע פּאַזשאַמעס, צוגעשניטן ווי אַ כינעזישע קימאָנע. דאָס אויסגעגלעטע פּנים איז געווען פריש אויסמאַסאַזשירט. די ברוינלעכע האָר, צעטיילט אין שטייפע צעפּלעך און איינגעקוועטשט אין קלאַמערן, ווי דער קאָפּ וואָלט נאָר־וואָס אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער פּרעס־מאַשין אינעם שיינהייטס־סאַלאָן. רייטשל איז געווען דעם שדכנס צווייטע פרוי. זי האָט געהאַט די חוצפּה פון אַ צעפּיעשטשעטע קעבס־ווייב. בעת די קריגערייען האָט זי איסרן צוערשט געזאָגט מוסר, ווי אַ מאַמע, און באַלד דערנאָך אים געזידלט ווי אַ בייזע שוויגער.

רייטשל האָט פאַרפעסטיקט אַ נאָכהענגענדיק צווענגל אין אירע האָר. זי האָט פאַרשנדיק אַ קוק געטון אויף איר מאַן און זיך אָנגערופן:

— מיט דעם נייעם חתן, דעם שפּאַניער, האָסטו זיך נישט געדאַרפט אַזוי איילן, איסר.

— ר׳איז אַ גר, רייטשל.

— ביי מיר איז ער נאָך אַלץ אַ שפּאַניער.

— געדענק רייטשל, ר׳איז אַ גר און אַ חתן! — האָט איסר יאַגאָדע שטיל זיך געבייזערט.

— צי ס׳יידישע פאָלק וויל אים פאַר אַ גר ווייס איך נישט, אָבער אַז דער כלהס טאַטע וויל אים נישט פאַר אַן איידעם — אין דעם בין איך זיכער.

— זיי נישט קיין רכילותניצע, רייטשל. מיש זיך נישט אין קיין משפּחה־מחלוקת. ס׳אַלרייט, צווישן טאַטע און טאָכטער וועט זיך שוין אַלץ אויספּרעסן.

— ס׳עט זיך שוין גאָרנישט אויספּרעסן! מ׳האָט מיך נאָר וואָס גערופן אויפן טעלעפאָן.

— ווער האָט גערופן?

— ווער מיינסטו? זיין שווער! דער כלהס טאַטע! ר׳איז אויפן וועג אַהער. וועסט כאַפּן פון דעם גרינהאָרן דעם אמתן גאָב!

— וואָס וויל ער פון מיר?

רייטשל האָט אויסגעשטרעקט איר רעכטע האַנט מיט פינף נאַקעטע פינגער, קורצע, פּוכיקע ווי קישעלעך. זי האָט צוזאַמענגעקלאַפּט אירע רויטע, באַשמירטע ליפּן ווי פּעטע וווּרשטלעך, און גערעדט מיט אַ פילדערנדיק קול.

— דו מוזט איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשליסן, איסר. ביזט אַ שדכן צי אַ קהל־פאַרזאָרגער? אויב ס׳איז דיר נישט באַשערט קיין בעסערע פּרנסה, בלייב כאָטש ביים שדכנות. אַ שדכן פאַראומגליקט כאָטש נאָר צוויי מענטשן, אָבער אַ קהלשער קאָכלעפל צעטרייבערט אַ גאַנצע משפּחה.

איסר יאַגאָדע האָט געקוקט אויף רייטשלען ווי אויף אַ שונא. יעדעס מאָל ווען זי האָט געעפנט ס׳מויל און געשאָטן מיט מוסר־רייד, האָט ער געוואָלט פאַרהאַקן די טיר. ער האָט פיינט געהאַט אירע כינעזישע פּאַזשאַמעס און איר קאָפּ מיט די אויסקאָרבירטע צעפּלעך. אַפילו אירע פעטע, אויסגעכאָליעטע פינגער האָט ער נישט פאַרטראָגן. אַ פּרויענצימער, אַן עזותניצע! — האָט ער געטראַכט — דאָס רעכנט זיך גאָרנישט מיט איר עלטער. ס׳גייט אָנגעטאָן ווי אַ קונצן־מאַכערין אין צירק. ווי קומט זי זיך צו מישן אין מאַנסבילישע זאַכן? אויפן וועג צו דער חופּה האָט ער זי נישט געפרעגט צי זיין פּרנסה געפעלט איר. און זי האָט גאָרנישט אינוועסטירט אין די שדכנות־ביזנעס, אַז זי זאָל מעגן זאָגן דעות. אַזאַ מזל האָט ער שוין צו די ווייבער! ביי דער ערשטער האָט ער אויסגעהאַלטן איין יאָר. מיט דער צווייטער וועט דער פאַראַד קיינמאָל זיך נישט ענדיקן...

— אשה פּתיה — האָט דער שדכן פאַרלוירן אַ לשון־קודשדיק זאָגעלע אויף די ליפּן — וואָס ווייס זי דעם באַדייט פון אַריינפירן אַ גר אין עדת ישראל? קריסטלעכע יונגעלייט זענען זיך מגייר יעדעס יאָר. איינער טוט עס אויס פּאַר־ליבעניש אין אַ ייִדיש מיידל. אַ צווייטער — צוליב דער שווערס קעשענע, אַ דריטער פאַר אהבת ישראל. ווי קומט דאָ אהבת ישראל? — האָט ער אַליין געשפּאָסט פון דעם איינפאַל — פּתי יאמין לכל דבר, ס׳אַן אויסטראַכטעניש! רייטשעל איז אפשר גערעכט, אַזוינע צדיקים, וואָס ווילן נעמען אויף זיך דעם ייִדישן עול, דרייען זיך נישט אַרום אויף נאָרפאָלק־סטריט.

— 2 —

איסר יאַגאָדע האָט געמאַכט אַ פּאָר שריט נענטער צום ווייב. אין קאָפּ האָט ער אָפּגעשטריטן רייטשלס בלבול, אַז זיין שדכנות־פּראָפעסיע האָט צו טון מיט קהל־פאַרזאָרגעריי. אָבער מיטן מויל האָט ער דאָס אָפּלייקעניש נישט אַרויסגע־בראַכט. אויף די ליפּן האָט ער צוגעקליבן אַנדערע ווערטער:

— שדכן צי קהל־פאַרזאָרגער, רייטשל. ביז כ׳על באַשליסן וואָס איך בין, וויל איך, דו זאָלסט דערווייל אַכטונג געבן אויפן נייעם חתן.

— וואָס איז דאָ אַכטונג צו געבן אויפן ערל?

— ר׳איז נישט קיין ערל. כ׳בעט דיך, רייטשל, ר׳איז געייִדישט און ער הייסט אברהם ראובן.

— און אַז ער איז געייִדישט, זאָל איך אים אַריינזעצן אין אַ שויבן־שענקל? און וואָס רופסטו אים עפּעס אברהם־ראובן? אין פּאַספּאָרט שטייט ער פאַרשריבן

ראָבערטאָ עסטיבאַנעז... כ'ווייס שוין נישט וואָס דער יחוס זיינער איז. ווער איז ער? אַ מעקסיקאַנער? אַ שפּאַניער? אַ פּאָרטאָריקאַנער?

— וואָס ביסטו, אַן אימיגראַציע־אינספּעקטאָר? מאַך מיר נישט קיין צרות, ייִדענע!

— די צרות וועלן אַליין קומען אין הויז אַריין. די צרות פֿאָרן שוין אין דער סאָבוויי... זיין שווער ירמיה פּאַנץ איז שוין אויפֿן וועג אַהער. הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, ער'ט נאָך דערלאַנגען דיין גר מיט די פּויסטן.

ביים שדכן זענען די מוטנע אויגן זיך פֿאַרלאָפֿן. צום וויפֿלטן מאָל איז ער איצט געקומען צום אויספֿיר, אַז ס'איז געווען אַ משוגעת חתונה צו האָבן מיט אַ רומענישער אלמנה. די רומענישע זענען ערגער פֿון די ליטוואַקעס. זיי זענען גייציק נישט בלויז מיט דעם ביסל אייגנס, נאָר אויך, מיט יענעמס. ס'אַ וווּנדער ווי איר ערשטער מאַן האָט אויסגעהאַלטן מיט איר פֿינף יאָר! קאַרגשאַפֿט האָט אויך מדרגות. אַז דאָס ט'נישט דערלאַנגען אַ גלאָז אַראַנזש־זאַפֿט צו אַ גאַסט, אַ חתן־בחור! אַלץ וואָס געפֿינט זיך דאָ אין הויז, איז זיין פּראַצע! די ייִדענע האָט נאָך קיין צעבראָכענעם ניקל פֿון איר קניפּל נישט אַריינגעלייגט! גיין אַרבעטן אין שאָפּ וויל זי נישט, כאָטש זי איז אַ גוטע צושניידערקע ביי קליידער. פֿאַר אַ קראַנקנשוועסטער אין שפּיטאָל וועט זי זיך נישט אָנבאָטן, כאָטש זי איז אַן אויסגעדינטע נוירס. פֿרויען אַרבעטן היינט אין פֿאַבריקן, אין שעפּער, אין געשעפֿטן. אָנקל סעם האָט זיך שוין אָפּגעפּאָרטיקט מיט דער צווייטער וועלט־מלחמה אויך, אָבער מ'זוכט נאָך אַלץ אַרבעטס־הענט ווי מיט ליכט און דאָס זיצט אין הויז ווי אַ פּרינצעסין אויף קעסט! רייטשל איז אַ שותּפֿטע צום גרייטן און אַ חוצפּהדיקע שותּפֿטע! זי איז שפּאָרזאַם ווי אַ פֿוקס. פֿאַר וועמען שפּאָרט זי? צו די אַלע גליקן איז זי אַ געשטראָפֿטע עקרה. איר אָנצוהערעניש וועגן זיין שוואַכער זכרשאַפֿט האָט קיין האַפֿט נישט.

דער אָנגעזאַמלטער כעס און די פֿאָרווורפֿן האָבן ביי איסר יאַגאָדען גע־שפּאָרט ביז צום האַלדז. אויף די ליפּן זענען די פֿאָרווורפֿן געוואָרן געצוימט. ער האָט מיט די אויגן געציילט די באַגלידעטע קנעפּ פֿון רייטשלס בינעזישע פּאַדזשאַ־מעס. ווי זי פֿאַרטאַכלעוועט עס דאָס טיש־געלט אויף די שמאָנצעס! רייטשל האָט אַ צו לייכט לעבן. מען דאַרף זי טאַקע איינשפּאַנען אין דער אַרבעט. ער'ט באַלד מאַכן פֿון זיין אַלקער אַן אָפּיס מיט אַ סעקרעטאַרשע. פֿאַרוואָס זאָל רייטשל נישט פֿירן אַ רעקאָרד פֿון די שידוכים? פֿאַרוואָס טאַקע נישט פֿאַרציייכענען, אַז דער גוי, ראָבערטאָ עסטיבאַנעז איז אַ מציל נפֿשות? ער'ט אָפּגעראַטעוועט אין האַוואַנאַ אַ ייִדישע משפּחה פֿון דעפּאָרטאַציע. מ'האָט געוואָלט זיין כלהס עלטערן צוריקשיקן אין היטלער־לאַנד. דער יונגער גוי האָט דערזען די בת־יחידה און מיטן בליק האָט ער זי פֿאַרקנסט. ער האָט זיך מגייר געווען און זיך אויסגעקויפֿט מיט מילה. וואָס פֿאַר אַ דעה האָט דאָ דער פֿאַרעקשנטער טאַטע? זיין גרימצאָרן איז הוילע לצנות. זיינע פּראָטעסטן זענען נישט ווערט קיין שישקע פּולווער.

די שטומע טראַכטענישן האָבן איבערצייגט איסר יאַגאָדען, אַז דער חתן־בחור וועט געווינען. ס'יונוואַרג רייט היינט אויף אַלע וועגן. ס'איז זייער וועלט!

דאָס זאָגעלע „וארשתיך לי לעולם״... וועט מאַכן אַ תּל פון דעם שווערס אַלע אַרגומענטן.

ער האָט נאָכאַמאָל אָפּגעמאָסטן דעם ווייבס גאָלד־באַזוימטע פּאַדזשאַמעס. ער האָט חשק געהאַט איר צו זאָגן, זי זאָל אָנטון אַ ספּודניצע, אָבער ער האָט נישט געוואָלט ס׳זאָל זיך צעפּלאַקערן אַ קריגעריי. זי איז נישט קיין מיאוסע ייִדענע! — האָט ער זי מבֿיניש באַטראַכט — די צרה איז, וואָס זי טראָגט אויף זיך צופיל רוזש און נישט געגנוג קליידער.

אַ גרילצנדיקער קלונג האָט זיך צעטראָגן איבערן הויז. רייטשל האָט זיך אַ קער געטון אין דער ריכטונג צו דער קיך־טיר און באַלד חרטה געהאַט.

— ס׳מוז זיין דעם גרס שווער, — האָט זי געזאָגט — וואָס זאָל איך טון?

— עפן, אָבער מיש זיך נישט אַריין ווען כ׳על צו אים רעדן.

— כ׳קען זאָגן מיין מיינונג.

איסר יאַגאָדע האָט צענומען זיינע הענט:

— פּאַרוואָס האָסטו ליב אַריינצושטעקן דיינע צוויי סענט אין יענעמס משפּחה־געשעפטן? דער גר מעג התונה האָבן מיט זיין טאָכטער כדין וכדת! דו האָסט געפרעגט ביי דיין טאַטן עצות? אברהם ראובן איז אַ קובאַנער און אין קובאַ צערעמאָניעט מען זיך נישט. ס׳אַ היציק פֿאָלק. דער חתן זאָגט: כי טוב! די כלה זאָגט: הנני! און ס׳איז אָפּגעטון! די איינגעשפּאַרטע טאַטע־מאַמע מאַכן זיך בלויז צום נאַר...

רייטשל האָט גיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ ראָזעוון שטוב־כאַלאַט און אַ רגע שפּעטער האָט זי אַריינגעפירט אַ ברייטלעכן מיטליאָריקן מאַנסביל מיט אַן אַש־גרוילעך פּנים, פאַרכמורעט און פאַרזויערט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אים געווען אַ בעל־חוב. עס איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל מיט אַ פוטער־קאָלנער. אויפן גרויסן קאָפּ איז געזעסן אַ רונדיק, האַריק היטל ווי אַ רוסישע פּאַפּאַכע. נאָכן וואָרפן דעם ערשטן בליק אויפן אַלקער האָט ער אָפּ־געמאָסטן איסר יאַגאָדען ווי אַ גזלן. ער האָט זיך נישט אָפּגערוקט פון דער טיר און אָנגעהויבן אויף אַ קול:

— שדכן! איך בין ירמיה פּאַנץ, דינהס טאַטע... כ׳בין געקומען אייך זאָגן קורץ און שאַרף...

מיט שטומע הענט־צייכנס האָט איסר יאַגאָדע געגעבן דעם גאַסט צו פאַר־שטיין, אַז מ׳דאַרף רעדן שטילער צוליב די שכנים אויף יענער זייט וואַנט. דער ייִד האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשטעלן:

— פאַרמאַכט מיר נישט ס׳מויל. כ׳בין געקומען אַהער רעדן...

איסר יאַגאָדע האָט צוגעפירט דעם ברייטלעכן ייִד צום ספרים־אַלמער, וווּ אויף דער אויבערשטער פּאָליצע איז געשטאַנען אַ מעשענע מנורה. ער האָט אים דערלאַנגט די האַנט:

— מיסטער פּאַנץ? שלום־עליכם! איך בין איסר יאַגאָדע, צופרידן, שטאַרק צו־פרידן וואָס מירן זיך קענען דורכרעדן.

— ס׳עט גאָרנישט העלפן, שדכן, איר קענט מיך נישט, איך בין איינ־געשפּאַרט ווי אַן אָקס...

— אָקס צי נישט אָקס. איך אַליין בין אויך נישט פון די היץ־קעפּ ווען ס׳קומט צו מאַכן אַ באַשלוס. כ׳קען אייך ווינציק, מיסטער פאַנץ, אָבער כ׳מוז אייך זאָגן, איר זענט אומגערעכט.

— אַרויסגעוואָרפענע רייד! כ׳על נישט נעמען קיין שפּאַניער פאַר אַ מחותן.

— וואָס טויג אונדז דער מחותן? דאָ קומט דער חתן אין חשבון און ער הייסט איצט אברהם ראובן... ר׳איז אַזאַ ערלעכער זאַקפּייפער ווי אונדזערע בראָנז־ווילער זיידענע יונגעמאַנטשיקעס, וואָס ליגן ביי די ביליאַרד־טישן און אין די ביר־סאַלאָנען.

רייטשל איז געשטאַנען אַ צעפלאַמטע מיט אָנגעשטעלטע אויערן און מיט שרפהלעך אין די אויגן, ווי ס׳וואָלט זיך דאָ געהאַנדלט אין אַ געפעכט, וואָס צוויי מאַנסבילן גייען פירן צוליב איר. מיט די נאָזלעכער האָט זי דערשנאַפּט, אַז דער גאַסט איז אַ בייזער ייד. איסר יאַגאָדע האָט אַ וווּנק געטון, זי זאָל אַרויס פון אַל־קער, אָבער רייטשל האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע. זי איז געבליבן שטיין, איינ־געוואַקסן ווי אַ פעלדז. זי האָט נאָך צוגעוואָרפן איר מאַן אַ פּאָר פלעמלדיקע בליקן.

פון פאַרלעגנהייט האָט איסר יאַגאָדע ווידעראַמאָל זיך געשטעלט פאַר דער קאָמאָדע. דורכן שפּיגל האָט ער אַ מעסט־אָפּ געטון רייטשלס געשטעל און געטראַכט, אַז וואָס מער אַ פרוי שעמט זיך, אַלץ בכבודיקער איז זי. רייטשל שעמט זיך נישט, זי איז פרעך מיט איר נייגעריקייט. ער האָט געוואָלט זיין צום גאַסט ווייך, כאָטש ער האָט אים געמוזט שטראָפן. ער האָט גענומען קלייבן לייַ־טישע ווערטער:

— היינטיקע צייטן, מיסטער פאַנץ, מוז אַ ייד קוקן אויף אַלץ מיט אָפענע אויגן. איר אַליין זענט אַ פּליט פון היטלערס מדינה. אין לויפעניש צו ראַטעווען ס׳אייגענע לעבן, האָט איר זיך אַריינגעשמוגלט קיין קובאַ... ווען נישט עסטיבאַנעז, כ׳מיין אברהם ראובן, וואָלט איר געגאַנגען אַ גאַנג... מוסרים וואָלטן אייך צוריק געטריבן אין דייטשן גיהנום אַריין. איך דאַרף אייך דען דערמאָנען וועגן קאַלך־אויוונס, מיסטער פאַנץ? איר קענט דאָך מיר דערציילן די מעשה. היוצא מדברינו? דער גר עסטיבאַנעז איז אַ מציל נפשות. ר׳האָט זיך פאַרקוקט אויף אייער טאָכטער און באַשלאָסן: ברחל בתך הקטנה... דאָס וויל ער! מען קען אים נישט רירן פון אָרט... און פאָלגט מיך, מיסטער פאַנץ! שטרעקט אויס צו אים אַ האַנט און זאָגט: ווילקאָמען אין דער משפחה!

— לאָמיך צוערשט נאָר אָנקוקן דעם ניי־געבאַקענעם ייד! — האָט פאַנץ מיט אַ געבייזער זיך געריקט פאַראויס — איך וועל אים שוין געבן דעם אמתן ווילקאָמען!

איסר יאַגאָדע האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

—כ׳על נישט לאָזן מאַכן קיין סקאַנדאַלן ביי מיר אין הויז. ס׳אַ פאַרשפּילטע מלחמה, מיסטער פאַנץ, גלויבט מיר! איר׳ט נישט אויספירן! מיין שוועער האָט אויך נישט אויסגעפירט.

— איר זענט צו דער חופה נישט געווען קיין גר!

— כ׳בין אויך נישט געווען פון די געהויבענע צדיקים. ווען כ׳זאָל וועלן מיט אייך זיין אָפן, מיסטער פּאַנץ, קען איך אייך דערציילן מעשיות פון וואָס יידן מיט ווייסע בערד וועלן רויט ווערן... מען האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ טראַמבעניק! מיין יידענע ווייס דאָס נישט, אָבער ביז כ׳בין נישט געשטאַנען צווישן די חופּה־שטאַנגען, איז נישט געווען מיט וואָס זיך צו באַרימען... און קוקט מיך אָן היינט; מיסטער פּאַנץ! כ׳האָב אַ בכבודיקן נאָמען. מיינע קאָנקורענטן עסן זיך אָפּ די הערצער. די קאָנגרעגיישאָן־באַלעבעסלעך, די קאָכלעפל פון רידזש־סטריט און פון פּיט־סטריט, קענען מיר נישט פאַרגינען, וואָס כ׳מאַך אויך חתונה גרים, און כ׳באַקער גויים צום יידנטום. זיי רופן מיך: דער פאַבריקאַנט פון געמישטע חתונות.

— 3 —

דאָס פאַרזויערטע פּנים ביי ירמיה פּאַנץ האָט זיך גענומען אויסלייטערן. די גאַנצע וועלט איז אים מער נישט געווען קיין בעל־חוב, אָבער איסר יאַגאָדע איז אים שולדיק געווען אַן ענטפער. חתונה מאַכן גרים איז אַ גרויסע מצווה, אָבער וואָס האָט דער שדכן זיך אַנגעזעצט אויף אים, דעם גרינהאָרן — ווען אַזוי־פיל עכטע אַמעריקאַנצעס קענען אַנהויבן מיט דער מצווה? ער האָט אויסגעטון דעם אָפּגעטראָגענעם מאַנטל און אויס דרך־ארץ צום שדכנס שטוב פאַרביטן דאָס פוטערנע היטל אויף אַ יאַרמעלקע. ער האָט אָנגעקוקט דעם שדכן מיט זיין ווייב מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו ווערן ביי זיי אַ בן־בית.

איסר יאַגאָדע האָט אים צוגערוקט אַ שטול. איידער פּאַנץ האָט זיך אַוועק־געזעצט, האָט ער באַדעכטיק זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט:

— קאַ צווייטן וויזיט ביי אייך מאַך איך נישט, שדכן. איך בין אַן אָרנטלעכער בעל־מלאכה, אַ פּרעסער פון פאַך. כ׳וויל, איר זאָלט דאָס וויסן... כ׳ווער פאַר־שוואַרצט אין שאַפּ, כ׳מאַך קוים אַ לעבן, אָבער אַוועקגעבן מיין דינה צו אַ גר־צדק, דאָס נישט! כ׳וויל, שדכן, איר זאָלט פועלן ביים גר, ער זאָל זיך אַרויס־שלאָגן פון קאָפּ מיין טאָכטער און דאָס, נאָך היינט! ווו האָט איר אים פאַרשטעקט? מ׳לאָזט מיך גאַרנישט צו צו אים?

דער שדכן האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיינע אַקסלען און אים פּאַוואָ־ליע צוריק אַריינגעזעצט אין שטול.

— איר׳ט אים אַריינעמען אין דער משפּחה, ס׳אַלרייט, מיסטער פּאַנץ, איר׳ט אים אַריינעמען... זאָל נאָר די ערשטע רוגזה אַריבערגיין. מיר האָ׳מיר פאַרלוירן מיליאָנען יידישע נפשות. היטלער ימח־שמו האָט פון אונדז אָפּגעצאַפּט אַ סך בלוט... און אַז מ׳פאַרלירט בלוט, פרעגט אַ דאָקטאָר, וועט ער אייך זאָגן — מוז מען קריגן אַ טראַנספוזיע, ס׳הייסט אַ בלוט־איינשפּריצונג... יעדער גר איז ווילקאָמען. איר הערט, מיסטער פּאַנץ? אַ גר מוז זיין ווילקאָמען! ס׳אַ פרישער טראָפּן בלוט. מ׳דאַרף זיך בלויז אַ שטופּ טון און מאַכן פּלאַץ. ס׳גאַנצע פאָלק וועט זיך דאַרפן אַ שטופּ טון און מאַכן פּלאַץ פאַר גרים....

ער האָט זיך צעיאַכמערט. מיט יעדן וואָרט, וואָס ער האָט אַריינגעשריגן אין פאַנצן, איז דאָס קול געוואָרן בריִענדיקער. ער איז געווען איבערצייגט, אַז דער גאַסט לאָזט זיך רעדן. ירמיה פאַנץ וועט נאָך געבן זיין ברכה דעם גר אויך און ער, איסר, וועט נאָך אפשר זיין דער סנדק ביים ברית פון איייניקל.

רייטשלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איר מאַן איז שוין בייגעקומען דעם בייזן ייִד און זי איז אַריינגעלאָפן אין קיך צוגרייטן כיבוד. וואָס לענגער איסר יאַגאָדע האָט געקוקט אויף זיין גאַסט, אַלץ מער האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז מ׳קען דעם עקשן ברעכן, ער איז גרייט געווען אויף אים צו שליידערן ווערטער ווי האַמער־קלעפּ, אָבער ס׳האָט אים אויסגעפעלט ס׳פּאַסיקע לשון. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז מיט אַלע זיינע איינרעדענישן, מיט זיין גאַנצער געניטשאַפט אין קהל־זאַכן פעלט אים דער חיתוך הדיבור. אויך רייטשל האָט איצט אָנגעוואָרן איר שאַרף צינגל. זי קען פון אים שפּעטן טאָג און נאַכט, אָבער אַז ס׳קומט איבערצובעטן אַ פאַרשעמטן מענטש, איז זי אַ שטומע צונג. ער האָט איצט געהאַט אַ באַגער צו זאָגן צו פאַנצן:

— ווען איך האָב מאַכט, מיסטער פאַנץ, וואָלט איך געהייסן די איסט־סאַידער ייִדן, זיי זאָלן זיך משדך זיין מיט די בעסערע איטאַליענער פון מאַלבערי־סטריט... ס׳אַלרייט! מען קען זיי מגייר זיין און מיר קענען ווערן שטיקלעך קרובים מיט די איטאַליענער, ס׳וואָלט געווען אַ שפּיצל פון דער געשיכטע... זייערע אור־טאַטעס, די רוימער האָבן חרוב געמאַכט ארץ־ישראל. מירן אָן זיי נקמה נעמען דורך באַקערן די בעסערע אייניקלעך צו ייִדישקייט... מיר זענען גרייט אַריינצופירן אַביסל ניו־יאָרקער איטאַליענער בבריתו של אברהם אבינו, נישקשה, ווילע גוֹיים! זיי וועלן זיך איבערקאָכן... ווען די דייטשן האָבן געקוילעט, האָבן זיי גערשטעט עיט פאַר דער ... [illegible]

ראַטעוועט...

איסר יאַגאָדע האָט די ווערטער געהאַט אויף דער צונג, אָבער ער האָט זיי נישט אַרויסגעזאָגט. ער האָט אויפגעהערט רעדן און פאַנץ האָט אויפגעהערט צו פּראָטעסטירן. אין די פאָר מינוט שווייגעניש איז דער שדכן צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט ווידעראַמאָל געוואָרפן זיינע בליקן דורכן פענצטערל פון אַלקער, אויפן בלווילעכן שניי אינדרויסן. אונטן האָט די טונקעלע נאָרפאָלק־סטריט זיך געטונקען אין בלאָטע. איינצלנע ווייבער אין הויכע קאַלאָשן, ווי אין מענערישע שטיוול, האָבן זיך געטראָגן מיט פולע איינקויף־קוישן צוריק פון די קראָמען און פרוכט־מערק.

פאַר אַ קענדי־סטאָר האָט אַ לאַסט־אויטאָ אַרויסגעוואָרפן אַ פּעקל נאָכמיטאָג־צייטונגען. ביי אַ מויער איז געשטאַנען אַן עלטערער מאַן אין אָפּגעריסענע קליידער און געבראָטן אויף אַן אָנגעהייצטער בלעך קאַשטאַנעס. אין ווינקל פון דילענסי־סטריט האָבן געגליט די נעאָן־לאָמפּן פון אַ מוווי־הויז. שאַרפע ליכט־שטריפן האָבן באַהעלט די פּלאַקאַטן, אויף וועלכע ס׳זענען געווען אויסגעמאָלן די קעפּ פון היציקע קאָובאָיס.

איסר יאַגאָדע האָט אויסגעפירט, אַז דער היי־יאָריקער ווינטער איז קיין ווינטער נישט, פונקט ווי דער שדכנות־סעזאָן איז קיין סעזאָן נישט. ביידע, ווינטער און שדכנות, האָבן דעם זעלבן מזל. מען זעט נישט קיין טראָפּן שניי אויף אַ

רפואה און ס׳ווערן געבוירן ווייניק זכרים פאַר די חופּה־שטאַנגען. די וועלט גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ. די קריסטלעכע שכנים אויפן בלאָק קענען זיך נישט אויסבעטן אַ ווייסן קריסטמעס און ער קען זיך נישט דערוואַרטן אויף אַ חתנים־געדעטעניש. דאָס טראַכטעניש האָט אים צוריקגעבראַכט צו זיין גר, אברהם ראובן. מען וועט ערשט איצט מיט אים דאַרפן אָנהויבן קנעלן יידישקייט. ער׳ט זיך מוזן לערנען אָפּהיטן דינים און מנהגים. ער׳ט דאַרפן פאַרבייטן דעם זונטיק אויף שבת, די קירכע אויף, להבדיל, אַ שול. דער גר נעמט אויף זיך אַלע עולן פון יידישקייט. ר׳עט מוז שטרענג אָפּהיטן די יום־טובים, וויסן דעם חילוק צווישן כשרות און טרפות און מקפּיד זיין אויף שמירת שבת. די אומגערעכטע רייטשל איז דאָס־מאָל ווידער גערעכט. ווער וועט ווערן זיין רבי? און צוליב וואָס טאַקע מוז ער צוזאַמענפירן אַזוינע זיווגים? דער אמת איז, אַז ער פאַרבעט אַליין די צרות אין שטוב אַריין... דער גאַסט ירמיה פאַנץ איז פאַר אים אַן אַנשיקעניש. דער גר איז אַ זאָרג און זיין זאָרג האָט נאָך קיינעם נישט געהאָלפן אויסער די קאָנקורענטן זיינע.

רייטשל איז אַריינגעקומען מיט אַ פולע טאַץ כיבוד: האָניק־קיכלעך, אַ שיי־סעלע מאַנדלען מיט ראָזשינקעס, אַ טעלערל מיט קעמיס־ברויט. זי האָט מיט אַ יום־טובדיקער מינע אויגעשפּרייט אַ ווייסן טישטוך און דערלאַנגט אַ פלאַש מאַ־לאַגאַ־וויין. דערנאָך האָט זי אַוועקגעשטעלט פאַר יעדן אַ טעלערל, מיט אַזאַ גע־לאַסנקייט, ווי דאָס וואָלטן געווען פאַרצעלייענע צירונגס־קעסטלעך.

דעם אָנהויב האָט געמאַכט איסר יאַגאָדע. ער האָט אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ראָזשינקעס אין מויל. רייטשל האָט פאַרביסן אַ האָניג־קיכל. זי האָט אָנגעשטעלט אויפן מאַן אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן און אָנגעגאָסן צוויי קעלישקעס וויין. דאָס ערשטע גלעזל האָט זי צוגערוקט צום גאַסט מיט אַ שמייכל, וואָס לאַדט איין:

— ארץ־ישראל וויין! ס׳איז באַטעמטער ווי דער טייערסטער קאָקטייל...

— 4 —

ירמיה פאַנץ האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און אַרויסלויפן פון הויז. די מענטשן האָבן ביי אים אָפּגענומען זיין ווידערשטאַנד. וואָס לענגער ער׳ט דאָ זיצן, אַלץ פלאַטשיקער וועלן זיי אים מאַכן... אַט שווימט שוין זיין קאָפּ אין די וואָלקנס. ער האָט געקוקט אויפן ווייסן טישטוך און אויפן פאָרפאָלק און זיך געוווּנדערט. צוליב וואָס איז ער געקומען אַהער: פירן אַ מחלוקת מיט דעם שדכן, צי שרייבן תנאים מיט דעם גר?

איסר יאַגאָדע האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. ער האָט אויפ־געהויבן דאָס גלעזל צו ווינטשן לחיים צום נייעם ייד. רייטשל האָט אים אָפּגע־שטעלט מיט אַ ווונק פון לינקן אויג. איר ווונק האָט געשריגן: „וואָס איז ס׳איילע־ניש? אַ שדכן און אַ מלמד מעגן זיך טאַקע געבן די הענט! ס׳פעלט זייביידן אַ שרייפל אין מח...“. איסר יאַגאָדע האָט נישט אַרויסגעלאָזט דאָס גלעזל פון האַנט און אַריינגערעדט אין פאַנצן מיט אַ געציקלטן ניגון, ווי ער וואָלט מעביר סדרה געווען:

— כ׳קען אייך מבטיח זיין, מיסטער פּאַנץ, ווי נאָר אברהם ראובן וועט זיך איינאָרדענען מיט אַ הויז, וועט ער אַריבערברענגען זיינע עלטערן פון האַוואַנאַ... מען וועט נאָך מסתמא זיין טאַטן אויך מאַכן פאַר אַ ייִד... לאָזט עס צו מיר, מיסטער פּאַנץ! דער גר וועט איינשטעלן אַ היים אין די בראָנקס. כ׳הער, ר׳איז אַ מעכאַני־קער... ס׳פּאַך זיינס קען אים געבן פרנסה איבערן מויל... כ׳קען גאַראַנטירן, אַז ער האָט אַ פּאָר גאָלדענע הענט. אַ מעכאַניקער היינטיקע צייטן, וואָס ווייסט איר? מ׳זוכט זיי מיט ליכט. ס׳עט נישט פעלן אין הויז פון קיין פויגל־מילך...

רייטשל האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ברעג שטול און צוגעטראָגן איר חלק לשון:

— און דאָס וואָס ס׳פּאַרל ליבט זיך, גייט דען צופוס? ער׳ט אַרויסנעמען אַ פאַרזיכערונג, אַן אינשורענס מיין איך. ער׳ט באַלאַנגען צו אַ קאָנגרעגיישאָן. פאַרלאָזט זיך אויף די שפּאַניער, מיסטער פּאַנץ, זיי ווייסן אויך ווי צו שפּאָרן אַ פּאָר סענט... ס׳עט שוין זיין אַ פעט באַנק־ביכל... וואָס נאָך וויל אַ טאַטע זען ביי זיי קינד? און צוריקגעשמועסט: פאַרוואָס רייסן זיי זיך די איטאַליענערקעס אין ניו־יאָרק חתונה צו האָבן מיט ייִדישע בחורים? ווייל זיי ווייסן, אַז ייִדישע מענער זענען גוטע פאַרדינער. זיי האַלטן זיך אויף זייערע שטעלעס. זיי פאַר־בלאָנדזשען נישט אין שענק אַריין. און ווי באַהאַנדלען זיי זייערע פרויען? די פויערים אין דער אַלטער היים, די פּאַיסאַנאָס באַהאַנדלען גישט אַזוי זייערע ווייבער!

רייטשל האָט צעקנאַקט אַ מאַנדל מיט אירע ציין און ווייטער גערעדט מיט פרומע אויגן:

— אַ גר, זאָגט מען, איז אַ מצווה מקרב צו זיין... אַ גר ביי ייִדן איז אַ יחסן! דער פּוילישער גראַף פּאָטאָצקי איז געווען אַ גר־צדק... און אַז דער קעניג פון די כאַזאַרן מיט זיין גאַנץ פאָלק האָבן זיך מגייר געווען, דערפון ווייסט איר דאָך! זאָג איך אמת, איסר?

רייטשל האָט זיך אויסגעדרייט צום מאַן און דער שדכן האָט ערשט איצט אַנטדעקט, אַז זיין ווייב איז אויך אַ שטיקל מלומדת. ער האָט זיך צוגעבויגן צום גאַסט:

— אמת, צי נישט אמת, אָבער גערעדט האָט מען, אַז דער כוזרי מיט זיין עם הכוזרים זענען אַריבערגעגאַנגען צום ייִדנטום נאָכדעם, ווי אַ ייִדישער גע־לערנטער האָט אים אויפגעקלערט די ייִדישע אמונה... און פאַרוואָס דערציילסטו, רייטשל, נאָר פון גראַף פּאָטאָצקי? און פאַרוואָס עפּעס בלויז פון דעם כוזרי? אונקלוס אַליין, דער איבערזעצער פון דער תורה, איז געווען אַ גר! הערסט, מלומדת מיינע? און ערשט מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט אַ פּראַנצויזישער גלח פּאַליער זיך מגייר געווען און איז געקומען קיין אַמעריקע צו פירן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם ייִדישן גלויבן... ס׳פעלט דען ביי אונדז פון דעם מין גרים? און כאָטש איז תלמוד ווערט געזאָגט: קשים גרים לישראל כספחת... מען קען נישט אויס־האַלטן פון די גרים ווי פון אַ קלעפּיקער קראַנקייט — האָט דער שדכן זיך צע־שאָקלט מיט אַ ניגון — פונדעסטוועגן, טאַקע פונדעסטוועגן האָט מען פון זיי נחת..

ער האָט נאָך געוואָלט צוגעבן די רייד פון דעם אמורא אין פּסחים: לא הגלה הקדוש ברוך הוא את ישראל בין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים... ייִדן זענען אומישנע פאַרטריבן געוואָרן צווישן די פעלקער, כדי מען זאָל די גויים קענען מגייר זיין... אָבער ער האָט געוווסט אין פאָרויס, אַז אַזויפיל לומדות וועט זיין גאַסט נישט פאַרדייען.

איסר יאַגאָדע האָט זיך פאַרקוקט אויף זיין ווייב און זי נישט באַנומען. אָנשטאָט צו שטערן, ווי איר טבע איז, העלפט זי אים גאָר! ער איז גרייט געווען, פון דאַנקבאַרקייט, רייטשלען אויסצוקנייפּן די באַקן. אָן אמתע אשת חיל! אַז ס׳קומט אָן עת־צרה, שטייט זי שטאָל און אייזן מיטן מאַן. אַלע שטעכווערטלעך און העק־רייד דורכן טאָג זענען נאָר פלוידערייען.

ירמיה פאַנץ האָט צוגערוקט צו זיך דאָס ערשטע גלעזל מאַלאַגאַ־וויין. דאָס צווייטע גלעזל האָט ער זיך אַליין אָנגעגאָסן. דאָס דריטע האָט ער שוין געמישט מיט וויסקי. פון פרייד האָט דער שדכן אים אונטערגערוקט די האָניג־קיכלעך. אַליין האָט ער געשלונגען ראַזשינקעס ווי אַרבעס. פון גרויס געפלעפּטקייט האָט רייטשל אַריינגעכאַפּט פון קיך אַ שיסעלע קאָנפיטורן. ס׳איז איר איינגעפאַלן, דעם גאַסט צו הייסן בלייבן אויף אָוונט־ברויט. זי׳ט צוגרייטן רייז מיט שוועמע־לעך, טונאַ־פיש מיט זויערקרויט, בלינצעס מיט קעז. געזאָגט האָט זי אָבער מיט אַ געפּרוּווירענעם שמייכל:

— אַז ר׳זייט אונדזער גאַסט, וועט איר שוין מיט אונדז איבערבייסן...

פאַר די אויגן פון ירמיה פאַנץ האָט אַלץ אין הויז איצט זיך געגעפּלט. ער האָט אויפגעכאַפּט אָפּגעריסענע רייד. ער האָט געזופּט וויין, געקייט האַרטן קעמיס־ברויט און זיך געזידלט ביזן דריטן דור אַריין... אַ טאַטע ביזטו? — האָבן זיינע אויערן פאַרנומען ווייטע קולות — אַ הענדלער פון לעבעדיקע סחורה ביזטו! פאַרקויפסט דיין אייגן קינד צו אַ פרעמדן און דו ווייסט אַפילו נישט ווו זיין טאַטנס געביין איז... וואָס איז געוואָרן פון דיר, ירמיה פאַנץ? — האָבן די קולות אין אים העכער געשריגן — ביזט בייגעקומען אַלע שונאים! האָסט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די נאַציס! האָסט אויסגעהאַלטן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן! ביזט אַנטרונען פון די ברען־אויוונס און דאָ, אין דעם פרייען לאַנד, ווו מען מעג אָקעגנ־רעדן דעם פּרעזידענט און מען קען זידלען דעם קאָנגרעסמאַן און שפּייען אין פּנים דעם פּרעזעס פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, דאָ האָסטו פאַרלוירן דיין העזה? ביזט אַ פּחדן, ירמיה פאַנץ, אַ טרוס! נאָכן פערטן גלעזל האָסטו פאַרלוירן ס׳לשון און נאָכן אָפּעסן דעם אָוונטברויט וועלן דער שדכן מיטן ווייב זיך קאַטשען פון גע־לעכטער און דיך אַרונטערוואַרפן פון אַלע טרעפּ...

אין זיין אָנמעכטיקייט האָט פאַנץ געזוכט שטאַרקע ווערטער אָפּצוענטפערן דעם שדכן, וואָס קאָרמעט אים מיט מאכלים און זיסע רייד. ער האָט אויסגעהערט ווי ס׳פּאָרפאַלק לויבט דעם גר, אַז ער איז בייגעקומען אַלע שטרויכלונגען און אויסגעהאַלטן דעם נסיון. דער רב האָט אים אָפּגערעדט. דער מוהל האָט געלייגט שטיינער אין וועג, אָבער דער ערל האָט דווקא זיך געריסן צו ווערן אַ ייִד. פאַנץ האָט שוין געהאַלטן ביי די בלינצעס. רייטשל האָט געליפערט אין טעלער נאָכן

אַנדערן. פאַנק האָט געגעסן און געוואָלט, אַז כוחות פון ווידערשטאַנד זאָלן אין אים זיך אויפוועקן.

פּלוצים האָט ער זיך אַ ריס געגעבן פון זיין שטול. ער האָט געכאַפּט דאָס פוטערנע היטל מיט דעם מאַנטל און זיך געלאָזט לויפן צו דער טיר מיט ברייטע שפּרייזן:

— גענוג! כ׳האָב געזאָגט, אַז קאַ צווייטן וויזיט מאַך איך נישט. אָבער איידער כ׳אַנטלויף פון דאַנען, מוז איך וויסן: מיט וועמען גיי איך? מיט וועמען גייט מיין דינה? כ׳ווער פאַרשוואַרצט אין שאַפּ, ר׳הערט? כ׳בין שוין דורכגעגאַנגען דעם גיהנום דאָרט און דאָ, אָבער אַוועקגעבן מיין קינד צו אַ גר, דאָס נישט! יחוס־אבות מוז זיין! כ׳מוז וויסן ווער מיינע מחותנים זענען...

רייטשל האָט זיך אויפגעשטעלט. איסר יאַגאָדע האָט זיך אונטערגעהויבן און אָנגעקוואָלן פון פאַנצס געוואָלדן. מענטשן וואָס מאַכן נישט קיין טומל — האָט ער געטראַכט — זענען געפערלעך. אָבי ס׳גייט שוין איצט וועגן מחותנשאַפט! דער איינגעפּאַרטער ייד וועט דאָס אויך איבערקומען. ר׳האָט געהאַט מיט איין גלעזל צופיל. יחוס־אבות איז גילטיק געווען אויף יענער זייט ים. אין אַמעריקע איז דאָס קיין אַרטיקל נישט. געירשנטער יחוס איז גאָרנישט ווערט. אַלע מיליאָ־נערן זענען געווען שיך־פוצערס. אַלע באַנקירן האָבן אָנגעהויבן ווי שיק־ייִנגלעך...

ער האָט געהאָלפן דעם גאַסט אָנטאָן זיין מאַנטל און אים באַגלייט צום אַרויסגאַנג. רייטשל האָט פּלוצים מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף דער טיר פון דער קיך, וואָס איז געשטאַנען האַלב אָפן.

פון יענער זייט וואַנט האָבן זיך געהערט טריט. דערנאָך האָט אויף דער שוועל זיך באַוויזן אַ מאָגערער ברוין־הויטיקער יונגערמאַן אין אַ שוואַרצן אַנצוג, וואָס איז צו לויז געהאָנגען אויף אים. זיין קאָפּ געדיכטע שוואַרצע האָר איז געווען צעקנאָדערט. די ברוינע, גלייִענדע אויגן האָבן געקוקט פרעמדלעך אַרום זיך, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ הויז פון אומבאַקאַנטע מענטשן.

רייטשל איז געווען איבעראַשט פון דעם אומגעריכטן גאַסט, אָבער זי האָט געמאַכט אַ צופרידן פּנים. זי האָט פלינק אָנגעטאָן אויף אירע ליפּעלעך אַ האָניק־שמייכעלע און איז אַקעגנגעגאַנגען דעם גר.

— נישקשה, מעגסט מאַכן אַ פּאָר שריט ווייטער, אברהם ראובן...

איסר יאַגאָדע האָט געשטופּט פאַנצן פאָרויס, ער זאָל אַקעגנטראָגן דעם גר אַ שלום עליכם. אַליין האָט ער אויסגעשטרעקט אַ ברייטע האַנט און פאַרקנייטשט דאָס פּנים מיט אַ ווייכער העוויה:

— ביזט געקומען אין דער ריכטיקער צייט, אברהם־ראובן! ווייסט כאָטש ווער ס׳שטייט פאַר דיר? דינהס טאַטע! דיין שווער און פאַרזאָרגער! נו, שווער און איידעם, אָן צערעמאָניעס, דערלאַנגט זיך די הענט!

קאַפּיטל צוויי

— 1 —

נאָכדעם ווי רייטשל האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער ירמיה פאַנצן און אַוועקגעשיקט דעם גר, האָט איסר יאַגאָדע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם רויטן, סאַמעטענעם שטוב־כאַלאַט און איז אַריין אין באַד־צימער זיך איינוואַשן. צווישן דעם איינזייפן די הענט און נעצן דאָס פנים, האָט ער איבער דער וואַנט באַשטעלט ביים ווייב דעם שוואַרצן אַנצוג, אַ ווייס אויבערהעמד און אַ חגיגישן שניפּס. דער שדכן האָט זיך געגרייט צום יערלעכן צדקה־באַנקעט פון די לאַנדסמאַנ־שאַפטן.

ער האָט אַרויסגענומען פון מויל בײדע קאָסטנס פאַלשע ציין און זיי אַוועק־געלייגט אויף דער שיסל פאַרזיכטיק, ווי שטיקלעך צירונג. איידער ער האָט זיי גענומען רייבן מיט אַ דין בערשטל, האָט ער אַריינגעשטעלט דאָס פנים אין שפּיגל. דאָס מויל איז געוואָרן איינגעפאַלן ווי ביי אַ זקן. די באַקן, שטענדיק אָן קאָליר, זענען איצט געוואָרן גרין ווי לימענע. אים זענען נישט געפעלן געוואָרן זיינע בלאַסע אויגן. די ווייסלעך האָבן געוויזן סימנים פון נירן־קראַנקייט.

איסר יאַגאָדע האָט פיינט געהאַט איצט צו טראַכטן וועגן זיינע מיחושן. יעדעס מאָל ווען ער גרייט זיך צו אַ פייערונג, קומט אים אויס צו מעסטן און וועגן זיין געזונט. און וואָס אַרט אים זיין אָפּבילד? אַ מאַנסביל איז נאָך אַלעם אַזוי אַלט, ווי ער פילט זיך, און אַ פרוי איז אַזוי אַלט, ווי זי נאַרט אָפּ. רייניק דיינע פאַלשע ציין, איסר! — האָט דער שדכן צו זיך געגרעדט — און זע, אַז דער שניפּס זאָל זיין גוט אויסגעבונדן. אַ ריין העמד און אַ שניפּס מאַכן דעם מאַנסביל! רייטשל קען צודעקן אירע פנים־פלעקן מיט רוזש. דו האָסט ערשט אַריבערגעשפּאַנט די פופציקער און ס׳איז צו פרי זיך צו ערגערן צוליב דער עלטער...

ער האָט זיך איבערגענומען, וואָס ער האָט היינט אויפגעטון צוויי זאַכן. ער האָט פאַרשדכנט דעם גר ראָבערטאָ עסטיבאַנעז און איבערצייגט דעם פליכטלינג ירמיה פאַנץ, אַז ער מעג דעם כשרן גר נעמען פאַר אַן איידעם. סיי ווי האָט ער זיינס אָפּגעטון.

ער האָט געוואָלט איינזייפן דעם קין צום גאָלן, אָבער ס׳איז קוים געווען אַ שיטערער אַנוווקס פון האָר. טשיקאַווע ווי אַ פנים קען זיין אַ מאַסקע — האָט איסר יאַגאָדע אויסגעפירט — אויפן ערשטן קוק האַלט מען אים פאַר סריס און לויט זיין אויסגעדוכטער העזה צו ווייבער, הענט מען אים אָן די אַפּעטיטן פון אַ סולטאַן.

איסר יאַגאָדע האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר אַ פרוש, אָבער פאַר אַ ווייבער־ניק קען מען אים אויך נישט פאַרשרייען. ער האַלט נישט פון קאָרמענען אַ גע־ליבטע. ווען אַ מאַנסביל צעקריגט זיך מיט זיין פאַרדאַרבן ווייב, זאָל ער זי שלאָגן

פאַר אַ כפרה, נעמען אַ צווייטע און זיך נישט פאַרדרייען מיט לינקע ליבעס. ער האָט געהאַט זיין אייגענעם לעבנס־קוק אויף מענטשלעכע שוואַכקייטן. די מאָראַל איז נישט אַזוי שטרענג ווען ס׳קומט צו טריפהנע גלוסטענישן, זי באַשטראָפט אָבער פאַר די יסורים וואָס דער מאַן פאַרשאַפט זיין געזעצלעך ווייב. אַ ווייב וועט מוחל זיין דעם מאַן אַ לייכטזיניקייט, אַ שפּאַסיקן צייט־פאַרטרייב. זי וועט אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַ פאַראַט מיט אַ צווייטער פרוי. בין איך גערעכט, צי כ׳רעד הפקרות? — האָט ער ווידעראַמאָל אַריינגעשטעלט דאָס פּנים אין שפּיגל.

אַן איבערגעטועונער אין שוואַרצן אַנצוג האָט איסר יאַגאָדע געביטן זיין מיינונג וועגן דעם מאַנסבילשן פאַראַט. ער האָט גענומען ציילן די מענער־ליובאָווי־ניקעס אין זיין ווייבס משפּחה. רייטשלס עלטערער ברודער, נייטן פאַרבער, איז אַ באַאַמטער אין אַן אינסטיטוציע, וואָס העלפט געפינען פאַרשוווּנדענע מענער און אַנטלאָפענע ווייבער. ער האָט אַ ־ווייב מיט אַ פּלגש און די שוועסטער רייטשל מוסרט אים צו מאָל נישט. נייטן האָט אַמאָל שטודירט אויף אַדוואָקאַט. ער האָט געלערנט און נישט דערלערנט. ער קען אָבער דערלאַנגען אַלע יורידישע דריי־דלעך, ווען דער געקריוודעטער מאַן קומט מאָנען צוריק זיין אַנטלאָפן ווייב. אָדער דאָס ווייב קומט זוכן איר פאַרשווּנדענעם מאַן. נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן. דער נישט־דערבאַקענער אַדוואָקאַט פּראַקטיצירט ביגאַמיע און פּרעדיקט טהרת המשפּחה...

רייטשלס ייִנגערער ברודער, ראַלף, אַן אַלטער בחור, איז אַ כירורג וואָס אָפּערירט פּיזישע דעפעקטן ביי פרויען. ער פאַרריכט נעז, פאַרקירצט אויערן און שניצט אָפּ טאָפּלטע גאָמבעס. איסר יאַגאָדע קען דעם דאָקטאָר ווינציק. דורך די צען יאָר פון זיין פאַרהייראַט לעבן מיט רייטשלען האָט ער אים געזען געציילטע מאָל. ביי אים זענען מסתמא פרויען בלויז שטיקער אַנאַטאָמיע. זיי זענען פליישיקע פּי־גורן, וואָס נייטיקן זיך אין פּלאַסטישע אָפּעראַציעס. די מיטליאָריקע פּאַציענטקעס האָבן קערפּערס אָן נשמות און זיי שרעקן זיך פאַר וואַקסענע הויטן. דער דאָקטאָר ראַלף פאַרבער באַטראַכט די פרויען, וואָס קומען אין זיין קאַבינעט, ווי קאַלטע אָביעקטן פאַר זיינע אינסטרומענטן, און פונדעסטוועגן ווייסן די משפּחה־פּלאַפּ־לערס, אַז ער טוט אָפּ מאַנסבילישע לייכטזיניקייטן מיט זיינע פּאַציענטקעס.

— 2 —

ער איז שוין געווען אָנגעטאָן אין זיין טונקל־בלויען מאַנטל. ער האָט שוין געהאַט די קאַלאָשן אויף די פיס און דעם שירעם אין האַנט ווען ער איז ווידער אַריין אין וואַש־צימער נאָך אַ שערעלע אָפּצושניידן די נעגל. ער האָט געטראָפן שטיין פאַרן שפּיגל דאָס ווייב, רייטשל, אין אַ גרין־געבלימלטן שלאָפראָק. זי האָט געהאַלטן אין מאַסאַזשירן דאָס אויסגעגלעטע פּנים. די ברוינלעכע האָר מיט אַ רויטן גלי זענען איצט נאַכלעסיק געפאַלן איבערן נאַקן. זי האָט געטונקען אירע פינגער אין סלאָיעקעס קרעם און געפּראַסקעט אָן רחמנות איבער אירע באַקן און איבער דער געטרעפּלטער גאָמבע.

ביי איסר יאַגאָדען איז אויסגעקומען, אַז אירע שיסעלעך מיט קרעם זענען שמאַלץ־טעפּ און דער אייל פאַר די האָר איז שמן־זית. זי פירט שוין ווידער אַ מלחמה מיט דער עלטער! — האָט ער געטראַכט — און דאָס־אַ שטאַמט פון אדמס ריפּ? ס'אַ ייִדענע! צוויי מאָל אַ טאָג פּנים־מאַסאַזשן און פאַרן שלאָפן גיין קנייפּט זי פון זיך שטיקער פלייש... און דאָס אַלץ אָפּצונעמען וואָג! ווי קען זי דאָס אויסהאַלטן? אַזאַ פּייניקונג פאָדערט שמשונס גבורה און הללס געדולד.

ער האָט דערשפּירט אַ שאַרפן פּערפום־ריח און באַמערקט, אַז רייטשלס פריזירטע האָר זענען שטאַרק אונטערגעשוירן. וואָס פאַראַ הפקרות. מ'וועט באַלד שערן די האָר ביי ווייבער ווי מ'שערט וואָל ביי שעפּסן. די תאווה צו קאָקעטירן איז אַלט ווי די וועלט! — האָט איסר יאַגאָדע באַשטעטיקט — אין די צייטן פון תנ"ך האָבן ווייבער געשניטן זייערע האָר אַלס צייכן פון אבלות, פאַר פּוץ און שיינקייט וועגן האָבן זיי באַשאָטן די צעפּ מיט אַ דינעם, גאָלדענעם שטויב. נישט בחינם האָט ישעיה הנביא געשטראָפט די לייכטזיניקע פרויען, וואָס באַדעקן זייערע קעפּ מיט קרייזלעך און דיאַדעמעס, כדי געפעלן צו ווערן די מענער פון פרעמדע פעלקער.

איסר יאַגאָדע האָט שוויגנדיק אָפּגעשניטן זיינע נעגל און אויס באַוואָרעניש אַראָפּגעשלונגען נאָך אַ קאַפּסול קעגן האַרץ־ברענעניש. ער האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. האַרט ביי דער טיר האָט ער זיך אויסגעדרייט צו רייטשלען.

— וווהין קלייבסטו זיך?

— ווייסט דאָך, ס'איז היינט דינסטיק. די פרויען־דיוויזיע פאַר אימיגראַנטן־שטיצע האָט אַ מיטינג.

— מיט וועמען האַלט די פרויען־דיוויזיע אָפּ אַ מיטינג? מיט די האַלאַדריגעס פון דער בראָנקסער מענער־ליגע? כ'וועל זיך וועטן, אַז דו גייסט צו אַ קאָרטן־פּאַרטי...

— באַליידיק נישט מיין געזעלשאַפט, זיי טוען נוצלעכערע אַרבעט ווי דו. דו טוסט אַ טובה דעם ייִדישן פאָלק, וואָס דו פאַרשדכנסט אַ פּאָר גרים און זיי העלפן אַריינברענגען אין לאַנד טויזנטער פּליכטלינגען פון די דייטשע לאַגערן.

איסר יאַגאָדע האָט פאַרלוירן אַ בלייך שמייכעלע אויף דער אויבערשטער ליפּ און ווילמיינעריש געדראָט מיט אַ פינגער.

— רייטשל, טו נישט אָפּ קיין נאַרישקייטן!

— פון ווען אָן ביזטו געוואָרן מיין משגיח?

— משגיח אַהין, משגיח אַהער. דו נוצסט שוין די ריידעלעך פון דיין ברודער נייטען? ער האָט אַמאָל געזאָלט ווערן אַ פּלינקער לאָיער, מ'קען אָבער אויף זיין נאמנות קיינמאָל נישט שטעלן, אויף זיינע עצות — אוודאי נישט! דער אמת בלייבט, אַז איך גיי צו אַ באַנקעט מיט עסקנים פון אַ צדקה־אינסטיטוציע און דו איילסט זיך צו טרעפן די האַלאַדריגעס ביים קאָרטן־טיש...

רייטשל האָט אַרויסגעשטעלט דאָס שיסעלע קרעם מיט אַזאַ קנאַק, אַז עס איז שיעור נישט צעזעצט געוואָרן. זי האָט געזאָטן פון כעס.

— דאָס איז אַביסל אַ חוצפּה! ער גייט צום באַנקעט אָנפּאַקן דעם שמאַלץ־בויך מיט הינער און מיך הייסט ער בלייבן צו היטן די מזוזה!

דער שדכן האָט נישט באַנומען פאַרוואָס זי באַליידיקט די מזוזה, ווען ס׳איז גרינגער אָפּצוזידלען אים, איסרן. זיין קול איז געוואָרן ווייכער.

— פאַרוואָס זאָלסטו נישט גיין אין די מוּוויס, רייטשל? כ׳על דיך בעסער אָנ־פאַרטרויען צו די ליבע־העלדן און היציקע קאָובאָיס אויפן לייוונט, איידער אין די הענט פון דער ליגע פון יונגע מענער. שוין איינמאָל אַ באַנדע יונגע מענער! ס׳אַי יונגע וועלף! יונגע לייבן!

— זיי מיר נישט אַזוי איבערגעגעבן, איסרל! דיין געטריישאַפט איז נישט ווערט קיין שישקע פּולווער. ס׳אָלרייט. ס״וואָלט דיך אָסור נישט געאַרט, ווען כ׳שפּיל זיך אַביסל אונטער מיט אַ טריפהנעם ליובאָווניק, אַבי דו זאָלסט אויך קענען קריגן פרייע הענט.

— אשה פתיה! האָסט מיך שוין ביי עפּעס געכאַפּט?

— כ׳האַלט נישט ביים נאָכשיקן קיין דעטעקטיוון, אָבער ווען ס׳זאָל מיר איינפאַלן דאָ יאָ צו טון, וואָלסטו געהאַט צו זינגען און צו זאָגן! ביזט אַ גאַנץ געשיקטער יעגער. נאָך יעדן יאַגד בלייבסטו ביי אַ פאַנג.

— קענסט אויסרעכענען?

— האָסט צייט אויסצוהערן? — האָט רייטשל רעדנדיק אַרויסגעשטעלט דאָס וואָזעלע שמירעכץ און גענומען אויסצוויילן אויף די רויט־געפאַרבטע פינגער־נעגל — כ׳האָב אַלץ אין זכרון: די חנוכה־וואָך אין לעיקוווד מיטן חזנס שוועגערין, צוליב וואָס? צו זאָגן תהילים? צוויי שבועות־טעג אין פילאַדעלפיע, אין האָטעל ביי מיסעס פישער. ביזט דאָך ביי איר נישט געגאַנגען זוכן קיין גרים? און דיינע וויזיטן אין בראָנקס צום גאַליציאַנער צדיקס פאַרזעסענער טאָכטער? וואָס ציט דיך צו יענער יפת־תואר? איר פאַרוועלקטער אויסשטייער? איר אינשורענס־פּאָליסי?

איסר יאַגאָדע האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן. זאָל רייטשל שוין בלייבן מיט אירע שיסלען קרעם, מיט אירע שמאַלץ־טעפּ! זאָל זי שוין פאָרן צו די קאָרטן־שפּילערס! ס׳האָט אוודאי נישט קיין זין נאָכן איינעמען אַ קאַפּסול זיך צו עסן ס׳האַרץ — איז ער געקומען צום אויספיר — סיי ווי, רייטשל איז אַן איינגע־עקשנטע פרוי. מ׳קען ביי איר נישט געווינען קיין אַרגומענט.

פאַרן עפענען די טיר האָט דער שדכן נאָך איינמאָל זיך אומגעקוקט אויף זיין ווייב. זי איז געשטאַנען אַרויסרופעריש ווי אַ פלאַם. ער האָט אַ פיר־געטון אַ פּאָר פינגער איבערן מויל און אָפּגעווישט אַ ביטערע גרימאַסע. וואָס האָט מען געוואָלט פון אדמס ריפּ? באַשאַפן אַ פיגור, וואָס זאָל פאַרפירן דעם זכר? ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז אָדם האָט געגעסן דעם עפּל צוליב חוהס עפּל־זאַפט און ער איז מיט פלינקע טריט אַרויס פון הויז.

קאַפּיטל דריי

— 1 —

איסר יאַגאָדע איז אַרויס אויף נאָרפאָלק־סטריט. די גאַס איז געווען נאַס און בלאָטיק פון דעם צעשמאָלצענעם שניי. אַ נעפּל האָט איינגעהילט די עלעקטרישע לעמפּלעך אין די פענצטער פון הייזער און געשעפטן, וואָס האָבן געבלינקט ווי צאַנקענדיקע ליכט. פון דעם בלויליכן שניי אויף די דעכער איז קיין שפּור נישט געבליבן. אַלץ איז צערונען. די קלייטן זענען געווען פאַרשלאָסן.

ביי יעדן גאַס־ווינקל האָט אַ קענדי־סטאָר צוגעצויגן הייפלעך יונגוואַרג פונקט ווי אַ פלעמל ציט צו זיך פייער־פליגלעך. די אויסגעמאָלענע היציקע קאָר־באָיס אויף די נאַסע פּלאַקאַטן אין פראָנט פונעם מוווי־הויז האָבן אויסגעזען אָפּגעשמיסענע ווי אָפּגעשלאָגענע הושענות.

אַריינקומענדיק אין עסעקס־סטריט האָט איסר יאַגאָדע לייכט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קורץ, פעט מיידל אין אַ פוטער־זשאַקעט. זי האָט געהאַט פולע, רויטע אָנגעמאָלענע באַקן ווי זי וואָלט געטראָגן אַ מאַסקע. דאָס מיידל האָט אין גאַנג אַ ווײַלע זיך פאַרהאַלטן און ווילעריש אָנגעקוקט דעם שדכן. איסר יאַגאָדע האָט באַמערקט, אַז איר נעזל איז דיק אָנגעפּודערט ווי מיט קאַלך און אירע אויגן האָבן לאַנגע, בלויע ווינעס. דאָס מיידל האָט אין איילעניש באַוויזן אַ ווינק צו טון און אַרויפצינען אויף די ליפּן אַ געפּרווירענעם שמייכל. דער שדכן האָט אויסגעפירט, אַז ווען אַ מיידל ווינקט, איז איינס פון די ביידע: אָדער זי האָט עפּעס אין אויג, אָדער — עמעצן אין אויג... מסתמא איינע פון יענע פייגעלעך — האָט ער געטראַכט —, אים ווען די טריפהנע אויגן נישט פאַנגען און פון אַזאַ געפּרווירענעם שמייכל קען מען קריגן חלשות. ער איז זי פאַרבייגעגאַנגען.

עסעקס־סטריט איז געווען שטיל. די שווערע געביידעס פון דעם גרויסן מאַרקעט זענען געווען פאַרהאַמערט. ברום־סטריט איז געווען פּוסט און פאַרשלאָפן ווי אַן אויסגעליידיקט שטעטל. אויף גרענד־סטריט איז געווען לעבעדיקער. די עלעקטרישע נעאָן־שילדן האָבן געפלעמלט דורכן געדיכטן נעפּל און די פאַרביילויפנדיקע אויטאָמאָבילן האָבן געלאָזט הינטער זיך אַ ווייכן, קוים הערבאַרן גערויש.

ער האָט געשפּרייזט אין דער נאַסקייט. ער האָט געטראָטן איבער די פאַרבלאָטיקטע שטיינער און צופרידן געווען וואָס די ביינער ברעכן אים נישט אין אַזאַ וועטער. ס'אַ זיכערע זאַך, אַז ערליידט נישט פון רעוומאַטיזם. ווען נישט די גאַזן אין מאָגן וואָלט ער נישט געוווסט פון קיין מיחוש. די אַלטע גאַסן פון איסט־סאַיד זענען אים נישט געווען געפעלן ביינאַכט. ס'בלאָזט דאָ די אימהדיקע שטילקייט ווי אויף אַ בית־עולם. בייטאָג רוישן די יידישן קוואַרטאַלן ווי באַזאַרן. יעדע ברייטע גאַס איז פול מיט אָנגעשטאָפּטע וואַרע־הייזער. איטלעכס

דורכגאַנג־געסלווימלט ווי אויף אַ יאַריד. אין אַט־דעם טומל האָט ער זיך געכאָ־וועט. ער איז געוואַקסן צווישן די שמאָלע, פאַררויכערטע געביידעס, ווו אין די עפּענונגען זענען איינגעפּאַסט אַלטפּרענקישע געשעפטן און נײַ־מאָדישע קלייטן. די געסלעך דאָ זענען געווען די וועגעלעך צו זײַן איצטיקן שטאַנד. אויף רידזש־סטריט האָט ער זיך געקריגט מיט די רבנים און איז געוואָרן אַ מסדר־קידושין. אויף ריווינגטאָן־סטריט האָט ער פאַרשוואַרצט דאָס פּנים פון די פלינקע חזנים, וואָס ווערן אויסגעבריט יעדעס יאָר פאַר די ימים־נוראים. אויף קלינטאָן־סטריט האָט ער געשלעפט זײַנע קאָנקורענטן, די שדכנים, מיט די קצבישע הענט צום בית־דין און שטענדיק געווונען.

איסר יאַגאָדע האָט אַ זיפץ־געטון מיט דער הנאה פון אײנעם, ביי וועמען אַלע קאַמפן אין לעבן זענען שוין הינטער אים. צוקומענדיק צו דילענסי־סטריט איז ער געבליבן שטיין נעבן אַ גאַס־לאָמפּ. ער האָט אַרויסגענומען דעם גאָלדענעם טאַשן־זייגער. ס'איז געווען פונקט זעקס, אַ גאַנצע שעה צום יאָר־באַנקעט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן.

דער נעפּל איז ביסלעכווייז אויסגערונען. די לופט איז געוואָרן דורכזיכטי־קער, די באַלויכטענע געשעפטן האָבן געריסן די אויגן. איסר יאַגאָדע האָט צום וויפלטן מאָל זיך געוווּנדערט אויף דעם ניו־יאָרקער מיש־מאַש — וואָס פאַראַ אַנווורף! אַלץ איז דאָ געבויט אָן אַ פּלאַן! נעבן אַ ברייטער פּרעסאַרניע מיט גע־פּילטע קנישעס האָט זיך אַרויסגעשטופּט אַ קראָם מיט שבתדיקע לייכטערס, מיט אתרוג־ביקסלעך און קופּערנע פאַנען. פון אַ שכנותדיקער טיר האָט אַרויס־געבלענדט אַ געפּוצטע קראָם מיט בעיזבאַל־מכשירים און טעניס־אינסטרומענטן. אַ שריט ווייטער האָט געלויכטן דאָס געדעמפטע ליכט פון אַ סאַלון, און עס האָבן געראָפן די קרעלנדיקע ריחות פון ביר און וויסקי. באַלד דערנעבן האָט געשיינט אַ שויפענצטער פון טליתים מיט זילבערנע עטרות, מנורות מיט גאָלדענע לייבן און בצלאל־בעכערס מיט גראַווירונגען פון דעם מגדל־דוד און דעם יד־אבשלום.

פון דערווייטנס האָט זיך אַרויסגעזען די וויליאַמסבורג־בריק, אילומינירט מיט פאַרטונקלטע לעמפּלעך, וואָס זענען געהאַנגען ווי שטערן, אַנגעצילעוועט אויף אַ שנור. דער אַריינפאָר צו דער בריק האָט זיך געהויבן ווי אַ פּירקאַנטיקער טויער. די אויטאָמאָבילן און טאַקסיס, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבערן גאַסן־אַספאַלט באַרג־אַרויף צו דער בריק, זענען איינגעשלונגען געוואָרן אין דעם גע־וועב פון שטאָל און אײַזן, וואָס איז געווען אַריבערגעוואָרפן ווי אַ בויגן־געפלעכט איבערן איסט־ריווער. דער אַראָפּגאַנג צו דער סאָבווי־סטאַנציע, צוגעדעקט מיט אַ דעכל, האָט אויסגעזען ווי אַן עפענונג צו אַן אונטערערדישער הייל.

איסר יאַגאָדע האָט, שפּרייזנדיק איבער דילענסי־סטריט, געטריבן פון זיך די היים־זאָרגן. ער האָט אַריינגעקוקט אין די קראָמען און אַנגעקוואָלן. אין די זיסוואַרג־סטאָרס נאַשט מען. אין די ווורשט־געשעפטן לענט מען זיך אונטער דאָס האַרץ. אין די רעסטאָראַנען רייבט מען אויף ביידע באַקן.

נעבן קלינטאָן־סטריט, פאַר דער ברייטער שויבן־טיר פון אַ קאַפע, זענען געשטאַנען קרענצלעך מענטשן און געשמועסט פּאָליטיק. אויף יענעם ווינקל איז

געווען די בעקער־בערזע, ווו אַרבעטער זענען אַרויסגעקומען באַרעדן זייערע יוניאַן־פירער און קריטיקירן דעם סדר פון דער וועלט.

אַ מאָגער מענטשל מיט אַ פּנים פון אַ שווינדזיכטיקן, האָט געגוואַלדעוועט און געוואָרפן מיט די הענט מיט דעם ברען פון אַ געקריוודעטן יוניאַן־מאַן, וואָס וויל אַרויסוואַרפן פון אָפּיס אַלע פּאָליטיקער און מאַכט־פאַרכאַפּער. איסר יאַגאָדע האָט אים דערקענט אָן זיין קוויטשענדיקן קול. ס'איז געווען היימי, דער פלוידערזאַק פון ריווינגטאָן־סטריט. אויף גאַנצע צען בלאָק, אָפּגערוקט פון זיין היים, האָט היימי געשמט פאַר אַ רכילותניק, אַ בעל־רחמנות און אַ פּיפּיקער פּאָליטיקאַנט. פון קלינטאָן־סטריט און לודלאָו־סטריט זענען די בעקער־יונגען יעדן אויפדערנאַכט אַרויסגעקומען הערן זיינע דרשות אין פּאָליטיק. דער היי־ציקער היימי האָט איצט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, אָבער ער האָט נישט פאַרגעסן צו מאָנען אַ סיגאַרעט ביי איינעם פונעם רעדל מענטשן, אויסצושפּייען אויף דער פאַסקודנער וועלט און איבערלאָזן אַ וואָרענונג:

— נישט קיין גוטער סימן, אַז אונדזערע פאַרזאָרגער אין לעיק־סוקסעס, כ'מיין די פאַראייניקטע פעלקער, רייסן זיך אַרום. דאָס זענען אונדזערע באַלעבאַ־טים פון דער וועלט! שיינע באַלעבאַטים! איצט וואַרפט מען זיך מיט ווערטער, שפּעטער וועט מען זיך וואַרפן מיט אַטאָם־באָמבעלעך... וואָסי, דער חורבן אין היראָשימאַ איז נישט גענוג? די אָפּגעבראָטענע נאַגאַסאַקי איז ווייניק? מ'עט נאָך חרוב מאַכן דעם גאַנצן פּלאַנעט! אונדזערע וועלט־פירער דאַרפן ווי ס'לעבן אַ דאָקטאָר, וואָס זאָל אַוועקהרגענען זייערע אַפּעטיטן אָפּצובייסן איינער ביים צווייטן אַ שטיק לאַנד. אַי, ווען מ'קען זיי אויסהיילן פון דער לאַנד־בייסעניש און ערד־גריזאָטע!... ס'איז שפּעט, יוניאַן־לייט, שפּעט! מען מוז גיין!

— ווו גייסטו, היימי? — האָט איסר יאַגאָדע אים פאַרהאַלטן.

— און ווו גיי איך דען נישט? — האָט היימי גערעדט צום שדכן, ווי נאָך אַן איבערגעריסענעם שמועס — כ'דאַרף נאָך צוגיין אונטערשרייבן אַ פּעטיציע צו מיין קאָנגרעסמאַן, ער זאָל זיך איינשטעלן פאַר אַ יידישער מדינה. אונדזערע שונאים אין וואַשינגטאָן שלאָפן אויך נישט... די נאַפט־מאַגנאַטן האָבן רחמנות אויף די אַראַבער... כ'דאַרף נאָך זיין ביי אַ לאַנדסמאַנשאַפט־מיטינג, ווו מ'עט ציילן די לעבנגעבליבענע יידן אין שטעטל... כ'מוז זיך אַריינכאַפּן צו מיין „בוקי״, כ'מיין מיין איטאַליענישן מזל־ברענגער... כ'על אפשר נאָך איינשטעלן היינט אויף אַ פערדל. ר'ווייסט דאָך, מ'וויל שלעפּן ס'מזל פאַר די אויערן...

— האָסט צו טון מיט מזל־ברענגער אויך, היימי?

— מיין מזל־שלעפּער איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין, מ'עט אים נאָך אַוועק־טראָגן אויף שפּענדלעך... ניין חדשים איז ער אויף קעסט ביי די ניו־יאָרקער „בלויע רעק״ און איין סעזאָן האַנדלט ער מיט לאָטעריע־צעטלען אויף פערדלעך... און אָט דער לאָקש האָט חתונה געהאַט מיט אַן אירישער שיקסע, וואָס קינדלט ווי אַ קראָליק... אַ מזל־ברענגער דאַרף קענען פּאָמפּען געלט ביי אַנדערע, איז ער גאָר אַליין אַן אויסגעטריקנטער ברונעם... האַ, יאַגאָדע? צו די שידוכים מוז מען

האָבן בחורים און מיידלעך, און צו שווינדל מוז מען האָבן גליק... אַז מיין איטאַליענער וועט האַנדלען מיט תכריכים, וועט שוין זיין אַן אייביק לעבן...

היימי פלוידערזאַק האָט זיך אַרויסגעמאַכט פונעם עולם. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער און געהויבן די פיס.

צווי בלאָק ווייטער האָט איסר יאַגאָדע באַמערקט אַ שורה ברייטע קראָמען אָנגעפּאַקטע מיט קאָלדרעס און מאַטראַצן. דער שדכן האָט זיך אַרומגעזען, אַז דילענסי־סטריט ענדערט זיך איבער נאַכט, ווי קומען דאָ אַהער געשעפטן מיט קאָלדרעס? פונקט ווי האוסטאָן־סטריט איז פול מיט קנישעס־קראָמען און גרענדסטריט מיט כלה־קליידער, אַזוי איז עלען־סטריט אָנגעשטאָפּט מיט קאָלדרעס שעפער. הייסט עס, אַז עלען־סטריט גייט אונטער! ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ טונקעלער גראָסערי־סטאָר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטמאָדיש שפּייזגעוועלבל אין אַ פוילש שטעטל.

אין איסר יאַגאָדעס אויגן איז דאָס נישט געווען קיין שפּייז־קרעמל, נאָר אַ פולער סקלאַד, אַן אָנגעשטאָפּטער מאַגאַזין. ס׳אַן איינרעדעניש, אַז נאָכן צווייטן וועלט־קריג הערשט אין לאַנד פרייז־קאָנטראָל. ס׳אַ בלבול, אַז מען מאַכט באַגרעניצונגען אין געברויך־אַרטיקלען, אין אַמעריקע קען מען נאָך אַלץ פרעסן צעזעצטערהייט. ס׳גאַנצע עשירות איז דאָ אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס. זעק מיט גרויפּן און זעק מיט רייז, קעסטלעך סאַרדינען, באָקסער און ראָזשינקעס, אַרבעס און שווייצער־קעז. די אויסגעשטעלטע שפּייז־אַרטיקלען פאַרשטעלן דעם אַריינגאַנג. ווי אויסטערליש! אין דער גרויסער וועלט פעכניעט מען פון הונגער און דאָ וואַלגערט זיך די שפע אין רינשטאָק.

— 2 —

ביים אַראָפּגיין די טרעפּ פון דער סאָבוויי־סטאַנציע האָט איסר יאַגאָדע דערשפּירט אַ פרעמדע קנאָכיקע האַנט אויף זיין אַקסל. ער האָט זיך אומגעקוקט און זיינע בליקן זענען געבליבן הענגען אויף אַ קורץ־וווקסיקן מאַן מיט אַ קאָפּ, גרויס ווי אַ וואַסער־אַרבוז. דער שדכן האָט געוואָלט הייבן פיס, אָפּציִען, זיך אויסמישן מיט די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן טרעפּ־אַראָפּ געאיילט צו דער אַנלויפנדיקער סאָבוויי־באַן, אָבער יענעמס ווייטזיכטיקע אויגן האָבן, ווי וועגטעס, אַ כאַפּ געטון זיינע אויערן:

— העלאָ, מיסטער יאַגאָדע!

— העלאָ, דאָקטאָר וואָרמס!

איסר יאַגאָדע האָט געלאָזט הענגען זיינע בליקן אויף דעם קורץ־וווקסיקן מאַן, וואָס איז שוין געווען נעבן אים און זיך אָנגעשטויסן, אַז עס גייט אויף אים אַ כמאַרע... דער דאָקטאָר וועט אים איצט דול מאַכן. פון זיינע אויגן שפּריצן תמיד בייזע פייערלעך, זיין פנים איז פול מיט תרעומות צום יידישן פאָלק, וואָס איז פאַרמינערט געוואָרן, צום רבנו גרשום, וואָס האָט פאַרווערט פיל־ווייבעריי און

צו די יִדישע זכרים, וואָס ווילן בלייבן אַלטע בחורים. אַן אַנשיקעניש! — האָט דער שדכן געטראַכט — ער וויל טראָגן אויף זיך דעם גאַנצן באַרג סיני. ער קען נישט פאַריכטן זיין אייגענע מערכה און וויל מתקן זיין די וועלט.

אַראָפּגייענדיק דאָס לעצטע טרעפּל זענען ביידע געבליבן שטיין איינער קעגנ־איבער דעם אַנדערן שווייגנדיקע ביים אויטאָמאַט־פליגל, ווו מ׳וואַרפט אַריין די ניקלס, איינער האָט געוואַרט דער צווייטער זאָל אָנהייבן דעם שמועס.

דאָקטאָר וואָרמס האָט צאַרנדיק באַטראַכט איסר יאַגאָדען ווי איינעם, וואָס מעקט אויס פון זכרון אַלטע פריינטשאַפט און געזאָגט:

— מירן זיך נישט געזען היפשע חדשים. ר׳זענט כאָטש באַקאַנט מיט מיין טעטיקייט?

— כ׳האָב עפּעס יאָ געהערט...

— הערן איז ווייניק — האָט ער אים אַקעגנגעטראָגן פלעמלדיקע בליקן

— מ׳דאַרף צולייגן אַ האַנט.

— זאָגט מיר נישט קיין מוסר, דאָקטאָר. כ׳בין אויך נישט פון די, וואָס לעבן בלויז פאַר זיך...

— אַ כלל־טוער?

— נישט געגנוי... אָבער כ׳גיב אויך אַוועק צייט אויף קהלשע זאַכן.

דאָקטאָר וואָרמס האָט נישט אַראָפּגענומען פונעם שדכן זיינע אויגן.

— ס׳וועגדט זיך וואָס מ׳רופט קהלשע אַרבעט... אַז איר האָט צייט צו שפּאַצירן אויף דילענסי־סטריט מיט אַ שירעם און אין אַ פּאָר קאַלאָשן ווי אַן אַמאָליקער בראָנזווילער מעקלער, זענט איר נישט קיין קהל־מענטש, נאָר אַ קאָלעקטאָר פאַר ישיבות... ווו פאָרט איר איצט? אַפּטאַון?

— צום יערלעכן באַנקעט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן.

— באַנקעטן! היגער־סעודות! אַמעריקאַנער כלל־טועריי! אַ פאָלק ווערט חרוב און מען פראַוועט באַנקעטן! דער דור המדבר האָט אויך געפראַוועט באַנקעטן?

— וואָס פאַרא דור המדבר? ווער ווערט חרוב? כ׳בעט אייך, דאָקטאָר, טרייבט נישט איבער. מיר האָבן געגנוג יִדישע צרות אָן אייערע סטראַשונקעס.

איסר יאַגאָדע האָט אַריינגעוואָרפן צוויי ניקלס אין פליגל־אויטאָמאַט, פאַר זיך און פאַר זיין באַגלייטער און פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז פאַרפאַלן, דער דאָקטאָר וועט אים שוין באַגלייטן אַ היפשע צאָל סטאַנציעס. צוערשט האָט זיך דורכגע־שטופּט דאָקטאָר וואָרמס, דערנאָך דער שדכן. ביידע זענען אַ ווײַלע געבליבן שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע אין פאַרלעגנהייט. דאָקטאָר וואָרמס האָט געוואָלט עפענען דאָס מויל, אָבער ס׳איז ראַשיק אָנגעלאָפן די באַן מיט צוויי בליציקע לאָמפּן פון פאָרנט ווי אַ ריזיקע, פאַרצוקנדיקע חיה. די טירן האָבן זיך אויפגע־פּראַלט און איינגעשלונגען פאַסאַזשירן. נאָכן פאַרכאַפּן זייערע זיצפלעצער ביים פענצטערל פון ערשטן וואַגאָן, האָט דאָקטאָר וואָרמס באַנייט זיין טענה.

— כ׳על אייך אויפווייזן, שדכן, אַז מיר זענען ערגער פון דעם דור המדבר... אין מדבר האָט עמלק פאַרטיליקט און דאָ ווילן מיר זיך אַליין אומברענגען... באַרעכנט נאָר אונדזערע פאַרלוסטן! ס׳אַן אָפענער צוויי מאָל צוויי איז פיר!...

דאָקטאָר וואָרמס האָט פאַרוואָרפן זיין גרויסן אַרבוז־קאָפּ הינטערווייַלעכץ אויפן קאַרק. דער וואַגאָן איז געווען אָנגעפּאַקט. מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ, אָבער זיינע פּאַרטאַיעטע אויגן האָבן נישט געזען די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך אויף אים געשטופּט. ער האָט געזען בלויז ציפערן פון פאַרלוסטן. ער האָט הויך געחשבונט אויף די פינגער:

— זעקס מיליאָן קדושים וטהורים זענען פאַרצערט געוואָרן אין היטלערס פייער. צווישן די אָפּגעראַטעוועטע ציילן זיך טויזנטער אלמנות און עגונות. און וואָס איז מיט די נישט־באַווייבטע? און ווער קוקט זיך אום אויף די יתומים? פאַר־וואָס נישט צוזאַמענבונדן זיי אין נייע משפחות? ווער שטערט זיי אויפצושטעלן נייע דורות? מיר ווערן אַן אומפּרוכטבאַר פאָלק... מ׳ציילט די געפאַלענע, אָבער מ׳באַרעכנט נישט וואָס עס וועט זיין מיט די געבליבענע...

די סאָבוויי־באַן האָט געסאָפּעט און געסיקעט. ביי דער ערשטער סטאַנ־ציע האָבן די טירן זיך פאַנאַנדערגערוקט, ווידער אַריינגעכאַפּט אַ קנויל מענטשן און זיך באַלד פאַרהעמערט. די אַריינגעקוועטשטע פּאַסאַזשירן האָבן געשטרעקט די הענט צו די לעדערנע הענגערס. די ענגשאַפט איז געשטיגן. איסר יאַגאָדע האָט געדאַנקט גאָט, וואָס מ׳דערנענטערט זיך צו דער פערצנטער גאַס, ווו זיין באַגלייטער וועט באַלד אַרויסלויפן. ער האָט געזאָגט:

— מ׳קען נישט אָנקלאָגן ס׳גאַנצע יידישע פאָלק, און מ׳טאָר נישט שטראָפן די לעבנגעבליבענע קרבנות. דער חורבן אַליין איז די גרעסטע שטראָף. וואָס איז אייער עצה? איר האָט אַ פאָרשלאַג?

— אַ פאָרשלאַג? כ׳האָב אַ פאַרטיקע אינסטיטוציע! כ׳קען אייך געבן, פונקט ווי הלל, די גאַנצע תורה אויף איין פוס... כ׳גיי גרינדן אַ דעמאָגראַפישע געזעל־שאַפט. ס׳עט הייסן „קרן התולדות". ס׳אַן אינסטיטוציע, וואָס וועט מאַכן פּראָ־פּאַגאַנדע פאַר געבורטשאַפט. מען וועט אויסטיילן חתונה־פּרעמיעס און געבורט־פּרעמיעס, מ׳עט שטיצן פאַמיליעס מיט אַ סך קינדער. די שוועריקייט באַשטייט אין געלט־מיטלען, אָבער כ׳האָב אַ פּלאַן ווי צו שאַפן די פאָנדן. יעדער ייִד מוז ווערן אַ מיטגליד און צאָלן צוויי מאָל ח״י קוואָדערס אַ יאָר. אויף הינער־סעודות איז דאָ? אויף יובל־באַנקעטן מעג מען פאַרשווענדן? אַ שאָד וואָס כ׳קען איצט נישט אויסרעכענען אַלע איינצלהייטן. ס׳אי מיין סטאַנציע! פערצנטע גאַס? כ׳מוז אַרויס!...

— איר׳ט עס מאַכן אַ צווייט מאָל, דאָקטאָר וואָרמס!

— צייט איר זאָלט זיך אָנשליסן, מיסטער יאַגאָדע. מיר ווערבירן מיט־גלידער.

— אפשר שפּעטער...

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַזאַ האַסטיקייט, אַז די פּאַסאַזשירן האָבן ווי אַ כוואַליע זיך צעשאָקלט און צעוויגט. דאָקטאָר וואָרמס האָט זיך אַ הויב געגעבן פון אָרט און שטייענדיק שוין מיט איין פוס אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט ער נאָך אַריבערגערעדט צו איסר יאַגאָדען:

— מ׳טאָר נישט אָפּלייגן! די אלמנות שמאַכטן נאָך מאַנען. די יתומים בענ־קען נאָך טאַטעס. אַ פאָלק גייט אונטער פאַר אונדזערע אויגן...

ווען די סאָבוויי־טירן האָבן זיך פאַרהאַקט, האָט דער קורץ־וווקסיקער דאָקטאָר דורך אַ פענצטער נאָך געפאָכעט צו אים מיט די הענט — אַ צייכן, אַז דאָס גע־רעדטע זאָל אים נישט אַרויס פון זכרון.

די סאָבוויי־באַן האָט זיך גערירט. דעם דאָקטאָרס פאָכעדיקע הענט זענען פאַרווישט געוואָרן. איסר יאַגאָדע האָט ביי זיך אָפּגעלייקנט, אַז דאָס פאָלק גייט אונטער, אָבער באַלד איז ער געקומען צום אויספיר, אַז ער אַליין טראָגט אויף די זעלבע מורא, די זעלבע שרעק פאַר דער פאַרמינערונג פון יידן. ער, איסר, איז מזווג־זיווגים און דער דאָקטאָר וויל צונויפפאָרן אַלע אלמנות מיט נישט־באַווייבטע מאַנסבילן. וואָס וויל ער ווערן? אויך אַ שדכן? אַ הורטאָוונער שדכן פאַר די מלחמה־אלמנות? אַ שיינער דאָקטאָר! אַנשטאָט צו קורירן בויך־קרעמפּן, גייט ער אַרום שלינג און שלאַנג!

ער האָט זיך געקילט מיט דעם באַשלוס, אַז אַרומשלעפּערס און אַנשיקענישן דרייען זיך אַרום נישט בלויז אויף דער ניו־יאָרקער בויערי, נאָר מ׳טרעפט זיי אויך אויף דער יידישער עוועניו, צווישן קהלשע קאָכלעפל. קיינער פון די קהל־פאַרזאָרגערס האָט נאָך דערוויל נישט אויפגעקלערט, וואָס ס׳מיינט מצוות און מעשים־טובים. איין הינער־באַנקעט, וואָס ברענגט אַריין פּופציק טויזנט דאָלאַר פאַר צדקה, איז וויכטיקער פון אַ מנין קהלשע משוגעים, וואָס איילן זיך איבערצוקערן די וועלט... און דער דאָקטאָר וואָרמס האָט אַ געהובלט צינגל. ער׳ט באַלד אַרויס־טראָגן זיין תורה אויפן מאַרק. ער׳ט פאָדערן: ושננתם לבניך... ס׳וואָלט באַדאַרפט זיין אַ בית־דין, וואָס זאָל אסרן די קהלשע טואוונגען פון אַזעלכע וועלט־פאַרזאָר־גערס.

ער האָט באַקוועמער זיך אַריינגערוקט אין דעם ווינקלדיקן זיץ־אָרט. זיינע טראַכטענישן ווי אַזוי אומשעדלעך צו מאַכן קהלשע משוגעים האָבן זיך געוויגט מיטן האַסטיקן גאַלאָפּ פון דער לויפנדיקער אונטערגרונטבאַן.

קאַפּיטל פיר

— 1 —

אין דעם באַנקעט־זאַל, ווו איסר יאַגאָדע איז אַריינגעקומען, זענען אַ פּאָר הונדערט געסט שוין געווען אויסגעזעצט אויף זייערע פּלעצער. איבער די רונ־דיקע טישן האָבן געבלאַנקט די ווייסע טישטוכער און עס האָט געבליצט דאָס זילבער פון לעפל און גאָפּל־מעסער. אין די גרויסע קאָלירטע ליכט האָבן געפלעמלט דינע קנייטלעך. די לאָמפּן אין די קרישטאָלענע קאַנדעלאַבערס האָבן געפלאַקערט ווי מנורות איבער די קעפּ פון די געסט. דער אויפנאַם־זאַל האָט דערמאָנט אַ גרויסן חתונה־סאַלאָן, וווהין ס׳זענען זיך צונויפגעלאָפן מחותנים און קרובים. אַרום יעדן טיש — אַ משפחה פון טאַטע־מאַמע, זין און טעכטער, איידעמס און שנורס.

די קעלנערס אין שוואַרצע לאַמפּאַסן־הויזן מיט ווייסע רעקלעך האָבן — מיט טאַצן אויף די הענט — ווי געשיקטע דראַטן־גייערס באַלאַנסירט צווישן די טישלעך. טייל געסט האָבן שוין געהאַלטןביים עסן. מען האָט געטונקען די לעפל אין די גלעזערנע בעכערס מיט קאָקטייל־פּרוכט, געטרונקען סאָדע־וואַסער און געביסן שטיקער פון די זיסע זעמעלעך. מען האָט געקייעט רעטעכער, גרינע אָליוון און אוגערקעס.

איסר יאַגאָדע האָט דערלאַנגט זיין גאַסט־בילעט צו אַ קעלנער און יענער האָט אים אָנגעוויזן אַ ליידיקן טיש מיט דעם נומער דרייצן. אַ מזלדיקער ציפער — האָט ער צו זיך געטראַכט — די צווייטע העלפט פון תרי״ג... אָבערגלויבערישע גוים וואָלטן זיך נישט געזעצט עסן ביי אַזאַ טיש, ווען מען גילט זיי אָפּ... מאַכנדיק פאַר זיך אַ וועג צווישן שטולן און טישן, האָט ער זיך באַגריסט מיט באַקאַנטע. וואָס איילט מען זיך מיט דער אכילה? מ׳קען נישט וואַרטן ביז דער חזן וועט מאַכן די המוציא? מען קייט און מען שלינגט, ווי מען וואָלט נאַר־וואָס געקומען פון די פּליטים־לאַגערן!

ער האָט זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט און זיך אַרומגעזען, אַז ביי זיין טיש איז ער דער ערשטער. די טיפע, אויסגעוועלבטע סטעליע מיט די בלויע געמעלן האָט געגלאַנצט מיט אַזאַ בלענדעניש, אַז ער האָט געמוזט פאַרוואַרפן דעם קאָפּ הינטערווייַלעכץ. אין דער הויך, אין גילדענע קרייזן ווי אין פאָרטרעטן־ראַמען, זענען אַרומגעפלויגן קליינע מלאכים. אין די ווינקלען האָבן געפלאַטערט ווייסע פרידנס־טויבן, אויף די ווענט איבער די אַריינגענג האָבן געשוועבט בלויע נימפעס מיט האַרפעס.

איסר יאַגאָדעס בליקן זענען געפאַלן אויף די ברייטע פּאַראַד־טירן, וווּ די בלויע, פּליושענע פאַרהאַנגען פון ביידע זייטן זענען געווען איינגענומען אין שלייפן און ס׳זענען נאָכגעהאַנגען שווערע טראָלדן. קעגנאיבער, ביי דער פאָדער־ש־טער וואַנט, באַהאַנגען מיט אַמעריקאַנער און יידישע פאָנען — איז געשטאַנען די פּלאַטפאָרמע, אַ לאַנגער געדעקטער טיש ווי אויף אַ בינע. די פּלאַטפאָרמע האָט אויסגעזען, ווי אַ בית־דין־טיש און די נכבדים, די קהלשע פּאַרזאָרגער, וואָס זענען דאָרט געזעסן, האָבן דערמאָנט דיינים און שופטים, וואָס גרייטן זיך צו משפטן קהל.

— דאָס זענען די רעדל־פירער! — האָט איסר יאַגאָדע געברומט — דער פרעזידענט און דער וויצע־פרעזידענט, דער טאָסטמייסטער און אַלערליי קאָכלעפל. זיי טראָגן יאַרמעלקעס און האָבן נישט מורא פאַר גאָט. זיי זיצן ביי דער מזרח־וואַנט און באַלעבאַטעווען איבער דער צדקה־שיסל. מען דאַרף זיי סיי־ווי קוקן אויף די פינגער — האָט ער באַשלאָסן און דערלאַנגט דעם גאָפּל נאָך אַ גרינעם אָליוו מיט אַ רעטעכל.

צום טיש איז צוגעקומען אַן עלטערער ייד אין אַ היימישן שניט־ראָק און אין אַ האַרטן קאַפּעליוש פון ברוינעם פּליוש. ער האָט געהאַט בלויע אויגן, שאַרפע ווי חלפים. זיין ווייסע, צעקעמטע באָרד האָט געהאַט געלבלעכע פלעקן פון טאַבאַק־קאָליר אַרום דער גאָמבע. איסר יאַגאָדע האָט שוין געהאַט אָפּגעזאַלצן דאָס רעטעכל, גרייט צוצוטראָגן צו די ליפּן, אָבער דעם זקנס שאַרפע בליקן האָבן

אים אָפּגעהאַלטן. די בליקן האָבן געגלאָצט אַ לאַנגע ווײַלע און געשטעלט שטומע פֿראַגן, וואָס איסר יאַגאָדע האָט נישט געקענט פֿאַרענטפֿערן. באַלד האָט זיך דערנענטערט אַ גאַנצער מנין געסט, מענער און פֿרויען. דער טיש איז געוואָרן אַרומגעזעצט פֿון פֿרעמדע . יאַגאָדע האָט נישט געזען צווישן זיי קיין איין באַ־קאַנטן. איין שטול לעבן אים איז געבליבן ליידיק.

דער עלטערער ייִד האָט באַלד זיך דערשפּירט היימישער. ער האָט איבער־געביטן דעם פּליושענעם קאַפּעליוש אויף אַ גלאַנציקן קאַפּל. ער האָט נישט געוואַרט ביז די בײַזיצער וועלן מיט אים זיך באַקענען און אָנגעוויזן מיט אַ פֿינגער אויפֿן עולם.

— פֿון מתן בסתר האַלט מען דאָ נישט. אַ שיינע צדקה־טעטיקייט! צו טרעפֿן די נדבנים, די פֿילאַנטראָפּן, וואָס גיבן פּאַר אַ שפּיטאָל און פּאַר אַ מושב זקנים מוז מען רופֿן אַ פֿאַרווײַלונג? כ׳על איינשטעלן, אַז טאַנצן וועט מען דאָ היינט אויך... און ווער וועט זײַן דער נעים זמירות, האַ? אַ חזן צי אַ קאָמעדיאַנט פֿון וואָדעוויל?

די געסט האָבן פֿון העפֿלעכקייט צוגעשמייכלט. איסר יאַגאָדע האָט גע־ווּסט, אַז אַזעלכע שטראָפֿערס טרעפֿט מען אין יעדער אינסטיטוציע. אַלע האָבן טענות און קיינער טוט גאָרנישט קעגן די קריוודעס. און וואָס עפּעס ברענגט דער ייִד זײַנע טענות דאָ ביים טיש, ווו ער אַליין גייט טועם זײַן פֿון דער באַנקעט־סעודה? אַ נאה דורש דער אַלטער! ט׳מאַכט נישט אויס, וואָס ס׳שאַפֿן זיך נײַע פּירונגען. צו ייִדישקייט וועט עס גאָרנישט שאַדן. אַז מען איז אַריבערגעקומען אין אַ נײַער וועלט, מעג מען זיך פֿאַרגינען נײַע מנהגים.

דער עלטערער ייִד האָט געמורמלט ווערטער מיט אַ באַדעכטיקטער מינע, ווי ס׳וואָלט אים נישט געאַרט צי מען הערט זיך צו אים צו אָדער נישט. פֿונדעסט־וועגן האָט ער אָנגעשטעלט זײַנע אויגן אויף איסר יאַגאָדען.

— זינט ס׳איז פֿאַרשוווּנדן די מידה פֿון מתן בסתר איז צדקה געוואָרן דאָ נישט מער ווי אַ „פֿאַן"... שפּאַס און פֿאַרווײַלונג! ס׳ערשטע מאָל האָבן די נדבנים ליב צדקה, ווי מען האָט ליב דעם אייגענעם גאָלדענעם זייגער. שפּעטער קריגן זיי ליב דאָס טון צדקה לשם צדקה... און לאָמיר אײַך זאָגן, כ׳בין נישט מקנא סיי די צדקה־געבערס, סיי די צדקה־אַפּיטרופּסים. צדקה איז אַ לאָטעריע, אין וועלכער די פֿילאַנטראָפּן שטעלן אײַן קאָן זייער געלט און די אַפּיטרופּסים — זייער צוטרוי...

איסר יאַגאָדע האָט דערשפּירט אַ האַנט אויף זײַן אַקסל און דערהערט אַ קענטלעכן העלאָו. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געהאַט פֿאַר די אויגן רייטשלס עלטערן ברודער, נייטן פֿאַרבער.

נייטן איז געווען הויך און ביינערדיק מיט אַן אָנגעשוואָלענער רעכטער באַק, ווי ער וואָלט געהאַלטן אײַנמיטן עסן אַן עפּל. ער האָט אָפּגעשאָקלט און אָפּגע־בלאָזן דעם ליידיקן שטול, כאָטש דער זיץ איז געווען ריין. שוין זיצנדיק באַקוועם האָט ער געריבן זײַן שוואַגערס פּלייצע. זײַן כריפּענדיק קול איז געווען פֿול מיט הנאה, וואָס עס טראָגן מיט זיך זעלבסטצופֿרידענע מענטשן.

— מיינסט ס'אַ צופאַל, איסר? ניין! כ'בין טאַקע געקומען צוליב דיר... כ'האָב אַפילו געקלונגען צו רייטשלען. יאָ, מ'טרעפט זיך דאָ מיט די פּרעסערס צוויי מאָל אַ יאָר: צו שמחת־תורה און צום צדקה־באַנקעט... כ'וויל זאָלסט מיר גלויבן, כ'בין געקומען ספּעציעל אַהער, כאָטש כ'בין איינגעלאַדן אין וואָלדאָרף־אַסטאָריאַ, אויך צו אַ מיטאָג, פאַר אונדזער רעפּובליקאַנער קאָנגרעסמאַן... כ'מוז מיט דיר נויטיק רעדן, איסר. כ'הער, אַז רייטשלען האָסטו געשיקט צו אַ קאָרטן־פּאַרטי? וועסט אויסהערן מיט קאָפּ, וועל איך פאַר דיר אויסלייגן אַ פּלאַן.

איסר יאַגאָדע האָט אויסגעדרייט זיין שטול צום שוואָגער.

— האָסט דאָך עפּעס אַן אַדוואָקאַטישן קאָפּ, נייטן, יאָ צי ניין? דאָ אַהער ביזטו געקומען אויסלייגן פּלענער? פאַר מיר איז אָט דער זאַל אַן אַמוזירונגס־פּלאַץ. צו באַנקעטן קום איך הנאה האָבן און אויסהערן דעם ניו־יאָרקער מעיאָרס רעדע. אַז ס'קומט צו די דרשות פון די רייכע צדקה־געבערס גיי איך אַהיים.

— דער מעיאָר וועט דאָ היינט רעדן?

— פאַרוואָס זאָל ער שווייגן? פופצן טויזנט שטימען פון דער לאַנדסמאַנ־שאַפטן־הילף ציילן זיך נישט ביי די שטאָט־וואַלן? כ'גאַראַנטיר דיר, אַז ער'ט לויפן פאַר אַ דריטן טערמין.

— די קאָפּ־דרייעניש פון אַ מעיאָר זענען געווען גענוג, אַז מ'טראָגט זיי בלויז צוויי טערמינען, — האָט נייטן געלאַכט, — וואָס דאַרף ער אַ דריטן טערמין?

— מיט אַלע קאָפּ־ברעכענישן איז צו זיין דער שטאָט־טאַטע פון ניו־יאָרק נישט קיין שלעכטער דזשאָב... מ'האַלט אין וועסטל־קעשענע די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט. מ'רייסט שטייערן פון טויטע און לעבעדיקע. מ'חנפעט די גבירים און מ'שמייכלט צו די קבצנים. מ'באַלעבאַטעוועט מיט דעם רייכטום און מ'באָדט זיך אין כבוד... מ'פאַרשטעקט אין אַרבל די הויזווירטן, די רענט־איינמאָנער די ביזנעסלייט, די שכנים, די אַרבעטער...

— 2 —

ס'האָט זיך דערהערט אַ טויבער קלונג ווי אַן אַלטער וואַנט־זייגער וואָלט אויסגעשלאָגן דריי. אַלע געסט האָבן זיך גענומען הויבן פון די ערטער. דער פּרעזידענט אויף דער פּלאַטאָפאָרמע האָט געלאָזט וויסן, אַז מ'גייט מאַכן די ברכה פון המוציא בציבור, ס'איז געוואָרן פּאַרכטיק שטיל. אַ חזן, אַ צעוואַקסענער ווי אַ באָקס־קעמפער מיט דעם ווייכן קול פון אַ היימישן בעל־תפילה, האָט צוגעלייגט זיין מויל צום מיקראָפאָן און געזאָגט אַ פּאָר געבעט־ווערטער אויף ענגליש. ער האָט געדאַנקט דעם אַלמעכטיקן, וואָס גיט אַכטונג אויף יעדן בעל־חי און טיילט צו דעם מענטש זיין טעגלעך ברויט. דערנאָך האָט ער געזאָגט די המוציא מיטן אָנשטעל ווי ער וואָלט געמאַכט אַן אל מלא רחמים.

די געסט האָבן נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט און דערנאָך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די שטולן. דער מאָלצייט האָט זיך אָנגעהויבן.

איסר יאַגאָדע האָט געשלונגען פּולע לעפּעלעך מיט קאָקטייל־פּרוכט און געקנייפּט שטיקער פון די זעמעלעך. ער האָט אַן אויפגעהייטערטער זיך געווענדט צו נייטענען:

— וואָס מאַכט דיין קעבס־ווייב? און וואָס פאַר אַ פּלאַן האָסטו פאַר מיר?

נייטן האָט געקוקט אויף די בייזיצנדיקע אַרום טיש און אַנגעפּולט דאָס מויל.ביידע מאַנסבילן האָבן זיך פאַרשטאַנען מיטן פינטל פון אויג. ער האָט געוווּסט, אַז מיט דעם נאָמען קעבס־ווייב מיינט ער זיין סעקרעטאַרין פּרענציס. ביידע האָבן געקענט פאַרדייען אַביסל רכילות. נייטן האָט צוגערוקט זיין בעכער מיט קאָקטייל־פּרוכט און געזאָגט:

— אַ קעבס־ווייב איז נישט קיין רשות־הרבים, איסר. מ׳קען וועגן דעם נישט רעדן בפרהסיא.. אָבער מיין פּלאַן בין איך גרייט איצט אויסצולייגן.

— לאָמיר הערן.

נייטן האָט געקוקט אויף די בייזיצנדע אַרום טיש און אָנגעפּילט דאָס מויל מיט פּעניצלעך אָראַנזשן, וואָס ר׳האָט אַרויסגעשלעפּט פון דעם קאָקטייל־בעכער. זיין רעכטע אָנגעשוואָלענע באַק איז געוואָרן נאָך אָנגעלאָפענער. ער האָט אָנגע־רירט איסר יאַגאָדעס אָרעם.

— דריי זענען אַ פאַמיליע, איסר. ס׳אַ סגולה צו שלום־בית... און אַז עס הערשט שלום־בית אין שטוב, פילט זיך דער מאַן ווי אַ פיש אין וואַסער.

— כ׳בעט דיך, נייטן, רעד נישט קיין תרגום־לשון. אַזוי האָסטן אַן אָפּגע־פּיילט צינגל פון אַן אַדוואָקאַט און מיטאַמאָל נעמסטן שטאַמלען! ווער האָט דיך געשיקט? רייטשל?

— רייטשל דאַרף מיך שיקן? כ׳קען נישט אייערע צאַנקערייען? קוק מיך נישט אָן. ס׳איז מיר אַלץ באַקאַנט. דו וואַרפסט די שולד אויף איר. זי — אויף דיר. זאָל זיין, אַז דו ביזט גערעכט. רייטשל איז אַן עקרה, אָבער די אונטערשטע שורה: איר זענט קינדערלאָז, אין הויז איז אומהיימלעך...

—האָסט אַ רפואה?

— און נאָך וואָסערע רפואה! קענסט דאָך פּרענציסן? רוף זי נישט איצט קעבס־ווייב. כ׳בין ערנסט... דו ווייסט דעם אמת, אַז אונדזביידן פאַרבינדט בלויז די ביוראָ־אַרבעט, זי איז מיין סעקרעטאַרין. אַי וואָס רכילות־טרייבער רעדן? און איבער דיר פאַרבייסט מען דען די ליפּן? און אַז ס׳מזל האָט איר צוגעשפּילט, זי איז דערצו אַ שיינע — וואָס בין איך, אַ נזיר? זאָל איך מיר די אויגן אויס־שטעכן? פּרענציס יאָגט זיך טאַקע נאָך מענער, אָבער בלויז נאָך פאַרשווונדענע מענער, אום זיי צוריק צו ברענגען צו זייערע פרויען... דאָס איז איר אַרבעט אין אָפּיס.

— וואָס פאַרענטפערסטו זיך? כ׳האָב דיך דען געפאָרשט צי פּרענציס איז דיין פּלגש, צי דיין סעקרעטאַרין? רעד צו דער זאַך!

נייטן איז פאַרטיק געוואָרן מיט די קאָקטייל־פּרוכט. די געסט אַרום האָבן געאַרבעט מיט די גאָפּלען איבער די רויטלעך־צוגעפּרעגלטע פיש. אַ קעלנער מיט אַ בראָטפאַן אין די הענט האָט זיך געריבן אָן זיינע פּלייצעס. נייטן האָט אים אונטערגערוקט דעם ליידיקן טעלער און גערעדט צום שדכן.

— צו פּרענסיסעס שוועסטער איז איצט אָנגעקומען אַ קרובה, אַ יתומה פון די פליכטלינג־לאַגערן. אַ יונגע, לעבעדיקע מויד. בלוט און מילך... זי האָט קיינעם נישט אויף דער וועלט. איינע פון יענע מלחמה־קינדער! די משפחה פאַר־שניטן, ־י קרובים פאַרטיליקט... כ׳וויל, זאָלסט זי אַדאָפּטירן.

— משוגע, מטורף! — האָט איסר יאַגאָדע געצויגן מיט די ברעמען.

— ס׳אַ גוטע אינוועסטירונג... האָסט מיך נישט אויסגעהערט. ס׳איז פונקט ווי דו פאַרזייסט אַ קערנדל און ס׳צעבליט זיך אַ פלאַנץ... פאַר דער יתומה איז אונטערגעגאַנגען די אַלטע וועלט, אָבער עפּעס איז צוגעגרייט פאַר איר אין דער נייער וועלט... מ׳האָט אַנטדעקט, אַז זי האָט אַן אָנקל, אַ געשוואָלענעם גביר... אַ נישט דערגאַנגענעם מיליאָנער.

— ווו איז ער?

— ער ליגט אין דער ערד פון טעקסאַס... אָבער די ירושה איז דאָ און וואַרט, ס׳זאָל קומען דער געזעצלעכער נעמער. ר׳איז געשטאָרבן אַן אַלטער בחור. די יתומה איז די איינציקע יורשטע.

— אַ נאַפט־מאַגנאַט?

— מעגסט עפּעס אַראָפּלאָזן, איסר... ר׳האָט געהאַט „דזשענעראַל סטאָרס״, געשעפטן ,ווו מ׳קריגט פון כל־טוב, אין אַ פּאָר שטעטלעך פון טעקסאַס. ר׳האָט אָנגעקליבן קורח׳ס אוצרות. ר׳האָט געהאַט דאָרט אַזאַ אָנזען פּונקט ווי מעיסיס דעפּאַרטמענט־סטאָר אין ניו־יאָרק. זיין איבערבלייב, הלוואי וואָלטן מיר דאָס ביידע פאַרמאָגט!

— האָסט גערעדט מיט רייטשלען?

— דער ביין איז צו פעט, זי זאָל זיך פון דעם אָפּזאָגן. רייטשל איז מיין שוועסטער און כ׳קען אירע אַפּעטיטן... די שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דער יורש איז אַ מיידל. צוויי ווייבער אונטער איין דאַך... ס׳קען חרוב מאַכן דיין הויז. רייטשלס פאַרדאַכטן וועלן אָבער דאָ נישט האָבן קיין האַפט. ס׳גייט דאָ וועגן אויפריכטן אַ יתומה און טאַקע, דו אַליין, וועסט זיך אויך שטעלן אויף די פיס! און דוכט זיך מיר, זי האָט מיטגעבראַכט אַ חתן. כאָטש פון דער אַנדערער זייט האַלטן דיך די רכילות־טרייבער פאַר אַ הונגעריקן וואָלף...

כאָטש איסר יאַגאָדע האָט געהאַלטן די אויערן וואַך, האָט ער פונדעסטוועגן נישט באַנומען זיין שוואָגערס אָנבאָט. און דער־אַ איינרייסער האָט זיך געשניטן אויף אַן אַדוואָקאַט? ר׳האָט געלערנט געזעץ, ר׳האָט זיך געגריבלט אין קאָדעקס־ביכער, ר׳האָט געשליפן ס׳צינגל מיט אַ שפּראַך פול מיט דריידלעך און שמד־שטיקלעך, און רעדן רעדט דאָס אַ לשון פון אַ מלמד! דער יידיש זיינער איז אַפילו דורכגעבראָקט מיט לשון־קודש. אַ שיינער אַמעריקאַנעץ! ס׳וואָלט אים גיכער געפּאַסט צו זיין אַ שוחט, אַ חזן, אַ משגיח איבער כשרות, אָדער טאַקע גאָר אַ שדכן!

די געסט זענען שוין געווען פאַרטיק מיט דער יויך. די קעלנערס האָבן דערלאַנגט פעטעלעך הון. ביי איסר יאַגאָדען איז געוואַקסן דער חידוש: פאַרוואָס זיין שוואָגער איז אַזוי פאַראינטערעסירט, ער זאָל אַריינגעמען אין הויז אַ יתומה.

וויל ער אפשר אויפהעצן רייטשלען? טרייבט ער שפּאַס, אָדער טראַכט ער אָפּצו־שוימען אַ פּעטן פּראָצענט פון דער ירושה, וואָס די יתומה וועט איינמאָנען?

ער איז פונדעסטוועגן געקומען צום אויספּיר, אַז דער איינפאַל צו אַדאָפּטירן אַ יתומה איז נישט קיין קרומער. מען דאַרף דאָס אָבער איינפירן אין יעדן ייִדישן הויז, ווו אַ פּאַרפּאַלק איז קינדערלאָז. איסר יאַגאָדע האָט געשטאָכן זיין חלק הון מיטן גאָפּל. דאָס עוף איז געווען האַרט ווי אַ קיזלשטיין. ער האָט אָפּגערוקט דעם טעלער און געפּאָדערט ביים קעלנער אַ ביפשטיק. באַלד האָט ער זיך אַליין געזאָגט מוסר: פאַרוואָס עפּעס אַ ביפשטיק און נישט קיין זופּן־פלייש, וואָס איז לייכטער צו פאַרדייען? אַזאַ טבע האָט ער שוין. די פרעס־תאוה האָט איבער אים אַ שליטה. און שפּעטער וועט ער געפּייניקט פון מאָגן־דריקעניש... ער האָט זיך אַ טאָפּ געטון ביי דער בוזים־טאַש, ווו ס'איז געלעגן דאָס שאַכטעלע מיט קאַפּסולן קעגן האַרץ־ברענעניש און זיך באַרויִקט.

ער האָט געפירט זיינע בליקן איבער די געסט אַרום טיש, אַלע זענען געווען אַריינגעטון אין דער אכילה. מ'האָט געקלונגען מיט די גאָפּל־מעסער ווי מיט מלחמה־וואָפן. אַזוי פיל חומר! אַזאַ ערנסטקייט! מ'הערט נישט מער קיין גלייכ־ווערטל, קיין הלצה ביי אַ טיש, אַפילו דער עלטערער ייִד מיט די שאַרפע בלויע אויגן, דער שכן זיינער, וואָס איז קעגן די פילאַנטראָפּן און צדקה־גראַבלער, איז איצט אַריינגעטון בראשו ורובו אין די טעלערס און עפנט נישט ס'מויל, אַ זקן מיט אַזאַ בכבודיקער ווייסער באָרד דאַרף עפּעס לאָזן הערן ווען ר'זיצט מיט אַ מזומן. ווו איז אַ שאַרף ווערטל? אַ חכמהלע? ער האָט זיך אומגעקוקט איבערן זאַל און געזען אַ סך יונגוואַרג. ס'אַ גוטער סימן, אַז די אַכצן־יעריקע שעמען זיך נישט צו קומען צו די אינסטיטוציעס פון טאַטע־מאַמע — האָט ער אויסגעפירט. אָבער ווידער ס'אייגענע! מ'לאָקט די יונגע חברה מיט דער פרעס און מיט פאַרווייַלונג. אַנדערש וואָלטן זיי דאָ נישט אַריינגעשמעקט.

איסר יאַגאָדע האָט זיך דערמאָנט אַ ווערטל, וואָס אַן אָפּשפּעטער האָט אים געזאָגט מיט אַ טאָג צוריק: גיב אַן אַמעריקאַנער אַ באָד־קאָסטיום, אַ הייס וווּרשטל און פינף גאַלאָן גאַזאָלין און ער'ט זיך אַמוזירן פונקט ווי אַ מוווי־אַקטיאָר מיט אַ גט...

דער קעלנער האָט צוגעטראָגן דעם ביפשטיק. ביי איסר יאַגאָדען האָבן די נאָזלעכער איינגעזאַפּט דעם ריח פון געבראָטנס. מיט גאָפּל־מעסער האָט ער גע־נומען צעשטיקלען דאָס פלייש, וואָס איז געלעגן אויפן טעלער ווי אַ שטיק לעדער. ער האָט איצט נישט קיין חשק געהאַט צו באַנייען דעם שמועס וועגן דער יתומה. ער האָט גלאַט געפרעגט נייטענען:

— ווי גייט עס ביי דיינע פאַרשווונדענע מענער? האָסט עפּעס באַוויזן אויפ־צוזוכן אַנטלאָפענע הולטאַיעס?

— די ווייבער מיינען דען אָפּצוזוכן זייערע פאַרלוירענע מענער? — האָט נייטען שפּאָטיש געצויגן מיט די פּלייצעס — די עגונות שפּילן טעאַטער! דאָס ווייזט מען כלומרשט די קינדער, אַז מ'וויל נישט צעברעכן די היים...

— פונוואַנען דרינגסטו דאָס?

— פון מיינע קליענטן. די טראַגעדיע מיט די פאַרליבטע פּאָרפּאָלקן באַ־שטייט אין דעם, וואָס די צייט מישט זיך אַריין און לעשט אויס זייער ליבשאַפט און ס׳ווייב נוצט אַפילו נישט קיין כישוף־וואַסערלעך אָנצוצינדן צוריק די ליבע.

— רעדסט ווי אַן עקספּערט, האָסט דען באַוויזן?

— אין אונדזער ביורא ברעכן זיך די ווענט פון רעקאָרדס פון פּרויען, וואָס זוכן זייערע פאַרשווונדענע מענער און דערביי בעטן זיי גאָט, מען זאָל זיי נישט געפינען...

— דאָס איז אַ בויך־סברא. גיב מיר סטאַטיסטיק...

— כ׳קען אויפווייזן מיט סטאַטיסטיק. אָט איז נעכטן צו מיר אַריינגעקומען אַ פרוי פון אַ יאָר פינף און פערציק. זי איז געווען פעט און אָנגעבלאָזן ווי אַ צעעפנטער שירעם און מיאוס ווי די נאַכט. זי האָט זיך געדרייט פאַר מיין טיש און געשאָלטן אויפן קול. ווען שילט איר ליידי? — פרעג איך מיין קליענטקע. וועמען כ׳שעלט? — זאָגט זי, — דעם, וואָס האָט מיין לעבן אומגליקלעך גע־מאַכט. שוין צוואַנציק יאָר ווי כ׳בין פאַרהייראַט און ס׳איז געוואָרן ניין חדשים ווי ער איז פאַרשוווּנדן ווי אין דר׳ערד אַריין... אַז די ערד זאָל אים טאַקע איינ־שלינגען! מ׳געפינט נישט קיין שפור פון אים, ווי ס׳וואַסער וואָלט אים פאַר־טראָגן, פאַרשווּנקט, אַז אָפּשווענקען זאָלן אים שוין אַלע ימען... מיין עלטערע טאָכטער זאָגט זי, האָט אים אַרומגעזוכט, אַז זוכן זאָל אים שוין דער מלאך־המות!.. כ׳האָב אָנגעקוקט די יידענע, וואָס איר מויל האָט געשאָטן פעך און שוועבל און איך האָב זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי אַ מאַן האָט געקענט אָפּלעבן צוואַנציק יאָר מיט אַזאַ מרשעת. דער אַנטלאָפענער איז דאָך געווען אַ צדיק! איך וואָלט נישט אויסגעהאַלטן קיין צוואַנציק שעה...

— וואָס שיטסטו נאָך זאַלץ אויף די ווונדן? דיין אַמט איז צונויפצוברענגען פאַרלוירענע מאַן און ווייב אָנו נישט מאַכן חוזק פון די אָרעמע עגונות.

— דאָס איז דיין פּזמון, איסר. פאַראַן געווג שלעק. הער מיך ווייטער אויס... כ׳פרעג די שעלטערקע וויפיל קינדער זי האָט, זאָגט זי: פיר. געהאַט האָט זי זעקס, זענען צוויי אַוועקגעשטאָרבן. הלוואי וואָלט זי די ערשטע פיר נישט אויסגעטראָגן, וואָלטן זיי פאַרשפּאָרט צו האָבן אַ טאַטע אַ באָם, אַ האָלאַ־דריגע, אַ טרעמפּ... כ׳פרעג זי: האָט מען אים ערגיץ געזען? יאָ, זאָגט זי. שכנים האָבן אים געזען אויף ברום־סטריט. לאַנדסלייט האָבן אים באַמערקט אויף פּיטקין־עוועניו; רכילות־טרייבער האָבן געכאַפּט אויף אים אַ בליק אין ברייטאָן־ביטש... אָבער קיינער פון די צדיקים האָט נישט געהאַט קיין האַרץ צו רופן אַ פּאָליסמאַן...

— טאַקע אַן עוולה! אונדזערע יידן בני רחמנים!

— שלאָג מיר נישט איבער, איסר. כ׳פרעג די שעלטערקע: כ׳וויל וויסן סימנים פון דעם פאַרשווּנדענעם, זיין מאָס, זיין וואָג... אָבער זי ווייס נישט, ווי הויך איז ער? פרעג איך. זאָגט זי, ער האָט געמעגט איינגעשרומפּן ווערן, איי־דער ער האָט געגומען וואַקסן... כ׳פרעג: וויפיל ער וועגט, זאָגט זי, ער האָט געדאַרפט אַזוי איינדאַרן, אַז ס׳זאָל אויסרינען פון אים ס׳לעצטע ביסל חיות... כ׳פרעג ווייטער: וואָסערע האָר האָט ער, בלאָנדע? שוואַרצע? גרויע? און זי

שילט: ער'ט געדאַרפט גרוי ווערן אין דער מאַמעס בויך... דאָ פאַרליר איך שוין ס'געדולד און שטעל די ייִדענע נאָך איין פראַגע: וואָס פאַרא קאָליר זענען זיינע אויגן? זאָגט זי, אַז זי ווייס נישט... איר'ט אָפּגעלעבט מיט אַ מאַן צוואַנציק יאָר און איר ווייסט נישט די קאָליר פון זיינע אויגן? פרעג איך. שרייט זי. כ'האָב מער נישט געהאַט וואָס צו טון, נאָר צו קוקן אין זיינע אויגן אַריין? אַז אויס־געשטאָכן זאָלן אים די אויגן ווערן! מער האָב איך שוין נישט געפרעגט. כ'האָב אַן עפּן געטון די טיר און דאָס שלאַק אַרויסגעוואָרפן...

— 3 —

די געסט זענען געווען פאַרטיק מיט דעם לעצטן געריכט — די פאַרעווע אייז־קרעם. מ'האָט געזופּט פון קליינע טעפּלעך שוואַרצע קאַווע און צוגעביסן קיכלעך. איסר יאַגאָדע איז געווען אַזוי אָנגעשטאָפּט, אַז ר'האָט קוים געדעכעט. ער האָט אַריינגעכאַפּט אין מויל אַ שטיקל צוקער פאַר אַ צובייסעכץ צו דער קאַווע און מורא געהאַט נישט אויסצוברעכן אַ פאַלשן צאָן. אַלץ איז איצט ווידער געווען אויף אים שווער. די שפּייזן האָבן גענודיעט. די שוואַרצע קאַווע האָט געהאַט אַ זויערן טעם. ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס גיט מען אומישנע דעם עולם אַזוי־פיל צו פרעסן, ער זאָל ווערן מיד און פויל און נישט קענען אַרויסטרעטן קעגן די רעדל־פירער, ווען זיי וועלן אָנהייבן לויבן איינער דעם צווייטן. ס'איז אָבער היינט די ריכטיקע צייט אַרויסצוטרעטן קעגן זיי! נאָר נישט זיין געפאַלן ביי זיך, איסר! — האָט ער זיך אַליין געמונטערט — אַז ס'וועלן זיך אָנהייבן די רעד־דעס, זאָלסטו נעמען דאָס וואָרט און זיי דערלאַנגען סחורה! ביזט נישט קיין פּרעזידענט, קיין סעקרעטאַר, קיין קאַסירער, אָבער שטים־רעכט האָסטו און מיט דיין צינגל וועסטו זיך אויסגלייכן מיט די קאָך־לעפל!

כאָטש ביי אים זענען די געדאַנקען געווען שלעפּעריק, פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט אויפן קאָפּ אַלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געצויגן יניקה פון די לאַנדסמאַנשאַפטן. ס'אַן אָפענער חשבון! אין די מלחמה־יאָרן האָבן די לאַנדס־מאַנשאַפטן געזאַמלט פאָנדן צו פאַרטיילן די געליטענע אין דער אַלטער היים, אָבער ווען די בלוטבאָד איז פאַריבער, האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז די ייִדן זענען פאַרטיליקט און ס'איז נישט געבליבן וועמען ס'געלט צו פאַרטיילן... די רעדל־פירער האָבן אָפילו נישט צוגעגרייט אַ פּלאַן, וואָס מיט דעם אָנגעזאַמלטן פאַרמעגן צו טון. ס'עשירות רינט איבער דער באָרד און מ'ווייס נישט, ווי דאָס צו פאַרווענדן. אַ שיין פירעכץ! אויב ס'זאָל אַזוי ווייטער אָנהאַלטן, וועט מען אַלץ פאַרפרעסן אויף באַנקעטן און בעלער!

ער האָט שפּילדיק געקוקט אויף די בייזיצער אַרום. זייערע פּנימער זענען געווען שפּאָטיש און זיי האָבן רק געפלוידערט. דער עלטערער ייִד האָט גע־שוויגן, ער האָט אָנגעטון אויף דער נאָז אַ פּענסנע און עפּעס אַרויסגעלייענט פון אַ לוח. אויך מיר אַ צעלייגער! — האָט אים יאַגאָדע אָפּגעמאָסטן זיין ווערט — ס'איז

דאָ מיט ווענען צו גיין אין מלחמה! ער׳ט קריטיקירט די באַנקעט־סעודה און אַליין אויסגעליידיקט אַלע טעלערס. אַ סך מענטשן ווילן איבערקערן וועלטן. אָבער די מערסטע זענען זיכער, אַז זיי קענען אָפּשטופּן גרויסע בערג דעמאָלט, ווען אַנדערע וועלן פר׳ער פאַר זיי אַוועקרוקן די קליינע היגלען... דער שדכן האָט באַמערקט, אַז נייטן האָט נישט איבערגעלאָזט קיין קרישקע אין זעמל־קיישל און אויסגערייניקט דעם פליישׂ־טעלער. ס׳אַ כיטרער יונג, וואָס איז גע־בליבן אַ פאַרלוירענער אַדוואָקאַט. ר׳האָט ליב עולם־הזה און מאַכט פּלענער אויף עולם־הבא. דער איינפאַל פון אַדאָפּטירן אַ יתומה איז נישט קיין נאַרישער, אָבער דאָס דאַרף געטון ווערן דורך גאַנץ קהל. יעדע לאַנדסמאַנשאַפט וואָלט געדאַרפט אַדאָפּטירן אַ פּופציק מלחמה־יתומים. נישקשה, די אינסטיטוציעס קענען אויס־האַלטן. ער׳ט דאָ באַלד מאַכן אַזאַ פאָרשלאָג און אַליין אַלעמען ווייזן אַ ביישפּיל. און צוריקגעשמועסט, מיט זיך איז ער שוין פאַרטיק, אָבער וואָס וועט זאָגן רייטשעל?

ביי אים אין קאָפּ זענען די טראַכטענישן געקראָכן פויל ווי אויסגעוואַ־רעמטע קעצעלעך אין אַן אויסגעבעטן קיישל. נייטן האָט אָפּגעווישט די ליפּן מיט דער סערוועטקע. ער׳ט זיך אויסגעדרייט צום שדכן.

— ס׳אַ פּאַסקודנע וועלט! היינט שטאָפּט מען אַן דעם קל־וחומר און צו־מאָרגנס וועט מען ווידער האָבן די אויפזיכט איבער פאַרלוירענע ווייבער, פאַר־שווונדענע מענער... האָסט מיר נישט געענטפערט וועגן דער יתומה, איסר. ווען דערציילסטו די בשורה רייטשלען?

איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט ענטפערן, אָבער ס׳האָט זיך דערהערט אַ טויבער קלאַפּ פון אַ הילצערנעם האַמער. פון זיין זיך־אָרט אויף דער פּלאַט־פאָרמע האָט זיך אויפגעהויבן דער פאָרזיצער און געבעטן דעם עולם אויפצו־שטיין, מ׳גייט זינגען די אַמעריקאַנער הימנע. די לאָמפּן אין זאַל זענען פאַר־לאָשן געוואָרן. פאַר אַ מיקראָפאָן האָט זיך באַוויזן אַ בלאָנדע זינגערין אין אַ צעבלאָזן קלייד מיט פליגלען. זי האָט זיך געשטעלט מיט די פּלייצעס צו דער אַמעריקאַנער פאָן. אַ העלער ליכט־זייל פון אַ פּראָזשעקטאָר איז געפאַלן אויף איר בלאָנדן קאָפּ. דאָס ליכט האָט באַגאָסן די ברייטע גלאָקן און פאַלדן פון איר צעפליגלט קלייד און האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ נישט־ערדיש וועזן. זי האָט געזונגען מיט אַ גלעקלדיקן סאָפּראַנאָ. אירע טענער האָבן זיך געשפּיצט אויף דער העכסטער אָקטאַווע. דער מיקראָפאָן האָט פאַרצענפאַכט די הילכיקייט און דאָס געזאַנג האָט געראַוישט מיט דער פייערלעכקייט פון אַ דאַנק־תפילה. דער עולם האָט שטילערהייט גענומען מיטזינגען דאָס געזאַנג פון די שטערן און שטרייפן.

נאָך דער הימנע האָט די זינגערין אָפּגעכאַפּט אַ ווײַלע דעם אָטעם און אָנ־געהויבן זינגען די התקוה. דער עולם האָט זיך צוואַרעמט ביי די ערשטע ווער־טער. די קלאַנגען האָבן אָנגעצונדן די זאַטע געסט און אָנגעשטעקט אַפילו יענע, וואָס האָבן די ווערטער פון דעם פייערלעכן געזאַנג נישט פאַרשטאַנען. פונעם געזאַנג האָט אַרויסגעשאַלט אַ חיות, אַ קוויקעניש, אַ רוף, וואָס וועקט אַ פאָלק פון אַלע ווייטקייטן, פון אַלע צעשפּרייטקייטן צו זיין אויסגעבענקט לאַנד.

קאַפּיטל פינף

— 1 —

איסר יאַגאָדע האָט זיך צוריקגעזעצט און פלעגמאַטיש באַטראַכט די ביי־זיצער אַרום זיין טיש. ס׳רוב געסט — האָט ער באַשלאָסן — האָבן געקוקט אויף דער געזאַנג־צערעמאָניע ווי אויף אַן אַפּקומעניש. ס׳אַן אָנשטעל, צי אַ געבעט? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. — ס׳אַ פרומע ברכה צו כשרן טריפהנע מעשים! — האָט ער זיך אַליין געענטפערט. נייטן האָט פאַררויכערט אַ מאָגערן ציגאַר, ווי אַ צימערינג־רערל. ער האָט קוים אַרויסגעלאָזט דאָס ערשטע רינ־געלע רויך, ווי ס׳האָט זיך דערהערט ווידעראַמאָל דער קלאַפּ פון דעם הילצער־נעם האַמער. אַלע האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו דער פּלאַטפאָרמע.

דער פאָרזיצער האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן רעדן הייזעריקלעך, זיין פול פּנים איז געווען פעטלעך און מיט פאַלדן. די אויגן גרין, די הויט אָנ־געגאָסן מיט אַ רויטקייט. ער האָט ווי אַ כהן געגומען בענטשן די געסט, וואָס זענען געקומען און אויך יענע, וואָס האָבן געזאָלט קומען. ער האָט אויסגערעכנט די נפטרים צווישן די צדקה־טוער, וואָס זענען דורכן יאָר אַוועק אויף דעם וועג פון אַלע שטערבלעכע און ער האָט דערמאָנט די פליכטן פון די לעבעדיקע, וואָס פאַרמעסטן זיך איינצונעמען די וועלט. פאַר די געסט אין זאַל האָט ער געהאַט שטראָף־ווערטער און לויב־זאָגעכצן. ער האָט געזאָגט מוסר און געחנ־פעט. זיין רעדע איז געווען אַ סך־הכל פון טועניש, מער דערפאַלגן ווי דורכ־פאַלן. דער עולם, וואָס האָט זיך גענודיעט, ווען דער טשערמאַן האָט דערלאַנגט ציפערן און טאַבעלעס פון דעם געלט־רעזערוו אין דער קאַסע, האָט אויפגע־לעבט, ווען דאָס וואָרט האָט גענומען דער פּרעזידענט.

נייטן האָט אַן געדולד זיך געדרייט אויף זיין שטול און געוואָרפן קנוילכלעך רויך אין איסרס זייט.

— זיי וועלן מיט די רעדעס דעם עולם אַוועקלייגן. וואָס זיצן מיר נאָך? ווילסט גיין?

— בלייב, וועסט מיך אויך דאַרפן אויסהערן.

— משוגע מיינע שונאים! דו פאַרמעסט זיך אויף אַ דרשה?

— ס׳מוז דאָך קומען עמיצער, וואָס זאָל מאָנען דין וחשבון! הערסט דאָך וואָס זיי זאָגן. מ׳ווייסט נישט וואָס צו טון מיט די אָנגעזאַמלטע פאָנדן, גייט מען בויען נייע געביידעס פאַר טעמפּלען...

— פאַר טעמפּלען צי פאַר שפּיטאָלן?

— פאַר איין שפּיטאָל און פאַר פינף טעמפּלען... פּוסטע קרעטשמעס...

— כ׳בעט דיך, איסר, מיש זיך נישט אין זייער מלוכה... מעגסט שווינען דיין אייגענעם קאָפּ, אויב דו ווילסט, ער זאָל בלייבן זיצן אויפן קאַרק... צאָל דיין שטייער און בלייב אַ פּשוטער סאָלדאַט.

— אין זייער מלוכה האָב איך חשק צו זיין אַ גענעראַל...

דער פּרעזידענט האָט געהאַט אַ מיד, מרה־שחורהדיק פּנים, ווי פון אַ קברן, ער האָט אָנגעטאָן זיינע ברילן, לאַנג און מיט געניטשאַפט האָט ער גע־קוקט אויף דעם זאַטן עולם, ווי ער וואָלט געשאַצט זייער ווערט. ער האָט באַ־טראַכט זיינע הענט ווי דאָס וואָלטן געווען פּעקלעך, פאַר וועלכע ער זוכט אַן אָרט זיי אַוועקצולייגן. די רייד האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ משל וועגן אַ פוקס, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון הינטער אַ משכן. לויט זיין אומבאַהאָלפענעם לשון האָט מען געזען, אַז דער פּרעזידענט איז אַ קנאַפּער למדן. געמיינט האָט ער צו דערציילן די מעשה פון מדרש וועגן רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים, וואָס זענען געשטאַנען פאַר די חורבות פונעם מקום־קדוש, בעת פוקסן זענען אַרויסגעקראָכן פון די לעכער... צו וואָס דערציילט ער די מעשה ביי אַ באַנקעט? — האָט איסר יאַגאָדע זיך געפרעגט — אין מדרש שטייט, אַז ווען די תלמידים פון רבי עקיבא האָבן דערזען די פוקסן אַרום מקום־קדוש, האָבן זיי זיך צעוויינט און רבי עקיבא האָט זיך צעלאַכט. די תלמידים האָבן געטרויערט און רבי עקיבא האָט זיי גע־טרייסט, אַז פון דעם טרויער וועט אויסוואַקסן פרייד, פון דער פינצטערניש וועט אויפגיין ליכט.

איסר יאַגאָדע האָט באַנומען, אַז דער רעדנער וויל ציִען אַ פאַרגלייך. די איצטיקע נויט וועט נישט אייביק אָנהאַלטן. אַמעריקאַנער ייִדן דאַרפן בלויז עפענען די הערצער און די בייטלען. דעם פּרעזידענטס מעלאַנכאָלישע שטים האָט ביסלעכווייז געקראָגן קאָליר און טאָן. ער האָט זיך צעפלאַמט און געוואָרפן מיט גלייכווערטלעך און משלים. ער האָט גערופן די פאַרזאַמלטע צו שאַפן נייע פאָנדן און בויען שפּיטאָלן און מאָדערנע שולן. לעבן אַ קראַנקן־הויז דאַרף מען אויך אויפשטעלן גאָטס הויז. מען מוז זיך צופּאַסן צום לעבן. דאָס יונגוואַרג גייט אַוועק פון אונדז און מ'קען זיי צוריקרופן דורך בויען געבעט־הייזער מיט אַ נייעם נוסח. מיטאַמאָל האָט ער אַקטיאָריש פאַרוואָרפן די הענט און אויס־געזופן:

— פאַרוואָס ברענגט נישט אַ שטיין קיין פּרוכט? ווייל אויף אים איז גע־פאַלן דאָס בלוט פון דעם אומשולדיקן הבל... אויב ייִדישע הערצער וועלן נישט בלייבן פאַרשטיינערט, וועט אונדזער אַרבעט ברענגען פּרוכט!

איבערן זאַל האָט זיך געטראָגן אַ הילכיק הענט־פּאַטשעריי. דאָס האָט מען אפּנים אַפּלאָדירט דעם פּרעזידענט פאַר זיין געלונגענעם פאַרגלייך. איסר יאַ־גאָדע האָט זיך אַ הויב־געטון פון אָרט: וואָס האָט ער צו ייִדישע הערצער? זיי זענען שטאַרקער פון אייזן, די ייִדישע הערצער, אויב זיי האַלטן אויס פון אַזוי־פיל קהל־פאַרזאָרגערס... ער האָט געשטעלט אַ פּאָר שריט פאַראויס און ביי אים האָבן זיך אַרויסגעריסן צאָרן־ווערטער.

— צו וואָס שאַפן נייע פאָנדן, אַז מען ווייס נישט וואָס צו טון מיט די אָנגעזאַמלטע געלטער? ווילטעגערס! עולם־הזהניקעס! מ'וועט בויען אַ טעמפּל און דערנאָך אַריינשטעלן דאָרט אַ געץ?

ס'איז געוואָרן אַ גערודער אויף דער פּלאַטפאָרמע. אַ קלינגעריי אין אַ גלאָז האָט איסר יאַגאָדען איינגעשטילט. ערשט איצט האָט ער זיך אַרומגעזען,

אַז אין די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן זיך שוין אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר רעפאָרם־ייִדן, וואָס גייען זאַמלען פאָנדן צו בויען טעמפּלען... דאָס זענען דיזעלבע פוקסן פון ר׳ עקיבאס צייטן, וואָס טאַנצן אַרום די היינטיקע חורבות. פאַרוואָס רויכערט מען זיי נישט אויס? די רוגזה האָט אין אים זיך צעברענט. די צונג האָט גענומען פלאַמען.

נייטן האָט אויסגעדרייט צום שוואָגער דאָס האַלבע פּנים מיט דער אָנגע־לאָפענער באַק און געפּליסטעט.

— גייסט מלחמה האַלטן מיט די רעדל־פירער? צווישן די פינף הונדערט געסט וועסטו זיין דער איינציקער קעמפער. און ס׳איז ביטער צו זיין איינער אַליין אין שלאַכט...

— לויטן שכל האָסטו, נייטן, געדאַרפט פאַרפירן די מלחמה. האָסט זיך דאָך געשניטן אויף אַן אַדוואָקאַטל, אַ לאָיער, האָסט פאַרגעסן? אַ פאַרטיידיקער פון די באַעוולהטע און געקריוודעטע...

— ווער איז דאָ דער געקריוודעטער?

— גאַנץ קהל.

— איינרעדעניש, איסר! יעדער איינער פון אונדז טוט קריוודעס זיין שכן, זיין ברודער, זיין בייזיצער... מיר זענען קראַנק אויף איפּערזוכט. אונדזער איי־פערזוכט אויף דער קהלשער שיסל איז פונקט ווי די אייפערזוכט פונעם מאַן אויף זיין פרוי... דער אייפערזיכטיקער מאַן מוז אָבער געדענקען, אַז ווען אַ צווייטער מאַן פאַרערט זיין ווייבס רייץ, איז דאָס בלויז אַ צושטימונג אויף זיין, דעם מאַנס מבינות... ס׳זעלבע מיט דער קהלשער שיסל.

— אַ שיינער פאַרגלייך! דערצו האָסטו געדאַרפט גיין אין קאַלעדזש?

— מיר אַלע רייסן זיך צו די בענקלעך, צום דערפאָלג. הער, וואָס איך זאָג דיר, איסר. די מעשה מיט די קריוודעס איז אַלט ווי די וועלט...

איסר יאַגאָדע האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט. אין דעם האַנט־מאַך איז געווען ביטול און פאַראַכטונג צום שוואָגער, וואָס פאַרגלייכט אַ סכסוך צוליב קהלס אייגנטום מיט דעם קאַץ און מויז־שפּיל צווישן מאַן און פרוי. דער על־טערער ייִד קעגנאיבער איז צוגעקומען און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דעם שדכנס אַקסל. ער האָט פאַרלוירן אַ שמייכעלע אין די באָרד־פאַלדן.

— כ׳בין אייך מקנא. איר האָט מוט... אַן אמתער איש ריב ומדון... אין מיין עלטער פאַרמאָגט מען דאָס נישט! אַ סימן, אַז כ׳בין טאַקע אַ בינטל עצמות יבשות. וואָס איז דען אַלטקייט? ווען די נשמה קריגט אַ מיחוש און מ׳ווערט אָנמעכטיק... יעדער מאַן ווערט אַ זקן ווען ער פאַרטראָגט צופיל זאַכן, ער שטימט מיט אַלץ איין און האָט מיט קיינעם קיין מחלוקת נישט...

איסר יאַגאָדע האָט זיך צוגעהערט צום עלטערן ייִד מיט אָפּגענוצטן געדולד.

אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט זיך באַוויזן אַ צווייטער רעדנער מיט אַ פּאָר נערוועזע אויגן. ער האָט געליאַרעמט, אַז די פאַרזאַמלטע זאָלן שיקן טעלעגראַ־מעס צו זייער קאָנגרעסמאַן, ער זאָל ברענגען אַ ביל אין וואַשינגטאָן, מען זאָל אַריינלאָזן אין אַמעריקע אַלע געראַטעוועטע ייִדן פון היטלערס ברען־אויוונס.

נישקשה, אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע לעבט נאָך! — האָט ער דערמאָנט דעם עולם — זעקס מיליאָן האָט דער דייטשער רוצח באַוויזן צו פאַרטיליקן, אָבער די רעשטלעך מוזן אַריבערגעפירט ווערן אין דער נייער וועלט.

נאָך אַ רעדנער מיט אַ כריפּענדיק קול האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן מיקראָפאָן ווי פאַר אַ שפּיגל. ווי נאָר ער האָט אָפּגעזאָגט די ערשטע ווערטער, איז דער עולם געבליבן זיצן מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס. ער האָט אַנטפּלעקט, אַז איבער דער ווייטער וועלט גייט אָן אַ געהיימע, אומלעגאַלע אויסוואַנדערונג פון די ייִדן אין די לאַגערן. מ׳לויפט איבער די גרעניצן און מ׳שיסט אויף די וועג־פּאַטרולן. ייִדישע פרויען באַהאַלטן זיך אויס אין די בערג און טוען גע־בוירן קינדער אונטערוועגס. פּליטים טראָגן זיך אויף געבאָרגטע שיפן איבער ברייטע ימען און האַלטן מלחמה מיט דעם ענגלישן פלאָט. לא ינום ולא יישן שומר ישראל! יונגע ייִדן פון ארץ־ישראל און פון אַמעריקע פירן אָן מיט דער אומלעגאַלער אויסוואַנדערונג און דער וועג פאַר די אַנטלאָפענע פּליטים איז איינער, — צו די ברעגן פון ארץ־ישראל.

— 2 —

די רייד האָבן אויפגעהייטערט איסר יאַגאָדען. אַ ווײַלע איז ער גרייט גע־ווען אַ סך אַראָפּצולאָזן פון זיינע טענות. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ביים אַרויס־ראַטעווען די לאַגער־ייִדן אַרבעטן אויך גויישע שותפים. הייסט עס, לא אלמן ישראל! פאַראַן גוטע גוי׳ם אין אַנדערע לענדער, וואָס העלפן די וואַנדערער, כאָטש זיי העלפן נישט לשם שמים. זיי הייסן זיך באַצאָלן פאַר זייער רחמנות.

אַ פערטער רעדנער, וואָס האָט נישט געליאַרעמט, נאָר געזאָגט זיינע רייד שטיל און רירנדיק ווי אַ מטיף, האָט פאַרטיידיקט די לאַנדסמאַנשאַפטן פאַר דער פאַרשפּעטיקטער הילף. די לאַנדסמאַנשאַפטן אַנטלויפן קיינמאָל נישט פון פליכטן, זיי זענען בלויז הינטערשטעליק. ער האָט באַגלייט זיינע ווערטער מיט אַ משל, אַז טעותן זענען די לעקציעס פון חכמה... די פאַרגאַנגענהייט קען נישט געענ־דערט ווערן, אָבער איבער דער צוקונפט געוועלטיקט נאָך דער מענטש. דערנאָך האָט ער געחנפעט די געלט־געבערס. ער האָט אויסגערופן די נעמען פון די גרויסע נדבנים און די קליינע האָט ער פאַרשוויגן.

מיטאַמאָל האָט איבערן זאַל ווידער זיך געטראָגן אַ הענט־פּאַטשעריי. דאָס פּלעסקעריי איז געקומען פון אַלע טישלעך. טייל געסט האָבן זיך געהויבן פון די ערטער און געקוקט צום פאַראַדנעם אַריינגאַנג. אַ וויספּעריי צווישן עולם האָט אָנגעזאָגט, אַז דער מעיאָר פון ניו־יאָרק איז דאָ. ער האָט פאַרשפּעטיקט, אָבער ער איז געקומען. וויכטיקע שטאָט־געשעפטן האָבן אים פאַרהאַלטן פון צו זיין אין צייט ביים באַנקעט. ער וועט אָבער נישט פאַרפעלן צו האַלטן זיין רעדע פאַר די, וואָס טיילן אויס חסד און באַרעמהערציקייט צו די נויטבאַדערפטיקע.

דער מעיאָר איז נישט דורכגעגאַנגען געלאָסן די טיר, נאָר איז אַריין ווי דער שפּריץ פון אַ סיפאָן... פאָטאָגראַפערס מיט אָנגעשטעלטע אַפּאַראַטן האָבן

איס נאָכגעקוקט. אַ באַגלייטער האָט פאַר אים געמאַכט אַ וועג צו דער פלאַטפאָרמע. דער מעיאָר האָט אָפּגעצאָלט פאַר די אַפּלאָדיסמענטן מיט אַן אַקטיאָרישן פאַרנויג. ער האָט גוט־ברודעריש מיט אַ האַנט־פאַק באַגריסט דעם עולם. זיינע קלוגע, גרינגלעכע אויגן, אונטער די דיקע, שטייפע ברעמען האָבן געשמייכלט. מיט דעם האַנט־פאַק און מיט דעם גוטן שמייכל האָט דער מעיאָר באַדאַנקט זיינע בירגער, וואָס דערלאַנגען אים שטימען ביי וואַלן און אַפּלאָדיסמענטן ביי באַנקעטן.

איסר יאַגאָדע האָט זיך געוווּנדערט אויף דער אויפהייטערונג ביים עולם. ר'איז געווען בייז, וואָס מענטשן חנפענען יענע, וועלכע פאַרדינען נישט. צווישן זיין פאַרוווּנדערונג און צאָרן האָט ער דערווייל אַליין געכאַפּט אַ קוק אויף דעם שטאָט־טאַטע. ער האָט אים געמאָסטן און געשאַצט מיט דער מבינות פון אַ מענטש, וואָס ליידט פון אַנטוישונגען. און אָט דער־אַ טוט ווירטשאַפטן מיט דער שטאָט? אים האָט מען דאָס פאַרטרויט די שליסלען פון אַזאַ פתום ורעמסס ווי ניו־יאָרק? אַ שיינער וועכטער! געדינט האָט ער די טעמעני־באָסעס, די קאַרפּן־קעפּ און פאַרן שטאָט־טאַטע האָבן אים אויסגעקליבן די אָרעמעלייט, דער קענדי סטאָר־קיפּער, דער גראָסערימאַן, דער באַר־אייגנטימער.

וואָס טויג מיר די חכמה, אַז נאַרישקייט גילט? — האָט איסר יאַגאָדע אויסגעקרעכצט — דאָס וואָס זיי האָבן זיך אויסגעקליבן, דאָס רעגירט מיט זיי! הלוואי זאָל ער, איסר, ליגן זאָגן, ער'ט נאָך מאַכן, ניו־יאָרק באַנקראָט אָדער די טומלדיקע שטאָט וועט איינגאַנצן איינשלאָפן ווי אַ בית־עלמין... די באָס־טרייבערס סטראַשען מיט אַ סטרייק, די קברנים ווילן שוין נישט גראָבן קיין קברים... די עלעקטרע וועט אויסגיין, די טעלעפאָנען וועלן שטום ווערן און דער מעיאָר וואַרעמט זיך אין די קאַלטע חדשים אין פלאָרידע... ווען האָט די שטאָט געהאַט אַזויפיל בונטאָווטשיקעס? שקר מיט שלימזל האָבן זיך באַזעצט אין סיטי־האָל, אין שטאָט־ראַט! — האָט ער אויסגעפּירט — אַ חסד, וואָס ניו־יאָרק איז אַ גוט־אויסגעאיילטע מאַשין, ס'רעדלט זיך אַליין!

נייטן, וואָס האָט נאָר וואָס אויסגעהערט אַ וויץ פון דעם עלטערן ייִד, האָט געציילט יעדן גרימאַס אויף זיין שוואָגערס פּנים. ער'ט געוווּסט, אַז איסר האָט עגמת־נפש פון די צדקה־פאַרטיילער, ר'האָט ערגערגיש פון די מאכלים, פון די רעדעס. איצט, אין צולאָג, עסט ער זיך ס'האַרץ צוליבן מעיאָר, ער האָט אים אַ שאָקל געטון פאַר די אַקסלען.

— כ'זע, האָסט צופיל האַרץ־עסעניש, איסר... פאָלג מיך! פאַר דיר איז דאָ איין עצה. ווילסט פאַרגעסן אַלע דיינע אַנדערע צרות? טו אָן אַ פּאָר ענגע שיך...

ווי נאָר דער מעיאָר האָט זיך געשטעלט פאַרן מיקראָפאָן, האָבן די פלינקע פאָטאָגראַפּערס ווידער אָנגעשטעלט אויף אים זייערע אַפּאַראַטן ווי מאַשין־ביקסן. לעמפלעך האָבן אויפגעבליצט און זיך פאַרלאָשן אין דעם מעיאָרס אָפּבילד אין פאַרשידענע פאָזעס — פון פאָרנט, זיין רעכטער פּראָפיל, זיין לינקער פּראָפיל, זיינע אויפגעהויבענע הענט — אַלץ איז אָראָפּגעכאַפּט געוואָרן.

איסר יאַגאָדע האָט אויפגעכאַפּט דעם מעיאָרס לויב־ווערטער פאַר די ייִדן פון ניו־יאָרק. דער שטאָט־טאַטע האָט נישט געקאַרגט קיין קאָמפּלימענטן. לויט

זיין אָפּשאַצונג העלפן די אַמעריקאַנער ייִדן נישט בלויז זייערע ברידער אויף יענער זייט ים, נאָר זיי בויען אויך לאָקאַלע אינסטיטוציעס פאַר די נויטן פון דער ניו־יאָרקער באַפעלקערונג. דער ייִדישער בירגער איז דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון סאָציאַלער פילאָזאָפיע, — האָט דער שטאָט־טאַטע געזאָגט — וואָס דאָס איז אין דער בעסטער טראַדיציע פון אַמעריקאַנישקייט און ייִדישקייט.

דעם מעיאָרס רעדע איז געווען אַ קורצע. ער האָט דערציילט זיינע צו־הערער, אַז אויף קהלשע באַנקעטן לויפט ער שטענדיק אָן אַטעם, צווישן איין באַראַטונג און דער צווייטער, און ער קומט, ווען מ׳האַלט שוין ביים אייז־קרעם... אַ שטאָט־טאַטע האָט קיינמאָל נישט קיין פרייע מינוט. איצט איז ער אויפן וועג צו אַ נייער קאָנפערענץ. די גאַסן־קערער סטראַשען מיט אַ סטרייק. און אַז די סטריט־רייניקער וועלן אָוועקלייגן די שניי־בעזימער, קען ניו־יאָרק אומגעריכט באַגראָבן ווערן אונטערן שניי. אַ פאַרשנייטע ניו־יאָרק איז ערגער ווי די פאַר־שאָטענע פּאַמפּייע! מען מוז פאַרהאַנדלען מיט די מענער, וואָס רייניקן די שטאָט. די בעזימער טאָרן קיינמאָל נישט אויפהערן צו קערן די ניו־יאָרקער גאַסן.

אַז דער מעיאָר האָט פאַרלאָזט דעם זאַל, האָט אים באַגלייט אַ הילכיקע האַנט־פּאַטשעריי. צו די אַלע צרות, — האָט איסר יאַגאָדע געפּסקנט, — איז ער נאָך אַ קאָמעדיאַנט אויך! ער אַמוזירט דעם עולם ווי אַן אויסרופער פאַר די שפּיל־פּלעצער אין קאָני־איילאַנד, וואָס ער האָט איצט געטראַכט וועגן דעם מעיאָרס רעדע, האָט ער אַריינגעזאָגט נייטענען אויפן אויער:

— דאָס בעסטע אין זיין רעדע איז די מעשה מיט די בעזימער. ר׳איז גערעכט, די בעזימער פון ניו־יאָרק טאָרן קיינמאָל נישט אויפהערן צו קערן... הלוואי וואָלט מען מיט די בעזימער געקענט אַריינקריכן אין סיטי־האָל... אין זיין אייגענעם חתונה־זאַל...

— כ׳זע, איסר, דו האָסט דעם מעיאָר נישט ליב. וואָסי, ער האָט געזונקען דיינע שיפן אין זויער־מילך?

— ר׳איז אַ הוליאַקע. זיין פליכט ווי אַ שטאָט־טאַטע איז היינט געווען צו זאָגן מוסר די צדקה־טוערס און נישט ליפערן אַזאַ האָניק־לשון, צופיל לאַקריץ און צופיל חניפה... מען דאַרף אונדז נישט אַזויפיל ליב האָבן...

— פאַרגעס דיינע צדקה־טוערס און האָב אין זינען די יתומה, איסר... זאָל דיר אויך נישט אַרויס פון קאָפּ, אַז מ׳וועט דאַרפן אויפמאָנען אַ ירושה. ווען רעדסטו מיט רייטשלען?

איסר יאַגאָדע האָט זיך אויפגעשטעלט.

— וועגן דער יתומה ביזטו גערעכט. כ׳גיי איצט מאַכן אַ פאָרשלאָג, אַז אַלע פילאַנטראָפּן זאָלן אַדאָפּטירן מלחמה־יתומים...

— אַז מ׳וועט דיך אויסהערן...

— כ׳על נעמען אַ וואָרט...

איסר יאַגאָדע האָט פלינק צוגעשפּאַנט צו דער פּלאַטפאָרמע. דער פּרעזי־דענט האָט אָנגעטאָן זיינע ברילן־גלעזער און געקוקט אויף אים ווי אויף אַן אומגעבעטענעם אורח. דער פאָרזיצער האָט צוגעלייגט אַן אויער און דער שדכן האָט אים עפּעס איינגערוימט. יענער האָט זיך באַראַטן מיט זיינע בייזיצער אַ

פּאָר מינוט. ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ דינגעניש און צום סוף האָט דער פּאָרזיצער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ — אַ צייכן אַז איסר יאַגאָדע קריגט דאָס וואָרט.

איסר יאַגאָדע האָט אָפּגעשטופּט פון זיך דעם מיקראָפאָן. דער פּאָרזיצער האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער, אַז אָן דעם הילכער וועט דער עולם אים נישט הערן. ער האָט געמאַכט איין שריט צוריק. ער האָט אַריינגעבלאָזן זיין אָטעם אין מיקראָפאָן ווי אין אַ שופר און איבערגעהיפּערט די אָפּגענוצטע ווערטער, וואָס מ׳נוצט ביי יעדן סאָסייעטי־מיטינג: „טשערמאַן און לאַנדסלייט! געסט און פריינט!“ ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ געבייזער.

— כ׳האָב אויסגעהערט די ערשטע רעדעס און פאַרשטאַנען, אַז אין אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן הערשט אַ צעטומלעניש. און די צעטומלעניש, זע איך, קומט פון צופיל עשירות... פון איין זייט, זאָגן די רעדנער ,אַז די קאַסע לויפט איבער, און פון דער צווייטער זייט אַפּעלירט מען נאָך מער פאָנדן. צו וואָס דאַרף מען פאָנדן? צו בויען קלובן און טעמפּלען פאַרן יונגוואַרג? די זקנים וועט מען לייגן אין די שפּיטאָלן און דאָס יונגוואַרג וועט מען שיקן זיך אַמוזירן אין טעמפּל? כ׳זע, אַז מ׳וויס נישט וואָס צו טון מיטן רייכטום. צוליב וואָס בויען טעמפּלען? אַז פוקסן זאָלן דאָרט אַרומקריכן? דאָס זענען דאָך טאַקע די פוקסן, אויף וועלכע ר׳ עקיבאס תלמידים האָבן געמעגט וויינען... די טעמפּלען וועלן בלייבן פּוסטע קרעטשמעס... לאַנדסלייט! האָבן מיר שוין אויסגערעכנט צי ס׳זענען דאָ גענוג דאַוונערס פאַר די שולן וואָס מיר פאַרמאָגן פון פריער? אַנשטאָט צו באַגראָבן געלט אין שטיינער און ציגל, לאָמיר בעסער אַדאָפּטירן די יתומים פון די מלחמה־קרבנות! זעקס יאָר האָט די יידישע וועלט געפלאַקערט און מיר האָ׳מיר די שרפה נישט געלאָשן. מיר האָ׳מיר געגעסן הינער אויף באַנקעטן... איצט קען מען די עוולה פאַרריכטן! די יתומים דאַרפן אַ דאַך איבערן קאָפּ. יעדע לאַנדסמאַנשאַפט קען פאַרזאָרגן פופציק היטלער־קרבנות. יעדער יחיד קען אַדאָפּטירן אַ קיילעכדיקן יתום. דערמיט וועט ער אָנהויבן די מצווה פון „כל המקיים נפש אחת מישראל“... איך אַליין ווי אַ ביישפּיל נעם אַריין מאָרגן, בלי נדר, אַ יתומה אין מיין הויז...

צווישן די קהל־טוער אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט זיך אָנגעהויבן אַ מורמלעניש. דער פּרעזידענט האָט צוגעלייגט זיינע ליפּן צו די אויערן פונעם וויס־פּרעזידענט, יענער האָט עפּעס אַ שעפּטשע געטון צום פּאָרזיצער, אַ ווײַלע האָבן אַלע דריי זיך איבערגעקוקט און אויף שטים־לשון באַשלאָסן, אַז איסר יאַגאָדעס פּאָרשלאַג שטייט נישט אויף דער אַגענדאַ, ער קריטיקירט די רעפּרעזענטאַנטן פון די לאַנדסמאַנשאַפטן און רעדט נישט צום ענין.

דער פּאָרזיצער האָט האַסטיק אַוועקגעכאַפּט דעם מיקראָפאָן.

איסר יאַגאָדע האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק פול מיט פאָרוואורף, און איילנדיק זיך געלאָזט צוריק צו זיין טישל. אַבי כ׳האָב מיינס אָפּגעזאָגט — האָט ער געטראַכט —איצט מעגן זיי פּראָטעסטירן! אויפן קורצן וועג האָבן באַקאַנטע לאַנדסלייט אים באַגלייט מיט אַ הענט־פּאַטשעריי. טייל געסט האָבן געקוקט אויף אים מיט איבעראַשונג. נייטן איז אים אַקעגן געגאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

— ס׳איז געווען קורץ, אָבער גוט! דער צוזאָג צו אַדאָפּטירן די יתומה איז געווען אַ באָמבע!

— קום נייטן, איצט קען מען גיין.

ער האָט אויסגעמיטן די בליקן פון די אַרומיקע ביים טיש. ביידע האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. דער עלטערער ייִד האָט אים נאָכגעיאָגט און אים פֿאַר־האַלטן ביי דער פּאַראַדנער טיר. ער האָט אָנגעהויבן רעדן פלינק, שטאַמלדיק און בעתן רעדן האָבן זיינע טונקעלע ליפּן זיך געבאָמבלט צווישן די טאַבאַק־פלעקן אויף דער באָרד.

— אַ שאָד וואָס איר גייט שוין, איצט וואָלט איך ערשט וועלן אייך הערן... איר זייט באמת גערעכט וועגן די פילאַנטראָפּן... אָבער די פוקסן וועלן נישט וואַרטן, ביז מ׳וועט אויסבויען די טעמפּלען... זיי קריכן שוין אַרום צווישן אונדז, טאַקע אין די צדקה־אַנשטאַלטן. איר קענט מיך נישט. מ׳וואָלט זיך געדאַרפט אַמאָל ברייטער דורכשמועסן. כ׳האָב טויזנט פּאַכן, כ׳בין אַ בעקער, אַ צוריקגע־צויגענער פון ביזנעס, אַ שטיקל סקולפּטאָר, אַ פּיצל אַנטיק־זאַמלער... איר מעגט אויפכאַפּן מיין נאָמען: כ׳הייס מענדל וויינשעל... ר׳קענט אַמאָל אויך אַריינקומען צו מיר אָנקוקן מיין קאָלעקציע. כ׳וווין אין ברוקלין. אינש באינש פּגע... אַ מענטש מיט אַ מענטש באַגעגנט זיך, מ׳קען נישט וויסן. אויב ר׳נויטיקט זיך אַמאָל אין אַ טובה, בין איך שטענדיק גרייט צו העלפן. כ׳בין, נישט צו פֿאַר־זינדיקן, גוט אָפּ! אָט איז מיין אַדרעס!

ער האָט אים אַריינגעשטופּט אַ וויזיט־קאַרטל און איז גיך צוריקגעגאַנגען צו זיין טיש.

— 3 —

איסר יאַגאָדע איז שוין געשטאַנען ביי דער שוועל ווי דורך דער פּאַראַדנער טיר האָבן זיך אַריינגעשאָטן אַ הייפל מוזיקאַנטן אין ווייסע געפּרעסטע אוניפאָרם־רעקלעך מיט בלויע שניפּסן, זיי האָבן געשלעפּט אינסטרומענטן: אַ טשעלאָ, אַ טראָמפּייט, אַ קלאַרנעט, אַ גיטאַרע, אַ פּאָר פידלען און זיי האָבן אין איילעניש אויסגעשטעלט זייערע שטענדערס. עס זענען אָנגעקומען אַ פּאָר פּאָרטערס און אויף גיך אויפגעשטעלט אַ קליינע בינע. דער דיריגענט, אַ פראַנט מיט אַ קאָפּ אָפּקאַרבירטע האָר, האָט אַ הויב געטון זיין שטעקעלע און אַ קנאַלעריי פון דזשאַז האָט אויפגעשלאָגן, פּאָרלעך האָבן זיך געהויבן פון די טישלעך און זיך פֿאַר־פּלאָנטן אין אַ טאַנץ. אַ נעגער מיט מוסקול־ביילן אויפן שטערן האָט זיך אַרויס־געדרוקט און געמען ריטמיש צוקן מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט געהאַט שווערע קאָנוווּלסיעס.

איסר יאַגאָדע מיט נייטענען זענען נאָך אַ ווײַלע געבליבן שטיין אין דער טיר.

דער דזשאַז־אָרקעסטער האָט איבערגעריסן דאָס שפּילן, די פּאָרלעך האָבן אָפּגעשטעלט דעם ערשטן טאַנץ. דער נעגער האָט מיט אַ האַרצברעכנדיקער שטים אָנגעהויבן זינגען אויף ייִדיש: „אלי, אלי למה עזבתנו?“.

אויף איסר יאַגאָדעס ליפּן איז געווען שפּאָט און ווידערווילן. ער האָט, מיט איין פּוס אינדרויסן, זיך נאָך איינגעהאָרכט צו די יאָמערדיקע טענער פון דעם פאַרווײלער און באַשטעטיקט, אַז דער נעגער זינגט נישט ערגער פון אַ חזן — אין אַ רעפאָרם־שול. צו די טאַנצנדיקע פאָרלעך האָט ער נישט געהאַט קיין טענות, זאָל ס׳יונגוואַרג זיך אַמוזירן, ווען די אַלטע רעדן בטלנות. זיין בליק האָט אויפגעכאַפּט אַ געוויקסיקן שווערן מאַנסביל, וואָס האָט אײַנמיטן טאַנץ אַרומגענומען אַ דין, בויגעוודיק מיידל און ער האָט זיך דערמאָנט וואָס אַ חכם האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען ער זעט ווי אַ מאַן האַלט אַ פרוי אין זיינע אָרעמס, טראַכט ער׳ פון אַ גאָרילע, וואָס האַלט אַ פידל...

אויף דער גאַס האָט נייטן זיך אָפּגעזעגנט מיט זיין שוואָגער, נאָכאַמאָל דערמאָנט, ער זאָל איבערעדן מיט רייטשלען וועגן דער יתומה, און גערופן אַ טאַקסי. איסר יאַגאָדע האָט זיך געלאָזט צו דער סאָבוויי.

אַ דינער, שטעכיקער שניי האָט איצט זיך געשאָטן אויף דער ערד. איסר יאַגאָדע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און צעריבן צווישן די פינגער אַ פּאָר האַרטע קרישקעס שניי. ס׳מאַכט זיך אַ זאַווערוכע, אַן אמתער בליזאַרד — האָט ער געקלערט און געקוקט צו די לעמפלעך פון דער סאָבוויי־סטאַנציע, וואָס האָבן געווונקען פון דערווייטנס, ער האָט געעפנט דעם שירעם און געשטעלט ברייטע, איילנדיקע שפּרייזן, ביז ער איז צוגעקומען צום טרעפּן־אַראָפּגאַנג.

צוואַנציק מינוט שפּעטער איז ער ווידער געווען אויף דילענסי־סטריט. דער טאַשן־זייגער האָט געוויזן איינס נאָך האַלב־נאַכט. די ברייטע גאַס איז געווען אָפּגערוימט. די געשעפטן פאַרמאַכט. בלויז די שילדן פון איינצלנע קאַפעטעריעס האָבן געפלעמלט. דער שניי איז איצט געפאַלן געדיכטער און שווערער ווי אייזפאַרפרוירענע בלעטלעך, די ערד איז געווען באַדעקט מיט אַ דיקער, ווייסער פלאַכטע, דער מעיאָר איז געווען גערעכט — האָט איסר יאַגאָדע אָפּגעמאַכט. — די גאַסן־קערער מוז מען נאָכגעבן. אויב אַזאַ געדיכטער שניי זאָל פאַלן אַ גאַנצע נאַכט, וועט די שטאָט אינדערפרי ליגן אַ פאַרקריפּלטע. געשיצט אונטער דעם ברייטן שירעם האָט ער זיך געקוויקט מיט דער ווייסקייט אַרום. ער האָט חשק געהאַט אַזוי אַריינצושפּאַצירן אַ שטיק אין דער טיפער נאַכט. וואָס וועט קלערן רייטשל? זי מוז שוין זיין אינדערהיים. די שטייפע קעלט האָט געקנייפּט די באַקן און געצונדן ס׳בלוט אין אַלע אברים.

ער האָט אַרויסגענומען אַ טאַשן־לעמפּל און אַ דריק־געטון דאָס קנעפּל פון דער באַטעריע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ גרויסן שוי־פענצטער און באַטראַכט די אויסגעלייגטע זאַכן. די אויסלאַגע האָט אויסגעזען ווי אַ בינע. אַ טוץ נאַקעטע פרויען־מאַנעקענס, ווי וואַקסענע פיגורן, זענען געווען אויסגעשטעלט אין פאַרשידענע פּאָזעס. אַרום זיי האָט זיך געפּאָרעט אַן עלטערער, מידער מאַן אין די בלויע זאָקן מיט אַ שניידערישער מאָס איבערן אָרעם. ער האָט זאָרגפעלטיק אָנגעטאָן די טויטע פיגורן אין טייערע קליידער, ווי ער וואָלט אויסגעפּוצט אָרעמע כלות צו זייערע חופּהס.

אַ צווייט שוי־פענצטער איז געווען אָנגעפּאַקט מיט שווערע טיש־לאָמפּן און פּאָרצעלייענע פיגורן, בראָנזענע בלומען־וואַזעס און קרעדענסן מיט גע־

שליפּענע שפּיגלען. ער האָט אַריינגעדרייט אין נאָרפאָלק־סטריט. פּאַר אַ הויז־טיר האָבן צוויי פּיליפּינער זיך הויך געקריגט אויף אַ פרעמד, אומפאַרשטענדלעך לשון. פאַראַן מער שפּראַכן ווי פעלקער אין ניו־יאָרק! — האָט איסר יאַגאָדע געטראַכט — און פון וואַן אָן ווינען פּיליפּינער אויף מיין גאַס? אויס זיכערקייט האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון ביי דעם בוזים־טאַש און איז זיי פאַרבייגעגאַנגען.

ער האָט זיך פאַרהאַלטן ביי אַ האַלב־פאַרמאַכטן סאַלאָן, איבערן אַריינגאַנג האָט געבלינקלט אַ שילד מיט רערן פון רויטן נעאָן־ליכט. אַ שוי־פענצטער, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנצע פראָנט־וואַנט, איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט קופּערנע און זילבערנע מנורות, מיט חנוכה־לייכטערס און מצה־טעלערס, ספר תורה־מענטעלעך און בר־מצוה־טליתימלעך. אינמיטן די חפצים איז געשטאַנען אַ שטיי־פע, וואַקסענע פיגור, איינגעהילט אין אַ סאַמעטענעם קאַפּל. די פיגור האָט לויטן אויסזען, געקענט זיין פאַרשטעלט אי פאַר אַ חזן ביים עמוד, אי פאַר אַ רב, אַ מסדר קידושין.

אַ וועלט מיט דוממים! — האָט איסר יאַגאָדע אַ שעפּטשע געטון — ס'איז זיי ווילער פון די לעבעדיקע. און ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אַ קראָם, וואָס איז געווען פול מיט האָריקע דיוואַנען, געבלימלטע טאַפּעטן און שווערע באַלנס טוכענע שטאָפן. דערנעבן איז געווען אַ ווערהויז, אָנגעלאָדן מיט אַלטע, פאַר־שטויבטע שאַכטלען און קנוילן שמאַטעס. ס'האָבן זיך געצויגן עלנטע, פאַרהאַקטע סקלאַדעס מיט טעקסטיל, וואָס האָבן אויסגעזען ווי באַנקראָטירטע געשעפטן. ער האָט זיך אַליין געוווּנדערט אויף זיין לאַנגזאַמען גאַנג, אָבער ס'איז אים געווען גוט אונטערן שניי.

ער איז געבליבן שטיין פאַר אַ שמאָלער, אַלטער מויער, ווו איבערן קאַרניז איז געהאַנגען אַ בראָנזענער טאָוול מיט אויסגעקריצטע שריפט: חברה תפארת ירושלים. פון דער הויך, אויפן צווייטן שטאָק האָבן אַראָפּגעקוקט ברייטע, אויס־געוועלבטע שול־פענצטער מיט מגן־דודס און פון אונטן, צעטיילט דורך אַ טונקל טרעפּן־הויז, האָבן זיך אַרויסגעשניטן רעכטס — אַ פינסטערע שוסטער־סטאָר און לינקס — אַ שאַפּ פון אַ טאַפּעצירער.

איסר יאַגאָדע האָט זיך געקווענקלט און נישט געקענט באַשליסן, צי מען טרייבט שוין ס'יִדישקייט פון נאָרפאָלק־סטריט אויך און צי אַ מקום־קדוש האָט דאָ מער קיין וווין־רעכט נישט. איין הויז ווייטער האָט זיך געוואָרפן אין אויג אַ שמאָל ליקער־געשעפט, געפוצט ווי אַ צירונגס־קעסטל און באַלד דערנעבן — אַ בייכיקע סטאָר מיט וויבערישע נאַכט־העמדער, בוזים־האַלטערס, ניילאָן־זאָקן און קאָרסעטן.

ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער שטייט פאַר זיין הויז. דער שניי איז געפאַלן געדיכטער און שווערער און די שעה איז שוין געווען צוויי. וואָס וועט טראַכטן רייטשל? — האָט ער געוואָלט טרעפן — און ווי אַזוי וועט זי אויפנעמען זיין באַשלוס וועגן דער יתומה? זי איז שוין זיכער אינדערהיים, אויב זי'ט פאַרשפּילט אין קאָרטן, וועט ער האָבן אַ שלאָפלאָזע נאַכט. האָט זי געוווּנען, וועט די געמב־לערקע שנאָרכען ביזן האַלבן טאָג אַריין, אַז ער'ט שוין צומאָרגנס האָבן אַ תענית...

רייטשל פירט זיין וועלט! — האָט ער געזיפצט — די לצים זענען נישט אומ־גערעכט, אַז ביז צו אַ באַשטימטן פונקט טוט דער מאַן מיטגיין מיט דער פרוי. נאָכדעם ווערט ער פון איר גענומען...

ער האָט געעפנט די טיר פון טרעפּן־הויז.

קאַפּיטל זעקס

— 1 —

אַ טאָג שפּעטער, ווען רייטשל האָט געהערט, אַז איסר יאַגאָדע גייט אַריינ־ברענגען אין הויז אַ יתומה, עלטער פון צוואַנציק יאָר, האָט זי אים אָפּגעריכט אַ תשעה־באַב, וואָס האָט געדויערט צוויי קיילעכדיקע מעת־לעת. איסר האָט איר געלאָזט וויסן, אַז די עצה צו אַדאָפּטירן מלחמה־יתומים האָט מען אָנגענומען ביי דעם יערלעכן באַנקעט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן און, אַז אויסער דעם, האָט זיין יתומה אַ פעטע ירושה. אָבער די בשורה איז אויף רייטשלען סיי ווי געפאַלן ווי אַ דונער פון הימל אין מיטן העלן טאָג. זי האָט צעהאַקט דריי טעלער מיט אַ וויין־קאַראַפקע און צוגעברענט דאָס פליישיקע געקעכטס. דעם שדכן האָט דאָס אויפגערעגט, און דאָס האַרץ־ברענעניש איז ביי אים געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט געהאַלטן אין איין שלינגען קאַפּסולן און זיין הויכער בלוט־דרוק האָט זיך אַ הויב־געטון אויף גאַנצע פינף פונקטן.

ער האָט געגעסן דריי טעג אין אַ וועגעטאַרישן רעסטאָראַן און זיך באַקלאָגט פאַר דעם קעלנער אויף די בזיונות, וואָס זיין ווייב האָט אים פאַרשאַפט אינ־דערהיים. דער קעלנער, אַן אַלטער בחור, אַ וועגעטאַריאַנער אויס פּרינציפּ, האָט צוערשט פאַר אים געפּרעדיקט, אַז פלייש פאַרקירצט ס׳לעבן און דערנאָך האָט ער אים אויפגעוויזן, אַז מ׳קען נישט טאַנצן אויף צוויי חתונות, און אַז וועגע־טאַריאַניזם און פאַרהייראַט לעבן זענען נישט קיין פּאָר.

רייטשל איז יעדן פרימאָרגן אַוועק אין ביוראָ פון פאַרשוווּנדענע מענער, ווו איר ברודער, נייטן, האָט געאַרבעט ביים העלפן אַלע אומגליקלעכע עגונות און איינזאַמע גרושות, און זי האָט אים אויפגעשפּילט אַ חתונה פאַר געבן איר מאַן אַזעלכע עצות. זי האָט געוווּסט, אַז נישט בלויז דער לאַנדסמאַנשאַפט־באַנ־קעט איז שולדיק, נאָר אַז נייטנס קאָפּ איז אויך געווען דערביי. זי האָט איר ברו־דער נישט געשוינט, אָבער פון דעסטוועגן האָט זי יעדן אָוונט איבערן טעלעפאָן געשעפּט ביי אים וואָס מער נייעס וועגן דעם, ווי גרויס ס׳איז די ירושה פון דער יתומה און צי מ׳קען זי לעגאַל אויפמאַנען. זי האָט געסטראַשעט איסרן, אַז זי וועט אויספאַרקויפן די מעבל און גיין וווינען אין אַ האָטעל. זי וועט אַוועקשיקן די יונגע חתנים צו זיינע קאָנקורענטן און ער׳ט זיך מוזן באַנוגענען מיט פאַר־שדכענען אָרעמע גרושות און עלטערע אלמנות.

פינף טעג האָט רייטשל געקעמפט קעגן איסר יאַגאָדעס פּלאַן, ווי קעגן אַ ביטערער גזירה. אין מיטן דער קאָכעניש איבער דעם, צי מ׳זאָל אַריינעמען די יתומה און מאַכן שותפות מיט דער ירושה, אָדער מען זאָל פאַרהאַקן די טיר און זיך אָפּזאָגן פונעם עשירות — האָט רייטשל דערווייל געמאַכט אַ חשבון פון אירע פּאָר יאָר לעבן מיט איסר יאַגאָדען.

רייטשל האָט געשאַצט איר צווייטע חתונה מיט איסרן לויט דעם קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער הייראַט־שותפות.

איסר איז געווען אַ גרוש און זי — אַן אלמנה. ער האָט גערעדט פון גוטע אויסזיכטן. זי האָט געהאַט אַ פּעט באַנק־ביכל. די אינוועסטירונגען פון ביידע זייטן זענען פון אָנהויב געווען נישט קיין גלייכע. רייטשלס מזומנים זענען נישט אָנגערירט געוואָרן, און ס׳האָט נאָך אַריינגעטראָגן פּראָצענטן. איסרס אויסזיכטן האָבן אַפילו קיין דיווידענדן נישט צוגעזאָגט. זיינע הבטחות זענען געווען אויס־געשטעלטע טשעקס אָן אונטערשריפטן. אין צוגאָב האָט ער צופּיל זיך פאַרדרייט מיט קהלשע זאַכן און פאַרגעסן זיינע פּריוואַטע פּלענער ווי צו ווערן אַן אויפ־קויפער פון הייזער אין לאָנג־איילאַנד.

רייטשל האָט געוווּסט, אַז איר מאַן האָט אַ גוטן קאָפּ, אָבער אויך אַ ווייך האַרץ. דאָס האָט פאַר ביידע נישט געטויגט. דאָס ווייכע האַרץ האָט תמיד קאַליע געמאַכט, וואָס דער גוטער קאָפּ האָט פאַרטראַכט, און דאָס יאָגעניש נאָך חתנים צווישן גרים האָט אים אינגאַנצן פאַרטשאַדעט. וואָס איז ער, משיח? זע נאָר דעם טויגבאַרן מאַנסביל! קיין בעסערן פאַרזאָרגער צו פאַרמערן דאָס יידישע פאָלק, קען מען שוין אויף דער איסט־סייד נישט געפינען?

ביי רייטשלען האָבן זיך געוועקט לאַנג־איינגעדרימלטע פאַרדרוסן און ער־גערנישן.

אין דער צעפלאָקערטער קריגעריי מיט איר מאַן, האָט זי געוואָלט אויפ־מאָנען פאַרגיטיקונג פאַר אַלע עוולהס, וואָס מען איז קעגן איר אַמאָל באַגאַנגען אין איר טאַטנס הויז. זי איז פון קינדווייז אָן געווען אַ געקריוודעטער מענטש אין אַ וועלט, ווו קרבנות פון קריוודעס ווערן מער נישט באַדויערט, נאָר אויסגע־לאַכט. יעדעס מאָל, ווען ס׳איז אין שטוב אויסגעבראָכן אַ מחלוקת, האָט זי ליב געהאַט אויסצולאָדן אַלטע אומרעכטן מיט דער הנאה פון אַן אומהיילבאַרן קראַנקן, וואָס דעקט אויף פאַראייטערטע ווונדן.

רייטשל איז ביזן עלטער פון זיבן יאָר, אין איר רומענישער היים־שטאָט געווען אַ בת־יחידה צווישן צוויי ברידער. שפּעטער, ווען איר שוועסטער, נעמי, איז געבוירן געוואָרן, איז די פרייד פון זיין אַן איין און איינציקע אויסגערונען. צוזאַמען מיט דער פרייד, איז פאַרשוווּנדן די ליבשאַפט פון טאַטע־מאַמע און די פּריווילעגיעס פון אַ בת־יחידה. אין יענעם טאָג, ווען מען האָט ביי איר צו־גענומען אירע ערשטע שפּילצייג, כדי עס אַוועקצוגעבן איר ייִנגערער שוועס־טער, האָט מען אויך צעשטערט איר נעסט אין טאַטע־מאַמעס האַרץ.

ביי דרייצן יאָר האָט רייטשל זיך אַרומגעזען, אַז אין הויז וואַקסט אַ ביטערע קאָנקורענטקע, וואָס טשאַטעוועט אויף יעדער געלעגנהייט, וואָס דאָס לעבן טראָגט איר אונטער. אין נעמי׳ן איז געוואַקסן אַ פּריצייטיקע רייפקייט און אין רייטשלען

האָט זיך אויסגעבריט אַ ביטערע קנאה. כאָטש רייטשל האָט געהאַט אַ פּיסקל אויף שרויפן, איז נעמי אָבער געווען גראַטעגער אין אויסזען. זי האָט מורא געהאַט, אַז איר יונגערע שוועסטער וועט איר אונטערשטעלן אַ פּיסל, ווען עס וועט קומען צום ערשטן אויסוואַל פון אַ מאַן. די מורא איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט אייפערזוכט, ביז עס האָט אויסגעכאָוועט אין רייטשלען אַ טיפע פיינטשאַפט.

ווען רייטשל איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָט זי געקוקט אין די שפּיגלען, אום נישט צו זיין ביי זיך גענאַרט און נישט איבערראַשן איר ווערט. זי איז יענעם יאָר נאָר וואָס געהאַט געקומען קיין אַמעריקע מיט דער משפחה. ס'האָט זיך איר געדוכט, אַז איר דינע נאָז איז אַ קרומלעכע און אירע ציין — שיטערע. אירע האָר האָבן געדאַרפט זיין פּעך־שוואַרץ אָנשטאָט קאַשטאַן־ברוין, און איר פיגור האָט געמעגט זיין איינגעצויגענער. די היפטן האָבן געקענט זיך פאַרגינען אָפּצוצערן און דער בוזים האָט געדאַרפט ווערן פלאַכער. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס פעלט איר יענע מאָס ווייבלעכקייט, וואָס איז אַזוי פאַרשווענדעריש צוגעטיילט געוואָרן נעמין.

נעמי איז נאָכגעגאַנגען איר עלטערע שוועסטער ווי אַ שאָטן, ווי נאָר זיי זענען אַראָפּ פון דער שיף. די גרויסשטאָטישע פייערן האָבן אָנגעצונדן אַלע מיידלשע לוסטן. די ניו־יאָרקער גאַסן זענען פאַר איר געווען אַ דיל צום טאַנץ און דער זינגענדיקער טומל איז געווען רוישנדיקע מוזיק. ווען נעמי אַליין איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, האָט זי אויסגעכאַפּט ביי רייטשלען אַלע געלעגנהייטן, וואָס דאָס לעבן וואַרפט צו אַ מיידל אין רייפן עלטער. איר חן האָט גערופן און איר פיגור האָט געווונקן צו די יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט רייטשלען.

רייטשל איז געוואָרן אַ שפּאָרעקע, ווי זי האָט נאָר פאַרדינט דעם ערשטן דאָלער. זי האָט געאַרבעט ביי קליידער, ביי אונטערוועש און אָנגעזאַמלט אַ פּעט קניפּל. זי האָט זיך אַרומגעזען, אַז ביי נעמין איז דער קאָפּ פאַרדרייט און אַז זי האָט איר אָפּגעשלאָגן אַלע יונגעלייט. רייטשל האָט זיך געוואָלט באַוואָרענען און האָט זיך אַרויסגעצויגן פון טאַטע־מאַמעס שטוב. זי איז אַוועק וווינען אין אַ מעבלירט צימער אויף די אַכציקער גאַסן, נעבן סענטראַל־פּאַרק. זי איז זיכער געווען, אַז זי האָט פאַרהאַקט פאַר נעמין די טיר פון איר וועלטל, אָבער זי האָט זיך גענאַרט. אין אַ האַלב יאָר אַרום, ווען זי האָט זיך באַקענט מיט אַ יונגן אַגענט פון ניי־מאַשינען און געמאַכט פּלענער וועגן דעם טאָג פון דער חופה, האָט נעמי זיך אַריינגעשטעלט צווישן דעם פּאָרל און אויסגעכאַפּט דעם חתן.

פון לאַנגע נעכט קלאָגן זענען רייטשלס אויגן געוואָרן אויסגעוויינט, ווי ביי דער פאַרטערטער מאַמע לאה. זי האָט זיך מער נישט געקענט באַפרייען פון די שרעקן, ביז נעמי האָט נישט חתונה געהאַט און איז געוואָרן אַ מאַמע פון אַ צווילינג.

— 2 —

פאַר דעם, וואָס מען האָט ביי רייטשלען צוגענומען דאָס שפּילצייג אין איר קינדהייט, פאַר די דורכפאַלן אין איר יוגנט, פאַר דער פאַרשעמונג אַלס כלה־מיידל — האָט זי געוואָלט אָפּנעמען פולע פאַרגיטיקונג, ווען זי האָט געקראָגן איר ערשטן מאַן. זי איז דעמאָלט שוין אַלט געווען צוויי און דרייסיק יאָר. זי האָט געאַרבעט אין אַ לאָמפּן־פאַבריק און חתונה געהאַט מיט דעם זון פון איר באָס, דניאל — אַ קרענקלעכער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אויסגעהיט פון משקה און ווייבער ביז פערציק יאָר. דניאל האָט געפירט די ביכער פון זיין טאַטנס ביזנעס. ער האָט געענדיקט די ישיבה פון ר׳ יצחק אלחנן, געלערנט אַ פּאָר יאָר אין קאָלאָמביאַ־אוניווערזיטעט און געוואָלט, אַז זיין ווייב זאָל שעצן זיין לומדות און זיין וועלטלעך וויסן. דער אַלטער, צעקנייטשטער בחור האָט געזוכט אין רייטשלען צניעות און אַנגעטראָפן חוצפה. ער האָט באַגערט געהאָרכזאַמקייט און זיך אָנגעשטויסן אויף ווידערשפּעניקייט.

דניאלס ערשטע אַנטוישונג האָט נישט אָפּגעשוואַכט רייטשלס שטאַנדהאַפ־טיקייט. זי האָט געהאַט אַן אַנדערע מאָס פאַר דעם מענטשלעכן כאַראַקטער. פאַר צניעות האָט מען רעספּעקט און פאַר חוצפה שרעקט מען זיך. אין איר געיעג נאָך באַוואָרעניש איידער עס ווערט צו שפּעט, האָט רייטשל אויסגעקליבן חוצפה ווי אַ וואָפן אַנצוהאַלטן איר דעה איבער דער באַלעבאַטישקייט. דערצו האָט זי זיך פאַרזאָרגט, אַז דניאל זאָל דריי חדשים נאָך דער חתונה ווערן אַ גלייכער שותף, פּונקט ווי זיינע צוויי ברידער, אין זיין פאָטערס לאָמפּן־פאַבריק.

דניאל האָט געהאַט די דעה איבער די ביכער און רייטשל האָט אונטערגע־שריבן די טשעקס. צו זיבעציק יאָר האָט דער שווער, מיד און אויסגעשעפּט פון אויפכאַוון אַ דור און צופרידן, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ טיכטיקע שנור, זיך צוריקגעצויגן פון געשעפט. ער האָט איבערגעגעבן די פאַבריק צו די דריי זין. רייטשל האָט דעמאָלט אָנגעטאָן אירע גאָלדענע אויערינגען. זי האָט צוגעהיט איר מאַן מיט אַ דיעטע און געזען, ער זאָל נישט פאַרפעלן צו לערנען זיין בלאַט גמרא יעדן טאָג. אירע שוואָגערס, די שותפים, האָט זי געגעבן אַ לעקציע ווי אַרויפצואַרבעטן די ביזנעס, אַז אַמעריקע זאָל רייסן די לאָמפּן פון די הענט. דריי יאָר שפּעטער האָט זי די שותפים אויסגעצאָלט זייער חלק און זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן. אין דעם געלויף נאָך פלינקער עשירות, האָט רייטשל געלאָזט צובויען נאָך אַ פליגל צו דער געביידע, איינגעקויפט נייע מאַשינען און אַריינגעגעבאָדן די פאַבריק אין חובות.

דניאל האָט זי געוואָרנט, אַז דאָס געשעפט וועט קראַכן. דער שווער האָט אָנגעקוואָלן פון איר בריהשקייט און געדאַנקט דעם באַשעפער, וואָס האָט צוגע־שיקט זיין זון אַן אשת חיל. נאָך צוויי יאָר האָט די פאַבריק באַנקראָטירט. דניאל איז פון קרענקעניש געשטאָרבן און רייטשל האָט אויסגעפּועלט פאַר זיך ביי די קרעדיטאָרן צוואַנציק טויזנט דאָלאַר.

איר אלמנהשאַפט האָט געדויערט אַ קיילעכדיק יאָר. מיט דעם פעטן קניפּל

איז רייטשל אַרויס אין גאַס זוכן אַ צווייטן מאַן. זי האָט מורא געהאַט, אַז ס'וועט איר אָנקומען שווער צו קריגן חליצה, אָבער איר יונגערער שוואָגער איז געווען אין גרויס איילעניש זי אַרויסצויאָגן פון דער משפּחה. ווען שדכנים האָבן זי צונויפגעפירט מיט איסר יאַגאָדען, האָט ער — נאָך איידער ער האָט איר דער־ציילט וועגן זיין פּרנסה — איר געשטעלט אַ תנאַי: צי ער וועט פאַרדינען ברויט דורך שוויס, צי ברויט דורך לופט, איינס מוז זי געדענקען, ער וויל נישט באַנ־קראָטירן... רייטשל האָט נאָכגעגעבן און איסר האָט אויסגעזאָגט, אַז זיין פּרנסה איז שדכנות. רייטשל איז געווען צופרידן, וואָס אין אַזאַ פּרנסה דאַרף זי נישט אינוועסטירן קיין געלט און מען האָט געשטעלט אַ חופּה.

גאַנצע ניין יאָר האָט רייטשל זיך פאַרשטאָפּט די אויערן נישט צו הערן די רכילות, אַז איסר איז אַ וואָלף, וואָס טשאַטעוועט אויף ווייבער ווי אויף שעפּע־לעך. די פּלוידערזעק האָבן אָנגערעדט, אָבער רייטשל האָט איר מאַן געטרויט. די שכנטעס פון דעם בלאָק האָבן צונויפגעשלעפּט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, אָבער זי האָט איסרן נישט געקוקט אויף די פינגער.

איצט, ווען איסר האָט אָפּגעמאַכט אַריינצוברענגען אַ שיינע, יונגע יתומה אונטער איר דאַך, האָבן אין איר זיך אויפגעוועקט אַלטע פאַרדאַכטן. זי האָט מורא געהאַט, אַז די שרעק פון איר קינדהייט זאָל נישט צוריקקומען און אַ נייע קאָנקורענטקע זאָל נישט אַריינשפּאַצירן אין איר לעבן. איסר יאַגאָדע האָט זיך געשוווירן, אַז ס'איז דאָ אַ חשבון דערביי, ס'איז ריינע ביזנעס. אַן אָרעמע יתומה וועט קריגן אַ דאַך איבערן קאָפּ און די מצווה וועט באַלוינט ווערן מיט אַ חלק פון איר ירושה. צו דעם אַלעם האָט די יתומה מיטגעברענגט פון אייראָפּע איר חתן. רייטשל האָט אָבער געטראַכט, אַז אַ יונג מיידל אין איר הויז וועט זיך וואַרפן אין די אויגן, ווי אַ ליכט־פלעמל און אַ מאַנסביל מיט אַ געזונטער ראיה וועט נישט פאַרקוקן אַ פלעמל, וואָס קען אָנצונדן אַ שריפה.

איסר יאַגאָדע האָט געהאָפט, אַז רייטשלס חשק צו דער ירושה וועט ביי־קומען אירע בייזע פאַרדאַכטן און ער האָט זיך נישט גענאַרט. נאָך אַ לאַנגע וואָך פון דינגעניש און באַוואָרעניש, האָט רייטשל איינגעשטימט מיט דער אויסנעמעניש, אַז ער זאָל צו דער יתומה זיין אַ קאַלטער אָנקל און נישט אַרויס־ווייזן איר קיין פּאָטערלעכע אויפזיכט. מיט דער ליבשאַפט און צערטלעכקייט צו דער מיידל וועט בעסער זי, רייטשל, זיך אָפּגעבן, איין ליידנדיקע פרוי קען פאַרשטיין אַ צווייטע.

— 3 —

יאַדזשאַ, די יתומה, האָט אַריינשפּאַצירט אין רייטשלס הויז מיט דער מינע פון אַ גאַסט, אויף וועמען מען האָט שוין לאַנג זיך אויסגעקוקט די אויגן. רייטשלס ברודער, נייטן, האָט נאָכגעטראָגן די וואַליזעס און איז באַלד אַוועק, ווי ער וואָלט וועלן אויסמיידן די ערשטע שלאַכט... איסר יאַגאָדע האָט גלייך אויף דער שוועל געוואָלט פאַרטרייבן די אָנגעבלאָזנקייט און געזאָרגט, אַז די באַקאַנטשאַפט מיט רייטשלען זאָל ווערן צוגעלאָזענער.

נאָך דער ערשטער באַגריסונג האָט רייטשל איינגעזען, אַז אירע פאַרדאַכטן האָבן זי נישט אָפּגענאַרט. זי האָט אַרויסגערופן דעם וואָלף פון וואַלד.

יאַדזשאַ איז געווען אַ געוויקסיק מיידל מיט אַ געטורעמטן קאָפּ האָר פון טונקעלן קאַשטאַן־קאָליר. זי האָט געהאַט קלוגע ברוינלעכע אויגן און אַ רויט, זאַפטיק מויל, וואָס וואַרט מען זאָל עס איינבייסן. איר געטאָקט נעזל, ווי אַ גע־שניצט ביינדל, האָט חנעוודיק צעטיילט דאָס לענגלעכע פּנים, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַן אָליוון־מאַטקייט. די דינע פּריזירטע לעקעלעך זענען ווי ראָ־לעטן געפאַלן איבער אירע אויערן. פון די ווייכע לעפּעלעך האָבן אַראָפּגעבאָמ־בלט רייפן־אויערינגען ווי בראַסלעטן.

רייטשל האָט באַמערקט, אַז נישט בלויז איז יאַדזשאַס פּנימל, געפלעגט און געשווינט, נאָר אויך אירע קליידער זענען צוגעמאָסטן אויף איר געשניטענער פיגור. דער גראַנאַט־בלויער קאָסטיום, לויז איבער די אַקסלען און ענג אַרום די היפּטן, איז געווען פאַרפּוצט מיט גראַווירן און אויסנייעכצן. דער דינער באַגילדטער פּאַסעק אין איינשניט האָט זיך געגלעקלט, ווען זי האָט געשטעלט טריט. אירע הענטשקעס ביז צו די עלענבויגנס, אירע שלאַנגען־שיך אויף די הויכע אָפּצאָסן האָבן נישט דערמאָנט אַ מיידל פון אַ פּליטים־לאַגער, נאָר אַ ליידי, וואָס איז ערשט אַרויס פון אַ שיינהייטס־סאַלאָן.

רייטשל איז גרייט געווען זיך אַ קנופּ צו געבן אין די באַקן, אַז די פאַרב זאָל שטיין און מיט שלויער גאַסטפריינטלעכקייט האָט זי אַ פרעג געטון די אַלטע, אָפּגענוצטע פראַגע:

— ווי געפעלט אייך ניו־יאָרק?

— ס׳איז נישטאָ וואָס צו געפעלן — האָט יאַדזשאַ האַסטיק געענטפערט.

— איר האָט שנעל אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל!

— מ׳קען היינט נישט באַגייסטערט ווערן פון וואָלקן־קראַצערס. דאָס איז בלויז דעקאָראַציע. אַפילו די פרייהייטס־סטאַטוע האָט פאַרלוירן דעם ערשטן רייץ... פאַריז און לאָנדאָן געפעלן אויך נישט יעדן איינעם.

— ניו־יאָרק מוז מען אויסמעסטן אין דער לענג און אין דער ברייט — האָט רייטשל געלאַכט הינטערליסטיק — די שטאָט קריגט מען ערשט ליב, ווען מען וווינט אין איר.

— כ׳בין אַ קאָסמאָפּאָליט. כ׳האָב ליב אַלע שטעט פון דער וועלט.

רייטשל איז געווען געפּלעפט פון די ענטפערס. פונדעסטוועגן איז זי גרייט געווען ווייטער צו הערן די גרינגע יתומה. דער איבעררייד האָט געדאַרפט זיין דער ערשטער פאַרמעסט צווישן ביידע פרויען. די גרינגע יאַדזשאַ איז געווען זעקס וואָכן אין ניו־יאָרק און געקענט בעסער אַמעריקע ווי די לאַנדסלייט, וואָס שפּאַצירן שוין צוואַנציק יאָר אויף דער איסט־סאַיד. יאַדזשאַ האָט שוין געהאַט אויסגעמאָסטן די פינפטע עוועניו און אַרומגעקראָכן אויף דילענסי־סטריט. זי האָט גערימט דאָס לעבן אין דער אַלטער וועלט און זיך געקרימט איבער דעם אַמעריקאַנער שטייגער. די ניו־יאָרקער היים איז פאַר איר געווען אַ פּראָנט, ווו צוויי געשלעכטער, צוויי פיינטלעכע צדדים פירן אַ שלאַכט. יאַדזשאַ האָט גיך אויסגעפונען, אַז דער מאַן איז דער חובות־צאָלער און פאַרזאָרגער פון אַ פעטער

אינשורענס־פּאָליסי און דאָס ווייב איז פּאַרנומען מיט קאָרטן־שפּילן און רכילות־טרייבן. די ייִדענע פון פּיט־סטריט און די ליידי פון וועסט־ענד־עוועניו זענען פון איין טייג געקנאָטן. זייער לעבן איז צעבאַלעוועט. צווישן אָנבייסן און נאַכט־עסן איז די צייט אַ הוילקייט, אויסגעשטאָפּט מיט לשון־הרע וועגן אייגענע און פרעמדע זינד. און דערנאָך קריגן זיך די פרויען מיט דעם גראָסערימאַן איבער די הויכע פּרייזן. און זיי קריטיקירן דעם מעיאָר פאַר דער שלעכטער שטאָט־ווירטשאַפט...

איסר יאַגאָדע איז גרייט געווען צו פּאַטשן בראַוואָ פאַר יעדן וואָרט, וואָס די גרינע האָט אַרויסגעזאָגט.

רייטשל האָט אויסגעהערט אַלע פאָררווורפן און נישט געהאַט געננג שאַרפע ווערטער איר אָפּצוענטפערן. אַזוי באַגריסט מען דאָס פרייע לאַנד? צו וואָס רייסן זיך אַזוינע מענטשן קיין אַמעריקע? וואָסערע גרינע קומען אַהער היינטיקע צייטן? זי האָט דורכגעמאַכט אַ מלחמה, אָבער די טענות האָט זי גע־ברענגט צו אירע גאַסט־ביטער. וואָס איז יאַדזשאַ, אַ פּליכטלינג צי אַן אינס־פּעקטאָר? אַ שיינע יתומה גייט איסר דאָ פאַרזאָרגן. ס׳לוינט זיך צו צערייסן דעם יאַשטשיק! און דאָס אַ וועט וועלן זיך טיילן מיט אַ ירושה? זי איז קליגער פון צען לאַיערס! ס׳איז נאָך גוט וואָס זי האָט מיטגעברענגט אַ חתן און איסר וועט נישט קענען ווערן איר גאַנצער אַפּיטרופּס. אים, דעם שדכן וועט זיכער געפעלן אַזאַ אָנקלעגערין! ער אַליין האָט אויך אַ טבע אויסצורעדן אויף דער ווירטשאַפט פון ניו־יאָרק.

ווי שטאַרק רייטשל האָט נישט פאַרטראָגן יאַדזשאַס שאַרפע רייד, האָט זי אָבער שטילערהייט מקנא געווען די גרינע פאַר איר חוצפּה און פאַר אירע קענטעניש. הלוואי וואָלט זי, רייטשל פאַרמאָגט מער בילדונג, וואָלט איסר זי בעסער רעספּעקטירט. זי האָט פאַרקוקט די בייזע אָנצוהערענישן און ווי אַ גאַסט־פריינטלעכע מומע, וואָס גרייט דעם ערשטן מאָלצייט פאַר איר אַריבערגעקומענע פּלימעניצע, האָט זי דעם גאַסט איינגעלאַדן צום טיש.

— ס׳וועט דיר גאָרנישט העלפן, יאַדזשאַ! — האָט זי היימיש גערעדט, אַרויפּלייגנדיק אַ געבלימט טישטוך מיט פרענזן — אַמעריקע וועט דיר אַריין אין די ביינער... וועסט עס ליב קריגן ווי אַ צווייטע מאַמע...

— ליבע מוז מען זיך פאַרדינען — האָט יאַדזשאַ געלאַכט — ליבע אויפן ערשטן בליק איז אַ דורכפאַל. און ס׳איז אויך נישט קיין אַמעריקאַנער אַנטדע־קונג. דאָס איז שוין געווען גילטיק ביי אָדם און חוה, אָבער בלויז ביז זייער ערשטער דערפאַרונג מיט דעם עפּל...

דער ערשטער שמועס האָט זיך געענדיקט מיט אַ געשמאַקן מיטאָג. רייטשל האָט אַרויסגעוויזן איר בריהשקייט ביי די אַלערליי געקעכצן, פלאָדנס און קוכנס. די אָנגעצויגנקייט צווישן די צוויי פרויען האָט נאָכגעלאָזט נאָכן ערשטן געריכט. רייטשל האָט אומישנע געגונצט אַלע חניפה־ריידלעך צו געווינען יאַדזשאַס צוטרוי און פאַרטרייבן איר פאַריסנקייט. דאָס מיידל איז געוואָרן פריינטלעכער. זי האָט געלויבט רייטשלס שפּייזן און מקנא געווען איסרס אַפּעטיט.

ביים עסן האָט איסר יאַגאָדע זיך דערוווּסט, אַז יאַדזשאַס חתן איז אַן איי־ראַפּעאישער קאָנדיטאָר, אַ פּיינער צוקער־בעקער און ער זוכט אַרבעט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם עלטערן בעקער מענדל וויינשעל, וואָס ער האָט געטראָפן ביי דעם יערלעכן צדקה־באַנקעט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן און אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז יענער קען אים העלפן. ס׳איז איסר יאַגאָדען געגאַנגען אין לעבן צו ווערן יאַדזשאַס ערשטער בעל־טובה. פריִער האָט ער אָבער געוואָלט אויס־שנאַפּן צי די ווייבער פאַרטראָגן זיך איינס דאָס אַנדערע. ער האָט זיך איינגעע־האָרכט צו רייטשלס קוצעניו־מוצעניו ריידעלעך און געווען בייגעריק ווי אירע שמד־שטיקלעך וועלן אָנרייסן ביים גאַסט. פאַרנאַכט איז די ערשטע שפּאַנונג שוין געווען אויסגערונען. יאַדזשאַ האָט זיך אויפגעפירט ווי אַן אַלט־איינגעזע־סענער שטוב־מענטש און איסר יאַגאָדע איז געווען זיכער, אַז זי איז אין גוטע הענט. ער האָט גענומען די אַדרעס פון איר חתן, צוגעזאָגט גלייך צו גיין אים זען און ער איז מיט פלינקע טריט אַרויס פון הויז.

קאַפּיטל זיבן

— 1 —

איסר יאַגאָדע האָט פון קינדוויַיז אָן געהאַט אַ טבע צו שטעלן פלינקע טריט. ביי דער מאַמען האָט ער זיך געריסן פון דער וויג און ביים טאַטן איז ער גע־שפּרונגען פון די אָרעמס. נאָך אין די חדר־יאָרן, אין דעם פּוילישן היים־שטעטל קאָוואַל האָט זיין רבי מיט אים געקנעלט, אַז אויב אַ מענטש וויל נישט מען זאָל אים פאַרלויפן דעם וועג, מוז זיין גאַנג זיין אַ רירעוודיקער. פון די חברים האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זיי זענען מקנא זיין היץ־קאָפּ, זיי פאַרגינען נישט זיין פלינקע תפיסה און שטעלן אים אונטער פיסלעך. דער קליינער איסר האָט געליטן פון אַ חשד, אַז דער מענטש ווערט פאַרצערט פון נישט־פאַרגינעריי. די וועלט איז אויסגעפּלאָסטערט מיט גלייכע וועגן און סטעזשקעס, נאָר די רשעים לייגן אָן שטיינער און פאַרוואַרפן פאַסטקעס.

איסרס טאַטע, חיים־לייב, איז אין דעם שטעטל קאָוואַל געווען אַ שוסטער, כאָטש ער האָט געשטאַמט פון אַ רבנישער משפחה. ער איז געווען אַ האַרטער מתנגד און האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פרייען וועלט־מענטש.

די מאַמע דבורה איז געווען אַ טאָכטער פון דעם טורקער דיין, אַ קליינ־געוויקסיקער תקיף, וואָס האָט געפירט מחלוקתן מיט קהל און מיט דעם איידעם. זי איז געווען אַן אשת חיל, שטאַנדהאַפטיק און קריגעריש ווי איר פאָטער, אויף איר מאַנס וועלטישע פירונגען האָט זי געקוקט דורך די פינגער און ס׳האָט זי נישט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט פאַרטוישט זיין פאָטערס רבנות־שטול אויף פראָסטער שוסטעריי. זי האָט אים פאַרגינען די מחלוקתן מיט איר אייגענעם

טאַטן. דערפֿאַר אָבער האָט זי אַליין זיך געמישט אין קהלשע ענינים, ווי אַ מאַנסביל. זי האָט געהאָלפֿן אויסגלייכן סכסוכים צווישן פֿאָרפֿאָלקן און איבער־בעטן חתן־כּלה, וואָס האָבן געהאַלטן ביים אָפּלאָזן זייערע תנאים.

צווישן דער שטאַנדהאַפֿטיקער מאַמע און דעם נאָכגעביקן טאַטן, וואָס האָט מוותר געווען אויף זיין כּבוד, איז געוואַקסן דער קליינער איסר — אַ לערנער מיט אַ שאַרפֿן מוח. די מאַמע, דעם דיינס טאָכטער, האָט אים געוואָלט אַוועקשיקן אין דער ישיבה אין אַ פֿרעמדער שטאָט, ער זאָל קענען שפּעטער קריגן סמיכה און ווייטער ציִען דעם טאַטנס רבנישע גזע, אָבער חיים־לייב האָט געאַרבעט מעשים, אַז זיין זון זאָל ווערן אַ בעל־מלאכה, אַ סטאָליער, צי אַ שניידער־יונג — אַבי צו אַנטלויפֿן פֿון די כּלי־קודש.

באַלד נאָך איסרס בר־מצווה האָט זיין פֿעטער יאָשע־בער, דעם טאַטנס ברודער, זיך געגרייט צו פֿאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט פֿאַראייניוועגס אויך איינגעפּאַקט צוויי וואַליזעס פֿאַר איסרן, און געזאָגט צו די עלטערן:

— כ׳זע דאָך, אַז דער בחור וועט צעריבן ווערן אינמיטן פֿון אייער ויתרוצצו... ער רייסט זיך צו לערנען, און די גאָלדענע מדינה בעט זיך מען זאָל איר צושיקן די שאַרפֿע קעפּ... דעריבער זאָג איך אייך, חיים־לייב און דבורה: ר׳מעגט זיך געזעגענען מיט אים! איסר איז מיין פּאַסאַזשיר! ווייל־לערנערס און בטלנים הינטערן אויוון האָט מען אין קאָוואַל גענוג אָן אים.

דער פֿעטער יאָשע־בער האָט איסרן מיטגענומען אין דער נייער וועלט. ער איז געפֿאָרן אויף אַ שיף, ווו מ׳האָט געפֿירט שלעפּ־פֿערד, ווייל ס׳האָט אים אויסגעפּעלט געלט אויף שיפֿסקאַרטן. אין ניו־יאָרק איז ער אַליין געגאַנגען אין אַ שאָפּ נייען הויזן און איסרן האָט ער אויף דערווייל אַרייגעגעבן אַלס שיק־יינגל צו אַ גראָסערימאַן אויף העסטער־סטריט.

איסר יאַגאָדע האָט אין ניו־יאָרק געשטעלט פֿלינקע טריט און גיך געכאַפּט דעם שניט פֿון צופּאַסן זיך צו פֿרעמדע מענטשן אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט. ער האָט איבערגעהיפּט די מאַטערנישן, וואָס עס האָט געמוזט דורכגיין יעדער אי־מיגראַנט אין די גרינע יאָרן. דער גראָסערימאַן, צו וועמען ער איז אָנגעקומען, איז געווען אַ קאָרגער ליטוואַק מיט אַן אָנגעשטאָפּטער סטאָר און מיט אַ קראַנק ווייב. ער האָט איסרן ליב געהאַט ווי אַן אייגענעם זון און נאָכן אָפּאַרבעטן דעם ערשטן חודש, האָט ער אים געמאַכט פֿאַר אַ פֿאַרקויפֿער הינטער דעם קאָנטער־טיש. יעדן אָוונט, נאָכן פֿאַרמאַכן די סטאָר, האָט ער איסרן געגעבן אַ לעקציע אַן אַמעריקאַניזם און געשפּילט מיט אים פֿינאָקל. ער האָט איינגעטענהעט, אַז דאָס באַהעפֿטן זיך מיט אַ קראַנקער פֿרוי איז אַן איינשטעלעניש פֿאַר יעדן מאַנסביל און בחורשאַפֿט איז אַ סגולה צו אריכת ימים.

איסר האָט אינזינען געהאַט די מצווה פֿון כּיבוד אם ואם, און נאָך די ערשטע מאָגערע פֿאַרדינסטן זיינע האָט ער געשיקט אַהיים יעדן חודש געלט. ער האָט אַפֿילו געפּלאַנט צו באַזאָרגן פּאַפּירן און שיפֿסקאַרטן פֿאַר די עלטערן. אָבער אַ יאָר פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די מאַמע געשטאָרבן און דער טאַטע איז שפּעטער אומגעקומען אין אַ שׂריפֿה אין שטעטל.

איסר איז געבליבן אַליין אויף דער וועלט. דער טאַטע, דער עניו, וואָס האָט אויסגעביטן דאָס לערנען תורה אויף פּראָסטער שוסטעריי, האָט גערוט אויפן עולם־האמת. די מאַמע, די אשת חיל, וואָס האָט איינגעריסן מיט קהל אום אַריינצוקריגן אויף איר חשבון מצוות און מעשים־טובים, איז געשלאָפן דעם אייביקן שלאָף. לאַנדסלייט האָבן זיך דערוווּסט, אַז איסר האָט נישט קיין קרוב אין דעם נייעם לאַנד און מען האָט אים גענומען צורעדן, ער זאָל טון אַ שידוך. איסר האָט געדענקט די וואָרנונג פון זיין באָס, אַז בחורשאַפט איז אַ סגולה צו אריכת־ימים. ער האָט געטריבן פון זיך די שדכנים און אויסגעמיטן די היימישע נשים צדקניות. אום אינגאַנצן זיך אָפּצוזאָגן פון די גוטהאַרציקע פּאַר־זאָרגערס האָט ער געוואָלט זיך אַריבערציִען אין בראָנזוויל צו זיינס אַ שיפס־ברודער. דער גראָסערימאַן האָט דאָס באַצייטנס דערשנאָפּט און צו אים געזאָגט:

— דו דאַרפסט נישט אַנטלויפן, איסר. די איסר־סייד איז די גאַנצע ייִדישע וועלט. ס׳איז יוראָפּ און אויסטראַליע. ס׳איז אַפריקע און אַזיע. ס׳איז ארץ־ישראל און יענע זייט פון סמבטיון... דו מוזט נאָר ווערן אַ פּאָלנער אַמעריקאַניעץ! אַ שאַרפן קאָפּ האָסטו. איסר, אָבער דו דאַרפסט זיך אויסבילדן. ווען איך וואָלט אַליין זיך גענומען צו די ביכער, וואָלט איך נישט געדאַרפט היינט זיך עסן ס׳האַרץ מיט די ווייבער, די הערינג־קויפערינס. אָן בילדונג, ביזטו, ברודערקע, אַ פאַר־לוירענער...

איסר האָט זיך גענומען צו די ביכער. צווישן די שעהן, ווען ער איז אַוועק פון הינטערן קאָנטאָר־טיש ביז צו דער צייט, ווען ער האָט געדאַרפט אָפּליפערן בייגל מיט מילך צו די קאָסטאָמערס, האָט ער געלערנט ענגליש. ער האָט דער־וואָרבן קענטעניש אין אַמעריקאַנער געשיכטע און געוווּסט אַלץ וועגן די קאָנגרעסלייט, סענאַטאָרן און רעדל־פירער אין קאָלומבוסעס מדינה. אַ יאָר שפּע־טער איז איסר געווען גרייט צו פאַרלאָזן דעם גראָסערימאַן, אָבער דער ליטוואַק האָט אים פאַרהאַלטן אויף נאָך אַ פּאָר טעג.

— ס׳איז מיר נמאס די בשמים־קראָם, — האָט ער איינמאָל אין אַן אָוונט זיך פאַרטרויט פאַר איסרן. — מאָרגן, בלי נדר, קומט אַ גרינער קויפן מיינע ביזנעס. איכ׳ל אים אַריינפירן אין הינטער־צימערל, רעדן מסחר, און דו, מאַך דעם אָנשטעל, אַז קאָסטאָמערס רייסן פון די הענט... ס׳אָלרייט, וועסט עפענען אַלע מאָל די טיר, וועסט געבן אַ קלונג און אַז וועסט אויפמאַכן דעם געלט־רעגיסטער, וועט ווידער געבן אַ קלונג... אין אַמעריקע הייסט דאָס: סטריקט ביזנעס! יו נאָ, כ׳גיי קיינעם נישט נאַרן... ס׳וועלן סיי־ווי אָנלויפן אַלע משפּחה־לייט... כ׳דאַרף קריגן דעם גוטן ווילן פונעם קויפער, ער מוז הערן, אַז ס׳רודערט זיך אין סטאָר... ווען כ׳על פאַרקנאַקסן די בשמים־קראָם פאַרן ריכטיקן פּרייז, וועסטו האָבן דיר געקויפט אַ מצווה און ס׳עט דיר נאָכגיין מיין מזל־ווונטש אויף אַלע דיינע וועגן...

איסר יאַגאָדע האָט נישט געוואַרט אויף דעם ליטוואַקס מזל־ווונשן און פאַרלאָזט די גראָסערי באַלד צומאָרגנס. ער האָט פאַרגעסן זיין וואָרנונג און חתונה געהאַט מיט אַ בראָנזווילער מיידל, וואָס האָט געהאַט אַ מאָגערע ירושה. דאָס צוזאַמענלעבן האָט געדויערט בלויז איין יאָר, און איסר איז געבליבן ביי אַ

האַלבן נדן. אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט ער געהאַט קאָנצעסיעס אַלס חזן, שוחט און שדכן.

פופצן יאָר האָט ער געוואַנדערט פון איין מעבלירט צימער צום אַנדערן, און אומעטום האָט ער פאַר זיין טיר אַרויסגעהאָנגען אַ שילדל, אַז ער איז אַנער־קענט אַלס עקספּערט־שדכן און פירט דורך שידוכים לויט וויסנשאַפטלעכער טעכניק און מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע.

איסר יאַגאָדע האָט געקעמפט ווי אַ לייב פאַר פּרנסה. ער האָט געהאַט בייזע ווערטער פאַר די קאָנקורענטן און אַ באַהאַלטענע קללה פאַר יענע, וואָס באַשיצן זיי. דעם טאַטנס עניוות האָט ער אין זיך אונטערדריקט און דער מאַמעס ווידערשטאַנד האָט געקראָגן די אויבערהאַנט. וואָס מער שידוכים מען האָט פון אים אויסגעכאַפּט, אַלץ פאַרביסענער האָט ער זיך געשלאָגן פאַר די פּריווילע־גיעס, וואָס מ׳וויל פון אים צונעמען. רידזש־סטריט און פּיט־סטריט, ריווינגטאָן־סטריט און גרענד־סטריט — אַלע געסלעך זענען פאַר אים געווען איין גרויס שלאַכטפעלד. ער האָט אויסגעפונען, אַז דאָס געוויסן איז אַ הינקענדיקער אמת, וואָס קען נישט פאַרמיידן קיין זינד. עס פאַרמיידט בלויז הנאה צו האָבן דערפון...

איינמאָל אויף אַ חתונה אין אַ רומענישן וויין־קעלער האָט איסר יאַגאָדע זיך באַקענט מיט רייטשלען און מיט אירע ברידער. רייטשל האָט געטאַנצט מיט אַלע מחותנים, געווען חוצפּהדיק צו די געסט און געבראַקט פּרעכע וויצן פאַר חתן־כלה. אירע כוואַטסקע גענגלעך זענען איסרן געפעלן געוואָרן און ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז זי קען זיין אַ פאַסיקע עזר כנגדו. נאָכן ערשטן שמועס האָט רייטשל אים אָנפאַרטרויט, אַז זי איז אַן אלמנה מיט אַ „קניפּל". פון איסרס איינפאַל איז געוואָרן אַ באַשלוס. מיט אַזאַ העזהניצע פאַר אַ ווייב וועט ער קענען פירן מלחמה מיט דער וועלט... ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין ערשטע חתונה איז געווען אַ פעלער און ר׳איז באַלד געקומען צום אויספיר, אַז אַ פעלער בלייבט אַ טעות בלויז דאַן, ווען מ׳וויל אים נישט פאַרריכטן... נאָך די שבע ברכות האָט איסר זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט אין רייטשלען געפּאַקט די אמתע סחורה, זי איז אַזוי אַמעריקאַניש ווי אַן עפּל־פּאַי און אַזוי איינגעשפּאַרט ווי קיי־גומי...

קאַפּיטל אַכט

— 1 —

יאַדזשאַס חתן, ראובן גערשט האָט געוווינט אין אַ מעבלירט צימער אויף דער צוויי־און־אַכציקסטער גאַס. ער איז געווען אַ קנאַכיקער יונגערמאַן מיט אַ לענגלעך, מאָגער פּנים און פולע, לויזע ליפּן, וואָס פאַרמאַכן זיך קיינמאָל נישט. אונטער דער נאָז איז געווען אויסגעלייגט אַ דין פאַסיקל וואָנצע ווי אַ זיידן שנירל. די געדיכטע שוואַרצע האָר, צעטיילט אין אַ שרונט, און די איילבירט־הויט האָט אים צוגעגעבן דעם טונקעלן אויסזען פון אַ שפּאַניער. אָבער פון די ווייכע פלוימען־אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ ייִדישער אומעט פון איינעם, וואָס האָט אויסגעמאָסטן אַלע וועגן פון יסורים.

ווען איסר יאַגאָדע האָט געעפנט די טיר, האָט ראובן גערשט געטראָגן אַ געפּרעסטן בלויען אַנצוג מיט שטרייפן און אַ פּאָר אָפּגעגלאַנצטע שיך. אַרום דעם ווייסן קראַגן איז געווען אויסגעבונדן אַ רויטער פלאַמיקער קראַוואַט. פון דעם אויבערשטן ראָק־טעשל האָט אַרויסגעשטעקט דער דריי־קאַנטיקער שפּיץ פון אַ פּערפומירט זיידן טיכל. ער האָט דערמאָנט אַן אויסגעפּוצטן לעב־יונג, וואָס גרייט זיך אין דער לעצטער מינוט אַרויסצוגיין צו אַ הוליאַנקע.

איסר יאַגאָדע האָט אויפן ערשטן קוק געמיינט, אַז ער האָט געעפנט אַ פרעמדע טיר, אָבער דער יונגערמאַן האָט אים אויפגענומען ווי אַן אַלטן בעל־טובה. דאָס דינע פּאַסיקל וואָנצע האָט געשמייכלט, ווען ער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ שטול:

— זיצט מיסטער יאַגאָדע. כ׳ווייס אַלץ וואָס איר טוט פאַר יאַדזשאַן.

— נישט אַלץ ווייסטו, לאַנדסמאַן, כ׳על דיר זאָגן עפּעס, וואָס דו וועסט וועלן הערן.

ער האָט זיך צוגעזעצט און זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. — ווי זיי פּוצן זיך, די היינטיקע גרינהאָרנס! — איז אים איינגעפאַלן נאָכן באַטראַכטן דעם יונגנמאַנס הילוך. — זיי פאַרשטייען די קונץ פון אָנטאָן זיך ווען ס׳קומט צו גיין זוכן אַרבעט! ר׳האָט שוין געכאַפּט דעם אַמעריקאַנער שניט! וואָס איז ער, אַ טענצער צי אַ בעקער? זיינע נאָזלעכער האָבן דערשנאַפּט איבערן צימער דעם גערוך פון אַ לייכטן פּערפום און ער האָט אַריינגעצויגן דעם אַראָמאַט ווי אַ דערפרישונג.

— וואָס וועט איר זאָגן גוטס, מיסטער יאַגאָדע? — האָט ראובן גערשט צוגערוקט פאַר זיך אַן אויסגעבעטן שטול, קעגנאיבער זיין גאַסט.

— דיין כלה האָט דערציילט, אַז דו ביזט אַ קאָנדיטאָר, ווי האָט דער פאַך געהייסן אין פּוילן? אַ צוקער־בעקער, האַ? כ׳הער אַז דו זוכסט אַרבעט און נוי־טיקסט זיך אין אַ רעקאָמענדאַציע. דאָ, אין אַמעריקע הייסט עס, אַז „מוזט האָבן פּול״ נו, האָסטו טאַקע מזל, לאַנדסמאַן. כ׳קען עפּעס טון פאַר דיר!

ראובן גערשט האָט זיך אַריינגעזעצט אינעם אויסגעבעטן שטול.

— דאָס איז די בעסטע נייעס זינט כ׳בין אַראָפּ פון שיף! ס׳ווערט שוין דערעסן דאָס טרייסלען זיך אין די סאָבוויס און ס׳אַרומזוכן לאַנדסלייט. און אייך וועט מען באַזונדער מוזן זיין דאַנקבאַר. יאַדזשאַס פאַרבינדונג מיט אייער שוואָגער וועט אונדז אפשר שטעלן אויף די פיס, וואָס, מיסטער יאַגאָדע?

— זאָג מיר לאַנדסמאַן, איידער וואָס ווען, וויל איך וויסן: ביזט כאָטש אַ ספּעציאַליסט אין דיין פאַך? דאָ, אין אַמעריקע צאָלט מען נישט פאַר דיין שיין פנים, נאָר פאַר דיין „עקספּיריענס״, ס׳הייסט פאַר דיין דערפאַרונג... כ׳מיין צי קענסטו אויסשפּריצן די אַלע קרוינדעלעך, מאַקאַראָנען, מאַרצעפּאַנעס און ווי זיי הייסן דאָרט, די שמאַכטעס?

— כ׳קען אַלע צוקער־אַרבעטן. כ׳ווייס ווי אויסצוגיסן פּיראַמידן אויף טאָרטן. דאָס איז מיין ספּעציאַליטעט. אויף מיין וואַנדער־וועג אַהער האָב איך געאַרבעט אין דער שווייץ, אין פראַנקרייך און אין בעלגיע...

— ס׳אָלרייט! אין אַמעריקע שאַצט מען אָפּ ערשטקלאַסיקע פּאַכלייט און מ׳צאָלט טאַקע אין טאָג אַריין אויך! האָב נישט קיין פּאַראיבל וואָס כ׳דוץ דיך. דאָ, אין דעם לאַנד אָנערקענט מען נישט קיין פּוילישע פּאַנעס... כ׳רוף דיך לאַנדסמאַן און כ׳ווייס אַפילו נישט פונוואַנען דו שטאַמסט... אַ פּוילישער? אַ צלם־קאָפּ? צי אפשר גאָר אַ געשטראָפטער גאַליציאַנער?

— כ׳בין אַ פּוילישער, אַ געבירטיקער אין וואַרשע. רופט מיך: ראובן... ראובן גערשט.

— זיי מוחל, ראובן, אויב כ׳מעג פרעגן... וואָס ביזטו אַזוי אויסגעפּוצט? כ׳זע, איר אַלע גרינע קומט אַהער אויסגעפּוצטע. וואָס, מ׳זעט שוין היינט נישט אין יוראָפּ קיין וואָכעדיקע מלבושים? נאָך אַזאַ בהלה? נאָך אַזאַ מלחמה? אַמאָליקע יאָרן, ווען אַ גרינער איז אַראָפּ פון שיף, האָט מען אים געמוזט אַרומשערן און ערשט נעמען אין באָד אַריין... היינט ווען די גרינע באַלד אונדז פירן אין באָד אַריין...

—ס׳אַ גוטער וויץ, מיסטער יאַגאָדע. אָבער דעם מנהג פון פּוצן זיך ביים זוכן אַרבעט האָבן איינגעפירט די אַמעריקאַנער. מ׳האָט נישט ליב דעם אָרעמאַן אין דעם לאַנד, ווו רייכטום איז אַ פּריווילעגיע און אָרעמקייט איז אַ בושה... זוכן אַ שטעלע ווערט דאָ באַטראַכט פּונקט ווי דורכגיין, ווי מ׳זאָגט ביי אייך, אַ ביזנעס־טראַנזאַקציע. דער אַרבעט־זוכער אינוועסטירט זיין צונג און זייע זוילן און דער אַרבעט־געבער זיין געדולד. דאָס האָט מען מיך און יאַדזשאַן נאָך גע־לערנט אין דער שווייץ.

— יאַדזשאַ איז געווען אין דער שווייץ?

— כ׳האָב זי דאָרט באַקענט. איר פאַמיליע איז אומגעקומען אין דאַכאַו. מיינע עלטערן האָט מען פאַרברענט אין אָשווינטשים. מיר האָבן זיך געטראָפן אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער. די שווייצאַריער האָבן אונדז גוט באַהאַנדלט. מען האָט אויסגעמיטן אַלע פייערן און דערפאַר האָט מען אונדז רעספּעקטירט ווי מענטשן. נישט שיין צו רעדן דערפון, אָבער דער אמת איז, אַז מ׳האָט אין ערגעץ נישט ליב קיין היימלאָזע. נאָכן אַרויפקומען אויפן שיף האָבן מיר געמוזט אָפּ־ווישן דעם טרויער פון די פּנימער... די האַפן־באַאַמטע אין ניו־יאָרק זענען געווען גערעכט. אָרעמאַנסקע קרעכצן דאַרף מען נישט אימפּאָרטירן אַהער.

— רעדסט ווי אַ יאָקל — האָט איסר יאַגאָדע מיט גרינגשעצונג אַ הויב געטון אַ האַנט — ס׳פעלן קבצנים אין אַמעריקע? הלוואי זאָלסטו אָפּציילן אַזויפיל דאָלאַרן אין דיינע פאַרדינסטן ס׳ערשטע יאָר, וויפל קבצנים ס׳געפינען זיך אין דעם לאַנד. אַז וועסט זיך אויסגרינען, מעגסטו כאַפּן אַ שפּאַציר צווישן די אָרעמע אַמעריקאַנצעס אין דער סאַוט וועסטו זען, וואָס עס מיינט אַן אביון! אָבער וואָס דאַרפסטו קריכן אַזוי ווייט? מעגסט מאַכן אַן אינספּעקציע דאָ, אין ניו־יאָרק. כ׳על דיך אַריינפירן אין האַרלעם, אַפילו אויף אונדזערע פאַרקאָפּטשעטע גאַסן פייפט דער דלות. וועגן גאָרעק־געסל האָסטו אַמאָל געהערט? דו האָסט וואָס צו רעדן! ס׳אי דיר ווויל ווי די וועלט! דיין פענצטער קוקט גלייך אַרויס צו פּאַרק עווועניו. ס׳איז די עוועניו פון מיליאָנערן! ווייסט, ווער ס׳וווינט דאָרט? די „פיר הונדערט“!

— לאָמיך טאַקע בלייבן זייער שכן...

—כ׳זע, אַלע גרינע האָבן נישט קיין געהויבענע מיינונג וועגן אונדזער מדינה. דיין יאַדזשאַ איז אויך נישט פאַרכאַפּט פון קאָלומבוסעס אַנטדעקונג. כ׳על נישט לייקענען, ס׳איז דאָ וואָס אויסצוזעצן... אָבער ווייז מיר נאָך אַ לאַנד, ווו מ׳מעג זידלען דעם פּרעזידענט?

— דאָס קען מען נישט אָפּלייקענען, מיסטער יאַגאָדע. ס׳ציט די מענטשן צו דער גאָלד־גרוב ווי גלי־פייגעלעך צום פייער... אויף יאַדזשאַן וואַרט אויך אַ פאַרגעסענער אוצר, אויב זי וועט האָבן מזל.

— מזל וואַקסט דאָ נישט אויף די ביימער. מען מוז עס אויסגראָבן ווי קאַרטאָפל פון דער ערד... יאַדזשאַס פאַרגעסענער אוצר איז אַ ירושה און די ירושה איז איבערגעלאָזט געוואָרן פון איר אָנקל. די „קעיס" דאַרף קומען אין די ריכטיקע הענט אַריין! אויב ס׳וועלן זיך נישט צוטשעפּען נאָך יורשים, קען אַ דורכגעטריבענער אַדוואָקאַט אויפמאָנען דעם פולן חלק, איבערנאַכט.

— איז אייער שוואָגער דורכגעטריבן?

— מיין שוואָגער נייטן האָט אַ פלינקן קאָפּ און אַ געהאַקט צינגל... ר׳האָט זיך אַפילו אַליין אַמאָל געשניטן אויף אַ לאָיער. ר׳איז אָבער געוואָרן אַ שליח־מצוה און מאַכט אַ לעבן פון אָפּזוכן פאַרשוווּנדענע מענער פאַר איינזאַמע עגונות. ווי דו קוקסט אָן אַמעריקע! דאָס איז דאָך אויך אַ פאַך. דאָ ווערן מענער פאַרשוווּנדן. זיי רינען אויס... אַ שאָד אויף נייטענען. די משפחה האָט אין אים פאַרלוירן אַ גאָלד־גרעבער און די ניו־יאָרקער ריכטער — אַ קאָנקורענט. זאָרג ניט, ראובן. מ׳וועט איינשפּאַנען אין דער ירושה־קעיס די בעסטע קעפּ און נייטן איז אויך נישט קיין שיפּע זיבעלע! ס׳אַלרייט! זאָל עס פּרוּער זיך אויס־ברוּען... דערווייל דאַרפסטו פאַרזוכן דעם טעם פון פאַרדינען דעם ערשטן אַמע־ריקאַנער דאָלאַר... קום, מירן צופאָרן אין ברוקלין. כ׳האָב דאָרטן אַ באַקאַנטן בעקער.

— 2 —

ווען זיי זענען אַרויס אין גאַס איז שוין געווען טונקל. די קאַרניזן און די שינדל־דעכער פון די צוויי־שטאָקיקע הייזער זענען געווען איבערגעצויגן אויף ווייס. די לופט איז געווען פאַרפרוירן־פייכט און דער אָנגעלאָדענער הימל פינצ־טער. ס׳האָט זיך געקליבן אויף אַ זאַווערוכע. אַ ווינט האָט געפּאַטשט און באַלד האָט אַ שפּיזלדיקער שניי גענומען שפּריצן אין די פּנימער.

זיי זענען אַרויס אויף בראָדוויי און געדאַרפט דורכגיין בלויז פיר בלאָק ביז צו דער סאָבוויי־סטאַנציע. די עלעקטרישע שילדן איבער די געשעפטן האָבן געלויכטן. איבער דער מויער פון אַ מווי־הויז האָבן געפלעמלט נעאָן־ליכט מיט אַ ציטערניש. פאַרביילויפנדיקע אויטאָבוסן און טראָקס זענען געווען באַדעקט מיט שניי. די פענצטערלעך פון די גליטשיקע טאַקסיס זענען געווען פאַרשאָטן. די ציימונגס־שטענדערס זענען געווען איבערגעדעקט מיט גומענע פלאַכטעס.

ביי דער 86טער גאַס, אינמיטן שיידוועג איז געשטאַנען אַ געוויקסיקער פּאָליסמאַן אין אַ גלאַנציקן רעגן־מאַנטל. זיינע הענט, ווי שאַרפע וויזערס, האָבן רעגולירט דעם פּאַרקער און דאָס צעפּלאָמטע פּנים זיינס האָט זיך געווערט קעגן דעם פאַלנדיקן שניי און ווינט.

— ס׳גייט דער אמתער שניי־שטורעם! — האָט איסר יאַגאָדע זיך אָנגערופן, — האָסט נאָך נישט געזען ניו־יאָרק אַ באַגראָבענע אין שניי. ס׳איז דאָ וואָס צו זען! ווי דו קוקסט אָן אָט דעם כרך מיט די אַלע באַנען און שיפן, מיט די פּאַרקן און טייכן, — קען דאָס אַלץ אין אַ פּאָר שעה ווערן פאַרקריפּלט. ווען דער כרך ווערט פאַרשאָטן מיט פּלאַכטעס שניי, ליגט ער ווי אַ ליימענער גולם און קען נישט רירן מיט אַן אבר...

— און ווו איז די אַמעריקאַנער טעכניק? — האָט ראובן גערשט געפרעגט.

— די אַמעריקאַנער טעכניק קען נישט באַזיגן די השגחה... די אַלע וויסנ־שאַפטסלייט זענען אויפטועס ווען זיי הערן אויף צו קעמפן מיט דעם דרך הטבע. שלעכט איז נאָר וואָס אַ שניי־שטורעם קען אַזוי פאַרקריפּלען אונדזער שטעטל, אַז ס׳הויבן אָן אויסצופעלן שפּייז־פּראָדוקטן. ס׳האָט שוין אַזוינס געטראָפן! באַנען ווערן אָפּגעשטעלט, שיפן פרירן איין, מילך־וועגענער קענען נישט ברענגען די סחורה אין די גראָסערי־סטאָרס. פאַר די קצבים איז אָפּגעשניטן דער וועג צום שלאַכט־הויז! יאָ, דו ווייסט צו וואָס מ׳פאַרגלייכט ניו־יאָרק? צו אַ שטאָלענעם ריז! דער ריז קען סאָפּען און פּילדערן ווען אַלץ גייט כשורה. די ערשטע זאַווע־רוכע מאַכט אים פאַר אַ קריפּל...

אין דער סאָבוויי איז געווען אַ געפּרעסטע ענגשאַפט. ס׳איז שוין געווען נאָך פינף, די שעה פון יאָגעניש. מענטשן זענען געפאָרן פון דער אַרבעט, פון ביזנעס און די וואַגאָנען זענען געווען אָנגעשטאָפּט ווי הערינג־פעסער. קעפּ האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף קעפּ און פּלייצעס האָבן זיך געריבן אָן פּלייצעס. די פּאַ־סאַזשירן זענען געהאַנגען אויף די אייזערנע הענטלעך און געווען אָנגעשפּאַרט אָן די ווענטלעך און סלופּעס.

איסר יאַגאָדע און ראובן גערשט האָבן קוים זיך אַריינגעקוועטשט אין דעם געדרענג. פון זיין ענגשאַפט אַרויס האָט דער שדכן באַטראַכט די פּאַסאַזשירן און באַשלאָסן, אַז די וואָס האָבן פאַרכאַפּט זיץ־פּלעצער און לייענען צייטונגען ווערן באַטראַכטן פאַר רשעים פון יענע, וואָס שטייען און שעלטן דעם מעיאָר פאַר דעם ביזן סאָבוויי־סיסטעם. צוליב וואָס איז דאָ די ענגשאַפט? מ׳קען דען נישט צוגעבן נאָך אַ פּאָר באַנען אין די פאַרנאַכט־שעהן? ער האָט חשק געהאַט צו דערציילן זיין באַגלייטער עפּעס וועגן דער שלעכטער ווירטשאַפט פון ניו־יאָרק, וועגן דעם נאַכלעסיקן מעיאָר, אָבער מער ווי בלאָזן דעם אָטעם אין זיין פּנים אַריין האָט ער אין דעם געדרענג נישט באַוויזן. די אָנגעשטאָפּטע באַן האָט געשלונגען מיילן איבער די אונטערערדישע רעלסן.

אויף דער סטאַנציע ביי קאַנעל־סטריט זענען זיי אַרויס און זיך געלאָזט איבער דריי שטאָק טרעפּ אַרויף. זיי האָבן געטוישט די אונטערערדישע באַן אויף דער עלעווייטאָר־ליניע, איבער דער ברייטער פּלאַטפאָרמע האָבן געוואַרט אַ סך פּאַסאַזשירן, אָבער די באַנען זענען דאָ געלאָפן אָפּטער און אין די וואַגאָנען איז

געוועזן גערצאַמער. איסר יאַגאָדע מיט גערשטן זענען שוין געזעסן באַקוועם ביי אַ פענצטערל, ווען די קייט פון וואַגאָנען האָט זיך געדראַפּעט אַרויף־אַרויף, אַרויס פונעם טונעל ביז זי האָט זיך אַרויסגעשלענגלט איבער דער וויליאַמס־בורג־בריק.

פאַר די וואַגאָן־פענצטערלעך זענען פאַרבייגעלאָפן אייזערנע סלופּעס ווי איינגעפרוירענע טויערן. די דראָטן־געפלעכטן און שטאַלענע געוועבן פוןביידע זייטן בריק זענען געווען באַדעקט מיט שניי. איבערן טייך האָט זיך געשפּרייט אַ נאַכטיקע שטילקייט. אַ שווערער אָנגעלאָדענער דאַמפער האָט זיך געגליטשט ווי אַ וואַלפיש אין דער טונקלקייט. אַ פלינק מאָטאָר־שיפל האָט געשניטן דאָס וואַסער מיט אַ פלעסקעריי ווי ס׳וואָלט זיך געקרישלט אייז. די באַלויכטענע גע־ביידעס און וואָלקנקראַצערס פון ניו־יאָרק האָבן זיך געדרוקט הינטערוויילעכץ און זענען איינגעשרומפּן. פונדערווייטנס האָבן די לעמפּעלעך פון די הויך־שטאָקיקע בנינים געפלעמלט ווי צאַנקנדיקע ליכטלעך. פון דעם אַנדערן ברעג זענען אַקעגן געקומען די פייערן פון ברוקלין. איבערן הימל האָבן זיך געצונדן און געלאָשן עלעקטרישע רעקלאַמע־שילדן פון ציין־פּאַסטע און ראַזיר־מעסער־לעך. אין דער פינצטערניש האָבן אויפגעציטערט, ווי בליציקע קנעפּלעך, די לעמפּלעך־שנורן אויף די קעגנאיבערדיקע בריקן.

איסר יאַגאָדע האָט אויסגעשטרעקט אַ פינגער צום פענצטערל און אויפ־געזוכט זיין באַגלייטערס אויערן.

— זעסט די בריקן? דאָס זענען די קייטעלעך וואָס פאַרבונדן מאַנהעטען מיט ברוקלין. און דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן אין איילעניש... לאַך נישט פון די אַמעריקאַנצעס! דער „האַרי־אָפּ"־סיסטעם איז אַ געזונטע זאַך, נישט קיין נאַר האָט עס אויסגעטראַכט... ווי לאַנג מיינסטו, האָט געדויערט צו בויען די מאַנ־העטען־בריק? קוים עטלעכע יאָר! און וואָס איז מיט די אַנדערע בריקן? פאַראַן אין ניו־יאָרק מער בריקן ווי דו קענסט ציילן אויף די פינגער... בריקן זענען דאָס? פעסטונגען! שטעט איבערן וואַסער! מען פאָרט און מען טראַמפּלט איבער זיי! פאַרלאָז זיך אויף די היגע אינזשענירן! דאָ, אין דעם לאַנד, ווו דו שטעלסט אַ טריט — זעסטו אַן אויפטו. ווו אַ שפּרייז — אַ דערגרייכונג.

ראובן גערשט האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געשמייכלט. איסר יאַגאָדע האָט זיך צעקאָכט פון די אייגענע רייד און אַריינגערעדט אין זיין צו־הערער.

— אַז מ׳זאָגט אַמעריקע איז אַ מוסטער פאַר דער וועלט — גלויב! ס׳עשירות פון דעם לאַנד קען שפּייזן די גאַנצע וועלט. וואָס מ׳דאַרף דאָ, איז אַ סך פּראָ־דוקציע! וואָס מער פּראָדוקציע! נאָר אַ געזונטער שאָקל און דו דערגרייכסט אַלץ! ווי אַזוי מיינסטו איז אויסגעוואַקסן גאַנץ מאַנהעטען? די הונדערט־שטאָ־קיקע געביידעס? אַ פּאָר געלט־זעק האָבן זיך אַ שאָקל־געטון און ס׳האָבן זיך אויפגעהויבן די וואָלקנקראַצערס. אַ מאַגנאַט האָט זיך אַ טרייסל געטון און ס׳איז אַריבערגעוואָרפן געוואָרן די ברוקלין־בריק, די מאַנהעטען־בריק, די וויליאַמס־בורג־בריק. שווער צו צעקייען, האַ? אַלע גרינע טראַכטן אַזוי! וועסט זיך צוגע־ווינען, בנאמנות, וועסט זיך צוגעווינען...

— 3 —

די טיר פון צווייטן וואַגאָן האָט זיך אויפגעפּראַלט און ס'איז אַריינגעקו־ מען אַ פעטער יונג אין אַ לעדערנער קורטקע מיט אַן אָנגעשטאָפּטער וואַליזקע. ער האָט אַוועקגעשטעלט די וואַליזקע אינמיטן וואַגאָן, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַ פּעקל, איינגעוויקלט אין צעלאָפאַן־פּאַפּיר און מיט אַ טיפער בויך־שטימע גע־ האַלטן אַ קורצע רעדע פאַר די פּאַסאַזשירן וועגן אַ מציאה־קויף פון האָר־ נאָדלען. זיין בויך־שטים האָט אָנגעריסן, ווי ער וואָלט אויסגעזונגען אַן אָפּע־ רע־אַריע. פרויען האָבן איינע נאָך דער אַנדערער געעפנט די האַנט־בייטעלעך און איינגעהאַנדלט די מציאות.

— פון וואָס מע מאַכט אַלץ אַ לעבן, האַ? — האָט איסר יאַגאָדע אַ שטויס געטון גערשטן — האָרנאָדלען איז אויך אַ סחורה! די ווייבער דאַרפן אַפילו נישט גיין אין סטאָר אַריין, דער פּעדלער יאָגט זיי נאָך אין די באַנען... אַז דאָ איז אַלץ פריי! ווען דו פרעגסט מיך, שוין צופיל פריי! זיי קריגן געשמדטע העל־ דזער, די ווייבער... היינט איז גאָרנישט! דאַרפסט זען וואָס ס'טוט זיך דאָ זומער־ צייט, ווען די פאַרשוויצטע ניו־יאָרקער פאָרן קיין קאָני־איילאַנד. האָסט געהערט פון קאָני איילענד?

— וועגן דעם פריילעכן אינדזל הערט מען אין דער גאַנצער וועלט — האָט גערשט געענטפערט.

— שוין איינמאָל אַן אינדזל! ס'אַ גן־עדן התחתון... ווען די ערשטע היצן קומען, הויבן זיך אויף גאַנצע מענגעס און ס'ווערט אַ לויפעניש פון די בבל־ טורעמס, וואָס בויערן לעבער אין די הימלען... מ'לויפט ווי פון דעם ברענענ־ דיקן סדום! און מיינסטו, אַז מ'יאָגט זיך צום ים־ברעג, ווייל מ'וויל זיך טונקען אין די געזאַלצענע וואַסערן און אַרויפכאַפּן אויפן זינדיקן גוף אַביסל זון־בראַנד? ווייל די מעדיצין פאָדערט עס? איינרעדעניש! דער פאַרהאָרעוועטער מענטש מיט זיין שרעק פאַר דער וועלט־אונטערגאַנג זוכט נישט מער ווי עולם הזה־ פאַרגעניגן. ער וויל אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס אָנגעשטאָפּטע זעקל מיט זאָרגן! אַ באַוויז האָסטו אַז דער אינדזל איז אָנגעפּיקעוועט מיט שפּיל־הייזער און פאַרווײַלונגס־פּלעצער, אָנשטאָט מיט סאַנאַטאָריעס... דער אַמעריקאַנער ביזנעס־ מאַן גיט דעם קויפער תמיד דאָס, וואָס ער פאָדערט. און די ליכט פון קאָני־ איילענד ווינקען פאַרפירעריש ווי אַ זינדיק מיידל. זיי רופן און שלעפּן דאָס פאַרשוויצטע ניו־יאָרק צו אירע נעסטן.

— ווער זענען די אייגנטימער פון די פאַרווײַלונגס־פּלעצער? יידן?

— יידן זענען דאָ אומעטום. אין סדום און אין שושן הבירה... אין האַרלעם און אין בראָנזוויל... דער פאַרגלייך מוז נישט זיין גאַנצע הונדערט פּראָצענט. עמך זעט זיך אָבער אָן אין יעדער געגנט. און פאַרוואָס נישט? ווער, מיינסטו, האָט דעם היינטיקן פּתום ורעמסס אויפגעבויט? און ווער וווינט אין אים? כ'זאָל זאָגן, אַז ס'פעלן אחינו בני ישראל אין קאָני־איילענד, איז ווי כ'וואָלט געזאָגט, אַז ס'פעלן טערקן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אָדער פּאָניעס אין מאָסקווע... דער

פאַרוויילונגס־צושטעלער איז דאָ אַ ייִד און דער געניסער איז אויך אַ ייִד... אַזוי איז דער ווורשטלעך־פאַבריקאַנט און דער געברויכער, דער פאַרקויפער פון אייז־קרים און דער אָפּנעמער; אַזוי איז דער אייגנטימער פון דעם ביקסן־אַרסע־נאַל און דער אַמאַטאָר וואָס לערנט זיך שיסן... ס׳איז אַ ייִד דער קאַרוסעלע־טרייבער און דער רייטער אויפן הילצערנעם פערד... דו דאַרפסט בלויז צולייגן די אויערן צום געפּילדער אין קאָני־איילענד און דו דערהערסט תיכף דעם ייִדישן דופק... פון דער אַנדערער זייט קען מען נישט לייקענען, אַז ס׳דרייען זיך אויך אַרום אַביסל איירישע גויים און איטאַליענישע פּושקאַרט־הענדלער... זיי האָבן זיך אויך פאַרוואַלגערט... כ׳האָב זיך שוין אַביסל פאַררעדט — ס׳אי טיפער ווינטער. ס׳קלייבט זיך ערשט אַ זאַווערוכע און איך שמועס פון קאָני־איילענד... נישט געקענט געפינען עפּעס וויכטיקערס צו רעדן? כ׳על שווערן, אַז דו ווייסט אַפילו נישט וואָס מיין פּרנסה איז?

— אַ שדכן.

— דו ווייסט אַלץ, גרינער! כ׳פאַרנעם זיך טאַקע מיט שדכנות.

איסר יאַגאָדע האָט צוגעלייגט אַ האַנט־פלאַך איבערן שטערן און אַרויס־געקוקט דורכן פענצטערל. די סאַבוויי איז געלאָפן דורך אַ פינצטערן טונעל. פאַר די אויגן האָבן פאַרבייגעשווינדלט שוואַרצע, אָפּגעשונדענע ווענט. ראובן גערשט האָט געקוקט אויף די קאָלירטע רעקלאַמע־שילדלעך איבער די סאַבוויי־ווענט, וואָס האָבן אַראָפּגעשריגן בקולי קולות. אַן אַקטיאָר מיט אַ פריזירטן קאָפּ האָר האָט געשמאַק געזופּט רהיינגאָלד־ביר. אַ באָקסער מיט אַ פלאַטשיקער נאָז האָט גערויכערט קעמל־סיגאַרעטן, אַ מאָדעל־מיידל מיט אַן איינגעשניטענער פיגור האָט אַרויסגעשטופּט איר בוזים־האַלטער, אַ מאַטראָז האָט געשליפן זיינע ווייסע ציין מיט קיי־גומי. אַ צופרידענע וועלט! — האָט גערשט געטראַכט וועגן די קאָלירטע רעקלאַמע־שילדלעך — דאָס גליק שיינט אַראָפּ פון אַלעמענס פּנימער! די אויסגעמאָלענע מענטשלעך זענען נישט קיין דוממים. דאָס זענען די איינ־וווינער פון דעם רייכסטן לאַנד, די שותפים צום עשירות, וואָס וואַלגערט זיך אויף טריט און שריט.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, די טירן האָבן אויפגעפּראַלט. איסר יאַגאָדע האָט זיך אַ הויב געטון פון אָרט און מיטגעצויגן גערשטן, ביים אַרויסגיין האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שיכור מיט אַ פאַרלאָפן פּנים. יענער האָט געעפנט אַ ברייט, ספּאַזמאַטיש מויל, גרייט אַרויסצוּוואַרפן אַ קללה אָדער אַ ברכה. ער האָט זיך אָבער אַ וואַקל געטון און זיך גענומען ראַנגלען מיט אַן אייזערנעם סלופּ. די טירן זענען פאַרהאַקט געוואָרן.

אינעם געדרענג פון מענטשן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די פּלאַטפאָרמע־טרעפּ צו דער גאַס אַרויס, האָט איסר יאַגאָדע אָנגענומען גערשטן פאַר אַ האַנט:

— מיר ה׳אָמיר אינגאַנצן אַ פינף בלאָק צו דער בעקעריי. ביזט עפּעס גרינג אויף די פיס? אויב ס׳האָט אויפגעהערט שנייען, איז עס בלויז א קאַצן־שפּרונג.

די ברייטע גאַס איז געלעגן ווי אַ פאַרשנייטער דאָרף. ס׳איז געווען שטיל. דער שניי איז ווייטער געפאַלן און די לופט איז געווען פּראַסטיק. די הענג־

לאָמפּן אויף די סלופּעס האָבן שוואַך באַלויכטן די טונקלקייט אַרום. די נידע־ריקע הייזער מיט די קאַרניזן און שינדל־דעכער זענען געווען ווייס באַדעקט ווי מיט פּלאַכטעס וואַטע. אַ שמאָלע קירך מיט אַן אויסגעצויגענעם טורעם ווי דער שפּיץ פון אַן אָבעליסק, האָט זיך אַרויסגעהויבן פון אַ זייטיק געסל.

ביידע האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן עק גאַס און געוואַרט ביז אַ טראַמוויי האָט זיך פאַרבייגעגליטשט איבער די פאַרשנייטע רעלסן. דער דיקער עלעקט־רישער קאַבל איבערן וואַגאָן־דאַך האָט געריבן די דראָט־ליניע און געצונדן אַ פייער־שריפט אויפן הימל.

זיי זענען אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט גאַס. איסר יאַגאָדע איז שטיין געבליבן פאַר אַ פּלאַטשיק הויז מיט מאַטע, טונקל־באַלויכטענע פענצטער און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער.

— דאָ וווינט אונדזער בעל־טובה מענדל ווײַנשעל... אין אַמעריקע זאָגט מען: צו קריגן די טובות מוז מען זיין אַ דערפאָלג, צו זיין אַ דערפאָלג מוז מען אָבער קריגן די טובות... ס'אי דאָס אייביקע שפּיל! אַ פאַרכישופטער קרייז. נו, לאָמיר אַ שטויס טון די טיר און טאַקע מיטן רעכטן פוס!

קאַפּיטל ניין

— 1 —

מענדל ווײַנשעל האָט אויפגענומען די אומגעריכטע געסט מיט אַ שמייכל, וואָס דריקט אויס אי איבעראַשונג, אי פרייד. די ווייסע באָרד מיט די געלבלעכע טאַבאַק־פלעקן האָט זיך אַ שטעל געטון „נאַ־שפּיץ״ אין צוויי חלקים. זיינע שאַרפע בלויע אויגן האָבן דורכגעבויערט איסר יאַגאָדעס פּנים און געשפּיזלט יעדן קנייטש זיינעם. ער האָט זיך אָנגערופן:

— נו, אינש באינש פגע — אַ מענטש מיט אַ מענטש באַגעגנט זיך... מיס־טער יאַגאָדע, וואָדען? כ'האָב געטראַכט, אַז איר'ט מיך אַמאָל אָפּזוכן... מ'קומט צו מיר ברוך השם, מ'קומט און כ'בין צופרידן וואָס כ'קען טיילמאָל אַ מענטשן טון אַ טובה. ווּעמען ווילט איר אין מיר היינט זען? דעם בעקער צי דעם קונסט־קאָלעקציאָנער? פאַר די בני בית הייסט עס, אַז כ'האָב זיך שוין צוריקגעצויגן פון די ביזנעס. כ'לעב אויף געשאָנקענע יאָרן און מיין זון פירט אָן מיט די עסקים. אָבער מ'כאַפּט זיך אַריין יעדן טאָג און מען מישט זיך ווו מ'דאַרף נישט... יאָ, אַז ר'האָט זיך אויסגעקליבן צו מיר אין אַזאַ שניי, מוז עס מסתמא זיין שטאַרק נויטיק. ווער איז דער יונגערמאַן?

דער אַלטער האָט איינגעקלעמט זיין נאָז צווישן אַ פּאָר דיקע ברילן־גלעזער און באַטראַכט ראובן גערשטן ווי דורך אַ טעלעסקאָפּ. איסר יאַגאָדע האָט געזאָגט:

— מיינער אַ באַקאַנטער, פון די ניי־געקומענע... ער איז אַ צוקער־בעקער.

— און ער זוכט אַרבעט? אויב ס׳עט נאָר זיין אַן עפענונג אין שאָפּ, מיט פאַרגעניגן! אַ פליכטלינג דאַרף מען העלפן... בעסער אים אוועקשטעלן ביים קנעפּ־טיש, איידער אים שיקן צו די צדקה־פאַרזאָרגערס, כע־כע־כע... כ׳קען נישט פאַרגעסן ווי איר האָט זיי אַריינגעצימבלט ביים באַנקעט, מיסטער יאַגאָדע. כ׳על אייך פאָרשטעלן פאַר מיין זון. ער פירט דעם שאָפּ. ער ווייס וואָס ׳עס פעלט און וואָס ס׳איז ביי אים איבעריק. מיט מיר וועט איר רעדן וועגן אַנטיק־זאַכן. מירן טאָקע שפּעטער גיין אָנקוקן מיין קאָלעקציע. יאָ, וואָס שטייט איר אין דער טיר? קומט אַביסל ווייטער.

ער האָט געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן פאָראויס. איסר יאַגאָדע איז אים נאָכגע־גאַנגען. זיי זענען אַריין אין אַ צימערל מיט אַ שטאָלענער טיר, וואָס האָט אויס־געזען סאַי ווי אַן אָפיס, סאַי ווי אַ לאַגער פון סחורות. אויף הויכע פּאָליצעס, וואָס האָבן פאַרשטעלט די ווענט, זענען געווען אָנגעלייגט שאַכטלען מיט גע־בעקס. אינמיטן זענען געשטאַנען אַ פּאָר ליידיקע שטופּ־וועגעלעך. אַ נעגער מיט אַ שפּאַלט אויפן שטערן האָט געהאַלטן אין אויסאיילן די רעדער. ביי אַ שרייב־טיש איז געזעסן אַ רויטהאָריקער מאַן אין די פופציקער, אָנגעבויגן אי־בער אַ בערגל מיט רעכענונגען און קאָנטאָ־ביכער. דאָס טעלעפאָן־טרייבל איז אים געהאַנגען איבערן רעכטן אויער. דער רויטהאָריקער האָט נישט געוואַרט ביז מען וועט צו אים צוקומען און האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. ער האָט האַסטיק זיך אַ הויב געגעבן פון אָרט און באַגעגנט די אַריינגעקומענע מיט אַ פרעגנדיקן בליק.

— דייוו — האָט מענדל ווינשעל זיך אָנגערופן אויף חצי־ענגליש — האָפּט אפשר אַן אָפּענינג? אַ פרייען פּלאַץ? אַ נייער קעיק־בעקער... יו נאָ, פון די פליכטלינגען. באַקענט זיך, מיסטער יאַגאָדע! דאָס איז מיין זון.

דייוו, מיט פלעמלעך אין די אויגן, האָט דערלאַנגט אַ קנאַכיקע האַנט איסר יאַגאָדען און פאַרשנדיק אָנגעוויזן אויף ראובן גערשטן:

— אַ יוניאָן־מאַן? ר׳האָט אַ קרעדענשעל? כ׳מיין אַ יוניאָן־קאַרטעל?

— איך בין דאָס „קרעדענשעל" — האָט דער אַלטער ווינשעל אָנגעוויזן אויף זיך — און וועגן זיין יוניע־קאַרטע דאַרפסטו זיך נישט זאָרגן. מיסטער יאַגאָדע, אַן אייגענער מענטש, וועט אים שוין פירן צו די אַרבעטס־קאָמיסאַרן, כ׳מיין, צו די יוניע־דעלעגאַטן.

— דאָס ווייס איך! — איז דייוו געוואָרן צוגעלאָזענער און זיך געווענדט צו גערשטן אויף אַ ליטווישן יידיש:

— וואָס איך קען געברויכן איצט אין שאָפּ, איז אַ קאָנדיטאָר, אַ גוטן קאָנ־דיטאָר צו דעקאָרירן טאָרטן. קעיק־בעקערס, טיש־מענטשן, קנעטערס, האָב איך גענוג, פּלענטי גענוג... פונוואַנען ביזטו אַ לאַנדסמאַן?

— כ׳קום פון דער שווייץ — האָט גערשט געענטפערט.

— נישט דאָס פרעג איך. פונוואַנען קומסטו? כ׳מיין דיין אָפּשטאַם?

— כ׳בין אַ פּוילישער, אַ געבוירטיקער אין וואַרשע.

— אַלע פּוילישע זאָגן, אַז זיי זענען געבוירן אין וואַרשע... און אַז דו וואָלסט געבוירן געוואָרן אין אַ קלענערער שטאָט, אין לאָדזש, צי אין גראָדנע,

מיינסטו, וואָלט מען דיך אין אַמעריקע נישט אַריינגעלאָזט? פאַרלאָז זיך אויף אָנקל סעם! ער קען אַלץ פאַרדייען! איך שטאַם אויך פון אַ קליין אָרט. דו שעם זיך נישט. רוף אָן ביים נאָמען דאָס שטעטל, צי ס׳דאַרף, ווו דיין מאַמע האָט דיך געהאַט... ס׳אַלרייט! דער עיקר, כ׳ווייס, אַז ביזט אַ פּוילישער, און איצט, וואָס קענסטו? כ׳מיין צו זאָגן, אין דער אַרבעט ווו שטייסטו?

— כ׳בין אַ קאָנדיטאָר פון דער היים. כ׳האָב צען יאָר געאַרבעט ביים פאַך.

— אַ קנאַפּע סמיכה פאַר אַמעריקע — האָט דער אַלטער ווינשעל זיך אַריינגעמישט — מיין זון וויל וויסן, צו די קענסט גרילאַש־אַרבעט? פלעכטן קיישעלעך פון מאַרצעפּאַן? אָרנאַמענטן פון צוקער? און וואָס איז מיט בלומען? מיט רויזן? ווי אַזוי שפּריצסטו אויס פון פּוטער־קרעם אַ רויז?

— אַ רויז? — האָט געשט אַ הויב געטון אַן אַקסל — מ׳נעמט אַן איינ־געלייגטע פּרוכט, דערנאָך פּילט מען אָן אַ לייוונטענעם זעקל מיט פּוטער־קרעם, מ׳זעצט אַריין אַ בלעכענע טוטקע און מ׳פּאַנגט אָן, איינס ביי איינס, אויסצו־שפּריצן בלומען־בלעטלעך אַרום דער פּרוכט...

— טויג נישט! — האָט דייוו געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט — אין אַמעריקע איז נישטאָ קיין צייט פאַר דעם. ביי מיר אין שאַפּ שפּריצט מען רויזן אויף אַ טשוואָק. יאָ, יאָ, אויפן קעפּל פון אַ טשוואָק... איין דריי מיטן זעקל, אַ צוויי קרייזן מיטן טשוואָק און די רויז איז פאַרטיק... לאַך נישט! אַזוי ווי דו קוקסט אונדז אָן! מיר זענען גאָרנישט משוגע... דער ווילטאָג פון אַמעריקע באַשטייט אין פּראָדוקציע, שנעלע פּראָדוקציע! איצט טו אַ שפּרייז ווייטער, וועסט אָנקוקן דעם שאַפּ.

— 2 —

מיט עטלעכע שפּאַן פאַראויס זענען ביידע, געשט פון פאָרנט און דייוו הינטער אים, געווען אינעווייניק אין דער בעקעריי. איסר יאַגאָדע מיט ווינשעלן זענען נאָכגעגאַנגען.

פיר אויסגערונדיקטע אויוונס, ווי ריזיקע הייץ־קעסלען, זענען געשטאַנען ביי די פיר ווענט פון שאַפּ. ברייטע, בלעכערנע קוימענס און גלאַנציקע רערן האָבן זיך געצויגן אַרויף, דורך די באַלקנס, צום דרויסן. פאַר די אונטערשטע רוסטן, פונוואַנען ס׳האָבן אַרויסגעפּלאַקערט פייער־צינגער, האָבן זיך געבויגן צוויי נעגערס און געשאָטן דורך די אָפענע טירלעך לאָפּעטעס מיט צעמאָלענע קוילן.

אינמיטן האָבן זיך געצויגן לאַנגע, ווייסע טישן. איבער די טישן האָבן זיך געשאָקלט אַרבעטער אין ווייסע פאַרטוכער. אויף די קעפּ האָבן זיי געהאַט ווייסע הינטעלעך, ווי שלאָף־קופּקעס. טייל האָבן אויסגעפּאַטשט אַ באַרג מיט אויפגע־יוירענע טייג. אַנדערע האָבן ס׳טייג אונטערגעכאַפּט און גענומען שניידן שטיקער דערפון און וואַרפן אויף די וואָג־שאָלן. צענדליקער פאָר פינגער זענען אונ־טערגעלאָפן, האָבן אַראָפּגעכאַפּט די שטיקער טייג פון דער וואָג און זיי צע־

פערטלט, צעאַכטלט. איינער האָט אויף די טייגלעך אַ שפּריי געטון מיט מעל־שטויב, האַנט־דלאָניעס האָבן די פערטעלעך און אַכטעלעך צעקנאָטן און אויס־געוויקלט ראָזשינקע־רינגען און געפלאָכטענע צימערינג־שטריצלען.

אין רעכטן פליגל, אָנגעשנאָלט אויף רימענס און דינאַמאָס, זענען געלאָפן קנעט־מאַשינען, מיש־קעסלען, הויב־שטאַנגען. די קנעט־מאַשינען האָבן אויטאָ־מאַטיש אַרויסגעוואָרפן שטיקער טייג, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין פירעקיקע, הילצערנע בייטן. די טיש־קעסלען האָבן אַריינגעגאָסן אין בלעכענע פאַנען און פאָרמען שיטערע אייער־מאַסע. אַלץ איז געוועזן איינגערעדלט, אַלץ איז געוועזן איינגעשפּאַנט. דאָס הוזשעריי פון די מאָטאָרן האָט גערוישט מיט דעם ריטם פון לאָקאָמאָטיוו־רעדער.

קעגנאיבער די מאַשינען אַרום לאַנגע מאַרמאָר־טישן, האָבן זיך געדרייט אַ גאַנצער טוץ קאָנדיטאָרס אין ווייסע קאַפּטאַנעס. די בלישטשענדיקע מעסערס זענען געווען אַריינגעשטעקט אין די פאַרטוכער, ווי קינזשאַלן. איבער די טישן זענען רייעסווייז געווען אויסגעלייגט טאָרטן, באַגאָסן מיט שאָקאָלאַד און באַ־שמירט מיט פּוטער־קרעם. טייל קאָנדיטאָרס האָבן צעצעשניטן די טאָרטן, אָנגע־פילט זיי מיט מאַנדלען און מיט פרוכטן, אַנדערע, וואָס זענען געשטאַנען גרייט מיט אָנגעשטאָפּטע זעקלעך קרעם אין די הענט, האָבן גענומען דעקאָרירן די טאָרטן.

גערשט האָט מיט שמייכלענדיקע בליקן באַטראַכט די מאַשינען, די טישן און די אַרבעטער און ס׳איז אים וואַרעם געוואָרן. ער איז גרייט געווען צו פאַר־קאַטשען די אַרבל און זיך שטעלן צו דער אַרבעט. ער האָט בלויז געטראַכט ביי וועלכן טיש ער דאַרף אַ פלאַץ פאַרנעמען. דייוו, דער באָס, האָט אים אָנגע־נומען פאַר אַ האַנט. אין זיינע פלעמלדיקע אויגן האָט מען געקענט זען, אַז ער נעמט זיך איבער מיט זיין פאַרמעגן. די נאָז האָט זיך איינגעצויגן, די באַקן האָבן זיך פאַרקנייטשט. די רויטע האָר זענען געוואָרן ליכטיקער און די צונג איז נישט איינגעשטאַנען, קנוילענדיק זיך צווישן ציין און רייד:

— אַזוי זעט אויס דער שאָפּ... און פאַרגעס נישט, דאָס איז אַ האָלסייל־פּלאַץ, כ׳מיין אַ הורט־פאַבריק! מ׳דאַרף אָנוואַרפן וואָס מער סחורה, אַנדערש וואָלט איך נישט געקענט עקזיסטירן. דערמאָן זיך נאָר די אויסגאַבן מיינע! ס׳אַרבעטן ביי מיר דריי שיכטן! די מאַשינען לויפן בייטאָג און ביינאַכט, שטעלן זיך קיינמאָל נישט אָפּ. קענסט אָפּשטעלן די סאָבווייז? אַזוי קענסטו אָפּשטעלן דאָ די אַרבעט. און וויפיל לייט עס אַרבעטן דאָ, האָסטו אַ באַגריף? האָסט דאָך דאָ פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן: נעגערס, איטאַליענער, פּאָליאַקן, שפּאַניער, דייטשן און וועמען נישט? אַמעריקע — אַ מדינה! אַזאַ אַנלויף! וועסט זיך אויסגרינען, גלויב מיר, וועסט זיך אויסגרינען!

דער אומגעדולד ביי גערשטן איז געוואַקסן. דער חשק צו אַרבעטן, צו זיין איינער פון אָט די יונגען, וואָס שטייען זיכערע, ווער ביים טיש, ווער ביי דער מיש־מאַשין — דער חשק האָט אים איצט צענומען און אונטערגעטריבן צו פרעגן דעם באָס פראַגן און נישט אויסהערן מער די קנוילן רייד. ער האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט איסר יאַגאָדען און זיך אויסגעדרייט צום רויטהאָריקן דייוו:

— קען איך אָנהויבן אַרבעטן?

— פּרעגסט ערשט! — האָט דייוו זיך צעלאַכט — צו וואָס דען ביזטו דאָ אַריינגעקומען? שפּילן בינגאָ? מאַכן אַ פּינאָקל? זעסטו, אין אַמעריקע, אַז דו ווילסט זיך אויף עפּעס אַרויפכאַפּן, מוזטו האָבן אַ „פּוש”, אַ שטויס. און אַזוי לאַנג ווי מאָרגאַן, צי ראָקעפעלער איז נישט דיינס אַ קרוב, מוזטו דערווייל, דעם ערשטן טוץ יאָרן, זיין אַ שאַפּ־מענטש... אַרבעטן, נאָר אַרבעטן! איצט גיי אין וואַש־צימער, וועסטו קריגן דיינע כלים, אַ פאַרטוך, ווייסע הויזן, אַ הוט און שטעל זיך צום טיש!

— איז עס שטענדיקע אַרבעט?

— רעדסט דאָך טאַקע ווי אַ גרינהאָרן! דו ווייז נאָר, אַז דו קענסט עפּעס, ברעך זיך איין די ערשטע פּאָר וואָכן, און אַז דו וועסט זיך אויסטויגן, קענסטו דאָ שטיין אַ גאַנץ לעבן! און קענסט זיך אַרויפאַרבעטן אויך... מעגסט אַפילו ווערן אַ פאַכמאַן, אַ מייסטער! פאַרשטייסט וואָס כ׳מיין?

מיט הבטחות אין די אויערן און מיט אַ שטילער פרייד אין געמיט, איז גערשט אַריינגעגאַנגען אין וואַש־צימער. ווען ער איז אַרויסגעקומען אָן איבער־געטוענער, האָט איסר יאַגאָדע אים קוים דערקענט. ער האָט איצט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַן איטאַליענישער ספּאַגעטי־קוכער. גערשט האָט זיך צו־געררוקט צום טיש. דער באָס האָט אַ רוף געטון איבערן שאַפּ:

— טאָני, נעם איבער דערם מאַן! ער וועט אַרבעטן מיט דיר.

ס׳איז צוגעקומען אַ דיקער איטאַליענער, אַוודאי פון אַ יאָר צוואַנציק. ער האָט אָבער אויסגעזען עלטער פון זיינע יאָרן. ער איז געווען אָנגעגאָסן אין די פּלייצעס, אין די אָרעמס און אין די פיס. דער גאַנצער גוף — אַ באַרג פעטס, קיין איין איינשניט אין דעם געשטעל. דאָס פולע פּנים מיט די דינע קנויט־וואָנצעס און די רויטע ליפּן זענען געווען אַזוי פריש, ווי ער וואָלט זיך ערשט געהאַט אַנטוויינט פון דער מאַמעס מילך.

טאָני האָט שטומערהייט באַטראַכט גערשטן ווי אַ קאָנקורענט. ער האָט אַוועקגעלייגט פאַר אים אויפן טיש אַ טרוקענעם טאָרט, אַן אָנגעפּילט זעקל מיט פּוטער־קרעם, אַ מעסער און אַ פּאָר בלעכענע שפּריץ־טוטקעס. מיט אַ שטומען האַנט־פּאַך האָט ער אַ פּיר געגעבן איבער דעם אויסגעשטעלטן געצייג, הייסנדיק אים אויספּוצן דעם טאָרט. דאָס לינקע אויג האָט ממזריש אַ ווונק געטון, אַ פינ־גער האָט פאַרבלאָנדזשעט איבער אַ קנויטל וואָנצע און געמיינט אַזוי צו זאָגן:

— איצט ווייז וואָס דו קענסט!

ווי נאָר גערשט האָט גענומען דאָס זעקל אין האַנט אַריין און קונציק אָנ־געהויבן אַרומקרייזן דעם טאָרט, אַרויסשפּריצנדיק שטערנדלעך און מאַקאַראָנ־דלעך, האָבן אַרבעטער פון די אַרומיקע טישן איינציקווייז זיך צוגערוקט און באַטראַכט ווי אַזוי דער נייער מאַן טוט זיין אַרבעט און צי ער וועט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען. אויגן האָבן זיך איינגעגעסן דאָ אין גערשטס לויפנדיקער האַנט, דאָ אין דעם טאָרט. ווען דער טאָרט איז פאַרטיק געוואָרן אונטער זיין האַנט, אַן אויסדעקאָרירטער מיט קרוינדעלעך און שטערנדלעך, האָט פון צווישן די אַרבעטער זיך אַרויסגערוקט סעם, אַ הויכער, גרוי־קעפּיקער מאַן. ער האָט אַ

ווילע אַריינגעקוקט גערשטן אין די אויגן אַריין, דערנאָך גוטברודעריש אַרויפֿ־געלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל און אָנגעוויזן אויף דער סטעליע:

— זאָג מיר, לאַנדסמאַן, האָסט שוין אַמאָל געאַרבעט אין אַזאַ קנאַל־בודע?

גערשט, אַליין אַ צענומענער פון דעם שטיקל אַרבעט, האָט געעפֿנט אַ פּאָר אויגן:

— וואָס?

— ער מיינט צו פֿרעגן — האָט דער אַלטער וויינשעל זיך צעשמייכלט — צי דו האָסט שוין דאָ אין אַמעריקע געאַרבעט אין אַ בעקעריי?

— ר׳איז דאָך ערשט אַראָפּ פון שיף! — האָט איסר יאַגאָדע אים פֿאַר־ענטפֿערט.

— און ער קאָן שוין מאַכן אַזאַ אַמעריקאַנער „האָצי טאָצי״? — האָט מענדל וויינשעל געפֿרעגט.

דער גרוי־קעפּיקער סעם האָט געקלאַפּט גערשטן אין דער פּלייצע:

— כ׳האָב דיר געשטעלט די פֿראַגע, ווייל כ׳האָב געזען ווי אַזוי דו נעמסט דעם זאַק אין האַנט אַריין, און כ׳מוז דיר זאָגן, ביזט אַ בעל־מלאכה! האָב נישט מורא, וועסט זיין פון די באַיעס, וועסט זיין פון די אמתע באַיעס!

פון הינטער אַ דריי־גאַרנדיק וועגעלע, געפּאַקט מיט שאַכטלען, וואָס האָט זיך פֿאַרבייגערוקט אויף רעדלעך, איז אָנגעקומען דער רויט־האָריקער דייוו מיט גיכער שפּרייזן. אַ שמייכלענדיקער, מיט צענומענע הענט, איז ער גרייט געווען אַרויסצוגעבן דעם אורטייל. ער האָט מיט באַוואָרעניש אַ קוק געטון צוערשט אויפֿן טיש, דערנאָך אויף גערשטן. איסר יאַגאָדע איז אַנטקעגנגעקומען און געפֿרעגט:

— נו, וואָס זאָגט איר אויף דעם נייעם? אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען?

— כ׳האָב געזען דיין אַרבעט — האָט דער באָס, אָנשטאָט צו ענטפֿערן יאַגאָדען, זיך געווענדט צו גערשטן — ס׳גייט לאַנגזאַם, אָבער וועסט זיך איינ־ברעכן. די הויפּטזאַך, נישט אָפּשטיין, גיין פֿאַראויס! און מעגסט טאַקע שפּריצן דעם קרעם אַביסל גרעבער און פֿולער! וויניקער דריידלעך, מער שטערנדלעך, מער מאַקאַראָנדלעך... פֿאַרשטייסט וואָס כ׳מיין? ס׳זאָל זיין וואָס אָנצוקוקן! דאַרפסט נישט קאַרגן קיין פּוטער. אין אַמעריקע פעלט נישט קיין מאַטעריאַלן. אָיצט שאַדט נישט, זאָלסט זיך באַקענען מיט די באַיעס. דער גראָבער, וואָס האָט דיך צוגעפֿירט צום טיש, איז אַ „לאָקש״... ווייסט וואָס כ׳מיין? אַן איטאַליע־נער! דער גאַנצער שייגעץ איז נישט אַלט קיין צוואַנציק יאָר און זע נאָר אַביסל שמאַלץ וואָס ער טראָגט אויף זיך! אַ שטיק בויך! דאָס קומט פון די פיר קוואָרט מילך, וואָס ער טרינקט אויס אַ טאָג. ער הייסט טאָני, אָבער אין שאָפּ רופט מען אים: באַמבינאָ — אַן איטאַליענישער נאָמען. אויף אונדזער לשון מיינט דאָס: בייבי... לאַכסט? זעסט דאָך זיינע פּיסקעס! דער מאַמעס מילך ליגט אים נאָך אויף די ליפּן! אַזוי איז ער דווקא אַן אָפּגעהיטענער יוניע־מאַן. ר׳גייט אַהיים פּונקט צו די אַכט שעה, אָבער אַז ס׳קומט אונטער אַ מסירהלע אויף אַ מאַן, איז ער דער ערשטער עס אונטערצוטראָגן דווקא מיר, דעם באָס... אַזאַ אונטער־לעקער! ער דערשפּירט גלייך אַ קאָנקורענט. ר׳האָט נישט ליב זיינס גלייכן.

אָבער דו גיי אים פאַרביי. אַז ס'לאָזט זיך, מעגסטו אים אַריבערוואַקסן... איך בין שטענדיק גרייט פאַרצוציָען אַ יהודי... ספּעציעל איצט, נאָך היטלערן, ימח שמו. וועגן דיינע ווידזשעס, אַ טאָלער אַרויף, אַ טאָלער אַראָפּ, וועל איך דיר זאָגן מאָרגן... און איצט — האָט ער אַ וויז געטון אויף די טישן מיט טאָרטן — אַרבעט אָפּ די ערשטע נאַכט און מעגסט זיך געבן אַ שאָקל, אַן אָרנטלעכן שאָקל!

— 3 —

דער באָס איז אַרויס. ראובן גערשט האָט געשפּירט ווי כוחות רינען פון זיינע אָדערן, ס'בלוט פּאַליעט אין די שלייפן און ער האָט נישט געוווסט, צי ער זאָל זיך נעמען צו דער אַרבעט, צי אַרויסגיין. איסר יאַגאָדע האָט באַמערקט זיין פאַרלעגנהייט און זיך אָנגערופן:

— נו, האָסטו שוין אַ דזשאַב אויך! כ'על באַלד אָנטעלעפאָנירן יאַדזשאַן... און דו בלייב אַ פּאָר שעה ביים טיש, און אפשר טאָקע איבערנאַכט. ווּעסט זען צו כאַפּן דעם שניט. אַז דער באַלעבאָס וויל דיך, וויִז זיי, די צעלייגערס, וואָס דו קענסט...

גערשט האָט אַ נעם געטון דאָס זעקל פּוטער־קרעם און מיט אימפּעט גענומען אויסשפּריצן שטערנדלעך אויף די טאָרטן. ער איז געגאַנגען אַ מייל אַ מינוט. אינמיטן שפּריצן האָט ער געכאַפּט זייטיקע בליקן אויף די אַרבעטער אַרום. טייל זענען געווען גלייכגילטיק. טייל האָבן געוואָרפן אויגן פול מיט אומ־צוטרוי און פאַרדאַכט. גערשט האָט עס דערשפּירט. מיט איין צאָן־ביס האָט ער געוואָלט צעבייסן די פרעמדקייט און איינוואָרפן די ווענט, וואָס טיילן אים אָפּ פון די איבעריקע. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די פרעמדקייט וועט לאַנג אָנהאַלטן. די פאַרווונדערונג איז ביי אים געשטיגן. אַ יִדישער שאָפּ, אַ יִדישער באָס, אַרבעטער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. אַן אָנלויף פון פרעמדע לענ־דער. און וועגן ס'באַוויזט זיך צווישן זיי ווידעראַמאָל אַ פרעמדער, אַן אַנטלאָ־פענער פון רדיפות, גלאָצן אויף אים אויגן און ס'פאַלן בליקן פון פאַרדאַכט.

דער אַלטער ווײַנשעל איז צוגעקומען און אָנגענומען איסר יאַגאָדען פאַר אַן אָרעם:

— אַז איר זייט שוין דאָ, קומט וועט מען מאַכן אַ שפּאַציר איבערן שאָפּ... אייער גרינער וועט שוין נישט פאַרלוירן גיין, אויב מיין זון הייסט אים אָפּ־אַרבעטן די נאַכט... ר'ווילט אפשר אָנקוקן מיין קאָלעקציע מיט שניצערייען? כ'האַלט די אַנטיקן אין אַ פאַרשלאָסענער קאַמער. דאָס הויז איז צוויי בלאָק פון דאַנען.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ טונקעלע וואַנט, ווו ס'זענען געווען איינגע־שפּאַנט קליינע דינאַמאָ־מאַטאָרן. אַ קליין־געוויקסיקער פּאָרטאָריקאַנער איז אַרומגעגאַנגען פון איין שלאָג־מאַשין צו דער צווייטער און אויסגעשמירט די שרייפלעך מיט אייל און פעטס. דער אַלטער האָט איסר יאַגאָדען אַרומגעפירט איבערן וואַש־צימער, דערנאָך אין קליידער־צימער. דאָרט איז געווען געפּאַקט

אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געגרייט צום נאַכט־שיכט, האָבן זיך געהאַלטן אין איבערטאָן. איטלעכער איז געשטאַנען ביי זיין שאַפּקע. מ׳איז אַריינגעקראָכן אין ווייסע הויזן, אין ווייסע קאַפּטאַנעס און מ׳האָט זיך געקיבעצט. איינער האָט אונטערגעוואָרפן עמעצנס אַ היטל. אַ צווייטער האָט פאַרשטעקט אַ פּאָר פרעמדע שיך. די יונגען האָבן זיך צעלאַכט אויף אַ קול, אַ גראָב וואָרט און אַ געמיינער וויץ האָט זיך געטראָגן פון מויל צו אויער.

מענדל ווײַנשעל האָט געפּירט איסר יאַגאָדען און געגלעט די טאַבאַק־פּלעקן אויף זיין גרויער באָרד.

— אַ חברה לצים! ביי אַזאַ באָס, וואָס פעלט זיי? און איך זאָג אייך, מ׳דאַרף אויף אַלעמען האַלטן אָן אויג... די ערשטע צייט, ווען מיין זון האָט איבערגע־נומען דעם שאָפּ, פלעג איך אַריינקומען צוויי מאָל אַ וואָך. היינט מוז מען אַכטונג געבן יעדן טאָג. און ס׳פעלט דען אויף וואָס אַכטונג צו געבן? כ׳קוק זיך אַרום אין אַלע ווינקעלעך. כ׳זאַמל אַלטע שאַכטלען, כ׳שטעל אָן פאַסטקעס פאַר מייז... כ׳קריך צווישן די אויסגעליידיקטע פעסער פון פוטער, פון האָניג, פון פרוכטן און כ׳קראַץ אויס די רעשטקעס. ס׳איז דען דאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן? מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן... כ׳האָב נישט פיינט צו הערן אַ קיבעץ, כ׳האָב אָבער אויך ליב צו זאָגן אַ דעה אין אַפּיס. ווי איר שאַצט מיך אָפּ, בין איך שוין נישט קיין יינגעלע! כ׳דערגרענטער זיך לגבורות, אַ בן־שמונים... אָבער יאָ צוריקגעצויגן פון ביזנעס, נישט צוריקגעצויגן. ס׳קלינגט משוגע, אָבער כ׳געפין נאָר מיין רו אין דער אַרבעט!

איסר יאַגאָדע האָט געטראַכט, אַז דער אַלטער שפּילט דעם קאָמעדיאַנט, ר׳איז אַפּנים אַ קאָמיקער און באַרימט זיך כדי נושא חן צו זיין. ער שיט ווער־טער און וואָרט מ׳זאָל אים אַפּלאָדירן. נו, ר׳וועט אים צווואַרפן אַ געלעכטערל, דאָס וועט שוין פאַר איינוועגס זיין אַן אָפּצאָל פאַר גערשטס ערשטן דזשאָב, ווי זאָגט מען עס צווישן די היגע חזנים אזו אַקטיאָרן? פאַר אַ קאָמיקער איז דאָס גע־לעכטער אַן אַפּלאָוז אָן הענט...

טאָני, דער פעטער איטאַליענער האָט הינטערווײַלעכץ זיך צוגערוקט צום אַלטן מענדל ווײַנשעל. זיינע בליקן זענען געווען אונטערטעניק. אויפן שמאָל־ציקן פּנים האָט געגליווערט אַ גרימאַס פון קווענקלעניש, געמישט מיט אַנט־שלאָסנקייט.

— וואָס האָסטו צו זאָגן, באַמבינאָ? — האָט דער אַלטער, פרעגנדיק ביי אים, אָפּגעמאָסטן זיין שמאַלץ־גוידער, די בינטלעך פעטס אַרום קאַרק און דעם בויך־זאַק — וואָס זאָגסטו, זויג־בייבי?

— דער גרינהאָרן, דער „מאַקי״... ווילסט דאָך וויסן, באָס, ווי ער אַרבעט? לאַנגזאַם, צו לאַנגזאַם! אַזאַ איינער איז גוט פאַר אַ קליינער בעקעריי, פאַר אַ ריטעיל־סטאָר, נישט פאַר קיין פאַבריק...

— די שאָפּ־ברודער מיינער! ביזט דאָך עפּעס אַ יוניע־מאַן! ווער פרעגט דיך? — האָט דער אַלטער ווײַנשעל זיך צעשריגן — ס׳איז דאָ אַ באָס אין שאָפּ, ער זאָל זיך אַרומקוקן. ווייסט דאָך ווי די גמרא זאָגט — איז ער איבערגעגאַנגען

צום איטאַליענער אויף יידיש — רופא כל בשר ומפליא לעשות... דאָס מיינט: זיי נישט קיין מסור און דערצייל נישט קיין מעשיות...

ער האָט נאָכגעקוקט דעם אָפּטרעטנדיקן טאַני און זיך אָנגערופן צו איסר יאַגאָדען:

— איר מיינט, אַז נאַר דער „לאָקש“ וויל אַרויסבייסן דעם גרינעם? כ׳באַטראַכט אַזוי די לייט מיינע און ס׳דוכט זיך מיר, אַז זיי אַלע פאַרגינען נישט אַ נייעם מענטש וואָס קומט פון יענעם גיהנום... אַבי זיי אַליין האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן! ס׳איז די אַלטע מעשה. דער מענטש בלייבט אומעטום אַ רשע. מ׳האָט אין דער אדמה דעם אביון, מ׳פאַרטראָגט נישט קיין פליכטלינגען.

מענדל וויינשעל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קנעפּ־טיש און פּלוצים באַ־דעכטיק זיך צעלאַכט.

— דער גרינער אייערער האָט גוט אַריינגעשאָסן... מיין זון איז גערעכט. אַז ר׳וועט זיך אויסטויגן, קען ער דאָ שטיין ווי לאַנג דער שאָפּ וועט זיין אָפן. וואָס איז ער? אַ פאַמיליע־מענטש? אַ בחור? מסתמא זיך אַרומגעוואַלגערט אין די דייטשע לאַגערן... כ׳הער, איר רופט אים: ראובן גערשט. רובי וועט זיין קירצער און בעסער. יאָ, די רוצחים האָבן געמאַכט אַ תכלית פון אונדזער וועלט... ווער, ווער אָבער דייטשע יידן האָבן אַוודאי זיך נישט געריכט אויף אַ היטלער. כ׳געדענק, נאָך דער ערשטער מלחמה האָבן יידישע יונגעלייט פון פּוילן נישט געוואָלט דינען אין מיליטער און געלאָפן קיין דייטשלאַנד. אונדזערע דייטשוקעס, די דאָר־טיקע יאַהודים איז נישט אָנגעשטאַנען די קרובהשאַפט. מ׳האָט זיך געשעמט מיט די אָסט־יודען, מיט די פּוילישע הויזירער... כ׳רעד עס פון אייגענער דער־פאַרונג! מיין איידעם איז אויך אַ דייטשער ייד און ס׳פעלן נישט קיין צרות! איצט זענען זיי אויס יחסנים! אויס יידן אין דייטשלאַנד! נישט קיין לעבעדיקע, נישט קיין טויטע... אַפילו שמד האָט זיי נישט געהאָלפן.

ער איז אַרויס און באַלד צוריקגעקומען איינגעהילט אין אַ שווערן, לויזן פּוטער־מאַנטל, וואָס האָט דערמאָנט אָן דער פעל פון אַ בער. ער האָט ביטולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט איבערן שאָפּ און געצויגן איסר יאַגאָדען פאַר דער האַנט.

— קומט, לאָמיר איצט גיין אָנקוקן מיין קאָלעקציע... דער גרינהאָרן רובי איז פאַרזאָרגט און פאַרן ערשטן מאָל איז שוין גענוג זיך אַרומגעדרייט אין אָט דער קנאַל־בודע...

קאַפּיטל צען

— 1 —

אינדרויסן איז דער שניי געפאַלן געדיכט און האַסטיק. דער ווינט האָט גע־פייפט און געשמיסן די שפּיציקע שטערנדלעך אין די פּנימער. די פאַרטונקלטע הענג־לאָמפּן אויף די סלופּעס זענען געווען איינגעוויקלט אין בלענדנדיקע קאָל־טונעס ווי ליליפּוטן־בערד. דער אויסגעצויגענער טורעם פון דער קירך האָט

איצט אויסגעזעצן ווי אַן אויסגעשטרעקטע לאַפּע פון אַן אייז־בער. די פּלאַכטעס שניי האָבן אויסגעגלייכט דעם אַספאַלט־ברוק מיט די טראָטואַרן. די רעלסן זע־נען געווען אָפּגעווישט. אין עק גאַס איז אַ טראַמוויי געבליבן שטיין פאַרשטעקט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער וואָגן.

מענדל ווײַנשעל האָט געפירט איסר יאַגאָדען ביז צום עק בלאָק און דער־נאָך האָבן זיי זיך אַריינגעדרייט רעכטס. דער אַלטער האָט איינגעהילט די גע־שפּאָלטענע ווייסע באָרד אין קאָלנער און געקעמפּט מיטן ווינט. איסר יאַגאָדע האָט געווישט דאָס פאַרנעצטע פּנים און געקרעכצט.

— אויב די זאַווערוכע וועט זיך נישט אָפּשטעלן, מעגט איר פאַר מיר צו־גרייטן אַ נאַכט־לעגער.

— מיט פאַרגעניגן, מיסטער יאַגאָדע. הלוואי וואָלט איר געקענט בלייבן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, וואָלט איר זיך געקענט בעסער צוקוקן צו אונדזערע קאַ־טשעלאַפּעס, צו די יוניע־לייט... דאָס האָט פּרעזידענט רוזוועלט זיי נאָך געמאַכט פאַר געשמדטע העלדזער... וואָלטן זיי כאָטש געווען באַלמעלאָכעס! ס׳זענען אמתע קאַטשעלאַפּעס! מ׳פירט אַמעריקע ביי דער נאָז! מ׳האַלט שוין גאָט ביי די פּיס... הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן. די טראַמבעניקעס וועלן טרייבן דאָס לאַנד צו דע־פּרעסיע!

— שרעקט זיך נישט. צוליב די יוניע־לייט וועט נאָך נישט קומען צו קיין דעפּרעסיע — האָט איסר יאַגאָדע אים באַרואיקט.

דער אַלטער האָט, גייענדיק, געוואָלט באַשיצן דאָס צעפּלאַמטע פּנים פון דעם שטעכיקן ווינט און טיפער אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין קאָלנער.

— איידער מירן ווייטער אַרגומענטירן, וויל איך אייך דערציילן אַ גע־שיכטע. ר׳מעגט צולייגן קאָפּ. הלוואי וואָלט דער גרינער רובי דאָ געווען. אַזעלכע שמועסן וועלן אים העלפן זיך אויסגרינען... ס׳אַ געשיכטע פון דער אַלטער היים. איינמאָל איז צו אַ ייִדישן אַרענדאַר אין דאָרף פּלוצים פאַרפאָרן דער פּריץ. ר׳האָט געהאַט אונטערגענומען אַן אומגעריכטן שפּאַציר איבער זיינע גיטער. דער אַרענ־דאַר, דערזעענדיק ביי זיך אין קרעטשמע אַזאַ געהויבענעם גאַסט, האָט ער גע־נומען גלייך צוגרייטן מכל־טוב, די בעסטע מאכלים: לאָקשן, פליש, טייערן וויין... אַז דער פּריץ איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער סעודה, האָט ער אַ רוף געטון דעם אַרענדאַר: „און ווו זענען די פיש, מאַשעק?". „פיש? — האָט דער אַרענדאַר גע־הויבן די פּלייצעס — ס׳איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן!"... „שמייסן!" — האָט דער פּריץ באַפוילן דעם עקאָנאָם. מ׳האָט דעם אַרענדאַר אַריבערגעלייגט אי־בערן קלאָץ און אַריינגעציילט אַ היבש ביסל מלקות.

...אַז דער אַרענדאַר פון צווייטן דאָרף האָט געהערט וועגן די שמיץ, האָט ער גענומען אויף גיך זיך פאַרען אין דער קיך. ר׳האָט אונטערגעיאָגט ס׳ווייב און מ׳האָט צוגעגרייט אַ מאָלצייט כיד המלך און מיט ייִדישע געפעפערטע פיש אויך. ווען דער פּריץ האָט זיך גוט אָנגעפרעסן, האָט ער צוגערופן דעם אַרענ־דאַר און געפרעגט: „און ווו איז דער צימעס, מאַשעק? ווייסט דאָך, אַז כ׳האָב ליב צימעס!". „צימעס?" — האָט אויך דער ייִד געהויבן די פּלייצעס — ס׳איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן". „שמייסן!" — האָט דער פּריץ באַפוילן.

...ווען דער אַרענדאַר פון דריטן דאָרף האָט זיך דערוווּסט פון די שמיץ האָט ער געוואָלט פאַרמײַדן דעם בזיון. ער האָט שוין נישט געזשאַלעוועט קיין זאַך. אין דער באַשטימטער שעה איז געווען געגרייט אַ טיש מיט מעדני־מלך, אַפילו אויך פיש מיט צימעס. אַז דער פּריץ האָט שוין געהאַט אָנגעפּאַקט דעם בויך אַזוי, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט רירן, האָט ער צוגערופן דעם אַרענ־דאַר: „מאָשעק, און ווו איז דער קוגל? ווייסט דאָך, אַז כ׳האָב ליב אַ לאָקשן־קוגל!“. „אַ קוגל? — האָט דער ייִד זיך געחידושט — ס׳איז מיר אַפילו אויפן זינען נישט געקומען!“. „שמייסן!“ — האָט דער פּריץ באַפוילן.

דער אַרענדאַר פון פערטן דאָרף, הערנדיק וועגן די שמיץ, וואָס דער פּריץ טיילט איין אין יעדער קרעטשמע, ווו ער שטעלט נאָר אַריין אַ פוס, איז ער גע־פאַלן אויף אַ המצאה. ער האָט קיין זאַך נישט צוגעגרייט. אַז דער פּריץ איז אָנגעקומען און נישט געטראָפן קיין געדעקטע טישן, האָבן פון חידוש די אויגן ביי אים אַרויסגעזעצט פון די לעכער... „וואָס איז דאָס, מאָשעק?“. — „אדוני הפּריץ“ — האָט דער אַרענדאַר זיך פאַרנייגט — כ„האָב געהערט וועגן די ווי־זיטן, וואָס דו שטאַטסט אָפּ אין יעדן דאָרף און ווי פיין דו פירסט זיך דאָרט אויף... גיט מען דיר פיש, הייסטו דערפאַר שמייסן; גיט מען דיר צימעס, הייסטו שמייסן; גיט מען דיר לאָקשן־קוגל, הייסטו ווידער שמייסן... זע איך דאָך, אַז דו מיינסט נישט די סעודה, נאָר מיינסט טאַקע דאָס שמייסן. טאָ נאַ, אָט האָסטו און שמייס! כע־כע־כע־כע...

דער אַלטער וויינשעל האָט אַזוי זיך פאַרקייכט פון זיין שפּאַסיקער גע־שיכטע, אַז ער איז שטיין געבליבן אינמיטן גאַס און טרערן האָבן אים געקאַפּעט פון די אויגן. אַז דאָס געלעכטער האָט אויך אָנגעשטעקט איסר יאַגאָדען, האָט ער ווייטער געשפּאַנט און נישט אויפגעהערט צו פאַרטייטשן:

— ר׳פאַרשטייט? דיזעלבע זאַך איז מיט די יוניאָנס. זיי מיינען דען צו סטרייקן? הויכע ווידזשעס? אַכט שעה אַרבעט? נישט געשטויגן און נישט גע־פלויגן! צו טומלען מיינען זיי! צו שמייסן דעם באָס, אָט וואָס זיי מיינען.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ רויט־ציגלדיק הויז. איבער דער פאַסאַדע איז געהאָנגען אַ שילד פון אַ רב, וואָס גרייט צו בר־מצווהס און איז מסדר קידושין. אין טרעפּן־הויז איז געווען האַלב־טונקל. די רויטע עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן אויסגעזען ווי פאַרקאָפּטשעטע ליכט. די בריוו־קעסטלעך זענען געווען האַלב־צעבראָכן. די קנעפּלעך פון די קלינגערס — אָפּגעריבן.

מענדל וויינשעל האָט געפירט זיין גאַסט איבער די הילצערנע טרעפּ און געפונען פאַר נויטיק זיך צו פאַרענטפערן.

— ס׳אַן אמתער סלאָם־הויז... פינצטער ווי אין לאַנד גושן... אָבער די פאַרחור־שכטע ווענט זענען מזלדיק, דאָ, אין דעם פינצטערן סלאָם האָב איך אָפּגעשפּאָרט די ערשטע טויזנט דאָלאַר. כ׳על פון דאַנען נישט אַרויסמופן... דאָ האָב איך די קינ־דער דערצויגן. די בעקעריי איז זיך צעוואַקסן. כ׳האָב ליב די פאַרשוואַרצטע מויערן, ווי זאָגט מען עפּעס? כדי ליב צו האָבן אַ זאַך, דאַרף מען געדענקען, אַז מען קען דאָס אַמאָל פאַרלירן... און כ׳וויל נישט פאַרלירן ס׳מזלדיקע פינצטערניש. חוץ דעם איז גלאַט אַ ריזיקע פון דאַנען אַרויסצומופען... דער אויוון אין מיין

בעקעריי איז אַ גנב, מען מוז אים היטן... און מ׳דאַרף טאַקע זיצן נאָענט צו דער קנאַל־בודע...

אַרויפקומענדיק אויפן ערשטן שטאָק, האָט מענדל ווײַנשעל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און געלויבט גאָט פאַר דער ווילטאָג אויף די עלטערע יאָרן. ס׳איז אים אָקעגן געקומען אַ דאַרער מאַן, וואָס האָט געשלעפּט אַ לייטער מיט אַן עמער פאַרב. צוויי ווײַבער האָבן, פון צוויי אָפענע, קעגנאיבערדיקע טירן, געהאַלטן אינמיטן באַרעדן די שכנה פון דער מיטלסטער טיר. דער דזשעניטאָר, אַן אָנ־געפּאַמפּעטער געלער מאַנסביל, האָט געטראָגן אויפן בויך אַ קוישל ווייכע קוילן. אַ ייִנגל אין אַ יאַרמולקע, מיט אַ גרויסן באַל אין האַנט, האָט מיט רוגזה גע־קלאַפּט אין אַ פאַרהאַקטער טיר.

אַרויפקומענדיק אויפן צווייטן שטאָק האָט מענדל ווײַנשעל דערציילט וועגן זײַנע אויפטואונגען אין די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע. כאָטש ער איז געווען אַ בעקער האָט אים געצויגן צו זאַמלען אַנטיק־זאַכן און צו שניצן האָלץ־פיגורן. זײַן הויז איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט ברוכוואַרג און אַלטפרענקישע זייגערס. ער האָט צונויפגעשלעפּט צעבראָכענע כלים און פאַרשידענע פאַרשטויבטע ברוכשטיקער. דאָס ברוכוואַרג און די האָלץ־שניצערייען האָבן פאַרפולט זײַנע שאַפעס און שופלאָדן. דעמאָלט האָט דאָס ווײַב, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, אים געשטעלט אַ באַדינג: אָדער זי וועט גיין, אָדער דער „דזשאָנק“, ס׳ברוכוואַרג וועט פאַרשווינדן... מענדל ווײַנשעל האָט געמאַכט אַ פשרה: זי וועט בלייבן און דער דזשאָנק וועט בלייבן, און ער האָט געדונגען אַ גרויסע בוידעם־קאַמער אויסצו־שטעלן זײַנע שניצערייען. זינט דעמאָלט האָט ער נישט אָוועקגעלייגט די דינע זעגן און דאָס געצייג צום שניצן אויף קיין איין טאָג. די בעקערס לאַכן פון אים. זײַנע טעכטער האַלטן די אַרבעט פאַר אַ משוגעת. דער זון, דייוו, זאָגט, אַז ווען ער וואָלט אַזויפיל כוחות אָפּגעגעבן אויף צו שטויסן טייגן, ווי ער פאַרשווענדט אויף די שניצערייען, וואָלט ער געווען אַ ראָקעפעלער. אָבער מענדל ווײַנשעל לאָזט זיך נישט שפּייען אין באָרשטש אַריין. ער האַלט די אַרבעט פאַר אַ „מלאכת קודש“.

אויפן דריטן שטאָק, ווען דער אַלטער האָט דערציילט וועגן זײַנע צאַנקע־רייען מיט דער משפּחה, זענען זײַנע רייד אַראָפּגעפאַלן פון די ליפּן אויסגע־רונדיקטע, קלינגענדיקע ווי ער וואָלט אויסגעציילט גאָלד־רענדלעך. ער האָט בנעימותדיק געגלעט די זילבער שטרייפן פון זײַן באָרד, געמאַכט העוויות און שפּרייזנדיק איבער די טרעפּ העכער און העכער, האָט ער פאַרלוירן דאָ און דאָרט אַ וואָרט וועגן די צרות מיט די פאַרהייראַטע טעכטער און וועגן די ער־גערנישן מיט זײַן זון.

מענדל ווײַנשעל האָט שוין געהאַלטן ביים פערטן שטאָק און איסר יאַגאָדע איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ סאָפּעניש און דעכעניש. דער זקן איז געגאַנגען אַרויף מיט טריט שווערע, האַמעטנע ווי ער וואָלט אין גאַנג אַריינגעפּרעסט יעדן טרעפּ באַזונדער אויף זײַן פּלאַץ. זײַנע שפּרייזן זענען געווען זיכערע. ביי איסר יאַגאָדען האָבן די קני׳ען געציטערט שטאַרקער מיט יעדן טראָט, וואָס ער האָט געמאַכט העכער. אויפן פינפטן שטאָק זענען זײַנע אויערן שוין פול געווען מיט

יענעמס פֿאַמיליע־צרות. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איין טאָכטער איז אַן עגונה און די צווייטע האַלט זיך ביים גטן; אַז זיין זון דייוו איז ביי זיין גאַנצע עשירות אַן אומגליקלעכער מענטש. אַ פּאָר אייזערנע פּיס און אַן אייזערן האַרץ! און זע נאָר ווי דאָס שפּאַנט! — האָט איסר יאַגאָדע געטראַכט וועגן וויינשעלן — אין צולאָג איז ער נאָך אַ שמועסער אַן אַנטיק! און איך, בהמה שלעפּ זיך נאָך איבער פינף שטאָק! דער אַלטער האָט כיטרע שטיק! דאָס שפּרייזן איז בלויז אַ קונצשטיק אַריינצוצי׳ען דעם באַגלייטער אין אַ שמועס, וואָס ער׳ט קיינמאָל נישט ענדיקן.

— 2 —

וויינשעל האָט אַרויסגענומען אַ פּאַק שליסלען און געעפנט אַ הילצערנע טיר, באַשלאָגן מיט אייזערנע פּרענטעס, ס׳האָט אַרויסגעשלאָגן אַ ריח פון פּרישער פאַרב. ער האָט לייכט אַריינגעשטופּט זיין גאַסט אינעווייניק.

— כ׳האָב אייך פאַרמוטשעט מיט דעם קלעטערן, אָבער ס׳איז ווערט געווען... איר מעגט אַ קוק טון אויף מיין וואַרשטאַט. ס׳אי נישט קיין גאַלעריע, ס׳אי נישט קיין אויסשטעלונג. ס׳איז אָבער אַ ווינקל פון פּראַצע.

צוויי טונקעלע קאַמערן זענען געווען פול מיט פּאָליצעס און וואַרשטעס, אָנגעשטעלט מיט געמאָלענע פיגורן און מאָדעלן, אויסגעשניצטע פון האָלץ און אויך גיפּסענע פיגורן, אין סופיט האָבן געברענט צוויי שוואַכע לעמפּלעך. אויף אַ מיטלסטער וואַנט איז געהאַנגען איין גזשענדע, אַ האַלב־אויסגערונדיקטע, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער באַלקאָן פון אַן עזרת־נשים אין אַ שול.

איסר יאַגאָדעס בליקן האָבן געבלאָנדזשעט איבער די הילצערנע גאַלעריעס און דער ערשטער איינפאַל איז געווען, אַז דער אַלטער איז אַ חסד־דעה. פאַר וועמען גרייט ער אָן די אָפּגעמאָלענע צאַצקעס? ווי פאַרגינט מען זיך צו פאַרשווענדן אַזוי פיל צייט אויף שפּילצייג, וואָס בלייבט פאַרשלאָסן אין אַ בוידעם־קאַמער? און ווי קומט עס וואָס אַזאַ בטלן איז געווען פעאיק צו מאַכן געלט? דער זון זיינער איז דאָך געקומען צום גרייטן. אויפגעבויט די בעקעריי־ביזנעס האָט דאָך דער אַלטער!

וואָס טיפער איסר יאַגאָדע האָט אַריינגעשפּרייזט אין דער קאַמער, וואָס לענגער ער האָט זיך געדרייט צווישן די אָנגעשטעלטע גזשענדעס, אַלץ מער איז געוואַקסן די גרינגשעצונג צו וויינשעלן. וואָס רעדט ער זיך איין, דער אַלטער? אַז זיינע בעקער־הענט האָבן פינגער פון אַ קינסטלער און מ׳קען קנעטן פיגורן אַזוי ווי מ׳קנעט אַ ראָשטשינע? ס׳עט פון אים קיין סקולפּטאָר שוין נישט ווערן. ער׳ט שוין בלייבן אַ בעל־מלאכה מיט אַ חשק צו מייסטרעווען. וואָס זענען, נאָך אַלעם, די שניצערייען זיינע און די גיפּס־פיגורן? אַ מיחוש, וואָס קומט אויף דער עלטער?

ער האָט געשטעלט טריט און וויינשעל איז אים נאָכגעגאַנגען אַ וואַכזאַמער, ווי ער וואָלט אַראָפּגעלייענט פון זיין פּנים אַלע זיינע פאַרדאַכטן. שפּעטער

האָט די גרינגשעצונג געזעמען ביסלעכווייז אויסוועפּן. נאָך אַלעם האָט יעדער בן אדם זיין משוגעת, דער דאָקטאָר וואָרמס זאָרגט, אַז ס׳יידישע פּאָלק זאָל נישט פאַרמינערט ווערן. ער אַליין, איסר יאַגאָדע, לייגט איין וועלטן אַריינצוברענגען וואָס מער גרים בבריתו של אברהם אבינו... און צוריקגעשמועסט, דער אַלטער וויינשעל איז גאָרנישט אַזוי משוגע. עפּעס דערציילן דאָך יאָ די האָלץ־שניצערייען! אין אָט די פיגורן איז איינגעקאַרבט אַ פּאַרצייטיקע תקופה. מען טאַפּט די קעגנשטאַנדן און ס׳דאַכט זיך ,אַז מען מישט די בלעטער פון דער הגדה. אויף די פּאַליצעס דרייען זיך אַרום מלכים פון מצרים פון פאַר פיר טויזנט יאָר צוריק. אויף די גזשענדעס וויגן זיך ווי אין אַ קאַרוסעל שרים, פּרינצן, הויפּלייט.

וויינשעל, וואָס האָט פלינק געשמועסט, גייענדיק איבער די פינף שטאָק טרעפּ, איז איצט געווען אַ שטומע צונג. ער האָט נישט פּרובירט צו פאַרטייטשן אַפילו זיין אייגענע פּראַצע. אַ שיינער מייסטער! — האָט איסר יאַגאָדע געשמייכלט — ס׳פעלט אים אויס לשון ווען ער דאַרף רימען זיינע קונסט־ווערק, זיינע מעשי ידיו. די פּראָדוקציע פון זיינע בעל־מלאכהשע הענט האָט נישט קיין פאַרטייטשער!

פאַר איסר יאַגאָדען האָבן איצט אויפגעטויכט חומש־מעשיות. ער האָט געקוקט אויף אַן אויסגעשניצטן מצרישן פּאַסטוך, וואָס טרייבט זיינע בהמות און אויפן זינען איז אים געקומען דער דערשראָקענער פּרעה, וואָס האָט געזען אין חלום זיבן מאָגערע קי און זיבן פעטע קי. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ מאָדעל פון אַ פאַרצייטיקער תפיסה און אין זכרון איז אַרויפגעשווומען דער אַרעסטאַנט, יוסף הצדיק, דער שפּעטערדיקער פּותר־חלומות, ווי ער ווערט געפירט צום קעניגס פּאַלאַץ...

אַ קאָקעטישע, געפּוצטע פּרינצעסין האָט אויסגעזען ווי דאָס זינדיקע ווייב פון פּוטיפר. דאָ אַ טראָט און דאָרט אַ שפּרייז און ר׳האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ בייכיקן מצרי אין אַ פאַרצייטיקן מונדיר. דער מצרי האָט אויסגעזען ווי דער שר־המשקים. זיינע הענט זענען געווען באַלאָדן מיט קרוגן, טאַצן און בעכערס. לויט דער צאָל געטראַנק־כלים האָט איסר יאַגאָדע אויסגערעכנט, אַז ער האָט געמוזט זיין אַ גאַנצער קנאַקער אין הויף פון דעם מעכטיקן פּרעה...

אויף שמאָלע, געדרייטע טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט צו אַ געהיימער קאַמער אין דעם מלכס פּאַלאַץ, האָט ער באַמערקט ווי עס שפּרייזט אַרויף איינער פון די חרטומים, אַ פּאָליטישער ראַטגעבער פון יענער צייט... דער ראַטגעבער האָט זיך געאיילט אין גאַנג. זיינע באַוועגונגען זענען געווען האַסטיקע .אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ צעוויקלטע פאַרמעטענע לאַנד־קאַרטע.

דאָס איז ער מסתמא געגאַנגען דעמאָלט דיסקוטירן די מלחמה־פּלענער מיט דעם קעניג.

איסר יאַגאָדע האָט נישט געדאַרפט לאַנג קוקן אויף די פאַרצייטיקע הויפּלייט. צווישן די האָלץ־פיגורן האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ גיפּסענע געשטאַלט מיט אַ קאַנטיק־פאַרשניצטע באָרד. די באָרד, אַ צירונג ביי די פאַרצייטיקע מלכים,

איז געווען שטייף ווי אויסגעפּרעסט. אַרום די לענדן איז געהאָנגען דאָס וואָפּן פון אַ קריגסמאַן. אַ פוס און אַ האַנט זענען ביי דער פיגור געווען אָפּגעקרישלט.

ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דער גיפּסענער פיגור. מענדל וויינשעל איז צוגעקומען אַ צעשטראַלטער:

— דאָס איז רעמסס דער צווייטער ,דער פּרעה, וואָס האָט פאַרשקלאַפט די יידן. דער תכשיט האָט דאָס באַפוילן צו דערטרינקען די ניי־געבוירענע זכרים און געצוווּנגען צו בויען פּיתום און רעמסס.

— ווי אַזוי האָט איר אים דערקענט? — האָט איסר יאַגאָדע געשמייכלט.

— דאָס איז דער פּרעה פון דער ניינצנטער דינאַסטיע! — האָט וויינשעל זיך נישט געמאַכט הערן די הלצה — ער האָט רעגירט זיבן און זיבעציק יאָר. מ׳געפינט עס אין די געשיכטע־ביכער. שוין איינמאָל אַ דעספּאָט! ער האָט נאָך מיט פיר טויזנט יאָר צוריק געוווּסט ווי צו פאַריאָכן אַ גאַנץ פאָלק.

— ר׳האָט פאַריאָכט אַ פאָלק. מיר זענען ביי אים געווען עבדים כנענים — האָט איסר יאַגאָדע געזיפצט — פונדעסטוועגן האָט ער ביי היטלערן געקענט הייצן די פּעטשערעס...

— דאָס קען נישט באַשטעטיקט ווערן. מ׳קען נישט מאַכן קיין פאַרגלייך צווישן רשעים... און קיינער האָט נאָך נישט אויסגערעכנט וויפיל מיר זענען געווען אין מצרים, אַ פּאָר מיליאָן צי זעקס הונדערט טויזנט, ששים רבוא — ווי אין פּסוק שטייט — און ווי גרויס ס׳איז געווען די צאָל פאַרטיליקטע. כ׳האָב מורא, אַז געשיכטע־שרייבער זענען קנאַפּע סטאַטיסטיקער. יאָ, אָט דער פּרעה האָט געהאַט די זכיה צו פירן פאַרהאַנדלונגען מיט משהן, דעם מאַן וואָס האָט געגעבן דער וועלט די לוחות און פונדעסטוועגן איז דער פּרעה געשלאָגן גע־וואָרן מיט די מכות...

— די מכות האָבן געבערענט זיין גוף, אָבער נישט ווייכער געמאַכט זיין האַרץ, ס׳אי די אַלטע צרה מיט די נוגשים...

— אַ פּעולה האָבן די קלעפּ יאָ געהאַט. ווען די מכות האָבן אים געבערענט, האָט פּרעה געלויבט די יידן. ר׳האָט זיי געהנפעט און באַוווּנדערט זייערע אויפ־טועכצער פאַר מצרים. און ווען די יידן האָבן פאַרלאָזט זיין לאַנד, האָט ער זיי נאָכגעיאָגט מיט זיינע רייטוואָגנס איבערן ים־סוף.

איסר יאַגאָדע האָט מיט דער האַנט באַטאַפּט דעם אָפּגעקרישלטן פוס פון דער גיפּסענער פיגור.

— הייסט עס, אַז דאָס איז דער פּרעה אשר לא ידע את יוסף...

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט צווישן די הילצערנע גזשענדעס, גאַלעריעס און באַלקאָנדלעך ווי אין אַ געדיכטן שפּינוועבס. ער איז שטיין גע־בליבן פאַר אַ פּאָר פּרויען־מאָדעלן און זיך אַרומגעזען, אַז דער אַלטער איז גאָר פאַרשווּנדעריש מיט זיין געדולד. אַ שוואַרצע גבורה! ר׳האָט אַפילו נישט פאַר־זען די פאַרצייטיקע עגיפּטישע נשים. ס׳אַן אומה — די ווייבער! חוהס טעכטער זענען געווען קאָקעטיש שוין מיט פיר טויזנט יאָר צוריק. דערזעלבער דראַנג צו פּוץ ווי די היינטיקע ניו־יאָרקער ליידיס. די העלדזער און אָרעמס פון די יפה־פיות זענען באַדעקט מיט צירונג. די לייבער פון די פּרינצעסינס זענען

געפּלעגט מיט זאַלבן און געווירצן. די פּריזירטע קעפּ פון די אַריסטאָקראַטקעס זענען געוואַשן מיט שמעקעדיקע אײלן...

דער אַלטער האָט געוואָלט צופירן זײן גאַסט צו אַ וואַרשטאַט, ווו עס זענען געשטאַנען פיגורן פון אַ קנעכט, אַ מיל־טרײבער און אַ רײט־פערד, אָבער איסר יאַגאָדע האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. בײם אַרויסגאַנג האָט ער זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף דער גיפּסענער פיגור פון רעמסס דעם צווײטן. דער אַלטער האָט ווידער אַרויסגעשטעלט דעם ווײז־פינגער.

— קײנער פון די פּרעהס האָט אונדז נישט ליב געהאַט. נישט דער בעל־חלומות, נישט דער פּרעה אשר לא ידע את יוסף... זינט ס׳איז פון יעקב געוואָרן ישראל זענען אַלע פּרעהס געבראַטענע שונאי ישראל...

ער איז אַ ווײלע אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אַרײנגעשפּיזלט זײנע שאַרפע, בלויע אויגן אין איסר יאַגאָדען און אָפּגעזיפצט:

— פּרעה האָט אונדז נישט פּאַרטיליקט, דער רשע איז אַלײן פּאַרטיליקט געוואָרן... אָבער דערפון לערנען מיר, אַז די פּרעהס זענען נישט געווען קײן שיפּע־זיבעלעך. די הגדה דערצײלט ווײניק וועגן דעם. אָבער די שפּעטערדיקע פּרעהס זענען געווען די אבות־הטומאה, די אור־טאַטעס פון נבוכדנאצרן, פון טיטוסן און פון היטלערן...

— 3 —

אויף יענער זײט טיר האָט איסר יאַגאָדען זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז נאָרוואָס אַרויס פון אַן אַלטן טורעם. אין דעם טרעפּן־הויז איז איצט געווען נאָך טונקעלער. ס׳האָט ווידער אַ בלאָז געטון מיט פאַרב־ריחות און שטויב. אַראָפּגײענדיק די ערשטע פינף טרעפּ האָט מענדל ווײנשעל אויפסניי גענומען רעדן וועגן זײנע שניצערײען, אָבער איסר יאַגאָדע האָט געביטן דעם שמועס.

— ווי גײט עס בײ די קינדער?

— נישט איבעריק... מײן דיווו, ווי כ׳האָב אײך געזאָגט, מיט דער גאַנצער גדולה זײנער אין שאַפּ, איז ער אַן אומגליקלעכער מענטש. עס טרײבט אים פּונקט ווי מיך פון הויז... ער געפינט רו צווישן די פילדערנדיקע מאַשינען און אין די רײסערײען מיט די יוניע־לײט.

— נישטאָ קײן שלום־בית?

— אָט וואָס עס פעלט טאַקע! ס׳פּאַרפאָלק האָט נישט קײן קינדער, צוועלף יאָר נאָך דער חתונה. איר מײנט אַז ס׳איז אַ שלעכטער אײנפאַל צו אַדאָפּטירן אַ מלחמה־יתום? איר׳ט געמאַכט אַ גוטן פאָרשלאַג אויפן באַנקעט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן. וועמען איז דאָס צוערשט אײנגעפאַלן? יאָ, דער דאָקטאָר, אײערער, ווו געפינט מען אים? אפשר קען ער עפּעס נאַראַיען? אפשר אַ יתומה פון אַ באַלעבאַטיש הויז? איר זעט אים אַמאָל?

— די מעשה איז, אַז כ׳וויל אים נישט זען. ער איז משוגע אויף אײן זאַך — פּריה ורביה בײם פאָלק! ר׳וויל מיך אויך אַרײנצײען. מ׳עט דאַרפן אַמאָל

אַריינפאַלן צו אַ מיטינג פון זיין „תולדות־הקרן”־קלוב. אַ ווילדער דאָקטאָר, וואָס? ר'וויל אַפילו מ'זאָל צוריק איינפירן פיל־ווייבעריי... אויס חשק צו זען אַ פּאָר־מערט יידיש פאָלק איז ער גרייט מבטל צו זיין דעם חרם דרבנו גרשום! אַזוי אַרום, זאָגט ער, וועלן נישט בלייבן קיין פאַרזעסענע יידישע טעכטער!

— אַ ווילדער דאָקטאָר, זאָגט איר? מ'עט אים דאַרפן גיין זען.

— מיט אים זיך צו באַקענען דאַרפט איר אַוודאי זיך נישט איילן.

— אַמאָל איז איילעניש אַ נויט־זאַך. מיין דיווו איז לעצטנס אַזוי דער־שלאָגן פון די שטוב־מחלוקתן, אַז ער איז גרייט צו פאַרקויפן די קנאַל־בודע זיינע און לויפן ווו דער פּעפער וואַקסט... ס'עט נאָך אַמאָל אַזוי פּאַסירן! כעס קען דערפירן אַ מענטש צו אויסטערלישע זאַכן. איצט, אַז מיר'ן זיך נעענטער באַקענט, מיסטער יאַגאָדע, מעגט איר האַלטן אַן אויג אויפן שאַפּ! מ'קען גאָרנישט וויסן... קיינער איז נישט צופרידן מיט דעם אייגענעם פאַך. איר קענט נאָך אַמאָל חשק קריגן צו ווערן דער באַלעבאָס איבער דער בעקעריי!

— ס'אַ פּלאַן, אַז כ'על באַשליסן צו בייטן מיין פּרנסה, וועל איך זיך שטעלן ביי איירע קנעט־טישן. און ממתקים? כ'על וועטן, אַז מ'עט דאַרפן אַן אוצר.

— אַז איר וועט אויפהערן צונויפפּאָרן זיווגים, וועט מען דעמאָלט רעדן תּכלית...

אונטן האָט איסר יאַגאָדע האַסטיק אַן עפן געטון די טיר צו דער גאַס. אַ כוואַליע קעלט האָט אַריינגעבלאָזן און שטעכיקע שניי־שטערנדלעך האָבן גע־שפּריצט אין פּנים אַריין. אינדרויסן איז דער בלענדנדיקער שניי געלעגן אָנ־געהויפט געדיכט און הויך. נאָך איידער ער האָט צוריק פאַרהאַקט די טיר, האָט אויף דער שוועל זיך אַריינגעשטעלט אַ פעסט־געזעצטער יונגערמאַן אין אַ וואָ־לענעם פאַרשפּיצטן היטל. זיין לעדערנער מאַנטל איז געווען באַלייגט מיט גע־דיכטן שניי. ביים אַריינקומען האָט ער אָנגעזאָגט אַ פראַסטיקייט. ער האָט אַראָפּ־געשאָקלט דעם שניי פון מאַנטל און שטיוול און אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל. מענדל וויינשעל האָט דערזען זיין איידעם, דעם דייטשוק, און דאָס האַרץ האָט אים נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס.

— זוכסט מיך, ווילי?

— כ'האָבע איהנען וואָלען טרעפען אין די בעקעריי, הער שוויגער־פאַטער — האָט דער איידעם אָנגעהויבן אין דייטשמעריש — אַבער היר איז אויך גוט זיך אויסצושפּרעכען. איך מאַך עס קורץ און דייטליך. כ'וויל זי וואָרענען, זי זאָלען אויפהערען רחמנות האָבן אויף אירע טאָכטער... קלאַראַ איז מיין פרוי און די צרות וואָס זי קריגט ביי מיר, קענען זי פון איר נישט אַוועקנעמען... דאָס איז איר אייגנטום. מען האָט קלאַראַן אָנגערעדט זי זאָל פון מיר וועקלויפן. מען האָט זי איבערצייגט זי זאָל נישט צאָלן מער אירע אינשורענס, ווייל איך וויל זי אַרבען... זאָגען זי מיר, קען איין שוויגער־פאַטער באַשליסן ווער וועמען עס זאָל אַרבען? מישען זי זיך נישט אין מיין פּריוואַט־לעבן... הייראַט איז נישט קיין פאַרשטעלונג אַזוי ווי אירע אויסשטעלונג אויפן בוידעם, וווהין זי פירען אירע געסט... כ'וועל איהנען רופען אין געריכט, שוויגער־פאַטער. כ'וועל ביי איהנען

פערלאַנגען ענטשעדיגונג פאַר צעברעכן מיין היים... זי שפּילען זיך מיט פייער, שוויגער־פאַטער. איך וואָרנע זי!

דער פעסט־געבויטער יונגערמאַן האָט צוריק אָנגעטון דאָס וואָלענע היטל. ער האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דעם שווערן האַלדז־טוך און איז האַסטיק אַרויס אין גאַס. אַ פּאָר סעקונדן האָט מענדל וויינשעל שטום אָנגעקוקט איסר יאַגאָדען. דערנאָך האָט זיין פּנים אָנגעטאָן אַ זויערן שמייכל.

— ר׳זעט כאַטש וואָס כ׳מיין? זון, איידעם... כ׳האָב פון אַלע זייטן! אַ יעקע נאַר, מיין שוויגער־זון. נישט קיין וווּנדער וואָס מיין ווייב האָט נישט געהאַט קיין אריכת־ימים... איך האָב ליב צו בויען פּיראַמידן און מיין איידעם באַשולדיקט מיך אין צעברעכן היימען... כ׳מוז זיין פון די ריזן צו קענען אַזוינס אויסהאַלטן.

— איכ׳ל שוין גיין, גוד באַי! — האָט איסר יאַגאָדע זיך גערוקט צו דער טיר.

מענדל וויינשעל האָט אים געדריקט די האַנט.

— גוד באַי! און זייט נישט קיין גאַסט! און וועגן אייער גרינהאָרן רובי, דאַרפט איר זיך נישט זאָרגן. ר׳איז אין גוטע הענט. וואָס זאָגט איר, מיסטער יאַגאָדע? כ׳מוז טאָקע זיין אַן אמתער ריז אַזוינס אויסצוהאַלטן... האַ?

קאַפּיטל עלף

— 1 —

די גאַס איז געלעגן פאַרגראָבן אונטער ווייסע בערג. איסר יאַגאָדע האָט געטאַפּטשעט אין שניי ביז צו די קני׳ען. קיין דורכגייער האָט זיך נישט געזען. קיין טאַקסי איז נישט פאַרבייגעפאָרן. דער געדיכטער שניי איז געפאַלן אָן אָפּשטעל. די בלענדנדיקע פוסטקייט אַרום האָט אָנגעזאָגט, אַז אַלע וועגן צו נאָרפאָלק־סטריט זענען אָפּגעשניטן. ער האָט געוואָלט צוגיין צו דער עלעווייטאָרבאַן, אָבער ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צו אַ ברייט־שויביקער קאַפעטעריע, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן אינמיטן בלאָק. ווער ווייס צי ס׳וועט מיר נישט אויסקומען צו נעכטיקן אין ברוקלין — איז איסר יאַגאָדע געוואָרן באַזאָרגט — און ביי רייטשלען וועלן זיך וועקן אַלטע פאַרדאַכטן. מיט פאַרזיכטיקע, באַלאַנסירטע טריט פון אַ דראָטן־גייער איז ער דורכגעקראָכן די אויסגעטראָטענע סטעזשקע צווישן צוויי אָנגעהויפטע בערג שניי און איז אַריין אינעווייניק.

אין דער קאַפעטעריע איז געווען טומלדיק און ענג. מיידלעך אין ווייסע אוניפאָרמען און אין בלויע טשעפּיקעס האָבן אַראָפּגעכאַפּט פון די טישלעך נישט־דערזופּטע טעפּלעך קאַווע און נישט אויסגעליידיקטע טעלערס. לאַנגע רייען מענטשן האָבן זיך געשטופּט צום בופעט ווי ס׳וואָלט געווען אַ הונגער אין

לאַנד. אַ פּאָרטער האָט זיך געפּלאָנטערט מיט אַ וועגעלע געשיר צווישן די געסט.

איסר יאַגאָדע האָט קוים געפונען אַ פּלאַץ ביי אַ זייטיק טישל. קעגנאיבער אים האָט געזופּט קאַווע אַ פּאַרשוין מיט אַ געפּאָקט פּנים און אַ פּאָר שווערע ברעמען. די טונקעלע, פּאַרברענטע ליפּן זענען געווען אָנגעשוואָלן. איין אויג איז ביי אים געווען בלינד. דאָס צווייטע האָט אומהיימלעך געקוקט אויף דער וועלט.

ער האָט געכאַפּט אַ בליק אַרום זיך. ס׳איז געזעסן אַ בלאָנדע פרוי אין די הויכע, אומבאַשטימטע יאָרן. איר פּנים איז געווען פיין געפלעגט און מאַסאַ־זשירט, אָבער דער קערפּער איז געווען שווער און צעגאָסן ווי ביי אַ היפּאָ־פּאָטאַמוס, אַ שטיק פּרויענצימער! — האָט איסר יאַגאָדע באַטראַכט זיין שכנטע פון קאָפּ ביז די פיס — פון אַזאַ גוף קען מען אויסהאַקן דריי פּאַרשוין און ס׳עט נאָך אַלץ גיין אַ סך פלייש אין ניוועץ.

ער האָט אָפּגעמאָסטן איר צעפּאַלדעוועטן קאַרק און אירע גראָבע פיס און געקומען צום שפּאַסיקן אויספיר, אַז ביים באַשאַפן דעם מענטש זענען די מלאכים טיילמאָל קאַרג און טיילמאָל גאָר פּאַרשווענדעריש. נעבן דער פעטער פרוי איז געזעסן אַ דאַר מיידל אין אַן אויסגעריבענעם ברוינעם מאַנטל. איר פּנים איז געווען אַן שמינקע, קרענקלעך־בלאַס און די אויגן — גרויסע, תאוהדיקע. ביידע פרויען האָבן געהאַלטן אין פאַרענדיקן אַ שמועס אויף אַ פרעמדער שפּראַך: איסר יאַגאָדען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז שפּאַניש. באַלד האָט דאָס בלאַסע מיידל זיך אויפגעהויבן און זיך אָפּגעטראָגן צו אַן אַנדער טישל.

דער פּאַרשוין מיטן בלינדן אויג איז אויך אַוועק. די פעטע פרוי האָט אויס־געדרייט איר קאָפּ צו יאַגאָדען און אַרויסגעלייגט אויפן טישל אַ האַנט, ווו אַלע פינף פינגער זענען געווען באַשטעקט מיט בליציקע רינגען. זי האָט אים אָנ־געקוקט צוערשט מיט אומצוטרוי, דערנאָך האָט זי געפּויקט מיט די פינגער אַזוי לאַנג, ביז זי האָט שמייכלענדיק זיך אָנגערופן אויף יידיש:

— מירן שוין אַלע דאָ איבערזיצן די נאַכט.

איסר יאַגאָדע האָט איר צוריקגעצאָלט מיט אַ שמייכל און גאָרנישט גע־ענטפערט.

איבערן וועגטל פון איר שטול איז געהאָנגען אַ פוטערנער מאַנטל. ער האָט נישט געקענט באַשליסן צי ס׳איז אַ ביבער־פעל אָדער אַ טיגער־פוטער. איז זי אַ נגידתטע אָדער אירע צירונג־שטיקער זענען אַזוי פאַלש ווי זיינע ציין? ער האָט אָפּגעמאַכט, אַז אירע ברוינלעך־בלויע אויגן זענען גראָד אָנגענעמע און צוגעלאָזענע ווי ביי אַ פרוי, וואָס זוכט אַ מאַנס הילף אין אַ פאַרלעגנהייט. די פרוי האָט געלאָזט פאַלן:

— ווען נישט דער שטורעם אינדרויסן, וואָלט דאָ קיין לעבעדיקער מענטש נישט געווען. שוין איינמאָל אַ זאַווערוכע! יעדע נאַכט אין דער צייט איז די קאַפעטעריע שוין געשלאָסן.

— אין אַ זאַווערוכע גייען מענטשן נישט אַהיים? — האָט איסר יאַגאָדע געפרעגט.

— איר מאַכט זיך תמעוואַטע? די אַלע געסט זענען סאָבווי־פּאַסאַזשירן! מען וואַרט ביז די עלעוויטער־רעלסן וועלן ווערן אָפּגערייניקט. די באַנען שטעקן אין שניי. איך אַליין דאַרף איצט פאָרן קיין ניו־יאָרק. אַ שיינע ווירטשאַפט! און אונדזער מעיאָר זיצט ווידער אויף וואַקאַציע אין פלאָרידע.

די אומצופרידנקייט מיט דער שטאָט־ווירטשאַפט און דאָס אויסרעדן אויפן ניו־יאָרקער מעיאָר האָט געמאַכט איסר יאַגאָדען צוגעלאָזענער צו דער פרעמדער פרוי. ער האָט ווידער תמעוואַטע געפרעגט.

— וואָסי? דעם מעיאָר קומט נישט קיין וואַקאַציע?

— נישט ווען ניו־יאָרק ליגט פאַרגראָבן... אין אַ בליזאַרד, דאַרף דער מעיאָר אַליין נעמען אַ לאָפּעטע און שאַרן דעם שניי! אַזוי האָט מיט יאָרן צוריק געטון דער מעיאָר אַל סמיט... דעמאָלט איז ניו־יאָרק טאַקע געווען אַ דעמאָקראַטיע און אַ מעיאָר איז געווען אַן אמתער שטאָט־טאַטע. ווער האָט זיך געמישט וואָס די בירגער טוען? איז עס דעם מעיאָרס ביזנעס צי מ׳פאַרלירט אויף פערדלעך צי מ׳געווינט אויף דער איירישער לאָטעריע? שטייערן צאָלט מען? אַ פרעזידענט ווילט מען? אין מלחמה קעגן היטלערן איז מען געגאַנגען?

איסר יאַגאָדע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דער מעיאָר איז נישט שוה בשוה מיט אירע ביזנעס. וואָס פאַראַ ביזנעס קען אַזאַ פרוי האָבן? אַ שדכנטע? ס׳איז נישט קעגן דער קאָנסטיטוציע צונויפצופּאָרן שידוכים, אָדער אפשר איז דאָס פון יענע ביזנעס, וואָס ביי אָנשטענדיקע מענטשן איז עס אַ חרפה און ביי די געזעץ־היטער אַ פאַרברעכן?

אירע ברוינלעך־בלויע אויגן האָבן נערוועזש געבלאַנדזשעט צווישן די באַזעצטע טישלעך ווי זי וואָלט עמעצן געזוכט. אירע פינגער האָבן געכאַפּט אַ טאַנצל איבערן טישל. נאָך גוט וואָס זי איז נישט קיין שיינע. — האָט איסר יאַגאָדע געטראַכט — און רייטשל זיצט טאַקע איצט אויף נאָרפאָלק־סטריט מיט יאַדזשאַן? וואָס קלערט זי וועגן אים און וועגן דער שיינער יתומה? שיינקייט איז אַ בייזער כוח, מיט וואָס אַ פרוי פאַרנאַרט דעם פרעמדן מאַן און שרעקט אָפּ דעם אייגענעם... ער האָט איצט געהאַט צוויי פאַרלאַנגען: עפּעס איבערבייסן און וואָס גיכער זיך דערשלעפּן אַ היים. די מורא, אַז די נאַכט איז פאַרשפּילט און רייטשל וועט אויס פאַרדאַכט אָנהויבן גריזשען יאַדזשאַן, האָט אים געמאַכט אומרואיק. נאָך גוט וואָס די גרינע יאַדזשאַ איז נישט פון די שיפע־זיבעלעך — האָט ער זיך געקילט — זי קען צוריק דערלאַנגען! אַ שאַרף פּיסקל איז נישט אַלעמאָל אַ חסרון. און ער קען זיך נישט באַקלאָגן, אַז דער היינטיקער טאָג איז פאַרטאַכלעוועט, אַלץ גייט ווי אויסגעזייפט. דער גרינהאָרן, ראובן גערשט שטייט אויף אַ דזשאָב און זיין כלה האָט שוין געכאַפּט דעם אַמעריקאַנער שניט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. די פעטע פרוי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנטבייטל אויף זיין שטול און פאַרצויגן די ליפּן.

— איר ווילט נעמען אַ בייס? כ׳וועל פאַר אייך האַלטן דעם זיץ.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? כ׳קען אייך איינשפּאָרן אַ גאַנג...

— בלויז אַ טעפּל קאַפּע אָן קרעם, אויב איר ווילט אַזוי גוט זיין... נעמט מיין טשעק!

ער האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן די טישלעך צום בופעט. באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט אַ טאַץ באַלייגט מיט צוויי טעפּלעך קאַווע, אַ פּיינקוכן און אַ שיסעלע זויערקרעם מיט קעז. די צוויי דורכגעלעכערטע טשעקס האָבן געשטעקט צווישן זיינע פינגער. זי האָט צוגענומען איר טעפּל קאַווע מיט איין טשעק. ער האָט געגעסן מיט אומגעדולדיקן אַפּעטיט. ער האָט געריסן שטיקער פּיינקוכן און געשלונגען לעפּעלעך קעז מיט קרעם. די דיקע פרוי האָט נישט אָנגערירט די קאַווע. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז איר בייזיצער איז נייגעריק עפּעס צו פרעגן אָבער ס'האָט אויסגעזען, אַז ער וואַגט נישט.

— כ'זע דאָך, איר זייט מיך חושד, אַז כ'בין פון יענע פּרויענצימערס! שרעקט זיך נישט! כ'גיב אַפילו נישט קיין עצות צו מענער, וואָס פאַרגעסן די אַדרעסן פון זייערע היימען... כ'בין אַ ביזנעס-לײדי! קוקט מיך נישט אַזוי סאַרקאַסטיש אָן! כ'בין אַפילו נישט פריינטלעך צו אַן אַלמן און כ'קוק זיך נישט אום אויף אַ גרוש, סיידן זיי זוכן אַ קאָמפּאַניאָן... איר, מענער, האָט איינרעדעניש! אַ פרוי איז ביי אייך ווי אַ שאָטן. גייט מען איר נאָך, אַנטלויפט זי, אַנטלויפט מען פון איר, גייט זי אייך נאָך... דאָס איז פאַלש! מענער און פרויען פאַרשטייען זיך נישט איינס דאָס אַנדערע. דער אָנשטענדיקסטער מאַן פירט אַ פאַרשטעלט לעבן... לאָזט אים נאָר אַרויס פון הויז, וועט ער אָנטאָן אַ מאַסקע. אָבער צו וואָס פיר איך דאָ ביים טיש'ל אַ דעבאַטע? כ'בין אַ ביזנעס-לײדי! אַז איר'ט אַמאָל אַריינפאַלן אין אונדזער קלוב, וועט מען דאָרט דעבאַטירן. דאָ וועל איך בעסער רעדן ביזנעס. כ'דערקען, אַז מען קען מיט אייך זיין אָפן... אין אייער שווייגן איז פאַראַן צוטרוי. איר'ט קויפן אַ סוויפּסטעיק? אַן איירישן לאָטעריע-צעטל? ס'איז ראַיעל הונדערט פּראָצענט און די ציִונג איז דעם צווייטן חודש. ר'זענט באַוויבט צי פריילידיק? מענער ציט דאָך צו לאָטעריעס. ווי זאָגט מען עפּעס? הייראַט איז אויך אַ לאָטעריע...

איסר יאַגאָדע האָט אַ זופּ געטאָן דעם לעצטן שלוק קאַווע און זיך אויפגעהויבן פון אָרט. אָבער די פרוי האָט, נאָכן אַרומקוקן זיך, אַריינגעשטופּט אין זיין האַנט אַ ביכעלע מיט לאָטעריע-צעטלען. זי האָט פאַרלאַנגט דריי דאָלאַר פאַר אַ מזלדיקן בילעט. ער האָט געוווּסט, אַז איבער דער וועלט פאַרקויפט מען מיליאָנען אַזוינע פאַלשע קאָלירטע פּאַפּירלעך און אָפּגעמאַכט, אַז נישט איר דרשה און נישט דער לאָטעריע-בילעט איז ווערט אַ צעבראָכענעם ניקעל. אַן אָנשיקעניש! און וואָס רופט זי אים עפּעס אין אַ קלוב אַריין? ער האָט פלעגמאַטיש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. די פעטע פרוי האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואורף. איר דריי-גאָרנדיקער גוידער האָט זיך צעפּעכערט. איבער דעם מאַסאַזשירטן שטערן זענען אויפגעגאַנגען קאַרבן. זי האָט זיך צעלאַכט.

— אַ פייגלינג ווי אַלע מענער! נעמט כאָטש מיין ביזנעס-קאַרטל, מיסטער! ס'עט אייך צוניץ קומען...

— 2 —

איסר יאַגאָדע האָט געטראַכט, אַז ער וועט דאָס ביזנעס-קאַרטל שפּעטער אַוועקוואַרפן. דערווייל האָט ער עס אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע. ער האָט זיך געלאָזט

צום אַרויסגאַנג און דורך די שויבן געזען ווי די שניי־זאַווערוכע אינדרויסן האָט נישט אויפגעהערט. אין דער קאַפעטעריע איז דאָס גערודער געשטיגן. ס׳איז איצט געוואָרן געפּאַקטער ווי פריִער. די אַריינגעקומענע האָבן דערציילט, אַז לאַנגע קייטן מיט באַנען זענען פאַרשטעקט אין שניי. ניו־יאָרק איז פּאַראַליזירט. מען איז גרייט צו צאָלן אין טאָג אַריין פאַר אַ טאַקסי, פאַר אַ באָס, פאַר אַ זיץ אויף אַ טראָק, אַבי אַהיימצוקומען, אָבער דער כרך איז אַ פאַרשנייטער מדבר. ער האָט באַשלאָסן אָפּ־צורופן רייטשלען, אַז ער איז אין פעקל, אָבער די טעלעפאָן־בודקע איז געווען באַ־זעצט.

צווישן די טישלעך איז אַרומגעגאַנגען אַ צעיאַכמערטער יונגערמאַן מיט אַ צעפלאַמט פּנים און פאַרקויפט ציוניסטישע שקלים. ער האָט אויסגערעכנט, אַז צווישן די ניו־יאָרקער פאַרשטעקטע סאָבוויי־פּאַסאַזשירן איז יעדער צווייטער, אָדער דריטער אַ ייִד און פאַרזיכערט, אַז אין זכות פון קויפן אַ שקל וועט מען שנעלער קומען אַהיים. אין זיינע אויסרופן איז געווען דער ניגון פון אַ מאַרשעליק און די אַגיטאַציע פון אַ פּיפּיקן ראַפעל־פאַרקויפער.

— בלויז געציילטע חדשים צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, רבותי! — האָט ער אויסגערופן — דער שקל איז דער בילעט צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל און דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז דער ייִדישער פּאַרלאַמענט אונטער־וועגנס... בלויז איין דאָלאַר, רבותי! איז עס נישט ווערט? מיר זענען אויף דער שוועל פון דער ייִדישער מלוכה! די גאולה איז שוין נענטער ווי ווייטער, בלויז איין דאָלאַר אַ שקל!

די אויסרוף־ווערטער האָבן אָנגעריסן. די געסט האָבן געכאַפּט די שקלים ווי מצה־וואַסער. דאָס אויסכאַפּעניש פון שקל האָט געוועקט דעם אַפּעטיט פון אַ צווייטן ניו־יאָרקער בירגער, אויך אַ ציוניסט, צו פאַרקויפן ראַפעל־בילעטן. ער האָט גע־פאָכעט מיט אַ בלוי־ווייס פּאַפּירל ווי מיט אַ פענדל און זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן טישל.

— קויפט ראַפעל־בילעטן! קויפט ראַפעל־בילעטן! העלפט פאַרטיידיקן דעם ישוב אין ארץ־ישראל. יעדער בילעט גיט אַ שאַנס צו געווינען אַ נייעם אויטאָמאָ־ביל און אין דערזעלבער צייט באַוואָרנט ער אַ ביקס פאַר דער הגנה... ארץ־ישראל שטייט אין פלאַמען. די הגנה און דער אירגון צבאי לאומי שלאָגן זיך ווי לייבן מיט די ענגלישע אונטערדריקער און אַראַבישע אונטערצינדער. שטיצט די קעמ־פער! מער ראַפעל־בילעטן מיינט מער ביקסן פאַר די פאַרטיידיקער!

איסר יאַגאָדעס בייזיצער, אַן אָנגעפּעלצטער יונגערמאַן מיט אַ פּאָר נערוועזע אויגן, וואָס האָבן געבלאַנדזשעט איבער דער פראָנט־זייט פון אַ צייטונג, האָט זיך געקרימט איבער דעם געליאַרעם אַרום און געשריִען:

— וואָס איז דאָ? אַ ציוניסטישער מיטינג, צי אַ חסידים־שטיבל? דערוויל ווינען נאָך אין ניו־יאָרק איבערגעגנוג קריסטן אויך! מ׳עט נאָך מיינען, אַז די ציו־ניסטן האָבן פאַרכאַפּט אַמעריקע! די באַן איז געבליבן פאַרשטעקט אין שניי און זיי פאַרקויפן דעם שקל! סעי, לאַנדסמאַן! איז דאָס אַן עפנטלעכער פּלאַץ צי אַ מקווה? איז דאָס אַ קאַפעטעריע צי אַ ציון־קלוב?

אַ בייכיקער איטאַליענער מיט אַ פאַרחושכט נישט געגאָלט פּנים, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהערט נישט פון אַ שקל, נישט פון ביקסן פאַר ייִדישע קעמפער, האָט אָפּגעזוכט די ערשטע פּאָר אויערן און אַריינגערעדט אין זיי:

— כ׳בין געבליבן פאַרשטעקט מיט מיין טראָק אין ניו־יאָרק... כ׳בין אַ דזשאַנק־הענדלער. וואָס האָב איך געטאָן? כ׳האָב איבערגעלאָזט דעם שווערן טראָק אין שניי. כ׳האָב גענומען אַ סאָבוועי און נאָך פיר שעה האָב איך זיך דערשלעפּט ביז אַהער! כ׳האָב אָנגעקלונגען מיין ווייב וועגן מיינע צרות און זי, די מאַמאַ, שרייט אַריין אין טעלעפאָן: נעווער מאַינד דער טראָק איז געבליבן שטעקן... דו בעסער שיק אַוועק די נקבה, אָדער הער אויף שפּילן פּינאָקל און קום אַהיים עסן די פּיצעריאַ...

איסר יאַגאָדע איז געווען מיד פון די קולות. ער האָט געוואָלט צוריקגיין צו דער טעלעפאָן־בודקע און חרטה געהאַט. זאָל רייטשל זיך אַמאָל אויסקוקן די אויגן אויף אים! בענקשאַפט ביי זיין ייִדענע האָט איין מעלה. עס היילט זי אויס פון אייפערזוכט.

ער איז פאַרביי אַ טישל און זיינע נאָזלעכער האָבן אַריינגעצויגן אַ שאַרפן פּערפום־געריך פון צוויי אויסגעפּוצטע מיידלעך. איינע מיט בלאָנדע היי־פלעכטן, פאַרדרייט אין אַ קריינדל, די צווייטע מיט אַ שויבער בראָנז־רויטלעכע לעקעלעך. זייערע געשמינקטע פּנימער זענען געווען אָנגעברוגזטע. די לעפּעלעך — שיפּענ־דיקע. די מיידלעך האָבן זיך אָנגעקוקט איינע די אַנדערע ווי צוויי זייטן פון אַן אַרגומענט.

דורך די שויבן האָט איסר יאַגאָדע באַמערקט, אַז עס האָט אויפגעהערט צו שנייען. ער האָט פלינק באַצאָלט פאַר זיין טשעק, דערנאָך אויפגעשטעלט זיין קאָל־נער און איז אַרויס. איבערן פאַרשנייטן טראָטואַר איז געווען אויסגעטראָטן אַ דינע סטעזשקע. איינצלנע פאַרבייגייער האָבן פאָרכטיק געשפּרייזט אין דער ריכטונג צו דער עלעווייטאַר־באַן. דאָס ליכט פון די גאַס־לאָמפּן האָט מיט אַ גלימערדיקן קופּער־שיין אָפּגעטונקען די בערגלעך שניי. די קעלט האָט געבלאָזן דורך די קליי־דער און אויסגעפּרירט די ביינער. אַ ווינט האָט פאַרטראָגן דעם שניי ווי וואָלקנס זאַמד.

ער האָט אין איילעניש נאָכגעשפּאַנט, נישט צו בלייבן הינטערשטעליק פון די איבעריקע פּאַסאַזשירן. אין וועג האָט עמעץ אָנגעזאָגט, אַז די רעלסן זענען שוין אָפּגערייניקט און די באַנען לויפן קיין ניו־יאָרק. אָבער צוקומענדיק צום „על", האָט ער געזען, אַז די לאַנגע באַנען־קייט שטייט איינגעקאָפּעט. דער קאָנ־דוקטאָר מיט דעם מאָטאָרמאַן זענען געזעסן אויף דער פּלאַטפאָרמע און געלאַכט פון די פּאַסאַזשירן, די יאָלדישע בירגער, וואָס צאָלן שטייערן און די שטאָט באַ־האַנדלט זיי ווי שטיף־קינדער. זיי האָבן באַרעדט דעם שטאָט־קאָמישאָנער, דעם סאַניטאַציע־קאָנטראָלער, דעם פייער־אינספּעקטאָר און געהאַט נקמה, וואָס דער מעיאָר וועט זיי מוזן צאָלן איבער־שטונדן פאַר גאָרנישט טון.

איסר יאַגאָדע איז אַריין אין ערשטן וואַגאָן. די באַן האָט אויסגעזען ווי אַ וואָקזאַל ביינאַכט אין אַ קליין שטעטל. מענטשן זענען געלעגן אויסגעצויגן אויף די בענק און געשלאָפן. די פּאַסאַזשירן האָבן געבראָכן אַלע רעגולאַציעס. טייל האָבן

גערויכערט. טייל האָבן געזופּט קאַווע פון פּאַפּירענע טעפּלעך און געגעסן סענד־וויטשעס, וואָס שיק־ייִנגלעך האָבן געבראַכט פון גאַס. אין דעם וואַרעמען, אָנגע־רויכערטן וואַגאָן האָבן די אָפּגעגנאַרטע געפירט אַ דעבאַטע .די היציקע האָבן זיך געשווירן אַרויסצוטרייבן די דעמאָקראַטן פון קאָנגרעס. די ניכטערע האָבן גע־שפּעט, אַז די רעפּובליקאַנער פאַרזאָרגער טויגן אויך אויפן פייער. נאָך די וואַלן פירט מען סאַי ווי דעם עולם אין באָד אַריין.

איסר יאַגאָדע האָט געלאַכט פון די אַמפּערנישן. ס׳איז די אייביקע טענה פון דעם אונטערי־אַכטן קעגן דעם מאַכטהאָבער. ער האָט אַ מידער זיך צוגעזעצט צו אַ פענצטערל און אַרויסגעקוקט. דורכן שייבל האָט די גאַס אונטן אויסגעזען נאָך פינצטערער. די בערג מיט שניי האָבן נישט אויסגעווישט די נאַכט־חשכות. וואָס ליאַרעמט מען דאָ אַזוי? מ׳דאַרף אויף דער זאַווערוכע קוקן ווי אויף אַ נאַטור־קאַ־טאַסטראָפע. אַ פאַרפּלייצונג איז בעסער? אַן ערד־ציטערניש איז לייכטער? ס׳וויל־טאָג רעדט פון זיי אַרויס! איינגאַנצן וועט עס בלויז אויסגיין צו אַ געפּטרטן טאָג.

פונדעסטוועגן ,אַז ער האָט לאַנגזאַם אויסגעשטרעקט די פיס אויף דער באַנק און אונטערגעלייגט צוקאָפּנס דעם מאַנטל פאַר אַ קישן, האָט ער שווער זיך צע־גענעצט און אויסגעקרעכצט.

— ניו־יאָרק, ניו־יאָרק! וואָס פאַרא צעלייגעריין ביזטו מיט דיינע וואָלקנ־קראַצערס און מיט דיינע אונטערערדישע באַנען? וואָס טויגן דיינע בריקן, דיינע טונעלן און דיינע עלעוויטאַרס, אַז דער מינדסטער שניי־שטורעם לייגט דיך אַוועק און מאַכט דיך פאַר אַ ליימענעם גולם...

קאַפּיטל צוועלף

— 1 —

איינמאָל אין פיר וואָכן, אין די ערשטע פינף טעג פון חודש, האָט איסר יאַגאָדע אָפּגעשטאַט אַ נאַכט־וויזיט אין דער טערקישער באָד. די געוווינהייט איז ביי אים געוואָרן אַזאַ נויטווענדיקייט פונקט ווי דאָס גיין צום שערער. דאָס פאַר־געניגן וואָס עס קריגט דער גוף, איז ביי אים געווען אויך אַ תענוג, באַשערט פאַר דער נשמה. די געדיכטע פאַרע אויפן לייב איז געווען אַן אָפּקומעניש. פון די מאַ־סאַזשן וואָס דער בעדער האָט אים געגעבן, האָט ער געקראָגן גרימענישן, אָבער ער האָט אויף די יסורים זיך נישט געקלאָגט. די לייב־קניפּענישן זענען געווען אַ דערפרישנדיקער טאַניק. ווען ער איז געווען איינגעהילט אין שטראָמען היץ, אין וואָלקנס פאַרע, האָט זיין מידער קערפּער אַרויסגעשוויצט אַלע זאָרגן, אַלע שרע־קענישן און אַלע אומרויִקייטן. ער האָט דעמאָלט זיך אויסגעשפּאַנט פון אַלע עול׳ן. ער האָט זיך דערשפּירט אַזוי לייכט, ווי מען וואָלט אַראָפּגעקאָלערט פון אים אַ באַרג.

נאָך יעדער טערקישער באָד איז איסר יאַגאָדע אַהיים געקומען אַן אָפּגעפרישטער, אַ מונטערער מיט דעם באַשלוס, אַז ער הויבט אָן אַ ניי לעבן. ער וועט אַוועקוואַרפן די שדכנות־פּראָפעסיע און פּרובירן ס׳מזל אין ביזנעס. ער האָט רייטשלען צוגעטיילט אַ קאָמפּלימענט און אַנטדעקט פאַר איר, אַז גרויסע אונטערנעמונגס־כוחות טרייבן אים איבערצוקערן אַ וועלט. רייטשל האָט פון אָנהויב אויסגעבייטלט צו אים אירע בייזע חלומות און דערנאָך טיכטיק אַ רעד געטאָן תכלית. זי האָט אמתדיק געגלויבט, אַז אין איר מאַן דרימלען סוחרישע אַמביציעס, וואָס ווערן דערשטיקט פון זיין גלוסטעניש זיך צו מישן אין קהלשע זאַכן.

ניין וואָכן נאָכדעם ווי יאַדזשאַ איז געווען איינקוואַרטירט ביי רייטשלען אין הויז, זענען די טערקישע בעדער געוואָרן אַן אמתער חיבוט הקבר. איסר יאַגאָדע האָט רייטשלען געמוזט אָפּגעבן רעכענונג צו ער האָט אויף אַן אמת פאַרבראַכט אַ נאַכט אין באָד, און מיט וועמען ער האָט זיך געזען ס׳לעצטע מאָל פאַרן אַרויסגיין פון הויז. די אויספאָרשונג האָט ביי אים אָפּגענומען הענט און פיס. אירע פאַרדאַכטן האָבן אַרויסגערופן רייסערייען און ברוגזן. איסר יאַגאָדע האָט געקאַרגט אַ וואָרט. רייטשל איז געווען פאַרשווענדעריש מיט שטעכעלקעס און מיט ביטערע אָנצוהערענישן. און יאַדזשאַ, וואָס האָט געלאַכט פון דעם צעקריגטן פאָרפאָלק, האָט זיי מוסר געזאָגט, אַז אייפערזוכט איז די בייזע טרייב־קראַפט אינעם לעבן פון אַ פרוי. דאָס גליק פון הויז אַנטלויפט דורך דער הינטער־טרעפּ אין יענעם אויגנבליק ווען דער פאַרדאַכט פראַלט אַריין דורך דער פראָנט־טיר.

אונטער רייטשלס יאַדענישן האָט איסר יאַגאָדע אָפּטער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן די צוויי קעגנגעזעצטע נאַטורן: מאַן און פרוי, וואָס ווירטשאַפטן מיט דער וועלט. ערגעץ האָט ער געהאַט געלעזן, אַז נישט שטענדיק איז אייפערזוכט אַ צעשטערנדיקער כוח. אָן נאָרמאַלער אייפערזוכט בלייבט דאָס לעבן אָן אינטריגע און אָן פאַרוויילונג. ווי אַזוי אייפערזוכט קען זיין אי שלעכט, אי גוט אין דערזעלבער צייט איז אים שווער געווען צו באַנעמען. די איינרעדעניש, אַז עס זענען פאַראַן צוויי סאָרטן פון דער אָנשיקעניש — איין סאָרט וואָס אַרבעט קעגן מענטש און איין סאָרט — פאַר דעם מענטש, האָט איסר יאַגאָדען נישט איבערצייגט. אין די אויגן פון די פסיכאָלאָגן זענען די צוויי סאָרטן אייפערזוכט פאַרשיידן ווי שוואַרץ און ווייס. די נשמה־גריבלער פאַרגלייכן דאָס גאָר צו קאָלירן — האָט ער געשפּעט — זיי טענהן, אַז בלויז אידיאָטן און משוגעים ליידן נישט פון סכנות וואָס באַדראָען זייער זיכערקייט. יעדער נאָרמאַלער מענטש רעוואָלטירט קעגן אומשטענדן, וואָס שטעלן אין געפאַר זיין באַזיץ. די טאַטוזאַך איז, אַז אי דער זכר און אי די נקבה ווערן געבוירן מיט אייפערזוכט, ווייל זיי קעמפן קעגן דער געפאַר פון פאַרלירן אַ באַזיץ וואָס איז זיי טייער.

איסר יאַגאָדע האָט געמאַכט קולות אויף רייטשלען, אַז ער וועט זי אַרויסטרייבן פון הויז, אָבער פאַר יאַדזשאַן האָט ער זיך פאַרטרויט, אַז ער אַליין וועט זיך אָפּטראָגן ווי לאַנג ער האָט נאָך נישט געפּטרט ס׳געזונט. יאַדזשאַ האָט פּרובירט אים אויפקלערן וויסנשאַפטלעך דעם אייביקן קאָנפליקט צווישן ביידע געשלעכטער. זי האָט זיך פאַררופן אויף ציטאַטן, אַז פרויען זענען ערלעך־אייפערזיכטיק בלויז

אין צייט פון זייער שוואַנגערשאַפט. איסר יאַגאָדע האָט געליאַרעמט, אַז פרויען לײדן פון אײפּערזוכט אַפּילו אין שלאָף.

אין דעם פאַרצויגענעם שטרײט צווישן מאַן און ווײַב האָט יאַדזשאַ דערווײַל געגאָסן די הנאה פון אַ פרײלעכן צוקוקער ביי אַ לוסטיקער פאַרשטעלונג... די צוויסטיגקייטן האָבן איר געגעבן די געלעגנהייט בעסער וויל צו קענען די אַמע־ריקאַנער ווילטעגערס, וואָס האָבן די פּריווילעגיע צו געניסן פון שפע און זיי גריזשען זיך איינס דאָס אַנדערע.

זי האָט געוווסט, אַז רייטשל שטייט הינטער ווענט און הינטער טירן, אַז זי האָרכט אונטער אירע שמועסן מיט יאַגאָדען, אָבער יאַדזשאַ האָט אַפּילו נישט פּרו־בירט פאַרטרייבן רייטשלס פאַרדאַכטן. און איר רייצן זיך איז געווען אַ פרייד וואָס אינטריגירט. מען האָט זי אײנגעלאַדן אין דעם הויז און זי האָט די גאַסט־פריינטלעכקייט אָנגענומען. דערצו האָט זי געצאָלט פאַר איר צימער ווי אַ גוטע באָרדערקע. איר חתן, ראובן גערשט, האָט פלינק געכאַפּט דעם שניט אין נייעם לאַנד, ער האָט אַריבערגעיאָגט די אַמעריקאַנער פאַבלייט, די צוקער־בעקערס. ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף העכערע שכירות און שפּאָרט אַ דאָלאַר.

יאַדזשאַ האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי איז אַ רעטעניש, סאַי פאַרן מאַן, סאַי פאַרן ווײַב און זי האָט אַפּילו נישט געוואָלט ווערן פאַר זיי פאַרשטענדלעך. דער מענטש דאַרף בלײבן אַ פאַרמאַכט בוך און נישט קיין אָפענע קאָרט. רייטשל האָט געליטן פון דער איינרעדעניש, אַז יאַדזשאַ לאָקט איר מאַן ווי אַ פאַרפירערין, און ער, דער לאָם, האָט נישט קיין כוח זי אָפּצוטרייבן. טראָץ אירע פאַרדאַכטן און אויסריידעענישן, האָט רייטשל קיינעם פון זיי נישט געכאַפּט ביי דער האַנט און איז געבליבן אין קווענקלעניש.

יאַדזשאַ האָט געפאָלגט נייטנס עצה צו בלײבן וווינען ביי רייטשלען ביז איר ירושה וועט אויפגעמאָנט ווערן. זי האָט געוווסט אַז אין געריכט וועט זיך די זאַך פאַרשלעפּן אין דער לאַנגער באַנק אַרײַן און אָפּגעמאַכט אויסצופּרובירן איר געדולד. זי האָט באַטראַכט איר געדולד ווי אַ קוראַנטע אינוועסטירונג, וואָס וועט זיך באַצאָלן און נאָך צוטיילן זייטיקע מענטשן זייער חלק... די זייטיקע, איסר און נייטן, וועלן נאַשן ברעקלעך און זי וועט איינקאַסירן אַן אוצר. נאָך אַלעם האָט זי דעם פאַמיליע־פּלאָנטער צווישן דעם פאַרפאָלק נישט באַשאַפן. זי איז בלויז אַן עדות פון דעם קאָנפליקט. יאַדזשאַ האָט נישט צוגעהאָלפן רייטשלען ביי דער הויז־אַרבעט. זי האָט געלערנט ענגליש און סטענאָגראַמע און זיך געגרייט אָנצונעמען אַ שטעלע ביי אַ באַקאַנטן לאָיער, וואָס נייטן וועט איר רעקאָמענדירן. אין איר פרייער צייט האָט זי באַזוכט ביבליאָטעקן און אויס־שטעלונגען. זי האָט פאַרבראַכט אין מוזעאומס, געמאַכט שפּאַצירן איבער די נייע געגנטן פון לאָנג־איילענד און געווען אַנטשלאָסן, נאָך דער הייראַט צו וווינען אויף ריווערסאַיד־דרײַיוו. איר חתונה מיט גערשטן האָט זי אָפּגעלייגט ביז ס׳וועט זיין געגוג געלט אויף איינצוריכטן אַן אָנשטענדיקע ווירטשאַפט.

דערווײַל האָט רייטשל געהאַלטן אויף איר מאַן אַן אויג ווי אַ שטרענגער וועכטער און איסר יאַגאָדע האָט געזוכט צו אַנטלויפן פון דער שמירה. ער האָט געפונען אַנטרינונג אין מאַכן אַ קערטל, אין אַ גלעזל משקה און אין די באַ־

געגעניש מיט זיין שוואָגער נייטן. אין זיין אָפיס, ווו פּאַרלאָזענע פרויען קומען זוכן זייערע פּאַרשווונדענע מענער, האָט נייטן פאַרזיכערט איסרן, אַז רייטשל איז אַפילו נישט קיין אמתער קרענק, וואָס ליידט פון איינרעדעניש. אָדער זי האָט אַריבערגעשפּאַנט די איבערגאַנגס־יאָרן, אָדער זי שפּילט שלעכט טעאַטער... קליי־נערהייט האָט זי געגריזשעט איר שוועסטער נעמי, ביז יענע האָט אויסגעכאַפּט איר חתן. זי האָט געמאַכט דעם טויט אירע ברידער און געוואָלט אונטערצינדן דאָס הויז. זי פאַרמאָגט די קנאה פון אַ דלילה און דאָס שלעכטס פון אַ איזבל... און אויב זי איז אַ פּסיכאָפּאַט, דאַרף מען זי פירן צו אַ פּסיכיאַטאָר. נייטן האָט איסר יאַגאָדען צוגעזאָגט, אַז דער נשמה־גריבלער קען היינט פאַרטרייבן די אייפערזוכט־קליפּה ווי אַ רבי פלעגט אַמאָל פאַרטרייבן אַ דיבוק. רייטשל איז עגאָיסטיש און שרעקעוודיק. זי איז אייפערזיכטיק, נישט ווייל זי האָט איסרן צופיל ליב, נאָר ווייל זי איז אומזיכער און ווייל זי וויל קאָמפּענסירן איר אומ־זיכערקייט, דעריבער טוט זי אָן אַ מאַסקע פון איבערגעטריבענער זאָרג.

ביי איינער פון די באַגעגענישן האָט נייטן אַריינגענומען איסר יאַגאָדען אין אַ באַזונדערן צימער און אונטער פיר אויגן אים געפּאָרשט, צי ער האָט נישט פאַר־דרייט אַ קעפּל יאַדזשאַן... נייטן האָט דערמאָנט זיין שוואָגער, אַז יאַדזשאַ איז גע־קומען אין זיין הויז דורך פרענציסן און ער, נייטן, האָט נאָך איבער איר די אויפ־זיכט! פאַר דעם בלויזן פאַרדאַכט האָט איסר יאַגאָדע אים אַריינגעזאָגט וואָס נאָר אין דער קאָרט. נייטן האָט אים געוואָרנט נישט אַרויסצושיקן יאַדזשאַן פון הויז. די יונגע פרוי איז אַן אינוועסטירונג, וואָס וועט אַריינברענגען פּראָפיטן און — יאָ אייפערזיכטיק ווייב, נישט אייפערזיכטיק ווייב — ביי געשעפטלעכע אינוועס־טירונגען דאָמינירן נישט קיין סענטימענטן. ער, נייטן, וועט אַפילו נישט נעמען היי־יאָר קיין וואַקאַציע, ר׳וועט נישט וואַרטן ביז יאַדזשאַ וועט זיך אַמעריקאַניזירן, נאָר וועט גלייך נעמען אויפמאַנען די פאַרגעסענע ירושה. ער האָט שוין אַן אייגע־נעם אַדוואָקאַט וואָס גרייט צו אַלע תביאות.

כאָטש איסר יאַגאָדע איז אַוועק אַן אויפגעהייטערטער פון נייטענען, האָט ער גוט געוווּסט, אַז ביי רייטשלען קען מען בעסער אויספירן מיט נאָכגיביקייט. די פרוי איז איינגעשפּאַרט ווי אַן אָקס — האָט ער געקרעכצט — אין צולאָג פירט זי זיך נישט לויט אירע רייפע יאָרן. זי בענקט נאָך צערטלעכקייט ווי אַ כלה־מיידל. די וועלט איז נאָך אַלץ צוריקגעשטאַנען. אַ מאַן וויל בלויז פילן, אַז מ׳האָט אים ליב, אַ פרוי פאָדערט, מ׳זאָל עס איר זאָגן אויף טריט און שריט.

— 2 —

דורך די לאַנגע וואָכן וואָס דער ברוגז צווישן פאַרפאָלק האָט געדויערט, האָט איסר יאַגאָדע זיך אַרומגעזען, אַז דער ווינטער איז דערווייל אַוועק. די הויפּנס שנייען זענען צעשמאָלצן געוואָרן. די יום־טובים זענען געווען פאַרשטערטע. ער איז געזעסן ביי דער פּורים־סעודה נעבן אַ שטאָלצער ושתי און געפּראַוועט דעם פּסח־סדר מיט אַ ברוגזער מלכה. דער פרילינג האָט פאַרשפּעטיקט צו קומען. אין

אָנהייב מאַי האָט די זון אַזוי געהייצט, ווי עס וואָלט שוין געגליט די חמימה פון מיטזומער. איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט איבערבעטן רייטשלען מיט אַזאַ קנאַק, אַז עס זאָלן פאַרגעסן ווערן אַלע קריוודעס. ער האָט גענומען יאַדזשאַן אויף אַ שפּאַציר אויף דילענסי־סטריט, דערציילט איר וועגן זיינע צרות און זיך געקלאָגט פאַר איר ווי פאַר אַ מאַמע.

יאַדזשאַ האָט באַטראַכט דעם אומבאַהאָלפענעם שדכן, וואָס האָט געקענט זיין איר טאַטע. ער האָט דרייסיק יאָר מער דערפאַרונג פון איר און דאָך זוכט ער איר עצה ווי אַ שעמעוודיקער חתן. זי האָט אַ לענגערע ווײַלע אים אָנגעקוקט מיט באַדויערונג און דערנאָך זיך אָנגערופן.

— וואָס ערגערט איר זיך אַזוי צוליב דעם ברוגז, מיסטער יאַגאָדע? אייער האָניג־חודש איז שוין געענדיקט. יעדער האָניג־חודש ענדיקט זיך דעמאָלט, ווען דאָס פאָרפאָלק הייבט זיך אָן צו באַקלאָגן אויף דער האָטעל־באַדינונג... און נאָכן האָניג־חודש קומט די לאַנגווייליקייט. דאָס איז די באַלוינונג וואָס מאַן און ווייב קריגן פאַר אַריינטרעטן אין דער הייראַטס־אינסטיטוציע... אָבער נישט דער מאַן און נישט דאָס ווייב זענען שולדיק פאַר אַזאַ באַלוינונג.

— דו רעדסט ווי אַ פילאָזאָף, יאַדזשאַ. אָבער פון דעם וועט קיין שלום־בית נישט קומען. כ׳האָב אַ פּלאַן ווי איבערצובעטן רייטשלען!... ס׳וואַרט אויף איר אַ דאָפּלטער יום־טוב. אי זי האָט די וואָך איר געבורט־טאָג, אי ס׳גייט צו „מוטער־טאָג“. איך וועל איר קויפן אַ פּאָר שיינע מתנות און כ׳וועל זי אויסנעמען אין ייִדישן טעאַטער. האָסט דאָך געהערט פון „מוטער־טאָג“, דעם יום־טוב פון דער מאַמע?

— ס׳איז נישט קיין „מוטער־טאָג“, נאָר דער טאָג פון די אַמעריקאַנער ביזנעסלייט.

— טרייבסט דאָך פון אַלץ שפּאַס, יאַדזשאַ... דער „מוטער־טאָג“ איז אַן אַמעריקאַנער יום־טוב, און אין דעם טאָג ווייזט מען אַרויס רעספּעקט דער גוטער מאַמע. מ׳זעצט זי אויף אַ גאָלדענעם שטול און מ׳באַוואַרפט זי מיט פּרעזענטן. אַי די גע־שעפטן לעקן אויך אָפּ אַ פעטן ביין? — אין אַמעריקע שטייט אַלץ אויף ביזנעס!

— אַלץ שטייט אויף ביזנעס! די מידע מאַמע, די קעכין, די וועשין, די באַדינערין פון דער פאַמיליע, איז אויך אַ געלעגנהייט צו טאָן ביזנעס! וואָס פאַר אַ שטרענגע געשעפטסמעסיקייט! יעדער אידעאַל ווערט פאַרוואַנדלט אין קאָמערץ. דער „מאַמע־טאָג“ וואָס האָט געדאַרפט אַריינקומען אין הויז, אָנגעטאָן אין אַ הייליקער קרוין, ווערט גאָר אָפּגעפירט אין שאַכטלען מיט ביזנעס־עטיקעטן... און ווער האָט דעם מוטער־טאָג אויסגעטראַכט? אַן אַלטע מויד?

— וואָס פאַראַ אַלטע מויד ?

— כ׳זע, איר קענט נישט די אַמעריקאַנער געשיכטע. אַ שיינער אַמעריקאַנער! די גרינדערין פון דעם מאַמע־יום־טוב איז געווען אַ פאַרזעסן מיידל פון פילאַדעלפיע. אַנאַ דזשאַרוויס האָט זי געהייסן. זי האָט דאָס געמאַכט דעם מוטער־טאָג אין אָנדענק פון איר גוטער מאַמען, וואָס האָט געלערנט מענטשן, אַז ס׳לעבן איז אַן אייביקער יום־טוב... נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן! די טאָכטער איז געווען אַן איינזאַמע נשמה. זי האָט זיך געקלעפּט צו איר מאַמע ווי יעדעס פּראָבלעם־קינד מיט אַ קאָמפּלעקס!... יאָרן האָט די איינזאַמע טאָכטער געפּרעדיקט, אַז די לעבעדיקע מאַמעס פאַרדינען,

מ׳זאָל זיי געבן אָנערקענונג איינמאָל אַ יאָר. די ווייכהאַרציקע פרויען האָבן גיך אויסגערעכנט, אַז מ׳קען טאָן צוויי מצוות מיט אַמאָל: אי אָפּהיטן כבוד־אם, אי קריגן אַ געלעגנהייט צו אַ קאָרטן־פּאַרטי... ביזנעסלייט האָבן זיך אַרומגעזען, אַז פּונקט ווי מ׳קען ביי קינדער צאַפּן טרערן נאָך אַ טויטער מאַמע, אַזוי קען מען ביי זיי צאַפּן דאָלאַרן צוליב אַ לעבעדיקער מאַמע. און מען צאַפּט טאַקע! דער מוטער־טאָג האָט זיך אָנגענומען. די געשעפטסלייט פּאַקן אָן די פּאַליצעס מיט אַרטיקלען און די גרויסע מאַמע־ליבע ווערט באַצאָלט מיט אַ בלוזקע, מיט אַ שאַכטל שאָקאָלאַד און מיט אַ קיישל בלומען...

איסר יאַגאָדע איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל. די מויד האָט אַ מאַנסבילישן קאָפּ! און פונוואַנען האָט זי געשעפּט די געשיכטע מיט דעם מוטער־טאָג? ווי פלינק זי געפינט דאָס אויס אַלע חסרונות פון דער נייער מדינה! איז דער מוטער־טאָג אַ חסרון? ס׳איז ווי יענע מעשה מיט שטעלן באַנקעס אויפן רוקן פון אַ גוסס... ס׳העלפט טאַקע נישט, אָבער שאַדן ברענגט עס אויך נישט. און פאַרוואָס טרייבט זי עפּעס חוזק פון זיין אָנבאָט? אפשר וויל די מויד טאַקע נישט, ער זאָל מיט רייטשלען ווערן שוה בשוה?

— זאָג נאָר, יאַדזשאַ — האָט ער זיך אָנגערופן, — הרגעסט דאָך מיר אַוועק מיינע פּלענער! כ׳האָב געטראַכט איבערצובעטן רייטשלען און אַ ווייבערישער יום־טוב איז אַ גוטע געלעגנהייט פאַר דעם. און דו מאַכסט פּיפּקע פון גאַנצן עסק, נאָך איידער כ׳גרייט זיך צו עפּעס. איך אַליין בין אויך אַ שטאָלצער פּריץ... כ׳קען נישט פאַרליידן אירע באַליידיקונגען. מ׳קאָן אָבער נישט אייביק פירן אַ ברוגז־טאַנץ! האָב איך אָפּגעמאַכט, מ׳עט זיך פּאַלן אויף די העלדזער... ביי אַ געבורטסטאָג־שמחה וועט זי אפשר זיך שעמען מיט איר עלטער, אָבער דער מוטער־טאָג איז אַ גוטער אויסרייד פאַר אַן איבערבעטעניש...

— ערשטנס איז רייטשל נישט קיין מאַמע. די געבורטסטאָג־שמחה אַליין איז גענוג! צווייטנס איז דער מוטער־טאָג אַ באַקוועמער קאָמפּלעקס פאַר עלטערע ווייבער, וואָס וואַרטן אויף וואַרעמע לאַסקעס און פאַר יונגערע — אויף וואַרעמע מינק־פוטערס. אייער פרוי האָט אַן אַנדערן קאָמפּלעקס...

— אייפערזוכט?

— יאָ.

— פון דעם איז קיין שום פרוי נישט פריי.

— דאָס איז אַ באַשטעטיקונג וואָס גלאָריפיצירט אַ פאַקט. אייפערזוכט צע־שטערט ביי דער פרוי די עמאָציעס. און פרויען שעמען זיך מיט די צעשטערטע עמאָציעס, ווייל זיי מיינען, אַז ס׳איז אַ זינדיקע קרענק וואָס מען דאַרף פאַר־שוויגן... און דאָ קומט אויך אַריין די שרעק, אַז מ׳עט פון זיי אָפּשפּעטן. גאָר ווייניק פרויען האָבן קוראַזש צוצוגעבן, אַז זיי ליידן פון דער פאַרשוויגענער קרענק...

— רייטשלען פעלט קוראַזש?

— ס׳פעלט איר מוט צו גיין צו אַ פּסיכיאַטאָר.

— דו טרייבסט שוין אַביסל איבער, יאַדזשאַ! ווען איך בין מיט אַ פופצן יאָר יונגער, וואָלט איך אויסגעטייטשט, אַז דו ווילסט מיך אָפּרעדן פון רייטשלען צוליב

קאָנקורענץ... זי איז נישט קיין צדיקת רייטשל, אָבער קיין זרש איז זי אויך נישט!
— זי ליידט פון אומזיכערקייט.
—ביזט פיק־קלוג, יאַדזשאַ. האָסט אַ צינגל ווי אַ הובעל, אָבער כ'בעט דיך, שטעל אָפּ ס'רעדעריי, ס'איז געפערלעך! אַז כ'על זיך צוהערן צו דיר נאָך איין האַלבע שעה, וועל איך גרייט זיין צו געבן רייטשלען אַ גט און דיר אַ תנאים־רינג...
— דאָס אַלץ וואָס עס שרעקט אייך, מיסטער יאַגאָדע? כ'האָב נאָך קיין היים נישט צעבראָכן. אָבער אַביסל אויפקלערונג קען נישט שאַדן פאַר אַזאַ ייִד ווי איר זענט! איר זענט גערעכט, ס'איז צייט איבערצובעטן אייער פרוי. אין וועלכן טעאַטער גייען מיר?
— כ'האָב אַ בעסערן פּלאַן. לאָמיר גיין זען אַ פּראָפּאַגאַנדע־אויסשטעלונג. אין מוזעאום פון נאַטור־געשיכטע קומט איצט פאָר אַן אויסשטעלונג קעגן אַבערגלויבן און זאַבאַבאָנעס.
— וואָס האָט אַבערגלויבן צו טאָן מיט אייער שלום־בית?
— אייפערזוכט איז אויך אַבערגלויבן, יאַדזשאַ. אַזאַ תורה האָבן איצט די וויסנשאַפטסלייט. און זיי האָבן טאַקע אָנגעהויבן אַ מלחמה קעגן דער אָנשיקעניש. די פּראָפעסאָרן האָבן זיך פאַרלייגט אויף די זנאַכערס און שוואַרצקינצלערס, וואָס מאַכן משוגע דעם מענטש. די אויסשטעלונג וועט פאַר רייטשלען זיין אַ גוטע קוראַציע. מען מאַכט דאָרט אַש און פאַרך פון אַלע איינרעדענישן...
— איר האָט גוטע איינפאַלן, מיסטער יאַגאָדע.
— וועסט מוזן שווייגן ביז איבערמאָרגן, יאַדזשאַ! פון דעם סוד וויסן בלויז דריי: איך, דו און נייטן...
— דריי קענען האַלטן אַ סוד, אויב צוויי פון זיי זענען טויט...
— פונדעסטוועגן וועסטו שווייגן... דער שפּאַציר צום מוזעאום דאַרף זיין אַן אומגעריכטע פאַרווײַלונג. אַ כפרה ס'טעאַטער מיט אַלע וואָדעוויל־טענצער... מ'עט רייטשלען פירן צו דער אויסשטעלונג ווי צו אַ צווייטער חופה... דו רעדסט ווי אַ פילאָזאָף, יאַדזשאַ. אָבער איך בין אויך נישט פון הינטערן אויוון, הער מיך אויס, טאָכטער. די וועלט איז איינגעטונקען אין געצנדינסט, הערסט יאַדזשאַ? די זנאַכערס געוועלטיקן איבערן מענטש... דער בלאָטער האָט שוין לאַנג געדאַרפט אויפגעשטאָכן ווערן. ס'אומגליק איז, וואָס די וויסנשאַפט מיט אַלע אירע אויפקלערונגען איז אַ שפּאַר ביסל הינטערשטעליק. ווי גייט ס'ווערטל? פאַלשקייט פליט פאָראויס און דער אמת קומט שפּעטער נאָך, הינקענדיק...
— איר זייט אַ פאָרגעשריטענער מענטש, מיסטער יאַגאָדע.
— מ'דאַרף אַלע איינגערעדטע קרענקס מאַכן פאַר פאָרגעשריטענע. אויף דער אויסשטעלונג, וועדט אויך אָפּגעשפּעט פון אַ שלימזלדיקער צאָל. האָסט געהערט פון דעם ציפער 13?
— אַן אומגליקלעכער ציפער.
— דאָס איז ביי אַנדערע פעלקער, אָבער נישט ביי ייִדן. אַן אַבערגלויבעריש גויאיש פּאָרל וועט נישט גיין צו דער חופה דעם דרייצנטן טאָג פון חודש... איינער וואָס האַלט פון זאַבאַבאָנעס, וועט נישט וווינען אין אַ הויז מיט דעם נומער 13... אַ

מזל־יעגער, וואָס פאָלגט עצות פון זנאַכערס, וועט אויסמיידן צו קויפן אַ לאָטעריע־צעטל פון אַ סעריע, וואָס טראָגט דעם נומער 13.

— און ביי ייִדן?

— ביי ייִדן איז די צאָל דרייצן אַ צייכן פון גוטס און שלימות... בר־מצווה ווערט אַ ייִדישער בחור אין עלטער פון דרייצן יאָר. דאָס פּעקל גוטע מידות וואָס מ׳דאַרף באַזיצן, באַטרעפט דרייצן. די צאָל מצוות, וואָס מ׳דאַרף מקיים זיין כדי פאַררעכנט צו ווערן פאַר אַ פולן ייִד — די צאָל תרי״ג — ענדיקט זיך אויך מיט דרייצן...

יאַדזשאַ האָט אָנגעשטעלט אירע קלוגע ברוינלעכע אויגן אויף איסר יאַגאָדען, וואָס האָט מיטאַמאָל פאַר איר אויסגעפונען, אַז די ראַפּינירטע וועלט איז איינגע־טונקען אין אַבערגלויבן. זי האָט אַנטשלאָסן געזאָגט:

— מיר וועלן גיין צו דער אויסשטעלונג!

איסר יאַגאָדע האָט אַ צעשטראַלטער אַ דריק געטון איר אָרעם.

— כ׳קלינג שוין אָן נייטענען, ער זאָל קומען מיט זיין ווייב, פּעני, און דו לאָז וויסן דיין חתן מיט דיין קרובה, פּרענציסן. כ׳על אויך אָפּרופן דאָקטאָר וואָרמסן. קענסט אים נישט, יענער ליידט פון אַ גאָר ספּעציעלער איינרעדעניש, אַז ס׳ייִדישע פאָלק ווערט פאַרמינערט... כ׳על איינלאַדן נאָך אַ פּאָר איינגערעדטע „קרענקס״. ס׳וועט זיין אַ פריילעכע קאָמפּאַניע!

קאַפּיטל דרייצן

— 1 —

זונטיק נאָכמיטיק האָט איסר יאַגאָדע געבראַכט רייטשלען אין אַ טאַקסי ביז צו דער טיר פון מוזעאום. פאַר איר געבורטסטאָג האָט ער איר געקויפט אַ גאָלדענעם מעדאַליאָן, אויסגעזעצט מיט פּערעלעך און אינדערמיט איז געווען אויסגראַווירט איר נאָמען. ער האָט זיך נישט געמאַכט הערן ווען זי האָט פאַר די באַקאַנטע אַראָפּגענומען פינף יאָר פון איר עלטער. רייטשל, אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג, האָט זיך געלאָזט פירן פון איר מאַן ווי אַ ברוגזע מחותנתטע. ביים אַריינגאַנג פון דער צעפּליגלטער געביידע האָט איסר יאַגאָדע דערזען, אַז אַלע גערופענע זענען געקומען ווי ס׳איז געווען אָפּגערעדט. עס האָבן שוין געוואַרט יאַדזשאַ מיט איר חתן, ראובן גערשט, דאָקטאָר מלך וואָרמס און נייטן פאַרבער, מיט זיין סעקרעטאַרין פּרענציס.

איידער איסר יאַגאָדע האָט זיך באַגריסט מיט זיין שוואָגער, נייטן, און געוואָלט באַקענען רייטשלען מיט דאָקטאָר וואָרמס, האָט דער קורצער, פעטלעכער דאָקטאָר שוין געהאַט זיך אַרויסגערוקט פון פאָרנט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ העלן,

לויזן געקעסטלטן אַנצוג. ער האָט אָנגעשפּאַרט זיין גרויסן אַרבוז־קאָפּ אויפן רעכטן אַקסל און זיך פאַרנויגט אַקטיאָריש.

— כ׳האָב ליב אַליין זיך פאָרצושטעלן. מיין נאָמען איז מלך וואָרמס, דער דאָקטאָר וואָס ליידט פון אַ שגעון, אַז ס׳ייִדישע פאָלק ווערט פאַרמינערט, כ׳בין מודה, אַז כ׳בין „משוגע לדבר אחד״ און כ׳אַגיטיר פאַר גרויסע משפחות. מיינע קעגנער קריטיקירן מיך, אַז כ׳וואַרף אַן אַ שרעק אויף מענטשן. אָבער וויפל טומל איך מאַך פאַר מיין אידייע, איז צו ווייניק...

— איר הויבט שוין אָן צו אַגיטירן, דאָקטאָר וואָרמס? — האָט איסר יאַגאָדע געשמייכלט — כ׳האָב איך איינגעלאַדן צו זען די אויסשטעלונג. איר ווייסט דאָך, ס׳אַ מאָדנע אויסשטעלונג. מ׳באַקעמפט אייפערזוכט און מ׳לאַכט פון דעם שלימזל־דיקן ציפער 13.

— דאָס קען מיך נישט אָפּהאַלטן פון פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע צו פאַרגרעסערן ייִדישן משפחות. קינדערלאָזיקייט איז די קראַנקייט ביי יעדן פאָלק. ביים ייִדישן פאָלק איז עס אַ קללה... איר, יאַגאָדע, זענט נישט בלויז אַ פּאַסיווער מענטש, נאָר אויך אומהעפלעך. איר לאַדט איין געסט און לאָזט זיי נישט אויסדריקן זייערע מיינונגען.

נייטן האָט זיך צוגערוקט מיט אַ שמייכל. זיין הויכע, בייניקע געשטאַלט איז געווען אויסגעבויגן. די רעכטע, אָנגעלאָפּענע באַק האָט דאָס מאָל ווידער זיך געשאָקלט ווי ער וואָלט געהאַלטן אין קייען אַן עפּל. ער האָט געפירט פאַר אַ האַנט זיין סעקרעטאַרין, פרענציס, אַ קליינע, בויגעוודיקע, מיט אַ מאָדעל־פיגור, מיט אַ קאָפּ רויטלעכע האָר און אַ מילכיק, שטיפעריש פנימל. זי האָט זיך באַגריסט מיט יאַדזשאַן העפלעך און קיל, ווי מיט אַ ווייטער קרובה. נייטן האָט זיך דערפרייט מיט רייטשלען און זי אָנגענומען פאַר אַן עלנבויגן.

— דער ציפער 13 האָט אונדז צוזאַמענגעפירט...

רייטשל האָט פאַרביסן געשוויגן און איסר יאַגאָדע האָט געזוכט נייטנס ווייב. ווו איז פעני? כ׳על שווערן, אַז דער טראָמבעניק האָט זי געלאָזט אין דער היים — האָט ער געשנאַפּט מיט די אויגן אַרום זיך — אַ שיין פּנים ווערט דאָס האָבן פאַר רייטשלען! אַ שיינער ביישפיל פאַר אַ צעקריגט פּאָרפאָלק! ער האָט אַ צי געגעבן נייטענען און אים געפרעגט אויפן אויער:

— האָסט נישט מיטגעבראַכט פענין?

— פעני איז אַלטמאָדיש. דער שד איז נישט אַזוי עמפּינדלעך צו ווייראויך ווי זי צום ציפער 13...

— ס׳איז חוזק! מיט פרענציסן גייט מען אין אַ נאַכט־קלוב און אַן אייגן ווייב ברענגט מען אַהער. דאָס איז אַ פאַמיליע־באַגעגעניש, דערצו איז היינט דער „מוטער־טאָג״.

— ווער איז די מוטער?

איסר יאַגאָדע האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן. נייטן האָט באַמערקט ווי רייטשל כאַפּט אויף דעם איבעררייד. ער האָט תמעוואַטע אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף אַ שילד איבערן אַריינגאַנג און אַראָפּגעלייענט אויפן קול:

— זייט נישט אַבערגלויבעריש! אַנטלויף פון איינרעדענישן!

יאַדזשאַ האָט באַגריסט רייטשלען מיט דער היימישער מינע וואָס מען שענקט אַ שטוב־מענטש אין דער פרעמד. אין רייטשלס אָנבליק איז געווען שטייפקייט, פאַררינסקייט. אין יאַדזשאַס אויגן איז געווען צוגעלאָזנקייט, איבער־בעטעניש. רייטשלס ברוגזע פּנים איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ בלויען ברייט־באַנדיקן זומער־הוט און אויף יאַדזשאַס צעשאָטענעם קאָפּ האָר איז ווילעריש געזעסן אַ ווייסער בערעט, ווי עס טראָגן זאָרגלאָזע טוריסטקעס אויף אַ שיף. איר געשניצט נעזל האָט חנעוודיקער געמאַכט דאָס לענגלעכע, לייכט־געשמינקטע פּנים. זי האָט געטראָגן אַ קאָסטיום פון קרעם־קאָליר, צוגעמאָסטן און צוגע־שניטן לויט די ליניעס פון איר פיגור. די געלע סאַנדאַלן מיט די רימענס אויף די געטאָקטע פיס האָבן איר צוגעגעבן די באַוועגלעכע לייכטקייט פון אַ יונגער שילערין.

יאַדזשאַ האָט איצט אָפּגעמאָסטן רייטשלען מיט דעם קאַלטן שמייכל פון אַ מענטש, וואָס איז גלייכגילטיק צו איבעראַשונגען. רייטשל האָט איר אויך נישט געקאַרגט קיין שפּיזיקע בליקן און לויט דעם איבערקוקן זיך פון ביידע פרויען איז שווער געווען צו זאָגן, צי ס'איז אַ פּאַרמעסט אויף אַ ווערטער־שלאַכט אָדער אַן אָנשטעל צו דערצערנען איינע די אַנדערע.

אַבי איבערצורייסן דאָס שווייגעניש, האָט יאַדזשאַ אַרויסגעוואָרפן פינף ווערטער:

— איר זענט נישט בייז, רייטשל?

— כ'בין נישט בייז און כ'בין נישט גוט...

— ר'זענט גלייכגילטיק? — האָט יאַדזשאַ געזוכט זי אַריינצוציִען אין אַ שמועס.

—רוף עס ווי דו ווילסט. מיין ווילדער מאַן האָט מיך אַרויסגעשלעפּט אינ־מיטן דערינען אין מוזעאום און איך לאָז זיך פירן ווי אַ בהמה.

— ס'איז אַ באַלערנדיקע אויסשטעלונג, רייטשל. מ'ווייזט דאָ דעם קאַמף קעגן אָבערגלויבן. דער הייַנטיקער מענטש מיט זיין גאַנצער ציוויליזאַציע איז אַ שקלאַף פון פאַראורטיילן און דאָס קאָמישע דערביי איז, וואָס אַלע צויבער־לייט און שוואַרציקנצלערס פאַרפירן די וועלט דורכדעם, וואָס זיי באַהאַלטן זיך אונטער דעם דעקטוך פון וויסנשאַפט. זנאַכערס גיבן זיך אָן אַלס אַסטראָלאָגן. אָפּשפּרעכערס פון עין־הרע'ס גילטן פאַר שטרענגע וויסנשאַפטסלייט... צי ווייסט איר, רייטשל, אַז צווישן די פינף און צוואַנציק טויזנט רעגיסטרירטע אַסטראָ־לאָגן אין אַמעריקע, זענען בלויז זיבן הונדערט עכטע געלערנטע און די רע־גירונג באַשטראָפט נישט די פעלשער?

— האָסט שוין אַלץ אויסגערעכנט! דו מיט דיין איינשטיין־קאָפּ! וואָס וואָלט אַמעריקע געטון ווען דו האָלטסט נישט דעם חשבון פאַר איר? און צו וואָס דערציילסטו מיר די שמאָנצעס, יאַדזשאַ? ווילסט גאָר מיט מיר קנעלן וויסנ־שאַפט, ווען דיינע רידעלעך זענען הינטערליסטיק? דו זאָג מיר בעסער וואָס פאַראַ קוצעניו־מוצעניו שפּילט דאָ מיין מאַן? דריי חדשים האָב איך גערעדט צו די ווענט... ער האָט זיך נישט צומאָל אומגעקוקט אויף מיר, ווי כ'וואָלט געווען אַ שאָטן. און היינט אויף איינמאָל נעמט ער מיך אויס צו אַ שאָו? ער

איז לאַקריץ־זיס און רעדט פון געבורטסטאָג און פון „מוטער־טאָג". דאָס זאָל הייסן אַ פּלאַץ פון אַמוזירונג? די געמעלן אויף די ווענט קוקן דאָך אויס ווי מחבלים! ווער זענען די אויסטערלישע פיגורן און ווו איז דאָ די פאַרוויילונג?

דער ציפער 13...

— וואָס?

יאַדזשאַ האָט לייכט אָנגענומען רייטשלס אָרעם און ביידע זענען אַריינגע־גאַנגען אין אַ גרויסן קאָרידאָר. איסר יאַגאָדע איז אַ צופרידענער זיי נאָכגע־גאַנגען ביז זיי זענען געבליבן שטיין אין אַ טונקעלן זאַל מיט דיקע זיילן און ביסטרע פיגורן אויף די ווענט. ס'זענען אונטערגעקומען ראובן גערשט, בייטן און פרענציס. גערשט האָט געשפּרייזט פאָראויס. ער האָט געטייטלט אויף די ווענט און גערעדט פלינק, גלאַטיק, ווי אַ וועג־ווייזער אין אַ הייל פון אַנטיקן.

— די צאָל דרייצן איז דאָ איינגערעדלט אין אַ פאַרכישופטן קרייז. כ'זע, אַז דער קאָמיטעט פאַר קאַמף קעגן אַבערגלויבן ,באַשטייט פון דרייצן מיטגלי־דער... ער איז געגרינדעט געוואָרן דעם דרייצנטן מאַי. די אויסשטעלונג איז גע־עפנט געוואָרן דעם דרייצנטן אין חודש און אין אַ פרייטיק דערצו, וואָס גילט פאַר אַ שלימזלדיקן שוואַרצן טאָג... די אויסשטעלונג וועט דויערן דרייצן וואָכן און זיך שליסן דעם דרייצנטן...

רייטשל האָט מיט אַ שעפּטשעריי אָפּגעשפּעט פון אירע באַגלייטער. זע נאָר ווער עס פירט אַרום די אַמעריקאַנצעס אין מוזעאום! דער גרינער בעקער! איסר גייט אים נאָך ווי אַ חדר־יינגל און נייטן, דער לאַירישער קאָפּ, איז שטום ווי אַ פיש! מיט פרענציסן ביי דער זייט האָט ער פאַרלאָרן ס'לשון. אַ שיין פּי־רעכץ! דאָס האָט זי טאַקע צו פאַרדאַנקען פרענציסן פאַר אַריינברענגען יאַדזשאַן אין אַמעריקע! איסר האָט פון וועמען זיך אָפּצולערנען. די פּעני מוז זיין אַן אמתע קאַלב, אַז זי זיצט איצט אין דער היים...

רייטשל האָט געקוקט אויף די ווענט מיט די אויסגעמאָלענע שרעק־מענטשעלעך. דער שפּאַציר אין דער טונקלקייט איז איר גאַרנישט געווען צום האַרצן. ס'זעט דאָ אויס ווי אַ הייל מיט טייוואָלים! אויב מ'וועט איר נישט ווייזן היינט דעם געניעץ פּלאַן איינצוקאַסירן יאַדזשאַס ירושה, לאָזט זי אַלץ שטיין און פאָרט אַהיים. ס'אַ פאַרשלעפּטע קרענק! ווער ווייס, צי די גרינע יאַדזשאַ פירט נישט ביידע מאַנסלייט אין באָד אַריין? צייט איר צו געבן אַ מוף־צעטל! הלוואי זאָל זי ליגן זאָגן! אויב יאַדזשאַ זאָל בלייבן אין איר הויז נאָך איין חודש, וועט זי אָנהויבן איינצולאַדן אירע גרינע חברטעס צו קאָרטן־פּאַרטיס און זי, רייטשל, וועט אַרומגיין אין הויז און ווישן דאָס מעבל מיט דער פלעדערוויש...

— 2 —

וואָס טיפער זיי האָבן געשפּרייזט צווישן די דיקע זיילן, באַהאַנגענע מיט פּלאַקאַטן און געמעלן, אַלץ ענגער און טונקעלער איז געוואָרן אַרום. די זיילן זענען געשטאַנען אַזוי געדיכט וויביימער אין אַ וואַלד. פאַר אַ שוואַרצער וואַנט

האָט פרענציס אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש. נייטן האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט. ראובן גערשט האָט אָנגעצונדן אַן עלעקטריש טאַשן־לעמפּל. אַ ווייסער שיין איז געפאַלן איבער איר רויטלעך־אָפּגעלאָקטן קאָפּ האָר. איר מילכיק פּנימל איז געווען ווייס ווי אַ ליילעך. די שטיפערישקייט פון די אויגן איז פאַרשוווּנדן און די דינע צוגעשניטענע ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף אַ דריי־שטאָקיקן געבורטסטאָג־טאָרט, הויך ווי אַ טורעם, וואָס איז געשטאַנען צווישן צוויי זיילן. אין דעם טאָרט האָבן געשטעקט דרייצן ליכט, אַרום זענען געווען אויסגעלייגט דרייצן צעבראָכענע שפּיגלען...

רייטשל האָט באַטראַכט פרענציסן מיט שפּאָטישע בליקן. זי האָט געוווּסט, אַז די שרעק פאַר צעבראָכענע שפּיגלען איז פאַרשפּרייט ביי אַקטיאָרן. אַ צעבראָכן שפּיגעלע אין דער אַקטיאָרישער גאַרדעראָבע איז אַן אָנזאָג אויף אַן אומגליק. די פאָרשטעלונג איז דעמאָלט אַ דורכפאַל. די קאַריערע — אַ פאַרשפּילטע. אָבער וואָס קוויטשעט פרענציס? ווער ווייס צי די אַרומלויפּערקע איז — צו אירע אַלע חסרונות — נישט קיין אַקטריסע אויך? נאָר אַזאַ אויסוווּרף קען איינפאַלן זיך אַרומצושפּילן פראַנק און פריי מיט אַ פאַרהייראַטן מאַן!

איסר יאַגאָדע האָט אַ שטופּ געטון ראובן גערשטן און געשמייכלט.

— ווי דאָס האָט זיך דערשראָקן! נייטן האָט זיך שוין אָפּגעקליבן איינמאָל אַ סחורה פאַר אַ פּלגש! כ׳ווייס נישט וואָס ער זעט אין איר.

— זי האָט סעקס־אַפּיל.

— זי איז פאַרפירעריש?

— ס׳אַזאַ באַזונדערער רייץ, אַזאַ אָנצי׳ערישקייט וואָס מ׳טרעפט אויך ביי נישט שיינע פרויען. די וועלט רופט דאָס: סעקס. און סעקס איז עפּעס אַזוינס, וועגן וועלכן דער מענטש ווייס זייער ווייניק, אויב ער נויטיקט זיך אין אַן אויסטייטשונג וועגן דעם. פאַראַן מיליאָנען מיאוסע סעקס־פרויען לויט דער סטאַטיסטיק פון די פּסיכיאַטאָרן.

דאָקטאָר וואָרמס האָט זיך צוגעשאַרט. ער האָט פאַרוואָרפן זיין גרויסז אַרבוז־קאָפּ הינטערוויילעכץ ווי אויפצוכאַפּן ווערטער. ער האָט זיך אָנגערופן:

— עס זענען פאַראַן דריי סאָרטן ליגנס אויף דער וועלט: גלאַט ליגנס, געמיינע ליגנס און סטאַטיסטיק! און דאָס האָט שוין עמיצער געזאָגט פאַר מיר... נישטאָ אין דער עקזיסטענץ אַזאַ זאַך ווי סעקס־פרויען. סעקס איז אַ פאַרקריפּלטער טייטש פון מוטערשאַפט. און מוטערשאַפט מיינט: געבוירן קינדער, פאַרמערן דאָס מענטשלעכע מין... די פרויען, וואָס האָבן דאָס פאַרגעסן, ווילן זיך באַפרייען פון דער פונקציע, וואָס די נאַטור האָט פאַר זיי באַשטימט. די מאַמעס פון דער וועלט דאַרפן דערמאָנט ווערן וועגן זייערע פונקציעס. יידישע מאַמעס מוזן אַלאַרמירט ווערן.

— איר, דאָקטאָר וואָרמס, קומט צוריק צום זעלבן פּסוק — האָט איסר יאַגאָדע געשמייכלט — ס׳איז אייך געשריי: פּריה ורביה...

— דעמאָגראַפיש זענען מיר יידן אין אַ געפערלעכער לאַגע — האָט דאָקטאָר וואָרמס שטעלנדיק זאַכטע טריט אין דער טונקלקייט, געשעפּטשעט — די פּעריאָדישע פאַרניכטונג דורך פּאָגראָמען האָט אונדז פאַרמינערט אויף צוויי

דריטל! דער פאַרלוסט דורך אַסימילאַציע איז אַ קאַטאַסטראָפע. דער עגאָיזם פון דער מאָדערנער ייִדישער פרוי וועט אונדז נאָך פאַרוואַנדלען אין אַ שוואַכער עטנישער גרופּע. מיר טוען איינשרימפּן ווי אַ פאָלק און כ׳קען ברענגען ציפערן און טאַבעלן!

— איר וואַרפט אָן אויף אַלעמען אַן אימה, דאָקטאָר וואָרמס — האָט איסר יאַגאָדע זיך געבעטן — שפּעטער, אינדרויסן אויף דער ליכט וועט מען דיס־קוטירן די מערכה פון ייִדישן פאָלק... מירן עסן צוזאַמען נאָך דער אויסשטעלונג. דערווייל שטעלט אַ פּאָר שריט פאָראויס, דאָקטאָר. איר זעט דאָרט די קידוש־לבנה־אותיות?

פון אַ וואַנט האָט אַראָפּגעשריגן אַ קאָלירטע איבערשריפט: „אַבערגלויבן איז איגנאָראַנץ! פאָראורטייל איז אַ קללה!". באַלד דערנעבן איז אַראָפּגעהאַנגען אַ פּאַפּירן צאַפּל־מענטשל מיט אַ גריבעם פּלאַקאַט: „אַ שוואַרצע קאַץ קען דיר קיין שאָדן נישט ברענגען. אַבערגלויבן און פאָראורטייל — יאָ!".

איסר יאַגאָדעס אויגן האָבן אויפגעכאַפּט אַ קאָלעקציע בילדער, וואָס האָבן געצייכנט פּחד און איינרעדעניש, אויסגעצירקלט אין פאַרשידענע שרעק־פיגורן וואָס פאַרא בריאה איז דער מענטש? — האָט איסר יאַגאָדע געטראַכט — ער ליידט פון זאַבאַבאָנעס יעדע שעה אין טאָג... די אַבערגלויבן־קראַנקייטן האָבן אייגענע נעמען. די שרעק פאַר אַ שטראָם וואַסער הייסט: פאָטאָמאָפאָביע. די מורא פאַר אַ טויטן — נעקראָפאָביע. די אימה צו גיין אויף טרעפּ — קלימאַגראָ־פאָביע. מענטשן האָבן מורא פאַר איינזאַמקייט, פאַר חיות, פאַר שטורעמס און פאַרן אייגענעם שאָטן...

אַ געמעל אויף אַ גרויסן שוואַרצן טאָוול האָט פאַרגעשטעלט דעם „שעיר לעזאזל". אַן אויפגעהעצטער המון, באַוואָפנט מיט שפּאַדלעס, העק און קאָסעס האָט זיך געגרייט צו צערייסן אַ תמעוואַטע ציג... טאַקע דער שעיר לעזאזל! — האָבן ביי איסר יאַגאָדען די אויגן געלאַכט — די אייביקע מעשה! אין די אַלטע צייטן האָבן פעלקער געגלויבט, אַז זייערע זינד קענען ווערן אַרויפגעוואָרפן אויף אַנדערע מענטשן, חיות, אָדער דוממים. ביי אַ ריטואַל פון אַ געצנדינערישן שבט האָט דער עלטסטער אויסגעקליבן אַ באָק און די חטאים פון גאַנצן שבט זענען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער שוואַכער פרידלעכער חיה. דער צערייצטער המון האָט געטריבן די חיה אין די ווילדענישן אָדער ער האָט זי אומגעבראַכט אויפן אָרט. היינטיקע צייטן, ווען מענטשן באַשולדיקן פרעמדע אין זייערע איי־גענע צרות, רופט מען דעם פאָראורטייל: „שעיר לעזאזל", דאָס כפּרה־הינדל, די „שוואַרצע שאָף"...

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער איז געבליבן הינטערשטעליק, פון פאָרנט ביי אַ זייט, האָבן רייטשל מיט פרענציסן באַטראַכט אַ פּאָר געפּאַרבטע קעפּ, מאָדולירט פון מענטשלעכע שאַרבנס. אַן אויפשריפט האָט אָנגעזאָגט, אַז די טויטע קעפּ זענען אַמאָל געווצט געוואָרן צו מינטערן די לעבעדיקע, וואָס האָבן געליטן פון יאוש און משוגעת.

פאַר אַ שטענדער זענען געשטאַנען דאָקטאָר וואָרמס און נייטן און האָבן זיך געאַמפּערט איבער אַ קאָלעקציע צייכענונגען, וואָס האָבן געוויזן די מאַגישע

קונסט אין אירע פאַרשידענע אומוואַנדלונגען. נייטן האָט אַ רוף געטון ראובן גערשטן פאַר אַן עדות:

— כ'זאָג דעם דאָקטאָר, אַז אַמאָל איז מאַגיק געווען די טיר צו אָבער־גלויבן. היינט איז שוואַרצקינצלעריי אַ צייט־פאַרטרייב.

דאָקטאָר וואָרמס האָט מיט אַ האַנט־מאַך אָפּגעשטריטן.

— אַ צייט־פאַרטרייב, וואָס טראָגט מיך זיך געפאַרן. אַ שוואַרצקינצלער איז פונקט אַזוי פאַרפירעריש ווי אַ פרוי. ווי זאָגט מען עפּעס? ביז צו אַ באַשטימטן פונקט גייט מען מיט איר מיט. נאָכדעם ווערט מען פון איר גענומען...

— איר, דאָקטאָר, קריטיקירט שוין די פרויען אויך? — האָט גערשט געפרעגט — איר האָט דאָך ערשט אַגיטירט פאַר דעם גייעג פון דער פרוי נאָך דעם מאַן! ס'איז דאָך געווען אייער אויספיר, אַז די פרוי איז סעקס און סעקס איז אַ פאַרקריפּלטער טייטש פון מוטערשאַפט און מוטערשאַפט מיינט פאַרמערן דאָס מענטשלעכע מין.

— איך אַגיטיר נישט פאַר אַ גייעג פון דער פרוי נאָך דעם מאַן. כ'באַשטעטיק בלויז אַ ביאָלאָגישן געזעץ, וואָס איז אַ נאַטור־רוף.

יאַדזשאַ איז געשטאַנען אַליין אין אַ ווינקל פאַר אַ גרויסן קרישטאָל־באָל, וואָס ווערט גענוצט פון ציגיינערינס און גורל־וואָרפּערס. דערנעבן, אין אַ פאַרגלאָזטן קאַסטן, זענען געלעגן אַ גלאַנציקער צילינדער, אַ צויבער־שטעקעלע און אַ גרינע פאַטשיילע — אַלץ כישוף־וואָפן פון אַ שוואַרצקינצלער. ס'זענען געלעגן שליסל־קייטעלעך, געפורעמט ווי פערדישע פּאַדקאָוועס, וואָס טראָגן אָן מזל. ס'איז אויך געלעגן אַ האַלץ־ראַדירונג, וואָס האָט פאַרגעשטעלט די עקזעקוציע איבער אַ פרוי, וואָס איז דורך אַ ווילדן המון גשעלעפּט געוואָרן צו דער תליה, ווייל מען האָט זי באַטראַכט פאַר אַ מכשפה.

— 3 —

איסר יאַגאָדע האָט באַמערקט, אַז אין יאַדזשאַס ווינקל פאַלט נישט קיין שיין פון ליכט, רייטשל מיט פרענציסן שטייען אין אַ צווייטער אָפּטיילונג הינטער אַ וואַנט, דאָקטאָר וואָרמס, נייטן און גערשט שעפּטשען פון דער ווייטנס זינלאָזע ווערטער וועגן דער שוואַרצער גבורה פון זנאַכערס... פאַרוואָס האָט יאַדזשאַ זיך אָפּגעזונדערט אין אַ טונקעלן ווינקל? איז עס אַ רייצעניש? אַ ווילדער איינפאַל האָט אים געשטויסן פאָרויס. ער האָט זיך דערנענטערט צום קרישטאָל־באָל. זי האָט אים נישט באַמערקט. זי האָט געקוקט אויף די געשליפענע גלאָז־ראַמען הינטער וועלכע עס זענען געלעגן אינסטרומענטן פון אַ פאַרצייטיקן כישוף־דאָקטאָר: אַ גרינע טשערעפּאַכע, קנוילן האָר פון אַ מכשפה, אַ רימען צו שמייסן, אַ קינזשאַל צו לאָזן בלוט און קייטן צו בינדן אַ דיבוק.

איסר יאַגאָדע איז שוין געשטאַנען נאָענט צו יאַדזשאַן און די שלייפן האָבן גענומען האַסטיקער קלאַפּן. ער האָט זיך אומגעקוקט הינטערווייַלעכץ. זיין אָטעם האָט גענומען ברענען. זיין האַנט האָט לייכט אָנגערירט איר אָרעם. זי האָט זיך

נישט געווערט. וואָס פאַלט מיר איין! — האָט ער צו זיך געוויספּערט — די מויד איז דורכגעטריבן! זי פּרובירט מיך אויס! וואָס מער איך קען זי, אַלץ שלויער זעט זי אויס... כ׳קען דאָ פאַרקאַכן אַ שיינע קאַשע! טרעט בעסער אָפּ, ריזיקאַנט! — האָט ער זיך אַליין געוואָרנט — דאָס אַלץ וואָס מיר פעלט!... כ׳קען איצט כאַפּן פון ביידע זייטן. כ׳על שווערן, ס׳איז אַ פאַסטקע! איר חתן מיט רייטשלען לויערן הינטער אַ וואַנט.

ביי אים האָט די רעכטע קני געציטערט. דאָס האַרץ האָט גיכער זיך געהויבן. דאָס בלוט האָט געכוואַליעט אין שטערן. ער האָט צוגעבויגן זיין קאָפּ צו אירע האָר. אַ שאַרפער ריח האָט אַ פלייץ געטון איבער זיין פנים. פאַרוואָס האַלט יאַדזשאַ די אויגן פאַרגראָבן אין דעם גלאָז־קאַסטן? פאַרוואָס שטופּט זי אים נישט אַוועק? פרויען זענען שטענדיק באַריידעוודיק אין אַ גרופּע פון צווייִ, אָבער אין זייער אַליינקייט שוויגן זיי אויס אַ גאַנצע וועלט... ער האָט געוואָלט צוריקטרעטן און נישט געקענט. זיין אָטעם האָט געסאָפּעט. די ליפּן זענען פלוצים צוגעפאַלן צו איר האַלדז און אָפּגעפּרעסט אַ האַסטיקן קוש. ער האָט זיך צוריקגערוקט ווי אַ גנב.

יאַדזשאַ האָט לאַנגזאַם אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אים שטום אָנגעקוקט. אין אירע אויגן איז נישט געווען קיין כעס. אויף אירע ליפּן — קיין פאָרוואורף. ס׳איז אַ קוש מיט אַ צוקונפט... — האָט איסר יאַגאָדע באַשלאָסן — איצט וועל איך דאַרפן פירן מיט רייטשלען אַן אָפענע שלאַכט... וואָס פאַראַ באַטרעף האָבן יאַדזשאַס לעקציעס וועגן אייפערזוכט? זי וועט זיך שוין ווייטער אויך נישט ווערן! און ווי לאַנג וועט ער קענען ביי איר גנבענען ברעקלעך ליבע?

ער האָט זיך אָפּגערוקט מיט טענצלדיקע טריט און ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אַ בייז אויג — רייטשלס שפּיזלדיק אויג — יאָגט אים נאָך. ער האָט געוואָלט זיך באַפרייען פון פאַרדאַכטן און געפילט אַ באַדערפעניש צו שמועסן מיט נייטענען. אויף זיין צוריקוועגס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ פאָליצע מיט אַלטע ביכער, געבונדן אין לעדער, וואָס זענען בלויז פאַרן געברויך פון זנאַכערס, די ביכער האָבן געטראָגן אויסטערלישע נעמען: „רויזן פון כישוף״, „דער עקספּערט פון היפּנאָטיזם״, „ווי אַזוי ווערט מען אַ קעשענע־גנב?״.

דער מענטש לעבט פון גזילה — האָט ביי איסר יאַגאָדען זיך געבאָמבלט אין קאָפּ — מ׳באַגנבעט יענעמס קעשענע און מ׳באַגנבעט יענעמס געוויסן. ער האָט אַרויסגעשפּאַנט פון דער טונקלקייט און איז צוגעקומען צו אַ הויכן ווענעציאַנער פענצטער, פאַרגאָסן מיט זון־ליכט. אַ ברייטע פאַראַדנע טיר האָט געפירט צום אַרויסגאַנג. הינטערווייַלעכץ האָבן זיך באַוויזן דאָקטאָר וואָרמס, נייטן און גערשט. באַלד האָבן זיך דערנענטערט פרענציס מיט רייטשלען. אַ פאַרשפּעטיקטע איז אָנגעקומען יאַדזשאַ. אין רייטשלס אויגן האָט געשיפּעט אַ פאַרדאַכט. זי האָט מיט געניטער מבינות אָנגעקוקט איר מאַן. דאָקטאָר וואָרמס האָט געשאָנקען יאַדזשאַן אַ קאַלטן קאָמפּלימענט. נייטן האָט זיך געווענדט צו פרענציסן:

— נו, איבערגעקומען די שרעק? ווי געפעלט דיר די אויסשטעלונג?

— ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע צייט — האָט זי געשנירלט מיט די צוגעשניטענע ליפּעלעך.

נייטן האָט זי אָנגענומען פאַר דער טאַליע.

— אַז כ׳גיי מיט דיר, פּרענציס, פיל איך ווי כ׳וואָלט געהאַט אַ בלום אין מיין לאַץ.

— ווי אָפט טוסטו בייטן דיינע בלומען? — האָט רייטשל מיט אַ שפּיזלדיקן בליק אים אַ פרעג געטון.

— מסתמא יעדן סעזאָן... — האָט דאָקטאָר וואָרמס זיך אַריינגעמישט, כאָטש קיינער האָט אים נישט געפרעגט.

ביי פּרענציסן איז דאָס ווייסע שטיפערישע פּנימל געוואָרן פאַרזויערט. די שיינע אויגן האָבן אויפגעבליצט ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט צו נייטענען.

—כ׳וויל נישט דו זאָלסט ענטפערן אויף אַ קרייץ־פאַרהער... און כ׳בעט, מ׳זאָל בייטן דעם שמועס.

— זאָלן זיי זיך אַמוזירן, פּרענציס — האָט נייטן געלאַכט — נאָכן אָנקוקן אַזויפיל שרעק־פיגורן, איז בעסער צו רעדן מיט אָפּשפּעטער, איידער מיט מוסר־זאָגערס... ווי האָט געזאָגט אַ פריילעכער מעיאָר פון ניו־יאָרק? יעדער שטיפער איז אַ האָפענונג און יעדער מעלאַנכאָליקער — אַן אַנטוישונג...

— פון אַזאַ שטיפעריי ווערט מיר דערווידער. כ׳וויל וויסן איין זאַך: געפין איך זיך אין אַ געזעלשאַפט פון דזשענטלמענער? אויב יאָ, זאָל מען צו מיר רעדן ווי צו אַ ליידי, אָן אַנצוהערענישן...

דאָקטאָר וואָרמס האָט באַטראַכט די קליינגעוויקסיקע פּרענציס, וואָס האָט געהאַט בלעזלעך שוים אויף די ליפּעלעך. זי האָט געהאַט אַ קלאָר, אָפן פּנימל, עפּעס אַזוינס ווי אַ קנאָפּ אויף אַ שטיקל ווייסע וועש. ער האָט געקוקט אויף איר רויטלעך־אָפּגעראָלטן קאָפּ. ער האָט אָפּגעמאָסטן איר דינע געשיקטע מאָדעל־פיגור, וואָס האָט זיך געוויגט לויט דעם טעמפּאָ פון אירע כעסדיקע ווערטער.

— וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? — האָט זי בייז אויסגעשאָסן.

— שטיי רויִק פּרענציס. רייד גאָרנישט און מאַך נישט קיין שריט. כ׳האָב ליב אַזוי אויף דיר צו קוקן...

איסר יאַגאָדע האָט פון דער זייט זיך אָנגערופן:

—מענער האָבן געוויינלעך ליב מיט די אויגן און פרויען — מיט זייערע אויערן... עס שטעקט אין דעם שכל און לאָגיק.

פּרענציס האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ צאָרנדיקן בליק.

—ליבע קען נישט געמאָסטן ווערן מיט שכל און לאָגיק. די נאַראָנים און די חכמים זענען אָפּהענגיק פון איר איינזעעניש...

נייטן האָט איר אַ גלעט געטון איבער איר מילכיק פּנימל:

— כ׳בין צופרידן, פּרענציס, וואָס דו ענטפערסט זיך ווי אַ שטאָלצע ליידי. אָבער דעם מיסטער יאַגאָדע מוזטו באַהאַנדלען איידל. ער איז אַ מאַן וואָס מ׳דאַרף רעספּעקטירן.

רייטשל האָט זיך אַריינגערוקט צווישןביידע מענער און אָנגעשטעלט אירע אויגן אין ביידע ריכטונגען. זי האָט ווילעריש אַ זאָג געטון:

— ווייזט אויס, אַז טייל מענער מוזן אָפטון שרעקלעך־געמיינע זאַכן, כדי צו געווינען רעספּעקט.

— דאָס איז שוין אַן אָנצוהערעניש. האָט נייטן געזאָגט — וועמען מיינסטו, רייטשל?

— דאָס איז אַן אָנקלאַגע! — האָט גערשט געשמייכלט.

דאָקטאָר וואָרמס האָט געהויבן די הענט.

— אָנצוהערעניש צי אָנקלאַגע. דער שמועס ווערט הייס... דאָס מילכיקע פּנימל איז גערעכט. מען דאַרף בייטן די טעמע. כ׳בין נישט געקומען אַהער אויסצוהאָרכן מחלוקתן צווישן די צוויי קעגנגעזעצטע געשלעכטער. כ׳קום דאָ אַגיטירן פאַר קרן התולדות, פאַרן געבורטס־פאָנד.

איסר יאַגאָדע האָט זיך צוגערוקט צו אים:

— קענט איר איבערגעבן אייער פּראָגראַם אויף איין פוס?

— כ׳בין נישט דער תנא הלל.

— די צען געבאָטן אַנטהאַלטן בלויז צוואַנציק ווערטער.

— די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע איז גרעסער...

אַלע האָבן איצט זיך גערוקט פאָראויס צום אַרויסגאַנג. נייטן האָט אָנגעצונדן אַ ציגאַר, מאַגער ווי אַ צימערינג־רערל און זיך אָנגערופן:

— די צילן פון אייער „קרן התולדות״ ווייסן מיר שוין, דאָקטאָר. וואָס זענען די אויסזיכטן?

— אויב צוויי פון די פינף מיליאָן יידן אין אַמעריקע זאָלן ווערן מיטגלידער פון „קרן התולדות״, וועט ס׳יידישע פאָלק ווערן גרויס אין צאָל ווי דאָס איטאַליענישע...

— קענט איר דאָס באַשטעטיקן מיט ציפערן? — האָט גערשט געפרעגט.

— די פינאַנסן פון „קרן התולדות״ קענען געדעקט ווערן דורך די פּאַרקויפטע שקלים. יעדער שקל־קויפער צאָלט איין אַכצן דאָלאַר אַ יאָר און ער ווערט אַ מיטגליד. פון דעם אָנגעזאַמלטן פאָנד וועלן אויסגעטיילט ווערן געלט־פּרעמיעס.

— וועמען וועט מען טיילן פּרעמיעס און פאַר וועלכע מעשים טובים? — האָט איסר יאַגאָדע זיך אַריינגעמישט.

— געלט־פּרעמיעס וועלן קריגן חתן־כלה, וואָס קומען פון די פּליטים־לאַגערן... מ׳עט געבן טויזנט דאָלאַר צושטייער צו דער חתונה. ס׳געלט איז נישט קיין נדן, נאָר אַ מתנה פון „קרן התולדות״. די פאַרטיילונג פון געלט וועט צוגיין פּאַרזיכטיק. צוערשט קריגט ס׳פּאָרל אַן אַדערויף דריי הונדערט דאָלאַר. ביים איינקויפן מעבל ווערט געגעבן נאָך אַ חלק, ביים אויפנייען קליידער — נאָך אַ סומע און ערשט ווען דאָס ווייבל קומט אויף דער צייט — לאָמיר זאָגן, זי איז אין זיבעטן חודש — ווערט אויסגעצאָלט די רעשט געלט...

איסר יאַגאָדע האָט זיך איבערגעקוקט מיט נייטענען און ביידע האָבן אויף שטום לשון באַשלאָסן, אַז דאָקטאָר וואָרמס איז שוין גאָרנישט קיין באַנקעסשטעלער. ער איז אַ פּעדאַנט, וואָס רעכנט אַלץ אויס אויף אַ האָר, זיינע קאַלקולאַציעס שטימען. אַן אמתער בעל־חשבון. אָבער ווו נעמט מען די פּריוויליקע יאָלדן, וואָס וועלן פאַר טויזנט שמאָלאַרעס אָנטאָן דעם כאָמעט און ווערן באַלעבאַטימלעך?

דאָקטאָר וואָרמס איז איצט געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע הענט ווי אַ רעדנער אויף אַ פּלאַטפאָרמע, זיין מויל האָט געזאָטן:

— אונדזער לאַגע איז פאַטאַל. דאָס יִדישע פאָלק איז רעדוצירט. אין אונדזער לאַנגער געשיכטע האָט שטענדיק געטראָפן, אַז די רדיפות האָבן גע־פירט צו רעזולטאַטן פּונקט פאַרקערטע פון די, וואָס אונדזערע שונאים האָבן אויסגעפּלאַנט. יעדעס מאָל ווען ס׳פאָלק איז געשטאַנען ביים ראַנד פון אָפּגרונט, האָט אין אים אויפסניי אויפגעלעבט דער פאַרעקשנטער ווילן צום לעבן. דער איצטיקער ענטפער אויף די פורעניות מוז זיין דערזעלבער... מען מוז אויפ־שטעלן די חרובע פאָלקס־רייען און ווידער פאַרמערן דאָס פאָלק דורך פיזישער רעקאָנסטרוקציע.

— און וואָס וועט זיין מיט די צעריסענע מלחמה־משפּחות?

— צעריסענע משפּחות וועלן צוריק גאַנץ ווערן. פרויען, וואָס זייערע מע־נער זענען דעפּאָרטירט געוואָרן אין היטלערס טויט־לאַגערן, מוזן זוכן מאַנס־בילן. מענער, וואָס זייערע פרויען זענען פאַרשיקט געוואָרן אין די קאַלך־אויוונס, מוזן אויפסניי חתונה האָבן, אויפשטעלן נייע פאַמיליעס.

די דריי פאַרלעך זענען שוין געשטאַנען אינדרויסן, ווען דאָקטאָר וואָרמס איז נאָך נישט פאַרטיק געווען מיט זיינע רייד. ער איז זיי לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען. אַ שאַרפע העלקייט האָט איצט אַ בלענד געטון אין די אויגן. די זון האָט גע־פלייצט מיט נעצן ליכט איבער דער פאַסאַדע פון מוזעאום. אויף די פּלאַטשיקע טרעפּ האָט אַן איינזאַם פייגעלע מיט אַ קאַלירטן עק געזוכט קערנער. צוויי טויבן האָבן זיך געהאַלדזט און פאַרטרוילעך געשעפּטשעט מיט די שנאָבלען.

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַ פּאַטש געגעבן אין די הענט:

— איצט פאַרבעט איך אַלעמען אין אַ רעסטאָראַן. איך בין שולדיק מיינע געסט אַ טאָפּלטע פייערונג — האָט איסר יאַגאָדע אַ צוואַרעמטער גערעדט — עס איז היינט מיין ווייבס געבורטסטאָג און עס איז אויך דער „מוטער־טאָג״ און איך ווייס טאַקע פון אַ נייעם רעסטאָראַן אין דעם געגנט. נו, דאָקטאָר וואָרמס, אייער פּראָגראַם פון „קרן התולדות״ איז אונדז שוין קלאָר! איר, נייטן און רובי, יאָגט אונטער די פרויען. לאָמיר טאַקע אָנהויבן שפּרייזן.

— איך מאַך אַ פאָרשלאָג, אַז דאָס געלט, וואָס מ׳גייט איצט אויסגעבן אין אַ רעסטאָראַן, זאָל מען איינצאָלן פאַר „קרן התולדות!״, כ׳ווערביר איך שוין אַלעמען פאַר מיטגלידער!

— ס׳עט סטייען פאַר ביידע צוועקן — האָט איסר יאַגאָדע געזאָגט — אי מ׳עט עסן אי מ׳עט איינצאָלן פאַר „קרן התולדות״...

רייטשל האָט זיך דערנענטערט. זי האָט אים שאַרף אַריינגעקוקט אין די אויגן.

—— זע נאָר דעם אויפגעקומענעם מיליאָנער! פון ווען אָן האָסטו אַזאַ ברייטע האַנט? אויף וועמעס חשבון לאָזטו זיך אַזוי ווילגיין?

איסר יאַגאָדע האָט גדלותדיק זיך אַרומגעקוקט מיטן בליק פון אַ גאַסט־

ביטער, וואָס קאַרגט קיין זאַך נישט פאַר זיינע געסט. ער האָט פּלוצים אָנגענו־מען יאַדזשאַן פאַר אַן אָרעם און זיך אַרויסגעכאַפּט:

— אויף איר חשבון! די ירושה וועט אונדז אַלעמען שטעלן אויף די פיס! ס׳אַ קוראַנטער פאַנד!

ביי רייטשלען האָבן געשרפהעט די אויגן.

— ביי מיר איז דאָס נישט קוראַנט! און די ירושה איז דערווייל אויפן בוידעם. דו וועסט זיך נעמען וואַרפן מיט געלט איסר, ווען דיין חלק וועט שוין זיין אויסגעצאָלט... און דו יאַדזשאַ, מאַך נישט אַזאַ קעלבערן פנימל! ביזט נישט קיין שעפּס... ס׳אַלרייט, דו וועסט שוין ביי מיר נישט אויסקוקן ווי אַ צנועה אַפילו אין חופה־שלייער... און כ׳מוז דיר זאָגן דאָ אָפענע דיבורים. אַן עק זאָל נעמען צו די שעפּטשערייען אין מיין שטוב! אויב ס׳איז דאָ אַ ירושה אָפּצונעמען, זאָל עס געשען שוין! כ׳על נישט דולדן קיין שפּילערייען! דו, איסר פאַר גלייך מאָרגן מיט אַ לאַיער אויפזוכן איר משפחה און זאָלסט איינמאָנען דעם אוצר, אויב אַן אוצן איז פאַראַן.

איסר יאַגאָדע האָט אויף איר משונהדיק געגלאָצט. די רויטלעכע אויגן זענען געוווען פאַרלאָפן. רייטשל ברענט אַ פייער! וואָס באַליידיקט זי עפּעס די געסט? און וואָס רעדט זי עפּעס מיט טריפהנע ווינקענישן? האָט זי אפשר פר:ער געטשאַטעוועט, ווען ער איז געשטאַנען מיט יאַדזשאַן ביים קרישטאָל־באַל? כ׳על שווערן, אַז זי האָט אויף מיר געלויערט! די קליפה האָט טויזנט אויגן!

רייטשל האָט אים ווידער אַריינגעקוקט אין פנים אַריין.

— מיט וועמען וועסטו פאָרן מאָרגן? נעמסט מיט דעם לאַיער?

— ס׳איז נישט מער ווי רעכט.

— און די יורשטע?

— אַוודאי.

— כ׳געטרוי דיר נישט!

זי האָט אויסגעשטרעקט אַ פּוכיקע האַנט און אים אָפּגעמאָסטן אַ פּאַטש.

דאָקטאָר וואָרמס האָט פון איבערראַשונג זיך אַ צי געגעבן אויף די שפּיץ פינגער. נייטן מיט פרענציסן האָבן אָפּגעטרעטן אויף אַ פּאָר שריט. יאַדזשאַ מיט ראובנען זענען אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ.

איסר יאַגאָדע האָט זיך געערגערט פאַר זיינע באַליידיקטע געסט. עס זענען אים פּלוצים אויפן זינען געקומען די שפּאַט־פיגורן אין מוזעאום, וואָס לאַכן אָפּ פון מיליאָנען בראַאים, געשטראָפטע פון אַבערגלויבן און אומצוטרוי. און פון וואָסערע זאַבאַבאָנעס ליידט איצט רייטשל? פון אייפערזוכט? פון פּחד? פון נישט־פאַרגינעריי?

ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ. ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין ווייב. ער האָט געטראַכט, אַז די וועלט, די געבראָטענע, פּיפּיקע וועלט וועט שוין בלייבן ביזן סוף פון אַלע דורות איינגעטונקען אין אַבערגלויבן.

קאַפּיטל פערצן

— 1 —

צוויי כוחות האָבן זיך געשטעלט איסר יאַגאָדען אין וועג און פאַרשפּאַרט דאָס טירל צו יאַדזשאַס וועלטל — די שטראָף פאַר גלוסטענישן און די מורא צו זיין ווידערשפּעניק. אַ צאָרן צו די אַלטע לעבנס־געזעצן, וואָס האָבן תמיד אויסגעזען ביי אים שכלדיק און רעכטפאַרטיק, האָט פּלוצים אין אים זיך אויפֿ־געוועקט. דער צאָרן איז געקומען צו אים אין יענעם טאָג, ווען רייטשל האָט אים דערלאַנגט דעם פּאַטש פאַר יאַדזשאַן אין די אויגן. דער פּאַטש איז געווען אַ באַשטעטיקונג פון זיין אונטערטעניקייט. דאָס וואָס ער האָט פאַרשוויגן די פאַרשעמונג, האָט אָפּגעווישט זיין מאַנסבילישע גאווה און געטייטלט אויף אים, אַז ער איז אָנגעוויזן אויף רייטשלס איינזעעניש.

איסר יאַגאָדע האָט אָפּגעלעבט דריי און פופציק פרידלעכע יאָר און אויף איינמאָל זיך אַרומצוזען, אַז די הכנעהביים מענטש קומט פון אונטערדריקן פרייע באַגערן. פאַרוואָס דאַרף דער מענטש צוימען די תאווהס, וואָס די השגחה האָט אויף אים אָנגעלאָדן? דער מענטש איז אומבאַהאָלפן און דעריבער אָנער־קענט ער די שטרענגע כוחות, וואָס געוועלטיקן איבער אים. ער איז שוואַך און באַרעכטיקט די געבאָטן פון היינטצייטיקע געזעץ־געבערס. אַלע ביכער וועגן מאָראַל, עטיק און פרינציפּן פון אונדזער יאָרהונדערט זענען מינדערווערטיקער פון איין קאַפּיטל תהילים. די געזעצגעבונג איז אַ פאַרפאַסונג פון אַליין־גע־קרוינטע שופטים. שיר השירים איז פול מיט רייד פון גלוסטונגען, פונדעסט־וועגן איז דאָס אַ טייל פון די הייליקע כתבים. די אבות האָבן נאָכגעגעבן זייערע תאוותס. דער קלוגער שלמה האָט געפירט טויזנט ליבעס. דוד המלך האָט גע־האַט קעבסווייבער און פיל־ווייבעריי איז נישט געווען פאַרווערט נאָך מתן תורה.

מיט אַזוינע איינרעדענישן האָט איסר יאַגאָדע רעכטגעפאַרטיקט זיין גלוס־טונג צו יאַדזשאַן. ס'אַ ליגן, אַז דער וואָס גיט נאָך די תאווהס איז אַ שוואַכלינג. דער נאָכגעבער איז אַ מורד, וואָס ברעכט ערדישע מנהגים. דאָס זאָגעלע פון דער פאַרשייטער פרענציס האָט געהאַט אַלע אמתן: ליבע קען נישט געמאָסטן ווערן מיט שכל און לאָגיק. חכמים און נאַראָנים זענען אָפּהענגיק פון איר איינ־זעעניש...

איסר יאַגאָדע האָט זיך געשראָקן, אַז זיינע טראַכטענישן פירן צו הפקרות. העי, האַלט איין די פערד! — האָט ער זיך אַליין געוואָרנט — דו פאַרפאַרסט צו וויט! רעדסט דאָך ווי אַלדאָס אַנדערע וואָלט שוין געווען פאַרזאָרגט. וואָס ביזטו עפּעס אַ פאַרזעסענער בחור מיט יונגלישע גלוסטענישן? דערווייל ביזטו נאָך אַ שדכן. דו דרייסט זיך אַרום די כלי־קודש און נאַרפאַלק־סטריט ליגט נאָך נישט אין דיין וועסטל־קעשענע...

איסר יאַגאָדע איז נישט געווען גענאַרט ביי זיך. ער האָט געוווּסט, וועלכע כּוחות עס שטעלן זיך אים אין וועג און פאַרשפּאַרן דאָס טירל צו יאַדזשאַס וועלטל. ער האָט נישט געטאָרט זיך איינרעדן, אַז רייטשלס הויז האָט אָפענע טירן דורך וואַנען מען קען אַריינלויפן און אַרויסלויפן. איר הויז איז אַ פעסטונג און זי איז אַ שטרענגע וועכטערין. פונדעסטוועגן האָט ער איר נישט געוואָלט ווילגעפעלן און איבערלאָזן יאַדזשאַן אין ניו־יאָרק, ווען ער האָט אָפּגעמאַכט צו פאָרן קיין קעמדען. יאַדזשאַ מוז מיטפאָרן! — איז געווען זיין באַשלוס. זי איז אַ מויד אַ ברען, זי קען עפענען אַ מויל ווען מ׳דאַרף און דערצו איז זי די געזעצלעכע יורשטע... מיט איר טריפהנעם צינגל האָט רייטשל זיך אַליין קיין גוטס נישט געטון. ער, איסר, איז שוין דערוואַקסן. ער פאָרט קיין קעמדען טון ביזנעס און אויב רייטשל געטרויט אים נישט, זאָל זי זיך גריזשען מיט איר איי־פּערזוכט.

פינף חדשים נאָכדעם ווי יאַדזשאַ איז געקומען וווינען אין רייטשלס הויז, זענען איסר יאַגאָדע, נייטן און יאַדזשאַ זאַלבעדריט געפאָרן קיין קעמדען אויפ־צוזוכן די פּאָר ווייטע קרובים פון אָנקל בעני, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ ירושה פאַר דער יתומה. זיי האָבן גענומען די באַן ביז פילאַדעלפיע און פון דאָרט האָבן זיי געזאָלט זיך אַריינזעצן אין אַ באַס, וואָס זאָל זיי פירן אַריבער די בריק אין שטאָט אַריין אויף יענער זייט פון דעלעווער־טייך.

אַ גאַנצן וועג האָט נייטן אין וואַגאָן פאַרווײַלט יאַדזשאַן מיט מעשיות וועגן פאַרלוירענע ירושות. ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז זי וועט זיין מזלדיקער ביים אויפמאָנען איר ירושה, אַז זי איז געקומען קיין אַמעריקע מיטן רעכטן פוס. ער האָט איר דערציילט, אַז איבער אַלע עקן וועלט זוכט מען איצט יורשים פון פאַרגעסענע פאַרמעגנס. ביליאָנען ליגן טויט אין די קאַסעס פון די אַמע־ריקאַנער קאָרפּאָראַציעס. דאָס פאַרלעגענע רייכטום געהער צו געשטאָרבענע אייגנטימער פון אַקציעס, באָנדס, ווערט־נאָטן און געזעצלעכע יורשים. יאָרן גייען, די פּראָצענטן וואַקסן, די אָפּנעמערס וויזן זיך נישט און אַמעריקע זוכט מיט ליכט די פאַרבלאָנדזשעטע יורשים, כּדי זיי אָנצושטאָפּן מיט די מאַיאָנט־קעס. אין דעם געיעג זענען פאַרמישט בענק, אַדוואָקאַטן, פּריוואַטע דעטעקטיוון, אויסשפּיר־אַגענטן. ס׳איז אַן אויסטערלישער יאַגד אין דער מענטשלעכער גע־שיכטע — אויפצוזוכן בעטלערס, אַרומשלעפּערס און אויף זיי אַרויפצווינגען ירושות, וועגן וועלכע זיי האָבן קיינמאָל נישט געחלומט.

די באַן איז געלאָפן האַסטיק לענגאויס די ניו־דזשוירזיער פעלדער. עס האָבן זיך פאַרבייגערוקט סטאַוועון און וועלדלעך. עס האָבן זיך געדרייט אין קרייזן פאַרמער־הייזלעך און אָפענע לאָנקעס. טראַקטאָרן האָבן געשוירן די תבואות. די נאָכמיטאָג־זון האָט געשפּרייט איבער דעם באַשאָף קוואַלן ליכט און געגאָסן מיט שטראָמען היץ. צווישן די גרינע שטרעקעס ערד האָבן זיך געוויקלט אַס־פאַלט־וועגן, איבער וועלכע עס זענען געפאָרן טראָקס און אויטאָבוסן, מיט שווינדלדיקער גיכקייט האָבן זיך געיאָגט אויטאָמאָבילן און מיליטערישע מאָטאָר־וועגענער. אויף אַ שייד־וועג, אַרומגערינגלט מיט שווערע, באַיאָרטע

ביימער, האָט אַ רוקי־פּאָליסמאַן אויף אַ מאָטאָציקל געלויערט אויף פאַרביילוי־פּענדיקע מאַשינען, וואָס יאָגן זיך אַכציק מייל אַ שעה.

איסר יאַגאָדע האָט געקוקט אויף נייטענען, וואָס האָט נישט אויפגעהערט אַריינצופּלוידערן אין יאַדזשאַס אויערן. וואָס דערציילט ער איר אַזויפיל גליקן? און זי, יאַדזשאַ האָרכט אויס יעדן נודניק. איר חתן איז אויך נישט בעסער. ס׳איז אַן אויסטערליש פּאַרליבט פּאָרל. ביידע זענען קאָלטע לונג און לעבערס. עס פעלט היץ אין זייער פאַרליבעניש. אַנשטאָט הייסע שעפּטשערייען פון חתן־כלה פירן זיי פילאָזאָפישע שמועסן. זי לערנט סטענאָגראַפיע און ער טראַכט שוין ווי צו גיין אין קליידער־ביזנעס. ווי פלינק די היינטיקע גרינהאָרנס כאַפּן דעם שניט! אַלע פּלענער קומען ביי זיי פריִער און די חתונה וועט מען לאָזן אין דער לאַנגער באַנק אַריין. אַ ווילדער איינפאַל האָט אים איצט באַהערשט. ער וואָלט געקענט די יפת־תואר לייכט אָפּשלאָגן פון דעם יונג... עס דאַרף נאָר אונטערקומען די פּאַסיקע געלעגנהייט. רייטשל און די עלטער זיינע שטייען אים נישט אין וועג.

— 2 —

איסר יאַגאָדע האָט נישט באַטראַכט יאַדזשאַן ווי אַ פרוי, נאָר ווי אַ גע־לעגנהייט וואָס מ׳געדענקט. זיין זיך־אָרט איז איצט געווען גלייך קעגנאיבער נייטענען. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן וואַגאָן־פענצטערל. די זון האָט זיך גע־לאָשן אין מערב. הויכע, פאַרבליטע גראָז־ביימער האָבן איינגעהילט די ערד אַרום. די באַן האָט זיך אַריינגעגליטשט אין אַ טונעל און איז באַלד אַרויסגע־קראָכן דורך שטייניקע בערג. די רעדער האָבן געציִשעט און זיך געדראַפּעט לענג־אויס די רויטלעכע פעלדזן־בערג. די פעלדזן זענען געהאַנגען ווי איבער אַ תהום, גלייך מעכטיקע אור־כוחות וואָלטן דאָ אַראָפּגעקאָלערט אַ שטיק רוי־באַשאַף.

איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט אַראָפּנעמען די אויגן פון יאַדזשאַן און נישט געקענט. ער האָט געטראַכט וועגן דער ווילדער נאַטור וואָס מ׳זעט איבער די וועגן דאָ און ער איז געקומען צום אויספיר, אַז די קרומע פעלדזן־בערג האָבן געדאַרפט אַרומגעטעשעט ווערן פון אַ פּאָר הונדערט גוטע שטיינהאַקערס. ס׳אָל־רייט, אַנקל סעמס קעשענע וועט סטייען! — האָט ער געמאַכט דעם חשבון. די אויגן האָבן ביי אים מיטאַמאָל זיך געקלעבט. ער האָט געוואָלט איינדרימלען, אָבער נייטנס פּלוידערייען און יאַדזשאַס געלעכטער האָבן געשטערט דאָס פאַר־געניגן, נאָך וועלכן ס׳האָט געלעכצט דער מידער גוף. דער באַן־קאָנדוקטאָר איז צוגעקומען. ער האָט געקלאַפּט מיטן צוועננגל איבער די ווענטלעך פון די אויס־געבעטע שטולן און מיט אַ פלעגמאַטיש פּנים געלעכערט די בילעטן. איסר יאַ־גאָדע האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, אָבער נייטן האָט אים געוועקט.

— מעגסט אויך הערן, איסר. כ׳דערצייל איר די צרות פון אַנקל סעם ביים נאָכלויפן די פאַרלאָרענע יורשים. זי גלויבט דען, די יוראָפּעיִשע? זי קען

אַמעריקאַנער געשיכטע, אָבער זי ווייס גאָרנישט פון דער קעגנוואַרט... און דאָס איז אַן אמתע פּאַסירונג! ס׳האָט געטראָפן פּאַראַיאָרן. אַן אַלטער שוסטער אין סעינט־פּיטערסבורג, מיט אַ האָבי, כ׳מיין מיט אַ שוואַכקייט צו מאַלערייען, האָט אויסגעקלעפּט די ווענט פון זיין הילצערנער ווינונג מיט קאָלירטע פּאַפּירן, וואָס ר׳האָט געהאַלטן פאַר ווערטלאָזע סערטיפיקאַטן... אָנהייב יאָר, ווען ס׳איז אַריינגעקומען דער שטייער־קאָלעקטאָר, האָט ער פאַר דעם משוגענעם שוסטער אַנטדעקט, אַז איין וואַנט איז באַקלעפּט מיט קוילן־אַקציעס אויף אַ ווערט פון זעכצן טויזנט דאָלאַר. דער אַלטער האָט פון דער בשורה געחלשט. ווען ער האָט זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס, האָט ער גיך אָפּגעזעגט די גאַנצע וואַנט און זי אַוועקגעפירט אויף אַ טראָק קיין ניו־יאָרק, ווו ער האָט איינקאַסירט די פולע סומע...

איסר יאַגאָדע האָט אויפגענומען די נייעס מיט די ברעמען. וואָס לאָזט ער אים נישט איינדרימלען, דער פּלוידערזאַק? פון מידקייט זענען די באַקן ביי אים געוואָרן געפּעלדלט. אונטער די אויגן זענען די טאָרבעלעך געוואָרן אָנגעשוואָלן. די רעיונות אין מוח האָבן פויל זיך געוויקלט ווי קעצעלעך אין אַ קויש. די דעקעלעך האָבן ווידער זיך געקלעבט. נייטן האָט אים אַ שטורכע געטון.

— אַז כ׳האַלט שוין ביים דערציילן, מעגסטו אויך האַלטן אָפן די אויגן. ווייסט דאָך, אַז ווען איך דערצייל עפּעס, איז עס אַרויסגענומען פון די ביכער, ס׳אַן אַרויסגעריסענער בלאַט פון אַרכיוו, ס׳אַ נאַקעטער ציפער....

— אָן הקדמות, נייטן. האָסט עפּעס צו זאָגן וואָס קען מיך האַלטן וואַך? אַרויס מיט לשון!

— אין אַ שטעטל אין וויסקאָנסין איז געשטאָרבן אַ ריעל־עסטייטניק. ער האָט איבערגעלאָזט פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר פאַר זיין איינציקן פּלימעניק, וואָס האָט ערגעץ אַרומגעוואָגלט איבער דער וועלט. מיט די יאָרן זענען די דיווידענדן געשטיגן. ס׳קניפּל איז געוואַקסן, אָבער קיין שפּור פונעם יורש האָט מען נישט געפונען. צען יאָר שפּעטער האָבן די יעגערס געפּאַקט דעם פּלימעניק אויף „קאָלומבוס סוירקעל״ אין ניו־יאָרק. ער איז געשטאַנען אויף אַ זייף־קעסטל, אַרומגערינגלט פון אַ רעדל אַרבעטסלאָזע און געשאָטן פעך און שוועבל אויף דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. ווען איינער פון די אַגענטן האָט אים געגעבן אויספרעגן וועגן זיין אָנקל, האָט ער זיך צעשריגן: מיין אָנקל? אָט דער קאַפּיטאַליסטישער שווינ? דערמאָן מיר נישט זיין נאָמען! דער אַגענט האָט זיך פאַרענטפערט: „כ׳קען זיך נישט העלפן, כ׳מוז זיין נאָמען יאָ דערמאָנען. ער׳ט פאַר דיר איבערגעלאָזט פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר!״ אין איין אויגנבליק איז דער פּלימעניק געוואָרן אַן עקס־ראַדיקאַל: „מיין אָרעמער אָנקל״, —האָט ער געזיפצט — „ער האָט פאָרט געדענקט וועגן מיר״... ער האָט זיך צעוויינט און אַ וויינענדיקער איז ער אַראָפּ פונעם זייף־קעסטל און איז אַוועק מיט דעם אַגענט איינמאָנען זיין ירושה.

יאַדזשאַ האָט געלאַכט מיט די ציין. אירע אויערינגען האָבן, ווי גלאָקן, זיך צעוויגט. איסר יאַגאָדע האָט מלחמה געהאַלטן מיטן שלאָף.

דורכן וואַגאָן־טירל איז אַריינגעקומען אַ ברייט־ביניקער נעגער מיט אַ שווער בוך, געבונדן ווי אַ ביבל, אין האַנט. ער האָט, וואַרפנדיק מיט די ווייסל־אויגן, געזוכט אַ זיץ־אָרט צווישן די פּאַסאַזשירן און געפונען אַ ליידיקן פּלאַץ נעבן איסר יאַגאָדען.

ער האָט זיך צוגעזעצט און אָנגעשפּיצט די אויערן. ער האָט געקוקט אויף יאַדזשאַן און געשמייכלט צו איסר יאַגאָדען. אויף זיין שטערן איז געווען אויס־געברענט אַ רויטע ווונד. דאָס פּנים פון קאַווע־קאָליר איז געווען אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפּסענער תמימות. ער האָט אויפמערקזאַם זיך איינגעהאָרכט צו נייטענען, וואָס איז איצט איבערגעגאַנגען אויף ענגליש און געשאָקלט מיט זיינע ברוינלעכע געזעגטע ציין. נאָך אַ לענגערע ווילע האָט ער זיך אָנגערופן:

— יעס סער! דאָס געיעג נאָך פאַרשוווּנדענע יורשים וועט ווערן נאָך שווערער, ווייל דער מענטש האָט ליב דיסקרעציע. דער מענטש איז פאַלש, יעס סער! אַפילו מאַן און ווייב ווילן נישט אויסזאָגן איינער דעם אַנדערן וועגן זייערע פּריוואַטע געלט־אינוועסטירונגען... דער מענטש שלעפּט די סודות אין קבר אַריין און די גוטע כוונות אין הימל אַרויף.. יעס סער! גלויבט עס צי נישט. מיין אייגענער קאַזין, אַ פילאַדעלפיער טאַקסי־טרייבער, האָט מיט צען יאָר צוריק געזאָגט צו זיין ווייב פאַרן טויט: מעיפעל, כ׳האָב ליגן פופצן טויזנט דאָ־לאַר אין באַנדס און אין סטאָקס. דאָס וועט דיך פאַרזאָרגן ביז דו וועסט גיין אויפן וועג פון אַלע גערעכטע... גוט, האָט מעיפעל געזאָגט, ווו ליגט עס? אַזוי האָט זי געפרעגט, יעס סער! מיין קאַזין האָט שוין געהאַט אויף די ליפּן דעם קוש פון טויט, אָבער ער האָט געשלעפּט דעם סוד אין גרוב אַריין... מעיפעל, — האָט ער געזאָגט, — ביזט אַזוי געשיקט ביים געפינען זאַכן, אַז דו וועסט עס שוין אַליין אויסזוכן... יעס סער! אַזוי האָט ער געזאָגט פאַרן טויט. ער איז געווען אַ פרומער. ער איז געשטאָרבן און די געהיימניש האָט ער מיטגענומען אויף די טרעפּלעך צום הימל. ער האָט קיינמאָל פריִער נישט געהאַט אויסגעזאָגט מעי־פעלן, אַז ער פאַרמאָגט ווערט־פּאַפּירן. מעיפעל האָט געוואַשן זיין שמוץ, ווען ר׳איז קראַנק געוואָרן. זי איז געווען זיין דינסט, זיין נורס, זיין מאַמע און זיין געליבטע... יעס סער! דריי יאָר האָט די פאַרביטערטע מעיפעל געהאַלטן אין איבערקערן דאָס הויז, ביז מלאכים זענען איר צוהילף געקומען און צוגעלייגט איר האַנט צום אוצרל, וואָס איז געווען איינגענייט אין אַרבל פון אַן אַלטן מאַנטל... יעס סער!

איסר יאַגאָדע האָט געקוקט אויף דעם ברייטביניקן נעגער. די אויסגע־ברענטע רויטע ווונד האָט נישט געשטימט מיט דעם שעפּסענעם פּנים. ס׳האָט אויסגעזען ווי דעם טייוולס הערנער אויפן שטערן פון אַ מלאך. און וואָס קריכט ער דאָ אַריין מיט זיינע צוויי סענט? אַ דריטער פאַרשוין צווישן צוויי באַן־פּאַ־סאַזשירן איז פּונקט ווי אַ דריטער צד צווישן מאַן און ווייב. ר׳האָט אַ פּנים פון אַ כיטראַק, דער אומגעבעטענער גאַסט. ר׳מוז זיין אַן אַריסטאָקראַטישער האָבאָ, אַן אַרומשלעפּער... וואָס איז ער טאַקע, אַ גלח צי אַ האָקוס־פּאָקוסניק? האַלט ער אין האַנט אַ ביבל, אָדער אַ בוך, וואָס לערנט די קונצן פון שטערנ־זעעריי?

אויף דעם נעגערס אויסגעזעגטע ציין האָבן זיך ווידער שוין געקלערט ווערטער. איסר יאַגאָדע האָט זיך איבערגעוונקען מיט נייטענען. יאַדזשאַ האָט קאָקעטיש אַ רוק געטון איר ווייסן בערעט אויף אַ זייט. אַ ברוין־גלאַנציק קאַר־בירט לעקעלע האָט געציטערט איבערן שטערן. די אויערינגען האָבן זיך צע־וויגט. זי האָט אַ שמייכל געטון צום נעגער און זיך אָנגערופן:

— דער מענטש איז נאָר פאַר זיך און פאַלש, ווייל די היינטצייטיקע מאַמע דערציט איר קינד ווי אַ שוואָכלינג. זי פאַרוואַנדלט אים אין אַ פסיכאָנעוראָטיקער.

ביים נעגער האָבן געפלאַקערט די ווייסל־אויגן. ער האָט העפלעך און היציק גערעדט:

— איך בעט אייער פאַרדאַן, ליידי. איר מאַכט אַ שווערע אָנקלאַגע אויף דער גוטהאַרציקער מאַמע.

— טאָקע איר גוטהאַרציקייט פאַרקריפּלט די פסיכיק פון איר קינד. אַלע אָפּגעציטערטע מאַמע־קינדער זענען היינט דורכפאַלן. ווען די פרוי וואָלט געווען מער שטאַנדהאַפטיק, וואָלטן נישט געווען קיין פּראָבלעם־קינדער, וואָס וואַרטן אויף ירושות היינט...

— עס זענען נישטאָ קיין פּראָבלעם־קינדער, נאָר פּראָבלעם־מענער — האָט נייטען זיך אַריינגעמישט — כ׳מיין פּראָבלעם־זין...

— ריכטיק! — האָט יאַדזשאַ געדאַנקט נייטענען מיט אַ שמייכל — פון גרויס ליבשאַפט צו איר זון רעדט די מאַמע אים איין, אַז אַלץ וואָס זי גרייט אָן אויף דער וועלט, וועט זיין אַ ירושה פאַר אים. דערמיט פאַרוואַנדלט זי אים אין אַ פּאַראַזיט. ר׳ווערט אַ מענטש אָן אַמביציעס. אַ סך שולדיק דערין איז די פּאַסיווקייט פון פאָטער...

— דו האָסט זיך געוואַשן צו אַלעמען, יאַדזשאַ! — האָט איסר יאַגאָדע זיך אָנגערופן מיט אַן אָנגעקוואָלענעם פּנים — אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די מאַ־מעס, נעמסטו זיך צו די טאַטעס, האַ?

ביי יאַדזשאַן האָבן די בליקן געבריט. אויף די באַקן האָבן זיך געצונדן ליכטיקע קאַלירן. זי האָט געענטפערט:

— כ׳זאָג דאָס, ווייל אַזוינע אָנקלאַגעס מאַכן די אַמעריקאַנער אויפזעער איבער דערציִונג. דאָרט ווו דער מאַמעס ליבשאַפט איז איבערגעטריבן, פעלט די אויפזיכט פונעם פאָטער. און ווו ס׳פעלט דעם פאָטערס אויפזיכט, טויג נישט די דערציִונג.

— איר האַמערט אויף דער דערציִונג אויך, ליידי? יעס מעם! אָנגעהויבן האָט איר מיט פאַרלאָרנע ירושות, אָנגעקלאָגט די מאַמעס, באַשולדיקט די טאַטעס און איצט גיט איר שמיץ אויף די קינדער? און גלויבט עס צי נישט! מ׳דאַרף זיי שמייסן! יעס מעם! דאָ קענען מיר רעדן איין און דיזעלבע שפּראַך... דערציִונג איז מיין געביט, יעס מעם! כ׳בין אַ לערער אין אַ פּאַראָקיעל־שולע און כ׳ווייס, אַז דער בילדונגס־סיסטעם איז אַ דורכפאַל. די אומוויסנקייט צווישן דער יונגוואַרג האָט נישט קיין גרענעץ, יעס מעם! כ׳האָב פאַר קריסטמעס פאַראַיאָרן געגעבן אַ שילער אָנצושרייבן אַ קאָמפּאָזיציע וועגן וועלט־באַשאַפונג. האָט ער אָנגעהויבן מיט קין און הבל... ווען איך האָב אים געפרעגט: דזשים,

פאַרוואָס נישט מיט אדם און חוה? — האָט ער געענטפערט: מיט זיי האָט גאָר־נישט פּאַסירט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין געשלעג...

נייטן און איסר האָבן זיך צעלאַכט. אין יאַדזשאַס ברוינלעכע אויגן האָבן זיך געוואַרעמט שטראַלן. דער נעגער איז געווען טרויעריק. דער אומעט האָט אויסגעווישט די קאַווע־קאָליר פון זיין פּנים.

— און נאָך אַ ייִנגל אין אָנפאַנגער־קלאַס האָב איך געפרעגט: גמליאל, ווער איז געווען דער ערשטער מענטש? דזשאָרדזש וואַשינגטאָן! האָט ער פלינק געענטפערט... האַסטו, גמליאל, דען נישט געהערט פון אדמן? האָב איך זיך גע־וווּנדערט — יאָ, לערער, האָט גמליאל געשטאַמלט, אָבער כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז איר רעכנט אויך אַריין פרעמד־געבוירענע...

אין דעם נעגערס מינע איז געווען באַדויערונג אויף דעם דור, וואָס ער דערציט. ער האָט אַ קוק געגעבן אויף זיין האַנט־זייגערל, וואָס האָט געהאַט אַ רויטן ציפער־בלאַט מיט גלאַנציקע ווייזערס און ער האָט זיך אויפגעשטעלט. זיינע ברייטע ליפּן האָבן זיך געבלעזלט.

— יעס מעם. דאָס זענען די קינדער פון אונדזער ציוויליזאַציע... איך אָנהויב האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס זענען בלויז יורשים פון אונדזערע פּריוואַטע פאַרמעגנס, אָבער דאָס זענען די יורשים פון אונדזער וועלט.

די באַן האָט זיך געוויקלט גראַציעז ווי אַ שלאַנג צווישן גערדיכטע קנופּן־בושעס. די רעדער האָבן זיך געדראַפּעט מיט אַ שטיל צישעריי. פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך געדרוקט הויכע, שווערע שטאַנגען מיט דראָט־געפלעכטן. צעשוי־בערטע ביימער מיט גרינע בלעטער־קעפּ האָבן פאַרביי גאַלאָפּירט אין אַ שווינדל־געדריי. נאַקעטע שטרעקעס לאַנד זענען איינגעשרומפּן. פאַרם־הייזער זענען אויסגערינען.

איסר יאַגאָדע האָט געקוקט אויף זיינע בייזיצערס. נייטן און יאַדזשאַ האָבן געשוויגן. דער נעגער איז אַרויס פון וואַגאָן. אַ באַריידעוודיקער פאַרשוין! — האָט ער געטראַכט — און דאָס וואָרט גאַרנישט ביז מ׳גיט אים דאָס וואָרט... וואָס עס פאַרוואָלגערט זיך אַלץ אין אַ וואַגאָן! ער איז אַ לערער פון קינדער און שטראָפט די דערוואַקסענע. ס׳איז עפּעס פאַרדעכטיק מיט די אומצופרידענע פרעדיקער. באַלד פּסקענען זיי, אַז די וועלט טויג אויפן פייער. און ס׳פעלט זיי קיינמאָל נישט קיין צוהערער. אָט דער נעגער מיט דאָקטאָר וואָרמסן מעגן זיך געבן די הענט! און צוריקגעשמועסט, אַז אויערן האָרכן, מעג דאָס מויל רעדן...

דורכן וואַגאָן־פענצטער האָבן אַריינגעקוקט קוימענס. ס׳האָבן זיך דורכ־געשטופּט רויט־ציגלדיקע מויערן, די פאַרשטעטלעך פון ניו־יאָרק. אַ געזאַלין־סטאַנציע האָט זיך פאַרבייגעשאַרט. פון ערגעץ האָט אַ סירענע שפּיציק זיך צעפייפט. די באַן האָט איצט לאַנגזאַמער זיך געוויגט צווישן דעכער און פענצ־טער.

דער קאָנדוקטאָר האָט, גייענדיק אינמיטן וואַגאָן, געקלאַפּט מיט זיין צווענגל איבער די שטול־ווענטלעך און דערמאָנט, אַז מען דערנענטערט זיך צו דער שטאָט פילאַדעלפיע. פּאַסאַזשירן האָבן זיך געהויבן פון די ערטער, די באַן האָט זיך געגליטשט מיט דעם שטילן ריטם פון אַ האַרץ־קלאַפּעניש. נייטן האָט אַראָפּ־

גענומען די וואַליזעס פון די פּאַליצעס. יאַדזשאַ האָט אָנגעשמירט די ליפּן און אָנגעטאָן די הענטשקעס. ביי איסר יאַגאָדען האָט זיך געבאַמבלט אין קאָפּ דעם נעגערס ווערטער: קינדער פון ציוויליזאַציע... יורשים פון דער ערד... ס׳איז איצט פאַראַן בלויז איין ירושה! יאַדזשאַס ירושה אין קעמדען אַן דאָס דאַרף מען אינזיינען האָבן איף טריט אַן שריט.

אַן אויפגעמונטערטער האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטערל און גערופן פון דער פּלאַטפאָרמע אַ פּאָרטער.

קאַפּיטל פופצן

— 1 —

אין פילאַדעלפיע אויפן וואָקזאַל האָט איסר יאַגאָדע באַשלאָסן מען זאָל גלייך אַריינפאָרן אין קעמדען. נייטן האָט געביטן דעם פּלאַן. ער האָט אָפּגעמאַכט, אַז יאַגאָדע און יאַדזשאַ זאָלן בלייבן נעכטיקן אין שטאָט צוליב דער שפּעטער שעה. ער אַליין האָט פאַרשריבן ביי זיך די אַדרעסן פון די ווייטע קרובים פונעם פאַרשטאָרבענעם אָנקל בעני. ער האָט גערופן אַ טאַקסי און אָנגעזאָגט דעם טרייבער אין וועלכן האָטעל ער זאָל צופירן די צוויי פּאַסאַזשירן. פאַר זיך האָט ער גענומען דעם באַס, וואָס לויפט איבער דער בריק קיין קעמדען. ער האָט צוגעזאָגט גלייך צומאָרגנס אינדערפרי צו טעלעפאָנירן.

די טאַקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ געפּוצטן האָטעל מיט ליכטיקע נעאָן־שילדן איבער דעם ברייטן אַריינגאַנג. פּלאַטשיקע מאַרמאָר־טרעפּן האָבן געפירט צו דער פליגל־טיר. אַ שטייפער פּאָרטער אין אַ רויטן מונדיר האָט אַריינגעטראָגן איסר יאַגאָדעס וואַליזע. אין דער לאָבי האָבן די לאָמפּן געשיינט מיט אַ געדעמפּט ליכט. אויף ווייכע, לעדער־אויסגעבעטע פאָטעלן זענען געזעסן מיושבדיקע געסט, וואָס האָבן פאַרזיכטיק געררויכערט און סודותדיק גערעדט.

איסר יאַגאָדע האָט אַ נעם געטון יאַדזשאַס קליינע וואַליזע און איז נאָכגעגאַנגען דעם פּאָרטער. ער האָט באַלד געפּסקנט, אַז דער האָטעל איז פאַר לעבעדיקע גבירים, נישט פאַר די קבצנים, וואָס גרייטן זיך זיי צו ירשענען... פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט האַלב־רונדיקע באַלקאָנען, דעקאָרירט מיט פענער און זילבער בראָקאַדע. איבערן געוועלבטן סופיט זענען געהאַנגען קריש־טאַל־שאַנדעליערן ווי שווערע אייז־פאַרפרוירענע בוקעטן. די טירן אַרום די ווענט זענען געווען פאַרהאָנגען מיט פּליושענע פּאָרהאַנגען. ר׳איז נישט קיין קליינער באַרימער, דער נייטן! — האָט איסר יאַגאָדע ביי זיך געטראַכט — ער׳ט אים געשיקט אין אַ האָטעל, וווּ מ׳שינדט די הויט. דאָס האָט ער געוואָלט זיך שטעלן פאַר יאַדזשאַן. אויב נייטן איז אַ באַרימער, וועל איך אים ווייזן, אַז כ׳קען זיך לאָזן קאָסטן פאַר אַ ליידי...

ביים רעגיסטראַציע־טיש האָט ער באַשטעלט צוויי טייערע צימערן. ער האָט נישט געפרעגט דעם קלערק וויפיל ס׳איז דער פּרייז. דער עלעווייטאָר האָט אים אַרויפגעפירט אויפן פינפטן שטאָק. איסר יאַגאָדע מיט יאַדזשאַן זענען דורכגעגאַנגען עטלעכע קאָרידאָרן איבער האָריקע דיוואַנען. דער פּאָרטער האָט אויפגעשלאָסן די טירן פון צוויי צימערן, וואָס זענען געווען אין שכנות. אַ בלאָנדע רוימערקע אין אַ ווייסן פּאַרטוך מיט אַ בלויען טשעפּעק איז געשטאַנען גרייט צו באַדינען. אַ קעלנער האָט געוואַרט אויף באַשטעלונגען.

איסר יאַגאָדע איז אַריין אָנקוקן יאַדזשאַס צימער און באַשטעלט צוויי קאָק־טיילס. יאַדזשאַ איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל און אויסגעטאָן דעם רויטן בערעט. זי האָט אַראָפּגענומען די אויערינגען און קאָקעטיש פּאַריכט די צעשויבערטע לעקעלעך איבערן שטערן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, דער קעלנער האָט אַריינגעבראַכט אַ טאַץ מיט צוויי הויכע גלעזערנע בעכערס. איסר יאַגאָדע האָט אים אַריינגעשטעקט אַ מטבע און געוואַרט ער זאָל זיך אָפּטראָגן.

ער האָט איצט מיט גלוסטעניש געקוקט אויף יאַדזשאַן און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי צוימט אים מיט אירע אויגן. זי קען אויף זיך גיט אַכטונג געבן — האָט ער אַ קלער געטון — איר געפּרוּוירענער בליק וועט אין אים פאַרלעשן אַלע טריפהנע פּייערלעך. איר שוויגעניש וועט בינדן זיינע אַפּעטיטן, ביז ער וועט פאַרלאָזן דאָס צימער. אַ ווילדער איינפאַל האָט אין אים אַריינגע־רעדט, אַז ס׳אַן אויסגעטראַכטע מעשה, אַז וואָס מער אַ מאַן שעמט זיך, אַלץ בכבודיקער איז ער. מיט קוראַזש נעמט מען מער אויס ביי פרויען. ער האָט צוגעטראָגן יאַדזשאַן אַ קאָקטייל מיט אַ באַרימעריי.

— אַז כ׳בין אַליין, טרינק איך ריינעם וויסקי. מיט אַ ליידי זופּט מען אַ דעליקאַטע משקה. טרינק, ס׳איז געמישט מיט דזשין.

יאַדזשאַ האָט אים פאַרשנדיק אָנגעקוקט.

— וואָס איז די געלעגנהייט?

— אונדזער ביזנעס־רייזע.

זי האָט קוים איינגענעצט די ליפּן און געלאָזן אָוועקגעשטעלט דעם בעכער.

— ווען איך בין אויף אייער אָרט, מיסטער יאַגאָדע, רוף איך אָפּ רייטשלען.

— זי איז אין ניו־יאָרק.

— איר קענט זי קריגן איבערן טעלעפאָן און טאָקע איר אָנזאָגן ווו איר געפינט זיך איצט.

— אַז כ׳בין אַרויסגעפאָרן האָט זיך מיך נישט באַגלייט מיט קיין בלו־מען... ווילסטו, אַז כ׳זאָל איר איצט אָנזאָגן, זי זאָל פאַר מיר צוגרייטן אַ ווילקאָ־מען־אויפנאַמע?

— איר איגנאָרירט אייער אייגענע היים, מיסטער יאַגאָדע. רייטשל איז אייער פרוי.

— זי ליגט מיר מער נישט אין דער לינקער פּאה.

— דער וואָס פּרובירט פאַרגעסן זיין פרוי, זאָגט מען, האָט זי פריער קיינמאָל נישט געדענקט.

— דאָ איז פילאַדעלפיע, יאַדזשאַ. כ׳בין אַ פרייער פויגל.

ער האָט געמאַכט אַ שריט נעענטער צו איר. די פייערלעך אין זיינע אויגן האָבן זיך צעפלעמלט.

— ביזט אַ גאַנצע רביצן!

— כ׳בין אַ טראָבל־מאַכער.

— דו ביזט דווקא גענוג פאַרזיכטיק... — האָט ער אַרויסגעלאַכט און מיט צוויי פינגער אַ גלעט געטון איר גאָמבע.

— אַ פאַרזיכטיקע פרוי האָט נישט קיין צוטרוי צו אַ מאַן, וואָס קומט אַריין אומגעבעטן אין איר האָטעל־צימער.

— האַלטסטו, אַז כ׳האָב אָפּגעטון אַ נאַרישקייט, וואָס? כ׳האָב פאַרגעסן די יוראָפּעיִשע מאַנירן, יאַדזשאַ... כ׳ווייס טאַקע ווינציק ווי אַזוי קאַוואַלירן פירן זיך היינט...

— מען דאַרף עס אייך אָפּטער דערמאָנען, מיסטער יאַגאָדע, געדענקט, דאָס איז אַ ביזנעס־רייזע, נישט קיין צוזאַמענפלי פון פרייע פייגל. אויב איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וויל איך איצט זיך איבערטאָן און מיר וועלן אַראָפּגיין עסן. כ׳בין טויט הונגעריק. איצט גייט אַרויס. אין אַ האַלבער שעה אַרום וועל איך זיין פאַרטיק.

— כ׳וועל וואַרטן אויף דיר אין דער לאָבי, יאַדזשאַ.

— 2 —

ווען ער איז אַרויס אין קאָרידאָר, איז די עלעוויטאָר־טיר שוין געשטאַנען אָפֿן. ער איז אַראָפּגעפאָרן. אין דער לאָבי איז געווען טומלדיקער ווי פריִער. נערוועזע פאָרטערס האָבן אין איילעניש אַריינגעטראָגן וואַליזקעס פון ניי־אָנגעקומענע געסט. די קרישטאָל־שאַנדעליערן האָבן איצט העלער געלויכטן. איסר יאַגאָדע האָט אויסגערעכנט, אַז ביז יאַדזשאַ וועט אַראָפּקומען, בלייבט אים אַ האַלבע שעה אויף דורכצושפּאַצירן זיך. זי שפּילט, יאַדזשאַ, ווי אַן אמתע אַקטריסע... מ׳קען מיט איר נישט זיין זיכער. און ער, איסר, איז טאַקע צו האַסטיק. וואָס איז דאָס איילעניש? זי איז ס׳ערשטע מאָל מיט אים אין דער פרעמד. יעדער הוליאַקע וואָלט געהאַנדלט גלעאַסן. דער ערשטער ווונש נאָך אַ פרוי דאַרף פאַמעלעך זיך אויסשטיין, ווערן צייטיק.

ער איז דורכגעגאַנגען די פליגל־טיר. אינדרויסן איז געווען שטאָק נאַכט. ער האָט געשטעלט טריט אָן אַ פּלאַן. ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ געשעפט פון אָפּטישע גלעזער. דאָס שויפענצטער איז געווען אויסדעקאָרירט מיט סאַמעטענע טיכער. אויף אַ גרינעם, פליושענעם אויסבעטעכץ זענען געלעגן לאָרנעטעס, ברילן, פעלד־גלעזער אין גאָלדענע ראַמען און אין די רעמלך פון האָרנביין. אין עק בלאָק האָט ער דערזען אַ ברייט פענצטער פול מיט ווייבערישע נאַכט־העמדער, בוזים־האַלטערס, ניילאָן־זאָקן און קאָרסעטן. אַ קורצער, פעלזיקער פאַרשוין האָט פאַרבייגעשטופּט אַ וועגעלע, באַקלאַפּט מיט צינק. אויף אַ בראָטפאַן פון אויבן האָבן

זיך געבראָטן טונקעלע קאַשטאַנען. פון אַ שמאָלן בלעכענעם קוימען האָבן גע־שפּיגן קנוילעכלעך רויך.

פּונקט ווי ניו־יאָרק! — האָט איסר יאַגאָדע אויסגעפירט — ס׳זאָל פעלן אַ האָר פון דילענסי־סטריט! ס׳זעלבע שטעטל! טומלערס און איינרייסערס האָבן אויסגעבויט ביים האָדסאָן אַ וועלט־שטאָט, זענען אָנגעלאָפן פרעמדע, צעשלעפּט אַ פּאָר קוואַרטאַלן, אַרויסגעריסן אַ פּאָר גאַסן פון מאַנהעטען, פון ברוקלין און זיי אַריבערגעפירט אין פרעמדע שטעט.

ביי אַ קענדי־סטאָר האָט ער געקויפט אַ יידישע צייטונג. ער האָט גענומען לייענען די גרויסע קעפּ אויף דער פראָנט־זייט, אָבער זיין בליק איז געפאַלן אויף אַ דערבייאיקער סטאָר מיט אַ הויכער, פאַרגלאָזטער טיר ווי אַ שויבן־שאַנק. הינטערן גלאָז איז געווען אויסדעקאָרירט אַ סצענע מיט וואַקסענע פיגורן. איסר יאַגאָדע האָט געקוקט אויף די פיגורן, איבער וועלכער ס׳איז געפאַלן דער שיין פון אַ רויטלעך ליכט. אַ שילדל האָט אָנגעזאָגט, אַז די סצענע דערציילט פון אַ שטיק אַלט ניו־יאָרק. ס׳איז דאָס יאָר 1600, אין נידעריקן טייל מאַנהעטען. פּיטער סטייוויסענט, דער גאָווערנאָר, באַגלייט פון אַ זעלנער גייט אַנטקעגן אַ שלום־דעלעגאַציע פון אינדיאַנער, וואָס האָבן אָוועקגעלייגט דאָס געווער. דער אינדיאַנער טשיף, דער עלטסטער פון שבט האַלט אַ שטאַנג מיט טאַבאַק־בלע־טער, אַ סימבאָל פון גוטן ווילן. אָבער אויף זיין אָרעם, אויפן שאַרבן און אין די אויערן זענען אָנגעהאַנגען פעדערן, קאָלירטע טאַשמעס, קרעלן, קמיעות — אַ סגולה צו פאַרהיטן דעם בכבודיקן טשיף פון אַן עין־הרע. דער אינדיאַנער איז אָנגעשטעקט מיט אַבערגלויבן! — האָט ער אַ זיפץ געטון — ווו בין איך? אין ניו־יאָרקער מוזעאום? דער אָבערגלויבן גייט מיר נאָך אויף טריט און שריט. די זאַבאַבאָנעס זענען מיר פאַרלאָפן דעם וועג אין פילאַדעלפיע... כ׳רעד נאַריש־קייטן — האָט ער זיך אַליין געמוסרט — פילאַדעלפיע האָט מער חשיבות! אין ניו־יאָרק וואַלגערן זיך יאָלדן אויף יעדן בלאָק. אַ שטאָט, אַ בעל גאווה׳ניצע, אַ פאַרריסענע אָלרייטניצע אָן זכות אבות. אין פילאַדעלפיע הענגט דער געשפּאָל־טענער גלאָק, וואָס האָט אויסגעקלונגען איבערן לאַנד דעם פסוק: וקראתם דרור לאָרץ ולכל יושביה... מ׳האָט דאָ אָנגעזאָגט די בשורה פון אומאָפּהענגיקייט... וואָס פאַראַ סמיכת הפרשה איז צווישן דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט און דעם פסוק פון תנ״ך? עס איז שוין יאָ אַ סמיכת הפרשה און עס איז גוט וואָס אַמעריקע פּוצט זיך אין די פעדערן פון תנ״ך... ס׳אָלרייט! ס׳איז דאָ אין וואָס זיך צו פּוצן.

ער האָט אַריינגעדרייט אין אַ זייטיקער גאַס. דאָ זענען געשטאַנען נידע־ריקע, ברוינע הייזער מיט פאַרלאָשענע פענצטער. פון דער טונקלקייט האָבן אַרויסגעלויכטן די איינצלנע שילדן פון אַ גראָסערי קראָם, אַ כינעזישע וועשעריי און אַ רעסטאָראַן. פאַר אַן אָפענעם סאַלון האָט זיך געדרייט אַ קורצפּיסיקער מאַן מיט אַ צעשויבערטער באָרד. ער האָט געהאַט אַ הויקער אויף דער רעכטער פּלייצע. ער האָט געטראָגן אַ פאַרפעטסטן כאַלאַט, וואָס האָט אויסגעזען סאַי ווי אַ פרינץ אַלבערט־פראַק, סאַי ווי אַ חסידישע קאַפּאָטע. די פּיס זענען געווען געוויקלט אין שמאַטעס. ער האָט געהאַט שווערע ברעמען און בייזע ליפּן. פון

דער צונג האָבן זיך געקאָלערט פלוך־ווערטער. ער האָט געגרעדט האַרבע רייד צו די אַריינגייער אין סאַלון, אָבער קיינער האָט זיך צו אים נישט צוגעהערט.

איסר יאַגאָדע האָט נישט געקענט אויסרעכענען צי דער צאַרנדיקער מאַן מיט דער צעשויבערטער באָרד איז נאָר־וואָס אַרויסגעקומען פון אַ חסידים־שטיבל, צי מען האָט אים אַראָפּגענומען פון אַ פאַרשטויבטער גאַלעריע, ווו ס׳רוען אַנטיק־פיגורן. ער האָט זיך דערנענטערט צו אים. דער קורצזוויקסיקער מאַן האָט אים באַטראַכט מיט אַ דורכבויערנדיקן בליק. זיינע ליפּן האָבן געשוימט מיט אַ פּליסטערניש, ווי ר׳וואָלט געהאַלטן אינמיטן אַ שמועס.

— איך וואָרן זיי, אַז די וועלט גייט אונטער, ווייל מיר פאַרשווענדן דאָס רייכטום פון דער ערד... אָבער די זויפערס טרינקען ווייטער. דריי פערטל פון דעם ערד־קיילעך איז פאַרגאָסן מיט וואַסער, אַ העלפט פון דער יבשה איז נישט באַפעלקערט, אָבער די זויפערס טרינקען... אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן באַליידיקט דער מענטש די גוטע מאַמע־ערד... וואַלד־העקערס פאַרוואַנדלען זי אין אַ מדבר... און די זויפערס טרינקען...

איסר יאַגאָדע האָט זיך אָפּגערוקט פון דעם בייזן מאַן ווי פון אַ אַ קרעציקן. ווי כ׳האָב פריִער געזאָגט... ס׳אי ניו־יאָרק מיט די ביינער! משוגעים און קרענקס ליגן ביי אַלע שוועלן... לאָמיך בעסער אָפּציִען פון דאַנען. כ׳בין נישט געקומען אַהער זוכן קיין משיחים. כ׳האָב דאָ אַ דזשאָב אָפּצוטון. און יאַדזשאַ וואַרט שוין אַוודאי אין דער לאָבי.

אויף צוריקוועגס צום האָטעל איז אים אויפן זינען געקומען רייטשל. אַ חרטהלע, גרויס ווי אַ פליג, האָט געזשומעט אין די אויערן. אפשר איז יאַדזשאַ גערעכט? ער׳ט געדאַרפט צו רייטשלען אָנקלינגען פון דער פרעמד. ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און געקומען צום אויספיר, אַז יעדע חתונה טויג אויף כפּרות דערפאַר, ווייל איין צד וויל געוועלטיקן איבערן צווייטן. אַ ווייב טאָר נישט זאָגן דעם מאַן קיין דעות ווי זיך צו פירן אין הויז. דעם פּרנסה־געבער קומען אַלע פּריווילעגיעס. ער מעג איבערלאָזן אַ נאַסן האַנטוך אין באָד־צימער, ר׳מעג רויכערן אין דער וואַנע און טרינקען קאַווע אין בעט. ער מעג אַפילו קוקן אויף אַ פרויענצימער.

שוין שטייענדיק ביים אַריינגאַנג פון האָטעל איז אים מיטאַמאָל שווער געווען צו באַגעגענען יאַדזשאַס פּירעכצן. וואָס דרייט זי מיטן צינגל אַהין און אַהער? דאָ העצט זי אויף רייטשלען און דאָ איז זי אַ רודף־שלומניצע... וואָס פאַראַ דערציִונג האָט אַזאַ מיידל געקראָגן בעת איר לויפעניש איבער לענדער? די מלחמה האָט געמאַכט אַ תל פון דעם יונגוואַרג — האָט ער געזיפצט — דאָס יתומשאַפט האָט אויך קיין גוטס נישט געטון. ס׳איז אויפגעוואַקסן אַ צעלאָזענער דור! יאַדזשאַ פּרעדיקט פאַר אים טהרת המשפּחה און אַליין ציט עס איר צו הפקרות. דו זוכסט גאָר ביי איר חטאים? — האָט ער זיך אַליין געמוסרט — זי איז ריין ווי אַ בתולה און צנועהדיק ווי אַ כלה־מיידל. דו ביזט דאָך דער, וואָס יאָגט זיך נאָך איר, נואף!

אינעווייניק אין דער לאָבי האָט יאַדזשאַ אויף אים שוין געוואַרט. זי איז געשטאַנען ביים פענצטערל ווו מען שיקט אַרויס דעפּעשן. זי איז געווען אָנגעטאָן

אין אַן אָונט־קלייד פון שוואַרצן שיפאָן. דער דורכזיכטיקער שטאָף איז געפאַלן ווייך איבער די אַקסלען און געווען אָפּגעצויגן אין די היפטן. אין אירע זאַרג־פעלטיק־געטורעמטע האָר האָט געשטעקט אַ ברייטער אָפּגעזילבערטער קאַם. זי האָט איצט געטראָגן ברוינע אויערינגען, גרויס ווי אַ פּאָר וועלשענע ניס און אַרום האַלדז — אַ בייטשל שווערע בורשטין־קרעלן. יאַדזשאַ האָט איינגעהאַלטן געשמייכלט און איסר יאַגאָדע האָט אַריינגעצויגן אַ שאַרפן ריח פון פּערפום. ער האָט באַמערקט, אַז פונעם אויסגערונדיקטן בוזים ביז צום נאַקן ציט זיך דער שוואַרצער שיפאָן איבער איר ווייסער הויט ווי אַ דינער טיול. און אויף דעם אָרט, ווו די בריסטן טיילן זיך פונאַנדער, שטעקט אַ רויטע רויז.

אויסגעפּוצט צו אַ באַל! — האָט איסר יאַגאָדע געטראַכט — ס'פעלט בלויז דער טאַנץ־מייסטער... ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער אַליין האָט פאַרגעסן אַפילו צו וואַשן די הענט. ער האָט נישט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן, כאָטש ס'איז געוועז צייט זי צו רופן צום עסן. יאַדזשאַ האָט געדולדיק זיך געלאָזט אָפּמעסטן און דערנאָך געפרעגט.

— גייען מיר אַריין עסן?

— דאָ אין האָטעל?

—צוליב דעם האָב איך זיך איבערגעטאָן. צו וואָס זוכן רעסטאָראַנען אין גאַס? אין באַל־זאַל שפּילט מוזיק. מ'זעט נייע פּנימער. אַ נייע אַטמאָספערע. און די שפּייזן זענען מסתמא געשמאַק.

— ביזט מיין גאַסט, יאַדזשאַ, און דער אויסוואַל איז דיינער.

— 3 —

דער אָונט־ברויט האָט איסר יאַגאָדען נישט געשמעקט. ר'איז מיט די מאכלים נישט געווען צופרידן. אַנשטאָט געהאַקטע לעבערלעך האָט מען דער־לאַנגט געקאָכטע שוואָמען. אַנשטאָט אַ ביפשטיק מיט קאַרטאָפל האָט מען גע־געבן אַ האַרטע, געבראָטענע טויב מיט גרינסן. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט אַ שטילן וואַלס. דאָס טונקעלע געדעמפטע ליכט האָט הייזעריק געמאַכט די גע־לאַסענע מוזיק. איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט פרעגן יאַדזשאַן צי זי איז אָפּגעהיטן מיט כשר עסן, אָבער ס'האָט אים נישט געפּאַסט. ער האָט ווייניק געגעסן און אַמוזירט יאַדזשאַן מיט וואַרעמע קאָמפּלימענטן.

יאַדזשאַ האָט באַמערקט, אַז איסר יאַגאָדע האָט אָפּגערוקט פון זיך אַלע טעלערס. ס'איז שוין אַ שעה נאָכן עסן און ער פּלוידערט אַלץ ווערטער, וואָס זאָלן איר געפעלן. ווי לעכערלעך דער ייִד מאַכט זיך! — איז איר דורכגעלאָפן אין מוח — און ווי פאַרפירעריש מוז איך פאַר אים אויסקוקן. זי האָט פונ־דאַסניי געלאָסן באַשמירט אירע ליפּן און באַשטעלט שטאַרקע קאַווע. איסר יאַגאָדע האָט זי אָנגעקוקט מיט הונגעריקע אויגן. די בליקן האָבן זיך געגליטשט פון דעם זילבערנעם קאַם אין אירע האָר צו די ברוינע אויערינגען, צו די בורשטין־קרעלן. אַלץ וואָס זי טוט אָן, איז באַחנט — האָט ער אויסגעפירט —

וואָס מער כ׳קוק אויף איר, אַלץ באַטעמטער ווערט זי! זיינע בליקן האָבן ווייטער געוואַנדערט איבער איר ראַזלעכן, אויסגעבעטן נאַקן, וואָס איז געווען איבער־צויגן מיט ווייכן, דורכזיכטיקן טיול. זיין טריפהנער קוק איז נישט אַראָפּ פון איר אויסגערונדיקטן בוזים, וואָס איז געווען אַריינגעפּאַסט אין דעם דינעם, שוואַרצן שיפאָן. די רויטע רויז, אַריינגעשטאָכן אינמיטן, האָט געשרפהט ווי אַ פלעמל. פריִער צי שפּעטער, דאָס שוואַכע געשלעכט מוז זיך אונטערגעבן — איז אים איינגעפאַלן אַ ווילדע מחשבה — ס׳איז אַ געזעץ פון לעבן.

יאַדזשאַ האָט פלוצים אָנגעהויבן פאַר אים אויסצורעכענען קרובים פון דער פאַרגעסענער היים. אין זכרון האָבן אויפגעטויכט נעמען, וואָס איסר יאַ־גאָדע האָט קיינמאָל פריִער נישט געהערט. זי האָט אַרויסגענומען אַן אַדרעסן־ביכל און זיך דערמאָנט אַן זיידעס, פעטערס, מומעס און אויך אַן דעם געשטאָר־בענעם אָנקל בעני פון קעמדען, וואָס האָט אָנגעגרייט אַ ירושה און נישט אי־בערגעלאָזט קיין יורשים. זי, יאַדזשאַ, איז שוין נייגעריק, וואָס עס וואַרט אויף איר. ווי גרויס איז דאָס פאַרמעגן? און אפשר איז דאָס גאַנצע יאַגעניש אַן אילוזיע?

אויף איסר יאַגאָדעס ווונק האָט אַ קעלנער געבראַכט אַ טשעק. ער האָט נאָך באַשטעלט צוויי גלעזער קאַלט ביר און באַצאָלט די רעכענונג. יאַדזשאַ האָט אַפילו נישט באַנעצט די ליפּן. איסר יאַגאָדע האָט אַריינגעצויגן אַ האַלב גלאָז און איז געוואָרן אויפגעלייגט.

— אַז ס׳עט זיין מזל, יאַדזשאַ, וועט מען די ירושה גוט אויספּאָמפּען.

— דאָס אומגליק מיט מזל איז, וואָס ס׳נעמט אַזאַ לאַנגע צייט ביז מען געפינט עס.

—זיי נישט קיין קינד, יאַדזשאַ, אין אַמעריקע וואַלגערט זיך ס׳מזל אויף אַלע מערק. ס׳לאַנד איז אַ מעלקעדיקע קו... מ׳קען פּאָמפּען געלט פון יעדן שטיין און פון יעדער וואַנט. דער קצב פּאָמפּעט, דער גראָסערימאַן פּאָמפּעט, דער אייזמאַן פּאָמפּעט... און וואָס מיינסטו טוט דער „בוקי״, דער מעקלער פון מזל, האַ? ער פּאָמפּעט דאָך אַוודאי! מיין באַרבער איז כשר געוועכט. דער בוקי, זאָגט ער, איז אַ פּאָמפּע אין אַ ספּאָרט־זשאַקעט...

יאַדזשאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און געזאָגט, אַז זי איז מיד. איסר יאַגאָדע האָט באַרימעריש אַוועקגעלייגט דעם קעלנער דאָס טרינק־געלט אַזוי, אַז יאַדזשאַ האָט עס נישט געקענט פאַרקוקן. צוקומענדיק צום עלעווייטאָר האָט זי געזאָגט:

— כ׳בין נייגעריק וואָס פאַראַ נייעס נייטן וועט פאַר אונדז האָבן.

— ס׳ווענדט זיך וואָס ער וועט איבערנאַכט אויפטון אין קעמדען. כ׳וועל שוין מסתמא נישט צוטון קיין אויג. ער׳ט אַוודאי טעלעפאָנירן באַלד אינדערפרי.

אויבן, אויפן פינפטן שטאָק האָט יאַדזשאַ געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז פלינק אַריין אין איר צימער.

איסר יאַגאָדע האָט נישט געדן אויפגעשלאָסן זיין טיר. אינעווייניק האָט ער ס׳ערשטע אַרויסגענומען פון בוזים־טעשל אַ קאַפּסול קעגן האַרץ־ברענעניש און פאַרטרונקען מיט אַ גלאָז וואַסער. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס רעקל און גע־

וואַשן די הענט. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אויפן בעט און געוואָלט לייענען די צייטונג. וואָס טוט מען מיט אַזאַ לאַנגן אָוונט? שלאָפן גיין איז צו פרי. און וואָס עפּעס האָט יאַדזשאַ שוין געמאַכט נאַכט? האָט זי מורא פאַר אים? אַ דורכ־געטריבענע מויד! כ׳על וועטן, ס׳איז אַלץ אָנשטעל...

ער האָט פנאַנאַדערגעשפּרייט די צייטונג. די אויגן זענען געלאָפן איבער די נייעס־קעפּ. פּעטע געשריפטן האָבן אָנגעזאָגט, אַז אַ שיף מיט פּליטים פון די דייטשע לאַגערן, וואָס שווימט קיין ניו־יאָרק, האָט געגומען זינקען נישט ווייט פון אירלאַנד... דער אינטערנאַציאָנאַלער טריבונאַל אין נירענבערג קלאָגט אָן נאָך זעקס דייטשע גענעראַלן אַלס קריגס־פאַרברעכער... דער אַמעריקאַנער פּרע־זידענט פאָדערט פון קאָנגרעס צו העכערן די שטייערן פון אַלע בירגער. איסר יאַגאָדע האָט אַריבערגעדרייט אַ בלאַט. דער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ידיעה, אַז צוויי אַמעריקאַנער פאָרשער זענען אַוועקגעפאָרן זוכן נחס תיבה אויפן באַרג אַררט. וואָס עפּעס אינמיטן דרינען נחס תיבה? קיין אַנדערע דאגות האָבן איצט די פאָרשער נישט? דער באַרג אַררט געפינט זיך גאָר אין טערקיי צי אין אַרמעניע. ער האָט אָנגעטאָן די ברילן און אַריינגעקוקט אין די קליינע אותיות. די אויגן־דעקלעך האָבן זיך גענומען קלעבן. כ׳על זיך בעסער אויפ־הייבן — האָט ער באַשלאָסן — כ׳האָב מורא, כ׳על פאַרשפּעטיקן אַ געלעגנהייט... די נייעס מיט נחס תיבה מוז זיין אַ שיינע מעשה. כ׳על עס לייענען מאָרגן.

מיט אַ צ׳עניש אין די גלידער איז ער אַראָפּ פון בעט. ער האָט זיך גע־שטעלט פאַרן שפּיגל און באַטאַפּט זיין קין. די הויט איז געווען גלאַט, אָפּ־געגאָלט. ער האָט אַרויסגענומען די פאַלשע ציין און איז צוגעגאַנגען צום וואַש־קראַן זיי אָפּשווענקען. ער האָט איבערגעבונדן דעם קראַוואַט און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. אַ בלוילעך־רויטע נעאָן־שילד פון אַ געביידע קעגנאיבער האָט זיך געלאָשן און געצונדן. דאָס שאַרפע מיניעדיקע ליכט האָט פאַרבלענדט די אויגן. ער האָט זיך אויסגעדרייט. איצט האָט ער בלויז געדאַרפט אַ תירוץ אַריינ־צוקומען אין יאַדזשאַס צימער. ער האָט אַרויסגענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר מיט אַ בלייפעדער און איז אַרויס אין קאָרידאָר. ער האָט אַ פּויק געטון מיט די פינגער אויף יאַדזשאַס טיר.

— ווער איז? — האָט זיך געהערט יאַדזשאַס שטים.

— כ׳מוז דיך זען, יאַדזשאַ.

— מיסטער יאַגאָדע? כ׳האָב, דאַכט זיך, געזאָגט אַ גוטע נאַכט...

— כ׳האָב געהערט, יאַדזשאַ. אָבער דאָס איז וויכטיק. ביז אינדערפרי קען עס מיר אַרויס פון זכרון. כ׳מוז איבערשרייבן די אַדרעסן פון דיינע קרובים.

עטלעכע סעקונדן זענען פאַרביי אין שטילקייט. מיט ייִנגלישער האַרץ־פּלאַטערניש האָט איסר יאַגאָדע געוואַרט אויף אַן ענטפער. פון יענער זייט וואַנט האָט זיך פאַרטראָגן אַ שאַרכעריי, ווי עמעצער וואָלט אַריינגעשטעלט די פוס אין אַ פּאָר שטעקשיך. דערנאָך האָט די טיר לאַנגזאַם זיך געעפנט. יאַדזשאַס קאָפּ מיט אַן אויפגעטורעמטן באַרג האָר האָט אַרויסגעשטעקט ווי אַ פּאָרטרעט אין אַ ראָם.

— איז עס אַזוי וויכטיק, אַז איר האָט נישט געקענט וואַרטן ביז מאָרגן?
— כ׳וועל דיר זאָגן יאַדזשאַ, מ׳קען נישט וויסן. אינדערפרי וועט נייטן אוודאי אָפּרופן פון קעמדען און כ׳וועל זיך מוזן איילן... טאָמער מאַכט זיך, אַז איכל דאַרפן דאָרט בלייבן אַ פּאָר טעג לענגער, לאָמיך האָבן די אַדרעסן אָפּ־געשריבן.
— קומט אַריין.
אויף יענער זייט שוועל האָט איסר יאַגאָדע זיך אַרומגעזען אַז זיין וויזיט איז צו שפּעט. דאָס בעט איז געווען אויפגעבעט. יאַדזשאַ איז געווען גרייט אָפּ־צווישן די שמינקע פון פנים. אויף דער קאָמאָדע ביים שפּיגל זענען געווען אויסגעשטעלט אַ שאַכטעלע פּודער, וואַזעלעך קרעם, אַ פלעשל פּערפום, אַ צווענגל צו די ברעמען. דאָס אונט־קלייד איז געהאנגען אויף אַ שטול־ווענטל. יאַדזשאַ האָט נאָך געטראָגן די אויערינגען און די קרעלן, אָבער איר וויקלדיקער קערפּער איז געווען איינגעהילט אין אַ דינעם, זיידענעם שלאָפראָק פון בלוילעך־מיניעדיקן קאָליר. די פאַלדן זייד זענען לויז געפאַלן איבער די אַקסלען און היפּטן. אַ ווײַלע האָט זי אים שאַרף אָנגעקוקט און דערנאָך געמאַכט אַ פּאָר שריט איבערן צימער. אין אירע פוילע באַוועגונגען איז געווען דער פלעגמאַטישער רייץ פון אַ פרוי, וואָס ווינקט צו דעם מאַנס בכבודיקייט און צוימט זיינע גלוס־טענישן.
זי האָט אים דערלאַנגט איר אַדרעסן־ביכל. ער האָט אָנגעהויבן אָפּצו־שרייבן אויף זיין בייגעלע פּאַפּיר די נעמען און אַדרעסן, אָבער יאַדזשאַ האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס פּאַפּיר פון זיין האַנט.

מיטאַמאָל האָט זי זיך געשטעלט אַזוי נאָענט צו אים, אַז איסר יאַגאָדע האָט דערשפּירט דעם ברי פון איר אָטעם. זי האָט אַ פרעג געטון:
— איר האָט אָנגעקלונגען אייער פרוי?
— פאַר אַזאַ נאַר האַלטסטו מיך?
— אַמאָל מיסטער יאַגאָדע, האָבן מענטשן פאַרגליכן הייראַט צו אַ סימ־פאָניע, ווו מאַן, פרוי און קינד שפּילן אויף באַזונדערע אינסטרומענטן. שפּעטער האָבן ציניקער אָנגערופן די הייראַט אַ שלאַכט־פעלד... איך הויב שוין אָן אַליין זיך צו פרעגן: וואָס איז הייראַט, אַ דועט צי אַ דועל? פאַרוואָס פירט איר מלחמה מיט רייטשלען?
— דו ווייסט די סיבה...
— כ׳הויב אָן טראַכטן, אַז איר מאַכט פאַלשע חשבונות, מיסטער יאַגאָדע. אויב איר רעדט מיט אָנצוהערעניש, מאַכט איר אַ ווילדן טעות. כ׳על אייך קיינ־מאָל נישט געבן קיין געלעגנהייט אַרויסצוטרייבן רייטשלען. און איר דאַרפט נישט זוכן קיין אַוואַנטורעס.
אין איסר יאַגאָדעס אויגן האָבן געטענצלט טייוואַלים. ער האָט גאָר לייכט אָנגערירט איר אַקסל. פון זיינע רייד האָט געטריפט חניפה.
— דאָס לעבן אָן אַוואַנטורעס איז ווי ליבע אָן קושן. אַזוי זאָגן, דוכט זיך, די פילאָזאָפן...
יאַדזשאַ האָט געמאַכט אַ לייכטן שריט אויף צוריק.

— די שפּראַך פּאַסט נישט פאַר אייך, מיסטער יאַגאָדע. איר רעדט ווי אַ שול־יינגל און אירט פאַרגעסן, אַז אוואַנטורעס מוזן ווערן באַגלייט פון קוראַזש.
— און אויך פון אַ געוואַגטער פרוי...
— יינגלשע רייד, מיסטער יאַגאָדע. איך אַליין בין אַ שרעקעוודיקע און איר זייט צו־שפּעט פאַר שפּילערייען.
— איך בין אויף וואַקאַציע, יאַדזשאַ. און אַ מאַן אויף וואַקאַציע מעג האָבן אַ באַגלייטערין.
— וואַקאַציע? דאָס האָט מען נישט אָפּגערעדט אין ניו־יאָרק. איצט זע איך, אַז עס שטימט וואָס מ׳זאָגט: אַ פרוי נעמט וואַקאַציע ווען זי וויל אַוועק... און אַ מאַן נעמט וואַקאַציע ווען ער וויל אַוועק מיט עפּעס...
— ביזט פּיק־קלוג, יאַדזשאַ, און כ׳האָב ליב דיך צו הערן רעדן...
ער האָט זיך גערוקט פאָראויס. זי האָט אַ לאַכעדיקע געשטעלט טריט הינטערווייליקן. ער האָט געשאַרט מיט די פיס און געשטרעקט די הענט צו דערלאַנגען איר טאַליע. זי האָט אים אויסגעמיטן מיט באַוואָרעניש. כ׳מוז מאַכן שריט נאָך שריט — האָט ער געטראַכט — אָן איילעניש... ווי זאָגט דער אי־טאַליענישער באַרבער אויף מיין בלאָק: קיין פרוי שלאָפט נישט אַזוי טיף, אַז די טענער פון אַ גיטאַרע זאָלן זי נישט קענען ברענגען צום פענצטער... גאָלדענע רייד! זי האָט געעפנט פאַר מיר די טיר, וועט זי מיך שוין נישט אַרויסוואַרפן...
ער האָט זיך געדרייט מיט זיין שווערן גוף אַרום איר אין אַ צירקל. זי איז אַרויס פון זיין מחיצה ווי פון אַ ווינקלראָד. דאָס יאָגעניש איבערן צימער האָט אויסגעזען ווי אַ צערייצט שפּיל אין באַהעלטעניש. ביי איסר יאַגאָדען האָבן די שלייפן געגומען ברזען. דער אָטעם איז געוואָרן סאָפּענדיק. די פיס האָבן געטראָטן שווערער. יאַדזשאַ האָט אים אַרומגעקרייזט מיט דעם פלאַטער פון אַ טענצערין. די מורא אַז זי וועט אָט־אָט אָנקלינגען דעם פּאָרטיער אָדער אַליין אַרויסלויפן, האָט אין אים באַצייטנס אַרויסגערופן אַ בענקשאַפט נאָך אַ זאַך, וואָס ער האָלט ביים פאַרלירן... הייסט עס, אַז פון דעם ערשטן שפּיל איז געוואָרן אַ פאַרבלענדעניש. פון דער פאַרבלענדעניש — אַ יאָגד. אין אַ שיינער פּאָזע געפינט ער זיך איצט! ווי לעכערלעך מוז אויסזען זיין לויפעניש איבערן צימער!
ער האָט געוואָלט דערשטיקן דאָס איינרעדעניש, אַז יאַדזשאַ ווערט אויס שפּיל. זי האָט אַ בייזע גבורה! דאָס פייער אין אירע אויגן האָט אָנגעצונדן זיינע שלייפן. דאָס ברזעניש פון אירע ליפּן האָט צעקאָכט זיינע אָדערן און ער, אַן אומבאַהאָלפענער, אָן ווידערשטאַנד האָט זיך אַריינגעוויקלט אין אירע זיידענע נעצן ווי אין אַ שפּינוועבס.
יאַדזשאַ איז געשטאַנען אין צווייטן עק צימער. זי האָט אים געהאַלטן אויף אַ שטח, אירע קילע, שטאַרע בליקן האָבן איצט נישט געקענט אויסלעשן זיינע גלוסטעניש. וואָס וויל ער פון איר, דער אַלטער ייד? זי האָט אים גע־דאַרפט אויספּאַטשן ביי דער ערשטער נאַרישקייט. ער האָט אַ פּאָר לוסטיקע אויגן און הייסע נאָז־פליגל, אָבער ער ראַנגלט זיך מיט זיין אייגענער אָנמעכטיקייט. דאָס איז אַ געפּייניקטע נשמה! ער יאָגט זיך נאָך אַ פרייד, וואָס איז צו גרויס פאַר זיינע אָרעמס. זיין יאָגעניש איז אָנשטעל און באַרימערײ, ווייל אויב די

פרייד וואָלט אים אַנטקעגנגעקומען, וואָלטן זיינע הענט געווען צו מיד זי אַרומ־צונעמען...

זי האָט זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל און אַ פּיר געטון מיט דער האַנט איבער די געטורעמטע האָר. איסר יאַגאָדע האָט זיך געשטעלט הינטער איר. זי איז אָפּגעטראָטן און צוגעגאַנגען צום פענצטער. אירע פינגער האָבן געדולדיק זיך געשפּילט מיט די גאַרדינען. ער האָט זיך דערנענטערט מיט אונטערטעני־קייט אין די אויגן.

— פאַרשטייסט מיך נישט, יאַדזשאַ.

— כ׳בין אַלטמאָדיש. איר וועט שוין מוזן זיך באַקלאָגן מיט אייערע צרות צו אַנדערע.

— ביזט שוין גאָרנישט אַלטמאָדיש, יאַדזשאַ. ביזט אַ בעל תכליתניצע. ווייסט ווו איין און ווו אויס... ס׳פעלן דיר נישט קיין אַפּעטיטן און אַז מ׳דאַרף, ביזטו אַ גאָלדגרעבערין אויך.

— אַ גאָלדגרעבערין איז אַ פרוי, וואָס פאַרליבט זיך אין אַ טשעק־בוך.

— כ׳מיין נישט דעם סאָרט גאָלדגרעבעריי. כ׳טראַכט וועגן אויפמאַנען דיין ירושה. כ׳האָב דאָרט אויך אַ חלק.

— דאָס ווייס מען שוין. כ׳האָב אינזינען מיינע מיטהעלפער, מיסטער יאַ־גאָדע... כ׳ווייס, אַז די חשבונות זענען פּראַקטישע. און אייער באַלוינונג וועט קומען אין צייט.

— אַזוי פאַרשטיי איך...

— איר וועט נישט אָפּקומען בלויז מיט דאַנקבאַרקייט. כ׳וועל צאָלן מיינע פאַרמיטלער מיט געלט פון דער ירושה.

— רעדסט דאָך גאָר עפּעס אַנדערש, יאַדזשאַ. ווער דינגט זיך וועגן באַ־לוינונג?

ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר. די תאווה האָט זיך געקאָלערט אויף די ציין. ער האָט זי האַסטיק אַרומגענומען און אַ ריס געטוןביידע פּאָלעס פון דעם בלויען, זיידענעם שלאָפראָק. דאָס זיידענע געוואַנד איז זיך צעפאַלן ווי שפּינ־וועבס. די אַקסלען זענען געבליבן אָפּגעדעקט. דער האַלדז און די אָרעמס — מוטער־הויל. פאַר זיינע אויגן האָט די ראָזלעכע ווייסקייט פון די האַלב־אָפענע בריסטן אַ שלאָג געטון מיט יענער פאַרבאָטענער העלקייט, וואָס פאַרבלענדט און שרעקט.

יאַדזשאַ האָט זיך אַרויסגעוויקלט פון דער פאַרשעמונג. אין איין אויגנ־בליק איז זי געווען צוריק איינגעהילט אין דעם צעפאַלענעם געוואַנד, זי האָט מיט עקל באַטראַכט דעם מאַן, וואָס איז שוואַך אין זיין ווידערשפּעניקייט און אומגעשיקט אין זיין אָנגריף. זי האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש.

איסר יאַגאָדע איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך. ס׳איז געווען דער פּאַטש, וואָס האָט באַשטעטיקט זיין הכנעה צו די כוחות, וואָס געוועלטיקן איבער אים.

ער איז אָפּגעטראָטן. ער איז געבליבן שטיין מיט דער פאַרלעגנהייט פון אַ מענטש, וועלכער האָט איינגעביסן אַ פּרוכט, וואָס איז געווען צו זויער פאַר זיינע ציין.

קאַפּיטל זעכצן

— 1 —

דער שלאָף איז איסר יאַגאָדען נישט וויל באַקומען. ער האָט זיך אויפ־געכאַפּט, ווען ס'איז נאָך געווען שטאָק־פינצטער. אין די שלייפן האָט אים גע־קלאַפּט ווי מיט האַמערס. אויפן גומען האָט ער געשפירט אַ נודעניש. ער האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפל אויפן נאַכט־טישל און אַ קוק געטון אויפן זייגער. די גלאַנציקע ווייזערס האָבן געוויזן: פינף פאַרטאָג.

אַ שיינעם אַפּרו קריג איך דאָ אין האָטעל! — האָט ער אַרויסגעשטעלט זיין ערשטע באַגינען־טענה צו דער וועלט. — אָט דער מויד האָב איך עס צו פאַר־דאַנקען דעם קאַצניאַמער. צוליב דעם האָב איך געדאַרפט אַוועק פון ניו־יאָרק? כ'האָב נישט פאַרזוכט קיין געבראָטנס, נישט פאַרטרונקען מיט קיין משקה און דער מאָגן איז פול מיט ברומענישן. דער אמת איז, אַז פון יאַדזשאַס ווערטלעך קען מען קריגן בויך־ווייטיק. זי קען שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אַ מאַנסביל גרייפט אָן מיט ציין און נעגל און זי שטויסט צוריק מיט ביטערע פּראַזעלעך.

איסר יאַגאָדע איז אַראָפּ פון בעט און אַרויסגעשלעפּט פון דער וואַליזע אַ שאַכטעלע מיט אַספּירין־טאַבלעטן. פונעם קראַן האָט ער אָנגעצאַפּט אַ גלאָז וואַסער. ער האָט אַריינגעכאַפּט אין מויל צוויי טאַבלעטן מיטאַמאָל, אַלס גיכע סגולה צו קאָפּווייטיק, געטון אַ פּאָר שלוק וואַסער און איז צוריק אַריין אין בעט.

ער האָט פּלוצים דערשפּירט אַ פאַרשעמונג און ס'איז אים נישט קלאָר געווען צי די פאַרשעמונג קומט צוליב זיין דורכפאַל, אָדער ווייל ער האָט חרטה געהאַט אויף זיינע נעכטיקע פּירעכצן. יאַדזשאַ מוז זיין שטאַרק באַליידיקט... אַ שיינער גאָלדגרעבער איז ער! אַ שיינער ירושה־זוכער! וואָס פאַרא נוצן קען פון אים האָבן נייטן, אַז ער קען נישט דערשטיקן אין זיך זיינע גלוסטענישן. יאַדזשאַ קען פאַרטיידיקן דעם ווייבערישן כבוד. זי האָט איר אייגענע מלחמה־טאַקטיק, פּונקט פאַרקערט ווי עס מיינען די פּרויען־פיינט, אַז אין דער שלאַכט פון געשלעכטער קעמפט די פרוי פון אַ געפּאַנצערטער קריגס־שיף און דער מאַן פון אַן אָפן שיפל...

ער האָט פּרובירט איינשלאָפן, אָבער די אויגן האָבן זיך ביי אים נישט געקלעבט. ער האָט גענומען די נעכטיקע יידישע צייטונג און אויפגעזוכט די נייעס וועגן די אַמעריקאַנער פאַרשער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט זוכן נחס תיבה אויפן באַרג אַררט. די מעשה האָט אים אַמוזירט. צוויי פּראָפעסאָרן פון אַנאַפּאָליס זענען אַרויסגעפלויגן אויף אַן עקספּעדיציע קיין אַרמעניע, ווו אַ טערקישער פּויער האָט זיך געשוווירן, אַז ער האָט אויף אַ פאַרשנייטן שפּיץ באַרג אין טערקיי, ביי דער רוסישער גרעניץ, אַנטדעקט נחס תיבה. פינף הונ־

דערט פרומע דאַרפסלייט האָבן עדות געזאָגט, אַז דער הויכער באַרג איז דער הר אַררט און דער געפונענער קאַסטן איז די מבול־שיף פון נח, דעם איש תמים. ווען די פּראָפעסאָרן זענען אָנגעקומען אין אַרמעניע, האָט די רוסישע רעגירונג געלאָזט וויסן, אַז דער גרעניץ־באַרג איז נישט דער הר אַררט, אַז די פּראָפעסאָרן זענען קיין פאָרשער נישט, נאָר קאַפּיטאַליסטישע שפּיאָנען און ס'איז געוואָרן אויס מיט דער עקספּעדיציע.

נח האָט פאַרקאָכט די אמתע קאַשע! — האָט איסר יאַגאָדע זיך צעלאַכט — אָט צוליב דעם האָט ער געדאַרפט ראַטעווען דאָס מענטשלעכע מין, די חיות, די פייגל? צוליב דעם האָט ער געדאַרפט צונויפקלאַפּן אַ קאַסטן פון פּימסנהאָלץ אויפן באַרג אַררט, אַז היינט זאָלן צוויי צעדרייטע פּראָפעסאָרן אַרומזוכן זיין תיבה אין טערקיי?

ער האָט אַרויסגעלאָזט די צייטונג פון האַנט און לייכט צוגעשלאָסן די אויגן. דאָס קלאַפּעניש אין די שלייפן האָט אויפגעהערט. יאַדזשאַס לויפעניש איבערן צימער און זיין יאָגעניש נאָך איר איז אים נישט אַרויס פון קאָפּ. פאַרוואָס באַפאַלן אים אָפט אַזוינע גראָבע תאוותס? ער מוז אויסזען אַלט אין אירע אויגן. אַ ייִנגערן פון אים וואָלט זי נישט געשיקט צו באַקלאָגן זיך פאַר אַנדערע פרויען, אַז זי איז צו אַלטמאָדיש... יאַדזשאַ איז שוין גאָרנישט קיין אַלטמאָדיש מיידל. זי האָט אַ ברייט האַרץ. ס'איז אַ ספק צי איר איצטיקער חתן וועט זי באַגלייטן צו די חופה־שטאַנגען. אַלץ וואָס אַזעלכע פרויען ווילן, איז מענערישע אויפמערקזאַמקייט. ווי גייט דאָס ווערטל? פאַר פרויען איז — חוץ דער אייביקער זון — אַ מאַן דער איינציקער וויכטיקסטער קוואַל פון וואַרעמקייט...

דאָס איינרעדעניש האָט איסר יאַגאָדען נישט באַרויקט. ער האָט געליטן פון עפּעס וואָס האָט ערגעץ טיף, פון אַ באַהעלטעניש אַרויס, אים געמוסרט. אין איר פאַרטיידיקן זיך האָט יאַדזשאַ אויסגעזען ווי אַ געפאַנגענער פויגל. ווי אומגערעכט איז רייטשל וועגן יאַדזשאַן און ווי גערעכט איז זי וועגן זיין שאַר־לאַטאַנסטוואָ! די פאַרגעפילן ביי אַ בייזער ייִדענע זענען בייזע נביאות. דער אמת איז, אַז ער, איסר יאַגאָדע, איז אַ טריפהנע קישקע, אַ בעל־תאוה, און זי, יאַ־דזשאַ איז די באַפאַלענע, וואָס מוז זיך נעבעך שיצן. פונדעסטוועגן איז ביי אים געבליבן אַ ווייטע אויסדוכטעניש, אַז פאַר יאַדזשאַן איז דאָס לויפעניש איבערן צימער געווען אַן אָנגענעם שפּיל. אַפילו אין איר צוריקטרעט האָט זי זיך גע־רייצט מיט זיין אומבאַהאָלפנקייט. אין איר פאַרטיידיקן זיך האָט זי נקמה גע־נומען אָן זיין הינטערשטעליקייט.

— 2 —

די ערשטע שטרייפן פרימאָרגן־ליכט האָבן זיך אַריינגעריסן דורך די שויבן. די ווענט אין צימער האָבן אויפגעהעלט. איסר יאַגאָדע האָט אַריינגעשטעקט די פיס אין די שטעקשיך. ער האָט אָנגעטאָן דעם שלאָפראָק און איז צוגעגאַנגען צו דער וואַש־שיסל. דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. ער האָט אַ פאַרוווּנדער־טער געכאַפּט דאָס טרייבל צום אויער.

— העלאָו! ווער רעדט אַזוי פרי?

ס׳האָט גענומען עטלעכע סעקונדן ביז ער האָט דערהערט די זינגענדיקע שטים פון דער טעלעפאָן־מיידל אין האָטעל, אַז דאָס רופט מען אים פון אַ ווייטער דיסטאַנץ. איסר יאַגאָדע האָט פאַרשטאַנען, אַז מען האָט אים פאַרבונדן מיט קעמדען. מסתמא האָט נייטן פאַר אים אַ נייעס.

— העלאָו נייטן?

— יאָ איסר. כ׳האָב דאָ אָנגעטראָפן דעם אמתן חורבן...

— וואָס פאַראַ חורבן? מיט דער ירושה?

— ניין, מיט די יורשים!

— כ׳פאַרשטיי נישט... וועלכע יורשים? האָסט פאַרגעסן, אַז די יורשטע איז יאַדזשאַ און זי איז מיט מיר דאָ אין פילאַדעלפיע?

— ביז נעכטן האָב איך אַזוי געמיינט... ס׳האָבן אָבער פריִער זיך אָפּגעזוכט נאָך יורשים, ווייטערע קרובים. אָנקל בעני איז גאַרנישט געווען אַזאַ יתום ביים לעבן. מיר וואָלטן מיט יאַדזשאַן אפשר געווען פאַרשפּעטיקט, ווען נישט דאָס וואָס מ׳האָט די יורשים נעכטן אויסגעהרגעט...

— פּלוידערסט אויפן ניכטערן מאָגן, נייטן? ווער האָט פאַרשפּעטיקט? ווער מען האָט מען אויסגעהרגעט? רעד צו דער זאַך. וואָס האָסטו נייעס?

— דאָס וואָס דו הערסט!

— מאַך נישט קיין פוילע שטיק, נייטן. כ׳בין נישט אין געמיט אויסצוהערן דיינע ליצנות. כ׳בין אויפגעשטאַנען מיט אַ קאָפּווייטיק, אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט.

— כ׳האָב אַליין אויך געהאַט אַ שלאָפלאָזע נאַכט. אַ שיינעם ווילקאָמען האָט מיר קעמדען געגעבן... וואָס כ׳זאָל דיר נישט דערציילן אויפן טעלעפאָן, וועסטו מיטן שכל נישט באַנעמען. ס׳איז געשען אַ קאַטאַסטראָפע...

— אַ קאַטאַסטראָפע?

— אַ משוגענער מערדער האָט אָנגעמאַכט אַ שחיטה אין שטאָט... ער האָט דערהרגעט פופצן מענטשן. צווישן די אומגעקומענע זענען אויך דאָ דריי פון אָנקל בעניס יורשים... ס׳טוט זיך דאָ תשעה־באב. דאָס שטעטל זעט אויס ווי נאָך אַ שלאַכט... קום שוין אַריבער.

— ביזטו ערנסט, נייטן?

— כ׳בין טויט־ערנסט! פאַרגעס נישט מיטצונעמען יאַדזשאַן. איר קענט ביידע פאָרן מיט דער סאָבווי, וואָס לויפט אונטערן דעלעווער־טייך. ס׳נעמט אַ האַלבע שעה. מ׳וועט נאָך דאַרפן אוודאי גיין צו דער לויה אייך! קענסט נעמען אַ וויק, שוואָגער מיינער? כ׳זאָג דיר, פון אַ רעה קומט שטענדיק אַרויס אַ טובה... דער רוצח האָט גוט געצילט! יאַדזשאַ איז געבליבן די איינציקע יורשטע... קומט ביידע שוין אַרויס! כ׳וואַרט אויף אייך ביי דער באַס־סטאַנציע.

איסר יאַגאָדע איז געבליבן שטיין מיטן טרייבל אין האַנט. פון יענער זייט דראָט האָט זיך געהערט אַ קליק, אַ צייכן, אַז נייטן האָט אויפגעהאַנגען דאָס טעלעפאָן־טרייבל. די פאַרחידושטע גרימאַסן זענען נישט אַראָפּ פון זיין פנים. נאַדיר גאָר אַ קאַטאַסטראָפע אינמיטן דרינען! — האָט ער געקרעכצט — און

דער לץ וויצלט זיך נאָך, אַז דער מערדער האָט גוט געצילט. ס׳איז אַ גרויזאַמער וויץ! כ׳זע שוין, אַז די ירושה וועט אָנקומען מיט גרינע ווערים... מ׳עט דאַרפֿן פּאַקן און מאָזלען, ביז מ׳עט דערלעבן צו זען די פּאָר סענט.

זיין ערשטער איינפֿאַל איז געווען אויפֿצוּוועקן יאַדזשאַן און איר אָנזאָגן די וויסטע נייעס. ער האָט איצט נישט געוואָגט אָנצוקלאַפּן אין איר טיר. זי קען אים נאָך חושד זיין, אַז ער וויל זיך ווידעראַמאָל אַריינרייסן אין איר צימער. בעסער אָפּצוּוואַרטן! — האָט ער באַשלאָסן. מיט אַזאַ בשורה דאַרף מען זיך נישט איילן... איבעריקנס, צו וואָס דאַרף יאַדזשאַ פֿאָרן צו אַ לויה אין אַ פֿרעמדער שטאָט? זאָל זי זיך גוט אויסשלאָפֿן. ס׳פֿאָדערט זיך אַביסל צייט ביז איר אויפֿרעגונג וועט אַריבער. — צייט? — האָט ער פּלוצים אַ קוק געטון אויפֿן זייגער און עפּעס האָט זיך גענומען מישן אין זיין מח — מיר נאַרן זיך אַליין, ווען מיר קוקן אויף די ווייזערס פֿון זייגער און אויף די ציפֿערן פֿון קאַלענדאַר. ס׳איז די אייביקע אויסדוכטעניש. דאָס ציפֿערבלאַט, דער קאַלענדאַר, זענען בלויז אָפּצייכענונגען צו רעגולירן די עקזיסטענץ פֿון טאָג, צייט איז אומענדלעך. זי האָט נישט קיין דאַטעס, קיין שעהן, קיין רגעס.

ער האָט געעפֿנט די קליידער־שאַפֿע און זיך דערמאָנט אָן דעם אויספּיר פֿון פֿילאָזאָפֿן, אַז דער ווייזער פֿון צייט ענדערט זיך לויט די אומשטענדן פֿון אונ־דזער עקזיסטענץ. איין מינוט פֿון יסורים איז לענגער ווי אַ שעה פֿון פֿרייד. אַ חודש קנעכטשאַפֿט איז לענגער ווי אַ יאָר פֿרייהייט. פֿאַר דעם אַסטראָלאָג איז אַ מיליאָן יאָר בלויז אַ ווונק. און ביי אים, איסר יאַגאָדען? — איז אים ווידער באַפֿאַלן אַן אויסטערלישע מחשבה — וואָס דויערט לענגער? אַ שעה מיט יאַ־דזשאַן אָדער אַ מעת־לעת מיט רייטשלען?

ער איז אַרויס פֿון דעם שלאָפֿראָק, פֿון די שטעק־לאַטשן און גענומען זיך אָנטאָן. אויפֿן וועג צו דער וואַש־שיסל האָט ער אַרויסגענומען די פֿאַלשע ציין. מיט דעם איינגעזייפֿטן בערשטל האָט ער טיכטיק געפּוצט די יאַסלעס, ווי ער וואָלט געשייערט אַ טאָפּ, ער האָט אויף גיך זיך אָפּגעגאָלט. ווען ער האָט שוין געהאַט אויף זיך דאָס פֿריש־געפּרעסטע העמד מיט אַן אויסגעבונדענעם שוואַרצן שלייפֿל, האָט ער אַ דריק געטון אַ קנעפּל אין וואַנט. ס׳איז אַריינגעקומען אַ באַדינער מיט שלאָף אויף די ברעמען. איסר יאַגאָדע האָט זיך אַרומגעזען, אַז צו קריגן אַ פֿולן אָנבייסן איז נאָך צו פֿרי. ער האָט באַשטעלט אַ טעפּל קאַווע מיט אַ בייגל און אָנגעזאָגט, אַז אַכט אַזייגער זאָל דער באַדינער פֿאַרזיכטיק אַריינטראָגן אָנבייסן אין שכנותדיקן צימער פֿאַר יאַדזשאַן. ער האָט אויך מיט אים אויסגערעדט, אַז ער זאָל איר איבערגעבן אַ בריוול.

ווען דער באַדינער איז אַרויס, האָט איסר יאַגאָדע אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער אויף אַן אַרויסגעריסן בלעטל פֿון זיין נאָטיץ־ביכל. אין צעטל איז געשטאַנען, אַז אַן אומגעריכטע פּאַסירונג האָט אים אַרויסגערופֿן קיין קעמדען. נייטן האָט נאָך פֿאַרטאָג געקלונגען צו אים. זאָל זי, יאַדזשאַ וואַרטן ביז נאָכמי־טאָג אין האָטעל. ער וועט איר אָנטעלעפֿאָנירן אַ פּאָר שעה שפּעטער.

ער האָט געזופּט די קאַווע, געשלונגען שטיקער בייגל און אינדערזעלבער צייט פֿאַרפּאַקט זיין וואַליזע. אונטן ביים קלערקס טיש האָט ער באַצאָלט פֿאַר

אַלץ. ער האָט באַצאָלט פאַרביידע צימערן, פאַר צוויי מאָל אָנבייסן און פאַר־זיכערט, אַז יאַדזשאַ וועט נאָכמיטאָג אַרויס פון האָטעל. אַ שיק־יינגל האָט באַ־שטעלט פאַר אים אַ טאַקסי און ער האָט זיך געהייסן צופירן צו דער סאָבוויי, וואָס לויפט קיין קעמדען.

— 3 —

ביי דער באַס־סטאַנציע אין קעמדען, האָט איסר יאַגאָדע נישט געפונען נייטענען. ער איז אומגעדולדיק דורכגעגאַנגען דעם וואַרט־צימער, וואָס איז געווען געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן. ער האָט אַריינגעקוקט אין דער דערבייאיקער קאַפעטעריע. ביי אַ ביידל נעבן אַ קענדי־סטאָר האָט ער געקויפט אַן ענגלישע צייטונג. אויף דער פראָנט־זייט האָבן פעטע קעפּ אָנגעזאָגט וועגן אַ מאַניאַק, אַ מלחמה־וועטעראַן, וואָס האָט מיט אַ נאַכט פריִער אויסגעהרגעט אינמיטן שטאָט פופצן אומשולדיקע מענטשן. ער האָט געלייענט אַלע איינצלהייטן פון דעם אומגליק און ס׳האָט אים גענומען נאָגן אונטערן האַרץ. אויף וואָס מענטשן זענען פעיִק! ערגער ווי די רויב־חיות! די מלחמה האָט געמאַכט אַ תל פון עם יונגוואַרג. די ביקס האָט פאַרוואַנדלט דעם סאָלדאַט אין אַ פּערמאַנענטן מערדער.

צווישן די אויסגערעכנטע קרבנות האָט איסר יאַגאָדע באַמערקט דריי יידישע נעמען. זאָלן דאָס זיין די יורשים פון אָנקל בעני, וואָס נייטן האָט אַנט־דעקט? ווי ראַפּטום דאָס לעבן מישט האָפענונג מיט אַנטוישונג, פריידן מיט טרויער. ווי אויסטערליש עס קייטלען זיך פּאַסירונגען איינס אין ס׳אַנדערע. געקומען איז ער קיין קעמדען זוכן אַ ירושה און אָנגעטראָפן האָט ער אַן אומ־גליק. פאַרוואָס זעט מען דאָ נישט נייטענען?

ער האָט געקוקט צום ברייטן סקווער, צו די זייטיקע גאַסן און געקומען צום אויספיר, אַז אויך אין קעמדען פילדערט זיך ווי אין ניו־יאָרק, אַז די פאַר־האָוועטע שטאָט אין ניו־דזשוירזי איז היינט טומלדיק נישט ווינציקער ווי יעדן טאָג פון אַ גאַנץ יאָר. טראַמווייען האָבן זיך פאַרבייגעגליטשט. אויטאָבוסן זענען דורכגעלאָפן, טאַקסיס האָבן זיך געיאָגט. דורכגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר די שוי־פענצטער. מענטשן זענען אין איילעניש אַריין און אַרויס דורך דער דריי־טיר פון אַ באַנק, אַ פּאָליסמאַן איז געשטאַנען אינמיטן גאַס און רעגולירט דעם פאַרקער. אַ בריוועטרעגער מיט אַ שווערן בייטל אויפן אַקסל האָט אויסגעטיילט די פּאָסט אין די געשעפטן.

איסר יאַגאָדע האָט אָפּגעשטעלט אַ טאַקסי און זיך אַריינגעזעצט. דער טרייבער מיט אַן אויסגעצערט פּנים האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן.

— וווהין?

— צום פּלאַץ ווו ס׳אומגליק האָט פּאַסירט.

דער טרייבער האָט אַריינגעכאַפּט דאָס רעדל אין די הענט און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— צום ריווער־ראָוד? כ׳פיר שוין היינט דעם פערטן פּאַסאַזשיר אַהינצו... שוין איינמאָל אַ מאַסן־מאָרד! דאָ זעט זיך ס׳אומגליק נישט אָן, אָבער דאָרט,

אין דער שכנהשאַפט, הערט מען נישט אויף צו טרויערן... קיין ערד־ציטערניש אָדער פאַרפלייצונג וואָלט נישט געקענט אַרויסרופן מער שרעק ביי די איינ־ווינער... קאָמיש! אין קעמדען פאַסירט זעלטן אַ האָלד־אַפּ צי אַ טראַפּיק־אומ־גליק... ס'איז די רוּקסטע שטאָט אין ניו־דזשוירזי. און דאָ, מיטאַמאָל, אַ שלאַכט־הויז אויף די גאַסן!... מ'וואָלט געדאַרפט דעם מערדער הענגען נאָך איי־דער מ'הויבט אָן די אויספאָרשונג!

— ווער איז דער מערדער?

— אַ פרומער סטודענט, אַ קריגס־וועטעראַן. ר'האָט זיך געשפּילט מיט רעוואָלווערן און געזאַמלט שטילעטן... ער הייסט רודאָלף גאַנז. ער איז אַ קאָ־לעקציאָנער פון מאָרד־וואָפן. און אים האָט מען געלאָזט אַרומדרייען זיך אויף דער פריי! כ'בין אויך אַ קריגס־וועטעראַן. איך האָב צוויי יאָר געקעמפט קעגן די יאַפּאַנעזער אין אָקינאַוואַ און אין די פיליפּינען, וועט מיר דען איינפאַלן אויסצושיסן קינדער און אַלטע לייט? יעדעס פאַרברעכן האָט אַ פאַרענטפערונג און פאַר יעדן מערדער שטייט אָנגעגרייט אַ פּסיכיאַטאָר אָנשטאָט אַ הענקער.

— וואָס איז דעם מערדערס פאַרענטפערונג?

— ער אַליין זאָגט, אַז ער האָט עס געטון אויס לוסט צו מאָרד. פּסיכיאַ־טאָרן ווילן אים מאַכן פאַר משוגע. ווען ס'ווענדט זיך אָן מיר, לאָז איך די אַלע נשמה־היילערס אַריינזעצן אין אַ דול־הויז... דער מערדער באַרימט זיך, אַז אַפילו די קוילן צו דעם מאָרד־וואָפן האָט ער אַליין צוגעגרייט. פאַראַן אייך שטראָף, הענגען! אַ מאַניאַק, וואָס האָט געמאַכט אייגענע קוילן צו הרגענען מענטשן איז נאָר אַ קאַנדידאַט פאַר דער תליה!

דער אויפגעקאָכטער טאַקסי־טרייבער האָט זיך אַריינגעדרייט אויף אַ שייד־וועג און די מאַשין האָט איצט זיך געטראָגן איבער דעם אָפענעם הויפּט־שאָסיי, וואָס איז געווען פאַרפלאַנצט פון ביידע זייטן מיט הויכע ביימער. מיט די הענט אויף דעם טרייב־ראָד און מיט די אויגן אָנגעשטעלט אין דעם שפּיגעלע איבער דער פראָנט־שויב, האָט ער דערציילט זיין פאַסאַזשיר, אַז דער מערדער איז געווען אַן אַנטי־טאַנק שיסער אין דער אַרטילעריע. ער האָט געהאַט רעליגיעזע בייגונגען און זיינע דייטשע עלטערן האָבן אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ גלח. אויפן חשבון פון אַנקל סעם איז ער אָנגעקומען אין טעמפּל־אוניווערזיטעט. ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו לערנען און האָט געלייענט רק סעקס־ביכער. זיין היים איז געווען אַן אַרסענאַל פון פּיסטאָלעטן, קינזשאַלן, ביקסן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון די שלאַכטפעלדער. ווען ער איז אַרויס אין גאַס שיסן אומשולדיקע דורכגייער, האָט די פּאָליציי געמוזט מיט אים קעמפן עטלעכע שעה מיט שווער געווער און גאַז־באָמבעס, ביז ער איז געפאַנגען געוואָרן. ער האָט פלינק געצילט און פלינק דערהרגעט. מער ווי איין קויל האָט ער נישט פאַר־שווענדט פאַר יעדן קרבן.

איסר יאַגאָדע האָט זיך צוגעהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. ער האָט אָבער נישט געקענט באַנעמען ווי אַזוי אין איין מענטשלעכער נאַטור זאָלן קענען זיך פאַראייניקן: אַ דראַנג נאָך רעליגיעזיטעט, אַ לוסט צו אויסגעלאַסנקייט און אַ חשק צו מאָרד. די צרה איז, וואָס די סאָלדאַטן לערנען מאָראַל ביי די פראָנט־

קאָמאַנדירן אָנשטאָט אײנצוקנעלן די עשרת הדברות. ער האָט געוואָלט פרעגן דעם טאַקסי־טרייבער צי ער האָט געקענט די דריי ייִדישע קרבנות. אָבער דאָ האָט די טאַקסי זיך אָפּגעשטעלט און איסר יאַגאָדע האָט אַ פּראַל אויף געטון דאָס טירל און איז אַרויסגעשפּרונגען.

ער האָט געקוקט אויפן ציפער פון ציילער און באַצאָלט דעם טרייבער. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער שטייט אין אַ שמאָלער גאַס מיט נידעריקע רויט־ציגלדיקע הייזער.

ס'האָט דאָ געאָטעמט מיט דאָרפישער פרימאָרגן־שטילקייט. צוויי פּאָליס־לייט האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט פלעגמאַטישע טריט פאַר אַ ווינקל־הויז. קעגנ־איבער, אין פראָנט פון אַ פרוכט־מאַרקעט, איז געשטאַנען אַ גרופּע פרויען מיט קוישן און געפּילדערט. אַ דראָג־סטאָר מיט גרינע טירן איז געווען פאַרהאַ־מערט מיט אַן אײזערנעם פרענט. פאַרן אַרײַנגאַנג, וואָס איז געווען אויסגע־פלאַסטערט מיט שפּיציקע שטיינדלעך, האָבן זיך אַרויסגעזען לעכער פון אויס־געשאָסענע קוילן.

איסר יאַגאָדע האָט געזען ווי פאַר אַ באַרבער־שאָפּ שטייען נייגעריקע מענטשן און קוקן אַרײַן אין אַ ברייטן שוי־פענצטער. ער האָט זיך דערנענטערט צום הייפל מענטשן. פאַר די שויבן איז געווען אַ שטופּעניש. ער האָט זיך גע־שטעלט אויף די שפּיץ־פינגער און אויך אַרײַנגעקוקט. אינמיטן דער פּאָדלאָגע, צופוסנס דעם שערער־שטול מיט אַ הילצערנעם פערד, זענען געווען פאַר־טריקנטע בלוט־פלעקן. ער האָט אויפגעכאַפּט אַרום זיך אויפגערעגטע קולות, אַז דאָס בלוט איז פון דעם דערהרגעטן שערער און פון אַ דריי־יעריק ייִנגל, וואָס ער האָט געהאַלטן אינמיטן שערן. דער מערדער האָט, לויפנדיק פון איין טיר צו דער צווייטער, אויך דערשאָסן די צוויי קרבנות. איסר יאַגאָדע האָט מיט ווידערווילן אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ. דאָס פאַרטריקנטע בלוט פון אַ קינד אַרום דעם הילצערנעם פערד איז געווען אַ שרייענדיקע אָנקלאַגע אויף דער רציחה.

אין אָנבליק פון אַן אומגליק זענען ביי איסר יאַגאָדען תמיד אָפּגענומען געוואָרן הענט און פיס. דאָס אָפּבילד פון טויט האָט צעשטערט יעדן זין פון מענטשלעכן תכלית. דער טויט איז פאַר אים געווען צייטלעך בלויז דעמאָלט, ווען פון הימל קומט דער גזר. רציחה און זעלבסטמאָרד פאַרשניידן ס'לעבן פאַר דער צייט און ס'איז נישטאָ קיין פאַרגעבונג פאַר גוואַלדטאַט. ס'איז אַ ריינער מאַטעמאַטישער חשבון — האָט ער אויסגעפירט — בעל כרחך אתה חי! דוכט זיך, אַז אויך דער גריכישער פילאָזאָף פּיטאַגאָרעס האָט געלערנט די וועלט, אַז כאָטש דאָס לעבן איז אַ שטראָף פאַר דער נשמה, מוז מען די יסורים אויס־האַלטן מיט אומענדלעכן געדולד און וואַרטן ביז דער טאָג פון טויט וועט קומען. אַפילו אין גלגול נשמות איז פאַראַן חשבון און סדר און יעדער אַרויפגעצוווּנ־גענער טויט צעשטערט דעם סדר...

פון די אַרומיקע איינשטאָקיקע הייזער, דורך די שויבן, האָבן אַרויסגעקוקט שכנים מיט שטומע, פאַרטרויערטע פּנימער, ווי יעדער איינער באַזונדער וואָלט געווען אַ שותף אינעם אומגליק. פאַרן פאַרהאַמערטן דראָג־סטאָר איז געשטאַנען אַן עלטערער מאַן אין אַ רויטן שפּאַנצער מיט אַ ליולקע אין מויל. ער האָט גע־

לאָסן אַרויסגעבלאָזן קנוילעכלעך רויך. ער האָט געקוקט אויף די גרינע טירן, וואָס האָבן געהאַט קוילן־לעכער, מיט דער גלייכגילטיקער מינע פון אַ מענטש, ביי וועמען די גרעניץ צווישן לעבן און טויט איז אָפּגעווישט.

איסר יאַגאָדע האָט צעעפנט די צייטונג און ווידעראַמאָל אָנגעהויבן לייענען די אומעטיקע נייעס.

אַ נידעריקער איטאַליענער מיט אַ גרויסן, שפּיציקן קאָפּ, וואָס האָט געשטופּט אַ באַנאַנע־וועגעלע אויף צוויי רעדער, האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן דראָגסטאָר און באַטראַכט די געלעכערטע טירן. איסר יאַגאָדע האָט באַמערקט, אַז ביים באַנאַנע־הענדלער איז דער ברייטער שטערן צונויפגעגאָסן מיט דעם גלאַנציקן שאַרבן פּונקט ווי ביים פאַרצעלייענעם געץ בודאַ. ער האָט אַ בייל צווישן די ברעמען, צוויי לוסטיקע אויגן און אַ פּאָר ליפּן, וואָס האָבן חשק מיט יעדן דורכגייער צו פאַרפירן אַ שמועס. אַ ווײַלע האָבן ביידע זיך אָנגעקוקט. דערנאָך האָט דער באַנאַנע־הענדלער שפּאָטיש אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף איסר יאַגאָדעס צייטונג און געזאָגט:

— איר גלויבט וואָס ס'שטייט אין די בלעטער? מ'לאָכט פון אונדז... דער מערדער האָט באַזיגט די פּאָליסלייט. ס'אַ ליגן, אַז די לוסט צו הרגענען האָט ביי אים דערוואַכט פּלוצים. דער בעסטאַרד, דער ממזר, האָט שוין לאַנג געלויערט אויף זיינע יידישע שכנים... ער האָט געטראָגן אַ האַס אויפן גוטן דראָגיסט, זילבער... ער האָט געביסן די האַנט, וואָס האָט אים געשפּייזט. אַ בעסטאַרד! אַ בעסטאַרד! די ערשטע קריגעריי צווישן זיי איז אויסגעבראָכן, ווען דער דראָגיסט האָט פאַרצוימט זיין הויף מיט אַ פּאַרקאַן און געצוווּנגען דעם מאַניאַק צו נוצן דעם זייטיקן דורכגאַנג... ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס האָט ער אים אָפּגעטון אַ שפּיצל און פאַר אַ שפּיצל האָט דער פאַרברעכער באַשלאָסן צו באַצאָלן מיט אַ קויל. ר'האָט אָבער נישט אויסגענוצט איין קויל, נאָר דריי קוילן און דערהרגעט דריי מענטשן: דעם גוטן שכן, זיין ווייב און זיין מוטער. אַ בעסטאַרד, אָבער אַ גוטער שיסער! דער טייוול האָט אין אים זיך באַזעצט! ער האָט גוט געצילט און פּינקטלעך אַוועקגעשיקט זיינע קרבנות אין הימל אַריין...

— 4 —

אין דער דאָרפישער פרימאָרגן־שטילקייט, וואָס איז געהאַנגען אויף די שינדל־דעכער, אויף דיביימער און אויף די גראָז־פלאַכן הינטער קעמדען, האָט זיך מיטאַמאָל אַריינגעריסן דער טומל פון די נייגעריקע, וואָס האָבן געהאַלטן אין אָנקומען צום פאַרלאָזענעם ווינקל־הויז. די געלעכערטע וואַנט פונעם דראָגסטאָר און די פאַרטריקנטע בלוט־פלעקן אין דעם באַרבער־שאַפּ האָבן צוגעצויגן יונג און אַלט פון די שכנותדיקע קוואַרטאַלן. אַן עסקאַדראָן פּאָליסלייט האָט איצט אַרומגערינגלט דעם בלאָק מיט די איינשטאָקיקע, רויט־ציגלדיקע הייזער און נישט דערלאָזט צו קיין שטופּעניש. פון אַ דערבייאיקער קירך האָט דער גלאָק זיך צעקלונגען אומעטיק און איינטאָניק.

איסר יאַגאָדע, וואָס איז אַרומגעגאַנגען צווישן די אויפגערעגטע הייפלעך מענטשן, האָט מיטאַמאָל דערשפּירט דעם באַריר פון אַ האַנט אויף זיין פּלייצע. ער האָט קוים באַוויזן אויסצודרייען דעם קאָפּ און דערזען דאָס שמייכלענדיקע פּנים פון נייטענען. זיין רעכטע באַק איז געווען אַנגעלאָפן ווי צום פּלאַצן. זיין היכע, בייניקע געשטאַלט איז געווען אויסגעבויגן. איסר יאַגאָדע האָט אים אָנ־געקוקט מיט שטומען פאַרוואורף. נייטן האָט אים אָנגענומען פאַר אַן אָרעם.

— כ׳האָב געוווסט, אַז כ׳וועל דיך דאָ געפינען, איסר. אַלע קומען אָנקוקן ס׳אָרט פון אומגליק...

— כ׳האָב דיך אַרומגעזוכט אין דער באַס־סטאַנציע.

— אַ קליינע פאַרשפּעטיקונג, איסר. מיינסט, אַז איך זיץ מיט פאַרלייגטע הענט אין קעמדען! וואָס איך האָב שוין אַלץ נישט אָפּגעטון היינט! כ׳בין דאָ אַריינגעפאַלן אין דער ריכטיקער צייט! כ׳מוז נאָך אויסזוכן דעם געגויען יחוס פון די יידישע קרבנות און זייער פאַרוואַנדשאַפט מיט אָנקל בעני... דער מער־דער האָט איבערגעדרייט די שטאָט מיטן קאָפּ אַראָפּ... אַלע איינוווינער — יידן, קריסטן — זענען איין פאַמיליע מיט אבלים און מיר אַליין האָבן אַוודאי איבער וואָס צו טרויערן...

— אויפן טעלעפאָן האָסטו געזאָגט, אַז דער רוצח האָט גוט געצילט...

— ס׳איז געווען אַ וויץ, קענסט דאָך מיך, שדכן פון נאַרפאַלק־סטריט! ס׳גרעסטע אומגליק נעם איך אָן מיט אַ שמייכל. ס׳אַ געמיינע נאַטור ביי מיר, אָבער אָן דעם שמייכל וואָלט איך שוין לאַנג געלעגן אין דר׳ערד און געבאַקן בייגל... ווו איז יאַדזשאַ?

— זי האָט פאַרשלאָפן, כ׳האָב זי נישט געוואָלט אויפוועקן פאַרטאָגס.

נייטן האָט געוואָרפן אַ פאַרשערישן בליק אויף איסרן.

— האָסט שוין אָפּגעטון אַ נאַרישקייט, שדכן? דאָס וואָס דו האָסט נישט געוואָלט באַלעסטיקן אַ ליידי, איז מיר פאַרדעכטיק... געוויינלעך דאַרף מען אַ פרוי שויגען און נישט אַלאַרמירן זי מיט שלעכטע בשורות. אָבער היינט איז געווען אַ גויטפאַל.

— נו, ס׳אַלרייט אָן איר...

— האָסטו זי אפשר באַליידיקט? יאַדזשאַ איז אַ ראַפינירטע פרוי, אָבער אַ סענסיטיווע... זי איז אַן איידעלע נאַטור.

— זי איז שוין צו איידל... מיר האָבן זיך צעוועריטלט נעכטן אָוונט און זי האָט זיך אָנגעברוגזט. מסתמא האָבן מיר ביידע זיך דערדעדט צו נאַרישקייטן... עפּעס איז דער מער מיט אָט דער גרינער! זי האָט אַ מאַנסבילישן קאָפּ אויף אַ ווייבערישן קערפּער. זי איז פיק־קלוג! אינטריגעס אין פאַרהייראַטן לעבן זענען פאַר איר קיין נייעס נישט. זי ווייס מיר עפּעס צופיל פאַרטלען ביים צוזאַמענ־לעבן צווישן מאַן און פרוי. אפשר האָט זי שוין געהאַט אַ מאַנסביל? וואָס טוט זיך דאָרט אין די פּליטים־לאַגערן אין אייראָפּע? נאָך אַלע אויספאָרשונגען ווייס מען ערשט אַ קדחת! דער דאָקטאָר וואָרמס וואָלט באַדאַרפט דאָס וויסן. ער איז אַן עקספּערט איבער דער שארית הפליטה...

— לאָז אַרויס, כ׳בעט דיך, אָט דעם יאָקל פון אונדזערע ירושה־ביזנעס. ער איז בלויז גוט צו פאַרשדכענען מלחמה־עגונות מיט עלטערע אלמנס... און מיט יאַדזשאַן מוזטו זיך באַלד איבערבעטן, הערסט? ס׳ערגסטע איז, וואָס יאַ־דזשאַ איז שוין מער נישט קיין בת־יחידה... עס האָבן זיך געיאַוועט נאָך יורשים.

— מיינסט, עס זענען דאָ מער שוחטים ווי הינער?

— עס זענען געווען. די קאַנדידאַטן אויף דער ירושה זענען אויפן עולם־האמת, אָבער דער פלאַנטער איז געבליבן אויפן עולם השקר...

— מען וועט איצט דאַרפן האָבן די אמתע לאַיערס!

— נישט לאַיערס, נאָר מיניסטער־קעפּ וועט מען דאַרפן. אַרום אַ פעטן ביין דרייען זיך שטענדיק הונגעריקע הינט... נאָכשלעפּערס זענען אַן אומגליק ביי דער ירושה, ווען דער גביר פאַרגעסט איינצוטיילן איטלעכן זיין חלק.

נייטן האָט אָנגענומען איסר יאַגאָדען פאַר אַ האַנט און אים אַוועקגעפירט פון דעם באַרבער־שאָפּ. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ פאָר רעדלעך מענטשן און זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ געזאָלין־סטאַנציע. ער האָט צענומעןביידע הענט און אָנגעוויזן אויף דעם אָפענעם ריווער־ראָוד.

— קום, כ׳וועל דיר ווייזן, וואָס דער רוצח האָט אָפּגעטון.

— כ׳ווייס אַלץ. דער טאַקסי־טרייבער האָט מיר שוין דערציילט...

— אַז דו ווייסט, דאַרף מען נישט פאַרלירן קיין צייט. לאָמיר צוגיין צו די קרובים פון די קרבנות. דאָס זענען צוויי שוועסטער, אַלטע בתולות. זיי זענען די אמתע אבל׳טעס.

— כ׳זע, דו היטסט אָפּ אַלע מצוות, נייטן. מיינסטו, מיר דאַרפן גיין זיי מנחם אבל זיין?

— דערפון קענען מיר זיך נישט אַרויסדרייען. כ׳האָב זיי שוין פריִער אָנגעזאָגט וואָס מיר זוכן אין קעמדען. זיי דערציילן נישט קיין גוטס וועגן אָנקל בעני. דאָרט וועט מען אונדז אַזוי גיך נישט אָפּלאָזן, ווילע מענטשן, אַביסל פאַרגויאישט. זיי הויבן נישט אָן צו וויסן ווי מען מאַכט אַ ייִדישע לוויה. איך האָב פאַר זיי אָפּגערופן דעם לוויה־קאַפּעל און מ׳האַלט מיך שוין פאַר איינעם פון דער משפחה... דו, אַ שדכן, אַ האַלבער חזן, וועסט דאַרפן מאַכן אל מלא רחמים און איך וועל נאָך האָבן דעם כבוד צו טראָגן די מיטה...

— 5 —

בלויז פינף בלאָק מיט הייזער זענען נייטן מיט איסר יאַגאָדען פאַרבייגע־גאַנגען, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַ ברוינלעך איינשטאָקיק הויז, וואָס איז געשטאַנען אַ ביסל אָן אַ זייט פונעם אָפענעם וועג, ווי אַן אָפּגעלעגענע ווילאַ. קלעטער־פלאַנצן זענען געקראָכן אויף די ווענט פון דעם געביי. דער דאַך איז געווען באַדעקט מיט רויטע דאַכעווקעס. די פענצטער זענען געווען אויסגעשפּיצט דרייקאַנטיק ווי טויבן־שלאַקן. אַ פאַרביקער גאָרטן אין פולן געבלי האָט אַרומ־

גענומען דאָס געביי. אויף ביידע זייטן פונעם נידעריקן, אייזערנעם טויער האָבן זיך אַרויסגעהויבן טורעמלעך ווי אָרנאַמענטן אויף אַ שלאָס.

ביים ערשטן קלינג האָט זיך געעפנט דאָס טויערל. ביים צווייטן קלינג האָט אויפגעפּראַלט אַ ברייטע פראָנט־טיר. אַ שוואַרצע דינסט האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל.

— וועמען ווילט איר זען? די פאַמיליע איז אין טרויער...

נייטן האָט זיך גערוקט פאַראויס.

— דער טרויער איז אויך אונדזערער. מיר זענען אויך קרובים... דער־קענסט מיך שוין נישט, עטל? נאָך נישט קיין צוויי שעה ווי כ׳בין אַוועק פונ־דאַנען.

ביי דער שוואַרצער דינסט זענען די ווייסלדיקע אויגן געוואָרן וואַרעמער. זי האָט ברייטער געעפנט די טיר מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט ערשט איצט דערקענט היימישע פּנימער. אין קאָרידאָר איז אַקעגן געקומען אַ נידעריקע בלאָנדע פרוי אין אַ לויז, שוואַרץ קלייד. פון די אויערן האָבן זיך געבאָמבלט אויערינגלעך, לאַנגע ווי זשיראַנדאָלן. זי האָט מיט אַ פלעגמאַטישן קאָפּ־שאָקל באַגריסט ניי־טענען. איסר יאַגאָדע האָט נישט געקענט ביי זיך אָפּמאַכן צי דער קאָפּ־שאָקל באַדייט מרה שחורה צי ערנסט? נייטן האָט אים פאָרגעשטעלט:

— מיין שוואָגער. באַקענט זיך מיט אים, מיס ליליען. דאָס איז מיסטער יאַגאָדע, אַ ניו־יאָרקער חזן און... שדכן.

— וואָס מיר זאָלן נישט זיין, זענען מיר שותּפים צום אומגליק, — האָט די בלאָנדע פרוי אונטערגעזיפצט, — געכטן אין דער צייט האָבן אונדזערע קו־זינס נישט געטראַכט, אַז מען וועט זיי אַוועקלייגן אין לוויה־קאַפּעל... אָרעמע מאַלי און מאָריס! ס׳איז כאָטש גוט וואָס איר, מיסטער פאַרבער האָט גערופן די, וואָס מ׳דאַרף. איר האָט זיך באַוויזן ווי אַ מלאך. אַליין בין איך אַ פאַר־לוירענע ביי אַן אומגליק. אין יידישע טרויער־צערעמאָניעס בין איך אינגאַנצן אַ פרעמדע. אוי, דאָס לעבן איז אַ חלום!...

פון צימער האָט זיך אַרויסגערוקט אַ פעטלעכע פרוי אין טונקעלע ברילן. זי איז געווען פון קורצן וווקס. זי האָט געשטעלט לאַנגזאַמע טריט, אירע נישט פאַרקעמטע האָר זענען געווען טונקל ביי די וואָרצלען און העל ווי היי ביי די צעשויבערטע לאָקן, וואָס זענען נאַכלעסיק געפאַלן איבער די שלייפן. זי האָט געטראָגן אַ גרינעם שטוב־כאַלאַט, באַנייט מיט בלומען. דער געפּעלדלטער האַלז איז געווען אַרומגענומען מיט אַ שנירל בלאַסע קרעלן, דרייפאַכיק געפלאָכטן. זי האָט נערוועז געצוקט מיט אַן אַקסל.

אַן זייערע פּנימער האָט איסר יאַגאָדע דערקענט, אַז דאָס זענען שוועסטער. ליליען, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצן קלייד, האָט אָנגענומען דעם אָרעם פון דער, וואָס האָט געטראָגן דעם גרינעם שטוב־כאַלאַט.

— טילי, דאָס זענען ניו־יאָרקער קרובים פון מאַלין. זייער אמתע פאַר־וואַנדשאַפט איז מיט אָנקל בעני. זיי וועלן בלייבן צו דער לוויה. גוט וואָס מיר האָבן אויך רעליגיעזע מענטשן אין דער פאַמיליע, טילי. איין דזשענטלמען איז אַ קאַנטאָר. ער וועט זינגען ביי דער צערעמאָניע אין קאַפּעל...

טילי האָט מיט די פינגער גענומען ווישן די אויגן. זי האָט גערעדט שטיל מיט אַ הייזעריקלעך קול.

— די אָרעמע מאַלי האָט ליב געהאַט געזאַנגען. פאַר מוזיק וואָלט זי אַוועקגעגעבן ס׳לעבן... אַלע פאַר וואָכן איז זי געפאָרן קיין ניו־יאָרק הערן די זינגער פון דער מעטראָפּאָליטאַן־אָפּערע און פּיאַנאָ־שפּילן איז געווען איר האָבי! יום־כיפּור אין שול האָט זי נישט געקענט זאָט זיך אָנהערן מיט די טרויעריקע מעלאָדיעס. איצט וועט מען זינגען איבער איר קבר...

ליליען האָט אַרויסגענומען אַ ווייס טיכל און צוגעלייגט צו די נאָז־פליגל, זי האָט געקוקט אויף איר שוועסטער און געשעפּטשעט:

— זי האָט אָפּגעזינגען איר לעבן, אַ קורץ לעבן... ווי אַזוי וועט מען זיך פאַרענטפערן פאַר די אָרעמע יתומים? ביי דעם יינגערן זון, טשאַרלי, וועלן די אויגן קיינמאָל נישט אויסטריקענען... פאַר זיינע אויגן האָט מען אומגעבראַכט דעם טאַטן מיט דער מאַמען. ער זיצט שוין אַ טאָג מיט אַ נאַכט שטום און געליימט. דער עלטערער, העראַלד, פליט איצט אַהער. ר׳איז אַן אַמעריקאַנער זעלנער אין יאַפּאַן. כ׳האָב אים ערשט טעלעגראַפירט די טרויעריקע בשורה, און די אַרמיי שיקט אים מיט אַ מיליטערישן עראָפּלאַן צו דער לוויה פון זיינע עלטערן. גאַנץ קעמדען וועט זיי באַגלייטן צו זייער אייביקער רו.

טילי האָט אָפּגעמאָסטן איסר יאַגאָדען אַ לענגערע ווײַלע. איר קול איז איצט געוואָרן שטאַרקער.

— כ׳וויל נישט קיין טומלדיקע לוויה. כ׳וויל נישט קיין מווי־סצענעס ביי די אָפענע קברים... מאַלי און מאָריס האָבן פאַרדינט מ׳זאָל רעספּעקטירן זייער אָנדענק. ווען זיי וואָלטן געוווּסט, אַז זיי גייען שטאַרבן, וואָלט זייער איינציקער ווונטש געווען, אַז די לוויה זאָל זיין אַ שטילע צערעמאָניע. דער הייליקסטער טרויער איז אין שטילקייט. כ׳בין נישט קיין ראַבאַי, אָבער כ׳ווייס, אַז די יידישע טראַדיציע פאַרלאַנגט אויך אַזוי. וואָס זאָגט די ביבל, קאַנטאָר? כ׳וועל אַנזאָגן, מען זאָל נישט אַריינלאָזן קיין זייטיקע מענטשן אין קאַפּעל, מאַלי און מאָריס האָבן נישט געהאַט קיין שונאים, אָבער ס׳וועלן נישט פעלן קיין פאַלשע קעץ, וואָס וועלן פאַרגיסן קראָקאָדיל־טרערן. די באַגלייטער וועלן מוזן ווייזן איינלאַדונגען. כ׳גיי באַלד אַרויסשיקן די לוויה־קאַרטלעך צו פאַמיליע־מיטגלידער און פריינט.

ביידע שוועסטער האָבן ווידעראַמאָל טרויעריק זיך איבערגעקוקט, זיי האָבן פלוצים זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן אויפגענומען די געסט אין קאָרידאָר און זיך געלאָזט צום אויפנעם־צימער. איסר יאַגאָדע און נייטן זענען נאָכגעגאַנגען. ס׳איז געווען אַ גרויסער זאָל מיט געדרייטע טרעפּ צום אויבערשטן שטאָק, מיט געבלימלטע ווענט, אָבער ס׳איז דאָרט נישט געווען צוגערוימט. אויף דער רויטער סאָפע איז געווען אָנגעוואָרפן: אַ ווייבערישער קאָרסעט, זיידענע זאָקן, אַן אונטערקליידל, איבער דעם ווענטל פון אַ שטול איז געהאָנגען אַ צעקנייטשטע געלבלעכע בלוזע. דערנעבן זענען געלעגן אַ פּאָר שטעק־שטיך מיט פּאָמפּאָנעס. פאַר אַ וואַנט איז געשטאַנען אַ שטויב־זויגער. איבער דעם האָריקן דיוואַן, צופוסנס פון אַ כינעזישער לאָמפּ, זענען געווען צעשאָטן פרימאָרגן־צייטונגען. פונעם

ראַדיאָ־קאַסטן האָט אַרויסגעשריגן די הילכיקע שטים פון דעם נייעס־אַנאָנסער. אַ ברוין־געפלעקטע קאַץ איז געזעסן איינגעקנוילט אויפן דעק פון אַן אַלטמאָדי־שער פּיאַנאָ און געדרימלט.

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ פאָטעל און באַקוקט די ווענט. אויף איין בילד, איינגעראַמט אין ווייַנהאָלץ, איז געווען אויסגעמאָלן אַ הירשן־יאַגד. אַ צווייט געמעל האָט פאָרגעשטעלט ווי דזשעפערסאָן שרייבט אונטער די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט. איבער דער פּיאַנאָ איז געהאָנגען דער פאָר־טרעט פון אָנקל בעני, אַ שמאָל, אײדל פּנים מיט אַרויסגעשטאַרצטע ברעמען. איבער דעם הויכן שטערן זענען געווען אַריבערגעקעמט לאַנגע פּאַסמען האָר. די קנאָכיקע באַקן זענען געווען איינגעראַמט אין אַ לינקאָלן־בערדל.

איסר יאַגאָדע האָט באַשלאָסן, אַז אַזאַ פּנים פּאַסט פאַר אַ פּראָפעסאָר, נישט פאַר קיין גאָלד־גרעבער, וואָס האָט איבערגעלאָזט קורחס אוצרות. ער האָט גע־וואָלט זיין מיינונג אַרויסזאָגן פאַר נייטענען. אָבערביידע פרויען האָבן אים אַוועקגעזעצט נעבן זיך און פאַרפלייצט דאָס צימער מיט אַ מבול רייד. די שוואַרצע דינסט עטל, איז אַריינגעקומען מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט עפּעס פאַר־שפּעטיקט. זי האָט גענומען שטופּן דעם שטויב־זויגער איבערן דיוואַן. זי האָט אַ דריק געגעבן אַ קנעפּל און אַ בייזער רויש, ווי מען וואָלט געבויערט אַ צאָן, האָט גענומען זשומען אין איסר יאַגאָדעס אויערן.

איסר יאַגאָדע איז גרייט געווען איצט צו רעדן וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט וועגן לוויות. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז נייטן האָט אָפּגעשטעלט דעם מבול רייד ביי די אַלטע בתולות און פאַרקירעוועט דעם שמועס אויף פריי־לעכערע זאַכן. ער האָט אָפּגעווישט דעם טרויער פון זייערע פּנימער. זייערע אויגן זענען געווען אויסגלייטערט. אַפילו אַ פּאָר מאָגערע שמייכלען האָט ער ביי זיי אַרויסגעקראָגן. אַזאַ בריה! ער קען באַצווינגען חוהס טעכטער! דער כוח פון שטן שטעקט אין אים! — האָט איסר יאַגאָדע געכאַפּט התפּעלות פון זיין שוואָגער — יעדע פרוי קען פאַר אַזאַ איינעם זיין אַ פאַנג. ר'וואָלט אפשר מיט יאַדזשאַן אויך זיך אַן עצה געגעבן. יאָ, וואָס איז טאַקע מיט יאַדזשאַן? מען דאַרף איר אָנטעלעפאָנירן, זי זאָל נישט פאַרשפּעטיקן די לוויה. די מויד קען דאָ אַריינפאָרן אין קעמדען און אָפּשפּילן די אמתע חתונה!

ליליען איז געבליבן זיצן מיט נייטענען. טילי האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַריין אין אַ זייטיקן צימער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ בודואַר. דורך דער האַלב־אָפענער טיר האָט איסר יאַגאָדע באַוויזן צו זען, ווי זי וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם גרינעם שטוב־כאַלאַט און אַ האַלב־נאַקעטע זוכט זי אין דער שאַפע אַ פאַסיק קלייד אָנצוטאָן. טריפהנע פייערלעך האָבן זיך געצונדן אין זיינע אויגן. ער האָט געוואָלט אַוועקכאַפּן די בליקן, אָבער די אויגן זענען געבליבן הענגען אויף דער טיר. וואָס קוק איך עפּעס נאָך ווי אַ פרעמדע פרויענצימער האַלט זיך אין איבערטאָן? — האָט ער זיך אַליין געזאָגט מוסר — אַ שטאַרקער מאַנסביל דאַרף גובר זיין זיינע באַגערן אין דער ריכטיקער מינוט. ווי האָט געהייסן דער תנא, וואָס האָט אַליין זיך אויסגעשטאָכן די אויגן, כדי נישט צו קומען לידי עבירה? ווי אַלץ קריכט מיר אַרויס פון קאָפּ! יאָ, ס'איז דאָך געווען

רבי מתיאָ בן חרש... אין ילקוט שמעוני איז דאָך באַשריבן די גאַנצע געשיכטע. דאָס איז שוין איינמאָל אַ מעשה נורא פון אַ צדיק, וואָס איז באַגאַנגען איבער זיך אַ גוואַלדטאַט...

—6—

ווען טילי איז צוריקגעקומען, האָט זי געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ פּעקל וואָג און אַ בינטל יאָרן. איר שווערע פעטע פיגור איז געווען איינגעצויגן אונטער אַן אָפּגעפּאַסט ברוין קלייד. די נאָכהענגענדיקע פאַלדן איבערן האַלדז זענען געווען אויסגעגלעט, פון די פיין צוגעקעמטע האָר האָט געיאָגט אַ שאַרפער פּערפום־ריח. זי האָט זיך צוגעזעצט נעבן איסר יאַגאָדען מיט אַ בלאַסן שמייכל. אים האָט זיך געדוכט, אַז זי חנדלט זיך צו אים מיט דער קאָקעטעריי פון יענע פאַרוויאַנעטע מיידלעך, וואָס האָבן פאַרשפּילט אַלע געלעגנהייטן.

ער האָט געקוקט צום צווייטן עק צימער. די קאַץ איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פּיאַנאָ, אינמיטן שפּרונג אַנגערירט מיט אַ שפּיץ לאַפּקע אַ קלאַוויש און דער קלאַנג האָט געברומט אין די אויערן. דאָס שוואַרצע דינסטמיידל האָט אַרויסגע־שטופּט דעם שטויב־זויגער. נייטן מיט ליליענען זענען געזעסן ווי צוגעקלעפּט צו די שטולן. נייטן האָט, ווי אַ יונגער פּראַנט, נישט געקאַרגט קיין קאָמפּלי־מענטן און ליליען האָט אָנגעקוואָלן מיט דער פרייד פון אַן אומשולדיק מיידל, וואָס לעכצט נאָך פאַרפירערישע רייד. ווי גיך די צוויי בתולות האָבן זיך איינ־געטיילט מיט די געסט! — האָט איסר יאַגאָדע אויסגעפירט — די ערשטע נו־דיעט נייטענען און די צווייטע האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים. זי וואַרט מסתמא אויף אַ פאָר חניפה־ווערטער. פונדעסטוועגן האָט ער געקוקט אויף איר מיט גלוסטנדיקע אויגן. ער האָט אַ טשמאָקע געטון מיט די ליפּן.

— ר׳זעגט אַ שיינע פרוי, בלי׳ענדיק און זאַפטיק.

— וואָס קען מען שוין פון מיר דערוואַרטן? — האָט טילי אין פאַרלעגנ־הייט זיך געררויטלט — כ׳בין אַלט און צעקוועטשט.

— צעקוועטשטע טרויבן האָבן אין זיך אַ סך וויין...

טילי האָט זיך צעלאַכט.

— ווו האָט איר דאָס געלעזן?

— כ׳האָב עס געהערט פון עמעצן. נישט קיין שלעכט ווערטל.

איבער איר פּנים האָט זיך פאַרצויגן אַ שטיפערישער גרימאַס.

— איר מענער זייט פאַרשווענדעריש מיט קאָמפּלימענטן. ביי זיך אין האַרצן האָט איר אוודאי נקמה, וואָס ס׳איז צו שפּעט, אַז אַ מאַן זאָל אין אַזאַ איינער ווי איך זיך פאַרליבן?

— אָפּצוטון אומזיניקייטן איז קיינמאָל נישט צו שפּעט. איך אַליין האָב זיך אויך ערשט פאַרליבט אין מיינע רייפע יאָרן. און דער רעזולטאַט? לאָמיר בעסער רעדן וועגן פרייליכערע זאַכן... ליבע איז אַ לאָטעריע־שפּיל. דאָס לעבן האָט

נישט קיין פעסטע געזעצן. אַז די הייראַט שטימט נישט, ווערט אַנגעקלאָגט די פרוי. כ'האָב אַ שפּאַנישן שכן אין ניו־יאָרק, איז ער אַ גאַנצער פילאָזאָף. דער, וואָס גלויבט אין דער ליבע פון אַ פרוי — זאָגט ער — איז פּונקט ווי ער וואָלט געאַקערט די כוואַליעס פון ים, געזייט דאָס זאַמד אין מדבר, אָדער געזוכט צו כאַפּן דעם ווינט אין אַ נעץ...

איסר יאַגאָדע איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַריינגעשפּיזלט די אויגן אין דעם וואַנט־פּאָרטרעט פון אָנקל בעני. די אַרויפגעשאַרצטע ברעמען האָבן ביי אים אויסגעזען ווי הערנער און דאָס לינקאָלן־בערדל, ווי ס'וואָלט געווען צוגע־קלעבט. ווי ווערט אַזוינס אַ דערפּאָלג אין דער גאָלדענער מדינה? — האָבן זיינע ליפּן געברומט — אַ פּנים פון אַ מלמד און אַ פּאָר הענט, וואָס רייסן אויף מינעס מיט גאָלד... מען דאַרף אַ טאָפּ טון דעם דופק ביי די צוויי שוועסטער. זיי ווייסן אַוודאי די געשיכטע פון דעם קורח...

טילי האָט לייכט אָנגערירט זיין אָרעם און אומעטיק אָנגעוויזן מיט אַ פינ־גער אויף דעם וואַנט־פּאָרטרעט.

— ער איז נישט געווען אין לעבן אַזוי ווי אויפן בילד. דאָס פּנים איז ווי דער גרים ביי אַן אַקטיאָר. אויפן פּאָרטרעט איז דאָס געזיכט אָפּטמאָל אַ מאַסקע און אָנקל בעני האָט געהאַט מאַסקעס ווי אַ פאַנטאָמימע־שוישפּילער. ער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ פילאַנטראָפּ, פון אַ פּרויען־יעגער, פון אַן איינשטעלער אויף פערד און פון אַ ביזנעס־אונטערנעמער. מיט אַלץ האָט ער ריזיקירט, אָבער אַ טובה פאַר אַ משפּחה־מענטש האָט ער קיינמאָל נישט געטון. ס'אַ פאַקט, אַז ער האָט געפירט אַ לעבן פון אַן אַוואַנטוריסט. טעקסאַס האָט אים רייך געמאַכט איבערנאַכט, אָבער ווען דאָס גאָלד איז אים גערונען אויף די פינגער, האָט ער אונדז נישט געהאָלפן. נאָכן טויט פון אונדזערע עלטערן, האָבן מיר זיך געמאַ־טערט אין דעם אייזן־סטאָר זייערן. די ירושה איז באַשטאַנען פון שווערע חובות, אָבער אָנקל בעני האָט פון אונדז נישט געוואָלט הערן. אַז די צווייטע וועלט־מלחמה איז געקומען, האָבן מיר זיך אַרויסגעקאָפּעט פון די שולדן און אָפּגע־שפּאָרט געגנוג איינצוצאָלן אויף דעם שטיקל הויז, וווּ מיר וווינען איצט. ס'האָט אויסגעזען, אַז מיר שטעלן זיך ווידער אויף די פיס.

— האָט ער דעמאָלט זיך יאָ דערמאָנט אָן אייך?

— ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט קוזינעס און איז געקומען צו אונדז טרינקען קאָפע און באַרעדן זיינע שוועסטער פון דער אַלטער היים, וואָס פאַר־לאַנגען שטיצע. פונדעסטוועגן איז ער געווען אַן איינזאַמער מענטש. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין פאַמיליע־לעבן. ער האָט ליב געהאַט זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן, אָבער נאָר פאַר יענע, וואָס האָבן ביי אים גאָרנישט געמאָנט... איך און ליליען האָבן ביי אים אַפילו קיין עצה נישט פאַרלאַנגט. ס'איז געווען אַ טומל, אַ „בום" אויף ריעל־עסטייט, האָבן מיר אויך געגאָסן און געקויפט אַן אַפּאַרט־מענט־הויז. פאַר אַנדערע זענען צופיל פּרויען אַן אומגליק, אָבער אים האָבן זיי אַריינגעבראַנגט מזל. קעמדען האָט געמאַכט אַ טעות מיט דער איינרעדעניש, אַז ער האָט געמאַכט געלט, ווייל ער איז געווען אַ מזלדיקער ביזנעסמאַן...

— ער האָט נישט געהאַט קיין מזל?

— ער איז געווען אַ מזלדיקער ליבהאָבער... ער האָט זיך געחברט מיט רייכע אַריסטאָקראַטקעס, וואָס זענען געקומען פון יוראָפּ און ר׳האָט זיי לעבעדיי־קערהייט געירשנט. זיינע אַוואַנטורעס זענען געווען פאַנטאַסטיש. ער האָט זיך באַרימט, אַז אַ באַראָנעסע פון ווין מיט בלוי בלוט אין אירע אָדערן, האָט אויף אים זיך אָנגעזעצט: „ליבלינג, דו ביזט אַן אויסוואורף, אָבער כ׳האָב דיך ליב...״ אַ גרעפין פון בודאַפּעסט, וואָס האָט אַרויסגראַטעוועט מיליאָנען קיין אַמעריקע, האָט זיך צעוויינט יעדעס מאָל, ווען זי האָט אים באַגעגנט: „דו פאַרדאָרבענער כאַראַקטער, כ׳קען נישט בײַשטיין דיין כישוף״... ער האָט די אַמעריקאַנער פרויען אויך נישט געשוינט. אַן אָפּגעגטע פרוי פון אַ שיקאַגער פוטער־מיליאָנער האָט אָפּגעשלאָגן זיינע טירן: „ביזט אומדערטרעגלעך, אָבער כ׳ווער ווילד צוליב דיר! לאָמיר געניסן פון דעם זינדיקן לעבן״.

איסר יאַגאָדע האָט זיך צעשמייכלט.

— ער איז געווען דער אמתער פויגל. כ׳זע שוין, אַ גוטער יעגער און אַ פלינקער שיסער. פרויען זענען מסתמא ווי רייפע עפל אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט...

— אָנקל בעני איז געווען רעוואָלוציאָנעריש אין זיינע אַוואַנטורעס. ער איז פלינק דערגאַנגען, אַז פרויען שאַצן אָפּ מענער, וואָס זענען ריטערלעך צו דאַמען און ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַרויסצווייזן די אַמביציעזע פרויען זיין ר׳יטערלעכקייט. ביי איינער האָט ער אויסגעליידיקט די קופּערטס און ביי אַ צווייטער די באַנק־ביכלעך. ווען כ׳וואָלט זיך נישט געשעמט וואָלט איך געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַן אונטערוועלט־מאָראַל, כאָטש זיינע ליבהאָבערינס האָבן אים באַטראַכט ווי אַ צויבער־שאַרלאַטאַן. אָבער צו וואָס דערצייל איך דאָס אַלץ? צו וואָס באַרעדן אַ געשטאָרבענעם? לאָמיר בעסער דערמאָנען זיינע יורשים. יאָ, די איינציקע, וואָס האָט געהאַט ביי אים גליק איז געווען די אָרעמע מאַלי. פאַר איר האָט דער קאַרגער שטענדיק געהאַט לויט־ווערטער. זי האָט אים איינמאָל געראַטעוועט פון ניומאָניע. פאַר איר מאַן מאָריס האָט ער אַפילו, אַלס באַלוינונג געקויפט דעם דראַג־סטאָר...

— איז ער דאָך געווען אַ פילאַנטראָפּ!

— מאַלי האָט עס ערלעך פאַרדינט. זי האָט אַלע אירע יאָרן אים באַ־האַנדלט ווי אַ געטרייע דינסט. אַ בן־יחיד ביי אַ מאַמען וואָלט זיך בעסער נישט געהאַט. נאָך דער ערשטער האַרץ־אַטאַקע האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז זי וועט אים ירשענען... ער האָט געהאַלטן וואָרט, ווייל נאָך זיין טויט איז אין דער צוואה געווען פאַרשריבן, אַז דאָס פאַרמעגן גייט פאַר מאַלין מיט איר מאַן און פאַר אַן אָרעמער פלימעניצע אין דער אַלטער היים... נו, ווי הייסט דאָרט דאָס מיידל, וואָס מיסטער פאַרבער האָט אויפגעזוכט? יאַדזשאַ? אַ קאָמישער נאָמען פאַר אַ גרינהאָרן! דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט... וואָס האָט די גרינע אַריינגעשטעקט אין די ביזנעס? האָט זי צומאָל זיך אָנגעליטן פון אָנקל בעני? אַ באַשערטע זאַך! און וואָס האָבן די יורשים אויסגעפירט? אָנקל בעני איז גע־גאַנגען אין קבר אַריין און מיטגערופן צו זיך מאַלין מיט מאָריסן...

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך אַרויסגעלאָזט אַ זיפֿץ.

— דאָס לעבן איז אַ ווילדער קאָשמאַר. דער שפּאַן איז קירצער ווי מען מיינט... אַ וויג, אַ טענצל און באַלד דערנאָך אַ לוויה. ווער האָט עס זיך גערעכט, אַז כ'וועל מאָרגן שוין באַגלייטן מײַנע אָרעמע קוזינס צו זייער אייביקער רו?

קאַפּיטל זיבעצן

— 1 —

צומאָרגנס אין דער פֿרי איז אין דער לוויה־קאַפּעל שוין געווען אַ געדרענג. כאָטש אַרײַנגעלאָזט האָט מען בלויז משפּחה־לײַט און נאָענטע פֿרײַנט אויף אײַנלאַדונגס־קאַרטלעך, פֿונדעסטוועגן האָט מען זיך געשטופּט דורך די אָפֿענע פֿראָנט־טירן, וואָס זענען געווען באַוואַכט פֿון צוויי געוויקסיקע, דיקע פּאָליס־לײַט.

אינעווייניק האָט זיך געטראָגן אַ שטיל שלוכצעניש און זיפֿצעניש. פֿון די לאָמפּן מיט די מאַטע אַבאַזשורן איז געפֿאַלן אַ רויטלעכער, געדעמפּטער שײַן איבער די בענק און ווענט. ליליען און טילי אין שוואַרצן האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי קלאַג־ווייבער, ביי וועמען די טרערן זענען געוואָרן אויסגעטריקנט. ליליען האָט געטוליעט צו זיך דעם צוועלף־יאָריקן יתום טשאַרלי, וואָס איז געשטאַנען אַ פֿאַרגולמטער. טילי האָט אָנגעוויזן מיט אַ מינע פֿון גליקזעליקייט אויף דער שטופּעניש אין די טירן.

— איצט זעט מען, אַז מאַלי און מאָריס האָבן קיין שונאים נישט געהאַט. דאָס זענען ריינע נשמות געווען. די גאַנצע וועלט האָט זיי ליב געהאַט...

פֿאָרוויז, מיט זאַכטע טריט ווי ביי אַ פּראָצעסיע, זענען די מענטשן פֿאַר־ בייגעגאַנגען די אָפֿענע ארונות,, וווּ אינעווייניק זענען געלעגן מאַלי און מאָריס קאַלטע, שטײַפֿע און אויסגעפּוצטע ווי טויטע פּרינצן פֿון אַ מעשהלע.

ביים אַרײַנגאַנג איז געשטאַנען דער דירעקטאָר פֿון קאַפּעל אין אַ יאַר־ מעלקע. הינטער אים האָבן זײַנע צוויי אַסיסטאַנטן מיט פֿייערלעכע מינעס נאָכ־ געקוקט די קאַרטלעך, ווי דאָס וואָלטן געווען טעאַטער־בילעטן. ווען איסר יאַ־ גאָדע און נייטן, באַגלייט פֿון יאַדזשאַן, זענען אַרײַנגעקומען אין לוויה־קאַפּעל, האָבן זיך שוין געהערט די יללות פֿון די אבלים. יאַדזשאַ איז אָנגעקומען אין קעמדען נאָך מיט אַ נאַכט פֿריִער. זי האָט געפֿונען דאָס צעטעלע, וואָס איסר יאַגאָדע האָט איבערגעלאָזט אין האָטעל און פֿון אויפֿרעגונג האָט זי באַשלאָסן, נישט צו וואַרטן אויף זײַן טעלעפֿאָן־רוף. זי האָט אָפּגעפּאַרבט די נעגל און אי־ בערגעקעמט פֿון דאָס ניי די האָר, מיטאָג־צײַט האָט זי געלעזן אין צײַטונג די נײַעס פֿון קעמדען און געהייסן דעם פּאָרטער אַראָפּטראָגן איר וואַליזע אין דער לאָבי. איידער זי האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ טאַקסי, האָט מען זי גערופֿן

צום טעלעפאָן, עס האָט גערעדט נייטן, ער האָט איר געהייסן צופאָרן ביז צו דער באָס־סטאַנציע אין קעמדען, ווו ער וועט זי אָפּוואַרטן.

פאַרנאַכט איז יאַדזשאַ שוין געווען אין איר נייעם האָטעל־צימער אין קעמ־דען. מיט איסר יאַגאַדען האָט זי קיין שמועס נישט געפירט, ווי זי וואָלט געליטן פון אַ משפחה־בושה, וועגן וועלכער מען מיידט אויס צו רעדן. ביי נייטענען האָט זי געבעטן, ער זאָל זי באַקענען מיט ליליען און טילי נאָך דער לוויה. זי האָט געוואָלט וויסן אַלץ וועגן די צוויי פאַרזעסענע שוועסטער, וועגן זייער משפחה־אָנגעהעריקייט און נישט דולדן קיין סודות הינטער אירע פּלייצעס. די קריוודעס און חשבונות מיט די צוויי מאַנסבילן האָט זי אָפּגעמאַכט אויסצולאָדענען, ווען די קברים וועלן שוין זיין צוגעדעקט.

ביים אַריינגיין אינעווייניק האָט איסר יאַגאַדע מיטאַמאָל פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז געקומען קיין קעמדען. די אָפענע ארונות האָבן אים גערירט. דאָס שלוכ־צעניש פון די ווייבער האָט געוועקט טרויער. ס'איז אים אַרויס פון זכרון דער שטרייט אינדערהיים מיט רייטשלען און די אַוואַנטורע מיט יאַדזשאַן. וואָס פאַראַ באַדייט האָבן אַלע ערדישע רייבונגען אין פאַרגלייך מיט דער אומזעבאַרער קראַפט, וואָס לעשט אויס כהרף־עין דאָס לעבן? ער האָט געקוקט אויף די מענטשן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען די אָפענע ארונות. די אבלדיקע פנימער האָבן שטום געגלאָצט אויף די מתים. מאָריס, דער דראָגיסט איז געלעגן אָנ־געטון אין זיין טלית. מאַלי, זיין ווייב, איז געווען אויסגעפוצט אין אַ זיידן קלייד, ווי אין אַ חופה־געוואַנד. די פאַרבייגייער האָבן ערפורכטיק געוואָרפן לעצטע בליקן אויף דעם ערדישן איבערבלייב פון די צוויי קרבנות. וואָס שטעקט אין די בליקן? — האָט איסר יאַגאַדע אַליין זיך געפרעגט — רחמנות אָדער נייגע־ריקייט צו די טויטע פּנימער? דער טויט קען אַמאָל דערשלאָגן און אַ צווייט מאָל פאַרווילן. נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון. טויט און פאַרוויסטונג זענען שוין געווען ביים אָנהויב פון דעם וועלט־באַשאַף. קינס און הבלס האָבן שוין עקזיסטירט פריִער. וועלטן זענען חרוב געוואָרן נאָך פאַר בריאת העולם.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין „ידי משה“ ווערט געזאָגט, אַז פאַר דער יצירה פון דער וועלט זענען באַשאַפן געוואָרן זעקס גרויסע זאַכן: תוהו, בוהו, חושך, רוח, מים, תהומות. וועגן דעם ווערט בפירוש אָנגעוויזן אין בראשית, „בראשית“ — עס הייסט, אַז דער אַלמעכטיקער האָט באַשאַפן זעקס זאַכן. די, וואָס גלויבן, אַז יעדעס אומגליק איז באַשערט, לייקענען אויך ניט, אַז יעדער קרבן איז אַ צופאַל. אויפן אָרט פון אָט דעם מת אין טלית, אין דעם זעלבן ארון האָט דאָך ער, איסר, געקענט ליגן... אַלץ איז אייטעל. הבל הבלים, עס איז אַ גלגל החוזר. טאָ צוליב וואָס דער שטרייט מיט רייטשלען? צוליב וואָס די צאַנקערייען מיט יאַדזשאַן?

ער איז פאַרבייגעגאַנגען די שורות בענק, וואָס זענען געווען באַזעצט פון מענער און פרויען מיט אומעטיקע פּנימער. דער לוויה־קאַפּעל האָט אים דער־מאָנט אַ שול מיט מתפּללים צו כל נדרי. ער האָט זיך גערוקט צום אויבן־אָן, ווו עס האָבן געברענט גרויסע ליכט. נאָענט צו די ארונות האָבן זיך געטראָגן שלוכצענדיקע קולות. עס האָבן געזיפצט די קרובים, וואָס קומען אויף שמחות

און לוויות. אַ מיטליאָריקער מאַן מיט אַ באָרד פון אַ היימישן מלמד האָט גע־פּאַטשט מיט די הענט אָן דער וואַנט און זיך פאַרגאַנגען אין אַ געיאָמער.

— טאַטע אין הימל! פאַרוואָס איז עס זיי געקומען?

אַ פרוי מיט אָפּגעקראַכענער שמינקע אויף איר פאַרעלטערט פּנים איז צוגעפאַלן צום ערשטן ארון און אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש.

— פאַרוואָס ביזטו טויט, מאַלי? פאַרוואָס ביזטו פון אונדז אַוועק, מאָריס? בעסער וואָלט מען מיך געלייגט אין קבר אַריין... אוי, גאָט! אויף וועמען לאָזן זיי איבער די לעבעדיקע יתומים?

איסר יאַגאָדע האָט באַמערקט ווי יאַדזשאַ טראָגט זיך מיט דער רייע מענ־טש,ן וואָס גייען פאַרביי די ארונות, אָבער זי מיידט אויס צו קוקן אין זיין זייט. נייטן, וואָס האָט אים דערבליקט פונדערווייטנס, האָט זיך האַסטיק דערנענטערט צו אים. זיין פּנים איז איצט געווען טרויעריק. זיין איינגעבויגענע פלייצע איז געווען אויסגעגלייכט. די רעכטע, אַנגעלאָפּענע באַק, וואָס האָט תמיד געהאַלטן אין איין מעלה־גרהן, האָט איצט קיין צוק נישט געטון, ווי מען וואָלט דאָרט אָפּגעטויט אַלע נערוון. ער האָט געזאָגט:

— ווּעסט מאַכן דעם אל מלא, איסר. ליליען און טילי באַשטייען דערויף. דער חזן איז נאָך נישטאָ. דעם הספד וועט זאָגן דער היגער רב...

— דאָס האָסטו מיר אָנגעטון דעם כבוד?

— אַזוי פיל מעגסטו טון פאַר די אבלים...

— דאַכט זיך, ס׳איז אַ לוויה־קאַפּעל פון די רעפאָרם־ייִדן און איך פאַרשטיי זיך נישט אויף די מנהגים פון די יאַהודים.

— מתים זענען מתים אומעטום. ביי רעפאָרם־ייִדן און ביי אָרטאָדאָקסן. און דו, איסר, ביזט גאָר נישט אַזוי אַלטמאָדיש.

— האָסט דאָך געזאָגט, אַז אין קעמדען טוען מיר בלויז ביזנעס.

— דער אל מלא איז אַ טייל פון די ביזנעס.

— אַלץ איז ביי דיר אויסגערעכנט, לאַיערישער קאָפּ...

— שאַ, זעסט?

דורך דער פראָנט־טיר האָבן פאָרוויז אַריינשפּאַצירט צוויי שערענגעס פרויען, דרייסיק אין צאָל, אין ווייסע קליידער און אין ווייסע שיך. זיי האָבן זיך געטראָגן מיט אַ שטילן געפּלאַטער, ביז זיי זענען צוגעקומען צום אויבן־אָן, נעבן די ארונות. די ערשטע אין דער שערענגע, אַ הויך־געוויקסיקע דאַמע מיט אַן אויפגעטורעמטן קאָפּ רויטע האָר, מיט פריש אָנגעשמירטע ליפּן און גלעקל־דיקע אויערינגען, האָט געעפנט אַ קליין, שוואַרץ־געבונדן תהילימל אויף ענגליש. זי האָט אָפּגעוואַרט ביז עס איז געוואָרן גאָר שטיל. דערנאָך האָט זי, מיט אַ מינע ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו דעקלאַמירן האַמלעט, אָנגעהויבן דעם ערשטן פּסוק. דער כאָר פרויען האָט פייערלעך און ערפורכטיק נאָכגעזאָגט יעדעס וואָרט.

די פּסוקים תהילים האָבן מיט גלעקלדיקע טענער זיך געטראָגן איבערן קאַפּעל און איסר יאַגאָדען האָט זיך אויסגעדוכט, ווי די קולות פון די פרויען

אין ווייסן וואָלטן געוועז דאָס געזאַנג פון אַ טשאַטע ווילדע פייגל. די ווייסע אוניפאָרמען מאַכן זיי אויסזען ווי אומעטיקע קראַנקן־שוועסטער — האָט ער אויסגעפירט — און די פריזירטע קעפּ פּאַסן זיך פּאַר באַל־דאַמען. די פּסוקים אין ענגליש האָבן געקלונגען פּאַר אים ווי דעקלאַמאַציע און די פייערלעכע קו־לות זינגען טעאַטראַליש. מען פעלשט דאָס לעבן און מען פעלשט דעם טויט — האָט ער זיך געערגערט — וואָס זענען זיי: קלאָג־ווייבער צי וואָדעוויל־אַקטרי־סעס? עס פעלט דאָ בלויז דאָס קנאַלעריי פון אַ דזשאַז־אָרקעסטער. ס'אַן אמתער חילול־המת. וואָס כ'וויל וויסן איז — צי איז דאָ אַ טעאַטער־בינע צי אַ באַ־גרעבעניש־אָרט?

ער האָט ווידעראַמאָל געכאַפּט אַ קוק אויף די ערשטע צוויי פרויען מיט די תהילימלעך אין די הענט און באַמערקט, אַז אויף די אַרבל פון זייערע ווייסע בלוזעס זענען אויסגעהאָפּטן ברוינע אָפּצייכענונגען. די אָפּצייכענונגען האָבן דערציילט, אַז דאָס זענען שוועסטער פון דער צדקה־סאָסייעטי, ווו מאַלי איז גע־ווען אַ טוערין. הייסט עס, אַז זיי זענען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד זייער טויטער שוועסטער? נאָך אַלעמען, איז דער טויט אַ גערעכטער מאַנער. ער צווינגט די לעבעדיקע צו מאַכן אַ שטיקל חשבון מיט דער וועלט. ער נויט זיי צו נעמען אינווענטאַר פון זייערע מעשים.די זעלבע פרויען, וואָס באַוויינען איצ־דערפרי די טויטע מאַלי, וועלן נאָכמיטאָג שפּילן אַ קאָרטן־רעמי און טרייבן רכילות. זיי וועלן באַרעדן פריינט און זיך טיילן מיט לשון הרע. אַפילו אין גרעסטן טרויער זענען פרויען קנאַפּע בעל־רחמנותניצעס. די איינציקע זאַך, וואָס איין פרוי גיט דער צווייטער אין אויסטויש פאַר אויסלאַדענען אירע קריוור־דעס, איז אַ זיפצעלע.

ליליען האָט, ווי אַ באַרעמהאַרציקע מאַמע, נאָך אַלץ געהאַלטן אין אירע אָרעמס טשאַרלין, וואָס האָט אַ פאַרגליווערטער געקוקט אַרום זיך. דער קליינער יתום איז אין די וואַרעמע אָרעמס געווען שוצלאָז. די רחמנות־אויגן האָבן אים נישט געצערטלט. אין זיין פאַרגולמטן בליק איז געווען סיי דערשטוינונג, סיי טעמפּקייט, וואָס שטילט איין ס'גוואַלדגעשריי און מעקט אָפּ דעם צאָרן אויפן אייגענעם אומגליק. די דערוואַקסענע מענטשן אינעם קאַפּעל, וואָס זענען געוועז אויפגעבראַכט אויף דער האַנט, וואָס האָט פאַרטיליקט די לעבנס אָן אַ זין, אָן אַ ציל, האָבן נישט געהאַט קיין טרייסט־וואָרט פאַר דעם קליינעם יתום. די שוועס־טער אין די ווייסע קליידער האָבן אויפגעהערט זאָגן תהילים און אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָבן אויך געשוויגן די קרובים, עס האָבן געשוויגן די ווענט, עס האָבן געשוויגן די ארונות.

מיטאַמאָל האָט טשאַרלי זיך אַרויסגעריסן פון טיליס אָרעמס, ווי ער וואָלט וועלן צולויפן צו די אָפענע ארונות. ער איז נישט דערלאָפן. ער איז געבליבן שטיין אינמיטן וועג מיט דער זעלבער פאַרגליווערטקייט ווי פריער. און קני פּאַראַויס, די צווייטע הינטערווילעכץ. נאָך אַ ווילע האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ יאָמערלעכן, צעצויגענעם געוויין.

— מאַ! פּאַ!

— 2 —

ס׳איז אָנגעקומען דער רב אין אַ הויכער, אַכטקאַנטיקער יאַרמלקע. ער האָט געטראָגן איבערן האַלדז אַ שמאָל טליתל ווי אַ שאַליק. ער האָט זיך גערוקט צום אויבן־אָן, ווו די ליכט האָבן געברענט. אין זיין גאַנג איז געווען די פלעגמאַטישקייט פון אַ ניכטערן רעוורענד, וואָס גייט טון זיין געלאַסענע פליכט. ער האָט זיך געשטעלט אויף דעם בעלעמער. צוויי מענער זענען צוגעגאַנגען צו די ארונות און זיי פאַרמאַכט.

דער רב האָט געהאַלטן זיין הספד אין אַ פייערלעכן ענגליש. אויך ער האָט אַריינגעפלאָכטן אין זיינע זאַצן פּסוקים פון תהילים. די רייד זענען געווען קילע און געשליפענע אַזוי ווי מען נוצט זיי ביי אַ פרומע פרעדיקט.

איסר יאַגאָדען האָט זיך אויסגעוויזן ,אַז אין דעם ראַבאַיס הספד פעלט די וואַרעמקייט, וואָס דאַרף רירן הערצער. פון אַביסל קדושה איז שוין אָפגערעדט. ער האָט נישט געקענט ביי זיך אָפמאַכן ווו ער איז אַריינגעפאַלן? צו די רעפאָרם־יידן אָדער צו די קאָנסערוואַטיווע? אַלע זאָגן לויב־ווערטער וועגן די נפטרים. אחרי מות קדושים אמור... עס זעט אויס, אַז די יידישע אבלות איז אומעטום גלייך. די גוואַלדן דאָ זענען ווי ביי אַן אַלטמאָדישער לוויה און די געזאַנגען מיט דעם הספד קלינגען ווי מאָנאָלאָגן אין די מיילער פון העלדן פון גריכישע טראַגעדיעס. אין צוגאָב שטאַמלט דער ראַביי נאָך אַביסל אונטער... פון ווען אָן איז דאָס שטאַמלען אַ חסרון? — האָט ער זיך שוין אַליין געכאַפּט ביי אַ טעות — גרויסע מחשבות ווערן געבוירן דורך שטאַמלעניש. משה רבינו איז געווען אַ כבד־פה. און דוכט זיך, אַז אַ גריכישער פילאָזאָף דעמאָסטענעס איז געוואָרן אַ וועלט־באַרימטער רעדנער צוליב זיין שטאַמלעריי... וואָס אַ צופאַל קען אַלץ אויפטון! וועגן יענעם משוגענעם גריך דעמאָסטענעס שטייט דאָך געשריבן, אַז זיינע פריינט האָבן פון אים חוזק געמאַכט יעדעס מאָל, ווען ער האָט געעפנט דאָס מויל. בעת דעמאָסטענעס האָט זיך פאַרהיקעט, האָבן די אַריסטאָקראַטן פון אַטען זיך געהאַלטן ביי די בייכער פון לאַכן. דער באַליידיקטער גריך האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט מוזן אָנהויבן רעדן אַזוי, אַז די גאַנצע וועלט זאָל וועלן צו אים זיך צוהערן. ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ משוגענער המצאה. ער האָט פּראַקטיצירט רעדנעריי מיט שטיינדלעך, אַריינגעלייגט אין זיין מויל און ער איז געוואָרן דער גרעסטער אָראַטאָר פון זיין דור.

וואָס מיר קריכט אַלץ אין קאָפּ! — האָט איסר יאַגאָדע זיך אַרומגעקוקט — און צו וואָס מוז איך זוכן חסרונות איצט, ווען אַלץ אַרום איז איינגעהילט אין אבלות? וואָס בין איך עפּעס אַ משגיח איבער די ראַבאַיס? אויף יענער זייט פון לעבן ווערט סיי ווי אַלץ אָפּגעווישט, חסרונות און מעלות, טרויער און פרייד, שלעכטס און גוטס. דעם מענטש ווערט געגעבן די בחירה, אָבער ער איז אַ קנעכט צו די כוחות וואָס געוועלטיקן איבער אים.

ער האָט דערשפּירט אַ שטופּעניש הינטער זיך. פונעם געדרענג האָט זיך דערטראָגן אַ פאַרשטיקט כליפּעריי. דאָס האָבן שטיל געוויינט די צוויי שוועסטער, ליליען און טילי, וואָס האָבן זיך געלאָזט צו דער טיר. אַן עלטערע דיקע פרוי אין

אַ הוט מיט אַ גרין פעדערל איז זיי נאָכגעגאַנגען און געביסן אירע נעגל. זי האָט פלוצים אויפגעהויבן בײדע הענט צו דער טיר:

— העראַלד איז שוין געקומען! ווי צו דעם אָרעמען קינד! צו וואָס איז ער איצט געקומען?

ליליען און טילי האָבן אונטער די אָרעמס אַריינגעפירט דעם עלטערן זון, וואָס איז אָנגעקומען פון לופט־פעלד. אינמיטן געדרענג איז ער געבליבן שטיין און זיך אַרומגעקוקט. ער איז געווען הויך און קנאָכיק. זיין געפּרעסטער מונדיר האָט געהאַט אָפּצייכענונגען פון אַ פליער. דאָס פּנים איז געווען פאַר־וואָלקנט. אין די אויגן האָט געפלאַמט צאָרן און נייגעריקייט, נקמה און תמימות. ער האָט געקוקט אויף די פאַרמאַכטע ארונות, אויף די ברענענדיקע ליכט און אויפן רב, ווי דאָס וואָלט געווען אַ ווילדע פאַרשטעלונג. מיטאַמאָל האָט ער באַפרייט זיינע אָרעמס פון זיינע באַגלייטערינס און זיך געלאָזט פאַראויס. ביז צו די ארונות איז ער געגאַנגען ווי אין אַ מאַרש. פון בעלעמער איז פלוצים אַקעגן געקומען יאַדזשאַ. זי האָט לייכט אָנגענומען זיין האַנט און אים אָפּגעשטעלט. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ ווייכן, פאַרטאַיעטן בליק.העראַלד האָט זי אַ ווײלע באַטראַכט ווי אַ ווילד־פרעמדע, דערנאָך האָט ער אַריבערגעטראָגן זיינע שטאַרע בליקן אויף די ארונות און אַרויפגעלייגט די הענט אויף די שלייפן.

— פאָ... מאָ... פאַרוואָס האָב איך פאַרשפּעטיקט?

איסר יאַגאָדע האָט געגאַפט צו יאַדזשאַן. עס פעלט איר נישט קיין חוצפּק, — האָט ער געטראַכט, — און קיין נאַר איז זי אויך נישט. דער באַי איז ערשט גע־קומען צו פליִען, און זי האָט שוין דערשנאַפּט, אַז ער איז אַ יורש... אין דער גרעסטער בהלה פאַרלירט זי נישט דעם קאָפּ, און זי איז גערעכט אויך! מיט שותפים דאַרף מען זיך נישט צערעמאָניעווען. דאָס שפּיל פון שליסן באַקאַנט־שאַפט איינער מיטן אַנדערן פּאַסט ביי לייט אויף אַ חתונה, נישט ביי אַ לוויה.

נייטן איז צוגעקומען אין איילעניש. הינטער אים זענען געשטאַנען ליליען און טילי. בײדע זענען איצט געווען מיד און צעקנייטשט ווי זקנות. דער רוזש, אויסגעווייקט אין טרערן, האָט זיך געשײלט פון די באַקן ווי טינק. זיי האָבן גע־קוקט אויף איסר יאַגאָדען מיט בעטנדיקע אויגן.

נייטן האָט אים דערלאַנגט אַ ווייסן, ציכטיקן טלית מיט אַ סאַמעטענער יאַרמעלקע:

— ווי נאָר דער רב וועט ענדיקן, וועסטו זאָג דעם אל מלא.

— דאָ דאַרף מען האָבן אַן אמתן חזן און איך בין שוין יאָרן נישט געשטאַ־נען פאַרן ברעטל.

— רעד נישט ווי קיין שיפע־זיבעלע... קענסט אַלע דריידלעך פון אַ בעל־מנגן. ביי מיר ביסטו נאָך אַלץ אַ פרימאַדאָנע...

איסר יאַגאָדע האָט צוגענומען דעם טלית מיט דער יאַרמעלקע און אָנגע־קוקט נייטענען מיט אַ שטומען פאַרוואורף. דער פאַרוואורף האָט געטענהט: מ׳האָט מיר אָנגעהאַנגען אַ פעקל! פאַר די פאַרטרויערטע ווייבער האָט ער געהאַט אַ ווייך רחמנות־שמייכעלע. ער האָט גיך אַריבערגעוואָרפן אויף די אַקסלען דעם טלית. די יאַרמעלקע איז געווען אַביסל צו קליין אויפן קאָפּ. ער האָט זיך גע־

שטעלט פאַרן טרעפּל פון בעלעמער ווי אַ משורר, וואָס וואַרט אויפן צייכן פונעם חזן. באַלד האָט דער רב געענדיקט דעם הספד. איסרן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון בעלעמער מיט דער גדלות פון אַן אַקטיאָר, וואָס גייט אַראָפּ פון דער בינע, נאָכדעם ווי ער האָט איינקאַסירט די אַפּלאָדיסמענטן.

אין טלית און אין דער יאַרמעלקע איז איסר יאַגאָדע געווען ווי אין אַן אַנדערער הויט. אַ לאַנג־דערשטיקטער חשק זיך צו לאָזן הערן פאַר אַן עולם האָט אין אים זיך אויפגעוועקט. ווען די קאָנקורענטן פון דילענסי־סטריט וואָלטן אים געזען דאָ אויפן בעלעמער, וואָלטן זיי צעפּלאַצט געוואָרן. ער האָט פאַרצויגן דעם אל מלא איינגעהאַלטן און מיט ערפורכט. די שטים האָט קונציק זיך געמען גאָרגלען אין האַלדז ווי אַ שנירל אויף אַ וויקלראָד. צוערשט זענען די טענער געווען דינע, דערנאָך זענען זיי זיך פאַרגאַנגען מיט אַ ציקלעניש און מיט אַ רעש, ווי ער וואָלט געבלאָזן אויף אַ טראָמפּייט. כ׳מאַך עס אויסגעצייכט, — האָט ער אינמיטן אל מלא אָנגעקוואָלן, — די כלי אַרבעט ביי מיר ווי ביי אַ געניטן בעל תפילה. עס זאָל פעלן אַ קנייטש! אַ דריידעלע! פּונקט ווי ביי די געשווירענע מנגנים. ווען דאָ איז אַ טעאַטער, וואָלט נאָך אויסגעבראָכן אַ האַנט־פּאַטשעריי.

אין יענער רגע, שטייענדיק אויפן בעלעמער איבער די צוויי ארונות מיט מתים, האָט ער מיטאַמאָל גענומען מעסטן און וועגן זיינע פאַרבאָרגענע פעיִקייטן. ער מוז זיך צוריקנעמען אין די הענט אַריין. ער האָט זיך צופיל אָפּגעלאָזן. וואָס ליגט אים איצט אין זינען? וואָס האָט ער געמאַכט פאַר אַ תכלית אין זיין לעבן? ווייבער? עשירות? דער אַפּעטיט נאָך ביזנעס און דאָס יאָגעניש נאָך יאַדזשאָס ירושה מאַכן פון אים אַ תל. אין מעלה האָט יאָ די בייזע רייטשל. ביי די גרעסטע צוויסטיקייטן וועט זי מודה זיין, אַז אין אים שטעקן באַהאַלטענע כוחות... איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל וועט ער מוזן ביי זיך באַשליסן, אָדער בלייבן שדכן און חזן, אָדער אַריינלייגן דעם מאַרך זיינעם אין די ביזנעס. ער וויל נישט זיין קיין צעשפּאָלטן באַשעפעניש.

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אל מלא, האָט מען גענומען אַרויס־טראָגן די צוויי ארונות פונעם לוויה־קאַפּעל. אינדרויסן האָבן געוואַרט צוויי שוואַר־צע טויטן־אויטאָמאָבילן, גרייט אָפּצופירן די מתים אויפן בית־עולם. אין פאָדער־הויז איז געווען אַ שטופּעניש און אַ האָוועניש, אַז מען האָט געקענט צעקוועטשט ווערן. דער עולם האָט זיך געיאָגט צום אַרויסגאַנג. ווי די אַנגעלאָפענע איילן זיך דאָס! — האָט ער געטראַכט בעת ער איז געטראָגן געוואָרן אין געדרענג. — ווי פלינק מען וויל אַריינלייגן דאָס טייערסטע אין דר׳ערד! דורך דער אָפענער פראַנט־טיר האָט ער געזען ווי די גאַס איז שוואַרץ פון מענטשן. רייען אויטאָ־מאָבילן זענען געשטאַנען לענגאויס דער גאַס אויף אַ פאַר בלאָק, גרייט אַריינצו־נעמען די נאָענטסטע מלווים. דער המון איז געשטאַנען אומגעדולדיק, ווי ער וואָלט אָפּגעוואַרט אַ פּאַראַד. פּאָליסלייט האָבן געהאַלטן וואַך אויף אַ לאַנגער שטרעקע. זיי האָבן אָפּגעשטעלט דעם פאַרקער און נישט דורכגעלאָזט די פאַר־ביילויפנדיקע טראָקס, טאַקסיס און אויטאָמאָבילן.

— 3 —

ביים אַרויסגיין פונעם קאַפּעל האָט איסר יאַגאָדע דערפילט אַ קוועטש אין רעכטן אַקסל. דאָס האָט נייטן אין איילעניש פאַרבייגייענדיק אים אָפּגעגעבן אַ יישר־כוח פאַר דעם אל מלא רחמים. איידער ער האָט באַוויזן אים אָפּצושטעלן, איז נייטן שוין געווען אונטן אין גאַס. ער האָט איצט געשפּאַנט האַסטיק, מיט דער פאַרנומענקייט פון אַ מענטש, אויף וועמען מען האָט אַרויפגעלייגט גרויסע פליכטן. עס האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן ליליען מיט טילין, איינגעהילט אין זייערע טונקעלע טיולן. זיי האָבן געפירט דעם יינגערן יתום טשאַרלי. יאַדזשאַ, וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען, האָט געהאַלטן הערצלדן פאַר אַן אָרעם. אירע צוגעלאָזענע רייד און אירע זשוואַווע טריט האָבן אויף אים באַדאַרפט אָניאָגן אַ מונטערקייט.

איסר יאַגאָדע האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג. ער האָט געקענט שווערן, אַז אין איר האַלטונג איז געווען די העזה פון איינער, וואָס ווילט זיך אויף אַ משפחה־צוזאַמענקום און נישט פון אַן אבלטע, וואָס קומט צו אַ לוויה. אונטן, אויף דער לעצטער טרעפּ, וואָס האָט אַרויסגעפירט אין גאַס, האָבן ליליען מיט טילין זיך אומגעקוקט. זיי האָבן דערזען יאַדזשאַן נעבן הערצלדן און זייערע טרויעריקע אויגן האָבן זיך געצונדן. אין דעם איבערקוקן זיך פון די פרויען איז געווען אַ כוחות־פאַרמעסט.

טילי האָט באַדעכטיק איינגעגעסן איר בליק אין יאַדזשאַן. ווייבלעכער צאָרן האָט זיך געראַנגלט מיט ווייבלעכן חן. טיליס עקשנות האָט נאָכגעגעבן. די קנאה איז אויסגערונען. יאַדזשאַס פּנים האָט געשטראַלט. פון אירע אויגן איז געווען אויסגעווישט יעדער שפּור פון טרויער. די לענגלעכע אויערינגען, ווי פראַנזן, האָבן זיך געוויגט אַנטקעגן האַלדז. דער ברוינער קאָסטיום איז אויף איר געלעגן געפּאַסט, אָפּגעצויגן אין דער טאַליע און ענג ביי די אַקסלען. זע נאָר דעם גאַנג! — האָט טילי זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. — האָט אַזאַ איינע גאָר קיין מאַניערן נישט? זי איז געקומען ווי צו אַ פּיקניק!

ווען די פרויען האָבן געהאַלטן אין איבערקוקן זיך, איז איסר יאַגאָדע פלינק אונטערגעקומען, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרשפּעטיקט. ער האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר פינגער.

— באַקענט זיך. ליליען און טילי. און דאָס איז — יאַדזשאַ!

— מיר האָבן זיך שוין באַקענט! — האָט טילי שאַרף אַ זאָג געטון.

יאַדזשאַ האָט געשמייכלט:

— נישט אָפיציעל...

— אָפיציעל צי נישט אָפיציעל. דאָס האָט דאָ קיין באַדייטונג נישט — האָט ליליען זיך אַריינגעמישט — איצט, אַז מיר זענען שוין יאָ באַקאַנט, איז גוט, אַז מיר זאָלן זיך איינע די אַנדערע פאַרשטיין...

פון יאַדזשאַס פּנים איז אויסגערונען דער שמייכל.

— איך וואָלט נישט געוואָלט זייך אומפריינטלעך. אָבער כ׳זע נישט די בויטיקייט, אַז מיר זאָלן צו פרי זיך פאַרשטיין איינע די אַנדערע.

ליליענס פּנים איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט צאָרן.

— דו פֿאַרשטייסט וואָס איך מיין, מיס! און איך רעד אויך נישט פֿון וועג. מיר זענען אינטעליגענטע מענטשן. יעדע זאַך האָט איר צייט, פֿאַרוויילונג מיט טרויער מישן זיך נישט. העראַלד איז אַ יתום...

— כ׳ווייס. כ׳האָב געהערט דעם הספּד.

— העראַלד איז נישט געפֿלויגן טויזנטער מייל פֿון יאַפּאַן, אַז ער זאָל זיך אַריינלאָזן אין אַ פֿלירט אינעם קאַפּעל... ער איז געקומען צו דער לוויה פֿון זיין טאַטע־מאַמע...

— וואָס ?

— האָסט מיך געהערט ביים ערשטן מאָל, מיס! דו נעם בעסער אַראָפּ די אויגן פֿון העראַלדן. מיר געפֿעלט נישט ווי דו קוקסט אויף דעם באָי.

ביי יאַדזשאַן האָבן די שיינע, ברוינע אויגן זיך צעפֿלאַקערט. זי האָט זיך אַ רוק געגעבן אין דער זייט פֿון ליליענען, אָבער איסר יאַגאָדע האָט זיך אַריינגע־שטעלט צווישן די צוויי פֿרויען ווי אַ וואַנט. די זיכערקייט, אַז ער האָט צעשיידט די ווייבערישע כוחות נאָך איידער זיי האָבן אָנגעהויבן די מלחמה, האָט אין אים געוועקט זעלבסט־אָנזען. אַ שטילע נקמה האָט ער איצט יאָ געהאַט אָן יאַדזשאַן. די מויד האָט געקראָגן אַ פּסק, זי וועט שוין דעם העראַלד קיין קאָפּ נישט פֿאַר־דרייען. אויף אַ רגע האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז רייטשל איז וועגן יאַדזשאַן גערעכט. אומעטום זוכט זי איר פֿאַנג. ביי איר גאַנצער קלוגשאַפֿט פֿאַרגעסט זי, אַז קיין פֿרוי קען גאָרנישט טון צו אַ מאַן, ווי לאַנג אַן אַנדער פֿרוי האָט אויף אים רחמנות. און וואָס נעם איך זיך עפּעס אָן, אינמיטן דרינען, פֿאַר די פֿאַרזעסענע מיידלעך? — האָט ער חרטה געקראָגן — כ׳דערטראַכט זיך צו נאַרישקייטן און כ׳פֿיר זיך ווי אַ בהמה. יאַדזשאַ דאַרף העראַלדס פֿריינטשאַפֿט צוליב די ירושה־ביזנעס און דערווייל בין איך נאָך אין שותפֿות מיט יאַדזשאַן און נישט מיט די עלטערע בתולות.

יאַדזשאַ האָט אָפּגעמאָסטן ליליענען מיט ווידערווילן און איז אַראָפּ די טרעפּ. די פֿרוי איז צו געמיין, מען זאָל זי רעספּעקטירן און צו פֿאַרוויטיקט, אַז מען זאָל זי באַליידיקן, — האָט זי געטראַכט, — איר מזל איז, וואָס מען שטייט איצט פֿאַר די שוואַרצע טויטן־וועגענער... ביי פֿריילעכערע אומשטענדן וואָלט זי אַלעמען געזאָגט, וואָס זי טראַכט וועגן אַזאַ נישט אידל באַשעפֿעניש. מענער קוויקן זיך, ווען פֿרויען פֿירן אַ דועל צווישן זיך. מיסעטר יאַגאָדע איז אַ באַשטע־טיקונג דערויף. ווי זיינע כיטרע אויגן גלאָצן! ווי זיינע באַקן ווערן באַשמאַלצן! וואָס איז דער מער מיט די פֿרויען, וועלכע ליידן פֿון אייפֿערזוכט אַפֿילו דעמאָלט, ווען זיי גרייטן זיך צו באַגראָבן זייערע אייגענע, וואָס זענען שוין פֿריי פֿון איי־פֿערזוכט און צוטרוי, פֿריי פֿון שנאה און ליבשאַפֿט?

די ארונות זענען שוין געלעגן אין די טויטן־וועגענער. די מלווים האָבן זיך אַריינגעזעצט אין די אויטאָמאָבילן. צוויי פֿאַרטערס אין אוניפֿאָרמען האָבן נאָכ־געטראָגן גרויסע, פֿיל־קאָלירטע בלומען־קראַנצן. אויפֿן וועג צו די אָפֿענע טיר־לעך האָבן דאָ און דאָרט אויסגעבראָכן שטילע שלוכצערייען. אַ פּאָר עלטערע פֿרויען מיט שוואַרצע שאַלן אויף די קעפּ זענען אונטערגעפֿירט געוואָרן פֿון די

אויפזעער פונעם לוויה־קאַפּעל. פאַרן טרעפּל פון ערשטן אויטאָמאָביל האָט איינע זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, אָפּגעדעקט די פאַרטרערטע אויגן און פאַרבראָכן די הענט מיט אַ צעצויגענעם קוויטש.

— מאַלי! ווו פירט מען אונדזער לעבעדיקע מאַלי?

די שוואַרצע טויטן־וועגענער האָבן לאַנגזאַם גענומען זיך רירן פאָראויס. די אויטאָמאָבילן מיט די מלווים זענען נאָכגעפאָרן. דער המון איז אָפּגעטראָטן פוןביידע זייטן. דער געדרענג איז געוואָרן שיטערער. צווישן די לויזע מענטשן־רעדלעך האָט איסר יאַגאָדע אַרומגעזוכט נייטענען. כ׳וועל שווערן, אַז ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַן אויטאָמאָביל צווישן די קרובים — איז ער געווען נישט אינגאַנצן זיכער — ער׳ט נאָך זאָגן קדיש פאַר די בנים אויך! צופיל מחותנשאַפט איז אויך נישט גוט. די ליליען מיט טילין וועלן געטרייסט ווערן אָן אים.

ער האָט דערזען יאַדזשאַן שטיין פאַר אַ סלופּ אַ פאַרווירטע. זי איז געווען פאַרלאָזן אין דער פרעמדער שטאָט, פּונקט ווי ער. פונדעסטוועגן, איז אין איר איינזאַמקייט געווען אַ שטילע אַרויסרופערישקייט. די פרענזן־אויערינגען האָבן געגרופן ווי גלאָקן. דער געפּאַסטער קאָסטיום אויף איר אָפּגעטאָקטער פיגור האָט אי געמאַכט אים אומרויק, אי אים געצוימט. ער האָט געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס און צו איר זיך דערנענטערט. זי האָט אין דערוואַרטונג זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. איסר יאַגאָדע האָט אַ שמייכל געטון.

— אונדזער נייטן איז אומעטום אינדערהיים...

— איר זעט דאָ אויך נישט אויס ווי קיין פרעמדער, — האָט זי אַ זאָג געטון.

— דו מיינסט דעם אל מלא, וואָס כ׳האָב אויסגעזונגען? דאָס האָט מען אויף מיר אַרויפגעצוווּנגען.

— מצוות טון און ליב האָבן קען מען אויף קיינעם נישט אַרויפצווינגען. ווען מען זאָל אייך נישט בעטן וואָלט איר דאָס געטון פרייוויליק.

— ווילסט זיך מיט מיר ווידער קריגן, יאַדזשאַ?

זי האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרשעמישע אויגן:

— איר פאַרדינט דען, אַז מען זאָל זיך מיט אייך קריגן?

— פאַר מיין לייכטזיניקייט — ניין, פאַר מיין חוצפה יאָ. אָבער חוצפה צו חוצפה איז נישט גלייך, יאַדזשאַ. כ׳מוז דיר מאַכן אַ קאָמפּלימענט. האָסט גוט אָפּגעענטפערט די צוויי פאַרזעסענע מיידלעך.

זי האָט אויפגעהויבן די ברעמען און אַ פאָך געטון מיט אַ האַנט. איר האַנט־פאַך האָט באַדייט גרינגשעצונג. איסר יאַגאָדע האָט געמאַכט נאָך אַ שריט נענטער און געזאָגט:

— היינט איז נישט די צייט און דאָ איז נישט געווען דאָס אָרט, אָבער זיי זענען ווערט געווען צו הערן ס׳ערגסטע. די פאַרזעסענע מיידלעך האָבן עפּעס פאַרשפּעטיקט אין לעבן און זיי זוכן פאַרגיטיקונג פאַר זייער דורכפאַל דורך פאַרפירן אַ מלחמה מיט יעדער פרוי, פאַר וועמען ס׳לעבן שטייט אָפן ווי אַן אויפגעשלאָסענער שפּייכלער...

זי איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר שריט. אין גאַנג האָט איר בויגעוודיקע פיגור זיך אונטערגעוויגט. איסר יאַגאָדע האָט נישט געקענט אָפּמאַכן ביי זיך: וויל זי ווייטער פירן אַ ברוגז, אָדער באַשטייט זי, ער זאָל איר נאָכגיין? ער איז איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ רעדל מענטשן. אַן אויפגערעגטער, ברייטלעכער מאַן מיט אַ דיקן ציגאַר צווישן די אויסגעזעגטע ציין, האָט אָנגעוויזן מיט אַ האַנט אויף די אָפּפאָרנדיקע אויטאָמאָבילן און שפּאָטיש גערעדט צו די אַרומיקע:

— זיי לייגט מען אין דר'ערד אַריין און דער פאַרברעכער דרייט זיך אויפן שפּיטאָל-בעטל... ער וואַרט די פּסיכיאַטרען זאָל אים אונטערזוכן...

— 4 —

איסר יאַגאָדע האָט איבערגעלאָזט דעם מאַן מיט דעם דיקן ציגאַר און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ צווייטן רעדל מענטשן און ביי אַ דריטן. די אויטאָמאָבילן מיט די מלווים זענען שוין געווען פאַרשוונדן. די הייפעלעך מענטשן זענען געוואָרן שיטערער. די גאַס איז ענדלעך געוואָרן אָפּגעליידיקט. ער האָט איצט געקענט הערן דאָס געיאָמער אויפן בית־עולם. ליליען און טילי וועלן זיך פאַרגיין אין אַ קוויטש, ווען מען וועט אַראָפּלאָזן די ארונות אין די קברים; די זין וועלן זאָגן קדיש מיט גריזן. די באַגראָבער וועלן אין איילעניש פאַרשיטן די קברים און די ערד וועט צודעקן די קרבנות און אָפּווישן זייער געדעכעניש.

ער האָט געזוכט יאַדזשאַן, זי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און מיט פאַרטאַיעטע אויגן געקוקט צום הימל. שיטערע וואָלקנס האָבן פאַרשטעלט די קאַרגע שטריפן זון. ס'האָט אויסגעזען ווי די כמאַרעס זאַמלען זייערע קוואַלן אַראָפּצולאָזן אַ גאַס רעגן אויף דער ערד. די ביימער מיט די אָפּגעגריזשעטע צווייגן האָבן זיך געגומען שאָקלען פון דעם שאַרפן ווינט, וואָס האָט געיאָגט פון דעם אָפענעם וועג.

ער האָט זיך אומגעקוקט צום לוויה־קאַפּעל. אַ נעגער, אַ פּאָרטער אין אוני־פאָרם האָט געהאַלטן אין פאַרשליסן די פראָנט־טירן. פון די טרעפּלעך איז אַראָפּ־געפלויגן נייטן. זיינע גיכע שפּריזן זענען געווען פון איינעם, וואָס האַלט אין איין פאַרשפּעטיקן גרויסע געלעגנהייטן. איסר יאַגאָדע האָט אָנגעיאָגט נייטענען, וואָס איז געבליבן שטיין פאַר אים אַ פאַרשוולדיקטער. ער האָט זיך פאַרענטפערט:

— מ'האָט מיך שיער נישט פאַרשלאָסן אינעם קאַפּעל... כ'האָב זיך פאַר־זאַמט ביים רעדן מיט ליליענס אַדוואָקאַט. ווייסט דאָך, ביי מיר גילט נאָך אַלץ דאָס ווערטל: יענע וועלט פאַר די טויטע, די וועלט פאַר די לעבעדיקע... אין דער מהומה האָב איך דערוויילן אָנגעטאַפּט דעם דופּק ביים לאָיער. די ירושה טאָר נישט גיין אין דער לאַנגער באַנק אַריין... אויסער יאַדזשאַן איז אויך דאָ אַ צווייטער יורש, הערצלד. אָבער מ'עט דאַרפן אָפּוואַרטן, ביז דער טרויער וועט אָפּקילן. די אבלים דאַרפן אַביסל רו. מ'עט זיי געבן אַ פּאָר וואָכן צייט. ווו איז יאַדזשאַ? האָסטו זי ווידער געלאָזט אַליין?

יאַדזשאַ איז אָנגעקומען. ביים דערזען נייטענען האָט איר פּנים אויפגע־לויכטן. אין די ברוינע אויגן האָבן זיך געוואָרעמט פלעמלעך. די אויערינגען האָבן זיך אונטערגעוויגט ווי לעבעדיקע שלענגלעך... נייטן האָט איר געשאָנקען אַ בליק מיט דער מינע פון איינעם, וואָס דאַרף יענעם נישט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין. ער האָט געוווּסט, אַז דער ווייבלעכער צאָרן, וואָס האָט געשפּריצט פון אירע ליפּן ביים איבעררייד מיט ליליענען, איז איצט אויסגעלאָשן. געבליבן איז בלויז דאָס אַרויסרופּעריש‎ע, דער געפּערלעכער חן, וואָס וועקט און צוימט פאַרבאָטענע באַגערן.

יאַדזשאַ האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן נייטענען און איסר יאַגאָדען. זי האָט לוסטיק אַ נעם געטון ביידע מענער אונטערן אָרעם. אַלע דריי האָבן זיך געלאָזט פאַראויס. זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ געסל, וואָס האָט געפירט צו אַ גע־דיכט־באַוווינטן קוואַרטאַל. די נידעריקע הייזער מיט די רויטע שינדל־דעכער זענען געווען אַרומגעצוימט מיט גערטנער. צווישן צוויי אַריינפאָר־גאַסן האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ קירך מיט אַ הויכן צלם־טורעם. אַ מנוחהדיקע שטילקייט האָט דאָ געהויערט פון יעדער וואַנט. איסר יאַגאָדע האָט זיך דערפילט הונגעריק און ס׳איז אים איינגעפאַלן צו פאַרגלייכן דעם שטילן קוואַרטאַל מיט די פילדערנ־דיקע געסלעך פון דער איסט־סאַיד אין ניו־יאָרק. ווו זענען דאָ די פּרעס־גע־וועלבלעך פון האַוסטאָן־סטריט? די דעליקאַטעסן־סטאָרס פון דילענסי־סטריט? ניו־יאָרק זאָל לעבן! די פּרעסאַרניעס וואַלגערן זיך דאָרט אויף שריט און טריט. אַפילו קיין קענדי־סטאָר זעט מען דאָ נישט אויף אַ רפואה. אַ שטאָט! ס׳זאָל זיך נישט געפינען אַן אָרט, ווו מ׳קען כאַפּן אַ ביס! אַבי מ׳האָט איינגערעדט, אַז די איטאַליענער און די איירישע האָבן ליב די כוסה. די שורות הייזער דאָ זענען איינגעהילט און פרומען קלויסטער־ווייררויך. אַפילו אַ ביר־הויז האָט עמיצער פאַרגעסן דאָ צו עפענען. מ׳געפינט דאָ צומאָל נישט קיין באַר, ווו ליידיקגייערס שטעלן איין אויף פערדלעך און אַרבעטער פאַרלירן זייערע פאַרדינסטן.

נייטן איז געבליבן שטיין אינמיטן געסל. איסר יאַגאָדע מיט יאַדזשאַן האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט.

— כ׳בין הונגעריק, איסר.

— האָסט מיר אַרויסגעכאַפּט דאָס וואָרט פון מויל. ווו גייען מיר אַריין אָפּעסן? ס׳חיות קען דאָ פּריִער אויסגיין...

— אַ פּאָר בלאָק ווייטער איז אַן אונגאַרישער רעסטאָראַן. שטרענג כשר. כ׳האָב אַפּעטיט פאַר אַ טאָפּלטן גולאַש...

— מיט מיר וועסטו דורכקומען מיט אַ לעבער־סטעיק, אָדער כ׳על גאָר באַשטעלן אַ ווייך שטיקל זופּען־פלייש, האַ, נייטן? — כ׳האָב מורא, אַז אין דער פּרעמד קען איך מיר ערשט צורעכט מאַכן דעם מאָגן. ס׳איז אַלץ איינס סאַי ווי! יאָ האַרץ־ברענעניש, נישט האַרץ־ברענעניש. ס׳לוינט זיך גאָרנישט דאָס אָפּ־היטעניש...

זיי האָבן דורכגעשפּריזט צוויי געסלעך און זיך אַריינגעדרייט אין אַ מאַר־קעט. זיי זענען צוגעקומען צו אַ טונקעלן רעסטאָראַן מיט אַ טאָפּלטן שױ־פענצ־טער. אויף דער שילד איבערן אַריינגאַנג איז געווען אָנגעמאָלן „ליטל האַנגערי״

(„קליין־אונגאַרן") מיט אַ גרויסער איבערשריפט: „כשר". אינעווייניק אין זיי אַקעגנגעקומען דער אייגנטימער, אַ נידעריק, פּעט מענטשל מיט אַ ווייסן פֿאַרטוך איבער זיין באַבייכלטער פיגור. ער האָט אָפּגעראַמט אַ טישל און געפרעגט וואָס די געסט פֿאַרלאַנגען. איסר יאַגאָדע מיט נייטענען האָבן באַשטעלט ביפשטיקס מיט זויערן קרויט און צוגעבראָטענע קאַרטאָפֿל. יאַדזשאַ האָט פֿאַרלאַנגט קאַלטן קאַרן־ביף מיט סאַלאַט. די מענער האָבן געגעסן ווי נאָך אַ תענית. בשעתן קייען האָבןביידע באַשלאָסן, אַז ס'איז אַלץ הבל הבלים, דאָס האַוועניש, דאָס לויפֿע־ניש, דאָס איינרייסן — ס'גאַנצע חיות איז נישט ווערט אַ שישקע פּולווער. איסר יאַגאָדע האָט באַשטעטיקט זיינע צווייפלעניש מיט ווערטלעך פֿון קהלת. נייטן האָט געלאָזט פֿאַלן אַ פּאָר הלצות און אויסגערעכנט געני, ווען ער וועט דאַרפֿן צוריקקומען קיין קעמדען איינצומאָנען פֿון די טויטע פּאָר די לעבעדיקע...

יאַדזשאַ האָט געקוקט ווי ביידע מענער ליידיקן אויס אַזוי זשעדנע די טע־לערס און זי האָט נישט באַנומען, פֿאַרוואָס עס קומט זיי אָן אַזוי גרינג צו לאַכן פֿון לעבן. איז עס דערפֿאַר, ווייל זיי זעטיקן די תאווה פֿון מאָגן, אָדער ווייל דער טויטן־וואָגן איז היינט פֿאַרבייגעפֿאָרן זייער טיר?

קאַפּיטל אַכצן

— 1 —

דער טויטן־וואָגן אין קעמדען איז לאַנג נישט געבליבן אין איסר יאַגאָדעס געדעכעניש. די לוויה פֿון די קרבנות איז פֿאַרגעסן געוואָרן. דאָס איינמאָנען די ירושה איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ פּאָר חדשים. איסר יאַגאָדע האָט זיך נישט אומגעקערט צו זיין ווייב רייטשל. אַ תאווה צום לעבן, וואָס איז אונטערדריקט געוואָרן צווישן די ווענט פֿון רייטשלס הויז, האָט איצט זיך געשפּאַרט פֿון אונ־טער זיין הויט. די תאווה האָט ביי אים אויסגעווישט יעדן שפּור פֿון טרויער. דיזעלבע תאווה האָט אין אים געוועקט אַ באַגער צוריקצוגעווינען אָנזען ביי מענטשן און צוטרוי ביי די משפּחה־לייט.

איסר יאַגאָדע האָט געגלויבט, אַז דער גאַנג פֿון דעם מענטש אויפֿן עולם־השקר דאַרף נישט באַגלייט ווערן פֿון צער און יסורים, וואָס ווערן אַרויסגערופֿן דורך אומפֿאַרמיידלעכע פּאַסירונגען און ווערן רעגירט פֿון העכערע כוחות. דאָס מענטשלעכע האַרץ מוז זיין גרויס ווי די וועלט, אָבער עס טאָר דאָרט נישט זיין קיין פּלאַץ פֿאַר עלנט. דער קוואַל פֿון פֿרייד דאַרף פֿאַרשווענקען די ריטשקעלעך טרויער. טיף אין אים האָט געטליעט אַ צאָרן, וואָס די יאָרן אויף נאָרפֿאָלק־סטריט זענען אַוועק אין ניוועץ. די חתונה מיט רייטשלען איז געווען אַ פֿאַר־בלענדעניש און דאָס שטופּעניש צווישן די כלי־קודש — אַ פֿאַרלוירן שטיק לעבן. אַ פֿאַרשפּילטע יוגנט איז נישט מער ווי אַ טעות, וואָס מען קען פֿאַר־

ריכטן. אין די מיטעלע יאָרן איז מען נאָך אימשטאַנד צו קעמפן, אָבער די עלטער איז פול מיט חרטה אויף דער פאַרלוירענער צייט.

ער האָט, אין זיין יאָגעניש מיט דער צייט, שטענדיק געהאַט אינזינען אָפּ־צושטופּן די עלטער. ער האָט אַליין נישט באַנומען פאַרוואָס, אָבער עס האָט אים תמיד עפּעס געשראָקן, אַז די עלטער וועט צו אים קומען פּריצייטיק... ער האָט אָפּגעמאַכט באַצייטנס, אַוועקצוגיין פון די כלי־קודש און איבערלאָזן דאָס שדכנות צו אַנדערע. מיט זיינע קענטענישן און מיט זיין אָנזען קען ער צ׳ען חיונה פון אַ מער בכבודיקער באַשעפטיקונג. ווען נישט רייטשל, וואָס האָט נאָך דער חתונה נישט געוואָלט עפענען איר קניפּל, וואָלט ער קיינמאָל נישט געבליבן ביי דער פּראָפעסיע .ער וואָלט געטון שאַלטן און וואַלטן אויף אייגענער האַנט. נאַריש! — האָט ער באַלד צונישט געמאַכט זיין אויספיר — פון ווען אָן איז שדכנות נישט קיין אָנשטענדיקע באַשעפטיקונג? ווייניק זענען געוואָרן נגידים? אָן אינשורענס־אַגענט איז בעסער? אַ ווייבערישער דאָקטאָר איז דען חשובער? און פונוואַנען שטאַמט דאָס איינרעדעניש, אַז דער מענטש, דער בחיר היצורים קען זיין זעלבסטשטענדיק? פאַלש! אַלע ברואים זענען אָפּהענגיק איינער פונעם צווייטן. נישטאָ אַזאַ באַשעפעניש אונטער דער זון, וואָס זאָל נישט זיין אָנגעוויזן אויף אַנדערע.

און פונקט ווי ביי פאַרשידענע מענטשן הויבט דאָס בלוט אָן צו זידן ביי פאַרשידענע טעמפּעראַטורן, אַזוי האָט אין איסר יאַגאָדען אויפגעזאָטן אַ באַגער צו ענדערן זיין אַרט לעבן גראָד אין יענעם טאָג, ווען ער איז זיך פאַנאַנדער־גאַנגען מיט רייטשלען. נאָכן ריס מיט רייטשלען האָט ער געזען אַ געלעגנהייט אָפּצוהאַקן מיט איר משפחה און מיט זייער וועלטל, ווו עס פּילדערט מיט רכילות, מחלוקת און אָפּנאַרעריי. חוץ דעם, האָט יאַדזשאַ זיך אַרויסגעצויגן פון רייטשלס שטוב. דאָס לעבן איז קיינמאָל נישט אַזוי קורץ ,אַז עס זאָל נישט זיין קיין צייט אָנצוהויבן פון אַ נייער יוגנט. צוריקבברענגען די יוגנט וואָלט ער נישט געקענט, אָבער די מיטעלע עלטער איז ביי אים נאָך נישט אַנטלאָפן דורך טיר און טויער.

איסר יאַגאָדעס אַנטשלאָסנקייט נישט צוריקצוגיין צו רייטשלען, איז געווען גילטיק פאַר אים. דאָס האָט אָבער נישט געהאַט קיין האַפט פאַר רייטשלען. פאַר איר איז ער נישט געווען קיין טויטער פיש, נאָר אַ לויתן, וואָס מען קען שאָבן און שינדן און עס זאָלן אַלץ בלייבן אויף אים די פעטע פליס־פעדערן... רייטשל האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פאַרוואָס זי וויל נישט אָפּלאָזן דעם מאַנס־ביל, וואָס האָט איר קיין עשירות נישט געבראַכט און די פעיקייט ליב צו האָבן אַ ווייב האָט ער קיינמאָל נישט פאַרמאָגט.

מיט דעם ווידערשטאַנד פון אַ פרוי, וואָס קעמפט, אַז איר ווערטלאַז באַזיץ זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון אַ צווייטער פרוי, האָט רייטשל נישט דערלאָזט, אַז איסר יאַגאָדע זאָל קריגן פרייע הענט. זי האָט געבענטשט דעם טאָג ווען יאַדזשאַ איז פון איר הויז אַרויס, אָבער זי האָט געליטן וואָס איסרס אַלקער איז געבליבן פוסט, ווי מ׳וואָלט ערשט פון דאָרט אַ מת אַרויסגעטראָגן. דער בייזער פאַרדאַכט, אַז יאַדזשאַ האָט ביי איר צוגענומען דעם מאַן, האָט זי שיער נישט פאַרצערט. נייטנס אָפּלייקענונג האָט נישט געהאָלפן און די פאַרזי־

כערונג פון איר שוועגערין פעני, אַז איסר פירט אַ בחוריש לעבן, האָט זי נישט באַרויקט. רייטשלס איינציקע נקמה דערוויילע איז געווען דאָס, וואָס זי האָט אים נישט געוואָלט אַרויסגעבן די וואַליזע מיט זיינע מלבושים, זיינע ספרים און זיינע אַנטיק־זאַכן, וואָס ער פלעגט אויסשטעלן אין די צימערן.

— 2 —

פעני, נייטנס ווייב, אַ רודף שלומניצע און פרייוויליקע פאַרמיטלערין ביי משפחה־מחלוקתן האָט באַרויקט רייטשלען און באַדויערט איסרן. ביי דעם צע־שיידטן פאַרפאַלק האָט זי געוואָלט האָבן די פריווילעגיע צוריק איינצושטעלן שלום־בית. זי האָט געהאַט ווייבערישן געדולד און מאַנסבילישע שטאַנדהאַפ־טיקייט. קיין קאָרטן האָט זי נישט געשפּילט און די משפּחה־מענטשן האָט זי נישט צופיל באַרעדט. זי האָט געהאַלטן אין איין ציילן די קריוודעס קעגן דער היינטצייטיקער פרוי. אין דעם קרייז פון אירע קרובים איז זי געווען אַן אומ־פאַרשטענדלעכער אויסנאַם.

פעני האָט נישט געהערט צו די שיינע ווייבער. זי איז געווען קליינגעוויקסיק מיט אַ פלאַכן בוזים און שמאָלע היפטן. די הויט פון איר יונג פּנים איז געווען גערינצלט. צווישן די ברעמען האָט געשטעקט אַ שפּיציקע בראָדעווקע, אָבער אין אירע ווייכע, געלבלעכע אויגן האָט שטענדיק געלויכטן אַ היימלעכקייט, וואָס קען אויסווישן ביי מענטשן דעם שווערסטן טרויער. פעני האָט געהאַט אַ פּיל־באַר נעזל. מיט איר פלינקער שפּירעוודיקייט האָט זי תמיד דערשנאַפּט ווו שות־פים אין אַ ביזנעס קריגן זיך און ווו אַ שפּאָגל נייע הייראַט טרייסלט זיך. זי האָט פאַרנאַכלעסיקט איר הויז־אַרבעט. זי האָט פאַרזען אייגענע זאָרגן און זיך געאיילט נישט צו דערלאָזן, אַז יענעמס ביזנעס זאָל גיין באַנקראָט, אַז אַ פרעמד פאַרהייראַט לעבן זאָל ווערן צעשטערט.

פעני האָט נישט אונטערגעשאַצט איר מאַנס חסרונות און זיך געמאַכט אָוועקקוקן ווען נייטן איז אַרויסגעגאַנגען מיט פרענציסן. צען יאָר נאָך איר חתונה איז זי געקומען צום אויספיר, אַז פאַרהייראַט לעבן איז אַן אַלטמאָדישע אינסטיטוציע, וואָס הענגט אָן פליכטן אויף דער פרוי און לאָזט איבער די פולע פרייהייט צום מאַן. זי האָט געלייענט דעם פילאָזאָף שאָפּענהאַוער און זיך פאַר־בענקט נאָך דעם אַמאָליקן טיפּ פרוי, די סאָפראַזשיסטקע, וואָס האָט איגנאָרירט דעם מאַנס הערשאַפט. פונדעסטוועגן האָט זי נישט געהאַט קיין פאַרלאַנג, אַז די הייראַטס־אינסטיטוציע זאָל אונטערגיין. זי איז געווען איבערצייגט אַז פונקט ווי יעדער מאַן האָט זיינע געלעגנהייטן, אַזוי וואַרט אויף יעדער פרוי אַ וואָלף ביי דער טיר... אויב נייטן ליבט זי מער נישט, איז דאָס זיין פריווילעגיע. דער פרעמדער מאַן, וואָס וועט זיך דערקענען אויף איר ווייבלעכער אידלקייט, גאַ־לאָפּירט שוין אונטערוועגנס אויף זיין פערד.

פאַר איסר יאַגאָדען זענען פעניס וויזיטן געווען אַן אָפּקומעניש. זי איז געקומען צו אים רעדן וועגן איבערבעטן זיך, בעת רייטשל האָט געסטראַשעט

מיט האַקן שויבן. איסר יאַגאָדע האָט פאַר רייטשלס סטראַשונקעס זיך געשראָקן. יעדן חודש האָט ער זיך אַריינגעקליבן אין אַן אַנדער מעבלירט צימער. יעדן חודש האָט ער געביטן די געגנט. ער האָט געהאַלטן אין איין אַריבערציִען זיך שטאָט־אַרויף, אַפּ־טאַון. פּעני האָט שטענדיק געוווסט אים אָפּצוּוואַרטן ביים שוועל פון זיין נייער טיר.

ביי זיין גאַנצער איינרעדעניש, אַז ער איז אַ תקיף, אַן איינרייסער וואָס קען אַריינכאַפּן אין זיינע הענט ניו־יאָרק, אויב מ׳זאָל נישט שטיין אין זיין וועג, האָט איסר יאַגאָדע זיך דערפילט אומבאַהאָלפן יעדעס מאָל, ווען ס׳איז אים אויסגעקומען צו ווערן אַן איינשטעלער. ער האָט זיך געגויטיקט אין אַן עצה־געבער און נישט געוואָלט אָנקומען צו אַ משפחה־מענטש. ער האָט געברויכט אַנווייזונגען און נישט אָנערקענט קיינעמס חכמה. ער איז געווען איבערצייגט, אַז נייטן איז אומגערעכט, ווען ער וויל מאַכן זיינע פאַמיליע־לייט פאַר לאַנד־חכמים. דאָס זענען הוילע יאָקלס מיט פאַריסענע קעפּ. דער איינציקער, וואָס איז יאָ געבענטשט מיט אַביסל פּקחות, איז נייטנס אינגערער ברודער ראַלף פאַרבער, דער דאָקטאָר וואָס מאַכט אָפּעראַציעס אויף ווייבערישע פּנימער. דער דאָקטאָר ראַלף — אַ פאַרדרייעניש פון נאָמען רפאל — האַלט זיך אָבער פונדערווייטנס פון דעם גאַנצן געזינדל. וואָדען? עפּעס רעכטס וועט תמיד ווייכן פון די האַלעדריגעס!

איסר יאַגאָדע האָט געהאַט אַ שטילן דרך־ארץ פאַר נייטנס אינגערן ברודער. דער דאָקטאָר האָט געהאַט אַ קליניק פאַר פּלאַסטישע אָפּעראַציעס נישט ווייט פון סענטער־סטריט. ער האָט פאַריכט ביי פּרויען נעזער. ער האָט אָפּגעווישט עלטער־קנייטשן. ער האָט געמאַכט אַז עס זאָלן איינשרימפּן ביי די ווייבער היפּטן און פון די אָפּעראַציעס האָט ער אָנגעזאַמלט אַ פאַרמעגן. ער האָט געטון די אַרבעט פון אַ גראָבן קצב און געהאַט דעם אָנזען פון אַ כירורג אַ בעל־מופת. ער האָט געהאַט אַ שוואַרץ־געקרייזלטן קאָפּ ווי אַן איטאַליענישער באַרבער פון מאַלבערי־סטריט, אַ פּאָר פלינקע הענט ווי ביי אַ פּעדלער אויף אָרטשאַרד־סטריט און אַ מעכטיקע נאָז, וואָס דערשנאַפּט אויף מיילן ווו ס׳ליגט גליק און ווו ס׳לויערט געפאַר.

דאָקטאָר ראַלף פאַרבער האָט אויך געקענט כעראַמאַנטיע ווי אַ שוואַרץ־קינצלער. ער איז געווען באַהאַוונט אין חכמת־היד. ער האָט געזאָגט נביאות ווי אַ טערקישער וואָרזאָגער און זיך געהאַלטן פאַר אַ מומחה אין פּסיכיאַטריע. פרויען האָבן אויסגעשטרעקט צו אים זייערע מידע הענט, זייערע צעקנייטשטע געזיכטער, זייערע צעאָדערטע העלדזער און דער כירורג האָט ווי אַ כישוף־מאַכער אָפּגעווישט יאָרן און אַראָפּגעבלאָזן עלטער.

איסר יאַגאָדע איז געקומען צום אויספיר, אַז דאָס געזינדל פון רייטשלס צד איז געבענטשט און געשטראָפט פון דער השגחה. זיי האָבן שאַרפע מוחות און פיזישע מומים. רייטשל אַליין איז נישט קיין יפת־תואר. זי איז שווערלייביק, האָט באַקעס פון אַ קו, אָבער זי פאַרמאָגט אַ פּיסקל, וואָס קען אומברענגען צען שיינע מאַנסבילן. נייטן מעלה־גרהט מיט דער רעכטער באַק. ער איז לאַנג און געבויגן ווי עוג מלך הבשן, אָבער דער קאָפּ האָט לאַיערישן שאַרפזין. דער דאָק־

טאָר, ראַלף, האָט די צורה פון אַן איטאַליענישן באַרבער, אָבער ער איז באַשאָנקען מיט צויבער־פינגער, וואָס קענען אָנשאַרן אוצרות.

— 3 —

פינף חדשים נאָכדעם ווי איסר יאַגאָדע האָט פאַרלאָזט רייטשלען, האָט ער באַשלאָסן אָפּצושטאַטן אַ וויזיט ביים דאָקטאָר און זיך האַלטן אַן עצה מיט אים וועגן אונטערנעמען אַ ביזנעס. ער האָט אויסגעפירט, אַז ער'ט דאַרפן אַביסל פאַרבויגן זיין כבוד. גדלות־אַהין, גדלות־אַהער. ס'אַלרייט, ס'איז דאָ ביי וועמען צו לערנען ווי צו מאַכן אַ לייכט לעבן. ערגעץ ווו איז דאָ אַ קרובהשאַפט צווישן ביידע פּראָפעסיעס: חכמת הדאָקטאָריע און די מצוה פון פּאָרן זיווגים. דורך אַלע יאָרן וואָס ער איז געווען מיט רייטשלען, האָט ער נישט געהאַט קיין געלעגנהייט מיט דעם דאָקטאָר נענטער זיך צו באַקענען. צווישן דעם דאָקטאָרס קליניק און איסר יאַגאָדעס מעבלירט צימער איז געשטאַנען בלויז אַ שטיקל מאַנהעטן, אָבער אַ גאַנצע וועלט האָט זיי אָפּגעשיידט.

פאַר פענין האָט איסר יאַגאָדע פאַרהאַקט די טיר. נישט זי איז דער מלאך־השלום און נישט ער האָט צייט צו שפּילן זיך אין ברוגזן און אין איבערבעטענישן. יאַדזשאַן האָט ער אויך אַרויסגעשטופּט פון זכרון. זי פלאַטערט איצט אַרום אין קעמדען און מ'זעט זי קוים אַמאָל אין ניו־יאָרק. זי איז געוואָרן אַ שטובמענטש ביי טילי און ליליען און זי שנאַפּט אַרום זייער אוצר. זי איז אַ יורשטע פון אַ פאַרמעגן, וואָס שווימט נאָך אין די וואָלקנס. די יפה־פיה איז אַראָפּ פון שיף מיטן רעכטן פוס. מ'האָט זי געשטעלט אויף די ריכטיקע רעלסן און זי לויפט ווי אַן אָנגעהייצטער לאָקאָמאָטיוו.

דאָקטאָר ראַלף פאַרבער האָט געוווינט אין דעם נידעריקן טייל פון מאַנהעטן, הינטער דעם כינעזישן קוואַרטאַל, און איסר יאַגאָדע האָט באַשטימט אַ טאָג, ווען ער וועט אים גיין באַזוכן. ער האָט אויסגערעכנט צו מאַכן דעם וויזיט מיטאָג־צייט, ווען דער קליניק איז אויף צוויי שעה געשלאָסן פאַר פּאַציענטן. פון ריווערסאַיד־דראַיוו האָט די סאָבווײ אים געבראַכט צו קאַנעל־סטריט. דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, אָבער די פאַרגליווערטע זון איז געשטאַנען אינמיטן הימל און געגלעט די ניו־יאָרקער הויכע מויערן מיט געפרוירענע שטראַלן.

ער איז אַריין אין מאָט־סטריט. די קראָמען דאָ זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט אַלערליי כינעזישע סחורות און אַרטיקלען, פון אַ פאַרשטויבטן אַנטיק, געבראַכט פון פּעקין ביז אַ שפּאָגל־נייע דערפינדונג פון שאַנכאַי. ער האָט געכאַפּט אַ קוק הינטערוויילעכץ און באַמערקט, אַז די קאָכיקע יידישע קאַנעל־סטריט רייבט זיך גוטברודעריש אָן די ווענט פון דעם כינעזישן קוואַרטאַל: טשאַינאַטאַון. צווישן די רירעוודיקע ניו־יאָרקער יידן און די געלאַסענע ניו־יאָרקער כינעזער ציִען זיך גאַסן מיט פיש־קראָמען, אַנטיק־געשעפטן און טשאַפּ־סוּאַי־רעסטאָראַנען. צוויי קעגנגעזעצטע פעלקער וווינען דאָ אין שכנות. אָבער ביידע האָבן די האַרטנעקיקייט פון אַן עם קשה עורף. די כינעזער זענען נאָך גרע־

סערע עקשנים פון די ייִדן — האָט איסר יאַגאָדע באַשלאָסן — דער אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ, וואָס אַרבעט אויף דער פּולער פּאַרע, האָט נישט געקענט איבערקאָכן דאָס אָריענטאַלישע פאָלק, וואָס לעבט — אינמיטן דער האָוועניש — ווי אויף אַן אָפּגעלעגענעם אינדזל.

איסר יאַגאָדע האָט געוואָרפן אַ בליק לענגאויס מאָט־סטריט. אַ וועגווייזער אין אַן אוניפאָרם מיט גלאַנציקע עפּאָלעטן ווי אַ גענעראַל, האָט געפירט אַ גרופּע טוריסטן. ביים כינעזישן פאָלקס־געריכט, וואָס איז געווען אויפן צווייטן שטאָק פון אַ טענעמענט־הויז — איבער אַ טשאָפּ־סואי־רעסטאָראַן — האָט דער וועגווייזער זיך אָפּגעשטעלט ווי אַ פּאַר אַ טעמפּל. ער האָט שטיל און ערפורכטיק אָפּגעזאָגט אַ פּאָר ווערטער פּאַר די טוריסטן און דערנאָך זיי אַריבערגעפירט אויף דער אַנדערער זייט נעבן אַ טונקעלער געביידע. ער האָט געטייטלט מיט דער האַנט אויפן אַריינגאַנג פון אַ שמאָלן פּאָסט־אָפּיסל, וואָס איז געווען קלענער פון אַן אַלקער און טונקעלער פון אַ הייל.

איסר יאַגאָדען איז נישט געפעלן געוואָרן דער געלאָסענער מאַרש פון די טוריסטן. מען מאַכט צו נאַר אַ וועלט, האָט ער געטראַכט, מען ווייזט כינעזישע האָקוס־פּאָקוסניקעס און מען וויל איינרעדן, אַז דאָס זענען די קינדער פון טשינגיז כאַן.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ רעסטאָראַן, ווו איבערן אַריינגאַנג איז געהאָנגען אַ גלעזערנע שילד מיט אויסגעמאָלענע מאַנדאַרינען, וואָס האַלטן אין די הענט טעפּ מיט געקעכטס. ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ פּאָר אַנטיק־קראָמען, ווו עס זענען געווען אויסגעשטעלט הערבן, פאַנצערס און פאַרצייטיקע כלי־זיין. ער האָט זיך באַטראַכט, אַז דער כינעזישער קוואַרטאַל, ווו עס וווינען זעקס טויזנט כינעזער, איז פונקט אַזוי באַרימט ווי זייערע וועלט־שטעט פּעקין און נאַנקין. מען קען דאָ אָפּקילן די נערוון — האָט ער געשמייכלט. — ס'איז דאָ שלום ושלוה. ס'איז רויִק ווי אין די קעטסקיל־בערג. מ'שפּרייזט איבער די גאַסן און מען פאַרגעסט, אַז עס קומט פאַר אַ בלוטיקער בירגער־קריג אין כינע, אַז נאַציאָנאַליסטן און רויטע שעכטן זיך אויס איינס ס'אַנדערע. דער טוריסט האָט אַ פאַלשע פאַרשטעלונג וועגן די כינעזישע גאַסן. דער וועגווייזער פאַרנאַרט און פאַרפירט. ער ווייזט זיי בודאַ־טעמפּלען, פּרעס־קראָמען אָנגעשטאָפּטע מיט טשערעפּאַכעס, מיט איינגעטריקנטע פיש און ים־ווערים. און די יאָלדן מיינען, אַז יעדער איינוווינער גייט אָנגעטאָן אין אַ פאַרבלוטיקטער קימאָנע און איבער זיין שאַרבן באָמבלט זיך אַ צאָפּ, אַז ער שלינגט אָפּיום און פירט שווערד־געפעכטן. אַ נעכטיקער טאָג! מיט יאָרן צוריק האָבן כינעזישע באַנדיטן אויף דאָיער־סטריט טאָקע געשניטן גאָרגלען. איצט איז דאָ שטיל ווי אויף אַ בית־הקברות.

ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ שוי־פענצטער. אַ באַיאָרטער כינעזער, קיילעכדיק און פעטלעך ווי אַ האַרעם־באַדינער האָט אין די זאַקן זיך אַרומגעדרייט צווישן פאָרצעלייענע פיגורן און לאָמפּן־אַבאַזשורן און איבערגעשטעלט די חפצים. דער כינעזער האָט געהאַט אַ ברייטן געגאָלטן שאַרבן און ווייבערישע תנועות. ער האָט דורך דער שויב געפאָכעט מיט אַ האַנט צו איסר יאַגאָדען, דאָס פאָכעניש האָט באַדייט אַ פריינטלעכע באַגריסונג.

אַלע האָבן דאָ זיסלעכע פּנימער מיט לאַקריץ־שמייכלען — האָט איסר יאַגאָדע אָפּגעמאַכט — אין אייגענעם לאַנד, אין כינע שעכט מען זיך אויס און דאָ איז מען איינגעטונקען אין ליבשאַפט. אפשר זענען די שמייכלען גאָר מאַסקעס? הינטער די מאַסקעס באַהאַלטן זיך כיטראַקעס און חונפים? וואָס דאַרף מען דאָ אַ סך אַריינטראַכטן? ייִדן און כינעזער זענען שכנים און דאָס שמייכלען פּאַסט זיך צו גוט־שכנהשאַפט!

מיט די שפּיץ־פינגער האָט ער אַ טאַפּ־געטון אַ רויטלעך־ברוינע ציגל, ווי ער וואָלט געהאַט בדעה אויסצורעכענען די עלטער פון דער כינעזישער מויער. פון די איינוווינער אין קאַנעל־סטריט האָט ער געהערט, אַז דער ערשטער כינעזער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין כינעזישן קוואַרטאַל מיט אַכציק יאָר צוריק, איז געווען אַ קליין סוחרל מיט אַ שאַרפן קאָפּ. זיין נאָמען איז געווען וואַה קי. ער איז געקומען פון סאַן פראַנציסקאָ און זיך אַרומגעקוקט איבער דער געגנט. די ייִדישע פּעדלערס אויף קאַנעל־סטריט און אויף עלען־סטריט זענען אים געפעלן געוואָרן. ער האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט דעם שוחט, מיט דעם רב, מיט דעם מוכר־ספרים און דערנאָך האָט ער געעפנט אַ געוועלבל אויף פּעל־סטריט. דאָס סוחרל האָט געטראָגן אַ לאַנגן צאָפּ און זיך געהילט אין אַ קאָלירטער קימאָנע, ער האָט אויסגעבויט דאָס ערשטע הויז אין טשיינאַטאַון. פון דעמאָלט אָן האָבן כינעזער אָנגעהויבן זיך אַריינצושמוגלען פון מעקסיקע ,פון קאַנאַדע און פון קובאַ. דערנאָך איז געקומען די איינוואַנדערונג פון דעם גרויסן כינע־לאַנד, טויזנטער מאַנסבילן האָבן איבערגעלאָזט טרויעריקע עגונות אויף יענער זייט „געלן טייך“. דער מאַנגל אין ווייבער זעט זיך דאָ אָן ביזן היינטיקן טאָג. נישט בחינם איז דער כינעזישער קוואַרטאַל אַ פאַרמויערטע מענער־וועלט.

— 4 —

איסר יאַגאָדע איז אַריין אין באַיאַרד־סטריט און זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ פרוכטן־געוועלב, ווו איבערן ביישטידעל זענען געווען צעהאָנגען קנופּן מיט איינגעדאַרטע טייטלען, בינטלעך קאָלירטע ניס און איינגעטריקנטע ים־פלאַנצן. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אינעווייניק. דאָס געוועלב איז געווען טיף און טונקל.ביים קאַסע־רעגיסטער איז געזעסן דער אייגנטימער מיט אַ זאַטן קאָנפוציוס־שמייכל און געדרימלט. די הילצערנע ווענט זענען געווען באַדעקט מיט אַ נעץ גראַוויורן. די געוועלבטע סטעליע איז געווען באַפּוצט מיט גאָלדענע צווייגן און קופּערנע בלעטער־געפלעכטן. ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ צווייטע קראָם, ווו אַ רויטע שילד מיט כינעזישער בלומען־שריפט האָט אָנגעזאָגט, אַז דאָ קריגט מען אימפּאָרטירטע שפּייזן פון קאַנטאָן און נאַשערייען פון פּעקין. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ שווערלייביקער כינעזער ווי אַן אָנגעצויגענע מאַריאָנעטן־פּופּע און געדרויכערט פון אַ לאַנגער ליולקע. ער האָט געהאַלטן אַ ווייכע האַנט איבער זיין אָפּגעדעקטן קאָפּ־שיידל. דער נאַקעטער שאַרבן האָט געגלאַנצט ווי צעלאָפאַן־פּאַפּיר. דער רויך צווישן די ליפּן האָט אַרויסגעשפּריצט טראָפּנווייז.

איסר יאַגאָדע האָט נאָך געוואָלט זיך אָפּשטעלן ביי אַ דריטער קראָם, אָבער ער האָט געשפּרייזט ווייטער. פון יוצא וועגן האָט ער זיך אומגעקוקט. אַ טרעפּ מיט אַ פּאַרענטש האָט געפירט אַראָפּ, צו אַ האַלבן שטאָק נידעריקער. ס׳איז געווען אַ בוכהאַנדלונג, די ווענט זענען געווען פאַרשטעלט מיט אַלערליי ביכער. אַ טיר איז געווען אָפן. ביי אַן אַלט־פרענקישן שרייבטיש איז געזעסן דער באַלעבאָס, פאַרגליווערט ווי אַ געץ און געשפּילט דאַמינאָ מיט אַ שכן פון אַ דערבייאיקן געוועלבל. אין דער בוכהאַנדלונג איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן דעם געלאַסענעם שעפּטש פון דעם געשניצטן הילצערנעם זייגער, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן דיל ווי אַ טורעם.

ער איז שוין געווען נאָענט צו טשעטהאַם־סקווער. פונדערווייטנס האָט זיך געהערט דאָס טראַסקעריי פון דער באַוערי הויך־באַן. ס׳אַ גנבישע גאַס — האָט איסר יאַגאָדע צו זיך גערעדט — מ׳קען ביי די ניו־יאָרקער כינעזער לערנען די סוחרישע שטיק. די טוריסטן גלאָצן מיט די אויגן אויף די אויסטערלישע פּירות, אָבער ווער ווייס דען נישט, אַז די אויסגעקוועטשטע פלוימען, די איינגעשרומפּענע פלאַנצן, די משונהדיקע פּרוכטן וואַקסן דאָ, אין לאָנג־איילענד? ס׳איז אַלץ אָפּנאַרעכץ און פאַרבלענדעניש... דאָס איינציקע, וואָס איז דאָ נישט געפעלשט, איז דאָס כינעזישע אָפּעראַ־הויז און די כינעזישע מוויס. אָבער זייער יונגוואַרג לאַנגווייליקט זיך פון די מרה־שחורהדיקע אַקטיאָרן און לויפן זען די אַמעריקאַנער קאָמעדיאַנטן. די זקנים קוויקן זיך נאָך מיט די כינעזישע צייטונגען און דאָס יונגוואַרג לעקט די פינגער פון די „פאַני בוקס״.

ער האָט אַליין זיך געוווּנדערט וואָס ער קלערט אַזויפיל אַריין וועגן די כינעזער. וואָס אַרן אים זייערע זיטן און מנהגים? ער וועט שוין דאָ די גאַסן נישט איבערמאַכן און די איינוווינער נישט ענדערן. ער גייט דאָך איצט עפּעס אויספירן פאַר זיך. מיט זיין שטופּן די נאָז אומעטום, וועט ער נאָך פאַרשפּעטיקן צו דאָקטאָר ראַלף פאַרבער.

ס׳איז אים פאַרבייגעגאַנגען אַ מיידל מיט ווינגדיקע טריט. איסר יאַגאָדע האָט זי ערשט באַמערקט ווען זי איז געווען פאַראויס פון אים. איר קאָפּ איז געווען איינגעהילט אין אַ קאָלירט טיכל און ס׳איז אים שווער געווען הינטערווײלעכץ צו באַשטימען צו די יונגע פרוי איז אַ כינעזישע צי אַ ווייסע, איר פיגור האָט געוווּנקען צו זיין זכר׳שער לוסט. ער האָט גענומען שפּרייזן פלינקער און געטראַכט, אַז דאָס אומגליק מיט די ווייבער איז, וואָס צוערשט דערווייטערן זיי דעם מאַן, דערנאָך רופן זיי אים צוריק מיט דעם שלעפּ פונעם קלייד. אויב ס׳איז אמת, אַז די פרוי איז דעם אויבערשטנס צווייטער טעות, האַלטן מיר, מענער אין איין נאָכלויפן די טעותן...

קאַפּיטל נײַנצן

— 1 —

איסר יאַגאָדע האָט דורכגעשפּרייזט דאָס קליינע פּאַרקל און זיך דערזען שטיין פאַר דער צעפּאַלדעוועטער געביידע פון ניו־יאָרקער קרימינאַל־געריכט.

די גלאַנציקע, פּלאַטשיקע טרעפּן ביים אַריינגאַנג זענען געווען ברייט ווי טראָ־טואַרן. די פּאָדערשטע פּאַסאַדע איז געווען באַדעקט מיט ברוינע מאַרמאָר־פּלאַטעס. די געטעשעטע שטיקער מויער זענען אויסגעלייגט איינס אויף ס׳אַנ־דערע ווי פּיראַמידן־שטיינער. ער האָט פּאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך און געקוקט אַרויף צו די קאַרניזן און קאָלאָנעס מיט מבינישע אויגן ווי ער וואָלט געשאַצט די ווערט פון דעם מעכטיקן שטיק געביי.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף דער מויער, איסר? האָסט באַשלאָסן צו גיין אין ריעל עסטייט ביזנעס?

ער האָט זיך אומגעקוקט אין דער זייט, פונוואַנען דאָס קול איז געקומען און דערזען נעבן זיך פּעניך, נייטנס ווייב. זי האָט איצט אויסגעזען ווינציקער ווי אַלעמאָל. איר דראָבנע פיגור איז געווען איינגעשרומפּן אונטער דעם רויטן, לויזן מאַנטל מיט דעם פוטערנעם קאָלנער. כאָטש ער האָט זיך נישט געריכט דאָ פּעניך צו טרעפן, איז די באַגעגעניש פונדעסטוועגן ניש געווען פאַר אים קיין איבעראַשונג. כ׳טרעף זי אויף אַלע וועגן — האָט ער פּלוצים באַשטעטיקט — זי האָט אַ שאַרפן שכל און אַ גוט הארץ. אָבער כ׳וואָלט זי מער רעספּעקטירט ווען זי פּלאָנטערט זיך נישט אונטער די פיס.

כאָטש ער האָט זיך געגויטיקט אין וואַרעמע ווערטער, האָט ער פונ־דעסטוועגן אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט זיך נישט לאָזן איצט פאַרהאַלטן. אויס יוצא וועגן האָט ער זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ פלינקן בליק און דערשפּירט ווי אַ וואַרעמע היימלעכקייט יאָגט פון דער קליינער פרוי. דאָס ברוינע קױפּעליושל מיט דער קורצער פעדער האָט איר געגעבן דעם אויסזען פון אַ שול־מיידל. דאָס פּנימל איז געווען געריבצלט פון קעלט, אָבער דער פודער האָט פאַרדעקט אַלע קנייטש־לעך און פּעלדעלעך, אַפילו די שפּיציקע בראָדעווקע צווישן די ברעמען איז געווען איינגעלאָפן. אירע ווייכע אויגן האָבן געלויכטן און פונקט ווי זי האָט שטענדיק אין פאַראויס געטראָפן אַלע זיינע געדאַנקען, האָט זיך אויך איצט געוווסט וווהין ער גייט. זי האָט אַרויסגעלאַכט.

— כ׳על שווערן, אַז דו גייסט צו מיין שוואָגער, דעם דאָקטאָר...

— ביזט דאָך שטענדיק אַ טרעפערקע!

— ס׳איז אינטואיציע... זינט כ׳האָב אָנגעהויבן צו מישן זיך אין פרעמדע לעבנס, אַרבעט ביי מיר אַ שאַרפער אינסטינקט. כאָטש מיין אַריינמישן זיך ברענגט קיינעם נישט קיין שאָדן, פונדעסטוועגן האָבן מענטשן ליב דאָס צו רופן אינטריגע... אָבער כ׳קען זיך נישט העלפן. אינטריגע איז פונקט ווי מלחמה. לייכט אָנצוהויבן און שווער אויפצוהערן...

— אַ נייע פילאָזאָפיע! — האָט ער אַ זאָג געטון און זי דורכגענומען מיט די אויגן — קומסט אפשר פון דעם דאָקטאָר? און ווו איז נייטן?

— מיין טומלדיק ווילטל איז פאַר נייטנען אַ שטילער מדבר. דו ווייסט עס! מיר גייען אויף באַזונדערע וועגן. כ׳קום איצט פון ראַלפן. מיין שוואָגער, דער דאָקטאָר האָט פאַר אַלעמען אַן אָפענע טיר. דו טוסט גוט וואָס דו גייסט אַהין, איסר. הלוואי וואָלסטו פריִער זיך געהאַלטן נענטער מיט דיין משפחה, וואָלסטו היינט נישט געווען אין טראָבל.

— כ׳בין נישט אין טראָבל.

— דאָס הייסט נישט קיין טראָבל? הינטער דיר שטייט אַ ווייב, וואָס פאַר־האַקט די טיר פון דיין היים און פון פאַרנט אַ פרוי, וואָס וויל אַפילו נישט דער־לאָזן, אַז דו זאָלסט זיך דערנענטערן צו איר ווערטל. כ׳האָב געוווסט, אַז אַזוי וועט זיך עס ענדיקן, ווען יאַדזשאַ וועט זיין מיט אייך אונטער איין דאַך. הייראַט איז נישט קיין פערמאַנענטע אינסטיטוציע פאַר צוויי קעגנגעזעצטע כאַראַקטערן. ביים ערשטן שטורעם צעפאַלט זי ווי אַ קאַרטן־שטיבל. נעם מיין פאַל... איך האָב אַפילו נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד נייטנען, און דאָך צעקריכט מיין הייראַט ווי שפּינוועבס. כ׳האָב געדאַרפט גלייך ביים אָנהויב דערקענען אַזאַ עגאָיסטקע ווי יאַדזשאַ און ס׳איז געווען מיין פליכט דיך צו וואָרענען, אַז זאָלסט זיך נישט יאָגן נאָך אַזאַ פּאַנג.

איסר יאַגאָדע האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע רויטלעכע אויגן:

— ווילסט מיר אויך איינרעדן, אַז כ׳יאָג זיך נאָך יאַדזשאַן?

— כ׳וויל נישט איינרעדן, נאָר באַשטעטיקן דאָס וואָס אַלע אין דער פאַ־מיליע ווייסן! לאָמיר זיך נישט שפּילן אין באַהעלטענישן. יעדער שטרייט צווישן מאַן און פרוי האָט אַן אויפקלערונג. פרויען, וואָס קענען אין די אינגערע יאָרן נישט דורכקומען מיט זייערע טאַטעס, זענען שפּעטער אין שטענדיקן קאָנפליקט מיט זייערע ליבהאָבער. זיי ווילן זיין די גוווערנאַנטקעס פון זייערע מענער און אין דער זעלבער צייט ווילן זיי האָבן דאָס פאַרגעניגן צו באַשטראָפן זיי. דאָס איז די שאָדנפרייד פאַר דער נאַכלעסיקייט, וואָס די טאַטעס האָבן זיי אין דער קינדהייט אַרויסגעוויזן. דאָס אייגענע אַרבעט פאַר ביידע געשלעכטער. אַנטוויש־טע מענער זענען פונקט ווי פאַרביטערטע מיידלעך... ווייסטו פאַרוואָס אַ פאַר־ביטערטע מיידל אַנטלויפט פון דער היים? כדי צו געפינען אַ ליבהאָבער, וואָס זאָל קאָמפּענסירן פאַר דער קאַרגשאַפט פון צערטלעכקייט אין הויז. און דער אַנטוישטער מאַן יאָגט זיך נאָך אַן אַפּערע מיט אַ צווייטער פרוי, צו קריגן באַ־פרידיקונג פאַר מאַנגל אין ליבע ביי זיין אייגן ווייב...

— כ׳זע פעני, אַז דו קענסט פאַרטייטשן די האַרבסטע זאַכן, אָבער ביזט אומגערעכט, אויב דו ווילסט מיך חושד זיין, אַז כ׳בין פון יענע מאַנסבילן.

— כ׳האָב דיר שוין געזאָגט, כ׳בין נישט חושד נאָר כ׳באַשטעטיק פאַקטן... פאַרהייראַטע מענער זענען שטענדיק גרייט צו פאַראַטן און דו ביזט נישט קיין אויסנאַם.

— וואָס נאָך קענסטו אויפווייזן?

— כ׳קען אויפווייזן, אַז מענער אין די מיטעלע יאָרן זענען שיכור פון עראָטיק. זיי זענען ווי וואַנזיניקע נאַרקאָטיקער. אַ געליבטע איז ביי זיי אַ פלאַש מיט וויין, ווען די אייגענע פרוי איז בלויז אַ פלאַש פון וויין... געפעלט דיר מיין הומאָר?

— רעדסט ווי אַ פּראָפעסאָר, פעני. אָבער איך בין אַן אומגעדולדיקער צו־הערער. כ׳אייל זיך. וועסט אַנטשולדיקן, כ׳על נאָך פאַרשפּעטיקן צו טרעפן דעם דאָקטאָר.

— וועסט גאָרנישט פאַרשפּעטיקן און אַ פּאָר ביטערע אמתן פון אַן אָפּגע־נאַרטער פרוי קענען דיר צונוץ קומען... כ׳האָב געזאָגט, אַז אַ געליבטע איז אַ פלאַש מיט וויין, אָבער אַ מאַן, אַ פרויען־יעגער, זאָג איך איצט, איז אַ צעבראָ־כענער קרוג... אַמאָליקע יאָרן האָט אַ פרוי געטרויערט נאָך דעם פאַרראַט פון אַ מאַן. די היינטיקע פרוי ליידט נישט צו־לאַנג פון אַ דורכגעפאַלענער ליבע. אַפילו אַ קאַלעדזש־מיידל, אַ קרבן פון אַ פּריצייטיק־פאַרבליטן ראָמאַן, איז פע:יק נאָכ־אַמאָל זיך צו פאַרליבן אַ פּאָר חדשים שפּעטער. עס פעלט איר דער געדולד צו זיצן שבעה נאָך אַ פאַרוויאַנעטער ליבע...

— וואָס, האָסט דורכגעפירט אַ שטודיע צווישן קאַלעדזש־סטודענטקעס? אויף דיר, פּעני, איז אַלץ צו גלויבן! ביזט צופיל זעלבסטשטענדיק, ביזט דאָך עפּעס „סאָפיסטיקעיטעד" ווי מ׳זאָגט. האָסט צייט רחמנות צו האָבן אויף דער גאַנצער וועלט.

פּעני האָט אַרויסגעלאַכט מיט אַ דין געלעכטערל. דאָס ווייכע, געלבלעכע ליכט אין אירע אויגן איז געוואָרן גל:ענדיקער.

— איך פאַרנעם זיך נישט מיט קיין שטודיעס, אָבער כ׳לעז טאַבעלעס און כ׳באַקען זיך מיט ציפערן. ווען מ׳זאָל דערלאַנגען יעדער פרוי אַן עקזאַמען־בויגן מיט פראַגן, וועט זי אין די ענטפערס אַרויסברענגען ווונטשן, וואָס ליגן פאַרשטעקט אין די קעמערלעך פון אונטערבאַוווסטזיין. אין לעבן ווערן אַזוינע ווונשן אונטערדריקט, אָבער אויף דעם אַנקעטע־בויגן ווערט די אינטימסטע דיסקרעציע דערהרגעט.

— וואָסווילסטו איצט זאָגן?

— ס׳איז אַן איינרעדעניש, אַז דאָס היינטיקע מיידל קען זיך נישט באַ־פרייען פון די ראָמאַנטישע סענטימענטן, וואָס זענען געווען אַזאַ ליבער עול ביי דער אַלטמאָדישער באָבע. וואָס דאַרפסטו מער, איסר? רייטשל האָט באַוויזן, אַז סענטימענטן קענען זיין פאַלש און יאַדזשאַ האָט באַשטעטיקט ,אַז ראָמאַנטישע אַפּערעס זענען ביי איר בלויז פריילעכע עפּיזאָדן... ליבע האָט משוגענע סטאַ־דיעס, אָפטמאָל האָט זי גרויזאַמע ווונשן. פאַראַן פרויען, וואָס ווילן נקמה נעמען אַן דעם מענלעכן געשלעכט דורך ווי טון דעם מאַן, וואָס זיי האָבן צומיינסטן ליב, און פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען גרייט געפּייניקט צו ווערן פון דעם מאַן, אין וועמען זיי זענען פאַרליבט. אַ פּאַראַדאָקס, וואָס? אויך דאָס איז אַן איינרע־דעניש! אין צוזאַמענלעבן פון די געשלעכטער האָט יעדע האַנדלונג איר לאָגישן אויספיר! מענער מוזן פאַרשטיין, אַז די שטאַנדהאַפטיקע פרוי קען היינט לייכט אַריבערטראָגן אַ פאַרשפּילטע ליבע־שלאַכט. זי ליידט אַפילו נישט פון דער אַנ־שיקעניש, וואָס מ׳רופט אייפערזוכט.

פּעני האָט פאַרשאַרט אַ לעקעלע האָר איבערן אויער און באַפעסטיקט דאָס ברוינע קאַפּעליושל. פאַר איסר יאַגאָדען איז דאָס געווען אַ צייכן, אַז זי איז גרייט אַוועקצוגיין. זי האָט געעפנט די האַנט־טאַש און מיט אַ ראָזלעך פּודער־קישעלע אַ פּיר געטון איבער דעם נעזל און שטערן. זי האָט איינגעטוליעט די גאָמבע אין דעם פּוטער־קאָלנער און אים דערלאַנגט אַ קליינע האַנט.

— איצט גיי זען ראַלפן. פאַר אים מעגסטו זיך פאַרטרויען, איסר. אָבער

איידער דו מאַכסט אָפּ ביי זיך וועגן דיין ווייב, דאַרפסטו זיך גוט איבערלייגן... רייטשל איז אַ האַרטע נוס.

— אַלע ווייבער זענען האַרטע ניס און צעקנאַקן מוז מען זיי.

— עס קנאַקט זיך נישט אַזוי לייכט. איצט זע איך, אַז דו נויטיקסט זיך אין אַ באַראַטונג מיט אַ דאָקטאָר. כ׳וויל דיר נאָר זאָגן, אַז צעקנאַקן וועסטו דאַרפן נאָך עמעצן, חוץ רייטשלען... גוד באַי!

פעני האָט געוואָלט אָפּציִען מיט גיכע טריט. איסר יאַגאָדע האָט זי אַ שלעפּ געטון פאַרן אָרעם אויף צוריק. ער האָט זי שאַרף אָנגעקוקט.

— רעדסט מיט אָנצוהערעניש, פעני. וואָס מיינסטו?

— דאָסמאָל האָב איך דיך אויף אַן אמת געמאַכט נייגעריק. אַז וועסט מיך ציִען פאַר דער צונג, וועל איך דיר אויסזאָגן.

— באַהאַלסט אַ סוד?

— אַזאַ סוד קען מען לאַנג נישט באַהאַלטן. עס שווימט אַרויס ווי יעדער אמת, אַזוי ווי בוימל אויפן וואַסער. פאַר טייל מענער ברענגט אַזאַ סוד פרייד, פאַר אַנדערע — טרויער. צי דאָס וועט דיך מאַכן גליקלעך איסר, ווייס איך נישט...

— רעד קלאָרע ווערטער, פעני, וואָס איז דער סוד?

— רייטשל גייט ווערן אַ מאַמע...

— ס׳אַ וויץ!

איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט אַ לאַך טון, אָבער דער בלייכער שמייכל איז איבערגעגאַנגען אין אַ ביטערן גרימאַס. די וויִעס האָבן זיך פאַרקנייטשט. און די רויטלעכע אויגן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ פאַרפרוירענער בליק פון אַ תם. פעני האָט געזאָגט:

— כ׳האָב עס דיר פריִער נישט דערציילט. כ׳האָב פיינט צו פאַרכאַפּן די פיש פאַר די נעץ. איצט וועסטו צוגעבן, אַז כ׳בין פון די פרויען, וואָס קענען פאַרגראָבן אַ סוד... פעני איז שטענדיק אַ משוגענער אויסנאַם, האַ? ווען דו באַרימסט זיך נישט, אַז דו קענסט רייטשלען צעקנאַקן, וואָלט איך די נייעס אַפילו נישט דערמאָנט. איצט וועסטו האָבן וואָס איבערצוטראַכטן...

פעני האָט מיט לאַנגזאַמע טריט זיך דערווייטערט, איסר יאַגאָדע האָט זי מער נישט פאַרהאַלטן. ער האָט אַ ווילע איר נאָכגעקוקט מיט דעם פאַרדרוס פון איינעם, וואָס באַגלייט אַן אומגעבעטענעם גאַסט, וועלכער האָט געבראַכט אַן אומגעוווּנשענע בשורה. די פרוי איז קליין אין וווּקס, אָבער זי איז אָנגעשטאָפּט מיט לשון־הרע ווי אַ מילגרוים און דאָס שפּילט נאָך די צדיקת! פעני איז טיף באַליידיקט און די קריוודעס שרייען פון איר אַרויס. די נייעס מיט רייטשלען איז אַוודאי אַ וויץ. נייטן איז אַ שאַרלאַטאַן און אַן אכזר. ער האָט אָפּגענאַרט אַן אָרנטלעכע פרוי. זי איז פאַרביטערט. זי איז אַרויסגעשטויסן פון דער מענער־וועלט און די אייביקע רייד וועגן דער מלחמה פון די געשלעכטער גייען דעריבער נישט אַראָפּ פון אירע ליפּן.

— 2 —

איסר יאַגאָדע האָט זיך דערוויטערט פון דער געריכט־געביידע. ער איז געגאַנגען לענגאויס אַ דראָטענער פאַרקאַן. הינטערן פאַרקאַן האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער פּלאַץ, אָנגעשטעלט מיט אויטאָמאָבילן. ער איז אַריין אין באַקסטער־סטריט. די געפרוירענע זון־שטראַלן האָבן איצט מיט מער בלענדעניש געגלעט די שטיינער פון די טראָטואַרן. אַ קילער שמייכל האָט געגליווערט אַרום זיינע גראָבע ליפּן. וואָס פעני קען אַלץ אָנרעדן! און אפשר איז נייטן נישט אינגאַנצן אומגערעכט. פעני מוז זיין אַ באַהאַלטענע מרשעת. וואָס קנעלט זי עפּעס מיט אַלעמען וועגן דער שלאַכט צווישןביידע געשלעכטער? אין זיינע אייגענע לערן־יאָרן האָט ער אויך דעבאַטירט וועגן די פּראָבלעמען פון די מינים. ס'לעבן פון די מינים איז אַן ענין, וואָס לאָזט זיך טייטשן און פּשטלען. ס'ציט זיך פון אדם הראשונס צייט אָן. די פּאָלעמיק האָט אין זיך אַזויפיל פולווער, אַז זי בלייבט אויפרודערנדיק אין אַלע צייטן, ס'שעפּט זיך קיינמאָל נישט אויס...

זיינע שפּרייזן זענען געוועזן פלינקער און נערוועזער. ער האָט אַריינגעדרייט אין לעקסינגטאָן־סטריט אָבער... ער איז פאַרביי די שווערע געביידע פון די שטאָטישע געזונדהייטס־קליניקס. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף די מויערן מיט די כינעזישע שילדן, וואָס זענען שוין געוועזן ווייט הינטער אים. די מעשה מיט רייטשלען איז אים נישט אַרויסגעקראָכן פון קאָפּ. עס מוז זיין אַ ווילדער שפּאַס. זי ציט אים אָן, די פלוידערקע! טרעפן דאָ, אין דעם כינעזישן קוואַרטאַל האָט ער געדאַרפט אַ געלאַסענעם קאָנפוציוס און אָנגעשטויסן זיך האָט ער אויף אַ באַרעדעוודיקער פרוי, אַ רכילותניצע, וואָס פאַרנאַכלעסיקט איר אייגן לעבן און היט די וועלט ביי יעדער פרעמדער טיר. וואָס פאַרלאַנגט פעני פון דער מענלעכער וועלט? ווען זי פּאָלגט אים, גיט זי ביי טענען אַ גט און האָט חתונה צום צווייטן מאָל. אויב אַ צווייטע הייראַט איז טאַקע דער טריומף פון האָפענונג איבער דערפאַרונג, מעג זי ריזיקירן... זי וואָלט אָבער דאָס מאָל געמעגט זיין מער איבערקלייבעריש. פעניס נייער באַשערטער וואָלט געמוזט זיין אַ קאָמבינאַציע פון אַ שיינעם מוווי־אַקטיאָר, אַ פלייסיקן פּראָפעסאָר און אַ פלינקן בעיזבאָל־שפּילער... דער מאַן פון אַזאַ פרוי וואָלט געמוזט האָבן גבורה, סאַי אין שכל, סאַי אין די מוסקולן...

ער איז צוגעקומען צום עק סענטער־סטריט. געדאַנקען ווי טשאַטעס פייגל האָבן געראָיעט ביי אים אין מח, אָבער אין זינען האָט ער געהאַט דווקא דאָס, וואָס אויף די גאַסן פון כינעזישן קוואַרטאַל דרייען זיך נישט אַרום קיין פילאָזאָפן און קיין געלאַסענע פּרעדיקער. מען קען דאָ נישט געפינען קיין קאָנפוציוס צווישן די זקנים. עס ציִען זיך באַרבער־שעפּער, קראָמען מיט פּאָרצעלייענע פיגורן, רייז־געוועלבלעך און פּרעסאַרניעס מיט ים־שרצים... און דאָך, אין דעם כינעזישן קוואַרטאַל, וואָס רייבט זיך אָן די פילדערנדיקע יידישע גאַסן, ווינט אַ קליין פאַרעקשנט פּאָלקל, וואָס איז זיכער, אַז עס האָט אַרויסגעטראָגן אויף די גאַסן אַן אַלטע קולטור, וואָס איז אייביק און אמתדיק ווי די לוחות.

קאַפּיטל צוואַנציק

— 1 —

אויף דער שמאָלער פרענקלין־סטריט איז איסר יאַגאָדע צוגעקומען צו אַ גרוי אַפּאַרטמענט־הויז, וווּ ס׳האָט געוווינט דאָקטאָר ראַלף פּאַרבער. אין דעם טרעפּן־האָל האָט אַ ווייס־אָפּגעבליאַקירט שילדל, מיט אַן אויסגעמאָלענער פּייל, אָנגעוויזן די ריכטונג צו דעם קליניק אויפן פינפטן שטאָק. אַ קליין, רויטלעך לעמפּל, ווי אַן אָנגעצונדן אויג האָט קוים באַלויכטן דעם ברייטן, טונקעלן האָל. פון די ברוינע ווענט האָט זיך געקרישלט דער טינק. פון דעם אויסגעוועלבטן סופיט האָט געשמעקט מיט דער אַלטמאָדישקייט און טוכלעקייט פון אַ האָטעל אויף דער בויערי.

איסר יאַגאָדע איז אַריין אין דעם אָפּענעם, אַלטפרענקישן עלעוויטאָר וואָס האָט מיט די אייזערנע קראַטעס אויסגעזען ווי אַ שטייג. אַ קנאַקיקער נעגער מיט דעם געוויכט פון אַן אָטלעט האָט אים אַרויפגעפירט אויפן פינפטן שטאָק. ער איז געבליבן שטיין פאַר אַ שורה טירן, וואָס זענען געווען פאַרהעמערט ווי טויערן פון טיפע קאַמערן. די נאָז־לעכער האָבן אַריינגעצויגן שווערע, פאַרלעגענע ריחות. ער האָט געמאַכט עטלעכע שפּרייזן און זיך פאַרהאַלטן ביי אַ טיר מיט אַ מעשע־נעם טאָוול ,וווּ ס׳איז געווען אויסגראַווירט: „דר. ראַלף פּאַרבער, פּלאַסטישער כירורג״. אין דער רגע ווען ער האָט געוואָלט אַ דריק טון דאָס קלינג־קנעפּל, איז די בשורה וועגן רייטשלס שוואַנגערשאַפט ווידער אַרויפגעשוומען אין זיין מוח. כ׳וועל זיך ווערטן, אַז די פּעני איז אַ קיבעצערין — האָט ער אין געדאַנק זיך געטרייסט — כ׳על זיך ווערטן, אָבער כ׳על נישט שווערן... זי איז שוין גאָר נישט קיין קיבעצערין, אָט די וועלט־פאַרזאָרגערין! ס׳איז אַ צו געפּערלעכער וויץ, זי זאָל וועלן מיט אים זיך רייצן! דאָס אַלץ וואָס אים פעלט! אַ שיין פּנים וועט האָבן רייטשל! אין אַזוינע יאָרן אין קימפּעט! ווען האָט דאָס פּאַסירט? שוין פיר חדשים ווי ער איז נישט מיט איר צוזאַמען.

ער האָט גענומען אויסלייגן דעם חשבון אויף חדשים און וואָכן. ס׳האָט יאָ געקענט שטימען! וועלכער מלאך האָט רייטשלען געגעבן אַ הבטחה, אַז איר טראַכט וועט זיך עפענען נאָך אַזויפיל יאָרן פון עקרהשאַפט? קיין בעסער שפּיצל האָט מען פון אויבן נישט געקענט אָפּטון! אויב ס׳זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר אמת, וועט רייטשל זיך האָבן דערוואָרט צו שטופּן אַ קינדער־וועגעלע אין סענטראַל־פּאַרק. רייטשלס פאַרשפּעטיקטע מוטערשאַפט וועט זיין איר גרעסטער געווינס. זי׳ט האָבן די זעלביקע זכיה, וואָס ס׳האָט געהאַט די עלטסטע פון די אמהות... ביז דעמאָלט וועט ער, איסר, מוזן זיין פאַרזאָרגט מיט אַ גאָלד־גרוב און זי מיט אַ לאָפּעטע... רייטשל איז פון יענע ווייבער, גאָלדגרעבערינס, וואָס זענען תמיד גרייט צו פאַרליבן זיך אין אַ נייעם טשעק־ביכל.

ער האָט געוואָלט פאַריאָגן פון זיך די באַזאָרגטקייט, אָבער די געדאַנקען האָבן זיך געוויקלט ווי שריצימלעך. די טוכלעקייט פון די ווענט איז אים גע־

קראַכן אין גאָרגל. ער האָט אַ קוועטש געטון דאָס קלינג־קנעפּל. די טיר האָט זיך געעפנט און דער טוכלער גערוך איז מיטאַמאָל אויפגעלייזט געוואָרן פון א שאַרפן פּערפום־ריח, וואָס האָט אַ בלאָז געטון פון אינעווייניק ווי אַ פּריש ווינטל. אויף דער שוועל איז אַרויסגעקומען אַ דיקע נעגער־פרוי, אָנגעטון ווי אַ נוירס, מיט אַ שפּיציקן טשעפּיק אויפן קאָפּ. אירע אומעטיקע אויגן האָבן געקוקט מיט חידוש. אירע גראָבע ליפּן האָבן געלאַכט. זי האָט מיט אַ מבינישן בליק אָפּגע־מאָסטן איסר יאַגאָדען און געזאָגט:

— אונדזערע פּאַציענטן זענען געוויינלעך פרויען, אָבער אויב איר זייט מיסטער יאַגאָדע, וואַרט אויף אייך דער דאָקטאָר. איר מוזט דאָ זיין אַ זעלטענער גאַסט, אויב כ'דערקען אייך נישט גלייך ביים עפענען די טיר... אונדזער דאָקטאָר איז אַ סימפּאַטישער מענטש, אָבער דער צוגאַנג צו זיין קליניק איז שוין גאָר־נישט סימפּאַטיש, וואָס? ס'איז דאָ נישט קיין הויז ווי אויף פּאַרק־עוועניו. ס'איז אַ „סלאַם", ווו עס וווינען מענטשן מיט נעבלהאַפטע חלומות... ר'זעט? אַלע שכנים דאָ זענען אַ קאָלעקציע פון דורכגעפאַלענע קאַריעריסטן און טרוימער. וואָס געפינט איר אַלץ נישט אונטער דעם דאַך? אויסגעשעפּטע פּאָעטן, מאַלערס, מוזיקער... זיי פּאַסן זיך גיכער אַריין אין גריניטש־ווילעדזש. האָט איר שוין געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט ניו־יאָרקער קרענקס און באַרימערס?

די נעגער־פרוי איז נאָך נישט געווען גרייט אַריבערצולאָזן איסר יאַגאָדען איבער דער שוועל. אירע אומעטיקע אויגן האָבן ביסלעכווייז אויפגעשיינט. זי האָט אויפגעהויבן אַ פינגער אין דער הויך און גערעדט.

— אויבן אויפן ערשטן שטאָק וווינט אַ מידער מוזיקער, וואָס האָט געהאַט דעם אַפּעטיט פון שאַפן... דעם אַפּעטיט יאָ, אָבער נישט זיין טאַלאַנט. ער איז געווען אַ דורכפאַל. איצט פּייניקט ער אונדז מיט זיינע שוידערלעכע פּיאַנאָ־אַקאָרדן... איבער זיין קאָפּ, מיט אַ שטאָק העכער, זיצט אַ מעלאַנכאָלישע קאַבאַ־רעט־זינגערין, אַ צייט־פריינדין פון דער אַקטריסע ליליען ראָסעל. זי האָט גע־זונגען אין יענע יאָרן, ווען יעדע נאַכט איז אויף בראָדוויי אויפגעגאַנגען אַ בייער שטערן. ליליען ראָסעל האָט זיך געשפּייזט מיט דערפאָלג און מיט רייכטום און זי — מיט אייפערזוכט. צוליב אירע געזאַנג־רעפּעטיציעס האָבן מיר איצט שלאָפ־לאָזע נעכט... גלייך קעגנאיבער איר טיר וווינט אַן אַלטמאָדישער קאָמיקער, אַן אָלד־טיימער. דאָס איז שוין איינמאָל אַן אינדיווידום! ער פּאַרווילט די געסט אין די סאַלונען פון גריניטש־ווילעדזש. ער האָט אַ הויכע מיינונג וועגן טרעמפּס און באַוואונדערט יענע מיידלעך, וואָס ווילן נישט ווערן קיין האָליוווד־שטערנס... ער פאַרטראָגט נישט קיין פּערפום, האָט פיינט געפּוצטע פרויען און דאָך קלאַפּט ער צוויי מאָל אין טאָג אין דער טיר פון דער זינגערין... איצט, אַז איר ווייסט שוין וועגן די דורכגעפאַלענע אין דעם הויז, וועל איך אייך דערציילן וועגן די דער־פאָלגרייכע. אויך אַזעלכע זענען פאַראַן...

— האָסט גענוג דערציילט, ווירדזשיניאַ. ביזט אַ גוטע שמועסערין איב־דרויסן, אָבער מיינע געסט ווען דיך בעסער אויסהערן הינטער אַ צוגעמאַכטער טיר.

די נעגערטע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. הינטער אירע פּלייצעס איז געשטאַנען דאָקטאָר פאַרבער, ווי אַ שטרענגער באַלעבאָס. אונטער זיינע פאַרשנדיקע אויגן איז די טונקלהויטיקע קראַנקן־שוועסטער געוואָרן געהאָרכזאַם. איר שווערע פיגור איז אָפּגעטראָטן פון דער שוועל און געמאַכט פּלאַץ פאַר איסר יאַגאָדען. זי האָט, וויגנדיק זיך אויף די דינע פיס, געשפּרייזט פאַראויס פאַר די צוויי מענער און זיך פאַרענטפערט.

— איך קען זיך נישט העלפן, דאָק... דער נאַר פּלאַפּלט פון מיר אַרויס, אָבער קיין סודות פון דער קליניק דערצייל איך נישט!

פאַר איסר יאַגאָדען האָט דאָקטאָר פאַרבער געהאַט אַ קנאַכיקן האַנטדרוק און אַ ווייכן שמייכל אַרום די מויל־ברעגן. ער האָט געטראָגן אַ רויטלעך־סאַמעטנעם רעקל מיט אַן איבערגעלייגטן קאָלנער, פאַרשלייפט מיט אַ ברייטן, שוואַרצן שניפּס. דער געדיכט־געקרייזלטער קאָפּ האָט גערוט אויף דעם פעסטן קאַרק ווי אויף אַ פּעלז. בעת ער האָט געפירט איסר יאַגאָדען איבערן קאָרידאָר צו זיין אָפיס, האָט ער געהאַלטן אין איין אַריינשטופּן אין די אַרבלען זיינע לויזע מאַנקעטן און גערעדט.

— מיין נוירס וואָלט בעסער געמעגט זיין אַ וועג־ווייזערין פאַר טוריסטן, איידער אַ קראַנקן־שוועסטער אין דעם קליניק. זי פירט אַרום יעדן באַזונדער ווי אויף אַן אַנטיקן־באַזאַר. צוערשט ווייזט זי אים דאָס פאַרוואָרלאָזטע טרעפּןהויז מיט די אַלטפרענקישע ווענט און דערנאָך קומט דאָס באַרעדן די שכנים... און דאָס שמעקט מיט ווייבערישער אייפערזוכט!

— 2 —

לויט זיין הילוך האָט דער דאָקטאָר אין איסר יאַגאָדעס אויגן אויסגעזען ווי אַ מאַלער, וואָס האָט אויף אַ ווייל אַרויסגעלייגט די פּאַליטרע און פּענזל פון זיינע הענט. ער האָט באַטראַכט זיינע לויזע, געקעסטלטע הויזן מיט די ווייכע לאַטשן און פלינק אָפּגעפּסקנט, אַז ער האָט דעם אויסקוק פון אַ קינסטלער און די פּראַקטישקייט פון אַ ביזנעסמאַן.

דער דאָקטאָר האָט געעפנט אַ ווייסע שויבן־טיר. ס'איז אים אַקעגן געקומען אַ בלאָנדע קראַנקן־שוועסטער מיט אַ דינער, וויגנדיקער פיגור. זיין אָפיס האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעשטעלטער שפּייז־צימער. אינמיטן דער סטעליע, איבער דעם שרייב־טיש, איז געהאַנגען אַן אַלטמאָדישער זעקס־לאָמפּן־זשיראַנדאָל. ביי דער רעכטער וואַנט אַ שטאָלן בעטל איבערגעצויגן מיט ווייסע געוואַנד, פאַר פּאַציענטן, און אַ קורצע סאָפקע. ביי דער לינקער וואַנט — אַ טיש מיט אינסטרומענטן און עלעקטרישע אַפּאַראַטן. פון אַ ווינקל האָט אַרויסגעקוקט אַ שענקל מיט בייכיקע ביכער, ענלעך צו אַ קאָמאָדע.

דאָקטאָר פאַרבער האָט אַראָפּגענומען פון שרייב־טיש אַ ברוינע ליולקע און זי אָנגעשטאָפּט מיט טאַבאַק. ער האָט זיך געזעצט אויף דער סאָפקע און פאַר זיין גאַסט האָט ער אָנגעוויזן אַ שאָקל־שטול.

— מיר קענען זיך ווינציק, דאָקטאָר — האָט איסר יאַגאָדע דער ערשטער אָנגעהויבן מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל.

— כ׳על זיין צופרידן איסר, אַז דו וועסט מיך נישט טיטולירן: דאָקטאָר. כ׳הער ,אַז מיין ברודער נייטן דרייסטו אַן אָפּט אַן אויער, ווען ער באַנעמט זיך נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין און מיך ווילסטו רעספּעקטירן? מיין נאָמען איז ראַלף, פאַר דיר — רפאל און מירן טאַקע רעדן אַ היימישן יידיש. לאָמיר פריִער פאַר אַלץ באַשליסן, באַלאַנגען מיר צו איין משפחה? בין איך דיין שוואָגער?

איסר יאַגאָדע האָט מיט הנאה אַ רייב געטון זיינע הענט און זיך גענומען וויגן אין שאָקל־שטול.

— ס׳געפעלט מיר דיין היימישקייט, רפאל, כ׳מיין טאַקע — ראַלף...

— כ׳וועל דיך שוין סאַי ווי מוזן אָנערקענען ווי אַ שוואָגער, בלויז כדי צו פאַרמיידן אייפערזוכט.

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַריינגערוקט טיפער אין שאָקל־שטול און אָנגע־שטעלט די אויערן. דאָקטאָר פאַרבער האָט זיך אָנגערופן:

— אייפערזוכט איז דאָס ריכטיקע וואָרט... ס׳איז דער כוח, וואָס דאָמי־נירט אויף דער וועלט. דו פרעג מיך, איך פאַררעכט נישט בלויז מענטשלעכע פנימער, כ׳פאַרריכט אויך זייערע נשמות. נישט שטענדיק איז אייפערזוכט אַ צעשטערנדיקער כוח. ס׳אַן אַלטע געשיכטע. אָן אייפערזוכט וואָלט אונדזער לעבן געווען אָן פאַרווייזלונג, עס וואָלט אונדז געפעלט דער טרייב־כוח צו האַנדלונגען.

דאָקטאָר פאַרבער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער סאָפקע און זיך אַריינגע־זעצט אין דעם לעדער־געבעטן שטול הינטערן שרייב־טיש. ער האָט אָנגעצונדן די ליולקע. ער האָט מיט הנאה געזויגן קנוילעכלעך רויך און גערעדט:

— לייג צו אַן אויער, איסר. עס האָט צו טון מיט דיין וויזיט, ווו האַלטן מיר? יאָ, מענטשן פרעגן, ווי אַזוי קען אייפערזוכט זיין סאַי גוט און סאַי שלעכט אין דער זעלבער צייט? מען קען זיך נישט העלפן. מיר מוזן איבערחזרן די אַלטע טעאָריע, אַז ס׳זענען פאַראַן צוויי סאָרטן אייפערזוכט. איין סאָרט אַרבעט קעגן אונדז, אַ צווייטער סאָרט אַרבעט פאַר אונדז. איין מין איז אומנאַרמאַל, אַ צוויי־טער מין איז נאָרמאַל. פאַרשטייסט, פאַרוואָס איך האָב פריִער געזאָגט, אַז ווען מיין נוירס ווירדזשיניאַ באַרעדט די שכנים, שמעקט עס מיט ווייבערישער איי־פערזוכט? דאָס איז די אומנאָרמאַלע אייפערזוכט... די אייפערזוכט באַזעצט זיך אין מענטש, ווען ער איז נאָך אין דער מוטערס טראַכט...

איסר יאַגאָדע האָט אויפגעהערט צו וויגן זיך אין שאָקל־שטול. די לערע וועגן אייפערזוכט איז אים שוין געלעגן אין גרגרת. יאַדזשאַ האָט אים שוין מיט חדשים פריִער געגעבן אַזאַ לעקציע... ער האָט זיך איינגעהאָרכט מיט אויסגע־שעפּטן געדולד. ער האָט אַריבערגעטראָגן די אויגן צום סופיט, ווו ס׳איז גע־האַנגען דער זעקס־לאָמפּן־זשיראַנדאָל. אַ שיינע לעקציע האַלט דער דאָקטאָר דאָ, פאַר אים! און דאָס איז נאָר דער אָנהויב. ס׳זעט אויס, אַז ער גייט ערשט פונאַנ־דערבינדן די צונג. אַזוי גאָר! איז ער אַ נודניק אויך? פאָרט נייטנס ברודער! ס׳אַ שטראָף אין דער משפחה...

פֿאַר איסר יאַגאָדען איז נישט געווען פֿאַרהוילן, אַז דאָקטאָר פֿאַרבער פֿאַר־שליסט צוויי מאָל אַ וואָך די קליניק פֿאַר זיינע רייכע פּאַציענטקעס. ער נעמט זיין בלאָנדע קראַנקן־שוועסטער און ביידע פֿאָרן אַוועק קיין שיקאַגאָ אין דער סטעיטוועל־טורמע. דאָרט איז ער אַ גאַנצן טאָג באַשעפֿטיקט מיט מאַכן אָפּעראַציעס אויף די פּנימער פֿון אַרעסטאַנטן. די אָפּעראַציעס אויף די פּנימער פֿון די פֿאַרברעכער זענען אין דער זעלבער צייט אויך אָפּעראַציעס איבער זייערע נשמות. אַ נייע צייט, אַ נייע וויסנשאַפֿט. ס׳פּנים פֿון אַ מענטש איז אַ שפּיגל פֿון זיין נשמה! פּלאַסטישע אָפּעראַציעס, הייסט עס, ענדערן גאָר דעם קרימינאַלניק פּסיכיש. ביים אויסגלייכן אַן אויסגעקרימטן פּוס, אָדער אַן אויסגעוויעכעטן אָרעם פֿון אַ טורמע־זיצער, גלייכט מען אויך אויס זיינע אינערלעכע קרומקייטן... אַ פֿיינע אַנטדעקונג! אַלץ איז ווויל! אָבער וואָס טוט ער, איסר, דאָ אין דעם שאָקל־שטול, ווען אונטער די פּיס ברענט און ס׳געזעס איז אויף נאָדלען? ער האָט גע־וואָלט זיך אויפהויבן און זיך אָנגערופֿן:

— כ׳האָב פֿיינט איבערצורייסן אַ געלערנטן מענטש, רפאל, אָבער געקו־מען אַהער בין איך צוליב צוויי זאַכן: ביזנעס און רייטשל...

— כ׳וויס, איסר. צוויי זאַכן, צוויי געפּאָרן. לאָמיר אָנהויבן פֿון דער גרע־סערער געפּאָר: פֿון רייטשלען... זי איז דאָ געווען ביי מיר. אין דעם שטרייט צווישן דיר און איר, איז זי די אָנקלאָגערין.

— זי איז מיר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג, האָ? דיין שוועסטער האָט פֿלינקע פּיס, זי יאָגט אַ מייל אַ מינוט. און אין צולאָג איז זי גאָר די אָנקלאָגערין!

— יעדע פּאַציענטקע מיינע איז די אָנקלאָגערין. צוליב וואָס קומט אַ פֿרוי אַהער נאָך אַ פּלאַסטישער אָפּעראַציע? וויל הינטער דער צעקנייטשטער הויט שרייט אַרויס אַ פּראָטעסט קעגן די קריוודעס פֿון דער נאַטור! און די נאַטור איז טאַקע גרויזאַם. אַ כירורגישער שניט איבערן געזיכט פֿון אַ פֿרוי באַשטע־טיקט, אַז די השגחה איז באַגאַנגען אַ גוואַלטאַט איבער אַ לעבעדיק וועזן פֿון דעם שיינעם געשלעכט.

— רייטשל איז אויך דיינע אַ פּאַציענטקע? וועסט דאָך מיר נישט דערציילן, אַז זי איז געקומען נאָך אַ פּלאַסטישער אָפּעראַציע? וואָס כ׳זאָל נישט טראַכטן וועגן רייטשלען, אָבער איר פּנים געהער צו די קנאַפּע חסרונות...

— אין מיין קליניק קומען פֿיזישע פּאַציענטקעס און פּסיכישע פּאַציענט־קעס. פֿרויען, וואָס זעען אין זייערע חלומות ווי בלאָנדע מלאכימלעך פֿאַרשלעפּן זייערע מענער, זענען פּסיכישע פּאַציענטקעס... אַזעלכע פֿרויען זענען שטענדיק פֿאַרנומען מיט זוכן אין די קעשענעס פֿון זייערע מענער, אָדער מיט דורכלייענען זייערע בריוו. צו דער קאַטעגאָריע געהער דיין ווייב.

— רייטשל האָט קיינמאָל נישט געזוכט אין מיינע קעשענעס.

— דאָ שטעקט דיין טעות, איסר. זי האָט יאָ געזוכט און געפֿונען!

— מיינע ליבעס־בריוו? — האָט איסר יאַגאָדע זיך צעלאַכט — מיינע פֿאַר־באַטענע ראָמאַנען פֿיר איך מינדלעך. כ׳האָב פֿיינט אָנצוגרייטן שריפֿטלעכע באַ־וויזן פֿאַר די ריכטער. כ׳באַוואָרן זיך, אַז כ׳זאָל נישט ווערן קיין קאַנדידאַט צו צאָלן אַלימאָני...

דאָקטאָר פאַרבער האָט האַסטיקער געגומען זויגן די ליולקע. די בלוילעכע קנוילעכלעך רויך זענען ווי שיטערע וואָלקנדלעך אויסגערונען אין דער לופט. די ברעמען האָבן זיך פאַרצויגן. די ווייסע אויגן זענען געוואָרן שטרענגער. דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. ער האָט צוגעלייגט דאָס טרייבל צום אויער. ער האָט דאָרט געשעפּטסמעסיק אַריינגעשאָטן אַ בינטל ווערטער. די טיר האָט זיך געעפנט און די בלאָנדע נוירס האָט זיך באַוויזן מיט אַן אָנזאָג, אַז פּאַציענטקעס קומען אָן. דער דאָקטאָר האָט איר באַפוילן אויפצוהאַלטן די פרויען אין וואַרט־צימער ווי לאַנג ער וועט האָבן ביי זיך דעם גאַסט. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איסר יאַגאָדען.

— רייטשל האָט געפונען אין דיין קעשענע אַ ביזנעס־קאַרטל פון אַ פרעמ־דער פרוי. דאָס איז אַ טריומף־קאַרט אין די הענט פון אַ פאַרביטערט ווייב... אַזעלכע אַדרעסן פירן די מענער צום ריכטער־שטול...

ביי איסר יאַגאָדען האָט די הויט איבערן שטערן זיך געגומען בערגלען. אין די פאַרקנייטשטע ברעמען איז געווען אַ פאַרלאַנג זיך עפּעס צו דערמאָנען. וועגן וואָס פאַרא ביזנעס־קאַרטל רעדט ער? כ׳על שווערן, אַז דאָס מיינט ער דעם אַדרעס, וואָס די דיקע פרוי האָט מיט לאַנגע חדשים צוריק אים דערלאַנגט אין אַ קאַפעטעריע. די פּעטע נקבה האָט אים געגומען אויף אַ שמועס. יענע האָט דאָ גאָר געוואָלט פאַרקויפן אַ לאָטעריע־צעטל! זי האָט נישט געפּאַקט אין אים קיין יאָלד און אים אַריינגעשטופּט איר ביזנעס־קאַרטל. ווען ער האָט שכל, צע־רייסט ער ס׳קאַרטל אויפן אָרט, אַנשטאָט עס צו באַהאַלטן אין קעשענע. פון וואָס ווייבער קענען אַלץ מאַכן אַ צימעס. די אַדרעס איז אַריינגעפאַלן אין די אמתע הענט! רייטשל רעדט זיך איין, אַז ער האָט צו טון מיט יענער פּרוינצימער. ס׳איז עק וועלט! און אפשר איז גלייכער, אַז דער קנויל זאָל זיך מער פאַרפּלאָנ־טערן, וועט ער גיכער איבערקומען דאָס גט־אַנשיקעניש. דוכט זיך, אַז ער׳ט געמאַכט אַ טעות. ער האָט בעסער געדאַרפט זוכן אַ לאָיער, אַנשטאָט צו קומען בעטן עצות ביים דאָקטאָר. ער האָט זיך אָנגערופן:

— די מעשה מיט דעם ביזנעס־קאַרטל איז ס׳אמתע געלעכטער, אויב דאָס קען אָנצינדן אייפערזוכט ביי אַ ווייב.

— די אורזאַך איז נישט וויכטיק. רייטשל איז אייפערזיכטיק, ווייל זי ווערט זיך קעגן די אומשטענדן, וואָס באַדראָען איר זיכערקייט. זי איז אַ מענטאַלער פאַל... אַלס קינד, אין אונדזער טאַנטנס שטוב, האָט זי מיר געביסן די אויערן און געריסן די האָר פון איר אינגערער שוועסטער נעמי... נייטן האָט זיך אויך ביי איר גוט אויסגעריכט! אין די שפּעטערע יאָרן האָט זי געטראָגן אַ האַרץ אויף דער שוועסטער, וואָס איז געווען שענער און מזלדיקער פון איר. נעמי האָט פריִער פון איר חתונה געהאַט און געבוירן צוויי קינדער. רייטשל איז נאָך איר פאַרשפּעטיקטער הייראַט געבליבן קינדערלאָז. דערפון האָט זיך אַנטוויקלט אַן אונטערבאַוווסטזיניקע אייפערזוכט, וואָס איז געשטיגן כסדר, ביז ס׳איז איבער־געגאַנגען אויף מעסער־שטעך מיטן אייגענעם מאַן. באַנעמסט עס, איסר? נאָך דער הייראַט ווערט די פרוי די באַזיצערין פון אַן אויסגעדוכטן אומשאַצבאַרן

אייגנטום... אַ געטרייער מאַן צי אַן אָפּנאַרער, אָבער ער איז אַ באַזיץ, צוליב וועלכן יעדע פּרוי וועט זיך שלאָגן פאַרצווייפלט.

ביי איסר יאַגאָדען האָבן די בערגלעך איבערן שטערן זיך אויסגעגלעט. די פאַרקנייטשטע ברעמען האָבן זיך איינגעצויגן. ער האָט אָנגעקוקט דעם דאָק־טאָר, איז ער אַ מעדיקער צי אַ פּרעדיקער? ער האָט דעם שוואַרץ־גרייזלטן קאָפּ פון אַן איטאַליענישן באַרבער אויף מאַלבערי־סטריט און די רירעוודיקע הענט פון אַ פּעדלער אויף אָרטשאַרד־סטריט. ער האָט דאָס אויסזען פון אַ קינסטלער און די באַרעכנטקייט פון אַ ביזנעסמאַן. ער רעדט יידיש ווי אַ היינט־וועלטיקער מענטש, זיין אַלט בחורשאַפט שטערט אים נישט צו זיין אַן עקס־פּערט איבער ווייבערשע צרות. אַבי מען וויל אים איינשמועסן, אַז די פּרויען־פּאַציענטקעס זענען פאַר אים בלויז שטיקער אַנאַטאָמיע. זיי זענען ביי אים לע־בעדיקע, צאַפּלדיקע פיש... ער קען נישט בלויז שאַבן זייער הויט, נאָר אויך זיך איינשניידן אין זייערע נשמות! לויט אים, קומט אויס, אַז די אַלטע טעאָריע, אַז פרויען זענען דאָס שוואַכע געשלעכט איז גאָר אַן איינרעדעניש. די אַלט־מאָדישע מיינונג, אַז דער מאַן שטעלט פאַר דעם שטאַרקן מין איז באַנקראָט! אַ באַווייז איז: רייטשל. זי געהער צום שוואַכן געשלעכט און זי מאַכט אַש און פּאַרעך פון אַלע מאַנסבילן!

ער האָט געהעקלט די שטיקלעך געדאַנקען און געוועזן איבערצייגט, אַז ער איז מחדש וועלטן. ער קען אָפּשפּעטן פון אַלע ציפערן, וואָס סטאַטיסטיקער דער־לאַנגען. דאָס טעגלעכע לעבן איז דער בעסטער וועגווייזער. קיין וויסנשאַפטלעכע טאַבעלע האָט נאָך נישט אויפגעוויזן, אַז אין יעדער טואונג, אויסער אין פאַר־מעסט פון מוסקולן, קענען פרויען זיך אויסגלייכן מיט מענער. די מענער גיבן אַרויס גאונים און פאַרברעכער. זיי באַגייען מער זעלבסטמאָרדן און שיקן מער פּאַציענטן אין משוגעים־הייזער, בעת פרויען האָבן ליב צו שפּילן פּאָוקער, צו רעדן וועגן זייערע קראַנקייטן און פאָדערן מער מענלעכע אויפמערקזאַמקייט. די השגחה האָט אַזוי געזאָרגט, אַז די פרוי, די אויסטראָגערין פון קינדער האָט מער ווידערשטאַנד־קראַפט קעגן קראַנקייטן ווי מענער. דווקא זייער שוואַכקייט, זייער באַוואָרעניש און געדולד איז זייער שטאַרקייט! דאָס האָבן די מענער אויס־געטראַכט, אַז פרויען האָבן שוואַכקייטן און די ווייבער ווילן דאָס אַפילו נישט אָפּשטרייטן. זאָלן די יאָלדן לעבן מיט דער איינרעדעניש... אויב שוין יאָ גלויבן סטאַטיסטיק, דאַרף מען אַריינקוקן אין די ציפערן פון די אינשורענס־קאָמפּאַניעס, פון ־די אַסעקוראַציע־געזעלשאַפטן. די פאַקטן רייסן די אויגן. די הויז־פרוי אין קאָלומבוסעס מדינה אַרבעט וואָס אַ יאָר ווייניקער, לעבט לענגער אין דער צייט, ווען איר מאַן וואָס האָט אַ פּעט באַנק־ביכל, אַ הויכע אינשורענס־פּאָליסי, שטאַרבט פון אַ האַרץ־אַטאַקע, נאָך איידער ער ווערט אַ פּופּציקער.

איסר יאַגאָדעס שטומע אָנקלאַגעס אויף פרויען האָבן זיך אויסגעלייגט ווי טרעפּ צו דעם ריכטער־שטול, ווו קריוודעס ווערן געוויגן און געמאָסטן. מיט יעדער נייער באַשולדיקונג איז דער צאָרן געשטיגן. די באַשולדיקונגען האָבן געמאָנט אַ פּסק־דין פאַר אַלע קריוודעס פון רייטשלען, פאַר דעם וויץ מיט איר שוואַנגערשאַפט. איז עס אַ וויץ? מען וואָלט געדאַרפט פּרובירן אויסגעפינען

פון דאָקטאָר, וואָס ער ווייסט וועגן דעם? קען עס זיין, אַז פּעני איז דאָ געווען און געמאַכט אַ שווייג? אויב אַזוי האָט זי דאָך הללס געדולדן! עט, ער איז זיכער, אַז מען שפּילט מיט אים אַ ביטערן שפּאַס. דאָס איז ווייבערשע סטראַטעגיע, אַז נישט וואָלט דער דאָקטאָר אים געטריבן באַלד צוריק צו רייטשלען, ער זאָל זיך גרייטן צו ווערן אַ טאַטע און דאָס מאָל אָנהויבן זוכן אַ כלה פאַר זיין אייגענעם בכור.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

— 1 —

אין די אויגן פון דאָקטאָר פאַרבער האָט געגליווערט אַ תמעוואַטער בליק. ער האָט געפּויקט מיט זיינע טאַנצנדיקע פינגער איבערן שרייב־טיש ווי איבער פּיאַנאָ־קלאַווישן. די ליולקע איז געווען פאַרלאָשן. ער האָט אויסגעשאָטן דעם פאַרברענטן טאַבאַק און אָנגעשטאָפּט פרישע טאַבאַק. ער האָט אַ רייב געטון ס׳רעדל פון אַ זילבערנעם סיגאַרעטן־צינדער, טיף פאַרצויגן און אַריינגעבלאָזן דאָס ערשטע קנויל־כל רויך אין איסר יאַגאָדעס פּנים. נאָך אַ רגע האָט ער אַ פרעג געטון:

— קלערסט צוריקצוגיין צו רייטשלען?

איסר יאַגאָדע האָט זיך צוגעבויגן צום שוואַגער.

— רייטשל איז וואָס מ׳רופט אויף דיין דאָקטאָר־לשון: אַ פּראָבלעם־קינד און איך האָב מורא פאַר פּראָבלעמען.

— ס׳אַ טעות. נישט בלויז פּרויען, נאָר אויך מענער זענען פּראָבלעם־קינדער. מעגסט דאָס וויסן! מיין כירורגישע פּראַקטיק האָט מיך איבערצייגט, אַז יעדער מאַן מיט אַ פיזישן מום, ווי קליין ער זאָל נישט זיין, האָט אַ פּראָבלעם, אַזוי גרויס ווי דער הארב פון אַ קעמל... ווען איך האָב ס׳ערשטע מאָל געמאַכט אַ וויזיט אין דער סטעיטוועל־טורמע האָט מען פאַר מיר אַוועקגעשטעלט זעקס פּראָבלעם־אַרעסטאַנטן, אַז כ׳זאָל זיי אויסקורירן. דאָס זענען געווען אמתע קריפּלס. כ׳האָב אַ קוק געטון אויף אדמס געשטראָפטע קינדער. איינער איז געבוירן געוואָרן מיט איבערגעדרייטע אויערן. אַ צווייטער האָט אין אַ טראַפיק־אומגליק פאַרלוירן די פיאַטעס פון זיינע פיס. ער האָט אַזוי מיאוס געהינקן, אַז קיינער האָט אים נישט געוואָלט געבן קיין אַרבעט. די נאַטור קען באַשטראָפן אַ מענטש, איסר! ביי אַ דריטן האָט געפעלט די נאָז. דער פערטער איז געקומען אויף דער וועלט מיט אויסגעקרימטע הענט און פיס, ביים פינפטן איז דער גאַנצער קערפּער, פון נאַקן ביז צו די קנעכלעך, געווען באַדעקט מיט געשווירן. כ׳זאָג דיר, איסר, די נאַטור איז גרויזאַם. דער זעקסטער אַרעסטאַנט האָט פּשוט געהאַט אַן עקלהאַפטן, מיאוס פּנים. ער איז קיינמאָל פריִער נישט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן ביז איין טאָג, ווען זיין קליין יינגל האָט זיך אָפּגערוקט פון אים און זיך שטאַרק צעוויינט: „טאַטע, דו זעעסט אויס ווי אַ גאָרילאַ... פאַרוואָס ענדערסטו

נישט דיין פּנים?״ יענעם טאָג האָט דער מיאוסער טאַטע זיך נוקם געווען פאַר זיין פאַרשעמט קינד. ער איז באַגאַנגען דעם ערשטן רויב־אָנפאַל...

דאָקטאָר פאַרבער האָט אַוועקגעלייגט זיינע טאַנצנדיקע פינגער אויף ביידע קני׳ען. ער האָט נענטער זיך צוגעבויגן צו איסר יאַגאָדען און שאַרף אים אָנגע־קוקט, ווי ער וואָלט געמאָנט ביי אים דעם האַרבן ענטפער, ווי אַזוי ער, איסר, וואָלט זיך געספּראַוועט מיט די זעקס פּאַציענטן?

איסר יאַגאָדע האָט נישט געענטפערט און דאָקטאָר פאַרבער האָט ווייטער גערעדט:

— כ׳האָב מיינע פּאַציענטן אויסקורירט. ס׳האָט געדויערט אַ פּאָר חדשים. כ׳האָב אָנגעהאַנגען די איבערגעדרייטע אויערן אויפן ריכטיקן אָרט. כ׳האָב צו־געשטעלט פּיאַטעס אויף די פיס פון דעם הינקענדיקן. כ׳האָב צוגעקלעפּט אַ נאָז פון פלייש און ביין דאָרט, וווּ אַ נאָז האָט געפעלט. ביים פערטן פּאַציענט האָב איך קאָרעגירט די אויסגעקרימטע הענט און פיס. כ׳האָב אָפּגעווישט די געשווירן ביים פינפטן פּאַציענט און כ׳האָב געמאַכט אַ שטיקל סקולפּטור־אַרבעט ביים באַשאַפן אַ ניי פּנים פאַר דעם זעקסטן אַרעסטאַנט.

— ביזט אַ בעל־מופת, ראַלף! און די חד־גדיא־זיצערס, כ׳מיין די טורמע־פייגל זענען נאָך די אָפּעראַציעס געוואָרן צדיקים?

— וועסט נישט גלויבן, איסר. אָבער די זעקס אַרעסטאַנטן זענען באַפרייט געוואָרן פון געפענגעניש. זיי האָבן שפּעטער זיך גאָר גוט אַריינגעפּאַסט אין לעבן. צוויי פון זיי זענען געשטאָרבן ווי אָרנטלעכע מענטשן. מעגסט זיי רופן חד־גדיא־זיצערס צי טורמע־פייגל, כ׳על נישט גאַראַנטירן, אַז אַלע ווערן צדי־קים, אָבער אַ פּיזישער, — אַזוי ווי אַ גייסטיקער פעלער ביים מענטש קען זיין די שטויס־קראַפט צו זיין פאַרברעכן. באַזייטיקט מען דאָס אָנשיקעניש, זענען פאַראַן אַלע שאַנסן, אַז ביים געשטראָפטן זאָל זיך אויסלעשן דער צאָרן צו די אַרומיקע און ער זאָל אויפהערן צו פירן מלחמה מיט דער וועלט.

דאָקטאָר פאַרבער האָט אַראָפּגעריסן אַ בלעטל פון זיין טיש־קאַלענדאַר. דער טעלעפאָן האָט ווידער זיך צעקלונגען. ער האָט אַ נעם געטון דאָס טרייבל צום אויער. ער האָט אויפגעכאַפּט אַ פאַרלאַנג פון אַ פּאַציענט צו קומען צו אים אין שפּיטאָל. ער האָט מיט אַ רויטן בלייפעדער פאַרצייכנט דעם נאָמען און דעם שפּיטאָל אין זיין נאָטיץ־ביכל. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיין גאַסט.

— אויך רייטשל וועט אויפהערן צו פירן מלחמה מיט דער וועלט, ווען איר פעלער וועט באַזייטיקט ווערן. און ווייסטו וואָס איר פעלער איז? די מורא, אַז מען וויל ביי איר צונעמען איר באַזיץ, איר שדכן... — לאָך נישט, איסר. מיט די אַלע שטרייטיקייטן צווישן אייך וועט זי פאַרביטערט קעמפן פאַר איר מאַן! רייטשל איז נישט אַנדערש פון אַלע פרויען, וואָס פירן די שלאַכט פון דעם שוואַכן מין. אַ פילאָזאָף האָט אַמאָל געצווייפלט, צי הייראַט איז אַ דועט אָדער אַ דועל. ס׳איז ביידע זאַכן מיטאַמאָל! און כ׳ווייס נישט צו דו, איסר, האָסט געפּאַכטן דיין דועל, ווי אַ ריטער... פאַרגעס דיינע גט־פּלענער! טראָג נישט דיינע קריוודעס

צום לאָיער! באַקלאָג זיך אויף דיינע צרות צו גאָט. ער קריגט באַצאָלט דער־פאַר מיט תפילות...

— ביזט אַ גוטער פאַרטיידיקער, דאָקטאָר. מ׳קען עס פאַרשטיין. רייטשל איז דיין שוועסטער.

— מאַכסט אַ טעות. נייטן איז מיין ברודער, פונדעסטוועגן בין איך גרייט אים אַרויסצוטראָגן אויף שפּענדלעך נאָר דערפאַר, ווייל ער שלעפּט זיך אַרום מיט פרענציסן. דער נייטן טויג צומאָל פאַר אַ געליבטן אויך נישט. פרענציס איז קאָסטבאַר, ווען ס׳קומט צו פירן מיט איר אַ ליבע־קאָנטראַבאַנדע... זי מוז האָבן אַ מעצענאַט און נישט קיין אָפּיס־אַנגעשטעלטן. ס׳איז די אמתע גאָלד־גרעבערין! אַזאַ מיידל איז אין אייביקן געיעג נאָך אַ מאַן, וואָס זאָל אירע געלט־חלומות פאַר וואָר מאַכן...

— נייטן איז נישט קיין פותר חלומות... ער מאַכט פרענציסן נישט קיין צוזאָגן. ער איז אַ פאַרהייראַטער מאַן און ער ווייס, אַז אַ פלגש איז אַ צייטווייליקע צוטשעפּעניש און אַ ווייב איז אַ שטענדיקע זשומערין אין די אויערן...

— אונדזערע אָנקלאַגעס קעגן די פרויען זענען איבערטריבן, איסר. וואָס איז דען אונדזער גרעסטע באַשולדיקונג? ווען דער מאַן גייט אין אייביקן שפּאַן, בלייבט די פרוי די פּערמאַנענטע פּאָוקער־שפּילערין און רכילות־טרייבערין. אויב ביידע געשלעכטער זאָלן זיך בייטן מיט די ראָלן, דער מאַן זאָל ווערן דער הויז־זיצער און די פרוי די פרנסה־פאַרזאָרגערין, וועלן אפשר אַ סך מער פאַרפאַלקן פייערן זייערע זילבערנע חתונות. אַזאַ בייטן זיך מיט די ראָלן וועט אָבער רואי־נירן דעם מאַנס זעלבסטווירדע. די פרוי וויל נישט צעשטערן דעם מאַנס איינ־רעדעניש, אַז ער איז דאָס שטאַרקערע געשלעכט. זי וויל ער זאָל טראָגן זיין חשיבות ווי אַ קרוין אויפן קאָפּ.

— חשיבות אַהין, חשיבות אַהער, דאָקטאָר. דער אמת איז, אַז מענער שטאַרבן יונג פון האַרץ־אַטאַקעס.

— לויט דער סטאַטיסטיק איז דאָס אַ טענה! אַ געטרייע פרוי דאַרף טאַקע נעמען אינוועטאַר פון איר מאַנס געזונט און נישט לאָזן אים פאַרשווענדן זיין ענערגיע.

— כ׳האָב דאָס גוט אינזינען, דאָקטאָר. און דערפאַר וויל איך בלייבן אַ פּאָר יאָר אַ שטרויענער אלמן! איך האָב אַלע יאָרן זיך געהאַלטן ביי מיין פּראָפעסיע און רייטשל — ביי איר רוזש און ליפּסטיק.

— וואָס האָסטו צום רוזש און ליפּסטיק? דאָס איז נויטיק פאַר דער ווי־טאַליטעט פון יעדער פרוי. ס׳מאַכט פאַר איר לייכטער אַריבערצוטראָגן די באַ־ליידיקונגען און קריוודעס אין דעם טעגלעכן לעבן. וואָס דאַרפסטו מער? אַזאַ דאָקטאָר ווי אונדזער עלטער־זיידע, דער רמב״ם, זאָגט, דוכט זיך ערגעץ, אַז דער מאַן דאַרף זען צו באַזאָרגן די פרוי מיט זאַכן, וואָס מאַכן זי שענער אין זיינע אויגן... מיט שנירעלעך קרעלן, קאָלירטע פּאַטשיילעס, בראַסלעטן, זאַלבן און געווירצן.

— דער רמב״ם זאָגט דאָס אין אַ פּרק פון הלכות אישות. אין דער הלכה פון לעבן איז אַנדערש...

— דאָס איז פאַלש, איסר. די הלכה פון לעבן וווייזט, אַז די קאָסמעטיק איז אַ טאָניק פאַר איר עמאָציאָנעלן צושטאַנד. עס היילט אויס די פרוי פון דעם קאָמפּלעקס מיט עולהס און ס'פעלן דען אויס דער פרוי עולהס? מיר, מענער זענען נישט קיין צדיקים. יעדער פון אונדז קען מיט די בלויזע קאַפּריזן אומברענ־גען אַ פרוי יעדן טאָג. די פרוי איז די גוטע וועכטערין אין אונדזער לעבן. זי פאַרמאָגט מער לעבנס־גבורה ווי מיר מענער!

— דו רעדסט אַלץ וועגן רייטשלען?

— קענסט עס טייטשן ווי דו ווילסט. וועגן רייטשלען וועסטו אַליין באַ־שליסן. ס'בעסטע, לאָז פאַר זיך אַן אָפּקיל־פּעריאָדע פון אַ פּאָר חדשים. אייך געווינס האָסטו יאָ געהאַט ביים חתונה האָבן מיט רייטשלען. דו ביזט פריי פון דעם שוויגער־פּראָבלעם... מיין מאַמע איז פרי געגאַנגען אין קבר. יעדער מאַן מאַכט זיין אייגענעם אויסוואַל. ער איז דאָך דער באַלעבאָס איבער דער בחירה, וואָס? רחמנות צו אַ פרוי טאָר נישט שטויסן דעם מאַן אונטער דער חופה, און אַ קריגעריי דאַרף אים נישט פירן צום גט... דאָס אייגענע איז אָנגעמאָסטן אויף פּרנסה, אויף ביזנעס. דאָס לעבן איז ווי אַ פערד־געלויף. אָפּט קויפסטו אַ בילעט אויף דעם הינטערשטעליקן פערד און מיינסט, אַז דער דזשאָקי אָדער רייטער האָט דיך אָפּגענאַרט... אויסקלייבן אַ פּראָפעסיע איז אַ ריזיקע, איסר, און בייטן אַ באַשעפטיקונג איז אַ האַזאַרד־שפּיל...

— כ'פאַרשטיי וואָס דו מיינסט, דאָקטאָר. דו הייסט מיך בלייבן ביי מיין פּרנסה.

— אַז דו ביזט געקומען מיך פרעגן זאָלסטו פאָלגן! שדכנות, חזנות איז אַ ווירדיקע פּראָפעסיע. עס גיט פּרנסה און ס'האָט צו טון מיט מצוות. דאָס לעבן איז אַ יאַגד־וואַלד און דו ביזט אַ שלעכטער יעגער. אין דיינע יאָרן, איסר, ווערט דער מענטש פלעגמאַטיש. אַמביציע ליגט אים נישט מער אין די ביינער. ביים ערשטן דערפאָלג וועט זיך דיר פאַרדרייען דער קאָפּ. וועסט זיך מוזן אָפּרוען ביים נידעריקסטן לייטער־טרעפּל, אָבער אַ טרעפּ פון אַ לייטער איז נישט גע־מאַכט געוואָרן צו רוען אויף אים, נאָר אויף אַוועקצושטעלן דעם פוס און גיין העכער...

— 2 —

איסר יאַגאָדע איז גרייט געווען זיך אויפצוהויבן פון שאָקל־שטול און אַוועקגיין אַן אַ גוד־באַי, דער וויזיט ביים דאָקטאָר האָט אים אויסגעזען ווי אַן אַפּיקומעניש. אַלע רייד, וואָס ער האָט אַרויסגעשאָטן, זענען געגאַנגען אין ניוועץ. די ווערטער זענען געווען אַ לאַסט ווי די צערעמאָניע פון אַ רעפאָרם־ראַביי. זיינע עצות זענען געווען דערווידער ווי אַ רעדע פון אַ קאָנגרעסמאַן פאַר דעם וואַל־קאַמפּיין. אויב ר'האָט געמיינט אים צו וואָרענען, ער זאָל נישט בייטן די פּראָפעסיע און נישט פאַרלאָזן רייטשלען, האָט דער דאָקטאָר דאָס געקענט מאַכן אין צוויי ווערטער.

איסר יאַגאָדע האָט זיך געוווּנדערט אויף דעם דאָקטאָרס געדולד. פֿון יע־בער זייט וואַנט וואַרטן פּאַציענטקעס מ׳זאָל אויסגלעטן זייער הויט, אַראָפּבלאָזן די עלטער און ער נעמט זיך צייט צו שטראָפֿן ווידערשפּעניקע מענער. אַ מאָדנע וועלט! אַן אַלטער בחור, וואָס האָט נישט געכאַפּט קיין איין טעלער אין קאָפּ, לערנט אַן אָפּגעבריטן מאַנסביל ווי זיך אומצוגיין מיט אַ ווייב, אַ זרש... נייטן איז אויך פֿאַר אים אַ רעטעניש, אָבער דער דאָקטאָר איז אינגאַנצן אַ בינטל סתירות. ער היילט די דעפּעקטן ביי פֿרויען און פֿאַרטיידיקט זייערע שטיק! אויב ס׳איז ריכטיק, אַז די ייִדישע פֿרוי דאַרף געהאַלטן ווערן בכבוד, קריגט זי שוין אירע פּריווילעגיעס פֿון קדמונים אָן. אַפֿילו אין דער גמרא שטייט, אַז ווען מאַן און ווייב האָבן, צוליב אַ סכסוך, געמוזט אָנקומען צום בית־דין, האָבן ייִדישע שופֿטים נישט געוואָלט באַלעסטיקן די פֿרוי צו קומען צו דער ריכטער־באַנק, ווייל ס׳איז נישט פּאַסיק פֿאַר אַ בת־ישראל זיך אַרומצושלעפּן איבער די געריכט־הייזער... אין אַן אַנדער אָרט אין דער גמרא זאָגט זיך אַפֿילו, אַז ווען אַ פֿרוי איז געווען אַזוי אָרעם, אַז זי האָט געמוזט אָנקומען נאָך צדקה, האָט מען געזאָרגט, זי זאָל איר אויסקומעניש קריגן צוגעשיקט אַהיים, ווייל ס׳איז געווען אַ בזיון פֿאַר אַ ייִדישער פֿרוי צו בעטלען נדבות ביי פֿרעמדע טירן. ייִדישע ווייבער האָבן זיך נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן. פֿון מתן תורה אָן האַלט מען זיי בכבוד.

דאָקטאָר פֿאַרבער איז שוין געווען אויף די פֿיס. איסר יאַגאָדע האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אין טיר האָט זיך באַוויזן די בלאָנדע קראַנקן־שוועסטער מיט אַ מאָנענדיקן בליק. דער דאָקטאָר איז גרייט געווען אַרויסצופֿירן זיין גאַסט, אָבער אויף דער שוועל האָבן מיט אַמאָל זיך באַוויזן נייטן מיט פֿרענציסן.

נייטן האָט אין איילעניש זיך געמאַכט אַ וועג צום דאָקטאָר און אָנגעוויזן מיט אַ פֿינגער צו דער טיר.

— דו ראַלף, גיי בעסער צו די פּאַציענטקעס. דער האָל איז געפּאַקט. די קריפּלס וואַרטן אויף זייער בעל־מופֿת...

— ווען ביזטו געקומען זען? — האָט דאָקטאָר פֿאַרבער געפֿרעגט.

— כ׳בין געקומען נעמען איסרן.

איסר יאַגאָדע איז שוין געשטאַנען נעבן אים.

— מיך?

— כ׳האָב פֿאַר דיר אַן איינלאַדונג צו אַ מיטינג און דו מוזט שוין גיין.

— צו וועמען?

— צו די שדכנים.

— כ׳ווער אויס שדכן. און פֿון וואַנען האָסטו געוווּסט, אַז כ׳בין דאָ ביים דאָקטאָר? האָסט געטראָפֿן פּענין?

נייטן האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, איסר יאַגאָדע זאָל אים נאָכגיין. ביידע זענען אַרויס אויף יענער זייט טיר. פֿרענציס הינטער זיי, זי איז נישט געגאַנגען, נאָר אונטערגעטענצלט. זי האָט געטראָגן אַ שמאָל, בלוי היטעלע ווי אַ שיפֿעלע. אַראָפּגערוקט איבערן שטערן. די רויטע, פֿלאַמענדיקע האָר זענען ביים נאַקן געווען איינגענומען מיט אַ טאַשמע. איבער איר דראָבנער מאָדעל־פֿיגור איז געהאַנגען אַ פֿוטער־זשאַקעטל, אויף וועלכן די קאָלירן האָבן זיך גע־

מיניעט. דאָס מילכיקע שטיפערישע פּנימל האָט געקוקט אַרויסרופעריש. זי איז געווען גרינג אויפן טראָט. יעדעס מאָל ווען נייטן האָט זיך אַוועקגערוקט פון איר איינצורוימען עפּעס איסר יאַגאָדען אויפן אויער, האָט זי אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואורף, ווי אַ שטרענג ווייב, נישט ווי אַ געליבטע.

ביי נייטנען האָט דער שטערן זיך געפּעלדלט פון גרימאַסן, די רעכטע באַק איז געווען, ווי תמיד, אָנגעלאָפן ווי אַ פּענכער, איבער דער אויבערשטער ליפּ, דאָרט וווּ דער מלאך האָט פאַר זיין געבורט אַ שנעל געטון, האָט איצט גע־שפּראָצט אַ דין פּאַסיקל וואָנצע, ער האָט אָנגענומען איסר יאַגאָדען פאַר אַ האַנט.

— כ'האָב פּעניץ נישט געזען. דער סעקרעטאַר פון דער שדכנים־יוניאַן האָט טעלעפאָנירט צו מיר עטלעכע מאָל. זיי זוכן דיך אַרום... אַז דו בייטסט אַזוי אָפט דיינע אַדרעסן! פּונוואַנען כ'בין דערגאַנגען ,אַז דו ביזט דאָ? ווו דען וועסטו אין דיין לאַגע גיין זוכן עצות, אויב נישט ביי אונדזער פאַמיליע־חכם? און אַ נאָז האָב איך אויך! זעסט דאָך, כ'האָב דערשמעקט!

— כ'האָב אומזיסט געפּטרט אַ פּאָר שעה ביי דיין דאָקטאָר. אַלע פרויען זענען ביי אים נשים צדקניות. פון אונדז מענער מאַכט ער איינפאַך אַש.

— נו, דיין מענלעכן שטאָלץ מעגסטו איצט לייגן אויף דער פּאָליצע, אָבער אַן עצה וועגן ביזנעס האָט ער דיר געגעבן?

— כ'וואָלט בעסער באַדאַרפט גיין זען אַ ציגיינערין אויף עלען־סטריט... פונעם דאָקטאָרס קלוגע רייד קען איך נישט געהאָלפן ווערן.

— מיין ברודערס עצות זענען ווי אַ שווערער טאָניק, איסר. דעם טעם דער־פון שפּירט מען ערשט שפּעטער...

— דער טעם ליגט מיר שוין איצט אין אַלע אברים... קום, לאָמיר בעסער אַרויסגיין, ווו וועט זיין דער מיטינג פון מיינע פּאַך־ברידער? ווייז מיר די איינ־לאַדונג.

בעת נייטן האָט אויף יענער זייט טיר אַרויסגענומען פון אַן אָפענעם קאָנ־ווערט אַן איינלאַדונגס־קאַרטל, האָט איסר יאַגאָדע זייטיק געוואָרפן אַ בליק אויף פּרענציסן און שטיל געלאָזט פאַלן:

— וואָס האָסטו דאָ אַריינגעבראַכט דיין פּלגש? איר, רייטשלס ברידערלעך זייט די ריכטיקע מאָראַליסטן! אַליין דערמאָנט איר מיך אָן יענעם גלח, וואָס באַשטייט, אַז די שיקסע מוז פאַר אים זיך מתודה זיין דווקא אין שטאָל...

— כ'קען פאַרטראָגן אַ וויץ, איסר. אָבער פּרענציס און איך גייען מיר איצט צו אַן אַמטלעכער פליכט. מיר פאָרן איצט אין דער אינסטיטוציע פאַר פּליטים־הילף. מירן זיין די אונטערפירער ביי אַ חתונה פון אַן איינזאַם פּאָרל.

— כ'זע, האָסט שוין צוזאַמענגעפּאָרט אַן עגונה מיט איינעם פון דיינע פאַרשווונדענע מענער?

— ס'איז אַ חתונה פון אַ פליכטלינג־פּאָרל, איסר. זיי האָבן זיך באַקענט אין אַ טויטן־לאַגער אין דייטשלאַנד. אויף די וואַנדערונגען איבער דער וועלט האָבן זיי זיך פאַרלאָרן און זיך ווידער געפונען דאָ אין ניו־יאָרק. ס'איז די איי־ביקע קאַרוסעלע פון לעבן... אויס דאַנק צו דער השגחה שטעלן זיי היינט אַ חופּה.

— ווער האָט זיי די קלוגע עצה געגעבן?

— ס׳איז זייער אייגענער באַשלוס, איסר. דאָס זענען מידע וואַנדערער. זיי זענען געלאָפן פון אַלע שרפות איבער דער וועלט.ביידנס עלטערן זענען אומגעקומען אין אוישוויץ. אין אַמעריקע האָבן זיי נישט געפונען קיין איינציקן קרוב. איצט איז אונדז באַשערט אַ מצוה... איכל זיין דער אונטערפירער פון חתנס צד. פרענציס וועט אונטערפירן די כלה, זי וועט זיין די „בעסט־מעיד״.

— אירט זיין גוטע קברנים...

ביי דער קליינגעוויקסיקער פרענציס האָט דאָס מילכיקע פנימל מיט אַמאָל זיך צעפלעמלט. זי האָט געהאַט בלעזלעך שוים אויף די רויטע ליפּעלעך און אָנגעקוקט איסר יאַגאָדען מיט צאָרן.

— כ׳זע ,איר מיסטער יאַגאָדע, זענט נישט צופרידן... ווען איר זייט אַ רב, וואָלט איר די חתונה פאַרווערט.

— כ׳וואָלט נישט פאַרווערט, אָבער אויסצוזעצן קעגן אַזאַ איילעניש וואָלט איך יאָ געהאַט! מ׳טרייבט נישט צוויי ווילד־פרעמדע אונטער אַ חופּה.

— איר זענט אַ ציניקער. די מענטשן זענען קרבנות פון גרויסעליידן. זיי האָבן זיך ליב.

— נייטן זאָגט, אַז זיי זענען געלאָפן איבער דער וועלט. זיי האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון טויט־לאַגערן, האָבן דורכגעמאַכט חיבוט־הקבר. ווען איז געווען צייט זיך צו שפּילן אין ליבע? ס׳לייגט זיך נישט אויפן שכל.

— כ׳האָב אייך שוין אַמאָל געזאָגט, מיסטער יאַגאָדע. ליבע קען נישט געמאָסטן ווערן מיט שכל. די נאַראָנים און חכמים זענען אָפּהענגיק פון איר איינזעניש...

— האָסט מיר טאַקע דאָס געזאָגט, פרענציס.

ער האָט שמייכלענדיק איר אַ גלעט געטון איבערן רעכטן בעקל. אין די רויטלעכע אויגן האָבן אויפגעלויכטן פייערלעך. זיי זענען אַראָפּגעפאָרן מיטן עלעווייטאָר. אונטן, אויף פרענקלין־סטריט האָט איסר יאַגאָדע אָנגעטאָן די ברילן און אַריינגעקוקט אין דעם איינלאַדונגס־בילעט. ער האָט איבערגעלייענט די געצירקלטע העברעישע איבערשריפט און אַ זיפץ געטון:

— ס׳איז גאָר אין די בראָנקס. מיינע שדכנים האַלטן נאָך אַלץ אָפּ די מיטינגען אויף בעטגעיט־עוועניו. ס׳פאַלט זיי גאָרנישט איין, אַז כ׳פאַל אַרויס פון די ביזנעס... פונדעסטוועגן ,צופאָרן אַהין וועל איך סיי־ווי... איכל נעמען דעם „על״ אויף דער בויערי. גוד־באַי!

ער איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט און זיך גלייך אומגעקערט, ווי ער וואָלט אויף עפּעס חרטה געהאַט. ער האָט אָנגענומען פרענציסן פאַר דער שפּיץ גאָמבע.

— האָסט אַ כשר פנימל ווי אַ מזוזה, פרענציס. אָבער ביזט אַ פרעך מיידל, און איך בין שוין צוגעווינט צו עזותניצעס... כ׳האָב אפשר אַרויסגערעדט אַן אומזיניקייט, אָבער, ווייסט דאָך, אַן אַנטוישטער מאַנסביל אין מיינע יאָרן איז ווי אַ פרוי ביי איר „טשענדזש אָוו לאַיף״, כ׳מיין אין די אומבייט־יאָרן... פאַרשטייסט דאָך וואָס כ׳רעד, פרענציס. גוד־באַי!

— גוד־באַי, מיסטער יאַגאָדע.

אויפן וועג צום „על" איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וואָלט געדאַרפט מיטגיין מיט נייטנען, אָפּהאַלטן די חופּה און וואָרענען דעם חתן: „מ׳גייט דיך איינמאַ־רינירן, יאַלד! האַלט די אויגן ברייט אָפן פאַר דער הייראַט און פאַרמאַך זיי גלייך נאָכדעם..." ער האָט אַליין זיך צעלאַכט פון דעם איינפאַל: וואָס בין איך, אַ משיח? כ׳קען מיין אייגענע מערכה נישט פאַרריכטן, וויל איך מתקן זיין די וועלט?

מיט יעדן שריט וואָס ער האָט געמאַכט פאָראויס, האָבן זיינע טראַכטענישן זיך געביטן. פון יעדער טראַכטעניש איז געוואָרן אַ שווערע דאגה. פאַרוואָס האָט נייטן גאָרנישט געזאָגט וועגן רייטשלס שוואַנגערשאַפט? מאַכט ער זיך תמע־וואַטע? ווייס ער טאַקע פון גאָרנישט? אָדער קוויקט ער זיך וואָס ער, איסר, ליגט אין פעקל? דער כיטרער נייטן און זיין ברודער, דער דאָקטאָר מיטן גלאַטן צינגל און פּעני, די אשה צנועה — אַלע ווילן זען זיין מפּלה. אָט די פּעני מוז גאָר זיין אַ קליפּה... נייטן האָט טאַקע געמוזט זיין אַ משוגענער אָדער אַ צדיק צו הייראַטן אַזאַ נקבה!

אַ ווידערגעפיל צו אַלץ אַרום האָט אים מיטאַמאָל באַהערשט. געקומען צום דאָקטאָר איז ער נאָך אַן עצה און אַרויס פון דאָרט איז ער אַ צעטומלטער.

פון צעטראָגנקייט האָט ער געשטעלט גיכערע שפּרייזן. אויף דער בויערי איז ער פאַרבייגעגאַנגען אַ טונקעלן רעסטאָראַן. הינטער די שויב־פענצטער זענען געווען אויסגעלייגט סענדוויטשעס, געפּרעגלטע פישעלעך און טעלערלעך מיט עפּל־פּאַיס. אויף די שויבן זענען מיט קרייד געווען אויסגעמאָלן שרייענדיקע ביליקע פּרייזן. אינעווייניק זענען געזעסן באַוואַקסענע מענטשן, זייער הילוך אָפּגעשליסן און האָבן אַרויסגעלעקט פון די טעלער ביליקע געקעכצן. אין אַריינ־גאַנג האָבן צוויי אַרומשלעפּערס מיט צעבלוטיקטע קעפּ געפירט אַ דעבאַטע וועגן דעם סדר פון דער וועלט.

ס׳איז דער אָפּפאַל פון ניו־יאָרק — האָט איסר יאַגאָדע זיך אַרומגעקוקט — כ׳שטיי טאַקע אינמיטן פון דער בויערי! דאָ איז ס׳אַנטרינונג־אָרט פון שיכורים, נאַרקאָטיקער און אַרומשלעפּער! דער מקום־מקלט פון מענטשן, וואָס האָבן פאַר־לוירן דעם צלם אלוקים. קהל האָט זיי אויסגעשפּיגן און די האַוועדיקע שטאָט קען זיי נישט איינשלינגען... פון אויפרעגונג האָט ער איצט געוואָלט מעסטן זיין אייגענעם בלוט־דרוק. ער האָט אַ פיר געגעבן מיט צוויי פינגער איבערן שטערן און אַ טאַפּ געטון דעם פּולס. ער האָט אויך אַריינגעשטעקט אַ פּאָר פינגער אין וועסט־טעשל, צי עס ליגט דאָרט די קאַפּסולן קעגן האַרץ־ברענעניש.

ער איז דורכגעגאַנגען אַ שיטער פּאַרקל. פון דערווייטנס האָבן זיך אַרויס־געהויבן די פאַרנעפּלטע קאַרניזן־שפּיצן פון דעם סיטי האָל־בנין. דער אויסגע־שפּיצטער סקווער איז געווען אַרומגערינגלט פון הויכע, קאַנטיקע געביידעס. אַ קנויל מיט געסלעך האָבן זיך געקאַלערט באַרג־אַראָפּ, ווי שמאָלע עפענונגען, צו אַן אַלט שטיק מאַנהעטען.

ער איז געשטאַנען ביי דער טרעפּ וואָס האָט געפירט צו דער עלעווייטאַר־באַן. איבערן קאָפּ האָט געהוזשעט. רעלסן האָבן זיך אונטערגעוויגט. אַ קייט

מיט וואַגאָנען האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן מיט אַ טראַסקעריי. ער האָט זיך געהויבן טרעפּ־אַרויף. אָבער די פאַרלוירנקייט איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן.

דאָס לעבן איז אַ צירק — האָט ער אויסגעפירט — די מענטשן זענען קלאָו־נען. יעדער האָלט אין מאַכן קאָזשעלקעס. היינט ביזטו פון אויבן, מאָרגן אין שאול תחתיה. וואָס איז דער בחיר היצורים? עפר ואפר, אַש און שטויב. אויפן ערשטן מענטש זאָגט די גמרא: אָדם הראשון גופא מבבל וראשו מארץ ישראל ואבריו משאר הארצות... דער קערפּער פון אדם הראשון איז פון בבל, דער קאָפּ פון ארץ־ישראל און זיינע גלידער פון אַלע אַנדערע לענדער. איבער אַלע עקן וועלט שטעלט ער זיינע טריט. דער שטויב פון אדמן איז צונויפגעקליבן געוואָרן פון יעדן ווינקל אויף דער ערד. ס'איז פול מיט אים די וועלט, אָבער די וועלט איז צו ענג צו געבן דעם אדם אַ ווינקל, ווו ער זאָל זיך קענען אָפּזונדערן מיט זיין עלנט.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

— 1 —

די עלעוויטאַר־באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף קלערמאָנט פּאַרקוועי־סטאַנציע. איסר יאַגאָדע איז אַראָפּ די צוויי שטאָק הילצערנע טרעפּ און זיך גע־לאָזט צו בעטגעיט־עוועניו. זיין ערשטער אויספּיר איז געווען, אַז די אַלטע גאַס פון פּעדלערס אין די בראָנקס האָט געקראָגן אַן אַנדער פּנים. ס'גערודער דאָ איז פון העסטער־סטריט און די בכבודיקייט איז פון פּיטקין־עוועניו אין בראָנז־וויל, אָבער דאָס האָוועניש ווערט דאָ איינגעהאַלטענער. ס'איז טשיקאַווע — איז אים איינגעפאַלן — גאַסן, פּונקט ווי מענטשן, ווערן אַלט און אָפּגעלעבט. פאַר־רויכערטע הייזער און אויסגעקרימטע דעכער זענען די קנייטשן און פאַלדן אויפן פּנים פון דער ניו־יאָרקער גאַס. דער אמת איז, אַז ברוקלין צעוואַקסט זיך און בראָנקס שרימפּט איין. און צווישןביידע מעכטיקע שטאָט־טיילן ליגט מאַנהע־טען איינגעקוועטשט ווי אַ פראַנקפורטער סענדוויטש. ווי לאַנג איז דען ווי די קולות פון די פיש־סוחרים און געשריי־הענדלער אויף בעטגעיט־עוועניו זענען געגאַנגען עד לב השמים? היינט געוואָלדעווען מער נישט די פּושקאַרט־הענדלער. זיי שרייען נישט אַריבער איינער דעם אַנדערן. די קאָנקורענטן האָבן געשלאָסן יד אחת נישט צו פירן מער דעם האַנדל בקולי קולות. ס'ווערט דאָ אימהדיק שטיל.

דער פּאַרנאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די דעכער און קאַרניזן. דאָס טאָג־ליכט האָט געגומען צאַנקען אויף די ראַנדן פון די מויערן. אַ קעלט האָט געבלאָזן פון אָפּענעם קראָטאָנאַ־פּאַרק. איסר יאַגאָדע האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון מאַנטל און זיך געטראָגן פאַרביי די פּרוכט־מאַרקעטס, קראָמען און פּושקאַרטס, וואָס זענען שוין געווען באַלויכטן. ער האָט ווידעראַמאָל איבערגע־לייענט אויף דעם איינלאַדונגס־קאַרטל די אַדרעס ,ווו דער מיטינג וועט פאַר־

קומען און אויסגערעכנט, אַז דאָס הויז מוז אוודאי שטיין נאָענט צו טרימאָנט־עוועניו. פאַר זיינע אויגן האָט געבלינקט דאָס ליכט פון אַ נעאָן־שילד איבערן שוי־פענצטער פון אַ קאַפעטעריע.

ער האָט געהאַט אַ באַגער אַריינצוגיין נאָך אַ טעפל קאַווע און אַ קעז־סענדוויטש. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז סאַי ווי שפּעט צום מיטינג און זיך נישט אָפּגעשטעלט. נישטאָ צו וואָס זיך צו איילן — האָט ער זיך מיישב געווען און געשטעלט לאַנגזאַמע טריט — ווען וועל איך דאָרט טרעפן? די שדכנים מיט די קצבישע הענט? די פּריש־אויסגעבריטע חזנים? מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט ער מיט זיי אַלע געפירט מלחמה אויף רידזש־סטריט און ריווינגטאָן־סטריט. דאָס זענען דאָך די אַלטע קאָנקורענטן מיט די געשמדטע העלדזער, וואָס האָבן אים נישט פאַרגונען ס'לעבן. איצט שלעפּן זיי אים צו אַ מיטינג! כ'על זיך וועטן — האָט ער זיך אַליין פאַרזיכערט — אַז ס'מוז זיין אַ שטילשטאַנד אין דער פּראָפעסיע אָדער אַן אַנדערע צרה און מ'רופט די פּאַך־ברידער, זיי זאָלן זיך זעצן און קרעכצן בציבור... כ'על זיי נישט קענען קוקן אין די טריפהנע פּנימער אַריין. דער איינציקער, וואָס האָט מיר יאָ אַמאָל גע־האָלפן אויסקעמפן מיין שטאַנד איז מיין בן־עיר יואל באַלזאַם, וואָס איז דער סעקרעטאַר אין דעם שדכנים־פאַריין. באַלזאַם האָט שטענדיק געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטן קעגן די געשמדטע העלדזער. אויב די כלי־קודש ווייסן ווי אָפּ־צושאַצן עפּעס רעכטס, דאַרפן זיי אים לאָזן ביי גבאות. צוליב אים אַליין דאַרף מען שוין צוגיין צום מיטינג — האָט ער אָפּגעמאַכט — די נישט פאַרגינערס וואָלט איך דעם כבוד קיינמאָל נישט אָנגעטון...

ער איז אָפּגעגאַנגען אַ גאַנצן בלאָק. אין מוח האָבן זיך געבאָמבלט ווי פאַרנעפּלטע געשטאַלטן, רייטשל, וואָס נישטערט אין זיינע קעשענעס... יאַדזשאַ, וואָס איז אין געיעג נאָך דער ירושה... און פּעני, די רודף שלומניצע... פאַר די אָפענע אויגן האָבן זיך געצויגן די פּושקאַרט־הענדלער לענג־אויס בעטגעיט־עוועניו. ער האָט אַ זיפץ געטון — דער ערשטער פּושקאַרט אין ניו־יאָרק איז דאָך געווען מיט פופציק יאָר צוריק אויף העסטער־סטריט. דער אַמעריקאַנער פּושקאַרט איז אַ גלגול פון דעם היימישן שטופּ־וועגעלע. אין פּוילן זענען דאָס געווען די סטראַגאַנעס. די ערשטע ניו־יאָרקער פּעדלער האָבן איינגעשפּאַנט פערד אין זייערע וועגעלעך, וואָס זענען אָנגעשטאָפּט מיט גרינסן, פּרוכטן, וועש, רעשטלעך טוכוואַרג. זיי זענען אַריינגעפאָרן אין די ייִדישע גאַסן מיטן טראַסק פון צירק־קאַרוסעלעס. די אָרעמע הויז־פרויען האָבן באַלאַגערט די פּעדלערס און אויסגערוימט פון אַ נאָדל ביז אַן אונטערקליידל.

גייענדיק איצט איבער בעטגעיט־עוועניו האָט איסר יאַגאָדע געהאַט אַ חשבון ,אַז פון די אַמאָליקע אָרעמע הויז־פרויען זענען געוואָרן ליידיס מיט טאָפּלטע גוידערס, וואָס עסן הינער אויף באַנקעטן. פון די פאַרשוואַרצטע פּעד־לערס זענען געוואָרן ביזנעסלייט און ריעל־עסטייט אונטערנעמער. די אַכציק פּושקאַרט־מערק איבער ניו־יאָרק ווערן קאָנטראָלירט פון שטאָט־טאַטעס. דאָס זענען ראַיעלע האַנדלס־מערק, וואָס צאָלן בכבודיקע שטייערן. און עס קלעקט פאַר אַלעמען.

ניו־יאָרק ווערט באַגזלט פון די אייגענע שטאָט־פּאַרזאָרגער! — האָט ער פּאַר אַ נאָווינע זיך גענומען בונטעווען — ווען כ'האָב דעם קוראַזש, אַנטלויף איך פון דעם כרך, כ'לאָז איבער אַלע זיבן זאַכן און כ'באַזעץ זיך אויף אַ פאַרם... קוראַזש דאַרף מען דערצון האָבן? — האָט אַ קול גענומען פון אים שפּעטן — אַ פּחדן דאַרף מען זיין, אַ שוואַכלינג, אַ טויגעניכטס! די סגולה פון גבורה באַשטייט אין דעם, וואָס מען איז גרייט בייצוקומען שטרויכלונגען. שטאַנדהאַפטיקייט קען מען נאָר אַרויסווייזן ביי אַ שווערן נסיון. אַנטלויפן פון אַ שלעכט ווייב צי פון אַ פאַרשווענדערישן שטאָט־באַאַמטן איז פּונקט ווי אַנטלויפן פון אַ קראַנקן מאָגן... דעם מענטש ווערט נאָך אַלץ געגעבן די בחירה. דערהויבונג און שפלות זענען ביידע קינדער פון טיפן ליידן. ס'אַלרייט, ער האָט זיך נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן! ניו־יאָרק האָט אים קיין שאָדן נישט געטון. ער איז נאָך פאַר קיין אמתער פּרוווּנג נישט געשטעלט געוואָרן.

— 2 —

אין עק בלאָק האָט איסר יאַגאָדע געביטן זיין מיינונג וועגן דער מענטשלעכער בחירה. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז די פּאָר בלאָק, אַרומגערינגלט פון פּולטאָן־עוועניו און וואַשינגטאָן־עוועניו, זענען אַ שטיק אויסגעצויגענע טעריטאָריע פון דער יידישער איסט־סאַיד, פול מיט געפילדער און מלחמה פאַר חיישעה. פונדעסטוועגן, אינמיטן דער האָוועניש, שטייען אין ביידע גאַסן סאָלידע ישיבות, תלמוד־תורהס און שולן. לא אלמן ישראל! הינטער יעדן מאַרקעט שטייט אַ היכל, אַ שיינע שול. ער איז צוגעקומען צו טרימאָנט־עוועניו. פון אַ פאַראַדנער וואַנט האָט אַראָפּגעגלאַנצט אַ שילד פון אַ בר־מצוה האָל און חתונה זאַל.

ער האָט געהאַלטן אינמיטן אַריבערגיין אויף דער אַנדערער זייט גאַס. פון הינטערווייַלעכץ איז אַנגעפאָרן אַ ברוין־לאַקירטער אויטאָמאָביל און האָסטיק זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ גרילץ ווי ס'וואָלט געקומען פון אַ הייזעריקער סירענע, אַן איבערגעשראָקענער איז איסר יאַגאָדע צוריק אַרויפגעלאָפן אויפן טראָטואַר. פון זיינע ליפּן איז אַראָפּגעפאַלן אַ זידל־וואָרט. ער האָט זיך בעסער איינגעקוקט אין דעם אויטאָמאָביל ווי ער וואָלט מיט די אויגן וועלן דערטאַפּן דעם משוגענעם טרייבער און ער האָט דערזען אויפן פענצטערל העגנגען אַ יידיש־שילדל מיט אַ בלויען מגן־דוד. אין אַ האַלבן קרייז איז געווען אויסגעמאָלן: „עקספּרעס מסדר קדושין“.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים עק גאַס, ווו אויף אַ סלופּ איז געהאַנגען אַ בריוו־קאַסטן. דאָס פראָנט־טירל האָט זיך געעפנט. פון הינטערן טרייב־ראָד איז אַרויסגעשפּרונגען אַ דאַר מענטשל אין אַ שוואַרצער סאַמעטענער יאַרמעלקע. ער האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ יונגן כלי־קודש. אויף דער שפּיציקער גאָמבע האָט ער געהאַט אַ קמץ בערדל און איבערן שטערן אַ פעט וווּרצעלע. די בלאָנדע ברעמען זענען געווען צעבערשטלט.

איסר יאַגאָדע איז געווען זיכער, אַז דער מענטש איז אים שולדיק צוויי

אויפקלערונגען, איינס: פאַר דעם משונהדיקן שילדל, ס׳צווייטע — פאַר דעם חשק אַריבערצופאָרן פאַרבייגייער. ער האָט נאָכאַמאָל זיך איינגעקוקט אין דער אויפשריפט און געזאָגט:

— אירט פאַראיינוועגס אויך שוין געקענט זיין אַן עקספרעס קברות־מאַן...

— דאָס וואָס כ׳אייל זיך אַזוי מיט דער מאַשין? עט! — האָט דאָס דאַרע מענטשל אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — אומזיסטע שרעק! כ׳האָב נאָך קיין מענטש נישט דערהרגעט... עקספרעס! מיין פריינט, מ׳לעבט אין אַ צייט פון עקספרעס! מיינע ביזנעס מוזן לויפן אויף רעדלעך. כ׳זע, איר אַליין קריכט אויך נישט ווי אַ טשערעפּאַכע. איר האָט איבערגעלייענט דאָס שילדל? די שריפט מאַכט אַלץ קלאָר.

— אַ נייע פרנסה ביי יידן?

— אַ נייע אידעע, אַ נייער איינפאַל. אַן איינפאַלן מאַכט מען נישט קיין פראַגרעס. מיין ביזנעס איז צונויפפאָרן זיווגים. כ׳בין אַ מסדר־קדושין... אָבער אָנשטאָט דער פאַראינטערעסירטער צד, כ׳מיין חתן־כלה זאָלן קומען צו מיר, אין מיין חתונה־האַל, פאָר איך אַרום זיי אויפצוזוכן... ניו־יאָרק איז דאָך אַ שטאָט פון ביזעניש, האַ? נישט יעדער האָט צייט זיך אָפּצוגעבן מיט געלאַסענע חתונה־צערעמאָניעס אין טעמפּל... דער לאַנדרימאַן מעג ברענגען די וועש אין הויז אַריין? דער מילכמאַן מעג ברענגען די פלעשלעך פאַר דער טיר? פאַרוואָס קען אַ מסדר־קדושין נישט אַריינברענגען די חופּה־שטאַנגען אין אַ שטוב?

דער געדאַנק האָט אויף אַ רגע אין איסר יאַגאָדעס אויגן אויסגעזען נישט קיין קרומער. ער אַליין זוכט שוין יאָרן נייע איינפאַלן און קען זיך צו גאָרנישט דערטראַכטן, און דאָ שטייט פאַר אים אַ פלינקער מענטשל, אַן עקספרעס מסדר־קדושין. זיין גוף, הויט און ביינער, אָבער דער קאָפּ איז אָנגעשטאָפּט מיט איינ־פאַלן! מ׳קען אַנטדעקן נייע פרנסות אַפילו צווישן כלי־קודש אויך! — האָט ער זיך פאַרזיכערט. ער האָט אַ פרעג געטון:

— ווען איז איך איינגעפאַלן דער פלאַן?

— כ׳האָב פיינט זיך צו שפּילן מיט פלענער. ווי נאָר די איינפאַלן קומען, ווערן זיי ביי מיר פאַרוואַנדלט אין מעשים. כ׳זע די געשיכטע אינטערעסירט אייך... ר׳זענט אפשר אויך אין די כלי־קודש־ביזנעס? אַזוי צי אַזוי, ווען כ׳האָב אַריינגעפּאַקט ס׳ערשטע מאָל די חופּה־שטאַנגען אין דער מאַשין, אָנגעהאַנגען דאָס שילדל אין פראָנט און — היידאַ! — אַרויסגעלאָזט זיך איבער די גאַסן, בין איך קיין דערפאָלג נישט געווען... מ׳האָט געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ קרענק, אַן אָנשיקעניש. קיין שטאַמלער אָבער בטבע בין איך נישט. כ׳האָב גענומען נוצן מיין חיתוך הדיבור און — אַ וואָך פרי׳ער, אַ וואָך שפּעטער — ס׳האָט אָנגעריסן... און איר מוזט וויסן, כ׳האָב שוין פרי׳ער אויספּרובירט אַלערליי פרנסות אין די בראָנקס. כ׳בין יעדעס מאָל דורכגעפאַלן, אָבער קיין בראַנזוויל בין איך נישט אַנטלאָפן... כ׳האַלט נישט פון דער איינרעדעניש „משנה מקום, משנה מזל“... כ׳בין שוין אין דער גאָלדענער מדינה געווען אַן אייזמאַן, כ׳האָב געהאַט אַ קענדי־סטאָר. כ׳בין אַ שטיקל צייט געווען אַ קאָסטאָם־פּעדלער און פונאַנדערגעטראָגן אונטערוועש צו די איטאַליענישע ווייבער... כ׳האָב געהאַנדלט מיט ברוכוואַרג,

געווען, ווי מ׳זאָגט: אַ „דזשאָנק־דילער״ און צו די אַלע פּרנסות האָב איך געמוזט אויסנוצן, חוץ אַ סך געדולד אויך אַ ים מיט רייד... האָב איך איינמאָל זיך באַרעכנט: פאַרוואָס נישט אויסנוצן מיין געהאַקט צינגל אויף אַ מער סאָלידע, בכבודיקע פּרנסה?

— ביי וואָס האָט איר געמאַכט אַ לעבן אין דער אַלטער היים?

— כ׳בין שוין דאָרט, אין קראָקע געווען ווי מ׳זאָגט: אַ „הענדי־מען״, זיך אויסגעטויגט צו אַ סך זאַכן. מיין רעקאָרד איז תמיד געווען ערשט קלאַסיק! פּרימאַ! כ׳בין אין דער אַלטער היים געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, אָבער אַ רעספּעקטאַבעלער בעל־הבית! כ׳האָב זיך אַמאָל פאַרנומען — טרעפט מיט וואָס?

— מיט מילה! האָט עס געטויגט אויף כפּרות. אין די ימים־נוראים האָב איך זיך צוגעכאַפּט צום ברעטל. האָב איך פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע. פון דורכלופטערן מיין קול נגינה האָב איך קיין גראַצער נישט געמאַכט... דאָ, נאָך אַ פּאָר יאָר האָרעוואַניע, האָבן איך געמאַכט אַ חשבון, אַז מיט מילה און חזנות וועל איך ווייט נישט דערגיין. אָבער מיין פעיִקייט צונויפצופּאָרן אַ זכר מיט אַ נקבה, וואָס געפעלן זיך איינס ס׳אַנדערע, איז אַ שטיקל איינפאַל, וואָס קען האָבן אַ שאַנס. ווי זאָגט מען עס? דאָ איז ס׳לאַנד פון אומבאַגרעניצטע מעגלעכקייטן און דער גוטער איינפאַל איז דער פּאָטער פון יעדן דערפאָלג...

— און אַזויערנאָך זייט איר אַריין אין די חופּה־ביזנעס?

— ווי זאָגט איר? כ׳בין אַריין אין די חופּה־ביזנעס, אַ חופּה אויף רעדלעך... כ׳זע, ס׳אינטערעסירט אייך. מיין חשד איז, אַז איר׳ט אויך צו טון מיט כלי־קודש. ס׳איז פאַלש, אַז די כלי־קודש ביזנעס האַלט ביים אונטערגיין. מ׳דאַרף בלויז קריגן נייע פּאָרטלעך... פאַרשטייט זיך, אין מיין פּראָפעסיע קען איך נישט זיין קיין מחמיר. כ׳בין אָפט טאַקע אַ מקיל... כ׳האָב יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס יאָגן זיך נאָך דעם „הרי את״ טראָץ דער בייזער עקשנות פון די עלטערן. ס׳פעלן מיר אויך נישט קיין קליִענטן, וואָס האָבן הנאה פון שטעלן אַ חופּה אונטערן אייגענעם דאַך, אויפן אַלטן, היימישן שטייגער...

ביי איסר יאַגאָדען איז קיין קלער נישט געווען, אַז וואָס לענגער ער וועט זיך איינהערן צו דעם פלינקן מסדר־קדושין, אַלץ גיכער וועט אים יענער אַריבערגעווונען אויף זיין זייט. ס׳אַראַ כוח עס שטעקט אין דעם ווילדן ייִד! ער קען מסביר זיין די קרומסטע געדאַנקען. ר׳קען פאַרטייטשן די ווילדסטע איינפאַלן הייסט עס, אַז שחיטה, שדכנות, חזנות האַלטן נישט ביים אונטערגיין... מ׳דאַרף בלויז קריגן נייע פּאָרטלען. אַ פּאַטענט! אָט וואָס, איסר, דאַרף איצט האָבן! אַ נייעם פּאַטענט און ס׳וועט ביי אים אויך אַוועק אַ גאַנג. ער האָט ווידער געפרעגט.

— וויפיל צאָלט מען אייך פאַר באַנוצן איינמאָל די חופּה־שטאַנגען?

— כ׳האָב מעסיקע פּרייזן. עס הויבט זיך אָן פון אַ פינף און צוואַנציקער און העכער. גלויבט מיר, יעדער פינפערל קומט אָן מיט זיבן שווייסן. כ׳האָב זיך אויסצושטיין נישט ווייניק צרות ביי מיין פּראָפעסיע... פאַרלעך פון דורכגעפאַלענע חתונות שעלטן מיך. יונגע עגונות זוכן אַרום מיט ליכט מיין אויטאָמאָביל. זיי רופן מיין מאַשין: די „עקסידענט קאַר״, דער וואָגן פון זייער אומ־

גליק... אָבער כ׳עס זיך נישט אָפּ ס׳האַרץ דערפון. יעדע ביזנעס האָט אירע פאַר־לוסטן.

—די מעשה איז, וואָס די פאַרלוסטן האָבן די פאָרלעך, נישט דער מסדר־קדושין — האָט איסר יאַגאָדען זיך פאַרגלוסט אַ וויצל צו טון — אָבער אויסער דעם, איז אַלץ ביי אייך כדת וכדין?

— אַלץ כדת משה וישראל. ס׳פעלן נישט קיין נישט־פאַרגינערס, וואָס ווילן מיר מאַכן אַ שלעכטן נאָמען. אָבער געלויבט דער אויבערשטער. אַמעריקע איז אַ פרייע מדינה. די „פּאָבליק אָפּיניאָן", דער דעת־הקהל, איז אויף מיין זייט. קאָנקורענטן האָבן אונטערגעשטעלט פּיסלעך און געוואָלט אסרן, נאָר ס׳האָט נישט געהאָלפן, מיין מאַשין האָט רעדלעך...

— און סמיכה איז פאַראַן?

— מ׳גיט זיך אַן עצה — האָט דער חופה־שטעלער שמייכלענדיק פאַר־צויגן אַ צעבערשטלטע העלע ברעם — סמיכה האָב איך נאָך געקראָגן אין דער אַלטע היים... דאָ, אין אַמעריקע קען מען נישט זיין אַזוי פּאַרטיקולאַר, אַזוי אַקוראַטנע מיט דעם אַלטמאָדישן סיסטעם. שטרענגע מנהגים זענען גוט פאַר גרינהאָרנס און פרושים... היינטיקע יידן ווייסן, אַז אונדזער בידנע לעבן איז אַ מאַשין אויף רעדלעך, וואָס קאַטשעט זיך אויף קאָמפּראָמיסן... נו, כ׳זע איר׳ט שוין פון מיר געזנוג אויסגעמאָמפּעט... וואָס איז, אויב מ׳קען וויסן, אייער פּראָ־פעסיע.

— כ׳בין אַ שדכן. דער שדכנים־פאַריין האָט מיך גערופן צו אַ מיטינג... דוכט זיך, כ׳בין שוין נישט וויט פונעם מיטינג־האָל...

דער מסדר־קדושין האָט געמאַכט אַ מינע וואָס האָט אויסגעדריקט סאַי איבעראַשונג, סאַי גרינגשעצונג. ער האָט אַן עפּן געטון דאָס אויטאָמאָביל־טירל ווי ער וואָלט געוועזן גרייט זיך צו זעצן צום טרייב־ראָד און האַלב שפּאַטיש גע־פרעגט:

— איר גייט צו אַ שדכנים־מיטינג? פאַרוואָס האָט איר ביז איצט געשוויגן? ס׳אַ סוד פאַר אַ ברודער אין דער פּראָפעסיע? הייסט עס, כ׳האָב דערשנאַפּט, אַז איר זייט אַ כלי־קודש־מאַן. ווער דען וועט האָבן אַן אָפּן אויער פאַר מיינע תרעומות? נו, מ׳האָט געקענט פאַרשפּאָרן דעם שמועס. אָבער, כ׳האָב נישט חרטה וואָס ר׳זענט איצט אַביסל באַהאַוונט אין מיין בראַנזשע... ס׳קעןביידן נישט שאַדן. אָט שטייט איר גלייך קעגנאיבער דעם מיטינג־האָל. ס׳איז דאָס ברוינע הויז. צווי שטאָק אַרויף, די ערשטע טיר לינקס!

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

— 1 —

דער ערשטער באַקאַנטער, וואָס איסר יאַגאָדע האָט באַגעגנט אין דעם מיטינג־האָל, איז געוועזן זיין לאַנדסמאַן יואל באַלזאַם, אַן אַנגעקרעפּטער ייִד, העכער פון מיטעלן וווקס מיט אַ גרויסן קאָפּ, געדיכט באַדעקט מיט געלע שניר־

לעד האָר, וואָס זענען געקראָכן ביז אַראָפּ צום נאַקן .זיין קנאָכיקע נאָז, באַשאָטן מיט געלבלעכע שפּרינקעלעך, איז געווען איינגעקלעמט פון אַ פּאָר דיקע אויגן־גלעזער הינטער וועלכע ס׳האָבן געפּלעמלט צוויי שאַרפע, גרינע אויגן. ער האָט געטראָגן אַ יאַרמעלקע, שפּיציק ווי אַ שקאָרמיץ און אַ וועסט באַהאָנגען מיט אַן אַלטפרענקישער גאָלדענער קייט. יואל באַלזאַם איז געזעסן ביי אַ טישל און מעשה־סעקרעטאַר געדולדיק אויסגעשריבן פון אַ לאַנגן בוך קוויטונגען.

ווען ער האָט דערזען איסר יאַגאָדען האָט ער זיך אויפגעשטעלט. ווי יעדעס מאָל ביים דערזען אַ באַקאַנט פּנים, האָט ער אויך איצט איבערגעווישט די ברילן־שייבלעך. אַ ברייטער שמייכל האָט זיך צעשפּרייט פון איין אויער ביזן צווייטן.

— אַ גאַסט! וואָס פאַראַ כבוד! מיסטער איסר יאַגאָדע פּערזענלעך!

איסר יאַגאָדע האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

— גלויב מיר, יואל. אויב כ׳בין געקומען אַהער, איז דאָס בלויז צוליב דיר!

— ביזט נאָך אַלץ אַ פּורש מן הציבור? די שדכנים האַלטן, אַז דו ביזט אַ בעל־גאווה.

— דו, יואל, קענסט מיך פאַר אַן עניו. כ׳בין נידעריקער פון גראָז. כ׳האָב נישט ליב קיין טומלערס און האָלאָדריגעס. כ׳האָב אַליין געגעב ווינט אין קאָפּ...

—רעדסט ווי ס׳וואָלט דיר געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ! ביזט אין טראָבל, איסר?

— וועגן מיינע צרות וועט מען שפּעטער רעדן. איצט בין איך געקומען צו אַ מיטינג, ווו מ׳עט אַוודאי דאַרפן באַהאַנדלען צרת רבים. די יאָרן שטייען נישט, יואל. וואָס טוט זיך ביי דיר פּריוואַט? דיין בת־יחידה, עטל, איז אָלרייט? און די בנים זענען מסתמא אויסגעוואַקסן אמתע יענקיס, וואָס פאַרטראָגן נישט דעם טאַטן, דעם „מאַקי״? די צייט לויפט! מ׳ווערט פאַרפרעמדט! פון קאלעדזש האָבן דיינע זין, דוכט זיך, נישט געהאַלטן. זענען זיי כאָטש געוואָרן ביזנעסלייט? אַמאָ־ליקע יאָרן האָט איינער געוווּסט וואָס עס טוט זיך ביים צווייטן אין טעפּל. מיר האָבן, דוכט זיך, אַמאָל געלערנט פון איין סדרה.

— היינט גייען ביי מיר עטלעכע סדרות...

— וואָס הייסט?

— פּשוט, איסר. אין מיין לאַנדסמאַנשאַפט פירט מען געלט־קאַמפּיינען, גייט די סדרה: כי תצא למלחמה... ביי מיין טאָכטער איז: תולדות... קיין עין־הרע, זי האַלט שוין ביים פערטן בן זכר... וואָס שייך מיין געלט איז: וילך... מ׳קען נישט אָניאָגן די הוצאות... און בנוגע די ביזנעס פון מיינע בנים — איז: נצבים... ס׳רירט זיך נישט פון אָרט...

— ביזט געבליבן דערזעלבער לוסטיקער חי וקים!

— וואָס וועל איך קרעכצן? די שדכנים שרעקן זיך, אַז שדכנות גייט אונ־טער און די מוהלים האָבן מורא ,אַז עלטערן וועלן אויפהערן צו יידישן זייערע קינדער... און זיי וויסן, איסר, אַז דער היינטיקער מיטינג איז טאַקע פון די אגודת המוהלים! דאָס האָב איך דיך פאַרנאַרט אַהער דורך אַן איינלאַדונג צו אַ שדכנים־פאַרזאַמלונג... אַנדערש וואָלסטו זיך דאָך נישט באַוויזן! כ׳געדענק, האָסט געהאַט אַ מאָל צו טון מיט דעם מוהל־מעסער, אָבער ביזט פון די מוהלים שוין

לאַנג אַנטלאָפן... מעגסט זיי דאָ היינט אויסהערן... זיי האָבן צרות מיט אַ נייער דערפינדונג... אַ ניי אַנשיקעניש אויף ייִדן...

— ביזט משוגע מטורף, יואל!

— כ׳בין שוין גאָר מיושב...

— גוט וואָס איך גיי פאַרלאָזן די פּראָפעסיע. כ׳על טאָקע אַנטלויפן באַצייטנס...

יואל באַלזאַם האָט אָנגעשטעלט זיינע גרינע פלעמלדיקע אויגן.

— גייסט אויפגעבן שדכנות? וואָס? האָסט שוין אָפּגעאַרבעט? ביזט גרייט זיך אַוועקצוזעצן אויף אָנקל סעמס פּענסיע?

— אַזוי אַלט זע איך אויס אין דיינע אויגן? דו ביזט, דוכט זיך, אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר און ביזט נאָך אויך נישט קיין זקן. קיין געלט האָבן מיינע עגונות מיר נישט אָנגעגרייט, כ׳זאָל קענען זיך זעצן אויף אָנקל סעמס קעסט... וועסט זיין איבערראַשט יואל. כ׳גיי ערשט צעפירן די הענט...

— אין אַזאַ מהומה גייסטו פון אונדז אַוועק, איסר? ביזט אויסגעכאָוועט געוואָרן אויף שדכנות און מוהלות ווי אַ קאָזאַק אויף באַיאָנעטן... אַ מאַטראָז אַנטלויפט נישט דער ערשטער פון אַן אייגענער שיף ,און דו, איסר, ביזט מער ווי אַ מאַטראָז. ביזט אַ קאַפּיטאַן... כ׳זע שוין, ס׳פעלט דיר נישט קיין טראָבל! מירן שמועסן נאָכן מיטינג. כ׳על דיך נעמען צו מיר אַהיים אויף סאַפּער. ס׳ווערט שפּעט קוק, אונדזערע עקזעקוטיוו־לייט זענען אומגעדולדיק און אונדזער טשערמאַן וויל שוין אָנהויבן.

יואל באַלזאַם האָט פאַרמאַכט דאָס רעכן־בוך, צוזאַמענגעלייגט די קוויטונגען, די בייגעלעך פּאַפּיר און אַלץ אריינגעפּאַקט אין שופלאָד. ביידע האָבן געמאַכט אַ פּאָר שפּרייזן פאַרויס. איסר יאַגאָדע האָט זיך אַרומגעקוקט. אין דעם קליינעם מיטינג־האָל זענען געווען פאַרזאַמלט אַ פערציק ייִדן. די מייסנטע פּנימער זענען פאַר אים געווען אומבאַקאַנט.

כ׳זאָל זאָגן, אַז דער אַלטער דור מוהלים איז אויסגעשטאָרבן? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — די כנסת המוהלים האָט פונדעסטוועגן געמעגט דורכזיפּן אירע שליחי ציבור. עפּעס דרייען זיך דאָ אַרום מענטשן, וואָס האָבן געקענט זיין גראָסערי־לייט, סאַלון־קיפּערס און קצבים, אָבער נישט קיין כלי־קודשניקעס. און די אַ האָבן די אויפזיכט צו ייִדישן די זכרים פון ניו־יאָרק רבתי?

ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ הויכן, אייזערנעם שטענדער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּולפּיט פאַר מוזיק־נאָטן. אויף דער וואַנט זענען געהאָנגען צוויי בילדער אין ברוינע ראַמען. איין בילד פון דעם פּרעזידענט פון דעם שדכנים־פאַראיין און דאָס צווייטע בילד פון אַלע מיטגלידער ווי זיי זיצן ביי אַ באַנקעט. אַלע רערן־לאָמפּן אין דער סטעליע האָבן העל געברענט. אינמיטן האָל זענען געווען אויסגעשטעלט אַ פּאָר בענק. פאַר אַ לאַנגן טיש, איבערגעדעקט מיט אַ גרינעם טוך, האָט אַ מאַן מיט אַן אויסגעצערטלט בערדל עפּעס פאַרצייכנט אויף אַ בייגעלע פּאַפּיר. אַ מוסקולירטער נעגער האָט אַריינגעטראָגן אַ פּאָר שטולן. איסר יאַגאָדע האָט דערבליקט איבערן פענצטער אַ שרייענדיק שילדל: „שוחטים און מוהלים אויפמערקזאַם! חלפים און מוהל־מעסערס אויסגעאַרבעט פון בעסטן

שטאָל אין אונדזער פּעקטאָרי... אַלע מאָסן פּאַר גסות ודקות און עופות... אַ באַ־ ווסטער רבי גיט אַכטונג אויף שלייפן און פאַרריכטן די מוהל־מעסערס"...

ביי איסר יאַגאָדען האָט די נאָז זיך פאַרקרימט. די שוחטים און מוהלים אַרבעטן ווי די פּעדלערס, — האָט ער זיך געערגערט — נישטאָ ביי זיי קיין אונטערשיד צווישן פּראָסטע כלים און אידעלע אינסטרומענטן. דאָס שילדל פּאַסט פּאַר אַ הינער־מאַרקעט...

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין גרינעם טיש. דער פּאָרזיצער, אַ הויכער מיט אַ פאַרזויערט פּנים ווי ער וואָלט געהאַט מאָגן־קרעמפּן, האָט גערופן צו אָרדענונג. די מוהלים, וואָס זענען געשטאַנען אין רעדלעך און געשמועסט, האָבן זיך צוגעזעצט אויף די בענק. דורך דער טיר האָט אויף די שפּיץ־פינגער זיך אַריינגערוקט אַ מאַן אין אַ האַרטן שוואַרצן קאַפּעליוש און מיט קורצזיכטיקע אויגן. ער האָט פאַרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט און אין גרויס איילעניש גענומען אויסטיילן צירקולאַרן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ טריפהנע סחורה. איסר יאַגאָדע האָט גענומען אַ צירקולאַר און געוואָלט דעם אויסטיילער עפּעס אַ פרעג טון, אָבער דער מאַן האָט אים אַ שלעפּ געטון פאַר אַן אָרבל ביז צו יענער זייט טיר. ער איז געבליבן שטיין פאַר די טרעפּ און אים איינגערוימט.

— כ'בין נישט קיין מיטגליד אין אגודת השדכנים, אָבער כ'בין אויך אין די כלי קודש־ביזנעס און כ'מעג אַרויסזאָגן מיין מיינונג... מיין צירקולאַר דערקלערט אַלץ. דער טשערמאַן וועט מיר קיין וואָרט אויף אַ מיטינג נישט געבן, וויל כ'בין אין דער אָפּאָזיציע. האָב איך אַלץ אָפּגעדרוקט שוואַרץ אויף ווייס... אויב ייִדישקייט איז אונדז טייער, דאַרף מען קוקן אויף די פינגער פון די שומרי ישראל... אַלץ איז ביי זיי קאָמערץ! אַן אַרטיקל עובר לסוחר! האָבן מיר שוין אַ מאַשינאַווע מילה אויך! זיי טענהן, די ליגנערס, אַז די גאַמקע קלעמפּ איז בלויז אַ מעטאַלענער באַנדאַזש... אין דער אמתן איז דאָס אַ מחבל, וואָס וועט אַרויסשטופּן דאָס מוהל־מעסער. מ'קלאָגט, אַז ייִדישקייט גייט אונטער, האַ? נישט בלויז די פרייע, נאָר אויך אונדזערע מוהלים לייגן צו אַ האַנט צום אונטער־גאַנג. לייענט מיין צירקולאַר. אירט דערפון אַ סך לערנען...

— 2 —

דער צירקולאַר־אויסטיילער איז אַראָפּ איבער די טרעפּ. איסר יאַגאָדע איז צוריק אַריין אין מיטינג־האָל. ער האָט אָנגעטאָן די ברילן און אַריינגעקוקט אין בויגן, וואָס איז געווען באַדעקט מיט געדיכטער דרוק־שריפט. שוין די ערשטע שורות זענען געווען אַן אָנקלאַגע קעגן די ניו־יאָרקער כלי־קודש, וואָס האָבן געמאַכט יד אחת מיט די מאַשינקע־הענדלער און זיי פאַרזען די אַלטע מצוות מילה און צער דיונקא.

איסר יאַגאָדע האָט זיך פאַרנומען דורכצולייענען דעם גאַנצן געדיכטן ציר־קולאַר, אָבער די האַמער־קלעפּ איבערן גרינעם טיש האָבן געשטערט. ער האָט אָנגעשטעלט די אויגן צום הויכן שטענדער. אַ זשוואַוער מוהל מיט אַ ציכטיק

צוגעשווירענער באַרד האָט שוין געהאַלטן אינמיטן רעדן. ער האָט געהויבן די הענט מיט אַ ראַזמאַך. פון זיינע פולע, רויטע ליפּן זענען געפאַלן כעסדיקע ווער־טער.

— כ׳על רופן צום בית־דין אַלע רעליגיעזע מוהלים, אויב זיי וועלן מעיז זיין אָפּצוטרעטן פון דער אַלטער מילה־טראַדיציע. אונדזערע טאַטעס און זיידעס האָבן פון אַזאַ אַנשיקעניש נישט געוווּסט. פון אברהם אבינוס צייטן אָן איז מען מל באיזמל, מ׳שניידט מיט אַ מוהל־מעסער. מיר ווייסן, אַז ס׳גאַנצע מל זיין, דער חיתוך מיט דער פּריעה כדין דוויערט כהרף עין ,אָבער די נייע דערפינ־דונג, דער גאַמקע־אינסטרומענט פירט דורך אַ גאַנצע אָפּעראַציע מיט שערע־לעך און מעסערלעך... מ׳שניידט אין דער לענג און אין דער ברייט. מ׳פּאָרעט זיך צוויי מאָל איבער דעם שתי וערב... כ׳זאָג אייך, מוהלים, די ליידן פון די עופהלעך, די שפיכת־דמים איז אין לשער, ס׳אַ חילול הקודש רבותי! ס׳אי גלאַט אַ חבורה און בלוט־פאַרגיסונג פון די אומשולדיקע קינדער, וואָס קענען נעבעך נישט פּראָטעסטירן. מ׳רעדט אונדז איין, אַז דער מאָדערנער אינסטרומענט איז צו פאַרהיטן די בלוטונג, אָבער די וואָר איז, אַז די ליידן פון קינד ווערן שטאַר־קער און דער בלוט־אָפּלויף ווערט גרעסער ווי נאָר דער מאַשינקע־מוהל הייבט אָן זיין אָפּעראַציע... רבותי, ס׳איז איבעריק צו דערציילן וויפיל שאָדן דער נייער אינסטרומענט וועט אָנטון אונדזער פּראָפעסיע און ס׳איז אונטער דער ווירדע צו האַלטן לאַנגע וויכוחים. דעריבער צו דער זאַך! כ׳מאַך אַ פאָרשלאַג, אַז דער היינ־טיקער מיטינג זאָל אָננעמען אַ רעזאָלוציע, וואָס פאַרווערט באיסור גמור צו נוצן די מאַשינקע ביי אַ ברית מילה!

איידער דער ערשטער מוהל מיט דער צוגעשווירענער באַרד האָט געענ־דיקט, איז פאַרן שטענדער שוין געשטאַנען אַ צווייטער מוהל, אַ געגאָלטער מיט אַ גלאַנציק גלאַטיק לבנה־פּנים. אָן זיינע נערוועזע בליקן און אויפגעהויבענע הענט האָט מען געקענט זען, אַז ער איז אָן אָפּאָנענט, וואָס גייט אַרויסטרעטן קעגן דעם איסור. ער האָט געוואַרט ביז ס׳וועט ווערן גאָר שטיל, אָבער איבערן זאַל האָט זיך געטראָגן אַ מורמלעניש. ס׳האָבן זיך געהערט צווישנרופן.

— מ׳קען זען, אַז ער גרייט זיך אַריינצוציילן...

— מ׳עט אָוועקהרגענען אַ מיטינג מיט דעבאַטעס!

— ער איז, דאַכט זיך ,פון די מאָדערנע מוהלים...

— וואָס גייט ער רעדן? לאָמיר וויסן!

— פאַר אָדער קעגן?

דער מוהל האָט מיט אַ האַנט־פּאַך איינגעשטילט די צווישנרופן.

— אַמעריקע איז נאָך, ברוך־השם, אַ פרייע מדינה... מ׳קען רעדן פאַר און מ׳קען דרשענען קעגן, אָבער מיט דרשענען קעגן אַ נייער דערפינונג וועט מען נישט מאַכן קיין פּראָגרעס... מ׳עט בלייבן הינטערשטעליק. ס׳אַ פאַקט, רבותי, אַז דער גאַמקע־אינסטרומענט איז אַ נייע דערפינדונג און אין אַ סך שפּיטאָלן און קליניקעס לאָזט מען שוין מער נישט די מוהלים דורכפירן דעם ברית־מילה, נאָר מ׳פאַרלאַנגט אַז דאָקטוירים זאָלן זיך דערמיט באַשעפטיקן שלא כדין. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל אונדזערע פאַנאַטישע מוהלים ווילן זיך נישט צורירן

צום נייעם אינסטרומענט! כ׳דאַרף אייך נישט דערציילן רבותי, אַז דאָקטוירים קענען לייכט אויפהעצן עלטערן ווען ס׳קומט צו פאַרהיטן ס׳געזונט פון ניי־געבוירענע זכרים. די מעדיקער האָבן געהאַקטע צינגלעך... אין אַן אַרגומענט צווישן אַ יונג דאָקטאָרל, אַ צוציק און אַן אויסגעדינטן מוהל, וואָס האָט שוין די ציין אויפגעגעסן ביים פאַך, וועט דער צוציק געווינען... כ׳האָב מורא, אַז אַ גרופּע פאַנאַטיקער, וואָס ווילן נישט נוצן די גאָמקע, פאַרשפּרייטן בלבולים שבשקר יסודם... רבותי, ס׳איז דאָ אַ געפאַר אַז מוהלשאַפט אין אַמעריקע זאָל חלילה אונטערגיין, אויב מירן בלייבן הינטערשטעליק. די גאָמקע איז שוין אָנערקענט אַלס אַן ערשטקלאַסיקער סאַניטאַרער מיטל, וואָס פאַרהיט דאָס קינד פון אַלערליי סכנות, אי ס׳איז אין איינקלאַנג מיט די דיני ברית מילה, אי ס׳איז על פּי די לעצטע מעדיצינישע דערפינדונגען. דאָס האָבן אַפילו באַשטעטיקט טייל רבנים!

צווישן די פאַרזאַמלטע האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. פון די אונטערשטע שטולן האָט זיך אויפגעשטעלט אַ מאָגערער מאַן מיט אַ ביינערדיק, כינעזיש פּנים. ער האָט זיך געשטופּט מיט אַ געבייזער פאַראויס, גלייך צום שטענדער, ער האָט געשריגן:

— ס׳איז שקר וכזב! קיין מרא דאתרא וועט נישט געבן זיין הסכמה! צאָרנדיקע קולות און צווישנרופן פון עולם האָבן אונטערגעהאָלפן.

— וואָס מישט ער דאָ אַריין די רבנים?

— כ׳על נישט קאָווירן צי ר׳איז נישט אַן אַגענט פון דער גאָמקע־פאַבריק!

— צי ער איז אַן אַגענט פון דער גאָמקע־פאַבריק איז שווער צו באַווייזן, אָבער אַז ער זוכט אַ היתר ביי די רבנים ,דאָס זעט מען און ס׳איז חוצפּה!

— ר׳וויל שוין אַ היתר?

ביים רעדנער איז דאָס גלאַנציקע לבנה־פּנים געוואָרן פול מיט גרימאַסן. ער האָט געזשמורעט מיט די קליינע אויגן. ער האָט געקנייטשט מיט די באַקן און געוואָלט מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ קאַלטן לונג און לעבער וואָס וואַרט, אַז דער עולם זאָל זיך איינשטילן. ווי נאָר די אויפרעגונג איז אַריבער, האָט ער ווידער זיך געלאָזט הערן מיט אַ טראָציקן טאָן.

— יאָ ,מיר ווילן אַ היתר פון די רבנים! און דער אמת איז, אַז מיר האָבן דעם היתר פריער געקראָגן... שוין לאַנגע חדשים ווי מ׳האָט באַשטימט אַ בית־דין אויסצוהערן די טענות פוןביידע צדדים וועגן דער גאָמקע־קלעמפּ. דער בית־דין פון באַוווסטע רבנים און גדולי ישראל האָט נאָכגעפאָרשט דעם ענין און איז געקומען צו דער מסקנא, אַז די גאָמקע איז נישט מער ווי אַ מעטאַלענער באַנדאַזש, וואָס פאַרהיט דעם רך הנמול פון פאַרלירן צופיל בלוט און אַמאָל אויך, מ׳זאָל קיינמאָל נישט וויסן דערפון, פון אַ בלוט־שטורץ... די רבנים האָבן אָפּגעלייקנט די בלבולים, אַז דער אינסטרומענט שטופּט אַרויס ס׳מוהל־מעסער, ווייל, דער ברית־מילה ווערט דורכגעפירט אויף אַ טראַדיציאָנעלן שטייגער און אַלע דיני מילה ווערן שטרענג אָפּגעהיטן.

— ווייזט אונדז דעם היתר! —האָט דער מוהל מיט דער ציכטיק־פאַרשווירענער באָרד אויסגערופן.

— ווייזט דעם מיטינג אַ געשריבענעם היתר! — האָבן קולות געפּאָדערט.
דער פּאָרזיצער האָט זיך געלאָזט הערן מיט אַ האַמער־קלאַפּ איבערן גרי־נעם טיש. ער האָט געוואָלדעוועט.
— לאָזט פירן דעם מיטינג! שלאָגט נישט איבער! דער מאַן האָט איצט דעם פלאָר! ווער ס׳וויל אַ וואָרט, זאָל זיך פאַרשרייבן, וויל עמיצער אַ וואָרט?
— כ׳קען אייך קיין געשריבענעם היתר נישט ווייזן — האָט דער מוהל טראָציק גערעדט — נאָך אַ חקירה ודרישה און גרינטלעכן עיון בדין האָט דער ראש בית־דין דאָן דערקלערט, אַז עס קומט די כנסת המוהלים אַ היתר אין שריפט, אָבער נישט צו פאַרשעמען די מוהלים, וואָס ווייסן נישט ווי צו באַנוצן זיך מיט דער גאָמקע, גיט מען אונדז דעם היתר בעל פּה... דאָס איז געווען די מיינונג נישט פון אַ יחיד, נאָר פון אַ בית־דין אין נאָמען פון אַ סך רבנים. אין אַ בריוו צו אַ האָספּיטאַל אין בראָנזוויל האָט אַן אָנגעזעענער רב אויך באַשטע־טיקט דעם היתר צו באַנוצן זיך מיט דער דערפינדונג. צי כ׳קען יאָ באַווייזן דעם מיטינג אַ שריפטלעכן היתר, צי נישט. דאָס זענען די פאַקטן! אין החי יכול להכחיש את החי... אַז דער מיטינג וועט באַשליסן צו ברענגען אַהער די עדות, וועט מען די רבנים אויפפאָדערן צו קומען.

— 3 —

פון דער פאָדערשטער רייע שטולן האָט זיך אַרויסגערוקט אַן עלטערער מוהל מיט אַ לאַנגער שיטערער באָרד, אויסגעפליקט און צעדריוולט ווי אַ שטיק וואַטאָווע אונטערשלאַק פון אַן אַלטן בגד. אויפן ווינק פון פאָרזיצער האָט ער זיך צוגעשאַרט צום שטענדער און אַרויפגעלייגט זיינע ציטערדיקע הענט. ער האָט גערעדט מיט אַ שוואַך קול.
— ביי מיר, רבותי, ציטערן די הענט און כ׳קען שוין קיין מוהל־מעסער אויך נישט האַלטן, אָבער די גאָמקע, זאָג איך אייך, איז מוקצה מחמת מיאוס ביי יעדער עבירה וואָס מ׳לאָזט נישט דורכפירן, סטראַשעט מען אונדז אַז די פרייהייט אין קאָלומבוסעס מדינה איז אין סכנה... כ׳על קאַווירן, אַז אַמעריקע וועט נישט אונטערגיין, אויב מ׳עט ביז ביאת המשיח באַשניידן די זכרים מיט אַ מוהל־מעסער... דער מוהל פאַר מיר האָט אונדז דערציילט, אַז דער היתר בעל פּה איז אַ מיינונג פון אַ יחיד, אַ רב אָדער פון עטלעכע רבנים. אַ מיינונג רבותי, איז צו גאָרנישט מחייב. מיר ווילן אַ באַשלוס און דער אמתער באַשלוס מוז קומען פון בית־דין הגדול. איך האָב אַנדערע נייעס וואָס רבנים טראַכטן וועגן דער גאָמקע, און נאָך זאָג איך אייך, רבותי, אַז ס׳איז דברים שבממון, וואָס אונדזערע מאַשינקע־מוהלים האָבן מורא צו פאַרלירן...
דער עלטערער מוהל איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַריינגעלאָזט זיינע פינף ציטערדיקע פינגער אין דער שיטערער באָרד. ער האָט אַ ווילדע אָנגעשעפּט אָטעם און דערנאָך געלאָזט הערן דאָס שוואַכע קול.
— אונדזערע מאַשינקע־מוהלים ווילן נישט אַרויסלאָזן דאָס קינד פון זייע־

רע הענט און פונעם שפּיטאָל, ווו זיי האָבן די קאָנצעסיעס און דעריבער באַשטייען זיי צו פידלען מיט דער מאַשינקע ביי אַלע מילות! און דאָ מוז איך אייך זאָגן, מוהלים, שטעקט אַ סכנה פאַר יענע קינדער, וואָס מ׳טאָר נישט מל זיין בזמנם, עד שיבריא... ווי שטייט עס? ושומר מצוה לא ידע דבר רע... דער וואָס וואָרט אין אַזאַ צייט מיט דער מצוה וועט געהאָלפן ווערן פון הימל! רבותי, דאָ רעדט צו אייך אַן אויסגעדינטער מוהל, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביי מילה־בריתן אַרי־בער פערציק יאָר און כ׳וויל אייך וואָרענען, אַז די גאָמקע איז אַ דערפינדונג פון שטן המשחית! ס׳איז קאָמערץ! ס׳איז האַנדל! מוהלשאַפט וועט באַלד אַריין אין די סעמעטערי־ביזנעס... אַ ברית־מילה וועט אָפּגעפּארטיקט ווערן שנעל ווי אַ קדישל ביי אַ יאָרצייט... דער רך־הנמול וועט ליידן שפיכת־דמים. פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס. ס׳איילעניש וועט טרייבן ייִדישקייט אין קבר אַריין... אוי וועט עס טרייבן!

איסר יאַגאָדע וואָס האָט אויסגעהערט די וויכוחים שטייענדיקערהייט, האָט איצט געזוכט אַ שטול אין דער פאָדערשטער רייע. אַ באַגער צו נעמען אַ וואָרט האָט אים געטריבן נענטער צום שטענדער. ער האָט זיך צוגעזעצט נעבן יואל באַלזאַמען מיט אַ לייכטן קרעכץ. ס׳אי גוט וואָס כ׳גיי פאַרלאָזן די כלי־קודש באַצייטנס — האָט ער געטראַכט — כ׳זע שוין, אַז ס׳האַלט ביי נעילה... און צו וואָס אַמפּערט מען זיך דאָ איבער אַ היתר און אַן איסור? אַזוינע וויכוחים פּאַסן זיך ביי אַ געשלאָסענער אסיפה פון רבנים. אַמעריטשקע! שיין דערלעבט! מוהלים מיט קצבים־הענט ווילן איבערמאַכן דינים, פאַרגרעבטע שוחטים גייען פּסקענען שאלות!

ער האָט געוואָרפן בליקן איבערן האָל. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין די פּנימער פון די מוהלים און מהיכא־תיתידיק געהויבן די אַקסלען. וואָס איז דאָ? אַ מיטינג צי אַ בית־דין שטיבל? אויף אַ מיטינג גיט מען אָפּ אַ פינאַנציעלן באַריכט. מ׳רעדט אַרום די לאַגע אין דער פּראָפעסיע, מ׳גרייט אַ באַנקעט פאַרן פּרעזידענט אָדער מ׳איז מספּיד אַ געשטאָרבענעם מיטגליד. פון ווען אַן האָבן מוהלים שלאָפלאָזע נעכט צוליב צער דינוקא? און דעם פאַרלאַנג צו נוצן די גאָמקע קען מען אויך נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. ס׳איז אַ דערפינדונג! אַנהענגער און קעגנער מוזן זיך אַוועקזעצן ביי אַ בית־דין טיש. בלויז אַן עיון און חקירה ודרישה פון יודעי דבר קען שליכטן דעם סכסוך.

ער האָט געזוכט יואל באַלזאַמס אויערן כדי דאָרט אַריינצוזאָגן זיינע טראַכ־טענישן. אָבער דער לאַנדסמאַן זיינער האָט שוין געהאַט פאַרלאָזט זיין אָרט און פאַרנומען דעם שטענדער. דאָס וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסזאָגן, האָט ער אָנ־געהויבן מיט ברען. אין היץ פון די רייד האָבן די געלבלעכע שפּרינקעלעך אי־בער זיין לענגלעכער נאָז זיך געשמאַלצן ווי וואַקס אויף דער זון.

— לויטן חשבון פון דער וועלט זענען ייִדן מל זייערע קינדער באיזמל שוין פיר טויזנט יאָר און די זכרים זענען קיינמאָל נישט געווען אין סכנה... וואָס האָט דאָ פּלוצים פּאַסירט, אַז אַ פּאָר שפּיטאָלן האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי, אַז דורך מל זיין על פי דין דראָט די קינדער אַ געפאַר? וואָסערע געפאַר? אויב אַ קינד האָט אַ נייגונג צו בלוטן, כ׳מיין אויב ס׳איז אַ קינד שלא נבלע דמו

באַבריו. הייסט דאָך דער יורה דעה וואַרטן עד שיבלע דמו... ווער טרייבט דען די מוהלים מל צו זיין בחפזונדיק? ווער הייסט זיי זיין פרומער פון דעם יורה דעה? נאָר וואָס דען? מ׳וויל אונטעריאָגן דעם ברית מילה מיט דער גאַמקע! מ׳וויל אויף גיך אָפּפטרן דאָס קינד מיט דעם אינסטרומענט, ווייל ווי רעדט זיך עס? די קונדן וואַרטן אין דער רייע... ברידער מוהלים! כ׳ווייס אויך וואָס עס טוט זיך אין גאַס. די פּראָפּאַגאַנדע פון די מאַשינקע מוהלים אַרבעט מעשים! און דאָס וואָס זיי טענהן אַז די פאַרהיילונג פון די גאַמקע־מילות גייט צו גיכער, איז דאָס נישט מער ווי אַן אויגן־פאַרבלענדעניש לסמא את העין... ווייל די פאַרהיילונג דויערט נישט ווינציקער צייט ווי ביי קינדער, וואָס מען איז מל כדין באיזמל. הערט, ברידער מוהלים! די דערפינדונג וועט אומברענגען די פּראָפּעסיע, די גאַמקע איז אַן אומגליק. ס׳איז רחמנא־ליצלן אַ צרעת און פון אַ צרעת מוז מען ווייכן איידער ס׳ווערט צו שפּעט...

אויף איסר יאַגאָדעס אויערן זענען די ווערטער פון זיין לאַנדסמאַן געפאַלן מיט אַ גרילץ. כ׳זע, אַז אויך ער איז פאַנאַטיש — האָט ער אויסגעפּירט — אַלע זענען קעגן דער גאַמקע! דאָס קול פון דעם איינציקן אַנהענגער ווערט פאַרטויבט אין אַ ים פון ראיות, פּלפּולים און תרעומות. אויב אַזוי, דאַרף איך נעמען אַ וואָרט. נישט אַלץ וואָס ווערט דאָ געזאָגט פון די קעגנער איז הוילע צידקות. דער ענין לאָזט זיך דרשענען. אַזוי איז עס פון ששת ימי בראשית אָן. יעדע דערפינדונג מאַכט אַן איבערקערעניש, און יעדער אַנטדעקער ווערט פאַרשריגן פאַר אַ מהרס און מחריב... רעדסט דאָך בולבעס, איסר! — האָט ער זיך אַליין אָקעגן־געררעדט — אין רעליגיעזע דינים מאַכט מען נישט קיין רעוואָלוציעס און אַ מילה־מאַשינקע איז נישט קיין טעלעפאָן־טרייבל...

פונדעסטוועגן האָט איסר יאַגאָדע זיך געשטעלט פאַרן שטענדער. ער האָט געוואָלט ענטפערן אַלע מוהלים איידער ער געזעגנט זיך מיט זיי. אויב די גאַמקע אַרבעט ווי אַן אויטאָמאַט, איז דאָס נישט קיין אומגליק. בעסער מילה דורך אַן אינסטרומענט איידער יידישע זכרים זאָלן בלייבן ערלים. די דערפינדונג איז נישט קיין צרעת, ס׳איז פאַרשריט אין דער פּראָפּעסיע. ער האָט אָנגעהויבן:

— רבותי, ס׳איז טאַקע פיר טויזנט יאָר ווי מ׳איז מל קינדער ביי יידן כדין באיזמל, אָבער אין פיר טויזנט יאָר מעג זיך עפּעס ענדערן... רבותי, דאָס פייער וואָס מ׳האָט אַמאָל אַרויסגעקראָגן דורך רייבן אַ שטיין אָן אַ שטיין, פלעמלט היינט אַרויס פון אַן עלעקטריש דרעטל... מ׳קען נישט נעמען שטענדיק צו הילף דעם יורה־דעה און אברהם אבינו טאָר דאָ נישט זיין קיין מורה דרך, ווייל זיין אייגענער ברית־מילה איז נישט פאָרגעקומען אין אַ ניו־יאָרקער שפּי־טאָל... רבותי, מ׳קען מיט מיר דעבאַטירן אַ טאָג מיט אַ נאַכט. איך אַליין האַלט שוין ביים פאַרלאָזן די כלי־קודש, אָבער כ׳האָב שטענדיק געגלויבט, אַז יקוב הדין את ההר איז נישט אָנגעווענדט געוואָרן מיט דער גאַנצער האַרבקייט. יידישע דינים האָבן ביי די בני רחמנים זיך געמוזט תמיד לאָזן בויגן ווי דראָטן... איך אַליין בין נישט קיין פשרן, אָבער דאָס לעבן איז גוזר מ׳זאָל איינגיין אויף פשרות... אַמאָל האָבן עופות אויפן מאַרקעט געמוזט דורכגיין די שטרענגע בדיקה פון ועד הכשרות, היינט פאַרשפּאָרט מען די אויפזיכט דורך אַרויפלייגן פּלאָמ־

בעס אויף די געשאָכטענע הינער. און כ׳געדענק ווען די כלי־קודש האָבן אין ניו יאָרק נאָך באַקעמפט די פּלאָמבעס...

ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ גערודער. פון די הינטערשטע שטולן האָבן זיך געהערט פּראָטעסט־אויסרופן. אַ מוהל מיט אַן עזותדיק קול האָט געפאָדערט צו־צונעמען ביים בעל־דרשן דאָס וואָרט. איסר יאַגאָדע האָט זיך נישט פאַרלוירן. מיט צענומענע הענט האָט ער פּרובירט איינשטילן זיינע אָפּאָנענטן .דער פאַר־זיצער איז אים געקומען צוהילף. מיט אַ פּאָר קלעפּ פון הילצערנעם האַמער האָט ער באַרוּיקט דעם עולם און איסר יאַגאָדע האָט ווייטער גערעדט.

— אויפן וועג אַהער צום מיטינג רבותי, האָב איך געטראָפן אַ חופּה־שטע־לער אויף רעדלעך. ער רופט זיך: עקספּרעס מסדר־קידושין. ער ברענגט די פּאָרטאַטיקע חופּה צו דער שוועל און פאַרשפּאָרט פאַר חתן־כלה די חתונה־צערע־מאָניע אין טעמפּל... ער האָט געזאָגט: דער לאָנדרימאַן מעג ברענגען די וועש אין הויז אַריין? דער מילכמאַן מעג אָפּליפערן די פלעשלעך מילך פאַר דער טיר? פאַרוואָס קען אַ מסדר־קידושין נישט אַריינברענגען די חופּה־שטאַנגען אין שטוב? מען קען נישט היינט באַשטימען צי ער איז גערעכט... אָבער יאָרן שפּע־טער וועט מען אפשר דעם מסדר־קידושין נאָכזאָגן שבחים... אויב דער בית־דין הגדול וועט אַרויסגעבן אַן איסור אויף דער גאָמקע, וועט יעדער מוהל, וואָס וועט נישט אָפּהיטן דעם איסר, פאַררעכנט ווערן ווי אַן עבריין און אַ שטערער, אַ מפיר פון קדושת בריתו של אברהם אבינו. און אויב אַ מוהל וועט מל זיין מיט אַ גאָמקע אום שבת, וועט ער אוודאי הייסן אַ מחלל שבת בפרהסיא! מ׳דאַרף דעם היתר און דעם איסר לאָזן צו אַ חקירה ודרישה פאַר רעליגיעזע אויטאָרי־טעטן. דער בית־דין איז דער פּוסק אחרון. מיר ברעכן נאָך נישט קיין דינים, אָבער מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז דער ערשטער ברית מילהניק אברהם אבינו איז געזעסן אונטער די אלוני ממרא און מיר זיצן אונטער די הימלקראַצערס פון ניו־יאָרק...

צווישן די מוהלים האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען:

— גענוג גערעדט!

— אַליין גייט דאָס אַוועק פון די כלי־קודש און אונדז גייט ער אַריינבראַ־קירן די מאַשינקע!

— אַ נייער בר־סמכאָ!

דאָס גערודער איז געוואָרן גרעסער, די אויסרופן שטאַרקער.

—ער גייט אונדז לערנען נייע דינים!

— נישט קאַ וווּנדער וואָס די פּראָפעסיע ליגט אין דר׳ערד. צופיל מאָדער־נע באַשניידערס זענען אונדזערע רעדל־פירער!

איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט איצט אַנטרינען פון די אויפגעהעצטע מוהלים. ער האָט געהאַט אויף זיך די שטעכיקע בליקן און ס׳האָבן אים נאָכגעיאָגט צאָרן־אויסרופן.

צוקומענדיק צום אַרויסגאַנג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ רעדל מענ־טשן, וואָס האָט אים באַגלייט מיט שפּאָט־ווערטער. אויף יענער זייט טיר האָט אין אים מיטאַמאָל זיך געוועקט די אַלטע נקמה קעגן יענע, וואָס האָבן אים

געשטערט צו פאַרנעמען זיך מיט שדכנות, שחיטה, חזנות, אים באַליידיקט פאַר קהל און נישט דערלאָזט, ער זאָל זיך רוימען אַ וועג אין לעבן...

אויף די טרעפּ האָט ער מיטאַמאָל דערפילט איבער זיין אַקסל די האַנט פון יואל באַלזאַם. דער לאַנדסמאַן האָט אים אַנגעקוקט הינטערווילעכץ מיט אַ מינע פון אַ בעל־הבית, וואָס האָט זיך פאַרשולדיקט קעגן זיין גאַסט. די שאַרפע, גרינע אויגן האָבן ווידער געפלעמלט דורך די ברילן־שייבלעך. די געלבלעכע שפּרינ־קעלעך האָבן זיך צעשפּרייט פון איין אויער ביזן צווייטן. ער האָט זיך פאַרענט־פערט.

— אויפגעהעצטע יידן! די זעלבע אַלטע מוהלים! זיי באַשניידן אַלעמען! מאַך זיך גאָרנישט דערפון! וואַרט איבער ביז דער מיטינג וועט זיך ענדיקן. מירן פאָרן צו מיר אויף אַ היימישן נאַכטמאָל... דער צאָרן שרייט אַרויס פון דיר, איסר... איך זע, האָסט מיר וואָס צו דערציילן.

— כ'על בעסער וואַרטן אויף דיר אונטן, אין דער קאַפעטעריע. איך חלש נאָך אַ טעפּל קאַווע. קום אַראָפּ, יואל. כ'על דיר דערציילן מיין מעשה... ס'עט זיין אַן אָפּקומעניש צו הערן, אָבער גלויב מיר, די מוהלים קענען מיך מער נישט אָפּשרעקן. מ'האָט מיך שוין פריער אַרומגעשניטן... מיין רייטשל האָט מיך אָרנט־לעך אַרומגעשניטן.

איסר יאַגאָדע איז אַראָפּ די טרעפּ מיט פלינקע טריט. שפּרייזנדיק האָט ער ווידעראַמאָל זיך דערמאָנט אָן דעם עקספּרעס־מסדר קידושין. דאָס רירעוודיקע רב'ל איז אפשר גערעכט וואָס ער ברעכט דינים. אין דער מחיצה פון אַזוינע פאַנאַטיקער מוז מען ברעכן געזעצן און צעשמעטערן חוקים...

אונטן, ביים אַרויסגאַנג האָט ער פלעגמאַטיש זיך אַרומגעקוקט און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט: שיין דערלעבט, איסר! אַלע יאָרן האָסטו געוואָלט אַוועק פון אַ וועלטל, ווו מען האָט דיך נישט געברויכט... נישט בלויז אַנטלויפסטו איצט פון די כלי־קודש, נאָר מ'טרייבט דיך פון דאָרט מיט שטעקנס...

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

— 1 —

אַ פּאָר וואָכן נאָכדעם ווי יאַדזשאַ איז אַוועק וווינען אין קעמדען, האָט איסר יאַגאָדע געקראָגן אַ טעלעפאָן־רוף פון מענדל ווינשעל, ער זאָל באַלד צו־קומען אין זיין בעקעריי, ווייל ס'האָבן אים געטראָפן צוויי אומגליקן אויף איין מאָל. ס'ערשטע אומגליק איז וואָס זיין טאָכטער האָט געבוירן אַ זון און דער איי־דעם זיינער, דער דייטש, דער פריידענקער, וויל נישט לאָזן מל זיין דעם בכור. די צווייטע צרה איז וואָס „רובי", אָט דער ראובן גערשט, וואָס איסר יאַגאָדע האָט פאַראַיאָרן רעקאָמענדירט צו אים, האָט — נאָכן אויסלערנען זיך אַלע

קונצן פון בעקער־פּאַך — זיך אויפגעהויבן אינמיטן סעזאָן און איז אַנטלאָפן. דעם גרינהאָרן האָט פּלוצים זיך פאַרגלוסט צו זוכן גליקן אין ביזנעס.

דער אַלטער ווײַנשעל האָט אַרײַנגעליאַרעמט אין טעלעפאָן און זיך געקלאָגט, אַז אַזאַ באַלוינונג קריגט מען פאַר טון טובות די פּליכטלינגען, אַז ס׳לוינט גאָרנישט צו זיין אַ צדיק! ווי אומדאַנקבאַר די גרינהאָרנס זענען! מענטשן באַצאָלן שטענדיק פאַר גוטס מיט אַ רעה. אין נאָרמאַלע צייטן קריגט מען אַזוינע גרינע צעלייגערס פאַר צען סענט אַ טוץ. די יוניע האָט אָבער איצט נישט קיין גוואַלדאָוונע פאַכלייט און דער רובי האָט דווקא זיך אויסגעאַרבעט אַ פאַר גאָלדענע הענט ביים באַפּוצן די טאָרטן. מ׳דאַרף אים צוריקברענגען. חוץ דעם וואָרט אויף אים, איסר יאַגאָדען, אַ צווייטע מצווה. ער מוז איבערצייגן דעם אײדעם, אַז ס׳איז אַ חוב זיין בכור צו ייִדישן. וואָס פאַר אַ קרומען מוח דאָס האָט! אַז מ׳איז ברוגז אויפן שווער, דאַרף מען נישט מל זיין דעם בן־זכר?

איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט ענטפערן, אַז מיט יאַדזשאַן און איר חתן האָט ער מער קיין פאַרבינדונג נישט. דער אַלטער ווײַנשעל איז אָבער צוגעשטאַנען מיט אַזויפיל בעטענישן, אַז ער האָט אים נישט געקענט אָפּזאָגן. נאָך דעם זעלבן אָוונט איז ער געפאָרן אָפּשטאַטן אַ וויזיט אין ברוקלין.

ביים אַרײַנקומען אין ווײַנשעלס בעקעריי האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַרן פענצטערל פון אָפיס. ס׳האָט זיך אַרויסגעזען די בוכהאַלטערין, אַ העל, לאַכנדיק מיידל מיט אַ קאָפּ לויכטנדיקע שטרוי־האָר. זי האָט געהאַלטן אין לאָזן לויפן אירע רויטע מאַניקירטע פינגער איבער דער שרייב־מאַשינקע. זי האָט אויסגעשטעלט רעכן־בויגנס און אויסגעשריבן באַשטעלונגען. צוואָרפנדיק אין איילעניש אַ פאַרשוועבנדערישן שמייכל צו איסר יאַגאָדען, האָט זי געפרעגט וועמען ער וויל זען.

זיין ווייך פּנים האָט, ווי אַ שוואָם, איינגעזאַפּט איר לאַכעדיקן פּנים. ער האָט נישט באַוויזן איר צו ענטפערן. דער אַלטער ווײַנשעל איז אים אַקעגן געקומען מיט אויסגעשטרעקטע הענט:

— כ׳בין צופרידן, וואָס איר זענט געקומען. ווײַזט אויס, אַז נאָר אַ צרה קען אונדז צוזאַמענברענגען... אַ פיין שפּיצל, האָט ער מיר אָפּגעטון, אָט דער רובי אייערער. ס׳קומט פאַר קריסטמעס, אין רעכטן, אמתן סעזאָן, כאַפּט ער זיך אויף און מאַכט פיס... ווען כ׳ווייס דאָס פאַראַיאָרן, אסור צי כ׳וואָלט אים אַריבערגעלאָזט די שוועל... וואָס איז דאָס מיט די היינטיקע גרינע? נאָך איידער מ׳פּאַקט און מ׳מאָזלט, לויפט מען שוין אין ביזנעס... ווו האָט איר געכאַפּט די מציאה? אין דייטשלאַנד?

— ער קומט נישט דווקא פון דייטשלאַנד. אַ צייט האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין דער שווייץ. ווו כ׳האָב אים געפּאַקט? ס׳אַ ריינער צופאַל! דורך זיין כלה... ר׳געדענקט? פאַראַן אין ניו־יאָרק אַן אויסגעשפּילטער דאָקטאָר, פּרעדיקט ער וועגן פּריה ורביה ביי ייִדן. איר׳ט דאָך געהערט זיין נאָמען? דאָקטאָר וואָרמס, הייסט ער! אַליין איז ער אַן אַלטער בחור, אָבער ער האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַ משוגעת: חתונה צו מאַכן אַלע מלחמה־אַלמנות, עגונות, גרושות און אַלטע בתולות... ער האָט אויך געליאַרעמט, אַז קינדערלאָזע פאַרפאַלקן מוזן

אַדאָפּטירן יתומים און כ׳האָב אים דער ערשטער געפּאָלגט... זיין פּראָפּאַגאַנדע איז מיר געפעלן געוואָרן. איר מיינט, כ׳האָב געשפּאַסט אויף יענעם באַנקעט פּאַראַיאָרן, ווען אַריינצונעמען צו זיך אַ גרינע יתומה? כ׳האָב עס געטון אויך! איר האָט געמעגט אָנקוקן אַ גרינע מוידל! פייער און פלאַם! כ׳האָב געהאַט געגוג אויסצושטיין פון מיין חלק שני, אָבער כ׳האָב אויסגעפירט. איצט איז די יתומה שוין אַוועק פון מיין הויז און אייער רובי אָדער מיין ראובן גערשט איז איר חתן... כ׳הער דאָך אָבער, אַז די אמתע צרות האָט איר מיט אייער איידעם...

— מיין איידעם איז אויך פון די אַנגעלאָפענע, אַ דייטש! אַז ווו נאָר אַ יעקע איז אַ צרה! מיט אים וועט איך מוזן האָבן אַ שמועס אויג אויף אויג. כ׳על אייך אַריינפירן צו אים אין דעם קליניק. צו די צרות איז ער נאָך אַ גליקלעכער טאַטע, זיצט אַ גאַנצן טאָג ביי דער קימפּעטאָרין... ר׳איז אַ פריידענקער, אָבער ער האָט רעספּעקט פאַר אַ רעליגיעזן מענטש, וואָס איז נאָענט צום עמוד: אַ רב, אַ חזן, אַ שדכן... אפשר וועט דער ניי־געבוירענער זכר אים ברענגען דערצו, ער זאָל בעסער באַהאַנדלען דעם שווער זיינעם, האַ? אַלץ, וואָס מיר פעלט נאָך, איז אַן אייניקל, אַן ערל! דאָס מוזט איר פאַר מיר טון, מיסטער יאַגאָדע! איר מוזט אים איבערצייגן! יאָ, כ׳בין אַזוי באַשעפטיקט מיט מיינע אייגענע טראָבלס, אַז כ׳פאַרגעס צו פרעגן אויף אייערע. וואָס הער איך עפּעס, איר ווערט אויס שדכן? איך אַליין האָב לעצטנס אויך פאַרנאַכלעסיקט מיינע שניצערייען. ס׳וועט שוין פון מיר קיין קינסטלער נישט ווערן, האַ? וואַרט, ווי נאָר מיין זון קומט אַריין, פאָר איך מיט אייך אַהין צו אים.

— ווי גייען די ביזנעס?

— שוואַך. די ווידזשעס זענען געשטיגן און די פרייזן זענען געבליבן די זעלבע. די קאָנקורענץ וועט אונדז אַלעמען אומברענגען. נעכטן האָט די יוניע אַריינגעשיקט נאָך צוויי פּליכטלינגען. איינער קומט פון דייטשלאַנד. ר׳האָט אַפילו אַ פּאָר פלינקע הענט, אָבער עס קומט נישט צו רובי...

איסר יאַגאָדען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מענדל וויינשעל איז שטאַרק פאַר־עלטערט געוואָרן. די געלבע טאַבאַק־פלעקן אויף דער ווייסער באָרד זענען פאַר־שוווּנדן און דאָס צעקנייטשטע פּנים האָט געקראָגן די קאָליר פון פּאַרמעט. דער אַלטער האָט געשטעלט טריט פאַראויס. איסר יאַגאָדע איז אים נאָכגעגאַנגען.

פון וואַש־צימער איז אַרויסגעקומען אַ הויכער, בייניקער יונג אין ווייסע בעקער־קליידער מיט אַ געדיכט־פריזירטן קאָפּ פון אַ שפּאַנישן סערענאַדע־זינגער. ער האָט געטראָגן אויף די הענט אַ קאָלירט, אויסגעפּרעסט העמד און זיך געלאָזט צום אָפּיס.

— וואָס טראָגסטו מאַריאַנאָ? — האָט דער אַלטער וויינשעל אים אָפּגעשטעלט.

— כ׳האָב דאָס העמד געפונען הענגען אין וואַש־צימער. דער פּליכטלינג פון דייטשלאַנד האָט עס געמוזט פאַרגעסן.

— פאַרוואָס עפּעס דער דייטשער פּליכטלינג?

— ס׳אַ אויסטערליש העמד, פּאַפּ! מ׳זעט, ס׳איז געקויפט אין דייטשלאַנד.

מענדל וויינשעל האָט מביניש אַ טאַפּ געגעבן דאָס העמד, נאָכגעזוכט דעם נאָמען פון דער פירמע און מיט אַ קאָפּ־שאָקל באַשטעטיקט.

— דייטשע סחורה! עס איז ערזאַץ!

— וואָס מיינסטו, פּאַפּ, ערזאַץ? — האָט דער הויכער יונג נישט פאַר־שטאַנען.

— ס'איז געמאַכט פון פּאַפּיר. מלחמה־פּראָדוקציע!

— אַ העמד געמאַכט פון פּאַפּיר? — האָט מאַריאַנאַ געעפנט אַ פּאָר אויגן.

— איז קיין לייוונט אויך שוין נישטאָ אין דייטשלאַנד? מען דאַרף עס ווייזן אונ־דזער פריץ! העי, פריץ! — האָט ער הויך אַ רוף געטון — קום אַהער, וועסט אָפּנעמען אַ גרוס פון דיין פאָטערלאַנד. קיין פּוטער איז דאָרט נישטאָ, קיין פלייש נישטאָ, קיין קאַרטאָפל נישטאָ. איצט נאָך אַ נייעס, העמדער מאַכט מען דאָרט גאָר פון פּאַפּיר...

ס'איז צוגעקומען אַ הויכער, בלאָנדער דייטש מיט אַ העל פּנים און פלאַק־סענע האָר. אין זיינע וואַסערדיקע אויגן איז געווען אַן אומהיימלעכער שפּריץ. ער האָט מיט זיינע פינגער באַטאַפּט דאָס העמד, מעשה־עקספּערט, געקנייטשט דעם שטאָף אַהין און אַהער און אַנטשלאָסן אַ זאָג געטון:

— דאָס העמד איז האַלב זייד!

— ס'איז פּאַפּיר! — האָט דער אַלטער עקשנותדיק איבערגעחזרט — און פאַר פּאַפּיר פאַרקויפט מען עס אין יוראָפּ. מ'קען פרעגן דעם אייגנטימער פון העמד. העי, הערמאַן.

מ'האָט צוגערופן הערמאַנען. ער איז געווען אַ מאָגערער יונגערמאַן מיט אַן איידל אויסגעבלייכט פּנים און אַ פּאָר שאַרפע אויגן, וואָס האָבן שוין צוגעזען אַלע ביטערקייטן אויף דער וועלט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס מען אַמפּערט זיך איבער זיין העמד אינמיטן דער אַרבעט און נאָך איידער מען האָט אים עפּעס געפרעגט, האָט ער אַ זאָג געטון:

— ס'איז ריין פּאַפּיר.

— אויב דאָס איז פּאַפּיר, ווי אַזוי קענסטו עס וואַשן? — האָט פריץ טראַ־ציק געפרעגט.

— מ'וואַשט עס בלויז איין מאָל.

— און דערנאָך וואַרפט מען עס אַרויס? — האָט איסר יאַגאָדע געפרעגט.

— וואָס דען, מ'נוצט עס אַלס פּאַק־פּאַפּיר? — האָט הערמאַן שפּאָטיש אַנגעקוקט פריצן.

פריץ האָט זיך אויסגעדרייט. ער האָט אָפּגעמאָסטן צווערשט דעם שמייכל־דיקן הערמאַן מיט אַזאַ קאַלטער אימה, גלייך מ'וואָלט אים אָנגעזאָגט, אַז דייטש־לאַנד איז אָפּגעמעקט פון דער לאַנדקאַרטע.

סעם, דער גרוי־קעפּיקער אָנגעקרעפּטער בעקער, איז צוגעקומען. ער האָט אַריינגעפלאָכטן די פינגער אין זיינע האַרטע ,דראָטענע האָר, דערנאָך אַ ווונק געגעבן צו הערמאַנען, ער זאָל נענטער צוקומען. ווען ער האָט אים געהאַט אָן אַ זייט, האָט ער זיך אָנגערופן:

— האָסט דיר שוין געמאַכט אַ שונא, לאַנדסמאַן. ס׳ערשטע אין שאַפּ, מוזטו זיין אָפּגעהיט מיט אַ וואָרט. לאָזטו אַרויס אַ פּיפּס, צעבלאָזט מען עס איבער דער עוועניו... פריץ איז אַ דייטש, נאָך אַלץ אַ נאַצי, כאָטש זיין פאָטערלאַנד ליגט אין דער אדמה... דער כלב וועט דיך האָבן אויפן אויג, כ׳מיין, ער איז טאַקע איצט אַ כלב אָן ציין, אָבער ביי יעדער געלעגנהייטן וועט ער דיך מסרן פאַרן באָס. דו, אַ נייער מענטש, דאַרפסט זיך אויסהיטן פון פּאָליטיק, ס׳ברענגט שאָדן. ווּעסט שוין אויסגעפינען, אַז כ׳בין גערעכט.

איסר יאַגאָדע, וואָס האָט פון דער זייט אויפגעכאַפּט די רייד, האָט שטיל אַ פרעג געטון:

— טאָ ווי קומט עס, אַז אַ נאַצי זאָל נאָך היינט אַרבעטן אין אַ ייִדישן שאַפּ?

ביים גרוי־קעפּיקן סעם האָבן די אויגן געשמייכלט.

— ווי ס׳קומט? אַמעריקע! אַ שמעלצטאָפּ וואָס פאַרדייעט אַלץ: נאַציס, פאַשיסטן, אַלע מיני שלעק... נאָר פאַרוואָס דווקא אונדזער באָס האַלט נאָך היינט אַזאַ כלב, דאָס איז אַ גערעכטע טענה! איר קענט דען נישט די אַרויפגעאַרבעטע באַלעבאַטים? אַ באָס בלייבט אַ באָס! וויבאַלד ס׳קומט אונטער אַ באַי, ווילִיק צו אַרבעטן פאַר קלענערע ווידזשעס און דערצו אומבאַצאָלטע אָווערטיים, מעג ער ייִן אַ טאַטער אויך! און אַנדערע ערלים זענען בעסער? פאַראַן אַ סך שונאי ישראל. ער׳ט שוין אויסגעפינען, דער נייער, אוי וועט ער אויסגעפינען...

די פאַרענטפערונג האָט פאַר איסר יאַגאָדען נישט געטויגט. דאָס גרויסע, רייכע לאַנד, די פעלקער וואָס באַווינען די נייע וועלט, אַלץ איז אין סתירה צו אַזוינע פּירונגען. צוליב דעם האָט קאָלומבוס זיך געלאָזט שמידן אין קייטן פון דעם שפּאַנישן קעניג, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אַנטדעקט די געבענטשטע ערד?

— 2 —

אַ לאַנג, שטאָל ווּעגעלע, אָנגעלאָדן מיט פריש־געבאַקענע הייזון־שטריצלען איז פאַרבייגעפאָרן. צוויי נעגערס האָבן געשטופּט דאָס ווּעגעלע. דער הייסער ריח פון דעם געבעקס האָט אַ בלאָז געטון איסר יאַגאָדען אין פּנים אַריין. דער אַלטער וויינשעל איז צוגעקומען, ער האָט לוסטיק גענומען רייבן זיינע האַנט־פלאַכן.

— ביז מיין זון דייוו וועט אָנקומען מוז איך דערווייל אַ קוק טון וואָס אונדזערע יוניע־ברידער מאַכן. עפּעס רירט זיך היינט קיין זאַך נישט פון אָרט. איר קענט דערווייל זיך אַרומקוקן איבערן שאַפּ, מיסטער יאַגאָדע.

ער האָט געוואָרט ביז דאָס וועגעלע איז פאַרבייגעפאָרן און דערנאָך זיך צעזונגען מיט אַן אקדמות־ניגון.

— סעמקע ברודער! מאָריס ברודער! מען הערט דאָך פון אייך נישט קיין פּיפּס! ווו זענען די פאָר מאַשינען ספּאָנטש־קייק? די פאָר קעסטלעך קעז־קוכן? ס׳אי דאָנעשטיק היינט! זאָל זיין אַביסל לעבעדיקער! ליהודים!

סעם איז געשטאַנען איבער צוויי זעק מיט צוקער. ער האָט אויפגעטרענט די שטריקלעך, פון דער זייט אַ קוק געטון אויף דעם אַלטן און גאָרנישט געענט־פערט. קעגנאיבער אים איז געשטאַנען מאָריס, אַ מאַן אין ברילן, אין די זעכ־ציקער. זיין נאַקעטער אויבערשטער טייל קערפּער איז געווען דין און קנאָכיק ווי ביי אַ ייִנגל. מאָריס איז געווען פאַרנומען מיט אַריינשרויפן אַ גרויסן, דראָ־טענעם שלאָגער אין דער קלאַפּמאַשין. ער האָט אַריינגעגאָסן צוויי קאַנען פאַר־פרוירענע אייער־ווייסל אינעם קעסל. ווען ער האָט אַ קוועטש געטון ס׳עלעקטרי־שע קנעפּל, אַז דער שלאָגער זאָל אָנהויבן לויפן און אויפקלאַפּן די שוים — דעמאָלט ערשט האָט ער גענומען אַרויסלייגן ווערטער מיט אַזאַ פאָרזיכטיקייט ווי זיי וואָלטן געווען פון גלאָז.

— וואָס איז ס׳גערודער, ר׳ מענדל? ר׳האָט ליב זיך צו רעשן?

— איין קלייניקייט! כ׳זע טאַקע מיינע גרויסע צעלייגערס! ס׳אי שטיל ווי אין אַ חול־המועד־טאָג. אַלע באַשטעלונגען זענען שוין אַריינגעקומען און דייוו איז אַרויס. נישטאָ ווער ס׳זאָל אונטעריאָגן. אַ באָס איז טאַקע אַ באָס, האַ? נו, סעמקע, טו זיך אַ שאָקל מיטן בויך־זעקל!

— איך שאָקל זיך נישט, ר׳ מענדל, — האָט סעם אַ קוק געטון אויפן אַלטן מיט פאַרוואורף. — דאָס קענט איר זאָגן פריצן, דעם דייטש!

— שיק מיך נישט צו די דייטשן. כ׳האָב זיי ליב ווי אַ געשוויר. ס׳אַן עמלק־פאָלק. זאָרג נישט סעמקע, זיי וועלן אויך נישט אייביק אָנטרייבן, די עמלקים...

נאָך די ווערטער האָט ער זיך צוגערוקט צו פריצן און זיין פּנים איז געוואָרן לצ׳עוואַטע.

— העלאָו פריץ! וואָס הערט זיך אין דיין פאָטערלאַנד? דער צווייטער וועלט קריג איז שוין אויך פאַרלוירן. ווען שטעלט מען ווידער אָן די קאַנאָנען?

פריץ, וואָס איז געווען פאַרטון מיט אויסשטויסן אויפן טיש אַ באַרג מיט הייוון־טייג, האָט צאַרנדיק אַ דריי־געטון דעם קאָפּ אויף הינטערוויילעכץ. ער איז גרייט געווען צו געבן דעם ריכטיקן ענטפער יעדן איינעם פאַר אַזאַ קיבעץ, דער־זעענדיק פאַר זיך דעם אַלטן באָס, האָט זיין פּנים זיך צעשמייכלט אונטערטעניק.

— ס׳איז אַלרייט אין פאָטערלאַנד, מיסטער מענדל...

—דו פריץ ביזט מזלדיק אין אַמעריקע, גלויב מיר! — האָט דער אַלטער אַרויפגעלייגט די רעכטע האַנט אויפן האַרצן — מעגסט צען מאָל אַ טאָג פאַלן אויף די קניען, קושן די ערד און אויסשרייען: אַמעריקע, כ׳האָב דיך ליב!

— נאָר די ערד דאַרף ער קושן? — האָט סעמקע פונדערווייטנס זיך אַריינ־געמישט — ער מעג אָפּשטעלן אין גאַס יעדן ייִד און יעדן קאַטאָליק און פון דאַנקבאַרקייט זיי אויך אַ קוש טון. און טאַקע נישט אין באַק אַריין!

— ווער האָט דיך געפרעגט? — האָט פריץ זיך אויסגעדרייט, בעת דער שפּריץ אין זיינע וואַסערדיקע אויגן האָט געשאָסן מיט פייער.

— דאָ איז אַ פריי לאַנד! מ׳מעג רעדן — האָט סעם זיך גענומען היצן — דו אַרבעטסט ביי אַ ייִדישן באָס. באַלאַנגסט צו אַ ייִדישער יוניאָן און ביזט גאָר אַ נאַצי! פאַרטראָגסט נישט קיין ייִדן! ווען איך האַלט דעם שאַפּ, וואָלסטו קיין איין טאָג ביי מיר נישט געשטאַנען.

— דאָ פֿאַרפֿאָרסט אים שוין צופֿיל! — האָט מענדל ווײַנשעל מיט צענומענע הענט אײַנגעשטילט סעמקען — דערויף איז דאָ אַ באָס! דאַרפֿסט זיך נישט מישן, בנאמנות, דאַרפֿסט נישט! אַפֿילו די יוניע דײַנע הייסט נישט אָפּזאָגן קיין דײַטשן פֿון דער אַרבעט, נאָר דערפֿאַר ווײַל זיי זענען דײַטשן.

מאַריאַנאַ, דער הויכער שפּאַניער מיט דעם פֿריזירטן קאָפּ, וואָס האָט איצט פֿאַרבייגעפֿירט אַן אָפּגעלײדיקטן טראַק אויף סקריפּענדיקע רעדלעך, האָט אָנגעפֿילט אַ מויל מיט געלעכטער, דאָס געלעכטער האָט אָנגעשטעקט די איבעריקע אַרבעטער און זיי אָוועקגערופֿן פֿון די טישן. פּיטער, אַ פּאָלאַק מיט צעקנאָדערטע בײַטש העלע האָר, האָט פֿון פֿריילעכקייט, געקלאַפּט מיט אַ וואַלגערהאָלץ אין אַ שטיק בלעטער־טייג.

שימקעס, אַ ליטווינער מיט אַ געשטופּלט פּנים האָט, פֿאַרבייגייענדיק, זיך געראַנגלט מיט אַ שווערן זאַק מעל, וואָס ער האָט געהאַלטן מיט ביידע הענט אויפֿן בויך. אַפֿילו ניק, אַ פֿעטלעכער גריך, אַן אײַנגעשפּאַרטער שוויגער, איז איצט געוואָרן רירעוודיקער. מיט שטומע גרימאַסן, מיט אַ האַנט־פּאַכעריי האָט ער געלאָזט הערן, אַז ער איז אויך גרייט עפּעס צו זאָגן.

הערמאַן, דער פֿליכטלינג האָט געשוויגן. כאָטש ער איז געווען צופֿרידן וואָס פֿריץ האָט אַרײַנגעכאַפּט אַ גאָב, וואָלט ער אָבער נישט וועלן עס זאָל צוליב אים אויסברעכן אַ קריגערײַ. ער האָט דערשפּירט אַ צי פֿאַרן אָקסל. ער האָט זיך אויסגעדרייט. טאָני, דער דיקער איטאַליענער, דער באַמבינאָ, וואָס איז געווען אײַפֿערזיכטיק אויף יעדן גרינהאָרן, האָט מעשה־פֿאַרמאַן באַטראַכט דעם „מאַקי". אָט דער נײַער גייט אויף זײַן לעבן! — האָט עפּעס אים אונטערגעזאָגט — מ'קען נישט פּטור ווערן פֿון פֿליכטלינגען! ער האָט אַ טאָפּ געטון די קנויטלעך פֿון זײַנע דינע וואָנצעס און די אויסגעשטאָפּטע באַקן האָבן ממזריש זיך געקנייטשט. ער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט.

אין שאַפּ איז אַרײַנגעלאָפֿן דער באָס דייוו, אין אַ צעעפֿנטן מאַנטל. דאָס רויטע האָלדזטוך איז געווען צעפֿלויגן. אַ ציגאַר האָט געשטעקט אין מויל. מיט איין בליק האָט ער אַרומגענומען יעדן ווינקל פֿון דער בעקערײַ. דאָס פּנים האָט זיך געזויערט און די צונג האָט געוואָרפֿן טענות.

— שפּעט. איך זע ס'געבינטל איז היינט שפּעט, ווו זענען די מאַנדל־רינגען? די קאָפֿע־שטרודלען? באַיעס! מײַנע ליפֿעראַנטן, די טראַק־לײַט וועלן באַלד קומען נאָך די סחורה. צענעמט די זאַוויאַסעס און אַרונטער מיטן פּעכער!

— צו מיר קענסטו קיין טענות נישט האָבן, דייוו! — האָט סעם זיך אַרויסגעשטעלט — פֿאַרגעס נישט, מען האָט מיר צוגעשטעלט אַ נײַע באַשטעלונג פֿון פֿינף הונדערט עפּל־פּאַיס.

— וואָס איז פֿינף הונדערט פּאַיס פֿאַר אַ יוניע־מאַן ווי דו? — האָט דייוו געמאַכט זיך תמעוואַטע — ווי בײַ אַ גוטן ייִד אַ האָר אויף אַ פּאה... פֿאַרגעס נישט, סעמקע, ביזט דאָך עפּעס אַן „אָלד טאַימער", האָסט שוין אַביסל אויסגעוואָגלט איבער די אַמעריקאַנער שעפּער!

ער האָט דערטאַפּט איסר יאַגאָדען ווי ער שטייט און רעדט אַרײַן אין אַ נידעריקן פֿאָרטאָ־ריקאַנער, אַן אַרויסהעלפֿער, וואָס האָט אַרויסגעשאָטן פֿון אַ

זאָך ראַזשינקעס אויף אַ פּאַן. איסר יאַגאָדען האָט, בעתן רעדן, איינ־ציקווייז געוואָרפן ראַזשינקעס אין מויל אַריין. מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, ווי ער וואָלט איטלעכע ראַזשינקע געציילט.

דייוו האָט אַרומגעזוכט זיין טאַטן. ער האָט אים דערזען שטיין אין אַ רעדל צווישן די פּאַנען־פּוצערס און ער האָט זיך צעבייזערט.

— טאַטע, טו מיר צוליב און זעץ זיך אַריין אין אָפיס. בינד נישט די הענט ביי די לייטע... אַז דו הויבסט אָן צו קיבעצן פּאַרטשאַדעסטו ס׳גאַנצע געבינטל און הרגעסט אַוועק די צייט!

דער אַלטער ווײַנשעל האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון זיין זונס הענט.

— וואַרט, ביזט נאָך מיט מיר נישט פאַרטיק. כ׳על צוערשט אָנשטעלן די פּאַסטקעס פאַר די מייז און כ׳זע נישט די פּוטער־פּעסער זאָלן זיין אויסגעקראַצט! אַ שיינע ווירטשאַפט! ער שיקט מיך אין אָפיס! האָסט דאָרט פּלענטי־געגוג בוכ־האַלטערס אָן מיר! אָט אַ דאָ דאַרף מען אַכטונג געבן! — האָט דער אַלטער גע־טייטלט מיט די פינגער אויף די ווענט — דאָ דאַרף מען זיך אַרומקוקן אויף דיינע צעלייגערס!

דייוו האָט זיך אָפּגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום קנעט־טיש.

— כ׳זע, אַז כ׳על שוין אויך מוזן צולייגן אַ האַנט.

— מען דאַרף נישט, דייוו — האָט מאָריס זיך אָנגערופן — די אַרבעט וועט געטון ווערן אָן דיר אויך!

— אַזוי? הרגעסט מיך אַוועק, מאָריס! ווען איך זאָל זיין אָנגעוויזן אַ גאַנץ יאָר אויף אָט דעם געבינטל, וואָלט איך שוין לאַנג געמעגט לייגן די ציין אין בייטל און די הענט אויף די הויזן־האַלטערס. דו פאַרגעסט וויפל ביזנעס אַ באָס מוז דורכוואָרפן אין אַזאַ פאַבריק דורכן יאָר? האָסט שוין אַמאָל באַרעכנט וויפל ווײַדזשעס כ׳צאָל אויס אַ וואָך? וואָס דאַרפסטו באַרעכענען וויפיל איך צאָל? ס׳איז גרינגער צו ציילן מיינע פּראָפּיטן! איצט טוט נאָך די יוניאָן דיינע מיר צושפּילן... ווען נישט פּרעזידענט רוזוועלט, וואָס האָט שטאַרק געמאַכט די יונ־יאָנס, וואָלטן אפשר די מאַגנאַטן איצט געעפּנט די בייטלען און מ׳וואָלט זיך נישט געשראָקן פאַר אַ קריזיס אין קאָלומבוסעס מדינה.

מאָריס האָט איצט אַרויסגעשטעלט פון דער האַנט אַ קאַן מיט אייער און אַ לאַך געטון.

— דייוו, דו טשעפּעסט זיך שוין צו דער יוניאָן? האָסט פאַרגעסן דיינע צרות פאַראַיאָרן?

דייוו האָט פאַרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט צי קיינער שטייט נישט הינטער די פלייצעס, דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ טריט פאַראויס און אַ זאָג געטון מאָריסן אויפן אויער:

— דיר מעג איך דאָך זאָגן דעם אמת, מאָריס. כ׳האָב זיי טיף אין דר׳ערד, די יוניאָנס!

מאָריס האָט זיך שטאַרקער צעלאַכט, טראַכטנדיק: „זיי האָבן דיך אויך נישט אין קיין שויבן־שענקל״... איסר יאַגאָדע האָט חשק געהאַט זיך אַריינצומישן אין שמועס. ער האָט זייטיק אַ זאָג געטון.

— כ׳זע נישט וואָס פּאַרוואָס שלעכטס די יוניאָנס האָבן אייך געטון?

— איר זעט נישט צי די יוניאָנס האָבן געבראַכט שלעכטס אין אַמעריקע?

— האָט דייוו זיך אַ קער געגעבן צו יאַגאָדען — וואָדען, גוטס האָבן זיי גע־בראַכט? הערט, לאַנדסמאַן, מיר זענען דאָך אייגענע מענטשן... נעמט אָט דעם גרינעם — האָט ער אָנגעוויזן אויף הערמאַנען, וואָס איז געשטאַנען פונדער־ווייטנס איבערגעבויגן איבער אַ טאָרט — ער איז אַ נייער מאַן, וואָס? און איר׳ט זען, כ׳וועל אים מאַרגן אָנבאָטן אַ פּרייז, ער זאָל קענען מאַכן אַ לעבן, וועט ער פונדעסטוועגן גיין פריִער אָנפרעגן די יוניאָן. עמעצער וועט אים שוין אָנווייזן דעם אַדרעס און די יוניאָן וועט אים נישט הייסן אַרבעטן פאַר דעם געלט... און דאָס, מוזן איר וויסן, איז אַ פליכטלינג, וואָס קומט ערשט פון לענדער, ווו מ׳מוז שטיין אין אַ „לאַין״ פאַר ברויט... ר׳זעט דאָך, אייער רובי, ער האָט מיר אָנגע־זעצט אינמיטן סעזאָן!

— דאָס האָט נישט צו טון מיט דער יוניאָן. רובי איז געלאָפן זוכן ביזנעס.

— אַלץ האָט צו טון מיט דער יוניאָן! ס׳פעלט די לייט דיסציפּלין! און מיר זענען דאָך עפּעס אָלד־טאַימערס, געדענקען מיר אוודאי ווען ס׳איז געווען בע־סער צו זיין אַ בעקער... היינט אָדער מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען פון אַ יוני־יאָן איז קיין זכר נישט געווען? דעמאָלט האָט אַ קעיק־בעקער געלעבט ווי אַ מלך, אַהיימגעבראַכט זיין ווייב יעדע וואָך הונדערט און פינף און צוואַנציק טאָ־לער. אַן אַפּאַרטמענט איז געווען ביליק, לעבנס־מיטלען — בחצי־חינם. אַן אָפּ־געפליקטע הון האָט געקאָסט אַ האַלבן טאָלער. געלט האָט מען אָפּגעשפּאָרט צע־זעצטערהייט! די בייכער האָבן געפלאַצט. די באַנק־ביכלעך זענען געווען גע־שוואָלן. און היינט, וואָס האָט מען? הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן. ס׳עט נאָך ווידער קומען דעפּרעסיע, קריזיס, רעליף...

— 3 —

אויף איסר יאַגאָדען זענען די קולות געפאַלן ווי קוילן, וואָס רויכערן און יאָגן אָן אַ טשאַד. אַזוי רעדן די אַרויפגעאַרבעטע ליטוואַקעס? זיי זענען אַלץ געבליבן אַ קאַרגע אומה די ליטוואַקעס! ביי אים האָט זיך אָנגעקליבן אַ קנויל מיט רייד אָפּצוענטפערן: זאָל ער נישט מיינען דער דייוו, אַז ווייל ער, איסר, האָט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ שאַפּ, איז ער אַ שיפּע־זיבעלע. זיינע אויגן האָבן בלויז זיך אָנגעשטויסן אויף דעם אַלטן ווײַנשעלס בלויע פלעמלדיקע בליקן און דער חשק צו שטרייטן מיט דעם באָס, וואָס האָט געגעבן גערשטן דעם ערשטן דזשאָב, איז פּלוצים אויסגערונען. נאָך אַלעמען — האָט ער געטראַכט איז ער דאָך געקומען צוליב אַ דבר מצוה.

סעמקע, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט שפּייען אין באָרשטש אַריין און גע־קענט יעדעס גענגל פון זיין באָס, איז אויך געווען גוט אויסגעבונדן מיט יעדער פּאַסירונג אין שאַפּ. דאָ, ביים קנעט־טיש, האָט ער אויפגעגעסן זיינע ציין. ער האָט געדענקט ווי דער אַלטער מענדל ווײַנשעל האָט אָנגעהויבן פון מה טובו:

ווי פון צוויי אַרבעטער מיט איין שלאָג־מאַשין און אַ קנעט־טישל איז אויסגע־וואַקסן אַ געבינטל פון זעכציק לייט מיט דינאַמאָס, מיט מאָטאָרן, וואָס לויפן טאָג און נאַכט. ער האָט נאָך געהאַט אין זכרון ווי דייוו, דער קנאַקער, האָט גע־אַרבעט אַלס שיק־אינגל ביי יענעם, געשעלפּט די קעיק־בעקערס אין דער יוניאָן, געקעמפט פאַר העכערן לוין. און איצט? סעמקע האָט זיך אַ פּאַטש געטון אין די הענט אַריין.

— די הויזן זאָל מען פאַרזעצן און אַ באָס זאָל מען זיין!

— ער איז דאָ ,דער טשעמפּיאָן! — האָט דייוו אויפגעהויבן אַ האַנט־פלאַך

— דו, סעמקע, ווילסט דאָך שטענדיק זיך אַמפּערן!

— אייביק וועל איך מיט דיר זיך אַמפּערן, דייוו! מען מוז זיך מיט דיר אַמפּערן!

— ווייל כ׳בין אַן אָפענער מענטש? ווייל כ׳שפּיל זיך נישט אין באַהעל־טעניש? ווילסט מיר איינרעדן, אַז דער שטרייק אין מיין שאַפּ פאַראיאָרן איז מיר געקומען? און ווער זענען געווען די מאַכערס, וואָס האָבן די לייטע אַרויסגע־שלעפּט פון דער אַרבעט? ס׳איז דאָ מיט וואָס זיך איבערצושעמען! נאַטע טראָמ־בעניק! כאַסקל בויד־זאַק! מאָטל צלאַפּעק, אַלע געוועזענע שטרייק־ברעכער!

— האָסט דעם שטרייק כשר פאַרדינט! — האָט סעמקע אָפּגעפּסקנט און זיך אָפּגערוקט פון טיש.

באַלד איז ער צוריקגעקומען. זיין פּנים איז איצט געווען שטרענג ערנסט. ער האָט געהאַט אַ פּאָר הענט באַקלעפּט פון שיטערן טייג. זיין ווייסע מיץ איז געווען אַראָפּגערוקט טיף איבערן קאָפּ, ווי אַ ווייבערישע שלאָף־קופּקע. ער האָט געשעפּטסמעסיק אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ לאַנגן קאָנווערט, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ בויגן, איינגעקנייטשט אויף פיר, און עס אַ וואָרף געטון אויפן טיש.

— אונדזער יוניאָן־לאָקאַל האָט צוגעשיקט אַ זאַמל־ליסטע פאַר הילף צו די פליכטלינגען! איצט, יוניאָן־ברידער, עפנט די בייטלען!

פון אַלע ווינקלען אין שאַפּ האָבן זיך צוגערוקט אַרבעטער און נייגעריק באַטראַכט די ליסטע. סעמקע האָט אונטערגעשטופּט יעדן איינעם צו דער נאָז דעם בויגן פּאַפּיר ווי ער וואָלט וועלן אויספּרובירן ווער עס וועט האָבן די העזה אים אָפּצוזאָגן.

איסר יאַגאָדע האָט געזען ווי דאָס הייפל אַרום סעמען וואַקסט, אַ גריך, אַ ליטווינער, אַ פּאָליאַק, אַ שפּאַניער — אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט און זיך געקווענקלט. אַלע זענען געקומען פון פרעמדע לענדער, אָבער וואָס קערן זיי זיך אָן מיט דער יידישער קאַטאַסטראָפע? דער ליטווינער, דער פּאָליאַק, דער שפּאַ־ניער — ביי זיי קען נישט זיין קיין מורא, אַז היינט, מאָרגן קענען זיי ווערן שותפים צום אומגליק, און דאָך האָבן פנימער אויפגעשיינט. בליקן האָבן אויפ־געלויכטן.

— איך גיב פינף דאָלאַר! — האָט זיך געהערט דאָס ערשטע קול פון דעם שפּאַניער מאַריאַנאָ.

— איך גיב צוויי! — האָט דער גריך אויסגערופן.

— איך גיב דריי!

סעמקע האָט אַרויסגענומען אַ בלייפעדער און מיט פינקטלעכער זאָרג־פעלטיקייט פאַרצייכנט די נעמען און די סומען פון דיביישטייערער. ביי דער זייט איז געשטאַנען דער באָס דייוו און אָנגעקוואָלן. פון גרויס הנאה האָט ער אָנגעצונדן אַ ציגאַר און גענומען האַסטיק אַרויסבלאָזן די קייקעלעך רויך.

איסר יאַגאָדע האָט געשעפּט נחת פון די גויִים, וואָס נעמען אַ חלק אין יידישע צרות און טראָגן צו דאָלאַרס פאַר פּליטים. נאָך אַלעם דאַרף מען נישט איבערטרייבן מיט דער זאָרג פאַר יידן־שנאה — האָט ער געטראַכט — ס'איז פאָרט אַמעריקע. אין רע־פּוילן און ביי פּאַניען וואָלט עס קיינמאָל נישט פּאַסירט, אַז גויִים זאָלן זיך וואַרפן מיט געלט פאַר יידישע נצרכים.

מענדל וויינשעל האָט איינגעקלעמט זיין נאָז צווישן די דיקע ברילן־גלעזער און צוגעקנאַקט מיט די פינגער.

— האַרי אַפּ! אַ דאָלאַר צו אַ דאָלאַר און ס'וועלן זיך אָנקלייבן ממתקים!

ביי די שווענק־קראַנען איז געשטאַנען דער דיקער טאָני מיט אַ שפּריץ־זעקל פון פּוטער־קרעם אין האַנט. זיינע אָנגעבלאָזענע באַקן זענען געווען צע־פלאַמט און ער האָט אַריינגערעדט אין דעם ליטווינער שימקעס.

— זאָלסט נישט געבן קיין סענט!

שימקעס, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט קעגנגעשטעלט קיין זאַך און שטענ־דיק געטון אַלץ וואָס שאַפּ־ברידער הייסן, האָט איצט איבערגעפרעגט:

— פאַרוואָס?

— איך גיב אויך נישט! מען דאַרף נישט שטיצן די פּליכטלינגען.

— זיי לויפן זיך אָן פון אַלע לענדער! — איז אַ געוויקסיקער פּאַנען־פּוצער מיט אַ שפּאַכטעל אין האַנט צוגעקומען.

— און זיי וועלן פאַרכאַפּן אונדזערע דזשאָבס אויך!

— ווער?

— די פרעמדע!

— און ווער ביזטו? — האָט דער שפּאַניער מאַריאַנאָ זיך צוגערוקט צו טאָנין.

— איך בין געבוירן אין אַמעריקע! — האָט טאָני זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט.

— און דיין פאָטער?

— ער איז געקומען פון איטאַליע.

— אַוודאי אַ פרעמדער!

— אַמעריקע איז אויפגעבויט געוואָרן פון פרעמדע!

— קאָלומבוס אַליין איז געווען אַ פרעמדער!

בעת אין רעדל האָט זיך געטומלט, האָט הערמאַן זיך צוגערוקט צום טיש. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם גרוי־קעפּיקן סעם און אויף דעם באָס, דייוו. ער האָט זיך געערגערט, וואָס עס הערן זיך קולות קעגן די פּליכטלינגען, וואָס אַ פּאָר שאַפּ־ברידער קווענקלען זיך ביי צושטייערן, און אין דערזעלבער צייט איז ער געווען נייגעריק וויפיל געלט די זאַמל־ליסטע וועט אַריינטראָגן.

נאָך אַ ווײַלע איבערקלערן איז ער האַסטיק צוגעגאַנגען צו סעמקען און הויך אויסגערופן.

— איך גיב אַוועק מײַן ערשטע וואָך אַרבעטס־געלט.

איסר יאַגאָדע האָט אָפּגעמאָסטן דעם פּליכטלינג פון קאָפּ ביז פיס, ווי ער וואָלט געווען חסד־דעה. היינטיקע גרינע! וואַרפן זיך מיט אַ וואָך שכירות! זיי מיינען טאַקע, אַז די דאָלאַרן וואַקסן דאָ אויף די ביימער. אויף די ליפּן האָבן זיך געקליבן מוסר־ווערטער, פונדעסטוועגן האָט ער גאָרנישט געזאָגט.

סעמקע האָט צוערשט מיט אַ פאַרחידושט פּנים געקוקט אויף הערמאַנען, אָבער זײַן פאַרוווּנדערונג האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ער האָט געלאָזן זיך אויסגעדרייט צום דייטש.

— און וויפיל גיסטו, פריץ?

— איך גיב גאָרנישט.

סעמקע האָט זיך אָפּגערוקט פון פריצן ווי פון אַ מצורע.

הערמאַן האָט זיך צוגערוקט נענטער צו פריצן און אים פאַרשנדיק אָנגעקוקט. זײַנע ליפּן זענען געווען ענג געשלאָסן. אין ביידנס אויגן איז געווען אַרויס־רוף און פאַרמעסט. הערמאַן האָט צוריקגעשטויסן דעם דייטשס פּרעכן שמייכל. דער שפּריץ אין פריצס וואָסערדיקע בליקן איז געוואָרן שפּיציקער.

מענדל ווײַנשעל האָט זיך דערנענטערט צו איסר יאַגאָדען. ער האָט אים אָנגענומען פאַר אַן אָרעם און אײַנגערוימט.

— איצט קומט. ס'אַלרייט, די לײַט וועלן שוין דורכקומען צווישן זיך... ס'עט באַלד זײַ דאָ אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונג... מירן בעסער צוגיין צו דער קליניק, ווו די קימפּעטאָרין ליגט, מײַן איידעם וואַרט דאָרט. איר, מיס־טער יאַגאָדע מוזט אים איבעררעדן, איך וויל נישט קיין אייניקל אַן ערל.

איסר יאַגאָדע איז אים נאָכגעגאַנגען, ביי דער טיר האָט ער זיך אויסגע־דרייט און געוואָרפן אַ בליק צום קנעט־טיש, ווו ביידע, הערמאַן און פריץ האָבן געפירט מלחמה מיט די אויגן.

פון איין זייט איז געשטאַנען דער ייִדישער פּליט. פון דער צווייטער זייט — דער דייטש. ס'אַ שיינער שמעלץ־טאָפּ — האָט איסר יאַגאָדע אויסגעפירט — מען קוקט זיך אָן, ווי די הענער. מ'טשאַטעוועט איינער אויפן אַנדערן, מ'גרייט זיך צו דורסן, עמלק און ישראל האָבן ווידער זיך באַגעגנט אין דער נייער וועלט. ביידע זענען אַרויפגעטראָטן אויף דער אַמעריקאַנער ערד. ביידע ווילן דאָ זיך איבערפּלאַנצן. ביידע וועלן זיך קלאַמערן אַן דעם נייעם באָדן און וועלן זוכן שוץ צווישן די הויכע, זיכערע שאַפּ־ווענט.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

— 1 —

דיזעלבע נאַכט איז איסר יאַגאָדע קראַנק געוואָרן. אַ שטעכיקער ווייטיק אין בויך האָט אים פּלוצים אויפגעוועקט פון טיפן שלאָף. דער ווייטיק האָט

געקלעמט אין דער רעכטער זייט און ער איז זיכער געווען, אַז ס׳איז אַן אַטאַקע אויפֿן אַפּענדיקס. די מורא וואָס ער ליגט איינער אַליין אין אַ פֿרעמד צימער און דער פֿאַרדאַכט, אַז די „בלינדע קישקע״ קען ביי אים אַ ליאַדע מינוט פּלאַצן, האָט אים באַגאָסן מיט קאַלטע אַנגסטן. ער קען דאָ אויסגיין אויף זיין בעטל — האָט ער געטראַכט — נאָך איידער מען וועט דערהערן זיין ערשטן קרעכץ. רייטשל האָט אים גוט אויסגעריכט. ער איז אַן איינזאַמער באָרדער אין אַ פֿרעמד הויז. קיין גרעסערע נקמה האָט די ארורה נישט געקענט זיך ווינטשן.

ער איז געווען צופֿרידן, וואָס ר׳האָט היינט אָפּגעטון אַ מצוה־זאַך. ס׳איז אים געלונגען איבערצורעדן מענדל וויינשעלס איידעם, ער זאָל לאָזן מל זיין דעם זון. זאָל דאָס איצט זיין דער שכר פֿאַר דער מצוה? ער האָט געוואָלט אַרויסגיין אין קאָרידאָר און אַנטעלעפֿאָנירן אַ דאָקטאָר, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט אויפֿזעצן. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער נאַקן איז ביי אים שטייף און דער רוקנביין איז שווער ווי בליי. ער האָט דערשפּירט אַ נודעניש אויפֿן גומען. דער ווייטיק אין בויך האָט אויפֿגעהערט און אַ שטעכעניש האָט אַרומגענומען די קרישעס און די ריפּן מיט אַזאַ היץ, ווי אַ פֿייערדיקע רייף וואָלט איינגעקלעמט אַ האַלבן קערפּער זיינעם.

איצט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט געקראָגן אַן אַטאַקע אויף די נירן. כ׳האָב צופֿיל פֿאַרנאַכלעסיקט דאָס, וואָס מוז אַמנייטיקסטן אָפּגעהיט ווערן! — האָט ער זיך געמאַכט אַ פֿאַרוואָרף — פֿריִער אָדער שפּעטער, האָט די אַטאַקע געמוזט קומען. און ווי אַ פֿול־געפֿרווטער פּאַציענט, וואָס איז אַ מבין אויף אַלע זיינע מיחושן, האָט ער דערפֿילט אַ לייכטע באַרויקונג. פֿאַרוואָס שרעקן זיך מענטשן אַזוי? מ׳דאַרף גאָרנישט ציילן די סיבות, וואָס וועקן ביים היינטיקן מענטש אַן אייביקן פּחד. די אומזיכערקייט מיטן מאָרגן האַלטן דעם צעטומלטן בעל־חי אין צושטאַנד פֿון מורא. עס זענען פֿאַראַן פֿיר מוראס, וואָס לאָזן נישט באַפֿרייען דעם מענטש פֿון די אייביקע זאָרגן — זאָגן די געלערנטע — מורא פֿאַר מלחמות, מורא פֿאַר קראַנקייטן, מורא פֿאַר דער עלטער און מורא פֿאַר אַ דורכפֿאַל.

די ווייטיקן אַרום די קריזשעס האָבן נישט נאָכגעלאָזט. די שטעכעניש איז געוואָרן שפּיזלדיקער ווי מען וואָלט אַריינגעלאָזט הייסע נאָדלען אין דער הויט. ער האָט שווער געקרעכצט און ווידער געפּרוווט זיך אויפֿהייבן. די שלייפֿן האָבן געהאַקט. פֿאַר זיינע אויגן איז געשווומען אַ נעפּל, וואָס איז זיך צעקראָכן ווי אַ שיטערער רויך. ער האָט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז מיט אַ צייט צוריק האָט ער איינמאָל ביינאַכט געהאַט אַזאַ אָנפֿאַל. אינדערפֿרי האָט ער אויפֿגעוועקט רייטשלען זי זאָל רופֿן אַ דאָקטאָר. ס׳איז ביי אים קיין קלער נישט געווען, אַז ס׳איז אַן אַטאַקע אויף די נירן און ער מוז לאָזן אַנאַליזירן דאָס בלוט, די אורין. ר׳מוז אָנהייבן עסן לויט אַ דיעטע. רייטשל האָט אים דאַן געהייסן גיין צו אַ פּסיכיאַטאָר. די ייִדענע האָט אַלעמאָל פֿיינט געהאַט דאָקטוירים, ווייל זי איז געזונט ווי אַן אָקס. פֿאַר אים, איסרן, איז יעדער פּסיכיאַטאָר אַ שפּין אין די אויגן און ער פֿאַרטראָגט נישט די נשמה־היילערס, ווייל זיי פֿאַררײדן נאָר די ציין. דער פּסיכיאַטאָר פֿאַרטייטשט יעדן פֿיזישן מיחוש ווי אַ סימפּטאָם פֿון אומזיכערקייט ביים

מענטשלעכן מין. די אומזיכערקייט ווערט עפּידעמיש. אינגאַנצן קרום איז נישט דער געדאַנק. ווען יעדער איינער זאָל מאַכן אַ שטיקל פאָרשונג ביי זיינע שכנים און נאָענטע, וועט ער נישט געפינען קיין איינעם וואָס איז פריי פון מורא.

די טראַכטענישן האָבן נישט פאַרלייכטערט די ווייטיקן, אָבער איסר יאַ־גאָדע האָט באַוויזן זיך אויפצוזעצן אויפן בעט און אָנצונדן דאָס לעמפּל אויפן נאַכט־טישל. ער האָט זיך צוגעשאַרט צו דער קאָמאָדע, ער האָט אַריינגעקוקט אין רונדיקן שפּיגל. אונטער די אויגן זענען נאָכגעהאַנגען געשוואָלענע בייטעלעך. אין דער האַלב־טונקלקייט האָט ס׳גאַנצע פּנים אויסגעזען ווי אַ צעיווירענע מאַ־סע, ס׳איז די אמתע מחלה! — האָט ער מיט אַ קרעכץ באַשטעטיקט — און מיט נירן טאָר מען זיך נישט שפּילן! איצט ווייס איך נישט אויף וואָס פריִער צו האַלטן קאָנטראָל. אויף מיין מעמד, צי אויף מיין געזונט?

דער פאַרלאַנג נאָך באַוואָרעניש האָט אין אים ווידער געוועקט אַ באַגער צו רופן אַ דאָקטאָר. דער טעלעפאָן איז געווען אינדרויסן, אין קאָרידאָר. ס׳איז געווען טיפע נאַכט. די שכנותדיקע צימערן זענען געווען איינגעזונקען אין שלאָף, די שוואַכקייט אין די קניִען האָבן אים נישט געלאָזט מאַכן קיין איבעריקן שריט. אפשר אויפוועקן די לענדליידי? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — באַלעבאָס־טעס פון מעבלירטע צימערן ווערן באַרמהאַרציקע שוועסטער צו זייערע באַר־דערס אין אַ נויט־פאַל. זיין לענדליידי, מיסעס שוואָם, זעט אויס ווי איינע פון די נשים צדקניות, אַז מ׳רופט נאָך הילף, איז זי אַ בעל־רחמנותניצע. ער האָט פאַמעלעך זיך געדרוקט צו דער טיר, אין דער טונקלקייט האָט אַ פוס זיך פאַר־טשעפּעט אָן ברעג פון דעם טעפּיך און ער איז צוגעפאַלן צום טיש. פונעם שטויס האָט אַ שטול זיך אומגעקערט און אַ בראָנזענע וואַזע איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ קנאַק.

— 2 —

גלייך נאָכן קלאַפּ האָט זיך דערהערט אַ שאַרכעריי אויף יענער זייט טיר. ס׳האָבן זיך פאַרטראָגן ווייכע טריט. איסר יאַגאָדע האָט אַ דריי געטון דעם קלאַפּ־שלאָס און געעפנט די טיר. ס׳איז אַריינגעקומען די לענדליידי, אַ דיקע פרוי מיט ווייסע האָר און אַ יונג, פריש פּנים. זי איז געווען איינגעהילט אין אַ גרויען שטוב־כאַלאַט און האָט געהאַלטן אינמיטן פאַרבונדן דעם לויזן גאַרטל. איר קול איז געווען אָנגעזאַפּט מיט שרעק.

— כ׳האָב געהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ, אַז כ׳האָב זיך אַזש אויפגעכאַפּט. וואָס האָט פּאַסירט?

— ווען נישט דער קלאַפּ, מיסעס שוואָם, וואָלט איך אייך סיי ווי אויפגע־וועקט.

— וואָס איז געשען?

— כ׳בין קראַנק. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן מיט בויך־ווייטיק...

— אירט דאָך געקענט פריִער אָנקלאַפּן אין מיין טיר. מען איז נישט מער ווי אַ מענטש. איר ווילט מ׳זאָל רופן אַ דאָקטאָר?

— נאָך ווי! אַז מ׳קריגט קרעמפּן, קענען קיין מלאכים נישט העלפן.

— מיט קרעמפּן קען מען נישט טרייבן קיין שפּאַס. ווו איז דער ווייטיק? אין בויך? אפשר דער אַפּענדיקס? כ׳קלינג גלייך אָן צו מיין הויז־דאָקטאָר. ער וווינט אויפן צווייטן בלאָק. און אַז מ׳רופט אים ביינאַכט, קומט ער אַפילו צו לויפן אין די פּאַדזשאַמעס.

זי האָט אַ דריק געטון אַ וואַנט־קנעפּל. די אָנגעצונדענע לאָמפּ אינמיטן דער סטעליע האָט באַלויכטן אַלע ווינקעלעך פונעם מעבלירטן צימער. זי איז אַרויס אין קאָרידאָר. איסר יאַגאָדע האָט געוואָרפן בליקן אַרום, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל דערזען די חפצים אונטער זיין דאַך. די צוויי שטולן, דער טיש און די קאָמאָדע האָבן געגלאַנצט פון זויבערקייט. דער אויסגעריבענער פּאָטעל איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ דורכזיכטיקן פּלאַסטישן צודעק. די פּאָליטור אויפן ראַדיאָ און די ראַמען פון די בילדער האָבן געשיינט. דער געבלימלטער פּאָרהאַנג איבערן פענצטער איז געווען איינגענומען מיט אַ קאָקאַרדע, פאַרשלייפט פון אַ ווייבלעכער זאָרגפעלטיקער האַנט.

ביי איסר יאַגאָדען האָט דער קערפּער־ווייטיק אין בויך נאָך אַלץ אָנגע־האַלטן. די ערשטע שרעק, וואָס איז אים באַפאַלן נאָכן אויפכאַפּן זיך פון שלאָף, איז איצט צוריקגעקומען. ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז די שרעק איז אַ לייבלעכע שוועסטער פון זיין יאַגעניש נאָך ליבשאַפט און אָנערקענונג, וואָס ער וויל אַרויס־קריגן ביים מענטש. דווקא איצט מיט די יסורים אין די קריזשעס, האָט ער געהאַט אַ באַגער צו דערגיין וואָס ס׳איז דער זין פון דער מורא ביים הייַנטצייטיקן מענטש. ווערט די מורא אַרויסגערופן דורך אויסערלעכע כוחות אָדער איז דאָס עפּעס אַזוינס, וואָס שטעקט טיף פאַרוואָרצלט ווי אַן איינגעגעסענער געוויקס?

ס׳איז צוריק אַריינגעקומען די לענדליידי. זי האָט אַריינגעבראַכט אויף אַ טאַץ אַ האַלב גלאָז וואַסער און אַ טאַבלעט. אַ פּאַסמע ווייסע האָר איז איר אַראָפּ־געפאַלן איבערן שטערן. זי האָט געשמייכלט מיט דער צוגעלאָזנקייט פון אַ גאַסט־ביטערין.

— איידער וואָס־ווען נעמט דעם אַנאַסין־טאַבלעט. דאָס שטילט איין יעדן פיזישן ווייטיק. דער דאָקטאָר איז שוין אויפן וועג אַהער. מיט אַן אָפּפיר־מיטל מוז מען זיין פאָרזיכטיק ביי בויך־קרעמפּן. טאָמער איז דאָס אַן אַפּענדיקס, קען עס נאָך חלילה פּלאַצן... קווענקלט זיך נישט, און נעמט דעם טאַבלעט! ס׳אָל־רייט, איר זייט נישט קיין בייבי און איך בין נישט אייער נוירס.

נאָכדעם ווי איסר יאַגאָדע האָט געפאָלגט, האָט זי פלינק צעפירט אירע הענט איבער דעם בעטגעוואַנט. זי האָט אויפגערודערט דעם קישן, אויסגעגלייכט דאָס ליילעך און צוזאַמענגעלייגט די קאָלדרע. זי האָט אַ ווײַלע רחמנותדיק באַ־טראַכט איר באָרדער און זיך אָנגערופן מיט אַ שאָקל פון קאָפּ:

— איר זייט אַן איינזאַמער מענטש, מיסטער יאַגאָדע, כ׳מיש זיך קיינמאָל נישט אין יענעמס פּריוואַטן לעבן. כ׳קוק נישט נאָך ווער עס זענען די פרייַנט פון מיינע באָרדערס, אָבער יעדע פּערזאָן איז אונטערגעוואָרפן אַ פאַרלאַנג ערגעץ ווו צו געהערן. אין יענער רגע ווען דער מענטש זעט איין, אַז מ׳ברויכט אים

אין ערגעץ נישט, אַז ער קער זיך נישט אָן מיט קיינעם. ווערט ער דאָס איינ־זאַמסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט...

— פונוואַנען ווייסט איר, אַז כ׳בין איינזאַם?

— מ׳דערקענט עס אויף אייער שטערן. מען מוז נישט זיין קיין הימל־קוקער אויסצוגעפינען וואָס עס טוט זיך אין יענעמס געמיט... אין די מעבלירטע צימערן וווינען בלויז מענטשן, וואָס אַנטלויפן פון אַרומיקן לעבן. און איך זע נישט ,אַז פריינט זאָלן אָפּשלאָגן אייער טיר. איר מיינט, כ׳בין בלויז גוט אויף אויסצובעטן די געלעגערס פאַר מיינע באַרדערס? כ׳בין אַ דערפאַרענע לענד־ליידי און כ׳ווייס, אַז מענטשן מיט אַמביציעס זיצן נישט הינטער פאַרשלאָסענע טירן. זיי טראָגן זיך אַרום אין די סאָבוועיס. ס׳ברענט אין זיי אַ פאַרלאַנג צו האַוועניש. זיי זענען איבערצייגט, אַז איינעמען די וועלט איז פאַר זיי אַ ביסן — אויף איין צאָן...

— אַזוי זאָגן די פּסיכאָלאָגן.

— זיי מעגן זיין גערעכט צו אומגערעכט. איך אַליין האָב ליב אין מיין פרייער צייט צו שטודירן פּסיכאָלאָגישע באַריכטן. פּסיכאָלאָגן מעגן זיין שלעכטע לערערס, אָבער זיי לערנען מענטשן, וואָס זענען בלינד אויף קאָלירן, דעם אונ־טערשייד צווישן שוואַרץ און ווייס...

— איר זייט אַן אינטעליגענטער מענטש, מיסעס שוואָם. כ׳האָב עס ערשט איצט אַנטדעקט. כ׳על זיך בעסער צוזעצן. דער ווייטיק אין די קריזשעס דער־הרגעט מיך.

אַריינגערוקט אין וויכן פאָטעל, האָט ער אָנגעשפּאַרט דעם רוקן אָן דעם אויסגעבעטן ווענטל. ער האָט דערשפּירט אַ דערלייכטערונג. די מיסעס שוואָם האָט אים איצט דערמאָנט אָן זיין שוועגערין, פעניען. דיזעלבע חכמות, דיזעלבע ווערטער באַשפּריצט מיט פּערפום, אַן אומגליק! ווי ער באַגעגנט נאָר אַ פרוי, קנעלט זי מיט אים וועגן מענטשן־לערע און פּסיכאָלאָגיע. אין די זאַכן איז רייטשל דווקא א לייט. זי פּלוידערט נישט קיין הויכע רייד. מסתמא איז זיין לענדליידי אויך אַ סאָפיסטקע, וואָס זוכט אָנערקענונג אין דער מענלעכער וועלט. וואָלט זי איצט געווען אַ מאַמע פון פיר קינדער, וואָלט זי אינזינען געהאַט זיך צו באַקלאָגן אויף דער שווערער הויז־אַרבעט. זי וואָלט נישט פאַרגעסן צו דערמאָ־נען אַלעמען, אַז זי האָט אַמאָל געלערנט אין קאָלעדזש און זי איז פעיִק צו פאַר־נעמען אַ שרייב־טיש אין אַן אָפיס. מיט דרייסיק יאָר צוריק איז מיסעס שוואָם אַוודאי געווען באַהערשט פון אַ שרעק, אַז זי וועט זיין אָפּהענגיק אויף דער על־טער פון צדקה... זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַרבעטסזאַמען מאַן און מיט אַ פול הויז מעבלירטע צימערן. זי האָט געלערנט דעם תכלית פון לעבן, זי איז שפּעטער געוואָרן אַן אלמנה, געירשנט אַ פעטע אינשורענס פּאָליסי און איצט רעדט זי צו אירע באַרדערס ווי אַ נאָנע צו זינדיקע שוועסטער.

מיסעס שוואָם האָט דערלאַנגט איסר יאַגאָדען אַ טערמאָמעטער און ער האָט דאָס דינע גלאָז־רערל מיט קוועקזילבער אַריינגעשטעקט אונטער דער צונג. זי האָט מיט מבינות אַ טאַפּ געטון זיין פּולס און געוואָרפן אַ בליק אויף איר האַנט־זייגערל.

קוקנדיק אויף זיין באַרמהאַרציקע באַלעבאָסטע איז אים מיטאַמאָל דורכ־געלאָפן אַ ווילדער באַגער צו הייסן רופן יאַדזשאַן. מיסעס שוואַם מעסט זיין דופק, אָבער אירע פינגער זענען ווי שטיקער אייז. יאַדזשאַס באַריר וואָלט אים גע־שטלעט אויף די פיס. אירע ווייכע, ברי״ענדיקע האַנט וואָלט געשטילט אַלע ווייטיקן. ווי אויסטערליש! ער ליגט אין יסורים, יעדע רגע דאַרף אַריינקומען דער דאָקטאָר און ער קען דעם בייזן באַגער פון זיך נישט אַרויסרייסן. עס ציט אים צו יאַדזשאַן .ווי אומגערעכט דער פאַרלאַנג איז און ווי באַרמלאָז אמתדיק!

— 3 —

דער דאָקטאָר, אַן עלטער, געבויגן מענטשל איז אַריינגעקומען מיט ווינט אין די פּאָלעס, ער האָט געהאַט אַ רויטלעך, געדונצלט פּנים און אַ פּאָר זשוואַווע אויגן. נאָך איידער ער האָט אַרויסגעשטעלט זיין רענצל, האָט ער אויפן ווונק באַפוילן איסר יאַגאָדען זיך אויסצוצי׳ען אין בעט. ביים דאָקטאָר האָט געברענט אונטער די הענט. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אינסטרומענטן און דערביי געשטעלט אָפּגעהאַקטע פראַגן צו מיסעס שוואַם. יעדער ענטפער אירער איז פאַר אים גע־ווען צו לאַנג. ער האָט צוגעלייגט דאָס רערל פון די אויערן־טרייבלעך צום האַרץ פון פּאַציענט און געגומען פויקן איבער זיין רוקן .לויט זיינע פלינקע, רוטינע באַוועגונגען האָט מען געקענט זען, אַז דער דאָקטאָר האָט שוין אויפגעגעסן זיינע פינגער ביים אויסטאַפּן מענטשלעכע גלידער.

דער דאָקטאָר האָט מיט די האַנט־דלאָניעס איינגעוועטשט די ריפּן און איסר יאַגאָדע האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. די לענדליידי איז געשטאַנען מיט אַ גלייכ־גילטיקער מינע ווי אַ נישט־אויסגעשלאָפענע קראַנקן־שוועסטער. ער האָט מיט אַן עלעקטריש לעמפּל אַריינגעקוקט אין דעם פּאַציענטס אויגן, דער שאַרפער ליכט־שיין האָט געבלאָנקעט איבער די שוואַרצאַפּלען און געזוכט דאָס רעטעניש פון דער קראַנקייט. איסר יאַגאָדע האָט געוואַרט אויף אַ וואָרט, וואָס זאָל באַ־רו׳קן. דער דאָקטאָר האָט געשוויגן. נאָך יעדן באַריר האָט ער באַשטעטיקט זיין אויסדוכטעניש מיט אַ דין, אָפּגעהאַקט ברומעניש.

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך געזעצט אויפן ברעג בעט. איסר יאַגאָדע האָט איצט דערשפּירט אַן אומגעוויינלעכע דערלייכטערונג, ווי דער באַריר פון די אינסטרומענטן וואָלט אָפּגעווישט אַלע יסורים. דער דאָקטאָר האָט געפרעגט.

—האָט איר שטעכענישן ביים לאָזן וואַסער?

—טיילמאָל יאָ.

— באַמערקט איר אַמאָל בלוט אין די אורין?

— קאָלירן האָב איך ליב צו זוכן בלויז אין וויין, דאָקטאָר, נישט אין דער השתנה — האָט איסר יאַגאָדען זיך פאַרגלוסט מיטאַמאָל צו שפּאַסן.

— ווי אָפט מוזט איר אַראָפּגיין ביינאַכט פון בעט?

— ס׳וועגדט זיך וואָסערע שפּייזן איך עס אויף סאָפּער ,אַ האַרט געבראָטע־נעם ביפשטיק צי סיריעל מיט מילך...

— לויט אייער צושטאַנד זייט איר גאָר אַ מענטש מיט קוראַזש. איז אייך שטענדיק אַזוי פריילעך אויפן האַרצן? איך האָב ליב אומעטיקע פּאַציענטן. זיי זענען נאַטירלעכער.

— ס׳איז דען פאַראַן אַ סיבה פאַר מיר צו זיין אומעטיק, דאָקטאָר?

— מ׳וועקט נישט אויף אַ דאָקטאָר ביינאַכט בלויז צו דערציילן אים וויצן. איר האָט אַן אַנטצינדונג אין די נירן.

— דאָס האָב איך סאַי ווי פאַרדעכטיקט. ווי ערנסט איז עס?

— דאָס קען ווייזן די אַנאַליזע. מעגלעך, אַז איר האָט זאַמד אויף די נירן, אָדער גאָר אַ שטיין. כ׳על ביי אייך נעמען אַ פלעשל אורין. איר׳ט איצט קריגן אַן איינשפּריצונג צו לינדערן די שמערצן. אויב דאָס וועט נישט העלפן, וועט איר נעמען אַ הייסע באָד, אין דער פרי וועל איך לאָזן וויסן דעם האָספּיטאַל, אירט מוזן דאָרט בלייבן אַ פאָר טעג אונטער אָבסערוואַציע.

דער דאָקטאָר איז אַוועק. איסר יאַגאָדע האָט געהאַט אַן איינשפּריצונג אין אָרעם, אַ שאַכטל טאַבלעטן אויפן נאַכט־טישל און אַ צוזאָג, אַז אין שפּיטאָל גרייט מען צו אַ בעט פאַר אים. אין באָד־צימער האָט מיסעס שוואַם שוין געגרייט די הייסע וואַנע. פון יענער זייט וואַנט האָט ער געקענט הערן דעם לויפנדיקן שטראָם וואַסער פון קראַן. דער געדאַנק, אַז באַלד וועט דער גוף זיך בריִען אין דער וואַנע, האָט אים געשטעלט אויף די פיס.

ער האָט אָנגעטון אַ ווייסן באָד־כאַלאַט און אַראָפּגעשלונגען אַ טאַבלעט. מיסעס שוואַם איז אַריינגעקומען און אים אַרויסגעפירט אונטערן אָרעם ווי ער וואָלט געווען אַ חולה מסוכן.

ביי דער טיר פון באָד־צימער איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער איז אַ קרבן פון משונהדיקע אומשטענדן. די פּאַסירונגען לויפן ביי אים מיט דער שנעלקייט פונעם אויג־פינטל. אַט האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו איבעררײַשן יאַדזשאַן, אָפּצו־טון אַ שפּיצל רייטשלען, מאַכן פּיפּקע פון אירע משפּחה־לייט און שוין האָט מען אים אונטערגעהאַקט די פליגלען... ער איז איצט קראַנק און איינזאַם, און דאָס וואָס ער האָט לעצטנס פאַרפּעלט די שוויץ־בעדער האָבן אים אויך קיין גוטס נישט געטון. צו אַזאַ מדרגה איז ער דערגאַנגען. די נשמה פלאַקערט און דער גוף ווערט חרוב. דעם גוף קען מען נישט בלייבן קיין בעל־חוב, ווייל ער נעמט אָפּ זיין חשבון מיט פּראָצענט. אַ פּאָר וואָכן אין שפּיטאָל וועט ביי אים אָפּנעמען הענט און פיס. די דאָקטוירים מיט די קראַנקן־שוועסטער וועלן פון אים מאַכן אַ צעקראָכן שיפע־זיבעלע. דער אומגליק מיט אים איז, וואָס זיין פעקל מוראַס נעמט זיך פון זיין צעקריגטקייט מיט מענטשן און סיסטעמען. ווער הייסט אים זיין אַ בונטאָווישיק אין אַ וועלט פון צופרידענע בעלי־פּשרה? אויב ס׳זאָל אַזוי ווייטער גיין, וועט ער פון ערגערניש איינשרימפּן ווי אַ נעוראָטיקער און ס׳וועט פון אים בלייבן אַ בינטל צעשרויפטע נערוון.

צוויי וואָכן איז איסר יאַגאָדע געלעגן אין אַ שפּיטאָל אין מאַנהעטען. זיין בעט איז געווען אין דער געפּאַקטער אָפּטיילונג אויפן פערטן שטאָק, אָבער די

שטרענגע דיסציפּלין, וואָס מ׳ווייס נישט דערפון אויסער די מויערן פון קראַנקן־הויז, האָט אים נישט געמאַכט אונטערטעניק. ער איז געוועןווידערשפּעניק צו דאָקטוירים און געהאַרכזאַם צו די קראַנקן־שוועסטער. טיילמאָל האָט די פּינקט־לעכע רוטין אים אַפילו לייכט אינטריגירט. אין די האַרטע רעגולאַציעס צווישן די ווייסע ווענט האָט ער נישט געזען קיין באַרמהאַרציקייט, נאָר אַ העכערע קאָנטראָל און אַ ווילן, וואָס איין מענטשן וואַרפט אָן אויפן צווייטן.

איסר יאַגאָדע האָט געוווסט, אַז אין זיין עלטער פּאַסירן נישט אַזוינע אַוואַנ־טורעס וואָס מ׳זעט אויפן פילם־לייוונט, אַ נוירס וועט אים נישט אָנרעדן צו אַנטלויפן מיט איר און דאָס גרויסע געווינס וועט אויף אים נישט וואַרטן, נאָכ־דעם ווי ער וועט פאַרלאָזן דאָס קראַנקן־בעט. פונדעסטוועגן האָט ער אָן ווידער־שטאַנד איינגענומען די מעדיצין און זיך געלאָזט שטעכן מיט איינשפּריצונגען. אין דער האַנט פון דער קראַנקן־שוועסטער איז די נאָדל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּוך־פעדער און די ביטערע פּליסיקייט איז געווען אַ לעבלעכער טרונק, וואָס קילט די געבליטן און שלעפערט איין.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

— I —

פערצן טעג האָבן די דאָקטוירים באַהאַנדלט איסר יאַגאָדען מיט באַשטראַ־לונגען און מעדיצינען ביז זיי האָבן אַנטדעקט, אַז אַ שטיינדל האָט זיך אַוועק־געלייגט ביי דער רעכטער ניר. דאָס שטיינדל האָט באַשעדיקט די ניר און אַרויס־גערופן בלוטונגען אין דער אורין. צוליב דער געפאַר, אַז איין קראַנקע ניר קען רואינירן די צווייטע, האָבן די דאָקטוירים באַשלאָסן אַרויסצונעמען דעם שטיין דורך אַן אָפּעראַציע. איסר יאַגאָדע האָט איצט זיך געשראָקן פאַר אַ כי־רורגיש מעסער. ער האָט פאַרלאַנגט נאָך אַ וואָך באַהאַנדלונג מיט מעדיצינען איידער מען לייגט אים אויפן אָפּעראַציע־טיש. די דאָקטוירים האָבן גענוצט שאַרפערע מעדיקאַמענטן, אָנגעווענדעט שפּיציקע אינסטרומענטן אַרויסצוציִען דאָס שטיינדל. ווען דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן, איז דער טאָג פון אָפּעראַציע באַשטימט געוואָרן.

אין די דריי וואָכן האָט איסר יאַגאָדע זיך נישט באַקלאָגט אויף לאַנגווייַ־ליקייט. די טעג זענען פאַר אים געווען אַן אָפּרו פאַרן קערפּער און אַ טאָניק פאַר די נערוון. ער האָט זיך באַקענט מיט נעמען פון אַלערליי קראַנקייטן און זיך דערוווּסט די מעטאָדן ווי מען היילט זיי. ביי טאָג האָט ער זיך צוגעהערט צו די פּאַציענטן אין די שכנותדיקע בעטן און ביינאַכט האָט ער פאַרנומען די קרעכצן פון די שווער־ליידנדיקע קראַנקע. נישט איינמאָל איז אים אויסגעקומען זיך צוצוהערן צו די גסיסה־כאָרכלען פון אַ שטאַרבנדיקן חולה.

אין אַזעלכע נעכט איז ער געקומען צו טרויעריקע אויספירן וועגן לעבן און טויט. פון צופיל צייט און צופיל ספיקות האָט ער גענומען אונטערשעצן דעם מענטשנס לעבנס־שפּאַן. ער האָט באַשטימט, אַז אַ קרבן פון יסורים מעג זיין דער באַלעבאָס איבער זיין גוף, און די מענטשן, וואָס באַטראַכטן אַ זעלבסט־מערדער ווי אַ פאַרברעכער קעגן הימל, זענען צומאָל אומגערעכטע אָנקלאָגער. וואָס ציטערט מען אַזוי איבערן לעבן? דער טעות שטעקט אין דעם, וואָס מען מאַכט צופיל ווען פונעם ערדישן לעבן פּונקט ווי אויף יענער זייט פון דער ער־דישקייט וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט. לויטן שכל איז דאָס לעבן אַ קורצע נישט־דאַאיקייט און מען לייגט אַריין צופיל חשיבות אין דער מאַטעריעל אויף דער וועלט. ווען איינער פאַרלאָזט פריוווליק זיין גוף איז פּונקט ווי ער וואָלט .אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך אַן אומבאַקוועמען מלבוש.

מיטן ערשטן ליכט־שטראַל פון טאָג, וואָס האָט אויפגעהעלט אויף די שויבן, האָט איסר יאַגאָדע געטריבן פון זיך די אומעטיקע אויספירן פון ביינאַכט. אַ שיין פּנים — האָט ער נאָכגעטראַכט — וואָלט דאָס לעבן געהאַט ווען מען זאָל פּרעדיקן זעלבסטפאַרניכטונג און דאָס זינדיקע וועלטל זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין איין גרויסן בית־עולם... דער אויפגעוועקטער פרימאָרגן־גערודער צווישן די בעטן און דאָס ערשטע גלאָז וואַרעמס אין דער האַנט פון דער קראַנקן־שוועסטער האָט פאַרשטאַרקט זיין פאַרלאַנג זיך אָנצוהאַלטן אָן דער זייט פון לעבן.

וועגן איסר יאַגאָדעס קראַנקייטן האָט דער ערשטער זיך דערוווסט בייטן און ער האָט אַלאַרמירט אַלע איבעריקע אין דער משפּחה. יאַדזשאַ האָט געשיקט פון קעמדען אַ שטיפעריש בריוול, וואָס האָט געזאָלט אים באַרויקן. רייטשל האָט געגעבן אָנצוהערן ,אַז טראָץ אירע צרות וועט זי אים קומען זען אין שפּיטאָל. דאָקטאָר ראַלף פאַרבער האָט צוגעזאָגט אויסצופועלן פאַר דעם פּאַציענט צווי־פּריווילעגיעס: אַ פּריוואַטן צימער און אַן אויפמערקזאַמע קראַנקן־שוועסטער.

— מען האָט מיך נאָך נישט פאַרגעסן! — האָט איסר יאַגאָדע פון הנאה גע־זיפצט — די שונאים און די פריינט, פאַרביידע האָב איך נאָך אַ שטיקל ווערט!

אין די ערשטע טעג האָבן קיין באַזוכער זיך נישט געוויזן און איסר יאַגאָדע איז געווען צופרידן, וואָס די פלוידערער פאַרזוימען זיך און מען לאָזט אים דער־וויל צורו. איינמאָל אין אַן אָוונט האָט די אומגעדולדיקע פּעני אַריינשפּאַצירט צו אים מיט אַ טרויעריקער מינע פון אַ פאַרזאָרגטער שוועסטער. זי האָט געבראַכט אַ בוקעט בלומען, וואָס האָט נישט געהאַט קיין ריח און אַ בוך וועגן הונדערט יאָר קאַמף פאַר פרויען־עמאַנציפּאַציע. איסר יאַגאָדע האָט די בלומען צוגענומען און דאָס בוך צוריקגעגעבן. פּעני האָט געוואָרנט, אַז זי וועט דאָס בוך ווידער ברענגען נאָך דער אָפּעראַציע.

דאָקטאָר באַרנעט, וואָס האָט אים צוגעגרייט צו דער אָפּעראַציע, איז געווען אַ הויכער, קרעפטיקער מאַן מיטן געבוי פון אַן אַטלעט. ער האָט געהאַט אַ פּנים, וואָס מען זעט סאַי ביי אַ לאָזער, וואָס פאַרטיידיקט גענגסטערס, סאַי ביי אַ ריכטער. ביים אונטערזוכן אַ פּאַציענט האָט ער געהאַט אַ טבע צו רעדן אָן אָפּשטעל. ער האָט נישט געוויגן די ווערטער, נאָר זיי אַרויסגעשאָטן פון מויל ווי הייסע אַר־בעס. די קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט אים באַגלייט, האָט ער געקניפּט אין ווייכן

פלייש און אַז זי האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע פאַרוואונדערטע בליקן, האָט ער מיט אַ תמעוואָטע מינע איר געגעבן אָנווייזונגען אויף לאַטייניש ווי צו באַהאַנדלען דעם פּאַציענט. פאַר איסר יאַגאָדען האָט ער דערציילט, אַז ער שטאַמט פון מונ־קאַטשער חסידים אין אונגאַרן און ער איז אַ וועטעראַן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט אין איסר יאַגאָדען געהאַט אַ גוטן צוהערער און דעריבער אים דערציילט געשיכטעס וועגן זיינע דערפאַרונגען אַלס נירן־ספּעציאַליסט, ווען ער האָט געדינט אין דער אונגאַרישער אַרמיי. דאָקטאָר באַרנעט האָט אויך נישט פאַרפעלט צו דערציילן פון דעם שווערן וועג אין זיינע אימיגראַנטישע יאָרן אין ניו־יאָרק.

איסר יאַגאָדע האָט געפונען אינעם דאָקטאָר אַן ענלעכקייט צו זיך אַליין. אין דעם געראַנגל צו מאַכן פאַר זיך אַן אָרט אין לעבן, זענעןביידע מסתמא גע־גאַנגען דעם זעלבן וועג. אָבער אין דער צייט ווען דער דאָקטאָר, באַגלייט פון אַ קראַנקן־שוועסטער, שפּאַצירט איצט טעגלעך צווישן די שורות בעטן, איז ער, איסר דער פּאַציענט, וואָס ליגט אין געהאַקטע צרות און וואַרט מען זאָל פון אים שניידן שטיקער.

— 2 —

צווישן די באַריידעוודיקע פּאַציענטן איז דער טומלדיקסטער געווען זיין שכן פון קעגנאיבערדיקן בעט, מיסטער סאָל בערפּאָנד. ער האָט געהאַט אַן איבערגע וואַקסענעם קאָפּ מיט רויטע פאַלש־בליִענדיקע באַקן ווי ביי אַ לונגען־קראַנקן, אָבער געליטן האָט ער פון אַלסערס אין מאָגן. ער איז געווען אַ חולה מסוכן, אָבער אַ לוסטיקער לונג־און־לעבער. מיסטער בערפּאָנד האָט נישט אָנערקענט קיין דאָק־טוירים און געלאַכט פון די שפּיטאָל־רעגולאַציעס. ער האָט געמעגט אַראָפּגיין פון בעט און האָט געריכערט פאַרבאָטענערהייט אין וואַש־צימער. ער האָט אויסגעלייגט קאָרטן־פּאַסיאַנסן אונטער דער קאָלדרע, אויסגעמאַכט די לעבנס־חשבונות פון יעדן פּאַציענט און צוליב דעם, האָט ער געוועקט איסר יאַגאָדען יעדן טאָג פון זיין נאָכמיטאָג־דרימל.

מיסטער בערפּאָנד האָט געקוקט אויף די פּאַציענטן ווי אויף געשטראָפטע ברואים מיט אומהיילבאַרע מיחושים, און זיך אַליין האָט ער באַטראַכט ווי אַ גאַסט וואָס איז צופעליק אַריינגעפאַלן אויף אַ פרעמדער חתונה. ער איז געווען אין די יוועליר־ביזנעס אין דעם ניו־יאָרקער דיאַמאַנטן־צענטער, און דעריבער האָט ער פאַרגליכן ניו־יאָרק צו אַ קעסטל מיט געשליפענע איידלשטיינער. דאָס אומגליק איז בלויז — האָט ער געטענהעט — וואָס די רעדל־פירער פון שטאָט האָבן נאָכשליסלען צו די אוצרות.

פאַר איסר יאַגאָדען איז דער שכן געווען טיילמאָל אַ פאַרווילער און טייל־מאָל אַ זלידנע פּליג. ער האָט געוואַרט מען זאָל אים אַריבערפירן אין אַ פּריוואַטן צימער, אָבער דער צוזאָג איז אָפּגעלייגט געוואָרן ביז נאָך דער אָפּעראַציע. מיס־טער בערפּאָנד האָט פלינק דערשנאָפּט, אַז איסר יאַגאָדע איז אומצופרידן מיט

די ניו־יאָרקער שטאָט־טאַטעס און ער האָט באַרעדט די רעפּובליקאַנער מיט די דעמאָקראַטן אינאיינעם. איינמאָל פאַרנאַכט, ווען די פּאַציענטן האָבן געוואַרט אויף זייער נאַכט־עסן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— אַז מירן אַרויס, מיטן באַשאַפערס הילף, געזונט פון האָספּיטאַל, וועלן מיר מאַכן אַ קאַמפּיין קעגן די רעדל־פירער.

— דערוויל ליגט מיר דאָ גוט איינגעלייגט — האָט איסר יאַגאָדע אונטער־געזיפצט, — מיר זענען ביידע שברי כלי׳ס... איר האָט זיך פאַרזאָרגט מיט געשווירן און איך האָב מיר איינגעשאַפט אַ שטיינדל...

— ס׳איז אַן איידלשטיין, מיסטער יאַגאָדע... כ׳זע, איר קריכט אין קאָנקי־רענץ־ביזנעס מיט מיר...

— כ׳על איך דאָס שטיינדל צוריקגעבן אין קרן...

— אַזאַ אוצר מעג מען וואַרפן אויף אַלע פּוסטע פעלדער און וועלדער, מיס־טער יאַגאָדע. כ׳בין זיכער, אירט נאָך צוצאָלן צו קענען פּטור ווערן פון דעם איידלשטיין, האַ? אָבער חוזק אָן אַ זייט. כ׳האָב ליב מיין פאַך... ס׳איז אַ פּלעזשור אַרומצוגיין צווישן שויבן־שענקלעך, אָנגעפּאַקטע מיט קעמיאָס און אָרעם־בענד־לעך, מיט בליציקע פּאַטשערקעס און בראַסלעטן, מיט דימענטן־רינגעלעך און פּערלדיקע מעדאַליאָנען. כ׳בין, דאַכט זיך, אַ האַרטער מענטש, אַ שטרענגער ביז־נעסמאַן. כ׳האָב ליב אַז מיינע אַרטיקלען זענען עובר לסוחר, אַז מ׳רייסט מיר פון די הענט די שטיינדלעך און ביינדלעך און מען צאָלט מיר לעבעדיקע קנאַקערס... עס איז דאָך אַ מחיה! כ׳ליפער אָפּ דאָס צירונג און כ׳קאַסיר איין טשעקס. נישטאָ קיין קרעדיט, קיין באָרג. ליפערונג בלויז פאַר קעש... ווי פלעגט מען זאָגן אין דער אַלטער היים? ריבי פיש, געלט אויפן טיש... ס׳אַ טרוקענער מסחר, אַ ראַיע־לער האַנדל און דאָך באַדט זיך דאָס אויג אין דעם אייביקן צויבער־פייער פון אַ לויכטנדיק וועלטל... צוליב אָט די ביזנעס מיינע האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו פלעגן מיין אָרגאַניזם...

— כ׳פאַרשטיי נישט... איר׳ט דאָך אָפּגעשפּאָרט אַלסערס אויפן מאָגן.

— ר׳מעגט צוערשט אויסהערן, מר. יאַגאָדע. מיין אָרגאַניזם האָט זעכציק יאָר געאַרבעט ווי אַ גוט־רעגולירטער זייגער. כ׳האָב יעדן פרימאָרגן צעשרויפט מיינע גלידער. פאַרן שלאָפן גיין האָב איך געמאַכט איבונגען. דערפון איז דער קאָפּ געוואָרן קלאָר און די ביינער רירעוודיק... איך האָב אָנגעהויבן עסן וועיניקער פלייש און געזעטיקט דעם מאָגן מיט פרוכטן און גרינסן. דאָקטוירים האָבן מיך באַצייכנט פאַר אַ פּערפעקטן כאַראַקטער... כ׳בין ביי זיי געווען אַ מוסטער פון פיזישער פולקאָמענהייט. אַ ניו־יאָרקער ספּעציאַליסט האָט מיר גאַראַנטירט פולע הונדערט יאָר לעבן און אַן עקספּערט פון לאָנדאָן האָט מיר פאַרגינען נאָך אַ פינף־און־צוואַנציקער... כ׳האָב שיער נישט אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיט מיינע קאָנקורענטן, אַז כ׳על טומלען אין דעם דיאַמאַנטן־צענטער אויף דער בויערי נאָך זעכציק יאָר...

— און פונדעסטוועגן, האָט איר זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ פּאָר בלאָטערס אויפן מאָגן? — האָט איסר יאַגאָדע אים איבערגעשלאָגן — אירט געפּלעגט דעם גוף און פאַרזען דעם אינגעווייד...

— אָבער קיין צעבראָכענער שאַרבן בין איך נישט. ביי מיינע זעכציק יאָר האָב איך שוין באַוויזן אויסצוכאַווען אַ דור אַמעריקאַנצעס, אָפּצוגטן צוויי ווייבער און באַצייטנס צו אַנטלויפן פון אַ שלאַק, וואָס האָט געחלשט צו ווערן נאָך מיר אַן אלמנה...

די ריחות פון פריש־געקאָכטע עסנס האָבן געשפּאַרט דורך די אָפענע טירן. אין שפּיטאָל־וואָרד זענען געלאָסן אַריינגעפאָרן די קיך־וועגעלעך מיט דעם גלאַנ־ציקן געשיר. די שפּייז־געדוכן האָבן זיך צעטראָגן צווישן די שורות בעטן. די פּאַציענטן האָבן זיך אויפגעזעצט. איסר יאַגאָדע האָט געקראָגן אַ טאַץ באַלייגט מיט אַ טעלער הינער־יויך, געקאָכטע בלומען־קרויט, ברויט און פּרוכטן. אַ יונגע, גראַציעזע קראַנקן־שוועסטער מיט פרייד אין אַלע גלידער, וואָס פריִער האָט ער זי נישט געהאַט געזען, האָט דערלאַנגט מיסטער בערפּאָנדן אַ שיסעלע קאַשע מיט אַ דין פּענעצל טרוקן ברויט. איסר יאַגאָדע האָט געקענט שווערן, אַז די בלאָנדע לעקעלעך אירע קענען מאַכן פאַרגעסן די ערגסטע יסורים. ביי בערפּאָנדן האָבן די רויטע באַקן געהאַט דעם קאָליר פון רייפע טאָמאַטן. ער האָט געקוקט אויפן מיידל און צוגעוואָרפן איסר יאַגאָדען אַ לוסטיקן בליק, וואָס האָט געהאַט אין מיין: ס'אַ טרוקן עסן, אָבער אַ זאַפּטיקער צולאָג...

— כ'קריג דאָ אַלע פּריווילעגיעס — האָט ער פריילעך געזאָגט — כ'האָב פאַרלאַנגט באַדינט צו ווערן פון אַ נוירס, וואָס טאָר נישט זיין עלטער פון אַכצן יאָר.

— איר האָט אַ געשמדטן האַלדז... אַן אַלטער גאַנער מיט אַ טריפהנעם אַפּעטיט, האַ? קיין עלטערע נוירס וועט איר צו זיך נישט צולאָזן?

— ס'איז נישט דאָס, וואָס איר מיינט, שכן. אין אַן עת־צרה קלער איך שטענדיק וועגן דער צאָל אַכצן... כ'בין נאָך אַלץ נישט זיכער, צי די צאָל האָט מיר געבראַכט מזל. מ'זאָגט, אַז ביי אונדז, ייִדן, איז די צאָל דרייצן דער צייכן פון מזל. די מקובלים האָבן געלעקט די פינגער פון ציפער דרייצן. דער העכסטער אויס־רוק פון גאָטהייט: אהבה, ליבע איז בגימטריא דרייצן, אָבער ווען מ'לייגט צו אַ ה וואָס מיינט: האהבה, די ליבע, ווערט שוין די צאָל אַכצן, האַ?

— איר האָט צו טון מיט קבלה אויך?

— כ'בין ווייט דערפון. כ'בין נאָך ווייטער פון למדנות... איר'ט לאַכן, כ'בין אַ פאַרגעשריטענער מענטש, אַ פריידענקער. אָבער ס'קומט אַ צייט אין לעבן, ווען אַן אַפּיקורס ווערט אויך אָבערגלויבעריש... אַ פרומער ייִד גלויבט אין אַ מזוזה, אַן אַקטיאָר, אין אַ פּאַדקאָווע, און ביי מיר איז אַכצן, דער מזלדיקער שטערן... יעדער נאַר געפינט אַ תירוץ פאַר זיינע איינרעדענישן...

— וואָס זענען אייערע איינרעדענישן?

— צו אַכצן יאָר האָט פאָניע מיך געשלעפּט צום פּריזיוו און דעם אַכצנטן האָב איך געשוואָרט די גרעניץ קיין אַמעריקע. מיט מיין ערשטער כלה האָב איך געשריבן תנאים דעם אַכצנטן און דאָס גרויסע געווינס איז צו מיר אריינגעפאַלן דעם אַכצנטן... אַכצן איז דער נומער אויף מיין ביזנעס־טיר און איך מאַך אַ תל פון יעדן קאַסטאָמער, וואָס פאַלט צו מיר אַריין דעם אכצנטן...

די יונגע קראַנקן־שוועסטער האָט ווידער זיך באַוויזן ביי בערפאַנדס בעט מיט צוויי טאַבלעטן אויף אַ טעצל. מיט אַ שמייכל האָט זי דערמאָנט איר פּאַציענט, אַז ס׳איז צייט צו עסן. בערפאַנד האָט אָפּגעהאַקט די רייד. ער האָט אָנגעהאַנגען זיינע לוסטיקע בליקן אויף איר בויגעוודיקער פיגור און גענומען עסן די קאַשע. איסר יאַגאָדע האָט געהאַרכזאַם צוגעטראָגן אַ לעפל הינער־יויך צו די ליפּן.

— 3 —

נאָכן עסן האָט די קראַנקן־שוועסטער אָנגעזאָגט איסר יאַגאָדען, אַז דאָס איז געווען זיין לעצטע שפּייז פאַר דער אָפּעראַציע. אַ יונגער, פּראַקטיצירנדער דאָקטאָר וועט אים אונטערזוכן פאַרן שלאָף און צוּמאָרגנס וועט ער פאַסטן אַ האַלבן טאָג ביז מען וועט אים אַרויפלייגן אויפן כירורגישן טיש.

ווען זי איז אַרויס, האָט איסר יאַגאָדע דערהערט דאָס אייגענע האַרץ־קלאַפּע־ניש. אָן אומרו, וואָס שטעלט זיך אַוועק צווישן שרעק און דערוואַרטונג, איז דורכ־געלאָפן איבער זיין חוט־השדרה. ער איז געווען פריי פון אַנגסטן, אָבער אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זיין שטערן. ער האָט אויסגעפירט, אַז אויף דעם מאָרגנדיקן טאָג הענגט אָפּ זיין לעבן. ווי אויסטערליש! די אָפּעראַציע האָט אים געפּאַקט גראָד אין אַ צייט, ווען ער לאָזט הינטער זיך אַלע אַנטוישונגען און אויסגערונענע חלומות און ער פאַרמעסט זיך איינצושטעלן אַ שטיקל סדר אין זיין לעבן. ווי קנאַפּ ער ווייס פון דאָקטאָריע, איז ער אָבער זיכער, אַז דאָס שטיינדל אין די נירן איז בלויז איין חולאת אין זיין באַשעדיקטן גוף. אין דער אמתן איז ער אַ קרבן פון נעוראַ־זיע. עס זענען ביי אים דאָ אַלע סימנים פון דער אָנשיקעניש! די מידקייט אין די קני׳ען און די שוואַכע זע־קראַפט, די גאַז־אויפשטויסן און די פּיין און שטעכע־נישן אין יעדן ביין — דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט פון אַ גרויסער נערוועזשער אויפרודערונג. זיין קערפּער איז נישט קיין שטיק אַנאַטאָמיע, נאָר אַ ווולקאַן, וואָס קען צו יעדער מינוט אויפרייסן און אויסגעלאָשן ווערן...

ער האָט געוואָרט, אַז דער יונגער דאָקטאָר זאָל קומען אים עקזאַמינירן און דערווייל האָט ער פּרובירט איינדרימלען. אַ וואַכזאַמקייט, וואָס לאָזט נישט אָפּ־טעמפּן קיין צעל, קיין קעמערל, האָט געריזלט ווי אַ שטיל וואַסערל איבער זיין רוקנביין. ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס דורך די דריי וואָכן איז קיינער פון די אייגענע נישט געקומען אים זען. אַפילו זיין געטרייער לאַנדסמאַן יואל באַלזאַם, האָט זיך נישט באַוויזן. נייטן לאָזט פון זיך נישט הערן. יאַדזשאַ איז אויסגערונען. רייטשל איז פאַרשוווּנדן. פּעני איז באַליידיקט. מסתמא ווילן זיי אים נישט אָנקוקן אין צושטאַנד פון פּחד. בעסער אַזוי. ס׳איז מיאוס ווען פרויען באַטראַכטן אַ מאַנסביל אין זיין פאַרשעמטקייט. סיי יאַדזשאַ, סיי רייטשל, וועלן אים אַוודאי קומען זען נאָך דער שחיטה... ווען מ׳וועט אָפּוויקלען די באַנדאַזשן.

שפּעט ביינאַכט איז געקומען דער דאָקטאָר און מיטגעבראַכט אַ סאַניטאַר. דאָס יונגע דאָקטאָרל, וואָס האָט נאָך געהאַט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן, האָט אַריינגעקוקט אין דער טאַבעלע איבערן בעט און צוגעלייגט די האָרך־רער־

לעך צום האַרץ. ער האָט געציילט דעם פּולס און מיט די פינגער אויסגעפּויקט דעם רוקנביין. דער סאַניטאַר האָט אים אַרומגעוואַשן מיט פליסיקייטן און אויסראַזירט די האָר פון קערפּער. אַ קראַנקן־שוועסטער האָט אים דערלאַנגט אַ שלאָף־טאַבלעט און אַריינגעשטאָכן אַ נאָדל אין רעכטן אָרעם.

צומאָרגנס האָט איסר יאַגאָדע זיך אויפגעכאַפּט נאָענט צו האַלבן טאָג. אַ זאַטע רו, ווי נאָך אַ לאַנגן, טיפן שלאָף, איז געווען אויסגעגאָסן איבער אַלע זיינע גלידער. אַ תאווה צום לעבן האָט געוועקט אַלע נערוון און צעלן. דער גוף איז געווען פריי פון יעדן פּיין. ער האָט זיך געפילט מונטער, אָבער די פּאַציענטן אַרום האָבן געהאַט אומעטיקע פּנימער. ער איז געווען הונגעריק, נאָר מ׳האָט אים נישט געוואָלט דערלאַנגען אַ לעפל וואַסער. ער האָט איצט געהאַט אַ באַגער צו הערן רעדן זיין לוסטיקן שכן בערפּאַנד, אָבער זיין בעט איז געווען ליידיק. און אַזאַ פּאַציענט ווי מיך, גייט מען לייגן אונטערן מעסער? — האָט ער זיך געפרעגט — ס׳איז די אַלטע געשיכטע. אויף דער טרעפּ פון דעם דענטיסט הערט אויף דער צאָן־ווייטיק...

אַ קראַנקן־שוועסטער האָט זיך באַוויזן און אָנגעזאָגט.

— מען איז אייך געקומען זען, אָבער האַלט נישט דעם גאַסט צו לאַנג. באַלד וועט מען אייך אַרויספירן אין אָפּעראַציע־צימער.

ס׳איז אַריינגעקומען דאָקטאָר ראַלף פּאַרבער. דער שאַרפער בליק אין זיינע אויגן איז געווען מילד. אַרום די מויל־ברעגן האָט גערוט דער זעלבער ווייכער שמייכל, מיט וואָס ער נעמט אויף זיינע פּאַציענטקעס, איידער ער ווישט אָפּ די עלטער פון זייערע פּנימער.

איסר יאַגאָדע האָט אויפגעהויבן די אויגן און שטיל זיך צעלאַכט, וואָס דער ערשטער באַזוכער פון דער משפחה איז אויך אַ דאָקטאָר. און וואָס גייט ער אים עפּעס אָקעגן מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל? צו אַ קראַנקן מוז מען זיין איבערטריבן גוט און צו אַ געפּאַלענעם איז מען באַרמהאַרציק... דאָס זענען אויך שפּיטאָל־רעגולאַציעס. ער האָט אַ לענגערע ווײַלע באַטראַכט זיין גאַסט און זיך באַקלאָגט.

— אַלע האָבן מיך פאַרלאָזן, רפאל. גוט, וואָס די ערשטע שוואַלב האָט זיך באַוויזן... באַלד פירט מען מיך צו דער שחיטה...

דאָקטאָר ראַלף האָט געלאַסן אים אָנגעקוקט.

— ס׳אַן איינרעדעניש! אַן אָפּעראַציע־טיש איז נישט קיין שלאַכט־הויז און אַ כירורג איז נישט קיין קצב... אַלץ, וואָס מ׳זעט צווישן די ווענט פון האָספּיטאַל איז בלויז אַן אָפּטישע אילוזיע... דער פּאַציענט אין בעט, פּונקט ווי דער געזונטער אויף די פיס, איז באַהערשט פון דעם זעלבן אינסטינקט — אויפצוהאַלטן די אייגענע עקזיסטענץ.

— ביזט געקומען מיך באַרויִקן, דאָקטאָר? דער אינסטינקט אויפצוהאַלטן די עקזיסטענץ גייט צוזאַמען מיט דעם אינסטינקט פון הונגער און דעם אינסטינקט פון תאווה... דוכט זיך, אַז דיין פּראָפעסאָר פרויד האָט די אינסטינקטן אַ נאָמען געגעבן: ליבידאָ... ווי דו זעסט, דאָקטאָר, בין איך נישט אינגאַנצן אַן עם־הארץ אין פּסיכיאַטריע. ביזט מיך טאַקע געקומען טרייסטן?

— איך טרייסט בלויז אבלים, נישט קיין פּאַציענטן. כ׳בין געקומען אָנזאָגן די דאָקטוירים זיי זאָלן דיך אַרויסטרײַבן צוויי טעג נאָך דער אָפּעראַציע... דערפון קענסטו שוין פאַרשטיין ווי ערנסט ס׳איז דיין קראַנקייט. יאָ, אינדרויסן וואַרטן באַזוכער. מ׳שטייט אין אַ רייע... נייטן מיט פרענציסן... דיינער אַ לאַנדסמאַן, אַ שדכן, איינער אַ דאָקטאָר וואָרמס, ווענמען כ׳קען ניט... אַפילו די יאַדזשאַ, באַגלייט פון אַ מאַן אין אוניפאָרם, איז אויך דאָ... און פעני באַקלאָגט זיך, אַז דו האָסט זי באַליידיקט. כ׳האָב זיי אַלע געהייסן קומען אַ טאָג שפּעטער... די איינציקע, וואָס וויל נישט אָפּטרעטן איז רייטשל.

— דו ווילסט זיך, ראַלף?

— כ׳בין ערנסט. און רייטשל זעט אויס דערשלאָגן. נישט דאָ איז ס׳אָרט או־סצוגלייכן קאָנפליקטן. זאָלסט אויסמיידן אַ שאַרפן איבעררייד, איסר! כ׳בעט דיך, אויב זי וועט זיך נישט קענען קאָנטראָלירן, זאָלסטו פאַרשוויגן. ווייסט דאָך, דאָ גילטן שפּיטאָל־רעגולאַציעס.

— כ׳ווייס. כ׳ליג ווי אַ געבונדענער אָקס. זאָגסטו, דאָקטאָר, אַז די אָפּעראַ־ציע איז נישט ערנסט? איך האָרך זיך איין צו דיר און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז דאָס רעדט נייטן...

— אַרויסנעמען אַ שטיינדל פון די נירן איז ווי אַרויסקראַצן אַ שפּליטער פון אַ פינגער... דיין שרעק וועט לײדן פון אַנטווישונג. מ׳עט דיך אַפילו נישט איינ־שלעפערן מיט אַנאַסטעזיע. אַ נוירס וועט גלעטן דיין שטערן, אַ סאַניטאַר וועט באַנעצן דיינע ליפּן און דו וועסט קוקן אויפן וואַנט־זייגער ווען דער כירורג וועט שערן די הויט... ס׳עט זיך דיר אויסדוכטן, אַז דו ליגסט ביים באַרבער אין ווייכן שטול... אין אַ פּאָר טעג אַרום וועסטו שטיין אויף די פיס. כ׳זע, מען קומט שוין נאָך דיר, כ׳וועל בעסער גיין... מיטן רעכטן פוס, איסר!

— 4 —

איסר יאַגאָדע האָט דערזען נעבן זיך אַ קראַנקן־שוועסטער און אַ סאַניטאַר. זיי האָבן צוגערוקט אַ שמאָל בעטל אויף רעדלעך און אויף גיך אים דאָרט אַרי־בערגעלייגט. איידער ער האָט באַוויזן עפּעס צו פרעגן, האָט די קראַנקן־שוועסטער שוין געהאַט אַריינגעלאָזט אַ נאָדל אין זיין רעכטן אָרעם. ס׳איז צוגעקומען אַ יונגער דאָקטאָר אין אַ פּאָר דאָפּלטע ברילן און אָפּגעדעקט דעם אויבערשטן האַלבן קערפּער. ער האָט גענומען אַריינשטעכן לאַנגע נאָדלען מיט פליסיקייט אין רוקנ־ביין. ביים ערשטן שטאָך האָט איסר יאַגאָדע דערשפּירט ווי אַ גליִענדיקע דראָט וואָלט געקראָכן איבערן גוף און געקרישלט ביין נאָך ביין. דאָס פּנים האָט זיך גע־קרימט פון ווייטיק. זיי וועלן מיך צעשניידן אויף שטיקער נאָך איידער כ׳על אָנקר־מען צום אָפּעראַציע־טיש — האָט ער געקלערט — מסתמא איז דאָס די אַנאַס־טעזיע, וואָס בריט אַזוי... דער צווייטער נאָדל־שטאָך איז געווען לייכטער. אַ לעב־לעכע וואַרעמקייט האָט שטיל געשטראָמט איבערן בלוט. דער פּולס האָט געשלאָגן לאַנגזאַמער. נאָך דער דריטער איינשפּריצונג האָט דער קערפּער מער נישט געהאַט

קיין ווידערשטאַנד. אַ קילקייט, ווי אַ מילדער צוג־ווינט, האָט געריזלט אין די אָדערן. די גלידער זענען געוואָרן שווערער. דער מוח האָט געטראַכט געלאַסענער, ער איז געווען פריי פון יעדער שרעק.

די קראַנקן־שוועסטער ,וואָס איז איצט געשטאַנען צוקאָפּנס, איז געווען אַ פּעטע מיט אַ מילד מאַמע־פּנים. אירע דיקע הענט האָבן באַרמהאַרציק אַרומגענו־מען זיין קאָפּ און אירע פינגער האָבן איידל מאַסאַזשירט זיינע שלייפן. ער האָט געוואָלט אַריבערקוקן דעם אייגענעם שטערן און דערזען די אויסגערונדיקטע ליניעס פון איר פולן קערפּער. אירע ווייכע אויגן האָבן געוועקט צוטרוי און פון איר בוזים האָט אַראָפּגעשריִען גלוסטונג. אויפן זינען איז אים ווידער געקומען דער אויספיר, אַז דער אינסטינקט אויפצוהאַלטן די עקזיסטענץ גייט צוזאַמען מיט דעם אינסטינקט פון תאווה. אָן דער פאַרטיידיקונג פון קערפּער קעגן אָנגרייפער וואָלטן מענטשן אומגעקומען און אָן תאוות וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט. ווי אויסטערליש דאָס האָט פאַר אים אויסגעזען, איז ער איצט געווען איבערוועלטיקט פוןביידע אינסטינקטן, פון פאַרטיידיקן דעם קערפּער און פון אַ תאווה צו דער פרוי.

די קראַנקן־שוועסטער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אים און שטיל גע־זאָגט:

— גיט מיר אייער רינגל. איר האָט פאַלשע ציין? נעמט זיי אַרויס.

ער האָט אַרויסגענומען צוויי קאַסטנס ציין און דאָס דערלאַנגט דער נוירס. ער האָט געזיפצט.

— איצט וועל איך בלייבן שטום. און דו פאַרליר נישט די ציין, נוירס. ס׳אַ שטיק צירונג... ווערסט גלויבן? אַ סך אמתן ווערן אַרויסגעזאָגט דורך פאַלשע ציין...

דאָס בעטל האָט זיך געקערעדלט אין דער ריכטונג צום עלעווייטאָר. זיינע אויגן האָבן געגלאָצט צו דער סטעליע. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער קראַנקן־שוועסטער.

— וווּהין פירט מען מיך?

— אויפן עלפטן שטאָק. אירט זיך דאָרט אַמוזירן.

— כ׳האָב מורא ס׳איז צו שפּעט, נוירס. אַמוזירן זיך איז ווי אַ לעבנס פאַרזי־כערונג, ווי אַן אינשורענס פּאָליסי... וואָס עלטער מ׳ווערט, אַלץ טייערער קאָסט עס און אַלץ ווייניקער שאַנס האָט מען צו געניסן דערפון.

ווען דאָס בעטל איז אַריינגעפאָרן אין קאָרידאָר, האָט איסר יאַגאָדע אויס־געחשבונט ,אַז ער געפינט זיך איצט אויפן פערטן שטאָק, הייסט עס, ער דאַרף אַרויפפאָרן זיבן שטאָק העכער אַריינצוקומען אין דעם קצבים־שטיבל... דער אומרו איז מיטאַמאָל אָפּגעטראָטן און ער איז געווען פריי פון פחד. דער אונטערשטער טייל קערפּער איז אים נאָכגעהאַנגען ווי אַ בלײַערנע משא. ער האָט נישט געשפּירט קיין חיות אין בויך, נישט אין די קריזשעס, נישט אין די קניִען. די פיס זענען געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. אפשר פאַרט ער טאַקע צו זיין אייגענער לוויה? — איז אים איינגעפאַלן — ס׳אי ווילד! אָט האָט ער דאָך ערשט גערעדט און הינטער ווערטער איז דאָ געדאַנק און הינטער געדאַנק איז פאַראַן לעבן.

דאָס בעטל איז דורכגעפאָרן דעם לאַנגן קאָרידאָר און געבליבן שטיין פאַר

דער עלעוויטאָר־טיר. זיינע אויגן, וואָס האָבן געגלאָצט צום אַריינגאַנג, האָבן פּלו־צים זיך איינגעגעסן אין דעם פּנים פון רייטשלען, וואָס איז אויסגעוואָקסן גלייך אַנטקעגן. פון גרויס פאַרווונדערונג האָט ער זיך אַליין אַ פּעטשל געטון איבער דער באַק. איז עס וואָר צי כ׳דרימל? ס׳איז טאַקע רייטשל! די ייִדענע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן. די ריכטיקע צייט האָט זי זיך אויסגעקליבן אויסצו־גלייכן אירע חשבונות... און אפשר איז זי געקומען אים באַרויִקן? ער האָט נאָך רייטשלען נישט אָפּגעשאַצט. בלויז איז פּאַרט נישט וואָסער! אַלע זענען געבליבן אינדרויסן און זי האָט זיך אַריינגעריסן... ער איז נישט אימשטאַנד געווען אַראָפּ־צונעמען פון איר די בליקן. זיינע פאַרגלאָצטע אויגן זענען איינגעגליווערט געוואָרן אין איר פּנים.

רייטשל איז געשטאַנען קעגנאיבער אים אַ רויִקע און אויסגעשטרעקטע. אירע אויגן זענען געווען גלאַנציק און פייכט. איסר יאַגאָדע האָט נישט געקענט באַשטי־מען צו זי לאָזט אַ טרער אויף זיין דאַליע, צי ס׳גליט אין איר אַ פייערל פון נקמה.

ער האָט רויִק געקוקט אויף איר, זי האָט אויסגעזען העכער און שענער. דאָס פּנימל איז געווען אויסגעגלעט. די האָר מיט אַ רויטלעכן אָפּשיין זענען גע־ווען געראָלט און געלאָקט. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ געפּאַסט, טונקל קלייד מיט אויסהעפּטעכצער, וואָס ווייבער פאַרגינען זיך צו טראָגן סיי ביי אַ שמחה, סיי ביי אַ לויה. אויפן קאָפּ איז געזעסן אַ בלוי היטעלע ווי אַ בערעט, וואָס האָט זי געמאַכט אויסזען יונגער. איר בליק האָט נישט באַדויערט, נאָר אָנגעקלאָגט:

— דאָס איז די שטראָף, איסר... זע דיין מעמד! די געטרייע רייטשל איז פאַר דיר נישט געווען גענוג. אַ יאַדזשאַ האָט זיך דיר פאַרגלוסט! נאָך אַ ירושה האָסטו זיך געיאָגט! פון מיין היים האָט די מויד דיך אַרויסגענומען און קיין נייע שטוב האָט זי פאַר דיר נישט צוגעגרייט... איצט וואַלגערסטו זיך איינזאַם אויף אַ שפּי־טאָל־בעטל... זעסט כאָטש דיין מעמד, איסר?...

אַ ברייטע טיר האָט האַסטיק זיך אויפגערוטשט, דער עלעוויטאָר האָט אַריינ־געכאַפּט דאָס בעטל מיט איסר יאַגאָדען און זיך געטראָגן אַרויף, זיבן שטאָק הע־כער, צום אָפּעראַציע־צימער.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

— 1 —

רייטשל האָט דורכגעפּירט די לעצטע פינגער־מאַסאַזשן איבער איר דאָפּל־טער גאָמבע און אַ וויש געטון מיט אַ קישעלע פּודער איבער די באַקן. זי האָט אַרומגעצופּט מיט אַ צווענגעלע די ברעמען, וואָס זענען געווען אויסגערייפט ווי שאַרפע בויגנס. די ליפּן האָט זי אָנגעשמירט אויף בלוילעך־רויט און זי איז געווען איבערצייגט, אַז זי האָט אין איילעניש אַראָפּגעוואָרפן פופצן יאָר פון אירע אַקסלען.

די איינגערעדטע יונגשאַפט האָט רייטשלען אָנגעשטעקט מיט דער פרייד, וואָס קומט, ווען אַ פרוי ריכט זיך אויף אַן אָנגענעמען גאַסט. נאָך אַן איבעריקן

בליק אין שפּיגל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס פעלט אויפן פּנים דער לעצ־טער, פאַרשפּעטיקטער באַריר, וואָס מאַכט די איינזאַמע פרוי אַנציִענד. זי האָט אָנ־געהאָנגען אַ פּאָר זילבערנע אויערינגלעך, וואָס האָבן געציטערט ווי קוועקזילבער. אויפן האַנט־געלענק האָט זי אָנגעטאָן אַ קליין זייגערל. אינעם קאָקס פון די האָר האָט זי אַריינגעשטאָכן אַ בורשטין־פינקלדיקן קאַם. דעם דיקן, וואָלענעם סוועטער, וואָס זי האָט מיט אַ מינוט צוריק אָנגעטאָן, האָט זי איצט אויסגעביטן אויף אַ ווייסע בלוזקע מיט געפלדלטע אַרבל.

אויף אַ ווײַלע איז איר אַרויס פון זינען, אַז זי האָט נאָר וואָס געזען דעם קראַנקן איסר אין שפּיטאָל. וואָס פּוץ איך זיך אַזוי? צום גט? — האָט זי זיך גע־פרעגט. זי האָט זיך געקווענקלט צי זי זאָל לאָזן אָפן דעם טיפן האַלדז־אויסשניט, אָדער צוהעקלען דאָס ברייטע קראַגענדל מיט דער פּערל־בראָש. דער פאַרלאַנג צו זיין אָנציִענדיק האָט איר אונטערגעזאָגט צו לאָזן דעם נאַקן אָפּגעדעקט. מענער קריגן נאָך אַלץ די כפּרה פאַר אַ שיין פּנימל. דער לוסט צום קערפּער ליגט זיי אין די ביינער. אַ מאָנסביל וועט זיך קיינמאָל נישט ענדערן און ס׳איז אַ ליגן דער זאָג פון אַ פאַרליבטן פרויען־יעגער, אַז די פרוי איז צו שיין מען זאָל זי פאַרגעטערן און צו געטלעך מען זאָל זי ליבן...

זי איז אַריין אין עס־צימער און אַראָפּגענומען פון טיש אַ צעקנייטשטע קאָנ־ווערט, וואָס זי האָט געפונען אין בריוו־קעסטל אויפן צוריקוועגס פון שפּיטאָל. זי האָט אַרויסגעשלעפּט צום צווייטן מאָל דאָס באַשריבענע בייגעלע. ס׳איז געווען אַ בריוול פון ראובן גערשט. די פינף אָנגעוואָרפענע שורות פון יאַדזשאַס חתן האָבן זי נישט בלויז איבערראַשט, נאָר אויך געהאַלטן געשפּאַנט. גערשט האָט געלאָזט וויסן, אַז ער קומט צו איר אין אָוונט, ווייל ר׳האָט עפּעס וויכטיקס דורכצורעדן. די האַנטשריפט איז געווען אַ נערוועזע און די בוכשטאַבן עטוואָס אויסגעקרומטע. מ׳האָט איר נישט געדאַרפט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין. דער יונגערמאַן האָט אויף זיך אַ צרה און ס׳האָט לאַנג נישט געגומען רייטשלען אויסצורעכענען, אַז די צרה איז: יאַדזשאַ... אויב ס׳איז אמת, אַז די קאָליר פון טינט איז דער שליסל צום כאַראַקטער פון מענטש, איז אָט דער וויאָלעט־טינט אַ צייכן, אַז דער שרייבער פון בריוו איז אי אימפּולסיוו, אי ער פאַרמאָגט אַ געלאַסענעם טעמפּעראַמענט.

רייטשל האָט זיך געשטעלט פאַר דעם וואַנט־שפּיגל איבער דער קאָמאָדע און פאַרריכט אַ קאַרבירט לעקעלע איבערן שטערן. ס׳איז איר דורכגעלאָפן אין מוח, אַז יאַדזשאַ האָט שוין איר חתן געוויזן דעם וועג... די רייזע אין קעמדען האָט, ווי אַ באַן־קאַטאַסטראָפע, געבראַכט אומגליק מער ווי צו איין מענטש. איסר איז אַוועק פון הויז און יאַדזשאַ האָט אין גיך נאָך דער ירושה פאַראַטן גערשטן. איסר וואַלגערט זיך אויף אַ שפּיטאָל־בעטל און די צעלאָזענע מויד לויפט ווי אַ צויג נישט צו פאַרזוימען איין געלעגנהייט נאָך דער צווייטער. ס׳איז גוט, וואָס זי, רייטשל, האָט ביידן אַרויסגעשלאָגן פון איר קאָפּ. יאַדזשאַ איז אַ שׂרפה און איסר האָט אינעם פייער זיך אָפּגעברענט זיינע פינגער... איצט איז ער היימלאָז און קראַנק. דער היינטיקער וויזיט אין שפּיטאָל האָט נאָך מער פאַרנעפּלט אירע אָנ־קלאָגעס צו דעם מאַן, וואָס זי וויל פאַרגעסן. ס׳איז איר שווער געווען צו באַשטי־

מען וואָס זי האָט מיט זיך געטראָגן צו ײַין קראַנקן בעט: די פריידּ פון נקמה צי דעם אומעט פון רחמנות?

פאַרן אָפּטרעטן פון שפּיגל האָט רייטשל באַטראַכט אירע היפּטן און אויס־געפּירט, אַז זיי זענען איינגענומען. די אָנגעשוואָלנקייט פון בויך איז איינגעלאָפן. די גאַנצע אויפגעבלאָזנקייט פון קערפּער איז אַוועק. ווי קאָמיש! ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָט מען זי געהאַלטן פאַר שוואַנגער. פעני, די לשון הרעניצע האָט די נײַעס אַרויסגעטראָגן אין גאַס. איסר איז אַכט חדשים נישט צוגעקומען נאָענט צו איר און רייטשל האָט זיך געבראַכן דעם קאָפּ איבער דער רעטעניש. ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן לײַדן אויף קאָפּ־שווינדל און איבלענישן, איז זי אַוועק צו דאָקטוירים. דער נערוון־ספּעציאַליסט האָט איר פאַרזיכערט, אַז זי איז אין די אומבייט־יאָרן און דער פרויען־דאָקטאָר האָט אויפגעוויזן, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן שוין דעם דריטן חודש.

רייטשל האָט מורא געהאַט צו ווערן אַ לייטיש געלעכטער און באַשלאָסן, אָפּצוטרייבן די שוואַנגערשאַפט. זי איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל, אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פרויען־דאָקטאָר האָט געמאַכט אַ טעות. זי האָט אָבער גע־מוזט דורכגיין וואָס גיכער אַן אָפּעראַציע. קיינער פון די משפּחה־מענטשן האָט נישט געוווּסט, אַז זי ליגט אין שפּיטאָל און די אָפּעראַציע איז געבליבן אַ געהיימ־ניש. אַ וואָך שפּעטער האָט זי נאָך געליטן יסורים און זי האָט געקראָגן מאָרפין־איינ־שפּריצונגען. די נאַרקאָטיק, וואָס האָט געשטילט די ווייטאָגן, איז געוואָרן אַ טעג־לעכע נאַרונג פאַר איר קערפּער. רייטשל האָט זיך געשראָקן, אַז דער פאַרלאַנג נאָך דעם סם, וואָס איז אַ היילונג, ווערט ביי איר אַ געוווינהייט, אָבער אַ שכנטע קעגנאיבער איר בעט אין שפּיטאָל, אַ פרומע איטאַליענערקע, ראָוז מאַרי, וואָס האָט באַגראָבן איין מאַן און משלח געווען צוויי אַנדערע, האָט איר פאַרזיכערט, אַז יעדע שוואַכע פרוי מעג נוצן מאָרפין גאַנצע הונדערט יאָר און דערפאַר וועט זי נישט וויסן פון קיין ערדישע יסורים.

אַ פּאָר טעג נאָכן אַהיימקומען פון שפּיטאָל האָט רייטשל געהאַט אַ גאַסט. די פרומע ראָוז מאַרי איז געקומען נאָכפרעגן אויף איר געזונט און מיטגעברענגט אַ היפּשע דאָזע מאָרפין מיט אַן איינשפּריצונג־נאָדל. זי האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז וויין, האָט באַרעדט די שפּיטאָל־דאָקטוירים און אויפגעוויזן, אַז די פליסיקייט איז אַ טאָניק פאַרן קערפּער און עס העלפט איבערלעבן שלעכטע מענער. רייטשל האָט געוואָלט דעם מאָרפין צוריקגעבן, אָבער די איטאַליענערקע האָט זי באַשווירן, זי זאָל עס אָננעמען ווי אַ מתנה פון אַ שוועסטער אין לײַדן.

— 2 —

רייטשל איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמאָדע און געעפנט דעם אויבערשטן שופלאָד. פון אַ קליין צירונג־קעסטל האָט זי אַרויסגענומען אַ רינגל, אויסגעזעצט מיט דימענטן, וואָס איסר האָט איר געהאַט געקויפט צום געבורטס־טאָג. רייטשל האָט געשאַצט די ווערט פון צירונג, געוווּסט דעם חן פונעם בלישטש אויף אַ

פינגער און זיך נישט פאַרטראַכט, צי זי מעג טאַקע טראָגן אַ מתנה פון אַ מאַן, וועמען זי האָט פאַרטריבן פון הויז. ער קריגט וואָס ער'ט פאַרדינט! — האָט זי שטרענג געפסקנט — זי וועט אים נישט אַריינלאָזן, אויב ער'ט אַפילו קומען צו איר אויף די קניִען! זי איז אויך נישט קיין באָוול... אַ יונגער גרויש אין דער שכנהשאַפט האָט שוין געוואָרפן אַן אויג אויף איר. ער איז אָבער אַ פּוסט און פּאַסטניק, וואָס זוכט איר געלט. זי קען די זכרים און דעריבער האַלט זי אירע שופלאַדן פאַרשלאָסן. איסר האָט זיך נישט געקענט צורירן צו איר קניפּל און אַנדערע וועלן אַוודאי נישט קענען.

מיט דעם שטענדיקן פּראָטעסט קעגן אַ וועלט, וואָס ווערט באַהערשט פון מענער, האָט רייטשל ווידעראַמאָל אַריינגעשטעלט איר פּנים אין שפּיגל. זי האָט אָנגעצונדן ביידע וואַנט־לאָמפּן, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט ווי הענגלייכטערס. דאָס אויפגעהעלטע ליכט איבערן עס־צימער האָט אָנגעטראָגן אַ היימלעכקייט. קוקנדיק אויף איר אָפּבילד האָט זי מיטאַמאָל געמאַכט אַן אומצופרידענע מינע. אויפן אויסגעבעטן נאַקן האָט נאָך געפעלט אַ ביישל קרעלן. רייטשל האָט אַ קוק געטון הינטערווײַלעכץ. איבער דעם פאַרגלאָזטן ספרים־אַלמער איז געהאָנגען אַ בלוי־סאַמעטענער בייטל מיט העפטערייען און אויסנייעכצער, וואָס מ'זעט אויף אַ פּרוכת אין שול. זי האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אַ געפלאָכטן שנירל ציגיינער־קאָראַלן און זיי אָנגעטאָן. זי האָט דערטאַפּט אַ פּערפום־פלעשל און אַ קוועטש טוענדיק דאָס גומענע קישקעלע האָט זי אויסגעשפּריצט אַ שמעקנדיקן ריח איבערן צימער. זי האָט אַ קוק געגעבן אויפן אָפּגעריבענעם ציפערבלאַט פון וואַנט־זייגער און איז געגאַנגען ליכטיק מאַכן אין קיך. די טונקלקייט האָט געשפּאַרט דורך אַלע פענצטער־שויבן. אויף דער שוועל האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי וועט פאַרשפּילן דעם היינטיקן אָוונט. זי איז צוריקגעקומען פון שפּיטאָל שפּעט און יאַדזשאַס חתן וועט אויך נישט זיין אין צייט. אַ צערודערניש איז געקומען אין איר הויז. זי ווייס נישט פון קיין טאָג און פון קיין נאַכט. וואָס פאַר אַ שוואַך באַשעפעניש מוז זיין אַ פאַרליבטער מאַן, וואָס קומט נאָך רחמנות צו אַ פרעמדער פרוי, ווען די נאָענטס־טע האָט אים אָפּגענאַרט!

אויף יענער זייט קיך־טיר האָבן זיך געהערט טריט. מיט די פּאָר פריינטלעכע ווערטער, צוגעקליבן אויף די ליפּן, איז רייטשל געגאַנגען עפענען די טיר פאַר געסטן, אָבער אויף דער שוועל האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן איר ברודער נייטן אין אַ ברויגעם האַריקן מאַנטל. זיין געבויגענע פיגור איז געבליבן שטיין נישט אַהין, נישט אַהער. די רעכטע אָנגעלאָפענע באַק האָט געצוקט ווי זי וואָלט זיך געהנדלט. אין זיינע שטיפערישע אויגן איז געווען אַ פאַרדאַכט, וואָס האָט רייטש־לען געשטעלט אין פאַרלעגנהייט. ער האָט אַ שמייכל געגעבן מיט אַ מינע פון פאַרענטפערונג.

— אַ גאַסט נישט אין צייט און נישט אויפן ריכטיקן פּלאַץ, וואָס? זאָג רייטשל, האָסט זיך געריכט אויף מיר?

— נישט נאָכדעם ווי מיינע צוויי ברידער האָבן מיך פאַרלאָזן... עס איז דאָ אויף וועמען זיך צו ריכטן, נתנ'קע! שוין איינמאָל אַ משפּחה! מ'עט לאָזן אַ שוועס־טער אויסגיין און זיך אַפילו נישט נאָכפרעגן, ווו זי ליגט באַגראָבן... אויף דער

יידישער צי אויף דער קריסטלעכער סעמעטערי. וואָס שטייסטו נישט אַהין, נישט אַהער? ביסט געוואָרן שעמעוודיק?

— לעבסט נאָך אַלץ מיט דער איינרעדעניש, אַז די גאַנצע וועלט איז דיר אַ שונא... כ׳בין געקומען רעדן וועגן איסרן, רייטשל. איך גיי פון שפּיטאָל. ער ליגט איצט אונטערן מעסער און דאָ, ביי דיר איז ליכטיק ווי אום שמחת־תורה. דאָס צימער איז פול מיט פּערפום. ביזט אויסגעפּוצט ווי דו וואָלסט זיך געגרייט צו אַ גט אָדער צו תנאים... גייסט ערגעץ אַוועק?

— כ׳גיי נישט. מען קומט צו מיר. דערפאַר שמעקסטו פּערפום... יעדעס מאָל ווען כ׳שטעל זיך אין שפּיגל טראַכט איך, אַז מענער פאַרלירן די קעפּ פאַר אַ קליידל און זיי נעמען איין די פּגירה פאַר אַ שיין פּנימל.

— ווער האָט דיר איינגעשמועסט, אַז דו האָסט אַ שיין פּנימל?

— מיט אַזאַ יפת־תואר ווי דיין פּרענציס וועל איך סיי ווי נישט גיין צו אַ קאָנטעסט. ס׳שטייט מיר נישט אָן מיט איר צו קאָנקורירן... איר פּנימל וועט אויך אַמאָל פאַרוועלקן, גלויב מיר! צו אַלץ קומט אָן עק. נישטאָ קיין אייביקע זאַכן... וואָס שטייסטו? זיץ! זאָגסט, אַז איסר איז אין שפּיטאָל? ביזט אַ פאַרשפּעטיקטער נייעס־ברענגער, נייטן. איך האָב פריִער געזען דעם פּאַציענט ווי דו און דיינע געטרייע פריינט. כ׳בין געלאָפן אין שפּיטאָל ווען מ׳האָט אים געפירט צו דער אָפּעראַציע... האָסט איצט מער גאָרנישט וואָס צו רעדן וועגן דעם שדכן. כ׳וואָלט מיר געוווּנטשן, אַז מיינע ברידער זאָלן קומען אין מיין שטוב ביי בעסערע געלעגנ־הייטן... דאָס איז נישט דיין ביורא, נתנקע, ווו מ׳זוכט פאַרשוווּנדענע מענער און אַנטלאָפענע ווייבער... ווו האָסטו געלאָזט פּרענציסן? ס׳איז די מעשה מיט יענער שיקסע. אין קיך קנייפּן די מענער זי גוט אויס, אָבער צום טיש לאָזט מען זי נישט זיך צוזעצן... אַז דו גייסט דורכפירן אַ מצוה, נעמסטו נישט מיט דיין אָרומ־לויפערקע?

— ווי קומט דאָ אַהער פּרענציס? הער ,רייטשל, כ׳האַלט דיך פאַר אַ קלוגע פרוי...

— וואָס טויג די קלוגשאַפט, אַז די נאַרישקייט רייט נאַ־שפּיץ... איסר האָט געהאַט פון וועמען זיך אָפּצולערנען! דו האָסט זיך פאַרזאָרגט מיט אַ געליבטע און ער האָט זיך געיאָגט נאָך אַ ירושה! ווען נישט דיינע עצות און זיין איילעניש, וואָלט ער איצט נישט געלעגן אויף דעם אָפּעראַציע־טיש. ער וואָלט איצט געווען דאָ אין הויז און געהאַט די בעסטע ספּעציאַליסטן. איך וואָלט פאַר אים אַ נורס געווען...

— כ׳זע, ביזט אים נאָך אַלץ געטריי, רייטשל...

רייטשל האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויפן ברודער. איר אויסגעצויגענער קוק אויף נייטנען האָט ביי איר אויפגעוועקט אַלטע חשבונות מיט דער משפּחה. די טובות פון מענטשן האָט רייטשל פאַרגעסן און די קריוודעס האָט זי קיינמאָל נישט פאַרגעבן. איר יונגע שוועסטער נעמי האָט ביי איר אויסגעכאַפּט דעם ערשטן חתן און די ברידער האָבן קיינמאָל זיך נישט אָנגענומען פאַר אירע עוולהס. יאַדזשאַ איז געווען נייטנס אַנטדעקונג און איסרס אוצר. די ירושה איז מן־הסתם אויסגערו־

נען... אויב איר ברודער איז אונטערגעשיקט געוואָרן פון דעם קראַנקן איסר, האָט ער געמעגט בלייבן אויף יענער זייט טיר.

— פאַרלירסט צייט, נתנ׳קע. דער שדכן ליגט אונטערן מעסער. ס׳אַ רחמנות און כ׳ווינטש אים אַ רפואה שלמה... אָבער צו זיין ערלעך מיט זיך אַליין, זאָג איך דיר, ער פאַרדינט נישט קיין לאַסקעס. כ׳האָב אַלע יאָרן געהאַט ביי אים אַ גע־נאַרט לעבן. די יאַדושאַ האָט אים אין צוגאָב משוגע געמאַכט... ער׳ט נישט געהאַט גענוג איין ווייב, וואָס?

— ס׳אַ שוואַכקייט ביי אַלע מענער, רייטשל. אַז דו וואָלסט זיך אינטערעסירט מיט פילאָזאָפיע, וואָלט איך דיר דערציילט, וואָס אַן ענגלישער פּראָפעסאָר זאָגט וועגן פילוויבעריי.

— דיין פּראָפעסאָר פּרעדיקט ביגאַמיע?

— ער וויזט אויף, אַז מאָנאָגאַמיע איז היפּאָקריטיש. אַ מאַן איז פיזיש און גייסטיק נישט צוגעפּאַסט צו לעבן בלויז מיט איין פרוי. ס׳אַ געזעץ פון דער נאַטור!

—אַזוינע נאַטור־מענטשן ווי דיין פּראָפעסאָר מעגן אַרומלויפן אין די וועל־דער. ביזט, זע איך, זיין געראָטענער תלמיד. ביי פּעניך האָסטו אפשר אויסגעפירט מיט דיין פּראָפעסאָרס לערע... זי, מיט איר מאָנסבילשן קאָפּ, וועט אַלץ גוטהייסן. אָבער דיין פּרענציס וועט דיר אַמאָל די אויגן אויסדראַפּען! הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן! זי׳ט נישט וועלן זיין אייביק אַ פינפטער ראָד צום וואָגן...

— מיר גייען אַראָפּ פון וועג, רייטשל. איסר איז קראַנק, אַן איינזאַמער מענטש און כ׳זע, ביי דיר איז אויך נישט צו לוסטיק... דיינע צימערן זענען אויפ־געראַמט, אָבער ס׳בלאָזט אַ פּוסטקייט. ווילסט דאָך נישט בלייבן אַ פאַרגעסענע עגונה! אַ חכם האָט אַמאָל געזאָגט, אַז איינזאַמקייט איז פּונקט ווי אַ לוויה. עס ברענגט דעם מענטש נענטער צום טרויער...

— געזאָלט האָסטו ווערן אַ לאַיער, נתנ׳קע, אָבער פּרעדיקן ווילסטו ווי אַ פילאָזאָף. מיר וועסטו נישט איינשמועסן, אַז דו ביזט געקומען אַהער מיט פרומע כוונות. הער אויף מיט די טריפענע שטיק! און כ׳בעט דיך, האָב נישט קיין רחמנות אויף די איינזאַמע פרויען... כ׳בין אויך אַ מבינטע אויף די געשמדטע ריידעלעך... ווילסט זיך אפשר דורכווערטלען מיט מיר, וועל איך דיר אויך עפּעס זאָגן: יענער חכם, וואָס האָט אַנטדעקט ,אַז חוה איז איינער פון דעם באַשעפערס טעותן, האָט אויך געזאָגט, אַז אדם הראשון איז דער פאָטער פון אַלע, וואָס באַנאַרישן זיך און וועלן זיך נאָך באַנאַרישן...

— דו באַנעמסט די וועלט, רייטשל.

— כ׳באַנעם די, וואָס פירן מיט דער וועלט, אָבער כ׳קען קיינמאָל נישט קאָווירן פאַר מיינע אייגענע ברידער... ווען מיין אינגערע שוועסטער נעמי, איז מיר פאַרלאָפן דעם וועג צו די חופּה־שטאַנגען, האָט מען זי געפּיעשטשעט און איך בין געבליבן די בייזע שטיפשוועסטער... די יאָרן האָבן נישט דיך און נישט ראַלפן געענדערט. מען איז כסדר צו מיר הינטערליסטיק. הער, נתנקע, באַלד דאַרף עמיץ צו מיר קומען. כ׳בין אומגעדולדיק און כ׳קען מיר איצט נישט ברעכן

דעם קאָפּ וואָס ס׳האָט דיך געטריבן אַהערצו... אַרויס פון דער באַהעלטעניש! וואָס ברענגט דיך אַהער?

— ביזט אַ חכמה, רייטשל, האָסט אַ פייערדיקן מוח און מ׳עט דיך שוין נישט קענען אויסשליסן אַלס אַ שוועסטער פון די ברידער פאַרבער... אַז דו ציסט מיך ביי דער צונג, וועל איך אַרויסקומען מיט לשון...

— כ׳האָב אָפענע אויערן, רעד! כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דו ביזט נישט מער געטריי איסרן ווי זיך אַליין... האָסט עפּעס פאַרשטעקט אין אַרבל, נייטן? ס׳אַן אַל־טער כלל. אַ קאַץ שיקט מען נישט נאָך קיין סמעטענע...

— רייטשל, אַז דו וועסט זיך איבערבעטן מיט איסרן, וועט יעדער איינער דערפון געניסן. מירן זיין איין גליקלעכע משפחה... די ירושה איז אַזוי זיכער ווי ס׳גאָלד אין פאָרט נאָקס... ס׳איז נאָך אַ לאַנגע פּראָצעדור אין די געריכטן. מ׳וועט דאַרפן אָנשפּאַרן ביז טעקסאַס. טילי סטוירן, דעם פאַרשטאָרבענעמס פלימעניצע אין קעמדען, וועט צולייגן אַ האַנט. זי וועט זיך זען מיט איסרן ווי נאָר ער׳ט זיך שטעלן אויף די פיס. לאָז עפּעס אַראָפּ פון דיין עקשנות, רייטשל, וועסטו האָבן אַ געזונטן מאַן מיט אַ געזונטן אוצר... יאַדזשאַ איז געווען בלויז אַ בליץ ביי אים. זי איז גאָר פאַרליבט אין העראַלדן, דעם יתום פון קעמדען. און מיך קענסטו אויך נישט האַלטן פאַר אַ ביגאַמיסט. כ׳האָב אַ פּלאַן. כ׳גיי אָפּגטן פעגין...

— פעגי פּלאָנטערט זיך דיר אונטער די פיס, האַ? און דאָס קאַלב איז דאָך אַלע יאָרן גליקלעך וואָס זי איז זעלבסטשטענדיק ,און אַ מאַן דאַרף זיך פאַר איר נישט קימערן! כ׳האָב געוווסט, אַז ווען ס׳וועט קומען צום אויסוואַל, וועט פעגי זיין ס׳כפּרה־הינדל און נישט דאָס צוטשעפּעניש פּרענציס... כ׳טראַכט, אַז פון איין זייט איז אַ רחמנות אויף איר, אַ באַליידיקט מענטש. פון דער אַנדערער זייט איז אַ מצווה אויף דער אַרומלויפערקע. זאָל זי נישט טומלען מיט איר עמאַנסיפּאַציע און נישט אַרויסלייענען פון די ביכלעך ווי זיך צו פירן אין דער מאַנסבילשער וועלט...

—ביזט ווידער אַראָפּ פון וועג, רייטשל. שטראָפסט די שוויגער און מיינסט די שנור... כ׳מוז דיך דערמאָנען, אַז כ׳בין געקומען רעדן וועגן דיין מאַן.

— האָסט גאָרנישט מער וואָס צו רעדן. גיי שוין אַרויס, נייטן! האָסט קיינמאָל קיין גוטס נישט געבראַכט צו מיין טיר: איסרן האָסטו פאַרפּלאָנטערט מיט יאַדזשאַן און מיך האָסטו אַרויסגעשטויסן פון זיין לעבן. אים האָסטו צוגעזאָגט אַ חלק אין אַ ירושה און דער נאַר איז וואַנזיניק געוואָרן נאָך דער גרינער מויד... דיין אייגן ווייב פעגי גיסטו אַ לעבן פון אַ הונט און די פרעמדע פּרענציס האָט ביי דיר אַ משוגענעם טאָג. ס׳אַלרייט, ערגעץ וועט זיך דאָס אָן דיר נוקם זיין! וואָס טויג מיר דיין בילדונג? די באָמס אויף דער באַוערי האָבן מער מאָראַל! אַלץ דיין משוגענער קאָפּ... אָפּטמאָל פרעג איך זיך אַליין: ווי קומסטו, נתנקע, אין אונדזער משפחה? און וווהין וועט דיך דיין משוגעת פירן? לאָז מיך איצט אַליין!

— טרייבסט מיך טאַקע אַרויס, רייטשל?

— גיי! ס׳איז בעסער אַזוי... איסר וועט סיי ווי קריגן אַ רפואה שלמה, ער׳ט

נישט שטאַרבן. זאָרג זיך נישט! אַפילו עכטע מתים ווילן היינט נישט אַראָפּגיין אין די קברים. שיין דערלעבט! כ׳מוז אַרויסטרייבן אַן אייגענעם ברודער, אָבער בעסער אַזוי! גיי. נתנקע. און זאָלסט נישט איבערטרעטן מיין שוועל ווי לאַנג דו טראַכטסט אָפּצוגטן פּעניך, הערסט?

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

— 1 —

רייטשל האָט פאַרמאַכט הינטער איר ברודער די טיר און איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין מיט האַרץ־קלאַפּעניש. פון פאַרדרוס האָט דאָס בלוט האַסטיקער גע־נומען ריזלען אין אירע אָדערן. דער כעס האָט געמאַכט שטאַרקער שלאָגן די שלייפן. זי איז אַריין אין עס־צימער און לאַנגזאַם געעפנט די אונטערשטע שופלאָד פון דער קאָמאָדע. זי האָט אַרויסגעוויקלט פון אַ בלויען שטיק געוואַנט אַן איינ־שפּריצונג־נאָדל פון מאָרפין מיט דער פאַרזיכטיקייט ווי מען נעמט אַרויס אַ טריפהנע זאַך. דער קליינער אינסטרומענט האָט געציטערט אין אירע הענט. די ליפּן האָבן נערוועיש געצוקט און די ציין האָבן געקלאַפּט ווי עס וואָלט זי געטרייסלט פון אַ פראָסט.

אַן אומהיימלעכער פאַרלאַנג איז אויפגעלאָפן אין איר מוח. צו שטילן אירע ווייטיקן האָט מען איר אין שפּיטאָל געגעבן איינשפּריצונגען. דער מאָרפין האָט געקילט די יסורים און געוואָרן אַ נאַרונג פאַרן אָפּגעשוואַכטן קערפּער. דער באַ־טויבונג־סם, וואָס האָט אַריינגעבלאָזן לעבן אין די אָדערן, האָט אויך טראָפּנווייז אַריינגעטריפט אין די רויטע בלוט־קייקעלעך. די פרומע איטאַליענערקע ראָוז מאַרי איז געווען פאַר איר אַן אומגליק. מען רעדט, אַז דער באַטויבונג־סם קען טרייבן אין קבר אַריין. פון די איינרעדענישן וועט זי, רייטשל, נאָך בלייבן אַ פאַרלוירן מענטש. בלויז דאָקטוירים קענען מעסטן די איינשפּריצונג, זיי ציילן די טראָפּנס. זיי ווייסן ווען אויפצוהערן, ווען אָפּצושטעלן ביז דער פּאַציענט פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל און דער קערפּער לעכצט מער נישט נאָך דעם זיסן גיפט.

אַן אויסגעצויגענע ווײַלע האָט רייטשל געהאַלטן אין האַנט די נאָדל. אירע פינגער האָבן זיך געצויגן צו דער אָפענער שופלאָד, ווו אין אַ טיכל איז געווען איינגעוויקלט אַ ברוין פלעשעלע. פון קווענקלעניש איז זי געבליבן שטיין אומ־באַוועגלעך און געקוקט אויף דער נאָדל מיט אַ נישט־־געשטילטער גלוסטעניש, ווי מען קוקט אויף אַ פאַרבאָטענער פרוכט. ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער קלונג. רייטשל האָט גיך פאַרבאַהאַלטן די נאָדל און געאײַלט צו דער קיך־טיר.

זי האָט אַריינגעלאָזט ראובן גערשטן. פון לייכטער אויפרעגונג האָט דאָס האַרץ ביי איר געפלאַטערט. ער האָט איצט אויסגעזען העכער ווי ביים ערשטן מאָל ווען זי האָט אים געזען. דאָס צוגעברוינטע פּנים איז געווען צעפלאַמט און די

ברוינע קאַרבירטע האָר פאַרקעמט אַרויף. דאָס דינע שנירל וואַנצע האָט איצט געפּעלט. ער איז געווען אָנגעטאָן ווי צו אַ באַל. פון דעם אָפענעם גרויען מאַנטל מיט די ברייטע לאַצן האָט אַפּערגעקוקט אַ ווייס געקראַכמאַליעט העמד מיט אַ שוואַרצן שניפּס אַרום אַ שטייפן קראַגן. די געפּרעסטע הויזן־מאַנקעטן זענען לויז געפאַלן אויף אַ פּאָר לאַקירטע שיך. גערשט האָט געקוקט מיט פאַרוווּנדערונג און רייטשלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער קווענקלט זיך. זי האָט לוסטיק אַ רוף געטון.

— קומט אַריין. ס'איז דער ריכטיקער אַדרעס.

— כ'בין זיכער, אַז כ'האָב נישט פאַרבלאָנדזשעט... העלאָ, מיסעס יאַגאָדע!

— צו מיר פאַרבלאָנדזשען נישט קיין שיינע מענער, מיסטער גערשט. אַזאַ מזל האָב איך זיך נאָך נישט פאַרדינט... כ'זע, אַז דעם אויסקוק האָט איר שוין פון אַן אמתן יענקי, וועגן סוקסעס וויל איך נישט רעדן. ס'בריוול אייערס איז געווען אַן אמתער סורפּריז, כאָטש כ'קען זיך אָנשטויסן, אַז קיין גוטס האָט אייך נישט געבראַכט אַהער. מיר אַלע זענען געשטראָפט פאַר פרעמדע זינד. וואָס שטייט איר אין קיך? קומט ווייטער!

זי האָט אים געהאָלפן אויסטאָן דעם מאַנטל און אים אַריינגעפירט אין עס־שטוב. זי האָט אַרויסגערוקט אַ שטול און צעשטעלט אויפן טיש אַ קוישל פרוכטן און אַ שיסעלע מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען. בשעתן פאַרען זיך אַרום דעם גאַסט האָבן ביי רייטשלען אַרויסגעזעצט פלעמלעך אויף די באַקן. ביים דערלאַנגען כיבוד האָבן זייערע הענט איבערן טיש זיך באַגעגנט. רייטשל האָט לייכט אויפגעציטערט מיט דעם ציטער פון אַ מיידל, וואָס דערשפּירט דעם ערשטן באַריר פון אַ מאַנס האַנט. גערשט האָט זיך צוגעזעצט.

— וואָס מאַכט מיסטער יאַגאָדע? כ'הער, ער איז אין האָספּיטאַל.

— מ'הערט פון אים ווי פון אַ גוטן ייִדן. ווער האָט אייך שוין אָפּגעטראָגן די בשורה? כ'זע, מיין שוועגערין פעני שפּאַרט אַן אומעטום... יאָ, דער שדכן ווערט היינט אָפּערירט. נישטאָ אים וואָס מקנא צו זיין. דאָסמאָל האָבן דאָקטוירים אים טאַקע געלייגט אויפן טיש. ס'לעבן איז טאַקע אַן אָפּנאַרעכץ. וואָס מאַכט איר? אין גאָס וואָלט איך אייך אָסור דערקענט. ר'זעט אויס ווי אַ מווי־אַקטיאָר אָדער אַ באַנק־עקזעקוטיוו. היינטיקע גרינע! כ'על נישט שווערן, אַז איר זייט נאָך נישט געגאַנגען אין ביזנעס!

— איר האָט געטראָפן.

— וואָס דען, ווי מיין איסר? געבליבן ביי שדכנות און ביי מלמדות... איר'ט טאַקע געקויפט אַ ביזנעס אין אייער פאַך? אַ בעקעריי? שנעל זיך אַמעריקאַניזירט! קרובים האָבן מן־הסתם געליִען געלט? אירט געטון אַ גוטע זאַך, ס'איז שווער לאַנג צו שקלאַפן פאַר יענעם. ברויט און קעיק אין אַמעריקע צעכאַפּט מען וואַרעמער־הייט. גוטע צייטן, שלעכטע צייטן. פרעס־אַרטיקלען זענען אַ געברויך פאַר יעדן טאָג...

— כ'בין אַריין אין די קליידערביזנעס, מיסעס יאַגאָדע. אַ לאַנדסמאַן, וואָס איז אין דעם פאַך, האָט מיך אויפגעזוכט. ער אַליין איז אויך נישט לאַנג אין לאַנד. ער'ט מיך אַרויסגעשלעפּט פון דער בעקעריי. מיר האָבן צוזאַמענגעלייגט די אָפּ־

געשפּאָרטע צענערלעך, געעפּנט אַ שאַפּ און אָנגעהויבן ליפּערן קליידלעך און בלוז־קעס פאַר די געשעפטן. דער אָנהויב איז געווען שווער, אָבער נאָך אַ פּאָר וואָכן האָבן מיר זיך געשטעלט אויף די פיס. נישטאָ וואָס זיך צו באַקלאָגן.

רייטשל האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ שטיפערישן בליק.

— און אַזאַ זאַך לאָזט מען נישט וויסן פריִער אַ גוטער פריינדין?

— עס זענען פאַראַן סיבות.

— אַלע גרינע האָבן ליב זיך אויסצובאַהאַלטן מיט זייער סוקסעס... מיט שלעכטע נייעס קלאַפּט מען אין די טירן. אָבער, אַז ס׳גייט אַ גאַנג, מאַכט מען אַ שוויַיג! כ׳קען טרעפן, אַז דריי יאָר צום ווינציקסטן האָט איר אַוודאי געשטורעמט מיט בריוו צו היגע קרובים, מ׳זאָל זיך אונטעראיילן מיט די פּאַפּירן, באַזאָרגן מיט רייזע־קאָסטן און וואָס גיכער אייך אַרויסנעמען פון גהינום דאָרט, האָ? אירט, דוכט זיך, געווינט די לעצטע יאָרן אין דער שוויַיץ?

— ריכטיק. אָבער אַנטשולדיקט מיסעס יאַגאָדע, די שוויַיץ איז נישט קיין גהינום און כ׳האָב זיך נישט געמוזט איילן צו קומען אין לאַנד אַהער. איר׳ט אפשר לאַכן, אָבער כ׳האָב זיך אויך נישט געדאַרפט איילן מיטן אָנזאָגן מיינע גליקן... אפשר איז מיין בריוול היינט אויך געווען אַ נאַרישקייט, מיסעס יאַגאָדע... אירט שוין פון מיינע רייד קיין נחת נישט האָבן.

— כ׳האָב נישט ליב, אַז מ׳באַהאַלט פון מיר אויס זאַכן... איר רעדט מיט פאַרשטעלטע ווערטער, מיסטער גערשט.

— יאָ.

— לאָמיר זיין אָפן. מיר האָבן ביידע שונאים. אייערער הייסט איסר און מיי־נער — יאַדזשאַ... ס׳איז איין טייוול אין צוויי קערפּערס. ס׳בריוול אייערס איז געקומען אין צייט. נישטאָ עפּעס בעסערס ווי אָפענע קאָרטן... כ׳האָב דאָס אייגענע ערשט געזאָגט מיין ברודער. די צונג איז אַ לאָפּעטע, וואָס רייניקט אָפּ די לונג... הלוואי וואָלט איך אייך געקענט מיט אַ פּאָר יאָר פריִער, וואָלט איך אייך באַציי־טנס געוואָרנט, אַז יאַדזשאַ איז נישט אייער גלייכן. איר׳ט זיך נישט דערשרעקן פאַר אַ שאַרף וואָרט? זי איז פון די היינטיקע פּרויען, וואָס האָבן ליב זיך איינצו־שאַפן פרעמדע האַר און פרעמדע מענער!

— און מיסטער יאַגאָדע?

— אירט ריכטיק געפרעגט. ער איז קיינמאָל נישט געווען פון די צדיקים, מ׳טאָר דאָך איצט נישט רעדן... ער איז אַ קראַנקער אין שפּיטאָל. אָבער דאָס איז די צרה מיט אַלע מענער. מ׳רעדט איין די וועלט, אַז די פרוי איז הינטער־שטעליק, אָבער מ׳פאַרגעסט, אַז דער מאַן איז שטאַנדהאַפטיק נאָר דעמאָלט, ווען ס׳קומט צו מאַכן מלחמות און איבערלאָזן עגונות... דער מאַנסביל איז מ׳שטיינס־געזאָגט דער אויפטוער און מיר זענען דאָס שוואַכע געשלעכט, האָ? אָבער גלויבט מיר, יעדער זכר האָט ווייניקער געדולד ווי אַ פרוי ,איבערצוקומען אַן אָפּע־ראַציע, אַ פאַרלוסט אין געלט אָדער אַפילו אַ פאַרבאָטענע ליבע... מיר זענען דאָך דערוואַקסענע מענטשן, מיסטער גערשט, מעג מען רעדן... ס׳אומגליק פון דער וועלט איז וואָס די מענער גילטן פאַר וועלף און די פרויען פאַר שעפּסעלעך,

וואָס ווערן נעבעך פּאַרצוקט. דער אמת איז, אַז יאַדזשאַ האָט אַליין אַרויסגערופן דעם וואָלף...

ראובן גערשט האָט אומבאַקוועם זיך אַ דריי געטון אויפן שטול מיט אַ פּאַר־שולדיקטער מינע. ער האָט פּאַרזוכט אַ מאַנדל און געזאָגט:

— יאַדזשאַ איז אַ שטיפערקע. דאָס איז איר שוואַכקייט... זי מיינט נישט צו פּאַרנאַרן קיין מענער. מענטשן טייטשן אויס שלעכט איר לוסט נאָך פּאַר־ווײַלונג. מיסטער יאַגאָדע האָט אויף איר אַן איינפלוס און פון די ירושה־ביזנעס איז זי אויך געוואָרן אַביסל באַרוישט. איר האַלט, אַז זיי ביידע זענען געווען נאָענט?

רייטשל האָט אַרײַנגעוואָרפן אַ ראָזשינקע אין מויל און מיט אַ שטעכיקן בליק צוגעטראָגן דאָס שיסעלע צום גאַסט.

— נאָך אַלץ פּאַרליבט? וואָס? מיט אַזאַ סאָלדאַט ווי איר, מיסטער גערשט, קען מען אין מלחמה נישט גיין... אַז איר לאָזט אויף יאַדזשאַן קיין קרום וואָרט נישט פּאַלן, איז עס אייער זאַך! אָבער, אַז אירט מיר דערציילן וועגן איר אומ־שולד, וועל איך מיט אייך זיך קריגן! איך בין אַ גאַסטפרײַנטלעך מענטש, מיס־טער גערשט. אָבער צו וואָס זייט איר היינט געקומען אַהער? בעטן לאַסקעס אָדער פּאַרלאַנגען וואָס אייך קומט? יאַדזשאַ מיט מײַן מאַן זענען הינטער מײַנע פּליי־צעס געווען קוצעניו־מוצעניו... דער שטאַרקסטער מאַנסביל ווערט לייכטזיניק, ווען אַן אַרומלויפּערקע פּאַרנאַרט אים אין אַ פּאַסטקע. און מײַן מאַן איז נישט פון די שטאַרקע.

— איך זע, איר האָט נישט קיין פרײַלעכע מיינונג וועגן ביידע געשלעכ־טער. כ׳על וועגן דעם זיך נישט שפּאַרן, כ׳מוז מודה זיין, אַז כ׳בין אַ פּאַרליב־טער נאַר... איצט זע איך, ס׳איז געווען פּריצייטיק פון מײַן זייט צו קומען אַהער, אַז איר זאָלט ווירקן אויף מיסטער יאַגאָדע...

— אַן אָנגעלייגטער גאַסט איז קיינמאָל נישט צו פרי. אָבער, אַז כ׳זאָל ווירקן אויף מײַן מאַן, דאָס איז הוילע משוגעת! איסר איז איצט יאָ מײַן מאַן און נישט מײַן מאַן. ס׳אַ צעריסן לעבן... כ׳האָב איבער אים איצט אַזאַ דעה ווי איבער מײַן איטאַליעניש אייז־מאַן, דער איטאַליענער ווייס כאָטש וואָס ער פּאַרקויפט. אָבער פרעגט בחרם מיט וואָס האַנדלט איסר? מיט גרים? מיט תשמישי קדושה? כ׳ווייס אייך זאַך, ער איז תמיד געווען אַ קנאַפּער פּרנסה־געבער. און כ׳בין גע־ווען גוט באַרעכנט, וואָס כ׳האָב נישט אַנגערירט מײַנע פּאַר סענט אין באַנק...

— דאָס איז פּאַר מיר אַ נייעס, מיסעס יאַגאָדע.

— אויב איר זייט געקומען זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, מיסטער גערשט, האָב איך שוין צופיל געזאָגט און צו ווייניק געהערט... איר ווילט מײַן עצה? וואָרן איך אייך, שיקט זי אוועק! יאַדזשאַ איז קליגער פּאַר אונדז ביידן. זי האָט זיך פלינק אַמעריקאַניזירט. די טריפהנע פירעכצער פון דעם לאַנד האָט זי גוט איינגעביסן! איר קענט נאָך נישט אַמעריקע. דאָ מעג אַ מויד אָפּטון די ערגסטע שטיק און דערנאָך וועט זי ערשט מאָנען געלט פּאַר אַ צעבראָכן האַרץ! אַז כ׳דער־מאָן איר נאָמען, נעמט אַלץ אין מיר קאָכן. אַנטשולדיקט פּאַרן אויסדרוק, אָבער זי איז אַן אמתער אויסוואורף. מײַן הויז האָט זי רוינירט און איסרן האָט זי גע־

מאַכט פאַר אַ הײמלאָזן מענטש... אַז מאַן און װײַב קענען זיך גטן, מעגן חתן־כלה אַוודאי זיך צעגײן. כ'הער, זי האָט שוין אויך פאַרדרײט דאָס קעפּל דעם יתום פון קעמדען. אַלץ די משוגענע ירושה! פאָלגט מיך, איר זײט אַ צו אײדעלער מאַן פאַר יאַדזשאַן, מיסטער גערשט, זי איז אַ גאָלד־גרעבערין און אַזאַ אײנע יאָגט זיך ס'גאַנצע לעבן נאָך יאָקלס מיט געשװאָלענע באַנק־ביכלעך.

— 2 —

רײטשל האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, אין די אויערן פון אַ פאַרליבטן חתן איז דאָס צופיל אַרײנגערעדט. זי האָט דערלאַנגט גערשטן דאָס שיסעלע מיט ראַזשינקעס, צוגערוקט דעם טעלער מיט פרוכטן און געהאַט פאַרדרוס, װאָס ער פאַרזוכט פון קײן זאַך נישט. בײם אויסדרײען זיך האָט זי מיטאַמאָל דערזען איר אָפּבילד אין דעם באַלױכטענעם שפּיגל. אין די אויגן האָט געגלימערט אַן אויסגעלאָשענער צאָרן, אויפן פּנים האָבן אַרויס־געשלאָגן אַלע חנען, װאָס װעקן סימפּאַטיע צו אַ פאַרגעסענער פרוי. די זײל־בערנע אויערינגען האָבן זיך געבאָמבלט מיט אַ ציטערניש. די קאָראַלן האָבן געמיניעט צװישן געלבליך און באָרדאָ־קאָליר. טיף איבערן אָפּגעדעקט האַלדז האָט געפּעלט די פּערל־בראָש.

רײטשל האָט, קוקנדיק אינעם שפּיגל, באַשטעטיקט, אַז זי איז אײנזאַם פּונקט װי אירע ברידער. נײטן מיט זײנע װײַבער איז, נאָך אַלעם, אַן עלנטער מענטש. ראַלף, דער דאָקטאָר װאָס מאַכט גליקלעך פאַרזעסענע פרויען, איז אַ מאַנסביל, װאָס זוכט אַ באַהעלטעניש פון דער לאַנגװײליקײט. די אײנזאַמקײט איז אין דער משפּחה. אָבער צומײסטן שלעפּט זיך דער טרויער איר נאָך.

זי האָט אָפּגעמאָסטן גערשטן און נישט פאַרטראָגן זײן קאַלטע העפלעכ־קײט. װאָס איז מיט די הײנטיקע יונגעלײט, װאָס קומען פון יענער זײט ים? זײ פּאַקן נישט און מאָזלען נישט און דאָך װײנט פון זײ אַרויס אַ מרה שחורה! האָבן די צרות אין יוראָפּ אָפּגעטויט בײ זײ דעם פאַרלאַנג נאָך פאַרװײלונג? זי האָט געהאַט אַ באַגער, ער זאָל מיט איר אַ שטיף טון צי גאָר אָנהויבן פונדאָסנײ אַ פלוידערײ. דאָס אומגליק איז אָבער, װאָס עס פעלט דעם גאַסט די אָנגרײַ־פערישקײט פון אַ יונגן, שטאַרקע מאַנסביל.

רײטשל איז אַרײַן אין קיך און איז צוריקגעקומען מיט אַ פלאַש שליװאָװיץ. זי האָט אויך געטראָגן אַ טעצל מיט צעשניטענעם האָניק־לעקעך. זי האָט אַװעק־געשטעלט צװײ קעלישקעס, אָבער גערשט האָט געמאַכט אַ באַװעגונג זיך אויפ־צוהײבן. אויס באַװאָרעניש, אַז דער גאַסט װעט נישט אַנטלױפן האָט זי אָנגע־פילט די גלעזלעך. זי האָט אים געקוקט אין די אויגן. איר בליק איז געװען אַ הונגעריקער. פונעם בליק איז פּלוצים געװאָרן אַ באַגער, אַז דער פרעמדער מאַן זאָל זי אַרומנעמען. זי האָט זיך נישט געװוּנט, װען ער האָט אַרײנגעכאַפּט אירע פּוכיקע פינגער אין זײן האַנט און זיך פאַרענטפערט, אַז ער טרינקט נישט. זי האָט געקראָגן פאַרחלשטע ליפּן, װען ער האָט לײכט אַ דרוק געטון אירע

אָרעמס. אין דעם באַריר איז געווען אַ ווייטע אַנצוהערעניש, אַז זי איז געצוג פּריש פאַר אירע יאָרן. דער לאַנגער, גלימערדיקער בליק, וואָס זי האָט אָנגעהאַנגען אויף זיין אומרו׳יק פּנים, האָט זי אַריינגעטריבן אין אַ צושטאַנד פון פאַרגעסנ־קייט. מיטאַמאָל האָט זי האַסטיק אויסגעשטרעקט צו אים דעם טעלער פּרוכטן.

— איר וועט נעמען אַן עפּל?

— כ׳מוז שוין גיין. מ׳וואַרט אויף מיר...

רייטשל האָט אין איילעניש אַ הויב געטון איר גלעזל און אויסגעטרונקען מיט איין צי. גערשט האָט איר נאָכגעטון. ביי רייטשלען זענען די אויגן איבער־געלאָפן מיט טרערן. זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דאָס טרינקען קומט איר אָן גרינג. זי האָט געשמייכלט.

— איר ווייסט, מיר קענען זיך קוים. נאָך די אַלע באַגעגענישן האָט איר נאָך גאָרנישט דערציילט וועגן אייערע וואַנדערונגען.

— די געשיכטע איז נישט ניי. כ׳בין איינער פון אַ מיליאָן...

— פאַר מיר וועט עס שטענדיק זיין ניי. נאָך דעם גאַנצן רעש לעבט מען דאָ אין אַ הינערפּלעט, די וועלט־פאַרזאָרגער רופן מיטינגען, אָבער מ׳ווייס נישט וועמען זיי ווילן העלפן... שלוחים פאָרן איבער דער וועלט, אָבער כ׳האָב נישט קיין חשבון פאַר וויפיל פליכטלינגען זיי האָבן גרינגער געמאַכט דאָס לעבן. און צוליב וואָס מוזן מיר, די וואָס זענען געבליבן געשווינט, זיך אַזוי פּייניקן? מיר זענען געווען מזלדיק און ס׳מזל מוז מען אויסנוצן. כ׳זאָל נישט געשטראָפט ווערן פאַר די רייד, די טויטע שלאָפן דעם אייביקן שלאָף און די לעבעדיקע מוזן זיך ווייטער מוטשען... מתים קען מען בלויז אָפּגעבן ערע דורך אויפשטעלן מצבות אויף די קברים.

— איר זענט עגאָיסטיש, מיסעס יאַגאָדע.

— הלוואי וואָלט איך עס געווען פר׳ער, וואָלט מען ביי מיר נישט אויסגע־כאַפּט יעדע געלעגנהייט. כ׳בין צו דעם אמת דערגאַנגען צו שפּעט...

ווען רייטשל האָט נאָכאַמאָל אָנגעפּולט די גלעזלעך, איז גערשט שוין גע־ווען אויף די פיס. ביידע האָבן זיך איבערגעקוקט, אין איר מוח, ווו ס׳האָט זיך געררויכערט אַ דינער נעפּל, האָט זי אָפּגעשאַצט די ווערט פון גערשטן מיט זיין כלה. זי איז געקומען צום אויספיר, אַז זיי זענען ווייט איינס פון ס׳אַנדערע ווי טאָג פון נאַכט. גערשט איז באַלאָדן מיט פליכטן, ער איז רירעוודיק און אומרו׳יק און יאַדזשאַ איז לייכטזיניק מיט אומאָנשטענדיקע פאַרלאַנגען. עס זעט אויס, אַז די פאַרפירערין איז גאָרנישט דערשלאָגן פון די ביטערע איבערלעבענישן, כאָטש זי האָט מיט איר חתן צוזאַמען זיך געוואַלגערט אין די נאַצישע לאַגערן. ווי אַ באַרג וואָס שפּייט מיט פייער האָט זי זיך אַריינגעריסן אין דעם נייעם לאַנד און אפשר דאַרף אַ פרוי אַזוי זיין? אַ טרויעריקער מענטש זאָל גאָרנישט געבוירן ווערן! אַ קוואַל מיט לוסט ברענט אין איר! אַן אויסטערלישע פריד יאָגט פון איר געמיט און ווען זי באַגעגנט זיך מיט מענער, ווערן זיי פאַרכאַפּט פון איר משוגענער לוסט.

— 3 —

רייטשלען איז נישט קלאָר געווען וואָס פֿאַראַ כח ס׳ציט זי צו דעם יונגג־מאַן, וואָס האָט אומגעריכט זיך באַוויזן אין איר הויז און איז איצט שוין גרייט אַוועקצוגיין. איז עס געווען פֿאַרליבעניש? ווי לייכטזיניק וואָלט געווען דאָס אַנצורופֿן מיט דעם נאָמען! איז עס בענקעניש? ווער האָט איר געגעבן דאָס רעכט זיך אַליין צו פֿאַרוויגן אין אַ וועלטל פֿון איינרעדענישן? אפֿשר איז דאָס צייט־פֿאַרטרייב? דער לעצטער אויספֿיר וואָלט געווען אַ שווערע אָנקלאָגע קעגן איר אַליין. נאָך אַלעם איז זי נישט געקומען פֿון שפּיטאָל אַהיים זיך צו אַמוזירן ווען איסר איז געבליבן אונטערן מעסער.

זי האָט געקוקט אויף גערשטס ווייס, געקראָכמאַלעט העמד מיט דעם שוואַרצן שניפּס. זי האָט צוגעטראָגן דעם קעלישעקל צו די ליפּן און געוואַרט, ער זאָל ווידעראַמאָל איר נאָכטון. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זיינע אויגן לאַכן און דאָס גערלעכטערל האָט זי אָנגעשטעקט. זי האָט אים דערלאַנגט דעם מאַנטל און ער האָט אומגערן אָנגערירט די שפּיצן פֿון אירע פֿינגער. זי האָט דערשפּירט אַ בריִעניש איבער איר לייב. רייטשל האָט זיך געוואָלט באַפֿרייען פֿון זיין בליק, אָבער זיינע אויגן האָבן זי געהאַלטן ווי אַ מאַגנעט. אין איר וואָק־לעניש איז זי צופֿרידן געווען וואָס אַלע זיינע טענות צו איסרן בלייבן שטום אויף די ליפּן. ווי שווער וואָלט פֿאַר איר געווען צו ענטפֿערן אויף מאָנונגען, אויב ער וואָלט איר איצט די מאָנונגען געשטעלט. פֿאַר וועמען פֿירט דער פֿאַר־ליבטער נאַר אַ מלחמה? פֿאַר יאַדזשאַן? דער יונגערמאַן איז שוואַך און זי, רייטשל איז עלנד. וואָס פֿאַר אַ אויסטערלישער צוזאַמענטרעף! ס׳אַראַ רעטעניש דאָס לעבן איז! צי געוועלטיקן טאַקע איבער איר אומגעזעענע כוחות? פֿאַסירט דען נישט אַז צוויי פֿרעמדע, געפּייניקטע, ווערן פּלוצים פֿון אומענדלעכע ווייטקייטן צונויפֿגעפֿירט דורך אַ צופֿאַל?

גערשט איז געשטאַנען אין קיך, גרייט אַרויסצוגיין. רייטשל, אַ צעפּלאָמטע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם ביישטידל ווי זי וואָלט פֿאַרשטעלט די טיר.

— איר איילט זיך טאַקע?

— כ׳מוז גיין. כ׳גיי טרעפֿן מיין שותף אויף סעקאָנד־עוועניו. ער האָט בילעטן אין יידישן טעאַטער. די בעסטע פֿאָרוויילונג איז צו זען שפּילן טעאַטער.

— מיר אַלע שפּילן טעאַטער... כ׳וויל, איר זאָלט נעמען מיין וואָרענונג ערנסט, מיסטער גערשט! כ׳ווייס נישט פֿאַרוואָס, אָבער אין אייערע זאָרגן האָב איך אַ חלק... כ׳מיין בלויז אייער גוטס, יונגערמאַן.

— אַ שיינעם האַרציקן דאַנק. איצט ווייס איך ווי כ׳האַלט אויף דער וועלט.

— איר׳ט פֿון גאָרנישט פֿאַרזוכט און איך בין מיט גאָרנישט אָרעמער געוואָרן.

— איך וועל עס פֿאַרריכטן אַ צווייט מאָל.

— פֿאַרגעסט נישט מיין אַדרעס. איכל וואַרטן!

די טיר, וואָס האָט זיך צוגעמאַכט פון יענער זייט קיך, האָט אויך צוגע־מאַכט איר וועלטל. זי האָט דורכגעשפּרייזט דאָס עס־צימער און איז אַריין אין איסרס אַלקער.

די ברוין־געפאַרבטע ווענט פון ביידע זייטן פענצטער זענען געווען פאַר־שטעלט, ביז איבער דער העלפט, מיט פּאָליצעס ספרים, וואָס טייל געליישטע רוקנס זענען פון אַלטקייט שוין געווען אָפּגעשונדן. אויפן אָוואַלן דריי־פוסיקן טישל אינמיטן אַלקער, באַשלאָגן מיט רויטן געוואַנד, איז געשטאַנען אַן אילוס־טרירטער לוח אין אַ הילצערנער בצלאל־ראַם. ס׳איז דאָרט געווען אַ הוק מיט אַרויפגעשטאָכענע קוויטונגען. ס׳איז געשטאַנען אַ קני־לאָמפּ מיט אַ ברייטן טינט־פאַס און דער טעלעפאָן. אין דעם מעשענעם בריוו־האַלטער האָבן געשטעקט עטלעכע אַדרעסירטע קאָנווערטן. אויפן גרינעם לעש־פּאַפּיר זענען געלעגן צע־שאָטענע געלע בייגעלעך פּאַפּיר, אַן אָפּן קאָנטאָ־בוך און אַ פּאָר פאַרשניצטע בלייפעדערס.

רייטשל האָט צוזאַמענגעלייגט די בייגעלעך פּאַפּיר און אַ זיפץ געטון. דאָ האָט איר מאַן געפירט זיין בוכהאַלטעריע... ער האָט אַזוי לאַנג געפירט זיינע חשבונות, ביז ער האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ און זיך פאַררעכנט. זינט זי האָט אים אַרויסגעשיקט פון הויז איז אַלץ דאָ געבליבן שטיין אויף דעמזעלבן אָרט.

דאָס טינט־פאַס,די בלייפעדערס, דער בריוו־האַלטער. אַפילו דער שוואַרצער ווייזער אויפן וואַנט־זייגער האָט זיך געהאַט פאַרהאַלטן אויף דעם אָפּגעריבענעם ציפער דריי. אין דעם לוח זיינעם זענען געווען פאַרשריבן די צאָל חופות. אויפן טעלעפאָן האָט ער זיך געקריגט מיט די קאָנקורענטן. ביים שיין פון דער קני־לאָמפּ האָט זי תמיד אים געקוקט אין די אויגן אַריין און געפאָרשט זיינע באַ־האַלטענע געדאַנקען.

רייטשל האָט געשנאַפּט פון איין ווינקל צום צווייטן מיט אַ מינע ווי זי וואָלט געזוכט געהיימנישן. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ הויך הילצערן שענקל פון ווייך־קאָליר. פון דעם געשניצטן געזימס האָבן אַראָפּגעקוקט אַ קליינע בראָנ־זענע מנורה, אַ מעשענער מערזל מיט אַ שטויסל, אַ קופערן פענדל מיט גראַ־ווירונגען און אַ זילבערנע אתרוג־פושקע. דאָס אַלץ האָט איסר אָנגעשלעפּט פון עלעך־סטריט. צו וואָס האָט ער אָנגעקויפט די אַלע יקר־המציאותן? ער האָט אַזוי לאַנג געזאַמלט אַנטיקן ביז ער׳ט זיך איינגעקויפט דעם גרעסטן אַנטיק... יאַ־דזשאַן.

אַ פאַראומערטע האָט זי געקוקט איבער דער רעכטער ספרים־פּאָליצע, וווּ פון אויבן זענען געהאָנגען די שוואַר־גראַמטע בילדער פון איסרס פאָטער און מוטער. זי האָט אַריבערגעפירט דעם בליק צו דער סטעליע, וווּ פונדערמיטן איז אַראָפּגעהאָנגען אַ לאָמפּ ווי אַ גרויסע געדרייטע באַרנע. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אַרויסגערוקט אַ פאַרשטעקטע פּאָליצע מיט קאַראַפינקעס, אַ פּאָר קריג־לעך ווייק, היימישן ווישניאַק און אַ פלאַש שליוואָוויץ. פאַר וועמען האָט איסר דאָס אַלץ געהאַט באַהאַלטן?

רייטשל האָט געזען ווי אויף יעדער זאַך אין אַלקער ליגט שטויב און ווי שטויב וועט עס פאַרגעסן ווערן — וואָס פאַראַ איינזאַמער אָונט איז דאָס געווען!

און וואָסערע אויסטערלישע געסט זי האָט היינט דאָ געהאַט! נתנקע פֿאָדערט זי זאָל צוריקרופֿן איסרן און גערשט בעטלט מ׳זאָל אים צוריקגעבן זיין כלה. פֿאַר־וואָס אַנטלויפֿט זי נישט פֿון די מענטשן און גייט נישט אַוועק אין אַ טאַנץ־זאַל צי אין אַ שידוכים־ביוראָ?

ביים פֿענצטער האָט זי אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אָן דער שויב. אינדרויסן האָט דאָס פֿינצטערניש פֿאַרדעקט די שטערן און פֿאַרהילט די לבנה. נאָרפֿאָלק־סטריט איז געלעגן אָן אויסגעלאָשענע. פֿון יענעם עק גאַס, ביים אַריינדריי צו דילענסי־סטריט האָבן געבליצט די ליכט פֿון אַ מוווי־הויז. די עלקטרישע שילדן האָבן געפֿלאַקערט. די גליִענדיקע לעמפּלעך האָבן געבלינקט מיט אַ פֿאַרפֿירע־ריש רופֿעניש.

אַ רגע איז רייטשל געשטאַנען אין קווענקלעניש. זי איז אַרויס פֿון אַלקער און געעפֿנט די קליידער־שאַפֿע. מיט דעם פֿוטער־זשאַקעט אויף די הענט האָט זי זיך געלאָזט צו דער קיך. אויפֿן וועג צום אַרויסגאַנג האָט זי פֿאַרלאָשן איין לאָמפּ נאָך דעם אַנדערן. עס האָט זי איצט געפֿרייט, וואָס זי וועט אַריינגיין אין די מוּוויס. זי וועט אַריינשפּאַצירן אין אַ וועלט, וואָס איז פֿאַרמאַכט אויף כישוף־שלעסער. אָבער די שלעסער פֿאַלן, די טויערן פּראַלן אויף און רופֿן די עלנדע און פֿאַרגעסענע.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

— 1 —

אויפֿן אָפּעראַציע־טיש האָט איסר יאַגאָדען זיך אויסגעדוכט, אַז ער חלומט. כאָטש ער איז געלעגן שטייף, די הענט צוגעבונדן מיט רימענס און דאָס פּנים אויסגעשטרעקט צום וואַנט־זייגער אַנטקעגן, האָט ער קלאָר געוווּסט, אַז ער איז אַ נישטיק ווען אין דעם ווייטן, אויסגעשטרעקטן אין סוף. די צייט איז אויס־געראָנען און דער רוים האָט קיין האַפֿט נישט געהאַט. פּיין און פֿאַרגעניגן זענען קיינמאָל נישט באַשאַפֿן געוואָרן. טרויער און פֿרייד זענען געווען אויסער עק־זיסטענץ. אַן אויסטערלישע רוּיִקייט איז געפֿלאָסן איבער זיינע אָפּטעמפּטע גליי־דער און עס האָט אים נישט געאַרט וואָס זיין גוף ליגט אויפֿן טיש הפקר, ווי אויף אַ יאַטקע־קלאָץ.

ער האָט געשפּירט ווי די קראַנקן־שוועסטער שטייט צוקאָפּנס און באַנעצט נאָכאַנאַנד זיינע ליפּן מיט אַן איינגעווייקט טיכל, איין יונגער דאָקטאָר מיט אַ לייוונטענער מאַסקע איבערן פּנים האָט צערטלעך געריבן זיין שטערן, אַ צווייי־טער האָט אים געפּעטשלט איבער די באַקן ווי ער וואָלט אים געוואָלט אַרויס־שלעפּן פֿון אַ הינער־פּלעט. מוז מען אים טאַקע כסדר וועקן צום לעבן? — האָט אַ קול ווי פֿון דרימל אַרויס אים געפֿרעגט — מוז מען אים מונטערן פֿון דער לעטאַרגיע? געדאַנקען קומען און גייען. איינפֿאַלן בליצן אויף, דער מח הערט

נישט אויף צו טראַכטן, און אַז מ׳טראַכט — האָט אַמאָל אַ דענקער באַשטעטיקט — מיינט עס, אַז מ׳עקזיסטירט.

פון די קנעכלעך ביז איבערן בויך איז זיין קערפּער געווען אָפּגעשטאָרבן, די אַנאַסטעזיע־נאָדלען אין רוקן־ביין האָבן אָפּגעטעמפּט אַלע אברים. די לעב־לעכע פליסיקייט האָט איינגעפּרוירן יעדן לעבעדיקן צעל און נערוו. זיינע אויגן האָבן געגלאָצט אויפן ציפער־בלאַט פון וואַנט־זייגער, דאָס געהער האָט איינגע־זאַפּט דעם געלאַסענעם טיק־טאַק, אָבער די ווייזערס האָבן זיך קוים באַוועגט. ס׳איז אַ לאַנגזאַמע, אימהדיקע גסיסה — איז אים דורכגעלאָפן אַ ווילדער געדאַנק — און איך האָב אפילו נישט די קראַפט זיך צו ווערן.

זיינע אויערן האָבן פאַרנומען אַ שטיל פליסטערן, ווי מיילער וואָלטן זיך איבערגעגעבן סודות. יענע, אין וועמענס הענט ער האָט איבערגעגעבן זיין גוף, זענען געווען אין גרויס איילעניש. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן ,אַז דאָס שטילע, געדעמפּטע קול פון דעם כירורג גיט אַרויס באַפעלן, אָבער די אַסיסטאַנטן אַרום זענען נישט גענוג געשיקט. ער הייסט זיך דערלאַנגען אַ שער, אַ צוואַנגל, אָבער עפּעס קען מען די אינסטרומענטן גלייך נישט געפינען. ער וואַרט מ׳זאָל אים צוטראָגן אַ פלעשל מיט פליסיקייט אָפּצושטעלן דעם שטראָם בלוט, וואָס ריזלט פון דער ווונד און פאַרגיסט דאָס ליילעך, אָבער די אויסגעשטרעקטע הענט באַ־וועגן זיך צו לאַנגזאַם. דער כירורג פאַרלאַנגט גאַזע, דראָטענע פעדים, אַ באַנ־דאַזש, אָבער די אַרויסהעלפער זענען כסדר הינטערשטעליק. נאָך אַ חסד וואָס כ׳זע נישט ווי מ׳צעטרייבערט מיך — איז איסר יאַגאָדע געוואָרן אומרויק — כ׳על נאָך אויסגיין אונטער זייערע הענט, אַזוי וועט מען מיך דאָ צערעכט מאַכן!

ער האָט געשפּירט ווי מען שניידט זיין פלייש, אָבער ס׳האָט זיך אים אויס־געוויזן, ווי מ׳וואָלט נישט זיין בויך געעפנט. ער האָט געוווּסט, אַז די שער קריכט אונטער זיין הויט, אָבער ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, ווי אימיצער וואָלט גע־שוירן שאַרטעקע פּאַפּיר... ס׳איז קיין ספק נישט, אַז מ׳צאַפּט פון אים עמערס בלוט, ווי אויסטערליש! די רויטע פייכטקייט האָט צומאָל נישט געבריט און נישט געקילט.

וואָס איז מיט אים? פאַרוואָס ליגט ער ווי אַ קאַלטער שטיק קל וחומר? אפשר זאָל ער טאַקע פליסטערן אַ פּאָר פּסוקים תהלים? ווו איז די אַנגסט, וואָס באַפאַלט דעם פאַרמשפּטן, ווען זיין אָרעמער גוף וואַרט אויפן טויט? אַפילו דעם באַגער פון ווידערשטאַנד האָט מען ביי אים אָפּגעטויט... צו באַווייזן, אַז ער האָט נאָך ווילנס־כוח, האָט ער פּרובירט זיך לייכט אונטערצוהויבן. פון דער אָנ־שטרענגונג האָט אים אַרויסגעשלאָגן שוויס אויפן שטערן, דער קאָפּ איז אָנמעכ־טיק צוריקגעפאַלן אויפן געוואַנט. ער האָט לייכט אַ זיפץ געטון. ער האָט דער־שפּירט דעם בר׳ענדיקן אָטעם פון דער קראַנקן־שוועסטער. זי האָט באַנעצט מיטן טיכל זיינע ליפּן און זיך צוגעבויגן צו זיין רעכטן אויער.

—באַלד וועט זיין נאָך דער אָפּעראַציע, מיסטער יאַגאָדע... נאָך אַ קליין ביסעלע געדולד. מ׳עט אַרויסוואַרפן דעם שטיין דורכן פענצטער און פאַרנייען די ווונד...איר זייט אַ בראַווער פּאַציענט...

— ס׳אַ וויץ... מ׳האָט טאַקע געפונען ביי מיר אַ שטיין?

— יאָ, דאָס שטיינדל האָט די פאָרם פון אַ גרויסער פּאַסאַליע און די וואָג איז אַוודאי אַ פערטל פונט... פאַרהאַלט זיך רויק, מיסטער יאַגאָדע. כ׳וועל אייך דאָס שטיינדל שפּעטער ווייזן...

איסר יאַגאָדע האָט אונטערגעהויבן די וויִעס. די קראַנקן־שוועסטער איז געווען אַן איידעלע און אַ דינע, מיט אַ פיגור, אָנגעצויגן ווי אויף שפּרינגפעדערס. איר בלייך פּנים האָט געהאַט דעם קאָליר פון דעם בלענדנדיקן געוואַנט, אָבער די ברוינע אויגן זענען געווען שטראַלנדיקע און פון די געשמינקטע ליפּעלעך האָט געבלאָזן אַ וואַרעמקייט. פון אָט דער נוירס קען מען צומאָל הערן אַ צערט־לעך וואָרט — האָט אַ געדאַנק אויפגעשטראַלט ביים חולה — די אַנדערע אַרום מיר שטייען ווי פאַרגרעבטע גולמס. זי איז נישט קיין יפה־פיה, די נוירס, אָבער איר האַלדז האָט געמעגט זיין באַצירט מיט אַ מעדאַליאָן, און אירע פינגער דאַרפן באַדעקט ווערן מיט רינגעלעך. בלי נדר, ווי נאָר ער׳ט זיך שטעלן אויף די פיס, וועט ער איר קויפן אַ מתנה. דערפאַר וועט זי טאָג און נאַכט מוזן אויסהערן זיינע טענות אויף די פירעכצן אין שפּיטאָל. זי׳ט אים שוין איינמאָל אויסהערן! זי האָט אינטעליגענץ און געדולד. עס פעלט איר אַוודאי וויסן ,אָבער זי זעט אויס צו זיין פאַרנינפטיק. ווי שטייט אין משלי: אוהב מוסר אוהב דעת ושונא תוכחת בער... דער, וואָס האָט ליב וויסן, האָט ליב מוסר, אָבער דער פאַרגרעבטער האָט פיינט שטראָף...

ער האָט אַריבערגעטראָגן דעם בליק איינמאָל אַהער, איינמאָל אַהין און ווידעראַמאָל באַשטעטיקט, אַז די וואָס שטייען אַרום אים, זענען נישט קיין איי־דעלע מלאכים, נאָר בייזע וועכטער. דאָס דאָקטאָרל רעכט־צו, וואָס פּעטשלט אים איבער די בעקלעך, האָט אַ ברייט גאַווהדיק פּנים מיט אַ קורצער נאָז און קליינע טעמפּע אויגן. און דער צווייטער דאָקטאָר, לינקס־צו, וואָס רייבט אים דעם שטערן, ר׳זאָל נישט אַריינפאַלן אין אַ הינער־פלעט, האָט גרוילעכע אויגן, וואָס טרייבן שפּאָס פונעם כירורג און פון זיין פּאַציענט. זיינע פאַרזיגלטע ליפּן בלאָזן מיט אַזאַ זעלבסט־הנאה, ווי ער וואָלט ביז איצט נאָך נישט געהאַט קיין מחלוקת מיט דער וועלט.

אַ שיטערער נעפּל האָט פאַרווישט די פּנימער פון די דאָקטוירים, פון דער נוירס און פונעם וואַנט־זייגער. ער האָט צוגעשלאָסן די וויִעס און מיטאַמאָל האָט ער זיך דערזען אין דער וויג.

— 2 —

נאָך איידער ער האָט זיך אַנטוויינט פון דער מאַמעס מילך, האָט איסר גע־האַלטן אָפּט אין קרענקן. זיין מאַמע, דעם דיינס טאָכטער, אין דעם שטעטל קאָוואַל, האָט געהאַט פולע בריסטן פון אַן אַם, אָבער צו איר בן־יחיד האָבן זיך צוגעקלעפּט אַלע קינדער־חולאתן. שאַרלאַך איז פאַרלאָפן די מאָזלען. הויט־אויסשיטעכץ האָט אַריבערגעיאָגט אַ בלוט־אַנטצינדונג. דאָס עופּהלע איז נישט געשוינט געוואָרן פון קייך־הוסט און פון מאַטעריע־בלאָטערלעך אַרום די אויגן.

די פאַרצווייפלטע מאַמע האָט אים נישט אַרומגעטראָגן אויף די אָרעמס און דאָס קינד איז פון פאַרקייכן זיך געוואָרן בלוי ווי אַ מילץ. דער פעלדשער האָט אים געברענט די הויט מיט הייסע באַנקעס, גאָטפּאַרכטיקע ווייבער האָבן אָפּגע־שפּראָכן אַ בייז אויג. די באַבסקע רפואות זענען נישט פאַרשוווּנדן פון הויז דורך לאַנגע חדשים, ביז מען האָט איינמאָל דערזען, אַז ס׳קינד איז חרוב פאַרביי און מ׳האָט אַרויסגערופן פון דער נאָענטסטער גרויס־שטאָט דעם דאָקטאָר זאַיאָנץ.

דאָקטאָר זאַיאָנץ, אַ זקן פון אַריבער אַכציק, איז געווען אַ קריסט און גע־האַט אַ שם פון אַ פּאַרצייטיקן בעל־מופת. ער האָט נישט געטרויט קיין אַפּטייקער און אַליין געמישט די מעדיצינען פאַר זיינע פּאַציענטן. ס׳איז געווען אַ ביטערע ווינטער־נאַכט, ווען דער זקן איז אָנגעקומען אין זיין געשפּאַנטער קאַטש. די זאַווערוכע האָט געשמיסן פון אַלע זייטן. דאָקטאָר זאַיאָנץ איז קוים אַריבער די שוועל פון שטוב און אויסגעטאַפּט דאָס אויסגעטריקנטע נפשל. ער האָט איבער־געציילט פיר חולאתן אויף אַמאָל און געזאָגט, אַז ס׳איז אַ גאָט־זאַך, וואָס ער איז אָריינגעפאַלן גראָד ווען ס׳קינד פּלאָטערט צווישן לעבן און טויט. אויב די חולאתן וועלן זיך באַקעמפן איינס ס׳אַנדערע, וועט דעם פּאַציענט געלינגען זיך אַרויסצודרייען פון דעם מלאך־המות. ער האָט געהייסן מאַכן דעם קינד אַ הייסע וואַנע און זיך אַוועקגעזעצט איבערוואַרטן דעם קריזיס.

— ס׳עט זיין אַהין צי אַהער — האָט ער געברומט און געזשמורעט מיט זיינע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן — אָדער ער וועט זיך באַנעצן אויף מיין קבר, אָדער ער׳ט זיך באַלד זען מיט די מלאכים אין הימל...

דער קליינער איסרל האָט די מלאכים אין הימל נישט געזען. דערפאַר האָט זיך אים אויסגעוויזן מיט יאָרן שפּעטער, אַז אויף דער ערד שפּאַצירן אַרום בלויז רשעים. די קינדערישע חולאתן זענען אַוועקגענומען געוואָרן ווי מיט דער האַנט, ביז ניין יאָר איז ער געוואַקסן אַ צאַרטער און מאָגערער. דער קערפּער האָט אָריינ־גענומען ווייניק שפּייז. ער איז געווען בלוט־אָרעם. דערפאַר איז זיין מח ביים לערנען געווען שאַרף ווי אַ חלף און היציק ווי אַ גליִענדיקע קויל. די נגידישע קינדער אין חדר, וואָס האָבן אים מקנא געווען פאַר זיין פלינקער תפיסה, האָבן געטריבן וועגן אים ליצנות, אַז ס׳בלוט, וואָס פעלט אים אין גוף, איז אים אָריין אין קאָפּ. ער׳ט נאָך אַמאָל קריגן די אַפּאָפּלעקציע...

יאָרן זענען פאַרביי. אַלע מיחושים זענען אָפּגעווישט געוואָרן. ביי דרייסיק יאָר האָט איסר אָנגעהויבן צו ווערן פעטלעך. דער מאָגערער קערפּער האָט אַרויפגענומען וואָג און מאָס. ביי פערציק איז ער געווען אַ בעל־גוף. די הענט און די פיס זענען געוואָרן שווער. דער בויך און די פּלייצעס זענען געוואָרן אָנ־געשוואָלן. ער האָט אָבער נישט געוווּסט פון קיין קראַנקייטן. דער איינציקער איבל איז געווען זיין האַרץ־ברענעניש, און דאָס האָט ער זיך פאַרשאַפט נאָך דער חתונה מיט רייטשלען. רייטשל האָט אים געקעכלט מיט פעטע מאכלים און איסר האָט אָנגעזאַמלט שמאַלץ. ער האָט אָנגעהויבן ליידן פון ברעכעניש, אָבער רייטשל האָט אים אָפּגערעדט פון גיין צו דאָקטוירים.

דאָס, וואָס ס׳ווייב האָט אים אָפּגערעדט, האָט אין אים געוועקט אַ פאַר־דאַכט, אַז זי וויל אים אויפריכטן אַ קרענק. דער פאַרדאַכט איז שטאַרקער גע־

וואָרן, ווען מען האָט אים געבראַכט אין שפּיטאָל נאָך דער נירן־אַטאַקע. אויפן קראַנקן־בעט האָט ער זיך דערזען אַן אָפּגעגאַרטער און פאַרלאָזענער, אָבער ווען ער האָט געפונען רייטשלען אין קאָרידאָר, איידער מ׳האָט אים אַרויסגעפירט אין אָפּעראַציע־צימער, האָט איסר מיטאַמאָל זיך אַרומגעזען, אַז רייטשל איז אַלע יאָרן געווען אַ געטריי ווייב. זי האָט זיך אַריינגעריסן אין שפּיטאָל, ווייל עס האָבן זי געטריבן אירע אַנגסטן...

דער נעפּל פאַר די אויגן איז ביסלעכווייז אויסגערונען און איסר יאַגאָדע האָט געהאַט אַ געפיל, אַז ער איז איצט פריי פון אַנגסטן. דער קאָפּ איז געווען קלאָר. ער האָט געהערט דאָס קלינגעריי פון אינסטרומענטן, אָבער ער׳ט געקענט שווערן, אַז מען רירט זיך נישט צו צו זיינס אַן אבר. אַ מענטש, וואָס ליידט פון אַנגסטן, איז ווי אַ פאַס אָנגעפּולט מיט פולווער. די פאַס, פונקט ווי דער גוף, קען אויפרייסן ווי נאָר מ׳וואַרפט אין איר אַריין אַ שטיין, אָדער מ׳שליידערט אַהינצו אַריין אַ ברענענדיק שוועבעלע.

מ׳האָט אויף אים, איסרן, געוואָרפן אַ סך שטיינער און ער עקזיסטירט. מ׳האָט געברענט די וואָרצלען פון זיינע האָר און ער לעבט. זיין גליק איז, וואָס ער האָט באַצייטנס אויפגעבויט אַרום זיך אַ פעסטונג, וואָס באַשיצט אים קעגן אַנגסטן, דווקא שרעק, כעס, ערגערניש, פאַרדרוס זענען גוטע פאַנצערס קעגן דער פּלאָג. אַלס קינד האָט ער צוריקגעשטויסן אַלע אָנגריפן. ער האָט נישט גע־ליטן פון קיין פּאָביעס און איז בייגעקומען דעם מלאך־המות. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר אַ הונט און אַ קאַץ, און געוווּנען אַלע שטרייטן. ווען ער האָט זיך באַנעצט אין דער וויג, האָט ער נישט געוויינט, און דערפאַר האָט מיט פּופּ־ציק יאָר שפּעטער צו אים זיך נישט צוגעקלעפּט קיין נעווראָזיע. משלי איז ווי־דער גערעכט: לב שמח ייטיב גהה ורוח נכאה תיבש גרם. אַ פריילעך האַרץ איז אַ גוטע רפואה, און אַ דערשראָקן געמיט טריקנט אויס דאָס געביין...

אַ העלקייט האָט מיטאַמאָל זיך געטראָגן איבער זיין קאָפּ. די סטעליע איז געווען פאַרגאָסן מיט ליכט. אַלץ האָט איצט אויסגעזען קלאָרער. דער ציפער־בלאַט אויפן וואַנט־זייגער האָט געבלענדט. די ווייזערס זענען געוואָרן באַוועג־לעכער. דער טיק־טאַק האָט געקלאַפּט ריטמישער. ווי קומען דאָ מיטאַמאָל אַהער טראַכטענישן וועגן זיינע חולאתן אין וויגל? וועגן זיין ווידערשטאַנד צו אַלע אָנגריפן אין זיין קינדהייט? און צוליב וואָס דאַרף ער איצט דעם משלי פאַר אַן עדות? די ריינע וואָר איז, אַז ער ליגט שוין אַ שעה אויסגעשטרעקט אויפן טיש און פרעמדע הענט שניידן פון אים פאַסן.

אין איילעניש האָט איצט אַרום אים געטענצלט די דינע קראַנקן־שוועס־טער. די דאָקטוירים אין זייערע ווייסע כאַלאַטן און ווייסע מאַסקעס האָבן זיך געיאָגט ווי העלע מחבלים. ער האָט געקענט הערן, ווי מ׳וויקלט איין דעם אונ־טערשטן האַלבן קערפּער אין באַנדאַזשן און מ׳פּאַקט אים איין ווי אַן אָנגע־שטאָפּטן זאַק. ער האָט געשפּירט אויף זיך די לעצטע באַרירונגען, און דער כי־רורג איז אים פאַרגעקומען ווי אַ שניידער, וואָס גיט די לעצטע שטעך אויף זיין פריש־אויפגענייטן בגד...

די דינע קראַנקן־שוועסטער, ווי אַ יונגע אַרויפגעשאָסענע פלאַנץ, האָט זיך באַוויזן ביי זיין רעכטן אָרעם. פון אירע ברוינע אויגן האָט אַרויסגעשטראַלט אַ בלאַסע פרייד. זי האָט, איבערבויגנדיק זיך, אים אַ טאָרקע געטון.

— פּאַרטיק, מיסטער יאַגאָדע! איר׳ט שוין צו לאַנג פאַרנומען דעם אָפּע־ראַציע־טיש. דאָ ווארט מען אין דער רייע... ס׳איז ווי אין געריכט־זאַל. די פּאַ־ציענטן ווערן געבראַכט פאַר דעם כירורג ווי פאַרן ריכטער... נעקסט קעיס!

— 3 —

איסר יאַגאָדע איז אָפּגעשלאָפן בלויז עטלעכע שעה. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געלעגן אין אַ קליינעם צימער, וואָס איז באַשטימט בלויז פאַר צוויי פּאַציענטן. דאָס בעט קעגנאיבער איז געשטאַנען ליידיק. די בלוי־געפאַרבטע סטעליע איז געהאָנגען נידעריק. די צוויי פענצטער זענען געווען שמאָלע. דורך די שויבן, וואָס זענען געווען האַלב פאַרשטעלט פון די טונקעלע ראָלעטן, האָט אַריינגעפלאָסן דאָס פאַרנאַכטיקע ליכט.

ער האָט זיך געפילט איינגאַנצן צעבראָכן. דער דורשט האָט פאַרברענט די ליפּן און אַרויסגערופן איבלעניש. איבער זיין צוקאָפּנס האָט געשלאָגן די היץ פונעם וואַנט־ראַדיאַטאָר. די אַנאַסטעזיע פון דער אונטערשטער העלפט קערפּער איז געווען אויסגעוועפּט און די פיס האָבן זיך שוין געקענט באַוועגן. דער רוקנ־ביין האָט געטרעשטשעט. ער האָט אָנגעטאַפּט די פאַלשע ציין אין מויל. ער האָט געוואָלט אָנרירן די באַנדאַזשן אַרום בויך און די שפּירונג פון דער אָפענער ווונד האָט אים פאַרשאַפט יסורים. כ׳ליג איינגעמאַרינירט ווי אַן אָפּגעפליקטע הון — האָט ער געברומט, — און מען דערלאַנגט אַפילו נישט קיין טראָפּן וואַסער. פאַרוואָס האָט מען געלעכערט ביי מיר דעם בויך, ווען ביי אַ נירן־אָפּעראַציע דאַרף מען גאָר שניידן דעם רוקן? מסתמא האָט מען אַנדערש נישט געקענט צוקומען צום שטיינדל. דער סוף איז, אַז די דינע נורס האָט מיך אָפּגענאַרט און האָט דאָס שטיינדל מיר נישט געוויזן. כ׳בין נייגעריק: וועלכע מויד וועט מיך דאָ באַדינען? איז דאָס, הייסט עס, מיין נייע קוואַרטיר? אַ פּריוואַט־צימער מיט מרה־שחורהדיקע ווענט. איינזאַמקייט איז אַ קאַטאַסטראָפע. און ווו איז דער אַנדערער פּאַציענט? וועט דאָ זיין סמוטנע צי פריילעך?

ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן בעט קעגנאיבער. ס׳איז געווען ציכטיק צוגעבעט מיט ווייסע ליילעכער און מיט אַ פלאַכן קישן. דערנעבן איז געשטאַ־נען אַ שטול. אויף דעם נאַכט־שענקל, וואָס איז געווען אַ מחיצה צווישן ביידע בעטן, איז אַ טערמאָמעטער געווען אַריינגעשטעקט אין אַ גלעזערנער רער, אָנ־געפולט מיט אַ ברוין וואַסערל.

די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט. ס׳איז אַריינגעקומען מיט אַ שטילן העלאָ אַ קראַנקן־שוועסטער, אַ פעסטע פרויענצימער מיט פולע אָרעמס און דיקע היפּטן. זי האָט געהאַט אַ לאַכנדיק רויט פּנים און אַ נאָז באַדעקט מיט זומער־שפּרינקעלעך, אין אירע באַקן זענען געווען אויסגעהוילט צוויי טיפע חן־גריבע־

לעך. אויפן ערשטן קוק האָט איסר יאַגאָדע נישט געקענט באַשליסן, צי זי איז אַן אידישע, צי אַ פּוילישע שיקסע. ער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ.

די קראַנקן־שוועסטער האָט צוערשט אַ קוק געטון אויף דער טאַבעלע, וואָס איז געהאַנגען צופוסנס פון בעט, און דערנאָך אויף דעם פּאַציענט.

— כ׳הייס ווירדזשיניאַ.

— אויב דו וועסט זיין אַ געדולדיקע נוירס, ווירדזשיניאַ, וועל איך זיין אַן אויסגעהאַלטענער פּאַציענט. כ׳וויל דיר שוין שטעלן צוויי פראַגן, ווירדזשיניאַ. פאַרוואָס קריג איך נישט קיין שלוק וואַסער, און ווו איז דער אַנדערער פּאַציענט?

די קראַנקן־שוועסטער האָט אַריינגעשטעקט דעם טערמאָמעטער אין זיין מויל און אָנגענומען דעם פּולס. דערנאָך האָט זי לאַכנדיק אַ קוק געטון אויף דעם ליידיקן בעט און געעפנט אַ פול מויל מיט געזונטע ציין.

— דאָס בעט האָט שוין אַזאַ מזל, אַז אַלע פּאַציענטן שטאַרבן דערויף. דער לעצטער קראַנקער איז אַוועק פון דער וועלט מיט פיר טעג צוריק. ער איז געווען אַן אַלטער פאַרמער פון פּענסילווייניאַ, און געליטן אויף קאַנסער אין מאָגן. אין די לעצטע טעג האָב איך אים געגעבן אַ נאָדל יעדע צוויי שעה. זיבן פּאַציענטן זענען אויף דעם בעט געשטאָרבן זינט איך אַרבעט דאָ, אָבער כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַ מענטשן אַזוי ליידן ביי דער גסיסה... פאַרן טויט האָט ער מיר געשאָנקען אַ גאָלדן רינגל.

איסר יאַגאָדע האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער קראַנקן־שוועסטער און דורכגעצישעט אַ פראַגע צווישן די ציין און טערמאָמעטער.

— איז מיין בעט כאָטש מזלדיקער?

— ווען איך וויס אַז איר זענט אַבערגלויבעריש, וואָלט איך געהייסן, איר זאָלט פאַרלאַנגען אַ צווייט בעט, אָדער פאָדערן מ׳זאָל אייך אַריבערפירן אין אַן אַנדער צימער... בלויז איין טויט־פאַל האָט דורכן יאָר פּאַסירט אויף אייער בעט, אָבער ס׳דוכט זיך מיר, אַז אונטער אָט דער סטעליע הענגט אַ קללה, כאָטש מיר, נוירסעס, טאָרן נישט לעבן מיט איינרעדענישן... דאָס צימער וועט אייך סאַי ווי נישט זיין באַקוועם. די קיך געפינט זיך קעגנאיבער דעם האָל. אויף יענער זייט וואַנט שפּילט בייגאַכט די ראַדיאָ ביים לאַנדרימאַן. די נוירס בייטאָג איז אויך נישט קיין שווייגערין און פון די קריגערייען צווישן דער קעכין און דעם דזשעניטאָר קענען מיר אַלע טויב ווערן...

זי האָט האַסטיק אַ שלעפּ אַרויס געטון דעם טערמאָמעטער פון זיין מויל, און מיט איין אויג אָפּגעמאָסטן ווו דאָס קוועקזילבער האַלט. זי האָט אָפּגעטרייסלט דעם טערמאָמעטער, אַריינגערוקט אין גלעזערנעם רערל און פאַרצייכנט די טעמפּעראַטור אויף דער טאַבעלע. איסר יאַגאָדע האָט אָפּגעמאַכט, אַז די לאַכנדיקע קראַנקן־שוועסטער איז אַ בייזע נישט פאַרגינערין. ער האָט נישט באַנומען ווי אַזוי זי קען ציילן דעם פּולס, בעת איר מויל פאַרמאַכט זיך נישט. זי איז מסתמא אַ שונא פון פרויען און בענקט נאָך מאַנסבילן! — איז אים איינגעפאַלן — אַ טאָג שפּעטער וועט זי אים דערציילן, אַז די קעכין שיכורט אַ גאַנצע נאַכט און שלאָפט מיטן לאַנדרימאַן, און די נוירס בייטאָג גנבעט אַרויס

אַלע ליילעכער פון שפּיטאָל און פאַרקויפט זיי צו די פּושקאַרט־הענדלער אויף אָרטשאַרד־סטריט...

— ס׳עט מיך שוין קאָסטן אַ פּרעזענט — האָט איסר יאַגאָדע זיך אַליין פאַרזיכערט. — דאָס פּרויענצימער גרייט מיך צו, אַז פאַר באַקוועמלעכקייטן מוז מען באַצאָלן. אַ באַגער צו זען דעם דאָקטאָר, און אַ בענקשאַפט צו רעדן מיט מענטשן האָט אים איצט אַרומגענומען. ער האָט פּרובירט זיך אונטער־הויבן, אָבער ס׳האָט נישט געקלעקט קיין כח. די קראַנקן־שוועסטער איז אַרויס מיט דעמזעלבן לאַכנדיקן פּנים, ווי זי איז אַריינגעקומען. און ער האָט נישט געוווסט, צי זי זאָרגט פאַר זיינע באַדערפענישן אָדער זי איז געגאַנגען ברענגען שפּייז. ער האָט געקוקט צום פענצטער און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די צייט איז נאָענט צו אָוונט־ברויט. ער האָט אויסגערעכנט, אַז זיין צימער מוז זיך געפינען אויף אַ גאַר הויכן שטאָק, ווייל דורך די שמאָלע שויבן האָט מען נישט געקענט זען די צווייגן פון די גאָרטן־ביימער. בלויז די טונקעלע בלויקייט פון הימל־דעק האָט אַריינגעקוקט. צאַנקענדיקע שטראַלן פון אַן אינטערגייענ־דיקער זון האָבן געבליאַסקעט אויף די פענצטער־ראַמען.

— 4 —

די קראַנקן־שוועסטער ווירדזשיניאַ איז ווידער אַריינגעקומען. דאָסמאָל מיט אַ שווערער קאָלדרע אויף די הענט. זי האָט אויפגעריכט דאָס לײדיקע בעט, אויסגעשפּרייט אַן איבערדעק און אויפגעקלאַפּט דעם קישן.

— כ׳ברענג אַ נייעם פּאַציענט — האָט זי זיך אָנגערופן. — איר וועט קריגן אַ שכן און נישט דאַרפן ליידן פון איינזאַמקייט. צווישן צוויי קראַנקע מענער מיט אַ געזונטער נוירס אינדערמיט, קען נישט זיין קיין טראָבל, כאַ־כאַ־כאַ... ס׳וועט דאַ זיין פרידלעך, ווי אין אַ טויבן־נעסט...

ווירדזשיניאַס רויטלעך פּנים האָט זיך צעקייכט. פונעם געלעכטער האָט איר הויכער בוזים זיך געטרייסלט. באַלד האָט זיך אַריינגערוקט דער פּאַציענט. ער איז געווען אַן אַלטער, אויסגעטריקנטער מאַנסביל מיט אַ גרויסן, נאַקעטן קאָפּ און אַ פּאָר בלויע אויגן. ביים שטעלן זיינע דראָבנע טריט האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. ס׳איז אים נאָכגעגאַנגען זיין פרוי, אַ קורצע, אין אַ לויז אָראַנזש־קלייד, באַפּוצט מיט בלומען און אַ הוט באַשטעקט מיט אַ פויגל. זי האָט אים נאָכגעטראָגן אַ וואַליזע.

איסר יאַגאָדע האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף זייער באַגריסונג. ער האָט באַמערקט, אַז די פרוי מוז זיין אין די זעכציקער, אָבער איר מאַן איז אַוודאי מיט אַ דור עלטער. די הויט אויף זיין פּנים איז געווען צעקאַרבט, געל ווי וואַקס. ער האָט נישט געהאַט זיינע פאַלשע ציין און ס׳מויל איז געווען איינגעפאַלן, ווי אַ גרוב. די שטשאָקעס זענען נאָכגעהאַנגען, ווי לײדיקע טאָרבעלעך. דער זקן האָט זיך אויסגעטאָן און איז אַרויפגעקראָכן אויפן בעט. ער האָט גערעדט צום ווייב מיט אַ געבייזער.

— גיי, פּאַטרישאַ, גיי. האָסט נישט מער וואָס צו טון דאָ.

די פרוי האָט אויסגעווישט אַ טרער.

— טרייב מיך נישט, ביל! כ׳וועל גיין... כ׳וויל נאָר וויסן צי דו פילסט זיך באַקוועם.

דער אַלטער האָט זיך געבייזערט מיט אַ טאָן העכער.

— איך בין אָלרייט! גיי, זאָג איך דיר און קום מיך נישט זען מער. קענסט מיר סאַי ווי נישט העלפן...

די פרוי האָט אַרויסגענומען אַ ווייס טיכל, אַריינגעשנייצט און אָפּגעווישט די ריטשקעלעך פון די באַקן. זי האָט געוואָרפן נאָך איין רחמנות־בליק אויפן מאַן און איז גיך אַרויס.

ווירדזשיניאַ האָט צוגענומען די וואַליזע.

דער פּאַציענט האָט זיך אַרומגעקוקט מיט דער אויפמערקזאַמקייט פון איינעם, וואָס ציט זיך אַריין אין אַ נייער דירה. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איסר יאַגאָדען און זיך צעשמייכלט. די געריַנצלטע באַקן זענען געוואָרן עטוואָס אויסגעגלעט. די מידע בלויע אויגן האָבן קוים אויפגעלויכטן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט.

— מיין נאָמען איז ביל מעקנאַט. לייכט צו טרעפן, אַז כ׳בין אַן איירישמאַן ,וואָס? יאָ, אַן איירישמאַן אין יעדן צעבראָכענעם ביין. כ׳בין אַן אויסגעדינטער לאָקאָמאָטיוו־טרייבער. כ׳בין געקומען אַהער שטאַרבן, ווייל מיינע לונגען זענען אויסגעבלאָזן. וואָס האָט אייך געבראַכט אין דעם טויטן־הויז, דזשאַני?

—כ׳בין געקומען אַהער איבערנעכטיקן...

— זייט איר אַ גאַסט אויף אַ ווייל, דזשאַני, און די דאָקטוירים וועלן אייך לאַנג נישט פּייניקן. לויטן אויסזען זייט איר אויך נישט קיין אַטלעט... אויב איר באַהאַלט עפּעס אויס, וועל איך נישט פרעגן. כ׳האָב פיינט, יו נאָו, צו מישן זיך אין יענעמס טראָבל... איר מעגט רויכערן?

— כ׳בין נאָך אַן אָפּעראַציע.

— איר האָט זיך שוין אויסגעגעבן! וואָס איז עס געווען, דזשאַני? אָלסטער אין מאָגן? אַן אַפּענדיקס? דער רויך איז מיר אויך פאַרווערט, אָבער, יו נאָו, כ׳פייף אויף זייערע רעגולאַציעס. די דאָקטוירים וועלן מיך לאַנג נישט קענען האַלטן. כ׳האָב ליב אָנצופילן מיינע געלעכערטע לונגען מיט רויך...

ער האָט פּאַמעלעך פאַררויכערט א סיגאַרעט מיט אַ געלבן מונדשטיק. זיינע אויסגעטריקנטע הענט מיט די אויפגעלאָפענע בלויע אָדערן, האָבן געציטערט. ער האָט אַרויסגעלאָזט טראָפּעלעך רויך און, אַרומקוקנדיק זיך איבערן צימערל, געזעדט:

— נישט קיין שלעכטער פלאַץ דאָ צו שטאַרבן, דזשאַני. ס׳איז ציכטיק און רויק. מען האָט ביי אייך, נאָך דער אָפּעראַציע, אָפּגעהאַקט די פליגלען און איר וועט איצט זיין אַ שטילער שכן...

— איין פּאַציענט טאָר נישט רעדן צום צווייטן וועגן שטאַרבן.

— וועמען קען איך דאָ נאַרן? די דאָקטוירים? גאָט? צי זיך אַליין? כ׳בין שוין אַריבער אַכציק, דזשאַני. כ׳האָב מיין לעבן אָפּגעלעבט. מיינע לונגען זענען

דורכגעלעכערט, כ׳בין אַן אויסגערויכערטער קוימען און אין הימל איז מען אומגעדולדיק... מיין פרוי האָט היינט אויסגעווישט די לעצטע טרער, דזשאַני. זי האָט מיר נישט געבוירן קיין קינדער און איך האָב נישט אָנגעזאַמלט קיין ירושה. אַז זי וועט אויך אַוועק פון דער וועלט, וועט שוין אויף מיין קבר אַפילו אַ הונט זיך נישט באַנעצן.

דער זקן האָט פּלוצים זיך צעהוסט און אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט די איינגעפאַלענע ברוסט. דאָס גערינצלטע פּנים איז געוואָרן פאַרלאָפן מיט בלוט און אַ שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויפן שטערן. די בלויע אָדערלעך אַרום די שלייפן האָבן געצאַפּלט ווי שלענגלעך. איסר יאַגאָדען האָט אַרומגענומען אַן אימה ווען דער זקן האָט זיך צעקייכט. ס׳האָט פון אים געכאָרכלט און געפייפט ווי פון אַ ווילדן אָרקעסטער. נאָך אַ פּאָר מינוט האָט דער פּאַציענט זיך באַרויִקט און איז געבליבן ליגן אויפן קישן אַן אויסגעשעפּטער.

איסר יאַגאָדע האָט אַ דריק געטון דאָס גלעקל צוקאָפּנס. ווען די דיקע קראַנקן־שוועסטער האָט זיך באַוויזן, האָט ער געזאָגט:

— ביזט גערעכט, ווירדזשיניאַ. כ׳וועל הייסן, מ׳זאָל מיך אַריבערפירן אין אַ צווייטן צימער.

— דאָקטאָר באַרנעט, וואָס האָט אייך אָפּעריִרט, קומט אייך זען און איר מעגט אים דאָס זאָגן. באַלד ברענג איך אייך עפּעס צום עסן.

ביים דאָקטאָרס אָנקום איז איסר יאַגאָדע געוואָרן מונטערער. ער האָט געקוקט אויף זיין אַטלעטישן געבוי, אויף זיין קאָפּ וואָס האָט געמעגט זי׳צן אויפן קאַרק אי פון אַ לאָיער, אי פון אַ ריכטער און אַ שטומער דרך־ארץ האָט זיך געטראָגן צו דעם מאַן, וואָס איז דער בעל־דעה איבער זיין געזונט. דער כירורג איז איצט נישט געווען באַריידעוודיק. קיין קראַנקן־שוועסטער האָט אים נישט באַגלייט. ס׳איז געווען נאָך צו־פרי צו בייטן די באַנדאַזשן, אָבער דעם וויזיט האָט דאָקטאָר באַרנעט סאַי ווי געמאַכט, ווייל די אָפּעראַציע איז געווען פאַר אים אַן אויסנאַם־פאַל. צוליב דעם וואָס דאָס שטיינדל האָט זיך איינגעגראָבן אין ווינקל פון דער רעכטער ניר האָט מען געמוזט עפענען דעם בויך, אַנשטאָט צו מאַכן אַ האָריזאָנטאַלן שניט אין רוקן. דער דאָקטאָר האָט אָפּגעדעקט די קאָלדרע און באַטראַכט די פאַרבונדענע וווּנד. ביים ערשטן באַריר פון זיינע פינגער האָט איסר יאַגאָדעס פּנים זיך פאַרקרימט פון יסורים. דאָקטאָר באַרנעט האָט גערעדט מיט פאַרוואורף. ער האָט אָנגעהויבן אויף ענגליש און איז איבערגעגאַנגען אויף יידיש:

— ציטערט נישט. מ׳עט אייך באַלד אַרויסטרייבן פון האָספּיטאַל, סאַי־ווי... ר׳זעט די איירישע שיקסע? — האָט ער אָנגעוויזן אויף ווירדזשיניאַן, וואָס איז געשטאַנען אין דער טיר — זי פאַרטראָגט נישט קיין צלאָזענע פּאַציענטן... איר מעגט זיך באַקענען מיט אייער נייעם שכן אויך. דער גוי מיינט ס׳איז זיין לעצטע נאַכט, אָבער ער׳ט נאָך בלאָזן מיט זיינע לונגען טעג און נעכט ווי מיט אַ הייזעריקן שופר... ס׳איז געווען אַ טעות אים דאַ אַריינצוברענגען. אַ קראַנקער איירישמאַן איז שטאַרקער ווי אַ געזונטער ייִד.

— ער׳ט סאַי ווי דאַ אויסגיין — האָט איסר יאַגאָדע אַ מאַך געטון מיט

דער האַנט. — ס׳איז זיין לעצטער געלעגער און מיטן מלאך־המות קען ער זיך לאַנג נישט דינגען.

— ער וועט זיך נישט דינגען. אָבער מיט אייך וועט דער מיסטער מלאך־המות איבער הונדערט און צוואַנציק, האָבן אַ שווערע קעיס... איר זייט אַ האַרט־נעקיקער ייִד. אייערע נערוון און צעלן זענען בייזע עקשנים. אויפן אָפּעראַציע־טיש האָט יעדער מוסקול ביי אייך געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. איר האָט די שטאַנדהאַפטיקייט פון אַ פעלז און דאָס בינדט די הענט פונעם כירורג. וואָס אין לעבן איז אַ מעלה, איז איז האָספּיטאַל אַ חסרון...

— איר האָט נישט וואָס צו באַקלאָגן זיך אויף מיר, דאָקטאָר.

— איר האָט אַ טבע צו קרעכצן. אַ ייִד האָט ליב צו קרעכצן אויפן שפּיטאָל־בעטל, כאָטש די נוירס צערטלט אים ווי אַ מאַמע. איר זייט נישט דער ערשטער כלי־קודש־מאַן אונטער אַנעסטעזיע. ס׳איז אויסטערליש! די קינדער פון דעם עם קשה עורף פּיעשטשען זיך ווען זיי דערשפּירן דעם קלענסטן פיזישן ווייטיק. גויִים זענען אויסגעהאַלטענער ווען ס׳קומט צו קערפּערלעכע דעפעקטן, טראָצדעם וואָס זיי האָבן אין מדבר פערציק יאָר נישט געוואַנדערט...

— וואָס פאַראַ פאַרגלייך?

— כ׳געדענק אין ערשטן וועלט־קריג, ווען כ׳האָב געדינט אין אונגאַרישן מיליטער, איז אונדזער אַבאַז איינמאָל געפאָרן איבער אַ פאַרשנייטן וועג. אַ שוואַנגעריקע פויערטע מיט אַ פּאַק בעטגעוואַנט אויפן קאָפּ האָט זיך געשלעפּט איבערן וועג צום נאָענטסטן דאָרף. פּלוצים האָבן איר אָנגעכאַפּט געבורט־ווייען און זי האָט זיך אָוועקגעלייגט אין מיטן שניי דורכמאַכן די געבורט... קיין הייבאַם איז דאָרט נישט געווען און מיר איז באַשערט געווען צו זיין דער אַקושאָר. כ׳האָב נישט געהאַט ביי דער האַנט קיין אינסטרומענטן. אָבער די גויע איז אַנט־בונדן געוואָרן אָן אַ קרעכץ. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קוויטש, יו נאָו, ענלעך צו יענעם קוויטש, וואָס עשיו האָט אַרויסגעלאָזט ביים ויתרוצצו אין דער מאַמע רבקהס בויך... כאַ, כאַ, כאַ, כאַ, און ס׳איז אַרויסגעשפּרונגען אַ רויטער שייגעץ. ער איז געווען געזונט און האַריק ווי אַ דערוואַקסענער איירישמאַן... די פויערטע האָט פּראָטעסטירט ווען מ׳האָט זי געוואָלט אַריבערפירן אין דעם אַבאַז־וואָגן... זי האָט געבעטן אַ טעפּל הייסע ציקאָריע. מען האָט זי איינגעוויקלט אין וואַרעמע קאָלדרעס און זי איז אָפּגעשלאָפן צוויי שעה. נאָכן אויפכאַפּן זיך האָט זי גענומען דאָס פּאַק בעטגעוואַנט אויפן קאָפּ, דאָס קינד אין די אָרעמס און געלאָזן אַוועק־מאַרשירט צום נאָענטסטן דאָרף... אַזוי האָט אויסגעזען אַ געבורט ביי אַ פויערטע אין לאַנד פון קייזער פראַנץ יאָזעף. די גויע האָט אַוודאי אויסגעלעבט הונדערט יאָר...

דער דאָקטאָר האָט איצט האַסטיק אונטערגעהויבן דאָס העמד ביי איסר יאַגאָדען. ער האָט אין איילעניש צוגעלייגט דאָס טרייבל צום האַרץ, אַ פּאָר מאָל אַ פּויק געטון אויף די לונגען, דערנאָך צוגעשטעלט אַן אויגן־לעמפּל צו די ווייס־אַפּלען און צוגערופן ווירדזשיניאַן:

— נוירס, אָט דעם פּאַציענט טאָר מען צופּיל נישט נאָכגעבן... ס׳בעסטע איז, אים צו געבן ביטערע מעדיצינען, שפּייזן אים מיט רויטע ביפשטיקס און

נאָך צוויי טעג אים אַהיימשיקן... כ׳רעכן, אַז איבערמאָרגן וועט מען אַרויסנעמען די פּעדים... יאָ, אינדערפרי וויל איך זען די אורין־אַנאַליזע. אַ גוטע נאַכט, מיסטער יאַגאָדע!

קאַפּיטל דרייסיק

— 1 —

דורך די פּאָר מינוט וואָס די קראַנקן־שוועסטער האָט זיך פאַרזאַמט אין קיך, האָט איסר יאַגאָדע געהאַט צייט נאָכצוטראַכטן, פאַרוואָס דאָקטוירים האָבן ליב צו שפּעטן פון זייערע פּאַציענטן. ווען דער קראַנקער ליגט אונטערן מעסער, מעגן זיי טון מיט דעם בינטל ביינער וואָס זיי געפעלט. זיי דערהויבן אַ שוואַכּ־לינג צו אַ העלד און פאַרוואַנדלען אַ גיבור אין אַ קריפּל. ס׳אַראַ אויסטערלישער צושטאַנד. דער דאָקטאָר טרייבט פון אים שפּאַס. די נוירס באַהאַנדלט אים ווי אַן אַרעסטאַנט און ער נעמט אָן די באַהאַנדלונג ווי אַ לאַסקע.

ער האָט געקוקט אַרויף צו דער סטעליע און ס׳איז אים פּלוצים איינגעפאַלן אויסצורעכענען אין וואָסערע עלטער דער מענטש איז אַמסשטאַרקסטן פּי־זיש. די חכמים האָבן שוין פון לאַנג איינגעטיילט דעם קורצן לעבנס־שפּאַן אין מדרגות. די וויסנשאַפט באַשטעטיקט, אַז דער מענטשלעכער קערפּער איז ווי אייזן צווישן צוואַנציק און פינף און צוואַנציק. נאָענט צו דרייסיק ווייזט דער מענטש אַרויס די גרעסטע פעיִקייט צו לערנען. און אויב מ׳שאַרפט כסדר דעם מח און מ׳לאָזט אים נישט זשאַווערן, איז וואָס עלטער מ׳ווערט — אַלץ חריפות־דיקער באַנעמט מען דעם זינלאָזן דאַ־זיין אויפן עולם השקר. טשיקאַווע אויס־פירן! משונהדיקע איינפאַלן! אָבער ווי קומט דאָס צו אים אויפן שפּיטאָל־־בעטל? דער מח זוכט ענטפערס און ·די ליפּן ווערן פאַרברענט פון דאָרשט. ער ליגט אַ געבונדענער אין באַנדאַזשן, ווי אַ קינד, נאָכדעם ווי מ׳שניידט עס אָפּ פון דער מאַמעס נאָפּל, און קיינעם קימערט נישט זיין אומבאַהאָלפנקייט. וועט ווירדזשיניאַ שכל האָבן אים צו ברענגען אַ טרונק? און וועגן אַ ביסן האָט די שיקסע שוין געטראַכט?

ער האָט איצט געוואָרפן אַ בליק אויף זיין שכן קעגנאיבער. דער קראַנקער זקן איז געלעגן אויסגעשטרעקט און טיף געשנאָרכט. דער ברוסטקאַסטן האָט ביי אים זיך געהויבן ווי אַ בלאָז־זאַק. איבער זיין פאַרמעט־פּנים איז געווען אויסגע־גאָסן אַ רויִקייט. די טיר האָט זיך געעפנט מיט אַ גרילץ. די קראַנקן־שוועסטער מיט אַ טאַץ אויף די הענט איז אַריינגעקומען. זי האָט צוגערוקט דעם בעט־שטענדער נאָענט צום פּאַציענט און אַרויפגעשטעלט די טאַץ. די מאָלצייט איז באַשטאַנען פון אַ טעפּל טיי, אַ שיסעלע קאַשע און אַ פּעניצל געטריקנט ברויט. ווירדזשיניאַ האָט זיך אָנגעבויגן צו איסר יאַגאָדען מיט אַ שמייכל.

— אויב ס׳איז אייך שווער זיך אויפצוזעצן, וועל איך אייך קאָרמענען. יאָ, אינדרויסן וואַרט אַ באַזוכער.

איסר יאַגאָדע האָט קרומלעך אַ קוק געטון אויף דער טאַץ. ער האָט געהייסן זיך דערלאַנגען בלויז אַ שלוק טיי און געזאָגט.

— לאָז אים אַריין, ווירדזשיניאַ. ס׳בענקט זיך נאָך אַ מענטש.

ס׳איז אַריינגעלאָפן דאָקטאָר וואָרמס מיט אַזאַ סאָפּעניש, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס געהאַט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַ סאָבוויי־באַן. אויף זיין קורצער, אָנגעקרעפּ־טער פיגור איז לויז געהאַנגען אַ שווערער, ברוינער מאַנטל. דער גרויסער אַרבוז־קאָפּ איז, ווי שטענדיק, געווען אָנגעשפּאַרט אויפן רעכטן אַקסל. דערזעענ־דיק דעם אומגעריכטן גאַסט, האָט איסר יאַגאָדע אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. אַרום זיינע מויל־ווינקלען האָט זיך געקנייטשט אַ בלייכער שמייכל.

— עמעצער האָט זיך דאָך באַוויזן...

— מען קומט אייך נישט זען דערפאַר, ווייל מ׳וויל אייך נישט אַרויסווייזן קיין רחמנות — האָט דאָקטאָר וואָרמס אָנגעהויבן מיט אַ ליאַרעמדיק קול — עלנטע פּאַציענטן דאַרפן ליגן אַליין. פרייד געהער צו געזונטע און איינזאַמקייט צו קראַנקע. איבעריקנס, ס׳איז אייער שולד, וואָס אייערע זין און טעכטער זיצן נישט ביי אייער בעט... אין דעם האַרמידער פון לעבן האָט איר קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן אויסכאַוועון אַ דור.

— אַהאַ! איר האַנדלט אַלץ מיט דער זעלבער סחורה, דאָקטאָר וואָרמס! ס׳בעסטע וואָלט געווען, ווען איר רופט אַ מאַסן־מיטינג פון אַלע עקרות און פּרעדיקט פאַר זיי די מצוה פון פּריה ורביה.

איסר יאַגאָדע האָט מיט אַ לייכטער האַנט־באַוועגונג אָנגעוויזן דער קראַנקן־שוועסטער, זי זאָל צונעמען די טאַץ און אַרויסגיין. דאָקטאָר וואָרמס האָט געפּו־נען אַ שטול און זיך צוגעזעצט.

— אויב פּרעדיקן פּריה ורביה, דאַרף מען דאָס טאַקע פאַר די זכרים, יאַ־גאָדע. דער פרייוויליקער געבורט־קאָנטראָל האָט דאָ געמאַכט אַ תל פון אונדזער פאָלק. צומאָל פאַלט מיר איין, אַז אַנון ,דער פאָטער פון זעלבסטפאַרגוואַלטיקונג איז געוואָרן אונדזער לערער און יידן האָבן אָנגענומען זיין תורה... מען פּראַק־טיצירט זעלבסט־פאַרניכטונג, וואָס וועל איך דאָ פאַרלירן צייט מיט פּראָפּאַ־גאַנדע? דאָ איז אַ שפּיטאָל און אַ קראַנקן־הויז איז פּונקט ווי אַ טעמפּל. מ׳דאַרף גיין אויף די שפּיץ־פינגער און פּליסטערן אין די אויערן... מיין משוגענער קאָפּ האָט עפּעס פאַרטראַכט. ס׳איז אַ גראַנדיעזער איינפאַל! אָבער קודם פאַר אַלץ, וואָס מאַכט איר? ס׳אַלרייט? נירן זענען דאָך די וואַסער־קישקעס, וואָס וואַשן אונדזער קערפּער. כ׳הער ר׳זענט ערשט אַ פּאָר שעה נאָך דער אָפּעראַציע?

— ס׳עט מיך דער רוח שוין נישט נעמען... וואָס איז אייער איינפאַל?

— כ׳האָב געהערט ,אַז איר׳ט איבערגעריסן מיט די שדכנים און צוגע־האַקט די טיר פון דעם כלי־קודש ווערטל... ר׳הערט, יאַגאָדע? אינעם לעבן פון אַן אינטעליגענטן ייד איז דאָס אַ געזונטער ווענדפּונקט. איצט ווייסט איר, אַז איר׳ט אונטערגעצויגן אַ פּאַסיקל... פּטור, פאַרענדיקט אַ חשבון! ביים אַרויס־גיין פון שפּיטאָל שפּרייזט איר אַריין אין אַ נייער וועלט, דאַרף מען אייך דען דערציילן, אַז ס׳איז דאָ אַ וועלט מיט אַרבעט אין אַלע צעשפּרייטקייטן, ווו יידן ווינען? כ׳האָב אייך אַמאָל געזאָגט, אַז קינדערלאָזיקייט איז אַ קראַנקייט ביי יעדן

פאָלק, אָבער ביים ייִדישן פאָלק איז עס אַ קללה, נו, די קללה איז איצט צענפאַ־כיק! כ׳קריג טרויעריקע גרוסן פון איטאַליע, פראַנקרייך און רומעניע. פון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז אָפּגערעדט! נישט נאָר אין די רוּיקע לענדער ווילן ייִדן נישט קינדלען, נאָר אַפילו אין די דייטשע פּליטים־לאַגערן פּראַקטיצירט מען שוין געבורט־קאָנטראָל.

— פונוואַנען האָט איר דאָס גענומען?

— מיר לערנען גאָרנישט פון דער קאַטאַסטראָפע! — האָט דאָקטאָר וואָרמס זיך געמאַכט נישט הערן די פראַגע — די מאָראַל איז באַנקראָט. די וועלט איז פאַרפּאַסקודיעט און מיר ייִדן, ווערן ביי יעדן פאָלקס־אומגליק, פּחדנים. ווען די דייטשע מערדער האָבן אָנגעהויבן אונדז אומצוברענגען, האָבן מיר זיך געשראָקן. אָבער ס׳אַ געזעץ פון לעבן: דער טריאומף פון די אויסוואורפן נעמט זיך פון דער פּחדנות פון די אָרנטלעכע...

— די אויסוואורפן טריאומפירן סאַי־ווי אומעטום. ס׳איז זייער וועלט! איר האָט מיר נאָך אַלץ נישט געזאָגט וואָס ס׳איז אייער איינפאַל?

—כ׳על קומען צו דעם. ס׳נעמט צייט ביז אַ פּאַסיווער מענטש קיין איינ־בייסן דעם אמת... אַנטשולדיקט וואָס כ׳קען זיך נישט אָפּהאַלטן דערפון דאָ אין שפּיטאָל. אָבער כ׳האָב זיך סאַי ווי שוין צערעדט. לויט די פילאָזאָפן האָט דער אמת דריי אַטריבוטן. איידער מ׳דערקענט דעם אמת, איז ער אַ פאַרהוילענע מיסטעריע, אַ שטיק רזי־דרזין. אָבער ווען מ׳אַנטדעקט אים, איז ער פּשוטער צוויי מאָל צוויי... דער צווייטער צייכן פון אמת איז ביטערקייט, טעם פון דער גאַל, בעת דער ליגן איז אַ צוקערקע, געמאַכט פון סאַכאַרין און ס׳גודיעט ווי לאַקריץ... דער דריטער שטריך פון אמת איז דאָס, וואָס די וועלט וויל אים נישט אָננעמען. ווי נאָר דער מענטש דערשמעקט דעם ביטערן ריח פון אמת, הויבט ער אָן זיך צו צאַפּלען ווי אַ קראַנק קינד, ווען די מאַמע גייט איינגעבן אַ לע־פעלע מעדיצין. מיר ייִדן שטויסן אָפּ דעם אמת ווי אַ ביטערע מעדיצין.

— וועלכן אמת?

— דעם אמת, אַז מיר זענען געוואָרן אַ רעדוצירט פאָלק. ס׳איז נישט שיין, כ׳זאָל פאַר אַ קראַנקן מענטש אויסציילן די ציפערן וועגן דער פאַטאַלער לאַגע אָבער כ׳מוז ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל האַמערן וועגן דערזעלבער זאַך. דעמאָ־גראַפיש זענען מיר אין אַזוינע טראַגישע אומשטענדן, אַז כ׳האָב מורא, מירן איינשרימפּן און ס׳עט פון אונדז בלייבן אַ שוואַכע, עטנישע גרופּע... די פּעריאָ־דישע פאַרניכטונג דורך פּאָגראָמען האָט שוין פון לאַנג אָנגעטון דעם גרויסן שאָדן. די נייע אַסימילאַציע איז אַ חורבן, דער עגאָיִזם פון דער מאָדערנער פרוי איז אַ קאַטאַסטראָפע!

איסר יאַגאָדען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט שוין אַמאָל די רייד גע־הערט. אָבער די היציקע ווערטער פאַלן איצט מיט אַ קוויטש אויף זיינע שוואַכע אויערן. דער דאָקטאָר וואָרמס איז אַ באַרמלאָזער נפש, אויב ער קען אַזויפיל אַריינציילן אין אַ צעבראָכענעם מענטש נאָך אַן אָפּעראַציע. ר׳איז אַ גוטער אַגי־טאַטאָר, אָבער זיינע אונטערנעמונגען ווערלן פאַרקריכן אין אלף השישי! ער האָט באַטראַכט זיין ברייטן, געקאַרבטן שטערן און געזאָגט:

— איר האָט אַמאָל געגרינדעט אַ „קרן התולדות" און פאַרקויפט שקלים. וואָס האָט איר אויפגעטון?

— ס'אַלרייט וואָס איר דערמאָנט דעם „קרן התולדות", יאַגאָדע. די שקלים צעכאַפּט מען נישט ווי מצה־וואַסער, אָבער די זאַמלונגען ווערן אויך פאַררעכנט ווי אַ קאַמפּיין ביים פאָלק. פאַראַן אַזויפיל פאָנדן אויף דער יידישער גאַס, איז צוגעקומען נאָך איינער. מיר ווערבירן מיטגלידער איבערן לאַנד. מיר האָבן אָפּ־טיילונגען אין די גרעסערע שטעט. ס'זענען שוין אויסגעטיילט געוואָרן אַ סך געלט־פּרעמיעס צו חתנים און כלות פון די פליטים־לאַגערן. וואָס אונדז פעלט, איז גוטע אַגיטאַטאָרן. מיר נויטיקן זיך אין עסקנים מיט געשליפענע צינגלעך. דער „קרן התולדות" מוז איינגעמען אַלע יידישע צעשפּרייטקייטן און דאָ קום איך צו מיין איינפאַל...

— איר ווילט כ'זאָל ווערן אַן אַגיטאַטאָר פאַר „קרן התולדות"?

— איר לייענט מיינע געדאַנקען, יאַגאָדע. אונדזער באַוועגונג דאַרף מענ־טשן, וואָס זוכן אַן אידעאַל. מיט דעם כלי־קודש־וועלטל זענט איר פאַרטיק, וואָס? אויב איר ווערט געפירט פון דער השגחה, מוזט איר גלויבן, אַז העכערע כוחות האָבן אייך באַפרייט פון אַן אַלטן עול, כדי איר זאָלט אויף זיך נעמען נייע פליכטן. מיר ווינען אין דער גרעסטער יידן־שטאָט אין דער וועלט, אָבער ס'איז אונדז נישט היימלעך... ניו־יאָרק איז איבערגעפּאַקט, אָבער אירע גאַסן זענען וויסט. אונדזערע קוואַרטאַלן זענען פול מיט טעמפּלען און שולן, אָבער ס'פעלט דאָרט דאָס פייער פון משכן... יעדער פעיקער ייד מוז ווערן איינגע־שפּאַנט אין דער אַרבעט פאַר דער פאַרמערונג פון פאָלק. מיר זענען די פאַר־שפּעטיקטע יורשים. ס'אַן אַנדער אַמעריקע היינט! אונדזערע פערזענלעכע אַמבי־ציעס זענען פאַרברענט געוואָרן אין די פייערן פון אוישוויץ. פון די חלומות נאָך עשירות איז געוואָרן רויך. מען מוז איינזינען האָבן די אויפגאַבן פון אונ־דזער דור, די קעגנוואַרט פאַר דער צוקונפט, דעם מאָמענט פאַר דער אייביקייט.

— אייער צונג איז פלאַם־פייער, דאָקטאָר וואָרמס, אָבער איך בין אַ כבד־פּה. כ'קען נישט פּרעדיקן קיין נייע תורה.

— ס'איז נישט קיין תורה און ס'שטעקט דאָ נישט קיין נייקייט. די בענ־טשונג „פּרו ורבו ומלאו את הארץ" האָט אונדז באַגלייט אויף אַלע וואַנדערונגען. פון דער בענטשונג איז געוואָרן אַ שטרענגער געבאָט. איבעריקנס, מיר זענען נישט אַליין. ס'האָט זיך אָפּגעזוכט אַ רייכער ייד, אַ קהל־מענטש אין באָסטאָן, סידני וועלער הייסט ער און ר'גייט שאַפן אַן אייגענעם פאָנד פאַר „קרן התול־דות". איך אַליין האַלט בעסער פון קליינע פאָלקס־ביישטייערונגען, אָבער די אויסגעשטרעקטע האַנט פון אַ פילאַנטראָפּ טאָר מער נישט אָפּשטויסן. ער רופט אַ קאָנפערענץ פון נאָך מעצענאַטן. כ'האָב פאַר אייך אַ בריוו צו אים: איר מוזט מיט אים זיך באַקענען, ווי נאָר איר'ט זיך שטעלן אויף די פיס. אַקטיווע אַרבעט וועט זיין די בעסטע דערהאָלונג. אַ טאָניק מער פאַר דער נשמה, ווי פאַרן גוף... סאַי ווי קוקט איר אויס אַלרייט. די אָפּעראַציע איז געלונגען. ווייסט איר פאַר־וואָס? ווייל ר'זייט אַ בראַווער פּאַציענט. ס'איז דער נצחון פון קוראַזש איבער דער מאַכט פון טויט.

די קראַנקן־שוועסטער איז אַריינגעקומען און אָנגעקוקט דאָקטאָר וואָרמסן מיט אַ שטומען פאָרוואורף. דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז דער פּאַציענט איז מיד און דער וויזיט איז געענדיקט. דאָקטאָר וואָרמס האָט אַרויסגעשלעפּט פון בוזים־טאַש אַ פּאַרמאַכטן קאָנווערט און זי דערלאַנגט איסר יאַגאָדען. ער האָט געוואָרפן אַ בליק צו דער טיר און געזיפצט.

— די אייביקע דיסציפּלין! שפּיטאָל־רעגולאַציעס. כ'על שוין גיין. אַז אירט אַרויס פון שפּיטאָל, וועל איך אייך אָנקלינגען. מיט דעם בריוו וועט איר קומען צו סידני וועלער אין באָסטאָן. איר'ט זיך פאַרשטעלן פאַר אים ווי אַ געטרייער פאַרבינדונגס־אָפיציר, וואָס מעלדעט זיך אין הויפּט־קוואַרטיר... כ'זע, די בייזע נוירס טרייבט מיך שוין אַרויס. אַ רפואה שלמה, יאַגאָדע און גודבאַי!

— 2 —

איסר יאַגאָדע האָט אים באַגלייט מיט אויפגעהויבענע ברעמען ביז צו דער טיר. ווען דאָקטאָר וואָרמס וואָלט געבליבן לענגער ביי זיין בעט — האָט ער געטראַכט — וואָלט ער דערטרונקען געוואָרן אין דער לאַווע פון זיינע פרי:ער־דיקע רייד. אין דעם שטילן שפּיטאָל האָט דער אומרו:יקער גאַסט אַריינגעטראָגן דעם האַרמידער פון ניו־יאָרק. צוזאַמען מיט אים איז מיטגעקומען דער געפּילדער פון די סאָבוויי־באַנען און דאָס געררויש פונעם גאַסן־פאַרקער. ער פאַר־קוקט נישט קיין אומגליק און ליידט הויך פאַר דער שטראָף פון זיין פאָלק. ער איז אָנגעלאָדן מיט געוואַלט־געשרייען און דער ברענענדיקער דאָרן פון מדבר גליט אין זיין חוט־השדרה. אַזאַ ייִד קען קיינמאָל נישט אויסלעשן דאָס וואולקאַ־נישע פייער, וואָס ברענט אין זיינע אָדערן.

ער האָט איצט געבענקט נאָך רו און געוואָלט צושליסן די אויגן־דעקלעך. דער קאָפּ איז טיפער געזונקען אין קישן. ער האָט געטראַכט, אַז דאָקטאָר וואָרמס האָט אויפגעראַיעט אָפּגעטעמפּטע פאַרלאַנגען, וואָס דרימלען אין אים פון לאַנג, אין דעם געפּילדער פון זיינע רייד שרייט פאַרט אַרויס אַ גלי:ענדיקער אמת. אַ פאָלק איז געשאָכטן. אַ דור ווערט פאַרצערט. די רעשטלעך פון דער היטלער־שרפה טראָגן זיך ווי וואַנדער־שבטים איבער די שליאַכן, לויפן איבער גרע־ניצן. די וועלט איז פאַרריגלט אויף זיבן שלעסער. אַמעריקע איז פאַרשלאָסן. די ברעגן פון ארץ־ישראל זענען פאַרשפּאַרט דורך די ענגלענדער. און ווי אַזוי רעכנט ער, איסר יאַגאָדע און אַנדערע ווי ער צו באַקעמפן די פאַרמינערונג פון זיין פאָלק?

אַ מידער בליק איבערן ווייכן קישן און אויפן צעקנייטשטן ליילעך האָט אים צוריק געבראַכט צו זיין אומבאַהאָלפנקייט. די וואונד אויפן בויך האָט גע־ברענט. יעדער ביין האָט געבראָכן. זיין דערשעפּטקייט האָט אים נישט באַפרייט פון וואָרמסעס וואָרנונג. איצט איז אפשר טאַקע געקומען אין זיין לעבן אַ ווענד־פּונקט. אָבער וואָס איז זיין פאַרלאַנג? זאָל ער נאָר אַראָפּ פון בעט און אַרויס

פון דער געפענגעניש. ער וועט שוין עפּעס אויסקלייבן פאַר אַ נייעם לעבנס־אינהאַלט. יעדער צייט־פאַרטרייב איז אַ ציל און יעדע באַשעפטיקונג איז אַ טור־גענד. די נייגעריקייט וואָס טרייבט אים צו יענער זייט מויער, האָט אים ווידער־אַמאָל אָוועקגעשטעלט פאַר דער מאַנונג: וואָס וועט טאַקע זיין דער אינהאַלט פון לעבן? דאָקטאָר וואָרמס איז גערעכט. אַ וויסטקייט הויערט אויף דער גרוי־סער יידן־שטאָט. עס זענען דאָ טעמפּלען און שולן, אָבער עס פעלט דאָרט דאָס פייער פון משכן. וועט ער איצט ווערן אַ מעקלער אויף דער בערזע צי אַ קהלשער קאַך־לעפל? וועט ער זיך אַרומדרייען אויפן סטאָק מאַרקעט און פאַרקויפן די ברוקלין־בריק, אָדער מיטגיין מיט יענע, וואָס ווילן צוריק אויפשטעלן דעם משכן?

זיבן טעג נאָך דער אָפּעראַציע איז איסר יאַגאָדע געבליבן אין שפּיטאָל. דאָקטאָר באַרנעט האָט אים אונטערזוכט אין פרימאָרגן און די נאַכט־שוועסטער האָט אים באַזאָרגט מיט פּילן און איינשפּריצונגען אין אָוונט. ווירדזשיניאַ האָט אים געשפּייזט מיט פּעטע מאַלצייטן און ער איז געוואָרן קרעפטיקער פון טאָג צו טאָג. אַ פּאָר שעה נאָכדעם ווי מ'האָט אַרויסגענומען די דראָטענע פעדים פון זיין וווּנד, איז ער אַראָפּ פון בעט. די קראַנקן־שוועסטער האָט אים געהאָלפן שטעלן די ערשטע טריט און ער האָט באַשלאָסן זי צו באַלוינען מיט אַ פּאָר דאָלאַר.

פון דעם שכן מיט די קראַנקע לונגען האָט בייטאָג און ביינאַכט געבלאָזן דער אָטעם פון טויט. איסר יאַגאָדע איז אַרויס שליסן באַקאַנטשאַפט מיט די פּאַציענטן אין די שכנותדיקע צימערן. ער האָט אויפמערקזאַם שטודירט זיין טאַבעלע איבערן בעט, פּינקטלעך געלייענט די טעגלעכע באַריכטן פון די אַנאַ־ליזעס און ר'איז געוואָרן היימיש מיט מעדיצינישע טערמינען, וואָס זענען פריִער פאַר אים געווען אַ פאַרהוילענע שפּראַך. ער איז דערגאַנגען, אַז אַלבומין קומט פון די באַשעדיקטע בלוט־קאַנאַלן, די רויטע קייקעלעך פאַרסמן די אורין און יורימאַ איז אַ קאַטאַסטראָפע פאַר די נירן, וואָס זענען די שווענק־קאַנאַלן פון דעם קערפּער.

די באַזוכער האָבן נישט פאַרפעלט צו קומען צו אים, אָבער ער האָט נישט געפירט מיט זיי קיין לאַנגע שמועסן. אויף נייטנגען האָט ער געטראָגן אַ כעס, וואָס ער האָט צעפּויקט וועגן זיין קראַנקייט צווישן די שדכנים און געגאַנגען איבערבעטן רייטשלען. מיט יואל באַלזאַמען האָט ער זיך צעוואָרטלט, ווייל ער האָט פאַר אים געזאַמלט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר צווישן די לאַנדסלייט. צו קיין צדקה דאַרף ער נאָך דערווייל נישט אָנקומען. און באַלזאַמס אָנבאָט, וואָס האָט באַדאַרפט זיין אַ מצווה, איז פאַר אים געווען אַ פאַרשעמונג.

פון דעם דאָקטאָר ראַלף פאַרבער האָט ער געקראָגן גרוסן. יאַדזשאַ האָט אים געשיקט בלומען מיט אַ צושריפט, אַז זי וועט אים באַזוכן אין הויז. ס'איז אויך צו אים געקומען פעני. זי האָט דאַסמאָל אַריינשפּאַצירט אַן אָנגעפּודערטע מיט רוזש אויף די באַקן און מיט אונטערגעפאַרבטע ווִיעס. איר דראָבנע פיגור איז געווען צונויפגעצויגן מיט אַ קאָרסעט און איסר יאַגאָדע האָט נישט געקאָנט

באַשליסן, צי די באַליידיקטע פרוי איז געוואָרן פּעט אָדער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון עמאַנסיפּאַציע און געקראָגן אַ ליבהאָבער. פּעני האָט מיטגעבראַכט אַ בוך וועגן אַטאָמישער ענערגיע. איסר יאַגאָדע האָט זי איבערגעבעטן פאַר דער ערשטער באַליידיקונג און דערפאַר האָט זי אויסגעלאָדן אַ בינטל משפּחה־רכילות. זי האָט אַנטדעקט די נייעס, אַז צווישן נייטנעז און פרענציסן איז דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ.

— 3 —

די טעג אין שפּיטאָל זענען געווען פול מיט געפּילדער. אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט זיך געטראָגן פון דער קיך קעגנאיבער דאָס קלאַפּעריי פון געשיר און דאָס זשומעריי פון אַ ראַדיאָ, וואָס האָט אויסגעשפּילט האַרצרייסנדע דראַמעס פון זייף־קאָמפּאַניעס און אויטאָמאָביל־פאַבריקן. ער זאָל נישט דאַרפן אויסהערן די קריגערייען צווישן דער קעכין און דעם דזשעניטאָר האָט איסר יאַגאָדע נאָכן פרישטיק אַריינשפּאַצירט אין די שכנותדיקע ־צימערלעך און געפּלוידערט מיט די פּאַציענטן.

איינמאָל, פאַרנאַכט, איז ער אַרויפגעפאָרן אויפן פערטן שטאָק, אין דער אָפּטיילונג ווו זיין ערשטער שכן, סאָל בערפאָנד איז געלעגן. דער פריילעכער פּאַציענט איז איצט געווען אומעטיק. זיינע רויטע, בליענדיקע באַקן זענען געווען אויסגעצאַפּט, ניו־יאָרק איז ביי אים מער נישט געווען קיין קעסטל דימענטן און ער האָט מער נישט גערעדט וועגן זיין צירונגס־ביזנעס. די אָלסערס אין מאָגן האָבן זיך נישט געהיילט און ס׳איז אים פאַרווערט געווען צו פאַרלאָזן דאָס בעט. די קראַנקן־שוועסטער האָבן געהאַלטן אויף אים אַ שטרענג אויג און ער האָט פאַרדעכטיקט, אַז די דאָקטוירים האָדעווען אויס אַ קאַנסער אין זיין מאָגן. אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועט מען אים מסתמא אַריינטראָגן אין מתים־שטיבל... פונדעסטוועגן, ווען ער האָט פאַר איסר יאַגאָדען שוין געהאַט אָפּגעזאָגט אַלע אומעטיקע רייד, האָבן זיינע ליצנישע אויגן אויפגעלויכטן און ער האָט זיך צערעדט.

— ווען איך זאָל דאַרפן מיין לעבן נאָכאַמאָל דורכשלעפּן אויף אונדזער פאַלש וועלטל, וואָלט איך אַוועק וווינען מיט די ״האָבאָס״, מיט יענע, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול אויף אונדזער ערד. כ׳וואָלט נישט געוויילט קיין פּרעזידענט און נישט געצאָלט קיין שטייערן... כ׳וואָלט געגעסן טייטלען מיט זויערמילך און געפירט פרייע ליבעס...

ביינאַכט האָט איסר יאַגאָדע אָפּט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זיין שכן, ביל מעקנאַט, האָט קוים געזשיפּעט, אָבער זיין ברוסט האָט ווייטער געכאָרכלט ווי אַ הייזעריקע טראָמפּייט. די חרובע לונגען זענען געווען אויסגעבלאָזן. דער זקן האָט געאָטעמט מיט קורצע שלוקעלעך און אָפּט זיך פאַרקייכט אין אַ געדעמפּט הוסטעלע. איסר יאַגאָדע האָט יעדעס מאָל גערופן פאַר אים די קראַנקן־

שוועסטער און דער אַלטער האָט געבעטן אַ טרונק, אַ פּיל אָדער דעם נאָכט־טאָפּ. איסר יאַגאָדע האָט געהאַט איין פאַרלאַנג — צו פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל איידער דער אַלטיטשקער כאָרכלט אויס די נשמה.

אין דעם פרימאָרגן, ווען ער איז אויסגעשריבן געוואָרן פון דער פּאַציענטן־ליסטע, איז צו אים אַריינגעקומען דאָקטאָר באַרנעט. ער איז געווען באַגלייט פון דער טאָג־שוועסטער און ס׳איז אויך מיטגעקומען ווירדזשיניאַ. די קראַנקן־שוועסטער האָט דערלאַנגט איסר יאַגאָדען אַ צעטל פון שפּייזן, וואָס ער מעג עסן און ווירדזשיניאַ האָט שטום געוואַרט אויף איר טרונק־געלט.

דאָקטאָר באַרנעט האָט געקוקט אויף זיין פּאַציענט מיט דער הנאה פון אַ משפחה־עלטסטן, וואָס קוועלט אָן פון זיין געראָטענעם קרוב. ער האָט געזאָגט:

— אויס קעסט, מיסטער יאַגאָדע! כ׳האָב אייך געוואָרנט, אַז מירן אייך לאַנג נישט דולדן. אייער פריינט ,דאָקטאָר פאַרבער האָט מיר נעכטן אָנגעקלונגען און כ׳האָב זיך דערוווּסט וועגן אייך זאַכן, וואָס איר האָט פאַר מיר אויסבאַהאַלטן... כ׳הער איר ווילט גאָר ווערן אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ קהלשער גבאי, אָבער דערצו מוז מען האָבן אַן אייזערן האַרץ און שטאָלענע לונגען. רוט זיך בעסער אָפּ! אַ פּאָר וואָכן אין אַ דערהאָלונגס־היים וועט אייך שטעלן אויף די פיס. מ׳וועט דערוויל פירן די וועלט אָן אייך... כ׳הער אויך, איר זייט אַ פרומער פאַנאַטיקער, אַן אינטעלעקטואַל און אַן אַפּיקורס ,אַלץ אינאיינעם! אַזוינע דריי ווידערשפּרוכן קענען זיך באַזעצן נאָר אין אַזאַ האַרטנעקיקן ייד ווי איר זייט! ס׳יידישע ניו־יאָרק דאַרף שטענדיק פעיקע גבאים, אָבער איר׳ט מוזן צוימען אייער ענערגיע. ר׳ווייסט דאָך, דער בלוט־דרוק פּאָמפּעט ס׳מענטשלעכע האַרץ. אייער פּנים מסרט ,אַז איר זייט אַ נישט דערבאַקענער עגאָצענטריקער, וואָס ווערט פאַרצערט פון אַ מיליאָן אַמביציעס. האָט איר היינט אַריינגעקוקט אין שפּיגל? אייער קאָפּ איז ווי אַ געץ. אייער סקאַלפּ איז געפורעמט און געקנאָטן, אָבער דער סקולפּטאָר האָט דאָס ליים צו פרי אַרויסגעלאָזט פון די הענט... כ׳וויל אייך דאָ מער נישט זען, מיסטער יאַגאָדע. אָבער כ׳וואָרן אייך, צוימט אייערע אַפּעטיטן! דערפאָלג האָט געמאַכט אַ סך מענטשן פאַר דורכפאַלן.

ווען דאָקטאָר באַרנעט איז אַרויס, האָט איסר יאַגאָדע דערלאַנגט ווירדזשיניאַן עטלעכע דאָלאַר פאַר דער גוטע באַדינונג און געהייסן זי זאָל ברענגען זיינע מלבושים און באַשטעלן אַ טאַקסי. ער איז דערנאָך אַריין אין באָד־צימער און זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל.

ס׳ערשטע מאָל, זינט ער איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל, האָט ער איצט באַטראַכט זיין אָפּבילד אין דעם געשליפענעם גלאָז. זיין פּנים, וואָס האָט תמיד געהאַט אַ גרין־לימענע קאָליר, איז איצט געווען באַדעקט מיט אַ צוגעברוינטער הויט. פון די בלאַסע אויגן האָט אַרויסגעשיינט אַן אַנטשלאָסענער אָנבליק. די לויזע ליפּן זענען געווען שאַרף געשלאָסן און אויף די באַקן האָבן די מוסקולן געצוקט.

די זיכערקייט, אַז דער קרענקלעכער אויסזען איז אַוועק האָט אויך קאָווירט, אַז דורך דער צייט וואָס ער איז געווען אין שפּיטאָל, איז זיין גוף אויסקורירט

געוואָרן פון אַלע מיחושים. דער כירורג איז נישט גערעכט, אַז זיין קאָפּ איז ווי אַ מאַסקע פון אַ געץ, וואָס דער סקולפּטאָר האָט צו־פריי אַרויסגעלאָזט פון די הענט. דער באַשעפער האָט אים געשאָנקען אַ פּנים, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט די ווייכקייט פון אַ מילכיקן שעפּס. די קראַנקייט האָט אָפּגעשיילט פון אים אַלע הויטן און אים צוריק אַוועקגעשטעלט אַ האָריקן און רויען ווי דעם אור־מענטש. דער ברייטער שטערן איז נאָך אַלץ איינגעראַמט אין אַ וואַלד האָר, זיין שיידל איז שאַרף און דער קין איז שפּיציק. אין די שטרענגע אויגן בליצן פּייערן וואָס קענען אָנצינדן שרפות. פון זיינע פאַרזיגלטע ליפּן שפּאַרט אַרויס אַן אומגעצוימטער ווילן, וואָס ברעכט שלעסער און פּראַלט אויף טויערן פון אַ פאַרהעמערטער וועלט.

צווייטער טייל

קאַפּיטל איין און דרייסיק

— 1 —

צוויי פולע יאָר זענען אַריבער.

דער זומערדיקער פאַרנאַכט איז געהאָנגען איבער די דעכער פון די איסט־סאַידער גאַסן. די לופט איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַ גליִענדיקער, פאַרנעפּלטער פייכטקייט. דער טאָג האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן. דער רעגן, וואָס האָט פריִער אויסגעוואַשן הימל און ערד, האָט נישט פאַרטריבן די שטיקנדיקע היץ, וואָס ברענט און בראָט אויף שטיין און מויער אין די שפּעטע אויגוסט־טעג. אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָבן בליצן געצונדן די וואָלקנס, דונערן האָבן געקראַכט און די שטראָמען רעגן האָבן פאַרגאָסן ניו־יאָרק, אויסגעוואַשן די גאַסן און אָפּגעשווענקט די הייזער. ווען די שפּיזיקע זון־שטראַלן האָבן ווידער צעריסן די כמאַרעס, האָבן קוואַלן ליכט גענומען פליִצן איבער די מויערן. דאָס ליכט האָט אָנגעטראָגן אַ נייע חמימה.

דורך די טירן פון יידישן פאַמיליע־געריכט אויף איסט־בראָדוויי האָבן זיך אַריינגערוקט די לעצטע נייגעריקע מענטשן, מערסטנס מיטליאָריקע און עלטערע מענער און פרויען, בייצוזיין ביי די פאַרהערן פון די צעקריגטע משפחות, וואָס קומען זיך לאָדן. די בענק אין דעם קליינעם זאַל זענען געווען געדיכט באַזעצט. צוקאָפּנס פונעם ריכטערס שטענדער איז געהאָנגען די אַמעריקאַנער פאָן. ביי אַ וואַנט־טישל האָט אַ סעקרעטאַרין, אַ פעטלעכע פלעגמאַטישע פרוי, נאָכגעקוקט די ליסטע פון די, וואָס זענען געקומען אַהער אויסגלייכן קריוודעס און אויפמאַכן געדעכטעניש. איבער איר קאָפּ, אויף דער וואַנט, זענען געהאָנגען צוויי ברוינע געמעלן פון פּרעזידענט לינקאָלן און פון ריכטער בראַנדייס. אַ קאַקאַרדע פון קאָלירטע געוואַנדן האָט באַצירט דאָס ברייטע פענצטער מיט די ווענעציאַנער שויבן. די לעצטע מידע שטראַלן פון דער זון זענען אויסגעגאָסן אין די קאַנטיקע געשליפענע גלאָז־ראַמען.

הינטערן הויכן ריכטער־שטענדער זענען געזעסן צוויי פרייוויליקע ריכטער. דאָס זענען געווען איינגעלאַדענע בירגער, וואָס זענען געקומען טאָן אַ קהלשע פליכט. אויפן שטול צו רעכטס האָט זיך געהאַלטן אין איין אונטערהויבן אַ יונגער ראַביי מיט אומרויקע תנועות. אויפן שטול צו לינקס איז געזעסן ווי צוגענאָגלט אַ מיטליאָריקער ביזנעסמאַן פון גאָר קורצן וווּקס, מיט אַ מידן גלייכגילטיקן

בליק.ביידע האָבן מיט אָפּגענוצטן געדולד געקוקט אויפֿן ליידיקן שטול אינ־מיטן, וואָס האָט שוין געדאַרפֿט זיין פֿאַרנומען פֿון דעם דריטן ריכטער.

דער דריטער ריכטער, איסר יאַגאָדע, איז אין איילעניש אָנגעקומען דורך דעם פֿראָנט־אַריינגאַנג. זיינע טריט זענען געווען שווערע, כאָטש דער גוף האָט געהאַט פֿאַרלאָרן וואָג. אויף דער גאָמבע האָט זיך געפֿעדערט אַ פֿלעקל באָרד, דורכגענומען מיט גרוילעכע פּעדים, כאָטש ער איז געווען געעלטערט בלויז אויף צוויי יאָר. די געדיכטע קרויזן האָר איבער דעם ברייטן קאָפּ־שיידל זענען איצט געווען אויסגעגעסן ווי אַ שיטערע לאָנקע. אין די אויגן האָט אַרומגעוואָנ־דערט אַ שפּיציקער קוק, אָבער עס האָבן דאָרט נישט געבליצט קיין פֿייערלעך. די מיושבדיקייט, וואָס קומט פֿון אומצאָליקע נסיונות, איז געווען איינגעפּעלדלט אין זיין פֿלעגמאַטיש פּנים.

דער פֿאַרשעפּטיקטער גאַנג זיינער לענגאויס די באַזעצטע בענק ביז צום שטענדער, האָט איסר יאַגאָדען דערמאָנט, אַז ער איז הינטערשטעליק מיט זיינע פֿליכטן. זיצן אויף דעם ריכטער־שטול איז אַ פּריווילעגיע, נישט קיין געצוווּנ־גענער אַמט. זיין אַ שופט איז אַ דערהויבענער פּאָסטן זינט יענעם טאָג, ווען מענטשן האָבן באַשלאָסן אַרויפֿצולייגן דעם צדק אויף דער וואָגשאָל. פֿאַרצייטנס איז דער ריכטער געזעסן אין טויער פֿון שטאָט און געמשפּט דאָס פֿאָלק. ער האָט געמוזט זיין ריין ווי אַ כהן, פֿריי פֿון בצע און אַ פֿינקטלעכער וועכ־טער פֿון דין. דורך פֿאַרשפּעטיקן אַ משפּט — האָט איסר יאַגאָדע אויסגעע־פֿירט — טוט דער ריכטער פֿאַרשעמען די געקריוודעטע און ער פֿאַרהאַלט די גערעכטיקייט אין טיר.

איסר יאַגאָדע איז אַרויף די צוויי טרעפּלעך, וואָס האָבן געפֿירט צום ריכ־טער־שטענדער. שוין זיצנדיק אין זיין שטול האָט דער פֿריִערדיקער פֿאַרוווּרף צו זיך אַליין אָנגעוואָרן עפּעס פֿון דער שטרענגקייט. ער האָט זיך באַגריסט מיט די צוויי שכנים ריכטער און אָנגעזאָמלט די דיקע ברילן־גלעזער, וואָס זענען געווען איינגעראַמט אין דינע באַגילדטע רעמלעך. ער האָט אַריבערגעטראָגן די אויגן אויף די באַזעצטע בענק און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער ייִדישער פֿרידנס־געריכט איז היינט ווידער פֿול מיט אַן ערב־רב. די ליידיק־גייערס קומען אַהער ווי אויף אַ בייז וווּנדער. מען וויל נישט זען די שטראָף פֿאַרן רשע. מען קוקט אויפֿן געפּעכט צווישן גוטס און שלעכטס מיט דערזעלבער באַוווּנדערונג ווי אויפֿן געראַנגל פֿון יעקבן מיט דעם מלאך, אָדער להבדיל צווישן צוויי פּרייז־באָקסערס... ס׳איז די אַלטע מעשה, מענטשן האָבן ליב צו גראַבלען אין יענעמס פֿאַראייטערטע וווּנדן.

וואָס טיפֿער איסר יאַגאָדע האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין די פּנימער פֿון די צוקוקער אין געריכט, אַלץ נענטער איז ער געווען צום באַשלוס, אַז יעדער מענטש ברענגט אויף דער וועלט, באַלד ביים געבורט, זיין חלק יושר און עוולה. ס׳האָט נאָך קיינער נישט אויסגעמאָסטן ווי גרויס ס׳איז דער סכום פֿון יושר און אומיושר. בונטן און רעוואָלוציעס ביי פֿעלקער טיילן אײַן די צוויי מידות צווישן יחידים און גרופּן, יושר און אומיושר איז אָבער שטענדיק אַ זאַך פֿון פֿאַרטיילונג און נישט פֿון פֿאַרוואַנדלען אומגערעכטיקייט אין גערעכטיקייט.

דער אויספיר האָט ביי אים געוועקט אַזאַ צופרידנקייט, אַז ער איז גרייט געווען צו קומען צום באַשלוס, אַז ס'איז נישטאָ קיין פאַרויסבאַשטימטע גערעכטיקייט אויף דער וועלט. די השגחה גיט דעם מענטש די בחירה צווישן גוטס און שלעכטס, אָבער דער מענטש, בטבע אַ רשע, איז אפשר אַ קנעכט פון אומשטענדן, וואָס טרייבן אים צו רשעות.

איסר יאַגאָדע האָט געוווסט, אַז דער געדאַנק קען מיטשלעפּן אַ באַרג מיט אָנקלאַגעס קעגן דעם מענטשלעכן מין. דאָ האָט ער אָבער מיטאַמאָל זיך אָנגעשטויסן אויף דעם אומגעדולדיקן בליק פונעם ריכטער ביי זיין לינקער זייט, דעם ביזנעסמאַן מיסטער וויליאַם שיף. וואָס קרימט זיך עפּעס זיין פּנים און פאַרוואָס צאָרנט ער? צו זיין אַ פּריווילעקער ריכטער איז אַ זכות. קיינער האָט אויף אים דעם אמת נישט אָנגעוואָרפן. וואָס עסט ער זיך ס'האַרץ ווי דאָס זיצן דאָ וואָלט געווען אַן אָפּקומעניש? ר'זעט אויס צו זיין אַ גראָבער סוחר. זיינע ביזנעס גייען אויף רעדלעך. ער האָט געלט אין די בענק, ווערט־פּאַפּירן, אַקציעס, הייזער. אַמאָל האָט זיין פּנים אַוודאי אָנגעקוואָלן פון אימפּעט. היינט איז עס אויסגעשעפּט. אַ צער טליִעט אין די אויגן. דער עושר האָט שוין אַלץ, אָבער ער, איסר, קען זיך ווען, אַז ער ליידט מסתמא פון זיין קורצן וווקס. גאָט האָט אים געגעבן אַ גוף פון אַ ליליפוט. דאָס פּנים וואָלט געווען גליקלעכער ווען עס זיצט אויף אַ גרויסן קערפּער.

ער האָט געכאַפּט אַ צווייטן בליק אויף דעם ריכטער ביי זיין רעכטער זייט. דאָס איז געווען אַ יונגער ראַבּיי, אָסקאַר לאָקער. ער האָט זיך געוויגט ווי אַ פלאַנץ, וואָס רייסט זיך פון דער ערד. וואָס פאַראַ שטורעם הויבט אים איצט פון אָרט? דער יונגער ראַבּיי קען זיינע אויפטואונגען. ער איז אַ טעאָלאָג און קען שפּראַכן. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער מלחמה, אָבער דאָס מיליטער־דינסט האָט אים איוסגעמיטן. ער קען פירן אַ וויכוח איבער הלכה און צוליב שלום מיט די פעלקער, וועט ער פאַרטיידיקן אוריאל אַקאָסטאַן... ער איז אַ למדן און אַ רעפאָרם־ייד. וואָס פעלט אים אויפן ריכטער־שטול? זיין ווייבס פינגער זענען באַשטעקט מיט צירונג. דער שווער רעספּעקטירט אים און דער ראַבּיי רעדט אין טעמפּל וועגן דער מנוחה פון גייסט. וואָס פעלט די צוויי בייזיצער זיינע? אויף וואָס באַקלאָגט זיך מיסטער שיף? וואָס פעלט דעם ראַבּיי לאָקער? וואָס מאַכן די ביידע ידן דעם אָנשטעל, אַז זיי טראָגן די משא פון דער וועלט אויף זייערע פּלייצעס? די צרה מיט די נייע כלל־טוער איז, וואָס זיי צאָלן אָפּ פאַר כבוד מיט גרינגשעצונג...

פון זיינע שכנים ביים ריכטער־שטענדער האָט איסר יאַגאָדע אַריבערגעפירט זיינע אויגן איבערן זאַל. פאַר דער פאָדערשטער באַנק האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ דיקע פרוי מיט ווייבערישע חנדלעך, ווי זי וואָלט זיך געדרייט פאַר אַ פּאָר שפּיגלען. וואָס האָט זי געטריבן אַהער אין פרידנס־געריכט? איר לייב איז צונויפגעצויגן אין אַ קאָרסעט, אָבער זי איז געבליבן צעגאָסן. אויף אירע ליפּן ליגט צופיל שמירעכץ. אירע באַקן זענען באַפּלעקט מיט רוזש, אָבער זי איז נישט געוואָרן קיין יפת־תואר. זי איז נאָך אַ פרעכע אין צוגאָב! וואָס ציילט זי די קנעפּלעך פון איר בלוזע און קרימט זיך איבער די העפטעכצער פון די

אַרבל? די ייִדענע האָט מסתמא אַן אויסדוכטעניש, אַז ערגעץ־ווו האָט אַ שנייר־דער־מייסטער אויפגעניייט אַ פּרינצעסין־קלייד, וואָס וועט זי מאַכן שענער. מאַנסבילן וועלן איר נאָכקוקן און פרויען וועלן איר נישט פאַרגונען ס׳חיות... אין די יאָרן ווען זי האָט געקינדלט, האָט זי אָנגעוואָרן אַלע געלעגנהייטן, די צייט האָט געמאַכט אַ תל פון אירע באַגערן. די עלטער האָט איינגעשרומפּן אירע חלומות.

איסר יאַגאָדע האָט באַמערקט ווי דורך דער הינטערשטער טיר שלייכט אַריין אַ בלינדער ייִד, אַ זקן אין אַ שוועדער קאַפּאָטע מיט אַ ווייסער באָרד. ער שיקט זיין שטעקן פאָראויס און שטעלט שפּרייזן ווי אויף אַ וואַקלדיק ברעט. וואָס זוכט דער בלינדער אין הויז פון גערעכטיקייט? ער מאַכט זיך אַ וועג אין אַ וועלט אָן ליכט, אָבער איבער זיין פּנים איז אויסגעגאָסן אַן אויסטערלישע רו. ער איז ווייט פון צאָרן און ווייס נישט דעם באַדייט פון פרייד. אין די היילן פון פינצטערניש האָט ער באַטראַכט דעם מענטשלעכן האַרמידער און דורך די אויסגעלאָשענע אויגן איז ער געקומען צום אויספיר, אַז אַלץ איז הבל הבלים. גוטס און שלעכטס, צער און פאַרגעניגן, מחלוקת און איבערבעטעניש. ווי קומט דאָ אינמיטן דרינען אַהער דער זקן? האָט דער שפּאַט צום עולם השקר אים געברענגט צום טיש פון די שופטים?

— 2 —

מיט אויפגעהויבענע ברעמען האָט איסר יאַגאָדע זיך אויסגעדרייט צו זיינע שכנים. די צוויי ריכטער האָבן נישט געענטפערט אויף זיינע אַלע שטומע פרעגענישן. דער יונגער ראַביי האָט איצט מיט דעם הילצערנעם העמערל אַ קלאַפּ געטון אין שטענדער, אַ צייכן, אַז דאָס ערשטע פאַמיליע־לאַדעניש ווערט פאַרהערט. די פעטלעכע סעקרעטאַרין האָט אַרויסגעלייענט פון איר ליסטע צוויי נעמען: לייזער דאָרן און ריווע פרומקין. דער טיש פון צדק האָט גערופן די צדדים.

צום שטענדער איז צוגעקומען אַ מאָגערע, גרויע פרוי מיטן אויסזען פון אַ בכבודיקע מחותנתטע. אין אירע אויגן איז געווען אַ פריילעכער בליק, ווי זי וואָלט נישט געקומען פאַר די ריכטער מיט אַ משפחה־סכסוך, נאָר ווי זי וואָלט זיך געקליבן צו אַ מצווה־טענצל. הינטער איר האָט זיך געשטעלט אַ מאַן מיט אַ ברוגזלעך פּנים, אין די יאָרן פון איבערגעשטאַנענעם עלטער. ער איז געווען פאַרקריפּלט אויפן רעכטן האַלבן גוף. פון די ליפּן האָט געקאַפּעט אַ סלינע און ער האָט געסאָפּעט שווער ווי איינער, וואָס בלייבט פּלוצים שטיין אינמיטן געלויף. זיין טאָכטער, אַ העל־הויטיק מיידל מיט צוויי בלאָנדע האָר־קאָקסן האָט אים אונטערגעהאַלטן ווי אַ שוץ־וואַנט. צווישן דער בכבודיקער פרוי און דעם פאַרקריפּלטן מאַן איז געשטאַנען אַ יונג לאַיערל מיט אַ פּנים פול גרימאַסן ווי אַ נישט־דערוואַקסענער קאַלעדזש־בחור.

איסר יאַגאָדע האָט פאַרשטאַנען, אַז די פרוי איז די קלעגערין און ער

האָט זי אַ רוף געטון מיט אַ פינגער. זי האָט געמאַכט אַ שריט פאָרויס. פון איר שטערן האָט ער אַראָפּגעלייענט, אַז זי איז קריגעריש און פרעך. זי האָט מסתמא אַ מויל פלאַם־פייער און אַז זי׳ט פונאַנדערלאָזן די צונג, וועט זי פאַרטויבן די ריכטער, די צוהערער און דאָס־אַ האָט אָדם אַ נאָמען געגעבן אם כל חי? די מאַמע פון אַלעם לעבעדיקן וועט נישט שלעפּן אַ קראַנקן, אַלטן מאַן און אַן אייגן קינד אין געריכט אַריין. ער האָט אַ פרעג געטון:

— וואָס איז אייער קלאָגע?

די פרוי האָט זיך צעשריגן.

— ער איז שוין מיין דריטער מאַן. דרייצן יאָר האָב איך מיט אים געלעבט. כ׳האָב אים באַדינט ווי אַ געטרייע דינסט, כ׳האָב געוואַשן זיינע זאָקן און געקאָכט פאַר אים מאַלצייטן. ער איז אַלע יאָרן געווען אַ שווערער מענטש, אַ קאַרגער ליטוואַק. ער האָט געשפּאָרט פון מיין מויל און נישט געטון פון דאַנען ביז אַהער פאַר זיינע טעכטער פון ערשטן ווייב. כ׳האָב געליטן בזיונות פון זיינע פירעכצן. פאַראַיאָרן האָט ער געקראָגן אַ שווערע האַרץ־אַטאַקע און איז פאַרקריפּלט געוואָרן... דאָקטוירים האָבן געזאָגט ס׳אַ פאַרפאַלענע זאַך און די טעכטער האָבן אים אַריינגעגעבן אין אַ היים פאַר אומהיילבאַרע. דאָרט איז ער געקומען צו זיך. פון זינט ער איז געזונט געווען, האָב איך פאַר אים נישט געקאַרגט קיין האָרעוואַניע. איצט קען איך פאַר אים מער גאָרנישט טון. אין האָספּיטאַל פאַר אומהיילבאַרע גיט מען אויף אים אַכטונג ווי אויף אַ ניי־געבוירן עופהלע. אָבער ער׳ט זיך אַריינגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ אַריין און וויל צוריק אַהיים. וואָס היים? ווען היים? כ׳בין נייגעריק צו וויסן אויב זיינע פאַרהייראַטע טעכטער וועלן אים אַריינלאָזן אין אַזאַ מעמד איבער דער שוועל? איך אַליין בין אַ קראַנק מענטש און צוויי פּאַציענטן אין איין הויז איז אַ ביסל צופיל...

ווען די קלעגערין האָט געענדיקט האָט איסר יאַגאָדע נישט געציילט אירע ווערטער. ער האָט אָבער געהאַט אויפן חשבון, אַז דאָס איז איר דריטער מאַן, וואָס זי האָט געשלעפּט צום ריכטער־שטענדער. ווי דאָס פּלייצט מיט לשון! מ׳דאַרף ביי איר נישט אויספּאָמפּען קיין ווערטער. זי רעדט האַסטיק, אָן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, ווייל זי האָט מורא אַז מ׳עט זי אָפּשטעלן. דער פאַרקריפּלטער מאַן האָט אויפגעהויבן אַ פינגער, אַז ער האָט אויך עפּעס צו זאָגן. איסר יאַגאָדע האָט אים צוגערופן.

— איר האָט געהערט די קלעגערין?

די סלינע ביים אַנגעקלאָגטן האָט גערונען איבער די ליפּן ווען ער האָט אָנגעהויבן.

— נישט ס׳ערשטע מאָל ווי כ׳הער די ריידעלעך... אַז כ׳בין געווען אַ פאַרדינער איז איר טיר געווען פאַר מיר אָפן. איצט וואַרפט זי זיך מיט מיר, ווי מיט אַ טרעמפּ... אַלע יאָרן האָב איך געאַרבעט אין שעפּער. כ׳בין אַ קלאָוקמאַכער. פון מיין פּראַצע האָב איך אָפּגעשפּאָרט אַכצן הונדערט דאָלאַר. מיט אירע חנדלעך און טריפהנע שטיק האָט זי געפּועלט, כ׳זאָל ס׳געלט אַריינלייגן אין באַנק אויףביידנס נעמען... אַז כ׳בין קראַנק געוואָרן האָט מיין אשת חיל דורך אַ דריידל איבערגעשריבן ס׳געלט אויף איר מיידלשן נאָמען. ס׳איז איר געלונ־

געגן דער שווינדל, ווייל אונדזער הייראַט איז נישט דורכגעגאַנגען געזעצלעך אין געריכט... אַז כ׳האָב זי געפרעגט: פאַרוואָס האָסטו צוגענומען מיין אויסגעהאָרע־ וועט געלט? האָט זי מיך אויסגעלאַכט: אָקס! טאָמער דערוויסט מען זיך, אַז דו האָסט געלט אויף דיין נאָמען, וועט דער האָספּיטאַל עס צונעמען ביז צום לעצטן סענט... קענסט נישט די אַמעריקאַנער דאָקטוירים? — זאָגט זי — אַלץ יאָגט זיך דאָ נאָכן דאָלער! מיינסט, האָסט צו טון מיט דעם היימישן רופא פון דיין שטעטל?... כ׳האָב זיך נישט געלאָזט פאַריידן די צייַן און פאַרלאַנגט צוריק ס׳געלט. האָט זיך מיך אויסגעלאַכט: בהמה, דער קלערק אין באַנק האָט שוין אַזוי פאַרשטעקט דעם קאָנטאָ־רעקאָרד, אַז אַ דעטעקטיוו וועט עס נישט געפינען...

דער יונגער ראַביי האָט אָפּגעשטעלט דעם אַלטן מאַן.

— ווייסט איר אין וועלכער באַנק זי האַלט ס׳געלט?

— צי כ׳ווייס? כ׳ברעך זיך נאָר דעם קאָפּ: ווי אַזוי ס׳איז געלונגען מיין מרשעת צו באַאַרבעטן די דירעקטאָרן, די מענעדזשערס... נאָך אַלעם זיצן דאָך דאָרט מענטשן מיט קעפּ. נישט בלויז מיין געלט, נאָר מיינע מלבושים און מיין צירונג האָט זי אויך אַרויסגעשלעפּט פון הויז. זי׳ט עס צעטיילט אירע דער־ וואַקסענע קינדער פון די ערשטע צוויי מענער... דעם זון האָט זי אָוועקגעגעבן אַ דיימאָנד. דער טאָכטער האָט זי אַוועקגעשאַנקען אַ פּאָר אויערינגלעך מיט אַ זייגערל. איך שריי: וואָס צעשלעפּסטו מיין פּראָצע? מיינע בעבעכעס? כ׳לעב דאָך נאָך! און זי לאַכט מיר אין פּנים אַריין: אין קבר אַריין וועסטו עס סאַי ווי נישט מיטנעמען! ווילסט ווערן אַן עושר אויפן בית־עולם?

דער קראַנקער ייִד האָט זיך פאַרהוסט. דאָס מויל האָט געגאָוועריט מיט סלינע. די ייִדענע האָט זיך געוואָלט אַריינברעכן אין די רייד. דאָס לאַיערל מיט דעם ייִנגלישן פּנים האָט מיטאָמאָל גענומען פּראָטעסטירן. די טאָכטער האָט פאַרלאַנגט מ׳זאָל לאָזן איר פאָטער אויסרעדן. ביידע ריכטער, דער ביזנעסמאַן און דער ראַביי האָבן מיט הענט־צייכנס איינגעשטילט די צדדים.

אין טומל האָט איסר יאַגאָדע געוואָרפן בליקן צו די בענק. וואָס טוט זיך דאָ? אַזוינס ברענגט מען פאַרן שטענדער? דאָס ווייב וויל דעם קראַנקן מאַן נישט אַריינלאָזן אין הויז און ער דעקט אויף אַ גזילה אין דער משפחה. און וואָס טוט דאָ דאָס לאַיערל אין פרידנס־געריכט? ווען דער שנעק האָט אַ געזונטן קאָפּ, וואָלט ער דעם פלאָנטער אויפגעקניפּט איידער ער איז געקומען אַהער. ס׳אַ צוויי־ טער נייטן! — איז אים איינגעפאַלן — אַ נישט־דערבאַקענער יוריסט! דאָס זע־ נען דאָ מעשים בכל יום. די מלחמה פון די מינים. דאָס לאַיערל וויל עפּעס אויפ־ קלערן, אָבער ער קווענקלט זיך ווי אַ סטודענט, וואָס איז שוואַך צוגעגרייט צום עקזאַמען. כ׳על וועטן, אַז נייטן וואָלט עס בעסער געמאַכט...

ער האָט איצט אויפגעכאַפּט דעם שטראָם רייד פון דער טאָכטער. דאָס העלהויטיקע מיידל, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם געפּילדער, האָט אַ פּיסקל אויף שרויפן. מיט אַזעלכע טעכטער דאַרף אַ קראַנקער טאַטע נישט פאַרלוירן גיין, זי פאַרשטעקט דעם לאַיער אין אַרבל. זי לאָזט נישט די ייִדענע קומען צום פּסוק. זי שליידערט ווערטער ווי האַמער־קלעפּ, פּונקט ווי אַ באָקסער דערלאַנגט בוכטשעס אין זיין אַנידערגעקנאַקטן קאָנקורענט. דער צאָרן פון אַלע באַוווּלהטע

טעכטער שרייט פון איר אַרויס. וואָס, מ׳קען זי טאַקע נישט איינשטילן? ווי דאָס פּילדערט:

— זיין גאַנץ לעבן האָט מיין טאַטע שווער און ביטער געאַרבעט. ר׳איז פאַרשוואַרצט געוואָרן אין שאַפּ און זי האָט אויסגענאַרט זיינע אָפּשפּאָרונגען. זי האָט אויספאַרקויפט זיין צירונג. זי האָט אויסגעכיטרעוועט זיין געלט. צוויי מע־נער האָט זי שוין פריִער באַגראָבן. כ׳וויל, אַז די ריכטער זאָלן דאָס וויסן! זי האָט אַ טאַלאַנט צו באַגראָבן מענער. זינט עטלעכע יאָר קריגט מיין פּאָטער עלטער־פּענסיע. פון די דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך קריגט זי פּופצן... זי קריגט עס נאָר דערפאַר, ווייל זי איז זיין ווייב און נישט ווייל עס קומט איר...

— אַ דאַנק פאַרן דערמאָנען די עלטער־פּענסיע... כ׳וויל טאַקע דאָ פרעגן.
— האָט די קלעגערין זיך צעשריגן צו די ריכטער — פאַרוואָס קריג איך טאַקע נישט די טשעקלעך? פאַרוואָס האָט די געטרייע טאָכטער געביטן די אַדרעס און אָנקל סעמס טשעקלעך קומען מער נישט אין מיינע הענט אַריין? הייסט עס, אַז ביידע חלקים פאַלן אַריין יעדע וואָך צו דער יורשטע? כ׳קען זי דערפאַר אָנ־קלאָגן ביי דער רעגירונג! אָבער כ׳וויל בעסער קריגן גערעכטיקייט דאָ, ביי יידישע ריכטער! כ׳וויל, מ׳זאָל וויסן, אַז כ׳האָב אַלע יאָרן דעם מאַן געטריי באַדינט, כ׳האָב געפּירט פאַר אים אַ ווירטשאַפט, געקאָכט פאַר אים מאַלצייטן...
— יעדע געטרייע פרוי קאָכט פאַרן מאַן מאַלצייטן — האָט איסר יאַגאָדע איבערגעשלאָגן — ס׳אַ פליכט פון דער הויז־ווייב זינט ששת ימי בראשית.
די אָנקלעגערין האָט פאַרעקשנט איבערגעפרעגט.
— כ׳וויל וויסן ווו קומט אַהין מיין טשעק פון עלטער־פּענסיע יעדע וואָך?
— און איך וויל וויסן, ווו זענען מיינע אַכצן הונדערט טאָלער? — האָט דער פאַרקריפּלטער מאַן זיך אַרויסגעשטעלט.
— ער האָט מיר אויף מיין פראַגע נאָך נישט געענטפערט! וואָס מאָנט ער ביי מיר אַכצן הונדערט טאָלער? ווען כ׳האָב אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ס׳געלט איז איבערגעשריבן אויף מיין מיידלשן נאָמען, האָט ער געמאַכט אַ שנעפּסל. איין שנעפּסל? צוויי שנעפּסלעך האָט ער געמאַכט! איינס פאַרן באַוואָ־רענען דאָס געלט, אַ צווייטס פאַר די פּראָצענטער, וואָס דאָס קאַפּיטאַל וועט אַריינטראָגן... איצט מאַכט ער דעם אָנשטעל פון אַ תם?

איסר יאַגאָדע האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון פאַרפאַלק. די יידענע מוז זיין אַ כישופמאַכערין! ס׳עט שוין קיין שלום־בית דאָרט נישט זיין. קיין גרעסערע ליצנות האָט מען מיט אים נישט געקענט טרייבן! ער אַליין, אַ קרבן פון אַ צעבראָכן הויז, דאַרף זיין אַ בורר ביי אַ פאַרפאַלק, וואָס זענען זיך דם שונאים! נאָך די אַלע פּילדערנישן פון די צדדים איז דאָ אַ געפאַר, אַז ס׳געריכט איז צו שוואַך אַרויסצוטראָגן אַ פּסק־דין. דער קראַנקער וועט שוין מוזן בלייבן אין האָספּיטאַל פאַר אומהיילבאַרע ביזן סוף פון זיין לעבן, ער איז הילפלאָז און ווערט באַרויבט. ער איז געקומען זוכן שוץ און די שופטים זענען אָנמעכ־טיק. וואָס בלייבט דאָ צו טון? דער בעסטער אויסוועג איז דאָס פאַרפאַלק צו צעשיידן. דער קריפּל איז גענוג געשטראָפט, די מחלוקת און די שנאה דאַרף אים נישט באַגלייטן ביז אין קבר אַריין.

איסר יאַגאָדע האָט אַ רוף געטון דעם פאַרקריפּלטן ייִד.

— מיסטער לייזער דאָרן! איר ווילט זיך צעשיידן?

— יאָ.

— ער מוז זיך צעשיידן! — האָט די טאָכטער זיך אָנגענומען פאַרן טאַטן — אָבער זי מוז צוערשט צוריקגעבן דאָס רויב. דער טאַטע האָט ס'גאַנצע לעבן געאַרבעט ווי אַן אייזל און זי האָט געטראָגן פאַר זיין געלט אַ טייערן פוטער־מאַנטל... מיר ווילן צוריק זיין געלט, זיין צירונג, זיינע קליידער! שטיצן אירע דערוואַקסענע קינדער מעג זי? פאַרוואָס קען זי אים נישט אויסהאַלטן?

דער אָנגעקלאָגטער האָט מיט אַ גאַווערדיק מויל זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט זיך געיִשובֿט צי ער זאָל איצט אויפדעקן אַ גרויסן סוד. די גאָמבע איז ביי אים געוועזן נאַס פון דער סלינע, די פינגער האָבן גע־ציטערט. דאָס קווענקלעניש האָט געדויערט בלויז אַ רגע, דערנאָך האָט ער אַ געשריי געטון.

— זי וויל מיך נישט אַריינלאָזן צוריק אין הויז, ווייל זי האַלט דאָרט אויס אַ בעטשעלאָר, אַן אַלטן בחור!

ביי דער קלעגערין האָבן די באַקן געפלאַמט. זי האָט נישט געוואָלט פאַר־שפּעטיקן מיט אַן ענטפער אויף דער באַליידיקונג. די טאָכטער האָט געליטן פון פאַרשעמונג. דאָס לאָיערל האָט מיט אַ קאָפּ־שאָקל באַשטעטיקט, אַז דאָס איז אמת. דער יונגער ראַביי האָט צוגענומען ביי דער קלעגערין דאָס וואָרט.

אַלע דריי ריכטער האָבן צוגעבויגן זייערע קעפּ און באַראַטן זיך אין דער שטיל. איסר יאַגאָדע האָט אַרויסגעשעפּטשעט אַ פאַרטיקן אורטייל: איינזעעניש פאַר דעם קראַנקן מאַן און שטרענגקייט פאַר דער אָנקלעגערין. אָבער דאָ איז נישט קיין בוררות, נאָר ס'הויז פון גערעכטיקייט. דאָס גערי‌כט טאָר נישט ווִיסן פון אַ משיא פּנים. דער קריפּל מעג מאָגען זיין רויב, אָבער די אָנקלעגערין האָט רעכט אויף איר עלטער־פּענסיע. די טשעקס פון אָנקל סעם זענען אַ פּיקדון און דער פּיקדון מוז צוריקקומען אויף די ריכטיקע אַדרעסן. וועגן די אויסגע־נאַרטע אַכצן הונדערט דאָלאַר וועט מען אויספאָרשן אין דער באַנק און דאָס פאַרפאַלק מוז זיך שוין שיידן.

די פּעטלעכע סעקרעטאַרין האָט זיך אויפגעהויבן פון איר זיץ־אָרט, זי האָט אָנגעזאָטלט אַ פּאָר ברילן מיט גלאַנציקע רעמלעך און מיט אַ שטרענג, מאַנס־ביליש קול האָט זי אַרויסגעלייענט פון אַ פּאַפּיר דעם פּסק־דין.

— 3 —

איידער עס זענען צוגעקומען די נייע צדדים זיך צו לאָדן, האָט איסר יאַגאָדע אויסגעדרייט דעם קאָפּ הינטערדווילעכץ, ווו פון דער וואַנט איז אַראָפּ־געהאָנגען די האַלב־פאַרוויקלטע אַמעריקאַנער פאָן. דער מח ביי אים האָט גע־וואָלט כאַפּן אַן אָפּרו, אָבער די אויערן זענען געבליבן אָנגעשפּיצט. דער ריכטער־שטול איז נישט קיין היסב־בעט — האָט ער זיך געמוסרט — און איך בין נאָך

נישט אויסגעשפּילט, כ׳זאָל דאַרפֿן כאַפּן אַ דרימל... מיינע אייגענע חשבונות וועל איך מאַכן אויפֿן גלעגער.

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום זאַל. ער האָט נישט געוואָלט קוקן אויף די פּנימער אַנטקעגן, אָבער די אויגן האָבן נישט אויסגעמיטן די באַזעצטע בענק. אַ לויפיקער בליק איבער דעם עולם האָט אים איבערצייגט, אַז אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים אין די אָפּגעלאָפענע פֿאַר יאָר, איז בלויז דער שטרויכל־גאַנג פֿון אַ מילב. זיינע דורכפֿאַלן זענען מינדערוועַרטיק. זיינע קריוודעס האָבן קיין האַפּט נישט אַנטקעגן דעם קנויל קריוודעס, וואָס וואַרגן די וועלט. ס׳איז אים איינגעפֿאַלן, אַז זיינע אייגענע ראַנגלענישן זענען דאָס אומגליק פֿון אַ יחיד, אָבער די פֿייערן אין מאַידאַנעק זענען דאָס אומגליק פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק. הלוואי וואָלט ער דערזען די פֿייערן באַלד אין אָנהויב, וואָלט ער פֿאַרשפּאָרט זיך צו פּלאָנטערן צווישן די איסט־סאַידער כלי־קודש. ער האָט געמעגט זיך אָנצונדן מיט דעם פֿייער, וואָס שרפֿהעט אין דאָקטאָרס וואָרמסעס אָדערן. וואָרמס איז אַ ווולקאַן און זיין מויל איז אַ שפּייענדיקע לאַווע. מיט אַזאַ פֿלאַמענדיקער צונג, וואָלט דער דאָקטאָר געמעגט העכער אָנשפּאַרן. דאָס אומגליק מיט דעם דאָקטאָר איז, וואָס צוליב זיין קליינגעוויקסיקייט איז אים באַשערט צו זיין אַ נושא־כלים אָנשטאָט אַ פֿירער. ס׳איז דאָ אַ נשמה, אָבער ס׳פֿעלט אַ גוף, וואָס זאָל זיין דער פּאַסיקער לבוש פֿאַר דער נשמה.

איצט האָט איסר יאַגאָדע געוווסט, אַז דאָס באַגעגעניש מיט דעם פֿילאַנטראָפּ סידני וועלער אין באָסטאָן איז נישט געווען קיין צופֿאַל. דער צוזאַמענטרעף איז פֿאַר אים געווען פֿאָראויסבאַשטימט, באַשערט. דער בריוו, וואָס דאָקטאָר וואָרמס האָט אים מיט צוויי יאָר צוריק געגעבן, איז געווען בלויז אַ דינער פֿאַרבינדונגס־פֿאָדים. אַנטלאָפֿן פֿון די איסט סאַיד־קלייזלעך איז ער אַליין, אָבער דער פֿילאַנטראָפּ האָט פֿאַר אים געעפֿנט טירן פֿון אינסטיטוציעס. צוליב דעם זיצט ער איצט אויפֿן ריכטער־שטול. חדשים לאַנג האָט ער געקוקט אויף וואָרמסן מיט זיין „קרן התולדות" ווי אויף אַן אָנשיקעניש. ער האָט זיך אַליין נישט געכאַפּט, אַז וואָרמס האָט אים אונטערגעטראָגן אַ ברענענדיקן פֿאַקעל, וואָס באַלויכט אַלע זיינע אומוועגן אין דעם גרויסן פּלאָנטער.

איסר יאַגאָדע האָט נישט געשאַצט העכער זיין ווערט. ער איז געווען אַ מבין אויף זיינע קענטענישן. פֿאַר קיין תלמיד־חכם האָט ער נישט געגאָלטן און צו ווערן אַ פֿירער ביי קהל איז ער נישט געווען דערוואַקסן. אָבער ווען ס׳איז געקומען אויסצוקלייבן צווישן דער געלאַסנקייט פֿון די היימזיצער און דעם געפּילדער פֿון די עסקנים, האָט ער זיך אַריינגעטון מיט ברען אין דער קאָכעניש פֿון די קהל־לייט.

ס׳איז מאָדנע ווי די קראַנקייט האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין זיין לעבן. רייטשעל איז איצט געווען אַן אָפּגעמעקטער נאָמען. איבער יאַדזשאַס ירושה איז דער אַפּטרופּוס געבליבן ביימן. זיין ברודער ראַלף, פּעני, פֿרענציס — אַלע זענען אַרויס פֿון דער געדעכעניש. געבליבן מיט אים איז טילי סטוירן, וואָס איז געקומען פֿון קעמדען קיין ניו־יאָרק. ווי אויסטערליש! ווען מענטשן זאָלן אים זאָגן מיט צוויי יאָר צוריק, אַז טילי וועט ווערן זיין געליבטע, וואָלט ער זיי

אָנגעשפּיגן פאַר דער רכילות. ער האָט מיט דער פאַרזעסענער מויד זיך באַקענט ביי אַ פרעמדער לוויה און זי געוואָלט פאַרגעסן ווי אַ פרעמדן מת. ס׳אַן איינ־רעדעניש, אַז טילי איז בלויז זיין געליבטע. זי איז זיין טרייסטערין, זיין אויפ־זעערין און זיין קראַנקן־שוועסטער. זינט ער איז אַוועק פון רייטשלען, האָט די רו זיך אָפּגעטון פון אים און ער איז געשלעפּט געוואָרן צום האַרמידער. די אויפ־געראַיעטע פאַרלאַנגען האָבן פאַר אים אויפגעפּראַלט טיר און טויער פון אַ פאַר־ריגלטער וועלט. יידישע צרות האָבן אויפגעוועקט גאַנץ קהל פון אַ היגערפלעט און עס הויערט מער נישט קיין וויסטקייט איבער דער גרויסער יידן־שטאָט.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

— 1 —

פאַר די דריי ריכטער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַן עלטערער צעקנייטש־טער ייד מיט דעם אויסזען פון אַ קברות־מאַן. דער אַלטער, אין זיין אָפּגעטראָגע־נעם הילוך, איז געשטאַנען הכנעהדיק. זיין צעקאַרבט פּנים, דורכגעוועבט מיט דינע אָדערלעך, איז געווען פייערדיק רויט. די אויסגעלאָשענע אויגן האָבן נישט געהאַט קיין קאָליר. דער נאַקעטער קאָפּ האָט געגלאַנצט ווי וואַקס־פּאַפּיר. אַ ריח פון בית־עולם האָט געיאָגט פון דעם זקן.

לויט זיין אונטערטעניקייט האָט איסר יאַגאָדע אים נישט געקענט אָננעמען פאַר אַן אָנקלעגער. דער זקן איז אָבער געשטאַנען גרייט מיט אַ בינטל טענות. ער האָט געוואָלט נאָכקוקן די נעמען אין דעם בויגן וואָס די סעקרעטאַרין האָט אים דערלאַנגט, אָבער קעגנאיבער אים האָבן זיך אַוועקגעשטעלט צוויי מענער פונעם צד שכנגד. איינער איז געווען אַ בלאָנדער שטאַרקער זכר, אַ געגאָלטער מיט אַ מוסקולירט פּנים פון אַ געוויקסיקן באָקסער. דער צווייטער, אַ מאָגערער מיט אַ שוואַרץ בערדל און פלינק־לויפנדיקע אויגן. ביידע האָבן זיך געגוידערט און געבלאָזן, געמאַכט שטומע הענט־צייכנס ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט אויסצו־שיסן מיט אַ פּעקל קלאָגעס, אויב דער אַלטער וועט נאָר עפענען דאָס מויל.

איסר יאַגאָדע האָט צוגערופן נענטער דעם הכנעהדיקן מאַן און אָנגע־שטעלט אַ פרעגנדיקן בליק:

— דער אָנקלעגער? וואָס איז די טענה?

— ס׳איז נישט קיין טענה, ס׳אַ שווערע קלאָגע, אדוני ריכטער. מיט יאָרן צוריק האָב איך געקויפט צוויי קברים פאַר מיין ווייב און מיין טאָכטער. מיין ווייב, אַ פרומע, אַלטמאָדישע יידענע איז שוין לאַנג אויפן עולם האמת. זי האָט געלעבט ווי אַ גרינע און געשטאָרבן ווי אַ גרינע... מילא, ווי שטייט: השם נתן, השם לקח... אָבער מיין טאָכטער, איר צו לענגערע יאָרן, איז אויפגעוואַקסן אין אַ נייער וועלט, זי איז אַ ליידי פון דער סאָסייעטי און זי וויל נישט, דאָס מיינט

מען איבער הונדערט און צוואַנציק, רוען אויף אַ בית־עולם, ווו ס'ליגן גרינ־האָרנס... דאָס קרקע איז דאָך אָבער באַצאָלט, פאָדער איך דעריבער מ'זאָל דעם געקויפטן קבר באַהאַלטן פאַר מיין בינטל ביינער, ווען איך אַליין וועל גיין אַ גאַנג... כ'פאָדער מיין רעכט, אָבער די באַלעבאַטים פון בית־הקברות, וואָס שטייען דאָ, ווילן מיך נישט האָבן אויף זייער קרקע!

— פאַרוואָס ווילן זיי אייך נישט? — האָט דער יונגער ראַביי געפרעגט.

דער אַלטער האָט געמאַכט אַ האַלבן שריט פאָראויס און גענומען אויס־ציילן אויף די פינגער.

— ערשטנס, זאָגן זיי, אַלס מאַנסביל טאָר איך נישט ליגן צווישן נקבות, אַפילו נאָכן טויט. צווייטנס, שטייט זיי נישט אָן דער יחוס מיינער... כ'על נישט זיין געצוג אַריסטאָקראַט צווישן די מתים! דער קבר איז אָבער באַצאָלט און כ'ווייס, אַז די אַפּטרופּסים איבערן בית־עולם ווילן זיך וואַרפן מיט מיין זינדיקן גוף, ווען די צייט וועט קומען. מ'עט מיך מבייש זיין גראָד דאָן, ווען כ'על זיך נייטיקן אין דעם שטיקל פּלאַץ. וויל איך אַריינברענגען אַ טאָלק אין דער זאַך... כ'בין גרייט עפּעס צוצאָלן, אַז כ'זאָל אין אויסטויש קריגן אַן אַנדער קבר פאַר זיך. האָב איך אַ גערעכטע טענה? זיי אָבער, די בעלי־גאווה ווילן מיך נישט. פאַר די באַרימערס, פאַר די בלאָזערס בין איך נישט געצוג מיוחס...

די צוויי אַנגעקלאָגטע קעגנאיבער האָבן זיך געגוידערט מיט אַ ברומעניש. דער מיטן שוואַרצן בערדל איז אַריין דעם געגאָלטן אין די רייד. ביידע האָבן מיט שטומען אומגעדולד אויסגעקוקט, אַז די ריכטער זאָלן שוין אָפּשטעלן דעם אַנקלעגער. פונעם לינקן שטול האָט זיך אַרויסגעהויבן דער דריטער ריכטער, דער ביזנעסמאַן. ער האָט אַנגעשטעלט זיין מידן בליק אויף דעם זקן.

— וואָס ווילט איר פון געריכט? וואָס איז אייער אָנבאָט?

— זאָלן זיי דורכקומען מיט מיר! זאָלן זיי מיט מיר זיך אויסגלייכן! — האָט ער געטייטלט מיט אַ פינגער אויף די אַפּיטרופּסים איבער זיין קבר.

— ווי אַזוי זאָלן זיי מיט אייך זיך אויסגלייכן? — האָט דער ראַביי גע־פרעגט.

— כ'בין גרייט צו צאָלן! און טאַקע קעש. ווי זאָגט מען עפּעס? ריבי פּיש און געלט אויפן טיש! כ'קען גלייך איצט אויסצאָלן די פאַר טאָלער. כ'בין, ברוך השם, אַ בטוח, אַ וואָרטסמאַן...

— וואָס טויג מיר זיין קעש? — האָט דער ייִד מיט דעם שוואַרצן בערדל אויסגעשריגן — ווער מען אַרט עס, צי ער איז אַ וואָרטסמאַן? אַז ער אַליין איז נישט דער ריכטיקער קאַנדידאַט, כ'מיין, ער איז נישט דער פּאַסיקער מאַן, כ'מיין...

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַ הויב געטון פון אָרט:

— וואָס מיינט איר אַזויפיל? וואָס הייסט, ער איז נישט דער פּאַסיקער קאַנדידאַט אויפן בית־עולם?

דער ייִד מיטן שוואַרצן בערדל האָט געוואָרפן אַ בליק צום געגאָלטן מיט דעם מוסקולירטן פּנים. ביידע האָבן זיך דורכגערעדט מיט די אויגן. דער שטו־מער ישוב־הדעת האָט געדויערט מער ווי אַ רגע, דערנאָך האָט דער געגאָלטער

אַריינגעלייגט אַ פּלאַסטער קיי־גומי אין מויל און קייענדיק געגומען פּאַרטייטשן פאַר די ריכטער:

— איר פאַרשטייט? אין אונדזער קאַנגרעגיישאַן האָבן מיר באַשטימטע תקנות און רעגולאַציעס. נאָך אַלעם זענען מיר דאָך נישט קאַ מענטשן פון גאַס... מיר זענען נישט קאַ האָלאַדריגעס, קאַ טראַמבעניקעס...

— רעדט קלאָר, וואָס ווילט איר זאָגן?

— כ׳וויל זאָגן, אַז אָט דער מאַן געפינט זיך שוין פערציק יאָר אין אַמע־ריקע. ר׳איז דאָ אַלט און גרוי געוואָרן. ר׳האָט זיינע ציין אויפגעגעסן, ר׳האָט שוין די איינציקע טאָכטער חתונה געמאַכט, אַ זיידע געוואָרן און פונדעסטוועגן באַלאַנגט ער נישט צו קיין קאַנגרעגיישאַן, ער איז נישט קיין מיטגליד אין קיין שום סאָסייעטי, ער קער זיך נישט אָן מיט קיין אָרדען. מ׳קען אים נישט צווישן קהל, אַ מענטש אָן אַ נאָמען... מיט איין וואָרט: אַ לאָפּאַצאַן, אַ לומפּ, אַ טראַמ־בעניק...

— באַליידיקט נישט דעם אָנקלעגער! — האָט איסר יאַגאָדע אויסגערופן — פאַרגעסט נישט, איר זייט אונטער אַן אָנקלאַגע. מיר זענען אין געריכט און איר שטייט דאָ צו פאַרענטפערן זיך... קריכט נישט אויפן שטענדער.

— כ׳קריך נישט.

— שפּייט אויס די קיי־גומי... אין אייער קאַנגרעגיישאַן, אין אייער טעמפּל וואָלט איר אויך געקייט גומי?

— ניין.

— דאָס איז אַ טעמפּל פון גערעכטיקייט. איר׳ט גענוג גערעדט!

דאָס מוסקולירטע פּנים ביים אָנגעקלאָגטן האָט נערוועז געצוקט. ער האָט אַ געהאָרכזאַמער זיך אַ רוק געגעבן אויף צוריק און אויסגעשפּיגן די קיי־גומי. ער האָט געוואָלט צוקלייבן מער פּאַסיקע ווערטער אויפצווייזן ,אַז ער איז גע־רעכט. דער זקן האָט אויפגעהויבן ביידע הענט צום עולם אין זאַל און זיך צע־שריגן.

— סדומניקעס! אַ מוף־צעטל ווילן די סדומניקעס מיר געבן? זיי טיילן מיר אויס אַ מוף־צעטל פון בית־החיים נאָך איידער כ׳האָב זיך דאָרט אַהין געקליבן!

איסר יאַגאָדע האָט געהאַט אויפן אויג ביידע אָנגעקלאָגטע, וואָס האָבן זיך געריסן נישט צו בלייבן שולדיק קיין ענטפער. די בית־עולם־גבאים ווילן איינרעדן, אַז זיי גייען נישט באַגזלענען דעם זקן. שיינע פאַרזאָרגערס פון עולם־האמת! מען קלייבט יעדן מת ווי אַ חתן פאַר אַ בת־יחידה. די צוויי שופטים אַרום אים קענען נאָך באַשליסן, אַז נאָך אַלעם מעגן די גבאים האַלטן פאַסאָן... זיי רעפּרעזענטירן אַ חברה, וואָס פאַרקויפט קרקע צו בכבודיקע יידן. זיי באַ־לאַנגען צו אַ יחוסדיקן שטאַם. נישט יעדער לאָפּאַצאַן פונדרויסן מעג זיך דאָרט אַריינרייסן... אַזוי פירט זיך די וועלט פון ששת ימי בראשית. צוליב אָט דעם זקן, אַ האַלבער מת, דאַרף מען דעם סדר־העולם נישט איבערמאַכן!

ער האָט געוואָלט הערן אַ וואָרט פון די אַנדערע שופטים. זיי האָבן גע־פלאָכטן די פינגער און געקנייטשט די שטערנס. פאַרוואָס זיצן זיי אַזעלכע פאַר־לוירענע? יידן שלאָגן זיך איבער אַ ליידיקן קבר! דער משפט איז גאָרנישט אַזוי

פּאַרפּלאָנטערט. דער קויפער איז דער געזעצלעכער אייגנטימער פון דעם שטיקל קרקע, נאָר די באַלעבאַטים פון בית־עולם זענען פיינשמעקער. זיי זיפּן צווישן די פינגער. מ׳גיט דאָס אין נדן אַריין דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע! יעדער מעג האָבן זיין אויסוואַל, אַפילו ווען ס׳קומט אויסצוטיילן קברים! כ׳על זיך ווענדן, אַז לויט זייערע תקנות האָבן די בית עולם־גבאים אויך אַ גערעכטע טענה. די קרקע איז געקויפט פאַר דער טאָכטער און דער מאַנער איז אַ מאַנסביל. ביידע צדדים זענען עקשנים. דעם קלאָרסטן עניין קענען קרומע מוחות פאַרפּלאָנטערן. אַ מאַנסבילשער קבר אויף אַ ווייבערישן בית־עולם! שטרענגע גבאים, וואָס היטן אָפּ זייערע תקנות! אַ ייד, וואָס קעמפט פאַר זיין רעכט אויפן הייליקן אָרט. ווי גלייכט מען אויס די צדדים?

איסר יאַגאָדע האָט נישט געפונען קיין אויסוועג און איבערגעגעבן זיינע טראַכטענישן צו ביידע ריכטער. דער אומרויִקער ראַביי האָט געפרעגט די אָנ־געקלאָגטע.

— איר ווילט שליכטן דעם סכסוך?

— צו דעם זענען מיר אַהער געקומען — האָט דער אָנגעקלאָגטער מיטן שוואַרצן בערדל געזאָגט — כאָטש כ׳פאַרשטיי נישט פאַרוואָס מ׳רופט דאָס אַן סכסוך. מיר היטן בלויז אָפּ די תקנות פון אונדזער קאָנגרעגיישאָן! מיר זענען שליחי ציבור!

דער ראַביי האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום זקן.

— און איר? ווילט איר זיך פאַרגלייכן?

— כ׳וויל האָבן מיין קבר! — האָט דער אַלטער געמאַטכט קולות — ס׳איז מיין איינציקע פּראָפּערטי, מיין נכסי דלאניידי... כ׳האָב באַצאָלט פאַר דער קרקע און ס׳איז געזעצלעך מיינס!

דער ריכטער, דער ביזנעסמאַן מיט דעם פלעגמאַטישן פּנים האָט געמאַכט אַן אָנבאָט:

— אפשר וואָלט איר געוואָלט מ׳זאָל אייך פאַרגיטיקן מיט געלט? וואָלט איר איינגעשטימט מ׳זאָל אייך צוריקצאָלן?

די אַפּטרופּסים איבערן בית־עולם האָבן זיך פלינק איבערגעקוקט, דער געגאָלטער האָט געשריגן:

— אים געבן געלט? נאָ סער! מ׳קען מיט אים נישט פאַרהאַנדלען; זאָל קו־מען זיין טאָכטער! ס׳איז איר קבר! קיין איין סענט וועט ער ביי אונדז נישט אָנזען, דער טראַמבעניק!

איסר יאַגאָדע האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דעם הילצערנעם העמערל.

— איר באַליידיקט ווידער דעם אָנקלעגער. ער איז אַן אָנשטענדיקער ייד, כ׳דערמאָן אייך, אַז דאָ איז דאָס געריכט און איר שטייט דאָ זיך צו פאַרטיידיקן!

דער צעקנייטשעטער זקן האָט געקוקט אויף די בית־עולם־גבאים און אָנ־געקוואָלן. ער האָט הנאה געהאַט וואָס זיינע שונאים כאַפּן אַריין אַ פּסק פון דעם ריכטער. דאָס הויז פון גערעכטיקייט נעמט זיך אָן זיין קריוודע. די אָדערלעך אויף זיין רויטלעך פּנים האָבן זיך אָנגעצויגן. ער האָט זיך דערשפּירט זיכערער און גענומען מאַכן קולות. דער צווייטער צד איז אים נישט שולדיק געבליבן

קיין ענטפער. אינעם געפּילדער פון די רייד האָבן די שופטים נישט געקענט שווייגן. איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט געפינען אַ פּשרה און נישט געקאַרגט קיין אָנבאָטן צום אָנקלעגער און צו די אָנגעקלאָגטע. דער יונגער ראַביי האָט פּרו־בירט איבערצייגן די צדדים מיט מוסר־רייד און מיט אומרו‌יקע תנועות. דער דריטער ריכטער האָט געלאָזן אויסגערעכנט, אַז נאָר אַ געלט־פאַרגיטיקונג וועט ברענגען צו אַן אויסגלייך.

נאָך אַ האַלבער שעה פון דינגעניש האָט מען געהאַלטן ביי אַן אויסגלייך. די אַפּטרופּסים איבערן גוטן אָרט זענען וויליק געווען אונטערצושרייבן אַ הסכם. אויב דער אָנקלעגער אָדער זיין טאָכטער וועלן צוצאָלן אַ סומע געלט, וועט מען אויסטוישן דעם קבר אויף אַן אַנדער שטיקל קרקע ,צווישן זכרים.

דער זקן האָט לאַנג און געדולדיק זיך געקווענקלט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן דעם לעצטן באַשלוס פון זיין לעבן. ווען ער איז גרייט געווען נאָכצוגעבן, האָבן פון דער פאָדערשטער רייע זיך אַרויסגערוקט צוויי זקנים מיט ווייסע, אויסגעקעמטע בערד, אַפּנים לאַנדסלייט פון דעם אָנגעקלאָגטן. איינער האָט זיך אָנגערופן מיט רוגזה:

— ס'אַ רעקעט! ס'אַ שווינדל! ר' שמואל־דוד, קיין איין פּעני זאָלט איר זיי נישט געבן!

דער צווייטער האָט אויפגעהויבן אַ טייטל־פינגער ווי אַ וואָרן־צייכן:

— פאַר חילול־השם הייסט מען זיך געבן כּאַבאַר? רבונו דעלמא! וואָס האָבן זיי געמאַכט פון דעם הייליקן אָרט? אַ בית־החיים צי אַ קלוב פון אַריס־טאָקראַטן?

דער אויסגלייך וואָס איז אָנגעקומען מיט אַ סך דינגעניש, איז צונישט געוואָרן. דער אָנקלעגער איז געוואָרן תקיפדיקער און באַשטאַנען אויף זיין ערש־טער פאָדערונג. די ריכטער זענען געוואָרן שטרענגער, די צדדים — נאָכגיבי־קער. איסר יאַגאָדע האָט זיך דערטראַכט צו אַ נייעם אויסגלייך און פאַרלאַנגט, אַז די אויסטיילער פון גערעכטיקייט זאָלן דאָס אַרויפּצווינגען ווי אַ האַרטן פּסק־דין: די אַפּוטרופּסים מוזן צוריקצאָלן דעם אָנקלעגער צוויי הונדערט דאָלאַר און דערפאַר זאָגט ער זיך אָפּ פון זיין רעכט אויפן קבר.

איסר יאַגאָדע האָט אויפגעכאַפּט דאָס געפּילדער צווישן די פאָדערשטע בענק. פאַרוואָס ליאַרעמען די צוהערער? ווילן זיי פאַרוואַנדלען דאָס פרידנס־געריכט אין אַ צירק און די ריכטער פאַר קלאָונען? זיין ערשטער אויספיר וועגן המון איז דאָך געווען ריכטיק! דער ערב רב אַמוזירט זיך ביים געפּעכט צווישן גוטס און שלעכטס. אָבער זינט דעם וועלט־באַשאַף קומען מענטשן זיך לאָדן. און דער ערשטער געקריוודעטער בעל־חי האָט אוודאי געזוכט דעם טעמפּל פון צדק. ביים בענטשן די שבטים האָט יעקב דערמאָנט זיין פערטן זון וועגן הערשאַפט און משפט: לא יסור שבט מיהודה ומחוקק מבין רגליו — ס'זאָל נישט אָפּגעטון ווערן אַ צעפּטער פון יהודה און אַ הערשער־שטאָק פון צווישן זיינע פיס. גענוג געדונגען זיך! דער אורטייל איז ס'לעצטע וואָרט און ביידע צדדים מוזן אָננעמען דעם פּסק־דין!

ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דעם הילצערנעם העמערל. ער האָט אויפגע־הויבן בײדע הענט ווי צווײ וואָג־שאָלן און מיט אַ הויך קול געלאָזט הערן דעם אורטייל. די דערצאָרנטע אַנגעקלאָגטע האָבן פלינק זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. ביים זקן איז דאָס צעקאַרבטע פּנים ווידער געוואָרן הכנעהדיק.

ביי דער טיר האָבן די אַפּטרופּסים פון בית־עולם זיך פאַרהאַלטן. דער ייִד מיטן שוואַרצן בערדל האָט אויפגעהויבן דעם טייטל־פינגער אין דער זייט פון דעם קלעגער און געריידט האַלב צום עולם, האַלב צום ריכטער.

— זיין אַמעריקע! נאָך געלט מוז מען אים צוצאָלן, דעם טראַמבעניק!

— 2 —

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן ריכטער־שטענדער און גע־כאַפּט אַ לעצטן קוק אויף דעם צעקנייטשטן זקן, וואָס איז געשטאַנען אַ צוגע־נאָגלטער צו זיין אָרט. וואָס רירט ער זיך נישט אַרויס, דער עקשן? — האָט ער געטראַכט — ער האָט דאָך אָנגעקלאָגט און געוווּנען, ס׳איז אַרויס אַ פּסק־דין און ער בלייבט אומצופרידן. מענטשן קומען מיט אַלע אומזיניקייטן אַהער זיך לאָדן! ווער האָט דאָס אַמאָל געזאָגט, אַז מ׳קען אַ מענטש בעסער משפּטן לויט די פראַגן וואָס ער שטעלט, איידער לויט די ענטפערס וואָס ער גיט? דער האַר־טער מאַנער האָט נישט געפרעגט און נישט געענטפערט, נאָר געהאַמערט מיט אָנקלאַגעס. ס׳אַרא קאַלטער בעל־חשבון! נאָך אַ לאַנגער מהלך צום קבר און ער קומט שוין קעמפן פאַר זיין רעכט אויפן הייליקן אָרט. דאָרט וואַרט אפשר אויף אים אַ פלאַקערדיקער גהינום און דאָס וויל אַוועקגיין אויפן עולם־האמת אַ פאַר־זאָרגטער.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען די פאָדערשטע באַנק און געוואָלט אַריין אין דעם זייטיקן אָפּרו־צימער. אָבער אויפן וועג האָט ער דערשפּירט אַ ציפּ ביים אַרבל. אַ קול האָט אים אַ רוף־געטון.

— העלאָ, מיסטער יאַגאָדע! נו, כ׳על דאָסמאָל אויסלאָזן, אַז ס׳איז פאַר מיר אַן איבעראַשונג... אָבער פאַר אייך איז דאָס באַגעגעניש אוודאי אומגעריכט! מיין אַלטער זאָג: אינש באינש פגע — אַ מענטש מיט אַ מענטש באַגעגנט זיך. איז וואָר, האַ? אַ פאָר יאָר פריִער, אַ פאָר יאָר שפּעטער, אָבער מ׳טרעפט זיך! און ווען? בימי שפוט השופטים... כ׳על אפילו נישט פּרובירן אָפּשטרייטן, אויב מ׳עט מיר קומען זאָגן, אַז איר לויפט שוין פאַר אַ פעדעראַלן ריכטער...

ס׳איז געשטאַנען פאַר אים מענדל וויינשעל, זיין אַלטער באַקאַנטער, דער בעקער און האַלץ־שניצער פון ברוקלין. ער איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרעל־טערט, אַז ס׳האָט גענומען אַ ווײלע ביז איסר יאַגאָדע האָט אים דערקענט. ער האָט, ווי שטענדיק, אויך איצט געטראָגן דעם היימישן שניט־ראָק מיט אַ האַרטן קאָפּעליוש פון ברוינעם פליוש. דאָס שמאָלע פּנים איז געווען איינגעשרומפּן. דער שטערן און די באַקן זענען געווען דורכגעפּעדימט מיט בלויע שנירלעך און פעל־דעלעך. די ווייסע באָרד, וואָס האָט אַמאָל געהאַט געלבלעכע טאַבאַק־פלעקן, איז

מער נישט געשטאַנען נאַ־שפּיץ. פון די געדיכטע צוויי חלקים איז געבליבן אַ שיטער איינגעלאָפן צעפּל. די בלויע אויגן האָבן אָבער נאָך אַלץ שאַרף געפּלע־מלטביים קוקן אויף מענטשן.

איסר יאַגאָדע איז מיט אַ שמייכל איבערגעקומען די ערשטע איבעראַ־שונג. ער האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

— שלום עליכם, מיסטער וויינשעל, וואָס טוט איר דאָ?

— כ'האָב דאָ אַ קעיס. אָבער כ'הער דאָך פון דער סעקרעטאַריק, אַז די ווייטערדיקע סעסיע איז אָפּגעלייגט... אַ שאָד. ס'איז נישט חלילה פּיקוח־נפש, אָבער אַ סיכסוך מיט קהל איז גוט, אַז מ'ווערט עס פּטור, אָ וואָ! ס'אָלרייט וואָס ר'זייט אַ ריכטער אין פאַמיליע־געריכט. איר האָט דאָך שטענדיק געטענהעט, אַז אין ניו־יאָרק איז פאַראַן צופיל אומגערעכטיקייטן. אַזאַ אומצופרידענער עסקן ווי איר האָט געמוזט אַמאָל אָנשפּאַרן ביזן היימישן ריכטער־שטול... אַ קליין וועלטל, וואָס? און איך קום צו אייך מיט אַ קעיס...

— איר זייט דער קלעגער?

— ניין, מ'שלעפּט מיך אַהער, ווי כ'וואָלט געווען חייב מיתה, כאָטש כ'זע נישט אין וואָס עס באַשטייט מיין חטא... איר זעט די צוויי קלעגער דאָרט ביים שטענדער? אָסור צי זיי זעען אויס ווי גזלנים, וואָס קומען זיך לאָדן. זייערע טריט זענען געלאַסענע, זייערע שמייכלען זענען חניפהשע און די יראת־שמים־פּנימער? ווי זיי וואָלטן פון קדמונים אָן געווען ר׳דף־שלומניקעס! אלא וואָס? ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו ווערן אַ גבאי אין מיין קאָנגרעגיישאָן... אַרויס פון די בעקעריי־ביזנעס און אַריין אין שול־ביזנעס! זינט מיר באַלאַנגען צו איין קאָנגרעגיישאָן האָט זיך אָנגעקליבן אַ פּעקל סכסוכים. און סכסוכים, פּונקט ווי קריוודעס, לאָזן זיך נישט אויספּרעסן ביים קאָרטן־שפּיל. מ'מוז זיי ברענגען צום ריכטערס טיש! און איר, מיסטער יאַגאָדע? ר'זענט נאָך אַלץ אָנגעשטויסן אויף דעם ניו־יאָרקער מעיאָר? ר'קענט נאָך אַלץ נישט אויסקומען מיט דער ווירט־שאַפט פון די שטאָט־טאַטעס? כ'בין מקנא יעדן עסקן, נאָר ס'מוז זיין בסייעתא דשמיא, אָדער כאָטש זכות אבות... ווי שטייט? העוסקים בצרכי ציבור לשם שמים, זכות אבותם מסיעתם...

— איר'ט דאָך אַמאָל געשניצט האָלץ־פיגורן, מיסטער וויינשעל? וואָס הערט זיך אין אייער בעקעריי? די קאַטשעלאַפּעס זענען סוף־כל־סוף געוואָרן בעלי־מלאכות, האָ? — האָט איסר יאַגאָדע זיך צעשמייכלט.

— איר האָט אַלץ אויפן קאָפּ, מיסטער יאַגאָדע! געענדערט האָט איר זיך ווינציק... די גרויע האָר גיבן צו חשיבות. מיטן שפּיץ בערדל זעט איר אויס ווי אַ חזן, ערשט אויסגעבריט פאַר די ימים נוראים... מיך איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. אין מיין זונס בעקעריי שמעק איך מער נישט אַריין. מ'לאָזט נישט! מ'וויל שוינען מיין געזונט... די האָלץ־פיגורן שטייען אויף די פּאָליצעס ווי געצן אין אַ מוזעאום. מיין טאָכטער האָט זיך געשיידט מיט איר מאַן, דעם פּליכטלינג... און אַז מ'האָט חיבוט הקבר נאָך ביים לעבן, אַנטלויפט מען צום ספר און צום קהלשן טומל. ווי פּסקנט דער רמב"ם: איינער וואָס איז פּורש מן הציבור אין לו חלק לעולם הבא... איז אָבער די מעשה אַז ווו קהל־טועניש, דאָרט איז מחלוקת...

מ׳דאַרף מקיים זיין דעם הפרו תורתיך, כ׳מיין די תורה פון שנאת חינם... ר׳ווילט דאָך אַוודאי וויסן וואָס ס׳איז מיט מיינע קלעגער? איר׳ט זיי וועלן היינט אויס־הערן?

— איר האָט ערשט אַליין געזאָגט, אַז די סעסיע איז אָפּגעלייגט. כ׳בין ערשט פּאַרטיק געוואָרן מיט אַ קאָנגרעגיישאָן־סכסוך... ס׳קוקט אויס, די לייט האָבן צופיל צייט. מ׳שלעפּט יעדע קליינע אַמפּערניש אין געריכט! פאַרגלייכט זיך בעסער אויפן וועג צום ריכטער־שטענדער. ס׳אַ לאַנגע מחלוקת?

—מ׳קען דאָס אָפּפאַרטיקן ווי אַן אשרי אויף איין פוס... מ׳דאַרף נישט אָנ־ווענדן די מידת הדין. ס׳בעסטע וואָלט געווען, ווען מיינע קלעגער גייען צו אַ בוררות. איך בין דער סעקרעטאַר פון מיין קאָנגרעגיישאָן. זיי, די קלעגער, פאָ־דערן אינמיטן דרינען אַ פינאַנס־באַריכט פון אונדזער פּרעזידענט. הייסט עס, אַז פאַרענטפערן זיך דאַרף דער פּרעזידענט, אָבער געקומען אין געריכט בין איך, פאַרוואָס? כ׳בין דען זיין לאָיער? חס ושלום! נאָר כ׳קען נישט פאַרליידן שטותערייען. זיי באַשולדיקן אים אין פּריוואַטע ביזנעס־טראַנזאַקציעס. ער האַנדלט אונטער, זאָל עס הייסן, מיט סעמעטערי־לאָטס, כ׳מיין מיט שטיקלעך קרקע און ר׳גיט נישט אָפּ קיין דין־וחשבון וואָס ער טוט מיט דער הכנסה. זיי טענהען, אַז ער ברענגט נישט קיין באַריכט צו אונדזערע מיטגלידער...

— אַ פּרעזידענט מוז יאָ אָפּגעבן אַ באַריכט וואָס ער טוט מיט קהל׳ש געלט.

ביי מענדל וויינשעלן האָבן די בלויע אויגן געגומען פינקלען ווי חלפים. דער מיסטער יאַגאָדע בלאָזט זיך שוין טאַקע ווי אַ שופט! ס׳גדלות רעדט פון אים אַרויס! די איינגעלאָפּענע באָרד האָט ביים זקן זיך צעפּעכערט. ער האָט איצט געקענט אָנקלייבן גענוג ווערטער צו צעקלאַפּן יעדע אָנקלאַגע און אָפּ־מעקן יעדן בלבול אויף זיין פּרעזידענט. ער האָט נישט געלאָזט איסר יאַגאָדען מאַכן אַ ווייטערן שפּרייז.

— די מעשה איז וואָס מיר פאַרהאַנדלען די קעיס אינמיטן גיין, מיסטער יאַגאָדע... ביים ריכטער־טיש וואָלט איך געקענט באַריכות אויסציילן אַלע פּרטים. מ׳דאַרף פאַרשטיין אונדזער קאָנגרעגיישאָן. ווער ס׳געדענקט ברוקלין פון אַמאָ־ליקע יאָרן ווייס, אַז אַלע „אָלט טאַימערס" זענען שוין אויסגעשטאָרבן. די אַלטע מיטגלידער האָבן אַמאָל געוווסט ווי אָפּצושאַצן דעם פּרעזידענטס אַרבעט. איצט האָבן זיך געיאָוועט נאָך שול־מיטגלידער פליכטלינגען, אָנגעלאָפענע... אַ המון, אשר לא ידע את יוסף... אַלץ וואָס זיי ווייסן איז: גיב זיי אַ באַריכט! יוראָפּישע שמאַנצעס! איי דער פּרעזידענט האָט אַמאָל איינגעלייגט וועלטן אויפצובויען די קאָנגרעגיישאָן? דאָס פאַרגעסט מען! ס׳איז זיי אַרויס פון געדעכעניש אַז נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט אונדזער געגנט אָנגעהויבן פאַרגויאישט צו ווערן. יידן האָבן אַרויסגעמופּט און איטאַליענער, פּאָליאַקן און אייערישע האָבן זיך דאָרט אַריינגעקליבן. דעמאָלט זענען אַ פּאָר גלחים געקומען צום פּרעזידענט מיט אַן אָנבאָט, ער זאָל פאַרקויפן די שול פאַר אַ תיפלה, פאַר אַ טשווירטש, אַ קירך...

— און די מיטגלידער פון דער קאָנגרעגיישאָן האָבן מסכים געווען?

— מיט די מיטגלידער האָט מען נישט געדאַרפט קיין סך אַרבעטן זיי זאָלן איינשטימען. ס׳אי דעמאָלט געווען אַ מאַנגל אין געלט. דער אָנגעבאָטענער פּרייז

איז געוועזן הויך. מיט די מזומנים האָט מען געקענט באַפרייען קהל פון חובות... אָבער אונדזער פּרעזידענט האָט געזאָגט: אָוועך מאַי דעד באָדי! ס׳הייסט, איבער זיין טויטן קערפּער וועט מען אפשר קענען איבערמאַכן זיין שול פאַר אַ קירך... מיינט איר דאָך, אַז בלויז דעמאָלט איז די שול געוועזן אין גרויס נויט? נאָך היינט ליגט דער חוב פון הויז ווי אַ לאַסט. די קאָנגרעגיישאָן איז באַלאָדן מיט חובות! איז אונדזער פּרעזידענט געפאַלן אויף אַ המצאה: ער׳ט פאַרקויפן שטיקער קרקע פון בית־עולם און מיט דעם געלט וועט מען קענען צאָלן די שולדן...

איסר יאַגאָדע האָט זיך איינגעהערט און געמאַכט אַ פּאָר שריט פאָראויס. ער האָט געוואָלט עפּעס פון די טיר פון זייטיקן צימער, אָבער מענדל וויינשעל איז נישט אָפּגעטראָטן.

— די המצאה איז אַ גלענצענדע, מיסטער וויינשעל — האָט איסר יאַגאָדע געזאָגט — אָבער וואָס האָט דאָס צו טון מיט אַ דין־וחשבון פאַר קהל?

— ס׳האָט שוין גאָר צו טון! אַז אונדזער מקום־קדוש, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, איז אַ לעכערדיקער זאַך! די טויטע מוזן אויסהאַלטן די לעבעדיקע! יאָ, יאָ, די מתים שטיצן די לעבעדיקע! די נייע, די אָנגעלאָפענע באַנעמען דאָס נישט. אָבער אין אַמעריקע מוז מען אָפּרייסן שטיקער באָדן פון בית־עולם, כדי צו פאַרשיטן די לעכער, וואָס די לעבעדיקע מאַכן אָן... אין יעדער סאָסייעטי מוז אַרויסוואַקסן איינער, וואָס טראָגט די אחריות פאַרן כלל. און אונדזער פּרעזידענט איז נישט קיין כעלעמער רבי! הלוואי זאָלן מיר דאָס פאַר־מאָגן, וואָס מ׳קען אים געטרויען! מען מעג זיך פאַרלאָזן אויף אים! אַז ער׳ט אָנהויבן רופן מיטינגען, וועט יעדער באַשלוס זיך פאַרציִען ביזן אלף השישי...

איסר יאַגאָדע איז געוועזן זיכער, אַז ער האָט שוין נאָך אַ משפט דורכגעלופ־טערט אונטערוועגס, אויף איין פוס. אַלץ וואָס ער דאַרף איצט, איז אויסהערן דעם צווייטן צד. ער האָט געוואָלט אַריין אין זייטיקן צימער, אָבער ס׳האָט אים נאָך אַלץ נישט געפּאַסט צו פאַרשעמען וויינשעלן. דער אַלטער איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ נאָה דורש, אַ גלאַטער רעדנער. ס׳בעסטע איצט וועט זיין אים אָפּצוגעזעגענען און זיך באַשטעלן מיט אים אויף אַ צווייט מאָל. ער האָט געזאָגט:

— איצט מוז איך גיין, אָבער איר מעגט עס וויסן מיסטער וויינשעל, איי־דער איר קומט זיך לאָדן, אַז אייער פּרעזידענט מוז אָפּגעבן איינמאָל אַ יאָר אַ באַריכט פאַר דער קאָנגרעגיישאָן. דאָס מוז געטון ווערן! יעדעס געריכט אין אַמעריקע וועט דאָס פאָדערן, אַ באַריכט! אומבאַדינגט אַ באַריכט!

אין זייטיקן צימער האָט איסר יאַגאָדע אַ קוק געטון אויף זיין גאָלדענעם טאַשן־זייגער. ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער׳ט באַלד דאַרפן זיך טרעפן מיט טיליִן. ער מוז אויך אָנטעלעפאָנירן צו סידני וועלערן אין האָטעל. מיט טיליִן מוז ער גיין צו אַ תנאים־שמחה ביי איר קוזינע און דער באַסטאָנער כלל־טוער איז געקומען אין ניו־יאָרק אויף אַ באַראַטונג מיט די עסקנים. מ׳קען צעריסן ווערן פון די באַגעגענישן! — האָט ער שטומערהייט זיך באַקלאָגט — די צרה איז וואָס דער מענטש איז היינטיקע צייטן געפאַנגען פון דריי טיראַנען: דער טעלעפאָן, דער זייגער און דער קאַלענדאַר.

עד האָט זיך צוגעזעצט אַ ווײַלע אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. ביי אַ לאַנגן טיש, איבערגעצויגן מיט אַ גרינעם טוך, זענען געזעסן ביידע ריכטער ווי אַנגעברוגזטע. די אומרויִקע העוויות פון ראַביי לאָקער זענען אַראָפּ פון זיין פּנים און ער האָט איצט געלאָזן געלייענט די ספּאָרט־זייט פון אַן אָוונט־צייטונג. קעגנאיבער האָט מיסטער שיף געהאַלטן אין פאַרצייכענען אין אַן אָפּן נאָטיץ־ביכל ציפערן פון די בערזע־אַקציעס. איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט אים עפּעס אַ פרעג טון און חרטה געהאַט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום עלעקטרישן וואַסער־פאַנטאַן נאָך אַ טרונק. די סעקרעטאַרין איז אַריינגעקומען מיט שווערע טריט און אים אָנגעזאָגט:

— אַ טעלעפאָן פאַר אייך, מיסטער יאַגאָדע.

ער איז אַריין אין דער טעלעפאָן־בודקע און אַ נעם געטון דאָס טרייבל. ס'איז געווען טיליס ווייך קול, וואָס האָט אים דערמאָנט, אַז ס'איז שוין צייט צו פאָרן צו דער משפחה־שמחה. ער מוז מיט איר היינט מיטגייןן! זי וועט זיך קיינמאָל נישט קענען אויסקויפן, אויב מ'זאָל פאַרפעלן צו קומען אַהין.

טיליס שטים האָט אַראָפּגעשאַרט פון איסר יאַגאָדעס פּנים אַלע וואָלקנס. אין זיין קול איז איצט געווען פאַרענטפערונג.

— כ'על קומען, טילי. כ'על זיכער קומען, העלאָו! יאָ, כ'על נישט פאַרשעמען דיין קוזינעס שמחה. מ'טאָר נישט פאַרשעמען אַן אלמנה. איר טאָכטער איז געוואָרן אַ כלה? מזל־טוב! ס'איז אַ תנאים־פּאַרטי? צוויי מאָל מזל־טוב! ס'איז נאָר שלעכט וואָס כ'מוז היינט נאָך זען סידני וועלערן אין זיין האָטעל. יאָ טילי, דער פילאַנטראָפּ איז דאָ אין ניו־יאָרק! ווייסט דאָך, ס'איז דאָרט איינער פון יענע צוזאַמענקונפטן, וווּ מ'וויל איבערמאַכן די וועלט... אָבער כ'טאָר עס נישט אויסמיידן, ס'אָלרייט, טילי, כ'על שוין זען אָפּצושפּאָרן צייט פון דער תנאים־פּאַרטי. פאַרפאַלן, כ'מוז שטענדיק טאַנצן אויף צוויי חתונות! העלאָו! יאָ, כ'על דיך טרעפן אויף דער סאָבוויי־פּלאַטפאָרמע, ביי דער פיר און דרייסיקסטער סטריט. כ'פאָר שוין אַרויס מיט דער זעקסטער עוועניו־באַן, זיי נישט שפּעט, טילי! וועסט וואַרטן ווי שטענדיק, ביים ערשטן וואַגאָן...

ער האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל און אָפּגעווישט אַ שמייכל פון די ליפּן. ווי לייכט טילי האָט זיך אַריינגעגליטשט אין זיין לעבן! זי דערמאָנט אים שטענדיק זיינע פאַרגעסענע פליכטן און ער מוז זיך כסדר פאַרענטפערן.

זי היט אים אויס פון נאַכלעסיקייטן. זי האַלט פאַר אים אָפן די לוחות און ער דאַרף זיי אויספאָלגן. דאָס פאַרזעסענע מיידל האָט כאַראַקטער פון אַ מאַנסביל און די סטראַטעגיע פון אַ פרוי, וואָס יאָגט זיך נאָך אַלץ מער צייט־פאַרטרייב. דאָס וואָס עס האָט רייטשלען תמיד געפעלט, האָט זי, טילי נאָך מיט אַ שמיצל אַריבער. דוכט זיך, אַז טילי, וואָס האָט על פּי שכל געזאָלט פאַרשפּילן אַלע מיידלשע מזלות, האָט צולעצט געכאַפּט איר פאַנג. און ווער זיצט אויף איר הוק? ער, איסר, וואָס האָט אַמאָל אָפּגעמאַכט צו אַנטלויפן פון חוהס מין ווי פון אַ קלעפּיקע קרענק. אויב די השגחה באַשטימט אַלץ אין פאָראויס, איז יאַדזשאַס ירושה־זוכעניש נישט קיין צופאַל און קעמדען איז פאַר טילין געווען אַ בריק צו זיין וועלטל. די פרוי מוז פאַרמאָגן אַן אייזערנע גבורה, אויב זי קען אים אַזוי

האַלטן אין אירע הענט. איז עס איר געשיקטקייט? איר ווייבלעכע ראַפינירטקייט? אָדער זיין פאַרלוירנקייט?

ער האָט אַראָפּגענומען פון הענגער זיין מאַנטל און הוט, ער האָט מיט אַ האַנט־מאַך זיך אָפּגעזעגנט מיט דעם יונגן ראַביי און איז אַריין אין קליינעם וואַשצימערל. ביים שפּיגל האָט ער צעקעמט דאָס בערדעלע. די הערעלעך, דורכגעוועבט מיט זילבערנע פעדים, האָבן זיך צעפּעכערט. די גרווילעכע קניפּלעך אַרום די שלייפן האָבן געבלענדט מיט חשיבות. די ברייטע ראַנדן פון פליושענעם קאַפּעליוש האָבן אים געגעבן דעם אויסקוק פון אַ רעוורענד. כ'זע אויס יונגער פון מיינע יאָרן! — האָט ער געטראַכט — איינזאַמקייט וואָלט איצט ביי מיר געווען אַ קאַטאַסטראָפע. פון זיין וועסט־טעשל האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ וויטאַמין־טאַבלעט, וואָס אַנטהאַלט אַן עקסטראַקט פון אַלע שפּייזן, ער האָט גענומען אַ שלוק וואַסער, אַראָפּגעשלונגען דעם טאַבלעט און איז אַרויס אין גאַס.

אויפן וועג צו דער סאָבוויי־סטאַנציע האָבן זיך געבאָמבלט ביי אים אין קאָפּ די אַמפּערנישן ביי די משפּטים. דער קריפּל האָט געמאָנט ביים ווייב אַ דאַך איבערן קאָפּ... דער זקן האָט נישט געוואָלט קיין מוף־צעטל פון בית־עולם... ער האָט געדענקט וויינשעלס טענה, אַז די טויטע מוזן אויסהאַלטן די לעבעדיקע... די קאָנגרעגיישאָן צעלויפט זיך, די שול ווערט ליידיק, פון בית־עולם פאַרקויפט מען שטיקער קרקע. איז דאָס ס'פּנים פון ייִדישקייט? וואָס ברענגט דער נייער דור און וואָס וועט ער איבערלאָזן נאָך זיך? און קען אַזאַ דור איבערנעמען די פאַרשפּעטיקטע ירושה?

ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער איז אַמאָל געגאַנגען אויף אַן אַלטן ניו־יאָרקער בית־החיים און איז שטיין געבליבן פאַר אַ מצבה, וואָס מ'האָט געשטעלט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק. אויפן שטיין איז געווען אויסגעקריצט אַן עפּיטאַף: איך בין געווען דאָסזעלבע וואָס דו ביסט, און דו וועסט זיין דאָסזעלבע וואָס איך בין. וואָס איך האָבן געגעבן, דאָס פאַרמאָג איך. וואָס איך האָב איבערגעלאָזט, האָב איך פאַרלוירן...

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

— 1 —

אויף דער סאָבוויי־פּלאַטפאָרמע, ביי דער פיר און דרייסיקסטער גאַס, האָט טילי באַגעגנט איסר יאַגאָדען. כאָטש ס'איז געווען אַ וואַרעמע נאַכט, האָט זי געטראָגן אַ שוואַרץ־געפלעקט פוטער־זשאַקעטל פון פוקסן־פעל און האָט געפּאָכעט מיט אַ הענטשקע, ווען ער איז אַראָפּגעקומען פון די סטאַנציע־טרעפּ. דאָס טונקעלע היטעלע מיט דער פעדער איז געווען אַ ביסל אַלטמאָדיש, אָבער די רויטלעכע, בלענדנדיקע לעקעלעך, וואָס האָבן זיך געוויגט הינטער די אויערן, זענען געווען פריש־פריזירט ווי ביי אַן אויסגעצוואָגן מאָדעל־מיידל. אויף איר

אַליוון־הויטיק פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ מיושבדיקייט, אָבער די פּיס אויף די הויכע קנאָפּל האָבן אונטערגעטענצלט מיט דער פרייד פון אַ פּרוי, וואָס וואַרט אויף דער ערשטער באַגעגעניש מיט אַ מאַן און ווערט נישט אַנטוישט.

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו טילין און פּאַטערלעך צוגערירט די ליפּן צו איר רעכטער באַק. אין דעם קוש איז געווען מער פליכט ווי ליב־שאַפט.

זיי זענען אַריין אין דער אַנלויפנדיקער עקספּרעס־באַן און אָפּגעפאָרן ביז דער צוויי און זיבעציקסטער גאַס. ווען זיי זענען אַרויס אינדרויסן, זענען זיי געשטאַנען אויף בראָדוויי. איבער די געשעפטן האָבן געפלאַמט די עלעקטרישע שילדן, אָבער טילי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר די שוי־פענצטער פון פרוי־ען־קליידער. זי האָט דערציילט וועגן אַלץ וואָס זי האָט אָפּגעטון דורכן טאָג און וועגן דעם גליקלעכן פּאָרל, וואָס פראַוועט איצט אין איר קוזינעס הויז די פאַר־לאָבונג. זיי זענען אָפּגעגאַנגען עטלעכע בלאָק און זיך אַריינגעדרייט צום ריווער־סאַיד דרייוו. איבערן האָדסאָן זענען געשוווּמען פייערדיקע ליכט־ראַקעטעס ווי הימל־שריפט. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ סטאַטוע פון אַ צוויי־קעפּיק פערד. פאַר אַ הויכן הויז־טויער מיט צוויי רונדיקע לאַמטערנעס האָט טילי זיך אָפּ־געשטעלט. איסר יאַגאָדע איז שווייגנדיק איר נאָכגעגאַנגען אין האָל, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט בליצנדיקע שאַנדעליערן. דער עלעוויטאָר איז געווען ליידיק און די טיר איז געשטאַנען אָפן. זיי זענען אַריין אינעווייניק.

— ווּ ווױנט דיין קוזינע? — האָט איסר יאַגאָדע געפרעגט.

— אויפן פערטן שטאָק.

ער האָט אַ דריק געטון אויפן וואַנט־גלעקל דעם נומער פיר. אינמיטן פון דעם פאָרן אַרויף האָט ער באַדעכטיק זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף אַ פאַרבאָטענער רגע. ער האָט מיט צוויי פינגער אונטערגעהויבן טיליס גאָמבע און איר אַ קוש געטון אויף די ליפּן. אויף טיליס פּנים זענען אויפגעגאַנגען שטרייפן פרייד.

— דו קושסט זיך ווי אַ פאַרליבטער בחור!

— כ׳האָב נאָך די תורה נישט פאַרגעסן.

— דאָס קען מען נישט פאַרגעסן, איסר...

— דאָס ווענדט זיך אָן דעם גוטן טעם, טילי. אַז מ׳ווערט עלטער, איז מען נישט בלויז קליגער, נאָר אויך גלוסטיקער. איך האָב הנאה פון די קושן ווי אַ גביר פון ציילן געלט...

טילי האָט מיט די שפּיצן פינגער געקעמט זיין צעפּעכערט בערדעלע.

— מיר שפּילן זיך ווי די קינדער, איסר. אַמאָל ביזטו געווען ערנסט ווי אַ שטרענגער זיידע. כ׳געדענק ווי ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָסטו פאַר מיר איבערגעזאָגט עפּעס אַ שפּאַניש שפּריכוואָרט, אַז דער וואָס גלויבט אין דער ליבע פון אַ פרוי, איז פּונקט ווי ער וואָלט געאַקערט די כוואַליעס פון ים, אָדער געכאַפּט דעם ווינט אין אַ נעץ...

— כ׳האָב דעמאָלט נאָך עפּעס געזאָגט...

— כ׳געדענק נישט.

— האָסט זיך באַקלאָגט, אַז ביזט אַלט און צעקוועטשט און איך האָב דיך געטרייסט, אַז צעקוועטשטע טרויבן האָבן אַ סך ווייַן...

טילי האָט זיך קאָקעטיש צעלאַכט און איסר יאַגאָדע האָט אָפּגעמאָסטן איר פיגור. איר קורצער פעטער קערפּער איז געוואָרן גראַציעזער אויף די הויכע אָפּצאַסן. ער האָט אַליין נישט באַנומען וויפיל צייט אַ לאַנגזאַם שטייגנדיקער עלעווייטאָר קען געבן אויף אָפּצושאַצן די ווערט פון אַ פרוי. ער האָט געוואָלט אַרויפפלייגן די הענט אויף איר טאַליע, אָבער טילי האָט זיך אַ רוק געגעבן צו דער שווערער טיר, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אויפרוטשן.

— אָט זענען מיר!

איבערן לאַנגן קאָרידאָר האָט זיך געטראָגן דער אָפּהילך פון קולות, וואָס איז געקומען פון יענער זייט וואַנט. נאָכגייענדיק טילין האָט ער אויסגעפירט, אַז זי איז אַ באַזיץ, וואָס מען מוז אָנהאַלטן. אַלץ האָט ער איצט געהאַט אויפן אויג. די געפלאָכטענע שנור־קרעלן אַרום האַלדז און די נאָכבאָמבלענדיקע אויע־רינגען וועלן איר קיין יונגשאַפט נישט צוגעבן — האָט ער געטראַכט — אָבער זיי קענען גוט פאַרגלעטן די פאַרבליטע יאָרן. אַ פאַרזעסן מיידל איז אַ געטרייע ווייב. דאָס איז דער סך־הכל. אלמנות נאַרן אָפּ און גרושות פאַראַטן. טיליס מעלה איז, וואָס זי האָט געהאַט צו ווייניק אַוואַנטורעס אין איר לעבן.

נאָכן ערשטן דריק אין גלעקל, האָט די טיר זיך געעפנט. אַ הויך־וווקסיקע פרוי, מיט אַ צעפלאָשעטן קאָפּ בלאָנדע האָר און מיט לאַכעדיקע אויגן האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט צענומענע הענט.

— העלאָו טילי, וואָס אַזוי שפּעט? כ׳האָב שוין איבערגעקלערט...

— כ׳האָב געמוזט וואַרטן אויף מיין באַגלייטער. זייט באַקאַנט, מיין קו־זינע עוועלין, דאָס איז מיסטער יאַגאָדע.

— אָנגענעם אייך צו קענען, מיסטער יאַגאָדע. כ׳האָב אַ סך געהערט פון אייך. טילי האָט דערציילט וועגן אייך בלויז לויב־ווערטער.

— טילי איז אַ שפּאָרזאַם מענטש. אויב זי האָט נישט געקאַרגט קיין לויב־ווערטער, האָב איך זיי מסתמא כשר פאַרדינט.

— כ׳טראַכט גאָרנישט אַנדערש. קומט אַריין. אויף דער שוועל וועט מען זיך צו גאָרנישט דערערדן, די שמחה איז אינעווייניק.

— 2 —

אין גאַסט־צימער איז געשטאַנען אַ לאַנגער אָוואַלער טיש, באַלייגט מיט יום־טובדיקן כיבוד. די טיפע טעלערס זענען געווען פול מיט כלערליי פליישן, מאַרינירטע הערינג, זויערקרויט און קאַרטאָפל־סאַלאַד. אין לאַנגע בעקנס זע־נען געלעגן צעשניטענער האָניק־לעקעך, מאַנדל־בייגעלעך, שטרודל און קע־מיס־ברויט. צווישן די באַזילבערטע טאַצן מיט פרוכטן זענען געווען צעשטעלט פלעשער וויסקי, סקאָטש, זיסער ווייַן און ביר.

די געסט האָבן געטונקען די ליפּן אין די בעכערס משקה און געלייגט אויף די ציין צובייסעכץ. אַן עלטערע, פּעטלעכע פרוי אין אַ גלאַנציקן פּלאַס־טיק־פאַרטוך האָט אָנגעפולט פאַר יעדן גאַסט אַ טאָוועלנעם טעלער מיט אַלערליי מאכלים. אַ שוואַרץ דינסט־מיידל מיט אַ לוסטיק פּנים האָט אַכטונג געגעבן, אַז די פּאַרטיילערין זאָל קיינעם נישט פאַרזען. דאָס צימער איז געווען פול מיט געטומל פון רייד. דער צעפליגלטער שאַנדעליער אינמיטן סופיט, ווי אַן אַלטפרענקישער הענגלייכטער מיט פאַרבויגענע קרישטאָלענע פראַנזן, איז אַראָפּגעהאָנגען איבערן טיש און אַריינגעפּלייצט ליכט אין די קרישטאָלענע שאָלעכלעך, קעלישקעס און בעכערס, וואָס האָבן געפינקלט מיט בליציקע קאָלירן.

עוועלין, די באַלעבאָסטע, האָט אַרומגעפירט איסר יאַגאָדען, אים באַ־קענט מיט די געסט און דאָרט, ווו זי האָט פאַרפעלט אָנצורופן אַ נאָמען, האָט זי זיך אַרויסגעהאָלפן מיט די לאַכעדיקע אויגן.

טילי, מיטן היימישן גערודער פון אַ שטוב־מענטש, האָט זיך אָנגערופן.

— דו ווייז אים בעסער די כלה! ווו איז דאָראָטי? כ׳זע דעם חתן אויך נישט, וואָס, ס׳פּאָרל איז שוין פאַרשוווּנדן?

פון צווייטן צימער איז אַריינגעקומען אַ מיידל, הויך־וווּקסיק ווי די מאַ־מע, מיט בלויע, שאַרפע אויגן און אַ פאַריסן נעזל. זי האָט געטראָגן אַ בלוי קלייד, באַהאָנגען איבער די אַקסלען מיט דינע טיולן ווי חופּה־שלייערס. דער ברוינער קאָפּ האָר איז ביי איר געווען פאַרשוירן שקאָציש מיט אַ שרונט אין דער זייט. אירע אָפּגעפּוצטע, קלאָרע ציין האָבן געשפּריצט מיט פרייד. זי האָט זיך פאַרנויגט קאָקעטיש און דערלאַנגט אי׳סר יאַגאָדען אירע מאַניקירטע פינגער.

איסר יאַגאָדע האָט געקנעטן איר האַנט אין זיין דלאָניע.

— אַזוי זעט אויס אַ יידישע כלה? ווען כ׳טרעף זי אין גאַס, וואָלט איך געשוווירן ,אַז ס׳איז אַן איירישע שיקסע...

— אָט די שיקסע איז אַ למדנית! — האָט די מאַמע אַ זאָג געטון מיט גדלות.

טילי האָט זיך אַרויסגעשטעלט.

— קענסט מיט איר רעדן וועגן האַלאַכאַ (הלכה) און מישנאַ (משנה), איסר... זי האָט מער קענטשאַפט אין יידישן וויסן ווי די וויליאַמסבורגער באָיעס מיט די פּיאות, כאָטש זי איז געבוירן אויפן ריווערסאַיד־דרייוו. ס׳אָלרייט עווע־לין, כ׳מעג אויך אַמאָל לויבן דיין טאָכטער... כ׳האָב פאַרגעסן צו דערציילן, אַז דעם חתנס עלטערן זענען אימיגראַנטן פון איראַק. ער אַליין איז געקומען אַהער אַלס בייבי אַ יאָר אַלט... זאָג איך ריכטיק, דאָראָטי? ווו באַהאַלט ער זיך, דיין העריי?

העריי, שמאָל־בייניק מיט אַ טונקל צוגעברוינט פּנים און אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, איז אויסגעוואַקסן ווי אויף אַן אַרויסרוף. זיין אָנטועכץ איז געווען שטייף און שרייענדיק. דער בלויער אָנצוג מיט שטרייפן איז אויף אים געלעגן פריש ווי פון דער נאָדל אַפּער, דער רויטער קראַוואַט האָט געפלאַמט איבער דעם ווייסן ניילאָן־העמד. ער האָט צערטלעך געגלעט דאָראָטיס האַנט און געשמייכלט.

איסר יאַגאָדע האָט אים באַטראַכט מבֿיניש:

— שטאַמסטו פון די ספרדים, וואָס? דיין זיידע האָט געריטן אין באַגדאַד אויף אַ קעמל און פאַרקויפט טייטלען מיט קאָקאָס־ניס און כ׳על וועטן, אַז דיין טאַטע אין ניו־יאָרק פּראָדוצירט ווייבערישע קאָרסעטן... נו, אַלץ איינס. ס׳אַ שיינער זיווג. די כלה קומט פונעם טייך האָדסאָן און דער חתן פון נהר פרת און חידקל, ס׳איז גוט! אַן אשכנזישע בתולה און אַ ספרדישער בחור! אַ נייער ייִדישער שמעלצטאָפּ! מזל־טובֿ! זאָל זיך מישן ס׳ייִדישע בלוט...

ער האָט געלאָזט שטיין טיליס קוזינע מיט דער טאָכטער און אָנגעהויבן אַרומקרייזן דעם טיש. ער האָט געשנאַפּט אַרום די געסט. טילי האָט אים נאָכ־געשפּאַנט ווי אַ פאַרשפּעטיקט ווייב, וואָס האַלט אין איין פאַרזען דעם מאַנס לייכט־זיניקע געגנגלעך.

— באַנעמסט זיך ווי אַ נערוועזער בעטשעלאָר, איסר... יאָ, כ׳מיין טאַקע ווי אַן אַלטער בחור. האָסט יאָ צייט צי נישט, מעגסט זיין אַ ריכטער אין פאַמיליע־געריכט, אַ היברו־לערער צי אַ גראָסערי־מאַן. אָבער ווי לאַנג דו ביזט אין הויז, מוזטו זיין פריינטלעך צו די מענטשן. ביזט עוועלינס גאַסט, פאַרגעס נישט, פונקט ווי איך.

— כ׳האָב נאָך נישט קיין איין זופּ געטון, טילי און דו רעדסט מיר שוין אויס ווי כ׳וואָלט אויסגעליידיקט אַלע פלעשער. הערסט טילי, דוכט זיך, כ׳בין דאָ אַריינגעפאַלן ווי אַ יון אין סוכה... האָסט געהערט פון די יוונים? צוליבֿ זיי פּראַוועט מען חנוכה... די לייט ביים טיש געפעלן מיר נישט. ס׳איז אָנגעשריבן אויף די שטערנס, אַז נאָך דער פרעס וועט מען זיך אַ נעם טון צו די קאָרטן. וויפיל קינדער האָט דיין קוזינע? האָסט מיך פאַרגעשטעלט פאַר אַלע משפחה־מענטשן?

— ס׳פעלט די עלטערע טאָכטער וויוויען מיט איר מאַן. דאָס פּאָרפאָלק איז ערשט אַ האַלב יאָר נאָך דער חתונה, אָבער זיי פּאַסן זיך דאָ נישט אַריין.

— מיט וואָס האָבן זיי זיך פאַרזינדיקט?

— וויוויענס מאַן איז אַן איטאַליענער.

— אַזאַ בלוט־מישעניש טויג נישט, טילי. האָט דער איטאַליענער זיך מגייר געווען?

— דאָס פּאָרפאָלק איגנאָרירט רעליגיע און זיי האָבן געשוווירן צו דערציִען זייערע קינדער ווי אַטעאיסטן... דער איטאַליענישער שווער ,חנדלט זיך צו דער ייִדישער מחותנתטע, אָבער עוועלין איז ברוגז אויפן איידעם... וואָס איז וויוויען דאָ שולדיק? די ליבע ביי יונגע עקסטראַוואַגאַנטן אָנערקענט נישט קיין רעליגיע־פאָראורטיילן.

— כ׳זע טילי, ווילסט מליץ־יושר זיין פאַר געמישטע חתונות? אַן איטאַליע־נער מעג אַריינקומען אין אַ ייִדיש הויז בלויז אויב ער וועט נאָכטון אברהם אבֿינו. אין אַ ייִדיש הויז מוז אַ גוי עפּעס אינוועסטירן. פאַרדעכטיק מיך נישט, אַז כ׳רעד פון מיינע ביזנעס, טילי. ווייסט דאָך, כ׳בין שוין לאַנג אַוועק פון די שדכנים...

— ס׳איז גוט וואָס דו פאַרמאָגסט הומאָר, איסר, און ביזט ווייט פון פאַנאַ־טיזם... קום צום טיש.

— וואַרט, האָסט נאָך נישט אַלץ דערציילט. וואָס איז מיט דראַטין? וועט די כלה כאַטש צושטעלן איר מאַמע בעסערע מחותנים? וואָס וויסטו וועגן דער ספרדישער משפּחה?

— דאָס מוזטו רעדן מיט עוועלינען. כ׳בעט דיך, אַנטלויף נישט פון איר... ס׳אַלרייט, איסר! קענסט גאַנץ פיין אָנקניפּן אַ שמועס מיט אַ שיינער פרוי. אָט טראָגט זי אונדז אַקעגן אַ טרונק.

— 3 —

עוועלין איז אַקעגן געקומען מיט צוויי אָנגעפּולטע גלעזלעך און אַ טעצל מיט זיס געבעקס. מיט דער ברייטהאַרציקייט פון אַ גאַסט־ביטערין האָט זי דער־לאַנגט טילין אַ גלעזל טונקעלן ליקער און איסר יאַגאָדע אַ וויסקי.

איסר יאַגאָדע האָט איינגענעצט די ליפּן אין קעלישקל און אַנגעוויזן מיט אַ האַנט אויפן טיש:

— ס׳אַי ליהודים! כ׳זע, אַז די געסט לאָזן זיך ווילגיין...

— גאָט זיי דאַנק. נישט צו פאַרזינדיקן — האָט עוועלין געשמייכלט — אַבי מ׳זעט זיך אויף שמחות.

ער האָט פאַרביסן אַ שטיקל קעמיס־ברויט און אָנגעשטעלט אַ פּאָר תמע־וואַטע אויגן.

— ס׳פעלט דאָ קיינער נישט פון דער משפּחה?

טילי האָט פאַר אים געהאַט אַ שטומען פאַרוואורף. פאַר איר קוזינע האָט זי געהאַט אַ שמייכל וואָס טוט איבערבעטן:

— נעם אים נישט ערנסט, עוועלין... איסר האָט די חוצפּה פון אַ שטוב־מענטש און די נייגעריקייט פון אַ לשון־הרע׳ניצע...

— נישטאָ וואָס אויסצובאַהאַלטן, טילי. כ׳האָב ליב היימישע מענטשן, מיס־טער יאַגאָדע! יאָ, מיין עלטערע טאָכטער איז נישט געקומען. ס׳אַ פאַקט, אַז זינט מיין מאַן איז געשטאָרבן פעלט מיר מזל... מיינע טעכטער ציט עס נישט צו איי־גענע באַיעס. דראַטי האָט גענומען אַ ספרדי און וויוויען האָט מיך אינגאַנצן נישט געפרעגט ווען זי איז אַוועק מיט אַ גוי. אַלץ גייט קאַפּויר. הערים טאַטע איז קעגן די תנאים און איז דעריבער היינט נישט געקומען... מיין טאָכטער האָט נישט קיין פאָטער, אָבער דער חתן אַליין פילט זיך ווי אַ יתום ביי זיינע עלטערן. דער איינציקער, וואָס גיט אַוועק ס׳לעבן פאַר הערין איז זיין אָנקל אַבולעפיאַ. מיט אים דאַרפט איר זיך באַקענען. ר׳איז אַ צוריקגעצויגענער ביזנעסמאַן, וואָס וווינט אין אַ רייכן מושב־זקנים. זיין עלטער אויף אַלע ייִדישע קינדער! דער אייגענער ברו־דער זיינער, הערים טאַטע רופט אים: דער אַראַבער פון דאַמאַסקוס. אָבער ער האָט אַ גאָלדן האַרץ, כאָטש ער רעדט שאַרף צו מענטשן. ר׳איז איינער פון דער גאַנצער פאַמיליע געקומען אויף דער שמחה. אָט זיצט ער דאָרט. ר׳זעט דעם מאַן מיט דער רויטער פּעזע?

איסר יאַגאָדע האָט דערזען דעם מאַן מיט דער רויטער פּעזע. ער איז געווען אַ פעט־לייביקער מיט אַ רויטלעך פּנים, אויף דער אַנגעלאָפענער נאָז איז געהאַנ־

געָן אַ שוואַרץ פּעפּערל. ער האָט געקנאַקט ניס, געבלאָזן מיט די באַקן און דער־ציילט טריפּהנע וויצן צו צווי פּרויען, איינע מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז און אַ פּאָר העלע פלעכטן האַר אַרום די אויערן, די צווייטע האָט געטראָגן אַ רויט, לויז קלייד און געהאַט אַ באַבי־קאָפּ, ווו די קורץ־געשוירענע האָר זענען געווען אַ מיש־מאַש פון קאָלירן. ביידע פּרויען האָבן אָנגעקוואָלן פון זיינע זאָגעכצער.

ווי נאָר אַבולעפיאַ האָט דערשנאַפּט אויף זיך איסר יאַגאָדעס בליקן, האָט ער אָוועקגעלייגט דעם ניס־קנאַקער און אים אַ רוף געטון מיט צווי פינגער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אים אַקעגן געטראָגן אַ ברייטע, צעאָדערטע האַנט.

— סאָלאָמאָן אַבולעפיאַ איז מיין נאָמען. כ׳בין אַן אַראַבער פון וואַשינגטאָן־סטריט... ס׳אַלרייט, מיינסט דאָך נישט צו קוקן אויף דער טערקישער פּעזע, נאָר דו ווילסט זען מיין פּליך, האָ? זאָג איך דיר, אַז ס׳גלאַנצט ווי אַ קופּערנע פּאַן... ביי אונדז ספרדים ליגט די שאַרפסטע חכמה אונטער דעם נאַקעטן שיידל... דוכט זיך, אַז בלויז איין אַמעריקאַנער פּרעזידענט — ווי האָט ער געהייסן? דזשאָן עדעמס! — האָט געהאַט אַ פּליך... ס׳אַלרייט, כי־כי־כי... אַ פּאָר האָר אַרום אַ נאַ־קעטן קאָפּ איז ווי ס׳ביסל בילדונג ביי אַ זקן, וואָס האָט פאַרלוירן דעם זכרון. און וואָס איז בילדונג? דאָס, וואָס בלייבט איבער נאָכדעם ווי מירן פאַרגעסן וואָס מיר האָבן געלערנט, כי־כי־כי... זאָלן מיר נעמען צו גלעזלעך?

איסר יאַגאָדע האָט אַרויסגעשטעלט זיין גלעזל און אַ קרום געטון מיט די ליפּן. טילי וואָס איז געשטאַנען הינטער אים, האָט אים אָנגענומען פאַרן שפּיץ־אַרבל און נאַריש געשמייכלט פון אַבולעפיאַס רייד. איסר יאַגאָדע האָט מיט אַ האַנט־וויש פאַריאָגט איר שמייכל. פון וואָס קוועלט זי אָן? דער מאַן מיט דער רויטער פּעזע האָט אים געזאָלט אַמוזירן, אָבער ער יאָגט אויף אים אָן אַ מרה־שחורה. ער וויל רעדן ווי אַ געבראָטענער טערק, אָבער זיינע חכמות זענען אויס־געבלאָזענע. די מענטשן וואָס שמועסן זיך איין, אַז רייד זענען ביליק, האָבן קיינמאָל נישט געעפנט דאָס מויל אויף אַ ליציטאַציע...

עוועלין מיט איר טאָכטער, באַזאָרגטע צי דער אָנקל באַליידיקט נישט די געסט, זענען איין איילעניש צוגעקומען. דאָראָטי האָט געגרעדט צו טילין ווי זי וואָלט אים פאַרענטפערט.

— דער אָנקל סאָלאָמאָן רעדט שאַרף ביי יעדער נייער באַקאַנטשאַפט, ער טוט דאָס, ווייל ר׳האָט דערפון „פאַן"...

אַבולעפיאַ האָט צו איר אַ ווונק געטון.

— קום אַהער, כלה. ביזט דאָך אַ מלומדת. וועל איך דיך פרעגן אַ רעטע־ניש, כי־כי־כי...

— פרעג, אָנקל.

— פאַרוואָס וועט דיין חתן דיך מקדש זיין אונטער דער חופּה כדת משה וישראל? איז דער דת פון משה אַנדערש פון ישראל? ענטפער, מלומדת! כי־כי־כי... ווייסט נישט, האָ? וועל איך פאַר דיר ענטפערן, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן פון משה רבינו פּונקט ווי אַ כלה ווערט געגעבן, פון דער שוויגער, און ישראל, פּונקט ווי אַ חתן, מוז זי אָפּהיטן... דיין חתן וועט דיך מקדש זיין לויט דעם דין פון משה וואָס ישראל האָט געמוזט אָננעמען, כי־כי־כי...

די דריי פרויען האָבן זיך איבערגעקוקט, נישט פאַרשטאַנען דעם טייטש און דאָך האָבן זיי אָנגעקוואָלן. איסר יאַגאָדע האָט געהויבן די אַקסלען. ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז די מערסטע פרויען האָבן אין זייער אינווענטאַר נישט מער ווי צוויי טוצן ווערטער — אַ קליינער סטאַק! — אָבער וואָס פאַראַ ביזנעס זיי צעטוען עס דערמיט! דערפאַר זענען מאַנכע מענער אָנגעשטאָפּט מיט אוצרות ווערטער, אָבער וואָס פאַר אַ דלות עס פייפט ביי זיי!

אַבולעפיאַ האָט זיך אויסגעדרייט צו זיינע בייזיצערינס, ווי ער וואָלט זיי אויך געגאַנגען נעמען אויף אַ פאַרהער.

איסר יאַגאָדע האָט אָנגענומען טילין פאַר אַ האַנט.

— ס'אַ צעמישעניש דאָ. כ'האָב באַלד ביים אַריינקומען דערשפּירט, אַז כ'בין אַריינגעפאַלן ווי אַ יין... ס'איז אַ ווילדע משפחה און אַ משוגענע געזעלשאַפט. כ'האָב גערעכנט צו טרעפן דאָ בכבודיקע מענטשן און געפונען האָב איך פריש אָפּגעפּאַרבטע ווייבער און לצים מיט קרומע קעפּ... אָט דער ספרדי דיינער מיט דעם טערקישן היטל מיינט דאָך, אַז ער האַנדלט מיט רעטענישן! כ'וואָלט אים אַליין געקענט שטעלן אַ האַרבע פראַגע.

— וואָס פאַראַ פראַגע?

— ער זאָל מיר פאַרטייטשן דעם באַגריף שכל...

— ר'איז נישט אַזוי אומוויסנדיק ווי דו מיינסט, איסר .

— כ'על דיר זאָגן, טילי. שכל איז אַ באַגריף וואָס לאָזט זיך טייטשן. האָסט געהערט פון דעם אבן־עזרא? ר'איז געווען אַ פילאָזאָף און אַ דיכטער, ר'האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַ פירוש התורה, האָט ער אין אַריינפיר געזאָגט, אַז דער שכל איז דער מלאך צווישן מענטש און גאָט. צו דעם טערק דאָ מעג מען זאָגן, אַז שכל איז דער פאַרמיטלער צווישן לעבן און טויט... דער לץ דאַרף פאַרשטיין ,אַז החיים והמות בידי השכל...

טילי, וואָס האָט נישט געכאַפּט דעם מיין פון די לשון־קודשדיקע ווערטער, האָט גרינגשעצנדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— עס זענען דאָ ערגערע צרות, איסר.

— וואָס? דאָס ווייבל פון איטאַליענער גייט ווערן אַ מאַמע?

— ביזט אַ טרעפער! וויוויען איז טאַקע אין די הויכע חדשים. די מאַמע עוועלין ווערט אַלט און גרוי און זיינע עלטערן ווילן כאַטש, אַז ביי דעם געבורט זאָל די וועלט איינהאַלטן דעם אָטעם... אויב עס וועט קומען אַ זון, וועט עוועלין זיין אומגליקלעך. פאַר דעם איטאַליענישן מחותן וועט עס הייסן ,אַז דער הימל איז אַראָפּ אויף דער ערד... דער איטאַליענישער זיידע פאָדערט אַ יינגל. די ייִדישע באָבע האָפט אויף אַ מיידל. די גאַנצע מלחמה וועט זיין צוליב דעם נאָמען. טאָמער וועט ס'ניי־געבוירענע מיידל שפּעטער חתונה האָבן מיט אַ ייִד, זאָל זי כאָטש טראָגן זיין נאָמען און בלייבן ביים ייִדישן שטאַם...

עוועלין האָט זיך דערנענטערט מיט אַ טעלער, באַלייגט מיט רויטן, געַ־רויכערטן צונג, קאַרטאָפל־סאַלאַד, זויער קרויט און אַ האַלבע אוגערקע. זי האָט דעם טעלער דערלאַנגט איסר יאַגאָדען. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט אַראָפּ־

געכאַפּט פון טיש אַ געזאַלצענעם פּרעצעל און עס צעקנאַקט מיט די ציין. ער האָט געוואָלט אַרויס אין קאָרידאָר. טילי האָט אים אַ רוף געטון.

— וווּ גייסטו?

— כ׳קען דאָ מער נישט פאַרבלייבן.

— ביזט דאָך ערשט געקומען. האָסט נאָך מיט די מענטשן קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. אַז ביזט בייז אויף די געסט, וואָס איז די כלה שולדיק?

— כ׳האָב איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט.

— דערויף ביזטו אַן עקספּערט. אָבער מעגסט זי אַביסל לענגער אויסהערן...

— שוין אַלץ אויסגעהערט. אַלץ אויסגערעדט.

— נישט אַלץ! האָסט זיך אָנגעברוגזט אויף אָנקל אַבולעפיאַ, ווייל ער טראָגט אַ טערקישע פעזע אָבער נישט אַלע זענען דאָ קלאָונען, וואָס טרייבן שפּאַס פון די געסט. ס׳געפינען זיך דאָ אויך קאַלעדזש־מיידלעך, וואָס אַ געלערנטער מאַן קען זיך מיט זיי נישט שעמען... קום, כאַפּ אַ וואָרט מיט נעלי, יענע הויכע מיידל מיט דער יונגלישער פיגור. זי איז דאָראָטיס אַ חברטע. זי האָט גראַדויִרט אַ מיידל־ישיבה און געקראָגן סעקולאַרע בילדונג. זי האָט אַ שאַרפן מח. און דאָראָטין אַליין קענסטן דען? האָסט דאָך אַליין אַמאָל געזאָגט, אַז דעם מענטש דערקענט מען לויט זיינע ערשטע צען ווערטער... רעד מיט איר. אין אַ דעבאַטע קען זי זיך היצן ווי אַ פּראָקוראָר!

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

— 1 —

איסר יאַגאָדע האָט זיך דערנענטערט צו נעלין, אַ בלאַס געוויקסיק מיידל מיט פלאַכע היפטן און גאָר שמאָלע אַקסלען. זי האָט געטראָגן אַן איינפאַך, ווייס־געפינטלט שטוב־קליידל און געהאַלטן אין האַנט אַן אָפן בוך. איבער אירע אויס־געצערטע באַקן האָבן געצוקט לייכטע גרימאַסן, ווען זי האָט אַריינגערעדט אין דאָראָטין.

איסר יאַגאָדע האָט אָנגעטון זיינע ברילן און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ צווישןביידע מיידלעך. ער האָט אָנגעשטעלט אַ וויַיז־פינגער אויפן בוך.

— וואָס לייענסטו, נעלי?

דאָס מיידל האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי צו פאַרמאַכן דאָס בוך, אָבער איסר יאַגאָדע האָט עס שוין געהאַט אין די הענט. אויס פאַרדאַכט, אַז דאָס איז פאַרבאָטענע ליטעראַטור האָט ער געעפנט דאָס שער־בלאַט. דאָס בוך איז געווען אַ באַריכט וועגן דער געשלעכטלעכער אויפפירונג פון דער שטודירנדיקער יוגנט. ער האָט אַ בלעטער געטון צווישן די טאָוולען און אויפגעכאַפּט, אַז אַ מנין פּראָ־פעסאָרן וואָרענען קעגן דער געפאַלענער מאָראַל פון די קאַלעדזש־סטודענטן. ער האָט צוריקגעגעבן נעלין דאָס בוך.

— מ׳אַלאַרמירט צופיל די וועלט. די פּראָפעסאָרן טרייבן איבער...
נעלי האָט באַטראַכט איסר יאַגאָדען מיט גרינגשעצונג.

— די קאָלעדזש־פּראָפעסאָרן קומען נישט מיט פּוסטע באַשולדיקונגען. זייערע אָנקלאַגעס זענען באַזירט אויף סטאַטיסטישע ציפערן.

— כ׳זע, ביזט אַליין אויך אַן אָנקלעגערין.

—כ׳לייקן דאָס נישט — האָט נעלי זיך געקאָכט — דער מאָראַל־סטאַנדאַרד ביי די סטודענטן איז נידעריק, ווייל טאַטע־מאַמע האָבן פאַרפעלט צו דיסקוטירן מיט די קינדער די געשלעכטלעכע פּראָבלעמען. צניעות ביי יונגע מיידלעך ווערט היינט באַטראַכט פאַר אַלטמאָדיש. קאָלעדזש־סטודענטקעס ווערן אומפאַרהייראַטע מאַמעס...

— ביזט מער ווי אַן אָנקלעגערין — האָט איסר יאַגאָדע געשמייכלט — כ׳זע ביזט אַ גאַנצער פּראָקוראָר!

ביי נעלין האָבן די בלייכע באַקן גענומען פלעמלען.

— כ׳בין נישט קיין פּראָקוראָר. כ׳באַשטעטיק בלויז פאַקטן. די וואָרנונג וואָס עלטערן האָבן אַמאָל באַנוצט צו פאַרהיטן אוממאָראַלישע אויפפירונג האָט קיין האַפט נישט. ס׳איז די אויפגאַבע פון די דערציִערס אויפצווייזן, אַז געצווונגענע הייראַטן, וואָס קומען צוליב פריצייטיקער שוואַנגערשאַפט, ווערן סאַי ווי צעשטערט אַ פּאָר חדשים נאָך דער חופּה.

עוועלינס פּנים איז געוואָרן רויט פון בושה. זי איז איצט געווען אין פאַרלעגנהייט פאַר איר גאַסט. וואָס פאַראַ שמועס האָט נעלי זיך אויסגעזוכט? זי האָט אַ ווונק געטון צו דער טאָכטער, אַז זי זאָל אָוועקרופן איר חוצפּהדיקע חברטע. זי האָט אַליין אָנגענומען דאָס מיידל פאַר אַ האַנט און זיך געבעטן מיט אַ צוגעלאָזענעם שמייכל.

— נעלי, ס׳איז איצט נישט די צייט פאַר אַזאַ דעבאַטע... די געסט זענען דאָ געקומען צו אַ פאַמיליע־פּאַרטי, ס׳איז אַ תנאים־שמחה...

ביי נעלין האָבן די באַקן זיך מער צעפלאַמט. די גרינלעכע אויגן האָבן זיך געצונדן. איר אויפרעגונג האָט אַרויסגערופן אַ חן, וואָס ליגט פאַרגראָבן הינטער זיבן הויטן.

— מיר זענען היפּאָקריטן, אָבער מיר ווילן דאָס פאַרשווייגן. ווען מען וואָלט געלערנט מיט דעם יונגוואַרג סעקס־היגיענע אין די ערשטע שול־יאָרן, וואָלטן די מיידלעך נישט געקענט וואַרפן די גאַנצע שולד אויף די מענער, די וועלף... ביי אַ טאַנץ־פּאַרטי אין אַ סטודענטן־קלוב האָט מען נישט לאַנג צוריק אויסגעטרונקען מער אַלקאָהאָל ווי ס׳איז פאַראַן וואַסער אין טויזנט פלעשלעך קאָקאַ־קאָלאַ... שיכורע סטודענטן האָבן אינמיטן טאַנצן פאַרשלעפּט זייערע מיידלעך אין די גאַסט־צימערן...

עוועלין האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי די באַקן. טילי האָט ווינקענדיק אַ צופּ געטון איסר יאַגאָדען ביים אַרבל. דאָראָטי האָט אָנגענומען איר חברטע פאַר די שמאָלע אַקסלען און זיך געבעטן:

— נעלי, שטעל אָפּ... כ׳בין איבעראַשט פון דיין אויפפירונג. וואָס איז מיט דיר היינט?

נעלי האָט נישט גערעדט בלויז צו צוויי פּאָר אויערן. אירע ווערטער האָבן צוגעצויגן נאָך געסט, וואָס האָבן זיך געהויבן פון זייערע שטולן. ס׳איז אויסגע־וואַקסן אַ קרענצל. אַנקל אַבולעפיאַ האָט געלאָזט זיצן די צוויי פּרויען, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַמוזירן מיט זיינע געפּעפּערטע וויצן און ער איז צוגעקומען מיט וואַקלדיקע טריט. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט די טערקישע פּעזע און מיט אַ טיכל געווישט דעם נאַקעטן שאַרבן. ער האָט זיך צוגעבויגן צו נעלין.

— און וואָס האָט פּאַסירט ווייטער? מעגסט רעדן, נעלי.

נעלי האָט פאַרמאַכט דאָס בוך. זי האָט אַ קוק געטון אויפן רעדל מענטש אַרום זיך ווי אויף אַ בינטל היפּאָקריטן. זי האָט געמאַכט אַ פּאָר שריט פאָראויס, גרייט זיך אַרויסצורוקן פון צימער. אַנקל אַבולעפיאַ האָט מיט צענומענע הענט איר פאַרשטעלט דעם וועג.

— נישטאָ קיין פאַרבאָטענע דעבאַטעס, נעלי! אַז דו וועסט נישט רעדן, וועל איך אָנהויבן צו דערציילן...

דאָראָטי האָט אַרויפגעלייגט אירע פינגער אויף זיינע פליישיקע ליפּן.

— נישט היינט, אַנקל. וועסט דערציילן אַן אַנדערש מאָל...

— נישטאָ קיין אַנדערש מאָל! מען האָט היינט אויפגעהויבן די פראַגע — האָט ער הייזעריקלעך געשריגן — און ס׳אָלרייט, מיר זענען אַלע דעמאָקראַטישע מענטשן, כי־כי־כי... מ׳לעבט נאָך דערווייל אין אַ דעמאָקראַטיע. איך האָב, אויסער העריך, נאָך איין פּלימעניק, אַ קאַלעדזש־באָי אויפן וועסט־קאָוסט, דער־ציילט ער מיר, אַז דאָרט האָבן די סטודענטן זייערע פאַרשטעקטע ליבעס־נעסטן. פאַראַן אַפילו אין יענער געגנט אַ באַרג, וואָס הייסט „דער באַרג פון בתולהשאַפט“. און די סטודענטן זאָגן וועגן יענעם אָרט, אַז דער באַרג וועט פון איבעראַשונג זיך אָוועקרוקן פון אָרט, אויב אַ מיידל וועט בלייבן אַ בתולה נאָכן אַראָפּגיין פון יענער הויכקייט, כי־כי־כי... ס׳אָלרייט, די קאַלעדזש־פּראָפעסאָרן האָבן געהערט דעם ווולגאַרן וויץ און זיי זענען געוואָרן פּעסימיסטיש. דער באַרג האָט זיך נאָך נישט אָוועקגערוקט, זאָגן זיי, און ס׳זעט נישט אויס, אַז דער נס זאָל אַזוי גיך פּאַסירן, כי־כי־כי...

איסר יאַגאָדע האָט אָנגעהאָנגען אַ שטומען פאָרוואָרף אויף טילין און דער בליק האָט געמיינט: אָדער מ׳עט איינשטילן דעם פּרא־אדם, אָדער כ׳גיי שוין אַוועק! אַזוי זעט היינט אויס אַ תנאים אין ניו־יאָרק? מ׳זשלאָקעט משקה, אָבער מ׳הערט נישט קיין פריילעכן לחיים. אָנשטאָט צו פּאָדערן אַ שטיקל דרוש, לעכצט מען נאָך טריפהנע וויצן. אויפן אָרט פון בדחנות וויל מען ניבול־פּה און ביליקע הלצות. אויף אַ שיינעם מאַרק בין איך דאָ אַראָפּגעקומען! דער ייִד פון באַגדאַד פאַרקויפט דאָ זיינע פאַרפוילטע עפּל בכבוד גדול... ער האָט אוודאי נישט גע־הערט, דער כאַמוליע פון דער שטעלע אין דער גמרא, אַז ווען מ׳קומט אויף אַ יאַריד דאַרפן די עמי־הארץ וואַרטן מיט אויסלייגן זייער וואַרע ביז די תלמידי חכמים וועלן צוערשט פאַרקויפן זייער סחורה...

ער האָט אַ רייב געטון דעם שטערן, ווי ער וואָלט וועלן זיך בעסער דערמאָ־נען די שטעלע אין בבא בתרא, און צוליב וואָס דאַרף ער זיך דערמאָנען? פאַר וועלכע למדנים קען ער זיך דאָ לאָזן פאַרהערן? אין זכרון האָבן אָבער באַלד

אויפגעשפּריצט פונקען און די ווערטער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין לויכטנדיקע, ווירע שורות: רב דימי מנהרדעא איתי גרוגרות בספינה א״ל ריש גלותא לרבא פוק חזי, אי צורבא מרבנן הוא נקיט ליה שוקא... רב דימי האָט געבראַכט אַ שיף מיט טרוקענע פייגן, האָט דער ראש גלותא געזאָגט צו רבאן: גיי זע, אויב ער איז אַ תלמיד חכם, זאָל ער פאַרנעמען דעם מאַרק... רש״י האָט פאַרשטאַנען דעם ווינק און פאַרטייטשט, אַז דערפון איז געדרונגען, אַז די סחורה פון דעם תלמיד חכם קומט פריִער...

— 2 —

איסר יאַגאָדע האָט געזען ווי נעלי איז אַרויס פון גאַסט־צימער. דאָס מענטשן־רעדל איז זיך צעפאַלן. עוועלין איז אַריין אין קיך ברענגען נאָך טאַצן מיט כיבוד. דער חתן האָט צוגעשטעלט פלעשער ווייַן. טילי האָט זיך אָפּגעטון אַ פאַרטוכל און געהאָלפן אַראָפּנעמען די ליידיקע געשיר פון טיש.

ער האָט צוגערופן די כלה און זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט.

— אַן אָנקל האָט איר, איז דאָס אַ ווילדע בריאה! אַן אמתער הוליאַקע! און דייַן חברטע נעלי, לייַדט פון אַן אַלטמאָדישן קאָמפּלעקס... אירע יסורים זענען אַלט ווי די וועלט. זי האָט מאַנסבילישע פּלייצעס און ווייבערישע אייפערזוכט.

— וואָס זאָרגט איר זיך, מיסטער יאַגאָדע?

— כ׳האָב מורא, זי׳ט בלייבן פאַרזעסן... ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, דאָראָטי? אַ קאַנדידאַטקע פאַר אַן אַלטער מויד פאַרבעט מען נישט אויף אַ כלה־באַשיטעכץ... האָסט געכאַפּט דעם מייַן, דאָראָטי?

דאָראָטי האָט אַרויסגעלאַכט מיט אַ געלעכטערל, וואָס איז געווען אַ געמיש פון צניעות און העזה.

— נעלי איז מייַן חברטע, אָבער אין אַ דעבאַטע בין איך איר אָפּאָנענטקע. נעלי איז ראַפינירט, אָבער איינזייטיק... נאָר אַז איר וועט מיך פרעגן אָנקל, וועל איך זאָגן, אַז ס׳איז פאַראַן אַן אַנדערע אורזאַך פאַר דעם מאַנגל אין מאַראַל ביי די קאָלעדזש־סטודענטן. הייראַט איז ביי די יונגע מענער אַ לוקסוס, וואָס נישט אַלע קענען זיך פאַרגינען. דעריבער היטן זיך די סטודענטן נישט אַרייַנצופאַלן אין אמתער ליבע, נאָר זיי באַגנוגענען זיך מיט צייטווייליקע אַפערעס.

— דאָ ווער איך שוין דייַן אָפּאָנענט, דאָראָטי! — האָט הערי פּראָטעסטירט — די מיידלעך ווייסן, אַז זייער פרייע אויפפירונג ברענגט שאָדן זייער נאָמען, דאָך ענדערן זיי זיך נישט... מיר האַלטן שוין באַלד ביי דער צווייטער העלפט פון יאָרהונדערט און מען נוצט נאָך אַלץ דעם באַקוועמען אויסרייד, אַז שולדיק זענען די מענער, די אָנגרייפער מיט זייער וועלפישער טאַקטיק... דאָס איז, מייַן טייערע, טאַקע היפּאָקריטיש! דלילה האָט אויך באַשולדיקט שמשונען!

— נו, חתן כלה. צוליב דעם וויץ קען נאָך קומען צו אַ שטרייט און דער שידוך קען זיך חלילה צעגיין... די צרה איז וואָס דער אויטאָמאָביל און דער ביטערער טראָפּן שטויסן ס׳יונגוואַרג צו הפקרות. ס׳אַלרייט, ר׳מעגט מיך אויס־הערן. כ׳בין אויך אַ שטיקל עקספּערט... מ׳דערציילט אונדז, אַז אַרום די ניו־יאָר־

קער קאַלעדזשעס שטייט נעבן יעדן סאַלון אַ פּאַליסמאַן, אָבער אין דער קאַלעדזש־געגנט אין סינסינעטי שטייט נעבן יעדן סאַלון נאָך אַ סאַלון... כ׳וויל, נעלי זאָל דאָס הערן! ווו איז זי? זי׳ט אויסגעשאָסן דעם גאַנצן פּולווער און איז אַוועק? אַ רחמנות אויפן מיידל! זי וואָלט וועלן זאָגן דעם אמת, אָבער ס׳קוויטשעט פון איר אַרויס די שרעק פון אַן אַלטער מויד... הערט קינדער, אַז אַ כלה־מיידל זאָגט, אַז זי האָט נישט ליב קיין דימענטן, איז זי אַליין אַ דימענט. אָבער ווען אַ פּאַרזעסן מיידל שווערט זיך, אַז זי האַלט נישט פון הייראַט, ווייס זי, אַז זי איז פּאַראור־טיילט צו בלייבן אַ בתולה ביז הונדערט און צוואַנציק... באַנעמסט דעם טייטש, דאַראַטי?

איסר יאַגאָדע האָט זיך געלאָזט צום וואַש־צימער. ס׳איז אים נישט קלאָר געווען ווער ס׳איז שולדיק אין דער אויסטערלישער אַמפּערניש. פאַרגעשטעלט האָט מען פאַר אים די מיידלעך אַלס מלומדות, אָבער אַנשטאָט זיך צו פּלפּולן אי־בער אַ סוגיא, אַמפּערט מען זיך איבער צניעות און אויסגעלאַסנקייט. אפשר דאַרף דאָס יונגערוואַרג טאַקע רעדן אַזוי אָפן און ווי אָפן און אומפּאַרשעמט ס׳איז זייער אויפפירונג?

אין וואַש־צימער האָט ער אויפגעדרייט דעם קראַן הייס וואַסער. ער האָט איינגעזייפט די הענט און געלאָזט לויפן דעם שטראָם וואַסער. ער האָט געמישט קאַלט מיט הייס איבער די האַריקע פינגער און ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז די קאַלעדזש־פּראָפעסאָרן זענען נישט קליגער פון די פאַרצייטיקע מלמדים. מ׳צי־טערט איבער די הינער, אָבער מ׳האָט פאַרגעסן אַכטונג צו געבן ווען די אייער האָבן זיך געהאַלטן אין אויסבריען. די מאָראַל פון די היינטיקע מיידלעך האָט דערמזעלבן געדרוך ווי אַ סיגאַרעט, אַרויסגענומען פון אַ ווייבערישער האַנט־טאַש... ס׳איז געמישט מיט פּערפום, קיי־גומי און ליפּסטיק. צו וואָס ס׳האַרצעסעניש? — האָט ער זיך געפרעגט — די ציוויליזאַציע רייט איבער אונדז. דריי פערטל פון דער ערד ליגט אונטער וואַסער און דאָס איבעריקע טויג אויפן פייער!

ער האָט אויסגעשטרעקט די פינגער צום האַנטוך איבער דער וואַנט און דערזען ווי צווישן דער וואַנט און דעם באַהייצונגס־ראַדיאַטאָר ליגן פּעקלעך ספרים, איבערגעבונדן מיט שטריק. די שוואַרצע טאָוולען זענען געווען פאַרשטויבט. אויף טייל רוקנס זענען די געלע אותיות געווען אָפּגעריבן. אויף אַנדערע זענען שטיקער לייוונט פונעם איינבונד געווען אַראָפּגעריסן. איסר יאַגאָדע האָט אויפ־געהויבן אַ פּעקל. די שטריק האָט געפּלאַצט און די ספרים האָבן זיך צעשאָטן. פאַר די אויגן האָט אַ בלענד געטון אַ צעעפנטער מחזור, אַ גמרא ביצה צע־פרעסן פון מאַלן, אַ פאַרגעלטער מדרש, וואָס די בלעטער זיינע האָבן זיך געהאַלטן אין צעפאַלן.

ער האָט איבערגעמישט די שער־בלעטער און געזען, אַז די ספרים זענען געדרוקט געוואָרן אין ווילנע און אין ניו־יאָרק. וואָס טוט זיך דאָ אין דעם הויז? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — די כלה־מויד האָט געלערנט גמרא, אָבער אירע ספרים האָט מען פאַרשעמט. פונעם באָד־צימער צום קעלער איז אַ קורצער שפּאַן. דאָס איבעריקע וועט שוין טון דער דזשעניטאָר! דער גוי וועט זיי וואַרפן אויפן שייטער ווי מ׳וואַרפט אַן אַלטן מאַטראַץ, אָדער אַ צעבראָכן קינדער־וועג־

געלע. שיינע יורשים פון יידישקייט! און דאָס אַ אַמפּערט זיך איבער דער פאַר־דאַרבנקייט פון סטודענטן? די פאַרשוועכונג הויבט זיך נישט אָן אין קאַלעדזש, נאָר ביי דער ספרים־שאַנק אין אייגענעם הויז.

ער האָט געעפנט די טיר. ער האָט געלאָזט הינטער זיך אַ בליק, פול שוי־דער און אומעט און איז צוריק אַריין צו די געסט. טילי, וואָס האָט אַרויסגעגעסן פון אַ טעלער קאַרטאָפל־סאַלאַד מיט פליש, איז אים אַקעגן געגאַנגען מיט אַ שמייכל אויף די פריש־אָנגעשמירטע ליפּן. עוועלין, די באַלעבאָסטע האָט אים אונטערגעטראָגן אַ קויש מיט פּרוכטן.

איסר יאַגאָדע האָט מיט דער האַנט אָפּגעשטופּט דעם כיבוד.

— כ׳האָב געזען די ספרים אין וואַש־צימער... — האָט ער געזאָגט.

עוועלין האָט זיך פאַרויטלט.

— יאָ. אין דער איילעניש האָט מען דערוויילע זיי פאַרגעסן אַראָפּצוטראָגן אין קעלער. זינט מיין פאָטער איז געשטאָרבן, זענען די הייליקע ביכער געוואָרן אומבאַקוועם אין הויז. ס׳איז געוואָרן נאָך מער אומשטענדלעך נאָכן אַריינגעמען די נייע מעבל. אומעטום איז אָנגעשטאָפּט און ענג. גלויבט עס אָדער נישט. ס׳פעלט אַפילו אויס אָרט פאַר די ראַדיאָ און וויקטראָלאַ...

— אייער הויז ווערט אויסגעליידיקט, עוועלין.

— איר מיינט אָן די ספרים? גלויבט מיר, מען טוט וואָס מען קען, מיסטער יאַגאָדע... מ׳גייט מיט דער צייט. מען גייט דען אַליין? מ׳ווערט געשטופּט... מיינע פריינט האַלטן מיך פאַר אַלטמאָדיש, ווייל כ׳האָב איבערגעלאָזט אין הויז די יידישע רעקאָרדס, אָבער קיינער קען ביי מיר נישט צונעמען די בענק־שאַפט צו יידישע מעלאָדיעס. מיין דאַראָטי האָט אַפילו ליב צו הערן דאָס יום־טובדיקע דאַווענען. טילי ווייס דאָס גאַנץ גוט... מיין גאָטזעליקער פאָטער פלעגט אויפלעבן ביי חזנישע זאַכן, אַפילו ווען ר׳איז געלעגן אַ שווער קראַנקער. זיין ליבלינג איז געווען יאָסעלע ראָזענבלאַטס „הבט משמים“... איך אַליין גיי פשוט אויס נאָך אַ „יידישע מאַמע“ און די „רומענישע חתונה“... מיין נעקסט־דאָריקע שכנה, אַן איירישע גויע קלאַפּט אָן יעדן שבת אינדערפרי כ׳זאָל שפּילן פאַר איר די „דזשואיש ספּיריטס“...

איסר יאַגאָדע האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט ווי ער וואָלט שוין צופיל זיך אָנגעהערט. די פאַרענטפערונג איז נאָך ערגער ווי די אָפּגעטוענע אומרעכט! ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין און צוליב אַ תירוץ אַ קוק געטון אויפן זייגער. פון פאַרלעגנהייט איז עוועלין געבליבן שטיין מיט פאַרבראָכענע הענט. טילי איז מיט אַ שולדיקער מינע געגאַנגען ברענגען זיין הוט און מאַנטל.

איסר יאַגאָדע האָט אויסגעמיטן צו געזעגענען זיך מיט די געסט, וואָס האָבן געזונגען, געטרונקען, געשליידערט קאָרטן איבערן טיש. ער האָט נישט געקוקט אין דער זייט פון אָנקל אַבולעפיאַ, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן אַ רעדל און ווי אַ קונצנמאַכער געוואָרפן אין דער לופט קליינע פּילקעס. ער האָט אַ צי געטון פאַר אַן אָרעם די כלה. ער האָט זי צוגעפירט אָן אַ זייט און זיך אָנגעבויגן צו איר אויער.

— כ׳הער ביזט אַ מלומדת, דאָראָטי. קענסטו מיר אפשר זאָגן פונוואַנען נעמט מען, אַז דוד המלכס פידעלע פלעגט שפילן פון זיך אַליין?

ביי דאָראָטין האָבן די בלויע אויגן אויפגעשטראַלט. זי האָט צוגעלייגט אַ מאַניקירטן פינגער צו דער גאָמבע און בלויז אַ רגע זיך פאַרטראַכט.

— פון דער גמרא נעמט מען עס. אין ברכות ג׳ ב. סנהדרין ט״ז שטייט: כנור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד... אַ פידעלע פלעגט הענגען איבער דוד המלכס בעט און אינמיטן דער נאַכט האָט אַ ווינט פון צפון געגומען בלאָזן און דאָס פידעלע האָט געשפּילט פון זיך אַליין...

— דאָס פידעלע הענגט אין יעדער יידישער שטוב, דאָראָטי. אין דיין הויז איז דאָס פידעלע געווען די ספרים־שאַנק... אָבער דיין מאַמע האָט די ספרים אַרויסגעוואָרפן און דער ניגון פון פידעלע איז פאַרטריבן געוואָרן...

— איר רעדט מיט סימבאָלן.

— אַלץ וואָס איך זע דאָ היינט, קוקט אויס סימבאָליש.

— פרעגט נאָך עפּעס, מיסטער יאַגאָדע.

— ווייסטו דאָראָטי ,אויף וועלכן אָרט יעקב אָבינו האָט זיך געראַנגלט מיט דעם מלאך?

— ביים טייך יבוק.

— אין דער טעריטאָריע פון וועלכן שבט איז דער טייך יבוק געפלאָסן?

דאָראָטי האָט פאַרוואָרפן דאָס שקאַציש־פאַרשוירענע קעפּל און נישט גע־ ווּוסט קיין ענטפער.

— דער טייך יבוק איז געפלאָסן צווישן דעם לאַנד פון שבט ראובן און שבט גד אויף דער ערד פון עמון. און ווייסטו פאַרוואָס דער מלאך האָט יעקבן געצוווּנגען זיך צו ראַנגלען ביים טייך יבוק, וואָס ליגט אויף פרעמדער ערד? ווייל ער האָט געווּוסט, אַז דאָרט וועלן דודס פידלען נישט שפּילן.

— אינטערעסאַנט, רעדט ווייטער.

— ווען יעקב אָבינו איז שפּעטער אָנגעקומען קיין חרן, האָט ער געפרעגט די פּאַסטוכער צי זיי קענען לבן בן נחור. לבנס פאָטער האָט דאָך געהייסן בתואל און דעם זיידן האָט מען גאָר גערופן נחור! ווי קומט עס? איז דער תירוץ, לויטן רמב״ן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל נחור, לבנס זיידע, איז געווען בכבודיקער פון בתואלן... האָב דאָס אינזינען, דאָראָטי! אַז דו וועסט אַמאָל האָבן אַ זון, זאָלסטו אים רופן אויפן נאָמען פון זיידן, ווייל דיין זיידע האָט אַריינגעשטעלט אין הויז די ספרים־שאַנק, דודס פידעלע... און ער איז געווען בכבודיקער פון זיינע יורשים.

איסר יאַגאָדע האָט צוגענומען פון טילין דעם מאַנטל און דעם הוט. ער האָט שמייכלענדיק אַ פאָכע געטון מיט דער האַנט און זיך געלאָזט צום אַרויס־ גאַנג. טילי איז אַ דערצאָרנטע אים נאָכגעגאַנגען ביז צום קאָרידאָר.

— ביזט געווען אומדערטרעגלעך...

ווען ער איז שוין געווען ביי דער טיר, האָט ער זיך אויסגעדרייט. טילי איז אַלץ געשטאַנען אויף דער שוועל פון קאָרידאָר און אומעטיק אים נאָכגעקוקט. זי איז איצט געווען פאַרעלטערט, נאָך ווינציקער אין ווי פריִער. זי האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געוואַרט אויף איר צווייטן יוגנט־פּאַראַד, וואָס וועט קיינמאָל נישט קומען.

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

— 1 —

דעם גאַנצן וועג צום האָטעל, ווו עס האָט אויף אים געוואַרט סידני וועלער, האָט איסר יאַגאָדע געטראָגן מיט זיך טיליס אומעטיקן בליק. ער האָט איר אומעט געטראָגן ביים אַראָפּגיין פון דער סאָבוויי־טרעפּ, ביים אַרויסשטייגן אויף קאָלומבוס־צירקל, ביז ער איז דורכגעגאַנגען די עטלעכע בלאָק און איז צוגעקומען צו דער צעפליגלטער העל־באַלויכטענער געביידע מיט די גלאַנציקע פּאַסאַדן ביי דער זיבעציקסטער גאַס.

ער איז אַריין דורך דער פליגל־טיר. שפּרייזנדיק איבער די רחבותדיקע רויט־פּוכיקע דיוואַנען אין דער לאָבי, האָט ער אויסגעחשבונט, אַז טיליס פאַרווורפן קריגן די חוצפּה פון אַ בייז ווייב, וואָס איז גרייט זיך צו וואַרפן מיט טעלערס. דאָס איז פריִער נישט געווען איר טבע. יעדעס מאָל נאָך אַ ברוגז איז זי נישט אַנטלאָפן, נאָר שטאַרקער געקלעבט צו אים. ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז בלויז די אויסערגעוויינלעכע פּרוי לויפט אַרויס פון דעם מאַנס לעבן אָן צו פאַרהאַקן די טיר... טילי איז נישט אויסערגעוויינלעך. זי איז אינטערעסאַניק ווי אַ פרוי, וואָס איז הינטערשטעליק מיט אַלע געלעגנהייטן. אָבער איר הינטערשטעליקייט האָט נאָך נישט אויסגעלאָשן איר מיידעלישן ברען. זי איז אַרויסרופּעריש ווי אַ כלה־מיידל. זי מאַכט אירע טעותן ווי אַ געקריוודעטע עגונה.

ער האָט נישט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט באַליידיקט די קוזינע עוועלין און געזאָגט מוסר די כלה דאָראָטי. דאָס גאַנצע הויז איז אַ פּוסטער הקדש און טילי וויל דאָרט זיין די גבאיטע. ס'איז אויסטערליש, ווי אַ מאַן קען נעמען אויף זיך פּריוויליקע פליכטן און פון די פליכטן ווערט מיטאַמאָל אַ לאַסט. אַ נאה דורש וואָלט געזאָגט, אַז יעדער מאַן האָט רעכט צו זיין פריי, אָבער וואָס פרייער ער ווערט, אַלץ ווייניקער רעכט האָט ער צו זיין אומגערעכט... איז ער אומגערעכט צו טילין?

טילי האָט זיך אַריינגענאַרט אין זיין לעבן ווי אַ יעגער נאַרט זיך אַריין אין וואַלד אויף אַ נייעם פאַנג. אַ יאָר נאָכן אומגליק אין קעמדען איז זי געקומען אין ניו־יאָרק און זיך באַזעצט אין אַ פּרויען־האָטעל אויף דער זיבן און פופציקסטער גאַס, ווו ס'טאָרן נישט וווינען קיין מענער. זי האָט נישט געקענט בלייבן אין דער שטאָט קעמדען, ווו עס ליגן באַגראָבן איר קוזינע מיט איר מאַן.

זי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן וואָס יאַדזשאַ האָט אַריינגענומען אין אירע הענט דעם יתום העראַלד. טילי האָט דאָרט פאַרדונגען אויף צוויי יאָר דאָס אייזן־געשעפט און אַריינגעזעצט שכנים אין איר אויסמעבלירט הויז.

נאָכדעם ווי זי האָט אין ניו־יאָרק אויסגעפּאַקט אירע וואַליזעס, איז אָנ־געקומען איר שוועסטער ליליען. ביידע האָבן אין דער גרויסער שטאָט אָפּגע־זוכט איסר יאַגאָדען און געמאָנט ביי אים טרייסט. די ערשטע צייט האָט ער גע־נומען אויף זיך די פליכט פון אַ וועגווייזער. ער האָט זיי געפירט איבער די געגנטן פון ניו־יאָרק און מיטגערופן אויף די שפּאַצירן נייטנען מיט פּרענציסן. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז ער׳ט האָבן אויף זיין האַלדז צוויי פאַרזעסענע ווייבער, וואָס זוכן פאַרשפּעטיקטע פאַרוויילונג.

נאָך אַ פּאָר וואָכן האָט ער געלאָזט הינטער זיך ליליענען און אָפּגעוואַרט די באַגעגענישן מיט טילין. ליליען האָט זיך באַקענט מיט אַן אינשורענס־מאַן פון פילאַדעלפיע און איז צוריקגעפאָרן קיין קעמדען. טילי האָט מיט איר ווייַ־בערשער נאָז דערשמעקט, אַז איסר יאַגאָדע איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין הויז און איז געקריוודעט פון אַ פרוי. און מיט דער געניטשאַפט פון אַן אויסטויגערין, וואָס ווייס ווי זיך אומצוגיין מיט דער קריגערישער וועלט, האָט זי באַשלאָסן אַריינצוברענגען היימלעכקייט אין זיין אומעטיק לעבן.

איסר יאַגאָדע איז געווען שוין באַלד אַ יאָר נאָך דער אָפּעראַציע און נאָך אַלץ זיך געשפּייזט אויף אַ שטרענגער דיעטע. ער האָט געבענקט נאָך אַ נאָענטן מענטשן און זי האָט געזוכט די פריינטשאַפט פון דעם מאַן, וואָס האָט זי גע־טרייסט ווען זי איז געווען אין טרויער. די קעגנזייטיקע פאַרלאַנגען האָבן ביידע איינזאַמע מענטשן דערנענטערט. כאָטש טילי האָט געוווינט אין דעם פּרויען־האָטעל, ווו אַ מאַנסבילשער פוס האָט נישט געטאָרט אַריבערטרעטן, איז זי גע־קומען צו אים יעדן טאָג קאָכן גרינסן און פאַרברייען אַלערליי זופּן און קאַשעס. דאָקטוירים האָבן אַנטדעקט ביי איסר יאַגאָדען אַ נידעריקן בלוט־דרוק און טילי האָט פאַר אים געקאָכט רויטע ביפשטיקס און געבראָטן קעלבערנע לעבער.

כאָטש ער האָט געוווסט, אַז יעדע טובה פון טילין איז אַן אויסגערעכנט געגעלטע, האָט ער אָבער נישט געקענט אויסחשבונען מיט וואָס ער וועט איר קענען צוריקצאָלן. טילי האָט גאָרנישט פאַרלאַנגט אויסער, אַז זי זאָל אים מעגן באַגלייטן, זי זאָל זיך צוהערן צו זיינע ווערטלעך, פאַרדייען זיינע חכמהלעך און אַפילו מיטפילן זיין געביזער און פאַרדרוס אויף מענטשן. אין אַ קורצער צייט האָט זי זיך דערוווּסט אַלץ וואָס האָט מיט אים פּאַסירט, זינט ער האָט זיך גע־שטעלט אויף זיינע פיס ביז צום טאָג ווען ער האָט איבערגעריסן מיט רייטש־לען. זי האָט אים געלויבט דערפאַר, וואָס ער איז געוואָרן אויס שדכן און ר׳האָט זיך גענומען קהלן מיט עסקנים און רעדל־פירער. טילי האָט זיך אַרומגעזען, אַז איסר יאַגאָדע נויטיקט זיך אין איר און זי האָט באַצייטנס זיך באַוואָרנט, אַז דורכן טירל, וואָס זי האָט געעפנט פאַר זיך, זאָל קיין אַנדערע פרוי נישט אַריינ־גיין.

— 2 —

איינמאָל האָט ליליען זיך באַוויזן אויף איר שוועל. זי האָט געהאַט פלעקן אונטער די אויגן און קאַרבן אַרום די מויל־ווינקלען. זי איז געווען אַנטוישט און צעבראָכן. זי האָט דערציילט, אַז זי האָט איבערגעריסן מיט דעם אינשורענס־אַגענט, וואָס האָט צוערשט צוגעזאָגט מיט איר חתונה צו האָבן און באַלד דערנאָך פאַרלאַנגט, זי זאָל פאַרקויפן דאָס הויז אין קעמדען, אויפגעבן איר חלק אין די ביזנעס און איבערשרייבן אויף זיין נאָמען אירע באַנק־קאָנטאָס, נאָך איידער ער פירט זי צו דער חופּה.

ליליען איז געקומען קיין ניו־יאָרק נאָך טרייסט און נאָך אַן עצה. טילי האָט אויפגענומען איר באַליידיקטע שוועסטער מיט ליבשאַפט, כאָטש זי האָט זיך באַוויזן אָן אַן איינלאַדונג. טילי האָט זי אַפילו צוגערעדט, אַז זי זאָל אויסמעקן פון געדעכעניש דעם חתן, וואָס האָט זי געוואָלט ירשענען נאָך איידער מען האָט צונויפגעבראַנגט די חופּה־שטאַנגען.

ליליען איז מער נישט אַוועק פון טילים שטוב און איסר יאַגאָדע איז געוואָרן צוגעלאָזענער צו איר. ער האָט געטראַכט, אַז יעדעס עלטערע מיידל ווערט געשטראָפט מיט חיבוט־הקבר. נישט גענוג וואָס זי בלייבט פאַרזעסן, מוז זי אַ גאַנץ לעבן זיך אויסשטיין בזיונות. אויס העפלעכקייט האָט ער מיט איר געשפּאַסט ווי מיט אַ ניט־דערוואַקסענע שילערין. טילי האָט אים דערמאָנט, אַז ליליען איז אַ רייפע פרוי. זי האָט חושד געווען, אַז איר עלטערע שוועסטער פאַרגינט איר נישט די ערשטע אַפּערע מיט אַ מאַן, און זי האָט איר אייגענעם געשמאַק ווען ס׳קומט צום אויסוואַל פון מענער. נישט איינמאָל האָט זי פּרובירט איר אויסכאַפּן אַ פאַרביילויפנדיקע געלעגנהייט. און אפשר איז איסר איצט איר פאַנג?

אויס באַוואָרעניש האָט טילי נאָכגעשפּירט איסר יאַגאָדען און געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף ליליענען. ס׳איז איר געפעלן זיין מבינות אויף פרויען, אָבער ס׳האָט איר פאַרדראָסן וואָס ער איז נישט איבערקלייבעריש. ווען זי האָט באַשלאָסן, אַז ליליען איז אַ געפאַר, האָט זי געכאַפּט מיט איר אַ שמועס אויג אויף אויג. מיט ווייבערישער גענייטשאַפט האָט זי איר געלאָזט וויסן, אַז ס׳וואָלט אפשר גלייכער געווען זי זאָל זיך איבערבעטן מיט איר אינשורענס־אַגענט און צוריקפאָרן אין קעמדען. נאָך אַלעם דאַרף אַ קריגעריי נישט צעשטערן די צוקונפט פון אַ מיידל. נאָך דער חתונה קענען מענטשן אויך נישט אויסקומען אָן אַמפּערנישן. אַ קריגעריי ביי אַ פּאָרפאָלק איז אַזוי נויטיק ווי דאָס טעגלעכע געקעכץ.

טילי האָט גערעדט צום לאָמפּ און צום ווינט. ליליען האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע.

די אייפערזיכטיקע טילי האָט צוגעלייגט אויערן צו די ווענט און זיך געשטעלט הינטער טירן יעדעס מאָל, ווען איסר יאַגאָדע האָט זיך באַגעגנט מיט ליליענען. אין איר באַגער צו דערגיין ווער פון זיי ביידן איז נאָכגיביק און ווער גלייכגילטיק האָט זי אויסגעפירט, אַז איסרן פעלט מאַנסבילישער כאַראַקטער. די

פרוי איז אַ שוואַך באַשעפעניש, אָבער זי קען אויפרייצן ביי יעדן מאַן פאַר־באַטענע פאַרלאַנגען. ווען איסר וואָלט געצוימט זיינע גלוסטענישן וואָלט ליליען אים נישט געפירט ביי דער נאָז. דאָס רחמנות צו דער באַליידיקטער שוועסטער איז שוין לאַנג אויסגערונען. אַ שטאַנדהאַפּטיקער מאַן וואָלט געדאַרפט צו איר רעדן מיטן לשון פון אַ שטרענגן פאָטער צו אַ לייכטזיניקער טאָכטער. פון ער־געּרניש האָט טילי זיך געמאָסטן יעדן טאָג איר פולס. זי האָט געוואַרט, אַז דאָס געדולד אירס זאָל פּלאַצן און זי וועט קענען ווייזן ליליענען די טיר.

איינמאָל, נאָך אַ נאַכט פון טרערן און אַן אַ פּינטל שלאָף, איז טילין איינ־געפאַלן אַ ווילדער באַגער. זי וועט דערציילן איסרן, אַז זי איז געצווונגען שוין צו שטעלן אַ חופה. זי האָט געלאַכט פונעם אויסטערלישן איינפאַל און נישט דער־וואַרט, אַז ער וועט אויפנעמען די נייעס מיט פרייד. ביים דערהערן אַזאַ בשורה וועט דער קלוגער איסר זי אָפּמעסטן מיט געניטער מאַנסבילישער מבינות. ער וועט אויף שטום לשון פרעגן דעם באַדייט פון אַזאַ איילעניש. זי וועט אָבער האָבן אַן אויסרייד אַרויסצוואַרפן ליליענען פון הויז. טילי האָט געלויערט אויף דעם פאַסיקן טאָג מיט דער געשפּאַנטקייט פון אַ חיה, וואָס טשאַטעוועט אויף דער רגע צו פאַרצוקן דעם קרבן.

טיליס פאַרדאַכטן זענען פלוצים איינגעפאַלן ווי אַ קאַרטן־שטיבל, ווען ליליען האָט איינמאָל אינדערפרי איינגעפּאַקט די וואַליזעס און אָפּגעשפּילט טילין אַ סקאַנדאַל, אַז זי ווערט באַהאַנדלט ווי אַ שטיף־שוועסטער, מען לאָזט זי נישט אויף די אויגן. איסר ציטירט פאַר איר מאַראַל־ווערטלעך פון דער גמרא, ער מוסרט זי ווי אַ פרומער פּרעדיקער און טילי וויל פון איר מאַכן אַ הייליקע נאָנע...

ליליען האָט אָנגעשריגן אויף טילין, וואָס זי באַשטייט אַרומצוגיין מיט אַזאַ קאָנסערוואַטיוון מענטש ווי איסר און זי פאַרזעט איר אייגן בלוט און פליישׁ. זי האָט ספּאַזמירט און געסטראַשעט מיט דעם אָנדענק פון אָנקל בעני. זי האָט פאַרלאַנגט מען זאָל שוין אויסצאָלן איר חלק פונעם הויז און פון די ביזנעס. אויב ס'איז איר באַשערט אויסצולעבן אירע יאָרן אין איינזאַמקייט, וויל זי דאָס אָן שותּפים. זי וועט אַוועק, ווו די אויגן וועלן זי טראָגן, ווייל אַ בייזער שטן האָט זיך אַריינגעריסן צווישןביידע שוועסטער.

ליליען איז אַוועק פון ניו־יאָרק. פאַר טילין איז דאָס געווען אַ געוווּנענע שלאַכט אָן אַ קאַמף. זי האָט מיטאַמאָל אַנטדעקט ביי איסרן איידלקייט. צוליב איר האָט ער קאָנטראָלירט באַגערן און געצוימט פאַרבאָטענע פאַרלאַנגען. אָבער ביי דער מינדסטער נייער אַמפּערניש צווישן זיי, האָבן די פריִערדיקע פאַרדאַכטן ביי טילין ווידער אויפגעראַיעט, ווי ס'ראַיעט אויף אַ האַלב פאַרהיילטע ווונד ביים ערשטן קראַץ אויף דער אָנגעצונדענער הויט.

— 3 —

איסר יאַגאָדע איז פאַרבייגעגאַנגען אַ טוץ איילענדיקע האָטעל־פּאָרטערס מיט וואַליזקעס און אַן אַרמיי מיט טיר־שטייערס, ביז ער איז צוגעקומען צום עלעווייטאָר מיט די גלאַנציק־שטאָלענע טירן. אינעווייניק, הויבנדיק זיך צווישן

דעם ערשטן און פּערצנטן ייייאַק, האָט פּלוצים ביי אים אין זכרון זיך דורכגע־גליטשט אַ דערמאָנונג וועגן רייטשלען. זי מוז זיין אַ פאַרפאַלענע נאַרקאָטיק־געבראַכערין — האָט ער באַשטעטיקט — ער׳ט אַפילו געהערט, אַז זי האָט זיך אַגעשטעקט מיט דער מיאוסער קרענק פון אַן איטאַליענישער פּאַציענטקע אין שפּיטאָל. דער מאַרפין וועט זי נאָך דערהרגענען. אַפילו איר ברודער ראַלף, דער דאָקטאָר, וועט זי שוין נישט קענען ראַטעווען. ווי פלינק אַ שטיק אייגנס אין לעבן ווערט פאַרגעסן. רייטשל איז געווען אַ ווילד שטיק אין זיין הויז אָבער אַן אייגן געוויקס אויף נאַרפאַלק־סטריט.

דער עלעווייטאָר־מאַן האָט אויפגערוטשט די טירן, פון זכרון זענען מיט־אַמאָל אַרויס רייטשל און טילי. אין לאַנגן קאָרידאָר האָט איסר יאַגאָדע אַרויסגע־נומען פון טאַש אַ ביזנעס־קאַרטל און נאָכגעקוקט דעם נומער פון די צימערן, וואָס סידני וועלער פאַרנעמט. אַן אויסגעצויגענער, דינער פּאָרטער מיט ווייכע טריט איז אַקעגן געקומען און אים אָנגעוויזן אויף אַ ווייסער טיר.

נאָכן ערשטן קלונג האָט סידני וועלער געעפנט די טיר. ער איז געווען אַ שווער־וואָגיקער מאַן מיט אַ מוסקולירט פּנים און מוטנע אויגן. אינמיטן פון זיין נאַקעטן קאָפּ־שיידל זענען געווען פאַרשאַרט אַ פּאָר פּעטע האָר, זיין באַגריסונג איז געווען אי שטייף, אי היימיש. ער האָט אַריינגערוקט איסר יאַגאָדען אַ האַנט פון אַ פּרייז־באָקסער און געזאָגט מיט אַ פאָרוווּרף, געמישט מיט שפּאַס.

— שפּעט, מיסטער יאַגאָדע, ר׳זענט שפּעט! אַ פאַרמיטלער אין יידישן פאַמיליע־געריכט מוז זיין פּינקטלעך צו יעדן אַלאַרם־רוף... דאָס יידישע אומ־גליק קען נישט וואַרטן.

— ס׳פעלן מיר שטענדיק אויס אַ פּאָר שעה אין מעת־לעת, מיסטער וועלער...

— מיר פאַרטיילן שלעכט די שעהן... די ערגסטע זאַך מיט אייך, עסקנים, איז וואָס איר האָט זיך נישט געכאַוועט אין אַ ביזנעס־אָפיס. אַז מען אָרגאַני־זירט די פיר און צוואַנציק שעה פון טאָג, קען מען אָפּטון אַ וועלט מיט אַרבעט און ס׳בלייבט נאָך צייט אויף אַ טרונק און אויף עולם הזה־טוועונישן.

— טרינקען טרינק איך נישט. פון עולם הזה וויס איך נישט. אָבער אַז כ׳מוז אין איין אָוונט אויסגלייכן פאַמיליע־סכסוכים און נאָך מאַכן אַ וויזיט אויף אַ שמחה — ווער איך פּשוט צעריבן.

— איר האָט נאָך באַוויזן צו גיין היינט אויף אַ שמחה? כ׳האָב געמיינט, איר קומט גלייך פון פאַרמיטלונגס־געריכט?

— מ׳האָט מיך מיטגעשלעפּט צו אַ תנאים... נאָר ס׳אָלרייט! מ׳קען זיך נישט העלפן. משפּחה־פליכטן, אַ דבר מצוה...

— דער תירוץ פאַרענטפערט נישט די פאַרשפּעטיקונג. אָבער קומט אַריין סאַי־ווי! דאָקטאָר וואָרמס וויל אייך שלאָגן מלקות...

דאָקטאָר וואָרמס, ווי ער וואָלט נאָר געוואַרט מען זאָל איסר יאַגאָדען אַרי־בערלאָזן אויף דער שוועל, איז געשטאַנען הינטער וועלערן, גרייט מיט אַ בינטל מוסר־ווערטער. ער האָט אַ צוק געטון מיט די אָנגעקרעפּטע אַקסלען זיינע און אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

— ס׳אַ שאַנדע. אַ וואַרע שאַנדע! גענוג שלעכט, אַז בלויז אַ ייִדיש אומגליק קען אונדז צוזאַמענברענגען... און אַז מ׳רופט שוין צוזאַמען די עסקנים, איז מען ערשט הינטערשטעליק אין צייט!

— כ׳זע נישט וואָס כ׳האָב פאַרשפּעטיקט אין איין שעה.

— דורך דער שעה איז צוגעקומען נאָך אַ ייִדיש אומגליק.

— היצט זיך נישט, דאָקטאָר וואָרמס. נישט איר האָט דעם מאָנאָפּאָל אויף אַלע ייִדישע צרות. איך שעפּ אויך נישט קיין נחת...

— פון אייער ריכטער־בענקל האָט איר פאַרגעניגן, יאַגאָדע. דאָס ייִדישע פאַמיליע־געריכט איז דאָך ווי אַ וואָדעוויל־שפּיל איו פאַרגלייך מיט אונדזער קאַטאַסטראָפע. גלויבט מיר, איר זיצט ווי אַ בכבודיקער שופט און טראָגט אַרויס אורטיילן! און כאָטש די געמשפּטע מוזן נישט אויספאָלגן אייערע פּסק־דינים, פילט איר זיך דאָך ווי אַ געזעץ־משגיח, וואָס האַלט די יוסטיץ אויף משקולת. איז ער נישט אַלרייט, אונדזער שופט? וואָס זאָגט איר, פּראָפעסאָר טיפלער?

דאָקטאָר וואָרמס האָט מיט האַנט־צייכן צוגערופן אַ קורץ־געוויקסיקן מאַן מיט אַ פּאָר פאַרשערישע אויגן. ער האָט געהאַט אַ מנין האָר אויף דער גאָמבע, וואָס האָט אַרויסגערופן דאָס אויסדוכטעניש פון אַ קמץ־בערדל. דער הויכער שטערן זיינער איז געווען צעאַקערט ווי אַ ריבאייזן און אויסגעפּורעמט ווי אַ דרייעק. די איבערגעבויגענע נאָז האָט זיך פאַרנויגט פאַר דער אויבערשטער ליפּ. לויט זיין אויסטערלישער פיגור האָט דער פּראָפעסאָר טיפלער אויסגעזען ווי אַ פּיקטיווער כאַראַקטער, וואָס האָט אַרויסשפּאַצירט פון אַ מיסטעריע־געשיכטע. ער האָט דערלאַנגט איסר יאַגאָדען אַ ווייכע האַנט מיט אַ שמייכל.

— דאָקטאָר וואָרמס איז נאָך שטרענגער פון אַ ריכטער. ער איז אַ פּראָקוראָר!

דאָקטאָר וואָרמס האָט אַ וויג געטון מיט זיין גרויסן אַרבוז־קאָפּ.

— כ׳האָב עס דערוואַרט פון אייך, פּראָפעסאָר טיפלער. איין שופט מוז פאַרענטפערן אַ צווייטן...

— איך בין נישט קיין שופט. כ׳בין אַ גרייזן־כאַפּער.

— ביי מיר משפּט איר געשיכטע־ביכער און געפעלשטע היסטאָרישע זאַגעכצער... ווער, אויב נישט איר, וואָלט פאַר אונדז אַנטדעקט, אַז נעראָן האָט נישט געפידלט ווען רוים האָט געברענט?

— כ׳האָב נישט אַנטדעקט. כ׳האָב פעסטגעשטעלט אַ גרייז, וואָס מען קנעלט שוין מיט אונדז פינף הונדערט יאָר...

סידני וועלער האָט אָנגעשטעלט זיינע שטרענגע אויגן:

— און איך האָב געמיינט, אַז רוים איז פאַרברענט געוואָרן אונטער דעם טשאַד פון נעראָנס מוזיק... צווישן אַ פּראָפעסאָר טיפלער און אַ דאָקטאָר וואָרמס ווער איך אינגאַנצן צעמישט... כ׳על שוין בעסער פרעגן אונדזער לאָיער. וואָס זאָגט איר, רייזנער? האָט רוים געפלאַקערט אונטער די פידל־טענער?

רייזנער, אַ זשוואַווער, מיט נערוועז־צוקנדיק פּנים פון אַן איבערגעאַרבעטן סטודענט אַ נאַכט פאַר זיינע עקזאַמענס, האָט געמאַכט אַ שריט נענטער צו דער טיר, ווו דער שטרייט איז אָנגעגאַנגען.

— יאָ געפּידלט, נישט געפּידלט. די פראַגע איז גאָרנישט צייטלעך איצט אין אונדזער אַטאָם־עפּאָכע, ווען נישט בלויז רוים, נאָר דער גאַנצער פּלאַנעט קען אַוועק מיטן רויך! דאָס אַמפּערניש צי נעראָ האָט געפּידלט איז פאַרעל־טערט ווי אַן אַלטמאָדישער האָוויצער־האַרמאַט...

— 4 —

סידני וועלער האָט מיטאַמאָל זיך אַרומגעזען, אַז איסר יאַגאָדע שטייט נאָך אַלץ ביי דער טיר אין מאַנטל און אין הוט. פון פאַריבל צי פון נערוועזיטעט האָט ער זיך אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ־שיידל. ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צו די געסט, זיי זאָלן זיך אַ רוק טון אַ שריט ווייטער און אַנגעוויזן אויף די טיפע, געבעטעט שטולן.

איבערן גרויסן צימער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַריסטאָקראַטישע סאַ־ליע, זענען געווען אַנגעשטעלט קושעטקעס, ווייכע בענקלעך און טישלעך מיט אַבאַזשור־לאָמפּן. אַ בייכיקע פּיאַנאָ איז געשטאַנען צווישן בײדע פענצטער, וואָס זענען געווען איינגעראָמט אין שווערע פּאָרטיערן. אויפן גלאַנציקן דעק פון דער פּיאַנאָ, קעגנאיבער אַ גרויסן וואַנט־שפּיגל, איז געשטאַנען אַ ריזיקע וואַזע מיט בלומען.

אַריינגערוקט אין אַ באַקוועמען פאָטעל, מיט אַ פוס פאַרלייגט איבער אַ פוס, האָט איסר יאַגאָדע געקוקט אויף דעם אַלטמאָדישן קאַמין קעגנאיבער. ס׳איז אים נישט קלאָר געווען, צי די פראַגע פון קיסר נעראָנס פידל איז פאַר־עלטערט פאַר פּראָפעסאָרן, צי זי איז ברענענדיק פאַר געשיכטע־פאָרשער. צוליב דעם האָט ער זיך געאיילט דאָ אַהער? צו הערן אַן אַקאַדעמישע לעקציע? דערצו האָט מען אים באַדאַרפט אויסרעדן, אַז ער איז שפּעט? וואָס האָט דאָס צו טון מיט יידישע צרות?

דאָקטאָר וואָרמס האָט געמאַכט נערוועזע העוויות. ער האָט נאָכגעשפּירט איסר יאַגאָדען. ער האָט געהאַלטן אַן אויג אויף פּראָפעסאָר טיפלערן, ווי ער וואָלט דערוואַרט פון אים אַן אויפקלערונג.

טיפלער האָט אַרומגעשפּרייזט אין אַ קרייז איבערן ווייכן דיוואַן. ער האָט אַ טאָפּ געטון זיין צעאָקערטן שטערן מיט דער פאַרמוחטקייט פון אַ לעקטאָר, וואָס גרייט זיך צו פאַרענטפערן אַ האַרבע פראַגע פאַר אַ קלאַס סטודענטן. ער האָט געזאָגט:

— פאַראַן אַ לאַקאָנישער זאַץ וועגן חורבן רוים: נעראָ האָט געפּידלט ווען רוים האָט געפלאַקערט... דער זאַץ איז געוואָרן די קורצע כראָניק פון דער געפאַלענער אימפּעריע און זעלטן, אַז אַ קלאַסישער זאַץ, רעגיסטרירט אין טעקסט־ביכער, זאָל אָפּגעפרעגט ווערן. אָבער נעראָס מוזיקאַלישקייט אַליין איז אַ קלאַ־סישער טעות! און איך בין אַ גרייזן־כאַפּער... נעראָ איז נישט געווען קיין פידל־לער. דער ערשטער נאָכלעסיקער שרייבער, וואָס האָט פאַרגעשטעלט נעראָנען אַלס אַ פידלער, איז געווען אַ פראַנצויז וואָס האָט איבערגעזעצט די בלעטער פון

רוימס מפלה פון לאַטייניש אויף אַ פּראָוואַנס־דיאַלעקט. דער פראַנצויז האָט פּאַרטייטשט האַרפּעס אויף פידלען... דער טעות איז איבערגעחזרט געוואָרן אומצייליקע מאָל דורך שפּעטערע שרייבער, ביז דער כראָנישער גרייז איז געוואָרן קלאַסיש און אומבאַרירלעך.

רייזנער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. אין זיין פלינקער באַוועגונג איז געווען גרינגשעצונג. ער האָט זיך אַ קרום געטון.

— עס זענען דאָ גרעסערע טעותן אין די טעקסט־ביכער. נישט בלויז געשיכטע, נאָר די ליטעראַטור איז פול מיט גרייזן, וואָס קענען גאָרנישט אויסגעמעקט ווערן. און ס׳ערגסטע איז, וואָס נישט ווייניק גרייזן זענען אַנטיסעמיטישע... שעקספּיר און דיקענס זענען נישט ריין פון די זינד. „אָליווער טוויסט" און „דער סוחר פון ווענעדיג" זענען דער בעסטער באַווייז. די צוויי ביכער זענען העך־ליטעראַטור אין אונדזערע שולן...

דאָקטאָר וואָרמס האָט געהאַט גרימאַסן אַרום זיינע מויל־ווינקלען.

— איצט איז די צייט צו באַקעמפן שעקספּירן און דיקענסן? קעגן וועלכער גזירה זאָל מען פּרי׳ער אַרויסטרעטן? לאָזט אָפּ, רייזנער! איר זייט אַ סענסיטיווער אינטעלעקט, אָבער מיר האָבן גענוג היימישע צרות.

— כ׳בין אַ שטייער־צאָלער! — האָט רייזנער זיך געקלאַפּט אין ברוסט־קאַסטן — כ׳גיי אויסנוצן מיינע בירגערלעכע פּריווילעגיעס, צו פאָדערן, אַז דער ניו־יאָרקער דערציִונגס־ראַט זאָל אַרויסנעמען פון די שולעס די צוויי טעקסט־ביכער. זאָל אַפילו זיין שעקספּיר און דיקענס! גרויסע נעמען דערשרעקן מיך נישט. כ׳צאָל נישט קיין שטייערן, אַז מען זאָל אויסכאָוועו אַנטיסעמיטן אין די האַי־סקולס...

דאָס מוסקולירטע פּנים ביי סידני וועלערן האָט פון פאַרלעגנהייט גענומען צוקן. די פּאָר פעטע האָר אויפן נאַקעטן קאָפּ האָבן זיך לייכט געפעדערט. ער האָט צענומען זיינע שטאַרקע ביינערדיקע הענט.

— כ׳זע, מיר זענען אַראָפּ פון די רעלסן... קיינער פון אונדז איז נישט געקומען אַהער צו גריבלען זיך אין די שפּעטערישע לאַבאָראַטאָריעס פון די ענגלישע קלאַסיקער. איך האַלט, אַז שעקספּיר און דיקענס האָבן ביים שרייבן די ביכער נישט געמיינט צו קאָקעטירן מיט שנאת־ישראל. בעטן מחילה ביים ייִדישן פאָלק איז היינט אין סטיל און ווען זיי וואָלטן געלעבט, וואָלטן זיי זיכער זיך אַנטשולדיקט.

— אַנטשולדיקט איז אַן איידעלע האַנדלונג, וואָס קומט צו־שפּעט!... — האָט דאָקטאָר וואָרמס אַ ברום געטון.

— איר, וואָרמס האָט שוין אויסגעמוסרט יאַגאָדען פאַר קומען צו־שפּעט. גענוג! צוליב וואָס פאַרלירן נאָך צייט? וועגן וואָס אַמפּערן מיר זיך איצט?

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַרויסגעהויבן פון זיין פאָטעל. ער איז אַנטקעגן געגאַנגען וועלערן.

— וועגן דעם האָב איך טאַקע געוואָלט רעדן מיט אייך. וואָס איז ס׳בייעסטע ייִדישע אומגליק?

— ס׳אומגליק זענען די שפּיטאָלן. מ׳שטויסט אַרויס ייִדישע שפּיטאָלן פון ייִדישע געגנטן. און ווער פאַרשליסט זיי? אונדזערע אייגענע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס!

— דאָס איז טאַקע אַ ניי אומגליק.

— אַן אומגליק? ס׳איז אַ קאַטאַסטראָפע! — האָט דאָקטאָר וואָרמס איבער־געשלאָגן — אין וויליאַמסבורג איז דרייסיק יאָר געשטאַנען אַ כשרער ייִדישער שפּיטאָל. איצט זענען די טויערן פאַרמאַכט. און ווער האָט דאָס הייל־אַנשטאַלט געשלאָסן? אונדזערע צדקה־פאַרזאָרגער! דיזעלבע היינטוועלטיקע, וואָס זאָגן, אַז געמישטע חתונות פאַרמינערן נישט אונדזער פאָלק...

— געמישטע חתונות זענען קעגן ייִדישן באַנעם — האָט איסר יאַגאָדע איינגעשטימט — אָבער מיר אַמפּערן זיך דאָך איבער אַ געשלאָסענעם ייִדישן שפּיטאָל.

— איינס איז געבונדן מיטן צווייטן. וואָלטן אונדזערע צדקה־פאַרזאָרגער געפּרעדיקט כשרות אין משפּחה־לעבן, וואָלט דער פאַרלאַנג נאָך ייִדישע הייל־אינסטיטוציעס נישט געוווּסט פון קיין פּשרות. און וואָלטן די רעדל־פירער פאַריי־ניקט די צעבראָכענע קריגס־פאַמיליעס, וואָלט די לאַגע פון ייִדישן פאָלק דע־מאָגראַפיש נישט געווען אַזאַ קאַטאַסטראָפאַלע. וואָלט מען ביי אונדז נישט פּראַק־טיצירט פּרייוויליקן געבורט־קאָנטראָל, וואָלטן מיר נישט איינגעשרומפּן ווי אַ פאָלק...

איסר יאַגאָדע איז צוגעגאַנגען צו דאָקטאָר וואָרמסן.

— ווי איך טרעף אייך, טראָגט איר אַקעגן דיזעלבע סחורה, וואָרמס... דאָס איז נישט קיין מיטינג פון „קרן התולדות״.

— יעדער צוזאַמענקום פון ייִדן היינט מוז זיין אַ מיטינג פון „קרן התול־דות״ — האָט דאָקטאָר וואָרמס געליאַרעמט — מיר האָבן זיך פאַרבונדן די אויגן און נישט געזען די נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע. די יאַהודימשע חנופים, די טעמפּל־ייִדן — אַלע זייערע אַטריבוטן פון ייִדישקייט, אמת און מאָראַל, זענען פאַלש... מירן איינשרימפּן ווי אַן עטנישע גרופּע. און ווי לאַנג מיר בלייבן אַ רע־דוצירט פאָלק, וועלן נישט זיין קיין כשרע שפּיטאָלן און ס׳וועלן נישט זיין קיין כשרע הערצער אין ייִדישע גופים און ס׳וועלן נישט זיין קיין כשרע טעפּלעך אין ייִדישע היימען...

סידני וועלער האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן דאָקטאָר וואָרמס און איסר יאַגאָדען ווי צווישן צוויי שטרייטנדיקע צדדים.

— קילט זיך אָפּ, דאָקטאָר וואָרמס! — האָט ער אויסגערופן — די נאַציאָ־נאַלע קאַטאַסטראָפע האָבן די שונאים אויף אונדז געבראַכט. איר קוקט אויפן ייִדישן אומגליק דורך אַ טעלעסקאָפּ! מיר וועלן אָפּשטעלן די איינשרימפּונג. וואָרמס. וואָס זאָרגט איר? אונדזער „קרן התולדות״ איז דאָך שוין אַן אַקטיווע באַוועגונג. דער פאָנד און די פאָלקס־ביישטייערונגען העלפן צעריסענע פּליטים־משפּחות זיך שטעלן אויף די פיס. איר באַליידיקט אונדזער נאַציאָנאַלע וויטאַ־ליטעט, אויב איר פאַרמשפּט אונדז צו אַן עטנישער גרופּע.

— כ׳זע נישט די אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס ווילן אַרבעטן פאַר דער

פיזישער אויפריכטונג פון פאָלק — איז דאָקטאָר וואָרמס אַרויס מיט אַ טענה — עס פעלט מסירת־נפש! אונדזער דור וויל נישט אָוועקגעבן די קעגנוואַרט פאַר דער צוקונפט. כ׳זאָג נאָך אַלץ, אַז אַ וויסטקייט הויערט איבער דער גרויסער ייִדן־שטאָט. אונדזערע טעמפּלען זענען פּוסט. אונדזערע באַגערן זענען אַלט־פרענקישע. אונדזערע פאַרמעסטן זענען צוריקגעשטאַנענע... פּראָגרעסירט האָט בלויז די אויסראָטונג פון פאָלק.

— פון אייער פּעסימיזם ווערט מיר אַזש קאַלט, דאָקטאָר וואָרמס! — האָט רייזנער זיך אָנגערופן.

— די אויסראָטונג פון פאָלק איז אָנגעגאַנגען מיט דער ראַיעלסטער פּינקט־לעכקייט — האָט דאָקטאָר וואָרמס נישט געהערט רייזנערן און ווייטער גע־ליאַרעמט — אָבער מיר ווילן זיך נישט דערהאַלן פון דער קאַטאַסטראָפע מיט דערזעלבער פּינקטלעכקייט. יעדעס שטיק ערד, וואָס די דייטשע אַרמייען האָבן באַטראָטן מיט זייערע שטיוול, איז געוואָשן געוואָרן מיט ייִדיש בלוט, אמת? דער טויט האָט אונדז געיאָגט אויף אַלע וועגן... פון די ווייטע פעלדער פון אוקראַינע אין מזרח ביז צו דער שטיינערנער אַטלאַנטיק־וואַנט אין מערב, זענען ייִדן געטריבן געוואָרן צו פּאַרטיליקונג, אמת? איינציקווייז און פּאַרטיעסווייז, משפּחות און גאַנצע קהילות זענען געשיקט געוואָרן אין די אויסראָטונגס־לאַגערן! ווו זענען די סטאַטיסטיקער פון ייִדישן פאָלק? זאָלן זיי מאַכן דעם חשבון! וויפיל ווידערשטאַנד פאָדערט זיך ביי אַ פאָלק צו דערגאַנצן אַזאַ בלוט־אָפּלויף?

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

— 1 —

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם פאָטעל און באַלד זיך אי־בערגעזעצט אויף אַ סאָפע. איבערן צימער זענען געוועזן אָנגעשטעלט שטולן און קושעטקעס, אָבער ער האָט זיך נישט געפונען קיין פּלאַץ, ווי די ברי׳ענדיקע רייד פון דאָקטאָר וואָרמס וואָלטן אים אַרויסגעטריבן פון דער רו. ס׳איז דערזעלבער וואָרמס! ער רעדט אַלץ ווי אַ צאָרנדיקער נביא! ער שפּייט מיט פייער! זיין אָנ־קלאַגע וואָלט געקענט ווערן אַ גוואַלדגעשריי פון אַ האַרטנעקיקן קטיגור. אָבער דאָ, צווישן די האָטעל־ווענט ווערט די אָנקלאַגע פאַרוואַנדלט אין אַ דעבאַטע פון אַ פּאָר קהל־מענטשן, וואָס זוכן גערעכטיקייט אין טעקסט־ביכער און אין גע־שיכטע־ציטאַטן. די צרה מיט דער כלל־טוערײ איז וואָס זי ווערט פאַרשווענקט אין אַ מבול פון דעקלאַראַציעס, פון יעדן מענטשלעכן פּראָטעסט ווערט אַ פייער־לעכער פּלאַקאַט, אָדער אַן אַלטמאָדישער קול קורא. און צוליב וואָס פּטרט מען דאָ אַ נאַכט? געקומען איז מען אַהער וועגן עפּעס אַ פאַרשלאָסענעם שפּי־טאָל אין ווילימסבורג. אדרבא, זאָל סידני וועלער ווייזן וואָס מען דאַרף טון

איבערצובעטן די קהלשע פילאַנטראָפּן, די צדקה־פּאַרטיילער, ווי אַזוי מ׳קען ווידער אויפּפּראַלן די שפּיטאָל־טויערן?

רייזנער האָט מיט שטאַרע אויגן געקוקט אויף דער בייכיקער פּיאַנאָ, ווי ער וואָלט זיך געלאַנגווייליקט צווישן די אינטעלעקטואַלן. דאָקטאָר וואָרמס האָט עפּעס געשעפּטשעט צו טיפּלערן. סידני וועלער איז אַן אומגעדולדיקער אַקעגן געגאַנגען איסר יאַגאָדען און אים איינגערוימט:

— וואָרמס האָט פאַרקאָפּט דאָס צימער. אַז מ׳עט אים לאָזן, וועט ער מאַכן דעם גאַנצן האָטעל פאַר זיין אוידיענץ. ער האָט שוין געמאַכט אַ תל פון אונדזער היינטיקער באַראַטונג. ער קען אַזוי שטראָפן דאָס ייִדישע פאָלק אַ גאַנצע נאַכט, אָבער שטראָפן וואָלט מען גאָר געדאַרפט די פילאַנטראָפּן, וואָס האַלטן אויס אונדזערע הייל־אַנשטאַלטן. זיי האָבן פאַרמסרט דעם בית רמב״ם שפּיטאָל.

— פאַרוואָס האָבן זיי פאַרמאַכט דעם שפּיטאָל אין ווילי־אַמסבורג? — האָט איסר יאַגאָדע געפרעגט.

— זיי ווילן צונויפשמעלצן דעם אַלטן שפּיטאָל מיט אַ נייעם, וואָס בויט זיך אין באָראָ־פּאַרק. זייער טענה איז, אַז אין ווילי־אַמסבורג ווערט פאַרמערט די שוואַרצע באַפעלקערונג און איצט אויסהאַלטן דעם בית רמב״ם איז אַ לוקסוס, ס׳איז דער אַלטער געשעפטלעכער פּרינציפּ, וואָס אַרבעט ביי קהל פּונקט ווי ביים יחיד — נישט לאָזן גיין געלט אין ניוועץ. אָבער אַ ייִדישע הייל־אינסטי־טוציע איז נישט קיין האָטעל אין פלאָרידאַ וואָס מען מעג פאַרמאַכן, ווען דער סעזאָן איז אַריבער.

— וואָס דאַרף מען דאָ האַלטן לאַנגע דעבאַטעס? — האָט איסר יאַגאָדע געפרעגט — צוויי שליחים קענען מאָרגן נעמען די צדקה־גבאים אויף אַ פאַרהער!

— איינשטימיק. איר זייט אַ פּאַסיקער שליח, יאַגאָדע. רייזנער וועט מיט־גיין מיט אייך.

— דער לאָיער איז אַ צאַרנדיקער ייִד. כ׳האָב מורא ער׳ט מיטברענגען שעקספּירן מיט דיקענסן אונטערן אָרעם און ער׳ט פאַר די צדקה־פּאַרטיילער לייענען דעקלאַראַציעס...

— די צאָרנדיקע ייִדן זענען גוטע שליחים. מען מוז גיין צו די צדקה־אַפּוטרופּסים מיט אַ גוואַלדגעשריי. כ׳קען מיינע אַרויפגעאַרבעטע קהל־טוערס... אַנשטאָט צו קומען מיט אַ לאַשטשענדיק געבעט פון אַן אל רחום וחנון, מוז מען ביי זיי מאָנען אין נאָמען פון אַן אל קנא ונוקם... פאָלגט מיך, נעמט מיט רייזנערן. ער איז נישט קיין שטאַמלער.

סידני וועלער האָט אַ פּאַטש געטון איין האַנט אַן דער צווייטער מיט דער מינע ווי ער וואָלט באַזייטיקט אַ צרה אין קהלשן לעבן. ער האָט אַ קוועטש געטון אַ קנאָפּ אין וואַנט און ס׳איז אַריינגעקומען אַ האָטעל־באַדינער. וועלער האָט ביי אים באַשטעלט צוויי פלעשער, איינע וויסקי און אַ צווייטע שערי־ליקער.

— 2 —

ווי נאָר דער באַדינער איז אַרויס, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. וועלער איז געגאַנגען עפענען. אין אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ יונגע, בלאָנדע

פרוי מיט אַ לאַכעדיק העל פּנים. זי האָט אויסגעזען ווי אַ מאָדעל, וואָס האָט נאָר־וואָס אַרויסשפּאַצירט פון אַ קליידער פאַסאָן־אויסשטעלונג. די פינגער־מאַ־סאַזשן און די שמעק־זאַלבן אויפן פּנים האָבן געמאַכט בלענדן איר הויט. דער ברוינלעך־גרויער זשאַקעט מיט אָפּגעגלידטע קנעפּ איז געווען אָפּגעמאָסטן אויף איר אָפּגעצויגענער פיגור. דאָס שקאַרמיץ־היטעלע איז ווירליש געזעסן אויפן שפּיץ פון איר זאָרגפעלטיק־פאַרלייגטער פריזור. פון די אויערן־לעפּעלעך זענען אַראָפּגעהאַנגען גילדענע פרענזן. זי האָט אַ רגע אַנגעקוקט די מענטשן אַרום מיט אַ פּאָר פריילעכע אויגן און אויסגעשטרעקט צו וועלערן אַ האַנט מיט פּאַ־לירטע פינגער, באַזעצט פון דימענט־רינגלעך.

— העלאָו, סידני!

— בוירדי! האָסט נישט געקלונגען?

זי האָט נישט אַראָפּגענומען די פריילעכע אויגן פון אים. זיין פאַרלעגנהייט איז איר געפעלן. אַרום זיינע שלייפן זענען אַרויסגעשפּרונגען פעלדלעך. וועלער האָט געדריקט אירע פינגער מיט די בלישטש־רינגעלעך, וואָס האָבן געפינקלט מיט אַלע רעגנבויגן־פייערלעך. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט איר עפּעס שולדיק געווען. בוירדיס אַריינקומען האָט אַנגעטראָגן איבערן צימער פּערפום־ריחות. די ריחות זענען געווען ווינטן, וואָס בלאָזן מיט ווייטע פאַרבאָרגענע דערמאָנונגען. וועלער האָט זיך אַ רוק געגעבן פאַראויס. ס'האָט אים געשטויסן אַ פאַרלאַנג זי אַרומצונעמען, אָבער ער איז געבליבן אומבאַ־וועגלעך. דער רעספּעקט פאַר די אַנוועזנדיקע איז בייגעקומען די לייכטזיניקייט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַ פאַרלוירענער צו די געסט, אָבער פאַר בוירדין האָט ער געקליבן ווערטער פון קילן פאַרוואורף.

— וואָס האָסטו זיך אויסגעפּוצט ווי צו אַ קאַרנאַוואַל? אַזוי זעט נישט אויס קיין לאַיערקע מיט אַמביציעס, נאָר אַ סאָסייעטי־ליידי.

— מיר גייען היינט אַרויס פאַרברענגען, סידני. האָסט פאַרגעסן? ס'איז מיין געבורטסטאָג! און דו זעסט אויס ווי דו וואָלסט געפּראַוועט אַ יאָר־צייט...

וועלער האָט באַטראַכט אירע פולע, אויפגעשניטענע ליפּן.

— ס'איז שוין שפּעט, בוירדי.

— פאַרוואָס באַקענסטו מיך נישט מיט די געסט?

זי האָט געמאַכט אַ שריט טיפער אין צימער און געוואַרט, אַז וועלער זאָל אַראָפּנעמען דעם פוטער־זשאַקעט פון אירע אַקסלען. זי האָט אַראָפּגעכאַפּט איר היטעלע און געשמייכלט צו איסר יאַגאָדען, וואָס איז איר אונטערגעקומען אין וועג. אירע אויגן זענען געוואָרן בלישטשענדיקער. אינמיטן שפּרייזן האָט זי זיך באַגריסט מיט דאָקטאָר וואָרמס און טיפּלערן. דער זשוואַוער רייזנער האָט אין איילעניש זיך אויפגעהייבן פון פאָטעל און מעשה־קאַוואַליר איר אַקעגן געגאַנגען מיט אַ פריילעך פּנים:

— בוירדי סאַרנאָף! ס'איז אַנגענעם דאָ צו טרעפן נאָך אַ מיטגליד פון דער פּראָפעסיע...

וועלער איז צוגעקומען. פון פאַרלעגנהייט האָבן זיינע פינגער זיך געצויגן צום נאַקעטן קאָפּ־שיידל. דאָקטאָר וואָרמס האָט געפרעגט:

— איר קענט זיך?

רייזנערס קול איז געוואָרן מונטערער.

— אין אונדזער לאָיער־פּראָפעסיע איז נישט קיין סנאָביזם. מיר טרעפן זיך אין די געריכט־קאָרידאָרן און פאַר דער יוסטיץ־באַנק קומט אונדז אויס זיך צו באַגעגענען ביי פאַרטיידיקונג. און מ׳קען נישט אויסמיידן איינער דעם אַנדערן אין אַ ווערטער־דועל. ס׳אַ פּראָפעסיע, ווו די פיינטלעכע קעמפער האַלדזן זיך אינמיטן שלאַכטפעלד. איינשטימיק, בוירדי? וואָס די יוריספּרודענץ־אויסטייטשער זאָלן נישט זאָגן, איז דאָס דאָך די פּראָפעסיע וואָס פאַרטיידיקט מענטשן־ווערדע.

בוירדי סאַרנאָף איז געוואָרן אויפגעלעבטער. זי איז געווען צופרידן וואָס די מענער האָבן אַרום איר געמאַכט אַ רעדל. זי האָט געשמייכלט צו רייזנערן.

— מענטשן־ווערדע! כ׳בין היינט אָפּגעזעסן אַ טאָג אין געריכט, אָבער מיין פּראָצעס האָט נישט רעפּרעזענטירט די מענטשן־ווערדע. ס׳האָט גאָר פיגורירט אַ חיה... הערט אַ געשיכטע. אַן אלמנה האָט איבערגעלאָזט אַ ירושה פון פופציק טויזנט דאָלאַר פאַר איר פיר־יאָריקן הונט, אַז ער זאָל עסן ביפשטיקס און קעלבערנע לעבער און גיין אָנגעטאָן אין קאָלירטע סוועטערס פון קאַשמיר. אין דער צוואה איז פאַרשריבן אַ באַדינג, אַז דער הונט מוז בלייבן אַ בחור...

— און די טויטע אלמנה האָט, פאַרשטייט זיך, אויסגעפירט... — האָט דאָקטאָר וואָרמס זיך צעלאַכט.

— די אלמנה וואָלט געקענט רויִק שלאָפן אין קבר. אַלץ איז געווען פון פריִער באַזאָרגט. זי האָט איינגעשטעלט אַ ספּעציעלן טראָסט־פאָנד פאַר דעם הונט, די פּראָצענטן מוזן גיין פאַר דער דינסט, וואָס דאַרף אַכטונג געבן, אַז דעם פיר־פיסיקן יתום זאָל נישט פעלן פון קיין פויגל־מילך...

דאָקטאָר וואָרמס האָט צענומען די הענט.

— ווי קומט דען די ירושה אין געריכט? די דינסט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם הונט צי דער הונט האָט אָנגעקלאָגט די דינסט פאַר נאַכלעסיקייט?

רייזנער האָט אים איבערגעשלאָגן.

— פּרובירט נישט טרעפן, וועט איר זיך דערוויסן.

בוירדי האָט געשמייכלט מיט די שפּיצן ציין.

— איצט, אַ יאָר נאָך דער אלמנהס טויט, האָט זיך באַוויזן אַ צוויי־פיסיקע יתומה, אַ פּלימעניצע פון דער פאַרשטאָרבענער. זי קומט פון ענגלאַנד און מאָנט די ירושה מיט דעם הונט... מיט פינף יאָר צוריק האָט די אלמנה איר פאַרשריבן אין דער צוואה דיזעלבע פופציק טויזנט דאָלאַר, מיטן צוגאָב פון דעם צוויי־פיסיקן יתום...

דאָקטאָר וואָרמס האָט פאַרוואָרפן זיין אַרבוז־קאָפּ אויפן אַקסל און זיך אויסגעדרייט צו טיפלערן.

— ר׳זעט, פּראָפעסאָר? אָט האָט איר נאָך אַ גרייז אין מענטשלעכן לעקסיקאָן! צו מענטשלעכער גייציקייט איז נישטאָ קיין גרעניץ. דורות זענען געווען

זיכער, אַז אַ זאָאָלאָגישער גאָרטן איז אַ צונויפזאַמל־אָרט פון חיות, וואָס ווערן אָבסערווירט פון מענטשן. איצט, גלויב איך, אַז אַ זאָאָלאָגישער גאָרטן איז אַ פּלאַץ ווו חיות שטודירן מענטשלעכע געפּאַלנקייט... כאַ־כאַ־כאַ...

סידני וועלער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל.

— איר ווילט זיין אַ ציניקער אויך, וואָרמס? אין יעדער האַנדלונג זעט איר מענטשלעכע געפּאַלנקייט... ס׳איז דער אַלטער קוק פון אַ ציניקער. און וואָס איז דען אַ ציניקער? אַ מאַן, וואָס אַז ער דערשמעקט בלומען, קוקט ער זיך אום צי ער זעט נישט ערגעץ אַ מתים־וואָגן...

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַריינגעמישט.

— כ׳האָב געמיינט אַז איר, וואָרמס, קלאָגט אַן בלויז דאָס יידישע פאָלק... כ׳זע, איר האָט אויך גרייט אַ פּסק־דין פאַר דער נישט־יידישער וועלט.

סידני וועלער האָט לייכט אָנגענומען בוירדין ביי דער טאַליע ווי צו אַ טאַנץ. ער האָט געוואָרעמט זיינע בליקן אין אירע פריילעכע אויגן און געזאָגט:

— איצט טוט מיר נישט באַנג, בוירדי, וואָס כ׳בין אַוועק פון ניו־יאָרק קיין באָסטאָן. ס׳איז אַ שטאָט פול מיט גרויזאַמע נביאים. אַנטלויפן פון איין שטאָט צו אַן אַנדערער איז פונקט ווי אַ צווייטע הייראַט... ריכטיק, רייזנער? און וואָס איז אַ צווייטע הייראַט? דער טריומף פון האָפענונג איבער דערפאַרונג! מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ניו־יאָרק איז אַ וואַקאַציע־אָרט פאַר טוריסטן און פאַרמערס. איצט ווייס איך צוליב וואָס דער מענטש וויל קלעטערן אויפן טורעם פון עמפּיר־סטעיט־געביידע און ער וויל הערן די קאַקאָפאָניע פון דער ווילדער שטאָט; פאַרוואָס ער וויל ווערן אַ סאַר־דינקע אין סאַבוויי און אַ מוראַשקע אויפן ברעג פון קאָני־איילענד. דאָס איז דער וואַנזיניקער פאַרלאַנג צו באַוועגן זיך אין אַ דזשאַנגל, ווו מ׳לויפט כסדר אויף יאַגד, מ׳קריגט זיך אויף זיבעציק שפּראַכן, מ׳קוויקט זיך מיט לשון־הרע־קאָ־לומס אין די צייטונגען און מען באַשולדיקט די מענטשהייט אין געפאַלנקייט... נישט ריכטיק? וואָס זאָגט דאָ פּראָפעסאָר טיפלער? איז ניו־יאָרק אויך אַ גרייז אין מענטשלעכן לעקסיקאָן?

— 3 —

בוירדי סאַרנאַף האָט געקוקט אויף וועלערן, וועלכער האָט זיך צעוואָרעמט ביים רעדן. פון דער פריִערדיקער פאַרלעגנהייט אויף זיין פּנים איז קיין שפּור נישט געווען. די מוטנע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. די פעלדלעך אַרום די שלייפן זענען איינגעזאַנגען. זי האָט אים דערלאַנגט אירע פאַלירטע פינגער מיט די בליציקע רינגעלעך.

— איצט ביזטו אין דיין הויט, סידני. קום, מיר וועלן אַרויספאָרן און זיך דערמאָנען אין מיין געבורטס־טאָג. אָבער, כ׳בעט דיך, פיר מיך נישט אויף בראָדוויי.

סידני וועלער האָט געשמייכלט.

— כ׳וועל דיך נעמען אין אַ רומענישן רעסטאָראַן ווו מ׳זינגט „מיין שטע־טעלע בעלז״... לאָמיר שוין צופאָרן! מיר וועלן נאָך באַווייזן אָנצוקומען דאָרט פאַר האַלבער נאַכט.

די מענער האָבן זיך געכאַפּט צו די מאַנטלען. ס׳איז אַריינגעקומען דער האָטעל־באַדינער מיט אַ טאַץ גלעזלעך, אויסגעשטעלט אין אַ קרייז און צוויי אויפגעפּראָפּטע פלעשער. סידני וועלער האָט מיט אַ האַנט־פּאַך פאַרהאַלטן די געסט. ער האָט אָנגעפּולט פיר גלעזלעך מיט וויסקי. פאַר זיך האָט ער אָנגעגאָסן זיסן ליקער. ער האָט אויסגערופן.

— פאַר בוירדי! פאַר איר געבורטסטאָג! פאַר אַ גליקלעכן געבורטסטאָג! עי העפּי בוירטדעי!

רייזנער האָט דער ערשטער אויפגעהויבן זיין גלעזל.

— פאַר בוירדי! פאַר אַלע פאַרטרעטער פון געזעץ!

רייזנער מיט טיפלערן האָבן אויסגעטרונקען די משקה מיט איין שלוק. איסר יאַגאָדע האָט קוים איינגעטונקען די ליפּן און דאָקטאָר וואָרמס האָט זיך נישט צוגערירט צום גלעזל. סידני וועלער האָט געזופּט זיין ליקער טראָפּנווייז ווי אַלטן, טייערן וויין.

בוירדי האָט אַ ציי אַריין געטון אַ גלעזל וויסקי מיט דעם אָנשטעל פון אַ מאַנסביל און געזאָגט:

— סידני, האָסט אַרויסגעגעבן אַ פאַלשן אורטייל אויף ניו־יאָרק. די איינ־וווינער גייען דאָ דורך יעדן טאָג אַ דזשאָנגל מיט מענטשן פונקט ווי מיר, די געזעץ־פאַרטרעטער מוזן דורכגיין אַ דזשאָנגל פון ווערטער, וואָס ציט זיך אויף טויזנטער מיילן... וועמען איז ערגער? פרעגט אונדז, לאָיערס! ווערטער האָבן אַ הינטערליסטיקן און פאַרפּירערישן טייטש. יעדעס וואָרט איז אַ גרופּע פון בוכשטאַבן, אָבער ווערטער זענען ווי לעבעדיקע וועזנס. זיי גרימירן זיך ווי אַקטיאָרן און מאַסקירן זיך ווי פּאַיאַצן, מ׳דאַרף שנאַפּן ווי אַן אמתער דעטעק־טיוו צו דערקענען די עכטע קוואַליטעט פון יעדן וואָרט. איינשטימיק, פּראָ־פעסאָר טיפלער?

זי האָט דערלאַנגט וועלערן איר גלעזל, ער זאָל עס נאָכאַמאָל אָנפילן און געקוקט אַרויסרופעריש צום פּראָפעסאָר.

— גוט געזאָגט! — האָט טיפלער געשמייכלט — פאַר אַ לאָיער איז עס זאָכלעך גערעדט. כ׳וועל גיין נאָך ווייטער און צוגעבן: פאַראַן ווערטער אומ־שולדיקע, וואָס שפּאַצירן פראַנק און פריי אויף דער אויבערפלאַך און פאַראַן ווערטער הינטערליסטיקע, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אין אונטערגרונט, אין אונטער־באַוווסטזיין כדי צו באַרעכטיקן זייער אומלעגאַלע עקזיסטענץ.

ווען אַלע זענען שוין געשטאַנען אין דער טיר, האָט סידני וועלער אָנגענומען זיין דאַמע פאַרן אָרעם און זיך אויסגעדרייט צו איסר יאַגאָדען.

— פאַרגעסט נישט, איר און רייזנער מוזט מאָרגן גיין זען די פילאַנטראָפּן.

— וועלכע פילאַנטראָפּן?

— איר׳ט פאַרגעסן? אַ יידישער שפּיטאָל אין וויליאַמסבורג איז פאַרמאַכט געוואָרן. מען דאַרף נעמען די צדקה־גבאים אויף אַ פאַרהער!

ביים אַראָפּפאָרן מיטן עלעווייטאָר איז איסר יאַגאָדע מיט אַן אויסרעכענונג געבליבן הינטערשטעליק, כדי אויסצומיידן אַ באַגלייטער. ער איז פלינק דורכגעלאָפן די האָטעל־לאַבי און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג פון דער זייטיקער גאַס. אינדרויסן האָט געבלאָזן אַ קילער ווינט. ער האָט אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש, דער ווינט זאָל אַ ווײַלע יאָגן אין פּנים אַריין, אויסווישן דעם שווערמוט און אַרויסבלאָזן דעם טומל פון קאָפּ. וויפיל רייד האָט ער זיך היינט אָנגעהערט? און וויפיל מחשבות קען אַ מוח אויף איינמאָל פאַרנעמען? טילי האָט זיך מיט אים אָפּגעזעגנט מיט מוסר־ווערטלעך אויף אירע ליפּן און סידני וועלער האָט אים באַגריסט מיט אַ נייער ייִדישע צרה. דאָקטאָר וואָרמס שרייט ווי אַ צאָרנדיקער נביא; פּראָפעסאָר טיפלער כאַפּט היסטאָרישע גרייזן; רייזנער גראָבט אויס שנאת־ישראל אין די קלאַסישע טעקסט־ביכער און די לאָיערקע, בוירדי סאַרנאָף, מאַכט אַ פאָרוואורף איר געליבטן, וואָס פאַרגעסט איר געבורטסטאָג.

ער האָט אויסגעפירט, אַז סידני וועלער איז אַ ניכטערער קאָפּ, אַן ערלעכער קהל־מענטש, אָבער ער איז קענטיק אויך נישט ריין פון פאַרבאָטענע באַגערן. פון ייִדישע צרות האָט ער עגמת־נפש. דאָס פאַרנאַכלעסיקטע ווייב האָט ער אַוודאי איבערגעבעטן מיט אַ מינק־פוטער און ווינטער־צייט זיצט זי אין פלאָרידאַ. אייגענע געשעפטן פאַרזעט ער און ער גיט זיך אָפּ בלב ונפש מיט כלל־טוערייַ. און דאָ פלאָנטערט זיך אינמיטן דרינען אַ פרעמדע פרוי, דערצו נאָך אַ לאָיערקע מיט אַ געזונטן, מאַנסבילישן קאָפּ. כ׳זע שוין, סידני וועלער איז נישט בלויז אַ גביר. ער איז אַ פּאָמפּע־מאַשין מיט מאַנקעטן.

— 4 —

ער איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט גאַס. פונדערווייטנס האָבן געלויכטן מיט אַ מאַטן שיין די לאָמפּן פאַרן סאָבוויי־אַראָפּגאַנג. איסר יאַגאָדע האָט איצט אינזינען געהאַט אַ ווייך געלעגער און אַ מאַסאַזש איבער די פּלייצעס. ער האָט געשטעלט פלינקע טריט און דערשפּירט אַ ברעכעניש אין די קריזשעס. כ׳ווער אַ זקן — האָט ער געטראַכט — אַלט ווערן איז אַ פּראָצעס פון דער נאַטור, אָבער די צרה מיט דער עלטער איז, וואָס ס׳נעמט אַזאַ קורצע צייט צו דערלויפן אַהין.

ער איז צוגעקומען צו דער סאָבוויי־סטאַנציע. אויף דעם ערשטן אַראָפּגאַנג־טרעפּ איז געשטאַנען רייזנער מיט אַ הינטערליסטיקן בליק, ווי ער וואָלט שוין פון פריִער אויף אים געוואַרט. איסר יאַגאָדע איז געווען פאַרוווּנדערט.

— איר פאָרט מיין וועג?

— איך נעם די סאָבוויי צו די בראָנקס. ווו ווינט איר? דאַון־טאַון? אין גריניטש־ווילעדזש דוכט זיך... אַ שאָד וואָס ס׳איז שפּעטלעך, כ׳האָב געוואָלט מיך אייך אַ פלוידער טון אויג אויף אויג. סידני וועלער האָט אונדז ביידן אָנגעהאָנגען אַ שיינע מיסיע...

— כ׳זע, ער אַליין האָט איצט אויף זיך אויך אָנגעהאָנגען אַ מיסיע — האָט איסר יאַגאָדע געשמייכלט — ווער איז זי?

— איר מיינט, בוירדי? אָ, ס׳אַ פּלאָם וואָס לעשט זיך גיך אויס. זי איז — ווי וואָלט איך געזאָגט? — זי אַרויסרופעריש ווי אַ ווייסער בויגן פּאַפּיר אין אַ שרייב־מאַשינקע...

— און ווען דער בויגן פּאַפּיר ווערט באַשריבן, בלענדט מער נישט די ווייסקייט?

— ריכטיק.

— זי האָט אַ ווייבערישן קערפּער מיט אַ מאַנסבילישן קאָפּ.

— אַלץ איז ביי איר מאַנסביליש... דער מוח איז אָנגעשטאָפּט מיט קאָדעקס. זי האָט אַ לוסט צו דאָמינירן, אַפילו דאָס נישט־פאַרגינעריי און די אייפערזוכט איז אַ מאַנסבילישע... בוירדי איז אַן אויסגעקנאָטענער כאַראַקטער. און ס׳איז גוט אַזוי. אויב אַ שיינע פרוי מאַכט אירע טעותן. באַחנט, איז זי נישט מער ווי אַ דורכשניטלעך ווייבעריש וועזן.

— וואָס איז זי צו סידני וועלער?

— דאָס וואָס דלילה איז געווען צו שמשונען. זי וועט אים פאַרצערן אין איר פלאַם.

— אַן עסקן האָט געגוג שרפות צו לעשן אַרום זיך און כ׳וויס נישט צי וועלער וועט האָבן דאָס געדולד פון שמשונען... שמשון האָט שיער נישט חרוב געמאַכט אַ פאָלק, די פלישתים, איידער דלילה׳ס פלאָם האָט אים פאַרצערט.

— סידני איז שטאַרק ווי אַ לייב. אָבער ער פאַרשווענדט זיין ענערגיע. מיר אַלע לייגן אין ניוועץ אונדזער ענערגיע. מען וויל דעקן די קריוודעס אויפן גאַנצן פּלאַנעט, אָבער מיר האָבן נישט קיין צייט צו מאָנען חשבון פון אונדזערע אייגענע פאַרזאָרגער...

— כ׳זע, איר גייט צוריק צו אייערע אַנטיסעמיטישע טעקסט־ביכער... ווע־לערס געליבטע איז אַ בעסערע געלעגנהייט פאַר לשון־הרע.

— דאָ, ביים אַראָפּגאַנג צום סאָבוויי ווילט איר ביי מיר פּאָמפּען לשון־הרע אויף בוירדין? די צייט איז צו קורץ. זי איז אַ טעמע אויף אַ טאָג מיט אַ נאַכט. מיר וועלן עס לאָזן אויף אַ צווייט מאָל. כ׳קען זי ווי מיינע צען פינגער... זי איז אויסגעוואַקסן פאַר מיינע אויגן און ס׳איז אַזוי ווי כ׳האָב פר׳יער געזאָגט. זי איז אַן אויסגעקנאָטענער כאַראַקטער. אין די שול־יאָרן איז זי געווען ווייבלעך און שטאַנדהאַפטיק. אין קאָלעדזש האָט זי געפלאָטערט ווי אַ שמעטערלינג און איז געווען אַרבעטסזאַם ווי אַ בין. שפּעטער, צווישן אירע קורסן אין געזעץ און אירע פליכטן אַלס נוירס, האָט זי געהאַט צייט צו פירן ליבעס.

— הייסט עס, זי האָט אויך פאַרשווענדט ענערגיע...

— דאָ, זע איך, ווילצלט איר זיך, מיסטער יאַגאָדע, און אַזוי אויף איין פוס האָט איר שוין אויסגעפּאָמפּעט ביי מיר מער לשון הרע ווי אַזוי פלוידערזאַק ווי איך מעג אַרויסזאָגן... כ׳בין אַ שלעכטער לאָיער. כ׳לייד פון אַ לויזער צונג. ס׳איז נישט אָנגענומען אַרויסצוגעבן סודות פון דער פּראָפעסיע און לשון־הרע איז סם פאַרן גומען. פאַרוואָס, מיינט איר, האַלט איך, אַז „שיילאָק" און „אָליווער טוויסט" זענען העץ־לעקטור פאַר די שולן? ווייל די ביכער רעדן לשון־הרע

אויפן יידישן פאָלק... נו, כ׳וועל אייך לאָזן פאָרן אַהיים. מאָרגן גייען מיר קיין וויליאַמסבורג? כ׳וועל קלינגען צו אייך אינדערפרי, גוד באַי!

איסר יאַגאָדע איז אַראָפּ מיט דער טרעפּ. ער האָט געוואָלט מאַכן אַ סך־הכל פון דעם טאָג און פון דער נאַכט און ער איז נישט געקומען צו קיין אויספיר. וועלער און טיפלער, רייזנער און וואַרמס — אַלע גייען אויף באַזונדערע שליאַכן, אָבער אַלע וואַרעמען אין זיך דעמזעלבן גאָט. פון אַלע שטרייטיקייטן איז דער שטרייט פון דאָקטאָר וואָרמס דער גערעכטסטער. זיין אַרויסרוף איז דער גוואַלד־געשריי פון אַ קטיגור קעגן די באַרמלאָזע צווישן די פעלקער. ער זיפצט נישט, נאָר ער מאָנט. ער בעט נישט, נאָר ער צאָרנט. זיין צאָרן איז אַן אָנקלאָגע פון אַ דור, פון אַ פאַרווונדעט פאָלק, וואָס האָט מקדש געווען די ערד און דעם הימל מיט בלוט.

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

— 1 —

ס׳איז שוין געווען טיפער טאָג ווען איסר יאַגאָדע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זיין ערשטע טעגלעכע פליכט איז געווען אַריבערצוגיין צו טילין און זי איבערבעטן. זיין נעכטיקע אויפפירונג ביי דער תנאים־שמחה איז געווען אַ גוטע לעקציע פאַר איר קוזינע. דורך די צוויי יאָר וואָס ער האָט טילין געקענט, האָט איסר יאַגאָדע זיך געלערנט נאָכצוגעבן די עקשנים און מאַכן פשרות מיט די שטאַנד־האַפטיקע, די געלאַסענע זענען מיושבדיק. ער האָט מער נישט געפירט קיין שטרייט ווען ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט אַ כעס און ער האָט אויסגעמיטן זיך צו ווערטלען ווען ס׳האָט אין אים געזאָטן דאָס בלוט. אין מינוטן פון צאָרן איז אים שטענדיק געקומען אויפן זכרון, אַז אָפּטאָן עפּעס אין אַן אויפגערעגטן צו־שטאַנד איז פונקט ווי אַריינוואַרפן אין ים אַריין אַ זאַך בעת אַ שטורעמדיק וועטער.

ווען ער איז שוין געשטאַנען אַן אָנגעטוענער, האָט ער זיך דערשלאָגן צום איינפאַל, אַז ער מוז היינט קויפן פאַר טילין אַ מתנה. זי האָט אויך נישט פיינט דעם ווייבערישן כאַבאַר... אַ פינקלדיקע בראָש צי אַ שנירל קרעלן מאַכן אַ תל פון יעדן ברוגז. דער אמת איז — האָט ער איצט אַליין זיך געמוסרט — אַז ער איז פון אייביק אַן נאַכלעסיק צו טילין. ווייבלעכע געטריישאַפט דאַרף מען אָפּצאָלן מיט אויפמערקזאַמקייט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ביי זיין טאַטן אינדערהיים איז אַ גאַנץ יאָר אויף דער קאָמאָדע געשטאַנען אַ מעשענע מנורה מיט די רערן געבויגענע אַרויף ווי צווייגן, וואָס זענען אָנגעלאָדן מיט פרוכטן. אין דעם שיין פון די רערן האָבן געבליצט די פייערן פון אַלע מזלות און שטערן, וואָס האָבן פאַרטריבן די בייזע רוחות פון הויז. אויך טילי דאַרף האָבן דאָס פייערל פון

מזל, ער׳ט שוין עפּעס אויסזוכן פאַר איר. אויף די געסלעך פון גריניטש־ווילעדזש פעלן נישט קיין קראָמען מיט פּאַטשערקעס. אַ שטיקל צירונג אויפן האַלדז פון אַ פרוי איז ווי אַ קמיע. דאָס פּייערל פון אַ בראָש קען ווינקען מיט צוזאָגן צו אַלע פּאַרשפּעטיקטע און פאַרשעמטע פון ווייבלעכן מין.

ער האָט אָפּגעגעסן אָנבייסן אין קאַפעטעריע אויף וואַשינגטאָן־סקווער. דעם בייגל מיט לאַקס האָט ער קוים דערשלינגען און די קאַווע האָט ער נישט דער־טרונקען. ער איז אַרויס אויף דער גאַס און זיך געלאָזט גיין צו בליקער־סטריט.

דער הימל איז געווען לויטער, אָבער דער ווינט האָט געריסן דאָס פּנים. די געפרוירענע זון האָט געבליאַסקעט מיט אַ שטעכיקער קעלט. איסר יאַגאָדע איז פאַרבייגעגאַנגען די בענק, וואָס זענען געווען שיטער באַזעצט. טויבן האָבן געפּויזעט אַרום די אויסגעגעסענע גראָז־פּלאַכן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די צוויי שטאָקיקע רויט־ציגלדיקע הייזער מיט דער פאַרחידושטקייט, ווי ער וואָלט דאָ צום ערשטן מאָל געשטעלט טריט. דאָס איז דער פרידלעכער שיידוועג אין ניו־יאָרק — האָט ער אַ קרום געטון מיט די מויל־ווינקלען — ס׳איז דער־זעלבער סקווער, וואָס איז אַמאָל געווען אַן עקזעקוציע־פּלאַץ מיט אַ הויכער תליה. אויף דעם מאַרק דאָ איז געשטאַנען אַ יאַטקע־קלאָץ, וווּ טויט־אורטיילן זענען שטרענג און פּינקטלעך אויסגעפירט געוואָרן. הענקערס האָבן פאַרצויגן פּעטליעס אויף מענטשלעכע העלדזער. איצט איז וואַשינגטאָן־סקווער אַ צוזאַ־מענלויף פון שטילע טויבן. ס׳אַ וויסטע אַלייע, וווּ לײדיקגייערס און דעגענעראַטן וואַרעמען זייערע פּלייצעס אויף דער זון און בענקען נאָך מנוחה.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ברייטן, אויסגעטוענעם בוים, אַ בינטל וואָרקנדיקע טויבן האָבן אַרומגעקרייזט דעם שטאַם. אַ באַיאַרטער, בייכלדיקער מאַן מיט אַ ליולקע צווישן די ליפּן איז צוגעקומען. ער האָט געהאַלטן אַ זעקל קערנער און לאַטשענדיק, מיט ליבשאַפט, האָט ער געשפּייזט די טויבן. ווי צייטן בייטן זיך! — האָט איסר יאַגאָדע געטראַכט — שטעט, פּונקט ווי מענטשן, מוזן אָפּטון שרעקלעך ווילדע זאַכן כדי צו בלייבן אין דער געדעכעניש פון די איינוווינער. דער זקן, וואָס טיילט אַזוי פרידלעך די קערנער צו די טויבן, ער־גערט זיך נישט וואָס אַמאָל האָט מען אויף דעם סקווער געקעפּט מענטשן. ער־גערן טוט זיך בלויז דער מענטש, וואָס נעמט אויף זיך פרעמדע יסורים. סידני וועלער איז אַ נגיד, וואָס קען אַראָפּברענגען דעם הימל אויף דער ערד און דאָך עסט ער זיך אָפּ ס׳האַרץ פאַר קהל.

— 2 —

איסר יאַגאָדע האָט אַלעמאָל געוואָלט פאַרשטיין, תופס זיין וועלערן און ער איז שטענדיק געבליבן שטיין פאַר אַ רעטעניש. דער כלל־טוער פון באָסטאָן האָט געקענט פאַרטראָגן האַרצעסעניש פון קהל, ווייל ער האָט נישט פאַרזוימט זיינע אייגענע פאַרגעניגנס. פון געלט האָט ער הנאה געהאַט און דאָס אָנגעקלי־בענע פאַרמעגן האָט אים צוגעזאָגט אויף זעלישע מנוחה. ער האָט געפּרעדיקט

טהרת המשפחה און אַליין האָט ער געהאַט טריפהנע פּירונגען. פונדעסטוועגן, ווען ער איז רייך געוואָרן און די תענוגים פון דער וועלט זענען געשטאַנען פאַר אים אָפן, האָט ער געטריבן פון זיך די אייגנליבע און געוואָלט איינטיילן דעם כלל־ישראל די שפע פון דער ערד...

נאָך זיינע ערשטע טואונגען פאַרן כלל האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז זיין איינגעשרימפּן וועלטל — דאָס וועלטל פון ציפּערן און דיווידענדן — ציט זיך אויס ווייט אַריבער דעם ערדישן לעבן. פון רייזנערן האָט איסר יאַגאָדע זיך דערוווּסט, אַז דעם באַגער נאָך אייגענעם ווילזיין און דעם פאַרלאַנג צו ווערן אַן עסקן האָט וועלער נאָך געירשנט פון זיין טאַטן, דעם ליטוואַק.

אין דעם ליטווישן שטעטל איז דער טאַטע געווען אַ מאַרק־שטייער, וואָס האָט געהאַט צוויי באַגערן: עפּעס אַ קראָם אויף דער הויפּט־גאַס און ווערן אַ גבאי אין דער חברה „הכנסת אורחים". ווען ער איז שפּעטער געוואָרן דער פּרעזעס פון דער חברה האָט ער געקראָגן אַ דעה אין דער גמילת חסדים־קאַסע, וואָס האָט געטיילט הלוואות צו די אביונים און ער האָט אויך געהאָלפן עוקר זיין פון לאַנד יידישע פּריזיוניקעס, וואָס האָבן נישט געוואָלט דינען ביי פּאַניעס.

סידני וועלער פלעגט אַליין דערציילן, אַז זיין טאַטע האָט געוויכט פון שכרות און לייכטזיניקייטן, אָבער אין שטעטל האָבן לשון־הרעניקעס גערעדט, אַז אין דער שטיל האָלט ער אויס אַ פּלגש. ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, איז דער טאַטע שוין געווען אַלט. ער האָט זיך באַזעצט ביי אַ קרוב און איז געוואָרן אַ פּעדלער. ער האָט באַקליידט און באַשוכט איטאַליענישע משפּחות. די ערשטע יאָרן האָט ער דעם בן־יחיד סידני געשיקט לערנען אין אַ ישיבה.

ווען סידני איז אויסגעוואַקסן, האָט ער געהאָלפן דעם טאַטן עפענען אַ סטאָר און געזען, אַז די איטאַליענער זאָלן קומען צו אים נאָך די קליידער און שיך. ער איז אַריין אין קאָלעדזש, אָבער נאָך דריי חדשים האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ סטודענטקע, אַ רייכע טאָכטער און שטאַרק אויסגענומען ביים שווער. ער האָט אויסגעבויט אַ טעקסטיל־פאַבריק און אַנגעקליבן אַן עשירות. ער האָט ספּעקו־לירט אויפן סטאָק־מאַרקעט און געוווּנען. ווען דאָס לעבן איז געוואָרן באַקוועם, האָט אין אים זיך געוועקט דער פאַרלאַנג — פּונקט ווי אַמאָל ביים טאַטן — נאָך קהלשן טומל. רייכטום האָט ער געהאַט פון די געשעפטן. כיבוד האָט ער געקראָגן פון קהל און ס'איז פאַר אים געקומען די צייט אַנצוהויבן אַ פאַרבאַ־טענעם יאַגד אויף פּרויען. סידני וועלער האָט געשאָסן זיינע פייגל און רייזנער האָט געפירט דעם יעגערס חשבון. ער האָט אָבער נישט געקענט אויסרעכענען צי בוירדי סאַרנאָף איז זיין לעצטער פאַנג.

איסר יאַגאָדע האָט אויסגעמאָסטן דעם וואַשינגטאָן־סקוועער און געזוכט אַ צירונגס־קראָם, און אינזינען געהאַט די לאַיערקע בוירדי סאַרנאָף איז סידני וועלערס לעצטער פאַנג.

אויף בליקער־סטריט האָט ער געגומען פלינקער שפּרייזן. ער איז פאַרביי די נידעריקע אַנטיק־קראָמען מיט די געפּאַרבטע ווענט. אַנטקעגן איז געקומען אַ קורצער, געפּאַקטער איטאַליענער מיט אַ שטופּ־וועגעלע, ווו ס'האָבן זיך גע־בראָטן קוקורוזעס. דער פאַרשוין, פול מיט אימפּעט, האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט

אַ פריינטלעכער מינע, אָבער איסר יאַגאָדע האָט נישט פאַרטראָגן דעם ריח פון זיין געבראָטעכץ. פון אַ רעסטאָראַן־שויב, איינגעראָמט אין אַ בלויען גזימס, האָבן אַרויסגעקוקט קעפּ פון יונגע מענער מיט בערדלעך ווי גרימירטע אַקטיאָרישע פּנימער. די משוגעים פון גריניטש־ווילעדזש! — האָט ער געפּסקנט — דאָס זיצעניש הויבט זיך ביי זיי אָן באַלד אינדערפרי! ווער זענען זיי פאַלשע קינסט־לער צי אמתע פּוסט און פּאַסטניקעס?

צווישן צוויי טונקעלע ביכער־קראָמען האָט אַרויסגעבליאַסקעט אַ שוי־־פענצ־טער, אָנגעשטאָפּט מיט זייגערלעך און אַנטיק־צירונג. אויף דער שויב איז געווען אויסגעמאָלן: אייזיק ליוואַי. ער האָט געעפנט אַ טיר און אַ גלאָק האָט זיך צע־קלונגען. פון הינטערן צייל־טיש האָט זיך אויפגעהויבן אַ געבויגענער מאַן מיט אַן אויסגעווייקט פּנים פון אַ וויללערנער. ער האָט געטראָגן אַ רויט־אויסגע־ריבענעם סאַמעטענעם רעקל. אין האַנט האָט ער געהאַט אַ פאַרגרעסער־גלאָז. איסר יאַגאָדען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער געבויגענער רוקן ביי דעם צירונג־הענדלער איז נישט געקומען פון זייגערמאַכעריי, נאָר פון זיצן איבער דער גמרא. ס׳גלייכסטע וואָלט געווען איצט איינצוהאַנדלען עפּעס ביי זיין אַמאָליקן שפּיטאָל־שכן, סאָל בערפאַנד. אָבער ווו געפינט מען אים? ער איז שוין אוודאי אויפן עולם האמת... דער קרעמער האָט זיך דערנענטערט צו אים מיט דעם אויס־געשטרעקטן פאַרגרעסער־גלאָז. ער האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר ברוינע מאַטע אויגן, איבערגעדעקט מיט שווערע, פוכיקע ברעמען. ער האָט געפרעגט מיט אַ ניגון.

— אַ מתנה פאַר אַ פרוי?

— טרעפט.

— פאַר עמיצן, וואָס איר האָט ליב?

— ס׳איז אייער זאַך צו טרעפן...

דער קרעמער האָט זיך הייזעריק צעלאַכט.

— דאָס וואָס מען האָט ליב, הרגעט מען... דער פּחדן טוט עס מיט אַ קוש און דער העלד מיט אַ שווערד...

— איר ווילט נישט טון קיין ביזנעס?

— גלויבט נישט מיינע ליפּן, קוקט אויף מיינע רעכענונגען...

— כ׳וויל עפּעס פאַר אַ פרויען־האַלדז, אַ בראָש, אפשר אַ קעמיאָ.

— איך וואָלט געראָטן נעמען אַ רינג.

— איר מאַכט פאַר מיר דעם אויסוואַל??

— ס׳איז היינט איינער פון מיינע משוגענע טעג. ווען כ׳האָב איינגעשפּאַנט אַלע מיינע טראַכטענישן און כ׳לאָז זיי לויפן ווי אַ זייגער אָן אַ שפּינדל... אַ שטענדיקער קאַסטימער קען שוין מיין חוצפּה. אין אַזאַ טאָג קען מיר איינפאַלן אַרויסצוואַרפן אַלע פאַרזשאַווערטע שמאַכטעס פון שוי־פענצטער און אַריינ־שטעלן די יחסנישע רינגען און זיי נומערירן מיט פאַרמעט־צעטעלעך, אויף וועלכע כ׳קען אויסרעכענען דעם יחוס־בריוו פון יעדן אַנטיק. כ׳האָב די אַנטיקן אין די הונדערטער. דאָס אַליין איז אַ משוגעת! רוימישע, עגיפּטישע, גריכישע

און אַפילו שקלים פון אַלטן ארץ־ישראל האָב איך! מ׳צעשלעפּט די סחורה פון קונסט־זאַמלונגען און פון פּריוואַטע קאָלעקציעס... און אינדישע קאָרניליען פעלן מיר? און פּערסישע טורקוזן וועט איר ביי מיר נישט געפינען? פון פינגערהוטן, פּאַטשערקעס און אַפּאַלן איז דאָך אָפּגערעדט! קוקט זיך אַרום. מיין קראָם איז נישט קיין אַנטיקן־סטאָר. איר זייט אין אַ מוזעאום.

— 3 —

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַרומגעקוקט. אַרום אַלע ווענט זענען געשטאַנען פאַרגלאָזטע שאַפעס, אָנגעשטאָפּט מיט קעמיאָס, בראָשן, בראַסלעטן און קאָראַלן. הינטער דעם צירונג־הענדלערס פּלייצעס איז געהאַנגען אַ פיר־עקיקער שפּיגל, באַצירט מיט גראַווירן. פוןביידע זייטן, אויף מעשענע הוקעס, זענען געווען אָנגעשטאָכן רינגען מיט בליציקע שטיינער, וויין־ברוינע, סאַפיר־בלויע, בלוט־רויטע און מילכיק־גרינלעכע. פאַר זיינע אויגן האָבן געמיניעט קאָלירן, וואָס האָבן זיך געלייגט איבער די אויגן ווי אַ פאַרבלענדעניש. ער האָט זיך געקענט אויף איידלשטיינער און דער מבינותדיקער בליק האָט אָפּגעטיילט שאָטלענדישע אַגאַטן פון איטאַליענישע קאָראַלן. ער האָט אונטערשיידט מעקסיקאַנער אָפּאַלן פון אַראַבישן בורשטין. פון דער סטעליע זענען אַראָפּגעהאָנגען שטאַנגען מיט בראַסלעטן און דורך די שויבן־שענקלעך אויפן צאָל־באַנק האָבן אַרויסגעקוקט רייכע קאָלעקציעס פון דעם דיוק פון מאַלבאָראָ און פון דעם איטאַליענישן סע־ניאָר מעדינאַ. פונוואַנען נעמט זיך צו איין מענטש אַזויפיל עשירות? דאָס צירונג איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון מוזעאומס און פון פּאַלאַצן, גאָלד־גרעבער האָבן דאָס אַרויסגעגנבעט פון היילן און קאַטאַקאָמבן. די גזילות זענען אָנגעגאַנגען דורך יאָרהונדערטער. פירשטן און קורטיזאַנעס האָבן געקויפט דערמיט ליבע און פּאַראַט און אַנטיקוואַרן האָבן איינקאַסירט זייער מעקלער־געלט. קאָלעק־ציאָנערן האָבן די אוצרות געהאַלדזט און קונסט־הענדלער האָבן געמאַכט פעטע פּראָפיטן. איצט וואַלגערט זיך דער שאַצקאַמער ביי אַ ייִדישן אַנטיקן־הענדלער אין גריניטש־ווילעדזש.

איסר יאַגאָדע האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף אַ שטאַנג, באַהאָנגען מיט בראַסלעטן, וואָס האָבן זיך געוויגט ווי קלינגענדיקע קייטעלעך.

— קלייבט אויס אַ בראַסלעט פאַר מיר.

— דאָס וואָלט איך אייך נישט געעצהט...

— וואָס וועט איר אָנבאָטן?

— כ׳וויל נישט וויסן פאַר וועמען איר קויפט די מתנה, פאַר אַ ווייב, אַ געליבטע צי אַ טאָכטער... אָבער אויב זי איז אַ פרוי אַריבער דרייסיק, האָב איך פאַר אייך אַ קעמיאָ, אַן אַנטיקל. ס׳איז דאָס אמתע קמיעלע פאַר אַ ייִדישער טאָכטער! איר זעט מיין אויסגעריבענעם זשאַקעט? דער אונטערשלאַק פון אַלע קעשענעס איז ביי מיר צעפליקט פון די בראָשקעס און פּאַטשערקעס וואָס כ׳האַלט

פֿאַר די באַזונדערע קונדן, פֿאַר מײַנע פֿײַנשמעקער... איך אַליין בין אַן אַנטיק־וואַריאַט אויף צוויי פֿיס! מען שאַצט דען אָפּ אונדזער פּראָפֿעסיע? די צאַצקעס, מיט וועלכע מיר האַנדלען, זענען אײַנגעטיילט לויט די צײַטן פֿון יאָר. ס׳דער־נענטערט זיך איצט צו קריסטמעס. פּאַטשערקעס זענען מער נישט אויפֿן מאַרק. ס׳הויבט זיך באַלד אָן דער סעזאָן פֿון קעמיאָס.

— ווײַזט וואָס איר האָט פֿאַר מיר.

— די קעמיאָ וועט פֿאַר אײַך זײַן ווי אָנגעמאָסטן. ס׳איז אַן אײדעלע גראַ־ווירור פֿון דבורה הנביאה, וואָס זיצט הינטער אַ פּאַלמע און משפּט דאָס פֿאָלק... ס׳אַ קעמיאָ פֿון רײנעם פּערלמוטער. וואָס דען וועל איך אײַך אָנבאָטן? אַן אַלט־פֿרענקיש פּערעלע, וואָס ווײַזט ווי דער געטשקעט אַמור ליגט געבונדן אין קייטן? אָדער אַ מאַדאָנע אין אַ קרישטאָלענער שטייג? אַזאַ סחורה איז גוט פֿאַר אַן אויסגעשפּילטער איטאַליענישער פּרימאַדאָנע... וואָס בין איך עפּעס אַ סירישער פּושקאַט־הענדלער פֿון וואַשינגטאָן־סטריט, וואָס האַנדלט מיט כישוף־וואַסערלעך אָדער מיט ליבעס־געטראַנקען? בנאמנות, כ׳דאַרף בלויז אַ קוק טון אויף מײַן קאָסטימער און כ׳קען שוין זײַן געשמאַק... נעמט דאָס, וואָס כ׳הייס אײַך. ס׳האָט אַ ייִדישן אינהאַלט. אונדזערע טעכטער דאַרפֿן הײַנטיקע צײַטן וואַרעמען אויף זייערע העלדזער ייִדישע העלדינס. און מ׳רעדט דאָך עפּעס, אַז ס׳קומט פֿון דאָסניי אַ ייִדישע מלוכה אין ארץ־ישׂראל...

— 4 —

דער צירונג־הענדלער האָט אַרויסגענומען פֿון בוזים־קעשענע אַ שוואַרץ לייוועטנעם זעקל און אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרט אַ פּערלמוטערנע בראָש פֿון מילך־קאָליר. ער האָט אָנגעשטעלט דערויף זײַן פֿאַרגרעסער־גלאָז. ווי נאָר איסר יאַגאָדע האָט געהאַט די קעמיאָ אין זײַן האַנט, האָט דאָס טיר־גלעקל זיך צעקלינ־גען און ס׳איז אַרײַנגעקומען אַ דיקע, געוויקסיקע דאַמע אין אַ לויזער פּעלע־רינע. פֿון איר געטורעמטן קאָפּ האָר זענען אַראָפּגעהאַנגען צוויי קאַרבירטע לעקעלעך פֿון פּיאָלעט־קאָליר איבערן שטערן. זי האָט געטראָגן גרויסע אויע־רינגען ווי אַ ציגײַנערין און געהאַט לוסטיקע פֿײַערלעך אין די אויגן. ס׳איז איר נאָכגעגאַנגען אַ דינער מאַן מיט פֿאַרחלשטע אויגן און מיט אַ פּאַרלאַשענעם ציגאַר צווישן די ליפּן. די דאַמע האָט פֿרײלעך באַגריסט דעם צירונג־הענדלער.

— האָסט מיך פֿאַרגעסן, אָלד־טאַימער?

דער צירונג־הענדלער האָט פֿון אויפֿרעגונג אַרויסגעלאָזט דאָס פֿאַרגרע־סער־גלאָז פֿון האַנט. זײַן קול איז געוואָרן לעבהאַפֿטער.

— איך זאָל דיך פֿאַרגעסן, לײדי דזשיאָוואַני? קען איך דען פֿאַרגעסן מײַן זיסן נאָכטיגאַל?

— נישט אַזוי סענטימענטאַל, מיסטער ליוואַי. כ׳בין געקומען מיט אַ באַ־גלייטער.

— אַ נייער „מלאך" אויף בראָדוויי? כ׳בין שוין זיכער, ליידי דזשיאָוואַני, אַז דו האָסט זיך נישט געוויזן אַזוי לאַנג, גייסטו געוויס אויפפירן אַ נייע פאָרשטעלונג.

דער מאַן מיט די פאַרחלשטע אויגן האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק און גענומען איינדרימלען. די דאַמע האָט זיך צוגעבויגן צום הענדלערס אויער ווי זי וואָלט אים געגאַנגען עפּעס פאַרטרויען, אָבער גערעדט האָט זי גאָר צו איסר יאַגאַדען:

— ער איז נישט קיין „מלאך" און איך גיי נישט פּראָדוצירן קיין שאָו אויף בראָדוויי... כ׳בין שוין מיד פון דער אָפּערא און כ׳האָב אָנגעהויבן זינגען אין אַ נאַכט־לאָקאַל אין ווילעדזש. נישט פאַרגינער וועלן זאָגן, אַז כ׳בין אַן אויס־געשפּילטע פּרימאַדאָנאַ, אָבער וועמען אַרט עס? דער באַגלייטער איז מיין אַגענט, דער פאַרזאָרגער פון מיין קאַריערע, אָבער אייפערזיכטיק איז ער ווי אַ ריטער פון מיטלאַלטער... כ׳בין געקומען נאָך בראַסלעטן, וואָס זאָלן מיך מאַכן אויסזען ווי אַ גריכישע געטין...

דער צירונג־הענדלער האָט זיך צעשמייכלט:

— צירונג פאַר די קאָסטיומען פון אַפּראָדיטאַ?

— ביזט אַליין אַ געבוירענער אַרטיסט מיסטער ליוואַי — האָט די פּרי־מאַדאָנאַ געלאַכט — כ׳פאַרלאָז זיך שטענדיק אויף דיר, אַז וועסט שוין עפּעס צופּאַסן צו מיין גוסט. די הויפּטזאַך, נישט קיין שווערע קייטן. כ׳האָב ליב סאָלידע קאָראַלן. אפשר קריג איך עפּעס פון דער איטאַליענישער קאָלעקציע פון זיבעצנטן יאָרהונדערט? אָדער פון די פראַנצויזישע בודוארן? ר׳זעט מיין אַגענט? ער דרימלט איין יעדעס מאָל ווען ר׳דאַרף עפּעס אינוועסטירן פאַר זיין סטאָר... אַ קאָנקורענט וועט אים נאָך אַמאָל אויסכאַפּן זיין זינגערין און ער וועט וויינען אויף די פאַרלוירענע פּראָצענטן...

דער צירונג־הענדלער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ שויבן־שאַנק איין שנור קאָראַלן נאָך דער אַנדערער. די געוויקסיקע פּרימאַדאָנאַ האָט אויסגעטאָן די פּע־לערינע און אָנגעמאָסטן דאָס צירונג. איסר יאַגאַדע האָט דערוייל באַטאַפּט די קעמיאָ און זיך דערמאַנט, אַז ער דאַרף, אויסער טילין, אויך זען היינט רייזנערן. ער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער און מיט אַ קאָפּ־שאָקל דערלאַנגט די קעמיאָ דעם צירונג־הענדלער. דער הענדלער האָט פאַרלאַנגט זיבן דאָלאַר, צוגעגעבן, אַז ס׳איז אַ ווילדע מציאה און פאַרפּאַקט די מתנה אין אַ שאַכטעלע, אויסגעבעט מיט אַ קישעלע.

אינדרויסן האָט איסר יאַגאַדען זיך אויסגעוויזן, אַז דער קרעמער האָט אים באַריסן. ער וועט אויך באַרייסן די אַקטריסע מיט דער פּעלערינע און דעם אַגענט מיטן פאַרלאָשענעם ציגאַר. דער האַנדל מיט מוזעאום־אַנטיקן איז אַ בלינדער מסחר און דער פלעגמאַטישער אַגענט, וואָס באַגלייט די פּרימאַדאָנאַ, וועט נאָך אַמאָל גיין געבראָכן. ווי גייט עפּעס אַ ווערטל? דער, וואָס שלעפּט מע־נער צו באַנקראָט, איז נישט דער וואָלף ביי דער טיר, נאָר דער זילבערנער פוקס אין פענצטער...

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

— 1 —

דער פּרויען־האָטעל, ווו טילי האָט געוווינט, איז געווען אַרום די פּופּציקער גאַסן. די פראָנט־וואַנט איז געווען באַדעקט מיט רויטע מאַרמאָר־פּלאַטן און באַציירט מיט אויסגראַווירטע שטיקאַטורן. פון ביידע זייטן טרעפּ האָבן געהיט צוויי גיפּסענע לייבן און די פּאַראַד־טיר האָט געהאַט בלויע שויבן מיט אויסגעמאָלענע דאָרף־לאַנדשאַפטן.

איסר יאַגאָדע האָט זיך געשטעלט אויפן ערשטן טרעפּל, אָבער די טיר האָט געעפנט אַ שטרענגער פּאָרטיער מיט גרויע באַקן־בערד ווי ביי אַן אַלטמאָדישן קאַטש־אָנטרייבער. ער האָט געמאַכט אַ זויערן גרימאַס.

— צו וועמען דאַרפט איר?

— אַ באַקאַנטע לײדי וואַרט אויף מיר.

— כ׳באַדויער, מיסטער. לײדיס, וואָס וווינען אין אונדזער האָטעל, ווייסן די רעגולאַציעס, אַז מענער טאָרן דאָ נישט אַריינקומען.

— ס׳איז מיינע אַ פריינדין, כ׳האָב אַ באַגעגעניש...

— כ׳באַדויער. אונדזער האָטעל נעמט נישט אויף קיין מענער...

דער פּאָרטיער איז צוריק אַריין הינטער דער בלויער שויבן־טיר. איסר יאַגאָדע איז געבליבן שטיין ביי די גיפּסענע לייבן. ס׳איז דער אמתער שומר פון צניעות! — האָט ער פאַרלוירן אַ שמייכל אַרום די מויל־ווינקלען — ס׳גלייכסטע וועט זיין צו רעדן מיט דעם האָטעל־אייגנטימער אַליין. אָפּהיטן דעם גוטן נאָמען פון דער פרוי איז אַ גוטע מידה, אָבער די אויפזיכט דאָ איז צו־שטרענג און דער משגיח וויל זיין פרומער ווי אַ יעשוווּד אין אַ האַרעם.

ער איז אַראָפּ פון דער טרעפּ. ער האָט געוואָלט אַריינגיין אין דראַג־סטאָר דערנעבן און אויפן טעלעפאָן אַ רוף־טון טילין, אַז מען לאָזט אים שטיין ווי אַ הונט אינדרויסן. די בלויע שויבן־טיר האָט ווידער זיך געעפנט און ס׳איז אַרויס־געקומען דער דירעקטאָר מיט אַ שטייף ערנסט פּנים ווי ביי אַן אויפזעער פון אַ לוויה־קאַפּעל. ער האָט געטראָגן אַ פּרינץ אַלבערט־פראַנק מיט שוואַרצע לאַק־שיך. ער האָט זיך פאַרנויגט מיט אַ שמייכל, וואָס איז געווען האַלב־אומעטיק, האַלב־פריילעך.

— רעגולאַציעס האָבן מיר שטרענגע, סער. אָבער דער פּאָרטיער איז אַזוי פּעדאַנטיש, אַז ער האָט פאַרגעסן צו פרעגן דעם נאָמען פון אייער לײדי... איר קענט אונדז נישט בלאַמירן. אונדזערע פינף פרויען־האָטעלן אין ניו־יאָרק היטן אָפּ שטרענג די רעפּוטאַציע פון אונדזערע געסט. מען דערוואַרט דאָ פון יעדער לײדי־גאַסט דאָס, וואָס יוליוס צעזאַר האָט דערוואַרט פון זיין פרוי, אַז זי זאָל שטיין אויפן פּעדעסטאַל פון זויבערקייט...

— כ׳בין געקומען צו אַ ביזנעס־אָפּרייד... כ׳האָב אַן אַפּאָינטמענט.

— דאָס איז פאַרשטענדלעך. אַנדערש וואָלט איר נישט געקלאַפּט אין דער טיר... איר זייט נישט קיין ניו־יאָרקער? פֿאַר באַזוכער פון אַנדערע שטעט זענען מיר שטענדיק שולדיק אַן אויפקלערונג... עס זענען דאָ איינגעפירט באַגרענע־צונגען, אָבער אַ מאַן מעג זיצן אין דער לאָבי, ווען ער קומט זען אַ ליידי. ער קען אַפילו זיך באַנוצן מיט דעם האָטעל־באַר, אויב ער איז אין דער געזעל־שאַפט פון אַ פרוי, וואָס איז רעגיסטרירט ביי אונדז. מען טאָר אָבער נישט אַרי־בערטרעטן איר צימער. ס׳איז די טראַדיציע פון אַנשטענדיקייט. וואָס איז דער נאָמען פון דער ליידי?

— טילי סטוירן...

דער מענעדזשער האָט אַריינגעפירט איסר יאַגאָדען אויף יענער זייט טיר און נישט אויפגעהערט צו רעדן.

— מיס סטוירן וווינט דאָ אַריבער צוויי יאָר. אונדזער פאַרזיכטיקייט איז איבערגעטריבן, סער. אָבער מיר ווילן, אַז די רעפּוטאַציע פון אונדזערע געסט זאָל בלייבן אומבאַפלעקט. אַ באַזוכער, אַפילו אַ פאָטער אָדער ברודער, מוז באַווייזן זיין אידענטיטעט. אַ דאָקטאָר דאַרף קומען אַהער נישט בלויז מיט די אינסטרו־מענטן, נאָר אויך מיט זיינע דאָקומענטן... אינדרויסן קען מען מיינען, אַז אין אונדזערע האָטעלן וווינען אַלטע מוידן און מיאוסע פרויען אין די מיטעלע יאָרן? אָבער אין אונדזער לאָבי זעט מען פּאָקטיש שטענדיק אַ פּאַראַד פון שיינקייטן.

— ווער זענען אייערע געסט?

דער מענעדזשער האָט העפלעך געפירט איסר יאַגאָדען לענגאויס דעם ווייכן דיוואַן. זיי זענען צוגעקומען צום קלערקס טיש.

— די מערסטע געסט זענען יונגע מיידלעך וואָס קומען פון פאַרשיידענע טיילן לאַנד. זיי זענען פּראָפעסיאָנאַלן אָדער זיי שטודירן. מאָדעלן און כאָריסט־קעס לאָזן מיר נישט אַריין... איידער זיי האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען האָבן די עלטערן ביי זיי אויסגענומען, זיי זאָלן בלייבן איינזאַמע חוה׳ס. דאָס איז אַ באַ־וואָרעניש קעגן די גרויסשטאָטישע וועלף און קיין וועלף אין ניו־יאָרק נאָך איינ־זאַמע ליידיס פעלן נישט!

איסר יאַגאָדע האָט געבעטן דעם קלערק ער זאָל אָנקלינגען טילין, אָבער דער מענעדזשער איז נאָך נישט געווען פאַרטיק מיט זיינע אויפקלערונגען.

— אונדז פעלט נישט קיין צרות פאַר אָפּהיטן די מאָראַל פון די פרויען־געסט. נישט לאַנג צוריק האָט אַן אַקטריסע, וואָס האָט פאַרשטעלטערהייט זיך אַריינגעקראָגן דאָ, אָנגעקלאָגט דעם האָטעל פאַר באַליידיקונג און פאַרלעצונג פון געפילן... אונדזער זינד איז געווען, וואָס מיר האָבן די סענסיטיווע ליידי אַרויס־געשטעלט אין גאַס פאַר צאָלן מיט טשעקס אָן דעקונג און פאַר פּאָזירן אויף נודיסטישע בילדער. ביים ריכטער האָט די אַקטריסע אויסגענומען דערמיט, אַז איר קאַריערע איז געוואָרן רויִנירט. מיר האָבן אַריבערגעטראָגן די קעיס צום העכערן געריכט. יאָ, ווי הייסט די ליידי, וואָס דערוואַרט אייך? מיס טילי סטוירן? כ׳דערמאָן זיך, אַז נאָך אַ באַזוכערין, אַ יונגע ליידי וואַרט אין דער לאָבי אויף איר... ווו איז דער בעל באַי? אָט קומט זי! כ׳זע זי פּאַכעט צו אייך מיט דער האַנט. איר קענט זיך?

— 2 —

— מיסטער יאַגאָדע!

— יאַדזשאַ!

ביידע אויסרופן זענען געקומען אין דערזעלבער סעקונדע. אין ערשטן אָטעם האָבן אויף די ליפּן זיך נישט געלייגט קיין ווערטער. ביי איסר יאַגאָדען איז דאָס בלוט אויפגעלאָפן אין די שלייפן ווען יאַדזשאַ האָט אים האַסטיק אַ קוש געטון אויף דער באַק. זיי האָבן אַ ווײַלע זיך אָנגעקוקט ווי מענטשן, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרלוירן שוין יאָרן.

יאַדזשאַ איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ לוסטיק קאַלעדזש־מיידל אין אַ גרינעם, אָפּגעצויגענעם סוועטער, די האָר זענען נישט געווען ווי אַמאָל זאָרגפעלטיק פריזירט. אויפן צעפּלאָטערטן בלאָנדן שויבער איז געלעגן אָפּגעפּאַסט אַ רויטער בערעט. אויפן אַקסל איז געווען אָנגעהאַנגען אַ גרויסע, בלויע האַנטטאַש. ווען ער האָט געקוקט אויף איר, האָבן אירע אויגן זיך געמיניעט אויף שאַרף־גרין ווי אַגרעס. אויף אירע אויפגעשניטענע ליפּן האָט גערוט אַן אומבאַשטימטער באַגער. ער האָט נישט געקענט באַשליסן צי די פּאָר יאָר האָבן אויף איר אָנגעלייגט עלטער. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עס שפּאַרט פון איר די אַלטע זאָרגלאָזיקייט, געמישט מיט לייכטער מיושבדיקייט.

— דו שטראַלסט, יאַדזשאַ...

— און איר זייט אַלט געוואָרן, מיסטער יאַגאָדע!

— ווילסט מיך באַליידיקן?

— די עלטער מאַכט אייך אויסזען בכבודיקער. דאָס בערדל גיט אייך צו ווירדע.

— ביזט געוואָרן אַ שפּאַסערין ,יאַדזשאַ. וואָס טוסטו אין ניו־יאָרק? מיט קעמדען האָסטו זיך אָפּגעגט?

— כ׳האָב קיינמאָל מיט דער שטאָט נישט חתונה געהאַט, מיסטער יאַגאָדע. טילי און ליליען האָבן געזאָרגט כ׳זאָל אין קעמדען נישט בלייבן קיין שטענדיקע איינוווינערין. עס האָט אָבער די אויסגעשטאַנענע פּריילינס נישט געהאָלפן... כ׳ווין שוין דאָרט דאָס דריטע יאָר.

— דאָס איז פאַר מיר אַ נייעס, יאַדזשאַ. כ׳האָב געמיינט, אַז ביזט פאַרקנסט צו דעם יתום הערשעלד... כ׳זע, ביזט אַלרייט אין אַמעריקע! מ׳האָט מיר דערציילט, אַז צוליב דעם ראָמאַן האָסטו זיך אָפּגעזאָגט פון דיין ערשטן חתן...

— מיסטער יאַגאָדע, כ׳האָב געהערט, אַז איר זייט אַ ריכטער אין פאַמיליע־געריכט, אָבער מענטשן אורטיילט איר שלעכט. איך האָב זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דעם חתן און נאָך דעם יתום האָב איך זיך נישט געיאָגט. ראובן גערשט האָט, נאָכן אויסגרינען זיך, חתונה געהאַט מיט אַ ווייבערישער קראַם און הערשעלד אַליין האָט מיך געבעטן צו בלייבן אין קעמדען. אָבער לאָמיר רעדן אָפן. טילין געפעלט נישט צו האָבן מיך אין דער משפחה און זי האָט צוליב דעם איבערגעריסן מיט איר פּלימעניק. די צוויי מוידן טראָגן זיך אַרום מיט זייער פאַרזעסנקייט ווי מיט אַ יחוס־אַדעל... איכ׳ל הערשעלדן נישט אַוועקטרייבן...

— אַזוי שטאַרק האָסטו אים ליב?

— כ׳בין אַ קנאַפּע ענטוזיאַסטקע פון גלאַט ליבעס, מיסטער יאַגאָדע. סענ־טימענטן קאָנטראָלירן אַ פּרוי בלויז ביז צו אַ באַשטימטן עלטער. איך גיי הײַ־ראַטן מיט העראָלדן, ווײַל כ׳וויל ווערן דאָס ווייב פון מײַן באָס. כ׳וויל האָבן מײַן חלק אין די ביזנעס.

— וואָסערע ביזנעס?

— די ביזנעס, וואָס די פּאַרזעסענע פרײַלינס האָבן איבערגעלאָזט אויף הפקר ווען זיי זענען אַוועק קיין ניו־יאָרק זוכן מענער. כ׳מיין זייער אײַזן־געשעפט. ס׳מעג קלינגען ציניש, אָבער נעבן אַזאַ טילי קען מען ווערן ברוטאַל... אייער רייטשלס לשון־הרע איז געווען אַן אָנגענעמער שמועס אַקעגן די אינטרי־געס פון די שוועסטערלעך סטוירן... און דאָ הער איך, אַז ליליען מיט טילין האָבן זיך שוין געריסן פאַר די האָר צוליב קאָנקורענץ. ווער האָט דערפירט צו אַזאַ אײַפערזוכט? איר, מיסטער יאַגאָדע? ס׳אַלרייט, אַבי ס׳אַ פאַרגעסענע זאַך... וואָס טוט איר דאָ? מען האָט אײַך אַרײַנגעלאָזט אין פּרויען־האָטעל?

— כ׳האָב געמוזט פירן אַ קאַמף אויף יענער זײַט טיר.

— כ׳זע, אַז מיר וואַרטן אויף דערזעלבער לײַדי, מיסטער יאַגאָדע. כ׳מוז מיט טילין עפּעס אויסגלײַכן, אָבער זי איז גאָר אַוועק אין ביוטי־פּאַרלאָר. וואָס פּאַראַ אומגעריכטע באַגעגעניש! מען טרעפט זיך אין אַ האָטעל פון פרויען מיט אומבאַפלעקטע נעמען... טילי האַלט מיך אָבער פאַר איר שונא און איר, אויב כ׳בין פעיִק צו טרעפן, קומט צו איר ווי אַ פרײַנט, וואָס?

— האָסט געטראָפן, יאַדזשאַ. כ׳האָב איר געבראַכט אַ מתנה.

— ווי מענטשן ענדערן זיך! פאַר רייטשלען פלעגט איר אײַנקויפן אתרוג־פּושקעס און חנוכה־לײַכטערס, צו באַצירן אייער אַלקער און פאַר טילין — כ׳בין מער ווי זיכער — האָט איר געבראַכט אַ קאָסטבאַר געשאַנק, וואָס זאָל זי מאַכן אויסזען אָנגענעמער צו מענטשן. כ׳זע, איר ווערט אַלט, מיסטער יאַגאָדע און איר נויטיקט זיך אין אַ באַרמהאַרציקער נוירס... וואָס האַלט איר אין וועסטל־טעשל, אַ דימענט־רינגל? אַ בראַסלעט?

איסר יאַגאָדע האָט געקוקט אויף יאַדזשאַן. לײַכטע אַנגסטן האָבן אַרויס־געשלאָגן אויף זײַן שטערן. ס׳האָט אין אים אויפגעטויכט אַ ווילדער אײַנפאַל. אויב זי וויל דווקא אַרײַנקומען אין טיליס משפחה, פאַרוואָס מוז זי אויסקלײַבן דאָס בחורל אין אוניפאָרם, אָט דעם העראָלד? לויט דעם אונטערשייד אין על־טער, קען זי דאָך ווערן זײַן רייפע שטיפמאַמע... וואָלט דען נישט געווען באַקווע־מער, זי זאָל פלוצים באַשליסן צו הייראַטן מיט אים, איסרן?

יאַדזשאַס אויגן האָבן געוועקט פאַרבאַטענע פאַרלאַנגען. איר אָפּגעמאָס־טענער בוזים האָט אַרויסגערופן גלוסטעניש. אירע אויפגעשניטענע ליפּן האָבן פונאַנדערגעבלאָזן טליִענדיקע פײַערלעך. טילי איז פאַר יאַדזשאַן בלויז אַ באַ־קוועמער נאָמען צו פאַרדעקן אויפגעראַיִעטע באַגערן. איר שנאה, איר אײַפער־זוכט, איר פאַרדאַכט וועלן צעשמאָלצן ווערן ווי שניי אויף דער זון, אויב ער זאָל איר צוערשט מאַכן דעם אָנבאָט. יאַדזשאַס ערשטע יוגנט איז פאַרבליט און קיין

צוויטע וועט נישט קומען און ער האָט מיט טילין קיין קאָנטראַקט נישט געמאַכט.

ער האָט אַ ווײַלע געצעגערט מיט די רייד. וואָס איז ער, אַ פּאַרצייטיקער קאַוואַליר, וואָס גייט מאַכן אַן אַלטמאָדישע ליבעס־דערקלערונג? ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער האָטעל־לאָבי. ער איז זיכער געווען, אַז יאַדזשאַ וועט אים אויספּאַטשן. ער האָט מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף אַ סאַמעטענער קושעטקע, זי זאָל זיך זעצן.

— אויב ס׳גייט דאָ אין אַרײַנקומען אין טיליס משפּחה און דו ווילסט ווערן אַ שותּפטע אין די ביזנעס, וואָס וואָלסטו געזאָגט ווען... ס׳עט קלינגען ווילד, יאַדזשאַ... אָבער וואָלט דען נישט געווען באַקוועמער, זאָלסט חתונה האָבן מיט אַ מאַן אין אַ רייפן עלטער? כ׳האָב, ווי דו ווייסט, אַ דעה אין טיליס ביזנעס...

— 3 —

ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרווירטער און געוואַרט אויף אַ פּסק. יאַדזשאַ האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פאַרטאַיעטן בליק און פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קושעטקע. איסר יאַגאָדע האָט זיך צוגעזעצט נעבן איר און נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי שווײַגט. זי האָט זיך נישט באַליידיקט. אַלע חושים האָבן אים אונטערגעזאָגט, אַז יאַדזשאַ האָט דורך דער צײַט אויך עפּעס פאַרשפּילט. איר שווײַגעניש איצט מוז זײַן אַ שטילע אײַנשטימיקייט. יאַדזשאַ זוכט מער נישט קיין עמאַנסיפּאַציע. איר ציגנל קנאַקט מער נישט קיין פראַזעלעך. זי איז אַ באַרעכנטע פרוי, וואָס בעטלט איצט אויס פאַרזיכערונג ביים לעבן.

ביידע האָבן זיך איבערגעקוקט ווי זיי וואָלטן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש. יאַדזשאַס אויגן זענען איצט געוואָרן קאָלירלאָז, אָבער איבער איר לענגלעך אַליוון־הויטיק פּנים האָבן זיך געצונדן פלעמלעך. דאָס בייניק־געשניצטע נעזל איז געווען שאַרף. אויף די ליפּן איז געווען אַ צוזאָג. די אַרומגעצופּטע ברעמען זענען ביי איר געזעסן, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן ביים אויפהויבן. פון אויפרעגונג האָבן ביי איסר יאַגאָדען געשיפּעט די נאָז־לעכער. פאַרוואָס קען ער מיט איר נישט שפּילן אָפענע קאָרטן?

יאַדזשאַ האָט זיך צוגעבויגן צו אים.

— איר מיינט מיסטער יאַגאָדע, אַז כ׳בין אַ טרוקענע ביזנעס־פרוי, גרייט צו לויפן אין די אָרעמס פון יעדן איינעם, אויב יענער קען נאָר זעטיקן מיין הונגער נאָך געלט?

— אַ מאַן קען מאַכן אַ פאָרשלאָג, יאַדזשאַ. יאָ צי ניין? פאַר מיין ערשטן אָנבאָט האָב איך נישט געקראָגן קיין פּאַטש, וויל איך מאַכן אַ צווייטן...

— אייער איינרעדעניש, מיסטער יאַגאָדע איז, וואָס איר מעסט אַלע פרויען מיט איין מאָס. די ערגסטע פרוי באַזיצט נישט בלויז שלעכטס, אייפערזוכט און אַ בייזע צונג, נאָר אויך סטיל... רייטשל האָט אויך געהאַט איר סטיל. וואָס איז אייער צווייטער אָנבאָט? אַ חתונה־פּראָבע אויף אַ טערמין?

— אַז דו וועסט אָפּלאָזן דיינע פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזן און וועסט האַנדלען ווי אַ פּרוי פון בלוט און פליייש, וועט מען רעדן תכלית־זאַכן און מ׳עט אפשר קענען אַרויסגיין פון דאַנען מיט אַ פאַרשטענדיקונג... האָסט קיינמאָל נישט געהערט, אַז אַ מאַן און אַ פרוי, וואָס זענען עדות פון אַן אָפּגעגט פּאָרל, שפּאַצירן אַמאָל אַרויס פון ראַבינאַט ווי אַ געבענטשטער זיווג?

— מיט אַ פּרעזענט פאַר טילין אין אייער ווערסטל־טעשל מאַכט איר מיר אַ הייראַטס־פאַרשלאַג?

— ס׳איז נישט בלויז אַ חתונה פאַרשלאַג און אַ באַגער נאָך שותפות, יאַדזשאַ... מיר ביידע האָבן אין אונדזער לויפעניש עפּעס פאַרלוירן. וועסט גלויבן? אין דעם גײעג נאָך תאוה׳ס, מאַכט, ירושה׳ס האָבן מיר אָנגעוואָרן דאָס, וואָס מ׳רופט היינט: גייסטיקע מנוחה... רייטשל האָט מיך געוואָלט פאַרניכטן, אָבער חרוב געמאַכט האָט זי איר היים. ס׳אַ נקמה אָן די וואַנצן ,אַז דאָס הויז ברענט... פאַרוואָס איז די וועלט צעטיילט, יאַדזשאַ? ווייל מענטשן בויען וועגט אָנשטאָט בריקן. איך בין פונקט ווי יענער אומבאַהאָלפענער קינעזער. כ׳זיץ אין אַ פּעסל רייז און דאָס מויל ביי מיר איז פאַרנייט... ווי ווייט האַלטסטו מיט אויפמאָנען דיין ירושה?

— מיין טויטער אָנקל בעני, מוז זיך שוין באַלד איבערדרייען אין קבר, ווייל מען וועט באַלד אָנהויבן אויסצוטיילן זיין רייכטום. די לאָיערס האָבן אויפגעטון דעם אַכטן וווּנדער, אויב זיי קענען שוין אויפוויקלען דעם פּלאָנטער... כ׳וועל איצט קריגן פריינט און ס׳וועלן נישט פעלן קיין שותפים. נייטן וועט מיך ווידער אָפּזוכן. מיין געוועזענער חתן וועט מ׳יך נישט פאַרזען און איר וועט אויך וועלן מאָנען אייערע פּראָצענטן...

— דו לאַכסט פון דער וועלט, יאַדזשאַ. וועסט טאַקע ווערן אַ פאַרמעגלעכע יורשטע נעבן הערצלדן?

— כ׳קען ווערן אַ רייכע יורשטע נעבן יעדן מאַן. מיין חלק קומט מיר געזעצלעך. אייער פאַרשלאַג איז גאָרנישט אַזוי ווילד ווי איר מיינט. כ׳בין גרייט צו הייראַטן מיט אייך, מיסטער יאַגאָדע, אָבער איך שטעל באַדינגונגען...

— רעכן זיי אויס.

— זאָגט גוד־באַי צו טילין און פאַרט מיט מיר קיין קעמדען. מירן שטעלן אַ חופּה ביים ערשטן בעסטן רב און צווישן זיך וועלן מיר שליסן אַ קאָנטראַקט, אַז ס׳איז אַ הייראַט אויף זעקס חדשים... איר זאָגט, איר האָט אַ דעה אין טיליס ביזנעס? ביי מיר הייסט האָבן אַ דעה, אויב איר קענט איבערצייגן טילין, זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון אירע פּרעטענזיעס. געדענקט, מיסטער יאַגאָדע, איך בין נישט קיין אָנהענגערין פון פרייע ליבע און אונדזער הייראַט מוז זיין געשעפטסמעסיק. כ׳וואָלט געוועזן אַ היפּאָקריט, אויב כ׳וואָלט עפּעס אויסבאַהאַלטן פון אייך. מיין פאַרלאַנג איז צו פאַרנעמען טיליס פּלאַץ און אויפמאָנען אַלץ וואָס קומט מיר, נאָך גיכער ווי מ׳קען דאָס דערוואַרטן. דאָס פאָדערן פון מיר סאַי ווי די לאָיערס. דערצו בין איך אַ געזעצלעכע יורשטע. מיין פּרייז איז, וואָס כ׳גיב אויף מיין מיידלשע פרייהייט. ביים ערשטן קאָנפליקט מוזן מיר קומען צו אַ פרידלעכן

אויסגלייך און זיך צעשיידן אָן סקאַנדאַלן... דאָס זענען באַדינגונגען, וואָס איר מוזט אויספאָלגן.

— דיינע באַדינגונגען זענען קלאָר, יאַדזשאַ. כ׳האָב געוווּסט, אַז דו האָסט אַמאָל געלערנט סטענאָגראַפיע, אָבער, אַז מ׳האָט מיט דיר אַזוי איינגעקנעלט מאַטעמאַטיק, איז פאַר מיר אַ נייעס. דער חשבון איז אַ שטרענגער ווי ביי אַ שטייער־איינמאַנער. דו ווילסט איינקאַסירן אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך און נאָכצו־געבן ביזטו גאַרנישט גרייט? נאָך זעקס חדשים ווילסטו קריגן פאַר אַ מאַן דעם יתום הערצלד, אמת? האָסט אָבער אַרויסגעלאָזט פון חשבון איין זאַך. רייטשל האָט מיך נאָך נישט אָפּגעגט...

— רייטשלען וועט איר מוזן אָפּגטן און וועגן מיין שטרענגן חשבון, דאַרפט איר וויסן, אַז מיר לעבן שוין אין אַזאַ סיסטעם. פאַרפאַלן! די ירושה קומט מיר און כ׳באַשטיי זי אויפצומאַנען!

— אַמאָל האָסטו געהאַלטן, אַז די וואָס וואַרטן אויף ירושות זענען פּאַ־ראַזיטן...

— כ׳האָב מער ווי איין מיינונג געביטן.

— האָסט דעמאָלט אַפילו נישט געוווּסט, צי הייראַט איז אַ דועט צי אַ דועל...

— צוליב וואָס דערמאַנט איר מיך דאָס?

— כ׳האָב ליב צו מישן אין זכרון, יאַדזשאַ... מיר זענען בײדע אַמאָל גע־ווען אין קעמדען, אויך אין אַ האָטעל. האָסט מיר דעמאָלט פאַרזיכערט, אַז וועסט מיר קיינמאָל נישט געבן קיין געלעגנהייט אַרויסצוטרייבן רייטשלען און אַז כ׳זאָל זיך אָפּהאַלטן פון אַוואַנטורעס... געדענקסט?

— רייטשל האָט אייך אַרויסגעטריבן און איך באַשטיי, אַז איר זאָלט זיך איצט אָפּזאָגן פון טילין! און וועגן אַוואַנטורעס? איר אַליין האָט מיך געלערנט, אַז דאָס לעבן אָן אַוואַנטורעס איז ווי ליבע אָן קושן.

— כ׳האָב דעמאָלט געקראָגן אַ פאַרוואורף, אַז די שפּראַך פּאַסט נישט פאַר מיין עלטער און אַז אַוואַנטורעס מוזן באַגלייט ווערן פון קוראַזש... געדענקסט? כ׳בין געווען אינגער מיט אַ פּאָר יאָר.

— איר האָט דאָך ליב צו מישן אין זכרון, מיסטער יאַגאָדע? געדענקט איר, אַז איר האָט צוגעגעבן, אַז אַוואַנטורעס מוזן באַגלייט ווערן פון אַ געוואַגטער פרוי?

איסר יאַגאָדע האָט אָפּגעמאָסטן יאַדזשאַן. פון אַלץ אויף איר האָט איצט פּונקט ווי אַמאָל, געיאָגט מיט לוסט. אין זיינע אויגן האָבן אויפגעבליצט די אַמאָליקע פאַרבאָטענע פייערלעך. ער האָט געקענט הערן ווי זיין פּולס קלאַפּט האַסטיקער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דעם ווילדן איינפאַל אָפּצושלאָגן יאַדזשאַן פון איר חתן האָט ער געהאַט נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין דער באַן, אויפן וועג קיין קעמדען... פאַרוואָס האָט ער אַזוי לאַנג געוואַרט זיין פאַרלאַנג צו באַ־נייען? עס האָבן געמוזט פאַרלויפן זומערס און ווינטערס ביז יאַדזשאַ האָט אָנ־געהויבן איבערצוחזרן דיזעלבע ווערטער זיינע. פריִער האָט זי אים אויסגעמיטן מיט באַוואָרענישן, איצט רעדט זי רייד וואָס בריִען. פאַרוואָס איילט זיך אַזוי

יאַדזשאַ? די פאַרשפּעקטיקונג פון איין יאָר ביי אַ פרוי איז ווי די הינטערשטע־ליקייט פון צען יאָר ביי אַ מאַן. יאַדזשאַס ערשטע ליבע איז שוין אויך פאַרבליט און קיין צווייטע וועט נישט קומען.

ער האָט באַדעכטיק זיך אַרומגעקוקט איבער דער לאָבי און לייכט אָנגע־רירט יאַדזשאַס האַנט.

— זאָגסטו, אַז אַוואַנטורעס מוזן באַגלייט ווערן פון אַ געוואַגטער פרוי?

— כ׳האָב עס אַמאָל געהערט פון אייך...

— איז דאָס אַן אָנצוהערעניש?

— דאָס איז אַן ארויסרוף.

— און כ׳בין טאַקע נישט צו אַלט?

— כ׳האָב שוין געזאָגט: אייער עלטער און אייער פּאָזיציע מאַכן אייך בכבודיקער.

— פּאַרוואָס פירסטו מלחמה מיט טילין?

— זי שטייט מיר אין וועג...

איסר יאַגאָדע האָט זיך אויפגעהויבן האַרט נעבן אים איז פאַרבייגעגאַנגען אַ געוויקסיק מיידל מיט אַ וויקלדיקער פיגור. אירע געטאָקטע פיס אויף הויכע אָפּצאַסן האָבן קוים אָנגערירט דעם דיוואַן. אירע היפטן האָבן ריטמיש זיך גע־וויגט. פון עלעוויטאָר איז אַרויסגעקומען אַ קורצע מויד מיט אַ ברייט פלעגמאַ־טיש פנים. די שוואַרצע פריזור האָט זיך געהויבן ווי אַ טורעם, אָבער דער קאָפּ איז געזעסן אויף אַ קורצן קערפּער. זי האָט אויסגעזען געזונט ווי אַ מויער, אָבער אירע אויגן האָבן געליטן וואָס זי איז קליינגעוויקסיק.

איסר יאַגאָדע האָט אַרויסגעלאָזט פון אויג די ערשטע און נאָכגעקוקט די צווייטע. ס׳איז אַן אמתער פּאַראַד פון איינזאַמע בתולות! — איז אים איינ־געפאַלן — זי האָט זיכער אַ טאַטן, אַן עושר און זי׳ט מסתמא חתונה האָבן מיט אַ קאַלעדזש־פּראָפעסאָר. קיינער פאַרלאַנגט נישט פון איר קיין ווייכע ליניעס. מען וויל בלויז זי זאָל האָבן אַ געזונטן קערפּער און אַ געשוואָלענעם בייטל. זי צאָלט פעטע בילס דעם האָטעל־אייגנטימער און האַלט זיך אָפּגעזונדערט פון מענער. זי קריגט פאַלשע קאָמפּלימענטן און עמיצער היט איר אָנשטענדיקן נאָמען. צביעות! ערגער ווי אין אַ מאָנאַסטיר!

ער האָט געדריקט מיט די פינגער דאָס טעשל, ווו ס׳איז געלעגן די פּערל־מוטערנע בראָש און ס׳איז ביי אים אויסגעקומען, אַז די אַנטשיידונג מוז גע־מאַכט ווערן איצט, אין דעם אויגנבליק. טילי צי יאַדזשאַ? יאַדזשאַ וויל אים אויף זעקס חדשים. עס איז משונהדיק, אָבער די פּראָבע מעג זיך לוינען. די ייזיקע קען זיך באַצאָלן. נאָך אַלעם האָט ער איר אָנגעבאָטן און זי האָט דעם אָנבאָט אָנגענומען. אַלע יאָרן האָט ער געבענקט נאָך דער נישט־געזעטיקטער פרוי. צייט און אומשטענדן האָבן אָפּגעווישט אונטערשיידן. ער איז איצט שטאַר־קער אין זיין ווידערשעפּניקייט און געשיקטער אין זיין אָנגריף. אויב יאַדזשאַ וועט אים אַפילו אָפּנאַרן, וועט ער אַלץ זיין דער געווינער. ער וועט אַ שטיקל צייט האָבן אַ חלק אין דער פרוי. ער וועט האָבן אַ חלק אין איר ירושה און רייטשל וועט זיין גוועונגען אים צו באַפרייען.

די פרייד האָט געטענצלט אין די אויגן. דער באַשלוס איז געווען גרייט אויף די ליפּן. יאַדזשאַ האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַזאַ האַסטיקן קער ווי זי וואָלט געוואָרט איסר יאַגאָדע זאָל זי אַרומנעמען.

דורך דער פראָנט־טיר איז אַריינגעקומען טילי מיט ראַשיקע טריט. זי האָט זיך געלאָזט צום רעגיסטראַציע־טיש. אויפן וועג האָט זי דערזען איסר יאַגאָדען שטיין נעבן יאַדזשאַן און זי האָט אַ פאַרווירטע זיך פאַרהאַלטן אינמיטן גאַנג.

יאַדזשאַ האָט זי אָנגעקוקט אַרויסרופעריש. איסר יאַגאָדע האָט פאַרלוירן אַ שולדיקן בליק. אין זיינע אויגן האָט טילי איצט אויסגעזען העכער, פאַריסענער. אַלץ אויף איר גוף האָט געלאָזט וויסן, אַז זי קומט אַרויס פונעם שיינהייטס־סאַ־לאָן. אירע מאַסאַזשירטע באַקן האָבן געפלעמלט. די אונטערגעשמירטע בלווילעכע אויגן־ווי:עס האָבן געגלאַנצט. פון דעם קאָפּ האָר — האַלב געראָלט, האַלב צע־פלאָטערט — האָט געשמעקט אַ דינער, צוגעברענטער ריח פון דער פרעס־מאַשין. איר פרימאָרגן־שלאָגט מיט דער עלטער איז נאָר וואָס געווען פאַרענדיקט.

טילי האָט זיך דערנענטערט צו יאַדזשאַן און דאָס געפלעגטע פנים אירס איז געוואָרן איין קנויל צאָרן. זי האָט גערעדט — נישט גערעדט, נאָר געצישעט — מיט אַ פאַרוואורף, וואָס מ׳קען נישט האַמעווען:

— וויפיל מאָל האָב איך דיך געוואָרנט איבערן טעלעפאָן, אַז דו זאָלסט נישט קומען אַהער? דאָס איז אַ רעספּעקטפולער האָטעל!

קאַפּיטל ניין און דרייסיק

— 1 —

אין דעם שטרייט צווישן טילין און יאַדזשאַן איז איסר יאַגאָדע געשטאַנען ווי אויף אַ פייער־פאַן. דאָס פייער האָט געברענט און געבראָטן, אָבער ער איז נישט אימשטאַנד געווען צו אַנטלויפן פון דער שרפה. ער האָט אָפּגעלעבט צוויי און פופציק יאָר כדי מיטאַמאָל זיך אַרומצוזען, אַז ער האָט אַזויפיל ווערט, אַז צוויי פאַרשפּעטיקטע פרויען זאָלן צוליב אים פירן מלחמה. דריי וואָכן נאָך זיין באַגעגעניש מיט יאַדזשאַן האָט טילי זיך אָפּגעזאָגט אים צו זען. איר אַלטמוידישן טרויער האָט זי אַריינגעוויינט אין די קישנס.

ביי יאַדזשאַן איז דער אויסטערלישער אָנבאָט חתונה צו האָבן מיט איסר יאַגאָדען נאָך אַלץ געווען גילטיק. זי האָט געקלינגען צו אים יעדן טאָג אין טעלעפאָן, אַז זי בלייבט אין ניו־יאָרק ווייל זי וואַרט, ער זאָל פאַרפּאַקן די וואַ־ליזעס און קומען מיט איר קיין קעמדען. זי האָט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ביי דאָקטאָר ראַלף פאַרבער און אים דערציילט, אַז איסר האָט פאַר איר גרייט דעם ווילדסטן פּלאַן, וואָס אַ מאַן קען אָנבאָטן אַ פרוי... אָבער זי וועט דעם פּלאַן אָננעמען. זי האָט אָפּגעשלאָגן די טירן ביי נייטנער, נאָר צו קענען אים לאָזן וויסן, אַז

טילי האָט רויִנירט זיין שוועסטער רייטשל, צוגענומען איר מאַן איסר און איצט מאַכט זי אים גרוי און אַלט...

נייטן האָט שוין לאַנג זיך מייאש געווען שלום צו מאַכן צווישן רייטשלען און איסרן. רייטשל איז איצט געווען אַ פאַרפאַלענער נעוראַטיקער אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון ספּעציאַליסטן און איסר איז געוואָרן אַ בכבודיקער עסקן. ער איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס פּאָרל קען מער נישט וווינען אונטער איין דאַך. איצט האָט ער אין צוגאָב אויסגעפינען, אַז יאַדזשאַ איז געוואָרן אַן אַוואַנטוריסטקע. דער שוואָכלינג איסר האָט זיך געיאָגט נאָך דער מויד פון ערשטן טאָג ווען זי איז אַראָפּ פון שיף און אויף דער עלטער קען ער נאָך אָפּטון מיט איר אַ משוגעת.

צו איסר יאַגאָדען זענען דערגאַנגען אַלע ווילדע שטיק פון יאַדזשאַן און ער האָט אויך געוווסט וועגן דעם טרויער ביי טילין. אין זיין אייגענער פאַר־לעגנהייט האָט ער געוואָלט אָפּשאַצן די ווערט פוןביידע פרויען. ביי טילין זענען געווען אויסגעטריקנט די אויגן פון טרערן. יאַדזשאַ האָט אַפילו קיין טרערן נישט געהאַט אָוועקצוגעבן, וואָס פאַראַ באַרמלאָז באַשעפעניש! יעדעס מאָל ווען זי וויל זיך אַריינרייסן אין זיין לעבן, ווערט אַ צווייטע פרוי אַ קרבן און אַן אַנ־דערער מאַן ווערט צעריבן. רייטשלען האָט יאַדזשאַ באַזיגט. ראובן גערשטן האָט זי פאַרטריבן, און ווער קען קאָווירן, אַז זי וועט טילין נישט בייקומען?

פון צעטומלעניש האָט ער פאַרנאַכלעסיקט זיינע קהלשע פליכטן. רייזנער האָט אַ פּאָר מאָל זיך באַשטעלט מיט אים צו פאָרן קיין וויליאַמסבורג און ער האָט אָפּגעשטופּט דעם וויזיט פון איין טאָג אויפן צווייטן. סידני וועלער האָט אים גערופן אויף אַ קאָנפערענץ קיין באָסטאָן, דאָקטאָר וואָרמס האָט אים גע־מוסרט איבערן טעלעפאָן, אַז נאָך אַלע זיינע צוזאָגן וועגן קהלשע פליכטן איז ער געבליבן אַזוי אומנוצלעך ווי אַ מאַן מיט אַ שיינער אונטערשריפט, אָבער אָן אַ טשעק־בוך...

איסר יאַגאָדע האָט אָנגעגעבן תירוצים, אַז זיין בלוט־דרוק איז אַרויפגע־לאָפן אויף דרייסיק פונקטן, אַז דער דאָקטאָר לאָזט אים נישט אַראָפּ פון בעט און אַליין איז ער געקומען צום אויספיר. אַז ער נאַרט אָפּ זיך און אַלעמען. סאַי דער מאַן, סאַי די פרוי זענען בעטלער, וואָס האַלטן אין איין בעטלען ביים לעבן, כאָטש אַלץ איז זיי שוין אַוועקגעגעבן געוואָרן.

ער האָט געמאַכט אַ חשבון, אַז יאַדזשאַס אַרומלויפן צווישן אייגענע און איר אויספלוידערן סודות נעמט זיך דערפון וואָס ביי די מערסטע פרויען פעלט ס'געפיל פון ערע, אַן מאַנסביל קען נישט פאַרטראָגן מען זאָל אויף אים רחמנות האָבן. אַ פרוי האָט הנאה ווען מען באַדויערט זי. יאַדזשאַ קען צונישט מאַכן איר פרייד און טילי האָט אַ פאַרלאַנג איבערצוטרייבן אירע צרות. דאָס איז דערפאַר וואָס דורך דור דורות האָבן פרויען געלעבט אין זכות פון מאַנס גנאָד. אין וועקן באַרמהאַרציקייט ביים זכר איז געלעגן די עקזיסטענץ פון דער אונטערטעניקער ווייב.

מיר זענען נאָך נישט אַרויס פון דזשאַנגל — האָט איסר יאַגאָדע געצויגן זיין אויספיר — די פרוי איז אַ לילית און דער מאַן איז אַ בלוטדורשטיקער

געצנדינער. דער אייפערזיכטיקר בעל־נקמה וועט אַריינױאָגן אַ קויל אין קאָפּ פון זיין קאָנקורענט, אָבער ער׳ט ווערן ווייכהאַרציק ביי דער באַגעגעניש מיט אַ נייער פרוי. דער פאַרברעכער קען זיין ברוטאַל צו זיין פאָטער, אָבער ער׳ט ווערן סענטימענטאַל צו זיין מוטער. זינט אור־אַלטע צייטן האָבן מענער זיך געקוילעט איינס דאָס אַנדערע און באַשיצט די פרויען. ריטערלעכקייט איז אַ געבאָט וואָס געצנדינער האָבן איבערגעלאָזט בירושה. קאָקעטעריי איז אַן איבערבלייב פון דעם נחש הקדמון.

טראָצדעם וואָס איסר יאַגאָדע איז, אין זיין צאָרן, געווען אַ שטרענגער שופט צו ביידע פרויען, האָט ער אין די מינוטן פון מנוחה געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן טיליס באַרעכנטע פירונגען מיט יאַדזשאַס אימפעט. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז פון טיליס מיושבדיקייט יאָגט מיט שווערמוט און יאַדזשאַס פרייד איז ווי אַ קינדישער שמייכל מיט צוויי ציין...

— 2 —

אויף דער פערטער וואָך, אין אַ קאַלטן, ווינטיקן פרימאָרגן, ווען איסר יאַגאָדע האָט אין די שטעק־שיך געמאַכט זיין סך־הכל פון פאַרגאַנגענעם מעת־לעת, האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלינגען. ער האָט אַ כאַפּ געגעבן דאָס טרייבל. ס׳איז געווען דאָס קול פון רייזנערן.

— מיסטער יאַגאָדע? ווו זייט איר אויסגערינען? כ׳קלינג צו אייך יעדן טאָג, כ׳קלאַפּ אויף דעם טעלעפאָן־דראָט נאָך זון־אונטערגאַנג און פאַר האַלבער נאַכט, אָבער קיינער ענטפערט נישט. איר׳ט פאַרגעסן, אַז מיר דאַרפן זען די שפּיטאַל־גבאים אין ווילִיאַמסבורג? סידני וועלער האָט אַזש אָנטעלעפאָנירט וועגן דעם פון באָסטאָן. כ׳האָב אַ פאַרדאַכט, אַז איר זייט געוואָרן פון די פאַר־שלאָפענע...

— אירט דאָך מיר אַליין אויפגעקלערט, אַז מיר פאַרשווענדן צופיל ענער־גיע...

— דאָס וואָס איר פאַרענטפערט זיך נישט, פאַרשטאַרקט נאָך מער מיין פאַרדאַכט, מיסטער יאַגאָדע... איר האָט פאַרגעסן, אַז מיר זענען וועלט־פאַר־זאָרגער. דער יאָך הענגט איבער אונדז ווי אַ שווערע קייט, אָבער גלויבט מיר, ס׳אַ זיס אָפּקומעניש, אַזוי ווי אַ טערקישע באָד... ס׳איז אַ פייניקונג וואָס פאַר־שאַפט פאַרגעניגן... זייט איר נישט אַמאָל געכאַפּט אין יענע זאַכן? העלאָ! ווייבער מאַכן אַ תל פון דעם געדולדיקסטן מאַן. זיי וואָלטן אַ הלל אויך צעבראָכן... צי מען האָט מיר אונטערגעטראָגן וועגן אייך רכילות? דאָס איז אַ סוד פון מיין פּראָפעסיע. כ׳האָב אייך שוין אַמאָל געזאָגט, אַז כ׳בין אַ שלעכטער לאָיער צוליב מיין לויזער צונג... איבעריקנס, אומגעבעטענע נייעס דערגייט דאָך דורך הינ־טערוועגן... ווו מען כאַפּט אויף אַזעלכע קלאַנגען? הערט, מיסטער יאַגאָדע, ביי לאָיערס זאָגט מען אַז וואַשינגטאָן איז דער איינציקער פלאַץ אין דער וועלט, ווי קלאַנג באַוועגט זיך שנעלער פון ליכט. כ׳זע, ניו־יאָרק איז אויך נישט הינ־טערשטעליק...

— אייערע אַנצוהערענישן מאַכן מיך איבערקלערן, רייזנער. איר זייט אַ לאַיער, אָבער צו מיר רעדט איר ווי אַ פּראָקוראָר. כ'על אייך שוין מוזן זען בלויז צוליב דעם, אַז כ'זאָל קאָנען ריינוואַשן מיין נאָמען. ווען טרעפן מיר זיך אין וויליאַמסבורג? היינט נאָכמיטאָג וואָלט געווען גוט פאַר אייך?

— אויסגעצייכנט! כ'וועל סאַי ווי אַוועק היינט פון אָפּיס פּרי. מירן זיך באַגעגענען ביי מאַרסי־עוועניו, די ערשטע סטאַנציע אַריבער דער בריק, אָל־רייט? כ'וועל זיין דאָרט צווייַ אַ זייגער. העלאָ! דאָס האָט אָבער גאָרנישט צו טון מיט מיין וואָרנונג. איר זאָלט אויפהיטן אייער מענלעכן ווידערשטאַנד. ווען סידני וועלער וואָלט פאַרמאָגט מער מאַנסבילישע גבורה, וואָלט ער געלאָפן פאַר אַ קאָנגרעסמאַן. העלאָ! כ'האָב זיך טאַקע פאַררעדט... מיט מיר איז שטענדיק די־זעלבע צרה, אַפילו איבערן טעלעפאָן... מיין רעדע איז אָדער צו־קורץ אָדער צו־לאַנג. ווי ס'דאַרף זיין אַ גוטע רעדע, פרעגט איר? אַזוי ווי אַ פרויען־קלייד, לאַנג גענוג צו פאַרדעקן דעם גאַנצן קערפּער און קורץ גענוג צו זיין אָנצ:ענד...

— ס'ווערט פריילעך מיט אייך צו רעדן, רייזנער!

— איר קענט מיך ווינציק, מיסטער יאַגאָדע. ביי אַ נענטערער פריינטשאַפט קען איך אייך געבן אָנווייזונגען אויף אַ נייער לעבנס־פירונג. העלאָ! ס'איז דאָ בלויז איין מיטל ווי פּטור צו ווערן פון ווייבערישן טשאַד און מאַנסבילישער לייכטזיניקייט: קויפן אַקציעס!

— ר'מיינט אַקציעס אויף וואָל־סטריט?

— דאָס וואָס איך מיין טאַקע. איינהאַנדלען אַקציעס אויף וואָל־סטריט. העלאָ! דער טעמפּל פון מזלות איז נאָך אַלץ די בערזע! דער סטאָק עקס־טשענדזש! פאָלגט מיך, כ'קען אויך אַמאָל געבן אַ גוטע אָנווייזונג. שפּילן אויף דער בערזע איז מער ווי אַ געיעג נאָך פאַרדינסטלעך. ס'איז צעשטרייונג. ס'איז אַ מוח־פאַרווילונג פונקט ווי שאָך־שפּיל... מיר וועלן מער רעדן וועגן דעם, ווען כ'וועל אייך טרעפן אין וויליאַמסבורג!

— ביי מאַרסי־עוועניו!

— די ערשטע סטאַנציע אויף יענער זייט בריק!

איסר יאַגאָדע האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל און אַ בלאָז געטון מיט די ליפּן. אַ שיין אָנשיקעניש! נאָך דאָס פעלט אים! נישט גענוג וואָס ער וועט דאַרפן אויסגלייכן אַ קאָנפליקט צווישן צוויי אייפערזיכטיקע מוידן, מוז ער נאָך אָפּ־געבן דין וחשבון וועגן זיינע פירונגען פאַר אַ באַריידעוודיקן לאַיער! עמעצער וואָלט אים געדאַרפט אויפקלערן, אַז דאָס שטיפעריי מיט טילין איז אַ ברכה לבטלה. ער, איסר, וועט זיך עלטערן, ער'ט ווערן ווייס ווי אַ טויב און די יאַ־דזשאַ וועט זיך נאָך אַזוי פלאַנטערן דאָס גאַנצע לעבן אונטערע זיינע פיס.

איינס נאָכמיטאָג איז ער אַרויס פון הויז. אויפן וועג צו דער סאַבוויי איז ער דורכגעגאַנגען בליקער־סטריט. דער קאַלטער ווינט האָט געביסן. דער הימל פאַרצויגן אויף גרוי, איז דאָ און דאָרט געווען געפלעקט אויף טיף בלוי. די קילע זון האָט נישט געקענט דורכפליקן די דינע וואָלקנדלעך. כאָטש ער האָט נאָך געהאַט אַ שעה צייט צו באַגעגענען רייזנערן, פונדעסטוועגן האָט ער געשטעלט ברייטערע שריט. ער האָט פאַרבייגעשפּרייזט אַ פּאָר איטאַליעניש קראָמען, וואָס

זנען געווען אָנגעשטאָפּט מיט איקאָנעס און הייליקע בילדער. הינטער אַ שויבן־טיר פון אַ שמאָל געוועלבל איז געזעסן אַ ברייט־ביניקער מאַן ביי אַ טישל מיט הויפנס צוגעשניטענע טאַבאַק־בלעטער און אויפגעוויקלט ציגאַרן. אין אַ ברייט שוי־פענצטער פון אַ בעקעריי זענען געווען אויסגעשטעלט קאָלירטע געבורטס־טאָג־טאָרטן, באַפּוצט מיט צוקער־קנויטלעך און קראָכמאַל־ליכטלעך.

ער איז אַרויסגעקומען אויף וואַשינגטאָן־סקווער. איינצלנע טויבן האָבן איצט זיך געקליבן אַרום די אויסגעטענע ביימער. די בענק זענען געווען קוים באַזעצט פון עטלעכע זקנים, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ קרישקע זון. ביי אַ טעלעפאָן־סלופּ האָבן צוויי הינט זיך דערקענט מיט דערזעלבער גלוסטונג ווי אדם און חוה פאַר דער ערשטער בושה.

איסר יאַגאָדע האָט געהאַט הינטער זיך די רויט־ציגלדיקע הייזער, איינגע־ראַמט אין שיטערע גראַזפּלאַכן. ער האָט פּלוצים זיך פאַרווּנדערט וואָס רייזנער הייסט אים קויפן אַקציעס אויף וואָל־סטריט. דער לאַיער האָט אויסטערלישע איינפאַלן! ס׳זעט אויס, אַז ער האָט דאָ אָנגעטראָפן נאָך אַ געשפּאָלטענעם מענטש. ביים עק דריטע סטריט האָט ער דערזען דעם סאָבווי־אַראָפּגאַנג.

— 3 —

הינטער אַ פאַרמויערטן צייטונגס־סטענד האָט זיך אַרויסגעזען אַ הויכע, קנאָכיקע פיגור פון אַ מאַן מיט לאַנגע, ווייסע האָר ווי ביי פּראָפעסאָר איינשטיין. זיינע הויזן און זיין רעקל זענען געווען פול מיט ריסן ווי ביי אַ טרעמפּ, אָבער פון דעם אויסגעדריוולטן קאָלנער האָט אַרויסגעלויכטן אַן אידל, ציכטיק פּנים ווי ביי אַ פּרוש, וואָס מישט זיך נישט אין די ענינים פון דער ליגנערישער וועלט. איידער איסר יאַגאָדע האָט באַשטעטיקט, אַז אַרום די רויט־ציגלדיקע הייזער דרייען זיך אַרום אַלערליי שלעק, קרענקס און אַנדרוגינוסן, האָט ער צוקומענדיק גענטער דערקענט, אַז דער פאַרשוין איז מייק, דער פילאָזאָף פון גריניטש־ווילעדזש.

מייק האָט געפּליסטערט ווערטער צו די פאַרבייגייער אין אַ טאָן פון אַ הימל־פאַרטרעטער, וואָס פאַרקויפט בלעטלעך וועגן דעם אויסלייזערס יסורים. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אים אַריינגענומען אין אַ רעדל. ס׳איז גע־וואָרן אַ שטופּעניש. ביים הויכן פאַרשוין זענען די ווייסע האָר זיך צעפלויגן. דאָס נאַקעטע שטיקל שאַרבן אינדערמיט האָט געשיינט. דאָס געשליפענע צינגל האָט זיך צערעדט. ער האָט צוגעצויגן נישט ווייניקער צוהערער ווי ס׳ציט צו אַ פלינקער גאַסן־רעדנער, וואָס שרייט אַראָפּ פון אַ זייף־קעסטל.

איסר יאַגאָדע האָט געזען ווי דאָס קרענצל מענטשן שטייט מיט אָפענע אויערן. שוין דאָס צווייטע מאָל ווי ער הערט אין גאַס זיינע פּרעדיקעכצער.

דער מאַן מיט די ווייסע האָר האָט געהעצט קעגן גאָט און זיין וועלט. כאָטש קיינער האָט אים נישט געפרעגט אויף זיין אָפּשטאַם, האָט ער פונדעסטוועגן דערציילט, אַז ער קומט פון מיזורי. דאָס וואָס דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט

טרומאַן איז אויך געקומען פון מיזורי, איז פאַר אים געווען אַ קנאַפּער יחוס. זיינע עלטערן מיט די זיבן ברידער האָבן געווינט אויף אַ טייך־שיפל. דער טאַטע איז געווען אַ לונאַטיקער און געמאַכט אַ לעבן פון זאָגן נביאות. מייק אַליין האָט נישט געשמייכלט צו דער לבנה. ער איז דורכגעלאָפן איין און צוואַנציק שטאַטן ביז ר'איז געוואָרן אַ קלאָון אין אַ צירק. צווישן איין ליצנישן שפּרונג און אַ צווייטן, האָט ער זיך דערוווסט, אַז מענטשן זוכן דעם זין פון לעבן אין ביליקע פאַרוויילונגען. דאָס שוואַכע באַשפעניש איז געדערכט. דער לעבנס־שפּאַן איז בלויז אַן אומעטיקע געלעגנהייט דורכצושטופּן די צייט.

איסר יאַגאָדע האָט געזען ווי די צוהערער שטופּן זיך נענטער צום גאַסן־פּרעדיקער, וואָס רעדט ענגליש ווי אַן אַקספּאָרדער פּראָפעסאָר און זידלט די ציוויליזאַציע ווי אַן אַנטוישטער האָבאָ. זיינע שפּאַט־רייד קעגן הימל האָבן אַמו־זירט די מענטשן אַרום. פּלוצים האָט ער אַרויסגענומען אַ פעטן טאַש־פּאָרטפעל מיט אַ שטויס געלט־באַנקנאָטן און עס געוויזן זיינע צוהערער.

איסר יאַגאָדע האָט נישט באַנומען פונוואַנען עס קומט צו דעם שלעפּער אַזויפיל געלט, ווען זיינע גאַסן־דרשות ווערן נישט באַצאָלט? ער איז דאָך נישט ערגער אָפּ ווי אַ בעל־דרשן אין אַ קאָנגרעגיישאָן! מייק האָט אַ צי אויס געגעבן זיין קאָפּ פאָרויס און פאַרענטפערט איסר יאַגאָדעס פראַגע, נאָך איידער ער האָט זי געשטעלט.

— כ'פאַרמאָג אונטערשטיצער, יעס סער! יעדער פּרעדיקער פון אַ נייער אָרדענונג פאַרמאָגט אונטערשטיצער. יעזוס און לעניו האָבן אויך געהאַט אונ־טערשטיצער. אין מיין קליין געל ביכעלע זענען פאַרשריבן די נעמען און אַדרעסן פון מיינע רייכע אָנהענגער... דער מענטש איז פון וויגל ביז צום קבר אומצו־פרידן און ער צאָלט דערפאַר, אַז עמעצער זאָל אויסקויפן זיין אומצופרידנקייט... די אומצופרידענע צאָלן מיר אַזוי פּינקטלעך ווי זיי צאָלן זייערע אינשורענס־פּאָליסיס... ס'הויבט זיך אָן פון אַ דאָלאַר און ס'ענדיקט זיך מיט פינף און צוואַנציק...

איסר יאַגאָדע האָט מיט די אויגן דורכגענומען דעם לוסטיקן בעל־דרשן. ער האָט אויפגעכאַפּט זיין שטראָם רייד און אויסגעפירט, אַז מייק איז אַ געריבענער פּעדלער... די גאַנצע וועלט איז זיין מאַרק. ער וואָלט געקענט האַנדלען מיט פאַלשע געטער, מיט מאַכמעדן, מיט דעם צאַרס קרוין און מיט די פאַר־טריבענע עגונות פון דעם לעצטן טערקישן סולטאַן...

מייק האָט באַטראַכט מבינותדיק דעם גערדיכטן עולם אַרום זיך. זיין פּנים האָט אַרויסגעצויגן אַ שעפּסענע תמימות. ער האָט אויפגעהויבן די אַרבל פון זיין אויסגעריבענעם רעקל און, מעשה־קאָנפעראַנסיע אויף אַ וואָדעוויל־בינע, זיך פאַרנויגט.

— אַמאָל האָב איך באַגעגנט אַ טרויעריקע ליידי אין סאַבוויי. ס'איז גע־קומען צו אַ ווערטער־אויסטויש פון צוויי מינוט און די ליידי האָט זיך איבער־צייגט, אַז נאָך סאָקראַטעסן בין איך דער חוצפּהדיקסטער מענטש אויף אונדזער פּלאַנעט... זי האָט מיר פאַרדינגען אַ צימער, ווייל זי האָט געטראַכט, אַז חכמה און קוראַזש וועלן אַריינברענגען היימלעכקייט אין איר איינזאַמער נעסט. צו־

מאָרגנס איז דאָס הויז פול געוואָרן מיט פּלוידעריי און לעסטערונג. אַ וואָך שפּעטער האָב איך פאַר איר אַנטדעקט, אַז ליבע פון אַן אַלטער מויד איז אַ בייזע שנאָרעקע... זי האָט מיך אַרויסגעוואָרפן און כ׳האָב פאַרלוירן די איינ־רעדעניש, אַז הייראַט איז אַ לאָטעריע אין וועלכער מענער שטעלן איין זייער פרייהייט און פרויען זייער גליק...

מייק האָט ווידעראַמאָל זיך פאַרנויגט ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַפּלאָ־דיסמענטן. די צוהערער האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער און אים געקוקט אין די אויגן אַריין. פון דער סאָבוויי־טרעפּ איז מיט איילנדיקע שפּרייזן אָנגע־קומען אַ באַבערדלטער, קרעפּקער ייד אין אַ ברייטן, סאַמעטענעם קאַפּעלוש, אין אַ פּאָר גומענע שטיוול ביז איבער די קני׳ען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן אַ ווײַלע באַטראַכט דעם געדיכטן עולם, וואָס קוועלט אָן פון דעם לאַנג־האָריקן מייק. ער האָט זיך צוגערוקט צו איסר יאַגאָדען און פלוצים זיך אַ פּאַטש געטון אין די הענט אַריין:

— אַזאַ עולם צו פירן אין באָד אַריין, דאַרף מען טאַקע קענען! ר׳וויסט דען ווער אָט דער מייק איז? ס׳איז דאָך מעכעלע פון טשערי־סטריט! מייק פּילאָ־זאָף! זיין מאַמע, דערציילט ער דאָך אַלעמען, האָט אים געהאַט אויפן טייך מיזורי, אַ יאָ? זאָג איך אייך, זיינע עלטערן האָבן אַזוי געזען מיזורי, ווי איך האָב געזען דעם סמבטיון! אוי אַמעריטשקע! ווער געדענקט נישט מעכעלע, דעם משוגענעם קאַלעדזש־בחור! אַזאַ יאַקל! אַזאַ פּלוידערזאַק! און דאָס קען פאַררעדן ביי אַלע־מען די ציין און די נאַראַנים שטעלן אָן מויל און אויערן! אוי אַמעריטשקע! אַמעריטשקע!

קאַפּיטל פערציק

— 1 —

ביי מאַרסי־עוועניו אין ברוקלין האָט רייזנער אָפּגעוואַרט איסר יאַגאָדען. זיי האָבן זיך געטראָפן אויף דער עלעוויטאַר־פּלאַטפאָרמע. דער זשוואַווער רייזנער איז אים אַקעגנגעגאַנגען מיט אַ פּאָר אויסגעשטרעקטע הענט ווי ער וואָלט באַגעגנט אַ ווייטן קרוב אויף אַ פרעמדער חתונה. זיין נערוועז־צוקנדיק פּנים, וואָס האָט געהאַט אַן אַש־גרוילעכע קאָליר, האָט געשיינט. די העל־ברוינע אויגן האָבן היטעריליסטיק געטענצלט. נאָכדעם ווי ער האָט אָנגענומען איסר יאַגאָדען פאַר אַן אָרעם האָבן ביידע זיך געלאָזט מיט דער טרעפּ אַראָפּ צו דער גאַס. רייזנער האָט דער ערשטער געפרעגט:

— נו, גייען מיר אויפּפּראַלן די שפּיטאָל־טויערן?

— כ׳האָב מורא, מ׳עט צוערשט מוזן גיין צו די גבאים נאָך די שליסלען...

— אַזוי טראַכט איר? איך בין גרייט אויפצוברעכן די טירן איידער זיך לאָזן פאַרשעמען פון די פילאַנטראָפּן.

— ווּ געפינט מען דעם פּרעזידענט פון שפּיטאָל? מען מוז צוערשט אויס־הערן די אָנקלאָגער.

— דער אָפּגעזאָגטער פּרעזידענט וואַרט אויף אונדז אין דער קליינער קאָנגרעגיישאָן „נחלת צדק״, הינטערן שפּיטאָל. ס׳איז נישט ווייט פון יוהז־סטריט, קומט, לאָמיר אַריבערגיין דעם סקווער...

פון דעם ברייטן סקווער, וואָס איז געווען דורכגעאָדערט מיט אַ נעץ טראַמ־וויי־רעלסן, האָט זיך געטראָגן אַ קוויטשנדיק גערודער. טאַקסיס און אויטאָמאָ־בילן זענען געלאָפן מיט שווינדלדיקן אימפּעט איבערן אַספּאַלט. שווער־אָנגע־לאָדענע טראָקס האָבן זיך אונטערגעטרייסלט אין געיעג. רויט־געפאַרבטע טראַמווייען האָבן גראַציעז זיך געדרייט אויף די גלאַנציקע אויסבויג־שינעס, בעת די עלעקטרישע שטאַנגען פון אויבן האָבן זיך געקלאַמערט אין די לופט־דראָטן. זייגערס אויף די מויערן פון באַנק־הייזער, פון מוּוויס און רעסטאָראַנען האָבן געבלאַנקט מיט רויט־גליִענדיקע נעאָן־רערן. איבערן גזימס פון אַ קירך מיט קאָלירטע וויטראַזשן איז געהאָנגען דער געקרייציקטער, צוגענאָגלט צו אַ גרויסן גיפּסענעם צלם.

זיי זענען שוין געשטאַנען ביי בערכמייער־סטריט. רייזנער האָט אַרויפגע־לייגט די האַנט אויף איסר יאַגאָדעס אַקסל.

— איר מיינט, ס׳האָט פון מיר גלאַט אַזוי אַרויסגערעדט אויפן טעלעפאָן? איך אַגיטיר פאַר וואָל־סטריט, ווייל קאָרטן־שפּיל לאַנגווייליקט מיך... יעדער געפּייניקטער מענטש מוז אַנטלויפן פון עפּעס. איר׳ט זיך אַמאָל מוזן נעמען מער צייט און מיך אויסהערן. דאָס ערגסטע מיט מיר איז, יעדעס מאָל ווען כ׳הייב זיך אָן צו באַקלאָגן, ענדיק איך נישט... איר געדענקט די קאָנפערענץ ביי סידני וועלערן אין האָטעל? ס׳האָט קיין סך נישט געפעלט ס׳זאָל אויסברעכן אַ סקאַנ־דאַל מיט דעם דאָקטאָר וואָרמס. וועגן בוירדי סאַרנאָף האָב איך נישט ווייניק פאַרשוויגן... וועגן די אַנטיסעמיטישע טעקסט־ביכער האָבן איך נישט דער־זאָגט... אַז כ׳רעד וועגן אונדזערע אייגענע רעדל־פירער, ווערט מיר די צונג פאַרהאַקט... שוין בעסער צו באַנייען דעם שמועס וועגן וואָל־סטריט! ווּ זענען מיר?

— מיר זענען אויפן וועג צום פאַרשלאָסענעם שפּיטאָל. אייער טעמפּל פון מזלות, כ׳מיין וואָל־סטריט קען וואַרטן נאָך אַ טאָג. דאָ איז וויליאַמסבורג. איר׳ט פאַרגעסן, אַז דער אָפּגעזאָגטער פּרעזידענט וואַרט אויף אונדז אין זיין קאָנגרע־גיישאָן?

— כ׳האָב נישט ליב אָפּצולייגן פּלענער אין דער לאַנגער באַנק אַריין. כ׳בין אַ שטייער־צאָלער און כ׳באַשטיי אויסצונוצן מיינע בירגערלעכע פּריווילע־גיעס. וואָל־סטריט איז נישט אין קאָנפליקט מיטן געזעץ. דאָס געיעג נאָך רייכ־טום, פּונקט ווי דאָס געיעג נאָך כבוד, איז אין פולער האַרמאָניע מיט דער קאָנסטיטוציע... ס׳אַ פאַרצויגענע געשיכטע, מיסטער יאַגאָדע. כ׳האַלט, אַז איר זייט דאָך גערעכט. היינט האָבן מיר אָן אויפגאַבע אין וויליאַמסבורג. יאָ, מיר זענען שוין באַלד אין דער געגנט פון די יאַרמעלקעס...

אין ערשטן געסל זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען אַ שורה צוויי־שטאָקיקע, רויט־ציגלדיקע הייזער. דער טונקעלער שטויב און טשאַד האָבן דורך די יאָרן אויפגעגעסן די פרישע קאָלירן פון יעדן געביי, ווי שווינדזוכט עסט אויס דאָס בלוט פון געזונטע גופים. אויף די אויסגעדרייטע טרעפּ מיט די פאַרבויגענע פּאַרענטשעס האָבן זיך געשפּילט קינדער. אָפּגעריבענע שילדן האָבן אָנגעוויזן אויף אַ בשר־כשר־יאַטקע, אַ דעליקאַטעסן־סטאָר, אַ גראָסערי־קראָם און אַ חסי־דים־שטיבל, ווו אויף דער פראָנט־וואַנט, איז געווען איינגראַווירט מיט אַ באַ־גילדטער שריפט: מקום להתפלל ערב ובוקר.

וואָס טיפער זיי האָבן אַריינגעשפּאַנט אין דעם קנויל געסלעך, אַלץ שטאַר־קער האָבן געריסן אין דער נאָז די גערוכן פון אַלערליי ווורשטן, קעזן, חלות, קנישעס, שמאַלץ־הערינג, ציבעלע־פלעצלעך און איינגעזויערטע אוגערקעס. עס זענען אַקעגן געקומען צוויי נעגערס, פאַרבערס מיט פאַרקאַלכטע לייטערס איבער די אַקסלען. עס האָבן פאַרבייגעאײַלט בחורים מיט צעפּלאָשעטע פּיאות ווי זיי וואָלטן זיך געיאָגט צו פּיקוח־נפש. אויף אויסגעריבענע שוועלן זענען געזעסן זקנות מיט געפּעלבלטע פּנימער. דורך אַ ברייט פּענצטער פון אַ קלויז האָט מען געזען זיך שאָקלען אַ מנין ישיבה־לערנערס אין ברייטע טלית־קטנס און אין הויכע רבנישע קאַפּעליושן. די ישיבה־לערנערס האָבן אינמיטן זאָגן האַסטיק זיך געהויבן פון די ערטער ווי ביי יעלות.

איסר יאַגאָדע האָט דערזען ווי איבער די בתי מדרשים און חסידים־שטיב־לעך, פון די שויבן אין די אויבערשטע שטאָקן קוקן אַרויס טונקל־הויטיקע קעפּ פון עלטערע נעגערטעס.

די איינוווינער אין די רויט־ציגלדיקע הייזער בייטן זיך! — האָט איסר יאַגאָדע געמאַכט באַצייטנס אַן אויספיר — דערוויל הייסט נאָך וויליאַמסבורג אַ חסידים־שטאָט, אָבער אַ געמישטע באַפעלקערונג וועט דאָ ענדערן ס׳גאַנצע פּנים. האַרלעם איז אויך אַמאָל געווען אַ ייִדן־געגנט. היינט זענען פון די בשר כשר־יאַטקעס געוואָרן נעגערישע געבעט־הייזער, ווו די ווענט ווערן צענומען פון קוויטשערייען און טענץ. וואָס עס איך זיך אָפּ ס׳האַרץ? דערוויל רינט נאָך דאָ ס׳ייִדישקייט פון טיר און פענצטער! — האָט ער אַליין זיך באַרויִקט — אי־בער יעדער צווייטער מויער בלענדט אַ שילדל פון אַ מסדר־קידושין, אַ סופר סת״ם, אַ מוהל און אַפילו אַ מקווה. דורך די שויבן פלעמלען שבת־ליכט און עס בלינצלען חנוכה־לייכטער, סאַמעטענע קאַפּעליושן און זיידענע שייטלען באַדעקן די קעפּ פון פרומע מאַנען און פרויען. חזנישע תפילות און זמירות זענען דאָ ס׳געזאַנג פון די גאָטפאָרכטיקע איינוווינער.

פאַר אַ ברייטע, ליידיקע סטאָר מיט אַ שוי־פענצטער, באַקלעבט מיט וואַנט־טאַפּעטן, האָט רייזנער זיך פאַרהאַלטן. ער האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף אַ שאַרפן לאָמפּן־שיין, וואָס האָט פון אינעווייניק דורכגעלויכטן די פאַר־שטעלטע שויבן. איסר יאַגאָדע האָט באַמערקט איבערן גזימס פאַרביקע שייב־לעך מיט גאָלד־אויסגעקריצטע איבערשריפטן פון דער עוואַנגעליע און זיך אַרומ־געזען, אַז ס׳איז אַ קליינע קירך פון באַגייסטערטע טונקל־הויטיקע קריסטן, וואָס טוען תפילה מיט פויקן־גלעקלעך און טאַצן־קלינגעריי. ביינאַכט פאַרזאַמלען זיך

דאָ אוודאי פרומע נעגערס מיט זייערע גאָטפּאָרכטיקע ווייבער און פאַרגייען זיך אין די ספּיריטועלע געזאַנגען.

אין עק בלאָק איז אויפן שטיינערעם טראָטואַר געזעסן אַ זקן מיט אַ ווייסער באָרד, אויסגעגעסן פון טאַבאַק־פּלעקן. דאָס בינטל פינגער פון איין האַנט האָט געהאַלטן צוזאַמענגעקוועטשט עטלעכע בלייפעדרס. דאָס אָפענע מויל האָט גע־גאַוועט מיט סלינע. דאָס שעפּסענע פנים מיט די האַלב־פאַרלאָשענע אויגן האָט געבעטלט רחמנות ביי הימל און ערד.

— 2 —

אין פערטן געסל זענען זיי צוגעקומען צו דער קאָנגרעגיישאָן „נחלת צדק״. די פראָנט־טיר האָט געעפנט אַ געוויקסיקער מאַן. ער האָט געהאַט אויף דער געשפּאָלטענער גאָמבע אַ גראָלעך בערדל און געטראָגן אַ לענגערן, לויזן שוואַרצן זשאַקעט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ היימישע חסידישע זשופּיצע. זיין סאַמעטענע יאַרמעלקע האָט קוים צוגעדעקט דאָס שיידל פון דעם פליכעוואַט־גלאַנציקן קאָפּ. ער האָט געהאַט אויף דער נאָז אַ צוויקער מיט אויסגעווישטע גלעזלעך ווי עס טראָגן דייטשע ראַבינערס. די זשוואַווע, גרויע אויגן האָבן אונטערגעטענצלט. זיין פּאַרנויג איז געווען עלעגאַנט און זיין שמייכל ברייט. ער האָט גערעדט צו די באַזוכער אין אַ ווייכן, אונגאַרישן ייִדיש.

— העלאָו, ביטע וויטער! ביטע גלייך פּאָרויס!

בעת ער האָט געמאַכט די פּאָר שריט פון דער שוועל ביז צום בעלעמער האָט ער זיך אַליין פאָרגעשטעלט:

— איך בין דער פּרעזידענט פון דעם פאַרמאַכטן האָספּיטאַל. כ׳בין מאָריס ציטראָן. מיין נאָמען קענט איר נישט, אָבער כ׳וואָרט שוין דריי טעג אויף אייך, מיסטער יאַגאָדע און מיסטער רייזנער... סידני וועלער האָט טעלעפאָנירט וועגן אייך. כ׳האָב אייך געהערט נישט איינמאָל אויף אַ מיטינג... כ׳בין אַ פּרעזי־דענט אַ יורד און כ׳זיץ אין אַ שולעכל, וואָס איז אויך אַ יורדטע... זאָ וואָר איך לעבע! אירט שטוינען! ס׳איז נישט די אַמאָליקע וויליאַמסבורג פון דעם ערשטן רעוורענד בערנאַרד... דער ליאָרם איז דאָ גרויס, אָבער די מנינים ווערן דאָ שיטערער פון טאָג צו טאָג.

— ס׳נישט קיין אומגליק. ייִדן קליבן זיך תמיד אַריבער פון איין געגנט אין אַן אַנדערער. ס׳איז ויחנו ויסעו... — האָט איסר יאַגאָדע געזאָגט.

— ויחנו ויסעו איז דאָס ריכטיקע וואָרט. זאָ וואָר איך לעבע! אָבער דעם אמת דאַרף מען פאַרהוילן פאַר אונדזערע מעצענאַטן. די אַפּטרופּסים זאָגן סאַי ווי, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג וועט פאַרשווינדן פון וויליאַמסבורג... לויט יענע בעלי־חשבון איז עס פאַרשווענדעריש אויסצוהאַלטן אַ כשרן ייִדישן האָספּיטאַל. מען נעמט נישט אין אַבזיכט, אַז אַ פאַרמאַכטער הייל־אַנשטאַלט איז אַ פּאַר־לוסט פאַר אַ ייִדישער געמיינדע! דרייסיק יאָר האָט דער האָספּיטאַל „בית רמב״ם״ באַדינט די שוואַכע און די קראַנקע. זאָ וואָר איך... ווען ראַבינער יצחק איזמאַן,

דער ערשטער איינוווינער פון קיפ־סטריט כאַפּט זיך היינט אויף פון קבר און זעט זיינע פּאַרזאָרגער, וואָלט ער געקלאָגט: איכה ישבה וויליאַמסבורג... זעצט זיך! קיין מתפּללים קומען נישט גענוג, אָבער בענק זענען נאָך ברוך־השם דער־וויל דאָ...

די קאָנגרעגיישאָן האָט אויסגעזען סאַי ווי אַ מיטינג־האָל, סאַי ווי אַ פּאַר־לאָזן בית־מדרש. די עטלעכע שורות בענק זענען געווען שוואַרץ פון אַלטקייט. דער איינפּוסיקער בעלעמער איז געשטאַנען איינזאַם ווי אַ רעדנער־פּולפּיט. פון דעם פּרוכת איבערן ארון־קודש האָבן אַראָפּגעבליאַסקעט גאָלד־אויסנייעכצער. אויף אַ טיש ביי דער מזרח־וואַנט איז געלעגן אַ שטויס בייכיקע ספרים מיט אָפּגעשווּנדענע רוקנס. די סידורים און מחזורים זענען געווען אויסגעסדרט אויף הויכע פּאָליצעס אין אַ ביבליאָטעקאַרישער אָרדענונג.

מאָריס ציטראָן האָט געעפנט אַ צונויפלייג־שטול און זיך געזעצט קעגנ־איבער די געסט. ער האָט בעסער אָנגעזאָטלט דעם צוויקער אויף זיין נאָז. די אויגן הינטער די אויסגעווישטע שייבלעך האָבן געפינטלט. דאָס קול איז גע־וואָרן זיכערער:

— כ׳ווייס נישט וויפיל אונדזערע בעלי־טובה האָבן אייך אַבזיכטלעך אינ־פאָרמירט, אָבער די ריינע וואָרהייט איז, אַז מ׳האָט אונדז שוין געוואָלט אומ־ברענגען די לעצטע פּאָר יאָר! די גזירה איז געווען: אָדער ליקווידאַציע, אָדער אַז אַ צווייטער שפּיטאָל זאָל אונדז איינשלינגען... די געלט־געבערס ווילן נישט וויסן, אַז אַן אינסטיטוציע, פּונקט ווי אַ מענטש, וויל נישט באַגיין זעלבסט־מאָרד... זאָ וואָר ווי ס׳איז היינט דינסטיק... מ׳האָט געגראָבן פון אינעווייניק! איצט שטייען מיר פאַרשלאָסן...

— ווער האָט געגראָבן פון אינעווייניק? — האָט רייזנער געפרעגט.

— ס׳אַ שאַנדע אויסצוזאָגן! אַ וואָרע שאַנדע! אונדזער אייגענער דירעקט־טאָר האָט אונטערגעשטעלט פּיסלעך... ער האָט געהעצט די צדקה־געעזלשאַפט, זיי זאָלן אָפּשטעלן דעם בודזשעט... די פילאַנטראָפּן האָט ער אויפגעוויזן, אַז דער שפּיטאָל איז נישט קיין חי הנושא את עצמו... און אינזינען האָט ער געהאַט פּאַר זיך אַ בעסערע שטעלע אין דעם רייכן האָספּיטאָל. כ׳האָב קיינמאָל אים צופיל נישט געטרויט. ער האָט זיך געחברט מיט רעפאָרמיסטן און ביי אים איז רעכט געווען מ׳זאָל אין שול אָנשטאָט בלאָזן שופר, בעסער שפּילן דעם אָרגל! חוץ דעם איז דער באַשלוס פון ליקווידאַציע נישט געווען געזעצלעך לויט דער קאָנסטיטוציע פון האָספּיטאָל. כ׳מיין עס טאַטזעכלעך... מען האָט די נבלה אָפּ־געטון אָן דעם וויסן פונעם דירעקטאָרן־ראַט.

איסר יאַגאָדע האָט זיך צוגעבויגן צום פּרעזידענט.

— האָט דער שפּיטאָל געלעבט אויף דעפּיציטן?

מאָריס ציטראָן האָט אויף אים אַ וואָרף געטון אַ פּאָר גזלנישע אויגן:

— און די קאָלעדזשעס האָבן נישט קיין דעפּיציטן? און ישיבות האַלטן זיך אויס אַליין? פונדעסטוועגן מוזן זיי עקזיסטירן! ס׳איז אַ באַשלוס פון דעם פאָלק און קול ההמון כקול שדי... חוץ דעם, דער וואָלף איז גאַרנישט געווען אויסגע־צערט ווי מען האָט געמיינט... דאָס איז טאַטזאַך! וואָס דאַרף איך רעדן? זאָלן די

ציפערן באַשטעטיקן. אין בית רמב״ם איז אינוועסטירט געוואָרן אַ קאַפּיטאַל פון דריי פערטל מיליאָן דאָלאַר, חוץ הונדערט טויזנט אין רעגירונגס־באָנדס און פינף און צוואַנציק טויזנט מזומנים. ס׳אַ וואָרער קאַפּיטאַל! דאָס איז ס׳פאַרמעגן פון דער קהילה אין וויליאַמסבורג. מיר האָבן קיינמאָל זיך נישט געשטיצט בלויז אויף די קאַרפּן־קעפּ. זאָ וואָר איך לעבע! הונדערטער קליינע נדבנים האָבן צוזאַמענגעקראַצט דאָס קאַפּיטאַל, אַז ס׳זאָל שטיין אין דער חסידישער וויליאַמסבורג אַ טראַדיציאָנעלער יידישער האָספּיטאַל. זאָל מען דעריבער איצט אָוועקשענקען דאָס אייגנטום פון אַיין הייל־אַנשטאַלט צו אַ צווייטן, ווייל אַ פּאָר פּאָליטישענס ווילן אַ צונויפשמעלצונג? איך רעד די ריינע וואָרהייט. די קהילה האָט מען נישט געפרעגט. דאָס איז טאַטזעכלעך! דעם דירעקטאָרן־ראַט האָט מען אין באָד... די חולאים קריגן דערווייל נישט קיין היילונג. און אויפן טויער פון האָספּיטאַל הענגט אַ שלאָס!

מאָריס ציטראָן האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו אַ שטענדער, וואָס איז געשטאַנען נעבן דעם ספרים־טיש. ער האָט אונטערגעהויבן דאָס בלויע סאַמעטנע טישטוכל. ער האָט אויפגעשלאָסן אַ שופלאָד און איז צוריקגעקומען מיט צוויי טאָוולען צווישן וועלכע עס זענען געווען איינגעקוועטשט אַ שטויס בויגנס מיט געדיכט־באַשריבענע צירקולאַרן. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר בלעטער און דערלאַנגט זיי איסר יאַגאָדען.

— דאָס איז אַ פּעטיציע, וואָס פינף און זעכציק קאָנגרעגיישאָנס האָבן אונ־טערגעשריבן. פינף און זעכציק רבנים האָבן דאָ געלייגט זייערע חתימות. כ׳וועל נישט זאָגן, אַז זיי זענען די גדולי הדור, אָבער זיי זענען גייסטיקע מדריכים אין דער ניו־יאָרקער קהילה. די פּעטיציע פאָדערט, מ׳זאָל צוריק עפענען דעם בית־רמב״ם. די רבנים האָבן פאַרלאַנגט, אַז די צדקה־געזעלשאַפט זאָל פאַרהאַנדלען מיט זייער קאָמיטעט. זיי האָבן אַ תביעה, זאָגן זיי, אָבער די געלט־אַפּוטרופּסים האָבן אויפן אָנבאָט נישט געענטפערט, זאָ וואָר איך... מען איז מבייש תלמידי חכמים!

איסר יאַגאָדע האָט אויסגעהערט דעם פּרעזידענט און געוואָרפן אויגן אויף רייזנערן. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער לאָיער לייגט אַפילו נישט צו קיין אויער. איז רייזנער דער ריכטיקער מענטש פאַר אַזאַ שליחות? אָט זיצט קעגנ־איבער אים אַ יורד פון אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט צער פון זיין פאַרמאַכטן שפּיטאָל. ער קען אָנשטעקן מיט זיין טרויער יעדן עסקן, יעדן גבאי, אָבער ער׳ט נישט פעיִק זיין אַ קראַץ צו טון אַ יידיש אָדער ביי אַ געלט־אַפּוטרופּוס... לויט אַלע געשעפטלעכע קאַלקולאַציעס זענען די געלט־געבערס אפשר גערעכט. צוליב וואָס אויסהאַלטן אַן אַנשטאַלט וואָס לייגט צו קהלס געלט? אָט דער מאָריס ציטראָן איז אייך קנויל מיט פּראָטעסטן, פון דעם אָפּגעזאָגטן פּרעזידענט שרייט אַרויס אַ יידישע תביעה, וואָס צעקלאַפּט אַלע ביזנעס־קאַלקולאַציעס... כ׳וואָלט וועלן וויסן וואָס וואָלט אויף אַזאַ תביעה געענטפערט דאָקטאָר וואָרמס?

מאָריס ציטראָן האָט צוריק אָוועקגעלייגט דעם פּעטיציע־בויגן אויפן ספרים־טיש. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט צענומענע הענט אָנגעוויזן אויף די ווענט, אויפן בעלעמער, אויפן ארון־קודש, ווי ער וואָלט אַלץ אַריינגענומען אין

זיינע לאַנגע אָרעמס. אין די טענצלדיקע אויגן הינטער די צוויקער־שייבלעך האָט געשיינט גדלות געמישט מיט געפּאַלנקייט.

— איר זעט אָט דאָס פּוסטע שולעכל? דאָ האָט טאַטזעכלעך געקענט זיין שמחת־תורה יעדן טאָג, ווען נישט אונדזער דירעקטאָר... ווי עס זאָגט זיך: מהרסיך ומחריביך ממך יצאו... אַז ס'איז געווען אַ וואָרעם אין כריין... דאָס איז טאַטזאַך! ער האָט געוואָלט פּאַרטאַכלעווען דעם האָספּיטאַל מיט דער קאָנגרע־גיישאַן צוזאַמען. ער האָט געהאַט אַ פּלאַן צו פֿאַרוואַנדלען אַ מקום־קדוש אין אַ וואָרע קירכע... ר'איז אַ געניטער חונף פֿון נגידים. און אויף זיין עצה האָט אַן אַרויפגעאַרבעטער שיך־מאַנופאַקטשורער באַשלאָסן, לכבוד זיין זונס בר־מצוה, צו געבן אַ מתנה צו דער קאָנגרעגיישאַן אַן אָרגל... אוי לאותה בושה! ר'איז אויך גרייט געווען אַריינצושיקן אַן אָרגאַניסט, אויסגעבאָרגט פֿון אַן אָרטאָדאָק־סישער קירך און טאָמער וואָלט אונדז אויסגעפּעלט הייסע ליטורגיע־מוזיק, האָט די קירך געוואָלט אויסלייען אַ פּאָר הונדערט פֿון אירע געבעט־ביכער מיט הימ־נעס... עס קלינגט וואַנזיניק, ניכט וואַר? אָבער דאָס איז טאַטזאַך! אַזאַ הפקרות רייסט די אויגן! אונדזערע יידישקייט־פֿאַרזאָרגער אין וויליאַמסבורג! און ווע־מען מען האָט אַנפֿאַרטרויט די הדרכה פֿון אַ קהילה!

רייזנער האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַ פֿוילן גרימאַס, ווי ער וואָלט זיך אויסגעטשוכעט פֿון אַ קנויל מחשבות. איסר יאַגאָדען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דעם לאָיער איז לאַנגווייליק. דער געוויקסיקער פּרעזידענט איז געווען איבער־צייגט, אַז ער נעמט צו צופֿיל צייט ביי די געסט און זיך פֿאַרענטפֿערט:

— כ'וויל אייך לענגער נישט אויפהאַלטן. ס'איז אמת, אַז ביי אַ דין־תורה מוז מען אָנפֿרעגן ביידע צדדים... איר'ט אָנגעהויבן ווי שליחי־מצוה, ווערט איר ענדיקן די מצוה. זאָגט די לייט פֿון דער צדקה־אַנשטאַלט, אַז לא אלמן ישראל. דאָס איז טאַטזאַך. די קהילה אין וויליאַמסבורג איז נישט פֿאַריתומט. עוד אבנך ונבנית... האָט דער נביא געטרייסט. מ'וועט באָרגן ביי דער זון און ביי דער לבנה און מ'וועט זיך שטעלן אויף די פֿיס! אָבער די אַפּטרופּסים מוזן באַנייען דעם בודזשעט פֿאַר בית רמב"ם! בין איך נישט טאַטזעכלעך גערעכט? אַז מ'טיילט געלט אויף אויפצושטעלן פֿאַרווײַלונגס־קלובן פֿאַר יונגוואַרג, אַז מ'בויט טעמפּלען, ווו עס שטעקט נישט אַריין קיין יידישער פּוס, מעג מען אויסהאַלטן יידישע חולאים, וואָס באַשטייען צו היילן זיך אין אַ טראַדיציאָנעלן האָספּיטאַל. וויליאַמסבורגער יידן פֿאַרדינען מ'זאָל אויסהאַלטן כאָטש איין טעמפּל פֿון דעם אמתן רופא חולים...

— 3 —

אויף דער גאַס האָבן איסר יאַגאָדע מיט רייזנערן שטום זיך אָנגעקוקט ווי זיי וואָלטן איינער ביים אַנדערן געפֿרעגט: ווער איז גערעכט? דער בעל־צדקה צי דער יורד? אויף צוריקוועגס צום סקוועער זענען זיי דורכגעגאַנגען אַ פּאָר געסלעך, וואָס זענען פֿון ביידע זייטן געווען אָנגעפּראָפּט מיט קראָמען און וואַר־שטאַטן. האַנדל און מלאכה זענען דאָ געווען אויסגעמישט. אָפּגעבליאַקעוועטע

שילדלעך האָבן געלאָזט וויסן וועגן די סאָרטן סחורות און וועגן געניטע בעלי־מלאכה. יידישע אויסשפּראַכן פון פאַרשידענע לענדער זענען געווען אויף די ליפּן פון די קרעמערס. אויפן פענצטער פון אַ בשר כשר־יאַטקע איז געווען אויס־געמאָלן אַ שטאָלצער האָן מיט אַ רויט־אָנגעצונדענעם קאַם. פאַר אַ שמאָל טרעפן־הויז איז געהאָנגען אַ הילצערנער טאָוול מיט אַ פּאָר אויסגעשטאָפּטע קאָלירטע שייטלען. ביי אַ טיר פון אַ טאַפּעצירער איז געלעגן אַן אויפגעטרענטער מאַטראַץ. פון יעדן געוועלבל, בויד און אָפן שטעלעכל האָט אַרויסגעשמעקט מיט יאַריד און טאָרג פון ווייטע פאַרוואָרפענע שטעטלעך.

ביים אָפענעם סקווער האָט רייזנער זיך אָנגערופן:

— דער אָפּגעזאָגטער פּרעזידענט האָט אַ פאַרשפּילטע קעיס! דער בית רמב"ם איז אַ שלעכטע ביזנעס־אינוועסטירונג...

— די מנדבים, וואָס גיבן צענערלעך דער צדקה־געזעלשאַפט, מאַכן נישט קיין ביזנעס־אינוועסטירונגען. יעדע פילאַנטראָפּיע איז אַן אונטערנעמונג מיט פאַרלוסט...

— מיר וועלן סאַי ווי מוזן נעמען אויף אַ פאַרהער די צדקה־גבאים... וואָס מיך וואונדערט — סידני וועלער, אַליין אַ ביזנעסמאַן גייט אַרויפצווינגען אויף אַן אינסטיטוציע אַרויסצוואַרפן געלט אין ניוועץ!

— וועלער איז אויך מודה, אַז דער געשעפטלעכער פּרינציפּ פון יחיד איז אויך גילטיק פאַר קהל, נישט צו האָבן קיין געלט־פאַרלוסטן. ער אָנערקענט אָבער, אַז אַ יידישע אינסטיטוציע איז נישט קיין האָטעל אין פלאָרידאַ, וואָס מען מעג צושליסן ווען דער סעזאָן איז אַריבער.

— דאָס איז אַ שטאַנדפּונקט.

— כ'האָב אָנגענומען, אַז איר זייט אַ צאַרנדיקער ייד, מיסטער רייזנער. סידני וועלער האָט מיר דערציילט, אַז איר זייט נישט קיין וויכהאַרציקער און איר'ט גיין צו די קהל־טוערס מיט אַ גוואַלדגעשריי...

— כ'האָב אייך נאָך נישט אַנטוישט, מיסטער יאַגאָדע. כ'וועל נאָך קלאַפּן אין זייערע טישן! אָבער צווישן זיך וויסן מיר, אַז די בעסטע האַנט פון הילף איז די, וואָס איז צוגעטשעפּעט צום אייגענעם אָרעם... נאָך מיינע פופציק יאָר האָב איך געמאַכט אַ פּרינציפּ נישט צו קעמפן אויסער די ווענט פון געריכט... כ'בין מיד און כ'וויס די ווערט פון מיין אינווענטאַר. דער מענטש איז יונג בלויז איינמאָל, דערנאָך מוז ער שוין צוטראַכטן אַנטשולדיקונגען פאַר זיינע לאַנגזאַמע האַנדלונגען. בוירדי סאַרנאָף האָט דאָס באַצייטנס איינגעזען...

— ווי קומט דאָ אַריין בוירדי?

— כ'וועל זיך נאָך פאַררעדן און מיין פלוידעריי וועט מיך איינגאַנצן אויס־געבן... כ'האָב שוין אַמאָל דערציילט, אַז בוירדי סאַרנאָף איז אַן אויסגעקנאָ־טענער כאַראַקטער, שטענדיק אַנטשלאָסן צו קריגן וואָס זי וויל. פאַרן ריכטער־שטול פאַרטיידיקן מיר דאָס געזעץ, אָבער אין מיין קאָנקורענץ מיט סידני ווע־לערן בין איך דורכגעפאַלן... דאָס אַלץ! פרעגט נישט און מער פאַררעד איך זיך נישט! מיין לויזע צונג! פון אייער פּריוואַט לעבן האָבן איך נאָך דערוויילע גאָר־נישט אויסגעפּאָמפּעט... בעסער, אַז מ'קען האַלטן דיסקרעציע! ר'וויסט, מיסטער

יאַגאָדע? כ׳האָב באַשלאָסן זיך צוריקצוציִען פון גאַנצן טומל און זיך פאַרנעמען מיט פיש־פאַנג. דערויף מוז איך אָבער צוערשט ווערן אַ גביר. און כ׳קום דאָ ווידער צוריק צום סטאַק מאַרקעט אויף וואָל־סטריט... אַן אַגענט אויף דער בערזע האָט מיר אינפאָרמירט, אַז ס׳איז דאָ צום פאַרקויף אַ פּאָר גוטע אַקציעס. דאָס מאָל איז עס אוראַניום און נייע אויל־גראָבנס. עס האָט דיזעלבע צוקונפט ווי אין די אַמאָליקע יאָרן אַקציעס פון ראַדיאָ און איצט פון טעלעוויזיע... וואָס זאָגט איר, מיסטער יאַגאָדע? ר׳זייט גרייט צוצושטיין אַלס שותף?

פּאָר אַ ווינקל־וואַנט פון אַן אָפּגעשונדענעם געביי איז געשטאַנען אַ בלינדער ייִד מיט אַ געלער באָרד און אַ סויבעלנעם שטריימל. איין אויג איז ביי אים געווען פאַרהאַקט ווי ביי אחד, דאָס צווייטע אויג, אויפגעפּראַלט ווי אַ פענצטער, האָט געקוקט אַרויף צום הימל ווי ס׳וואָלט געוואָלט איינזאַפּן קוואַלן ליכט. זיין רעכטע האַנט, צעפינגערט ווי אַ גראַבליע, איז געווען אויסגעשטרעקט נאָך נדבות, כאָטש אויף זיין בויך איז געווען אָנגעהאַנגען אַ בלעכן טעפּעלע.

רייזנער האָט מיט געניטשאַפט באַטראַכט דעם בלינדן ייִד, דערנאָך אַריינגעוואָרפן אַ מטבע אין טעפּל און זיך אויסגעדרייט צו איסר יאַגאָדען.

— כ׳זע, אַז די סטאַק־ביזנעס איז אייך נישט אַריין אין דער נאָז. פונדעסטוועגן פּרובירן מעגט איר... וואָס מען טוט פאַר קהל איז בלויז האַרץ־עסעניש. וואָס פאַר זיך איז צום געזונט... כאַפּט זיך אַריין אין אַ פרייען טאָג אויף דער בערזע! אין סטאַק־עקסטשענדזש! איר וועט דאָס אויסגעפינען! וואָל־סטריט איז נישט אין קאָנפליקט מיט אונדזער קאָנסטיטוציע.

— איר רעדט מיך כסדר אָן צו עבירות, רייזנער. נאָך גוט וואָס דאָקטאָר וואָרמס באַגלייט אונדז נישט איצט...

— אייער דאָקטאָר וואָרמס וואַרפט אויף מיר אָן אַ מרה־שחורה... כ׳האָב ליב עולם הזה׳ניקעס, מענטשן מיט ערדישע גלוסטונגען און נישט קיין אַסקעטן. דאָקטאָר וואָרמס איז אַ נזיר. ער מאַכט ענג די לופט אַרום מיר און פירן מיט אים אַ דעבאַטע איז פּונקט ווי עפענען אַ רעגן־שירם אין אַ טעלעפאָן־בודקע... כאַ־כאַ־כאַ...

רייזנער האָט זיך צעלאַכט און געוואַרט, אַז זיין באַגלייטער זאָל ווערן אָנגעשטעקט מיט געלעכטער. ער איז געווינט געווען, אַז זיינע צוהערער זאָלן הנאה האָבן פון זיינע שפּאַסערייען. איסר יאַגאָדע האָט געשוויגן, ביז זיי זענען צוגעקומען צו דער סטאַנציע פון דער עלעווייטאָר־באַן.

גייענדיק איבער די טרעפּ אַרויף האָט איסר יאַגאָדע באַשטעטיקט, אַז רייזנער פייניקט זיך מיט אייפערזוכט. יעדער מאַנסביל אין די רייפע יאָרן באַגייט דיזעלבע לייכטזיניקייטן. ס׳איז אומעטום איין וועלט. רייזנער פּלאַטערט אַרום דער לאָיערקע בוירדי סאַרנאָף ווי אַ פאַרליבט האַי סקול־בחורל אַרום דער שיינער לערערין. אין דער שטיל טראָגט ער אַ שנאה צו סידני וועלערן, וואָס האָט אים אויסגעכאַפּט די פּלאַם־פּייערדיקע לאָיערקע. כ׳על וועטן, אַז ער׳ט נאָך נישט אויפגעגעבן זיין באַגער ביי צוקומען זיין קאָנקורענט.

די טראַכטענישן האָבן אים געפירט צוריק צו יאַדזשאַן און טילין. יאַדזשאַ האָט נאָך נישט צוגעשטעלט קיין לייטער צו די שטערן און ערגעץ, הינטער אַ

וואַנט וואַרט נאָך אויף אים טילי... זי הערט נישט אויף צו חלומען, אַז דער דאַך איבער איר קאָפּ און די ערד אונטער אירע פיס וועט ווערן זייער טעמפּל, זייער שלאָס און זייער נעסט פון ליבע.

קאַפּיטל איין און פערציק

— 1 —

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט איסר יאַגאָדע געפּלאָגט רייזנערן און איז אַראָפּגעפאָרן אויף וואָל־סטריט. ער איז ביי זיך נישט געווען געגאַרט מיט דער איינרעדעניש, אַז ער גייט אַריינשפּאַצירן אויף דער בערזע בלויז אויס נייגע־ריקייט. פאַרן אַרויסגיין פון הויז האָט ער צומאָל געהאַט אַ פאַרטיקן פּלאַן אַריינ־צוברענגען זיינע אָפּגעשפּאָרטע פּאָר טויזנט דאָלאַר אין אַלערליי ווערט־פּאַפּירן. רייזנער האָט נישט קיין קרומען קאָפּ — האָט ער צו זיך גערעדט — אויב מען האָט מיט דרייסיק יאָר צוריק פאַרשפּעטיקט צו קויפן אַקציעס פון ראַדיאָ, פון טעלעוויזיע, מעג מען איצט כאַפּן די סטאָקס פון אוראַניום און פון אויל. אַ וועלט האַנדלט, אַ וועלט ווערט רייך און ער שטייט אַלע יאָרן ווי אַן אומבאַהאָלפענער צוקוקער. צוליב די קהלשע טועניש פאַרגעסט מען דערוויל אַן דער זאָרג פאַר עלטער. ער האָט אויסגערעכנט, אַז צען יאָר שפּעטער וועט דער גוף בענקען נאָך מנוחה. אַלע פאַרמעסטן וועלן זיין טויט. טילי וועט זיין אָפּגענוצט ווי אַן אַלט מלבוש. יאַדזשאָס ווילדע צוזאָגן וועלן זיך רויכערן ביי אים אין דמיון ווי פאַרלאָשענע דערמאָנונגען.

איסר יאַגאָדע האָט אויסגעפירט, אַז ווען מען וואַקסט אַריבער די פופציק איז געלט נישט מער ווי אַן אויסטויש־מיטל פאַר אַ מצווה. געלט ווי אַן עגל־הזהב איז אַ ווילדע חולאת. ס'איז אים געקומען אויפן זינען די מעשה מיט דעם קעניג מידאַס, וואָס האָט אויסגעבעטן ביי זיינע געצן אַז אַלץ צו וואָס ער וועט זיך צורירן, זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין גאָלד. די געצן האָבן דעם קעניג צוליב געטון. אַ הייסע בולבע אין זיין מויל איז געוואָרן אַ שטיק גאָלד און דאָס איי־גענע קינד, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס, איז געוואָרן אַ קלאָץ גאָלד.

ס'ווענדט זיך וואָס מען טוט מיט דעם ווערטפולן אויסטויש־מיטל — האָט ער געזוכט אַ זכות אויף זיין חשק צו עשירות — מיט געלט קען מען אויסקויפן ארץ־ישראל. מ'קען אונטערקויפן די ענגלישע בלאָקאַדע, וואָס פאַרשפּאַרט איצט די ימען פאַר די ייִדישע פּליטים־שיפן. מיט געלט קען מען אויסבויען נייע ישי־בות אין ניו־יאָרק און דעקן די דעפיציטן פון כשרע שפּיטאָלן.

ער האָט געטראַכט, אַז אידער ער גייט אינוועסטירן אויף דער בערזע איין פּעני, וועט ער זיך אַן עצה האַלטן פריִער מיט דער באַליידיקטער טילי. ער מוז זיין גרייט די פרינצעסין איבערצובעטן מיט אַ נייער מתנה. ער האָט אָבער באַלד

צונישט געמאַכט דעם פאַרלאַנג מיט אַ גרינגשעצנדיקן האַנט־פאַך: אַ פּרויס שכל איז געגליכן צו אַ פייער־לייטער, מ׳דאַרף עס בלויז נוצן ווי אַ רעטונגס־מיטל ביי אַ שׂרפה...

צומאָרגנס נאָכן וויזיט אין וויליאַמסבורג איז איסר יאַגאָדע אַוועק פועלן ביי דער צדקה־געזעלשאַפט זי זאָל ווידער עפענען דעם בית רמב״ם־שפּיטאָל. רייזנער האָט יענעם טאָג געהאַט אַ פּראָצעס אין געריכט און איסר יאַגאָדע האָט זיין שליחות נישט געוואָלט אָפּלייגן.

דער פּרעזידענט פון דער פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט מיסטער מילטאָן האָבער האָט אים אויפגענומען מיט דער גדלות פון אַ בעל־צדקה, וואָס טיילט פאַלשע שמייכלען אַנשטאָט עכטע מטבעות. אין זיין אָפיס זענען געזעסן נאָך אַ האַלבער מנין שתדלנים, וואָס זענען געקומען מאָנען הילף פאַר זייערע פאַר־אָרעמטע אינסטיטוציעס. דער פּרעזידענט האָט אַרויסגעשיקט זיין סעקרעטאַר. ער האָט נאָר וואָס געהאַט אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג מיט די עקזעקוטיוו־לייט און אַנשטאָט אויפצונעמען די טובה־זוכערס איינעם ביי איינעם, האָט ער די אָפּלי־קאַנטן אויסגעזעצט בציבור אַרום זיין לאַנגען געשניצטן שרייב־טיש.

ס׳האָט געדויערט עטלעכע מינוט ביז דער פּרעזידענט האָט זיך אויפגע־הויבן פון זיין שטול. ער האָט גענומען שטעלן קיילעכדיקע שפּרייזן איבערן די־וואַן און געסדרט ווערטער אויף די ליפּן. ער איז געווען אַ מיטלוווקסיקער מאַן מיט אַ בכבודיקן אויסגערונדיקטן גוף. דאָס גלאַטע פּנים איז געווען פּוכיק, ווי מ׳וואָלט עס אונטערגעבעט מיט קישעלעך. די גרוי־גרינלעכע אויגן זענען געווען ווייכע, נאָכגיביקע, אָבער די שווערע, געשטריקלטע ברעמען האָבן געוואַכט אי־בער זיי ווי שטרענגע שומרים. זיין אומבאַשטימטע עלטער האָט זיך געוויגט צווישן ניין און פערציק און זעכציק.

נאָכן אַרומקרייזן דעם דיוואַן אין דער לענג און אין דער ברייט האָט מיס־טער מילטאָן האָבער זיך געשטעלט הינטער זיין שרייב־טיש. אַרום זיינע אויס־געדרוטע ליפּן איז אויפגעלאָפן אַ גרימאַס און ס׳איז שווער געווען צו זאָגן צי ס׳איז מחמת די זאָרג פאַר קהל, אָדער צוליב אַ פאַרלאַנג זיך צו פאַרענטפערן. ער האָט סאַי ווי געזאָגט:

— די צדקה־געזעלשאַפט איז היינט געוואָרן אַ זאַמלפּונקט פאַר אַלע באַנ־קראָטירטע אינסטיטוציעס. אַלע קומען צו אונדז. אָבער זינט צדקה האָט אויפ־געהערט צו זיין אַ זאַך פון מתן בסתר, איז דאָס גאַנצע יידישע לעבן געבויט אויף הזיקות... די קאָנגרעגיישאָנס, די צענטערס, די ישיבות, די שפּיטאָלן לעבן אויף דעפיציטן... העלפן מוז מען אַלעמען, אָבער די פאָנדן זענען באַשרענקט! און אונדזערע קאָנקורענטן אַרבעטן מעשים. די ציוניסטן מיינען גוט, אָבער זיי טוען אָן שאָדן דעם היגן יידישן לעבן. מ׳זאַמלט פאַר ארץ־ישׂראל און פאַר יידישע פּליטים־שיפן, מ׳קויפט אויס אין יוראָפּ די יתומים פון די קלויסטערס און מען שמוגלט אַרויס די רעשטלעך פון די לאַגערן... ווו נעמט מען אַזויפיל? מען האָט אונדז איינגערעדט, אַז אַמעריקע איז אַ גלות. אַזאַ איינרעדעניש קען רויִנירן אונדזער לעבן. אַנשטאָט צו בויען דאָ אַ גן־עדן התחתון, וועלן מיר אַלע ווערן דעפיציטסן, פאַרצווייפלטע מענטשן. די רייכע פילאַנטראָפּן און די קליינע ביי־

שטייערער שטייען צעטומלטע... כ׳קען זיי נישט בלאַמירן, מ׳לײדיקט ביי זיי אויס די קעשענעס! כ׳וויס נישט צי כ׳דאַרף פאַר אייך זיך באַקלאָגן צי זיך פאַר־ענטפערן, רבותי! כ׳האָב גערופן פאַרשטייער פון עטלעכע אינסטיטוציעס, ווייל כ׳האָב אַ קאָלעקטיוון פאָרשלאַג...

— אַ פאָרשלאַג איז שטענדיק גוט אויסצוהערן — האָבן די שתדלנים גע־לאָזט וויסן דעם פּרעזידענט.

ביים פּרעזידענט האָט דאָס אויסגערוטע פּנים איצט אַרויפגעצויגן אַ טיי־פערן גרימאַס.

— לאָמיר אָנרופן דאָס קינד ביים נאָמען... אין אַלע אינסטיטוציעס הערשט אַ קריזיס, רבותי. מיר ווײנען אין אַ גלעזערנעם הויז און ביי אַ קריזיס מוז יעדע אינסטיטוציע זיך אָנשטרענגען איבער די כּוחות! אַלע מוזן צוערשט אויסשטרעקן די אייגענע הענט, אַלע. פון דעם העכסטן עקזעקוטיוו ביז צום פּשוטן מיטגליד. דאָס אַמעריקאַנער ווערטל: צדקה הויבט זיך אָן אין דער היים, איז נאָך אַלץ גילטיק... כ׳וויל דאָ באַקרעפטיקן מיינע רייד מיט אַ משל, רבותי! אויף דער לאַגע אין אונדזערע אינסטיטוציעס קען מען אָנווענדן די אַלטע תנ״ך־מעשה וועגן פּרעהס טאָכטער... ווער געדענקט דען נישט די מעשה, רבותי? דער חומש דער־ציילט, אַז פּרעהס טאָכטער האָט אַרויסגעצויגן פון טייך דאָס קיישל, וווּ ס׳איז געלעגן אויסגעבעט דער קליינער משה... לויט דער מעשה אין חומש, איז פּרעה געשטאַנען ביים ברעג טייך און דאָס קיישל מיט דעם קליינעם משה איז גע־שווומען אינמיטן וואַסער, ווייט אָפּגערוקט פון די פעלדזן־שטיינער. טאָ ווי קומט עס, רבותי, וואָס איר האַנט — נישט מער ווי אַ מענטשלעכע האַנט — האָט דערלאַנגט אַזוי ווייט? דערויף איז פאַראַן אַ פּירוש, אַז פּונקט דעמאָלט, ווען פּרעהס טאָכטער האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט אַרויסצושלעפּן פון טייך דעם שפּעטערדיקן לוחות־טרעגער, פּונקט דעמאָלט איז געשען אַ נס און די האַנט פון פּרעהס טאָכטער איז לענגער געוואָרן... די האַנט האָט זיך אויסגעצויגן, ז׳איז געוואָרן אַזוי לאַנג, אַז זי האָט דערלאַנגט צום קיישל, וואָס איז געשווומען אינ־מיטן וואַסער, ווייט פון ברעג...

דער פּרעזידענט האָט מיט צוויי פינגער אַ פיר געטון אַרום די ליפּן, ווי ער וואָלט אָפּגעווישט דעם פריִערדיקן גרימאַס און געזאָגט:

— דערזעלבער נס קען אויך געשען אין די אינסטיטוציעס. כ׳על דעם פאָרשלאַג מאַכן קורץ און שאַרף. איידער מ׳קומט צו דער צדקה־געזעלשאַפט, מוז מען זיך אַליין אָנשטרענגען. זאָל מען נאָר אויסשטרעקן די האַנט נאָך הילף און די האַנט וועט לענגער ווערן... מען קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן וואָס פאַראַ כּוח עס שטעקט אין אַ לאַנגער האַנט...

דער האַלבער מנין שתדלנים האָט זיך איבערגעקוקט מיט באַהאַלטענע ווינקענישן. דער משל וועגן דעם כּוח פון אַ לאַנגער האַנט האָט ביי מאַנכע אַרויסגערופן אין זכּרון אַ סדרה הלצהלעך וועגן לאַנגע הענט ביי קהלשע שיסלען. די קהל־טוער האָבן איין זאַך געוווּסט: אַז דער פּרעזידענט האָט אַ טויטע האַנט... כאָטש ס׳איז זיי געווען אָנגעזאַלצן אויפן האַרצן, זענען זיי גרייט געווען צו בלייבן

אין דעם פּרעזידענטס אָפיס און אויסהאָרכן די שטעכיקע אָנצוהערענישן פון דעם, וואָס דאַרף זייערע אינסטיטוציעס שטעלן אויף די פיס.

איסר יאַגאָדע האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ שווייגנדיקער זיך געלאָזט גיך צו דער טיר. מיסטער מילטאָן האָבער האָט דאָס באַמערקט. ער איז מיט ראַ־שיקע טריט אַפּער פון הינטערן שרייב־טיש און געוואָלט אים פאַרהאַלטן.

— איר זייט דער איינציקער, וואָס איילט זיך, מיסטער יאַגאָדע.

— כ׳בין נישט געקומען הערן קיין משלים.

— איר זייט געקומען רעדן פאַר דעם בית רמב״ם.

— איר האָט שוין די גאַנצע אינפאָרמאַציע.

— זאָגט צו די, וואָס ווילן אויפלעבן דעם בית רמב״ם־האָספּיטאַל, אַז זייער קאַמף איז פאַרשפּילט. די טענות פון דעם אַראָפּגעזעצטן פּרעזידענט, דעם אונ־גאַרישן ראַבינער דאַרף מען אָפּשיקן צו זייער אייגענעם דירעקטאָרן־ראַט. זייער פאָרזיצער אַליין האָט געריסן ביי אונדז שטיקער, מען זאָל דעם בית רמב״ם צונויפגיסן מיט אַ צווייטן האָספּיטאַל...

— אייערע הענט, הייסט עס, זענען ריין.

— כ׳וואָלט אייך געקענט אין דעם איבערצייגן. מיט דרייסיק יאָר צוריק בין איך געווען אַ פּרעזידענט פון אַ קליין שולעכל אויף דער איסד־סאַיד. כ׳האָב אויך געזאָלט אָנקומען צו פילאַנטראָפּיע. פרומע יידישקייט האָט אָנגעהויבן אַרוסצומופּן פון יענער געגנט. די ראַדיקאַלן האָבן געפּראַוועט יום־כיפּור־בעלער און איך האָב דעמאָלט געמוזט קאַרגן געלט אויף דעם ערשטן קיישל קוילן צו באַהייצן דעם מקום־קדוש... היינט, מיט דרייסיק יאָר שפּעטער, אויף אַלע יידישע אינסטיטוציעס געזאָגט געוואָרן נישט קיין ערגערער מצב ווי אין יענעם שולעכל! די ערשטע גבאים זענען פאַרשוווּנדן. די פּרעזידענטן האָבן אַ סך מאָל זיך גע־ביטן. איך אַליין בין פון דאָרט געפלויגן און ווי ר׳זעט בין איך דאָ אַ משגיח אויף פילאַנטראָפּיע... עס זענען שוין דאָרט פאַראַן קוילן, עס זענען פאַראַן מזומ־נים, איין זאַך, וואָס איז אין יענעם שולעכל נישטאָ, זענען דעפיציטן...

— צו וואָס דערציילט איר מיר אייער לעבנס־געשיכטע?

— אַ קהל־טוער קען דערפון עפּעס לערנען...

— איר זייט אַ צבועק!

איסר יאַגאָדע האָט האַסטיק געעפנט די טיר און איז אַריבער די שוועל.

דער פּרעזידענט איז אַריין נאָך אים אין קאָרידאָר. ער האָט אים נאָכגע־שיקט זיינע שטרענגע ברעמען. דאָס פוכיקע פּנים האָט אָנגעצויגן אַ רוגזה. אויף זיינע אויסגערוטע ליפּן, וואָס האָבן זיך געבלעזלט מיט צאָרן, האָט זיך געקייקלט אַ געשריי:

— דערווייל איז דער בית רמב״ם אַ מת, איר פאַרשטייט? אפשר שפּעטער וועט מען דעם האָספּיטאַל מחיה מתים זיין. היינט, ווייל איך ר׳זאָלט וויסן, איז דער הייל־אַנשטאַלט אַ מת... און וואָס איז אַ מת אין ניו־יאָרק? אַ מענטש, וואָס ווערט פון קיינעם נישט באַוויינט, אויסער דורך דער אינשורענס קאָמפּאַני...

— 2 —

ווען איסר יאַגאָדע איז נאָכמיטאָג אָנגעקומען אויף וואָל־סטריט, האָט ער ביים אַריינגאַנג פון דער בערזע אומגעריכט געטראָפן זיין אַלטן לאַנדסמאַן יואל באַלזאַם. ער איז געשטאַנען אויף די טרעפּ פון דער בערזע־געביידע, ביי דעם ניו־יאָרקער סטאַק־עקסטשעינדזש־הויז און אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג. פון פרייד האָט איסר יאַגאָדע געוואָלט אים באַגריסן מיט אַ פּלייצע־קלאַפּעניש. אָבער אין דער ערשטער רגע האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער מאַכט אַ טעות. דער שווערער, אָנגעקרעפּטער יואל באַלזאַם איז איצט געווען אָפּגעצערט אויף אַ העלפט, די געלע שנירלעך האָר וואָס זענען אים תמיד געקראָכן ביזן האַלדז, זענען געווען גלאַטיק אונטערגעשוירן. די שאַרפע, גרינע אויגן האָבן מילד אַפּער־געבליקט פון הינטער אַ פּאָר געשליפענע גלעזלעך אויף אַ דין קייטעלע, די גע־דיכטע מאָן־שפּרינקעלעך זענען געווען כמעט אויסגעווישט פון פנים, דאָס אָנ־טועכץ איז אויף אים געלעגן געפּאַסט און געפּרעסט ווי ביי אַ יונגערמאַנטשיק.

איסר יאַגאָדע איז אַרויף אַ פּאָר טרעפּ און חשק געהאַט הינטערווײַלעכץ אים אַ כאַפּ צו טון ביי אַן אָרעם, אָבער דער לאַנדסמאַן האָט אים פריִער באַ־מערקט און איז אַן איבעראַשטער אים אַקעגן געגאַנגען.

— איסר יאַגאָדע! אָסור צי כ׳גלויב מיינע אויגן! דאָ ביי דער טיר פון דער בערזע? און נאָך מיט אַ בכבודיק רעוורענד־בערדל דערצו! ווען האָב איך דיך ס׳לעצטע מאָל געזען? ווען דו האָסט באַשלאָסן צו ווערן אויס שדכן, וואָס? ס׳אַ מעשה פון צוויי יאָר! אַבי מ׳זאָגט אַמעריקע האַלט זיך אויף לאַנדסלייט! אַזאַ אָפּגעפרעמדטקייט! דערצייל מיר נישט, אַז דו ביזט נישט געקומען אַהער קויפן אַ פּאָר הולכלעך...

איסר יאַגאָדען האָט הנאה געטון פון דער באַגריסונג, ער האָט אַ שמייכל־דיקער גענומען בלאָזן מיט די ברייטע ליפּן.

— יואל! יואל! כ׳שטיי און כ׳באַטראַכט דיך, הזאת נעמי? זעסט אויס ווי וואָלסט געווען איינער פון די פיר הונדערט... איך האָב דאָ טאַקע פאַרבלאָנ־דזשעט. ס׳אַלרייט, ווילסט עס אָפּלייקענען? איז עס דיין פאַרגעניגן! אָבער קוק נאָר אָן דיין אייגענעם געשטעלן! דיין הילוך! כ׳זע דו ביזט אויך אַוועק פון די כלי־קודש. כ׳האָב אַ חשד, אַז ביזט אַ בן־בית אויפן סטאַק־מאַרקעט. ס׳אַלרייט מיט מיר... וואָס הייסט דאָס ביי דיר הולכלעך?

— ס׳איז דאָ ווענגן דעם אַ סך צו רעדן, איסר. כ׳על דיר ענטפערן על ראשון ראשון, ס׳איבעריקע וועסטו אַליין כאַפּן... אָבער נישט דאָ אויף דער טרעפּ, ס׳אַ קליין שטעטל ניו־יאָרק, וואָס? די זון הייצט אַ מחיה! קום, מירן אַריינגיין כאַפּן אַ טעפּל קאַפּע! יאָ, כ׳בין אויך געוואָרן אַ מורד במלכות און בין אַוועק פון די כלי־קודש. ס׳איז די מעשה מיט יענעם שמש, וואָס האָט נישט געקענט זיך אונטערשרייבן... כ׳האָב נישט געטויגט פאַר אַ סעקרעטאַר אין אונדזער פאַריין, כ׳בין געווען אַ שלעכטער אַריינשרייבער אין די ביכער, האָט מען מיך משלח

געווען... וואָלט איך געבליבן אַ גוטער בוכהאַלטער, וואָלט איך היינט אַלץ גע־ווען זייער סעקרעטאַר...

— וואָס איז מיט די הולכלעך?

— הולכלעך מיינט בלשון באַנקירן: גוטע סטאָקלעך, שערס. אויפן היימישן לשון הייסט עס אַקציעס... אָבער הולכלעך מוזן זיין גליטשיק ווי זייף, אויסגע־שמירט מיט בוימאייל... ס׳מוז דערפון רינען אַזויפיל פעטס, אַז ס׳זאָל זיך צוקלעפּן ס׳עשירות צו די פינגער... אַז דו וועסט זיך לאָזן איבערעדן, וועל איך מער דערציילן... וואָס איז זיך ביי דיר פאַרלאָפן דורך די פּאָר יאָר? אַז דו ביזט אַן עוסק בצרכי ציבור, ווייס איך. כ׳האָב אויך געהערט, אַז דו ביזט אַ פרוש, מיט רייטשלען איז טאַקע אויס?

— וועגן דעם וועט מען רעדן שפּעטער. מיך אינטערעסירן דיינע הולכ־לעך...

זיי זענען אַראָפּ פון די טרעפּ.

דער הימל איז געווען פאַרצויגן מיט דינע וואָלקנדלעך, אָבער די בליאַס־קענדיקע זון האָט זיי צעריסן ווי שפּינוועבס. ליכטיקע שטרייפן ווי סנאָפּעס גאָלד האָבן אָפּגעגאָסן די קאַרניזן און דעכער פון די אויסגעצויגענע בנינים, וואָס זענען געשטאַנען פאַרשפּיצטע ווי אָבעליסקן. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ ברוינ־לעך־גרויע געביידע מיט טיפע אַרקאַדן. איסר יאַגאָדע האָט אַרויפגעקוקט צום טורעם פון דער „באַנקירן טראַסט קאָמפּאַני". ער האָט מיט אַן אויג־פּינטל גע־קענט איבערציילן די דרייסיק שטאָק. די געגנט איז אים נישט געווען פרעמד. באַלד נאָך דער חתונה מיט רייטשלען פלעגט ער דאָ אַראָפּקומען אַ פּאָר מאָל אַ וואָך. רייטשל האָט געהאַט פּלענער און אים האָט זי געשיקט אויסשפּירן די ווערט פון אַקציעס וואָס מ׳צאָלט פאַר שטאָל און אויל. אָבער, אַז ס׳איז געקומען אַריינצובראָקן מזומנים, האָט זי נישט געוואָלט אָנרירן דאָס קניפּל.

די יידענע האָט אים נישט פאַרגינען און אַליין אויך פאַרשפּילט אַלע גע־לעגנהייטן. ער האָט גוט געדענקט, אַז דאָס מאַרגאַן־הויז, וואָס האָט אַ שם איבער דער וועלט, געפינט זיך דאָ אויפן ווינקל־גאַס און באַלד דערנעבן ציט זיך דאָס זיבעציק־שטאָקיקע געביי פון דער מאַנהעטן־קאָמפּאַני. ס׳איז אים אויסגעקומען אויסטערליש, וואָס יואל באַלזאַם פירט אים איצט אָנקוקן די גאָלד־גראָבענס, וואָס זענען איינגעוויקלט אין שטיינערנע מויערן.

יואל באַלזאַם האָט גדלותדיק אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו די געביידעס, ווי ער וואָלט אויף די בנינים געהאַט זיינע היפּאָטעקן (מאָרטגעידזשעס).

— דאָ ליגט דאָס רייכטום פון דער וועלט, איסר. ס׳האָט מיר גענומען דרייסיק יאָר ביז כ׳בין דערגאַנגען, אַז אין דער שטאָט איז פאַראַן אַזויפיל עשירות! כ׳בין אַביסל הינטערשטעליק איסר, אָבער גלויב מיר, מ׳דאַרף בלויז אויסשטרעקן די הענט און געניסן פון דעם ווילשטאַנד. די שונאים פון אַמע־ריקע זענען גערעכט. אויף וואָל־סטריט רינט דאָס גאָלד פון דער וועלט! און מיר, די אייגנטימער פון ווערט־פּאַפּירן, זענען די אַלכעמיקער... קיין אונטער־שייד ווער ס׳איז דער שטאָט־טאַטע. קיין מעיאָר קען נישט ענדערן ניו־יאָרק. אַהער רייסט מען זיך פון דער גאַנצער וועלט. און מיינסט, אַז בלויז די געלט־

זעק? כ׳הער ,אַז די יו־ען, די פֿאַרייניקטע פֿעלקער, דאָס וואַנדערנדיקע געוויסן פֿון אַלע מלוכות גייט דאָ אויך אויסבויען איר היים.

— האָסט אָפּגעלעבט אין דעם כרך דרייסיק יאָר און נישט געוווּסט וואָס דו פֿאַרמאָגסט, יואל?

— כ׳האָב ערשט געעפֿנט די אויגן, איסר. ביים פּירן די ביכער אין אגודת המוהלים האָב איך געזען קליינע ציפֿערן. דאָ שווינדלט פֿאַר די אויגן... וואַרט, מירן אַריינגיין אינעווייניק אין דער בערזע. וועסט אָנקוקן אַ געפֿילדער. ווער בין איך דען? נישט מער ווי אַ וועוויאָרקע! וועסט זען די אמתע גאָלד־זוכערס, די סטאָק־הענדלערס, די צוקונפֿט־מיליאָנערן. ס׳שאַדט נישט אָנצוקוקן די קאָרפּן־קעפּ... ווילסט גאָרנישט וויסן וועגן מיינע בנים, איסר? דריי זענען אין ביזנעס. דער יונגסטער דינט ביים אָנקל סעם. האָסט אַפֿילו נישט געפֿרעגט אויף מיין טאָכטער עטל... אַז מ׳וויס נישט פֿון וואָס פֿרי:ער צו פֿרעגן! ווער, מיינסטו, האָט מיך אַריינגעצויגן אין די ביזנעס? עטלס מאַן, אוירווינג! אין מיין איידעם האָב איך זיך אָסור נישט אָפּגענאַרט. און, אָן אונדזער ביידנס שאָדן, אויף אַלע אַנטלאָפֿענע שדכנים געזאָגט געוואָרן...

— ס׳איז דיר גוט אויפֿן האַרצן, יואל.

— מ׳קען טייטשן אַהין און אַהער. קיין טראָבל מיט מיינע משפּחה־לייט האָב איך נישט. זיי זענען גוט אָפּ און כ׳הער נישט פֿון קיין מחלוקתן... מיין נישט, אַז זיי זענען פֿאַרקאָכט בלויז אין דעם טאָלער. די ישיבה־יאָרן האָבן מיינע בנים אָסור פֿאַרשאַדט. זיי זענען בקי אין די קליינע אותיות... מ׳טוט עפּעס פֿאַרן פֿאָלק. אין יעדן קינד קלאַפּט דער יידישער אָדער! ווייסט דאָך מן־הסתם, וואָס עס טוט זיך איצט אויף די ימען? יידישע שיפֿן שלאָגן זיך מיט דעם ענגלישן פֿלאָט! מ׳שמוגלט איצט פֿליכטלינגען קיין ארץ־ישראל. מיין איידעם האָט אַ האַנט אין דעם. שיינע צייטן דערלעבט! מ׳דאַרף בעטן ביי די ענגלענדער אַ דערלויבעניש צו ראַטעווען די נשרפֿים פֿון היטלערס לאַגערן! ווער קען וויסן, ווי ס׳וועט זיך אויסשפּילן?

— ס׳איז גוט וואָס דיין האַרץ איז אָפֿן פֿאַר יידישע צרות, יואל... אָבער דאָס איז נישט קיין נייעס פֿאַר אַן עסקן. דו האָסט נאָך קיין וואָרט נישט דער־ציילט וועגן דיינע דערפֿאָלגן אויף וואָל־סטריט. זאָג מיר, ביזטו שטענדיק אַ פֿאַרדינער צי אַ פֿאַרלירער?

— דאָס ווענדט זיך ווי מען שטעלט איין ביי די אַקציעס. ס׳איז נישט קיין גרויסע תורה, איסר. מ׳האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז וואָל־סטריט איז אַ געמבלערײַ־פּלאַץ ערגער ווי ס׳געוועט אויף פֿערדלעך... אויב איינער פֿאַרלירט ביים קויפֿן סטאָקס, איז עס דערפֿאַר, וואָס ערט נישט נאָכגעקוקט דעם רעקאָרד פֿון די קאָרפּאָראַציעס, אָדער ער האָט גאָר געקויפֿט אויף „מאַרדזשין״, כ׳מיין, ער האָט אַריינגעלייגט בלויז אַ קליינעם חלק געלט און ס׳איבעריקע צוגעבאָרגט ביי דעם בערזע־מעקלער... אַזאַ איינער קען נישט אויסהאַלטן ביים מינדסטן בלאָז פֿון אַ ווינטעלע. ס׳איז דאָך אַן אייביקער עולים ויורדים... די פּרייזן שטייגן און פֿאַלן ווי די אויבערפֿלאַך פֿון אַ טייך.

— ביזטו שוין אַמאָל געווען אַ בעל־חוב ביי געפֿאַלענע סטאָקס?

— איך ריזיקיר נישט מיט געבאָרגט געלט! ווייסט דאָך, די בערן אויף וואָל־סטריט האָבן אָפּט חשק אַ שאָקל צו טון מיט די שפּעלעך... ס׳איז דעמאָלט דער אמתער תשליך... ס׳בלייבט קיין קרישקע אין די קעשענעס... אָבער איך שפּרינג קיינמאָל נישט צו הויך... כ׳האָב שוואַכע פּיס! כ׳אַנטלויף פון די „שוואַרצע פרייטיקס“...

— 3 —

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ בופעט־רעסטאָראַן מיט ברייטע, אויסגעוואַקסענע שויבן. יואל באַלזאַם האָט אַ שטופּ־געטון איסר יאַגאָדען פאַרויס דורך דער פליגל־טיר און איז אים נאָכגעגאַנגען. אינעווייניק האָבן זיי זיך צוגעזעצט צום ערשטן, זייטיקן טישל. ס׳איז צוגעקומען אַ פלאַטערדיקע, העל מיידל אין אַ בלוי פאַרטוכל. איר בלאָנדער האָר־קאָלטון איז געווען פאַרצויגן מיט אַ פרישן טוי־גלאַנץ און ס׳האָט פון זיי געבלאָזן מיט אַ ווייכן פעלד־ריח. די קעלנערקע האָט צוגעטראָגן די געסט צוערשט אירע לאַכעדיקע אויגן, דערנאָך די מעניו־קאַרטע.

באַלזאַם האָט געוואָלט באַשטעלן פון דעם שפּייז־צעטל, אָבער איסר יאַגאָדע האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום בופעט עפּעס אָפּצוקלייבן. הינטער די פאַרגלאָזטע שענקלעך און פּאָליצעס זענען געשטאַנען פולע שיסלען מיט פליישן, געפּרעגלטע פיש, שפּאַנישע אָמלעטן, פערטעלעך עוף. אַלץ האָט זיך געוויקלט אין יויך און אין בראָטעכץ. פון הויכע, גלעזערנע בעכערס האָבן אַרויסגעלויכטן קאָלירטע פרוכט־קאָקטיילס. אויף ברייטע טעלערס זענען געווען אָנגעהויפט רויטע, גלימשיקע ראַקעס, אויסטערס, שרימפּס און גרינס־סאַלאַטן. אַלע טעפּ און שיסלען זענען געווען אונטערגעבעט מיט צעקרישלטן אייז. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די געפּרעגלטע מאכלים. דאָס האַרץ האָט געחלשט, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין דיעטע.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די בעקנס מיט געשיילטע אייער און קלאָשן מיט געבעקס, פון אַלע שפּייזן האָט ער געהייסן זיך דערלאַנגען אַ טעפּל קאַווע מיט אַ מאָן־בייגל. יואל באַלזאַם איז געבליבן ביים טישל און זיך געלאָזט באַדינען פון דער בלאָנדער קעלנערקע. זיין אויסוואַל איז געווען אַ שיסעלע שמאַנט־קרעם מיט קעז און געטריקנט וויס ברויט.

ביידע האָבן אַ רגע געגעסן און געשוויגן. נאָך די ערשטע פּאָר ביס האָט יואל באַלזאַם זיך אָנגערופן:

— אַ פאָרוואורף פאַרדינסטו סאַי ווי, איסר... נאָר כ׳ווייס אָסור פאַרוואָס איך טו דיך שוינען... אונדזערע צוזאַמענטרעפן זענען אַזוינע זעלטענע, ווי מיר וואָלטן געווען דם שונאים! אַ מענטש זאָל נישט אַמאָל אַ נעם טון דעם טעלעפאָן און אָפּרופן... ביי מיר בלייבסטו אַלץ אַ רעטעניש! כ׳ווייס מער וואָס עס טוט זיך ביים פּרעזידענט אויף דער יאַכט־שיף ווי ביי דיר אין הויז. וואָס איז דער אמת מיט רייטשלען? זי איז טאַקע געכאַפּט ביי יענער קראַנקייט? און איר ברודער, דער פּראָפעסאָר קען זי נישט אויסקורירן?

— רייטשל איז פאַרגעסן ווי דער פאַראַיאָריקער אסתר־תענית... לאָמיר רעדן וועגן זאַכן, וואָס ברענגען פאַרגעניגן.

— כ׳האָב אַ חשד, אַז דו ביזט אַן אײנזאַמער מענטש, איסר. ביזט זיך אַנ־געלאָפן מער ווי אַ האַלב לעבן און ווו האָסטו זיך אָפּגעשטעלט?

— אַ מענטשנס סטאַנציע ווענדט זיך אָן דעם, אויף וועלכן לויפנדיקן צוג ער כאַפּט זיך אַרויף... איך האָב גענומען דעם שלעכטן צוג, יואל, און כ׳האָב געפינען אַ שלעכטן פּאַסאַזשיר...

— לאָמיר נישט רעדן מיט משלים. ווי האַלטסטו איצט? קהלשער גערודער איז איין זאַך און אַביסל היימלעכקייט אין אײגענעם ווינקל איז אַ צווייטע זאַך. ביזט געבראָכן? ברויכסט אַביסל געלט?

— אַזוי שלעכט האַלט עס נישט. ווען כ׳דאַרף ביי דיר אַ גמילת־חסד, וואָלט איך דיך אָפּגעזוכט אין דער היים. אונדזער באַגעגעניש היינט איז הוילער צו־פאַל... נישט געפערלעך, יואל. כ׳האָב אויך אַ שטיקל באַנק־קאָנטאָ.

— כ׳קען דיך אַלץ נישט תופס זיין, איסר. מיט דעם קמצל זעסטו אויס ווי אַ היימישער דאַזאַר! וואָס טוסטו פּאַרט אויף וואָל־סטריט? ביי מאָרגאַנס הויז שטייען נישט קיין בענק, ווו מ׳זעצט זיך שעפּן פרישע לופט... אויב ביזט געקו־מען אַהער קאָרמענען טויבן, געפינסטו זיי אויף יוניאָן־סקווער אַ סך מער!

— כ׳על זיך מודה זיין פאַר דיר. כ׳בין געקומען אַהער שנאַפּן. דער יצר־הרע שטופּט מיך צו זוכן עשירות. אַ באַקאַנטער לאַיער האָט מיך צוגערעדט.. לויט זיין רעצעפּט איז וואָל־סטריט נישט קיין געיעג נאָך פאַרדינסטלעך, נאָר אַ צעשטרייאונג. און אַ פאַרגעניגן פּונקט ווי שאַך־שפּיל... פאַר מיר דאַרף עס זיין אַ סגולה פּטור צו ווערן פון ווייבערישן טשאַד און פון מאַנסבילישער לייכט־זיניקייט.

ביי יואל באַלזאַמען זענען די אויסגעווישטע געלבע שפּרינקעלעך אַרויס־געקראָכן פון אונטער דער הויט און זיך אויסגעשאָטן איבער די באַקן ווי מאָן. אין די גרינע אויגן הינטער די ברילן־שייבלעך האָבן אויפגעלויכטן אַלטע פלעמלעך.

— דאָס איז נייעס, איסר. ביזט אַריין אין די בחורישע שיך און ס׳האָט אין דיר אויפגעפלאַמט דער כח גברא! מיר זענעןביידע נישט קיין יינגלעך און כ׳נעם זיך ס׳רעכט דיך צו פרעגן, צי ס׳איז נישט צו שפּעט פאַר דיר אַרומצו־שפּאַסן? ווייבערישע שטיפעריען זענען ווי פאַלשע פּערל. אַ גרוש און אַן אלמן דאַרפן זיך היטן דערפון ווי פון פייער, כאָטש ביי טייל מאַנסבילן איז דאָס אַ טאָניק, וואָס דערהאַלט זיי ביים לעבן.

— כ׳בין אין אַ קלעם, יואל. כ׳האָב צו טון מיט צוויי מוידן. כ׳האָב קיין איינער גאָרנישט צוגעזאָגט, אָבער ביידע זענען אײפערזיכטיק, דם שונאים.

— שווער צו געבן עצות, אײדער מ׳קוקט אָן די סחורה. כ׳קען נישט דיין באַנק־ראָל און כ׳ווייס נישט צי די מוידן זוכן אַ „שוגאַר דעדי״, כ׳מיין אַ יאָלד מיט סטענגעס... אויב זיי זענען גאָלד־גרעבערינס, היט זיך פאַר זיי, איסר! ווייל וואָס איז אַ גאָלד־גרעבערין? אַ מיידל, וואָס ווייס נישט בלויז ווו צו גראָבן, נאָר

אויך וועמען צו באַגראָבן... בעסער שוין צו האַנדלען מיט אַ כלה, כאָטש דאָס איז אַ מיידל, וואָס מאַכט פּראָבע ווי צו לעבן אויפן מאַנס איינקונפט...

— ביזט נאָך אַלץ דער פריילעכער לונג־און־לעבער, יואל! אָבער דאָסמאָל מאַכסטו אַ טעות. אויב גראָבן גאָלד, וועל איך האַלטן די לאָפּעטע... כ׳על דיר זאָגן דעם אמת וועגן די צוויי פּרויען. איינע האָט אַ פּעט קניפּל און אויף דער צווייטער וואַרט אַ ירושה.

— ביזט אַ גוטער בעל־חשבון, איסר. די צרה איז נאָר וואָס ביידע ווייבער דיינע לויפן באַצייטנס אין אַ קאָנטעסט... דאָס געיעג נאָך געווינסן איז אַלט ווי די וועלט! מיינסט, אַז דער ווייבערישער קאָנטעסט האָט זיך אָנגעהויבן אין האָליוווד? ס׳אַן איינרעדעניש! ס׳האָט זיך אָנגעהויבן באַלד ווי די צווייטע פּרוי נאָך חוהן איז געקומען אויף דער וועלט. שיין דערלעבט, איסר! מירן באַלד ווערן צוויי אַלטע יידן און וואָס איז פון אונדז געוואָרן? אַנטלאָפן פון כלי־קודש און איצט זיצן מיר ווי צעבאַלעוועטע בחורים און רעדן שקאָצישע רייד. כ׳וועל זיך נאָך מיט דיינע כלות באַקענען, איסר, אָבער כ׳וויל זאָלסט היינט עפּעס איינ־פּעדימען אויף וואָל־סטריט...

— ווילסט מיך זען אַן אָפּגעשונדענעם?

— כ׳רעד קיינעם נישט צו, ער זאָל האַנדלען, איסר. אָבער סטאָקס זענען נישט ערגער ווי דער מסחר מיט וואָל, צוקער, ווייץ אָדער הייזער. ריעל עסטייט איז כשר? פאַרוואָס זענען אַקציעס טריף? מ׳דאַרף נאָר איינהאַנדלען די ריכטיקע הולכלעך! אויסער געלט איז נויטיק אַביסל מזל, אָבער שכל און באַרעכנטקייט איז וויכטיקער פאַר אַלץ... קום אַריין אין סטאָק־עקסטשעינדזש! וועסט נעמען אַ שפּאַציר אין דער גאָלד־גרוב... וועסט זיך אַליין אַרומזען ווי אַרעמקייט שטייגט און עשירות פאַלט. ס׳איז דער אמתער מקימי מעפר דל... אַקציעס קלעטערן ביז צום הימל און באַלד פאַלן זיי אין תהום. און אַלץ דרייט זיך כהרף־עין, ווי אויף אַ וויקל־ראָד...

קאַפּיטל צוויי און פערציק

— 1 —

זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס. שטרייפן זון ווי אָפּגעשיילטע פּאַסן גאָלד זענען געהאַנגען איבער די קאַנטן פון די גרוילעכע מויערן. ביי אַ גלאַנציקער מאַרמאָר־וואַנט, אין טיפע שויפענצטער זענען געווען אויסגעשטעלט קאָלירטע רעקלאַמע־שילדלעך, וואָס האָבן גערופן די בירגער צו שפּאָרן געלט און דאָס אָפּגעשפּאָרטע אַריינלייגן אין די בענק. די באַמאָלענע טאָוולען האָבן געוויזן אַן אויטאָמאָביל, אַ הייזקע, אַ פאַרם, אַ רייזע אויף אַ שיף — אַלע פאַרגעניגנס, וואָס עס קען זיך איינשאַפן יעדער באַרעכנטער, שפּאָרזאַמער בירגער.

איסר יאַגאָדע האָט אַ רגע זיך פאַרהאַלטן פאַר אַ שויפענצטער. קיינמאָל פריער האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר די באַנק־שילדלעך. איצט האָט זיין

אויג געגאָפּט אויף אַ פאַרביקן טאָוול, וואָס האָט פאַרגעשטעלט ווי אַ ציכטיק־געקליידט ייִנגל מיט ראָזע בעקלעך דערלאַנגט זיין פאָטער זיין ערשטן באַנק־ביכל, טאַטע און זון קוקן זיך איבער, זייערע אויגן לויכטן, די פּנימער שטראַלן און דער גליקלעכער טאַטע קלאַפּט נחתדיק זיין ייִנגל אויף דער פּלייצע: „שטעלסט די ריכטיקע טריט אין לעבן, מיין זון!״.

אַ שמייכל האָט זיך געגליטשט איבער איסר יאַגאָדעס פּנים. ס׳וואַקסט אַ דור! דאָס איז דער מוסטער פון אַלע געראָטענע קינדער אין לאַנד. צו זיבן יאָר לייגט שוין דער תכשיט געלט אין באַנק אַריין און פון אַלע ביכער האָט ער צו־מיינסטן ליב דאָס באַנק־ביכל... ער האָט געוואָלט דעם שפּאַסיקן איינפאַל איבער־געבן זיין באַגלייטער, אָבער יואל באַלזאַם האָט אים איצט אָנגעוויזן אויפן אַריינגאַנג פון דער בערזע.

די געביידע איז געווען אַן איינפאַכע. דער בנין האָט אַפילו נישט אויסגעזען ווי אַ באַנק־הויז. קיין זיילן זענען נישט געשטאַנען אין פראָנט און אָרנאַמענטן האָבן נישט באַצירט די ווענט. אינעווייניק האָט דאָס געביי אויסגעזען ווי אַ ביזנעס־הויז מיט פילדערנדיקע קאַנצעלאַריעס און ביוראָס. יואל באַלזאַם האָט אים פאַרבייגעפירט אין אַ גרויסן זאַל, וואָס איז געווען צעטיילט מיט ווענטלעך און פענצטערלעך. הינטער יעדן פענצטערל איז געשטאַנען אַ שרייב־טיש און אַ שטאָלענע שאַפע מיט שווערע שופלאָדן. אין די שויבן־ראַמען האָבן זיך אַרויס־געזען נערוועזע קעפּ פון אַגענטן, בוכהאַלטערס, פאַרמיטלערס. זיי האָבן פאַרצייכנט אין ביכער, געקלינגען אין טעלעפאָנען און דיקטירט זייערע סעקרעטאַרקעס.

ביים אַריינגאַנג אין צווייטן זאַל איז געשטאַנען אַ פעסטגעבויטע, רויטבאַ־קיקע פרוי מיט מאַנסבילישע פּלייצעס. זי האָט געהאַט אַ ווייסע טאַשמע אין די געלבע האָר און גרויסע, רייפן־רינגען אין די אויערן. פונדערווייטנס האָט זי באַגריסט באַלזאַמען מיט אַ שמייכל.

יואל באַלזאַם האָט איינגערוימט איסר יאַגאָדען:

— דאָס איז מיין אַגענטקע, אַן איירישע גויע... כ׳על זי נישט פאַרטוישן פאַר צען זכרים מעקלערס. זי איז דורכגעטריבן און האָט אַ נאָז, וואָס דער־שנאַפּט אויף מיילן פאַרויס. זי קען אונטערזאָגן צו קויפן אַ סטאָק מיט אַ חודש פריִער, איידער דער פּרייז גייט אַרויף...

— זי איז דיין ראַטגעבערין?

— כ׳האָב אין איר קיין מאָל זיך נישט געגאַרט.

די פעסטגעבויטע פרוי האָט זיך דערנענטערט. באַלזאַם האָט אָנגעוויזן אויף זיין באַגלייטער.

— כ׳האָב געבראַכט אַ גאַסט. באַקענט זיך: מיסטער יאַגאָדע! מיס מעק׳־קלאַרק!

די פרוי האָט געשמייכלט מיט אירע בלישטשענדיקע ציין. זי האָט מיט געניטשאַפט באַטראַכט יאַגאָדען.

— אַ באַזוכער איז שטענדיק ווילקאָמען. יעדער גאַסט איז אַ פּאָטענציעלער סטאָק־קויפער. דער מאַרקעט איז איצט אין פולן ברען. מ׳צעכאַפּט אוראַניום און שטאָל... פּירט בעסער אַרויף אייער גאַסט אויף דער גאַלעריע! היינט איז

דער טאָג פון וויזיטן, מען ווייזט אויפן פילם ווי ס'האָבן אויסגעזען די ערשטע טראַנזאַקציעס מיט הונדערט און פופציק יאָר צוריק.

זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם צווייטן זאַל און אַרויסגעקומען אין אַ ברייטן קאָרידאָר מיט אַרקאַדן. איבער געדרייטע, פּלאַטשיקע טרעפּ זענען זיי אַרויף אויף דער גאַלעריע. זיי זענען אַריין אין אַ פאַרמאַכטן האָל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קליין טעאַטערל. אין געדיכטע רייען מיט שטולן זענען געזעסן מענער און פרויען און געשפּאַנטע געקוקט אויף אַ גרויסן לייוונט איבער דער וואַנט. מען האָט אָפּנים געהאַלטן ביים ווייזן אַ שטומען פילם־בילד. ווי נאָר איסר יאַגאָדע מיט באַלזאַמען האָבן פאַרנומען פּלעצער, איז דאָס ליכט פאַרלאָשן געוואָרן.

ס'האָט זיך דערהערט דאָס געררויש פון אַ פילם־פּראָזשעקטאָר. אויפן לייוונט האָט אויפגעלויכטן אַ דאָרף מיט קליינע כאַטקעס.ביימער און קזשאַקעס האָבן זיך געצויגן לענגאויס איבער די וועגן. אַ פאַרמער האָט פאַרבייגעפירט אַ פּאָר קי. אַ פאַרמאַכטער אָבאָז־וואָגן איז אָנגעפאָרן פון אַ זייטיקער סטעזשקע. הינ־טער אַ דיקן בוים מיט אָפּגעשונדענע צווייגן איז געשטאַנען אַ הייפל מענער אין הויכע צילינדער־היט מיט געשטרייפטע הויזן. זיי האָבן געהאַלטן די מיילער אָפן, די הענט צענומען ווי פאַרצייטיקע סוחרים, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט דורכצו־פירן אַ האַנדל. אַן איבערשריפט אויפן לייוונט האָט אָנגעזאָגט, אַז די פּאַסירונג קומט פאָר אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1792.

באַלד האָט אַ ברוסטיקע שטים פון אַ הילכער אַרויס דערציילט, אַז הינטער יענעם בוים איז דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע טראַנזאַקציע פון ווערט־פּאַפּירן. ס'איז געווען דריי יאָר נאָך דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט געדאַרפט געלט צו באַצאָלן די מלחמה־חובות, האָט ער אויטאָריזירט דעם פאַרקויף פון ווערט־פּאַפּירן פאַר אַכט מיליאָן דאָלאַר דורך בענק און פאַרזיכע־רונגס־געזעלשאַפטן. די ניו־יאָרקער אייגוווינער האָבן נישט געטרויט די בענק, נישט גרייט געווען איינצושטעלן אַ פּעני אין די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן און זיי האָבן כאַפּ־לאַפּ אָפּגעפּאַרטיקט דעם האַנדל אונטערן שאָטן פון בוים. אַרום יענעם בוים איז שפּעטער אויסגעבויט געוואָרן דער ניו־יאָרקער סטאַק־עקסטשעינדזש.

ווען ס'איז ליכטיק געוואָרן אין דעם קליינעם זאַל, האָט איסר יאַגאָדע זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט. נאָכגייענדיק באַלזאַמען איבער די טרעפּ, האָט ער פּרובירט אויפן קאַפּ אויסצוחשבונען די ווערט פון דעם שמאָלן ניו־יאָרקער געסל וואָל־סטריט, וואָס קאָנטראָלירט נישט בלויז די נאַטור־רייכטימער פון אַמעריקע, נאָר אויך די אינדוסטריעס פון אַנדערע לענדער.

דורך יענע ערשטע סוחרים אין די צילינדער־היט אונטערן אָפּגעשונדענעם בוים זענען שפּעטער אויסגעבויט געוואָרן די ערשטע מאַשינען־פאַבריקן. ס'זע־נען אויסגעגראָבן געוואָרן אויל־קוואַלן. ס'זענען געעפנט געוואָרן קוילן־גראָבנס. די ערד האָט מען דורכגעאָדערט. נעצן מיט באַנען אויף טויזנטער מיילן זענען אויסגעשפּרייט געוואָרן. בערג האָט מען אָפּגערוקט. טייכן האָט מען איינגעצוימט און גאָלד־מינעס זענען אויפגעשטאָכן געוואָרן. היינט זענען ווערט־פּאַפּירן עובר לסוחר. יעדן טאָג בראַקט מען אַריין נייע אינוועסטירונגען. מען בויט אינדוס־

טריעס און מען שעפּט אויס דאָס עשירות פון דער ערד, מען מאַכט אַנטדעקונגען, וואָס קענען ווערן אַ ברכה אָדער אַ קללה פאַר דער וועלט. די בערזע קאָכט ווי ס׳קאָכן די קעסלען פון גהינום. די אַקציע־הענדלערס קריכן זיך איינס ס׳אַנדערע אין די העלדזער. דאָס געפילדער פון הימל און ערד הויערט צווישן די ווענט און ווי פּאַסט זיך ער, איסר, דאָ אַריין?

— 2 —

יואל באַלזאַם האָט געפירט זיין באַגלייטער פון איין זאַל אין צווייטן. ער האָט געשטעלט פלינקע טריט, ווי ער וואָלט געווען אין גרויס איילעניש אים צו ווייזן די געדרייטע וועגעלעך צו די גאָלד־גרובן.

ביי דער טרעפּ האָט איסר יאַגאָדע זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קורצזיכטיקן מאַן, וואָס האָט געקוקט דורך אַ בינאָקל אויף אַ טאַבעלע מיט ציפערן. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, אָבער דער מאַן האָט אים בייז נאָכגעקוקט, ווי ער וואָלט אים אָפּגעטרעטן די הינער־אויגן.

פאַרן פאָרענטש איז געשטאַנען אַ בלאָס, בויגעוודיק מיידל אין אַ בלויען קאָסטיום מיט אַ ברייטער, לויכטנדיקער שלייף אין די צעפּאַליעטע האָר און אויסגעטיילט בערזע־בולעטינען. ביי איסר יאַגאָדען האָט דאָס מיידל געקענט גילטן סאַי פאַר אַ קאָלעדזש־סטודענטקע, סאַי פאַר אַ קראַנקן־שוועסטער, אָבער נישט פאַר איינע, וואָס דערלאַנגט לאָפּעטעס צו די גאָלד־גרעבערס.

זיי האָבן זיך געהויבן איבער די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דער העכס־טער גאַלעריע. פון אויבן איז זיי אָקעגן געקומען די פעסטגעבויטע פרוי מיט די מאַנסבילישע פּלייצעס, דאָס רויטבאַקיקע פּנים אירס האָט ווידער געלויכטן. די רייפן־אויערינגען האָבן זיך געבאַמבלט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און געשמייכלט צו איסר יאַגאָדען מיט אַ שמייכל, וואָס איז געווען אי געשעפטסמעסיק, אי קאָ־קעטיש.

— מ׳קען דאָ עפּעס לערנען, יעס סער. כ׳ווייס נישט צי אייער פריינט האָט אייך דערציילט, אָבער ס׳איז גוט צו וויסן, אַז דריי טויזנט פירמעס איבערן לאַנד פירן דורך טראַנזאַקציעס פאַר וואָל־סטריט ווי גוטע אַגענטן... אויב איר ווינט, אַ שטייגער, אין אַ ווייטער שטאָט און ווילט פאַרקויפן אייערע הונדערט אַקציעס פון אַ באַן־קאָמפּאַניע, מעגט איר אַריינגיין אין אַ דאָרטיקער פירמע וואָס פאַר־טרעט וואָל־סטריט און אָנבאָטן אייער פּרייז. אַ דריק אויף אַן עלעקטריש קנעפּל לאָזט אייך גלייך וויסן אייער וווּנטש צו אַ צווייטער פירמע, ווו עס וואַרטן קוי־פערס. אַן עלעקטרישער סיגנאַל לאָזט צוריק הערן וויפיל מען וויל אייך צאָלן... אין געציילטע סעקונדן איז די טראַנזאַקציע געמאַכט איבער די עלעקטרישע דראָטן... ביידע פירמעס קריגן זייער קאָמיסיע פאַרן קויף און פאַרקויף און איר שניידט אייער פּראָפיט אָדער פאַרלוסט... אַ שנעלער וועג ווי צו טון ביזנעס, וואָס? כ׳וויל אייך נישט פאַרהאַלטן. האָט אינזינען, אַז דער סטאַק־עקסטשיינדזש איז אייער לאָטעריע!

יואל באַלזאַם האָט אַ שטויס געטון זיין לאַנדסמאַן.

— זי קען איבעררעדן, די אייִרישע, וואָס? אָבער ס׳איז געזונטער, אַז מען קוקט זיך אַליין אַרום. כ׳בין אויך געווען אַ שרעקעוודיקער ביי דער ערשטער אינוועסטירונג... מיט איין זאַך איז זי גערעכט: וואָל־סטריט איז אַ לאָטעריע מיט מער שאַנסן...

זיי זענען געשטאַנען אויף דער גאַלעריע אויבנאָן, וואָס איז געווען אויסגעבויט האַלב־רונדיק ווי אַן אַמפּיטעאַטער, יואל באַלזאַם האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ זייל פון אַ באַלקאָן און אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו דער זייט פון די טומלדיקע אַקציע־הענדלערס.

— ס׳אַ גערודער, וואָס? ס׳אַ געליאַרעם, האַ? און אַלץ קויפט אויל און שטאָל! ס׳איז היינט אַן אָנרייסעניש אויף די צוויי סטאַקס. אויל און שטאָל און שטאָל און אויל!

— אויל איז דאָס שמאַלץ פון דער ערד — האָט איסר יאַגאָדע געשמייכלט און אָנגעשפּאַרט זיך אָן דעם פּאַרענטש פון באַלקאָן.

— מעגסט עס זאָגן נאָכאַמאָל, איסר. מיט אויל שמירט מען די מאַשינען פון דער ציווילער אינדוסטריע און מ׳רייבט דערמיט אויס די רעדער פון מלחמה־טאַנקען... אין יצחק אָבינוס ברכה מטל השמים ומשמני הארץ איז אַ ווינק אויף דעם פעטס אינעם בויך פון דער ערד, צוליב וועלכן פעלקער וועלן שטענדיק הויבן די שווערדן...

— אַ שיינע סמיכת־הפּרשה! דאָס אויל אויפן ניו־יאָרקער סטאַק־מאַרקעט און יצחקס ברכה פאַר יעקבן, איידער ר׳האָט געמאַכט פליטה פון עשיון...

— אַלץ איז פאַרגעזען געוואָרן צוערשט פון די אָבות און דערנאָך פון די נביאים... אָט שטייען מיר איצט פאַר דער אַטאָם־ערא, פונדעסטוועגן איז אויל נאָך אַלץ, ס׳ערשטע געברויך. די פליגלען פון היטלערס עראָפּלאַנען האָבן זיך מער נישט געהויבן און די רעדער פון זיינע טאַנקען זענען געליימט געוואָרן, ווען די אויל־זאַפּאַסן זענען אויסגערינען. און מיט וואָס מיינסטו וועט ארץ־ישראל אַמאָל פאַרכאַפּן דעם וועלט־מאַרק, אויב נישט מיט אויל? מ׳עט זיך אויף דעם אויך דערוואַרטן! די אַראַבישע לענדער האָבן שוין באַלד אויסגעשעפּט זייערע קוואַלן ביזן דנאָ. דו כאַפּ אַ בעסערן קוק דאָרט אויפן טיקער! די טאַנצנדיקע אותיות איבערן לייוונט רעגיסטרירן די וועלט־ווירטשאַפט, פונקט ווי דער סייסמאָגראַף רעגיסטרירט אַן ערד־ציטערניש... קענסט זיך עפּעס אויף די ציפערן?

אויף דעם באַלויכטענעם לייוונט איז געלאָפן אַ לענטע מיט בליציקע בוכשטאַבן. דאָס געשריפט האָט דערציילט די לעצטע פּאָליטישע נייעס. ס׳האָט אויפגעלויכטן אַ באַריכט פון אַ רעגירונגס־באַפעל צו די קריגס־אינדוסטריעס, זיי זאָלן אָניאָגן מיט דער פּראָדוקציע. אויגנבליקלעך האָבן די אַקציעס פון שטאָל, אייזן און אוראַניום געגומען שטייגן הימל־הויך. ציפערן האָבן געטענצלט, זיך פאַרדאָפּלט, געוואָרן דרייפאַכיק און זיבנפאַכיק און צענפאַכיק. די בשורה פון אַ פאַרשטאַרקטער קריגס־אינדוסטריע האָט זיך צעטראָגן איבער די אונטערשטע זאַלן און צווישן די אַקציע־קויפערס איז געוואָרן אַ בהלה און אַ געדרענג.

אונטן האָבן די געלע ציפערן איבער די באַלויכטענע לענטעס אויפגעבליצט

און געציטערט ווי קוועקזילבער. די ציפערן האָבן זיך געמערט און זיך געכפּלט. קולות האָבן זיך געהויבן מיט אַ כריפּ:

— כ׳קויף נאָך דריי הונדערט! כ׳קויף נאָך פינף הונדערט!
— ווער עס האָט „דזשענעראַל עלעקטריק״ — צו מיר!
— ציילט אַריין וויפיל איר האָט!
— ווער וויל אָוועקגעבן „יונייטעד סטיל״?
— כ׳על צונעמען אַלע רעשטלעך! האַרי אַפּ!
— אוראַניום שטייגט ווייטער!
— אַלומינום איז הימל הויך!

איסר יאַגאָדעס אויערן האָבן, ווי שוואָמען, איינגעזאַפּט דעם האַרמידער. ער האָט געקוקט אַראָפּ צו דעם פּילקעפּיקן עולם. די פאַרשוויצטע קויפערס פון אַקציעס האָבן אויסגעשטרעקט די הענט, געטרייסלט מיט די קעפּ ווי ס׳וואָלט זיי געוואָרפן אין פיבער. ווער איז דער ערב רב? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — מ׳זאָגט, אַז צווישן די קויפערס פון ווערט־פּאַפּירן זענען דאָ מיליאָנערן און קבצנים. דאָס באַלויכטענע לייוונט איז פאַר זיי אַ הימל, אָנגעפּיקעוועט מיט שטערן און מזלות. מיט אַ פּאָר דאָלאַר קען מען איינהאַנדלען סטאָקס אין די גרויסע אינדוסטריעס. פאַר אַן אינוועסטירונג פון איין הונדערטער ווערט מען אַ שותּף צו הענרי פאָרדס אויטאָמאָביל־פאַבריקן. נאָך דריי חדשים מעג מען זיך הייסן וויזן די פּראָפיטן פון דער קאָמפּאַניע. שפּעטער קריגט מען אַ דין־וחשבון פון די פאַרלוסטן. די בערן און די שעפּעלעך האָבן — אין דער רגע — אַלע דעמעזלבן שאַנס. אָבער ווען די בערן גלוסט זיך אַ שאָקל צו טון מיט די שע־פּעלעך, ברעכן די שעפּעלעך האַלדז און נאַקן... זייערע פאַרבאַרגטע ,פּאַרמש־כונטע אַקציעס רינען אויס און די בערן בלייבן מיט דער גבורה פון לייבן!

— 3 —

איסר יאַגאָדע האָט ווידער געוואָרפן אַ בליק אויפן באַלויכטענעם לייוונט. די בליציקע בוכשטאַבן האָבן געגומען איינשרימפּן. ציפערן זענען אויסגערינען. מאַטעמאַטישע פיגורן זענען איינגעזונקען. דאָס לייוונט איז אַ ווײַלע געבליבן ליידיק ווי אַן אויסגעלאָשענער הימל.

איידער ער איז געקומען צום אויספיר, אַז די פאַרשווונדענע בוכשטאַבן זענען אָנגלאָדן מיט רעטענישן ווי אַמאָל די חרטומים־שריפט אין מצרים, האָט דאָס לייוונט זיך ווידער אָנגעצונדן און ס׳האָבן זיך באַוויזן נייע באַריכטן. די לענטעס מיט שריפט זענען איצט נישט געווען קיין בשורות, נאָר אַלאַרם־רופן. די קאַלטע מלחמה אין אַזיע האָט זיך אויסגעשפּרייט! עס פלאַקערן קאַמפן אין אינדאָכינע! קאָרעאַ ווערט צעטיילט! רעוואָלט אין טוניס! די עגיפּטער הויבן געווער קעגן די ענגלענדער אין סודאַן...

די אַלאַרם־רופן האָבן זיך געקייקלט ווי דונער־קלעפּ איבער די אונטערש־טע זאַלן. דאָרט האָבן די געלע ציפערן איבער די לענטעס איינגעדאַרט. די

פּעטע פּרייזן פון די געשטיגענע אַקציעס האָבן געקראַכט. צווישן די דיקע זיילן און אַרקאַדן האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש, אַ געדרענג.

קולות האָבן אונטערגעהויבן די סטעליע. אינעם האַרמידער האָבן די אַק־ציע־הענדלער איצט אין גרויס איילעניש געזוכט קויפערס אויף זייער פאַרלוירן עשירות.

איסר יאַגאָדע האָט דערשפּירט אַ האַנט אויף זיין אַקסל. נעבן אים איז געשטאַנען יואל באַלזאַם מיט אַ דורכגעטריבענעם בליק הינטער די געשליפענע ברילן־שייבלעך.

— קום אַראָפּ. האָסט גענוג געזען.

אינדרויסן האָבן ביידע איינגעאָטעמט די פרישע ווינטעלעך, וואָס האָבן געבלאָזן פון די וואַסערן, וואָס פליסן דורך די נידעריקע טיילן מאַנהעטען. די אויסגעשעפּטקייט, וואָס איז געקומען פון אינעווייניקסטן האַרמידער, האָט נאָכ־געלאָזט. איסר יאַגאָדע האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט זיין לאַנדסמאַן מיט אַ מינע, וואָס האָט געהאַט סאַי גרינגשעצונג, סאַי באַוואונדערונג. ער האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס איז חיי שעה, יואל. וואָס טוסטו פאַר דער נשמה יתירה?

— מ׳טוט פלענטי — גענוג, איסר. כ׳האָב דיר שוין פריִער דערציילט, אַז מיין איידעם האָט אַ האַנט אין די ייִדישע, אומלעגאַלע שיפן... ס׳קאָסט אים אָפּ ממון ודמים... כ׳באַקלאָג זיך נישט. אדרבא, כ׳בין שטאָלץ, וואָס אין מיינע קינ־דער קלאַפּט דער ייִדישער אָדער... די צווייטע וואָך רופט דער ייִדישער אונטער־גרונד אַ מאַסן־מיטינג אין קופּער־יוניאָן קעגן ענגלאַנדס בלאָקאַדע אויף ארץ־ישראל. ס׳יונגוואַרג וועט רעדן דבורים! ס׳וואָלט נישט געשאַדט זאָלסט אויך צוקומען. כ׳על דיך סאַי ווי רופן אין אַ פּאָר טעג אַרום. כ׳האַלט נישט אַז אונ־דזער היינטיקע באַגעגעניש איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל... ס׳איז געווען אַ באַ־שערטע זאַך! ווען קויפסטו איין די ערשטע פּאָר הולכלעך?

— לאָז מיך איבערטראַכטן אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

— צייט קריגסטו ביי מיר גענוג, איסר. כ׳על דיך נישט יאָגן. אַז דו וועסט נישט בלייבן קיין אָפּגעפרעמדטער, האָב איך אויך פאַר דיר עפּעס רעכטס, פון די היימישע בנות ישראל... נישט גוט זיך אַרומצודרייען אַליין, איסר. דאַרפסט חתונה האָבן. ביזט קיינמאָל נישט געווען פון די פּרושים? האַ? כ׳רייד וועגן אַ פרוי, וואָס האָט דורכגעמאַכט מיט איר מאַנסביל דאָסזעלבע וואָס דו מיט דיין אשת חיל. אָנקוקן מעגסטו דאָך! זי איז האַלב עגונה, האַלב גרושה. וועסטו זיך לאָזן הערן, בן עיר מיינער?

— וועסט פון מיר נישט פּטור ווערן!

— מיר שליסן היינט אַ בונד! ווי עס שטייט: וכרתי ברית חדשה...

— זאָל זיין אַ בונד!

זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט און זיך צעשיידט. איסר יאַגאָדע איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו דעם דרייעקיקן פאַרפלאַנצטן סקווער. די פּאָר שווערעביימער זענען געווען באַדעקט מיט האַרבסטיקן גאָלד. פון די בלעטער־שפּיצן האָבן אַראָפּגערינען ברוינע וויין־קאָלירן. די בייטן בלומען, אויסגע־שטעלטע אין קוואַדראַטן, דרייעקן און קרייזן זענען געלעגן צעדריוולטע ווי

אָפּגעריבענע אויסהעפּטעכצער אויף אַלטע דיוואַנען. דריי פֿאַרבלאָנדזשעטע טויבן האָבן געפּויזעט אַרום אַ פּאָר אויסגעשאָטענע קערנער, געקאָפּעט מיט די שנע־בעלעך און געפּלאַטערט מיט די פֿליגלען.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך דערטראַכט צו דעמזעלבן אויספֿיר וואָס זיין לאַנדסמאַן, אַז די היינטיקע באַגעגעניש איז נישט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל. יואל איז אַ כשרע נשמה, אַן אמתער צדיק, וואָס וויל אים אַרויסשלעפּן פֿון אַלע קלעמעניש, נאָר ער לאָזט זיך נישט. וואָסערע פּלענער האָט ער פֿאַר אים? ער וויל אים מאַכן פֿאַר אַ בכבודיקן, גייציקן בירגער, וואָס שלעפּט ס׳מזל פֿאַר די אויערן. אין צולאָג וויל ער אים פֿאַרקנסן מיט אַן עגונה. ער הייסט אים זיך אָפּ־שאָקלען פֿון די צוויי מוידן און ס׳פֿאַלט אים נישט איין, אַז אָפּשאָקלען זיך פֿון ווייבער איז פֿאַר אים פּונקט ווי וועלן אויסטרייסלען אַן אַלטן מאַנטל פֿון מאָלן...

קאַפּיטל דריי און פֿערציק

— 1 —

דעם טעם פֿון אומגעריכטער עשירות האָט איסר יאַגאָדע פֿאַרזוכט מיט דערזעלבער תאוה, וואָס מען האָט ביים פֿאַרזוכן אַן ערשטע רייף־געוואָרענע פּרוכט. נאָך די ערשטע פּאָר וויזיטן אויף וואָל־סטריט איז ער געווען פֿאַרקאָכט אין דעם געסל פֿון די גאָלד־גראָבנס. ער האָט אין פֿאָרויס נישט שטודירט קיין טאַבעלעס און נישט אַריינגעקוקט אין סטאַטיסטיק־בויגנס. ער האָט נישט גע־קראָגן קיין אָנווייזונגען פֿון זיין אַגענט און ביי באַקאַנטע האָט ער נישט גע־פֿרעגט קיין עצות. ס׳איז אים איינגעפֿאַלן איינצוהאַנדלען אַקציעס בלינדערהייט. דער חוש פֿון גלוסטעניש און די פֿאָראַהנונג, אַז ס׳מוז קומען ס׳מזל, האָט אים אונטערגעזאָגט אויפֿצוקויפֿן יענע סטאַקס, וואָס קיינער קוקט זיך אויף זיי נישט אום. אויב שלעפּן דאָס מזל, זאָל עס זיין ביי די פּאָלעס און ביי די אויערן.

ער האָט אַרויסגענומען פֿון באַנק צוויי טויזנט דאָלאַר. אין צוגאָב האָט ער פֿינף הונדערט איינקאַסירט פֿון די אָפּגעשפּאַרטע רעגירונגס־באָנדס און איינ־געהאַנדלט צען הונדערט — ווי אַ געראָטענעם מנין — אַמעראַדא פּעטראָלעאום אַקציעס. די ריזיקע האָט געקנאַקט. דער ערשטע אָפּשוים איז געווען צוועלף הונדערט דאָלאַר.

יואל באַלזאַם האָט זיך דערוווסט, אַז מיט זיין טריפֿהנעם מזל האָט איסר יאַגאָדע געדעקט אַלע דורכגעטריבענע בערזע־הענדלער איבער די קעפּ. זיין גע־ווינס איז גראָד געקומען ווען אַלע אַקציעס האָבן אַכט טעג נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין קייקלען זיך באַרג־אַראָפּ. אַ פּאָר בערן אויף דער בערזע האָבן פֿאַרוווּנדערטע זיך אומגעקוקט אויף דעם געווינער און אַ צאָל שפּעלעך האָבן אים מקנא גע־ווען. די „אויסגעברענטע ליולקעס“ אויף דעם „סטאַק עקסטשעינדזש“ האָבן אויס־

גערעכנט, אַז איסר יאַגאָדעס ערשטער ריוח איז אַ פריש ווינטל, וואָס טוט אַ בלאָז, ווען די שווערע דושנעקייט לאָזט מער נישט אָפּאָטעמען.

דער אַפּעטיט ביי איספר יאַגאָדען האָט זיך צעפלאַקערט אין זיינע איינ־שטעלענישן זענען געוואָרן גרעסער. נאָך צוויי וואָכן איז ער געווען באַהאַוונט אין דעם אַקציע־שפּיל ווי יעדער דורכגעטריבענער בערזע־הענדלער. ער האָט גע־קוקט אויף דעם רעגיסטער פון דער בערזע ווי אויף אַ באַראָמעטער, וואָס האַלט אין איין בייטן די טעמפּעראַטור. דאָס קוועקזילבער שטייגט און פאַלט. קאַלטס און וואַרמס זענען אין שטענדיקן געלויף אַרויף און אַראָפּ און דער פאָרזיכטיקער איינשטעלער מוז זיך בלויז היטן פון אַ צוג־ווינט. פון די באַריכטן, וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן די פינאַנס־קאָמיסיעס אויף דער בערזע האָט ער זיך דער־ווּוסט, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט אָפּגעשפּאָרט אין פאַרגאַנגענעם יאָר ניין ביליאָן דאָלאַר און באַזיצט איצט אַ פליסיקן פאַרמעגן פון אַריבער דרייסיק ביליאָן. די שפּאָרונגען זענען באַוואָרנט געוואָרן אין באַנק־קאָנטאָס, אין פאַר־זיכערונגען און אין אַקציע־אינוועסטירונגען.

די פריילעכע נייעס האָבן אים געשטויסן צו צעוואַרפן זיין קאַפּיטאַל אין נייע איינשטעלענישן, אָבער ער האָט זיך געשראָקן, אַז ער וועט צעטרענצלען די געווינסן. ער האָט געזוכט אַ ראַטגעבער, אַ לאָיער און נישט געוווּסט צי רייזנער איז דער פּאַסיקער קאָפּ־מענטש. מיט טילין האָט ער, נאָכן איבערבעטן זיך, געהאַט לאַנגע שמועסן, כאָטש ער האָט אירע עצות נישט אויסגעפאָלגט. ער איז זיכער געווען, אַז זי איז סאַי ווי — מיט אַלע אירע קאַפּיטאַלן — אין זיין וועסטל־טעשל... און אויב ער וועט חלילה גיין געבראָכן, וועט זי עפענען פאַר אים דאָס קניפּל.

יאַדזשאַס ירושה איז ער איצט גרייט געווען אויסצושטרייכן מיט איין קריץ פון דער פען. אַ זיכערקייט אַז ער'ט קריגן די מנוחה אויף נאָך פופציק יאָר, האָט אין אים אַריינגעבלאָזן פרישע כוחות. יעדעס מאָל ווען ער האָט געוואָלט אַרויסשלאָגן פון קאָפּ יאַדזשאַרס געדעכעניש, האָט זי זיך געשטעלט פאַר אים ווי אַ פאַרפירעריש געשטאַלט. שטיפערישע פייערלעך האָבן געשפּריצט פון אירע אויגן, אַ ווייכע פוילקייט האָט זיך געטראָגן אין אירע וויגנדיקע גלידער. איר פיגור איז געווען געשניצט פונקט ווי אַן אויסגעפּרעסטער קוש אויף איר הייס מויל.

איסר יאַגאָדע האָט געהאַלטן טילין פאַר אַ בליץ־אָפּלייטער און פאַר יאַ־דזשאַן איז ער גרייט געווען צו ווייזן מאַנסבילישע באַרימערייען, אויב דאָס מיידל וואָלט נאָר נישט געהאַט אַ פינצטערן פּלאַן צו מאַכן פון אים ס'לייטישע געלעכטער מיט איר חתונה־אָנבאָט. דער פאַרדאַכט, אַז יאַדזשאַ גרייט פאַר אים צו בלויז אַ פּאַסטקע כדי אויפצוהעצן טילין און משוגע צו מאַכן דאָס בחורל הערשעלע, האָט אים אָפּגעהאַלטן פון אָפּצוטון לייכטזיניקייטן.

טילי האָט זיך אַרויסגעצויגן פונעם פּרויען־האָטעל ווי נאָר איסר יאַגאָדע האָט געמאַכט דעם ערשטן שפּאַס, אַז זי זיצט דאָרט ווי אַ נאָנע אין אַ קלויסטער. זי האָט געדונגען אַ קליינעם מעבלירטן אַפּאַרטמענט, נאָענט צו גריניטש־ווילעדזש, זי זאָל קענען האַלטן אַן אויג אויף איסר יאַגאָדען. זי

האָט אים איינגעלאַדן צו די מיטאָגן, וואָס זי האָט אַליין געקאָכט. זי האָט אים באַגלייט אין די רעסטאָראַנען און אַכטונג געטון ער זאָל האָבן געגוג מילכיקס אין זיין דיעטע. צוליב די געשוואָלענע טאָרבעלעך אונטער זיינע אויגן האָט זי זיך געשראָקן, אַז ער גייט ווידער קריגן אַ נירן־אַנטצינדונג און זי האָט אים געשיקט אַ פּאָר מאָל צו אַ ספּעציאַליסט. איסר יאַגאָדע האָט איר געדאַרפט זיין דאַנקבאַר, אָבער איר אויפזיכט איז פאַר אים געווען אַ לאַסט. ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זי פאַרהאַקט פאַר אים טיר און טויער צו דער דרויסנדיקער וועלט. וועגן דער גרושה צי עגונה, וואָס יואל באַלזאַם האַלט פאַר אים גרייט, האָט ער פאַר טילין אויף די ליפּן קיין וואָרט נישט אַרויסגעבריגט. זי היט מיך צו ווי אַ געטרייע דינסט! — האָט ער זיך באַזינען — אָבער זי פירט איר סטראַטעגיע ווי אַן אמתער גענעראַל! איך אַליין בין אויך אַ וואַזשנער צדיק! זי לאַשטשעט מיך און איך בין קאַרג אויף אַ צערטלעך וואָרט. דער ריינער אמת איז, אַז ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָבן פרויען ליב זייערע ליבהאָבער און ביי די שפּעטערדיקע — האָבן זיי ליב דאָס ליבעניש אַליין.

ער האָט זיך נישט געאיילט איצט צו טרעפן זיין לאַנדסמאַן, אָבער יואל באַלזאַם האָט איבערן טעלעפאָן אים דערמאָנט, אַז זיי האָבן געשלאָסן אַ בונד און אַ בונד איז גילטיק ווי אַ תקיעף־כף. דער לאַנדסמאַן האָט נישט געהאַלטן פון פאַרציַען זאַכן און איז באַשטאַנען, אַז ער זאָל זיך טרעפן מיט דער גרושה און קומען צום מיטינג אין קופּער־יוניאָן. נאָך אַלע אָפּלייגענישן האָט איסר יאַגאָדע געמוזט נאָכגעבן זיין בן־עיר. ער האָט זיך נישט געקענט פאַרגינען צו בלייבן אָן איין נאָענטן מענטש. מיט סידני וועלערן איז גוט צו טון קהלשע אַרבעט. אין פּריוואַטן לעבן בלייבט ער קאַלט ווי אַ נגידישער אָנקל. רייזנער קען טויב מאַכן אַ וועלט מיט זיינע רכילותן, כאָטש ער דאַרף אים געדענקען צום גוטן פאַר אויפרייצן זיין אַפּעטיט צו דער בערזע. דאָקטאָר וואָרמס איז משוגע לדבר אחד: צו מוסרן ס׳יידישע פאָלק פאַר זיין אומפּרוכטבאַרקייט. נייטן איז שוין באַלד אויסגעמעקט פון זיין זכרון. בלויז איין יואל האָט אַ פּאָר אָפענע אויערן פאַר זיין האַרץ. ער האָט איצט אָפּגעמאַכט צו וואַרטן ביז ער׳ט אים ווידעראַמאָל רופן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט יואל באַלזאַם טעלעפאָנירט, ער זאָל אַראָפּפאָרן אין יואל גרייט צו פאַר אים אַ שפּיצל. ער זיצט מסתמא דאָרט מיט דער גרושה געביידע, אין ווינקל פון פראָנט־סטריט. פון דאָרט וועלן ביידע צופאָרן צום מאַסן־מיטינג אין קופּער־יוניאָן.

אויפן וועג צו דער באַגעגעניש האָט איסר יאַגאָדען זיך אויסגעדוכט, אַז יואל גרייט צו פאַר אים אַ שפּיצל. ער זיצט מסתמא דאָרט מיט דער גרושה און לויערט אויף אים ווי אַ שדכן אויף זיין חתן־בחור. ווער ווייס צי זיין לאַנדס־מאַן גייט אים נישט פאַרזאָרגן מיט אַ נייעם נאַרקאָטיקער אויף רייטשלס אָרט... אַ היינטוועלטיקע פרוי וואָלט זיך נישט געלאָזט אונטערפירן ווי אַ כלה־מויד אַ פּאָר חדשים נאָכדעם, ווי זי איז געוואָרן אַ גרושה. זי וואָלט געדאַרפט איבער־וואַרטן אירע גרימעניש, ווי אַן אָבל וואַרט איבער ס׳ערשטע יאָר פון טרויער. איינרעדעניש! — האָט ער מיט אַ האַנט־פאָך אָפּגעטריבן די מורא — צוליב

וואָס עס איך זיך אָפּ ס׳האַרץ? וואָס כ׳זאָל נישט זאָגן אויף יואלן, אָבער ער האָט די געניטשאַפט פון אַ זכר און ער׳ט נישט אָנשטעלן פאַר מיר אַ פּאַסטקע... דער־ווייל פאַר איך שוין ווידער צו וואָל־סטריט! פּופצן יאָר ווי מיין פוס האָט דאָרט נישט אָפּגעטרעטן און דאָ בין איך מיטאַמאָל געוואָרן אַ יוצא ונכנס. און פאַר־וואָס הייסט עפּעס דאָס געסל פון אוצרות וואָל־סטריט? די וואַנט־גאַס? ס׳איז מסתמא אמת די מעשה, אַז מיט דריי הונדערט יאָר צוריק האָבן די אינדיאַנער געמאַכט אָפּטע איבערפאַלן איבער דער געגנט. צוליב שוץ האָבן די ווייסע אויפ־געשטעלט אַ וואַנט, וואָס האָט זיך געצויגן פון האָדסאָן ביז צום איסט־ריווער. די וואַנט איז געווען אַ באַריקאַדע קעגן די רויט־הויטיקע בייטיווס. זיי זענען נישט אָפּגעטראָטן, כאָטש ס׳אָרט איז געווען פול מיט געפאַרן. קיין בערזע־מעקלערס זענען אין יענער געגנט נישט געווען, אָבער די גאָלד־גרעבערס האָבן דערשנאַפּט, אַז אַמאָל וועט דאָ זיך אָנזאַמלען דאָס רייכטום פון דער וועלט. זיי האָבן געריבן די פּלייצעס אָן דער וואַנט, געפירט דעם האַנדל מיט וואָל, צוקער, רייז, ביז ס׳איז אויסגעוואַקסן דער פינאַנץ־צענטער פון די מאַגנאַטן. איצט שטייען זיי דאָ מיט דיזעלבע לאָפּעטעס ווי אַמאָל ביים גאָלד־גרעיעג אין קאַליפאָרניע...

— 2 —

דאָס אַלטע קאָפע־הויז איז געשטאַנען אין דעם גאָר נידעריקן טייל מאַנ־העטען, אין אַ גרויו ווינקל־הויז צווישן וואָל־סטריט און פראָנט־סטריט. ווען איסר יאַגאָדע איז אָנגעקומען אַהין, איז שוין געווען נאָכמיטאָג דער הימל איז גע־ווען באַדעקט מיט שווערע וואָלקנס. אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן שפּיציקע ווינטלעך און ס׳האָט אויסגעזען, אַז באַלד ברעכט אויס אַ שלאַגס־רעגן.

ביים אַריינגאַנג פון קאָפע־הויז, אויף אַ שטיק מויער איז געווען צוגענאָגלט אַ שווערער בראָנזענער טאָוול מיט אָן אויסגראַווירטער איבערשריפט. איסר יאַגאָדע האָט פּלוצים דערשפּירט פאַר די אויגן אַ מוטנע קרוצזיכטיקייט. ער האָט אָנגעזאָטלט זיינע ברילן־גלעזער און איבערגעלייענט די האַלב־אָפּגעריבענע שורות: „דאָס מוירטשענט קאָפע־הויז איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן אָרט, ווו ס׳איז געווען דאָס געבורטס־פּלאַץ פון דער יוניאַן, דעם 23טן מאַי 1774".

דער אָנזאָג, אַז דאָ איז געבוירן געוואָרן די אַמעריקאַנער רעפּובליק האָט איסר יאַגאָדען אויף אַ ווײַלע פאַרהאַלטן ביים אַריינגאַנג און אַרויסגערופן טראַכ־טענישן ער האָט נאָכגעקוקט די פאַרבייגייער, וואָס האָבן זיך געטראָגן פלינק געסל איין, געסל אויס און ער האָט געהאַט אַ באַגער צו וויסן וויפיל פון די פאַר־שמייעטע דורכלויפער האַלטן אין זכרון, אַז אויף יענער זייט וואַנט איז געווען די נעסט פון די אַמעריקאַנער רעבעלן... כ׳על זיך וועטן, אַז אינעווייניק זענען אַמאָל ביי קופּלעס ביר געזעסן די בעסטע קעפּ פון די קאָלאָניעס און צוגעגרייט דעם אויפשטאַנד קעגן די ענגלענדער.

פון הינטערווײַלעכץ איז אָנגעקומען יואל באַלזאַם, אָבער איסר יאַגאָדע האָט אים אין דער ערשטער רגע נישט באַמערקט. ער האָט געטראָגן אַ רעגנמאַנטל און דער געפּרעסטער קאַפּעליוש איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ דורכזיכטיקן

פלאַסטיק־איבערדעקעכץ. אויף די פיס האָט ער געהאַט קאַלאָשן און אין האַנט אַ שירעם. ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך באַפּאַנצערט קעגן אַ זאַוויע־רוכע.

ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איסר יאַגאָדעס אַקסל און גע־שמייכלט:

— בלאַנדזשעסט איסר און דו זעסט שוין נישט קיין אייגענעם... כ'בין אַרויסגעגאַנגען אויף אַ ווילע. אין דער אמתן וואַרט איך שוין אַריבער אַ שעה. ביזט מסתמא שוין אַן אָפּגעגעסענער? וואָס שטייסטו דאָ און גלאָצסט אויף דער מויער? קום אַריין אינעווייניק און קוק אַרויס צום דרויסן... ס'איז אַלץ דערזעלבער אַלטער וועלט־סדר. אַ גביר דערקענט נישט קיין מענטשן...

— טרייב נישט איבער, יואל, אַקעגן דיר בין איך אַ חדר־יינגל.

— מ'זאָגט, אַז די אויסגעברענטע ליולקעס אויף דער בערזע מעגן ביי דיר די פּעטשערעס הייצן...

— דאָס איז אויך אַ גוזמא, נישט לענגער זאָל ס'יידישע גלות דויערן ווי לאַנג כ'על זיך דאָ אַרומדרייען... האָסט עפּעס אויפגעטון היינט?

— אַ טויטער טאָג! די אַקציעס ליגן ווי אין אַ הינערפלעט, נישט טויט, נישט לעבעדיק. די קאַנאַדער אויל־סטאָקס זענען יאָ עטוואָס אַרויפגעשפּרינגען... בעסער, אַז מ'לאָזט די ציפערן דרימלען...

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אינעווייניק און זיך געריומט אַ וועג דורך די גלאָ־טע, געהובלטע טישלעך. דאָס קאַפע־הויז האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַרלאָזענע קונסט־גאַלעריע,ווו מ'האָט פאַרגעסן אַרויסצונעמען די לעצטע אָרנאַמענטן. די ווענט זענען געווען באַהאָנגען מיט בילדער אין געשניצטע רעמלעך. די פענצטער זענען געווען איינגעראַמט אין ווייכע געוואַנדן פון שטערן און שטרייפן. ביי ביידע זייטן פונעם הילצערנעם בופעט זענען געשטאַנען בראָנזענע געשטעלן, באַלייגט מיט אַנטיק־זאַכן. אַפילו דאָס געשיר האָט דערמאָנט אַן אָפּקלייב פון אַ זעלטענער קאָלעקציע.

איסר יאַגאָדע האָט באַמערקט אויף אַ וואַנט צוויי בילדער אין אָפּגעריבענע, גילדענע ראַמען. אויף איין בילד איז געווען אויסגעמאָלן אַן אַלטער וויין־בעכער פון וועלכן דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט געטרונקען לכבוד דעם נצחון פון דער רעוואָלוציע און אויפן צווייטן — אַ גענזענע פעדער מיט וועלכער דזשעפערסאָן האָט אונטערגעשריבן די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט. ער האָט אַ ציי־געטון יואל באַלזאַמען:

— וואָס האָסטו דיר אויסגעזוכט אַזאַ אַנטיק־פּלאַץ פאַר אַ טרעף־פּונקט?

— ווען נישט דער פּלאַץ דאָ, וואָלט היינט אַ בלאָק ווייטער נישט געקאָכט די בערזע. ביי די דעמבענע טישן דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט אַמאָל די רעדל־פירער פון די רעבעלן און פאַרטראַכט שפּיצלעך ווי אַרויסצוטרייבן די ענגלענ־דער. ס'איז נישט קיין שפּאַס, אָבער פון דאַנען האָט מען דערלאַנגט דער וועלט אַמעריטשקע אויף אַ זילבערנער טאַץ...

— וואָסי, דאָ האָט געאַרבעט אַן אונטערגרונד־אַרמיי?

— ס׳קלינגט ווי ליצנות, איסר. אָבער דאָס קאַפּע־הויז, וואָס שטייט אין דער געגנט פון די וועלט־מאַגנאַטן, איז אָפּגערוקט בלויז איין בלאָק פון דער ענגלישע אַמבאַסאַדע... דווקא דאָ, קעגנאיבער די ענגלענדער שטייט דאָס הויז, ווו מ׳האָט אַמאָל צוגעגרייט די רעוואָלוציע קעגן דער טיראַניע פון קעניג דזשאָרדזש דעם דריטן... כ׳דאַרף דיר דאָס אַפילו נישט דערציילן, איסר. קענסט בעסער היסטאָריע פאַר מיר.

— די ענגלענדער זענען אַלטע טראָבל־מאַכערס.

— דער מיטינג היינט אין קופּער־יוניאָן איז אויך קעגן ענגלישע טראָבל־מאַכערס... דעריבער קומט עס טאַקע צו רייד...

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַרומגעקוקט איבער די שיטער־באַזעצטע טישלעך. אַ ליכטיק מיידל מיט אַ העל פּנימל אין אַ פּאַרטוכל, בלוי ווי אירע אויגן, איז געשוומען צווישן די געסט און אַראָפּגערוימט ליידיקע טאַצן. אין קאַפּע־הויז איז געווען האַלב־ליידיק. ביי אַ פּאָר צוזאַמענגערוקטע טישלעך איז געזעסן אַ הייפל געסט משפּחהדיק מיט זייערע רוק־זעק צופוסנס, ווי זיי וואָלטן זיך געפּינען אויף אַ וואָקזאַל. זיי האָבן געגאַפט מיט התפּעלות און געוואַרט אויף אויסטערלישקייטן, ווי זיי וואָלטן באַזוכט ניו־יאָרק צום ערשטן מאָל אין לעבן.

דורך דער פראָנט־טיר איז אַריינגעקומען אַן אויסגעצויגענער מאַן אין אַ צילינדער־הוט, אין אַ פראַק מיט געשטרייפטע הויזן און מיט בליקן, וואָס שנאַפּן נישט אויף מיילן, נאָר אויף טעג פאָרויס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט צווישן די טישלעך. זיין רויטלעך פאַרלאָפן פּנים האָט אַרויסגערופן נייגעריקייט און שפּאָט. דער מאַן האָט זיך דערנענטערט דווקא צו יואל באַלזאַמען. ער האָט אַרויסגעצויגן פון בוזים־טאַש אַ ביכל מיט קאָלירטע בלעטער. זיין פּנים האָט אַרויפגעצויגן גרימאַסן פון אַ צירק־קלאָון. ער האָט זיך פאַרנויגט:

— אַ טוריסט אין ניו־יאָרק?

איסר יאַגאָדע האָט אָנגעוויזן מיט אַ האַנט אַנטקעגן.

— דאָרט, ביי יענע טישלעך זיצן די טוריסטן.

— איר מעגט נעמען מיין ביכל סאַי־ווי. ס׳איז אַ וועגווייזער פאַר דעם ניו־יאָרקער איינוווינער און פאַר דעם טוריסט. מיין ביכל דערציילט וועגן די ליבעראַלע געזעצן אין ניו־יאָרק און וועגן די לעכערלעכע געזעצן אין אַנדערע שטאַטן. איר ווילט הערן אַ פּאָר מוסטערן?

ער האָט אין איילעניש אַריבערגעמישט אַ פּאָר בלעטלעך און געפירט מיט דעם וויַיז־פינגער איבער נומערירטע שורות, ווי דאָס וואָלט געווען אַ סטאַטיסטישע טאַבעלע. ער האָט פאַרגלייזלט די אויגן און אַרויסגעלייענט מיט אַ כריפּענדיק קול:

— אין ווירדזשיניאַ איז עס לעגאַל פאַר אַ מאַן צו באַליידיקן און שעלטן זיין ווייב, אויב ער טוט דאָס אין אַ נידעריקן טאָן... אַ סטעיט־געזעץ אין קאַליפאָרניע פאַרווערט אָנצושטעלן פאַסטקעס פאַר מייז, אויב מ׳האָט נישט קיין יאַגד־דערלויבעניש... אין לואיסוויל, קענטאַקי, טאָר מען נישט שיסן קיין פיש מיט אַ פייל און בויגן... אין גערי, אינדיאַנאַ, פאַרבאָט דאָס געזעץ צו פאָרן אין סטריט־קאָר יעדן פאַסאַזשיר, וואָס האָט מיט פיר שעה צוריק געגעסן קנאָבל...

איסר יאַגאָדע האָט אָנגעקוקט דעם מאַן אין צילינדער מיט פאַרווירטע אויגן און אומגעדולדיק אַ ווינק געטון צו באַלזאַמען.

— מיר האָבן דאָ אויף נאָך עמיצן צו וואַרטן?

— אַ שאָד יעדע מינוט, קום!

— 3 —

דער היסטאָרישער זאַל אין קופּער־יוניאָן איז שוין געווען איבערפולט, כאָטש ס'איז נאָך געווען אַ היבשע שעה פאַרן אָנהויב פון מיטינג. דורך די אויפגעפּראַלטע אַריינגאַנגען האָבן געשטראָמט מענער און פרויען, יינגלעך און מיידלעך. פּאָליסלייט פוסגייער און פאָליסלייט אויף פערד האָבן געהאַלטן וואַך אַרום דעם געביי, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט הייפלעך יונגוואַרג. היי־ציקע יונגעלייט און מיידלעך האָבן געטיילט אויפרופן און אַריינגעשריגן פּראָ־טעסט־לאָזונגען קעגן ענגלאַנד אין די אויערן פון די אַריינגייער.

ווען איסר יאַגאָדע מיט באַלזאַמען זענען אַריין אינעווייניק, איז דער זאַל שוין געווען איבערגעפּאַקט. די געוועלבטע סטעליע איז געווען פאַרזייט מיט לעמפּלעך ווי מיט שטערן. די באַלויכטענע בינע איז געווען איינגעראָמט מיט אַמעריקאַנישע און יידישע פאָנען. אָרדענונגס־היטער האָבן זיך געטראָגן צווישן די דורכגאַנגען און אָנגעוויזן די פּלעצער. מיידלעך אין ווייסע בלוזעס מיט בלויע בענדלעך האָבן אויסגעטיילט פלוג־בלעטלעך. די פעטע שריפט האָט גערופן דאָס יידישע פאָלק צו ווידערשטאַנד קעגן דער סיסטעמאַטישער אויסראָטונג און גע־וועקט די יוגנט צום קאַמף פאַר פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט פון ארץ־ישראל.

ביידע האָבן פאַרנומען זיך־פּלעצער, נאָענט צו דער בינע. ביי איסר יאַגאָ־דען אין מח האָט זיך אַלץ געוויגט דער פאַרדאַכט, אַז יואל באַלזאַם גייט אים דאָ איבעראַשן מיט דער גרושה. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז זי, אַן אויסגעשטראַלצטע וועט זיך פּלוצים אויפהויבן פון אַ רייע אַרויס און אים אָקעגן שפּאַצירן, אַזוי ווי מ'ווייזט עס אין די מוווי־שטיק. ער האָט געוואָלט אַ פרעג טון צי זיין איידעם און זיינע זין געפינען זיך צווישן עולם, אָבער ער איז געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער. יואל באַלזאַם האָט אַ באַגייסטערטער געגאַפט אויפן עולם און אויפן בינע־פאַרהאַנג. איבער זיין שטראַלנדיק פּנים האָבן איצט זיך אויסגע־שאָטן די געלבלעכע שפּרינקעלעך ווי געדיכטער מאָן.

אַ בחור מיט אַ קוטשמע האָר, וואָס איז אים געפאַלן אין די אויגן, איז פאַרבייגעלאָפן און פלינק אַריינגערוקט איסר יאַגאָדען אַ צירקולאַר. ער האָט באַמערקט ווי פון אויבן אָן, אויפן צירקולאַר, איז אויסגעמאָלן אַ ביקס מיט אַ רעוואָלווער און אונטערן וואָפן איז אָפּגעדרוקט מיט געדיכטער שריפט: רק כך! נאָר אַזוי! די בויגנס זענען געווען געדרוקט אין יידיש, העברעיש און ענגליש.

די אויגן זענען געלאָפן איבער דעם בויגן און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אַהער. געקומען איז ער דאָ הערן וועגן שיפן מיט יידן, וואָס שווימען בגנבה קיין ארץ־ישראל און דאָ דערלאַנגט אים אַ פלינקע

האַנט אַ העק־בלעטל, וואָס רופט צו קעמפן מיט געווער קעגן די ענגלענדער אין ארץ־ישראל. אַ שיינער פּאַרמעסט! אין קאַמף מיט די ענגלענדער וועט ער דאָ, אין ניו־יאָרק האָבן אַ קנאַפּן חלק. און וואָס איילט מען זיך אַזוי מיט אַ קריגס־דערקלערונג קעגן ענגלאַנד? איילעניש איז דער פּועל־יוצא פון אַ ווילדן אַפּעטיט, פון אַ באַגער איינצושלינגען מער וויפיל דער מאָגן קען פאַרטראָגן. ארץ־ישראל איז פאַר אונדזער דור שיער נישט אַ פאַרשפּעטיקטע ירושה. מיר זענען געבליבן אָן עמאָ פּזיזאָ! — האָט ער נישט געוווּסט אַליין קעגן וועמען פּריזער צו מאַכן די אָנקלאָגע — די כינעזער גייען פאַמעלעך און זיי זענען פיר הונדערט מיליאָן, די אַראַבער רייטן אויף קעמלען און זיי האָבן אונדז איבערגעיאָגט אין צאָל אַפילו אין ארץ־ישראל. כ׳האָב מורא, אַז די ארץ־ישראל סטראַטעגיע ליגט היינט אין די הענט פון היק־קעפּ.

מיט אַמאָל האָט ער געהערט ווי מ׳רופט אויס זיין נאָמען. ער האָט אויס־געדרייט דעם קאָפּ, דאָס איז געווען באַלזאַם. ער איז צוגעקומען באַגלייט פון אַ דיקלעכן יונגעמאַן מיט אַ לוסטיק, זשוואַווע פּנים און אַ דין שנירל וואָנצע, איבער דער אויבערשטער ליפּ. ער איז געווען אויסגעפּוצט ווי צו אַ באַל און אָנגעקוקט איסר יאַגאָדען מיט אַ היימישן שמייכל. איידער באַלזאַם האָט אָנ־געזאָגט, אַז דאָס איז זיין איידעם, האָט איסר יאַגאָדע שוין געהאַט אָנגעשטעלט אַ פאַרשערישן בליק און אים דערלאַנגט אַ האַנט.

— אייער שווער האַלט פון אייך אַ וועלט! כ׳קען שוין אַלע אייערע אויפּ־טואונגען. וואָס גרייט מען דאָ צו, אַ מלחמה־פאַרשטעלונג צי אַ מיטינג?

דער יונגערמאַן האָט זיך נישט באַליידיקט פון דעם קיבעץ. דאָס זשוואַווע פּנים זיינס האָט ווידער געשמייכלט.

— ס׳וועט זיין אַ מיטינג און איר וועט אַ נייגעריקער זיך איינהאָרכן צו אַלע רעדעס.

— כ׳ווייס, דוכט זיך, אין פאָרויס וואָס מ׳עט רעדן און כ׳בין נישט זיכער צי כ׳על די רייד איינדאָרסירן.

ביי יואל באַלזאַמס איידעם האָט זיך פאַרצויגן דאָס פּאַסיקל וואָנצע אַרויף. ער האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פאַרזשמורעט אייגל.

— איר גיט אונדז שוין די פייערווערק, מיסטער יאַגאָדע? דאָ וועט איר הערן דאָס קול פון יידישן רעוואָלט. מיר וועלן אייך סאַי ווי געווינען אויף אונ־דזער זייט. אַז איר זייט אַ לאַנדסמאַן פון אונדזער פּאַפּ, מיסטער באַלזאַם, געה־הערט איר נישט צו די פאַרשלאָפענע... אַ קאָנסערוואַטיווער ציוניסט איז אַן אומגליק. מיר ווילן אויפוועקן דאָס פאָלק פון זיין לעטאַרגישן שלאָף.

— דאָס פאָלק האָט דורכגעמאַכט אַ קאַטאַסטראָפע און דאַרף ערשט קומען צו די כוחות. ווי יורשים פון ארץ־ישראל האָבן מיר סאַי ווי אַביסל פאַרשפּע־טיקט...

— די געשיכטע קען אונדז נישט דערציילן וועגן נאָך איין פאָלק, וואָס האָט געוווּנען פרייהייט דורך דיפּלאָמאַטיע. די פאַרשקלאַפטע מוזן רעוואָלטירן קעגן דעם אונטערדריקער מיט וואָפן. קיין ירושה ביי אַ פאָלק איז נישט צו־שפּעט, אויב די יורשים באַשטייען אויף אַן אמת זי אויפצומאָנען... אונדזער אונטער־

דריקער איז ענגלאַנד און ייִדן האָבן נישט קיין אַנדערן אויסוועג ווי אַ וועלט־אויפשטאַנד קעגן זיין שונא...

איסר יאַגאָדע איז געווען אַ ביסל פאַרחידושט. ער האָט אינזינען געהאַט אַ פרעג צו טון ווי אַזוי ייִדן אָן אַרמייען קענען מאַכן אַ וועלט־אויפשטאַנד קעגן ענגלאַנד, אָבער דער היציקער יונגערמאַן איז שוין געווען אויפן וועג צו דער באַלויכטענער בינע. באַלזאַם, שטאָלץ מיט זיין אײדעם, האָט געקוקט אויף דעם לאַנדסמאַן מיט אַ מינע פון אַ טאַטן, וואָס האָט נאָר־וואָס אויסגעגעבן דעם גע־ראָטענעם בן־יחיד:

— נו, האָסטו געהערט דבורים? ווער וואָלט געגלויבט, אַז דאָס איז אַ געבוירענער אַמעריקאַניעץ? ס'איז אוירווינג, מיין עטלס מאַן... אַ פאַרנומענער ביזנעסמאַן, אָבער דאָס האָט צייט אויף אַלץ... די ישיבה־יאָרן האָבן עפּעס איינ־געוועסטירט אין אים, האַ? ס'איז צו גאָט און צו לייט!

קאַפּיטל פיר און פערציק

— 1 —

אין זאַל, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט געדעמפּטע ליכט, איז געוואָרן ענגער און געפּאַקטער. אַלע רייען זענען געווען באַזעצט. ביי די ווענט איז מען געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ. די טירן זענען געווען פאַרמאַכט. די ליכט האָבן זיך גלאָשן איינציקווייז ווי שטערן. דער פאָרהאַנג, איינגעראַמט אין ווייס־בלויען בראָקאַט, וואָס האָט זיך שווער אויפגעהויבן, האָט אָפּגעדעקט אַ ווייסע וואַנט איבער וועלכער ס'איז געווען אויסגעמאָלן אַ גרויסע ביקס, אָנגעלענט אָן אַ רעוואָלווער.

דער ערשטער רעדנער איז אויסגעוואַקסן אויף דער האַלב־פינצטערער בינע. זיין שאָטן האָט, ווי אַ שפּין, זיך געוויגט איבער דער ווייסער וואַנט. דער שיין פון אַ בלויען פּראָזשעקטאָר האָט אויפגעהעלט און צוריק זיך פאַרלאָשן. געבליבן ברענען אַרום דער וואַנט זענען אַ פּאָר פאַקלען ווי ריזיקע נר־תמידס.

דער רעדנער האָט געמאַכט ברייטע שפּרייזן איבער דער בינע. ער האָט געהויבן הענט און זיינע באַוועגונגען האָבן אויסגעזען סאַי ווי די טראַגישע זשעסטן פון אַן אַקטיאָר און סאַי ווי די צאַפּלענישן פון אַ קלאָון. ער האָט גע־דונערט קעגן דער באַרמלאָזער וועלט, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען דאָס ייִדישע פאָלק. דער ברוטאַלסטער שונא איז געבליבן ענגלאַנד, ווייל ווען די דייטשן האָבן געוואָרפן אין די ברען־אויוונס מיליאָנען ייִדן, האָט דער „פּאַרע־טערישער אַלביאָן״ פאַרשפּאַרט די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר די געראַטעװ־ועטע און געשווינטע, דורך נס און דורך צופאַל. דעריבער מוז אַ מלחמה דער־קלערט ווערן קעגן ענגלאַנד, אָבער נישט אַ מלחמה מיט ווערטער, נאָר אַ מלחמה מיט וואָפן, פּונקט ווי עס האָט ישראל אין מדבר, אויפן וועג צו באַפרייאונג,

געפירט אַ מלחמה מיט עמלקן... עס מוז אויפגעהויבן ווערן די שווערד קעגן דער ענגלישער אימפּעריע און די מלחמה מוז באַגלייט ווערן מיט דער לאָזונג: רק כך! נאָר אַזוי! מיט דער ביקס און מיט דעם פּיסטאָל!

אין דער טונקלקייט האָט איסר יאַגאָדע געזען, אַז דער רעדנער איז נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, אָבער עס דרשענען ביי אים אַלע אברים. זיינע אָדערן ברי׳ען. עס טאַנצן ביי אים די חושים. ס׳איז דאָס געשריי פון אַ דור און ווער קען האָבן דאָס רעכט אַריבערצושרייען אַזאַ צאָרן? די צייט פון שתדלנות און בעטענישן איז פאַרביי. די היציקע יונגעליט זענען גערעכט. יואל באַלזאַמס איידעם איז גערעכט. קיין איין פאָלק האָט נישט געוווּנען פרייהייט דורך דיפּלאָ־מאַטן. ענגלענדער זענען נישט די מאַכטהאָבער און יידן זענען נישט די מאַכט־לאָזע. די אָפּגענאַרטע און די אַנטוישטע, די פאַרפירטע און די פאַרצווייפלטע, — אַלע וועלן צושטיין צו דער יידישער ווידערשטאַנד־מלחמה אין ארץ־ישראל!

זיינע בליקן זענען געלאָפן איבער די בענק פון פאָרנט און פון הינטן. דער עולם איז געזעסן אָן אָנגעצונדענער, מויל און אויערן אָפן. יעדעס פלאַמעדיקע וואָרט איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ הילכיקער פּאַטשעריי. איסר יאַגאָדע האָט געזוכט נעבן זיך באַלזאַמען, אָבער זיין שטול איז געווען ליידיק. מסתמא האָוועט ער צוזאַמען מיט זיין איידעם, האָט ער אויסגעפירט.

ווען ס׳איז ווידער פינצטער געוואָרן, האָט פאַר דער ווייסער וואַנט אויף דער בינע, צופוסנס דער מעכטיקער ביקס און רעוואָלווער, זיך באַוויזן אַ צווייטער רעדנער. ער האָט גערעדט בלויז עטלעכע מינוט, אָבער זיינע רייד זענען געווען אַן אָנקלאַגע פון אַ פּראָקוראָר. ער האָט געענדיקט מיט אַ פאָרוווּרף צו דער נישט־יידישער וועלט, וואָס איז געבליבן גלייכגילטיק צו די יידישע ליידן. דער עולם האָט אויסגעבראָכן אין אַ פּאַטשעריי. איסר יאַגאָדע האָט דערזען ווי אויף איינער פון די פאָדערשטע בענק האָט אַ יונגערמאַן מיט אַ שפּיציקער טשופּ־רינע כסדר געטופּעט מיט די פיס. ער האָט געקלאַפּט מיט די האַנט־דלאָניעס איבער זיין בענקל, געגרעוועט, נישט געקענט זיך באַרויִקן און צום סוף אויס־געשריגן, אַנווייזנדיק אויף דער בינע.

— גערעכט! הונדערט פּראָצענט גערעכט! יידן מוזן אָנהויבן נוצן פיזישע מאַכט קעגן די שונאים!

ס׳איז געוואָרן אַ לייכטער טומל. נייגעריקע און פאַרוווּנדערטע האָבן זיך אומגעקוקט. אַ בחור מיט אַ פּאָר ווייכע, מאָנענדיקע אויגן האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט.

— זענען מיר גענוג שטאַרק אָנצוהויבן אַ קאַמף?

— דער שוואַכער ווערט שטאַרק, אויב די גערעכטיקייט איז אויף זיין זייט!

— דער יונגערמאַן מיט דער שפּיציקער טשופּרינע אויסגערופן.

— שיינע ווערטער, אָבער קיין ענגלישע סאָלדאַטן קען מען מיט זיי נישט דערשיסן!

— העי, דו! — האָט עמיצער זיך אויפגעהויבן פון אַ צווייטער באַנק — ווער האָט דיך געשיקט צום מיטינג? אויב ביזט קעגן אַ קאַמף, צו וואָס ביזטו געקומען אַהער? צו הערן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים?

— כ׳בין געקומען קריטיקירן.
— קריטיקירן די קעמפער קעגן ענגלאַנד?
— כ׳וויל קריטיקירן די מעטאָדן פון קאַמף. כ׳זע, אַז דער מיטינג דאָ איז גערופן געוואָרן פון ייִדישע טעראָריסטן און איך בין קעגן טעראָר!

ווי אַ שטורעם־ווינט האָט דער יונגערמאַן מיט דער שפּיציקער טשופּרינע זיך אַ הויב אויף געגעבן פון זיין אָרט און איז אַרויס פון דער רייע בענקלעך. ער איז געשטאַנען מיט צענומענע הענט ווי ר׳וואָלט געווען גרייט אויף אַ פויסטן־קאַמף.

— ייִדישע פּאַטריאָטן רופסטו טעראָריסטן?
— זיי זענען טעראָריסטן. זיי וואַרפן באָמבעס אין ארץ־ישראל.
— אויף וועמען וואַרפן זיי באָמבעס? אויף די ענגלישע אָקופּאַנטן! האָסט רחמנות אויף זיי?
— אויף אומשולדיקע ענגלענדער דאַרף מען אויך רחמנות האָבן. זיי טאָרן נישט געהרגעט ווערן צוליב דעם האַס פון פאַנאַטיקער.

דער יונגערמאַן מיט דער טשופּרינע איז שוין איצט געקראָכן דעם קעגנער אין פּנים אַריין.

— הערי דו, ביזט אַן „אַפּיזער“? אַ שלום־מאַכער? פאַרטראָגסט נישט קיין ייִדישע חוצפּה? וואָס ביזטו, אַ ווייצמאַניסט?

דאָס גערודער איז געשטיגן. דער בחור מיט די מאָנענדיקע אויגן האָט זיך געגעבן אַ שטרעק־אויס און דער יונגערמאַן מיט דער שפּיציקער טשופּרינע האָט געכאַפּט אַ פּאַטש. ער האָט נישט געשאָנקען זיין קעגנער דעם מתנת־יד און אים צוריקגעגעבן צוויי פּעטש. אין דעם פויסטן־קאַמף האָבן זיך אַריינגעמישט נאָך צוהערער. אַרום איז באַלד אויסגעוואַקסן אַ געדיכט הייפל. ס׳האָבן זיך געטראָגן קולות און זידלערייען. אויפן טומל זענען אָנגעלאָפן די אָרדענונגס־היטער.

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַריינגעריסן צווישן די שלעגער. ס׳איז אים נישט געקומען באַלד אויפן זינען פאַר וועמען ער דאַרף זיך אָננעמען. ער האָט געוווסט, אַז ער מוז די שלעגערס צעשיידן. אויף אַזאַ מיטינג זיצט מען נישט מיט פאַרלייגטע הענט — איז אים איינגעפאַלן — דאָ טומלען נישט די בערזע־הענדלער. ווען ער פרעגט פריער טילין, וואָלט זי אים אָפּגערעדט צו גיין אַהער און יאַדזשאַ וואָלט אַוודאי געהאַלטן פאַר אַ משוגעת זיך צו מישן אין אַזוינע קריגערייען.

— 2 —

ער האָט אָוועקגעשטופּט דעם בחור מיט די ווייכע, מאָנענדיקע אויגן. ער האָט אָנגעכאַפּט פאַר די הענט דעם יונג מיט דער טשופּרינע און ער האָט זיינע אויגן נישט געגלויבט.

אַ נעפל, וואָס האָט צוגעדעקט דריי יאָר לעבן, איז פּלוצים אויסגערינען ווי הייסער רויך. נעבן אים איז איצט געשטאַנען דער שפּאַנישער יונגערמאַן ראָ־

בערטאַ עסטיבאַנעז, ווען ער האָט אַמאָל אַריינגעפּירט בבריתו של אברהם אָבינו. פון געדעכעניש האָט זיך אַרויסגעשיילט נאַרפאַלק־סטריט, זיין שטוב, די פלאַמענדיקע ריטשל, דער צאָרנדיקער שווער פונעם גר, ירמיה פאַנץ... אַ מלחמת מצוה איז אָנגעגאַנגען אונטער זיין דאַך. דער גר האָט געהאַט דורכגעמאַכט אַ מילה־אָפּעראַציע און דער שווער האָט געוואָלדעוועט, אַז ער וויל נישט קיין געיידישטן שפּאַניער פאַר אַן איידעם.

די בייזע ריטשל האָט דעמאָלט געגאָסן אייל אויפן פייער און ער, איסר, איז געשטאַנען אַליין אין דעם געפעכט. ווי דאָס רעדל דרייט זיך! דער כלהס טאַטע האָט, ווי אַלע טאַטעס פאַר אים, פאַרשפּילט. דער גר אברהם־ראובן, האָט גענומען זיין טאָכטער. איצט געפינט זיך דער פריש־אויסגעבריטער ישראל ביי אַ מיטינג פון יונגע, היציקע ייִדן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אַ מלחמה די שונאים פון ייִדישן פאָלק.

דער ברוין־הויטיקער אברהם־ראובן האָט אויסגעזען העכער, אָבער זיין קערפּער האָט דורך די פאַר יאָר אַרויפגענומען וואָג. זיין פּנים איז געווען צע־קאָכט פון כעס. דער קאָפּ שוואַרצע האָר איז געווען צעקנאָדערט ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זיך באַוויזן נאָכן ברית־מילה אין זיין הויז, אויף נאַרפאָלק־סטריט. אין דעם קאַלטן, פרעמדלעכן שימער פון די ברוינע אויגן, האָט איצט געטליִעט אַן אומעטיקער גלי, וואָס האָט באַנומען ווי גרויס ס׳איז די קאַטאַסטראָפע פון פאָלק.

— אברהם־ראובן, דערקענסט מיך?

— מיסטער יאַגאָדע! נאָך ווי כ׳דערקען אייך! איר האָט זיך געענדערט! איצט זעט איר אויס ווי אַ ראַביי!

— דיך דאָ צו טרעפן וואָלט געווען מיין לעצט טראַכטעניש און דערצו ביי אַזאַ היציקן מיטינג... דו שלאָגסט גאָר ייִדן?

— כ׳האָב פיינט „אַפּיזערס“, די פאַרפירטע שלום־מאַכערס. מיר זענען אין אַ מלחמה... דאָס רחמנות קען מען אַוועקלייגן אויף צוואַנציק יאָר שפּעטער...

איסר יאַגאָדע האָט אים אַ נעם געטון פאַר אַ האַנט און אָפּגעפירט אַן אַ זייט.

— געפעלסט מיר, אברהם־ראובן. כ׳קוק דיך אָן און איך קוועל... נאָך אַלעם האָב איך נישט געטון אַזאַ שלעכטן דזשאָב וואָס כ׳האָב צונויפגעפאָרט אַ שפּאַניער מיט אַ בת־ישראל! רעדסט דאָך אונדזער לשון ווי אַ געשווירענער ליטוואַק און דו ביזט מער פּאַטריאָט פון מיר! וואָס מאַכט דיין ווייבל? האָסט קינדער? און מיט דיין שווער לעבסטו בשלום?

— כ׳בין אַ טאַטע פון צוויי זין, מיסטער יאַגאָדע. מיין שווער און איך האַלטן מיר בשותפות אַ מעכאַניקער־שאָפּ... אויף דער עלטער איז ער געוואָרן אויס פרעסער. ער איז נאָך אַלץ אַ פאַרביטערטער מענטש, אָבער מיט מיר, דעם גר קריגט ער זיך מער נישט... כ׳האָב שוין באַוויזן צו זיין אַ יאָר אין מיליטער־דינסט, מען האָט מיך געשיקט מיט דער אָקופּאַציע־אַרמיי אין דייטשלאַנד.

— האָסטו זיך אָנגעזען גענוג צרות אין דעם בלוטיקן לאַנד?

— צרות איז נישט דאָס ריכטיקע וואָרט, מיסטער יאַגאָדע.

— ביזט גערעכט. כ׳זע, דו באַנעמסט אונדזער אומגליק. אַ יאָר צייט אויף יענער זייט ים קען ענדערן אַ מענטש...

— אַ יאָר צייט אויף יענער זייט ים קען איינעם מאַכן אויס מענטש... נאָכן צוריקקומען איז ניו־יאָרק געוואָרן צו רויק פאַר מיר... כ׳וועל זיך איצט אַנ־שליסן אין דעם אומלעגאַלן יידישן פּלאַט אויף אַ פּאָר יאָר. די יידישע שיפן נויטיקן זיך אין מעכאַניקער.

— ביזט אַ היציקער ייד, אברהם־ראובן. דאָס געפעלט מיר. און אַז דו ווילסט עפּעס טון פאַר דעם יידישן פאָלק, מעג מען אַוודאי האָבן דרך־ארץ פאַר דיר. כ׳וואָלט עס דיר אפשר נישט געדאַרפט זאָגן. אָבער ביזט דאָך אַן אינטעליגענטער מענטש, וועסטו פאַרשטיין, אַז יעדער גר איילט זיך אָפּצוטון די מצוות, וואָס ער האָט פאַרפעלט דורך די יאָרן, איידער ר׳איז באַקערט געוואָרן צו יידישקייט...

ער האָט אים נאָך געוואָלט זאָגן, אַז דער בעסטער ביישפּיל איז דער גר אונקלוס און יענער האָט געשטאַמט פון אַ קעניגלעכער פאַמיליע... ער האָט אים אויך געוואָלט דערציילן, אַז פון פרייד וואָס ר׳איז געוואָרן אַ ייד, האָט אונקלוס איבערגעזעצט דעם תנ״ך אויף אַראַמעיִש... איסר יאַגאָדע האָט אים דאָס אַלץ געוואָלט זאָגן, אָבער פון התפעלות איז ער געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און אַנגעקוקט דעם היציקן עסטיבאַנעז, וואָס איז אַריינגעקומען בבריתו של אברהם אבינו און איצט טראָגט ער דעם נאָמען אברהם ראובן און איז גרייט צו קעמפן פאַר דער באַפרייונג פון ארץ־ישראל.

— 3 —

ס׳איז געוואָרן ליכטיק אין זאַל. די שאַנדאַליערן מיט די בליציקע לעמפּלעך האָבן זיך אָנגעצונדן און פאַרגאָסן די ווענט מיט אַ בלענדנדיקער ליכטיקייט. עמיצער האָט אָוועקגערופן אברהם־ראובנען. איסר יאַגאָדע האָט געהאַט דאָס געפיל ווי מ׳וואָלט אים עפּעס אויסגעכאַפּט פון אונטער דער האַנט. ער האָט געוואָלט צוריקגיין צו זיין אָרט. יואל באַלזאַם איז אָנגעקומען מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זיין אָנגעצונדענעם פּנים. ער איז געווען באַגלייט פון אַ מיטל־יאָריקער פרוי אין אַ ברוינעם, אָפּגעמאָסטענעם קאָסטיום. זי האָט געהאַט אויסגע־קנייפּטע בעקעלעך, מיט צוויי גריבלעך און א ווילעריש־פאַרקעמטן קאָפּ שוואַר־צע האָר. לויט איר גאַנג האָט זי געמוזט זיין איינגעשנורעוועט אין אַן ענגן קאָרסעט. די פרוי האָט אויף אים אַ קוק געטון. אין אירע פלעמלדיקע אויגן איז געווען די אַרויסרופעדישקייט פון אַ מענטש, וואָס קען פאַרזאָרגן נישט בלויז זיך אַליין, נאָר איז אויך אימשטאַנד אויסצוהאַלטן געפאַלענע.

איסר יאַגאָדע האָט אַ לענגערע ווײַלע זי באַטראַכט. ס׳האָט מיך נישט אויסגעמיטן! — האָט ער אויסגעפירט — אויף וואָס כ׳האָב זיך גערעכט, איז געקומען... דער יואל באַשטייט טאַקע צו זיין מיין פאַרזאָרגער! און כדי אָפּצו־שלעפן די נייע באַקאַנטשאַפט כאַטש אויף עטלעכע רגעס, האָט ער תמעוואַטע אַ וויַז געטון אויף די אָנגעצונדענע שאַנדאַליערן.

— וואָס עפּעס שוין ליכטיק געוואָרן, יואל? ס׳איז שוין נאָכן מיטינג?

— בלויז אַן איבעררייס. מען גייט מאַכן אַן אַפּיל נאָך געלט צו קויפן וואָפן פאַר די אונטערגרונד־קעמפער. ביז איצט זענען די ביישטייערונגען געווען קליינע. מ׳האָט געוואָרפן אין די טעלערס איינצלנע דאָלאַרס. ווייסט דאָך, דער עולם האָט ליב אַז מ׳רופט אים אויף מיט כבוד...

ער האָט לייכט אָנגערירט זיין באַגלייטערין פאַר אַן עלנבויגן און זי פאָר־געשטעלט:

— דאָס איז מיסעס סאַלאַנט. כ׳האָב דיר דערציילט בלויז גוטס וועגן איר, געדענקסט?

— זייער אָנגענעם.

— לאָמיר זיך אַלע איבערזעצן נענטער צו דער בינע.

— אַ דאַנק, אָבער איך מוז שוין גיין.

— אַן מיר וועסטו נישט אַרויס פון זאַל, איסר... איך האָב דיך אַהער גע־בראַכט און איך וועל דיך אַרויספירן. כ׳האָב אַ פאָרשלאָג: לאָמיר איצט אַריינ־גיין אין אַ קאַפעטעריע. מירן אַליין מאַכן אַן איבעררייס. ס׳איז צייט פאַר אַ טעפל קאַפע.

מיסעס סאַלאַנט האָט איינגעשטימט מיט אַ גלעקלדיק געלעכטער. איסר יאַגאָדע האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ פּאָר געפּרוּווירענע בליקן.

ביים אַרויסגיין האָט יואל באַלזאַם באַוויזן אַריינצושעפּטשען אין די אויערן פון זיין לאַנדסמאַן:

— שפּיל נישט איצט קיין פּריץ, איסר! אויפטווער מיינער! זי קריגט אַרויס אַ גט די טעג און ווערט אַ פרייער מענטש... כ׳הייס נישט, אַז דו זאָלסט זיך איילן, אָבער פאַרטראַכטן מעגסטו זיך... אי ס׳איז דאָ געלט, אי זי האָט דאָס וואָס מ׳רופט: פּוירסאָנאַליטי... כ׳מיין חשיבות... מ׳זאָל נישט געפּרוּווט ווערן, אַ מאַנסביל קען אַמאָל דאַרפן אָנקומען צו איר „קניפּל“...

אויף דער גאַס האָט דער אַספאַלט געגלאַנצט פון נאַסקייט. ס׳איז געווען נאָך אַ האַסטיקן רעגן. דער אָוונט איז געווען אַ קילער. איבערן אויסגעוואַשענעם הימל זענען געווען פאַרזייט אומצאָליקע שטערן. זיי זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג צו דער פערצנטער גאַס. די באַלויכטענע פראָנט־טירן פון קופּער־יוניאָן זענען שוין געווען ווייט הינטער זיי. פונדערווייטנס האָט זיך אַרויסגעהויבן דער אָנ־געצונדענער טורעם פון דער טעלעפאָן־געביידע מיט די בליציקע קאַרניזן.

איבערן גאַנצן וועג האָט איסר יאַגאָדע פאַרעקשנט געשוויגן, כאָטש מיסעס סאַלאַנט האָט פּרובירט פאַרקניפּן אַ ווערטל אַהין, אַ ווערטל אַהער. ער איז געווען אין פאַרלעגנהייט איבער דער געצווונגענער באַקאַנטשאַפט און ס׳איז אים גע־קומען אויפן זינען אַ זאָגעלע, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט, אַז ליבע מאַרשירט צום מאַן דורך די אויגן און צו דער פרוי דורך די אויערן... ער האָט נישט פאַרטראָגן איר גלעקלדיק געלעכטערל און אירע שפּאַס־ווערטלעך האָבן אים נישט פאַרוויילט. פונדעסטוועגן האָט ער אין גאַנג געגעבן אויף איר אַ צווייטן מער געדולדיקן בליק. פון דער זייט האָט איר פּנים אויסגעזען אָנצינדיקער, די אויסגעקנייפּטע בעקעלעך האָבן געהאַט יידישע חן־גריבלעך, וואָס האָבן זי

געמאַכט באַטעמטער. כ׳בין פאַרביטערט, אויב כ׳האָב דאָס פּריזער נישט באַ־מערקט! — האָט ער זיך געמאַכט אַ פאָרוואורף — פון אדמס ריפּ איז אויסגע־קנאָטן געוואָרן די שיינקייט פאַר דער וועלט, זאָגן די עסטעטן...

אויף דער פּערצנטער גאַס, צווישן דער צווייטער און דריטער עוועניו, זענען זיי אַריין אין אַ קאַפעטעריע. אַלע טישלעך זענען געווען באַזעצט, כאָטש ס׳איז נישט געווען די צייט, ווען מענטשן שטראָמען פון די מווי־הייזער און טעאַטערס. באַלזאַם האָט געזוכט אַ פּלאַץ פאַר דריי און נישט געפינען. זיי זענען אַראָפּ מיט אַ טרעפּ צום אונטערשטן שטאָק. דאָרט איז געווען גערוימער. ער האָט פאַרכאַפּט אַ טישל, דערנאָך האָט ער איבערגעלאָזט זיינע געסט מיט דעם בטחון פון אַ מחותן, וואָס קען זיך פאַרלאָזן אויף די שעמעוודיקע חתן־כלה און ער איז אַרויפגעגאַנגען צום בופעט ברענגען צובייסן מיט קאַווע.

מיסעס סאַלאַנט האָט זיך אַ רוק געגעבן מיט איר שטול נענטער צו איסר יאַגאָדען און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַרויסרופעריש. זי האָט צעקנעפּלט דעם זשאַקעט פון קאָסטיום. אַרום איר אויסדעקאָלטירטן האַלדז איז געהאָנגען אַ שנירל שווערע פּערל. די לענגלעכע, נאַכבאָמבלדיקע אויערינגען האָבן גע־בליצט ווי אמתע דימענטן.

איסר יאַגאָדע האָט זי אָפּגעמאָסטן לאַנג און געדולדיק. זי האָט געהאַט אַ קליין מיילעכל מיט דינע ליפּן. ער האָט זיך אָנגערופן:

— דאַכט זיך, כ׳האָב איך שוין ערגעץ געזען.

מיסעס סאַלאַנט האָט אויסגעשאָסן מיט אַ גלעקלדיק געלעכטער.

— מ׳דאַרף נישט קיין תירוץ אויף אָנצוהויבן אַ שמועס, מיסטער יאַגאָדע. ס׳אָלרייט! איר קוקט נישט אויס צו זיין פון די אַלטמאָדישע. און איך האָב אויך נישט קיין פּנים פון איינע, וואָס קומט פון הינטערן אויוון. מיר זענען הייינטוועלטיקע מענטשן. כ׳ווייס אַלץ וועגן אייערע צרות און מסתמא האָט באַל־זאַם פאַר אייך אויסגערעכנט די אַלע סקאַנדאַלן מיט מיין מאַן. מיין שוועסטער איז די „נעקסט דאָריקע״ שכנה פון אייער לאַנדסמאַן און נאָך יעדן טעלעפאָן וואָס כ׳מאַך צו איר, לויפט זי צו אים ווי צו אַ גוטן ייד... ר׳איז אַ האַרציקער מענטש, מיסטער באַלזאַם, אָבער אַ צו גרויסער ענטוזיאַסט. ס׳אָלרייט, מיר איז נישט באַקאַנט וואָס ער האָט אייך אַלץ אָנדערציילט וועגן מיר, אָבער איין זאַך קען איך אייך פאַרזיכערן. כ׳בין נישט פון די כלות, וואָס לאָזן זיך פירן אויף זעעכצער...

— פונדעסטוועגן האָט ער אייך הייַנט געפירט אין קופּער־יוניאָן.

— איר ווייסט אַליין, אַז ר׳שפּאַסט פון מיר... כ׳בין נישט געקומען אַהער אויף אַ בלינדן ראַנדעוווּ, אָדער אַ „בלינדן דעיט״ ווי מ׳זאָגט... ס׳אָלרייט, באַל־זאַם איז אַן עדות, אַז כ׳בין אַ יידיש מענטש. הייַנטיקע צייטן אינטערעסירט מיך יעדער יידישער מיטינג. נאָכדעם וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אונדז, יידן אין יוראָפּ, ווייס איך נישט ווי אַ מענטש מיט אַ יידיש אָדער קען לעבן בלויז מיט זיך אַליין... נאָך מיידלוויז האָב איך געהאַט אַ ווונטש צו זיין טעטיק אין דער געזעלשאַפט. די איילעניש אין ביזנעס און די נישט־גליקלעכע הייראַט מיינע האָט ביי מיר אָפּגענומען הענט און פיס... איצט, אַז כ׳בין ווידער אַ פרייער

מענטש, קען איך זיך מער אָפּגעבן מיט די זאַכן. ס'אַלרייט! כ'הער, איר זייט אויך אַן אַקטיווער קהל־טוער...

— כ'בין אויך פּריי, אָבער פרייע מענטשן זענען שלעכטע קהל־טוער...

— דאָס קיבעצט איר זיך אַליין. כ'האָב דעם איינדרוק, אַז איר קוועלט אַן פון אייער אייגענעם סאַדיזם... מ'זאָגט, אַז געלערנטע מענטשן זענען צוביסלעך ציניקער. לויט אייער הצלחה אויפן סטאַק מאַרקעט געהערט איר נישט צו די הינטערשטעליקע... און אפשר האָט אייך בלויז צוגעשפּילט ס'מזל? אין מיינע צייטן האָט מען געמוזט זיין אַ געניטער ביזנעסמאַן צו ווערן אַן עושר ביים קויפן אַקציעס...

— ס'עט זיך באַלד אַרויסווייזן, אַז מיר האָבן דיזעלבע באַשעפטיקונג! איר זייט אויך אַמאָל געווען צווישן די גאָלד־גרעבער?

— מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט יעדער פון אונדזער שטאַנד פּרובירט דאָס גליק. די וואָס האָבן זיך נישט געשראָקן, האָט עס אָפּגעקליקט... יענע וואָס האָבן געצעגערט, זענען געבליבן קבצנים. ס'אַלרייט, מיט מיינע פּאַרדינסטלעך האָב איך זיך נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן... אַלץ וואָלט געווען פּערפעקט, ווען מיין מאַן וואָלט נישט געהאַט וועלפישע אַפּעטיטן צו אַנדערע פרויען און ווייניק חשק צו די אייגענע ביזנעס... אַזוי איז שוין ס'לעבן. ס'גליק שפּאַצירט אַריין דורך דער פּאַראַד־טיר און אַנטלויפט דורך דעם הינטערשטן פענצטער. ווי גייט דאָס ווערטל? אַלץ אינאיינעם איז נישטאָ ביי קיינעם...

— איר דערציילט צו פלינק, מיסעס סאַלאַנט. פּאַוואָליע, כ'וויל באַנעמען איינציקווייז אייערע צרות. וועמעס פּאַמיליע־גליק איז אַנטלאָפן דורכן הינ־טערשטן פענצטער?

— איר באַנעמט אַלרייט, מיסטער יאַגאָדע און כ'זע, אַז מירן באַלד רעדן דיזעלבע שפּראַך... אויב כ'בין געשטראָפט מיט עקשנות איז דערין שולדיק מיין דערציִונג. מיין טאַטע האָט ליב געהאַט צו קעמפן מיטן גבאי אין זיין שול און מיין מאַמע איז געווען אַ שטאָלצע קרעמערקע. קאַרגע קונים האָבן ביי איר תמיד זיך אויסגעריכט אַ שוואַרץ יאָר... קען זיין, ס'אַ חסרון, אָבער פון געבוירן אָן בין איך אַ זעלבסטשטענדיקער כאַראַקטער און כ'פאַרליד נישט קיין באַליידיקונג... דערפאַר בין איך געבליבן ביי מיינע הייזער מיט די מעבלירטע צימערן... נאָכן ערשטן צוזאַמענשטויס מיט מיין מאַן האָב איך געדאַרפט מאַכן אַן עק. אַ פרוי איז אָבער צו־געדולדיק און צו־נאַכגיביק... כ'האָב דערפאַר באַצאָלט מיט פופצן יאָר שקלאַפעריי...

— 4 —

איסר יאַגאָדע האָט ווידעראַמאָל זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ געדולדיקן בליק. די פרוי מיטן קליינעם מיילעכל אויף שרויפן, וואָס ער האָט צומאָל נישט געקענט מיט צוואַנציק מינוט צוריק, האָט אין זיינע אויגן איצט אויסגעזען נאָך באַטעמ־טער. אירע רייד פון אומצופרידנקייט האָבן אויסגעלייגט אויף איר פּנים חנעוו־דיקע גרימאַסן. ער האָט פּרובירט אויסרעכענען איר עלטער. אויב זי האָט פופצן

יאָר זיך געפּייניקט מיט איר מאַן, הייסט עס, אַז זי האָט חתונה געהאַט שפּעט. זי איז געשטאַנען אונטער די חופּה־שטאַנגען שוין אַ פאַרבליטע... וואָס טויגן די חנדלעך און די צוגעשליפענע ווערטלעך? איצט וויל זי, פּונקט ווי יעדעס אַנדערע פאַרזעסענע מיידל, אַרויפכאַפּן אויף דער ווענטקע אַ מאַנסביל...

די טראַכטענישן האָבן זיך גענומען וויקלען אין זיין מח ווי אַנגעצויגענע אָדערלעך. ער האָט זי געוואָלט פרעגן צי זי באַרגט געלט אויף פּראָצענט, אָדער זי פאַרמאָגט ריעל עסטייט, אָבער ס'איז גראָד אָנגעקומען יואל באַלזאַם. ער האָט געטראָגן אַ טאַץ מיט טעפּלעך קאַווע און געבעקס. פון הינטער זיינע רויטלעכע ברעמען האָט ער געוואָרפן אַ שפּיציקן בליק אויפן פּאָרל. די שאַרפע גרינע אויגן האָבן אָנגעקוואָלן, אָבער אויפן פּנים איז געבליבן אַ כשרע מינע. ער האָט געזאָגט:

— מירן אויסזופּן די קאַפע און צוריקגיין צום מיטינג.

איסר יאַגאָדע האָט אים אָנגעקוקט פאַרדריסלעך.

— איילסט זיך שוין ווידער? איך האָב צייט.

— נעם דיר צייט וויפיל דו ווילסט, איסר! כ'קען דיר אַפילו אָוועקשענקען מיינע אייגענע אָפּגעשפּאָרטע שעה'ן... איר ביידע וועט דאָ אונטערזיצן ווי אַ חתן־כלה ביי אַ זעעכץ, כע־כע־כע... איכל נאָך צוריקגיין אין קופּער־יוניאָן, זען מיין אידעם.

זיי האָבן געשמאַק געזופּט די בריִענדיקע קאַפע און געשלינגען דאָס געבעקס. אויף איינמאָל האָבן פון די טרעפּ זיך אַראָפּגעשאָטן אַ גרופּע יִינגלעך און מיידלעך מיט אַ געליאַרעם. נאָכן פאַרכאַפּן עטלעכע טישלעך האָט דאָס יונגוואַרג היציק גענומען דעבאַטירן מיט אַזעלכע קולות, ווי זיי וואָלטן אַריבערגעפירט אַהער אַן איבערגעריסענעם קלוב־מיטינג.

דער טומל איז געווען צו הילכיק, אַז די אויערן ביי איסר יאַגאָדען זאָלן די קולות נישט איינזאַפּן. ער האָט אַ רוק געטון זיין שטול אין זייער זייט. דאָס יונגוואַרג איז באַשטאַנען פון אַכצן־יאָריקע און צוואַנציק־יאָריקע צעפלאַמטע דעבאַטאַנטן. לויט די ערשטע אויפגעכאַפּטע ווערטער האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דאָס זענען מערסטנטייל יידישע קינדער, וואָס זענען נאָר־וואָס געקומען פון אַ ראַדיקאַלן יוגנט־קלוב, ווו מ'האָט דיסקוטירט דאָס נעגער־פּראָבלעם. די אויגן האָבן געברענט און די צינגער האָבן געפלאַמט. די יונגע מאָנער פון גערעכטי־קייט האָבן זיך געקאָכט איבער דער ראַסן־צעטיילונג און דיסקרימינאַציע, וואָס בייזע, אונאַמעריקאַנישע כּוחות זענען פאַראינטערעסירט דאָ איינצופירן.

באַלזאַם האָט אויסגעטרונקען די קאַפע און איז אַרויס. מיסעס סאָלאַנט איז גרייט געווען צו פאַרקניפּן אַ נייעם איבעררייד, אָבער איסר יאַגאָדעס אויערן זענען געווען אָפּן בלויז פאַרן יונגוואַרג ביי די טישלעך. ס'האָט אויסגעזען, אַז דער צאָרן פון אַלע נביאים האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אָט די היציקע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די געקריוודעטע. דער אייביקער יידישער באַגער נאָך צדק טרייבט זיי צו באַשיצן די באַעוולהטע פון פרעמדע פעלקער. דאָס פייער פון די פאַרצייטיקע שטראָפער שטויסט זיי זיך אָנצונעמען פאַר די געשלאָגענע און באַליידיקטע. פונדעסטוועגן האָט זיך אים

אויסגעדוכט, אַז אַט די אייניקלעך פון אברהם, יצחק און יעקב דרייען זיך אַרום אויף דער וועלט ווי אויף אַן עולם התוהו. קיין איינציק וואָרט וועגן דער פֿאַר־טיליקונג פון ייִדן האָט ער פון זיי נישט געהערט. קיין איינציקער פּראָטעסט אויף די שרפות פון אוישוויץ און מאַידאַנעק איז פון זייערע מיילער נישט געקומען. צי האָבן די ווילע ייִנגלעך און מיידלעך קיינמאָל נישט געהערט די נעמען פון די טויט־הייזער און ברעזן־אויוונס, ווו מ׳האָט פאַרשפּהעט מיליאָנען פון זייער פאָלק? צי האָבן זייערע עלטערן נישט דערציילט פאַר זיי וועגן די אינקוויזי־ציעס, שייטערהויפנס און וועגן דעם פלאַקערדיקן הויז פון יעקב? און אויב זיי ווייסן יאָ, פאַרוואָס צאַרענען זיי נישט אויף טאָרקוועמאַדע און היטלער? אויף נבוכדנאצר און טיטוס? אויף פרעה און עמלק? פאַרוואָס האָבן זיי מורא צו רעדן וועגן די ליידן פון ישראל צווישן פעלקער?

זיינע טענות זענען געשטיגן צוליב דעם, וואָס ער איז געקומען איצט פון אַ מיטינג, ווו יונגע ייִדן האָבן אַנגעזאָגט אַ מלחמה צו ענגלאַנד. ער האָט פאַרלאָזט אַן אַרענע, ווו די לייבן פון יהודה האָבן אָנגעהויבן אַ געפעכט קעגן די וואָס פאַרשפּאַרן דעם וועג פאַר דעם איבערבלייב פון ישראל.

ער האָט געוואָלט איבערגעבן זיינע טראַכטענישן צו מיסעס סאַלאַנט. ער האָט געהאַט חשק צו פאַרפירן אַ שמועס מיט דעם יונגוואַרג, אָבער ער איז געבליבן אין קווענקלעניש. פון פאַרדרוס האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אַן אומגעדולדיקן קוק געטון אויף דער פרוי, וואָס באַלזאַם האָט דאָ איבערגעלאָזט, ער זאָל זי דאַרפן פאַרווילן. איבער איר אויסגעקנייפּט פּנימל האָבן איצט אַרומ־שפּאַצירט דיזעלבע חנדעלעך ווי פריִער. אין אירע אויגן איז געווען שטיפעריי. ער וואָלט געדאַרפט מיט איר בלייבן לענגער — האָט די אַנשטענדיקייט אים באַפוילן — אָבער זי וועט גאָרנישט פאַרשפּעטיקן, אַז ער׳ט זי זען אַ צווייט מאָל... מיסעס סאַלאַנט האָט זיך אויך אויפגעהויבן פון אָרט. איסר יאַגאָדע איז געווען גרייט צו פאַרלאָזן די קאַפּעטעריע און מיט אַ ווינק אַנגעוויזן אויף די דערבייאיקע טישלעך.

— מיר וועלן גיין. אירט געהערט מיט וואָס פאַראַ פייער אונדזער יונגוואַרג דעבאַטירט וועגן דער נעגער־פראַגע?

— כ׳האָב געהערט.

— קיין איינציק וואָרט האָבן די יונגעלייט און מיידלעך נישט פאַרלוירן אויפן ייִדישן חורבן.

— די נעגערס זענען אַ פּראָבלעם.

— אַן אייביקער פּראָבלעם. אָבער אומגעברענגט האָט מען פאַר אונדזערע אויגן זעקס מיליאָן ייִדן.

קאַפּיטל פינף און פערציק

— 1 —

דיזעלבע נאַכט האָט אַ האַסטיקער טעלעפאָן־קלינג אויפגעוועקט איסר יאַ־גאָדען פון שלאָף. גערופן האָט טילי און אים אָנגעזאָגט, אַז ער מוז גלייך אַרי־

בערקומען צו איר און זי באַגלייטן צו דער קליניק. עוועלינס טאָכטער וויוויען, וואָס האָט אַ מאַן אַן איטאַליענער, גייט צו קינד. וויוויען איז אויף דער צייט, אָבער זי פייניקט זיך שוין אין דער קליניק צוויי נעכט און ס'וועט זיין אַ שווערע געבורט. דער קליניק־דאָקטאָר איז גרייט אויף אַ קייזער־שניט, אָבער די מאַמע פון דער יונגער געווינערין וועט נישט לאָזן נוצן קיין מעסער. דער איטאַליענער גייט אַרום ווי אַ מת און די שוויגער עוועלין ברעכט די הענט. זי וויל נישט אַנדערש, נאָר אַ ספּעציאַליסט ביי איר טאָכטערס ערשטלינג.

— וואָס קען איך דאָ העלפן? — האָט איסר יאַגאָדע אַ פאַרשלאָפענער אַריינגערעדט אין טרייבל.

— כ'קען אַ גלענצנדן אַקושאָר, דאָקטאָר קראָנע — האָט טילי געליאַרעמט אויף יענער זייט דראָט — ער איז אַ לייכטער אָפּנעמער. ר'האָט אַ האַנט ווי אַ פעדער. כ'האָב צו אים אָנגעקלינגען, אָבער די נאַכט־נוירס האָט געענטפערט, אַז ר'איז אַוועק צו אַ געבורט. ס'קען זיין אַז ס'איז אמת און אפשר וויל זי אים נישט אויפוועקן. ס'גלייכסטע איז, מיר זאָלן צופאָרן צו זיין הויז און אים אַרויסנעמען מיטגוואַלד...

איסר יאַגאָדע האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל און אומגערן גענומען זיך אָנטאָן. אַ ניי אָנשיקעניש — האָט ער זיך אויסגעגעניצט — איינמיטן ביינאַכט דאַרף ער לויפן זוכן אַ בעל־מופת פאַר אַ געווינערין. ווו די טילי וועט אים אַלץ נישט אַריינשלעפן! אָפּזאָגן איר האָט ער פונדעסטוועגן נישט געטאָרט. ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די אונטערוועש און אויף גיך זיך איינגעוואַשן. ביים פאַרשנורעווען די שיך האָט אַ בענדל זיך פאַרקנופּט און ער איז געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איילעניש מאַכט דאָס ביסל פרייד אין לעבן נאָך מאָגערער. פון ששת ימי בראשית ביז היינט איז אַ שפּאָרער מהלך. פון דעם תוהו ובוהו ביז אָדמן האָט דער באַשעפער זיך גענומען אַ סך צייט. די חכמי המדע ווילן אַפילו באַווייזן, אַז ס'האָט געדויערט אַ פּאָר ביליאָן יאָר ביז די ערד איז געוואָרן אויסגעפורעמט אַזוי ווי זי איז. דער וואָרעם קריכט, די טשערעפּאַכע שלעפּט זיך, אָבער דער מענטש, דער בחיר היצורים האָט נישט קיין צייט. ער איז אויף דער וועלט איז אַ געיעג ווי אַ וועט־לויף.

איסר יאַגאָדע האָט שוין געהאַט אויף זיך דעם מאַנטל און דעם הוט. ער איז געווען פאַרטיק אַרויסצולויפן, אָבער ער איז צוריק געקומען צום שפּיגל און מיט ישוב־הדעת צעקעמט דאָס בערדל. ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ וויטאַמין צו שטאַרקן די ענערגיע זיינע און איז אַרויס.

דער הימל איז געהאָנגען איבער גריניטש־ווילעדזש ווי אַ טונקעלער שירעם. קיין שטערן האָבן זיך נישט אַרויסגעזען, די לופט איז געווען אָנגעלאָדן מיט נעפּל ווי מיט שיטערן רויך. די הייזער זענען געווען פאַרלאָשן. אין עק בלאָק איז אַ קאַפעטעריע מיט אַ פלעמלדיקער שילד געשטאַנען אָפן.

ער האָט געוואָלט זיך אַ כאַפּ טון צום וועסטל־טעשל, אָבער ער האָט אַ קוק געטון אויפן האַנט־געלענק. דער זייגער האָט געוויזן נאָך דריי. אַ קורצער מאַן אין אַ לעדערנעם רעקל האָט געפירט אויף אַ רימען אַ צוואָקסענעם הונט ווי אַ

לייב. אַ הונגעריקע קאַץ האָט געגישטערט אין אַ מיסטקאַן. פון אַ קליינעם טראָק האָט אַ טרייבער אָפּגעליפערט פלעשלעך מילך.

איסר יאַגאָדע האָט געוואַרט, אַז אַ טאַקסי זאָל פאַרבייפאָרן. ער האָט גע־קוקט אויף דעם שיטערן נעפּל. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז אין דער פינצ־טערניש פון דער נאַכט ווערט יעדער בעל־חי איינגעשרימפּן פון עלנטקייט. דאָס וואָס ער איז גרייט איצט צו טון הייסט אַ מצווה־זאַך, אָבער אין זיין איילעניש איז אים אַרויס פון זכרון זיין אייגענע אומבאַהאָלפנקייט. טילי איז גערעכט וואָס זי האָט אים אויפגעוועקט, זי פאַרדינט מער איינזעעניש וויפיל ער קען פאַר איר אָפּשפּאָרן. דאָס וואָס מ׳רופט אַזאַ פרוי אויפן רחמנות־לשון „אַלטע מוידן!‟ געהער צו די פאַלשקייטן פון דעם ציוויליזירטן מענטש. די וועלט אָנערקענט, אַז אַ פאַרזעסן מיידל איז צעקראָכן און איפּערזיכטיק, ס׳ווערט אָבער פאַרגעסן, אַז אַלטע מוידן זענען פעיִק צו מעשים טובים, צדקה און טריישאַפט. נאָך גוט וואָס טילי קען נישט לייענען זיינע טראַכטעגישן און איז צופּיל פאַרנומען, אַז זי זאָל קענען נאַכשפּירן זיינע געגנלעך. מיט וואָס וואָלט ער זיך געקענט פאַרענטפערן פאַר זיין היינטיקער באַגעגעניש מיט מיסעס סאַלאַנט?

ער האָט צוגעשפּאַנט צו דער באַלויכטענער קאַפעטעריע, ווו אין אַריינגאַנג האָט אַ פּאָליסמאַן זיך געשפּילט מיט זיין קלאָב. פון יענער זייט שויב איז געזעסן אַ באַוואַקסענער טראָק־טרייבער. ער האָט גיך געזופּט זיין קאַווע און געשלינגען זעמעלעך, נישט צעקייטערהייט. ס׳אַ בהלה אויף אים! — האָט איסר יאַגאָדע געטראַכט — מ׳זאָל דאָס אַמאָל זען אין ניו־יאָרק ווי אַ מענטש זיצט איבערן טעלער פלייש און האָט צייט אויסצונאָגן די ביינדעלעך! דער מענטש איז משוגע, ער טרייבט זיך אַליין אין קבר אַריין.

אַ טאַקסי איז אָנגעפאָרן. ער האָט אַ רוף געטון און געעפנט דאָס טירל.

— 2 —

ווען די טאַקסי איז צוגעקומען צו טיליס אַפּאַרטמענט, האָט ער דעם טריי־בער געהייסן וואַרטן. ער איז אַרויף איבער אַ שטאָק טרעפּ. טילי איז שוין געשטאַנען אין מאַנטל און אין הוט אַ ברוגזע און נערוועזע. זי האָט אים באַגעגנט מיט אַ פאָרוואורף. אויף די באַקן האָט געפעלט דער רוזש, דער פּודער אויף איר נאָז איז נישט געווען דערשמירט.

— כ׳האָב נישט געגלויבט, אַז כ׳וועל זיך אַמאָל דערוואַרטן אויף דיר.

— ס׳איז איצט נאַכט טילי און אַ נעפּל דערצו. די טאַקסיס לאָזן אויף זיך וואַרטן...

— מירן זיך איצט נישט אויסטענהען. וויכטיק איז וואָס דו ביזט געקומען. כ׳וויל נישט פאַרשפּעטיקן דעם דאָקטאָר קראָנע. ער וווינט אַרום דער צווייטער עווענױ ביי די צוואַנציקער גאַסן. האָסט געהערט, אַז אַ יונגע פרוי זאָל צוויי טעג זיין אין הויכע ווייען? כ׳האָב דעם דאָקטאָרס אַדרעס פאַרשריבן אויף אַ צעטעלע. ווו איז דיין טאַקסי? האָסט כאָטש געהייסן דעם טרייבער וואַרטן?

אונטן אין דער טאַקסי האָט טילי דערלאַנגט די אַדרעס דעם טרייבער און אַ ווײַלע זיך געקווענקלט צי זי זאָל אויסלאָדענען אירע טענות פאַר איסר יאַגאָ־דען. זי האָט פאַרשנדיק אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— זינט דו ביזט געוואָרן אַ גאַסט ביי די מאַגנאַטן אויף וואָל־סטריט, זעט מען דיך נישט אָן. כ׳האָב שטענדיק זיך געשראָקן, זאָלסט נישט ווערן קיין צו־גרויסער דערפּאָלג... ס׳מוז זיין אמת, אַז ביים קלעטערן צו אַ קאַריערע מוז דער אָרנטלעכער מענטש טרעטן אויף די פּנימער פון זיינע בעסטע פריינט...

— די געווינערין איז אין הויכע ווייען, טילי, און דו האָסט אינזינען די זאַכן?

— כ׳האָב אינזינען דעם אמת. האָסט זיך דערשלאָגן צו אַ שטול אין פאַ־מיליע־געריכט. ס׳מזל לויפט דיר נאָך אויף וואָל־סטריט און איך בין געבליבן אַ טרויעריקע סינדערעלאַ...

— וועמען ווילסטו פריִער באַדויערן? זיך אַליין צי די געווינערין?

— כ׳קען זיך נישט העלפן. כ׳ווער סענטימענטאַל איבער זיך אַליין ווען דאָס לעבן פון אַן אַנדערער פרוי שטייט אין קאָן... טיילמאָל דוכט זיך מיר, אַז ס׳רעדט פון מיר אַרויס מיין עגאָיזם... וויוויען האָט ביי מיר אָפּגענומען דעם קור־ראַזש. ווען מיין קוזינע עוועלין האָט אָנגעקלינגען מיט אַ שעה צוריק, איז מיר ס׳האַרץ איינגעפאַלן. דער אָרעמער עוועלין איז שוין איינמאָל באַשערט! נישט גענוג וואָס זי האָט אַן איטאַליענער פאַר אַן איידעם, מוז זי זיך דערוואַרטן אויף אַ שווערער געבורט. ביז איצט זענען אַלע אין מיין פאַמיליע געווען לייכטע געווינערינס. וואָס טראַכסטו, איסר? איז טאַקע דאָ אַן ערנסטע געפאַר?

— מ׳עט הערן וואָס דיין דאָקטאָר וועט זאָגן. און צוריקגעשמועסט, אַזוי שנעל גייט זי געבוירן איר בכור?

— וואָס ווילסטו, זי זאָל שוואַנגערן אַ גאַנץ יאָר?

— צו פאַרשטופּן די בייזע מיילער וואָלט נישט געשאַדט...

— אַז דיר ליגן וויצן אין קאָפּ... האָסט שוין געהערט אַזוינס? דו ווייסט דאָך אַלץ ווי אַ ראַביי! זאָג מיר, איסר, איז מעגלעך, אַז אַ פרוי זאָל שוואַנגערן אַ יאָר?

— ווען דו זאָלסט קענען גמרא, וואָלט איך דיר געזאָגט.

— מעגסט סאַי ווי זאָגן.

— די גמרא זאָגט, אַז יאָ. מ׳געפינט עס אין יבמות... שהלך בעלה למדינת הים... מ׳דאַרף פאַרגלייכן תוספות נדה... פאַרשטייסט דען וואָס כ׳מיין? איבע־ריקנס, וואָס זאָרגסטו זיך? מ׳עט הערן וואָס דער דאָקטאָר האָט צו זאָגן...

— אַ דאָקטאָר באַרויִקט, אַפילו ווען די געפאַר איז גרויס און אפשר וועט דער דאָקטאָר זיין אָפן ברוטאַל מיט דעם אמת... ער איז נאָך אַ יונגער מענטש, אַ פליכטלינג פון עסטרייך, אָבער אַ קאַריערע האָט ער דאָ געמאַכט אין עטלעכע יאָר. זיין ספּעציאַליטעט איז פרויען־קראַנקייטן. אַ נאָמען האָט ער געקראָגן פאַר זיין געשיקטער האַנט ביי קאָמפּליצירטע געבורטן.

— אַ לייכטער אָפּנעמער, האַ? אַ מפליא לעשות?

— מעגסט לאַכן וויפיל דו ווילסט, אָבער ער האָט אַ לייכטע האַנט ביים

ברענגען אויף דער וועלט צווילינגס, דריילינגס און אַפילו פירלינגס... פונוואַנען קום איך צו אים? מיין שוועסטער ליליען האָט אים באַקענט פּאַראַיאָרן ביי אַ בר־מצוה־פּאַרטי. ערשט מיט אַ וואָך צוריק האָט מען וועגן אים געשריבן אין די צייטונגען... ס׳איז אים באַשערט געווען צו זיין דער אָפּנעמער פון אַ פופטן דור ביי אַ ייִדישער פאַמיליע אין ברוקלין. פיר דורות, די עלטער־עלטער באָבע, די עלטער־באָבע, די באָבע און די מאַמע זענען געשטאַנען ביים בעט און גע־וואַרט אויפן ערשטן קוויטש פון דער בייבי... און וואָס מיינסטו האָט דער דאָק־טאָר אַרויסגעפירט אויף דער ליכטיקער וועלט? אַ פּרייז־פייטער! אַ צען־פונטיקן יונג!

— אויב אַזוי וועט דיין קימפּעטאָרין זיין אין גוטע הענט...

— כ׳וויל האָפן אַזוי. אין די קריגס־יאָרן איז ער געווען די סענסאַציע פון ניו־יאָרק. ווען די שטאָט איז געווען פאַרפינצטערט אין די נעכט צוליב די „בלעקאַוטס״, האָט דאָקטאָר קראַנע אָפּגענומען קינדער ביים שיין פון אַ טאַשן־לעמפּל. ער אַליין האָט ליב צו דערציילן פון זיינע נאַכט־אַוואַנטורעס ביים ברענגען אויף דער וועלט אומנאָרמאַלע בייביס. אָבער וואָס האָב איך עפּעס אָנ־געהויבן מיט זיין לעבנס־געשיכטע? ווו זענען מיר פאַרפאָרן? דוכט זיך, אויף דער צווייטער עוועניו... דער נעפּל פאַרשטעלט די וועלט.

איסר יאַגאָדען איז געפעלן געוואָרן וואָס טילי האָט זיך צעוואָרעמט. ער האָט געוואָלט פרעגן צי מען האָט אויפגעהאַנגען אַ שיר־המעלות איבערן בעט פון דער געווינערין — אַ סגולה צו אַ גרינג האָבן, אָבער ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז פון איר מאַמעס הויז האָט מען אַרויסגעראַמט אַלע ספרים. אויב מען האָט אַרויסגעטריבן די ספרים — איז אים איינגעפאַלן — האָט מען דאָך איינ־געלאַדן די שדים... די טאַקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ טרייסל. טילי איז די ערשטע אַרויס. דער נעפּל איז איצט געוואָרן געדיכטער. דער גאַסן־פּאַרקער איז געווען אָפּגעשטעלט. איסר יאַגאָדע האָט באַצאָלט דעם טרייבער און זיך אַרומגעזען, אַז ער שטייט פאַר אַ שמאָל, שטיינערן ווינקל־הויז.

טילי איז געגאַנגען פאָרויס. אַ האַלבער שטאָק טרעפּ האָט געפירט צום אַריינגאַנג פון אַן אָפּגעשונדענעם איסט־סאַידער געביי. דאָס שילדל איבער דער טיר איז געווען קליין. דאָס רויטע לעמפּל האָט קוים געפלעמלט. אַן אַמבולאַנס מיט אַ גרילצנדיקן קוויטש איז אָנגעפאָרן. דאָס טראַפיק־ליכט אין גאַס־ווינקל האָט זיך גראָד געביטן פון גרין אויף רויט, אָבער דער אַמבולאַנס איז האַסטיק דורכ־געפאָרן.

טילי האָט נאָכגעקוקט דעם אַמבולאַנס און אַ דריק געטון דאָס גלעקל ביים אַריינגאַנג. קיין ענטפער איז נישט געקומען. זי האָט אַ צווייט מאָל געפרעסט דאָס קנעפּל. אַ דראָבנע, ווינציקע קראַנקן־שוועסטער האָט געעפנט די טיר אין דער העלפט. זי האָט געהאַט אַ בליק פון פאַרלעגנהייט. טילי האָט איר נישט געוואָלט זאָגן, אַז זי האָט טעלעפאָנירט מיט אַ שעה צוריק און תמעוואַטע געפרעגט:

— איז דאָקטאָר קראַנע אין הויז?

— איר האָט אים אָנגעקלונגען? קומט אַריין. דער דאָקטאָר איז נאָר־וואָס

געקומען פון אַ פּאַציענט, ער טרינקט זיין קאַפע. איז עס דרינגענד? אַ געבורט? זיצט, כ׳גיי אים רופן.

דאָס וואַרט־צימער איז געווען ליידיק. אַ קליינע טיש־לאָמפּ מיט אַ גרינער אַבאַזשור האָט באַלויכטן אַ ווינקל פון אַ וואַנט, אויף וועלכער ס׳איז געהאָנגען אַ געמעל פון אַ פּאַרצייטיקן דאָקטאָר ווי ער פּאַרעט זיך ביי אַ געבורט־אָפּעראַציע. טילי האָט אָנגעוויזן אויף די אָפּגעריבענע פּאָטעלן און קושעטקעס און זיך אָנגערופן:

— אַ גאַנצן טאָג רוישט דאָ ווי אין אַ בינשטאָק. שוואַנגעריקע פרויען זענען אויסגעזעצט אַרום די פיר ווענט, גרייט צו רעגיסטרירן זיך אַלס מאַמע־קאַנדידאַטקעס און די, וואָס האַלטן שוין אין די הויכע חדשים, וואַרטן אויף זייער מאָנאַטלעכער אונטערזוכונג. עפּעס מוז דאָך זיין מיט דעם נייעם דאָקטאָר, אַז פרויען פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אויף דער איסט־סאַיד קומען נאָך זיין באַהאַנדלונג.

— מיינסט, אַז ר׳איז אויך אַן אַקושאָר פאַר די איטאַליענישע און איירישע ווייבלעך?

— אויך פאַר די פּוילישע און פאַר די כינעזישע ווייבלעך, פאַר די אוקראַינישע און שפּאַנישע פרויען... און וואָס איז דער מער מיט די יידישע טעכטער? ווייניק פון אונדזערע מאַמעס בענטשן אים פאַר זיין לייכטער האַנט? עס נעמט געניטשאַפט און קוואַליפיקאַציעס אויפצובויען אַזאַ רעפּוטאַציע.

פון דער קאָרידאָר־טיר איז אַריינגעקומען דאָקטאָר קראַנע. ער איז געווען מיטלוווּקסיק מיט ברייטע, געזעצטע אַקסלען. דאָס מידלעכע פּנים, איבערגעצויגן מיט אַן איידעלער, ברוינלעכער הויט האָט אים צוגעגעבן דעם גלייענדיקן אָנבליק פון אַן איטאַליענער אָדער שפּאַניער. ער האָט באַשיידן אַ נויג געטון דעם קאָפּ צו איסר יאַגאָדען און מיט אַן אויסגעקנאָטענעם שמייכל, וואָס קומט פון טיפער דערמאָנונג צו אַ באַקאַנט פּנים, האָט ער איצט זיך באַגריסט מיט טילין.

— וואָס האָט אייך געבערענגט אַזוי שפּעט אַהער, מיס סטוירן?

— ס׳איז מיין קוזינע, דאָקטאָר. איר טאָכטער האַלט ביים געבן געבורט... ס׳קען זיין, אַז מען וועט מוזן האָבן אַ קייזערשניט, די מאַמע איז קעגן און זי בעט אייער באַהאַנדלונג...

— ווו געפינט זיך די קליניק? כ׳האָף, אַז נישט ווייטער פון מאַנהעטן. כ׳קום שוין היינט פון דעם דריטן געבורט אין ברוקלין, און געדאַרפט זיין האָב איך גאָר היינט אין דער אָפּעראַ מיט אַ ליידי... ס׳האָט געשפּילט „אַידאַ״. מיין פּראָפעסיע און אָפּערע־מוזיק זענען, ווייזט אויס, נישט קיין מחותנים. אַ פרויען־דאָקטאָר מעג בלויז מאַכן אַ ראַנדעוווּ מיט דעם שטאָרך...

— עס וועט אַלץ גיין אויף אייער גוטן רעקאָרד... — האָט טילי אַ שמייכל געטון.

— אויף מיין רעקאָרד איז די מוזיק פון קוויטשענדיקע בייביס... כ׳בין אַזוי פליסיק ווי אַן אַלטמאָדישע הייבאַם. כ׳וויל נישט פאַרלירן קיין פריינד, כאָטש מ׳זאָגט, אַז שווערער ווי צו האַלטן אַ פריינד איז צו פאַרלירן אַ שונא... נו, וועלן

מיר גייִן? ס'וועט נעמען אַ מינוט ביז כ'וועל אַרויספירן די מאַשין פון גאַראַזש.

נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזט דאָס וואַרט־צימער, האָט פון דער גאַס זיך געהערט דאָס גערויש פון אַ מאָטאָר. איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט זאָגן טילין אַז דער דאָקטאָר זעט אויס גיכער ווי אַ שפּיל־באַי איידער אַן אַקושאָר, אָבער דורכן פענצטער האָט ער דערזען ווי עס בליצן אויף צוויי לאָמפּן אויפן בויך פון אַן אויטאָמאָביל. דער האָרן האָט אַ בלאָז געטון איינמאָל, אַ צווייט מאָל. די קראַנקן־שוועסטער האָט זיך באַוויזן מיט אַ מידן שמייכל, וואָס בעט אַרויס.

— 3 —

אינדרויסן האָט טילי געוואַרט ביז דאָקטאָר קראָנע וועט זיך זעצן ביים רעדל און דערנאָך האָט זי אים געזאָגט וווּהין צו פאָרן אין די בראָנקס. זי האָט זיך געזעצט נעבן איסר יאַגאָדען. דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ הויב געטון מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד. דורך די ערשטע אָפּ־געלאָפענע גאַסן האָבן אַלע דריי געשוויגן. פונעם פענצטערל אַרויס האָט איסר יאַגאָדע געזען ווי דער נעפּל איז אויסגערינען, אָבער די נאַכט איז געלעגן איינגעוויקלט אין טיפער חשכות. ס'איז אים איינגעפאַלן צו זאָגן, אַז דאָקטאָריי איז אַ פינצטערע פּרנסה. נישטאָ קיין טאָג און קיין נאַכט. אָבער אַנשטאָט דעם האָט ער זיך געווענדעט צו אים מיט אַ פראַגע.

— כ'הער דאָקטאָר, אַז איר זייט נישט לאַנג אין לאַנד און מ'צערייסט אייך שוין אויף שטיקער... ווען זייט איר געקומען קיין אַמעריקע?

— מיט פינף און צוואַנציק יאָר צו שפּעט... כ'וועל שוין קיין מיליאָנער נישט ווערן.

— איך בין אויך נישט געוואָרן קיין מיליאָנער, כאָטש כ'האָב שוין אויפ־געגעסן מיינע ציין אין קאָלומבוסעס מדינה.

דאָקטאָר קראָנע האָט געהאַלטן דאָס רעדל אין האַנט ווי אַ שפּילצייג. ער האָט לייכט געטריבן דעם אויטאָמאָביל דורך די אָפּגעליידיקטע גאַסן און זיך צערעדט.

— ס'איז געווען אַ גליק וואָס כ'האָב פאַרשפּעטיקט מיט פינף און צוואַנ־ציק יאָר... ווען כ'וואָלט נישט אַריבערגעהיפּערט דאָס פערטל יאָרהונדערט, וואָלט איך היינט געווען אַ נערווען־דירעקטאָר פון אַ גרויסער קאָרפּאָריישאָן... כ'וואָלט געהאַט אַלסערס אין מאָגן און דיווידענדעס אין די קאָנטאָ־ביכער... כ'וואָלט געציילט מיינע אַקציעס און באָנדס. אַזוי צייל איך מיר קעפּלעך, צאַרטע קעפּעלעך פון פריש־געבוירענע בייביס...

— די מעשה מיט די פאַרשפּעטיקטע פינף און צוואַנציק יאָר קומט צו חלום יעדן אימיגראַנט. דער אמת איז גאָר אַן אַנדערער, דאָקטאָר...

— דער אמת איז דער אייגענער. פרעגט די „אַלדטאַימערס", די זקנים, וואָס זענען אַריבערגעקומען נאָכן בירגער־קריג. אַמאָליקע צייטן צו ווערן אַ מיל־יאָנער איז געווען איינס פון די איינפאַכסטע זאַכן... איר האָט, לאָמיר זאָגן, פאַר־

קויפט צייטונגען אין די גאַסן. ר׳האָט פאַרקויפט די בלעטער אין שניי, אין רעגן, אין זאַוויערוכעס, ביז איינמאָל — דווקא אין אַ זוניקן טאָג — האָט צו אייך זיך באַוויזן אַן עלטערער, העפלעכער צייטונגס־קויפער מיט אַ ציגאַר אין מויל. ער איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אַ באָס פון אַ גרויסער קאָרפּאָריי־שאָן. איר זייט אים געפעלן געוואָרן און ער האָט אייך אָנגעבאָטן אַ שטעלע אַלס אַן אָפּיס־באָי... אויב ר׳האָט געהאַט דעם קאָפּ אויפן קאַרק, האָט איר לאַנגזאַם אָבער מיט אייזערנע טריט גענומען זיך אַרויפאַרבעטן...

איסר יאַגאָדע האָט מיט גרינגשעצונג געצויגן אַן אַקסל.

— העכסטנס האָט ער געקענט ווערן אַ קלערק ביי אַ שרייבטיש, אַן אָפּיס־באָי. מ׳קען די אַמאָליקע גליקן...

— איילט זיך נישט. אַז כ׳זאָג אַרויפאַרבעטן זיך, מיין איך נישט דעם געלאָסענעם גאַנג אויף שטאַפּלען. כ׳מיין דערפאָלג מיט אַין אַקראָבאַטן־שפּרונג... טאָ הערט ווייטער: אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט דער געוועזענער צייטונגס־פאַרקויפער, גייענדיק אין גאַס, פּלוצים דערזען ווי אַ פּאָר ווילד־געוואָרענע פערד לויפן אין אַ גאַלאָפּ און מ׳קען זיי נישט פאַרהאַלטן... הינטער די צוויל־דעוועטע פערד האָט זיך נאָכגעטרייסלט אַן עלעגאַנטע קאַטש, ווו אינעווייניק איז געזעסן אַ גאָר שיינע, אָבער צום טויט־דערשראָקענע מיידל. דער אָפּיס־באָי האָט ריזיקירט און איז אַקעגן געלאָפן די צעבריקעוועטע פערד, אָנגעכאַפּט זיי ביי בײדע כאָמעטס און אָפּגעראַטעוועט דאָס מיידל... די ריזיקע האָט געלוינט, ווייל דאָס צום טויט־דערשראָקענע מיידל איז געווען די בת־יחידה פון דעמזעלבן העפלעכן מאַן מיטן ציגאַר וואָס האָט אים געגעבן די שטעלע... קיין גרעסערן פאָרצוג האָט ער נישט געדאַרפט. אַלע וועגן צום אויבן־אָן זענען געווען אָפן. ער איז געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער קאָרפּאָריישאָן...

איסר יאַגאָדע האָט אַ קוק געטון אויף טילין און געצויגן מיט די ברעמען.

— אויב דאָס איז געווען אַ נס, קענען אַזעלכע ניסים היינט אויך פּאַסירן.

— דאָס האָט געקענט פּאַסירן בלויז אַמאָל — האָט דאָקטאָר קראָנע זיך נישט געלאָזט איבעררייסן — היינט איז אַנדערש. צייטונגס־פאַרקויפער זענען מער נישט קיין קאַנדידאַטן אויף מיליאָנערן, דער באָי מיט דעם פּאַק צייטונגען לויפט מער נישט אַרום אין שניי־זאַוויערוכעס. ס׳איז שוין אונטערגעגאַנגען די אַלטע קאַטש, עס זענען פאַרשוווּנדן די געשפּאַנטע פערד, דאָס טעכטערל פון באָס האָט זיך שוין אויסגעלערנט אַליין צו טרייבן אַן אויטאָמאָביל...

טילי האָט געהאַט אַ מינע, וואָס איז געווען אַ געמיש פון גוטמוטיקייט און נערוועזיטעט. זי האָט אָנגעשנירלט אַ פּאָר שמייכלענדיקע ליפּן.

— כ׳באַוווּנדער אייער הומאָר, דאָקטאָר. מיר פאָרן איצט צו אַן ערנסטער געווינערין און איר האָט געדולד צו אַמוזירן אייערע פּאַסאַזשירן.

דאָקטאָר קראָנע האָט איצט געהאַלטן דאָס טרייב־ראָד אין ביידע האַנט־פלאַכן ווי אַ פּילקע און ער האָט פאַרוואָרפן דעם מידן קאָפּ הינטערוויילעכץ.

— ערנסטע און געפערלעכע געווינערינס זענען אין מיין פּראַקטיק אַ רו־טין... כ׳העלף אַריינמאַרשירן אין אונדזער וועלטל קינדער איבערגעוואָקסענע און נישט־דערבאַקענע, פרייז־באָקסערס און שיפּע־זיבעלעך... נישטאָ קיין ווונ־

דער־קינדער. ביי דער מאַמע־נאַטור זענען אַלע געבורטן נאָרמאַל... מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך אָפּגענומען אַ יינגל ביי אַן איטאַליענישער פאַמיליע. דער בחור האָט ביים אַרויסלויפן אויף דער ליכטיקער וועלט געוויגן דרייצן פונט. דאָס איז געווען אַזאַ גלית, אַז כ'האָב זיך אַליין געוווּנדערט: ווי האָט אַזוינס גע־קענט האָבן פּלאַץ אין דער מאַמעס בויך? דער ריז האָט זיך אַרויסגעריסן מיט שטורעם. די קליינטשיקע מאַמע האָט אַפילו נישט געדאַרפט דורכמאַכן קיין קייזערשניט...

— און דער בן־זכר האָט זיך געהאַלטן? — האָט איסר יאַגאָדע געפרעגט.

— טראָץ זיין איבערוואָג האָט מען אים געוויקלט אין ווינדעלעך. ער וואַקסט אַ נייער באָקסער, אַ מאַרציאַנאָ... איין שווערן פאַל האָב איך יאָ געהאַט אין ברען פון דער מלחמה, ווען ניו־יאָרק איז געווען פאַרטונקלט. אַ יונגע יידישע מאַמע איז געגאַנגען שווער צו קינד. די געבורט־שמערצן האָבן זיך געצויגן טעג און ס'האָט אויסגעזען אַ געשיכטע אָן אַ סוף... נאָך אַ וואָך, ווען די לעצטע ווייען האָבן אָנ־געכאַפּט די געווינערין און מ'האָט דערוואַרט די געבורט צו יעדער מינוט, איז ניו־יאָרק פּלוצים אינגאַנצן פאַרפינצטערט געוואָרן, אַ שוואַרצקייט האָט צוגע־דעקט די שטאָט, די מאַמע פון דער געווינערין האָט פאַרלוירן דעם צוטרוי צו דער קליניק און באַשלאָסן, אַז איר טאָכטער מוז געבוירן אין דער היים... מען האָט מיך אַרויסגערופן...

— און איר זייט געגאַנגען?

— כ'האָב געהויבן פּיס ווי אַ סאָלדאַט אויף אַ פּאַראַד... ס'איז געווען אַ פּאָר בלאָק פון מיין הויז. די סירענעס איבער די גאַסן האָבן געפייפט, די ליכט אין די הייזער זענען אויסגעגאַנגען, קיין לעבעדיק באַשעפעניש האָט מען איב־דרויסן נישט געזען, אָבער איך האָב זיך געאיילט צו מיינע פליכטן. די טראַפּיק־אויפזעער האָבן מיך אָפּגעשטעלט. די וועכטער קעגן לופט־אַטאַקעס האָבן מיך פאַרהאַלטן, אָבער איך האָב מיט מיין וואַליזקע אינסטרומענטן געשפאַנט פאָרויס... ווען כ'בין אַריינגעקומען אין הויז, האָט דאָס ווייבל געפּלאַטערט צווישןביידע וועלטן... דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל אין מיין פּראַקטיק ווי אַ פּאַציענט האָט מיך איבערגעשראָקן... כ'האָב געזען, אַז די געבורט איז אַ קאָמפּליצירטע. אָבער איינשטעלן האָט מען געמוזט אַלץ צו ראַטעווען די מאַמע... אין צימער איז גע־ווען שטאָק פינצטער. אינדרויסן אַ „בלעקאַוט" און דאָ איז אַפילו קיין נוירס נישט געווען ביי מייז זייט...

— כ'שטעל זיך פאָר ווי פּעסימיסטיש אַ דאָקטאָר קען ווערן! — האָט טילי אַ זיפץ געטון.

— דאָקטאָר קראָנע איז נישט פון די פּעסימיסטן. אין דער טיפער פינצ־טערניש האָב איך פאַרזיכטיק געקליבן איין אינסטרומענט נאָכן צווייטן. כ'האָב אָנגעפּולט אַן איינשפּריצונגס־נאָדל און איידער כ'האָב צייט געהאַט אַ זיפץ צו טון, האָב איך שוין גרייט געהאַט אַלע נויט־מיטלען אויף יעדער געפאַר. דער רעזולטאַט איז געווען אַ נאָרמאַלע געבורט... די מאַמע און דאָס קינד זענען אַרויס אָן אַ קראַץ... די צייטונגען האָבן דערציילט, אַז ס'איז געווען אַ וווּנדער־

געבורט אין דער צייט פון אַ ניו־יאָרקער „בלעקאַוט״... אָבער דאָס איז שוין סענסאַציע... יעדעס ניי־געבוירענע קינד וואָס קומט שווער אויף דער וועלט, איז אַ צייכן, אַז גאָט איז נישט אַנטוישט אין דעם מענטשלעכן מין...

קאַפּיטל זעקס און פערציק

— 1 —

דער אויטאָמאָביל, געטריבן פון דאָקטאָר קראַנע, האָט זיך געטראָגן דורך זייטיקע געסלעך. איינצלנע מענטשן זענען דאָ געגאַנגען אָפּטער און דער פּאַר־קער איז געווען גרעסער. אַ גראָסערי־סטאָר האָט זיך געהאַלטן אין עפענען, אַ שילד איבער אַ לאָנטש־געוועלבל האָט זיך אָנגעצונדן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז די נאַכט נעמט אויסרינען און מאַכט פּלאַץ פאַרן אויפגאַנג פון טאָג.

איסר יאַגאָדע האָט אַוועקגענומען די אויגן פון פענצטערל און זיי אָנגעשטעלט אויף טילין. ער האָט באַטראַכט דעם דאָקטאָר ביים רעדל. וואָסערע פּאַר־לאַנגען נערן אַזאַ מאַנסביל? וועלכע כוחות שטויסן אים צו זיינע משונהדיקע באַגערן? ער לאַכט פון עשירות און יאָגט זיך נישט נאָך כבוד. ער האָט אַ גע־זונטן האַלדז און נאַקן, אָבער ער קוקט אויפן באַשאַף מיט דער באַרמהאַרציקייט פון אַ פרוי. זיין וועלט איז פול מיט ווייסע קליניק־בעטלעך. ער באַגלייט דאָס עופהלע פון געבורט ביז צום וויגל. ער איז זיכער, אַז ביים אָפּנעמען ס׳קינד, דערלאַנגט ער אַ האַנט דעם באַשאַף און דאָס אָנקומען פון אַ ניי־געבוירנס איז ווי דאָס אויפלויכטן פון אַ נייעם זון־שטראַל.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער קליניק. ס׳איז געווען אַ ווייס הויז, אַרומגערינגלט פון אַ גאָרטן מיט פלאַטשיקע מאַרמאָר־טרעפּ ביים אַריינגאַנג. דאָקטאָר קראַנע איז דער ערשטער אַריין אינעווייניק. אַ קראַנקן־שוועסטער האָט אים באַגעגנט אין פאָדערהויז און אים אַריינגעפירט אין גע־בורט־צימער. טילי מיט איסר יאַגאָדען זענען געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון וואַרט־צימער.

דאָ האָט געשמעקט מיט שאַרפע שפּיטאָל־ריחות. ביי דער מיטלסטער וואַנט זענען געשטאַנען צוויי גרויסע וואַזעס מיט בלומען. אויף די געבעטענע שטולן זענען געזעסן אַ פּאָר נישט דערשלאָפענע מענער און מאַמעס פון געווינערינס מיט יענע אומגעדולדיקע בליקן, וואָס מ׳זעט ביי פּאַסאַזשירן אויף אַ וואָקזאַל. איסר יאַגאָדע האָט זיך געפילט נאַריש צווישן די נערוועזע, יונגע מאַנסבילן. ווער ווייס? — איז אים איינגעפאַלן — באַקענט האָב איך זיך מיט טילין ביי אַ לוויה אין קעמדען און צעקריגן וועל איך זיך מיט איר נאָך ביי אַ געבורט אין ניו־יאָרק.

טילי האָט געזוכט מיט די אויגן איר קוזינע. אויף דערזעלבער שוועל ווו ס׳איז פאַרשוווּנדן דאָקטאָר קראַנע, האָט זיך איצט באַוויזן עוועלין. זי איז געווען מיד, מיט אַ פעטלעך־צעגאָסענע פיגור, כאָטש דער בלויער קאָסטיום איז געווען

איינגעצויגן אַרום איר טאַליע. די שמינקע פון פּנים איז געווען אָפּגעווישט. קליינע רינגען זענען געווען אויפגעלאָפן אַרום די פאַרוויינטע אויגן. דער ווייסער האַלדז איז געווען געפּעלדלט.

ביידע פרויען זענען זיך געפאַלן אויף די העלדזער ווי ביי אַ משפחה־אומגליק. עוועלין האָט אָנגעהויבן מיט אַ שלוכצעניש:

— ס׳אַזוי גוט וואָס דו ביזט געקומען, טילי. אָן דיר בין איך איצט פאַר־לוירן...

— באַרויק זיך, עוועלין. כ׳האָב געבריגגט דאָקטאָר קראָנע. ער וועט אַלץ איבערנעמען.

— ס׳איינציקע וואָס כ׳בעט ביי גאָט איז, אַז ס׳זאָל געבוירן ווערן אַ מיידל.

— אַז ס׳וועט זיין אַ יינגל, וועסטו עס אויך נישט וואַרפן אין ים אַריין...

— מיין איטאַליענישער מחותן האָט שוין גריט אַ גויאישן נאָמען... ער וואַרט שוין אַוודאי מיט אַ קריגל טויף־וואַסער. אַ גאַנצע נאַכט שטייט ער הינ־טער דער טיר און פליסטערט אַ געבעט... דאָס וואָלט געווען ס׳גרעסטע אומגליק אין מיין לעבן, טילי טייערע. כ׳וויל נישט פאַרשעמען דעם אָנדענק פון מיין זעליקן פאָטער...

— וואָס גאָט וועט געבן, וועסטו אָננעמען פאַר ליב!

— כ׳בין נישט „אָלד פעשאָנד“, טילי. כ׳בין נישט קיין אַלטמאָדיש מענטש, קענסט דאָך מיך. אָבער איצט זע איך, אַז פון הימל שטראָפט מען נישט אומ־זיסט... וואָס פאַראַ מיינונג קען שוין וועגן מיר האָבן איצט מיסטער יאַגאָדע? כ׳האָב קיינמאָל נישט געגנוג רעספּעקטירט דאָס, וואָס ס׳איז געווען הייליק ביי מיין טאַטע־מאַמע...

— ס׳איז נישט איצט די צייט צו שטראָפן זיך מיט פאַרווורפן, עוועלין. דיין טאָכטער איז אין גוטע הענט... דאָקטאָר קראָנע איז אַ צויבערמאַן.

— הלוואי זאָלן דיינע ווערטער זיין אַ היילונג, טילי. אָבער ס׳האַרץ הערט נישט אויף צו פלאַטערן... אין וואָס פאַראַ וועלט לעבן מיר? דאָראָטי האָט אַפילו נישט געהאַט קיין צייט צו קומען צו איר שוועסטער... כ׳וואָלט שוין וועלן זיין מיט אַ פּאָר שעה עלטער... אָט קומען מיינע מחותנים!

ביי דער וואַנט אַנטקעגן האָט זיך אָוועקגעשטעלט דער שווער פון דער געווינערין, אַ ברייטביייניקער איטאַליענער מיט אַן אָפּגעברענט, מוסקולירט פּנים און אַ פּאָר אויגן, וואָס קוקן פאַרעקשנט אויף דער באַרמלאָזער וועלט. ער האָט געהאַט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ בייזן חלום. זיין אָנטועכץ איז געווען צעקנאָדערט. דער צו־ברייטער ראָק איז געהאָנגען לויז אויף זיינע אַקסלען. ער האָט שטיל עפּעס אַריינגעפּליסטערט אין די אויערן פון זיין ווייב, אַ פעטלעכע, אַ קיילעכדיקע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף אַ פּאָר שווערע, קורצע פיס. זי האָט געהאַט אַ פול, אויסגערוט פּנים. צוויי טונקעלע קאַקסן איבער דעם נאַקן זענען געווען פאַרקעמט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן צו דער זונטיק־מעסע אין קירך. דאָס איטאַליענישע פּאָרפאָלק האָט דערזען די צוויי פרויען און זיי האָבן זיך באַגריסט ווי ברוגזע מחותנים.

טילי האָט געפרעגט ביי עוועלינען:

— איר רעדט נישט צווישן זיך?

— כ׳בין נישט פעיִק איצט צו פירן קיין ברוגז מיט מיין ערגסטן שונא. אָבער כ׳קען אַראָפּלייענען יעדעס וואָרט, וואָס זייערע ליפּן פליסטערן און כ׳וויל בלויז בעטן ביי גאָט, ער זאָל זייער תפילה נישט אויסהערן... מיינע איטאַליע־נישע מחותנים ווילן אַ ייִנגל, ער זאָל טראָגן זייער נאָמען און איך וויל אויס־בעטן ביים באַשעפער אַ טאָכטער, זי זאָל קריגן אַ ייִדישן מאַן און בלייבן ביי אונדזער שטאַם...

עוועלין האָט צוגעלייגט אַ טיכל צו די אויגן. טילי האָט אָנגענומען איר קוזינע פאַר אַ האַנט און זי צוגעפירט צו אַן אויסגעבעטן שטול. ס׳איז אַריינגע־קומען דער געווינערינס מאַן, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוואַנציק מיט אַן איידל, לענגלעך אָליוון־פּנים. ער איז געווען בלאַס, מיט צעשויבערטע האָר. דער קאָל־נער פון העמד איז געווען צעקנייטשט און דער קראַוואַט צעפלאָכטן ווי נאָך אַ פויסטן־געפעכט. ער האָט געשפּאַנט אַרום די ווענט און שטום געבראָכן די פינגער פון די הענט.

פון ווינקל האָט דער ברייטביינִיקער איטאַליענער אַ שטורכע געטון דאָס ווייב און מיט אַ פינגער גערופן זיין זון.

— דאָמיניק! דאָמיניק!

דאָמיניק איז צוגעגאַנגען צום פאָטער און אים אָנגעקוקט מיט אַזאַ אַנטוי־שונג, ווי דער אַלטער וואָלט שולדיק געווען אין זיין ווייבלס שווערע ווייען. ער האָט מיטאַמאָל פאַרקרימט די ליפּן. פון קווענקלעניש האָט ער אַרומגענומען דעם קאָפּ פון זיין מוטער און זיך צעשריגן:

— מאַמאַ מיאַ! מאַמע מיינע!

די קורצע, פעטע פרוי האָט מיט רחמנות געגלעט די צעשויבערטע האָר פון איר זון און זייטיק אַריבערגעקוקט צו עוועלינען און צו טילין ווי צו ביטערע שונאים.

דער אַלטער איטאַליענער האָט אַרויסגענומען פון אַ לייווענטענעם זעקל אַ שטיק געלבן קעז. פון אַ קעשענע אין דעם לויזן ראָק האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ פלאַש וויין. דעם קעז האָט ער פאַרביסן און פון דעם וויין האָט ער גענומען עטלעכע שלוק.

איסר יאַגאָדע האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ לויזער קושעטקע און געקוקט אויף די צעשיידטע מחותנים. אין הויז פון זיין זיידע, אין הויז פון זיין טאַטע האָט אַ הייבאַם געפלאָטערט אַרום דער קימפּעטאָרין. איבערן בעט פון דער יולדת איז געהאָנגען אַ שיר־המעלות. מלאכים האָבן זיך געטראָגן צוקאָפּנס פון דער געווינערין. די יולדת האָט זיך געשראָקן, אָבער די שטוב־מענטשן האָבן געהאַט בטחון. דער דאַך איז געווען באַשירעמט. די טירן זענען געווען באַוואָרנט קעגן רוחות. אַ נייער מענטש, אויסגעקנאָטן בצלם אלוקים, האָט געדאַרפט אַריינ־שפּאַצירן אין דער וועלט און דאָ, צווישן קאַלטע ווענט שטייען די קרובים — איטאַליענער, ייִד — איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן ווי גייציקע קאָנקורענטן און וואַרטן אויפן אָנקום פון דעם עופהלע ווי אויף אַ לאָטעריע־שפּיל: ווער וועט געווינען?

גרויע שטרייפן ליכט האָבן אויפגעהעלט איבער די שויבן. דער פאַרטאָג האָט זיך אַריינגעריסן דורך די איינגעראַמטע פענצטער און געווישט די לעצטע נאַכט־פלעקן פון די ווענט. די שטילקייט אינדרויסן האָט געגומען זשומען מיט דעם גערודער פון באַגינען.

דאָקטאָר קראָנע האָט זיך באַוויזן אין אַ טיר. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן כאַלאַט. זיין פּנים איז געווען ערנסט, אָבער אָן יענער שטרענגקייט וואָס זאָגט אָן געפאַר. אַ לענגערע ווײַלע האָט ער געקוקט אויף טילין מיט עוועלינען ווי ער וואָלט נישט געקענט באַשליסן ווער ס׳איז די מאַמע פון דער פּאַציענטקע. עוועלין האָט אַ דערשראָקענע זיך אַ הויב געגעבן פון אָרט. דער דאָקטאָר האָט זי צוגערופן.

— קומט. ס׳איז בעסער, אַז די מאַמע וועט שטיין ביי דער טאָכטערס בעט.

— האָט עפּעס פּאַסירט, דאָקטאָר?

— כ׳רוף אייך צו אייער טאָכטערס בעט...

דאָקטאָר קראָנע מיט עוועלינען זענען פאַרשוואונדן הינטער דער טיר. טילי האָט אומגעבעטענערהייט זיך נאָכגעשלייכט.

— 2 —

ביים בעט פון דער געווינערין האָט עוועלין געוואָלט אַרומנעמען די טאָכטער, אָבער דאָקטאָר קראָנע האָט איר געהייסן שטיין אָן אַ זייט. דאָס יונגע ווייבל וויוויען איז געלעגן אויסגעשעפּט פון יסורים. באַלד האָט איר קערפּער זיך גענומען ציִען אין קאָנוולסיעס. די לופט אין דעם ווייסן געבורט־צימערל איז געווען הייס און ענג. די געווינערין האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען, אָבער אָפּגעגאָסן מיט אַנגסטן איז געווען איר מאַמע עוועלין.

דאָקטאָר קראָנע האָט געעפנט אַ וואַנט־שענקל. ער האָט אָנגעפּולט מיט אַ פליסיקייט אַ שפּריץ־נאָדל. עוועלין האָט געשפּירט ווי קוואַלן טרערן זאַמלען זיך אונטער די וויִעס, אָבער זי האָט געוווּסט, אַז זי טאָר נישט וויינען. די טאָכטער האָט געהאַט ספּאַזמען אין די קניִען, אָבער די ספּאַזמען זענען געקראָכן איבער איר, עוועלינס אייגענעם רוקן.

וויוויען האָט זיך געראַנגלט אַרויסצוגעבן דאָס קינד פון איר טראַכט, אָבער עוועלין האָט געפילט ווי דאָס עופּהלע האָט זיך באַזעצט אין איר אייגן לייב. וויוויען ווערט צעקרישלט פון די ווייען. אוי מאַמע! זי קען חלילה אויסגיין אונטער די יסורים! איז דאָס די שטראָף, וואָס גאָט שיקט אויף איר טאָכטער פאַר וועלן זיך אָפּפרעמדן פון דער מאַמעס הויז?

אירע ליפּן האָבן שטיל תּפילה געטון. די אויגן־דעקלעך האָבן אַרויסגעוועקוועטשט קוועלנדיקע טרערן. די טרערן האָבן אויסגעוואַשן חרטה און יאוש, אומצוטרוי און פיינטשאַפט. נאָך אַ ווײַלע זענען די אויגן־ווייסלען געוואָרן לויטערער. עס האָט אין זיי אויפגעלויכטן דערוואַרטונג. טילי, די קראַנקן־

שוועסטער און דאָקטאָר קראָנע זענען געשטאַנען ביים בעט ווי אַ ביי אַ שווער קראַנק קינד וואָס דאַרף איבערקומען אַ קריזיס. וועלין האָט אָנגעכאַפּט דאָק־טאָר קראָנען פאַר אַן אַרבל מיט אַ שטיל געבעט.

— דאָקטאָר, זי שווימט דאָך אין שוויס...

דער דאָקטאָר האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אַז זי מעג זיך דערנענטערן. זי האָט לייכט אַריינגענומען איר טאָכטערס האַנט־פלאַך אין אירע פינגער, גע־וואָלט זאָגן מען זאָל איר דערלאַנגען אָטעם־קישעלעך, בלאָז־זעקלעך... וויוויענס פנים איז געווען פאַרקרימט ווי פון קרעמפּן. זי האָט שווער געקרעכצט. פון איר מאַמעס האַנט־באַריר האָט זי צוגעקראָגן כוחות. אַ שטראָם הייסע ליבשאַפט האָט זיך אַ גאָס געטון איבער איר קערפּער. אירע קני'ען האָבן זיך אויסגעבויגן, איר קערפּער האָט זיך אונטערגעהויבן, געבלאָזן זיך, אויפגעגאַנגען ווי אַ באַרג און איז באַלד ווידער צוריקגעפאַלן. אַ שוויס האָט זי אָפּגעגאָסן פונעם שטערן ביז צו די פּיס־קנעכלעך.

דער דאָקטאָר האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער געווינערן און געשעפּ־טשעט ווייך:

— אָטעם טיפער, וויוויען, דו מוזט ווייזן, אַז דו ווילסט ברענגען דאָס קינד אויף דער וועלט...

וויוויען האָט נישט געענטפערט. זי איז געלעגן ווי איין קנויל פּיין. דער קערפּער האָט זיך געקאָרטשעט. די גלידער זענען געווען איינגעקרעמפּט. דאָק־טאָר קראָנע האָט געפּליסטערט אין איר אויער אַריין:

— אַ מאַמע געווינט לייכטער אויב זי איז ענטוזיאַסטיש... מער פרייד, ווי־וויען און מער באַגייסטערונג! דו גייסט ברענגען אַ ניי לעבן אויף דער וועלט...

וועלין האָט אויפן ווינק פונעם דאָקטאָר זיך גענומען דערווייטערן. באַלד האָט זי זיך צוריק אויסגעדרייט אַן איבערגעשראָקענע:

— מען מוז שטילן אירע ווייען, דאָקטאָר. זי וועט אויסגיין פון שוואַכ־קייט...

טילי האָט זי אָנגעהאַלטן ווי אַן אונטערפירערין און איר דערמאָנט וואָס די קראַנקן־שוועסטער האָט פריִער געזאָגט, אַז ביי וויוויענס געבורט טאָר מען נישט נוצן קיין כלאָראָפאָרם. ווי גוט איז געווען די ייִדישע מאַמעס און באָבעס, וואָס האָבן געבוירן מיט שווערע ווייען — האָט זי גערעדט צו וועלינען — יעדע געבורט קאָסט בלוט און יסורים. עס קען נישט זיין קיין גרינג האָבן, פּונקט ווי עס קען נישט זיין קיין גרינג כאָוועז.

פון טיליס רייד האָט וועלין זיך דערשפּירט אַביסל געטרייסט, כאָטש זי האָט נישט פאַרשטאַנען פונוואַנען וויס אַן עלטערע מיידל דעם טעם פון גע־בורט־ווייען.

מיטאַמאָל האָט אַן אומגעהאַריש געשריי זיך אַרויסגעריסן פון דער געווי־נערין. דאָקטאָר קראָנע מיט דער קראַנקן־שוועסטער זענען געשטאַנען איבערגע־בויגענע איבערן בעט. טילי האָט אַריינגענומען איר קוזינעס קאָפּ אין אירע

אַקסלען, ווי זי וואָלט נישט וועלן זען ווי דאָס עופהלע ווערט אַרויסגעשלעפּט צום לעבן.

עוועלין האָט זיך געטרייסלט און געשעפּטשעט:

— ס׳איז דאָ אַ גאָט אין הימל, טילי! ס׳איז דאָ אַ העכערע אויפזיכט! ס׳איז דאָ רחמנות...

— ס׳איז אייביק דאָ יושר און רחמנות ביי גאָט, עוועלין! מ׳דאַרף עס נאָר ווערט זיין צו קריגן...

אַ שטילקייט, וואָס האָט געקענט פאַרטויבן די וועלט, איז באַפאַלן די צוויי פרויען, וואָס האָבן איצט זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער. אין דער רגע שטילקייט האָבן הימל און ערד זיך צוזאַמענגעשטויסן, אַ ולד האָט זיך געריסן צום ליכט.

באַלד איז די שטילקייט דורכגעלעכערט געוואָרן פון אַ הילכיקן קוויטש. דער קוויטש וואָס זאָגט אָן דאָס אָנקומען פון אַ ניי געבוירנס.

דאָקטאָר קראַנע האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי פון אַ געדיכטן וואָלקן רויך. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו עוועלינען. זיין פּנים האָט געלויכטן:

— איר מעגט זיך אָפּגעבן מזל־טוב! אַ טאָכטער!

טילי איז אַריינגעלאָפן אין וואַרט־צימער אָנזאָגן איסר יאַגאָדען, אַז ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער. זי האָט דערזען ווי דער איטאַליענער מיט זיין ווייב זיצן איבערגעבויגענע אין ווינקל און דרימלען. דער יונגער טאַטע האָט גע־האַלטן אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אָן וואַנט און זיך געביסן די נעגל.

אין די פּאָר רגעס ווי טילי האָט אָנגעקוקט איסר יאַגאָדען מיט אַ שטומ־קייט אין די אויגן, זענען אין זיין זכרון דורכגעלאָפן אַלע שווערע געווינערינס פון דער מאַמע שרה אָן. שרה האָט געקראָגן איר זון אַ מתנה פון די מלאכים; רבקה האָט געטראָגן צוויי פעלקער אין איר טראַכט; די באַליידיקטע הגר איז מיט איר זויג־קינד פאַרטריבן געוואָרן אין מדבר; רחל האָט איר בנימין אַרויס־געגעבן צוזאַמען מיט איר נשמה. און די שפּעטערע דורות? איז מרים, משהס שוועסטער לייכט געבוירן געוואָרן? מרים, די טאָכטער פון יוכבד, איז געשטאַנען ביים ברעג און געקוקט ווי איר ברודער משה שווימט אין קיישל איבערן טייך. דער שפּעטערער לוחות־טרעגער איז געשוווּמען אויף גאָטס באַראָט. מרים האָט געוויינט ווען זי האָט דערזען אָנקומען פּרעהס טאָכטער. מרים האָט תפילה גע־טון צו די אבות, זיי זאָלן שיקן איר מאַמע יוכבד פאַר אַן אַם צו משהן, דעריבער איז דאָס ליכט פון אַלע אמהות אין איר אויפגעגאַנגען. זי איז געוואָרן די שירה־זינגערין פאַרן פאָלק, ווען ישראל איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים.

טילי האָט האַסטיק זיך דערנענטערט צו איסר יאַגאָדען:

— מזל־טוב! אַ מיידל!

ער האָט אַ קוק געטון אויף איר מיט פאַרטאַיעטע אויגן, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פון אַ נעפּל. אַ טאָכטער איז געבוירן געוואָרן? אויב אַזוי האָט עוועלין געוווּנען! דער שטאָם איז נישט איבערגעהאַקט. דאָס ניי־געבוירענע האָט זיך אָפּגעריסן פון דער מאַמעס נאָפּל, אָבער נישט פונעם נאָפּל פון פאָלק.

ער האָט לייכט און זאַכט אָנגענומען טילין פאַר די שפּיץ פינגער. אויפן זינען איז ווידער געקומען משה׳ס שוועסטער ווי זי שטייט ביים ברעג טייך און וויינט צו די אָבות. איסר יאַגאָדע האָט איצט ראַפּטום אַ שלעפּ־געטון טילין ביי דער האַנט, געלאָזט זיך גיין צו דער טיר און געשעפּטשעט:

— מרים... מ׳דאַרף די ניי־געבוירענע אַ נאָמען געבן מרים...

קאַפּיטל זיבן און פערציק

— 1 —

ווײַבאַלד מיסעס סאַלאַנט האָט זיך דערוווּסט, אַז איסר יאַגאָדע האָט נישט געשווירן קיין געטריישאַפט צו טילין, האָט זי אָפּגעמאַכט אים אַרײַנצונעמען אין אירע הענט. זי האָט געוווינט אין וויליאַמסבורג, אָבער אירע דראָטן האָבן זיך געצויגן אַריבער די פיר בריקן פונעם איסר־ריווער — ביז מאַנהעטן און בראָנקס. זי האָט געלאָזט וויסן וועגן זיך דורך הינטערגענגלעך. זי האָט געקלונגען אין טעלעפאָן צו באַלזאַמען, אָבער פאַרוואָרפן שטריקלעך האָט זיך פאַר איסר יאַגאָדען. זי האָט מיט אַן אויסרעכענונג געפירט אָפּן פאַר אַלעמען חשבון פון די פאַרדינסטן, וואָס זי האָט געצויגן פון אירע צוויי הייזער מיט די מעבלירטע צימערן, כדי צו לאָקן באַלזאַמס לאַנדסמאַן.

דאָס לעבן איז אַ קאַמף — איז איר נישט אַרויס פון זינען די וואָרענונג פון איר אומטרייען מאַן — דער שטאַרקער זיגט. דער שוואַכער — פאַלט. רייטשל איז געווען דער ערשטער קרבן אין קאַמף. אויב טילי קען איסר יאַגאָדען אַרײַנציִען און יאַדזשאַ איז פּעיִק אים איסצוכאַפּן, וועט זי קיינעם נישט שטיין אין וועג. זי האָט נאָך קיין מאַן ביי קיינעם נישט אויסגעבעטלט. בלויז איר אויסדויער קען ווייזן אויף וועלכער זייט דאָס מזל קען אַריבערוועגן.

מיסעס סאַלאַנט האָט איסר יאַגאָדען אײַנגעלאַדן אויף געפילטע פיש, אָבער ער האָט זיך געקווענקלט צי ער זאָל קומען. זי האָט אַ צווייט מאָל אָפּגעקאָכט פאַר אים בלינצעס, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו געניסן פון די מאכלים, ווען זי האָט אים פאַרבעטן צו אַ מאַלצייט פון געפּרעגלטע שוואָמען, האָט ער צוגעזאָגט דאָסמאָל צו זיצן ביי איר טיש, אָבער מיסעס סאַלאַנט האָט אים פּלוצים אָפּגעדאַנקט אויפן טעלעפאָן און זיך באַזינען, אַז זי וועט נישט סערווירן פאַר אים. זי וויל נישט — האָט זי אים געלאָזט וויסן — צוציִען אַ מאַן דורך אַרויסווייזן איר בריהשאַפט אין קיך.

מיסעס סאַלאַנט האָט געשפּילט די באַליידיקטע גבירטע, אָבער איסר יאַגאָדע איז סאַי־ווי געקומען. ער האָט זיך געשטעלט אין איר טיר ווי אַ יורד, וואָס איז אָנגעוויזן אויף אַ באַלדיקער טובה. ס׳איז געווען פרייטיק נאָך פרישטיק און ער האָט זי געטראָפן אַרומגיין אין אַ קאַלירטן שלאָפכאַלאַט, באַדעקט מיט יאַפּאַנעזישע געמעלן. אירע אויסגעקנייפטע בעקעלעך זענען איצט געווען בלאַס,

אָבער אין די אויערן־לעפּעלעך זענען געזעסן קליינע אויערינגען ווי טראָפּנס קוועק־זילבער. כאָטש זיין וויזיט איז געווען אַן אומגעריכטער, האָט זי אים פונדעסט־וועגן אויפגענומען ווי זי וואָלט אויף אים געוואַרט. מיט די פלעמלדיקע אויגן האָט זי אים באַטראַכט און מיט דער וויבערישער פילבאַרקייט האָט זי דערשפּירט, אַז ער מוז זיין אין אַ צרה. זי האָט אויסגעשאָסן מיט איר גלעקלדיק געלעכטער.

— אירט זיך איצט באַוויזן ווי אַ בעל־עגלה מיטן בייטשל...

דער ברוך־הבא וואָלט איסר יאַגאָדען באַדאַרפט פאַרדריסן, אָבער ער איז גראָד געווען אויפגעלייגט און פאַרשוויגן דעם שפּאַס. מיסעס סאַלאַנט האָט אים אַריינגעפירט אין גאַסט־צימער.

— וואָסי? זיך אויסגעגליטשט אין דעם גאָלד־געסל? פאַרשפּילט אויף וואָל־סטריט? מסתמא האָט דער קאָפּ ביי אייך זיך פאַרדרייט... אָבער אינגאַנצן נקי זייט איר נישט אַרויס? ס'אַלרייט, אין אַ לאָטעריע מוז מען זיין אַן איינשטעלער און אייז אונטער די פיס האָט אַ טבע אַמאָל צו פּלאַצן...

זי האָט געגעבן אַ דין זיפּצעלע און אָנגעוויזן פאַרן גאַסט אַ שטול. אַליין האָט זי זיך אַריינגעזעצט אין אַ רויטער קושעטקע. די שפּרינגפעדערס האָבן זיך אַ וויג־געטון אונטער דער לאַסט פון איר שווערער וואָג. טראָץ איר הילוך, דעם לויזן שלאָפּכאַלאַט און די פלאַכע שטעקשיך, האָט זי זיך נישט קרעמפּירט פאַר דעם פרעמדן מאַנסביל. זי האָט דערטאַפּט אין אַ טאַש אַ ברייטן קאַם און אים אַריינגעשטעקט אין די צעפּאַלענע לעקעלעך האָר, וואָס האָבן איצט נישט געהאַט קיין באַשטימטן קאָליר — נישט שוואַרץ, נישט ברוין. זי האָט אָנגעקוקט איסר יאַגאָדען ווי זי וואָלט געוואַרט ער זאָל ענטפערן אויפן קיבעץ. עפּעס האָט זי אים פאַרדעכטיקט, אַז ווי נאָר ערט זיך מאַכן אַ פּיסל אַהער, וועט ער זיך איינ־עסן אין איר קאָפּ ווי האָר־שיפּן, וואָס מ'קען דערפון נישט פּטור ווערן.

איסר יאַגאָדע וואָלט איר געקענט ענטפערן אויפן שפּאַס, אָפּצאָלן מיט אַ שמיץ פאַר אַ שמיץ. אָבער נישט צוליב דעם האָט ער געמאַכט אַ וויזיט אין וויליאַמסבורג. ער האָט געהאַט אַ באַגער איר צו זאָגן, אַז ר'איז נישט געקומען מיטן בייטשל און ר'איז נישט אַרויס נקי פונעם גאָלד־געסל... ר'האָט אָבער יאָ געליטן אַ היזק, ווייל זיינע פאַר טויזנט אוראַניום־אַקציעס זענען פּלוצים גע־פאַלן אויף העלפט. אַ געניטער בעל־חשבון קען אויפווייזן — האָט ער ווייטער געוואָלט איר געבן צו פאַרשטיין — אַז דער פאַרלוסט איז בלויז אין ציפערן אויף פּאַפּיר, ווייל ר'האָט נישט בדעה צו פאַרקויפן די געפאַלענע אַקציעס, נאָר וואַרטן ביז זיי וועלן ווידער שטייגן. דערווייל האָבן אָבער געגומען לויפן באַרג אַרויף אַקציעס פון טעלעוויזיע און ער מוז איצט האָבן אַ פרישע פאַר טויזנט דאָלאַר איינצוקויפן פון דעם סאָרט. מיט מזומנים איז ער טאַקע נקי... ס'איז אָבער זיכער, אַז די אַקציעס פון טעלעוויזיע וועלן איצט האָבן ס'זעלבע מזל ווי די אַקציעס פון ראַדיאָ אין די צוואַנציקער יאָרן. ווער עס וועט צעגערן, וועט בלייבן דער פאַרלירער. סאַי ווי שטעקט ער מיטן קאָפּ. אַ געניטער איינשטעל־לער טאָר אַ געלעגנהייט נישט דורכלאָזן... ס'אַ זיכערע קאָרט! וואָס בכן וויל ער? ערט אָנבאָטן דער מיסעס סאַלאַנט, אַז זי זאָל אים לייען געלט, אָדער אפשר וויל זי גאָר ווערן אַ שותּפטע צו דער ריזיקע?

— 2 —

ער האָט געוואָלט עפענען דאָס מויל, אָבער איר שפּיזלדיקער בליק איז אים נישט געפעלן. זי קען זיך פאַרגינען צו ליידן אַ פּאָר מינוט פון חוהס מחלה... די שטראָף פון נייגעריקייט — איז אים דורכגעלאָפן אין מח — איז אַ גוטע בייטש פאַר אַ פרוי, וואָס מיינט, אַז זי האָט שוין אויפגעגעסן די לעצטע פּרי פון עץ־הדעת.

ער האָט געמאַכט אַ פּאָר שפּרייזן איבערן צימער. די ווענט זענען געווען אויסגעקלעפּט מיט געשטרייפטע גרינלעכע טאַפּעטן. אַ נידעריק פאַרגלאָזט שענקל ביי אַ וואַנט איז געווען אָנגעפּולט מיט גלאַנציקע כלים פון קופּער און זילבער. עס זענען דאָרט געווען אויסגעשטעלט טאַצן, געשניצטע לייכטערס, בע־כערס און קריגלעך. אויף אַ קרעדענץ פון מאַהאַגעני־האָלץ זענען געשטאַנען צוויי פּאָרצעלייענע וואַזעס, הויך און שמאָל ווי זיילן. אין דעם אויסהויל פון אַ שוואַרץ אָפּלאַקירט טישל איז געווען איינגעפּאַסט אַ קיישל מיט נאַשוואַרג און אַ פלאַטשיקע פלאַש מיט זיסן ליקער.

איסר יאַגאָדע האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ פּאָרטרעט, וואָס איז געהאַנגען צווישן ביידע פענצטער. דאָס געמעל אין שאַרפע פאַרבן, האָט פאַרגעשטעלט אַ קאָפּ פון אַן עטיאָפּישן רב. ס'איז געווען אַ שאַרף־ביייניק פּנים מיט אַ הויך־גע־וועלבטן שטערן און מיט אַ האַיל סעלאַסיע־בערדל. אויפן שיידל איז געזעסן אַ יאַרמולקע לויטן שטייגער ווי עס האָבן געטראָגן די לוויים אין בית־המקדש.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיסעס סאָלאַנט, אָבער די גאַסט־געבערין האָט אים אַרויסגעכאַפּט די פראַגע פון מויל.

— זאָגט דעם אמת, ר'זענט געקומען אַהער קוקן אויפן פּאָרטרעט פון דעם עטיאָפּישן רבי, צי מיט עפּעס אַ צוועק?

— כ'זע, מיסעס סאָלאַנט, ר'זייט געשטראָפט מיט אומגעדולד.

— כ'בין שוין צוגעוווינט, אַז צו מיר זאָלן קומען מאַנסלייט נאָך טובות. מ'זאָגט אַפילו, אַז כ'בין קלוג און כ'בין שיין, אָבער די מעלות גילטן נישט היינט פאַר די פּראַקטישע מענער, וואָס שליסן מיט מיר באַקאַנטשאַפט. אַנטשולדיקט פאַר מיין חוצפּה, אָבער כ'האָב אייך שוין געזאָגט ביי דער ערשטער זעעניש, אַז כ'בין אַ זעלבסטשטענדיקער כאַראַקטער. כ'בין מודה, אַז כ'האָב ליב אַריינצו־קוקן אין יענעמס טעפּל, כאָטש אַריינמישן זיך אין יענעמס פּריוואַטן לעבן, זאָגט מען, איז קעגן די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע... ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָבן מיר כסדר געפּאָרשט איינער ביים אַנדערן, מיסטער יאַגאָדע. ביים צווייטן צוזאַמענטרעף מוזן מיר זיך מער פּאַרטרויען... איידער אירט מיר אויסזאָגן דעם צוועק פון אייער וויזיט, וויל איך שטילן אייער נייגעריקייט וועגן דעם פּאָרטרעט. ס'אַ בילד, וואָס כ'האָב געקראָגן פון אַ באַקאַנטן מאָלער פון פילאַדעלפיע. ר'איז געווען דאָ צו־גאַסט און געמאָלן דעם רבי פון די שוואַרצע ייִדן. ער איז נישט קיין פאָלקומער אַרטיסט, אָבער פאַר אַן אַמאַטאָר מיט פעיִקייטן קען מען אים אויך נישט פאַרלייקענען. יאָ, דער שוואַרצער רבי פירט זיך ווי אַן אמתער חסי־דישער צדיק. ער האַלט טיש אויך...

— ווי? אין וויליאַמסבורג?

— ער וווינט אויף געיטס־עוועניו. כ׳ווייס נישט צי ער ווייזט מופתים. אָבער ער רופט זיך: „דער זון פון דעם אַלהעכסטן״ און ער פּאַרזיכערט, אַז דער רבונו־של־עולם האָט צו אים זיך באַוויזן און אים פאַרטרויט די סודות פון אייביקייט. מען זאָגט, אַז די שול איז יעדן שבת שוואַרץ פון ווייסע מתפללים. מען לויפט אים אָנקוקן ווי ער וואָלט געווען אַ מכשף. וואָס ס׳טוט זיך אַלץ נישט אָפּ אין וויליאַמסבורג! קאַצאַפּן האָבן אייגענע שטיבלעך. „כביכולס קאָזאַקן״ קומען אין זייער שול באַהאַנגען מיט מעדאַלן און מעשענע קנעפּ... און ווי אַזוי די מלאכים פּאַטשן אין די ווענט ביי זייער תפילה, האָט איר אַמאָל שוין צוגעזען?

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ טיפּן, אויסגעבעטן שטול קעגנאיבער מיסעס סאַלאַנט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— ס׳איז נאָענט צו ימים נוראים און ס׳אַ יושר איינמאָל אַריינצוגיין דאַווענען אין אַ וויליאַמסבורגער שול און טאַקע צום שוואַרצן רבין.

— איכל בעסער אויסקלייבן צו דאַוונען היי־יאָר ביי די רעפאָרם־יידן. מען דערציילט, אַז אין זייער טעמפּל אויף דער פינפטער עוועניו זעט אויס די תפילה ווי אַן עלעגאַנטער גאָטעס־דינסט. כ׳האָב שוין גענוג אַ גאַנץ יאָר פון די וויליאַמסבורגער כניאָקעס. ס׳אַן איינרעדעניש, אַז די אַלטמאָדישע אָרטאָדאָקסן זענען די אויסדערוויילטע. סיי ווי איז עס אמת, אַז גאָט שטייט איין אין אַלע טעמפּלען און ער לאָזט צו זיך בעטן אויף אַלע שפּראַכן. ס׳פעלט אפשר די רעפאָרם־יידן אַביסל פייער. זיי האָפּקען נישט ווי די גערער אָדער בעלזער, אָבער זייער תפילה קומט אויך אָן צום שער־הרחמים... ס׳אָלרייט, מיסטער יאַגאָדע, אַז כ׳וועל אייך שיין בעטן, וועט איר מיך פירן צו יענע געפּרווירענע יידן...

— מיין פוס האָט דאָרט קיינמאָל נישט אַריבערגעטראָטן.

— מיר וועלן גיין צו כל־נדרי אַהין און ס׳וועט נישט זיין קיין אָפּקומעניש. זיי מאַכן די תפילה בקיצור. וועגן די עטיאָפּישע יידן דאַרפט איר נישט זאָרגן. ס׳וועט זיי נישט אויספעלן קיין מתפללים... האָט דאָס אינזינענן, נאָך שבת זאָגט מען שוין סליחות... דער עטיאָפּישער רבי איז שטענדיק אין איילעניש. מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער פאַרקאַכט אַ קאַשע... ר׳איז געוואָרן אַן אלמן און חתונה געהאַט מיט אַ יונגע יתומה. אַ יאָר שפּעטער האָט ער זי אָפּגעגט, ווייל זי האָט אים נישט געבוירן קיין קדיש. איינער פון זיין עדה האָט זיך מרחם געווען אויף דער פאַרשעמטער יתומה און זי גענומען פאַר אַ ווייב, האָט דער רבי, אויס אייפערזוכט, אים געלייגט אין חרם אַריין... מען האָט טאַקע געצונדן שוואַרצע ליכט און געבלאָזן שופר... צומאָל טראַכט איך וועגן וויליאַמסבורג, אַז מענטשן לעבן דאָ ווי אין מיטלאַלטער...

— ווילט איר דעריבער הערן דאַוונען די רעפאָרם־יידן?

— איך חלש נאָך דעם... און יום־כיפור צו כל־נדרי איז די בעסטע געלעגנהייט! זאָגט מיר נישט אָפּ, מיסטער יאַגאָדע.

איסר יאַגאָדע איז זיכער געווען, אַז ער׳ט איר מוזן נאָכגעבן. וואָס איז זי? אַ פּראָגרעסיווע דאַמע, וואָס בענקט נאָך אַן אַרומגעפליקטער יידישקייט? זי מוז זיין פון יענע פרויען, וואָס פאַרלאַנגען עפּעס אין אויסטויש, נאָך איידער זיי טוען

אַליין אַ טובה. אַזעלכע ווייבער פֿאַרשטעלן נישט זייער פּריוואַט לעבן מיט ווייסע פֿאַרהענגלעך. זיי שטעלן אויס זייערע חסרונות אין אַ שויבן־שענקל. זיי האָבן שוין אויסגעטראָגן אין האַרצן אַזוי פֿיל ליבשאַפֿטן און שנאהס, אַז מען קען זיי אַנצילעווען ווי קרעלן אויף אַ שנירל און טראָגן שטאָלץ אויפֿן האַלדז. אויב מיסעס סאַלאַנט וויל גיין צו כּל־נדרי אין רעפֿאָרם־טעמפּל, איז עס אַ קאַפּריז, וואָס ער קען זיך נישט פֿאַרגינען אָפּצוזאָגן. אַ קאַפּריז פֿון אַזאַ פֿרוי מוז ער נאָכגעבן, נישט ווי אַ פֿאַרגעניגן, נאָר ווי אַ פֿליכט און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן פֿאַר אַ צוגאָב... ער האָט פּלוצים דערפֿילט אַ באַגער צו זאָגן אַ פּאָר חניפֿה־ווערטער.

— איר טוט קיין זאַך נישט אָן רעכענונג, מיסעס סאַלאַנט. אָבער ס׳קומט אייך קרעדיט. ר׳קענט זיך אויף מענטשן...

— כ׳האָב געטראָפֿן, מיינט איר, אַז ר׳זענט געקומען נאָך אַ טובה?

— איר האָט געטראָפֿן.

— אויב ס׳האַנדלט זיך וועגן געלט, קען איך פֿאַר אייך מאַכן אָן אָפֿענעם חשבון. מיינע צוויי הייזער מיט די מעבלירטע צימערן טראָגן מיר אַריין אַזוי פֿיל, אַז כ׳קען אויסהאַלטן אַ פֿרעמדן מאַן, וואָס מוז צאָלן אַלימאָני אַפֿילו צו דריי סעפּערירטע ווייבער... אָבער ווי אַ ביזנעס־ליידי, מוז איך זען, אַז יעדע אינ־וועסטירונג זאָל האָבן אַ פֿאַרזיכערונג... אויף וואָס אַרויף זאָל איך אייך באָרגן? גערעכט, איך האַלט פֿון חשבון. איר׳ט לאַכן, אָבער ציפֿערן זענען פֿאַר מיר אָן אינטערעסאַנטע שריפֿט. דאָס איז מיין פֿעלער און פֿעלערן זענען מענטשלעכע מידות... ס׳אַן אייביקער אמת, אַז אַ מאַן אָן אַ חסרון איז קיין מאַנסביל נישט און אַ פֿרוי אָן אַ חסרון איז לאַנגווייליק... מיין ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט איז מיר נישט אָנגעקומען גרינג. ס׳מזל איז נישט צו אַלעמען לייטזעליק. איר ווייסט עס. טייל מענטשן אַרבעטן שווער ביזן טיפֿן עלטער און אַנדערע גייען דורך די דריי־טיר פֿון לעבן אָן אַ שטופּ צו טון אַפֿילו...

— דאָס איז אמת.

— עס זענען דאָ צוויי צייטן ווען אַ מענטש ווייסט, אַז ער טאָר נישט פֿאַר־שווענדן זיין געלט: אײדער ער צעטערנצלט עס און אויך נאָכדעם... איינשטיימיק, מיסטער יאַגאָדע? כ׳ווייס, אַז איר וועט האָבן וואָס צו ענטפֿערן, אָבער אײדער ס׳וועט פֿון אייך אָנהויבן אַרויסצורעדן, נעמט אַ זופּ ליקער. איר ווילט אפֿשר עפּעס איבערבייסן?

— 3 —

מיסעס סאַלאַנט האָט נישט איבערגעפֿרעגט אַ צווייט מאָל און איז אַרויס פֿון צימער. צוריק איז זי געקומען מיט אַ טעלער מאַן־קיכלעך. זי האָט אָנגעגאָסן פֿון דער פֿלאַטשיקער פֿלאַש צוויי גלעזלעך. איינס האָט זי דערלאַנגט איסר יאַגאָדען. אין דעם צווייטן גלעזל האָט זי איינגענעצט אירע ליפּן.

— איר ווייסט ווינציק וועגן מיר, מיסטער יאַגאָדע. באַלזאַם איז נישט קיין ראַיעלער קוואַל פֿון אינפֿאָרמאַציע... כ׳האָב אַ טאָכטער פֿון מיין ערשטער הייראַט, איירין. זי איז קראַנקהאַפֿט. זי איז „אַ כאַראַקטער מיט אַ צעפּל״, פּונקט

ווי איר מאַמע, כאָטש ס׳פעלט איר נישט די גייציקייט פון איר טאַטן. זי ציילט אירע טריט און פירט די בוכהאַלטעריע פון איר צוקונפט. ר׳זעט, איך רעד מיט אייך אָפן... איירין האָט נישט מיט מיר קיין געשריבענעם אָפּמאַך, אָבער וועגן יעדער אונטערנעמונג מוז איך איר אָפּגעבן אַ דין־וחשבון. זי געפינט זיך ווייט פון ניו־יאָרק. זי לערנט אין קאָרנעל־אוניווערזיטעט. אָבער פון זינען גייט איר קיינמאָל נישט אַרויס איר ירושה נאָכדעם ווען איכ׳ל גיין אַ גאַנג... איר טאַטע האָט איר אָנגעזאָגט צו האַלטן אַן אויג אויף מיר... כ׳קען אַזוי רעדן וועגן זיך אַ טאָג מיט אַ נאַכט, אַז אירט קיינמאָל נישט האָבן אַ שאַנס צו בעטן די הלוואה. וויפיל דאַרפט איר?

איסר יאַגאָדע האָט אויפגעהערט זופּן פונעם גלעזל און אַנגעשטעלט אויף איר זיינע פּאַרטאַיעטע אויגן. ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז פון מיסעס סאַלאַנט רעדט אַרויס דער ווילטאָג. די פרוי איז פאַרכאַפּט פון גאווה און מאַכט. און מאַכט פירט צו רשעות. דאָס איז אַלעמאָל געווען דער גרעסטער נסיון, צו וואָס אַ מענטש איז אויסגעשטעלט. גיב אַ צדיק מאַכט און ערט ענדיקן ווי אַ רשע. טו אַן אַ לעמעלע כוחות און ס׳וועט ווערן אַ וואָלף. ס׳איז גרינגער פאַר אַ מענטש זיך אָפּצוזאָגן פון אַלע תענוגים אין דער וועלט, צו פאַסטן תעניתים, אַפילו איינצושטעלן ס׳לעבן איידער צו נוצן זיין געוווּנענע מאַכט אויף מעשים טובים. ער האָט שוין באַדויערט זיין וויזיט אַהער, אָבער ס׳איז געווען צו־שפּעט אויף חרטה.

מיסעס סאַלאַנט האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ מינע, וואָס איז געווען סיי קאָקעטיש, סיי שפּאָטיש.

— וויפיל דאַרפט איר?

אין דעם איבערפרעגן איז געווען אַ רייצעניש און אַ פאַרלאַנג אַרויסצושטעלן זיין אומבאַהאָלפנקייט. ער האָט געוווּסט, אַז אין דער רגע, ווען ער׳ט נעמען ביי מיסעס סאַלאַנט אַ הלוואה, וועט ער ווערן אַ ביטערער בעל־חוב. ער׳ט זיך קיינמאָל נישט אויסקויפן ביי איר. דער חוב וועט באַשטיין פון ממון און דמים. ער׳ט מוזן נעמען ביי דער זון און ביי דער לבנה איר אָפּצוצאָלן. פונדעסטוועגן האָט אין אים זיך געוועקט אַ באַגער צו שטעלן זי צום ווענטל. ער האָט אַ זאָג געטון:

— כ׳מוז האָבן באַלד אַ פינף טויזנט טאָלער, מיסעס סאַלאַנט, כ׳קען זיך ניט פאַרגינען צו פאַרלירן אַ געלעגנהייט... כ׳זע דאָך, איר לייענט אַלץ אַראָפּ פון מיין שטערן, וועל איך נישט מאַכן קיין לאַנגע שהיות. די מזומנים דאַרף איך פאַר מיינע אַקציעס, די טעלעוויזיע־אַקציעס, וואָס לויפן אַרויף מיט קאַפּ־שווינדלדיקער גיכקייט...

— נישט פאַרלירן קיין געלעגנהייט איז אַ סוחרישע קאַלקולאַציע, מיסטער יאַגאָדע. איר רעדט ווי אַ ביזנעסמאַן מיט אַ ניכטערן קאָפּ און ס׳קומט אייך אפשר צוטרוי. אָבער אַ קלאָרן מוח מוז אַ מאַן נוצן יעדע שעה אין טאָג. כ׳וויל וויסן, פאַרוואָס איר פאַרגינט זיך צו פאַרלירן אַן אַנדערע געלעגנהייט?

— רעדט אַביסל קלאָרער, מיסעס סאַלאַנט...

זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים ווי זי וואָלט זיך געקליבן צו פאַרטרויען אים

עפּעס אויפן אויער. פון איר אַקסל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט דער לויזער קאָל־נער פונעם יאַפּאַנעזישן שלאָף־כאַלאַט און ס׳האָט זיך אַרויסגעזען אַ פאַרשלייפט בענדל פון דעם ראַזעווען העמד. זי האָט מיט פאַרשפּעטיקטער פאַרשעמטקייט צו־געדעקט דעם אַנטבלויזטן אָרעם.

— פאַרוואָס רייסט איר נישט איבער מיט יאַדזשאַן? — האָט זי שטיל גע־פרעגט — מיסטער באַלזאַם האָט מיר דערציילט וועגן אייערע פּרעטענזיעס אויף דער ירושה אין קעמדען... כ׳ווייס אַפילו, אַז צוויי פרויען און אַ בחור׳ל טאַנצן אַרום דער ירושה, ווי אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב. וואָס איז דער אמת, מיסטער יאַגאָדע? טילי וויל אייך נישט אָפּלאָזן און יאַדזשאַ קען אייך נישט איינבייסן? ר׳זוכט זיך צרות, מיין פריינט! כ׳הער דאָך, אַז יאַדזשאַ האָט אייך געמאַכט אַ חתונה־אָנבאָט... אַ מאַן טאָר נישט לאָזן פון זיך אַזוי אָפּשפּעטן...

— כ׳על זיך אַן עצה געבן...

— איר, מענער, האָט פאַרכאַפּט פאַר זיך אַלע מצוות און פאַר די פרויען האָט איר געשריבן שטרענגע דינים. די אשה האָט מען אַוועקגעזעצט אויפן גי־דעריקסטן טרעפּל... דוכט זיך, איינער אַ גרויסער תנא איז געווען אַזוי איינ־געליבט אין זיך, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ דין: אשה שהקדיחה את תבשילו... אַ פרוי, וואָס האָט צוגעברענט ס׳געקעכץ, מוז מען זי אַוועקשיקן, אמת? דאָס האָט נאָך מיין זעליקער טאַטע מיט מיר געלערנט פאַר דער חתונה... דער מאַן איז געווען שטרענג און זיין דין איז געווען הארב. פונדעסטוועגן זענען מענער אָפט אומבאַהאָלפן מיט פרויען. אָבער צו וואָס ברענג איך דאָ אַריין מיין לומדות? אַפילו ווען כ׳זאָל אייך לייגן געלט אויף הויכע פּראָצענטן, טאָר איך נישט פאַר־לאַנגען אייער מאַנסבילישע פרייהייט אַלס צינז... אַזאַ וווכערניצע בין איך נישט!

איסר יאַגאָדע האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. מיסעס סאַלאַנט איז געשטאַ־נען נעבן אים מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט באַדויערט, וואָס דאָס צינגל איז ביי איר געווען צו־פּלינק.

— באַליידיקט? כ׳האָב זיך אפשר פאַררעדט, אָבער ר׳ווייסט דאָך, צווישן די זאַכן, וואָס ווערן אָפּטמאָל געעפנט דורך אַ טעות, איז דאָס ווייבערישע מויל... אויב איר מוזט שוין גיין, וועל איך אייך נישט אויפהאַלטן. מילא, מיינע גע־פרעגלטע שווימלעך וועלן מוזן וואַרטן אַ צווייט מאָל... ר׳מעגט אייך רויק שלאָפן וועגן דער הלוואה, מיסטער יאַגאָדע. איך האַלט, אַז קויפן טעלעוויזיע־אַקציעס איצט איז אַ ביסל צו־שפּעט. ס׳איז צופיל אַרויפגעשרויפט, אָבער כ׳וועל זיך איבערלייגן. גיט מיר אַ קלינג נאָך שבת. דערווייל, הייסט עס, האָבן מיר אַ „דעיט", אַ ראַנדעוווּ — צי גלאַט אַ פריינטלעכע באַגעגעניש — צו כל־נדרי אין טעמפּל! איר וועט נישט פאַרגעסן?

— ס׳ליגט מיר גוט אין זכרון.

ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. זי האָט אים דערלאַנגט אַ ווייכע, וואַ־רעמע האַנט. די חן־גריבלעך אין די באַקן זענען געוואָרן טיפער. זי איז אַ ווײלע געשטאַנען פאַר אים מיט האַלב־צעעפנטע ליפּן. זי האָט אַרויפגעצויגן אַ מינע פון בענקעניש. אין אירע פלעמלדיקע אויגן איז געלעגן אַ גלימער, וואָס זי האָט געמעגט זיך בלויז פאַרגינען, ווען זי איז געווען מיט צוואַנציק יאָר יונגער.

קאַפּיטל אַכט און פערציק

— 1 —

אויף דער גאַס האָט איסר יאַגאָדע באַשלאָסן, אַז ער מוז זיך זען מיט יואל באַלזאַמען און זיך האַלטן אַן עצה מיט אים. ער האָט נישט געוווּסט ווו ער איז מיט מיסעס סאַלאַנט אין דער וועלט. צווישן איר יאָ און ניין איז שווער אַפילו אַריינצושטעכן די דינסטע נאָדל. ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט זי געקוקט אויף אים מיט דרך־ארץ, ווי אויף אַ מורה־הוראה און ביי זיך אין הויז איז זי גרייט געווען אים צו האַלטן אונטערן קנאַפּל. דאָס איז עס! — האָט ער זיך אַליין געשטראָפט — דו טאָרסט נישט ווייזן, אַז דו ביזט אַ יורד! ווירדע ווערט געשעצט און פון געפאַלנקייט טוט מען אָפּשפּעטן. מיסעס סאַלאַנט איז נישט אַנדערש פון אַלע רייכע גרושות, וואָס לאָזן זיך אַרויס אויף מענער־פאַנג. זי האָט הנאה פון רייצן זיך מיט דער שפלות פון אַ זכר. עס שרייען פון איר אַרויס אָפענע ווונטשן און פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען. זי האָט אָבער אויך גוטע מידות. זי איז פאַר־עקשנט, אָבער זי קען אויך זיין נאָכגיביק. זי טראַכט אַלטמאָדיש, אָבער זי האָט די קאַפּריזן פון אַ היינטצייטיקן מענטש. זי קען אָנצינדן אַ פייער, אָבער ס׳וועט נישט גיין קיין רויך. אַ יונגערער פון אים וואָלט זי געקענט אַריינעמען אין די הענט אַריין. איר ווייבערישער טומל איז ווי דער רויש פון אַ וואַסערפאַל, וואָס קייקלט זיך נישט מיט שטורעם, נאָר שפּריצט געלאַסן מיט אַ פּלעסקעריי...

ער איז אָפּגעגאַנגען אַ האַלבן בלאָק און זיך אומגעקוקט אויפן הויז, ווו מיסעס סאַלאַנט האָט געוווינט. דער אויספיר איז געווען, אַז ער האָט צו־פרי פאַרבלאָנדזשעט אַהער. וואָס פאַר אַ ווילדער איינפאַל צו וועלן רייך ווערן מיט געבאָרגט געלט? דער סוף וועט זיין, אַז ביי זיין גאַנצער אָפּגעהיטנקייט, וועט ער זיך לאָזן אויף ריזיקאַלישע געשעפטן. ביז איצט איז ער געווען פּראַקטיש. ער האָט געוויגן זיינע טריט ווי רענדלעך, געוווּסט, אַז פון שטעלן גרויסע שפּרייזן איבערן לייטער, קען מען אַראָפּפאַלן נאָך נידעריקער פונעם ערשטן טרעפּל. בעסער אַ קלענערער פאַרדינסט, נאָר אַ קוראַנטער. פאַרזאָרגן זיך דאַרף ער נאָר מיט זיכערע אַקציעס. אַריינלייגן ס׳געלט דאַרף מען אין סאָלידע בענק, און אפשר גאָר איינגאַנצן געבן אַ זעץ אין דר׳ערד מיט אַזאַ מסחר? ס׳איז דאָך אַ צייט פון הרת עולם!

ער האָט זיך דערמאַנט, אַז שוין וואָכן ווי ער האָט פאַרפעלט צו זען סידני וועלערן. ער האָט נישט אָפּגעהיטן די באַגעגענישן מיט רייזנערן. ער האָט אויס־געמיטן דאָקטאָר וואָרמסן. ס׳אַ שיינער תכלית; ס׳יידישע פאָלק האַלט ביים קריגן אַ מלוכה און ער איז פאַרנומען מיט בויען אַ קעניגרייך פאַר זיך. דאָס גאָלד־געסל וואָל־סטריט וועט אים אַזוי פאַרטשאַדען, אַז ס׳וועט איינגאַנצן פון אים זיך אָפּטון דער פאַרלאַנג צו טון כלל־אַרבעט? ער׳ט נאָך אַרויספאַלן פון קהלשן לעבן אויך! וואָס רודערט ער אַזוי פיל? און אַז ר׳האָט אָנגעוואָרן עטלעכע אלפים? ער וועט עס פאַרגיטיקן ביי אַ צווייטן קויף!

ער איז פאַרבייגעגאַנגען בעדפאָרד־עוועניו און דורכגעשניטן איין געסל און נאָך אַ געסל, ווו פון בײדע זײַטן זענען געשטאַנען שיטער־באַבלעטערטע ביימער. ער איז געווען נישט ווייט פון דער עלעוויטאָר־באַן, אָבער פון הינטער־ווײלעכץ האָבן זיך דערטראָגן צו אים ליאָרעמדיקע קולות. ער האָט זיך אומ־געקוקט. פון אַ ישיבה־הויז מיט רויטע ציגל זענען אַרויסגעלאָפן הייפלעך בחורים מיט צעפלאַטערטע קאַפּאָטעס און ברייטע קאַפּעליושן. אין געלויף האָבן די לאַנגע פּיאות זיך געוויגט איבער זייערע אַקסלען און די קנוילן ציצית האָבן זיך גע־באָמבלט צווישן די קני:ען.

די ישיבה־בחורים האָבן זיך געטראָגן צום עק געסל, ווי אַ טשאַטע פייגל אונטער די וואָלקנס. כ׳האָב פאַרגעסן ווו כ׳בין — האָט איסר יאַגאָדע זיך גע־מאַכט אַ פאָרוווּרף — דאָ ווײנט דאָך די חסידישע שמנא וסלתא. ס׳איז דער שמן זית זך פון וויליאַמסבורג! ס׳איז פרייטיק, שוין האַלבער טאָג און די בני־תורה איילן זיך אַנטקעגן צו גיין די מלכה שבת. כ׳האָב שוין נישט קיין צייט זיך אומ־צוקוקן אויף דער וועלט? פאַרוואָס האָב איך עפּעס אויסגעמיטן בעדפאָרד־עוועניו? די גאַס איז ווי איין לאַנגער שול־הויף. די שטיבלעך פון קלויזענבורג, וויזשניץ, אַמשינאָוו און סיגעט זענען ווי געראַמע חדרים פון אַ חסידיש נגי־דישער דירה. די רביים פירן דאָ זייערע טישן ווי אויסגעזאָרגטע קעסט־איידעמס. די מלחמות צווישן די דינאַסטיעס זענען אָפּגעשטעלט ווי אַלטע משפחה־מחלוקתן. די לשונות פון די רומענער, ליטוואַקעס און אונגאַרער זענען נישט קיין מניעה צום שלום־בית. איבער זיסע פיש און געפעפערטן טשאָלנט, איבער גולאַש און מאַמעליגעס שליסט מען תקיעת־כף. אין דער טומלדיקער ישיבה לערנען דאָך די „וויליאַמסבורגער מלאכים״. מען קוויקט זיך מיט דעם תניא. דאָ פילדערן די חב״דניקעס, ווי לאַנג בין איך אין די געסלעך נישט געווען? דאָ האָבן זיך באַזעצט נישט ווייניק פון די כלי־קודש, וואָס האָבן אַמאָל מיר נישט פאַרגינען דאָס לעבן...

ער איז מיטאַמאָל געוואָרן אויפגעלייגט. ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ וויצל צו טון מיט די חב״דישע וויל־לערנערס. ער האָט אָפּגעשטעלט אַ ישיבה־בחור, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען אין איילעניש. דער יונגערמאַן איז געווען הויך און דאַר. די הענגעלעך פּיאות אונטער זיין ראַנדיקן קאַפּעליוש האָבן זיך געקרייזלט ביז צו די אָרעמס. די כפל־שמונהדיקע ציצית פון דעם ברייטן טלית־קטן האָבן זיך געשלענגלט ביז צו די פיס. דאָס בלייכע, נזירישע פּנים איז געווען איינ־געראַמט אין אַ שיטערן בלאָנדן שפּראָץ.

איסר יאַגאָדע האָט אים אָנגערירט ביים אַקסל.

—מלאכל, מלאכל, ווי גייט עס די חוטאים אויף דער ערד?

דער ישיבה־בחור האָט געהאַט הונגער אין די אויגן און עקשנות אַרום די ליפּן. אין זיין העויה איז געווען דער אייפער פון אַ בן־תורה, ווען ער איז געצוווּנגען צו ענטפערן אַן אַפּיקורס.

— לערנטס דעם תניא און דאַווענטס מיטן נוסח האר״י, וועט עץ זיך דער־וויסן... — האָט ער געזאָגט מיט אַן אונגאַרישער אויסשפּראַך.

— וואָס איז די לערע פון די מלאכים?

— עטץ זענט געקומען אַהער טרייבן ליצנות?

— ווילסט נישט מקרב זיין אַ ייִד פון דער פרעמדד? כ׳וויל ווערן אַ „מלאך״...

— ס׳איז ערגער ווי פאַר אַ גוי צו ווערן אַ גר... עטץ מוזט זיך פריִער ריי־ניקן אין אַלע טהרה־וואַסערן און זיך אָפּזאָגן פון דעם הבל־הבלים אַרום.

— האָסט נישט געענטפערט אויף מיין קשיא, וואָס אַזוינס עס לערנען די מלאכים... הלל האָט געקענט זאָגן די תורה אויף איין פוס און דו קענסט נישט פאַרטייטשן אין אַ פּאָר ווערטער די לערע פון דיין רבין?

דער ישיבה־בחור האָט אים אָנגעקוקט אַ רגע מיט פאַרדאַכט. דערנאָך האָט ער אַ צי־געטון מיט די אַקסלען.

— אויב עטץ מוזט וויסן אויף איין פוס, גייטס אַריין אין דער ישיבה. אַ פּאָר מלאכים זענען געבליבן ביי די גמרות. איך אַליין מוז זיך איילן. די שבת מלכתא לאָזט אויף זיך נישט וואַרטן... און די נשמה יתירה מוז מען אויך אַנט־קעגן גיין...

— אַז דו איילסט זיך, נישט צו פאַרשפּעטיקן די באַזונדערע נשמה, זאָג מיר, מלאך, ווו ווערט געבערענגט, אַז יידן קריגן שבת אַ נשמה־יתירה?

דער „מלאך״ האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ חסד־דעה און האַסטיק געענטפערט:

— עס שטייט אין ביצה ט״ז: נשמה יתירה נותן הקדוש ברוך הוא באדם ערב שבת ולמוצאי שבת נוטלין אותה הימנו... עטץ האָט נאָך לומדישע קשיות?

— 2 —

דער הויכער „מלאך״ מיט דעם נזירישן פּנים האָט זיך אָפּגעטראָגן. איסר יאַגאָדע האָט אים נאָכגעקוקט. אין גאַנג האָט זיין קאַפּאָטע געפלאַטערט און די קניפּלעך ציצית האָבן זיך געבאַמבלט. די לאַנגע פיאות האָבן זיך צעוויגט ווי גלאָקן אין ווינט. אַ ווײַלע איז אים איינגעפאַלן, אַז דער ישיבה־בחור זעט אויס ווי אַ פאַרשטעלטער אַקטיאָר, אַרויסגענומען פון ייִדישן טעאַטער. ווען ער וואָלט נישט געשטאַנען פאַר דער ישיבה, וואָלט ער אַזאַ איינעם אָנגענומען פאַר אַ חסיד פונעם בעלזער אָדער סאַדיגורער הויף. אויב די מלאכים זענען געבוירן אויף אַמעריקאַנער ערד און האָבן אַרויסגעשפּראָצט אין וויליאַמסבורג, איז דאָס אַ סימן, אַז לא ינום ולא יישן שומר ישראל. ס׳אומגליק איז בלויז, וואָס די נזירים ווילן אויף זיך נעמען די חטאים פון דעם גאַנצן כלל ישראל.

איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט אַריינגיין צו די מלאכים. ער האָט געעפנט די טיר פון שולעכל. די ווענט זענען געווען פראָסט געקאַלכט. צווישן די פאַנאַנדער־געדרוקטע בענק און טישן זענען געשטאַנען צוויי מלאכים מיט אַן אויפגעמישטן ספר. איבערן אָרון־קודש איז געהאַנגען אַ שוואַרצער פרוכת, אָן די באַגילדעטע אויסנייעכצער. אַרום דעם גזימס האָבן געפעלט די אויסגעזעגטע לוחות, די גע־שניצטע לייבן און גאָלדענע קרוינען. ביים עמוד האָבן געפלעמלט צוויי ליכט אין אַ פאַררויכערטן, גלעזערנעם לייכטער. די לאַנגע אותיות פון שויתי זענען אַראָפּגעהאַנגען ווי צעקרימטע רערן פון אַ מנורה.

דער שמש, אַ נידעריקער מיט אַ ווייך צעפּל באָרד אונטער דער גאָמבע, האָט געהאַלטן אינמיטן אויסקערן דאָס שולעכל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף דעם אַריינגעקומענעם, אויף אַ רגע אָוועקגעשטעלט דעם בעזים און איז אים אַקעגן געגאַנגען מיט אַ בליק, האַלב מיט כעס, האַלב מיט חידוש.

איסר יאַגאָדע האָט דעם שמש דערלאַנגט אַ האַנט און אַ רוף־געטון אויפן קול:

— שלום עליכם, מלאכי השרת!

— איר ווילט זען דעם ראש־ישיבה? — האָט דער שמש געפרעגט. — ביז קבלת־שבת וועט איר קיינעם נישט טרעפן.

— כ׳זע מען איז נאָך נישט פאַרטיק דאָרט מיט אַ סוגיאַ — האָט איסר יאַגאָדע אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף די צוויי מלאכים מיט דעם אויפגעמישטן ספר.

דער באַגער אַ שפּאַס צו טון מיט די מלאכים האָט פון אים זיך נישט אָפּ־געטון. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די בחורים אַמפּערן זיך און ער האָט געהאַט חשק צו נעמען זיי אויף אַ פאַרהער. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר שריט פאָראויס.

— איבער וואָס זענען זיך מפלפל מלאכים אויף דער ערד?

דער ערשטער מלאך מיט אַ פּעך־שוואַרץ בערדל, וואָס איז אַריינגעוואַקסן אין די באַקנביינער, האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ ברוגזלעכער העוויה.

— דאָס איז נישט קיין פּלפּול. מיין חבר פרעגט פאַרוואָס מענטשן גלויבן, אַז מאָנטיק איז דער טאָג אָן מזל?

— וואָס איז דער ענטפער?

— קיין ענטפער איז נישטאָ, אָבער אַ פּירוש איז יאָ פאַראַן. כאָטש ס׳איז שווער צו געפינען אַ רמז דערויף...

— ווו געפינט מען דעם פּירוש?

דער מלאך האָט זיך צעשאָקלט מיט אַ ניגון פון אַ למדן, וואָס גרייט זיך מסביר צו זיין אַ האַרבע סוגיאַ.

— אין ערגעץ נישט. ס׳איז הוילע איינרעדעניש, אַז מאָנטיק איז אַ בייזער טאָג. ס׳איז באַבסקע אַבערגלויבן. און דער אַבערגלויבן נעמט זיך פון דעם, וואָס ביי בריאת־העולם ווערט אויף מאָנטיק נישט געזאָגט: כי טוב, בעת דינסטיק זאָגט די תורה צוויי מאָל כי טוב... איי, פרעגט זיך, פאַרוואָס שטייט טאַקע נישט מאָנטיק כי טוב און דינסטיק זאָגט דער פּסוק צוויי מאָל כי טוב? איז דער תירוץ, אַז מאָנטיק האָט דער באַשעפער אָנגעהויבן אַן אַרבעט און האָט זי נישט פאַרענדיקט, שטייט דערפאַר נישט כי טוב... דינסטיק האָט ער געענדיקט די מאָנטיקדיקע אַרבעט, שטייט: כי טוב און דינסטיק האָט ער אָנגעהויבן אַ נייע אַרבעט און האָט זי דעם זעלבן טאָג פאַרענדיקט, שטייט דעריבער נאָכאַמאָל: כי טוב...

איסר יאַגאָדע האָט אָנגעקוואָלן.

— מיט אַזאַ פּירוש וואָלט מען געקענט שלאָגן אַלע רשעים, אַלע שונאי־ישראל...

— דאָס האָט שוין געטון דער ערשטער משיח, — האָט דער צווייטער מלאך מיט אַ שיטערן רויטלעכן שפּראָץ זיך אַריינגעמישט.

— וועלכער משיח?

— משיח בן יוסף.

— וואָס ווייסן די מלאכים וועגן משיח בן יוסף?

דער צווייטער מלאך האָט זיך צעוויגט.

— זכריה הנביא האָט געזען אַ מנורה און צוויי ביימער מיט גרויסע אייל־בירטן זענען געשטאַנען נעבן איר פון ביידע זייטן. זאָגט דער ילקוט שמעוני, אַז דאָס מיינט מען די צוויי משיחים. איין משיח פאַר מלחמה און אַ צווייטער, וואָס וועט ווערן מלך איבער די ייִדן... משיח בן יוסף איז געווען דער משיח מלחמה און ער איז דערהרגעט געוואָרן אין דער שלאַכט מיט גוג. דער משיח, אויף וועמען מיר וואַרטן, איז משיח בן דוד. ס'איז פאַראַן אַ סברא, אַז משיח בן יוסף איז דאָס קינד, וואָס אליהו־הנביא האָט לעבעדיק געמאַכט...

איסר יאַגאָדע האָט מיט צוויי פינגער געריבן דעם שטערן.ביידע מלאכים האָבן אים אָנגעקוקט מיט אַ טראַציק שמייכעלע ווי מ'קוקט אויף איינעם, וואָס פאַרשפּילט אַ געוועט. דער ערשטער מיט די פאַרוואַקסענע באַקן־ביינער האָט אַ זאָג געטון:

— עטץ האָט נאָך עפּעס צו פרעגן?

איסר יאַגאָדע האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. אויפן וועג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ לאָמער באַנק און געכאַפּט אַ קלאַפּ אין פוס. דער שמש האָט שוין געהאַט אויסגעשפּרייט אַ ריין טישטוכל איבערן שטענדער. ער האָט אַרומגעווישט דעם קופּערנעם כיור און אַריינגעשטעלט צוויי אָנגעשנויצטע ליכט. ער האָט איצט געוואַרט אויף דער שוועל, ווי מען וואַרט מיט אומגעדולד אויף אַן אומגעבעטענעם גאַסט, וואָס דאַרף פאַרלאָזן דאָס הויז.

— 3 —

אינדרויסן האָט איסר יאַגאָדע זיך געכומען איילן. ס'איז געווען נאָך האַלבן טאָג און ער איז געווען באַזאָרגט נישט צו פאַרשפּעטיקן באַלזאַמען. ער איז געווען זיכער, אַז די מלאכים האָבן אויף אַלץ אַן ענטפער. מעגן זיי האָבן אויף דער וועלט דעם קוק פון קהלת: הבל הבלים! אַלץ איז אייטל! מעגן זיי זיין אָנגעשטאָפּט מיט דער השקפה, אַז די וועלט איז אַ זייפנבלאָז. מעג ביי זיי יעדער פּלפּול זיין אויסגעציקלט און אויסגעקרייזלט מיט אַ חבד״ער ניגון, אָבער אַן ענטפער אויף יעדער קשיא ליגט ביי די מלאכים אויף דער צונג.

ער האָט געשטעלט גיכערע שפּרייזן צו דער עלעווייטאָר־סטאַנציע און זיך כסדר געפרעגט: ווו איז ער דאָ פאַרקראָכן? וואָס פאַר אַ משונהדיקע וויזיטן ער האָט היינט געמאַכט! וואָס האָט מיסעס סאַלאַנטס עולם־הזהדיקע שטוב צו טון מיט דער ישיבה פון די מלאכים? פון איין זייט ציט אים צו אַ וועלט פון ווילטאָג און פון דער צווייטער זייט צו אַ נעסט פון פּרושים... איסר! — האָט ער צו זיך

אַליין געזיפּצט — דו הויבסט אָן צו בלאָנדזשען. ווייסט נישט רעכט ווו אַ פוס צו שטעלן. איין וועלט האָסטו שוין הינטער זיך און אין דער צווייטער, וואָס ליגט פאַר דיר, ביזטו נישט אַריינגעטראָטן. ווען דו וואָלסט געפרעגט אַ חריף צווישן די מלאכים וועגן דיין גאַנג וואָלט ער דיך אַוודאי געטרייסט, אַז דו ביזט אויפן וועג צו דער שאול־תחתיה...

פאַר דער עלעוויטאַר־טרעפּ איז ער געווען פעסט ביי זיך ,אַז ער מוז זען יואל באַלזאַמען, כדי אויסצושנאַפּן עפּעס מער וועגן מיסעס סאַלאַנט. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז דער שבת וועט אים פאַרלויפן דעם וועג. אום איינצו־שפּאָרן צייט, האָט ער באַשלאָסן אָנצוטעלעפאָנירן זיין לאַנדסמאַן, ער זאָל אים פאַרן אַנטקעגן אַ האַלבן וועג. מיט האַרץ־סאַפּעניש איז ער אַרויפגעקראָכן די צוויי שטאָק עלעוויטאַר־טרעפּ און איז אַריין אין דער טעלעפאָן־בודקע.

ביים ערשטן קלינגען האָט ער אויף יענער זייט דראָט דערהערט באַלזאַמס קול. דעם לאַנדסמאַנס שטים איז געווען לוסטיק ווי שטענדיק. ער האָט אַריינ־געבראָקט וויצן און שטעכווערטלעך אין דעם טעלעפאָן־טרייבל. איסר האָט אים דערציילט וועגן זיין וויזיט אין וויליאַמסבורג און וועגן דעם, וואָס די גרושה וויל הערן כל־נדרי אין דעם רעפאָרם־טעמפּל און געוואָלט אויסרעדן אויף מיסעס סאַלאַנט וואָס אין דער קאָרט, אָבער באַלזאַם האָט אים דערמאָנט, אַז די גרושה האָט ליב געלט און מאַנסלייט. געלט וועט איר נישט אַריינברענגען קיין נייע פריינט, אָבער ס'וועט איר געבן אַ בעסערן סאָרט שונאים...

איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט אָפּהאַקן דעם שמועס. ער האָט באַוויזן אַריינ־צוזאָגן, אַז די נייע באַקאַנטשאַפט האָט ער באַדאַרפט ווי אַן אויגן־ווייטיק, אַז די ייִדענע איז אַ וויץ אויפן גאַנצן ווייבלעכן מין, אָבער צוליב דער איילעניש ערב שבת האָט ער אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל. ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַזביידע זאָלן אין אַ האַלבע שעה אַרום זיך טרעפן ביים סאָבוויי־אַראָפּגאַנג צווישן דער צווייטער עוועניו אין האַוסטאָן־סטריט אין ניו־יאָרק.

ווען באַלזאַם האָט דערזען איסר יאַגאָדען אַרויסקומען פון דער סאָבוויי־טרעפּ, האָט ער גלייך צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן: פּתח שין שאַ! געמיינט האָט עס, אַז קיין זאַך איז פאַר אים נישט ניי. מיסעס סאַלאַנט האָט שוין היינט באַוויזן אָנצוטעלעפאָנירן, אַז איסר איז געקומען ביי איר לייען געלט. ער איז שוין באַהאַוונט אין אירע געגנלעך. יעדעס שמד־שטיקל אירס האָט אַ חשבון. יואל באַלזאַם איז געווען אַרומגעוואַשן, פאַרקעמט און אָפּגעגאָלט, ווי ער וואָלט אַרויסגעשפּאַצירט פון אַ באַרבער־שאָפּ. דאָס רויטלעכע פּנים פאַרזייט מיט שפּרענקעלעך, האָט געלויכטן פון זויבערקייט. די שאַרפע גרינע אויגן, הינטער די געשליפענע גלעזלעך, האָבן געפינקלט. ער האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט.

— זיי נישט קיין נאַר, איסר. די גרושה וועט ביי דיר ווערן אַ משכון, אויב נישט דעם קאָפּ, איז דאָס האַרץ...

— דאָס איז אַ וויץ און איך שטיי נישט אין שידוכים.

— זי איז נישט פון די, וואָס ריזיקירן סתם אין דער וועלט אַריין.

— לייען געלט אויף פּראָצענט איז נישט קיין ריזיקע. ראָטשילד האָט עס געטון פאַר איר.

— קענסט נישט מיסעס סאַלאַנט, איסר. מיט אַזאַ זאַגעלע וועסטו זי נישט אָפּ׳פּטרן... זי האָט אַ שלויען מוח. אין צוגאָב איז זי אַ יפת־תואר. האָסט זי דאָך אָנגעקוקט...

— וואָס וויל זי?

— זי וויל מ׳זאָל איר צודעקן דעם קאָפּ... ז׳האָט שוין אַ פּאָר מאָל געהערט שפּילן און די מוזיק אויפן וועג צו דער חופּה געפעלט איר...

— כ׳האָב דיר שוין געזאָגט, יואל. כ׳בין נישט קיין חתן אויפן מאַרקעט...

— איסר, כ׳וויס, האָסט אַ גוטן זכרון נאָך פון דיינע חדר־יאָרן. איך וויל פּאַר דיר אויפמישן אַ בלאַט גמרא...

— וועלכן דף?

יואל באַלזאַם האָט אָנגעהויבן מיט אַ ניגון.

— געדענקסט, אין בבא מציעא שטייט: המלוה את חברו על המשכון... ווען איינער לייט זיין חבר אויף אַ משכון און דער משכון איז פאַרלוירן געגאַנגען ביים מלוה ואמר לו און דער מלוה האָט אַ טענה: סלע הלויתי עליו שקל היה שוה... אַ סלע האָב איך דיר געליִען אויף דיין משכון, אָבער בלויז אַ האַלבן סלע, וואָס מיינט אַ שקל, איז דיין משכון ווערט געווען, ביזטו מיר דעריבער שולדיק נאָך אַ שקל... והלה אומר...

— וואַרט אַ ווײַלע, — האָט איסר יאַגאָדע אים איבערגעשלאָגן, — וואָס פּלאָפּלסטו דאָ מיט אַ מלוה און מיט אַ לוה?

— אייל זיך נישט, איסר. כ׳וועל דיך אַרויספירן אויף אַ דרך, אַז דו זאָלסט דעם ענין באַנעמען... אין פּשוטע ווערטער מיינט עס, אַז דיין הדרת־פּנים, דיינע שיינע מאַנירן און דיינע מידות טובות זענען דער משכון פאַר מיסעס סאַלאַנטס הלוואה... און דער משכון איז בלויז ווערט אַ העלפט פון דער סומע, וואָס דו פאַרלאַנגסט... ס׳איז ווערט אַ האַלבן סלע... פאַרן צווייטן האַלבן סלע, וויל זי אַ שפּאַציר צו די חופּה־שטאַנגען... האָסט געכאַפּט?

— ס׳אַ צעדרייטער פּירוש, יואל. אויב יאָ פאַרטייטשן, לאָז מיך! ווו האָסטו זיך אָפּגעשטעלט? יאָ, והלה אומר — האָט איסר גענומען ציִען מיט אַ ניגון — און דער לוה טענהט: לא כי... נישט אַזוי איז עס... אלא סלע הלויתי עליו סלע היה שוה... אַ גאַנצן סלע האָסטו מיר געליִען אויף מיין משכון און אַזויפיל איז דאָס טאַקע ווערט געווען... איז דער לוה, דער לייער, פּטור פון באַצאָלן דעם צווייטן האַלבן סלע. ער איז אַפילו פּטור פון אַ שבועה, ווייל ר׳איז אַ כופר הכל... ער לייקנט אינגאַנצן אָפּ דעם מלוהס תביעה... אין דער גמרא איז דער לוה דער באַגלויבטער צד. דאָס שטייט שוואַרץ אויף ווייס אויף דעם דף, וואָס דו האָסט אויפגעמישט, יאָ? ס׳אַ פּרק אין בבא מציעא... און קיין שום שקלא וטריא פון די אמוראים וועגן הלוואות און משכנות וועלן דעם פּלפּול נישט קלאָרער מאַכן...

ער האָט נאָך אַ רגע געקוקט אויף באַלזאַמען מיט פאַרטאַיעטע אויגן און זיך צעשמייכלט.

— דו האָסט אַריינגעשטעלט צווישן מיר און מיסעס סאַלאַנט אַ משל, יואל. איצט מעגסטו זיך אַליין ספּראַווען מיט דעם נמשל.

יואל באַלזאַם האָט אַ קרום געטון מיט די ליפּן.

— וואָס איז די פּעולה, אַז מירן דרייען מיט דעם פּלפּול אַהין און אַהער? און אַז מ׳עט אַפילו אַריינשלעפּן אין דער פּלוגתא רש״י, און דעם רבינו תם, וועט מען דען קומען צו אַ טאָלק? אַזוי וויל זי, די אשת־חיל! זי זוכט ביי דיר הויכן קרעדיט און ס׳וועגדט זיך אָן דיר אַליין, צי דו זאָלסט זיך פאַרקויפן פאַר אַ הלוואה, וואָס דו דאַרפסט אויף אַריינצוברעכן אין וואָל־סטריט... אויב כ׳האָב דיר פאַרשאַפט צער מיט דער באַקאַנטשאַפט, האָב איך דערפון עגמת־נפש, באמנות! קענסט אָפּהאַקן מיט איר שוין היינט! נעווער מאַינד, וואָס זי וויל הערן כל־נדרי אין דעם רעפאָרם־טעמפּל. זי איז נישט דיין קימפּעטאָרין און דו מוזט נישט נאָכגעבן אירע משוגענע גלוסטענישן.

— דאָס מיר צו זאָגן, יואל, האָסטו געדאַרפט זיך שלעפּן אַ האַלבע שעה מיט דער סאַבוויי?

— כ׳בין ווי יענער דאָקטאָר, וואָס האָט ליב צו קוקן דעם פּאַציענט אין די אויגן אַריין, ווען ר׳שטעלט די דיאַגנאָזע...

— כ׳בין נישט קיין פּאַציענט, כ׳בין אַ נצרך...

— מעגסט מיר גלויבן ,איסר. ווען כ׳בין איצט לויז אין מזומנים, האָסטו ביי מיר אָן אָפענע שופלאַד... די צרה איז, וואָס כ׳בין אַליין אויך איינגעטונקען ביז איבערן קאָפּ... אָפּט פאַלט מיר איין, אַז אונדזער יאַגעניש איז אומזיסט. דער שטייער־קאַלעקטאָר שינדט פון אונדז סיי ווי די הויט... נאָך גוט, וואָס דאָס קהלן זיך אַרום ארץ־ישראל פאַרשאַפט מיר אַביסל סיפּוק־הנפש. וואָס איז היינט געלט? אַ זאַך, וואָס גייט דורך אונדזערע פינגער, אויפן וועג צו דעם שטייער־קאַלעקטאָר אין וואַשינגטאָן...

איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט אָפּגעזעגענען זיך מיט באַלזאַמען. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זיין לאַנדסמאַן רעדט צופיל, ר׳האָט אַ פּנים פאַרגעסן, אַז ווען איינער רעדט ווינציק כדי דער צווייטער זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז ר׳האָט נישט וואָס צו זאָגן, זענען די רייד הוילע חכמה... אַ רגע האָבןביידע געשוויגן. יואל באַלזאַם האָט אים געוואָלט אַריינפירן אין אַ לאַנטשענעט־סטאָר אויף אַ טעפּל קאַווע, אָבער איסר יאַגאָדע האָט אים געוויזן דעם זייגער ,אַז ס׳איז פרייטיק פאַרנאַכט. דער לאַנדסמאַן האָט אים איבערגעלאָזט מיט אַ שולד־מינע פון איינעם, וואָס האָט נאַר־וואָס פאַרשעמט זיין חבר.

אויפן וועג צוריק צו דער סאַבוויי־טרעפּ איז איסר יאַגאָדע געבליבן שטיין אַ לענגערע רגע און אַנגעהאַנגען די בליקן אויף די הייזער פון סעקאַנד־עוועניו. דער פאַרכמאַרעטער הימל האָט איינגעהילט די מויערן אין גרויקייט און אויסגעשפרייט דעם פאַרנאַכט איבער די דעכער און טורעמס. קעגנאיבער האָט זיך אַרויסגעזען די געביידע פון יידישן טעאַטער. איבער די געשניצטע קאַרניזן האָבן שוין געברענט די עלעקטרישע שילדן. פלעמלדיקע לעמפּלעך האָבן איינגעראַמט די גרויסע בילדער פון די יידישע בינע־שטערן.

דורך די אָפענע פענצטער פון אַ חתונה־זאַל האָט אַרויסגעזעצט די מעלאָדיע פון „אַ יידישע מאַמע״, „אוי, מלכהלע״, „רומעניע, רומעניע״. די קלאַנגען פון דעם אָרקעסטער האָבן אַריינגעבלאָזן אין זיינע אויערן אַ נאָגנדיקן אומעט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ס׳גייט צו סליחות און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז

דאָס מאַכן די כלי־זמרים אַ גיכע רעפּעטיציע צו אַ חתונה־פּאַראַד אויף מוצאי־שבת. וואָס איז אַ חתונה? אַ לץ האָט אַמאָל פּאַרטייטשט, אַז ס׳איז אַ קאַרוסעלע מיט דריי רינגען: אַ תנאים־רינג, אַ חופּה־וקידושין־רינג און דערנאָך אַ קייטן־רינג...

ער איז אַראָפּגעגאַנגען דאָס ערשטע סאָבוויי־טרעפּל און דערשפּירט אַ ברע־כעניש אין קרייץ. דער וויטיק אין די קריזשעס האָט אים שטענדיק דערמאָנט, אַז ס׳איז צייט צו נעמען אַ טערקישע באָד. אויב הייראַט איז אַ קאַרוסעלע, וואָס איז לעבן? ס׳איז איין לאַנגער מהלך אויפן וועג צו אַ בעסערער וועלט...

קאַפּיטל ניין און פּערציק

— 1 —

ערב יום־כּפּור נאָכמיטיק איז מיסעס סאַלאַנט געשטאַנען אין איר הויז פּיקס און פּאַרטיק, אַז איסר יאַגאָדע זאָל זי פירן צו כל נדרי אין דעם רעפאָרם־טעמפּל. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ סאַטין־קלייד מיט אַ ווייס קראַ־גנדל, פאַרמאַכט ביז צו דער גאָמבע. אַרום די אַרבל זענען געווען אויסגעהאָפטן דינע טאַשמעס און שפּיצלעך פון טאַפטע. צוליב דעם פּאַרכטיקן טאָג האָט זי נישט געטראָגן קיין אויערינגלעך און קיין בייטשל פּערל. בלויז איין פינגער איז געווען באַצירט פון אַ רינגל מיט אַ קליינעם דימענט. דאָס דינע גאָלדענע זייגערל האָט אַרומגענומען דעם געלענק מיט אַ שוואַרץ־גלאַנציק בענדל.

דאָס איינפאַך־געניייטע שוואַרצע קלייד מיט די האָר גלאַט פאַרקעמט אין צוויי קאָקסן, האָט אַרויסגעבראַכט ביי מיסעס סאַלאַנט דעם אויסזען פון יענע הימישע פרום־אָפּגעהיטענע ווייבער, וואָס פלעגן אינעם שיין פון בית־השמשות אַרויסבאַגלייטן פון הויז דעם שבת מיט אַ פּאָר פאַרגעלטע תחינה־בלעטער.

איבערן טיש פון איר עס־צימער זענען געווען אויסגעשטעלט שיסלען מיט פעטע מאכלים און אין אַ שופלאָד פון איר קאָמאָדע, צווישן די אינשורענס־קאָנטראַקטן און ווערט־פּאַפּירן, איז געווען פאַרשטעקט אַ טשעק אויף צוויי מיט אַ האַלבן טויזנט דאָלאַר אָן אַן אונטערשריפט. מיסעס סאַלאַנט האָט געהאַט גרייט דעם טשעק פאַר איסר יאַגאָדען. זי האָט אויסגעשריבן די אַנלייע אויף אַ האַלבער סומע מיט דער זעלבער אויסרעכענונג, ווי דאָס טוט אַ מלוה, ווען ער איז נישט זיכער מיט דעם ערשטן קרעדיט פון אַ נייעם לוה.

זי האָט אַ פיר געגעבן אירע בליקן איבערן געגרייטן טיש צי זי האָט נישט פאַרפעלט עפּעס. דער ווייס־בלאַנקנדיקער טישטעך, אויף וועלכן ס׳איז אינדערמיט געשטאַנען אַ יום־כּפּור ליכט אין אַ גלאָז, איז געווען סערווירט פאַר צוויי, אָבער די אויסגעשטעלטע שפּייזן, האָבן געקענט קלעקן פאַר אַ מנין מענטשן. אַ ברוין־געבאַקענע הון, געשפּאָלטן אין צווייען, האָט גערוט אויף אַן אָוואַלן,

געפינגערטן טעלער. די פליגעלעך, די פּאָלקעס און דער אויפגעשניטענער בויך זענען געווען באַשטעקט מיט גרינע בלעטלעך. דערנעבן איז געשטאַנען אַ שיסל מיט פּאַרקילטע קאַרפּ־פיש, באַדעקט מיט נעגעלעך, אַ פּאַן מיט געהאַקטע לע־בערלעך, אַ בעקן מיט בלעטער־סאַלאַד, מאַיאָנעז, באַשמאַלצענע קאַרטאָפל, אוי־גערקעס און אַ לאָקשן־קוגל.

צווישן די טעלערס האָבן אַרויסגעפינקלט דריי קאַראַפינקעס מיט מאַלאַגאַ וויין, וויסקי און היימישן ווישניאַק. ביים עק טיש איז געשטאַנען אַ צעפּערטל־טער וואַסער־אַרבוז, איבערגעדעקט מיט וואַקס פּאַפּיר און אַ פולער קויש מיט ארץ־ישראל־פּאָמעראַנצן און הענגלעך ווייַנטרויבן פון ביידע קאָלירן: אַגרעס־גרין און מושקאַט־רויט.

מיסעס סאַלאַנט, וואָס האָט זיך געישובט צי זי זאָל נאָך צושטעלן אַ שיסעלע נאַשוואַרג, איז מיטאַמאָל געוואָרן נישט זיכער צי זי איז היינט פּאַסיק אָנגעטאָן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ פּאָדערט די עטיקעטע פון דער פרוי, זי זאָל דערשיינען פאַרן מאַן רעטזלהאַפט און אָנצינדיק, כאָטש זי דאַרף אין דער זעלבער צייט זיין אַרויסרופעריש. אירע קליידער מוזן זיין מיט געשמאַק און איר מויל דאַרף אײדל לאַכן פון זיינע לאַנגווייליקע וויצן. די האָר דאַרפן רייצן זיינע פינגער, אַז ער זאָל דערפילן אַ שטאַרקן באַגער צו גלעטן איר קאָפּ.

כאָטש אַזוינע טראַכטענישן ערב יום כפור האָבן זי געבראַכט אין פאַר־לעגנהייט, האָט זי פונדעסטוועגן נישט געקענט פאַריאָגן פון זכרון, אַז פערפום האָט אַ באַזונדערן רייץ ביים געווינען אַ מאַנס אויפמערקזאַמקייט. כ׳בין אָנגע־שטאָפּט מיט לעסטערנדיקע געדאַנקען — האָט זי זיך געמאַכט אַ פאָרוואורף — כ׳קען זיך נישט אויסטאָן פון דער וואַכעדיקייט אפילו אַ פאַר שעה פאַר כל נדרי, פונקט ווי כ׳וואָלט אויסגעוואַקסן אין אַ הויז פון משומדים. פונדעסטוועגן האָט זי זיך געשטעלט אַ לענגערע ווײַלע פאַר דער שפּיגל־שאַפע אין שלאָפצימער. זי האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם קאָרק פון דעם ערשטן אָדעקאָלאָן־פלעשל, אַ שמיר געטון דערמיט אונטער די אויערן־לעפּעלעך. די דורכגעזייעטע טראָפּנס האָבן אָנגעטראָגן דעם פרישן ריח פון אַ דין שפּריי־רעגנדל.

מיסעס סאַלאַנט האָט געהאַט די שפּייזן אויפן טיש, דעם אויסגעשריבענעם טשעק אין אַ שופלאָד און זי איז געווען גרייט צו עפענען די טיר פאַר איסר יאַגאָדען.

— 2 —

איידער איסר יאַגאָדע איז געווען זיכער, אַז ער גייט מיט מיסעס סאַלאַנט אין טעמפּל, האָט ער געמוזט אָפּנאַרן טילין. ביידע טעג ראש־השנה האָט ער זי מיט־גענומען אין אַן אָרטאָדאָקסישער שול, אָבער גלייך נאָך מוצאי יום־טוב האָט ער איר אָנגעזאָגט, אַז צו כל־נדרי מוז ער גיין אין רעפאָרם־טעמפּל, ווייל ער דאַרף דאָרט טרעפן אַ רעפאָרם־ראַבאַי. כאָטש ער האָט געזאָגט אַ ליגן אין די פאָרכ־

טיקע טעג, האָט ער נישט געזען אין דעם קיין חטא, ווייל די באַגעגעניש מיט מיסעס סאַלאַנט האָט ער געהאַלטן פאַר אַ פּריוואַטע געשעפט־זאַך.

טילין האָט ער דערציילט וועגן זיין געלט־ענגשאַפט גלייך נאָכדעם ווי ער האָט אויסגערעכנט זיין פאַרלוסט אויף דער בערזע, אָבער זי האָט זיך נישט געאיילט אויפצובינדן איר קניפּל, נאָר געהייסן אים קומען צום קידוש פאַר עוועלינס ערשטן אייניקל. דאָרט וועט אויך זיין דער אָנקל אַבולעפיאַ. אַ באַרג מיט אַ באַרג קומען זיך נישט צונויף — האָט טילי אים דערמאָנט דאָס אַלטע ווערטל — אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטש טרעפן זיך ערגעץ אויף די וועגן פון לעבן. איצט וועט ער טאַקע מוזן שענקען מער צייט צו אַבולעפיאַס וויציקע מעשיות און האָבן מער געדולד פאַר זיינע קאַפּריזן. דער אָנקל איז אַ צוריק־געצויגענער ביזנעסמאַן און האָט ליב אַרויסצוהעלפן יורדים, ער איז נישט קיין געבילדעטער, צומאָל אויך אַ נודניק, אָבער ער האָט אַ גאָלדן האַרץ. ער׳ט אים נאָך באָרגן אַ סומע געלט און נעמען אַ קליינעם פּראָצענט און אפשר וועט ער אינגאַנצן מוחל זיין די ציגזן.

איסר יאַגאָדע האָט זיך קנאַפּ געוווּנדערט, וואָס טילי האָט אים אַליין נישט אָנגעבאָטן אַן אַנלייע. ר׳איז זיכער געווען, אַז ס׳קומט אים אַזוי פאַר זיינע פּי־רעכצער! ער האָט באַשלאָסן צו לייען ביי דעם „טערק" אַבולעפיאַ ערשט דע־מאָלט, ווען מיסעס סאַלאַנט וועט האָבן פון אים ס׳געגעאַר. ער האָט שוין געקענט פאָראויסזען ווי זיין באַגעגעניש מיט דעם ספרדישן ייִד וועט אים קאָסטן געזונט. דער געבראָטענער טערק מיט דער רויטער פעזע אויפן קאָפּ און מיט דעם פּע־פּערל אויף דער נאָז וועט אַריינשיטן אין זיינע אויערן אַלע טריפהנע וויצן, אַלע אויסגעבלאָזענע חכמות און ער׳ט מוזן שטיין איינגעבויגן פאַר אים כעני בפתח.

ערב יום־כפּור אינדערפרי, נאָכן לעצטן אָנבייסן האָט איסר יאַגאָדע זיך איבערגעטאָן. דאָס בערדל האָט ער אַרומגעצוויקט און די האָר אויפן קאָפּ, וואָס האָבן אָנגעהויבן ווערן שיטערער, האָט ער באַשמירט מיט אַ שמעקעדיקן פליסיקן ברילייאַנטין. אין די מאַנקעטן פון דעם אָנגעקראָכמאַליעטן העמד האָט ער אַריינ־געשטעקט ספינקעס מיט גאָלדענע קעפּלעך. דער שוואַרצער מלבוש און די גלאַנציקע שיך האָבן אים געגעבן דעם אויסזען פון אַ רעווערענד, וואָס איז איינ־געלאַדן צום ערשטן גאָטעס־דינסט אין אַ פּרעמדער קאָנגרעגיישאָן.

ווען ער איז אַריינגעקומען צו מיסיס סאַלאַנט און דערזען דעם פולן טיש, האָט ער פון חידוש אַזש געגומען רייבן די הענט.

— דער טיש איז געגרייט ווי צו אַ סדר!

— ס׳אַ סעודה פאַר אַ תענית מיסטער יאַגאָדע.

— מיין מאָגן קען אַזויפיל נישט פאַרדייען, מיסעס סאַלאַנט, אַפילו ווען איך זאָל דאַרפן פאַסטן אַ גאַנצע וואָך.

— ערב יום כפור קען מען זיך פאַרגינען.

זי האָט אַרויסגערוקט צוויי שטולן און אָנגעריירט זיין אַקסל.

— מיר׳ן טאַקע גלייך זיך זעצן, ווייל ס׳ווערט שפּעט. כ׳וועל אַריינפאָרן אין ניו־יאָרק איידער די זון זעצט זיך.

ביי מיסעס סאַלאַנט האָט געאַרבעט די ווייבערישע געניטשאַפט. זי האָט

באַמערקט, אַז איר גאַסט האָט זיך צוגעשטעלט פּונקט צו דער מינוט. מסתמא קוועטשט אים גוט דער שוך! זי איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט ביי אים אויסגעפירט אַ זאַך, וואָס איז קעגן זיינע אַנשויאונגען. זי האָט אַ ווײַלע אים באַטראַכט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, ווי זי וואָלט געקוקט אויף אַ בלענדנדיק ליכט. זיין אויסזען איז איצט געווען בכבודיק. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז פון דעם שוואַרצן ברייט־ראַנדיקן קאַפּעליוש אַריבער זיין דריי־קאַנטיק באַזילבערט בערדל ביז צום סאָלידן, טונקעלן שניפּס האָט אַראָפּגעקוקט די ווירדע ווי ביי אַן אָרטאָדאָקסישן רב, וואָס קען זיין מעסיק צו קאָנסערוואַטיווע און קען זיך פאַרגינען צו מאַכן פשרות מיט רעפאָרם־יידן.

זי האָט אָנגעצונדן דאָס ברייטע יום־כיפּור ליכט מיט אַ פרום מינעלע. דעם קוילעטש האָט זי אויך גיך איבערגעדעקט מיט אַ ווייסער סערוועטקע. פון דער קיך האָט זי אַריינגעברענגט צוויי שבת־לייכטער, אָבער זי האָט ערשט שפּעטער געבענטשט איבער זיי. איסר יאַגאָדע האָט געמאַכט קידוש. נאָכן פאַרטרינקען צו גלעזלעך וויין, האָט ער אָנגעהויבן עסן צוביסלעך און פאַרזיכטיק. די געהאַקטע לעבערלעך האָט ער נישט אָנגערירט. צום פאַרקילטן קאַרפּ האָט ער נישט קיין שמעק געטון. אין דעם זאַפט פון בלעטער־סאַלאַד האָט ער איינגעטונקען אַ פּענעצל פון דעם קוילעטש. פון אַ געפינגערטן טעלער האָט ער אַראָפּגעכאַפּט אַ שטיקל רעטעך, עס באַשאָטן מיט זאַלץ און איינגעביסן ווי ס׳וואָלט געווען מרור.

מיסעס סאַלאַנט, וואָס האָט זיך געקווענקלט צי זי זאָל איצט דערלאַנגען דעם טשעק, האָט נישט פאַרטראָגן וואָס איר גאַסט פאַרזוכט יעדן מאכל מיט די ליפּן, אָנשטאָט ער זאָל קייען אויף די באַק־ציינער. זי האָט מיט לייכטן פאַרדרוס אַרויפגעשליידערט אויף אַ פלאַכן טעלער אַ האַלבע הון, אָנגעלייגט אַ פּאָר לעפל מיט באַשמאַלצענע קאַרטאָפעלעך, נישט געזשאַלעוועט קיין בלעטער־סאַלאַד, צוגעוואָרפן אַ שטיק לאָקשן־קוגל, אַן אוגערקע און אונטערגעטראָגן דעם טעלער:

— נאַ, עסט! דאָ איז מיין קעניגרייך!

— איר גיט טאַקע אַרויס באַפעלן?

— ביי מיין טיש — יאָ. דער והוא ימשול בה, איז אויס געבאָט, מיסטער יאַגאָדע. פאַראַן טעג, ווען דער מאַן מוז ווערן געהאַרכזאַם צו דער פרוי, נאָך דערצו ווען ער איז דער פאַרבעטענער גאַסט... איך האָב נישט פאַרשווענדט נעכטן אַ גאַנצן טאָג אין קיך, איר זאָלט היינט פאַרשעמען מיינע מאכלים. עסט און דינגט זיך נישט! מירן באַלד צוריקקומען צו אונדזער לעצטן שמועס וועגן די אומגערעכטע דינים און די צען געבאָטן...

— די צען געבאָטן האָבן אַ דעקונג פון סאָליד גאָלד, מיסעס סאַלאַנט. קיינער האָט נאָך אויף די עשרת הדברות נישט געמאַכט קיין „אַמענדמענט״, קיין אויסבעסערונג...

— ס׳איז אפשר נישט שיין דאָס צו זאָגן ערב יום כפּור, אָבער אַן „אַמענדמענט״ וואָלט נישט געשאַדט... די מענער האָבן פאַרכאַפּט פאַר זיך אַלע תרי״ג

מצוות און פאַר דער פרוי האָבן זיי געשריבן שטרענגע דינים. אָבער די געזעץ־געבערס אַליין האָבן עובר געווען אויף איין הייליקן געבאָט.

— וועלכער געבאָט?

מיסעס סאַלאַנט האָט אַריינגעשטאָכן אַ גאָפּל און אַ מעסער אין זיין האַלבער הון און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין:

— דערנידעריקן אַ פרוי הייסט אָפּלייקענען דאָס געבאָט: ואהבת לרעך כמוך...

איסר יאַגאָדע האָט גענומען אָפּשינדן די פעטע הויט פון דער הון, ניט פאַרשטאַנען ווי די מיסעס סאַלאַנט קען זיך פילן דערנידעריקט אין אַזאַ רחבות. ער האָט געזען, אַז אונטער זיין קליינעם הימל איז צוגעקומען נאָך איינע, וואָס האָט ליב צו האַמערן אויף דער מאַנסבילישער וועלט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— מיין באָבע און אייער באָבע האָבן זיך נישט געפילט דערנידעריקט. זיי האָבן זיך אַפילו וויניק וואָס איבערגענומען ביים הערן יעדן טאָג די מענער זאָגן די ברכה: שלא עשני אשה... כ׳על זיך וועטן, אַז ס׳האָט זיי נישט געאַרט, וואָס זיי זענען געווען פסול אַלס עדות און נישט געטויגט צו אַ מנין... דוכט זיך, אַז פון אַלע ווינשונגען ביי אַ פרום ווייב, איז דער גרעסטער ווונטש געווען צו זיין דעם מאַנס פוס־בענקעלע אויפן עולם־האמת.

— דאָ שטעקט ס׳אומגליק, מיסטער יאַגאָדע. אויפן עולם השקר האָט מען פאַר איר גאָרנישט צוגעגרייט. פאַר אונדזערע גוטע, פרומע באָבעס איז גע־שריבן געוואָרן אַ ספּעציעלער דין, ווען זי האָט געבוירן אַ טאָכטער... אָבער גאָר אַנדערש האָט געגאָלטן דער דין, ווען זי האָט געהאַט ס׳מזל צו ברענגען אויף דער וועלט אַ זון. אמת? מען קען נישט לייקענען, אַז די יידישע פרוי איז דיס־קרימינירט געוואָרן פון איר וויגל אָן. ביים סאַמע בראשית האָט מען שוין פאַר־דרייט די יוצרות... די פרוי איז באַשאַפן געוואָרן צו געבוירן דעם מענטשלעכן מין, אָבער זי אַליין איז אַרויסגעשניטן געוואָרן פון אדמס ריפּ... אָבער צוליב וואָס קאָך איך זיך אַזוי? — האָט זי מיטאַמאָל ווייכער גענומען רעדן — פון ער־געריש וועלן מיר ביידע דאָס עסן נישט פאַרדייען. איך וויל הערן דעם הנני העני ממעש מיט געזונטע נערוון... נאָך אַביסל בלעטער־סאַלאַד מיט מאַיאָנעז, מיסטער יאַגאָדע?

ביידע האָבן געגעסן און ביידע האָבן איצט געשוויגן. נאָכן איינבייסן דאָס ערשטע שטיקל הון האָט דער אַפּעטיט ביי איסר יאַגאָדען זיך צעפלאַקערט און ער האָט גענומען אַרויסנאַשן פון אַלע טעלערס. צווישן איין ביס און דעם צווייטן, האָט ער געטון אַ זופּ ווישניאַק און אַ שלוק סעלצער־וואַסער, וואָס מיסעס סאַ־לאַנט האָט אונטערגעטראָגן. ער האָט געפילט, אַז דער אָטעם ווערט שווערער און דער בויך פולער, אָבער ער האָט אַוועקגעמאַכט די מורא פאַר האַרץ־ברענע־ניש. ערב אַ תענית מעג מען אַלץ — האָט ער פאַרענטפערט די ביזוע תאווה, — אַ מעת־לעת פון פאַסטן וועט סאַי ווי פאַרצערן די איבעריקע שטאָפן...

ער האָט שוין געוואָלט זיין מיט אַ פאָר שעה עלטער. דאָס זיצן אין טעמפּל וועט פאַר אים זיין אַן אָפּקומעניש. ער האָט זיך שוין געזען צווישן די אויס־געוועלבטע ווענט אָן קדושה... די רעפאָרם־יידן טענהן, אַז זיי זענען געקומען מיט

אַ שליחות: אור־לגויים, — אַ ליכט פאַר די פעלקער, אָבער ס׳אַ ליכט אָן אַ פלאַם, ס׳אַ קאַלטע אילומינאַציע, ווי די קאָלירטע לאַמטערנעס אין דער סוכה. די רע־פאָרם־יידן האָבן אויסגעשטעלט אַ וועקסל, אָבער אָן קוראַנטער דעקונג, אָן מצוות מעשיות. אַ גאָטעס־דינסט אין אַ טעמפל איז אַ פאָרשטעלונג. די אויגן זענען אָפן, אָבער די מיילער זענען פאַרמאַכט. דער ראַביי איז דער שליח־ציבור, וואָס דאַרף אויסקויפן שטיקער עולם הבא פאַר קהל, אָבער ער זאָגט די תפילה מיט דער זעלבער קילקייט, ווי אַ פאַרזיכערונגס־אַגענט לייענט איבער דעם קאָנטראַקט צו זיין קליענט.

איסר יאַגאָדע האָט אָפּגעשטופּט פון זיך דעם טעלער. וועט ער טאַקע היינט זיצן צווישן די מתפללים פון טעמפל? פּאַסט עס פאַר אים צו שטיין הינטער אַ שליח־ציבור, וואָס טראָגט אַ בר מצוה־טליתל? די מיסעס סאַלאַנט מוז זיין אַן אמתע כישוף־מאַכערין אויב זי קען אים אַהין פאַרשלעפּן. די וועלט ציטערט פאַר דער הימלישע גערעכטיקייט, מען חתמעט אין הימל דעם גזר־דין פאַר יעדן בשר ודם. ס׳איז מעשי איש ופקודתו! אַ שיין פּנים מוז איך איצט האָבן ביים טעלער מיט די אויסגענאַגטעביינער! דער ווישניאַק איז אויסגעזשלאָקעט, דער קוגל איז אויפגעגעסן און ס׳איז מיר שוין באַלד אַרויס פון זכרון, אַז דער צופה ומביט עד סוף כל הדורות האַלט אַן אויג אויף יעדן בעל־חי.

נאָכן עסן האָט מיסעס סאַלאַנט אַראָפּגערוימט ס׳געפעס. זי האָט זיך גע־מאַכט נישט זען ווי איסר יאַגאָדע האָט בגנבה אַראָפּגעשלונגען צוויי קאַפּסולן קעגן האַרץ־ברענעניש און פאַרטרונקען אַ האַלב גלאָז וואַסער. ער האָט אָפּגע־ווישט די ליפּן און עטלעכע מאָל דורכגעשפּרייזט איבערן עס־צימער. ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס זי מאַכט זיך כלא ידע וועגן דער הלוואה. ער האָט אַ פּאָר מאָל זיך אָפּגעשטעלט ביי די וואַנט־בילדער און אַ קוק געטון אויף זיין טאַשן־זייגער און מעשה בן־בית זיך אָנגערופן:

— ס׳ווערט שפּעט, מיסעס סאַלאַנט. מ׳דאַרף זיך איילן.

— דאָס דאַרף מען מיך נישט דערמאָנען — האָט זי געעפּנט ס׳מויל און אירע חן־גריבלעך האָבן געלאַכט — כ׳בין פון דער נאַטור אַן איילנדיקע. כ׳האָב ליב אָפּצוטון זאַכן אָן אָפּשלעפּעניש. ס׳אָלרייט, דער קאָפּ אויפן קאַרק איז ביי קיין מענטש נישט קיין חסרון. איר ווייסט, מיסטער יאַגאָדע, טאַקע אינמיטן מיין איילעניש האָב איך דערוויייל די טעג אויסגעפאָרשט וועגן אייער ירושה אין קעמדען. ס׳איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. דער מיליאָנער פון טעקסאַס, אייער אָנקל בעני איז געווען אַ היפּאָכאָנדריק, אַ ווייבער־יעגער און פאַרגעסן צו באַשטעטיקן די צוואה ביי די לאָיערס, אַפילו די אונטערשריפט פון אַ נאָטאַר האָט געפעלט אויף די פּאַפּירן... און אַזאַ איינער האָט געהאַט גוטע געשעפטן אין טעקסאַס? איך ווייס נישט צי איר דאַרפט זיך זעצן טרויערן, אָבער אייער חלק איז געוויס אויס! אויב איר זענט פון די אומגעדולדיקע, מעגט איר זאָגן גוט־באַי צו קעמדען!

— אירט שוין מער אויסגעפאָרשט פאַר מיר!

— פאַרלאָזט זיך אויף דבורהלען! איר ווייסט דאָך, כ׳האָב אויך אָן ערשטן נאָמען, אויסער מיין ביזנעס־טיטול מיסעס סאַלאַנט. כ׳קען צוקומען צו יעדער

קוועלע פון אינפאָרמאַציע. כ׳וויס אַפילו, אַז עמיצער האָט איינגעלייגט וועלטן, מען זאָל די צוואה אינגאַנצן אַנולירן, ווייל דער רייכער אָנקל איז פאַרן טויט געווען צערודערט... סאַי ווי, ווער עס זאָל נישט פאַרלירן, וועט יאַדזשאַ — אויב זי׳ט חתונה האָבן מיטן יתום העראַלד — איינקאַסירן איר טייל... זי איז אָבער אַן אומדאַנקבאַרער מענטש. זי׳ט אייך אַפילו נישט באַצאָלן אייער מעקלעריי...

מיסעס סאַלאַנט איז אַרויס פון צימער. צוריק איז זי געקומען אָנגעטאָן אין אַ לייכטן, בלויען מאַנטל. אויפן קאָפּ האָט זי געהאַט אַ פלאַך היטעלע מיט סאַמעטענע בענדלעך. און אויף די הענט אַ פּאָר אַפּגעצויגענע שוואַרצע הענטשקעס. אַ ווײַלע האָט זי אים אָנגעקוקט מיט דער מינע פון אַ בעל טובהניצע, וואָס האָט דאָס רעכט צו שטעלן באַדינגונגען. איידער איסר יאַגאָדע האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, האָט זי אים דערלאַנגט איר אונטערגעשריבענעם טשעק.

— דאָס איז פאַר אַן אָנהויב און זאָל זיין מיט גליק!

איסר יאַגאָדע איז אַ ווײַלע געווען צעטומלט. די הלוואה איז געקומען אומגעריכט. ער האָט זיך אָנגערופן.

— אַ דאַנק. איר ווילט דאָך אַ קוויטונג...

— די קוויטונג וועל איך נעמען. דעם דאַנק וועט איר ברענגען נאָכדעם ווי איר׳ט אַריינקריגן ס׳געווינס...

ער האָט אַ קוק געטון אויפן ציפער פון דעם טשעק און אַ צי געטון מיט די ברעמען. פאַרוואָס עפּעס אַ האַלבע סומע? קען עס זיין, ווייל ס׳איז אויס מיט דער ירושה אין קעמדען, דעריבער איז זיין קרעדיט געפאַלן? וואָס פאַראַ פלינקע בעל חשבונטע זי איז! ער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט אַרויסגענומען זיין נאָטיץ־ביכל, אַרויסגעריסן אַ בלעטל און זיך אונטערגעחתמעט, אַז ער האָט ביי מיסעס דבורה סאַלאַנט געליִען פינף־און־צוואַנציק הונדערט דאָלאַר אַ גמילת־חסד.

קאַפּיטל פופציק

— 1 —

לענגאויס דעם רעפאָרם־טעמפּל זענען שוין געשטאַנען געדיכטע רייען מיט אויטאָמאָבילן פון די יום־כיפור מתפללים, ווען איסר יאַגאָדע מיט מיסעס סאַלאַנט זענען אָנגעקומען. ס׳איז נאָך געווען ווייט צו כל נדרי. די פאַראַד־טירן, אויסגעשמידט פון בראָנז, זענען געווען פאַרמאַכט אָבער פאַרן אַריינגאַנג האָבן זיך געצויגן צוויי לאַנגע רייען פון מענער און פרויען, וואָס האָבן געוואַרט מען זאָל עפענען גאָטס הויז. זיי האָבן געוואַרט מיט דעם אָפּגענוצטן געדולד פון מענטשן, וואָס שטייען פאַר אַ טעאַטער־קאַסע.

אויף ביידע זייטן פון די פלאַטשיקע אַריינפיר־טרעפּן האָבן זיך אַרויסגעהויבן געדיכטע, צוגעשוירענע בושעס פון קאָלירטע פלאַנצן. די דיקע פילאַרן אין פראָנט האָבן אונטערגעשפּאַרט אַ געמויערט דעכל ווי אַ חופה. פון אויבן,

איבערן קאַרניז, איז געווען אויסגראַווירט אַ באַגלידטע מנורה. אַ מאַרמאָר־טאָוול ביי דער וואַנט האָט אָנגעגעבן די צייט, ווען עס הויבן זיך אָן די גאָטעס־דינסטן.

די רייען אויטאָמאָבילן אַרום דעם טעמפּל זענען איצט געוואָרן געדיכטער. די כל־נדרי יידן, אָנגעטאָן אין גאַלאַ, וואָס זענען אַרויס פון די גלאַנציקע מאַ־שינען, האָבן זיך געלאָזט צום אַריינגאַנג. זייערע קריסטעלכע שאַפערן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רעדלעך, געוויכערט, געפּלוידערט און אָנגעשעפּט געדולד איבערצוווארטן דעם גאָטעס־דינסט פון זייערע באַלעבאַטים.

ווען די טירן האָבן זיך געעפנט, האָבן די רייען געלאָסן זיך געגומען רוקן פאָראויס. די מונדירטע טיר־לייט האָבן אָפּגענומען די בילעטן פון די עלעגאַנטע מענער און פרויען, וואָס האָבן איינמאָל אַ יאָר אַ ווונש אָנצוקוקן גאָטס בימה און צו שיקן זייער געבעט דורך אַ פאַרמיטלער צום הימל. איסר יאַגאָדע מיט מיסעס סאַלאַנט זענען אַריבער די שוועל־טרעפּ. אַ קריסטלעכער טיר־מאַן, מיט דער מינע פון אַ העפלעכן אָרדענונגס־היטער אין דער אָפּערע, האָט זיי אָפּגע־שטעלט. איסר יאַגאָדע האָט קיין בילעטן נישט געהאַט. דער טיר־מאַן האָט אים דערלאַנגט צוויי בלויע קאַרטלעך און אָנגעוויזן אויף די טרעפּ צו די באַלקאָן־פּלעצער, ווו עס זיצן נישט די טעמפּל־מיטגלידער, נאָר פּריוויליקע מתפּללים און נייגעריקע באַזוכער.

פּאָר די געדרייטע טרעפּ, אויסגעבעטע מיט רויטן, געבלימלטן פּליוש, איז איסר יאַגאָדע פאַרבייגעגאַנגען אַ צווייטן קאָנטראָל. אַן עלטערער מאַן מיט קורצ־זיכטיקע אויגן האָט באַטראַכט די קאַרטלעך מיט דעם זעלבן פאַרדאַכט ווי מען קוקט נאָך געפעלשטע טשעקס. אויבן האָט מיסעס סאַלאַנט פאַרכאַפּט אַ באַקוועם אָרט אין אַ לאָזשע. זי האָט געמאַכט פּלאַץ לעבן זיך פאַר איסר יאַגאָדען. ס׳איז נאָך געווען פּרי און די אויסגעבעטע שטולן זענען געווען שיטער באַזעצט. זי האָט אין איילעניש געוואָרפן בליקן אויף די ווענט, אויף דער בלויער הימל־סטע־ליע און זי איז געווען אַנטוישט פון דער איינפאַכקייט. געמיינט האָט זי דאָ צו זען אַ קאַטעדראַלע סטרוקטור, אונטערגעשפּאַרט פון פּילאַרן מיט גאָלד־שטי־קאַטורן, איינגעראַמט אין ווענט מיט טייערע אָרנאַמענטן, אָבער געפונען האָט זי זיך איצט אין אַ געביידע מיט געדעמפּטע ליכט, וואָס איז געווען ענלעך סיי צו אַן אָפּערע־בנין, סיי צו אַ מיטינג־האַל.

מיסעס סאַלאַנט האָט זיך אויסגעדרייט צו איסר יאַגאָדען.

— כ׳זע, מען מאַכט אומזיסט בלבולים אויף די רעפאָרם־יידן. דער טעמפּל דאָ איז דאָך אַ באַשיידענע געביידע! כ׳האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז דאָ הענגען הייליקע געמעלן און עס זענען אויסגעשטעלט רעליקוויעס, ווי, להבדיל, אין אַ קירך... אָבער כ׳געפין דאָ נישט די אַלע שאַלאַמויזן. אַפילו די ווענט זענען ליידיק.

איסר יאַגאָדע האָט איר איינגערוימט:

— נישט נאָר די ווענט זענען ליידיק. די בימה איז אויך פּוסט. ס׳איז אַ טעמפּל אָן אַ גאָט.

— איר וואָלט געמעגט זיין אַביסל טאָלעראַנטער אין אַ פרעמדן מקום־קדוש, מיסטער יאַגאָדע. ס׳איז דאָ טאַקע נישט קיין בית־המקדש, אָבער גיט נאָר אַ קוק צו דער בימה. ביי די שטענדערס שטייען שוין די שליחי־ציבור. דער

קאַנטאָר זעט אויס ווי אַ הייליקער כהן, און דער ראַביי האָט דעם אָנבליק פון אַ פּאַרצייטיקן אַריסטאָקראַט. אויף ביידע רוט אַ פייערלעכקייט...

— דער קאַנטאָר און דער ראַביי האָבן די זעלבע פייערלעכקייט ווי גרי־מירטע אַקטיאָרן...

— אייך פעלט אַביסל גרויסמוט, מיסטער יאַגאָדע. פאַרוואָס פאַרגלייכט איר די שליחי־ציבור צו גרימירטע אַקטיאָרן?

— די שליחי־ציבור אין טעמפּל זענען נאָכלעסיקע וועכטער... זיי היטן נישט זייער הייליקייט.

— פון ווען אָן מוז אַ הייליקייט האָבן וועכטער?

— פון דעמאָלט אָן, זינט די געצנדינער זענען באַזיגט געוואָרן. אַמאָל איז געווען אַ כהן־גדול, האָט ער טאָג און נאַכט געהיט דעם משכן שילה. איר׳ט מסתמא געהערט פון אים. ס׳איז געווען עלי הכהן, וואָס האָט אַנטפּלעקט שמואלן אַלס נביא...

— כ׳האָב געהערט, אָבער איר מעגט מיר דערציילן וועגן דעם כהן גדול.

— דער אַלטער כהן גדול האָט געהיט די ווענט פון דער הייליקייט, אָבער זיינע צוויי זין חפני און פנחס האָבן געטון פאַרדאָרבענע מעשים, האָט דער אויבערשטער שווער באַשטראָפט דעם כהן גדול מיט זיין גאַנצער משפחה. אין אַ מלחמה מיט די פלישתים זענען ביידע זין אומגעקומען, און דער הייליקער אָרון איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט... ווען עלי הכהן האָט די וויסטע נייעס דערהערט, איז ער אַראָפּגעפאַלן פון זיין שטול, צעבראָכן זיין גניק און גע־שטאָרבן. דער משכן שילה איז חרוב געוואָרן. די חכמים זאָגן, אַז דעם אויבערשטנס קללה אויף עלי הכהנס משפחה האָט געהויערט אויך אויף זיינע קינדער און קינדס־קינדער. אַלע זיינע אָפּשטאַמלער זענען יונגערהייט געשטאָרבן...

— דאָס איז אַ מעשה פון תנ״ך... — האָט מיסעס סאַלאַנט געזאָגט.

— אַ מעשה מיט אַ מוסר השכל. די געשיכטע פון שילה חזרט זיך איבער אין ניו־יאָרק.

— לאָזט אָפּ די סימבאָלן, מיסטער יאַגאָדע. לויט ווי איר רעדט קומט אויס, אַז דער טעמפּל איז אַ פאַרווײַלונגס־אָרט... טאָ לאָזט מיך כאָטש זיך דאָ אַמו־זירן! איר הערט? דער אָרגל שפּילט, ס׳איז וווּנדערלעך! די מעלאָדיע קלינגט ווי שטילע, סימפאָנישע מוזיק. כ׳וועל זיין אַ היפּאָקריט, אויב כ׳על זאָגן, אַז כ׳האָב עס נישט ליב.

איסר יאַגאָדע האָט טיפער זיך אַריינגעזעצט אין שטול, ער האָט פון דער זייט געקוקט אויף דער שטראַלנדיקער מיסעס סאַלאַנט. וואָס איז זי? אַ לעסטע־רער פון הייליקייטן, אָדער אַ מענטש מיט אַ פאַרלאַנג נאָך ווילדע ריטואַלן? איז זי אַן אינטעלעקטואַל, וואָס חלשט צו זען אין אַ שול די זעלבע אויסטערלישקייטן ווי אין וואָדעוויל? די שטראָף פון די הייניטיקע פּראָגרעסיווע איז, וואָס זיי זעען נישט, אַז הימלישע גערעכטיקייט גילט נישט בלויז פאַר דעם שול־ייִד, נאָר פאַר גאַנצע פעלקער. אין נחס צייטן האָט די מענטשלעכע געפאַלנקייט געפירט צו אַ מבול פון וואַסער, אין אונדזערע טעג האָט דאָס דערפירט צו אַ מבול פון בלוט...

— 2 —

ער האָט אַרויסגענומען פון דער לייוונטער טאַש, וואָס איז געהאָנגען אי־בערן שטול, אַ קליין מחזור׳ל אין שוואַרצע טאָוולען. ער האָט אַריבערגעמישט דעם שער־בלאַט. די יום־כיפור תפילות זענען געווען אויף ענגליש מיט קאַרגע שטעלן פון העברעיִשן מקור. ער האָט מיטאַמאָל באַדויערט וואָס ער האָט נישט מיטגענומען זיין טלית־זעקל מיטן מחזור. עס וואָלט געווען אַ פאַרשעמונג צו פאַרגלייכן די תפילות פוןביידע מחזורים און נאָכגיין יעדע שטעלע, וואָס עס זינגט אויס דער געלאַסענער חזן. ס׳אַ ווילדער איינפאַל! — האָט ער געהויבן די ברעמען, — ער׳ט קיינמאָל נישט קענען האַלטן שריט מיט אַ רעפאָרם־קאַנ־טאָר לויט אַן אָרטאָדאָקסישן מחזור. דער סאָלידער קאַנטאָר טוט דאָ איבערהיפּען צו צוואַנציק בלעטלעך אויפאַמאָל. די ענגלישע תפילות זינגט ער אויס מיט אַן אָפּערע־מעלאָדיע און די פּאָר ווערטער עברי שלינגט ער אַראָפּ ווי ביטערע פּילן. אַזוי ווילן די יידן אין טעמפּל זיך אויסבעטן אַ גוט יאָר? דאָס זענען נישט קיין תחנונים, קיין וויינענדיקע תפילות, נאָר קאַלטע דעקלאַמאַציעס. ס׳זעט אויס, אַז דאָס הייסע דאַווענען לאָזט מען פאַר די חסידים אין וויליאַמסבורג...

דער אונטערשטער זאַל אין טעמפּל איז שוין געווען פאַרפולט. מענער, פרויען און קינדער זענען געזעסן מיט מחזורימלעך, ווי זיי וואָלטן אין די הענט געהאַלטן פּראָגראַמען פון אַ פאַרשטעלונג. די מענער האָבן נישט געטראָגן קיין טליתים, נאָר געזעסן מיט הוילע קעפּ. אויף דער בימה, גרויס ווי אַ טעאַטער־סצענע, זענען געשטאַנען צוויי באַלעמערס, איינער פאַרן ראַבאַי און איינער פאַרן קאַנטאָר. איבער דעם גרויסן ארון־קודש איז געפאַלן אַ העלער זייל ליכט, ווי די שטראַלן פון אַ פּראָזשעקטאָר. די בוקעטן מיט לאָמפּן אין טעמפּל, האָבן באַ־דעקט די ווענט און די פּילאַרן מיט אַ גֿעדעמפּטן שיין. דעם אָרגל האָט מען נישט געזען, אָבער ס׳האָבן זיך געהערט די סאָפּראַנאָ־שטימען פון די פרויען, וואָס האָבן מיט צוויטשערניש פון קאַנאַריקלעך פאַרהילכט די באַס־שטימען פון די מע־נער־משוררים. איסר יאַגאָדען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די בעסטע אַרכיטעקטן האָבן דאָ אויסגעשניצט די באַלקאָנען, די פּילאַרן און די געוועלבטע גאַניקלעך. מען האָט אָבער פאַרגעסן אַריינצובלאָזן אין די ווענט דאָס פייער פון קדושה. מען האָט פאַרוואָכעדיקט די געטלעכקייט און פאַרשפּאַרט די טירן פאַר דעם ליכט פון דער מנורה. אויב דער טעמפּל איז געקומען אויפן אָרט פון דער סינאַגאָגע, פון בית מדרש, פון קלויז — טאָ ווו איז דאָס פייער פון דער מנורה, וואָס האָט געלויכטן דורך אַלע דורות מיט יענעם שטראָם ליכט, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דעם מבול פון וואַסער און איבער דעם מבול פון בלוט, דאָס ליכט, וואָס דער ערשטער כהן האָט אָנגעצונדן אין משכן און וואָס וועט מער נישט אויס־געלאָשן ווערן ביזן סוף פון אַלע דורות?

איסר יאַגאָדע האָט דערפילט אַ באַריר פון אָרעם. מיסעס סאָלאָנט האָט פון דעם געעפנטן האַנטבייטל אַרויסגענומען אַ קליינע לאָרנעטע, צוגעשטעלט צו די אויגן און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף דער בימה.

— קוקט, דער קאַנטאָר הויבט שוין אָן די תפילה. ס׳ערשטע מאָל זע איך ווי אַ חזן שטעלט זיך מיטן פּנים צום עולם און מיטן רוקן צום ארון קודש...

— איר׳ט נאָך ווערן מער איבערראַשט. די דאַוונערס וועלן אײנגאַנצן זיך נישט שטעלן אויף די פיס אין דעם מקום קדוש. זיי וועלן אַרויסזאָגן דעם שם הויה מיטן הוילן קאָפּ. געפעלט אײך אַזאַ סאָרט דינען גאָט?

— ס׳איז נישט קיין פראַגע פון מיין פּערזענלעכן געשמאַק, אָבער מ׳קען אין דעם זען נייקייט ביי אַ רעליגיעזן צערעמאָניאַל.

— איר וועט זען נאָך נייקייטן, מיסעס סאַלאַנט, ביי שמונה עשרה וועלן די מתפּללים זיך נישט שטעלן צו מזרח. זיי וועלן רוען אין די שטולן. ביי עלינו וועלן זיי נישט אויסשפּייען. ס׳איז זיי אַ שאָד. דער דיל איז באַדעקט מיט טייערע טעפּיכער...

מיסעס סאַלאַנט האָט מיט לייכטער גרינגשעצונג אָפּגעמאָסטן איסר יאָגאָדען און ווידעראַמאָל אַנגעשטעלט די לאָרנעטע צו די אויגן.

ביים ערשטן באַלעמער איז געשטאַנען דער ראַביי אַן אויסגעצויגענער, אַ שטאָלצער אין אַ קיטל און פון אַרום זיין האַלדז איז אַראָפּגעהאָנגען אַ קליין, שמאָל טליתל. ער האָט געקוקט אויפן עולם מתפּללים מיט דעם צייטווייליקן געדולד פון אַ פּלאַטפאָרמע־רעדנער, וואָס וואַרט אויף דער אויפמערקזאַמקייט פון זיין אוידיענץ.

דער ראַביי האָט געעפנט דאָס מויל, אָבער נישט צו תּפילה. ער האָט געמאַכט אַן אַפּיל צו שטיצן דעם טעאָלאָגישן קאָלעדזש פון יונגע ראַביים. זיינע ווערטער זענען געווען גלאַטסענע און געשליפענע ווי אַ רעציטאַל פון האַמלעט. ער האָט געפּרעדיקט וועגן גאָטס וועלט און וועגן די פעלקער, וואָס וואַרטן אויף זייערע פירער, ווי עס וואַרטן סטאַדעס שאָף אויף זייערע פּאַסטוכער. די יונגע ראַביים, וואָס זיצן אויף די בענק פון טעאָלאָגישן קאָלעדזש, זענען די מנהיגים פון מאָרגן פאַרן פאָלק ישראל. מיט פּאַרדרוס און בושה קוקן די טעמפּל־מדריכים אויף דער געפאַלנקייט פון יענער ייִדישקייט, וואָס דאַרף ברענגען ליכט צו די פעלקער. אין דער פּאַרטיקער נאַכט, ווען די שטערבלעכע שלאָגן זיך פאַר זייערע זינד און זענען אָנגעוויזן אויף רחמים פון הימל, טאָרן זיי נישט פאַרגעסן די זין פון ישראל, וואָס וועלן טראָגן דעם אור לגויים ,ווי אַ לויכטנדיקן פאַקעל.

נאָך דעם ראַבייס פּרעדיקן האָט אַ צאָל יונגע פרויען און מענער זיך אַרויסגעלאָזט איבערן טעמפּל זאַמלען געלט. טעלערס מיט שטויסן געדרוקטע קאַרטלעך, ווי לאָטעריע־צעטלען, זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט דורך די רייען. די מתפּללים האָבן געעפנט די בייטלען און אַרויסגענומען טשעק־ביכלעך. די מערסטע האָבן אַריינגעוואָרפן אין די טעלערס מזומנים. טייל האָבן אויסגעשריבן טשעקס, אַנדערע האָבן אָנגעצייכנט אויף די קאַרטלעך די סומע פון ביישטייערונגען און זיי אַריינגעלייגט אין קאָנווערטן, צוזאַמען מיט זייערע נעמען און אַדרעסן. די זאַמלונג איז צוגעגאַנגען אין איילעניש, אָבער קיינער האָט נישט פאַרשעמט די קערות, וואָס האָבן שפּאַצירט איבער די הענט פון די מתפּללים. אַפילו די געסט אויף די באַלקאָנען האָבן נישט פאַרפעלט אַריינצוואַרפן פינפערלעך און צענערלעך.

— 3 —

איסר יאַגאָדע האָט איינגעביסן די אונטערשטע ליפּ פון ערגערניש, אָבער מיסעס סאָלאַנט האָט געמאַכט אַ מינע ווי זי וואָלט זיך אַמוזירט. פון מאָל צו מאָל האָט זי אים אָפּגעמאָסטן מיט פלעמלדיקע בליקן. דער קאַנטאָר איז געשטאַנען ביים באַלעמער, גרייט צו עבודת־הבורא. ער האָט אָנגעהויבן זינגען כל־נדרי, אָבער ס׳האָט אים געפעלט דער פּאָרכטיקער טאָן. זיין מעלאָדישע שטים האָט פּרובירט פאַרציִען קרייזלעך און ציקעלעך, אָבער ס׳האָט זיך נישט געהערט דער ציטער און די אימה פון דעם היימישן בעל־תפילה, דעם בעל בכי. איסר יאַגאָדע האָט זיך אַרומגעזען, אַז דער שליח־ציבור האָט איבערגעהיפּעט דעם „הנני העני ממעש״ און ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז מיסעס סאָלאַנט ריכט זיך אומזיסט צו הערן די אַכט מאָל יעלה...

די ווייטערדיקע תפילה איז אַוועק ווי אַ גלאַטער פלייטן־שפּיל. דער קאַנטאָר האָט געזאָגט עטלעכע בלעטלעך אויף ענגליש און אָפּגעכאַפּט אַ פּסוק לשון קודש. אַזאַ תפילה וועט נישט שפּאַלטן די הימלען און וועט נישט אויפפּראַלן די טויערן פון רחמים, — האָט איסר יאַגאָדע געפּסקנט. פון מאָל צו מאָל האָט דער ראַביי זיך געשטעלט ביים צווייטן באַלעמער און איבערגענומען אַ זייטל תפילה, בעת דער קאַנטאָר האָט אים באַגלייט ווי אַ יינגערער משורר.

פון הינטער דער בימה האָט זיך געהערט דאָס שפּילן פון אָרגל און דאָס שטילע באַגלייט־געזאַנג פון דעם געמישטן כאָר. אָבער די קלאַנגען זענען זיך נישט צעגאַנגען איבערן טעמפּל ווי די שירה פון די לוויִם, נאָר האָבן געוויספּערט ווי ווייכע אַקאָמפּאַניר־טענער פון געלאַסענע סימפאָנישע אַקאָרדן.

איסר יאַגאָדען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט געהערט בלאָזן שופר, אָבער ער האָט נישט געזען דעם בעל־תוקע. וואָס פאַר אַ שופר־בלאָזן אינמיטן דערינען? — האָט ער זיך אַרומגעקוקט. — דער בלאָז איז געבליבן הענגען אויף די אויערן מיט אַ פּייף... די תקיעה איז אַוועק ווי געשמירט. נישטאָ קיין זכר פון דעם אַלטן שברים־דרידל. ס׳אַ גליטשיקער סטאַקאַטאָ, אויסגעבלאָזן פון אַ געשיקטן טראָמפּייטער. קיין זאַך פאַרהאַקט זיך דאָ נישט. אַלץ איז גלאַטיק ווי אויסגעפּעטסט אין בוימאייל. כ׳על וועטן, אַז דעם שטן שטייט גאָרנישט אָן צו פירן מלחמה מיט דעם בעל־תוקע אין טעמפּל. ער׳ט בעסער פאַרשטאָפּן דעם שופר אין דעם סאַדיגורער שטיבל...

דער קאַנטאָר האָט שוין געהאַלטן ביי שמונה־עשרה, אָבער ער איז נישט אויסגעגאַנגען, ווען ס׳איז געקומען צו „עושה שלום״. ס׳איז איבערגעהיפּעט געוואָרן דער מודים אַנחנו... ביים זאָגן: כי ביום הזה יכפּר עליכם לטהר אתכם... האָבן די מתפּללים זיך אויפגעשטעלט און געהויבן די מחזורים. ביי זכרנו לחיים, האָבן זיי מיט די שפּיצן פויסטן זיך געקלאַפּט אין די הערצער אַריין. ווען דער קאַנטאָר איז צוגעקומען צו קדוש! קדוש! קדוש! האָבן די דאַוונערס נאָכגעזאָגט: האַלי! האַלי! האַלי!

איסר יאַגאָדע האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. — פאַרוואָס זיץ איך דאָ אַזוי רואיק? פאַרוואָס לויף איך נישט צו צום באַלעמער און לאָז אַרויס אַ גע־

שריי? ס׳איז שבת שבתון און דאָ שרייבט מען אויס טשעקס און מ׳וואַרפט מזומ־נים אין די קערות פאַר ראַבאַיס, וואָס וועלן לערנען מיט די קינדער און קינדס־קינדער די זעלבע געפרוירענע ייִדישקייט... מ׳פירט אויף אַ וואָדעוויל און מ׳וויל, ס׳זאָל אָנשפּאַרן צום טויער פון רחמים! מ׳דערטרינקט די תפילה בציבור אין אָפּערע־מעלאָדיעס... וואָלט אַ חסיד פון באָראָ־פּאַרק און אַ קנאי פון וויליאַמס־בורג אויך פאַרשוויגן אַזאַ לעסטערונג?

ער האָט זיך צוגעבויגן צו מיסעס סאַלאַנט און איר איינגערוימט:

— כ׳האָב עס גענוג... קומט!

מיסעס סאַלאַנט האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אַרויפגעצויגן אַ יראת שמים־מינע.

— איך קען נישט אַרויסגיין אינמיטן דער תפילה...

— דאָס איז נישט קיין תפילה. ס׳איז בויך־רעדעריי.

— אייער כעס ווייס נישט פון קיין מאָס, מיסטער יאַגאָדע. איר מוזט זיך קאָנטראָלירן. ס׳טוט מיר שוין באַנג, וואָס כ׳האָב אייך געשלעפּט אַהער. אָבער איינס קער זיך נישט אָן מיטן אַנדערן... איר באַליידיקט נישט דעם קאַנטאָר און דעם ראַביי. איר פאַרשעמט דעם מקום קדוש.

— איר רופט דאָס אַ מקום קדוש?

— איר דערמאָנט יענעם ייִד, דעם היימישן כעסן, וואָס איז בייז אויפן חזן און וויל נישט נאָכזאָגן קיין אָמן...

— ס׳איז נישט קיין חזן, ס׳איז נישט קיין רב און די תפילה איז נישט ווערט מ׳זאָל נאָכזאָגן אמן... אַ גוטן יום־טוב!

אַראָפּגייענדיק איבער די ברייטע, געדרייטע טרעפּ, אויסגעבעט מיט רויטן, געבלימלטן פּליוש, האָט ער געטראַכט, אַז די מתפללים אינעווייניק זענען די שווערע חוטאים פון אַ גאַנץ יאָר. און די־אָ ווילן זיין די אָפּנעמערס פון דער פאַרשפּעטיקטער ייִדישער ירושה? דאָס זענען דאָך די זעלבע דינער צום בעל, צו עשתרות, וואָס דער נביא האָט גערודפט. ס׳זענען די ווילטעגערס, וואָס טענהן, אַז די נאַטור האָט נישט קיין צוועק, דער באַשאַף — קיין מייסטער. אָבער אין דעם פאַרכטיקן טאָג קומען זיי בעטלען רחמים אין היכל פון גערעכ־טיקייט. דער מתפלל אין טעמפּל איז נישט אַנדערש פון דעם רייכן זונדל, וואָס לויפט איבער דער וועלט, ער שפּעט אָפּ פון טאַטנס השגחה, מיינט, אַז ער שטייט אויף די אייגענע פיס, אָבער ווי נאָר ר׳ווערט קראַנק, דערזעט ער זיין אומבאַ־האָלפנקייט און ער פאָדערט ביים פאָטער שוץ און איינזעעניש.

אינדרויסן איז די נאַכט געווען אַ מילדע. דער הימל איז געווען קלאָר. די שטערן האָבן געציטערט אין דער בלויקייט, אָבער ס׳זענען אים באַפאַלן ספקות. ער איז ווידעראַמאָל געשטאַנען פאַרן פאַראַדנעם אַריינגאַנג. ער האָט אויפגע־הויבן די אויגן איבער די אויסגראַווירונגען אויף די קאַרניזן פון דער מויער און נישט געקענט באַשליסן צי איז דער טעמפּל אַ געבעט־הויז, וואָס איז אויסגע־טון פון קדושה, אָדער אַ זאַמל־אָרט פון דערשראָקענע לעסטערער?

ער איז אַרויס פון די פּילאַרן, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט דאָס געמויער־טע חופּה־דעכל. ער איז פאַרביי די בושעס מיט די קאָלירטע פלאַנצן. ער איז

דורכגעגאַנגען די גלאַנציקע אויטאָמאָבילן מיט די שאָפערן, וואָס האָבן גע־וואַרט אויף די מתפללים און נישט געקענט אַרויס פון דער אייגענער קווענקל־נישט. וואָס פאַר אַ גאָט דינען האָט ער היינט געזען? איז אין דער פרעדיקעריי פון דעם ראַבאַי געווען דער פלאַם פון דעם אור לגויים? איז די תפילה פון דעם קאַנטאָר עבודת הבורא, אָדער איז גאָר דאָס שפּילן פון אָרגל עבודה־זרה?

קאַפּיטל איין און פופציק

— 1 —

אַ וואָך נאָך סוכות האָט מען איסר יאַגאָדען אָנגעזאָגט צווי שלעכטע בשו־רות: רייטשל איז געשטאָרבן און יאַדזשאַ איז אַנטלאָפן מיט אַן עלטערן ביזנעס־מאַן קיין קאַליפאָרניע. ס'איז געווען באַלד אינדערפרי. דער אָקטאָבער־טאָג איז געווען קיל און זוניק. ער, איסר, האָט נאָר וואָס געהאַט אויסגעטרונקען דאָס צווייטע טעפּל קאַווע און זיך געגרייט צו נעמען זיין האַלבע שעה שפּאַציר אויף וואַשינגטאָן־סקווער, האָט די טיר זיך געעפנט און ס'איז אַריינגעקומען אַן אומ־געריכטער גאַסט, נייטן. ער האָט געהאַט אַן אויסגעצויגן בלייך פּנים און גערעדט מיט שטאַמלעניש. צום ערשטן מאָל האָט איסר יאַגאָדע געזען נייטענען אין אַ פאַרלעגנהייט, ווען ער האָט געדאַרפט עפענען דאָס מויל. זיין פּלייצע איז דאָס מאָל געווען נאָך מער געבויגן און די אַנגעלאָפענע באַק האָט צומאָל נישט גע־געבן קיין צוק, ווי די רעכטע זייט פּנים וואָלט געווען פאַרגליווערט.

איסר יאַגאָדע, וואָס האָט זיין שוואָגער נישט געזען אַ גאַנץ יאָר, האָט דערשפּירט באַלד ביי זיין אַריינקומען, אַז ער ברענגט אים נישט קיין גוטס און געפּאָדערט ער זאָל אַרויס מיט לשון.

— גוטס צי שלעכטס, פאַר מיר דאַרפסטו נישט שטאַמלען, נייטן...

נייטן האָט דערציילט, אַז רייטשל איז שוין טויט צווי טעג. זי איז גע־שטאָרבן אין אַ סאַנאַטאָריע פון אַ לונגען־קראַנקייט אין דענווער. אירע אָנגע־גריפענע לונגען זענען געווען אַן איבעראַראַשונג פאַר די דאָקטוירים און פאַר דער משפחה און דאָס נוצן מאָרפין פרי'ער האָט איר האַרץ אויך קיין גוטס נישט געטון. זי איז אָנגעקומען אין דער סאַנאַטאָריע מיט אַ יאָר צוריק. די דאָקטוי־רים האָבן געטון אַלץ וואָס מען האָט געקענט. ער און זיין ברודער ראַלף האָבן נישט געקאַרגט קיין געלט, זיי האָבן געדונגען ספּעציאַליסטן, אָבער די שווינד־זוכט האָט זי פאַרצערט.

רייטשל האָט באַשווירן אַלע אין דער פאַמיליע, מ'זאָל נישט דערציילן איסרן וועגן איר קראַנקייט, ווייל זי האָט זיך איינגערעדט, אַז ער וועט האָבן דערלעבט אָן איר אַ נקמה. אַ פאַרביטערטער מענטש איז רייטשל געווען — האָט נייטן נישט געדענקט, אַז וועגן מתים דאַרף מען זאָגן בלויז שבחים — אַ נעוראָ־

טיקער, וואָס האָט נאָך אין צולאָג געליטן פון אַ פאַרפאַלגונגס־מאַניע. איר פרייד האָט זי שטענדיק אויסבאַהאַלטן פאַר זיך און פאַר אירע ליידן האָט זי נישט גע־זוכט קיין רחמנות ביי זייטיקע. איצט איז זי אויפן וועג צו דער בעסערער וועלט. דער טויט מוז אָפּווישן קריוודעס אַפילו צווישן ברוגזע מאַן און ווייב. די לוויה וועט זיין מאָרגן אין דענווער, און ער, איסר, דאַרף פאָרן זי באַגלייטן צו איר אייביקער רו.

איסר יאַגאָדע האָט אויפגענומען די נייעס מיט אַ דערשטיקטן קרעכץ. זיינע וועלפּישע ברעמען האָבן זיך אויפגעשטעלט אין קאַרבן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און דערנאָך געמומען אומרואיק שפּרייזן איבערן צימער. ווען ער איז איבערגעקומען די ערשטע טעמפּקייט, וואָס אַ טרויעריקע בשורה לאָזט אויף אַ מענטש, האָט נייטן זיך אָנגערופן:

— זי האָט פאַרשפּילט איר אייגן לעבן...

איסר יאַגאָדע האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— ס׳נוצט נישט איצט אַזוי צו רעדן ,נייטן. זי האָט געהאַט אירע וועגן און האָט געטון וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר רעכט. שווער געווען צו געניסן פון איר גוטס. זי האָט אָבער קיינעם נישט געטון קיין שלעכטס...

דער אומרו איז פון אים אַוועק און די צעטומלעניש האָט אויסגערונען. ער האָט מיטאַמאָל זיך אַרומגעזען, אַז ער איז אַן אלמן, נישט קיין גרוש, אַ משונה־דיקע דערלייכטערונג האָט אים באַהערשט. ער איז פריי. ער האָט דערפילט אַ פּוסטקייט, אָבער ס׳איז געווען די פּוסטקייט, וואָס מען טראָגט אין זיך ווען מ׳קומט צוריק פון בית־הקברות. וואָס איז לעבן? — האָט ער פונסניי זיך גע־פרעגט — איז עס טאַקע איין לאַנגער מהלך, וואָס מאַכט כסדר מיד?

העכער צוויי יאָר איז ער אַרומגעגאַנגען אַ זיכערער, אַז רייטשל איז אַרויס־געלאָפן פון זיין לעבן. ערשט דער טויט האָט איבערגעריסן די לעצטע פעדים, מיט וואָס דער דת משה וישראל האָט זיי געבונדן. פאַרבאַהאַלטענע כוחות, וואָס וועקן אין דעם פאַרביטערטן מענטש איינזען און רחמנות, האָבן איצט אים גע־שטויסן צו זוכן אויף רייטשלען אַ זכות. וואָסערע אומגערעכטיקייט! איר טויט האָט אים אַפילו נישט אויפגעטרייסלט, קיין גליד האָט נישט אַ שוידער געטון, ווי ער וואָלט אויסגעהערט די נייעס וועגן אַן אומגליקספאַל פון אַ פרעמדן מענטש. לפנים, פאַר איר ברודער, האָט ער געדאַרפט אַרויסווייזן, אַז ער איז אַן אבל. ב׳געהער צו די ציניקער! — האָט ער צו זיך גערעדט — די צרה איז, אַז טרויער קען מען נישט שפּילן. אבלות מוז טאַקע אַרויסוויינען פון געמיט. דער כיטרער נייטן שטייט איבער אים ווי אַ קאַלטער ריכטער. ער וועגט און מעסט יעדע תנועה זיינע, ווי ער וואָלט וועלן אויסרעכענען וויפיל טרויער זיין האַרץ קען איינזאַפּן...

איסר יאַגאָדע האָט געפונען שבחים אויף רייטשלען. ער האָט אומישנע דערמאָנט די גוטע מידות אין איר לעבן, צו פאַריאָגן פון זיין שוואָגער דעם טריפהנעם פאַרדאַכט, אַז ווען דער קבר איז נאָך אָפן, האַלט ער שוין אויפן צעטל גרייט אַ פּאָר חופה־קאַנדידאַטקעס. אַ שטאַרקע נייגעריקייט האָט איינ־מיטן דרינגען אין אים אויפגעראַיעט. צי האָט נייטן עפּעס געהערט פון מיסעס

סאַלאַנט? צי האָט אפשר יאַדזשאַ אַלץ אויסגעפּויקט? אפשר האָט טילי ביי אים געמאַכט אַ שטילן וויזיט? נייטן האָט לאַנג נישט געוואָלט וואַרטן. ער האָט גע־הייסן זיין שוואָגער פאַרפּאַקן די וואַליזע און אַנגעוויזן אויפן זייגער, אַז די באַן קיין דענוועך גייט אָפּ אין אַ פּאָר שעה אַרום.

איסר יאַגאָדע איז אַנגעקומען צו דער לוויה מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. אויפן בית־עולם זענען געווען בלויז רייטשלס פאַמיליע־מענטשן. פּוירל, אַ יונגע אַלמנה, נייטנס אַ געשוועסטער־קינד, וואָס איז געזעסן ביי רייטשלס בעט, ביז זי האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם, איז באַשטאַנען, אַז מען זאָל זי באַערדיקן אויף דער קרקע פון איר משפחה. פּוירל האָט אַ גאַנץ יאָר באַדינט די קראַנקע ווי אַ געטרייע שוועסטער און קיינער האָט דעריבער נישט געוואַגט אָפּצוזאָגן איר פאַרלאַנג.

די קבורה איז געווען אַ גיכע און די געוויינען זענען געווען שטילע. פּוירל האָט נאָכגעשעפּטשעט שבחים מיט טרערן און פּעני, נייטנס ווייב, האָט ציטירט פּעסימיסטישע ווערטער פון שאָפּענהויערן. איסר יאַגאָדע איז ביים קדיש זאָגן געווען צעבראָכן. ווען ער איז אַהיימגעקומען און זיך געזעצט שבעה, האָט ער זיך ערשט דערפילט פאַר'יתומ'ט. טילי איז געקומען אים מנחם אָבל זיין, מיסעס סאַלאַנט האָט געשיקט אירע טרייסט־ווערטער איבערן טעלעפאָן און איסר יאַ־גאָדע איז געקומען צום אויספיר, אַז מיטלייד איז אַ גאַסט, וואָס קומט אָדער צו־פרי, אָדער צו־שפּעט.

ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם שבעה־בענקל האָט ער, ווי אַ גע־זעצלעכער יורש, געוואָלט דערגיין וואָס מען האָט געטאָן מיט רייטשלס טאָרבעלעך צירונג, מיט די ווערט־פּאַפּירן און מיט די באַנק־ביכלעך, וואָס זי האָט נאָך גע־האָט געירשנט פון איר ערשטן מאַן. אָבער נייטן האָט אים געלאָזט וויסן, אַז נאָך איר אָנקומען אין דענווער האָט רייטשל גערופן אַ לאָיער און אויס באַוואָרעניש אַלץ אָפּגעשריבן פאַר אירע ברידער.

דעם ערשטן טאָג האָט איסר יאַגאָדע געהאַט האַרץ־עסעניש. ס'איז אים איינגעפאַלן אָנצוהויבן אַ לאָדעניש אין געריכט מיט נייטנען און ראַלפן. אָבער נאָך אַ נאַכט שלאָף האָט ער צונישט געמאַכט דעם פּלאַן. הייסט עס, — האָט ער צו זיך גערעדט, — אַז כ'בין פון רייטשלען אַרויס אינגאַנצן נקי... זי האָט באַשטימט פרעמדע יורשים און איז געשטאָרבן אָן אַ גט. איצט בין איך אַן אַלמן, אַ חתן אויפן מאַרקעט...

טילי האָט געוווסט וואָס איר געלעגנהייט קען איצט זיין. מיסעס סאַלאַנט ווידער, האָט אויסגערעכנט אַז איין פראָנט איז שוין צעקלאַפּט... זי האָט אָבער נישט געאיילט זיך צו טרעפן מיט דעם אַלמן, נאָר געוואָלט אָפּוואַרטן צוערשט, ווי ער וועט אויסשפּילן מיט די נייע אַקציעס, וואָס ער האָט אַריינגעקראָגן פאַר איר געלט. איסר יאַגאָדע האָט פאַרשפּעטיקט איינצוהאַנדלען די טעלעוויזיע־אַקציעס און געקויפט אוראַניום־סטאַקס, וואָס זענען געווען ניי אויף דער בערזע. ער האָט פאַרלוירן מיט אַ קנאַק. פאַר מיסעס סאַלאַנט האָט ער דעם פאַרלוסט געהאַלטן בסוד, ווייל ער האָט געוווסט, אַז זי וועט איצט ווערן אַ שטרענגע מאַנעריין. ס'איז אים איינגעפאַלן צו פאָלגן טיליס עצה און נעמען אַן אַנלייע ביי

אָנקל אַבולעפיאַ, צו קענען אָפּצאָלן דעם חוב צו זיין בעל־טובהניצע, אָבער דער־צו האָט ער געמוזט אָנקומען צו טילין.

— 2 —

טילי איז נישט געווען קיין טרעפּערקע, אָבער זי האָט נאָכגעפּאָרשט איסר יאַגאָדעס געגנגלעך, זינט ער האָט ס׳ערשטע מאָל זיך באַגעגנט מיט מיסעס סאַלאַנט. זי איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיך אויסגעגליטשט. דער דורכפּאַל וועט אים אָנלערנען, אַז ער האָט נאָך נישט גערדאַרפט פאַרהאַקן איר טיר. די נייע פריינדין זיינע איז נישט פון די פרויען, וואָס גיבן אַוועק עפּעס פאַר גאָר־נישט. זי איז אַ ביזנעס־ליידי, וואָס מאָנט אויף דעם קרן מיט די פּראָצענטער. זי שאַצט יעדן מענטש לויט זיין קרעדיט און דעביט. אין צולאָג איז זי אויך אַן איינזאַמע גרושה מיט אַן אויג אויף די חופּה־שטאַנגען. רייטשל איז טויט און יאַדזשאַ איז אַנטלאָפן, וועט זי דען איצט דולדן, אַז אַ נייע קאָנקורענטקע זאָל זיך שטעלן אין איר וועג?

אַלטע טענות, וואָס האָבן קוים געטליעט אונטערן אַש פון טיליס פייער, האָבן איצט ווידער זיך אויפגעבלאָזן. זי האָט באַשלאָסן צו צווינגען איסר יאַגאָדען, אַז ער זאָל אָנקומען נאָך אירע טובות און זי איז גרייט געווען צו שיסן צוויי האָזן מיט איינמאָל. זי האָט איינגעלאַדן צו זיך דעם גוטן אָנקל אַבולעפיאַ, דעם בעל־טובה מיט דעם גאָלדענעם האַרץ און צו איסר יאַגאָדען האָט זי אָנטעלעפאָנירט, אַז זי האָט פאַר אים אַלע נייעס וועגן יאַדזשאַס אַנטלויפן מיט איר צוריקגעצויגענעם ביזנעסמאַן... יענער איז אַבולעפיאַס פריינט. זי האָט אים אויך געלאָזט וויסן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז פון דער ירושה אין קעמדען וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם און מ׳טאָר נישט בלייבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט.

איסר יאַגאָדע איז געקומען צו טילין נאָכן אָנבייסן. זי האָט אים אויפגענומען מיט אַ כשרער מינע פון אַ הויזווירטין, וואָס קען זיך פאַרגינען צו זיין העפלעך בלויז צו אויסדערוויילטע געסט. ווען זי איז אים אַקעגן געגאַנגען, האָבן אירע אויסגעראָלטע לעקעלעך זיך געוויגט מיט אַ פלאַטערניש. איר בלוי קלייד מיט ברייטע, אָפענע לאַצן ביי די אַקסלען, איז געווען ענג איינגעצויגן אין די היפטן. איסר יאַגאָדע איז געווען זיכער, אַז זי האָט צוליב אים געפּטרט אַ פאָר שעה אין שיינהייטס־סאַלאָן. די מאַסאַזשירטע באַקן זענען געווען אָנגעצונדן און די גלאַנציקע אויגן־ווי׳עס זענען געווען אונטערגעשמירט אויף בלוי. זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט ביידע הענט:

— כ׳האָב געוווסט, אַז דו וועסט קומען באַלד אינדערפרי.

— צו הערן אַזוינע נייעס וואָלט איך געקומען אינמיטן נאַכט.

— ס׳איז נישט קיין פריילעכע נייעס, אָבער דעם אמת מוז מען אויפנעמען, ווען אַפילו ער איז ביטער. כ׳האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז אָנקל בעני וועט זיין אַזוי נאַכלעסיק. ער האָט געקענט זיין לייכטזיניק מיט פרויען, אָבער ווען ס׳איז געקומען צו רעכענונג, איז ער געווען אַ מענטש פון סיסטעם. כ׳הויב שוין

אויך אַן צו גלויבן וואָס מ׳זאָגט, אַז ער איז ס׳לעצטע יאָר פון זיין לעבן געווען צערודערט... די צוואה זיינע איז נישט געוואָרן באַשטעטיקט פון לאָיערס און נישט אונטערגעשריבן פון דעם נאָטאַר. ווי געפעלט דיר אַזאַ ביזנעסמאַן? יאַדזשאַ האָט געזען אַז עס הויבט זיך אָן אַ נייע, פאַרצויגענע געשיכטע אין די געריכטן, האָט זי דערווייל איבערגעלאָזט הערעלדן, געכאַפּט דעם ערשטן אַלטן רייכן הול־טאַי און איז מיט אים אַנטלאָפן.

איסר יאַגאָדע האָט לאַנג געקוקט אויף טילין. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז אַלץ וואָס מיסעס סאַלאַנט האָט אין פאַראויס דערציילט, שטימט איצט. די נישט־באַשטעטיקטע ירושה, דאָס אָפּשלעפּעניש אין די געריכטן, יאַדזשאַס אַנטלויפן און דערווייל איז ער אַליין געבליבן אין אַ קלעם. איידער וואָס־ווען, מוז ער אָנקומען צו אַ נייעם בעל־טובה. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט לייכטער פאַר־ווונדערונג.

— כ׳האָב געמיינט, כ׳וועל דאָ טרעפן דיין אָנקל אַבולעפיאַ...

—ער מוז שוין זיין אויפן וועג אַהער, אָנקל אַבולעפיאַ. און ער ווייס אויך צוליב וואָס ער קומט... ער קען יאַדזשאַס נייעם חתן. ער איז זיינער אַ פריינט און ביידע ווינען אין דעם אַריסטאָקראַטישן מושב־זקנים אין די בראָנקס.

— דאָס איז נישט קיין מעלה. דיין אָנקל, דער טערק, איז אַ פלוידערזאַק. ער קען פאַרנודיען אַ וועלט. כ׳האָב מורא, כ׳על נישט האָבן פאַר אים קיין סך געדולד.

טילי האָט אַרויפגעקוקט צו אים מיט האַלב־שטרענגע, האַלב־בעטנדיקע אויגן. זי האָט קאָקעטיש אָנגערירט מיט אירע פינגער זיין שיטער בערדל.

— דו וועסט אים איצט דאַרפן, איסר...

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ ווייכער גרינער סאָפע, באַלייגט מיט קאָ־לירטע קישעלעך. די אויגן האָבן געוואַנדערט איבער די פאָר מעבל־שטיקער אין צימער. דאָס טישל ביי דער וואַנט איז געווען איבערגעדעקט מיט אַן אויס־געהעקלט טישטעכל. די שמאָלע שאַפע האָט געהאַט אַן אָוואַלן שפּיגל מיט גראַ־ווירדן. פון אַ הויכער וואַזע האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ פלאַנץ, אונטן ברייט, אויבן שמאָל ווי אַ קריסטמעס־בוים. אויף אַ געשטעל איז געווען אַ פאַרגלאָזט אַקוואַר־יום־קעסטל. גאָלדענע פישעלעך האָבן שטיל געפליוכעט אין וואַסער, ווו אויפן גרונט האָבן אַרויסגעשטעקט פעלזן־שטיינדלעך, מאָך און ים־שיסעלעך.

ער איז איצט גרייט געווען אַריינצונעמען אין זיך טיליס אַלע פאַרווורפן. זיינע אויערן זענען געווען אָפן פאַר אַ טענה, אַן אָנבאַט, אַ ביזנעס־אויסטויש מיט שטרענגע באַדינגונגען... ער האָט נישט געלעזן אירע טראַכטענישן, אָבער ער האָט געקענט ציילן די ווערטער אויף אירע שטומע ליפּן. טילי איז איצט געווען אַרויסרופעריש, אַנטשלאָסן און ער האָט געוווסט, אַז פון דעם געפעכט מיט איר וועט ער זיך מער נישט קענען אַרויסדרייען.

זי האָט זיך צוגעזעצט נעבן אים. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ בויערנדיקן בליק, וואָס נאָר אַ פרוי מיט פאַרדאַכט קען אָנשטעלן אויף אַ מאַן. דערנאָך האָט זי אַריינגעפלאָכטן אירע פינגער אין זיין האַנט.

— זאָג מיר אָפן, איסר, כ׳וויל אַן אָפענעם ענטפער. וואָס זענען דיינע

פלענער? מער קען איך אַזאַ פאַרבאַטן לעבן נישט פירן. כ׳האָב ביז איצט פאַר־שוויגן אַלע אומרעכטן, כ׳האָב נישט געמאָנט קיין פאַרענטפערונג. מיר האָבן אפשר ביידע געשפּילט קאַץ און מויז... כ׳בין געווען צו גערולדיק. און, גלויב מיר, נישטאָ קיין ערגערע שטראָף פאַר אַ געדולדיקער פרוי ווי איגנאָראַנץ... איצט אָבער מוז איך וויסן ווו כ׳האַלט אין דער וועלט.

ביי דער טיר האָט זיך געהערט אַ קלונג. טילי האָט מיט דער האַנט אַ פיר געטון איבער איר קאָפּ געראַלטע האָר און איז געגאַנגען עפענען.

קאַפּיטל צוויי און פופציק

— 1 —

טילי האָט אַריינגעפירט סאַלאָמאָן אַבולעפיאַן. דער ברייטער, אַנגעגאָסע־נער מאַנסביל האָט געשטעלט שווערע טריט. ער האָט געשיקט פאָראויס אַ שטעקן מיט אַ ביינערנעם וואָלף־קאָפּ. איסר יאַגאָדען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער ספרדי האָט פאַרלוירן היבשע וואָג פון זיין פעטן גוף. דאָס רויטלעכע פּנים זיינס האָט אַנגעקוואָלן. דאָס פעפערל אויף דער אַנגעלאָפענער נאָז האָט אַרויסגע־שטאַרצט ווי אַן אויסגעריבענער קנאָפּ, אָבער אויפן קאָפּ האָט ער איצט נישט געטראָגן קיין רויטע פעזע, נאָר אַ „דורבי״, אַ האַרטן, שוואַרצן קאַפּעליוש. איסר יאַגאָדע האָט געהאַט אַ חשד, אַז זיינע ליפּן וועלן איצט אָנהייבן צו פּליצן מיט לשון. טילי, די גאַסט־ביטערין וועט אים ציִען פאַר דער צונג און ער׳ט ליפּערן זיינע טריפהנע וויצן.

אַבולעפיאַ איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער מיט אַ פּאָר אויסגעבלאָזענע ליפּן. מיט דער ווילערישקייט פון אַ באַרימער, וואָס ווייס ווי זיך אומצוגיין מיט דער יאַלדישער וועלט, האָט ער אַריינגערוקט איסר יאַגאָדען אַ ברייטע, צעאָדערטע האַנט.

— מיר וואָלטן געדאַרפט זיך באַקענען אַביסל נענטער...

טילי, וואָס האָט צוגענומען זיין שטעקן, זיין מאַנטל און זיך געלאָזט צום קאָרידאָר, האָט פאַרצויגן אויף די ליפּן אַ חנדעלע.

— דאָס איז אייער שולד, אָנקל אַבולעפיאַ. איר האָט געגנוג צייט אויפצו־זוכן נייע פריינט... אַ צוריקגעצויגענער ביזנעסמאַן איז ווי אַ יונגערמאַן, וואָס שטייט אין שידוכים. דערצו אַזאַ צוגעלאָזענער מאַן ווי איר, וואָס קען שנעל זיך אויסמישן מיט מענטשן... אָבער צו וואָס זיך מאַכן פאָרווורפן? איצט זיצן מיר צוזאַמען. וואָס איז די נייעס, אָנקל אַבולעפיאַ?

— וועגן וועלכע נייעס רעדסטו, טילי? וועגן דעם סקאַנדאַל אין אונדזער מושב־זקנים? ס׳איז קיין נייעס נישט! די שטיק מיט די אַנטלאָפענע מיליאָנערן פאַסירן יעדע וואָך. כ׳בין אַליין אויך געווען אַמאָל געשטראָפט מיט דער פלאַג... בי־בי־בי... ווו נעמט מען יענע גבורות? צו פופציק בין איך געווען אַ גיבור

ווי שלמה המלך צו דרייסיק... איצט, ביי מיין רומאַטיזם ווער איך זאַט פון פּלוידערייען וועגן יענעמס גלוסטעניש... האָסט נישט עפּעס אויף צו באַנעצן די ליפּן, טילי?

טילי האָט אַרויסגענומען פון דעם שפּיגל־שענקל אַ פלאַש וויסקי מיט פּרעצלעך. פאַר אַבולעפיאַן האָט זי דערלאַנגט אַ ווײַן־גלאָז ווי צום קידוש־מאַכן און איסר יאַגאַדען האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ קליין קעלישעקל בלויז צו פאַרזוכן דעם שאַרפן געטראַנק. אַבולעפיאַ האָט אַריינגעצויגן דאָס גלאָז משקה מיט איין לאַנגן שלוק. די רויטלעכע אויגן האָבן זיך פאַרגלייזלט און דאָס שוואַרצע פּעפּערל אויף דער נאָז האָט זיך צעפּעכערט, ער האָט פאַרביסן אַ פּרעצל און זיך צוגעזעצט.

— ס׳קומט איר קרעדיט, אייער... וואָס איז זי? אַ קוזינע? אַ פּלימעניצע? כי־כי־כי־כי... דאָס איז שוין איינמאָל אַ „האָט דיש״, אַ ברענענדיקע פּיצעריאַ מיט אַ סך פּעפּער... אַז זי האָט געקענט דורכברעכן אונדזער מענער־מאָנאַסטיר, וועט זי קענען אָנשפּאַרן ביז צום האַרעם פון פּערסישן שאַך... כ׳האָב זי בלויז איינמאָל געזען. אין מיינע אויגן איז זי הייס ווי אַ האַרעם־ווייב... ווו געפינט מען אַזוינס צווישן די יוראָפּישע? איבערנאַכט האָט זי פאַרפּלאָנטערט אַ קניפּל און פאַרדרייט ס׳קעפּל פון דעם שטילסטן מאַנסביל אין אונדזער אַריסטאָקראַ־טישן מושב־זקנים. כי, כי, כי, כי... ס׳לעצטע וואָלט איך זיך גערעכט, אַז מיין פריינט, מיסטער אַרנאָלד, זאָל אַנטלויפן מיט אַ יוראָפּישע מויד... יענער איז קאַלט צו די ווייבערישע שטיק ווי אַ יעוונוך...

אַבולעפיאַ האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הייזעריקן קוויטש און אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך אַ צווייט פּרעצל. טילי האָט אונטערגעטראָגן דעם טעלער און געפרעגט?

— זיי זענען טאַקע אַנטלאָפן קיין קאַליפאָרניע?

— זי האָט אים פאַרשלעפּט קיין סאַן פראַנציסקאָ, די „האָט דיש״, זי איז די אמתע געבראָטענע פּאַטייטאָ, כי־כי־כי־כי... זאָג מיר, טילי, וואָס פאַרמאָגט זי אַזוינס, וואָס דיר פעלט?

טילי האָט אים אַ פּעטשל געטון איבער די ליפּן:

— כ׳הער, אַז זי האָט מיט איר נייעם חתן געמאַכט אַ קאָנטראַקט.

— אַ קאָנטראַקט איז ס׳ריכטיקע וואָרט, טילי, כי־כי־כי־כי... זי איז אַ מיידל מיט אַ קאָמערציעלן חוש... אַזוינס וועט נישט פאַרלוירן גיין אַפילו אין דאַמאַסקוס און אין ביירוט. זי האָט געשלאָסן אַ ביזנעס־קאָנטראַקט, חוץ אירע הייראַטס־פּאַפּירן. און לויטן קאָנטראַקט דאַרף זי קריגן פינף הונדערט דאָלאַר יעדן חודש ווי לאַנג זי וועט לעבן און אויב עפּעס וועט, מיט דעם אויבערשטנס הילף, פּאַסירן צום מאַן —ירשנט זי צוויי הונדערט מיט פופציק טויזנט... פאַר־וואָס זאָל דיין קוזינע עוועלין נישט מאַכן אַזאַ קאָנטראַקט מיט אַ גביר? פאַרוואָס וויל זי דווקא בלייבן אַ טרויעריקע אלמנה, העי? מיין פריינט, דער מיסטער אַר־נאָלד האָט געהייראַט מיט אַ מיידל אַ זשעני... וויסטו טילי, וואָס עס מיינט אַ זשעני? צען פּראָצענט גלוסטעניש, אָדער ווי מ׳רופט עס אינספּיראַציע, און ניינציק פּראָצענט טראָבל... כי־כי־כי.

ביי טילין האָבן די אויגן זיך צעפּלעמלט. זי האָט אונטערגעטראָגן אָנקל אַבולעפיאַן נאָך אַ גלאָז וויסקי און זיך אָנגערופן.

— אָט דאָ מאַכן אַלע מענער זייער טעות. מ׳ווערט געפּאַנגען פון אַ שיין פּנימל און מ׳הענגט אויף איר אָן אַלע מעלות. יאַדזשאַ האָט נישט קיין אינס־פּיראַציע. זי איז אַ שטיפערקע מיט אַ סעקסועלן רייץ, אָבער פאַר דער היינטי־קער פרוי איז נישט גענוג צו ווערן געבוירן מיט אַ שיין פּנימל. זי מוז אויך האָבן פּערזענלעכקייטן, כ׳מיין „פּוירסאָנאַליטי״...

אַבולעפיאַ האָט ווידער אַרויסגעלאָזט אַ הייזעריקן, כאָרכלעדיקן קוויטש און פאַרבראָכן די פינגער:

— פּוירסאָנאַליטי? כי־כי־כי... כ׳האָב דאָס אויך שוין אַמאָל פאַרזוכט. מעגסט מיר גלויבן, טילי. כ׳בין אַמאָל געווען אַ היציקער חתן־בחור. כ׳האָב אויך געהאַט מיט מיין באַשערטער אַ קאָנטראַקט... די כלה האָט דיקטירט און איך, דער חתן האָט געחתמעט... זיבן טעג נאָך דער חופּה האָט זי געמאַכט אַ וויזיט ביי איר לאָיער. איר קלאָגע איז געווען, אַז כ׳בין אַ טיראַן... דער לאָיער האָט געהייסן, זי זאָל מיר געבן נאָך אַ שאַנס. זי האָט מיר דעם שאַנס געגעבן און די הייראַט האָט געדויערט אַ גאַנץ יאָר. ס׳הייסט, אַז זי האָט אויסגעהאַלטן נאָך צוועלף חדשים באַליידיקונגען און טיראַניע... זי האָט דערציילט דעם ריכטער, אַז כ׳האָב איר דערלאַנגט פּאָנטשעס אין דער נאָז, בוכטשעס אין בויך און איר נאָכגעשפּירט, ווען זי האָט שפּאַצירט מיט איר אינשורענס־מאַן, כי־כי־כי... זי האָט פאַר־לאַנגט אַ גט און אַן אָפּרעכענונג פון פופציק טויזנט דאָלאַר. דעם גט האָב איך געגעבן און דעם חשבון האָב איך אַראָפּגעהאַנדלט אויף פינף און צוואַנציק טויזנט...

— ס׳איז ביליק, אָנקל...

— ביליק, וואָס? אָבער ווען זי האָט דאָס כשרע פּאָרדינסטל אַריינגעלייגט אין באַנק, האָט זי צומאָרגנס געמוזט דינגען אַ נייעם לאָיער, ווייל דער ערשטער האָט זי באַגזלט. פאַר אַריינגעבן די גט־אַפּליקאַציע, פאַר ברענגען עדות, אמתע און פאַלשע, פאַר אַכטונג געבן כ׳זאָל די צאָלונגען נישט אָפּשלעפּן, פאַר אַלץ האָט ער געשונדן פון איר פאַסן... דער נייער לאָיער האָט אָבער געהיט איר באַנק־ביכל ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער האָט פאַרטריבן די אויסנאַרערס, שווינד־לערס, כאַפּערס, אַגענטן מיט אַזאַ געטריישאַפט, ביז זי האָט באַשלאָסן מיט אים חתונה צו האָבן.

— איז דאָס געווען דער סוף?

— דער סוף פון מיין הייראַט־קאַריערע, יעס, שור! גענוג פאַר מיר! זי האָט אָבער דערנאָך אַלע צוועלף חדשים געהערט שפּילן נייע כלי־זמרים... דרייסיק יאָר שפּעטער, האָב איך זיך באַזעצט אין דעם אַריסטאָקראַטישן מושב־זקנים אין די בראָנקס און בעליוו מי! גלויב מיר! ס׳איז דאָרט אַן אַפּרו־אָרט. פאַר מענטשן, אָפּגענאַרטע פון מזל, פון גאָלד־גרעבערס, פון בלעק־מעילערס איז קיין בעסערע היים נישטאָ... פערציק יאָר אין ביזנעס האָבן מיך געלערנט, אַז די אָפּגעשפּאָרטע פאַר טאָלער מוז מען היטן, כי־כי־כי... מ׳זעט דאָך וואָס עס

קען ווערן פון אַ פאַרמעגן, אויב מ׳פאַרשווענדט עס מיט אונטערשריפטן און גטן... ס׳איז מיר גוט, טילי, וואָס כ׳האָב נישט קיין זון, אַן אויסברענגער...

טילי האָט פאַרשנירלט אירע ליפּן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַרויסצולאָזן אומפּאַסיקע ווערטער. זי האָט נאָך אַ רגע געזאָגט:

— מ׳זאָל גאָרנישט קומען צו אַזאַ לאַגע, אָנקל אַבולעפיאַ, דאָס בעסטע איז צו שטיין אויף די אייגענע פיס. און דו האָסט גאָרנישט וואָס צו זאָגן צום אָנקל, איסר? — האָט זי זיך אויסגעדרייט צום שווייגנדיקן איסר יאַגאָדע — אָנקל אַבולעפיאַ פאַרמאָגט צווי אייגנשאַפטן: דערפאַרונג און הומאָר. ער קען אַמאָל געבן אַן עצה צו אַ מענטש אין פאַרלעגנהייט...

אַבולעפיאַ האָט צעקנאַקט אַ פּרעצל צווישן די ציין. ער האָט זיך אַ רוק געטון נענטער צו איסר יאַגאָדען און מיט געניטשאַפט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין.

— אויף געבן עצות בין איך אַ פילאַנטראָפּ... אויב אָבער מען מיינט צו נעמען ביי אָנקל אַבולעפיאַ אַ הלוואה, וויל איך דאָ וואָרענען, אַז מען רעדט צו אַ טויבן קעמל, כי־כי־כי־כי...

איסר יאַגאָדע האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק פון גרינגשעצונג.

— ווער וויל ביי אייך אַ הלוואה?

— פּרובירט בעסער נישט וועלן. כ׳בין נישט קיין שלמה המלך. כ׳האָב אפשר די דערפאַרונג פון דעם קלוגן קעניג ווען ס׳קומט צו ווייבער, אָבער נישט ווען ס׳גייט אין רייכטום... אָ, באַי! הערסט טילי? דאָס האָט דיין קוזינע עוועלין איינגערעדט אַלעמען, אַז כ׳בין אַ גוטע נשמה און כ׳טייל מזומנים צו מענטשן אין נויט... דער גרעסטער סקאַנדאַל מיט די באַרמהאַרציקע פרויען איז וואָס זיי האָבן ליב צו בלוטיקן, ווען אַנדערע זענען פאַרוווּנדעט, כי־כי־כי־כי...

טילי האָט געוואָלט פאַרגלעטן אַבולעפיאַס אָפּזאָג, נאָך איידער מ׳האָט ביי אים עפּעס געבעטן. איסר יאַגאָדע האָט זיך אַ הויב געטון אויף די פיס. זי האָט זיך געשראָקן, אַז ביידע מאַנסבילן וועלן זיך צעווערטלען. אַ רויער מענטש, דער אָנקל אַבולעפיאַ! — האָט טילי אויסגעפּירט — זיין ווילדקייט פאַרטרייבט מענטשן. איסר האָט שוין פון לאַנג געוואָרפן אַן אומחן אויף אים און אַבולעפיאַ האָט פאַרגעניגן ווען ער קען דערלאַנגען שטעכווערטלעך. צו באַרויקן די געסט האָט זי אַריינגעבראַכט אַ טעלערל מיט רויטע געפעפערטע אַרבעס, וואָס זי האָט ספּעציעל געקויפט אויפן סירישן מאַרקעט אין וואַשינגטאָן־סטריט, זי ווייס וואָ־סערע נאַשערייען עס שמעקן אַבולעפיאַן. די אָריענטאַלן זאָגן, אַז אַ געבראָטענע צונג מוז מען באַשיטן מיט פעפער...

אַבולעפיאַ האָט מיט גרויס תאווה גענאַשט די אַרבעס, געוואָלט עפּעס זאָגן און מיטאַמאָל זיך צעלאַכט מיט אַלע מוסקולן אויף זיין פּנים. פון דעם קווי־טשעדיקן געלעכטער האָט זיין רויטלעכע, טרוקענע הויט זיך געקנייטשט אין נעצן פון פעלדעלעך. די לשון־הרע־ליפּן האָבן געבלאָזן און דאָס פעפערל אויף דער נאָז האָט זיך צעפּעכערט. כדי צו ווייזן, אַז ער מיינט ערנסט וואָס ער רעדט, האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון דעם בוזים־טאַש זיין אָנגעשטאָפּטן טייסטער און געפאָכעט דערמיט פאַר טיליס אויגן.

— הערסט טילי, כ׳שייד זיך נישט מיט מיין בייטל ווי יענער ספרדישער ראַבּיי מיט זיין רביצן... דו ווייסט די מעשה? אַ ראַבּיי פון דמשק, אַ בעל־גאווה האָט אין ניו־יאָרק זיך געקריגט מיט די פּרעזידענטן פון די קאָנגרעגיישאָנס און נישט געקענט אָנהאַלטן קיין שטעלע. דער רב איז געווען שטאָלץ און אָרעם און דערצו האָט ער געהאַט אַ מיאוסע רביצן... צוליב נויט האָט ער געמוזט וואַנדערן איבער אַלע אַכט און פערציק סטייטס און האַלטן דרשות. ער האָט זיך געשלעפּט אויף די וועגן, ער׳ט געקלאַפּט אין די טירן פון פרעמדע קאָנגרע־גיישאָנס און אומעטום האָט ער מיטגעשלעפּט די רביצן. ספרדים, זענען פּאַט־ריאָטן, האָבן זיי דעם געטרייען ראַבּיי געפרעגט: ראַבּיי מורנו! איר ווערט דאָך געגוג פאַרשוואַרצט אַליין. איר לייגט אָן הוצאות הדרך און איר וואַנדערט איבער די וועגן ווי אַ בעדואינער אין מדבר, ווו געטאָגט, נישט גענעכטיקט... טאָ צו־וואָס שלעפּט איר נאָך מיט די רביצן? דער ספרדישער מורנו האָט געענטפערט: ס׳אַ גערעכטע טענה, יהודים. אָבער ווען כ׳זאָל מיין מיאוסע רביצן פאַר יעדער רייזע דאַרפן איבערלאָזן אין דער היים, וועל איך איר יעדעס מאָל מוזן אַ קוש טון גוד באַי! און נאָכן צוריקקומען וועל איך ווידער מוזן די מיאוסקייט אַ קוש טון... איז שוין בעסער, כ׳זאָל זי מיטשלעפּן אויף אַלע וועגן... ווערסט לאַכן, טילי? ס׳זעלבע איז מיט מיר. אַ טייסטער איז אַ מיאוסע זאַך, אָבער כ׳וויל נישט קושן מיין טייסטער. גוד באַי! כ׳וועל אים בעסער תמיד מיטשלעפּן מיט זיך...

אַבולעפיאַ האָט אַרויסגענומען פון אַ טאַש אַ זילבערנע שקאַטולקע מיט טאַבאַק, געעפנט דאָס פּערלמוטערנע דעקעלע און מיט די הונגעריקע נאָזלעכער אַריינגעצויגן דעם שמעקעדיקן ריח, ווי ס׳וואָלט געווען זוירשטאָף צום אָטע־מען. ער האָט זיך גערינכט, מען זאָל לאַכן פון זיין וויץ, אָבער טילי האָט קיין שמייכל נישט געטון. איסר יאַגאָדע איז געבליבן זיצן אַנגעבלאָזן. אַבולעפיאַ האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ בליק, וואָס איז געווען האַלב־שפּאַס, האַלב־באַ־דויערונג.

— מ׳דערציילט מיר, אַז איר זענט ערשט געוואָרן אַן אלמן. ברוך דיין אמת! די ראַביס זאָגן, ס׳איז אַ פּקדון. השם נתן, השם לקח... אויך ביים הימל, אַז מען באָרגט מוז מען צוריק אָפּגעבן... צו וואָס באָרגן איצט פרישע מזומנים? די קבורה־געלט איז שוין באַצאָלט אזו אַ ווייבס ירושה קען מען קיינמאָל נישט אָפּנעמען, גלויבט מיר, ר׳זענט אַן אָבל, טאָ רוט זיך אָפּ... ר׳זעט דאָך, כ׳ווייס אַלץ וועגן אייך! בראָקט נישט אַריין קיין געלט אין ריזיקאַלישע ביזנעס. וואַרפּט אַרויס די וואָל־סטריט אַגענטן און טרייבט פון אַלע טרעפּן די שדכנים... אָט די הענדלער מיט ווייבער וועלן באַלד פאַרפלעכטן אַ צעפּל און די לשון־הרעניצעס וועלן האָבן אַ געלעגנהייט צו זאָגן: זע נאָר, די ערד איז נאָך וואַרעם און ער שמופט זיך שוין אין די אָרעמס פון אַ צווייטער. ס׳איז אַזאַ וועלט! די טויטע איז מען מקנא און די לעבעדיקע פאַרגינט מען נישט...

אַבולעפיאַ האָט זיך לאַנגזאַם אַרויסגעהויבן פון שטול, גרייט אַריינצוגיין אין קאָרידאָר. אויפן וועג איז ער געבליבן שטיין לעבן טילין.

— כ׳זע, אַז דו דאַרפסט מיך נישט מער דאָ... דו, טילי, האָסט נישט גע־רעדט מיטן פולן מויל, ווען דו האָסט מיך גערופן אַהער און איך האָב שוין גע־

האָט די חוצפּה אָפּצוזאָגן אַ הלוואה, וואָס מען האָט נאָך ביי מיר נישט געבעטן, כי־כי־כי... שור, געננוג! ס'איז שטענדיק מיין חוצפּה אָפּצוזאָגן... כ'נעם קיינ־מאָל נישט אָן די איינלאַדונג צו גיין אין אַ רעגירונגס־אָפיס. ווייסט פאַרוואָס? ווייל דאָרט איז אַ פלאַץ, ווו עס הענגען די העמדער פון די שטייער־צאָלערס... מיט מיין חוצפּה וועל איך שוין אַריינשפּאַנען אין דער טיפער עלטער און כ'וועל שטאַרבן אפשר אָן אַ האַרץ־אַטאַקע... כ'בין אַ כאַראַקטער, וואָס? ביי גבירים בין איך נישט ווילקאָמען און אַרעמעלייט ווילן מיך מאַכן פאַר אַ פּראָצענטניק... ביזט מיר גאָרנישט שולדיק, טילי. דאַרפסט זיך נישט אַנטשולדיקן! ס'גלאָז וויסקי איז ווערט געווען מיין וויזיט אַהער!

ער האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג און געזוכט זיין שטעקן. טילי האָט אים באַגלייט אין קאָרידאָר מיט דער פאַרשעמונג פון אַ גאַסט־ביטעריך, ביי וועמען מען האָט איבערגעדרייט די מעבל אין הויז. אַבולעפיאַ האָט אַ ווײַלע זיך נאָך געזאַמט ביי דער טיר. טילי איז צוריק אַריינגעקומען אין צימער.

— 2 —

איסר יאַגאָדען איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. ער האָט זיך אין ערגעץ נישט געפילט אַזוי אומבאַקוועם ווי מיט דעם געבראָטענעם ספרדי אין אַ פרעמד הויז. אַבולעפיאַ האָט הנאה פון צאַפּן יענעמס בלוט, דאָס האָט אַ שעפּסענעם פנים פון אַ יעוונוך און אַ בייזע צונג פון אַ דערוויש... ס'אַ געבראָטענער אַראַ־בער! ווי קען אַזאַ איינער רעדן צו מענטשן לייטיש, אַז דאָס דרייט זיך אַרום אין אַ מושב־זקנים פון געפאַלענע מיליאָנערן! די וועלט איז ביי אים פאַרזאָרגט און יענע וועלט איז אַרויס פון זיין געדעכעניש. צי האָט אַזאַ אַבולעפיאַ אַמאָל זיך פאַרטראַכט וועגן דעם הימלישן ריכטער, וואָס האַלט דעם טייטל־פינגער אויף יעדן בשר ודם? האָט ער קיינמאָל נישט געהערט וועגן ר' בחיי'ס שער היחוד און שער הבחינה? די צרה מיט אים איז, וואָס ער האָט צו־פרי געפונען די מנוחה. אַז אַרבעטן האָט אַזאַ איינער אויפגעהערט נאָך איידער ער איז אַריבער די שוועל פון זיין מושב זקנים און דאָרט איז ס'אמתע קעניגרייך. קיין שטייערן צאָלט מען נישט, צו די אָונט־מאָלצייטן קומט מען דאָרט אין פראַק, מען שפּרייזט איבער פּערס'ישע טעפּיכער. אין די ווייכע שטולן טרייבט מען פּאָליטיק און אין די אויערן פליסטערט מען לשון־הרע. וואָס איז דער מער מיט טילין? זי פירט אַ שלאַכט פאַר אַ מאַן, אָבער זי איז אַ קנאַפּער מבין אויף זכרים. ער האָט זי איצט אָפּגעמאָסטן מיט אַ ברוגזן בליק.

— ווי לאָזט מען אַזוינס אַריין אין שטוב?

— כ'האָב געמאַכט אַ טעות, איסר.

— האָסט אים געדאַרפט נאָך געדענקען פון עוועלינס הויז...

טילי האָט לאַנגזאַם זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער סאָפע נעבן אים. זי האָט אים אָנגעקוקט צוערשט מיט פאַרזשמורעטע אויגן. דערנאָך האָבן אירע גלאַנ־ציקע ווי'עס, אונטערגעשמירט אויף בלוי, ברייטער זיך געעפנט. אין איר בליק

איז געווען אָנגעלאָדן דאָס געדולד פון יאָרן, דער אויסדויער פון פּאַרשפּעטיקטע געלעגנהייטן, די דערוואַרטונגען, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד אַנטוישט. זי האָט מיט דער צעפּיעשטשעטער הינטערליסטיקייט פון אַ קינד וואָס וויל עפּעס אויספּועלן, אַריינגעפּלאָכטן אירע פינגער אין זיינע הענט.

— דו דאַרפסט אים מער נישט, איסר. מיר דאַרפן קיינעם נישט... צוליב וואָס זיך יאָגן נאָך באַזיץ, וואָס די הענט קענען מער נישט אַריינעמען? אפשר איז דיין ערשטער שפּאַציר אויף וואָל־סטריט אויך געווען אַ טעות? מיסטער באַלזאַם האָט געמיינט גוט, אָבער גוטע פריינט מעגן אויך געבן קרומע עצות... איך בין שטענדיק געווען ביי דיין זייט, כאָטש דו ביזט געווען צו קורצזיכטיק דאָס צו זען... מיר ביידע האָבן גענוג אויסצוקומען אויף צוויי לעבנס. דו גע־הערסט ניט צו זיך אַליין, איסר. ביזט אַ מענטש פון דער גוזעלשאַפט. ביזנעס איז נישט אין דיין כאַראַקטער. כ׳האָב שטענדיק געוווסט, אַז מיט דער גאָט־זעליקער רייטשל האָסטו זיך געפּילט געפּאַלן... מיט מיר ביי דיין זייט, וועסטו געפינען פרייד אין דער אַרבעט.

טילי איז אַנטשוויגן געוואָרן. ביי איר האָט דאָס האַרץ געפּלאַטערט און ביי איסר יאַגאָדען האָבן די שלייפן האַסטיקער געגומען קלאַפּן. ער האָט קיינ־מאָל פריער נישט געהערט פון איר אַזויפיל בעטענישן, זי איז אים אויסגעקומען איצט שענער. די ציטערדיקע לעקעלעך האָר האָבן איר צוגעגעבן יונגשאַפט. פון דעם אָנגעצויגענעם בלויען קלייד האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיידלשע חנען. זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים נענטער:

— כ׳האָב שטענדיק געשוויגן, איסר. האָב איך דען ביי דיר עפּעס גע־מאָנט? האָסט אָפּט זיך אויפגעפירט ווי אַ לייכטזיניק יינגל, אָבער איך האָב פאַרזען קריוודעס. כ׳האָב קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט קיין רעכענונג. ביזט מיר נישט שולדיק געווען קיין פאַרענטפערונג... פון היינט אָן וויל איך האַלטן פאַר דיר רעכענונג, איסר. דו מוזט האָבן אַ גוטן בוכהאַלטער. כ׳וויל זאָלסט פאַרגעסן קעמדען. ס׳איז אַ פאַרפלאָנטערטע ירושה, אָבער, גלויב מיר, כ׳וועל אויפמאַנען פאַר אונדז אַלץ געעזצלעך. מיסעס סאַלאַנט מוז דיר אַרויס פון זינען. יאַדזשאַ איז אַ פאַרשפּילטע קאָרט... צו וואָס פרייען זיך מיט אילוזיעס? כ׳האָב גענוג געלט און פאַרזיכערונג פאַר ביידן, איסר. כ׳האָב פּלענער, מיר מוזן איצט ווי דערוואַקסענע מענטשן אָנהויבן פירן רעכענונג...

איסר יאַגאָדע האָט זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צום אַקוואַריום־קעסטל. מיט די פינגער האָט ער אַ פּויק־געטון איבערן שייבל, אַז די גאָלדענע פישעלעך זאָלן זיך איבערשרעקן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צום אָוואַלן שפּיגל און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. די אייגענע צורה איז אים איצט נישט געווען געפעלן. דאָס פּנים איז געווען מיד. אַרום די מויל־ווינקלען זענען געווען איינ־געשניטן קאַרבן. די וועלפישע ברעמען האָבן געהאַט טענות. די אויגן האָבן גע־קוקט אומהיימלעך. אין די יונגערע יאָרן איז געווען אַנדערש. אַ וויזיט אין אַ מיידלס צימער האָט אים אויפגעהייטערט, האָט דען אַזאַ טילי אַ טבע אָנצויאָגן אויף אַ מאַנסביל טרויער? אויב זי וויל שוין היינט־מאָרגן אַ חתונה, פאַרוואָס

קומט זי נישט אַרויס מיט אָפענעם לשון? זי ווייס דאָך, אַז ער איז אַ חתן אויפן מאַרקעט און זי דאַרף אויך דאָס מאָל נישט פאַרזאַמען.

ער האָט זיך שטיל צעלאַכט פון די אייגענע טראַכטענישן, אָבער ביים ברוסטקאַסטן האָט אים פּלוצים אַ שטאָך געטון. אין דערזעלבער רגע האָט ער דערפילט אַ ברעכעניש אין די קריזשעס. בין איך טאַקע מער נישט יונג? — האָט ער זיך געפרעגט און מיט גרינגשעצונג אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — אַן אַלטער מאַן איז דאָך תמיד יענער, וואָס איז עלטער פון אונדז מיט צוואַנציק יאָר... טילי קען בעסער די חכמה פון יאָגד. זי האָט אים גערופן צו זיך און אויסגעציילט פאַר אים אַלע אירע וווּנטשן מיט דערזעלבער באַזאַכטקייט ווי אַ פאַרזעסענע כלה שלעפּט אַרויס פון איר קופערט איינס באיינס איר פאַרלע־גענעם אויסשטייער...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער הויכער וואַזע מיט דעם אַרויפגע־שאָסענעם פלאַנץ און איז ווידער אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען דעם שפיגל. מיסעס סאַלאַנט וויל אים איינרעדן, אַז זיין אויסזען האָט חשיבות, אָבער אין דער אמתן פאַרמאָגט ער די צורה פון אַ שלעכט־גרימירטן אַקטיאָר. טילי קען גוט זיין אַנשטעל, זיין גאווה, אָבער זי וועט אים דאָס איצט נישט אויסרעדן. זי פייניקט זיך אַליין מיט דער הנאה פון אַ מענטש, וואָס האָט שוין אַלץ אין לעבן פאַר־זוכט. ס'איז אים געווען באַשערט! מצא מין את מינו! ער איז איינזאַם און זי איז פאַרלאָזן! צוליב וואָס האָט קעמדען זיי צוזאַמענגעבונדן? און אפשר האָט זי פון נעווינהייט און צוליב באַקוועמלעכקייט אים ליב געקראָגן? די וועלט האַלט, אַז צייט בינדט שטאַרקער פון שטריק. טילי קען נאָך איצט אויפאַקערן אין זיך באַהאַלטענע שפּורן פון שיינקייט. זי איז אָבער פאַרוויאַנעט. פאַרוואָס איז זי נישט געקומען צו אים אין איר ערשטער בליִעכץ? די קוועלנדיקע מיידלשע רייפ־קייט איז שוין פון לאַנג פאַרווישט. די יאָרן האָבן אַלע חנען פאַרוועלקט. געבליבן איז אַ מיושבדיקע, קלוגע פרוי, וואָס ווייס, אַז מ'דאַרף אַנהאַלטן דעם פאַראַד ווי לאַנג ס'איז נישט צו־שפּעט.

ער האָט מיט אויסגעשעפּטן געדולד געקוקט אויף טילין און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— כ'על איצט גיין.

— וואָס איילסטו זיך?

— כ'פיל זיך מיד.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, זי איז אים נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר שריט, געקוקט אַ ווײַלע אויף אים מיט זאָרג און דערנאָך האָט זי אַ פיר געטון מיט די פינגער איבער זיינע באַקן.

— דו קוקסט אויס ווי אַ מיליאָן... וואָס איז דער מער? דער מאָגן?

— ס'האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ לייכטער ווייטיק אין דער זייט. כ'דערקען דעם סיגנאַל... ס'איז מיין שלעכטער טאָג. די בעסטע היילונג איז אַ באָד פון פאַרע און מאַסאַזשן.

— קום מאָרגן. כ'וויל, דער דאָקטאָר זאָל דיך עקזאַמינירן.

— כ'וועל פריִער אַנטלעפאַנירן.

זי איז אים נאָכגעגאַנגען מיט בעטנדיקע בליקן. אין קאָרידאָר, אויפן טעלעפאָן־טישל האָט זי מיט אַמאָל באַמערקט ליגן אַ טשעק מיט אַ צעטעלע. זי האָט אַ כאַפּ געטון דעם טשעק, ס׳איז געווען אויסגעשריבן אויף איר נאָמען די סומע פון טויזנט דאָלאַר. אין צעטעלע איז געשטאַנען: „דיר, טילי, מעג איך געטרויען אַ הלוואה, אַפילו ווען דו האָסט אַ שותף. נוץ עס ווי דו פאַרשטייסט... אָן אַלטער מאַן מוז כאָטש איין מצוה אָפּהיטן אין די שפּעטע יאָרן. קיין תורה קען איך נישט. אַרבעטן טו איך נישט, אָבער אַ גמילת חסד, זאָגט דער ספרדישער ראַביי, איז אַ טיקעט צו עולם־הבא... כ׳בין אַ כאַראַקטער, וואָס? אַבולעפיאַ“.

ביי טילין האָט געטענצלט אַ פרייד אין די אויגן. זי איז איצט געווען איבערצייגט, אַז מ׳טאָר נישט אורטיילן מענטשן אין איילעניש. זי האָט לאַכנדיק אַ קוש געטון אַ שפּיץ פונעם טשעק, דערנאָך זיך גוט איינגעקוקט אין דער אונטערשריפט און דערלאַנגט דעם טשעק איסר יאַגאָדען:

— פון דעם בייזן אָנקל אַבולעפיאַ...

קאַפּיטל דריי און פופציק

— 1 —

טילי איז אַריינגעפאָרן קיין קעמדען אויף עטלעכע טעג, צו מאַכן אַ טאָלק מיט איר חלק ירושה. אויב אָנקל בען האָט פאַרקריפּלט זיין צוואה, איז עס געווען די זאַך פון די אַדוואָקאַטן אויפצומישן דעם קאָדעקס, נישטערן אין די געזעצן פון ירושה און דורכפירן די גערעכטע צעטיילונג. זי איז גרייט געווען העפטיק צו מאָנען איר טייל. איסר האָט סיי ווי מער נישט געהאַט קיין אויסוועג. זי האָט פאַר אים נישט אָנגעשטעלט קיין פאַסטקע. ער איז אַריין אין דעם קלעם. דערשלאָגענע מענער זענען ווי אומבאַהאָלפענע קינדער און נאָר די ווייכע, צערטלדיקע הענט פון אַ פרוי קענען זיי צוריקשטעלן אויף די פיס.

איסר יאַגאָדע איז אַרומגעגאַנגען אין קווענקלעניש, אָבער טילים חתונה־אָנבאָט האָט זיך אים געלייגט אויפן שכל. זיין ערשטע פליכט איז געווען צו סילוקן דעם חוב פון מיסעס סאַלאַנט. ער האָט דאָס אָבער אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויפן אַנדערן. איר געלט האָט ער פאַרלוירן אויף דער בערזע. ס׳איז געווען אַ פקדון, וואָס ער האָט פאַרשפּילט, און אויף אָפּצוגעבן דעם חוב, וואָלט ער איצט באַדאַרפט אַרויסקריגן מזומנים פון אַ צווייט געווינס...

ער האָט אַליין געלאַכט פון זיין אויספיר. טילי איז גערעכט. ביי אים איז דאָס געווען אַ פקדון, אָבער ביי דער גרושה איז דאָס געווען אַן אינוועסטירונג מיט אַן אויג אויף די חופּה־שטאַנגען. ער מוז אָפּגעבן דעם חוב איידער ס׳ווערט צו־שפּעט. אַבולעפיאַ האָט בלויז אויסגעלייזן אַ חלק. ס׳איז אַ פאַרכישופטער ראָד, נאָך דעם איבעריקן וועט ער סיי ווי מוזן אָנקומען צו טילין און טילי לייט אויך נישט אויס קיין געלט. זי מאַכט ביזנעס־טראַנזאַקציעס...

צווישן דעם פאַרלאַנג אָפּצוגעזעגענען זיך מיט מיסעס סאַלאַנט און נאָכצוגעבן טילין, האָט זיך אַריינגעמישט דער ישוב־הדעת. זאָלסט גאַרנישט טון אין אַ צע־טומלטן צושטאַנד — איז געקומען אויפן זכרון אַן אַלטע דערמאָנונג — ס׳איז פּונקט ווי גיין צום תשליך צו אַ שטורעמדיקן ים. די אַריינגעוואָרפענע עבירות זינקען נישט. זיי בלייבן אויף דער אויבערפלאַך.

נאָך דריי וואָכן קווענקלען זיך האָט ער אָנטעלעפאָנירט צו מיסעס סאַלאַנט, אַז ער וועט איר אָפּשיקן דעם חוב סוף חודש. די גרושה האָט אויפגענומען די נייעס אויפן טעלעפאָן מיט אַ העפלעכן דאַנק. אָבער צומאַרגנס האָט ביי אים אָפּ־געשטאָט אַן אומגעריכטן וויזיט איר טאָכטער איירין. זי האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין בחורשן מעבלירטן צימער און אים אָפּגעשפּילט אַ חתונה, אַז די שכנים זענען זיך צונויפגעלאָפן.

איסר יאַגאָדע האָט דאָס מיידל פריִער נישט געהאַט געזען. זי איז געווען שטאַרק איבערגעוואַקסן מיט אַ בערגל אויף דער לינקער פּלייצע. זי האָט געהאַט גרינע אויגן און אַ שאַרף־פאַרשפּיצטע גאָמבע. אירע ברוינע האָר זענען געווען פריזירט אַלטמאָדיש מיט צוויי קאָקסן. איר אָנבליק איז געווען ווי פון אַ מענטש, וואָס האָט זיך ערשט אויפגעהויבן פון אַן עפּילעפּסיע־אָנפאַל.

איסר יאַגאָדע האָט נישט פאַרגעסן וואָס מיסעס סאַלאַנט האָט אים אָנגע־זאָגט, אַז איירין איז אַ „כאַראַקטער מיט אַ צעפּל״, וואָס פירט די בוכהאַלטעריע פון איר אייגענער צוקונפט. די מאַמע האָט מיט דער טאָכטער נישט קיין געשרי־בענעם אָפּמאַך, אָבער וועגן יעדער אונטערנעמונג מוז איירין קריגן אַ דין־וחשבון. איצט, אַז איירין האָט אים באַגריסט מיט קולות, האָט איסר יאַגאָדע זיך אַרומגע־זען, אַז מיסעס סאַלאַנט האָט איר טאָכטער דעם דין־וחשבון געגנוי צוגעשטעלט.

איירין האָט אַ לענגערע ווײַלע זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. דערנאָך האָט זי האַסטיק אַ צי אַרויף געטון דאָס קראַגנדל פון איר לויז, געבלימלטן קלייד, מיט אַ הינטערליסטיקייט ווי זי וואָלט וועלן אויסגלייכן דאָס בערגל אויף דער פּלייצע. זי האָט ווידעראַמאָל זיך אַרומגעקוקט מיט פאַרווירטע אויגן און זיך צעשריגן:

— אין אַלע טעלעפאָן־ביכער האָב איך געמוזט זוכן אייער אַדרעס, מיסטער יאַגאָדע. מאַ האָט נישט געוואָלט אויסזאָגן ווו איר ווינט, אָבער זי האָט מיר דער־ציילט פון דעם געלט, וואָס איר האָט ביי איר גענומען... איר מעגט וויסן מיין נאָמען. כ׳בין מיס איירין סאַלאַנט. פון די פּאָר טעג, וואָס כ׳האָב זיך באַפרייט פון קאָלעדזש מוז איך איצט פאַרשווענדן צייט אויפצומאָנען די געלטער, וואָס מיין מאַ צעטיילט... כ׳וויל אייך זאָגן, מיסטער יאַגאָדע, אָט וואָס: מיין פאַ האָט נישט אָפּגעאַרבעט אַ לעבן, אַז מאַ זאָל ווערן אַ פילאַנטראָפּיִן: זי איז נישט אין דער לאַגע צו טיילן צדקה...

— אפשר טיילט אייער מאַמע צדקה, מיס איירין, אָבער איך בין נישט אויף איר ליסטע...

— איר זאָגט נישט אמת. זי׳ט אייך געגעבן געלט אויף צו שפּעקולירן. כ׳קען מיין מאַ. זי פאַרלירט דעם קאָפּ פאַר אַזעלכע מענער ווי — ראַבייס און אַקטיאָרן. מיט אַלטמאָדישע אינטעלעקטואַלן האָט זי אַ פאַרדעכטיקטע פריינטשאַפט...

— כ׳האָב ביי אייער מאַמען גענומען אַ הלוואה און זי׳ט עס צוריק קריגן סוף חודש.

— כ׳וועל נישט אַרויסגיין פון דאַנען אָן געלט, מיסטער! אירע אינוועסטי־רונגען זענען מיין צוקונפט... זי האָט אַוודאי זיך באַרימט פאַר אייך, אַז זי שיקט איר טאָכטער אין קאַלעדזש. אָבער האָט זי אייך אויסגעזאָגט, אַז כ׳לערן אויף אַ סקאָלערשיפּ, אויף אַ סטיפּענדיע, און עס קאָסט איר נישט קיין פּעני? מאַ האָט פרי׳ער געמעגט האָבן איר מוח עקזאַמי׳נירט, איידער זי האָט אָנגעהויבן טיילן באַנוסן צו אירע פריינט...

איירין האָט געשרי׳ען מיט באַנומענע קולות. אין זיין פאַרלוירנקייט האָט איסר יאַגאַדע געזוכט וויכּע ווערטער איינצושטילן דאָס מיידל. ווען אירע ליפּן האָבן זיך געבלעזלט פון כעס, האָט ער זיך געפילט שולדיק. דער אמת בלייבט, אַז ער איז איר אַ בעל־חוב, זי מאָנט נישט אײדל, אָבער דאָס גיט אים נישט דאָס רעכט אָפּצושלעפּן זיינע חובות. ער האָט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון דעם אומגעבעטענעם גאַסט. אירע שמאָלע, קנאָכיקע הענט זענען געווען דורכגעשטריקט מיט דינע, בלויע אָדערן. ווען זי האָט געשרי׳ען, האָט זי צעפּלאָכטן די פינגער און זיי פאַרקנוילט אין אַ פויסט, ווי זי וואָלט וועלן אַרויסשלאָגן פון זיך דעם כעס און די ביטערנישן פאַר אַלע קריוודעס פון איר מאַמען. אירע גרינע אויגן האָבן זיך צעפּלעמלט און די באַקנביינער זענען געוואָרן פאַרשפּיצטער. אים איז געקומען אויפן זינען, אַז נאָך דער חתונה וועט אַזאַ איירין ווערן אַ ייִדענע אַ שעלטערקע... און דאָס אַ שטודירט אין קאָרנעל קאַלעדזש אויף אַ סטיפּענדיע?

ער איז זיכער געווען, אַז די שכנים אין טרעפּן־הויז האַלטן צוגעלייגט די אויערן צו די ווענט און טרייסלען זיך פון געלעכטער. ער האָט איר צוגערוקט אַ שטול. איר ערשטער צאָרן איז שוין געווען אָפּגעקילט און זי האָט זיך איצט צוגע־זעצט. נאָך עטלעכע מינוט האָט זי גענומען רעדן איינגעהאַלטענער, געלאַסענער.

— מיין טייערע מאַ האָט אייך נישט דערציילט אַלץ וועגן זיך... נישט שטענדיק איז פּאַ געווען דער טיראַן און זי דער מלאך... דאָס אומרעכט איז געווען, וואָס מיין מאַ איז נישט געגאַנגען צו דער הייראַט ווי אַן עמאַנציפּירטע פרוי. זי האָט געהאַט אינזינען ליבע און איפּערזוכט. ביי איר האָט טרי׳ומפירט דאָס האַרץ איבער דער לאָגיק. זי געטרויט נישט אַ מאַן זאָל זי באַשיצן און אַליין איז איר שווער זיך צו פאַרטיידיקן. מיין קינדהייט איז נישט געווען קיין גליקלעכע, ווייל מאַ איז געווען באַשעפּטיקט מיט היטן יעדעס גענגעלע פון פּאַ, אָבער אַליין איז זי געווען הילפסלאָז צו שטעלן אַן אייגענעם טראָט. דעריבער וויל זי איצט אַ טאָכטער אַ פּראָפעסאָר... אָבער עס איז נאַריש פון מיין זייט צו דערציילן אַ פרעמדן מענטש מיינע פאַמיליע־טראָבלס. כ׳בין געקומען אַהער אָן מיין מאַ׳ס וויסן, אָבער זי׳ט שוין סיי ווי געוווּיר ווערן פון מיין וויזיט, ווען כ׳וועל ברענגען דעם חוב... ווען קריג איך דאָס געלט?

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, מיס איירין, סוף חודש ווער איך אויס בעל־חוב. איר זעט מיך היינט צום ערשטן מאָל און כ׳וויל, איר זאָלט וויסן, אַז כ׳בין פון די, וואָס באַצאָלן, וואָס זיי זענען שולדיק.

— מיין מאַ מוז אויך צאָלן אירע שולדן. מען מאָנט ביי איר און מען קריגט

אַרויס! נאָך גוט, וואָס איך קאָנטראָליר אירע ביזנעס־אונטערנעמונגען. אָן דעם וואָלטן מיר ביידע געבליבן אָן אַ פּעני. קיינער פאַרלאַנגט נישט פון מיין מאַ, אַז זי זאָל ראַטעווען די וועלט... אונדזער עקזיסטענץ איז סיי ווי אַ לאָטעריע.

— אייער מאַ האַלט נישט אונדזער עקזיסטענץ פאַר אַ לאָטעריע. זי האָט אַן אַנדערן קוק אויפן לעבן.

— דאָס איז נישט איר ערשטער מאַטעמאַטישער גרייז. ס׳לעבן קען נישט זיין עפּעס אַנדערש ווי אַ לאָטעריע, ווי באַלד גוטס און שלעכטס זענען בלויז צופאַלן. דאָס איז די אַלגעבראַ פון דער נאַטור. מיין מאַ גלויבט אָבער אין אַ הימלישער בוכהאַלטעריע...

— 2 —

איירין האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַ מינע פון אַ לערערין, וואָס האָט נאָר וואָס אויפגעקלערט פאַר איר שילער אַ מאַטעמאַטישע פאָרמולע פּינקטלעך און אַקוראַט. זי האָט געטראַכט פון עפּענען איר האַנט־טאַש און אָנפּודערן איר נאָז, אָבער איר בליק איז געפאַלן אויף אַ גיפּסן פיגורל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער קאָמאָדע. אויפן וועג צו דער טיר האָט זי זיך אויסגעדרייט און געזאָגט:

— כ׳וועל נעמען אייער וואָרט וועגן חוב, מיסטער יאַגאָדע. אָבער כ׳וועל קומען צוריק אין דעם באַשטימטן טאָג. צום סוף חודש פעלן בלויז אַכט טעג. כ׳וועל קומען מאָנען ווען כ׳זאָל אַפילו דאַרפן פאַרשפּעטיקן אין קאַלעדזש. קיינער קען נישט פאַרשווענדן מיין מאַמעס פאַרמעגן. זי מוז איצט זיין גרייט אויף אַ גרויסער אינוועסטירונג... כ׳גיי באַלד הייראַטן!

איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט איר גראַטולירן, אָבער דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. ביז ער האָט באַוויזן אַ כאַפּ צו טון דאָס טרייבל צום אויער, איז איירין שוין געווען אויף יענער זייט טיר. עס האָט גערעדט רייזנער. זיין שטים איז געווען טעמפּ און אומעטיק ווי קאַלטער מעטאַל. אַזוי רעדט אַ קול, וואָס דאַרף טרייסטן אבלים. ס׳האָט אים פּלוצים אַ שלאָג געטון אין מח אַן אַנונג, אַז דער לאָיער ברענגט אים שלעכטע נייעס. ער האָט זיך נישט גענאַרט. אַ פּאָר סעקונדן שפּעטער האָט רייזנער פון יענער זייט דראָט אים אָנגעזאָגט, אַז דאָקטאָר וואָרמס איז שוין טויט עטלעכע שעה. אַן אויטאָמאָביל איז אים איבערגעפאָרן ביי דער וויליאַמסבורגער בריק.

ביי איסר יאַגאָדען האָט דאָס האַרץ אַ פלאַטער געטון. די שלייפן האָבן געבריט. אַן אויפרודערונג, וואָס שטראָמט דורך דעם חוט־השדרה, האָט אים גענומען טרייבן איבערן צימער. ביז איצט האָט ער קיינמאָל נישט פאַרלוירן אַ פריינט פון זיין עלטער. די נייעס האָט דורכגעטראָגן אַ קעלט אין די ביינער און אַרויסגערופן די אַנונג פון אייגענעם טויט. די דערמאָנונג, אַז מענטשן זענען שטערבלעך איז אים נאָכגעגאַנגען יאָרן־לאַנג, אָבער די שטערבלעכקייט האָט שטענדיק געלויערט אויף אַנדערע. דער מלאך־המות מאַכט זיין אויסוואַל תמיד ביי ווייטערע.

ער איז געבליבן שטיין פֿאַר אַ וואַנט־בילד, וואָס האָט פֿאַרגעשטעלט אַן איינזאַמען זקן אויף אַ באַנק אין פּאַרק. די עלטער אין הארבסט — איז אים דורכגעלאָפֿן אין מח. דאָס האַרץ האָט געזונקען, אָבער די חושים זענען געווען אָנגעשפּיצט. דאָקטאָר וואָרמס איז פֿאַר אים געווען אַ פֿרעמדער ווי לאַנג ער האָט אויף אים אָנגעלייגט אַ לאַסט. אָבער זיין טויט האָט אים געמאַכט אייגענער און לויטערער.

איסר יאַגאָדע האָט געשאַצט דאָקטאָר וואָרמסן ווי אַ שטרענגן מאַנער, וואָס האָט געשטראָפֿט אַנדערע, כדי ווייַ צו טון זיך אַליין. די אייגענע פּייניקונג האָט אים פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן און ביי יענעם האָט די פּייניקונג געוועקט פֿליכט. ער איז נישט געווען קיין צדיק, קיין מוכיח, קיין נביא, אָבער נישט יעדער פֿון זיין קרייז האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט די שרפֿות פֿון מאַידאַנעק אין די אָדערן. דאָקטאָר וואָרמס האָט יעדן מעת־לעת געהאַט אויפֿן קאָפּ די ציפֿערן פֿון דער שארית־ישראל. זיין „קרן התולדות" איז אפֿשר געווען אַן איינרעדעניש. אָבער דער צער פֿאַר זיין איינגעשרומפּן פֿאָלק איז געווען אמתדיק. אויך זיין צאָרן איז געווען אמת. אַז ער האָט געעפֿנט דאָס מויל, האָט מען געקענט דערטרונקען ווערן אין דער לאַווע פֿון זיינע פֿייערדיקע רייד.

וואָרמס האָט געטראָגן אין זיך דעם טומל פֿון דער משוגענער וועלט. צוזאַמען מיט אים איז מיטגעקומען דער רויש פֿון די פֿלאַקערדיקע פֿייערן אין היטלערס ברען־אויוונס, דאָס זיפֿצעניש פֿון די קדושים, וואָס האָבן געגראָבן זייערע אייגענע קברים. ווען עס וואָלטן אים געקלעקט יאָרן, וואָלט ער געוואָרן דער שטראָפֿער פֿונעם גאַנצן באַשאַף. די וועלט איז געווען צו גרויס פֿאַר זיינע אָרעמס, אָבער נישט צו קליין פֿאַר זיין האַרץ.

איסר יאַגאָדע האָט מיטאַמאָל זיך אַרומגעזען, אַז די מערכה פֿון דאָקטאָר וואָרמס איז געווען ענלעך צו זיין אייגענעם מעמד, כאָטש זיין לעבן איז גלאַטער און באַקוועמער. ביידע זענען געווען עלנט און ביידן האָט געטריבן דערזעלבער אייפֿער. ער האָט ווידער אַמאָל זיך דערמאָנט ,אַז אויף הימל און ערד לויערט אַ מוראדיקע איינזאַמקייט. די, וואָס פֿאַרטומלען זיך אַליין זענען אויך עלנטע ברואים. וואָס איז דער צוועק פֿון דעם קהלשן געפּילדער? ווער פֿאַרלאַנגט דעם טומל פֿון די רעדל־פֿירער? סידנע וועלער שלעפּט די ייִדישע אומגליקן אַליין. פּראָפֿעסאָר טיפּלער כאַפּט די וועלט ביי היסטאָרישע גרייזן. אָבער ווער הערט אים דען? רייזנער גראָבט אויס שנאת־ישראל אין די קלאַסישע טעקסט־ביכער. ס'איז אמת, אַז אַלע גייען אויף באַזונדערע שליאַכן, אָבער אַלע קריגן זיך מיט דער זעלבער וועלט. ער איז שוין אַמאָל געקומען צום אויספֿיר, אַז פֿון אַלע שטרייטיקייטן איז דער שטרייט פֿון דאָקטאָר וואָרמס געווען דער גערעכטסטער. זיין גוואַלדגעשריי איז געווען די מאָנונג פֿון זיין דור. ס'איז געווען די אָנקלאָגע פֿון זיין פֿאַרוווּנדעטע פֿאָלק, וואָס האָט אין די שרפֿות פֿון מאַידאַנעק און אוישוויץ מקדש געווען די ערד און דעם הימל.

איסר יאַגאָדע איז איצט געווען גרייט צוצופֿאָרן צום שטאָטישן מאַרק, צום מתים־שטיבל. ער האָט געכאַפּט אַ קוק דורכן פֿענצטער אויף דעם וועטער. דער הימל איז געווען פֿאַרכמאַרעט. ס'איז שוין נאָכן זומער און דער באַשאַף וויינט —

איז אים איינגעפאַלן — די וואָלקנס לויפן נישט אָן ווי ווייסע שעפּסעלעך, נאָר ווי שוואַרצע, אָנגעלאָדענע ימען. דאָס וועטער איז ווי דאָס געמיט. איך קריג איין קלאַפּ נאָכן צווייטן. פריַער רייטשל, איצט וואָרמס. ס׳איז די אייביקע מעשה. דער מענטש ווערט געבוירן, ער ליידט, ער שטאַרבט, רייטשל איז פון אים אַוועק אָן אַ געזע־גענונג. דאָקטאָר וואָרמס איז געפאַלן אינמיטן געלויף. האָט ער שוין אויך דורכ־געטאַנצט אונדזער וועלטל! ווי גיך! מיט וואָסערע שווינדלדיקער שנעלקייט!

ער האָט אָנגעטאָן דעם רעגן־מאַנטל און גענומען דעם שירעם. אינדרויסן האָט געגאָסן אַ רעגן מיט דער פויקעריי פון אַ האָגל. ער האָט איבערגעוואַרט דעם ערשטן שטאַרקן גאָס. דער רעגן איז געוואָרן שוואַכער. ער איז אַרויס אויף וואַ־שינגטאָן־סקווער און זיך געקווענקלט צי ער זאָל נעמען אַ טאַקסי, אָדער צופאָרן מיט דער סאָבוויי. וואָס איז ס׳אייליקייט? פאַרן כבוד־המת וואָלט ער געדאַרפט צושפּאַצירן צום מתים־שטיבל. אויף די גראָזן און אויף דיביימער זענען געהאַנ־גען בלעזלעך, שיימעלעך און ציטערדיקע טראָפּנס. ער האָט זיך אַריינגעדרייט אין בליקער־סטריט. די אַלטמאָדישע רויטע מויערן פון גריניטש־ווילעדזש האָבן אויסגעזען ווי פאַרביקע קאָרטן־שטיבלעך. די דעכער זענען געווען אָפּגעצוואָגן. די ציגל אויסגעוואַשן. די שוי־פענצטער פון די איטאַליענישע יאַטקעס, שפּייז־געַ־וועלבלעך און אַנטיק־קראָמען זענען געווען פאַרהויכט פון די ריטשקעלעך וואַסער.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם אַלטן מיילס־האָטעל, ווו ניו־יאָרקער היימלאָזע און שלעפּערס דינגען שוין זייט הונדערט יאָר ביליקע נאַכטלעגערס. פּלוצים האָבן פייערדיקע פיילן אָנגעצונדן די וואָלקנס און זיי צעריסן. אַ שטאַרקער, צעצויגע־נער דונער, ווי הימל און ערד וואָלטן געקראַכט, האָט זיך געקייקלט איבער דער לענג פון האָריזאָנט. דער רעגן האָט גענומען פליִצן אין קאַלוזשעס. איסר יאַגאָדע איז אַרונטערגעלאָפן אונטערן דעכל פונעם האָטעל־אַריינגאַנג און זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אָפּגעריסענעם שלעפּער מיט ביילן אויפן פּנים. ער האָט לאַנג געקוקט אויף זיין צעבלוטיקטער הויט. ס׳איז שוידערלעך —האָט ער געטראַכט — אויב מען דאַרף מעסטן אַ מענטשנס לעבן מיט דער מאָס פון דערפאָלג און דורכפאַל.

פון אויבן האָט געגאָסן מיט צעבערס. מיטאַמאָל האָט דורך די געשפּאָלטענע וואָלקנס זיך דורכגעריסן אַ שטראַל זון און באַלד אַ פלייץ געטון איבער דער ערד מיט אַ שטראָם ליכט. איסר יאַגאָדען איז פּלוצים אויפן זכרון געקומען די זומער־דיקע רעגנס אין די חדר־יאָרן, ווען באָרוועסע קינדער האָבן געטאַנצט אונטערן נאַסן הימל. דאָס פריילעכע קליינוואַרג האָט מיט די נאָז־לעכער אַריינגעצויגן דעם געשמאַקן ריח פון רעגן, אָבער די דערוואַקסענע, פאַרדאגהטע ייִדן האָבן נישט פאַרטראָגן דעם טעם פון צעווייקטער ערד. וואָס רעד איך? — האָט ער זיך אַליין געזאָגט מוסר — מיר האַלטן שוין באַלד ביים גאָלדענעם אינדישן זומער! עס איז נאָך סוכות און ייִדן האָבן ערשט געבעטן אויף גשם. דאָס פּעטס פון דער ערד איז אָנגעטרונקען מיט רעגן. די בענטשונג „מטל השמים ומשמני הארץ״ איז די ברכה פון גשם. אַלץ אינעם באַשאַף קומט אין צייט. הימלישע בוכהאַלטעריע איז אַקוראַט. דער רעגן באַפרוכפּערט די ערד, וואָס געבערט די פלאַנצן, די תבואות אַן דעקט צו אַלץ, וואָס שטאַרבט.

דער רעגן האָט אויפגעהערט צו פליוכען. דראָבנע טראָפּנס האָבן ווידער גע־

שפּריצט איבער די מויערן און איבערן אַספאַלט פון די גאַסן. איסר יאַגאָדע איז צוגעקומען צום עק בלאָק. ער האָט גערופן אַ טאַקסי און זיך געהייסן פירן צום שטאָטישן מתים־שטיבל.

קאַפּיטל פיר און פופציק

— 1 —

עס זענען אַוועק טעג זינט איסר יאַגאָדע האָט באַגלייט דאָקטאָר וואָרמסן צו זיין רו, אָבער זיין טויטע צורה איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיינע אויגן. ער איז געפאָרן אויפן בית־עולם אין לאָנג־איילענד און זיך מתעסק געווען מיט דער קבורה. וואָרמס איז געשטאָרבן אָרעם, אָן באַצאָלטער קרקע. מען האָט געמוזט אויף גיך צונויפקלייבן געלט אויף אַ קבר. סידני וועלער, וואָס איז אָנגעקומען פון באָסטאָן אין דער לעצטער שעה, האָט נישט געוואָלט דערלאָזן צו בזיון המת און אויף אייגענע קאָסטן באַזאָרגט די לוויה.

איסר יאַגאָדע האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם בר־מינגס פּנים, איידער מען האָט צוגעמאַכט דעם ארון. דאָס פּנים איז געווען אויסגעטריקנט ווי אַ לאַנגע, פאַרצויגענע קראַנקייט וואָלט דאָרט אויסגעברענט אַלע פייערן, וואָס האָבן געפלאַמט אונטער דער הויט. איבער דעם גרויסן, קלוגן קאָפּ איז געווען אויסגעגאָסן אַ רו, וואָס מאַכט שלום מיט אַלע אומרעכטן. זיין ברייטער, געקאַרבטער שטערן איז געווען אויסגעגלעט און די שאַרפע קינבאַקן זענען געווען אַרונטערגעלאָזט.

שפּעטער, אין דער מיטה, איז פאַר איסר יאַגאָדען געלעגן אַן אויסגעלאָשענער גוף, וואָס האָט געקענט זיין פון אַ בעטלער און פון אַ מיליאָנער, פון אַ קאַליקע און פון אַ געזונטן מאַנסביל. אין קבר האָט מען אַראָפּגעלאָזט אַ קאַלטן בר־מינגן אָן באַגערן און אָן אידעאַלן. וואָס איז דער זין פון אַזאַ גיכן איבערגאַנג? — האָט איסר יאַגאָדע זיך געפרעגט, ווען די קברנים האָבן פאַרשאָטן דעם קבר מיט די לאָפּעטעס ערד — וועלכע טונקעלע טויערן וועט דאָקטאָר וואָרמס דורכגיין ביז ער׳ט אָנשפּאַרן צו יענער זייט פון לעבן? וועט ער קומען צום הימלישן געריכט ווי אַ מאָגער, אַזוי ווי ר׳איז געווען ביים לעבן? אָדער ווי אַ שווייגער, פאַר וועמען דער טויט האָט אויסגעגלייכט אַלע אונטערשיידן? איז דען פאַראַן אַזאַ געזעץ אין דעם באַשאַף, וואָס זאָל קענען אויסגלייכן אַלע קרייוודעס?

צומאָרגנס, נאָך דער לוויה, זענען די נאָענטסטע מלווים סידני וועלער, רייזנער, פּראָפעסאָר טיפלער און איסר יאַגאָדע אַוועק אין דעם שטיבל פון דאָקטאָר וואָרמס אויף ראָטגערס־סטריט און דורכגענישטערט זיינע זאַכן. סידני וועלער און פּראָפעסאָר טיפלער זענען געווען נייגעריק צו זען, וואָסערע ירושה דער היימלאָזער וואָרמס האָט איבערגעלאָזט. כאָטש איסר יאַגאָדע האָט נישט געגלויבט, אַז דעם פאַרשמייעטן דאָקטאָר איז געלעגן אינזינען צו זאָרגן פאַר יענעם טאָג ווען מ׳וועט פּטור ווערן פון זיין ערדישן איבערבלייב, פונדעסטוועגן האָט רייזנער

געמישטערט אין אַ קופערט און געפונען אַ קאָנווערט מיט אַ פאַרזיגלטער צוואה, אַ גאָלדענעם ירושה־זייגער און אַן אינשורענס־פּאָליסי אויף צוויי טויזנט דאָלאַר. אויפן קאָנווערט איז געווען אָנגעשריבן מיט רויטן טינט, מען זאָל דעם דאָקומענט עפענען אַ טאָג נאָך זיין טויט.

די צוואה איז געווען דיקטירט ווי אַ שטרענגער קאָנטראַקט. דאָקטאָר וואָרמס האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג, אַז מען זאָל זיינע ביינער אַריבערפירן קיין ארץ־ישראל, אויף צו דעקן די שיף־הוצאות און דאָס קבורה־געלט וועלן סטאַיען די צוויי טויזנט דאָלאַר פאַרזיכערונגס־געלט, וואָס דאַרפן אויסגעצאָלט ווערן צו איסר יאַגאָדען. ער האָט געבעטן, מען זאָל אים נישט מיטגעבן אויף יענער וועלט אַ פּאַק מיט שבחים, ווי די פאַרצייטיקע געצנדינער האָבן מיטגעשיקט מיט די מתים זייערע תכשיטים, פערד און קנעכט... ער קען נישט מיטנעמען דעם קלאַ־פּערגעצייג פונעם עולם־השקר. ער באַשטייט אָבער, אַז זיין גוף זאָל נישט בלייבן אין דער פרעמד, ווו זיין פאָלק ווערט פאַרמינערט, נאָר זאָל רוען אין דער ערד, אויף וועלכער אברהם אָבינו האָט געקראָגן דעם צוזאָג פון גאָט, אַז זיינע קינ־דער וועלן זיך מערן אין אַ גרויס פאָלק.

פאַר איסר יאַגאָדען איז געווען אַ גרויס חידוש, וואָס דאָקטאָר וואָרמס האָט אָנגעגרייט אַ פאַרזיכערונגס־פאָנד און געמאַכט אים פאַרן אפּוטרופּוס. איצט וואָלט ער מער זיך נישט געוווּנדערט ווען מ׳זאָל פּלוצים אונטער זיין מאַטראַץ געפינען אַ מטמון... אַזוי שאַרן זיך דורך אויף דער וועלט די פאַרביטערטע און אייפער־דיקע. די קנאים לעבן מיט פּרינציפּן און שטאַרבן פאַרזאָרגטע. דאָקטאָר וואָרמס איז דורכגעגאַנגען דאָס וועלטל אָן צעגערנישן און אָן ספקות. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן, אָבער ער איז געווען דיסציפּלינירט ווי אַ סאָלדאַט. ער האָט זיך נישט אַרומגעדרייט אויף דער ערד ווי אַ שלאָפלאָזער לבנה־קריכער.

— 2 —

אַלע זיינע נייעסן האָט איסר יאַגאָדע פון איצט אָן געטראָגן צו טילין. די נייעס מיט דער צוואה פון דאָקטאָר וואָרמס איז נישט געווען קיין אויסנאַם. טילי, וואָס האָט געהאַלטן דעם דאָקטאָר פאַר אַ ווילדן פאַנאַטיקער, איז געווען דער־צאָרנט, וואָס דער צעדולטער וואָרמס האָט נישט אַרויסגעגעבן זיין סוד ביים לעבן. טילי האָט געהעצט איסר יאַגאָדען, ער זאָל נישט נעמען אויף זיך אַזאַ עול ווי דאָס אַריבערשיקן זיינע ביינער קיין ארץ־ישראל. לויט איר איינזען, איז דער לאָיער רייזנער געווען אַ מער פּאַסיקער מענטש פאַר אַזאַ אויפגאַבע. איסר יאַגאָדע האָט פּרובירט איר געבן צו פאַרשטיין, אַז אַ צוואה איז אַ פליכט און נישט קיין קאַפּריז, וואָס מען מעג זיך דערפון אָפּזאָגן. אָבער טילי, וואָס איז צוריקגעקומען פון קעמפן מיט אַ טריאומף־שמייכל, ווי זי וואָלט דאָרט געוווּנען די שלאַכט פון איר לעבן, האָט מיט אים זיך געדונגען.

— איך וויל דיר געבן אַן עצה, וואָס דו בעטסט נישט ביי מיר, איסר. זאָלן דיינע נאָענטע פריינט לעבן ווי לאַנג ס׳איז זיי באַשערט, אָבער אַז ס׳קומט

דער טאָג ווען זיי מוזן זיך אָפּשיידן, זאָלן זיי נישט זוכן קיין ביליקן כבוד.

— דאָקטאָר וואָרמס איז נישט געווען קיין כבוד־זוכער, טילי. ביי אים איז דער לעצטער פאַרלאַנג געווען אַ פּרינציפּ.

— אַ פּרינציפּ נישט צו ליגן אויף אַ היגער סעמעטערי? וואָס איז, די אַמעריקאַנער ערד בייסט שטאַרקער?

— דו מאַכסט פון אַ הייליקייט אַ שפּאַס, טילי.

— איך האָב רעספּעקט פאַר יעדן רעליגיעזן צערעמאָניאַל, אָבער איך האָב פיינט אַבערגלויבן.

— דער פאַרלאַנג צו האָבן אַ קבר אין ארץ־ישראל איז נישט קיין אַבער־גלויבן. צדיקים בעטן מען זאָל זיי באַערדיקן אין הייליקן לאַנד. פאַראַן ביי אונדז ייִדן אויך אַ מנהג צו לייגן אַ זעקל אַרץ ישראל־ערד צוקאָפּנס פונעם מת...

— איך וואָלט וועלן וויסן צי ער האָט זיך געהייסן אויך מיטגעבן דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם אויף יענער וועלט? ער איז דאָך געווען אַ פריידענקער, נישט קיין צדיק...

— גלויבסט נישט אין יענער וועלט, טילי?

— קיינער קען מיך נישט צווינגען צו גלויבן אין אַ יענער וועלט. דורך די פאַר יאָר האָב איך אַ סך איינרעדענישן מיינע רעוווידירט... איך וועל אָבער נישט וואָגן צו צעשטערן אַזאַ גלויבן ביי אַנדערע... די פראַגע בלייבט נאָך אַלץ: צוליב וואָס דאַרפן מיר שיקן די טויטע אויף אַן אַדרעס, וואָס מיר וויסן נישט צי זי עקזיסטירט? די, וואָס גלויבן אין אַ צווייט לעבן נאָכן טויט, דאַרפן זיין אַביסל פּאַרקטיקער און נישט מישן דעם ערדישן אַבערגלויבן מיט דער הימלישער מיסטעריע...

— איך האָב דיך קיינמאָל נישט געהערט אַזוי רעדן, טילי. אונדזער ערשטע באַגעגעניש איז געווען ביי אַ לוויה אין קעמדען, געדענקסט? האָסט געוויינט ווי דו וואָלסט געווען די עלנטסטע יתומה אויף דער וועלט.

— ליידן קענען מאַכן אַ מענטש פאַר אַ לעסטערער, איסר... איך פאַרטראָג מער נישט קיין ציניקער. דאָקטאָר וואָרמס איז ביים לעבן אַרומגעגאַנגען ווי אַן אָפּגעריסענער, אָבער נאָכן טויט האָט ער געוואָלט אַ פּאַראַד...

— ער האָט דאָס נישט פאַרלאַנגט. ס׳קומט אים די זעלבע גאַרדעראָב ווי אַלע שטערבלעכע... און ווייסטו וואָס דאָס איז? אַלטמאָדישע לייוונטנע תכריכים. אַט דער אוניפאָרם גילט פאַר אָרעם און רייך, פאַר דעם געלערנטן און פאַר דעם פּראָסטן. דער מלאך־הדומה, וואָס גיט אָפּ אויף יענער וועלט שלום־עליכם די ניי־אָנגעקומענע, ווערט נישט נתפּעל פון די אַלע זאַכן, מיט וואָס מיר גרויסן זיך דאָ. אויב איינער אויף דער ערד איז וויכטיקער פאַרן אַנדערן, ווייס מען עס אויבן און מען ווייסט עס אויך פאַרוואָס, אַן אונדזער עדות זאָגן פון דאַנען...

— רעדסט דאָך מיינע רייד, איסר!

— נישט אינגאַנצן. טויט איז אַן איבעררייס מיט דער היגער וועלט, אַפילו פאַר די פריידענקער. עס ווערט איבערגעשניטן דער בונד מיט אַלדאָס ערדישע. ביי אונדזערע היימישע ייִדן ווערט נאָך אָפּגעהיט אַן אַלטער פאָלקס־מנהג אויפן בית־עולם. דער שמש בויגט זיך אַריבער צום בר־מינן ביים פרישן קבר און

זאָגט אים אָן, אַז מען האָט אים אויסגעשלאָסן פון אַלע חברות. ער איז אויס מיט־גליד פון יעדער סאָסייעטי... גלויבסטו נישט, אַז אַזאַ אַבסאָלוטע איבעררייס פאַרדינט, אַז מ׳זאָל דערפילן דעם ווונטש פון דעם מת ביי דער לעצטער געזעגע־נונג?

טילי האָט מורא געהאַט, אַז דער שמועס וועגן דעם טויטן דאָקטאָר וועט זיך פאַרציִען. זי איז דאָך צוריקגעקומען פון קעמדען מיט פריילעכע נייעס. די איינטיילונג פון אָנקל בעניס ירושה וועט זיין נישט שפּעטער ווי אין דריי חדשים אַרום. זי האָט עפּעס געפּועלט ביים געזעץ. זי האָט אָנגעשטעלט אַן ערלעכן לאָיער און איר חלק איז פאַרזיכערט. טילי איז איצט געווען גרייט צו לאָזן איסר יאַגאָדען טון זיין פליכט צום מת.

— גענוג וועגן מתים און סעמעטעריס! — האָט זי אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט אַוועקגעשאַרט עפּעס אומהיילעכעס — דערווייל איז אונדז נאָך באַשערט יאָרן... מיר האָבן געשלאָסן אַ שותפות, געדענק! קעמדען וועט אונדז נישט אַנזעצן...

איסר יאַגאָדע האָט זיך געגרייט אַרויסצוגיין, ס׳האָט אויף אים געוואַרט אַ באַגעגעניש מיט סידני וועלערן. ביידע האָבן געדאַרפט גיין אין „פרידאָם־האַוז" צו אַ קאָנפערענץ פון וועלטלעכע עסקנים מיט רעפאָרם־ראַביים, וואָס האָבן צו־זאַמען באַשלאָסן אויפצושטעלן אין ניו־יאָרק אַ מאָנומענט פאַר די זעקס מיליאָן קדושים, וואָס די נאַציס האָבן פאַרלענדט. טילי האָט אים באַגלייט צו דער טיר ווי אַ מאָנערין:

— איך וויל דיך זען אין אָוונט.

— כ׳על זיין צוריק אין אַ פּאָר שעה.

— 3 —

סידני וועלער האָט פאַר איסר יאַגאָדען געהאַט גרייט צוויי נייעסן. ערשטנס, אַז ער, וועלער, וועט אַליין ווייטער אָנפירן מיטן „קרן התולדות", וואָס איז די ירושה פון דאָקטאָר וואָרמס. און די צווייטע נייעס איז געווען, אַז רייזנער האָט געבראַכט צו די ציוניסטישע פירער אַ משונהדיקן פאָרשלאָג: אַלע זעקס מיליאָן פאַרטיליקטע ייִדן זאָלן באַלד דערקלערט ווערן אַלס בירגער פון ארץ־ישראל, ווייל דאָס ייִדישע לאַנד האַלט ביים ווערן אַן אומאָפּהעניקע מדינה... ס׳איז בלויז אַ פראַגע פון טעג, האָט וועלער אויפגעוויזן. די פאַראייניקטע פעלקער גייען צעטיילן דאָס לאַנד צווישן ייִדן און אַראַבער.

סידני וועלער האָט אויפגענומען איסר יאַגאָדען אין זיין האָטעל־צימער. רייזנער האָט אויך געזאָלט אַהין צוקומען, כאָטש צו דער קאָנפערענץ איז ער נישט געווען געלאַדן. נאָכן איבערגעבן די נייעס האָט סידני וועלער אים אָקעגן געטראָגן זיין שמייכלדיק, מוסקולירט פּנים מיט די מוטנע אויגן. ווי זיין שטייגער, האָט ער אויך איצט אַ פיר געטון מיט די פינגער איבער די פּאָר פעטע האָר אויפן נאַקעטן קאָפּ־שיידל. איסר יאַגאָדע האָט נישט אויסגעטאָן דעם מאַנטל

און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ ברעג קושעטקע. סידני וועלער האָט זיך אַריינ־געזעצט אין אַ טיפן פאָטעל קעגנאיבער זיין גאַסט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— אַלע ווילן אויך אַ מאָנומענט אין ניו־יאָרק. אַפילו די רעפאָרם־ייִדן, די צווייפלער, וואָס האָבן פון אָנהויב נישט געגלויבט, אַז היטלער פאַרברענט די ייִדן, האָבן איצט זיך אַרומגעזען ,אַז ס׳פעלט אונדז אַ דריטל פון פאָלק. אונ־דזערע נאַציאָנאַלע בוכהאַלטערס האָבן דעם געגנויעם ציפער: זעקס מיליאָן. און מען וויל די אומגעקומענע טראָגן אין זכרון דורך קוקן אויף אַ דענקמאָל, וואָס וועט זיין גרויס ווי די פרייהייטס־סטאַטוע...

— דער דענקמאָל וועט נישט גוט מאַכן דעם פאַרלוסט.

— דאָס האָבן נישט אין זינען די פאַרזאָרגער. מען וויל אויפשטעלן אַ זכר עולם! ניו־יאָרק קען זיך דאָס פאַרגינען! אַ שטאָט מיט ייִדן וועט ביים אויפשטיין און ביים שלאָפן גיין האָבן אין זכרון דעם קדיש נאָך די מאַרטירער.

— די רבנים וועלן זיין קעגן, — האָט איסר יאַגאָדע געזאָגט. — דעם טרויער פון אַ פאָלק קען מען נישט איינגליווערן אין אַ שטיין. און איר ווייסט עס, וועלער. ביי ייִדן איז פאַרזאָגט געוואָרן נישט צו מאַכן קיין פסל... און וואָס איז מיטן מעיאָר פון ניו־יאָרק?

— דער מעיאָר און דער גאָווערנאָר שטיצן דעם פּראָיעקט. ס׳איז אַפילו שוין באַשטימט געוואָרן אַ פלאַץ פאַר דעם מאָנומענט: ריווער־סאַיד־דרייוו.

— וואָס וועט דער מעיאָר אַלץ נישט טון פאַר זיינע וויילער? — האָט איסר יאַגאָדע געמאַכט אַ ביטערן גרימאַס — סאַי ווי גייט ער צו בריתן און לויפט צו ייִדישע לוויות... אַז מען וועט דאַרפן, וועט ער זאָגן קדיש אויך! איך בלייב אַ קעגנער פון דעם פּראָיעקט. אויב יאָ אַ דענקמאָל איז שוין בעסער צו פלאַנצן ביימער. אַ בוים איז לעבן און אַ שטיין איז טויט... אין ארץ־ישראל פלאַנצט מען איצט אַ וואַלד נאָך די קדושים.

דער איינפאַל איז אים געווען אַזוי צום האַרצן, אַז דער געדאַנק האָט איצט זיך געשפּינען ווייטער ביי אים מיט שווינדלדיקער גיכקייט. יעדער אומגעקומענער ייִד דאַרף קריגן אַ נשמה־בוים ווי אַ נר־תמיד. דורך די וואָגלענישן איבער דער וועלט האָבן ייִדן זיך באַגעגנט מיט די שונאים פון אַלע דורות, אָבער קיינער האָט אַזוי נישט צעשטערט דעם צלם־אלוקים ווי דער דייטש. נישטאָ אויף דער וועלט קיין שפלות און קיין גרויזאַמקייט, וואָס דער טוטאָן איז נישט באַגאַנגען קעגן דעם ייִדישן פאָלק. היינט־מאָרגן קען אפשר ארץ־ישראל ווערן אַ מלוכה. פלאַנצן ביימער, פלאַנצן וועלדער אין ארץ־ישראל איז נישט נאָר אַ דענקמאָל, ס׳איז די נקמה פון נצח ישראל איבער דעם שטן המשחית. אַ מאָנומענט אין ניו־יאָרק וועט זיין אַ פסל. אָבער אין ירושלים וואָלט מען געמעגט אויפשטעלן אַ היכל, וואָס זאָל זיין אַ „יד ושם" פאַר דער גבורה און פאַר דער קדושה. די גבורה פון די קעמפער אין די געטאָס און די קדושה פון די קרבנות אין די קאַלך־אויוונס.

איסר יאַגאָדע האָט געוואָלט איבערגעבן וועלערן זיינע טראַכטענישן. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן רייזנערס ווילדן פאָרשלאָג. דאָס איז אמתער שגעון! צוליב וואָס דאַרף אַ קדוש קומען אויף יענער וועלט מיט אַ פּאַספּאָרט? אַ קדוש

איז ווי אַ צדיק. דער רבונו־של־עולם אַליין האָט גרייט פאַר יעדן איינעם פון די צדיקים זיבן חופות. גאַנצע דריי הונדערט און צען וועלטן וואַרטן אויף זיי אויבן. און דאָ, אינמיטן דרינען קומט אַ ניו־יאָרקער לאָיער און וויל באַגליקן זעקס מיליאָן קדושים מיט בירגערשאַפט־פּאַפּירן פון אַ ייִדישער מלוכה, וואָס איז נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן.

די טיר האָט זיך געעפנט אָן אַ קלאַפּ און ס'איז אַריינגעלאָפן רייזנער מיט זיין הוט און מאַנטל אויף דער האַנט. זיין נערוועז צוקנדיק פּנים האָט איצט נישט געהאַט קיין צייכן פון צאָרן. פאַרקערט, די אויגן האָבן אויפגעלויכטן ביים אַרי־בערלויפן די שוועל. די בינטלעך אָדערן אַרום די שלייפן זענען געווען אויס־געגלעט. ער האָט אַ וואָרף געטון אויף דער קושעטקע זיין מאַנטל מיטן הוט און זיך אָנגערופן:

— העלאָו יאַגאָדע, וואָס זאָגט איר צו מיין פּלאַן? סידני האָט אייך זיכער נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף דער נייעס.

— אייער פּלאַן איז למעלה מן השכל, אומפאַרשטענדלעך...

רייזנער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ פאָטעל צווישן סידני וועלערן און איסר יאַגאָדען.

— פאַר אַ דענקמאָל אין ניו־יאָרק וועל איך מיר נישט צערייסן דעם פּעלץ, אָבער פאַר דער סימבאָלישער בירגערשאַפט פון די פאַרטיליקטע ייִדן וועל איך קעמפן. די זעקס מיליאָן ייִדן זענען אומגעקומען נאָמענלאָזע און אָן אַדרעסן. זיי האָבן נישט געטאָרט אַריינשפּאַצירן אין דער אייביקייט פאַרגעסענע. זייער פּאַראַד צום הימל האָט געמוזט צוגיין מיט מער כבוד... אַ שאָד, וואָס ס'איז נאָך נישטאָ קיין פּאַרלאַמענט ביי ייִדן. כ'וואָלט מיין פאָרשלאַג געבראַכט צו דער ייִדישער רעגירונג.

איסר יאַגאָדע האָט אַן אויפגערעגטער זיך אַ הויב געטון פון אָרט.

— אייער משונהדיקער פּלאַן איז אַ בזיון המת און נישט קיין כבוד פאַר די אומגעקומענע. די קדושים דאַרפן נישט אָנקומען צו סימבאָלישע פּאַספּאָרטן... וועגן אונדזערע צען הרוגי מלכות ווערט געזאָגט: „אין כל בריה יכולה לעמוד במחיצתם". זייער סטאַטוס אין עולם־הבא איז אַזוי הויך, אַז קיין אַנדער באַשע־פעניש קען נישט האָבן קיין אָרט אין זייער מחיצה. צו יענע, וואָס דער הימל גיט אָפּ אַזויפיל כבוד, קענען מיר בשר ודמס נישט צוטראָגן אונדזערע ביליקע כיבודים. ס'איז דאָ איין וועג ווי אָפּצוגעבן כבוד די זעקס מיליאָן: זאָגן קדיש! דאָס גאַנצע פאָלק דאַרף אָנהויבן זאָגן קדיש...

— איר ווילט אונדז מאַכן פאַר אַ דור קדיש־זאָגערס?

רייזנער האָט אָנגעשטעלט אויף יאַגאָדען אַ בליק, וואָס איז געווען האַלב פאַרדריסלעך, האַלב שפּאָטיש. סידני וועלער האָט זיך צוגערוקט נענטער און אויפגעהויבן די הענט.

— אַ דור קדיש־זאָגערס וואָלט געווען אַן ערפּורכטיקע דעמאָנסטראַציע. מיר זענען אָבער פויל צו זאָגן קדיש און נאַכלעסיק אָפּצוהאַלטן אזכרות. נאָך דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע זענען מיר באַפאַלן געוואָרן פון דעם יצר־הרע, וואָס האַלט אין איינרעדן, אַז עס לוינט נישט זיך צו פייניקן צו לאַנג מיט

דער טראַגעדיע. דאָס איז די שטראָף פאַר אונדזערע לעסטערונגען פון פריִער. מיר זענען אָרעם אין גלויבן. אין די טריט פון אונדזערע זיידעס זענען מיר נישט געגאַנגען. ס׳פעלט אונדז יראת־הכבוד פאַר דער מיסטעריע פון טויט אָדער מיר פאַרמאָגן נישט די ערפורכט פאַר יענער זייט לעבן. נישט אמת, מיסטער יאַגאָדע?

איסר יאַגאָדע האָט זיך אַ הויב געטון פון זיין זיץ־אָרט:

— כ׳זאָג נאָך אַמאָל, ס׳איז דאָ איין וועג ווי צו ערן די קדושים. פאַר דעם זכר פון זעקס מיליאָן מוזן מיר באַשטימען אַ נייעם יאָרצייט. רבנים דאַרפן אין דעם יידישן לוח באַצייכענען אַ טאָג פון אַ נייעם תענית. אין המנס צייטן האָט מען געקענט גוזר זיין אַ תענית? מיט וואָס זענען זעקס מיליאָן קדושים ווייניקער ווערט פון המנס גזירות, וואָס דער רשע האָט נישט דערלעבט דורכצופירן?

רייזנער האָט זיך אויך אויפגעשטעלט מיט אַן אָפן מויל. זיינע תנועות זענען געוואָרן זשוואַווער. די בינטלעך אָפענע אָדערן אַרום די שלייפן זענען אַרויסגעקראָכן און געצוקט נערוועזער.

— מען וועט נאָך מאַכן פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע אַן אָפּערעטע... מיר פאַרגעסן, אַז מיר זענען נישט אַ פאָלק פון בלויז רבנים. פרייע יידן, אַפּיקורסים זענען אויך געשליידערט געוואָרן אין די קאַלכאויוונס. דאָקטאָר וואָרמס וואָלט געהאַט אַן אַנדערע מיינונג וועגן די פאַרטיליקער... בין איך גערעכט, סידני?

סידני וועלער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף רייזנערס פּלייצע.

— וואָרמס האָט געהאַט איין רפואה פאַר דער פאַרטיליקונג: די פאַרמערונג פון פאָלק. נו, וועט מען אים פאָלגן? דער „קרן התולדות“, וואָס כ׳נעם איבער, וועט בלייבן אַן אינסטיטוציע. אָבער הינטער דער אינסטיטוציע וועט נישט שטיין אַזאַ כוח, וואָס זאָל קענען באַפעלן: פּרו ורבו! אַ פאָלק קינדלט נישט אויף באַפעל. מיר לעבן אומבאַקוועם אין אַ גאָטלאָזער וועלט, אָבער די לעסטערונג האָט אונדז פאַרצערט...

— דאָקטאָר וואָרמס האָט אונדז אַלעמען געפייניקט, — האָט רייזנער זיך אַ קרום געטון, — ער האָט געהאַט אין קאָפּ דעם דעמאָגראַפישן צושטאַנד ביי יידן, אָבער פאַר דעם אַנטיסעמיטישן מורמל אין די טעקסט־ביכער האָט ער נישט געהאַט קיין געהער. פאַראַן קלענערע פעלקער אויף דער ערד ווי דאָס יידישע, אָבער זיי שרעקן זיך נישט פאַר אונטערגאַנג.

סידני וועלער האָט געשטעלט האַסטיקע טריט איבערן צימער.

— מיר האָבן אים נישט גענומען גענוג ערנסט. אין זיין ברייטן מוח איז געווען פּלאַץ בלויז פאַר איין מאָנונג: נייע דורות פאַרן פאָלק. ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל ביי אונדז הערשן אַזאַ אַטמאָספערע, אַז אַ קינדערלאָזער מענטש זאָל זיך פילן ווי אַ בעל־חוב... מ׳דאַרף זיך לערנען פאַרשטיין יעדן עגאָצענטריקער. דאָקטאָר וואָרמס איז געווען אַ געוויסנהאַפטיקער בוכהאַלטער ביים יידישן פאָלק אָבער מיר האָבן שטענדיק געשפּאַסט, ווען ער האָט געוואָלט נעמען אינווענטאַר... אָבער צו וואָס אָנהויבן איצט אַ הספד? עס וואַרט אויף אונדז אַ קאָנפערענץ אין „פרידאָם־האַוז“. כ׳בין זיכער, אַז עס פעלט דאָרט נישט קיין אָפּאָזיציע צום דענקמאָל... איין אָפּאָנענט פירן מיר שוין מיט זיך... האַ, מיסטער יאַגאָדע?

ער האָט אַ שאַרפן קוק געטון אויף איסר יאַגאָדען. די מוסקולירטע באַקנ־ביינער זענען ווי אויפגעלאָפן, ווען זיינע ליפּן האָבן זיך פאַרקנייטשט אין אַ שמייכל. ער האָט דערלאַנגט רייזנערן דעם מאַנטל מיט דעם הוט.

אויף דער שוועל האָט איסר יאַגאָדע נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון סידני װעלערן. ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער פילט זיך פאַרלוירן. האָט ער עפּעס אָנגעװוירן? איינזאַמע מענטשן זוכן תמיד פאַרגיטיקונג אין קהלשע טועניש. ווי קען אַזאַ איינער איבערנעמען די ירושה פון אַ דאָקטאָר וואָרמס? יענער איז געווען אַ ברענענדיקער דאָרנבוים, אַ פלאַקער און וועלער איז אַן אַריסטאָקראַט מיט קאַלטער לאָגיק. פונדעסטוועגן רעדט סידני וועלער איצט ווי אַ שליח פון אַן אל קנא. אין זכרון איז אויפגעשווומען ווי דאָקטאָר וואָרמס האָט גע־וואָרנט, אַז אַן איינגעשרומפּן פאָלק קען רעדוצירט ווערן צו אַן עטנישער גרופּע. וואָרמס האָט געשטראָפט ווי אַ צאָרנדיקער מוכיח. איצט האָט איסר יאַגאָדען זיך אויסגעדוכט, אַז דער ניכטערער סידני וועלער וועט אַליין אַן אייפערדיקער שטראָפער. ער וואָרנט קעגן דער כפירה פון אונדזער דור.

זיי זענען אַרויס פונעם האָטעל־צימער. ווען סידני וועלער האָט געהאַלטן אין פאַרשליסן די טיר, האָט איסר יאַגאָדע אַ שלעפּ געטון רייזנערן צו זיך:

— סידני וועלער קאָכט ווי אַ ווולקאַן. אימיצער האָט אין אים אַריינגע־בלאָזן פייער... ביז איצט האָב איך אים געקענט פאַר אַ קילן מענטש.

— אַביסל פייער וועט אים טון אַ סך גוטס. זיין וועלט איז איצט פאַרלאָשן. בוירדי סאַרנאָף איז פון אים אַוועק. וואָרמס איז טויט. זעקס מיליאָן פון פאָלק פעלן... געבליבן איז בלויז דער קאַלטער פּראָיעקט פון אַ דענקמאָל...

איסר יאַגאָדע האָט דערזען אין רייזנערס אויגן די באַהאַלטענע פרייד, וואָס אַ מענטש האָט אויף יענעמס שאָדן. ס׳איז אים איינגעפאַלן אַ פרעג צו טון, צו ווען עס געהערט איצט בוירדי סאַרנאָף, אָבער ער האָט געשוויגן. נאָך אַ ווײַלע איז ער געקומען צום אויספּיר, אַז יעדער באַזיגטער האָט פרייד פון יענעמס שאָדן. אויך טילי האָט דערגרייכט דאָס העכסטע גליק ווען די פרויען, וואָס האָבן געוואָלט איר פאַרלויפן דעם וועג, זענען דורכגעפאַלן... דאָס איז עס! — האָט אַ שטומער זיפץ זיך געריסן פון זיין קעל — טילי האָט געוווּנען. דער שפּאַן איז געענדיקט. די גלוסטעניש זענען טויט. די דערשעפּטקייט פון אייגענעם קערפּער צווינגט אים זיך אָפּצוזאָגן פון אַלע פרי־ערדיקע באַגערן.

ער איז נאָכגעגאַנגען וועלערן מיט רייזנערן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די רויטע טעפּיך־אויסגעבעטע טרעפּ. צווי פאַרלאַנגען האָבן אים איצט באַהערשט: אָפּצושרייען דעם פּראָיעקט פון אַ קדושים־דענקמאָל און שטעלן אַ חופּה מיט טילין.

קאַפּיטל פינף און פופציק

— 1 —

טילי האָט געדונגען אַן אַפּאַרטמענט פון דריי צימערן אויף וועסט־ענד־עוועניו אין מאַנהעטן און באַצייטנס גענומען אַרומלויפן איבער די מעבל־גע־

שעפּטן. אַ טאָג נאָכדעם, ווי זי האָט אַרויסגעקראָגן איסרס צוזאָג צו שטעלן אַ חופּה, האָט זיך אויך אָנגעהויבן איר געיעג איבער די דעפּאַרטמענט־סטאָרס איינצוקויפן קליידער, וועש און אַנדערע זאַכן. קיין זאַך האָט איר איצט נישט געקענט פאַרשאַפן מער פאַרגעניגן, ווי דאָס איינהאַנדלען שטיקער מעבל און הויז־איינריכטונגען. טיליס פינגער האָבן געגלעט די וועש און קליידער מיט דעם ציטערדיקן באַריר פון אַ פרוי, פאַר וועמען די וועלט האָט אויסגעבעט אַ וואַרעמע נעסט. זי האָט געהאַט אַ באַגער אָנצופילן אירע שופלאָדן מיט זיידענע אונטערוועש און זאָקן, מיט נאַכט־העמדער פון ניילאָן און בלוזקעס, מיט שפּיצן און העפטערייען.

אין דעם אַרומלויפן איבער די ניו־יאָרקער מעבל־געשעפטן און קליידער־קראָמען האָט זי געשפּירט די ערשטע אויפרעגונג פון אַ כלה־מיידל, וואָס האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן אויפן טאָג פון איר חופּה און זי האָט זיך דערוואַרט.

און אום אויפצוהאַלטן אין זכרון פון קרובים און באַקאַנטע, אַז אַ כלה פאַרשפּעטיקט נישט, האָט טילי זיך פאָטאָגראַפירט אין פאַרשידענע פּאָזעס. די משפּחה האָט זי געזען אויף די בילדער אין אַן אָוונט־קלייד, אין אַ פוטער־מאַנטל און אַפילו אין אַ באַד־קאָסטיום. זי האָט געוואָלט דערמאָנען איסרן און די, וואָס האָבן איר נישט פאַרגונען, אַז די ליניעס פון איר מיידלשן קערפּער זענען נאָך נישט פאַרווישט. טראָץ אירע ליידן האָט איר יוגנט נישט אינגאַנצן פאַרבליט. ס'איז געבליבן די פרישקייט פון איר הויט און ס'איז געבליבן דער איינשניט אין איר טאַליע, כאָטש ביי אַנדערע פרויען, וואָס פאַרן אַריין אין די פערציקער, ווערן די פיגורן צעגאָסן.

אַ טאָג האָט געיאָגט אַ טאָג און טילי איז געווען זיכער מיט איסרס וואָרט, ווי מיט אַ פאַרטיקער כתובה. ער אַליין איז פאַר איר איצט געווען אַ קוראַנטער וועקסל מיט דעקונג, אַ שטיק אייגנס, וואָס זי קען מער פון זיך נישט אָפּשיידן. זיינע שולדן און זיינע פאַרדינסטן האָט זי אַרויפגענומען אויף איר אייגן קאָנטאָ־בוך מיט דער געניטשאַפט פון אַ באַלעבאָסטע, וואָס מאַכט אָרדענונג אין איר ווירטשאַפט. זי האָט אָפּגעגעבן מיסעס סאַלאַנט איר חוב נאָך איידער איר טאָכטער איירין האָט זיך באַוויזן אַ צווייטן מאָל. טילי האָט אויסגעצאָלט פון איר קאַסע ביז צו דער לעצטער פּעני און פאַרזאָגט איסרן מער נישט צו שפּעקולירן אויף וואָל־סטריט, ווייל ער האָט נישט די מעלות פון אַ געשפּאָלטענער פּער־זענלעכקייט צו טאַנצן אויף צוויי חתונות. דער כלל־טוער און דער שפּעקולאַנט קענען זיך נישט האַלדזן ווי אַ פאַרליבט פּאָרל.

אין טיליס אומרו איז געווען אַ פלאַטערדיקע פרייד. איר אויסרייד האָט זיך געלוינט. די פאַרשפּעטיקונג דורך די אַלע יאָרן איז געוואָרן פאַרגיטיקט. יעדער גאַנג ביז איצט איז געווען מיושבדיק און יעדן צוג האָט זי געשטעלט מיט באַלאַנסירטער געשיקטקייט. אַלע קאָנקורענטקעס זענען געווען אָפּגערוימט. אַפילו מיסעס סאַלאַנט האָט פאַרשפּעטיקט דעם לעצטן סקאַנדאַל. זי האָט נישט געקענט קומען און קלאַפּן אין טיר מיט אַ מאַנונג: ביי מיר האָט ער געליִען געלט און דאַנקבאַר וועט ער זיין צו אַן אַנדערער?

טילי האָט געוואָלט באַשטימען די חתונה אויף ניי־יאָר, אָבער אינמיטן

נאָוועמבער איז דאָס הויז שוין געשטאַנען איינגעריכט פּיקס־און־פּאַרטיק. וואָס נענטער ס'האָט אָנגערוקט דער חופּה־טאָג, אַלץ שטאַרקער האָט איר האַרץ גע־צאַפּלט מיט פיבער.

הינטער אַלע אירע אָנונגען און פאַרדאַכטן האָט פאַר זיך געררוימט אַ וועג די זיכערקייט, אַז זי וועט איר געווינס נישט אויפגעבן. אַלע פאַרזאָגונגען פון די מענער, די באַרימער זענען דורכגעפאַלן. זי האָט זיך דערוואַרט אויף איר צווייטן יוגנט־פּאַראַד.

פון איר שוועסטער ליליען האָט טילי העכער אַ יאָר נישט געהערט, אָבער אַ קרובה אין פּענסילווייניע האָט איר געשריבן, אַז ליליען האָט גליקלעך חתונה געהאַט מיט אַן עלטערן פּאַרמער, וואָס פאַרמאָגט אַ פּאָר הונדערט אַקער לאַנד. טילי האָט נישט געטראָגן קיין כעס אויף איר שוועסטער, און די נייעס וועגן איר הייראַט האָט אין איר אַרויסגערופן אַ טיפע באַרויקונג. ליליען איז געווען אַן איינזאַמער מענטש, אָבער זי האָט אַלע יאָרן צופיל געליטן פון נישט פאַר־גינערײַ און איינגערעדטע פאַרפאַלגונגען. אין דער עלנטער וועלט, ווו עגאָיזם איז סיי רעכט און סיי מאַכט, האָט ליליען קיינמאָל זיך נישט באַנוגנט מיט אַ נעסט, נאָר געוואָלט בויען פאַר זיך אַ פעסטונג.

טילין האָט אָפּגעגליקט, וואָס די חשבונות מיט איר שוועסטער זענען נאָך פון פריער געווען אויסגעגלייכט, און די צעטיילונג פון דעם פאַרמעגן איז דורכ־געגאַנגען אָן קריגערייען. נאָך אַלעמען, האָט ליליען בלויז געוואָלט איר חלק פאַרזיכערונג. די עלטערן מעגן שלאָפן רויק אין קבר. יענע וועלט איז זייערס און אויף דער וועלט זענען טילי מיט ליליענען נישט געבליבן עלנט.

ווי אַ בין אַרום איר קעניגרייך, אַזוי איז טילי געווען פאַרטון מיט בויען איר היים. דער אַפּאַרטמענט אויף וועסט־ענד־עוועניו איז געווען אויפן פינפטן שטאָק און האָט אַרויסגעקוקט צום האָדסאָן. דורך די פענצטער האָט מען גע־קענט זען דעם פלאַקערנדיקן ניו־יאָרקער זון־פאַרגאַנג און דעם שיטערן רויך פון די דאַמפער־שיפן, וואָס האָט זיך געדעדלט צו די ברעגן פון ניו־דזשוירזי. טילי האָט געזאָרגט, אַז דער אַפּאַרטמענט זאָל זיין אַ שטילע, וואַרעמע נעסט. אונטער איר דאַך טאָר נישט הויערן קיין פיין און קיין קוועלעניש. די ווענט האָט זי געלאָזט אויסקלעפן מיט גרינלעך־גאָלדיקע טאַפּעטן און די טיש־לאָמפן האָבן געמוזט איבערגעדעקט ווערן מיט כינעזישע אַבאַזשורן. זי האָט אַריינגע־שטעלט אַ נייעם פייער־קאַמין. זי האָט געהאַט אויפן קאָפּ איסרס געשמאַק פאַר יידישע אַנטיק־זאַכן נאָך פון רייטשלס הויז און זי האָט אויסגעשטעלט חפצים איבער אַלע שטיקער מעבל: אַ מנורה, אַן אתרוג־פּושקע, אַ כוס אליהו פון קרישטאָל, גרויס ווי אַ קרוג. אַפילו אַ חלף און אַ מוהל־מעסער מיט בראָנזענע הענטלעך האָט זי אַריינגעלייגט אין דעם זילבערוואַרג־שענקל. און אום די אַט־מאָספערע זאָל אים וויל דערמאָנען עפּעס פון נאָרפאָלק־סטריט, האָט זי פאַר אים געקויפט אַ חלה־צודעקעכץ מיט קאָלירטע ירושלים־ אויסנייעכצער. פאַר זיך האָט טילי איינגעהאַנדלט אַ פּערסישן שאַל פאַר די ימים־נוראים אין שול.

איסר יאַגאַדע האָט זיך נישט געטראָפן מיט יואל באַלזאַמען. טילי האָט געמיינט, אַז ס'איז צווישן זיי אַ ברוגז און זי איז געווען צופרידן פון דעם ריס.

דאָס האָט דאָך דער לאַנדסמאַן אים אַריינגעפירט אין דער צרה מיט מיסעס סאַלאַנט! וואָס נעענטער זי האָט איצט זיך צוגעקוקט צו איסרס פירונגען, אַלץ זיכערער איז זי געווען, אַז זי אַנטדעקט אין אים נייע מעלות. די אַלטע חסרונות האָט זי, ווי יעדע פרוי, וואָס פאַרבייט פאַרדאַכט אויף אינטואיציע, אויך נישט פאַרזען. ס'איז איר איינגעפאַלן, אַז כאָטש איסר איז אַ שטאַנדהאַפטיקער כאַראַקטער, פונדעסטוועגן ליגט טיף אין אים באַהאַלטן אַ מענלעכע שעמעוודיקייט. ער קען זיך פאַרגינען צו זיין צומאָל ציניש, ער קען אָנגרייפן זיין קעגנער, אָבער קעגן אַ שמייכל פון אַ פרוי האָט ער, ווי די מערסטע מאַנסלייט, נישט קיין ווידערשטאַנד.

טילי האָט אויסגערעכנט, אַז זיין מאַנסבילשע נאָכגעביקייט האָט געפירט, ער זאָל זיך פאַרוויקלען מיט יאַדזשאַן און זיך לאָזן אַרומפירן ביי דער נאָז פון מיסעס סאַלאַנט. זי וואָלט בעסער פאַרטראָגן, אַז איר מאַן זאָל זיין ברוטאַל, סאַדיסטיש, איידער צו גילטן ווי אַ ווייך לעמעלע פאַר יעדער אַרומלויפערקע. טילי האָט געוווסט, אַז איסר טראָגט זיין כבוד אַזוי ווי אַן ערנהאַפטיקער ריטער פלעגט טראָגן זיין שווערד. ער שפּילט נישט אין קאָרטן, טרינקט נישט און רויכערט נישט, אָבער ווען עמיצער באַליידיקט זיינע פירונגען, קעמפט ער פאַר זיין ווירדע. דאָס איז אפשר איינע פון זיינע שוואַכקייטן, וואָס ס'איז שווער ביי־צוקומען און זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אויסצונוצן זיינע שוואַכקייטן אין אויס־טויש פאַר אירע לאַסקעס.

איסר יאַגאָדע האָט נישט באַנומען פאַרוואָס טילי האָט זיך צוגעאיילט מיט דער הויז־איינריכטונג. צו ניי־יאָר איז נאָך געווען זעקס וואָכן און ביי איר האָט שוין אויסגעזען ווי אַ שעה פאַר דער חופּה. אַלץ איז געשטאַנען פיקס און פאַר־טיק ווי די כתובה וואָלט שוין געלעגן ביי איר אין האַנט־בייטל. יעדעס צימער איז געווען אויסמעבלירט, יעדע שאַפקע פאַרפולט, יעדע שופלאָד אָנגעשטאָפּט. איז זי טאַקע אַזוי זיכער, אַז ער טאָר נישט האָבן קיין חרטה? — איז אים דורכ־געלאָפן אַ געדאַנק — נאַרישקייטן! זי האָט מיך שוין אין זאַק! כ'בין צו מיד צו מאַכן נייע קאָזשעלקעס. טילי קען צוימען אַ מאַנסביל ווי מ'צוימט אַ גוט־טרענירטן לייב. אין איר פינטל פון אויג ליגט די קאָרט פון מיין לעבן: דער פריִער, דער איצט און דער שפּעטער...

איסרן איז נישט אַרויס פון זכרון, אַז מ'דאַרף איבערוואַרטן אַ פול יאָר נאָכן ווייבס טויט. וואָס וועלן מענטשן רעדן? דאָס מאָל וועט ער זיך נישט רע־כענען מיט די בייזע לשון־הרע־מיילער. זאָלן זיי רעדן! ער איז סיי ווי נישט געוואָרן אַן אָבל מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. אַז מ'וויל חשבונען איז רייטשל שוין געווען פאַר אים טויט אַ שיינע פּאָר יאָר...

ס'איז שוין געווען אינמיטן נאָוועמבער פון יאָר ניינצן זיבן און פערציק, אָבער דער אינדישער זומער האָט נאָך געוואַרעמט די מויערן פון ניו־יאָרק מיט די קילע פייערן פון שפּעטן האַרבסט. די פאַרנאַכטן האָבן זיך געטונקען אין גראַנאַט־בלויקייט. די וואָלקן־קראַצערס זענען געווען אָפּגעגאָסן מיט פלאַקער־דיקע זון־פאַרגאַנגען. די גאַנצע וועלט האָט זיך איבערגעקאָכט אין די געדערים פון דער מיליאָניקער שטאָט. אין דער געביידע פון די פאַראייניקטע פעלקער,

אין לעיק־סוקסעס, האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די ריכטער פֿון דער וועלט איינצושטעלן אייביקן שלום. די שוואַכע פֿעלקער האָבן געפֿאָדערט שוץ. די שטאַרקע האָבן זיך געאַמפּערט איבער גרעניצן און די גרויסמאַכטן האָבן זיך נישט געקענט איינטיילן מיט דעם רייכטום פֿון דער ערד. און אינמיטן האַרמידער האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק געוואַרט אויף פֿאַרגיטיקונג פֿאַר דעם פֿאַרלוסט פֿון אַ דריטל פֿון זיינע קינדער.

הינטערן ווייטן גערויש פֿון די פֿאַסירונגען, פֿון וואָס די וועלט קנעט און פֿורעמט איר געשיכטע, איז איסר יאַגאָדע געקומען צו דער אויסדוכטעניש, אַז באָכדעם ווי ער וועט זיך באַפֿרייען פֿון די יאָגענישן נאָך עולם־הזהדיקער פֿרייד, וועט זיין לעבן ווערן געלאַסענער. מיט טילין ביי זיין זייט וועט ער האָבן רו און זיכערקייט. ער שטעקט אין די יאָרן, ווען פֿירונגען און מעשים מוזן באַגלייט ווערן מיט ווירדע. פֿערזענלעכע פֿרייד איז נאָך אַלעם אַזוי מינדערווערטיק, ווי טרויער. ביידע זענען קינדער פֿונעם יצר־הרע. אין דעם בלוט און פֿייער פֿון די שלאַכטן צווישן פֿעלקער, דאַרף געבוירן ווערן אַ נס פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. איין פֿאַרמעסט, איין פֿליכט שטייט איצט פֿאַר יעדן ייִד. די, וואָס האָבן אויסגעמיטן די קאַטאַסטראָפֿע, מוזן איבערבויען דאָס לעבן פֿון די רעשטלעך פֿון ישראל.

נאָך אַלע קווענקלענישן און צעגערנישן האָט איסר יאַגאָדע אויסגערעכנט, אַז דער מבול איז אַריבער. די פֿאָראויסזאָגונג פֿון בעל התהילים: ימטר על רשעים פחים אש וגפרית ורוח זלעפות מנת כוסם... איז מקוים געוואָרן. היטלער איז טויט, זיינע שטעט ליגן פֿאַרוויסט. פֿעלקער אַמפּערן זיך איבער דער חלוקה פֿון ארץ־ישראל, אַפֿילו די האַרטנעקיקע צווישן די גויים האָבן איינגעזען, אַז דאָס פֿאָלק, וואָס איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט, מוז מען לאָזן צוריקנעמען דאָס לאַנד, וואָס קומט אים. די ירושה האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט, אָבער די יורשים זענען דאָ. און ווידער זאָגט עדות דער בעל התהילים: כי אלוקים יושיע ציון ויבנה ערי יהודה וישבו שם וירשוה וזרע עבדיו ינחלוה... אין לעיק־סוקסעס זיצט דער טריבונאַל פֿון פֿעלקער. די שופֿטים לייגן די היסטאָרישע זכותן אויף דער וואָגשאָל, אַלץ גייט לויט דער פֿאָראויסבאַשטימונג: ציון במשפט תפדה...

טיילמאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער דערהויבט זיך איבער אַלע צופֿאַלן פֿון זיין עקזיסטענץ. און ס'וועט אים נאָך באַשערט זיין צו ווערן אַן עדות פֿון אַ געשעעניש, אויף וועלכער דורות ייִדן האָבן זיך אויסגעקוקט די אויגן. פֿונדעסטוועגן, אינמיטן אַלע אויסדוכטענישן, האָט ער פּלוצים אָנגעהויבן מישן אין זכרון צי ער האָט אין דער איילעניש זיך אַליין נישט באַרויבט פֿון פּריווילעגיעס: פֿאַרוואָס האָט ער דער אומגעדולדיקער טילי אַזוי פֿלינק נאָכגעגעבן? איז די פֿרומע טילי טאַקע בלויז יראה און די לעסטערנדיקע יאַדזשאַ איז פֿול מיט טומאה?

ער האָט געוווּסט, אַז עס איז צו שפּעט פֿאַר קווענקלענישן. ער האָט פֿאַר זיך געהאַט אַ נייע, אויסגעבעטע וועלט. די אַלטע באַריערן זענען צעפֿאַלן און קיין נייע צוימען האָט נאָך קיינער נישט אויפֿגעשטעלט. פֿון רייטשלס משפּחה איז ער אַרויסגעפֿאַלן, ווי ער וואָלט קיינמאָל דאָרט זיך נישט אָנגעקערט. נייטן האָט אים פֿאַרגעסן און זיין געליבטע, פֿרענציס, האָט אים מער נישט באַטראַכט

ווי אַ שונא. מען האָט אים נישט פֿיינט און מ׳האָט אים נישט ליב. פּעני איז מער נישט געקומען זיך באַקלאָגן וועגן דעם הינטערשטעליקן פּראָצעס פֿון פּרויען־עמאַנציפּאַציע און דאָקטאָר ראַלף פֿאַרבער האָט מער נישט געהאַלטן קיין פּסיכאָ־אַנאַליטישע לעקציעס איבער די מינים.

איסר יאַגאָדעס שטומע טענות האָבן געזוכט אַ פּאָר אויערן און ס׳איז אים איינגעפֿאַלן ווידער זיך צו טרעפֿן מיט יואל באַלזאַמען. וואָל־סטריט איז געווען פֿאַרגעסן און מיסעס סאַלאָנט איז אַרויס פֿון זיין געדעכעניש. מיט סידני וועלערן און רייזנערן האָט ער אַרומשפּאַצירט אין דער קהלשער וועלט, אָבער יואל באַל־זאַם איז געבליבן דער נאָענטער מענטש, צו וועמען ער האָט געקענט רעדן פֿון האַרץ צו האַרץ. פּאָר טילין האָט ער אויסבאַהאַלטן, אַז ער גייט זיך טרעפֿן מיט זיין לאַנדסמאַן און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז פֿון איצט אָן וועט אים אויסקומען צו היטן זיך מיט אַ סך פֿון זיינע געגנלעך. אויפֿן טעלעפֿאָן האָבן ביידע אָפּגערעדט צו פֿאָרן אין קאָני־איילאַנד און פֿאַרברענגען אַ נאַכט אין דער טערקישער באָד. אים, איסרן, וועט די פּאַרע לייכטער מאַכן די ברעכענישן אין די ביינער, און באַלזאַמען וועלן די מאַסאַזשן העלפֿן אַראָפּוואַרפֿן איבעריקע וואָג.

צומאָרגנס, פֿאַרנאַכט, האָבן זיי זיך געטראָפֿן אויף דילענסי־סטריט, נעבן דער וויליאַמסבורגער בריק. ווי יעדעס מאָל פֿריִער, האָבן זיי אויך איצט ליב געהאַט זיך צו באַגעגענען אויף דער איסט־סאַיד. אָנשטאָט צו נעמען די סאָבווי ביז ברוקלין האָבן זיי אויף עסעקס־סטריט זיך אַריינגעזעצט אין דער סטריט־קאַר, וואָס פֿאָרט אַריבער די אַלטע בריק. ווען די צווי רויטע טראַמוואַי־וואַגאָ־נען האָבן אָנגעהויבן קלעטערן אַרויף צום אַריינפֿאָר פֿון דער בריק, האָבן פֿון הינטערווײַלעכץ זיך געגומען אַרויסרוקן האָוסטאָן־סטריט, די בוֹיערי.

די זון האָט זיך געהאַלטן ביים זעצן. איבערן הימל האָבן געברענט פֿייער־לאַוועס. די בריק, געפֿלאָכטן פֿון שטאָל און אייזן, האָט זיך געצויגן ווי אַ בויגן אַריבער דעם איסט־ריווער, וואָס איז איצט געווען אָן קאָליר. דאָס וואַסער האָט אויסגעזען ווי באַדעקט מיט שיכטן גלאָז. איבער ביידע ברעגן טייך זענען גע־לעגן אויסגעשאָטן די צווי שטאָט־טיילן, מאַנהעטן און ברוקלין, ווי קופּעס הייַ־זער מיט אַראָפּגענומענע דעכער.

— 2 —

איסר יאַגאָדע האָט געקוקט הינטער זיך ווי אין אַ ווייטן נעכטן אַריין. ביי אים האָט די אַלטע האָוסטאָן־סטריט אויפֿגעטויכט ווייטע דערמאָנונגען. אַמאָל איז דאָס געווען די גאַס פֿון פּאַרווײַלונג אויף דער איסט־סאַיד. דאָ, אין די קיי־בעצאַרניעס האָט ער זיך געטראָפֿן מיט שדכנים און מוהלים. דאָ האָט ער פֿאַר־האַנדלט מיט חזנים און געפֿירט ברוגזן מיט די כלי־קודש, וואָס האָבן פֿאַר־כאַפּט אַלע קאָנגרעגיישאָנס. איצט האָט מען דאָ אַרונטערגעריסן די ענגע, אָפּ־געשאָסענע הייזער און מ׳האָט אָפּגעווישט די קאָלירן פֿון דער געגנט. ס׳האָבן אויסגעוועפּט די ריחות פֿון די ווײַנקעלערס און ס׳זענען אויסגערונען די גערוכן פֿון די ביר־הייזער. האָוסטאָן־סטריט איז איינגעוויקלט אין מעשהלעך ווי אין בלו־

מען־קרענץ, אין די פֿאַררויכערטע פּרעס־הייזער האָבן ייִדישע אַקטיאָרן געשפּילט קאָרטן און געשלאָגן זייערע קאָנקורענטן. יונגע חזנים האָבן אויספּרובירט זייערע כּלי׳ס. וואָרזאָגערינס האָבן אַראָפּגעלייענט פֿון די האַנט־ליניעס. וואָדעוויל־טענצערס האָבן זיך געהאַלדזט און געטרונקען ברודערשאַפֿט ווי עכטע רוסישע פֿאַרלאָרענע נשמות.

דער טראַמוואַי איז געלאָפֿן איבער דער בריק און ביי איסר יאַגאָדען זענען אין זכּרון נאָכאַנאַנד אויפֿגעשווומען דערמאָנונגען. מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט ער זיך געוואָלט דערשלאָגן צו אַן עמוד און ער האָט אַרומגעזוכט די שול־פּרעזידענטן אין דעם אונגאַרישן רעסטאָראַן „ליטעל האָנגערי״. אָפּעראַ־זינגערס זענען אַהינצו געקומען אין זייערע צילינדערס נאָך דער פּרעמיערע און פּרעזידענט טעדי רוזוועלט האָט דאָרט אַ פּאָר מאָל געגעסן גולאַש. איצט איז יענע אַלטע האוסטאָן־סטריט פֿאַרשוווּנדן. אָפּגעשוווּנדענע הייזער זענען נישט קיין קמיעות, וואָס מ׳דאַרף אָפּהיטן. פֿון דער אַלייע פֿון פֿאַרווײַלונג איז געוואָרן אַן אָפֿענער דורכגאַנג־וועג. אַרום וויקלען זיך קנופּן מיט געסלעך, געדיכט באַוווינט מיט איטאַליענער. נישטאָ די פֿאַררויכערטע קאַפֿע־הייזער. ס׳איז פֿאַרשוווּנדן דער אונגאַרישער רעסטאָראַן, עס זענען אויסגערויכערט געוואָרן די דײַטשע בירהייזער, ווו ייִדישע מענטשן האָבן אײַנגעשטעלט אויף פֿערדלעך. געבליבן אויף האַוסטאָן־סטריט איז בלויז די לעצטע אַכסניא: משה שימל מיט זײַן קנישעס־קראָם.

יואל באַלזאַם איז געזעסן אין דער סטריט־קאַר נעבן זײַן לאַנדסמאַן מיט אַ פֿאַראומערטן בליק. זײַן רויטלעך פּנים, פֿאַרזייט מיט שפּרינקעלעך, איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ בלאַסקייט. אין די גרינע אויגן, הינטער די געשליפֿענע גלעזער, איז געלעגן אַ משונהדיקע מאַטקייט. עפּעס האָט די שטענדיקע לוסטיקייט פֿון אים איצט זיך אָפּגעטון. ער האָט אַלץ געוווּסט, כאָטש פֿון איסר׳ס מויל האָט ער ווייניק געהערט. ער האָט געקוקט אויפֿן טײַך און אויפֿן פֿלאַמענדיקן הימל דורך דעם שטאָל און אײַזן־געפֿלעכט פֿון דער בריק און אויפֿן קאָפּ האָט ער געהאַט איין זאָרג: וואָס איז געווען דאָס אײַלעניש ביי איסרן? האָט ער ביי זײַן עלטער זיך פֿאַרליבט אין טילין, אָדער איז דאָס דער חשק צו אירע ממתּקים? ס׳איז דאָך אמת, אַז ווען מ׳שפּרינגט אַריבער די מיטעלע יאָרן, איז די תּאווה אָפּטמאָל גובֿר דעם שׂכל. פֿונדעסטוועגן האָט ער איסרן געהאַלטן פֿאַר אַ מיושבֿדיקן מענטש. ער האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ מינע, וואָס האָט געמיינט סיי באַדויערונג, סיי פֿאַרשטענדעניש. ער האָט זיך אָנגערופֿן:

— נו, כ׳זע, אַז אַלץ איז שוין פֿיקס און פֿאַרטיק, ביזט גוט אײַנגעפּעקלט. ווו וועסטו וווינען מיט דײַן נײַ ווײַבל?

— אויף וועסט־ענד־עוועניו.

— ס׳איז די אמתע געגנט! די ווײַבער שפּילן דאָרט ברידזש און די מענער שטעלן זיך אײַנמאָל אַ יאָר צו תּשליך בײַם האָדסאָן...

— אויף דײַנע גאַסן האָסטו אַ בעסערע ייִדישקייט? ביי דיר אין די בראָנקס האַלטן די ייִדן זייערע עבֿירות אַ גאַנץ יאָר אין די הויזן־קעשענעס. נישטאָ אַפֿילו קיין טײַך אין דײַן געגנט, איז מען פּטור פֿון תּשליך... אַזוי צו אַזוי, יואל, וועסט

סיי ווי קומען צו אונדז צו־גאַסט. פאַרלאָז זיך אויף טילין. זי׳ט שוין אויסגעקליבן אַן אַפּאַרטמענט אין דער ריכטיקער גאַס...

— ביזט באַצייטנס אַ מאמין אין דיין עזר כנגדו, וואָס? ס׳זעט אויס, אַז מיר ווערן אַלט, איסר. אַמאָל האָבן מיר זיך געמעגט פאַרלאָזן בלויז אויפן באַשעפער אין הימל און אונדזער מדריך איז געווען דער בעל־התהילים ישׂראל בטח בה׳ עזרם ומגינם הוא...

איסר יאַגאָדע האָט נישט געוווסט צו וואָס ער מישט דאָ אַריין דעם בעל־התהילים אויפן וועג צו דער טערקישער באָד. ביי דעם יואלן איז אין אַלץ דאָ אַ חשבון. ער לייגט אַרויף אויף די ליפּן יראה, איידער ער גרייט זיך אויסצושמירן זיי מיט אַביסל טומאה. ער האָט אים געוואָלט עפּעס אָפּענטפערן. די סטריט־קאַר האָט מיט־אַמאָל זיך אַ טרייסל־געטון און געבליבן שטיין אין אַ טונעל. די לעמפּלעך האָבן זיך פאַרלאָשן און זיך אָנגעצונדן. באַלד האָבן די וואַגאָנען ווידער זיך גע־רירט. יואל באַלזאַם האָט פון דער זייט באַדעכטיק אָנגעקוקט איסרן.

— ס׳איז דאָך שוין צו־שפּעט אָפּצוּרעדן דיך פון טילין, איסר. נאָר מ׳וואָלט נישט געדאַרפט אינגאַנצן אַוועקמאַכן מיט דער האַנט מיסעס סאַלאַנט...

— מ׳קען נישט אַלץ אַריינכאַפּן. ס׳לעבן איז קורץ.

ביידע האָבן הינטערליסטיק זיך איבערגעקוקט. אין די אויגן האָט אויפ־געהעלט דער שיין פון יענע פלעמלעך, וואָס טליִען ביי אַלטע בעלי־עבירהניקעס. איסר האָט אַ ווײַלע נישט באַנומען, וואָס יואל מיינט. צי האָט ער געדאַרפט מיט דער פרוי זיך אַביסל אַ שפּיל טון, אָדער אינגאַנצן אויסבייטן זי אויף טילין? דוכט זיך, אַז עפּעס דריקט אים, יואלן... ער איז אוודאי געקומען צו יענעם מעמד, ווען אַ מאַנסביל טראַכט, אַז מאָראַל קען, אין לעצטן סך־הכל, נישט זיין מער אָנציִענדיק ווי פיזישער רייץ. ער האָט אים באַטראַכט מיט אַ פּאָר שפּאַ־סיקע אויגן.

— איך און דו האָבן מיר פאַרשפּעטיקט מיט אונדזערע גלוסטעניש, יואל. די ערשטע אויפרעגונגען זענען שוין לאַנג פאַרלאָשן. דער פיבער, וואָס מ׳האָט אין די צוואַנציקער יאָרן, קען נישט וואַרעמען די מאַנסבילן, וואָס מוזן אָנקומען צו די טערקישע בעדער...

— די צרה מיט אונדז איז, וואָס מ׳האַלט זיך אין איין אונטערשאַצן, איסר... דער זכר איז נאָך אַלץ דאָס אויבערשטע פון שטויסל. ווען גאָט איז פאַרטיק גע־וואָרן מיט דער ווירטשאַפט אויף דער וועלט, האָט ער באַשלאָסן צו באַשאַפן דעם מענטש, וואָס זאָל געוועלטיקן איבער דעם באַשאַף... מ׳האָט געדאַרפט אַ באַ־לעבאָס איבער אונדזער וועלטל! דאַרף איך דיר דען דערמאָנען, אַז דער מאַנס־ביל איז די קרוין פון דער יצירה? כ׳קען ברענגען עדות, וואָס זאָלן דאָס באַשטע־טיקן. דער שטאַרקסטער זכר איז געווען נישט שמשון הגיבור, נאָר יעקב אבינו... דער נביא הושע אַליין זאָגט וועגן יעקבן, אַז אין דער מאַמעס בויך האָט ער אָנ־געכאַפּט דעם ברודער עשיוס פּיאַטע און ווען עס האָט זיך אין אים אָנגעגאָסן די מאַנסבילישע גבורה, האָט ער זיך געראַנגלט מיט אַ מלאך און ר׳איז אים אויך בייגעקומען...

קאַפּיטל זעקס און פופציק

— 1 —

די סטריט־קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף יענער זייט מאַנהעטן־בריק. די קוואַרטאַלן אין ברוקלין, לענג־אויס דעם איסט־ריווער, זענען געווען געמישטע, אַלטע און ניי־אויסגעבויטע. איסר יאַגאָדע האָט געוווסט, אַז יואל באַלזאַם האָט נאָך נישט אָפּגעזאָגט זיין ביסל לומדות, אָבער זיי האָבן געמוזט אַרויס אין גאַס און זיך איבערזעצן אין דער סאָבוויי־באַן, וואָס לויפט קיין קאָני־איילענד. נאָך צוואַנציק מינוט פאָרן זענען זיי אַרויס אויף סטילוועל־עוועניו. ס׳איז געווען אַ וואַרעמער פאַרנאַכט. פון ים האָט געבלאָזן אַ לינדער ווינט פון די לעצטע אינדיאַנער זומער־טעג. דאָס אָפּגעקילטע פייער פון דער זון איז אויסגערונען. קאָני־איילענד איז געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. די מערסטע שפּיל־פּלעצער זענען שוין געווען פאַרשלאָסן, אָבער אויף יעדן בלאָק אויף סוירף־עוועניו איז נאָך געווען אַן אָפענע טיר, וואָס האָט איינגעלאַדן פאַרשפּעטיקטע מענטשן, וואָס זוכן נאָך פאַרווייַלונג אויף דעם לוסטיקן אינדזל.

ביידע האָבן איצט געשוויגן. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ קאַרוסעלע מיט קאָלירטע פערד, לייבן און לעמפּערטן. איסר יאַגאָדען איז איינגעפאַלן, אַז די וועלט דרייט זיך אַרום דעם קאַלענדאַר ווי אַ קאַרוסעלע. ס׳איז דער אמת, וואָס ער האָט אַמאָל אַריינגערעדט אין יאַדזשאַס חתן, נאָכדעם ווי יענער איז אַראָפּ פון שיף. ווען דער צייט־רעגיסטער ווייזט דעם זעקסטן חודש פון יאָר, הויבן זיך אויף מענגעס ניו־יאָרקער און אַנטלויפן פון די אָנגעגליטע מויערן. מ׳פאַרלאָזט די בבל־טורעמס, וואָס בויערן לעכער אין די הימלען און מ׳טראָגט זיך צו די ים־ברעגן. דער פאַרהאָרעוועטער מענטש, וואָס האָט מורא פאַר וועלט־אונטערגאַנג, זוכט נאָך אַלץ ברויט און פאַרווייַלונג. די ליכטער פון קאָני־איילענד ווינקען פאַרפירעריש. די באַלויכטענע שפּיל־פּלעצער שלעפּן דאָס פאַרשוויצטע ניו־יאָרק צו די געהיימע קאַמערן.

איסר יאַגאָדע האָט געקוקט אויף זיך ווי ער וואָלט געווען אַ פּאַסאַזשיר, וואָס איז אַריינגעפאָרן אין די בערג אויף וואַקאַציע און ער האָט שוין געטראָפן די ביימער אויסגעטועטע און די לעצטע קאָרטן־שפּילער אין די האָטעלן זענען שוין אַוועק... צווישן די פאַרמאַכטע סאָדע־שטעלן, קיאָסקן מיט הייסע ווורשטלעך און שיס־הייזער האָט זיך אַרויסגעזען אַ מויער מיט אָנגעצונדענע נעאָן־ליכט. די פראָנט־וואַנט איז געווען באַמאָלט מיט שלאַנגען, אינדישע פאַקירן, ים־נימפעס און אויסטערלישע פאַרזעענישן. אין אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַן אַרויסרופער מיט אַ קאָלירט מיצל אויפן קאָפּ ווי אַ פּורים־שפּילער. ער האָט עפּעס אַריינגעגאָרגלט אין מיקראָפאָן, גערופן די איינצלנע פאַרבייגייער און זיי צוגעזאָגט צו ווייזן אינעווייניק די געהיימנישן פון די האַרעמס אין באַגדאַד און אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זיין בויך־שטים האָט פאַרטשעפּעט ווי אויף אַ ווענטקע דאָ איינעם און דאָרט אַ צווייטן. ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ שיטער רעדל מיט מענטשן. דער אויס־

רופער האָט געקראָגן קוראַזש. ער האָט געצויגן פון זיין צונג צוזאָגן ווי אַ שוואַרצ־קינצלער ציט סטענגעס. זאָלן נאָר די פאַרבייגייערס קויפן בילעטן און אַריבער־טרעטן די שוועל:

— לײדיס און דזשענטעלמען! בלויז פאַר דרייסיק סענט איינטריט־געלט וועט איר דערגיין די סודות פון דעם לעצטן סולטאַנס פּאַלאַץ... פאַר בלויז דריי דאַימס וועט איר זען קלעאָפּאַטרען און שעכערעזאַדען... ווער איז נישט נייגעריק אָנצוקוקן די שלאַנג פון נילוס, וואָס האָט דערשטיקט קלעאָפּאַטרען? די גיפטיקע שלאַנג איז אַלט זיבן טויזנט יאָר... און ווייזט מיר דעם מענטש, וואָס וויל זיך נישט באַקענען מיט ראַספּוטינען, דעם רוסישער פּויער, אין וועמען די צאַרינע איז געווען פאַרליבט?

דער אויסרופער האָט זיך אויסגעשריִען די קעל, אָבער קיינער האָט נישט געקויפט קיין בילעטן. ער האָט טרויעריק זיך איבערגעקוקט מיט דעם פלגעמאַ־טישן קאַסירער, וואָס איז געזעסן אין אַ בודקע הינטער אים. פּלוצים האָט ער אַ רוק געטון פון זיך דעם מיקראָפאָן און מיט אַ מבינישן בליק באַטראַכט זיין אויִ־דיענץ. ער האָט באַלד ווידער זיך צעשריִען מיט אַ באַנומען קול:

— היטלער אין אַ נודיסטן־קעמפּ! די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט פאַרכאַפּט בילדער פון היטלערן מיט זיינע זיבן ווייבער! בלויז פאַר דרייסיק סענט! קומט אַריין און זעט דעם גרויזאַמען וועלט־מערדער אין מאָמענטן פון זיין שוואַכקייט!

פונעם רעדל אַרויס האָבן זיך אויסגעשטרעקט הענט. מען האָט געשטופּט מטבעות דעם קאַסירער, וואָס האָט אין איילעניש גענומען אויסטיילן בילעטן. די נייגעריקע זענען פאַרשוווּנדן הינטער אַ שווערן פאָרהאַנג.

יואל באַלזאַם האָט אָנגעקוקט איסר יאַגאָדען מיט לוסטיקע אויגן, וואָס האָבן אָפּערגעשמייכלט פון הינטער די געשליפענע גלעזער. ביידע האָבן איצט זיך אַרומ־געזען, אַז פאַרזאָרגטע מענטשן זענען שפּיל־קינדער, וואָס האָבן ליב צו פאַרווײלן זיך מיט גרויזאַמע בילדער.

זיי האָבן זיך אַריינגעדרייט אין אַ געסל, וואָס האָט געפירט צו דער ברעטער־בריק לענגאויס דעם ים־ברעג. אין אַ ברייט שוי־פענצטער האָבן דריי וואַקסענע מאַלפּעס מיט בערד געשפּילט ביי אַ טישל קאָרטן. אויף אַ ליידיקן פּלאַץ האָבן אַ פאָר קורצגעוויקסיקע ברוינע פערדלעך געהאַרכזאַם געשלעפּט אויף זיך רייטער און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי געטון זייער באַדערפעניש. איבערן געזימס פון אַ קראָם, וואָס איז געווען פאַרהאַנגען מיט געבלימלטע גאַרדינען, האָט אַ שילד אָנגעזאָגט, אַז דאָרט פאַרנעמט זיך אַן אינדישער פאַקיר מיט גראַפאָלאָגיע און אַ שיינע ציגיינערין אַנאַליזירט דעם כאַראַקטער פון יעדן מענטש לויט די קנייטשן פון זיין דלאָניע.

ס'איז שוין געווען גוט פינצטער ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער טער־קישער באָד.

פונדערווייטנס האָבן געוווּנקען די ליכט פונעם ציקלאָן. אַ ריזיקער, אָנגעצונדענער שטערן האָט זיך געדרייט ווי אַ פלאַמענדיקע ווינטמיל. די אילומינירטע וואַגאָנען פון דעם „וווּנדער־ראָד" האָבן זיך נאָך געראָלט איבער די טונקעלע דעכער.

— 2 —

אין דער שוויצבאָד, צווישן וואָלקנס פּאַרע, האָט איסר יאַגאָדע זיך אַרומגעדרייט ווי אדם נאָך דער ערשטער בושה. פֿאַר אים איז גענוג געווען דער בלויזער שווייס, וואָס האָט אים באַגאָסן פון קאָפּ ביז די פּיס־קנעכלעך. אָבער יואל באַלזאַם איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ טיש און זיך געלאָזט מאַסאַזשירן יעדן ביין. די זיפּצענישן און אָכצענישן, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פון פאַרגעניגן, האָבן דערגרייכט די סטעליע, אָבער דער מאַסאַזשיסט האָט נישט אויפגעהערט פּינקטלעך צו פּויקן מיט זיינע האַרטע דלאָניעס אין זיינע ריפּן ווי אין אַ באַראַבאַן.

איסר יאַגאָדע האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם נאַסן וואָלקן איבער זיין קאָפּ. ער האָט איצט געשפּירט אי אַ דערלייכטערונג, אי אַ מידקייט אין די ביינער און זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיינערנער באַנק. די חמימה האָט אַרויסגעשלאָגן די כוחות פון גוף, אָבער אַלע גלידער זענען מיטאַמאָל געוואָרן לופטיקער.

ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז יעדע שוויצבאָד גיט אים צו אַ היפּש ביסל חיות. די שטראָמען הייץ בריען אויס אַלע מיחושן און דערלאָזן נישט צוריקקומען די שמערצן אין די נירן. ער האָט צוגעדעקט דאָס לייב מיט אַ ליילעך און מיט קנאה געזען ווי יואלס פולער קערפּער איז אויסגעשטויסן ווי ביי אַן אַטלעט. אָט דער יואל מוז האָבן די גבורה פון אַ שמשון! דער מאַסאַזשיסט צעברעכט אים די ריפּן און ער קרעכצט פון פאַרגעניגן. ער זעט אויס געזונט ווי אַ נוס! זינט ער געדענקט יואלן, האָט ער קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף אַ מיחוש. זיינע קינדער זענען פאַרזאָרגט, אין הויז איז שלום ושלוה. ביידע זענען, דוכט זיך, אין די זעלבע יאָרן, אָבער יואלס גוף איז אַ פעלדז און ער, איסר, שלעפּט אַ קערפּער, וואָס איז פעט און שלאַבעריק.

נאָכדעם ווי באַלזאַם האָט זיך שוין געטונקען אין זיבן שווייסן, האָט ער אַוועקגעשיקט דעם מאַסאַזשיסט און זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק לעבן איסרן.

— כ'האָב דיר עפּעס צו זאָגן, איסר.

— ווילסט זיך מתודה זיין?

— כ'האָב ביז איצט נישט אַלץ דערציילט, איסר. ס'האָט מיר נישט געפּאַסט... מיר קענען באַרעדן די וועלט און פאַרזאָרגן קהל, אָבער זיך אַליין פאַרזעט מען... ס'איז די מעשה מיט יענעם האַרץ־ספּעציאַליסט, וואָס פאַלט אַליין אַוועק פון אַן אַטאַקע אויפן וועג צום פּאַציענט... די ביזנעס מאַכן פאַרגעסן שטוב־צרות. דערוואַקסענע קינדער גייען אַרום אין הויז ווי שטומע שופטים... דער סוף איז, אַז מ'דריקט די קריוודעס אין זיך...

— וואָס, יואל? די פּאַרע קיצלט דיך אין האַלדז? שטאַמל נישט! אויב האָסט עפּעס צו זאָגן, איז די טערקישע באָד דאָס אמתע אָרט. ס'געוויסן איז דאָ אָפּגעדעקט פּונקט ווי דער קערפּער...

— ביזט גערעכט. די ביינער זענען צעוואַרעמט און די צונג איז אויך נישט פאַרפרוירן. ווייסט דאָך, אין אונדזער עלטער מוז מען אַראָפּשלינגען עוולהס בכבוד...

— וואָסערע עוולהס? ס׳ווייב?

— דו ווייסט עס פּונקט ווי איך, אָבער האָסט ליב צו שפּילן דעם תּם... ס׳רוקן זיך אָן די יאָרן ביי מאַן און ווייב, ווען מ׳ווערט מיד איינער פון אַנדערן...

— רעדסט ווי אַ זאַטער עולם־הזהניק, וואָס זוכט תּירוצים פאַר דעם געוויסן... אָבער כ׳קען דיר איינשפּאָרן דאָס קרעכצן און דאָס שטאַמלען, יואל. ווער איז די פאַרפירערין? מיסעס סאַלאַנט?

— אַז דו ווילסט, טרעפסטו אָן אַן אונטערזאָגער...

— דאָס וואָס דו האָסט שטענדיק געהאַט אַזויפיל גוטע ווערטער פאַר איר, האָט מיך טאַקע געבראַכט צום פאַרדאַכט... כ׳זע, זי ליגט דיר גוט אין די ביינער, אָבער דו הויבסט אָן דיין ווידוי ווי אַ שעמעוודיקער בר־מצוה־בחור... די צרה איז נאָר, וואָס דו האָסט בלויז יענעמס שעמעוודיקייט אָבער נישט זיין עלטער...

באַלזאַם האָט איינגעריבן די אַקסלען מיט דעם ברייטן האַנטוך און זיך אָנגערופן:

— כ׳ווייס טיילמאָל נישט דעם אונטערשייד פון שוואַרץ און ווייס. כ׳הויב שוין אָן צו גלויבן, אַז הייראַט איז טאַקע אַ וואָרענע, וואָס וויל וואַרקען ווי אַ טויב... פינף און דרייסיק יאָר האָט מיין יידענע מיך געזאָגט צורו, איסר. איצט איז אַ גיהנום אין שטוב. די יאָרן האָבן אונדז נישט אויסגעגלייכט... כ׳בין אַ פלינקער שפּרייזער און וויל זי קען נישט מיטהאַלטן מיט מיינע שריט, מוז איך אויך בלייבן הינטערשטעליק! חוץ דעם באַפאַלט מיך גלאַט אַן אַפּיקורסישע מחשבה... אין מיין עלטער דאַרף מען פאַרן קערפער האָבן אַ פרישן טאַניק. די גלידער גויטיקן זיך אין אַביסל זאַלץ...

— פון מיסעס סאַלאַנט קענסטו קריגן פעפער אויך... ס׳ברענט פון איר אַ פייער, אַן אש להבה, אַז מ׳קען אָפּגעבריט ווערן...

— ס׳אָלרייט! פייער פעלט ביי קיין פּרוי נישט און דו האָסט נישט געהאַט קיין רעכט צו באַליידיקן מיסעס סאַלאַנט. זי האָט געשפּילט מיט דיר אַן אָפענעם זעקס־און־זעכציק... מ׳האָט דיר נישט געדאַרפט לייגן אַ פינגער אין מויל אַריין, אָבער דו האָסט דאָך ליב צו שפּילן דעם תּם... גלויב מיר, זי איז נישט קיין אַרומלויפערקע. ביים געבן דיר ס׳געלט האָט זי געהאַט איר חשבון. ווען דו גיסט איר בלויז אַן אָנצוהערעניש, וואָלט זי קיינמאָל ביי דיר נישט געוואָלט די הלוואה צוריק... איצט איז זי באַליידיקט און כ׳ווייס נישט צו דו ביזט אַ געהאָלפענער...

— וואָס ווילסטו אויספירן? ס׳איז דאָך אַרויסגעקומען פאַר דיר אַ טובה!

— ס׳איז נישט אַזוי לייכט ווי דו פּסקענסט. די וועגט אין וויליאַמסבורג האָבן נישט בלויז אויערן, נאָר אויך אויגן. ווען כ׳ווייס דאָס פריער, וואָלט איך נישט איינגעפּעדימט די באַקאַנטשאַפט צווישן אייך... איצט קלאַפּט זי יעדן טאָג אין טעלעפאָן, זי רעדט פון וואָל־סטריט און פרעגט אויף דיר, אָבער מיין יידענע איז חושד, אַז מיר נוצן אַ פאַרשטעלטע שפּראַך צו פאַרדעקן אַ טריפהנע ליבע... כ׳שטיי זיך אויס ס׳קאַלטע און ס׳וואַרעמע. צוריקגעשמועסט, איז מיין ווייב גערעכט... מיסעס סאַלאַנט האָט געוואָלט דיין באַקאַנטשאַפט, אָבער געזוכט האָט זי מיך. כ׳הער עס איצט אַרויס פון איר קול... ווי פאַרטייטשן דאָס די היינטיקע פּסיכאָאַנאַליטי־

קער? אין דער ליבע פונעם זויגלינג צו דער מאַמע שטעקט שוין די תאווה פון מאַנסביל צו דער פרוי...

איסר יאַגאָדע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ הינטערליסטיקן בליק.

— וואָס זענען דײַנע פּלענער? וווהין ווילסטו מיט איר אַנטלויפן?

— כ'וואָלט אַלץ אײַנגעפּאַקט און געפאָרן מיט איר קיין ארץ־ישראל. די קינ־דער קענען פירן די וועלט אָן מיר. אויב מײַן אײדעם אוירווינג האָט געקענט דערקלערן אַ מלחמה ענגלאַנד, וועט ער אויך פעיִק זײַן צו פאַרזאָרגן עטעלן... די בנים זענען גוט־אָפּ אין זייערע ביזנעס און זיי האַלטן בכבוד די מאַמע. מײַן יינגסטער בן איז שוין באַפרײַט פון אַנקל סעמס דינסט. וועגן די זאַכן האָב איך אַ קנאַפּע זאָרג... אין ארץ־ישראל וועל איך קויפן לאַנד. ביז איצט האָט יעדער אַמעריקאַנער דאָרט געמאַכט גוטע אינוועסטירונגען אין די באָדן־ביזנעס. אַלץ וואָס כ'וויל ,איז לעבן במנוחה. כ'וואָלט אַפילו איצט אַוועק אויף אַ ווייטן אינדזל. מיר זענען שוין נישט קיין אינגלעך, איסר. ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט ס'ערשטע מאָל אויף וואָל־סטריט, האָסטו פאַר מיר אויסגעגאָסן דאָס ביטערע האַרץ. כ'האָב זיך אַפילו דערדעדט צו דעם, אַז אַ נײַע פרוי ביי אַ מידן מאַנסביל איז ווי אַ טאָניק. איצט שטיי איך אַליין פאַר דיר ווי אַ חדר־אינגל...

איסר יאַגאָדע האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרומגענומען ס'ליילעך איבער די אַקסלען. צווישן די וואָלקנס פאַרע האָט ער אויף אַ ווײַלע געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ פּריסטער אין אַ קיטל אונטער דעם קטורת. ער האָט געקוקט אויף זײַן לאַנדסמאַן. נאָך אַזאַ ווידוי האָט דאָס פּנים ביי יענעם זיך געענדערט. צוזאַמען מיט די טריפהנע פאַרלאַנגען, ווי פויזענדיקע שרצימלעך, זענען אויך אַרויסגע־קראָכן פון אונטער דער הויט די געלבלעכע שפּרינקעלעך, וואָס האָבן אָנגעצונדן קרענקלעכע קאָלירן. די גרינע אויגן האָבן אויפגעפלעמלט, אָבער די באַקן האָבן זיך נישט גערויטלט פון בושה. יואל שטייט טאַקע איצט פאַר אים ווי אַ חדר־ייִנגל! ז'י גרינג דאָס וויל פון זיך אַראָפּוואַרפן דעם משפחה־עול! און וואָס פאַרגלייכט ער עפּעס זײַן אייגענעם, ווילדן אַפּעטיט צו דעם פלאַנטער מיט אים, צווישן יאַדזשאַן און טילין?

ביי אים, איסרן, איז געווען אַנדערש. ער איז געווען פרײַ, אָן קינד, אָן רינד. רייטשל האָט אים אויסגעמעקט און צוויי פרויען האָבן געוואָלט אים אַרויפכאַפּן אויף דער ווענטקע.

ער האָט לאַנג געהאַלטן אויף באַלזאַמען זײַן בליק ווי אַ בייטש. די נאָענט־שאַפט צום לאַנדסמאַן האָט געוועקט אין אים מילדע רייד, אָבער דער פאַרלאַנג צו זאָגן מוסר האָט דיקטירט ווערטער פון שטראָף. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו אים:

— ווילסט מיך פאָלגן, יואל? אַנטלויף פון איר! יעדע פריילײַדיקע פרוי איז ווי אַ שפּין, וואָס וויל פאַרצערן דעם זכר. און ס'איז טאַקע צו־שפּעט פאַר אַוואַנ־טורעס אויך... ווייסטו פאַרוואָס איך בין געבליבן אָן עקר, יואל? ווייל די ערשטע העלפט לעבן האָב איך פאַרטאַכלעוועט ביים זוכן לייכטזיניקע גלוסטעניש. כ'האָב מלחמה געהאַלטן מיט די כלי־קודש און געמיינט, אַז ערגעץ וועט זיך עפענען פאַר מיר אַ פאַראַדנע טיר. ס'גאַצע האַוועניש איז אַרויס באָקאָם... ס'איז יצא שכרו

בהפסדו... נאָך אַלע יאַגענישן בלייבן מיר נאַקעט און בײ נאַקעטע מענטשן קען אַפילו אַ מחנה גנבים גאָרנישט צוגנבענען...

— זעסט נישט אויס ווי אַ פֿאַרלירער...

— מיר דרייען זיך אַרום אין אַ דזשאַנגל־שטאָט. ווו טויזנט פֿריינט זענען ווייניק און איין שונא איז צופֿיל... חוץ דעם איז איצט הרת עולם. אונדזער אַלטע וועלט איז אונטערגעגאַנגען און ארץ־ישראל שטייט אויף תחית־המתים... איך דאַרף דען דיר דערציילן די מעשה, יואל? דו האָסט דאָך דער ערשטער מיר געבראַכט די בשורה, וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף די ימען, וואָסערע צייטן! ייִדישע פּליטים־שיפֿן האַלטן מלחמה מיט דער ענגלישער פֿלאָטע. ס׳איז גאָר אַ זכיה צו לעבן אין אַזאַ דור! אַ וועלט מיט אַרבעט וואַרט אויף אונדז דאָ און דאָרט. מען דאַרף איבערבויען אונדזער לעבן אין אַמעריקע אויך, פֿאַרפֿאַלן. דער באַשעפֿער האָט אונדז צעוואָרפֿן איבער אַלע תפוצות, און מיר לעבן און גערייען אין אַלע לענדער. טאָ ווי פּאַסט זיך דאָ, אינמיטן דרינען אַריין אין דיין עלטער אַ פּריילעכע גרושה? צי ס׳איז מיסעס סאַלאַנט, צי אַ צווייטע פֿאַרפּירערקע. גלויב מיר, יואל, ס׳איז אַלץ נישט מער ווי אַ ווינט אויפֿן וועג און אַ ווינט מוז מען קענען פֿאַרבײַגיין...

ביי יואל באַלזאַמען האָבן די גרינגע אויגן איצט שטאַרקער זיך צעפֿלעמלט. די געלבלעכע שפּרינקעלעך האָבן זיך אויסגעשאָטן איבער דער הויט ווי גליענדיקער זשאַר. דאָס פּנים איז געוואָרן קרענקלעך ווי נאָך אַ טיפֿער באַליידיקונג. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער באַנק און אָנגעקוקט זיין אַלטן ידיד מיט דער אַנטוישונג פֿון אַ מענטש, וואָס אַנטדעקט, אַז זיין לאַנגיאָריקער פֿריינט איז אים געווען אַ ביטערער שונא.

— כ׳האָב געהאַט מיט דיר אַ געגאָרטן חשבון, איסר, — האָט ער געזאָגט.

— כ׳זע, דו ווילסט מיסעס סאַלאַנט נישט אַרויסלאָזן פֿון דיינע הענט. ס׳פֿאַלט מיר איין, אַז דו האָסט אפֿשר אַ רעכענונג דערביי... זאָל אַ לוסטיק ווייבל זיך אַרומדרייען אין וויליאַמסבורג... ווי ס׳מאַכט זיך אַמאָל אַ צרה... יאָ, דאָס איז דער חשבון פֿון יעדן מאַנסביל. ווי ס׳זאָל זיך נישט אויסשפּילן מיט דיין נייעם זיווג, וועט נישט שאַטן צו האָבן ביי דער האַנט אַ געשמאַקן ביסן... און דו לייג מיר נישט אַריין די יראה אין דער טומאה, אַ גרושה איז פּונקט אַזוי כשר ווי אַ פֿאַרזעסענע מויד... יאָ, כ׳האָב זיך געגאַרט אָן דיר... צו אָן אייגענעם ברודער וואָלט איך נישט געקענט ריידן אָפֿענער. ס׳געלעכטער דערביי איז, וואָס כ׳מוז נאָך אויסהערן דיין מוסר... ס׳איז די מעשה מיט יענעם אָבל, וואָס איז געקומען נאָך ירושה און געמוזט באַצאָלן קבורה־געלט... ס׳איז אפֿשר געווען אַן אומגליק וואָס מירן זיך פֿון ס׳ניי באַגעגנט נאָך אַזויפֿיל יאָרן... פֿון איצט אָן וועלן מיר זיך בעסער אויסמיידן... גוד באַי!

יואל באַלזאַם האָט האַסטיק זיך געגומער אָנטאָן. איסר יאַגאָדע איז געבליבן זיצן צווישן וואָלקנס פּאַרע. פֿון אַ קראַן האָבן פּלוצים געגומען אַרויסשיסן געדיכטע קנוילעכלעך, באַגלייט מיט דער פּייפֿעניש פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו־קומען. ער האָט פֿאַרדרייט דעם קראַן און געגומען אָנטאָן די זאָקן. פֿון דער זייט האָט ער איצט געקוקט אויף דעם געקרענקטן באַלזאַם. איז טאַקע זייער פֿריינטשאַפֿט אויף שטענדיק אי־

בערגעריסן? אין זיינע אויגן איז דער לאַנדסמאַן איצט געווען איינגעשרומפּן. זיינע ווילדע באַגערן האָבן אים געמאַכט אויסזען ווינציקער, איינגעקאָרטשעטער. וואָס איז זיין ליבשאַפט און זיין אייפער? וואָס איז זיין רחמנות און זיין קנאה? וואָס איז זיין פרייד און זיין פאַרצווייפלונג? וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָס אַלץ, אַז דער גוטער, ווייכהאַרציקער ייִד, וואָס האָט צוזאַמען מיט אים זיך געכאָוועט, צוזאַמען זיך געעלטערט, איז אויף איינמאָל באַפאַלן געוואָרן פון משונהדיקע פאַרלאַנגען, וואָס מאַכן דעם וועג קירצער צו דער שאול תחתיה?

פאַרטאָג זענען בײדע אַרויס פון דער טערקישער באָד דורך באַזונדערע טירן.

קאַפּיטל זיבן און פופציק

— 1 —

איסר יאַגאָדע האָט אַ דערשעפּטער זיך אויפגעהויבן פון זיין שמאָלן מאַהאָ־גענעם שרייבטיש און איז צוגעגאַנגען צום פייער־קאַמין, וואָס איז געווען אילו־מינירט מיט קינסטלעכע רויט־גליִענדיקע קינצעלעך. ער האָט פאַרגאַרטלט דעם ברוינעם, סאַמעטענעם שטוב־כאַלאַט און פאַרלייגט די הענט אין אַ געפלעכט אויפן האַרצן. איבערן געזימס פון דעם קאַמין איז געשטאַנען אַ יאַפּאַנעזישע וואַזע מיט טויטע בלומען און פון אונטן האָט געפלאַקערט אַ קאַלט, דעקאָרירטע פייער, וואָס האָט געזאָלט דערמאָנען דעם ברענענדיקן דאָרנבוים. ער האָט מיד באַטראַכט די צוויי ווענט, וואָס זענען געווען פאַרשטעלט מיט ביכער־פּאָליצעס ביז צו דער סטעליע און אַריבערגעטראָגן דעם בליק אויף די פענצטער, איינגעראַמטע אין ניילאָן־פאָרהאַנגען.

דורך די שויבן האָט זיך אַרויסגעזען דער האָדסאָן. דער זון־פאַרגאַנג האָט שוין לאַנג אויסגעפלאַקערט דאָס לעצטע פייער. די דאַמפּער־שיפן האָבן אויסגעבלאָזן די רעשטלעך קוימען־רויך. אויף יענער זייט ברעג פון ניו־דזשוירזי האָבן זיך געצונדן און זיך געלאָשן די נעאָן־שילדן איבער פאַבריקן־דעכער און ראַדיאָ־טורעמס. אויפן וואַסער האָבן געציטערט פאַרבלאָנדזשעטע פלעמלעך. פון ערגעץ האָט אַ ליכט־זייל, שאַרף ווי אַ שפּיז, זיך אַריינגעשטאָכן אין הימל.

ער האָט געשפּאַנט איבערן שאָקאָלאַד־ברוינעם טעפּיך און זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ברייטער שויבן־טיר. איבער דער מיטלסטער וואַנט, באַקלעפּט מיט גרינ־לעך־גאָלדיקע טאַפּעטן, איז געהאַנגען דער רמב״ם אין אַ ראַם פון ווינהאָלץ און פון בײדע זייטן — צוויי קויל־סקעטשן פון פּרעזידענט פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט און פון דאָקטאָר חיים ווייצמאַן. איבערן ראַדיאָ איז געשטאַנען אַ ביין־אויסגעשניצ־טער העלד פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. אויף דעם שמאָלן ספרים־אַלמער האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ בראָנזענע מנורה און דערנעבן אַ זילבערנע אתרוג־פּושקע. אָט דאָס איז זיין היים — האָט איסר יאַגאָדע נישט אַראָפּגענומען פון די ווענט

זיינע פֿאַרווירטע בליקן. דאָס הויז שטייט קעגנאיבער דעם האָדסאָן, אָבער די חפֿצים, וואָס טילי האָט דאָ צעשטעלט, האָבן געבראַכט אַהער די נאָרפֿאָלק־סטריט, דאָס שמאָלע, זעקס־קאַנטיקע צימער האָט נישט קיין יידישן נוסח. טילי האָט דאָ אויסגעמישט די סטילן, זי האָט געוואָלט אי יוצא זיין מיט אַ שפּיץ־מעסער יידישקייט, אי צופֿרידנשטעלן איר געשמאַק. ס׳וועט נעמען אַ שיינע פּאָר יאָר ביז ער וועט פֿון איר אויסקנעטן אַ יידישן כאַראַקטער. דערווייל איז זי געווען די איינציקע בעל־דעהניצע ביים אויסדעקאָרירן דאָס הויז. פֿאַרוואָס האָט ער נאָכגעגעבן אַלע קאַפּריזן אירע? פֿאַרוואָס האָט ער געלאָזט אויסהענגען די שפּאַנישע סילועטן אין די אָוואַלע ראַמען? ווי פּאַסן זיך דאָ אַריין די געדעמפּטע ליכט מיט טונקעלע אַבאַזשורן אויף די ווינקל־טישן? און ווי קומען דאָ אַהער די שפּיציקע מאָדערניסטישע שטיקער מעבל?

ער איז צוריק צוגעגאַנגען צום שרייבטיש, וווּ עס איז געלעגן אָן אָפֿענע בייכיקע ענציקלאָפּעדיע. דערנעבן זענען געווען אויסגעשטעלט פֿאָטאָסטאַטישע אַרכיוו־בלעטער וועגן די ערשטע יידן אין אַמעריקע און אַ באַנד פֿון גרעצס געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק.

איסר יאַגאָדע האָט אַ קוק געטון אויפֿן וואַנט־זייגער. די ווייזערס האָבן זיך דערנענטערט צו אַכט. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפֿן קאַלענדאַר. דאָס פֿאָדערשטע בלעטל האָט געוויזן דעם זיבעטן טאָג אין וואָך, שבת. די צייט־רעכענונג האָט אָנגעזאָגט דעם ניין און צוואַנציקסטן נאָוועמבער פֿון יאָר ניינצן הונדערט זיבן און פֿערציק. און ער האָט זיך מער נישט געוווּנדערט וואָס ער זיצט שוין דאָ ביי דעם אָנגעוואָרפֿענעם שרייבטיש, זינט דער ערשטער שטערן האָט זיך באַוויזן אין הימל. ס׳איז היינט די נאַכט פֿון די נעכט, ווען די פֿאַראייניקטע פֿעלקער וועלן פּסקענען וועגן דער צעטיילונג פֿון ארץ־ישראל צווישן יידן און אַראַבער. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן ,אַז נישט בלויז ער אַליין, נאָר איבער צוויי מיליאָן יידן אין דער בבל־שטאָט וואַרטן איצט מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס אויף דער אָפּשטימונג צי ארץ־ישראל זאָל צעטיילט ווערן צווישן יידן און די בני־ישמעאל.

ער האָט געוואָלט אַ דריי־טון דעם קנאָפּ פֿון ראַדיאָ, אויפֿכאַפּן די לעצטע שטיקלעך נייעס, אָבער ער האָט אַ פֿלעגמאַטישן מאַך־געטון מיט דער האַנט, וואָס האָט געמיינט, אַז ער׳ט בעסער שטילן דעם אומגעדולד דורך אַריינקוקן אין די אַלטע בלעטער וועגן ישראל סבא. ס׳האָט זיך געפֿאָדערט אַ סך גבורה צו פֿאַרטרייבן די ברענענדיקע נייגעריקייט אין דער שעה, ווען ס׳ווערט געמאַכט דער חשבון פֿון דעם פֿאָלק צווישן פֿעלקער, פֿונעם שעפּס צווישן וועלף. איצט איז די פּאַסיקע צייט צו מאַכן דעם וועלט־חשבון, גראָד ווייל ער דרייט זיך אַרום אין זיין שטוב־כאַלאַט אַליין. טילי איז נאָך פֿאַרנאַכט אַוועק אין קלוב פֿון דער ציוניסטישער פֿרויען־דיוויזיע צו העלפֿן צוגרייטן אַ פֿייערונג. ביים פֿעלקער־טריבונאַל גייט נאָך אָן אַ שקלא וטריא, אָבער אין דער לופֿט שמעקט שוין מיט דעם יידישן נצחון. טילי רעכנט אַלץ אויס אין פֿאָראויס, דעם חשבון פֿון איר לעבן און דעם חשבון פֿון איר פֿאָלק. ער קען צו איר קיין טענות נישט האָבן. זי איז רירעוודיקער פֿון אים. די היים האָט זי שוין צוגעגרייט באַצייטנס, כאָטש צו דער חופּה וועט ער זי ערשט פֿירן סוף יאָר.

ער האָט אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אויף די ראַנדן פֿון שרייבטיש און זיך פֿאַרקלערט. די שריפֿט אויף די פּאָטאָסטאַטישע אַרכיוו־בלעטער האָט געטענצלט. די שורות האָבן אָנגעוווּנקען, אַז די וואָס האַלטן דעם חשבון פֿון דעם לעבעדיקן ייִדישן פֿאָלק און די, וואָס ציילן יעדע עיר ואם בישראל נאָכן היטלער־חורבן, טאָרן נישט אַרויסלאָזן פֿון זכרון, אַז ניו־יאָרק איז די גרעסטע ייִדישע קהילה און אַז אירע מויערן דאַרפֿן באַוואַכט ווערן. ס'איז די עיר הומיה, וואָס נעמט אַריין איבער צוויי מיליאָן פֿון די פֿאַרבליבענע קינדער פֿון ישראל.

די שווערע צעפֿליגלטע שטאָט־געביידעס הינטער די פֿענצטער, דערציילן נישט קיין טויזנט־יאָריקע געשיכטע. דער ייִדישער ישוב ציילט ערשט דריי הונדערט יאָר, אָבער פֿון הינטער דעם דריי הונדערט יאָריקן שטויב הויבט זיך אויף דאָס געזאַנג פֿון אַ יונג ייִדיש לעבן, וואָס האָט אַריינגעשלאָגן פּלעקער אין די ערשטע גאַסן פֿון ניי־אַמסטערדאַם. נאָך איידער די אינדיאַנער האָבן גענומען אָפּטרעטן פּלאַץ פֿאַר די ווייסע אַריינדרינגער, האָבן ייִדישע איינוווינער שוין אָנגעצויגן געצעלטן ביי די ברעגן פֿון האָדסאָן. די ייִדישע תּפֿילה און דער ייִדישער ניגון האָבן זיך שוין געהערט אויף די ליפּן פֿון די ערשטע מידע דריי און צוואַנציק איינוואַנדערער פֿון בראַזיל, וואָס זענען אָנגעקומען מיט דער שיף „סענט טשאַרלס״.

ניו־יאָרק האָט אַרויפֿגענומען אויף זיך יאָרן. די שטאָט־געביידעס זענען אַלט געוואָרן, אָבער מען בויט זיי נישט איבער. מ'וואַרפֿט נישט איין די מויערן, נאָר מען פֿאַריונגערט זיי. די קנייטשן פֿון עלטער ווערן אויסגעגלעט, די פֿאַלדן פֿון טיפֿער זיקנה ווערן מאַסאַזשירט. אין די טונקעלע, טיפֿע צימערן דאָרט זיצן היינט די שטאָט־טאַטעס, פּונקט ווי עס זענען מיט דריי הונדערט יאָר צוריק געזעסן די פֿאַרזאָרגער פֿון ניי־אַמסטערדאַם און געפֿירט בהרחבֿהדיק די באַלעבאַטישקייט.

איסר יאַגאָדע האָט איבערגעמישט די בלעטער, וואָס האָבן דערציילט פֿונעם געבורט פֿון די ערשטע ייִדישע פּונקטן. די פּאָטאָסטאַטן זענען אַרויסגענומען פֿון דעם שטאָט־אַרכיוו. דער כראָניק־זאַמלער פֿון ניו־יאָרק, דער רויט־האָריקער איירישמאַן, וואָס האָט אים אויסגעבאָרגט דעם מאַטעריאַל, האַלט, אַז דער אַרכיוו איז די ביבל פֿון ניו־יאָרק. דער איירישמאַן אַליין איז אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע. ער מישט אין זיין זכרון ווי מען מישט אין אַ ספֿר הזכרונות. דער חיבוט־הקבר פֿון די ערשטע ייִדישע פּיאָנערן איז איינגעקאַרבט אין זיין שטערן. ער איז אויסגעכאָוועט געוואָרן צווישן די ייִדישע מויערן פֿון דער פֿילדערנדיקער שטאָט. ער האָט געזען די אויסשפּרייטונג אויף ביידע זייטן טייך און דער גוטער גוי קען זיך נישט אויסמאָלן דעם כּרך אָן איסט־סאַיד און אָן וויליאַמסבורג, אָן ריווערסאַיד דראַיוו און אָן באָראָ־פּאַרק, אָן האַרלעם און אָן בראָנזוויל. ברוקלין אַליין איז ביים איירישמאַן אַן עיר ואם בישראל און אויב בראָנזוויל איז דאָס האַרץ פֿון ייִדישן ברוקלין, איז פּיטקין־עוועניו איר לעבעדיקער אָדער.

— 2 —

פֿון פֿאַרקלערטקייט האָט איסר יאַגאָדע אַ מיש געטון מיט אַ פֿינגער אין די אַרכיוו־בלעטער. דאָס דריטע בלאַט האָט דערציילט, אַז דער ערשטער ייִדישער

אימיגראַנט, וואָס איז אַראָפּגעקומען אין ניי־אַמסטערדאַם מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, איז געווען יאַקאָב באַרסאָנסאָן. די דריי און צוואַנציק נע־ונדניקעס, וואָס זענען נאָכגעקומען די פּליטים פון פּאָרטוגאַל, זענען געווען אַזוי אָרעם, אַז זיי האָבן נישט געקענט באַצאָלן פאַר זייערע שיפסקאַרטן. דער שטרענגער קאַפּיטאַן האָט זיי אַריינגעזעצט אין טורמע און דער גאָווערנאָר פּיטער סטייוויסענט האָט פאַרלאַנגט ביי די דירעקטאָרן פון דער האָלענדישער וועסט אינדיע־געזעלשאַפט די פולמאַכט אַרויסצוטרייבן די יידישע אימיגראַנטן.

דער ערשטער אימיגראַנטן־פּרעסער האָט געקראָגן אַן אָפּשניט. די האָלענ־דישע דירעקטאָרן האָבן געענטפערט, אַז זיין פאַרלאַנג איז נישט יושרדיק, נישט מענטשלעך, ווייל די נע־ונדניקעס האָבן געליטן פאַרלוסטן אויפן וועג צו דער נייער וועלט. זיין פאָדערונג פון אַ גירוש האָט אויך נישט געקענט נאָכגעגעבן ווערן צוליב ריין־קאָמערציעלע צוועקן, ווייל אַנדערע רייכע יידן האָבן אינוועס־טירט אַ סך קאַפּיטאַל אין די אַקציעס פון דער האָלענדישער געזעלשאַפט.

די יידישע אַנגסטן אין יענער פריער צייט האָבן דאָ נישט געשטימט — האָט איסר יאַגאָדע זיך געטאַמפּערט מיט זיך אַליין — די עוולה האָט געשריגן צום הימל. די פריסטע יידישע איינוואַנדערער זענען געווען אויסגעשטעלט צו דער גזירה פון גירוש. האָט דען פּיטער סטייוויסענט נישט געוווסט, אַז די ערשטע אַריינדרינגער אין דער נייער וועלט זענען געווען יידן? אַז צווישן די ערשטע אויסשפּירער, וואָס האָבן דאָ אַראָפּגעשטעלט אַ פוס, זענען געווען אנוסים פון שפּאַניע? קאָלומבוס האָט צום ווינציקסטן געהאַט פינף יידן אין זיין מאַנשאַפט. זיין יידישער דאָלמעטשער, לואיס דע טאָרעז, איז געווען דער ערשטער ווייסער מענטש, וואָס איז אַרויף אויפן ברעג און נאָך לאַנג פאַר אים זענען צוויי יידן, גבריאל גאַנטשעז און לואיס דע סאַנטאַנגעל, געגאַנגען פועלן ביי דער שפּאַנישער קעניגין איזאַבעלאַ, אַז זי זאָל פינאַנסירן די עקספּעדיציע פון דעם געוואַגטן נאַ־וויגאַטאָר. האָט דאָס אַלץ נישט געוווסט דער שטאָט־טאַטע פון ניי־אַמסטאַרדאַם? די כראָניק פון יענער צייט דערציילט אויך, אַז יידן זענען געווען פון די ערשטע געלט־זאַמלער פאַר קאָלומבוסעס אַוואַנטורע.

ער האָט געשפּרייזט איבערן טעפּיך פון שרייבטיש ביז צום פייער־קאַמין. ביי אים אין מוח איז אויפגעלאָפן דער ברוטאַלער אויספיר: היטלער האָט פאַרטיליקט די אַלטע יידישע וועלט און די, וואָס האָבן אים באַזיגט, זענען איצט שוין צוריק־געקומען אויף די חורבות. די זיגער ציען ווענט פון דאַסניי, זיי הויבן אויף מויערן, זיי דעקן דעכער, זיי פאַרניצעווען אַ פאַסקודנע, צעפוילטע וועלט, אָבער די יידישע ישובים דאָרט וועלן מער נישט צוריקגעבויט ווערן. ווער האָט אַזוי געגנוי אויס־געחשבונט, אַז די יידישע איינוואַנדערונג אין דער נייער וועלט זאָל אויספאַלן מיט דריי הונדערט יאָר פריער, איידער די אַלטע וועלט וועט חרוב ווערן? דאָס אייביקע אויג, וואָס באַגלייט דעם יידישן פיין אויף אַלע וועגן, האָט דערפירט צום איצטיקן חשבון. ס'איז די הימלישע גערעכטיקייט, וואָס האָט היינט פאַר־זאַמלט אין ניו־יאָרק דעם פעלקער־טריבונאַל, אַז ער זאָל באַשטימען דעם גורל פון דעם לאַנד פון ישראל.

ער האָט אַ דריי געטון דעם קנאָפּ פון ראַדיאָ, אויפגעכאַפּט שטיקלעך נייעס

אויף איין סטאַנציע, אויף אַ צווייטער און באַלד צוריק פאַרדרייט דעם אַפּאַראַט. ער האָט אַ לייכטן זיפץ געטון, ס׳איז געווען דער זיפץ אויף דער זכיה, וואָס נאָך אַלע אַנגסטן און פּיינען וועט קומען דער טריאומף. אין לעיק־סוקסעס וועט מען באַלד אָנהויבן ציילן די שטימען איבער דער צעטיילונג. אוודאי, נישט אַלע פעלקער וועלן שטימען פאַר אַ ייִדיש ארץ־ישראל. ס׳וועלן זיך הויבן הענט קעגן אַ צעטיילונג פון לאַנד. אָבער לויטן גאַנג פון די כוכבים ומזלות מוז דאָס ייִדישע פאָלק געווינען. אין טאָג ווען דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, איז משיח געבוירן געוואָרן און אין יענער שעה, ווען די קוימענס פון היטלערס קאַלכאויוונס האָבן אויפגעהערט צו רויכערן, האָבן די ערשטע פּליטים־שיפן אָנגעהויבן שווימען צו די ברעגן פון ארץ־ישראל.

ער האָט געוואָלט אַריינגיין אין קיך נאָך אַ גלאָז וואַסער, אָבער ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האָט געהערט אַ שאָרכעריי פון יענער זייט וואַנט. ער האָט געעפנט די שויבן־טיר, וואָס האָט געפירט צום קאָרידאָר. טילי האָט מיטאַמאָל זיך באַוויזן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קאָרדוראָי־מאַנטל פון קופּערקאָליר, מיט אַ בריטן צעפלויגענעם שלייף ביים האַלדז. אויפן קאָפּ מיט די צעבערשטלטע קאַשטאַן־רויטלעכע האָר האָט זי געהאַט אָפּגעמאָסטן אַ געבלימלט טיכל. אירע צעפלאַמטע באַקן האָבן אויף אַ ווײַלע אָנגעטראָגן די ווינטיקע קעלט פון דרויסן. די מיושבדיקע אויגן האָבן אים באַגריסט מיט אַ פריילעכקייט, וואָס בלאָזט אַוועק יעדן שפּריץ טרויער.

— דו האַלטסט פאַרמאַכט די ראַדיאָ, איסר? די גאַנצע וועלט האָרכט זיך דאָך איין איצט צו די נייעס!

— 3 —

איסר יאַגאָדע האָט געקוקט אויף טילין מיט פאַרטייעטע אויגן, ווי ער וואָלט אָקאָרשט זיך אַרויסגעהויבן פון אַ דרימל. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, דאָס קאָפּטיכל און איז געבליבן שטיין פאַר אים אין איר אָוונט־קלייד פון טיף־בלויען זייד, וואָס האָט זיך געמיניעט אויף פּורפּור. דאָס צעגלעקלטע קלייד איז געפאַלן לאַנג און ברייט ביז איבער די קנעכלעך. די ראָזלעכע אַקסלען זענען געווען אָפּגעדעקט און די אַרבל האָבן געפעלט. איבער דער רעכטער זייט בוזים איז געווען אויסגעבונדן אַ קאָקאַרדע, גרויס ווי אַ בוקעט. דער שאַרפער פּערפומריח, וואָס זי האָט אַריינגעבראַכט, האָט אָנגעטרונקען די לופט ביז צו דער סטעליע.

ביי איסר יאַגאָדען האָבן די נאָז־פליגל אַ פלאַטער געטון. איר אָנקום האָט אויפגעזשאַרעט אַ באַהאַלטן פייער און זיינע בליקן האָבן געבלאָנקעט איבער די ריר׳עוודיקע באַוועגונגען פון דער קורצזוויקסיקער פרוי, וואָס האָט אים צוגעזאָגט פרייד און באַרויקונג. די הענט האָבן זיך געצויגן אַריינצונעמען אירע פולע אָרעמס, אָבער אין זיינע באַוועגונגען איז געווען אַ מידקייט. ער איז געבליבן שטיין אַזוי נאָענט נעבן איר, אַז ער האָט דערשפּירט דעם וואַרעמען בלאָז פון איר אָטעם. זי איז איצט געווען העכער און געשיקטער. ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז פון איצט

אָן וועט טיליס מיושבדיקער בליק זיין דער שטערן, וואָס וועט אים אויסהיטן פון מוראס און אַנגסטן. ער האָט איר לייכט אַ קוש געטון אויף דער באַק.

— דו קומסט צי דו גייסט צו אַ פייערונג?

— דערוויל וואַרט מען מיט קלאַפּעדיקע הערצער... גאַנץ ניו־יאָרק זיצט ביי דער ראַדיאָ. אויב דער באַשלוס וועט זיין די צעטיילונג פון ארץ־ישראל, וועלן צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן ייִדן אַרויס טאַנצן אין די גאַסן...

ער האָט געזען ווי פלעמעלעך צינדן אירע באַגערן. זיינע פּאָר יאָר קאַנט־שאַפט האָבן ביי דער אָפּגעפרעמדטער פרוי אויפגעוועקט די ליבשאַפט צום פאָלק. ווי לאַנג האָט דאָס געדויערט איר שפּאַציר פון קעמדען צו זיין וועלטל? דער פלאַם, וואָס וואַרעמט אָן די נשמה ווען דער גוף ווערט מיד, האָט איצט אָנגעצונדן אין איר נייע פאַרלאַנגען, און אַלע פאַרלאַנגען אירע קלאַפּן איצט אין זיין טיר.

טילי איז צוגעגאַנגען צום שרייבטיש. זי האָט אַריינגעקוקט אויף די צעשאָ־טענע פּאַטאַסטאַטן, דערנאָך האָט זי איבערגעמישט גרעצס געשיכטע פון ייִדישן פאָלק און אים אָנגעקוקט מיט חידוש.

— וואָס זיצסטו איצט איבער ביכער? כ׳באַוואונדער דיין געדולד, איסר! טו אויס דיין שלאָפראָק און מאַך זיך גרייט מיטצוגיין. וואָס איז דאָס מיט דיר? היינט לייענסטו וועגן קאָלומבוסן?

ער האָט זיך אָנגעבויגן איבערן שרייבטיש און אָנגענומען איר האַנט.

— ס׳איז דאָ אַ פאַרבינדונג צווישן אַלע געשיכטלעכע געשעענישן, טילי. כ׳האָב פריִער אויסגערעכנט, אַז די ייִדישע אייַנוואַנדערונג אין דער נייער וועלט איז אויסגעפאַלן מיט דריי הונדערט יאָר פריִער איידער היטלער האָט די אַלטע וועלט חרוב געמאַכט. און דער אַנטדעקער קאָלומבוס, ווייזן טייל פאָרשער, האָט געשטאַמט פון די מאַראַנען אין שפּאַניע...

— וואָס באַדייט דאָס?

— ס׳באַדייט, אַז דער אַלטער אמת גילט נאָך אַלץ. די רפואה ווערט פון דער השגחה צוגעגרייט איידער די מכה רייסט אָן... ס׳באַדייט אָבער אויך, אַז די קרבנות באַצאָלן אין פאָראויס די רוצחים פאַר דער פריווילעגיע אומגעברענגט צו ווערן... ס׳אַ גרויזאַמער פאַקט, טילי, אַז קאָלומבוס האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן די נייע וועלט באַלד נאָך דער אינקוויזיציע אין שפּאַניע און זיין עקספּעדי־ציע איז פינאַנסירט געוואָרן מיט דעם צוגערויבטן געלט פונעם ייִדישן חורבן...

— היינט וויל איך נישט הערן פון חורבן, איסר. אַ ייִדישע מדינה האַלט ביים געבוירן ווערן.

— חורבן און אויפקום, דאָס זענען די רינגען פון איין קייט אין אונדזער געשיכטע, טילי... די אויגן, וואָס האָבן צוגעזען די שרפה פון דער אַלטער ייִדי־שער וועלט, די אויגן וועלן אויך זיין וואַכזאַם ביים געבורט פון דער ייִדישער מלוכה. מ׳קען די בלעטער איבערמישן, אָבער די פאַקטן קען קיין האַנט נישט אויסמעקן. און די פאַקטן ווינקען אָן, אַז די אַנטדעקונג פון דער נייער וועלט איז געקומען אומדירעקט דורך די ייִדישע ליידן און דורכויס מיט דער הילף פון די קאַפּיטאַלן, וואָס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן פון די אַנוסים. גלויבסט נישט? דאָס האָב איך איצט אַרויסגעלייענט פון די דאָקומענטן... די השגחה

דעגולירט אַלע פּאַסירונגען, גוטע צי שלעכטע, און ס׳איז נישט אויסערן וועג, וואָס קאָלומבוס, דער ייד, איז געווען דער באַפרייער פון אַ נייעם קאָנטינענט...

טילי האָט אַרויסגעצויגן אַ שמייכל אויף די ליפּן.

— פאַר מיר איז גענוג, אַז משה רבנו איז געווען אַ ייד... אויסער דעם, צו וואָס דאַרף אונדזער פאָלק אַזויפיל באַפרייער? קאָלומבוס האָט דאָך פון דער נייער וועלט אַריינגעפירט שקלאַפן קיין שפּאַניע. משה האָט אַרויסגעפירט די שקלאַפן פון עגיפּטן...

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ מינע פון אַ לערערין, וואָס האָט נאָר וואָס אויסגערעדט איר שילער אַ שווערן גרייז. איר בליק פון פאָרוואורף האָט לאַנג אויף אים נישט גערוט, זי האָט פאַרקנייטשט די ליפּעלעך און מיט ליבשאַפט אָנגעשפּאַרט איר געלאָקטן קאָפּ אויף זיין אַקסל.

— כ׳גיי מאַכן עפּעס איבערצובייסן, איסר. כ׳וויל, זאָלסט זיך באַלד איבערטאָן און מיר׳ן אַרויסגיין. מיר זענען איינגעלאַדן צום ארץ־ישראל־באַל ביי דער פּרויען־דיוויזיע.

איסר יאַגאָדע איז געבליבן שטיין קעגנאיבער טילין אָן אַן ענטפער. כאָטש זי איז גערעכט, איז אָבער קאָלומבוס סאַי ווי געווען אַ מאַרטירער. אַכט יאָר נאָכדעם ווי ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע, האָט דער קעניג פון שפּאַניע געשיקט אַ שיף צוריק צו ברענגען דעם געוואַגטן אַנטדעקער אין קייטן ווי אַ פּשוטן פאַרברעכער. קאָלומבוס איז באַפרייט געוואָרן גלייך נאָך זיין לאַנדונג. אָבער די פאַרביטערונג קעגן דעם קעניג האָט אים נישט אָפּגעלאָזט ס׳גאַנצע לעבן. פאַרן טויט האָט ער געשריבן צו זיינע פריינט, אַז ס׳איז זיין ווונטש, מ׳זאָל אים באַגראָבן אין יענע שאַנד־קייטן.

איסר יאַגאָדע האָט איצט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג פון אַלץ, וואָס איז געווען און פון דעם, וואָס וועט ערשט ווערן. ווען וועט טילי זיך דערוויסן וועגן אַלע פּייניקונגען פון איר פאָלק? ווען וועט זי פאַרשטיין די יסורים פון יעדן אויסדערוויילטן זון? האָט זי געהערט פון יוספס פאַרבלוטיקט העמדל? פון דניאלן אין דער לייבנגרוב? פון איובס שטראָף? פון די צען הרוגי מלכות? דער יאָמער פון אומקום ביי די הרוגי מלכות איז געווען העכער ווי די יללות ביים מבול. דער פּיין איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס׳איז אַראָפּ אַ בת־קול און אויסגערופן: אויב אין הימל וועט נאָכאַמאָל געהערט ווערן אַזאַ געשריי, וועט די וועלט צוזאַמענפאַלן אין אַ תוהו ובוהו...

ער האָט געמאַכט צוויי שפּרייזן פאָראויס און איז געבליבן שטיין. וואָס טראָגט ער עפּעס די אַלע פאָדערונגען צו טילין? איז ער׳ דען אימשטאַנד אַליין אַריינצונעמען אין זיך דעם אָפּהילך פון צער ביי אַלע יידישע מאַרטירער? האָט ער ביז איצט אַמאָל זיך פאַרטראַכט, אַז איידער די געשיכטע פון פאָלק ווערט פאַרצייכנט מיט טינט, ווערט זי געשריבן מיט בלוט?

— 4 —

ער איז אַריינגעגאַנגען אין קיך, ווו טילי האָט געהאַלטן אין סערווירן אַ לייכטן צובייסן. אויפן טיש איז שוין געווען צעשטעלט זעמל מיט בייגל, פּוטער,

קעז, שמאַנט, לאַקס און טונאַ־פיש. אין דעם אַלומיניום־טעפל אויף דער קיך האָט זיך געבלעזלט די פאַרבריטע קאַווע. דער פרישער ריח האָט פאַרשמעקט די ווענט. טילי האָט נאָך צוגעטראָגן צוויי צעשניטענע גרייפ־פרוכט און זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער דעם גאַז־פלעמל אויף דער קיך.

איסר יאַגאָדע האָט זיך דערנענטערט הינטערווייליעכץ און זיך אָנגעבויגן איבער איר קאָפ. אַ רויטלעך־שימערירנדיקער לאָק האָט זיך געדעלט איבער איר רעכטן אויער. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פאָר פרעגנדיקע אויגן. די ליפן זענען געווען קינדיש און די וו:עס האָבן זיך געהויבן מיט זאַכטער פאַרטראַכטקייט. די זיכערקייט, אַז אָט די פרוי גייט ווערן זיין ווייב, זיין געליבטע און ער וועט זיך אונטערגעבן אַלע אירע בענקשאַפטן, האָבן אויף אים אָנגעיאָגט אַ זעלישע מנוחה.

זי האָט אים אונטערגעטראָגן אַ צאַרטע באַק. ער האָט צוגעדריקט זיינע ליפן און טיף זיך איינגעביסן אין פלייש, אַז זי האָט אַזש אויפגעציטערט. ער האָט איינגעאָטעמט דעם גערוך פון אירע האָר און ס'איז אים פלוצים געקומען אויפן זכרון, אַז יעדער מאַנסביל וואָלט וועלן האָבן אַ מלאך אין אויפנעם־צימער און אַ טייוול אין בודואַר. ער איז אַריין אין צווייטן צימער זיך איבערטאָן.

אינמיטן איבערבייס האָט טילי אומגעדולדיק אויפגעדרייט די ראַדיאָ. זי האָט געטראָפן דעם ווייזער פון איין סטאַנציע צו דער אַנדערער. פון דער פעלקער־פאַרזאַמלונג אין לעיק־סוקסעס האָבן זיך געטראָגן קולות פון דיפלאָמאַטן. עס האָבן געהוזשעט מיקראָפאָנען און הילכערס און צו אַלע טיילן וועלט האָט זיך דערקייקלט דאָס געפילדער פון די היציקע דעבאַטן איבער דעם גורל פון ארץ־ישראל. דער אומגעדולד האָט טילין נישט געלאָזט לאַנג בלייבן זיצן. זי האָט נישט דערזופט איר קאַווע און איז אַרויס פון קיך. זי האָט דערלאַנגט איסר יאַגאָדען איר מאַנטל, ער זאָל איר העלפן אָנטאָן און דערנאָך האָט זי אים צוגעפירט צום שפיגל.

ביידע האָבן איצט געקוקט אין דעם געשליפענעם גלאָז, ווי זיי וואָלטן געשאַצט זייער אייגענעם אָנזען. איסר יאַגאָדע איז געווען העכער. די שוואַרצע הלבשה האָט אויך דאָסמאָל אַרויפגעצויגן אויף אים דעם בכבודיקן אויסזען פון אַ רעווערענד. דאָס פנים, וואָס האָט יונגערהייט געהאַט די ווייכקייט פון אַ שעפס, איז איצט געווען האַרטער און שפיציקער. די קראַנקייט פון אַמאָל האָט אָפגעשיילט פון אים אַלע הויטן און אים אַוועקגעשטעלט אַ רויען ווי דעם אורמענטש. דער ברייטער שטערן איז געווען איינגעראַמט אין שיטערע האָר. אין די אויגן האָט זיך געוואַרעמט דאָס פייער פון לעבן און פון די עקשנותדיקע ליפן האָט אַראָפגעבלאָזן אַ ווילן, פונקט ווי מיט יאָרן פריִער, אויפצופראַלן די טויערן פון אַ פאַרהעמערטער וועלט.

טילי האָט געקוקט אַרויף צו אים מיט לויכטנדיקע בליקן. זי האָט חנעוודיק פאַרריכט זיין קאָלנער, אויסגעגלייכט זיין שניפס און מיט צוויי פינגער אַ קעם געטון דאָס בערדל. אין דעם שטיפערישן איבערקוק האָט איסר יאַגאָדע אויפגעכאַפט שפורן פון שיינקייט אויף איר געפלעגט פנים און אַ פוילן רייץ אין איר אויסגעגלעטן נאַקן. אַ קלאָרע אַנונג האָט איצט אין אים אויפגעוואַכט, אַז צום ערשטן מאָל ציט אים אַזוי אייפערדיק דער נאָענטער באַריר פון איר קערפער.

זיי זענען צוריק אַריין אין דעם ביבליאָטעק־צימער. ער איז צוגעגאַנגען צום שדייבטיש צוזאַמענלייגן די צעשאָטענע אַרכיוו־פּאַטאַסטאַטן. ביים פאַרמאַכן דאָס בוך פון געשיכטע, האט דאָס אויג ווידער זיך אָפּגעשטעלט אויפן בלאַט קאָלומ־בוס. ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האָט טילין עפּעס נישט דערזאָגט וועגן דעם יידישן אָפּשטאַם פון דעם שפּאַנישן ים־וואַנדערער, וואָס האָט געפונען די נייע וועלט. נישט דער לוסט נאָך גאָלד און רום האָט אים געטריבן אָנצוצינדן די זעגלען אויף זיינע שיפן „פינטאַ", „נינאַ" און „סאַנטאַ מאַריאַ". ווי אַ ייד, האָט ער געזוכט אַ לאַנד פון אַנטרינונג און ווי אַ בעל־חלומות האָט ער געוואָלט ברענגען אַ גן־עדן אויף דער ערד. די, וואָס קלאָגן אים אָן אַלס ברוטאַלן באַזיגער, ווילן אויך אויפווייזן, אַז ער האָט דורך מערדערלעכע אַרגיעס איבער די געפאַנגענע שיער נישט פאַרטיליקט די אינדיאַנישע שבטים. אויב אַזאַ אָנקלאַגע האָט אַ האַפט, איז די איראָניע הימל־שרייענדיק. די וועלט, וואָס קאָלומבוס האָט אַנט־דעקט, איז געוואָרן דאָס לאַנד פון אַנטרינונג פאַר אַלע ,וואָס זענען געלאָפן פון רשעות און טיראַניע.

פון קווענקלעניש האָט איסר יאַגאָדע איצט געריבן דעם שטערן. די נייע פאַרשער פון קאָלומבוסן זענען גערעכט. זייערע גריבלענישן האָבן אַ זין. די אָנ־קלאָגער און די פאַרטיידיקער ברענגען צום אויספיר, אַז דער, וואָס האָט גע־שפּאָלטן דעם גרויסן ים, כדי אויפצושליסן אַ פאַרהעמערטע, רייכע וועלט, איז געווען אַ געפייניקטער ייד. ער איז אַן אור־אָפּשטאַם פון דעם געטלעכן מאַן, וואָס האָט אַריבערגעפירט אַ שקלאַפן־פאָלק איבערן ים־סוף. טראָץ דער מאַכט און עשירות, וואָס ער האָט געבראַכט צו אַנדערע, האָבן די הערשער פון שפּאַניע קיינמאָל אים נישט מוחל געווען זיינע טעותן. און אפשר אויך זיין אָפּשטאַם? ער איז געשטאָרבן אָרעם און פאַרגעסן דורך די מענטשן פון זיין צייט. וואָס ווייס טילי וויפיל אמת עס איז דערציילט געוואָרן וועגן קאָלומבוסעס מענטשלעכע ראַנגלע־נישן אויף דער יבשה און וויפיל לעגענדעס זיינע געשפּונען געוואָרן אַרום זיין בראַוואַדע אויף די ימען?

ער האָט געזען ווי טילי שטייט אומגעדולדיק ביי דער טיר און וואַרט מיט מאָנענדיקע בליקן, ער זאָל שוין מיט איר אַראָפּ אין גאַס. אונטן גרייט זיך די בבל־שטאָט צו שאַלן אויפן נצחון פון אַ פאָלק. יידן וועלן מער נישט מורא האָבן פאַר געמישטע חתונות, פאַר בעיז־באַל קולטור, פאַר אַרויסגעוואָרפענע ספרים־שענק פון יידישע הייזער. אין ניו־יאָרק און אין ירושלים, ביים האַדסאָן און אַרום דעם ירדן איז אויסגעשפּרייט די יידישע אומה. אָבער ווען די אויסלייזונג וועט קומען, זאָגט אַן אגדה, וועט דער באַשעפער אַליין אויפהויבן ירושלים דריי מיילן העכער און די אייביקע שטאָט וועט ווערן נישט בלויז דאָס קרוין־אָרט פון ארץ־ישראל, נאָר דער מיטל־פונקט פון דער וועלט.

ער איז שוין געשטאַנען מיט טילין ביי דער טיר, אָבער פאַרן אַרויסגיין האָט ער זיך צוריק אומגעקערט און ווידער אויפגעדרייט די ראַדיאָ. ביי דער פעלקער־פאַרזאַמלונג אין לעיק־סוקסעס איז געווען שטיל. דאָס געפּילדער פון די הילכערס איז געווען אָפּגעשטעלט. די היציקע דעבאַטעס האָבן אויפגעהערט. אָבער אַ קאַלטע, באַרמלאָזע שטים — די שטים פון פעלקער־טריבונאַל — האָט איצט אויסגעציילט

פאַר דער וועלט די שטימען, וואָס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר און קעגן דער צעטיילונג פון ארץ־ישראל: יאָ! ניין! יאָ! ניין!

טילי איז אָן אָטעם צוריקגעלאָפן און זיך צוגעזעצט צום ראַדיאָ. איסר יאַגאָדע איז געשטאַנען אַן אָנגעבויגענער. ער האָט אַ דריי געטון ביים קנאָפּ און העכער געלאָזט הערן דאָס קול. ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. ס'איז הרת עולם! — איז אים דורכגעלאָפן אין מוח — אויב עס איז אמת, אַז אין די איצטיקע מינוטן ווערט אויסגעמאָסטן דער גורל פון יידישן פאָלק, וועלן די מינוטן זיך אויסציען אין אַן אייביקייט. דאָס קול, וואָס האָט ׳געציילט די שטימען, האָט געציילט דעם דופק פון די פעלקער: יאָ, ניין! יאָ, ניין! אין דעם קול האָבן זיך געטראָגן אַלע אַנגסטן און ציטערנישן פון דער וועלט זינט מעשי־בראשית. עס האָט זיך געוויגט דער אָפּהילך פונעם רעש אויפן באַרג סיני מיט דריי טויזנט יאָר צוריק און ס'האָט געפּלאַטערט דאָס ווידערקול פון דעם געשפּאָלטענעם גלאָק אין פילאַדעלפיע מיט קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר פריער. מיטאַמאָל האָט דאָס ווייטע קול אויפגעהערט ציילן. דער ניין איז שטום געוואָרן. דער יאָ איז געבליבן. נאָך דער נאַכט פון פּיין און דעמערונג האָט אויפגעלויכטן דער פלאַקער פון באַגינען. נאָך דער לאַנגער שעה פון אַנגסט איז געקומען די רגע פון נצחון.

ער האָט האַסטיק זיך געטראָגן מיט טילין צו דער טיר. אינמיטן שפּרייזן האָט דאָס אויג, ווי אַ מאַגנעטיש גלאָז, אַריינגעכאַפּט דעם ספרים־אַלמער, די בראָנזענע מנורה, דאָס בילד פון פּרעזידענט רוזוועלט און פון דאָקטאָר ווייצמאַן. אויף איין רגע האָט ער זיך פאַרהאַלטן ביים פענצטער, די כוכבים ומזלות האָבן שפּאַצירט איבערן הימל. דער האָדסאָן איז געלעגן אויסגעשפּרייט ווי אַ טונקעלע גלאַנציקע פעל, דורך די קוימענס פון די איינצלנע דאַמפער־שיפן האָט זיך מער נישט געטראָגן קיין רויך. פון יענער זייט ברעג אין ניו־דזשוירזי האָבן געבלינקט די נעאָן־פייערן איבער דעכער און טורעמס. פאַרבלאָנדזשעטע ליכטלעך האָבן, ווי בליציקע טראָפּנס פון בראשית, אויפגעציטערט איבערן וואַסער־וועג.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דער גאַס. אונטן האָט געוואַרט דאָס פאָלק, גרייט צו שאַלן אויף דעם ווידערגעבורט פון ישראל. די ירושה האָט זיך פאַרשפּעטיקט, אָבער זי ווערט אויפגעמאָנט. וועלכער חוזה האָט דאָס פאָרגעזאָגט? וועלכער נביא האָט דאָס פאָראויסגעזען? דאָס אייביקע פאָלק האָט געזינדיקט, אָבער דער שטראָפער האָט אים די זינד פאַרגעבן. ישעיה האָט תמיד געהאַלטן אויסגעשפּרייט זיינע הענט צו דעם ווידערשפּעניקן פאָלק, אָבער מיט דעם פייער פון זיין אָטעם האָט ער צו אים גערופן: און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, וועט ג־ט ווידער אויסשטרעקן זיין האַנט אַ צווייט מאָל אויסצוקויפן דעם איבערבלייב פון זיין פאָלק, און ער וועט אויפהויבן אַ פאָן צו די פעלקער און וועט איינזאַמלען די פאַרשטויסענע פון ישראל, און די צעשפּרייטע פון יהודה וועט ער אויפקלייבן פון די פיר עקן פון דער וועלט.

ניו־יאָרק, 1950־1953.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 15 DE JULIO DE 1955 EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.", CALLE GASCON 1231, BUENOS AIRES.